STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09031

SHELOMOH MAYMUN

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָול סאַפיר / שלמה מיימון

שאול ספיר

שלמה מיימון

(היסטאָרישער ראָמאַן)

הויפּטפאַרקויף

משה-שמואל שקלאַרסקי

ניו-יאָרק, 1954

SAUL SAPHIRE

SHLOIME MAIMON

(SOLOMON MAIMON)

Historical Novel

Copyright 1954 by Saul Saphire

BEN SHEMESH PUBLICATION

Sole Distributor

MORRIS S SKLARSKY

10 Monroe St., New York 2, N. Y.

Printed in U.S.A.

1

— נו, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, שוין אַריבערגעפּטרט דעם ווינטער! איי, האָבן מיר געהאַט אַ ווינטער, אויף אַלע אונדזערע שונאים געזאָגט געוואָרן!... דער ערשטער קלאַפּ איז געקומען טאַקע אויף מיר אַליין. עס איז געווען חנוכּה, די צווייטע ליכטל. איך האָב גענומען דעם עמער און געגאַנגען צום ברונעם. דער שניי איז געווען האַרט איינגעפרוירן. נעבן ברונעם איז געווען זייער גליטשיק. איך שעפּ אָן דעם עמער וואַסער. איך בין זייער פאָרזיכטיק, אָבער אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, קומט ער, צי איר זייט פאָרזיכטיק, צי ניט... איך האָב זיך אויסגעגליטשט און אויסגעלונקען די לינקע פוס, און בין אָפּגעלעגן אַזוי אַ קימאַ־לן פון צוויי וואָכן צייט. און אַז איך בין אַרויס פון בעט האָב איך אויך קוים געקענט זיך האַלטן אויף מיינע פיס... איך מוז אייך זאָגן, אַז פריער גאָט און נאָכדעם די יונגע בעלאַבאָסטע רבקה, ר׳ יהושעס ווייב, זי האָט מיר פּשוט דערהאַלטן ביים לעבן. אַ טייערע פרוי איז זי, ר׳ יהושעס ווייב. אַ צדיקת, זאָג איך אייך! אַ בעלת־צדקה. דערפאַר האָט איר טאָקע גאָט געבענטשט מיט אַזאַ זון, אַ געזונט אין אים! שלמהלע הייסט ער! אינגאַנצן איז דאָס אַ פּיצל קינד, קוים זיבן יאָר אַלט, און אַ קאָפּ האָט עס, נאָך אַזוינס אין דער וועלט ניט צו געפינען... וואָלט איר געגלייבט, אַז אָט דער שלמהלע לערנט שוין גמרא?... זיין טאַטע, ר׳ יהושע, לערנט מיט אים. לעצטע וואָך איז דאָ געווען אַן אורח, אַזש פון ווילנע, ווייזט אויס אַ פרומער ייד, אַ למדן. רעדט ער מיט ר׳ יהושען אין לערנען: ער פרעגט אים עפּעס אַ קשיא. איך האָב גראָד צוגעטראָגן צום טיש פאַרן אורח הייסע בולבעס מיט הערינג. שלמהלע איז געזעסן נעבן אויוון און מיט אַ בליי־שטיפט געמאָלן בילדלעך. ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין זיין אַרבעט, אַז איך בין געווען זיכער אַז ער הערט זיך ניט צו וואָס זיין טאַטע רעדט דאָרט מיטן אורח... מיטאַמאָל טוט ער זיך אַ הייב און גייט צו צום טיש און הייבט אָן צו ריידן אין לערנען... וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ער דרייט מיטן גראָבן פינגער, ער ענטפערט דעם אורח זיין קשיא און פרעגט אַליין אַנדערע קשיות. דער אורח איז נשתומם געוואָרן... ער האָט אים צוגערופן צו זיך און אים אַ קוש געטאָן אין קעפּל און האָט אים געבענטשט...

דאָס האָט גערעדט זלאַטקע די דינסטמיידל, וועלכע האָט געאַרבעט אין הויז פון ר׳ חיים יוסף, דעם אַרענדאַר, שוין באַלד צען יאָר. גערעדט האָט זי דאָס צו דעם אורח, ר׳ נפתלי, אַן עלטערער ייד, אַ דאַרער, מיט אַ לענגלעכער גרוי־שוואַרצער באָרד און לאַנגע פּאות, וואָס איז ערשט מיט אַ ווײַלע

צוריק אָנגעקומען אין דעם דאָרף סוקאָוויבאָרג, נעבן דעם שטעטל מירץ, און איז גלייך אַריינגעקומען צו ר׳ חיים יוספן אין הויז. דער אורח איז געווען אָנגעטאָן אין אַ דיקער שוואַרצער קאַפּאָטע, און זיין האַלדז איז געווען אַרומגעוויקלט מיט עטלעכע וואָלענע שאַלעקלעך. זיינע לאַנגע שטיוול זיינען געווען נאַס און פאַרבלאָטיקט, ווייל אין דרויסן האָט זיך דער שניי שוין געהאַלטןביים צעשמעלצן און די וועגן זיינען געווען זומפּיק און בלאָטיק. פון אונטער זיין פוטערנעם שטריימל האָט זיך אַרויסגעזען אַ פאַרשמאַלצענע סאַמעטענע יאַרמעלקע.

זלאַטקע איז געווען אַן עלטערע מיידל פון אַ יאָר פערציק. זי האָט זיך געפילט אין הויז ווי אַן אייגענע. זי איז געווען זייער געטריי און איבערגעגעבן צו אירע באַלעבאַטים. ר׳ חיים יוסף, זיין פרוי און זייער שנור רבקה זיינען געווען אין דער צווייטער שטוב, וואָס איז געווען קעגנאיבער. דאָרטן האָבן זיי זיך אַלע באַשעפטיקט מיטן באַקן מצה אין דעם גרויסן אויוון. ר׳ יהושע, דער זון פון ר׳ חיים יוסף, איז פאַרבליבן אין זיין צימער און האָט געלערנט תורה. ער פלעגט זאָגן, אַז לערנען תורה שטייט העכער פון אַלץ, אַפילו פון דער מצווה פון באַקן מצות. ער איז דעריבער פאַרבליבן אין זיין צימער און האָט געלערנט תורה מיט זיין ייִנגעלע שלמהלע.

זלאַטקע האָט ליב געהאַט אַ סך צו ריידן, און מען פלעגט איר רופן „זלאַטקע באַלעמוטקע״. איבערהויפּט פלעגט זי זיך צערידן ווען אַ פרעמדער מענטש פלעגט אַריינקומען אין הויז. זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצווה צו קענען באַדינען אַן אורח, בפרט ווען ער האָט אין אירע אויגן געשיינט צו זיין אַ צדיק.

— אפשר וועט איר עסן נאָך אַ שיסל באַטשווענע מיט זויער־מילך? — פרעגט זלאַטקע דעם אורח און איידער ער האָט איר געענטפערט האָט זי שוין אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ צווייטע שיסל מיט באַטשווינע. דער אורח איז געווען שטאַרק הונגעריק און ער האָט געגעסן אַלץ וואָס זלאַטקע האָט אים דערלאַנגט.

— ווער איז אייער באַלעבאָס? — דער אַלטער ר׳ חיים יוסף, אָדער זיין זון ר׳ יהושע? — האָט דער אורח אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט? — זאָגט זלאַטקע — די אַרענדע באַלאַנגט דאָך צו ר׳ חיים יוספן. ר׳ יהושע איז ניט זיין איינציקער זון. ער האָט נאָך אַ זון מיטן נאָמען משה. ער האָט אויך דריי טעכטער. אַלע זיינע טעכטער האָט ער חתונה געמאַכט און זיי וואוינען זיך מיט זייערע מענער אין פאַרשיידענע דערפער. די צוויי ברידער, משה און יהושע, האָבן ניט געקענט הויזן צוזאַמען, איבערהויפּט נאָכדעם ווי ביידע האָבן חתונה געהאַט. האָט ר׳ חיים יוסף דעם עלטערן זון, ר׳ משהן, איבערגעגעבן די אַרענדע וואָס ער האָט געהאַט אין אַן אַנדער דאָרף, און זיין צווייטער זון, ר׳ יהושע, איז פאַרבליבן מיט אים. נו, איצט פאַרשטייט איר שוין? בײדע זיינען מיינע בעלי־בתים. דער אמת איז, אַז ר׳ יהושע מישט זיך כמעט גאָרניט אין די געשעפטן. זעט איר, זיין פרוי רבקה איז אַ גרויסע בריה און זי טויג זיך אויס צו אַלץ. ר׳ יהושע זיצט און לערנט טאָג

און נאַכט, און זיין פֿאָטער ר׳ חיים יוסף פֿירט די געשעפֿטן. ער האַלט אַ קליין שענקל פֿאַר די פּויערים פֿון דאָרף. ער קויפֿט פֿון די פּויערים וואָס עס מאַכט זיך. פֿאַרשטייט איר מיר, ר׳ חיים יוסף איז אַ קנאַפּער למדן, אָבער ער איז אַ פֿרומער, ערלעכער ייד. זיין זון ר׳ יהושע, האָב איך געהערט, אַז מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז גאָר אַ גרויסער למדן... ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך ניט קיין פּראָסטע יידענע. איידער איך בין אָנגעקומען אַהער האָב איך פּופֿצן יאָר געדינט ביים רב פֿון דער שטעטל מיר, וואָס איז ניט ווייט פֿון דאָנען. מיין טאַטע עליו השלום האָט אויך געקענט לערנען. ער איז געווען אַ מלמד, נאָר ער איז געווען אַ שוואַך מענטשל, און די מאַמע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט זיך אַריינגעגעסן אין זיין האַרץ און אין זיינע לונגען און ער האָט אויסגעצאַנקט ווי אַ ליכט... שאַ, שאַ! איך הער שוין, אַז מען קלאַפּט אין טיר פֿון שענקל. ר׳ חיים יוסף האָט מיר געהייסן אַכטונג געבן. מען מוז האַלטן אַן אויג אויף די שיכּורים. זיי זיינען אַלע גנבים... מען דאַרף וויסן ווען צו געבן אויף באָרג און ווען ניט... איידער מען גיט זיי דעם טרונק בראָנפֿן ווען זיי אייך צוזאָגן גאָלדענע בערג. אַז זיי טרינקען זיך אָן, און עס קומט צום צאָלן, מאַכן זיי זיך ניט־וויסנדיק...

זלאַטקע איז אַריין אין שענקל און זיך באַלד צוריקגעקערט.

— נו, וואָס זאָגט איר אויף דעם? דער פּאָפּ איז ווידער געקומען. ער חלשט נאָך אַ טרונק בראָנפֿן. „באַטיושקאָ" רופֿן אים די פּויערים. פֿאָטערל, הייסט עס. אַ מכּה וועט ער קריגן, ניט קיין בראָנפֿן! האָט איר געהערט אין אייער לעבן! טאָג און נאַכט ליגט ער אָפּ אין שענק און שיכּורט, און שיכּורט. עס קומט צום צאָלן, האָט ער ניט. הייסט ער דאָס פֿאַרשרייבן אין ביכל אויף זיין חשבון. אַזוי האָט ער געשיכּורט אַ גאַנצן ווינטער און קיין גראָשן געלט האָט ער ניט באַצאָלט. נו, האָט ר׳ חיים יוסף באַשלאָסן, אַז מער ניט! עס דאַרף נעמען אַ סוף: אָדער באַצאָל וואָס דו קומסט און נעם ווייטער אויף באָרג, אָדער אויב דו ווילסט אַ טרונק בראָנפֿן, צאָל פֿאַראויס. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ווען דער גלח וועט אַריינקומען אין שענק זאָל איך אים פֿריער הייסן באַצאָלן, און אויב ניט, זאָל איך אים מער ניט געבן קיין בראָנפֿן... שטעלט זיך פֿאָר, אַז אָט דער שיכּור איז דאָס דער גלח פֿון דאָרף און פֿון אים דאַרפֿן זיך די פּויערים לערנען. איין זאַך האָט ער זיי אויסגעלערנט, און דאָס איז — צו שיכּורן. ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיט זיך קיין געלט ניט, האָב איך פֿאַרהאַקט די טיר און אים ניט אַריינגעלאָזן. מיינט איר, אַז מיר זיינען שוין פּטור פֿון אים, מאַכט איר אַ טעות. ער וועט נאָך קומען אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל. אַ גאַנצן טאָג זויפֿט ער און פֿרעסט... ער איז אַזוי גראָב און דיק, אַז ער קען קוים דורכגיין דורך דער טיר. יאָ, ער קלאַפּט שוין ווידער! זאָל ער קלאַפּן, מער וועט ער שוין אויף באָרג ניט קריגן!

— פֿאָטערל, איך הער דיך ווי דעם קאָטערל! — האָט זלאַטקע אַרויסגעזונגען דורך דער טיר און זיך אַליין שטאַרק צעלאַכט.

— אפשר דאַרף מען זיך מיט אַ גלח ניט אָנהייבן — האָט דער אורח אַ זאָג געטאָן — מיר זיינען דאָך אין גלות בעוונותינו הרבים...

— וויפיל איז דער שיעור צו געבן דעם שיכור אַן געלט? ער איז שוין שולדיק היפשע עטלעכע גילדן, צאָלן וויל ער ניט און בראַנפן גיב אים! נייַן, איך וועל אים געבן קדחת. זאָל ער איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן, אַז ער קען מער ניט קריגן קיין בראַנפן אויף באָרג...

באַלד זיינען אַריינגעקומען אין הויז ר׳ חיים יוסף און זיין פרוי דאָבע, צו עסן מיטאָג. ר׳ יהושעס פרוי איז פאַרבליבן דאָרט אין שטוב אַכטונג צו געבן אויף די מצות.

— גיי, זלאַטקע, רוף אַריין יהושען און שלמקעלען, און מיר וועלן זיך זעצן עסן.

ר׳ חיים יוסף און זיין זון ר׳ יהושע האָבן געגעבן דעם אורח שלום־עליכם.

— פון וואַנען קומט אַ ייד? — פרעגט אים ר׳ חיים יוסף.

— פון גאַנץ ווייטע מקומות. אַזש פון מעזריטש.

— מעזריטש! — האָט ר׳ חיים יוסף אויסגערופן — וואו ליגט עס ערגעץ? איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ שטעטל.

— נו, און פון מעזשיבעזש האָט איר געהערט? — פרעגט אים דער אורח און מעסט אים אָפּ מיט זיינע בליקן.

— נו, מעזשיבעזש ווייסן מיר! — רופט זיך אָן ר׳ יהושע — דאָס ליגט דאָך אין פּאָדאָל! דאָרט איז דאָך געווען דער בעל־שם!

— יאָ, דער גרויסער הייליקער צדיק ר׳ ישראל בעל־שם־טוב זכר צדיק לברכה! דעם צווייטן טאָג שבועות וועט זיין דער ערשטער יאָרצייט. ב׳ דשבועות תק״כ (1670) וועט פאַרבלייבן אין געדעכעניש פאַר אַלע יידן איבער דער גאַנ־צער וועלט. נו, האָט איר דאָך מסתמא געהערט, אַז זיין פּלאַץ פאַרנעמט איצט ר׳ בער פון מעזריטש, אויך אַ גרויסער צדיק.

— ווי איך זע, זייט איר פון די חסידים — האָט ר׳ חיים יוסף אַ זאָג געטאָן — אָבער וואָס איז דער אונטערשייד, אַ חסיד צי אַ מתנגד, אַ ייד זייט איר, און ביי אונדז זייט איר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ווי איך זע, האָט איר דאָך נאָך ניט געענדיקט עסן. וועלן מיר עסן צוזאַמען און טאָקע נאָכדעם בענטשן מיט אַ מזומן.

זיי האָבן זיך געוואַשן צום עסן, און זלאַטקע האָט אַריינגעטראָגן אַ גרויסע שיסל הייסע בולבעס, פון וואָס עס האָט געזעצט אַ פּאַרע.

— איר ווייסט, ר׳ חיים יוסף — האָט זלאַטקע זיך צו אים געווענדט — דער גלח, דער שיכור, האָט שוין דאָ אַ פּאָר מאָל געקלאַפּט אין טיר. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל בראַנפן. האָב איך אים געזאָגט, אַז מער קען מען אים אויף באָרג ניט געבן, האָט זיך אין אים צעקאָכט זיין יוכע און ער האָט געשריען, אַז ער וועט באַצאָלן; אַז מען מעג אים געטרויען. האָב איך אים געזאָגט, אַז ער קומט שוין היפּשע עטלעכע גילדן און אַז מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אַן געלט זאָל איך אים מער ניט געבן קיין בראַנפן.

— זייער גוט האָסטו געטאָן, זלאַטקע — האָט ר׳ חיים יוסף געזאָגט — איך בין ניט מחויב צו געבן דעם שיכור בראַנפן ווען אים וועט זיך פאַר־וועלן.

— דער אורח אונדזערער, זאָל געזונט זיין, האָט געזאָגט, אַז אפשר דאַרפֿן מיר זיך ניט אָנפּאַנגען מיט אַ גלח — האָט זלאַטקע געזאָגט און אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פֿון אורח.

— וואָס האָב איך פֿאַר אים מורא צו האָבן? ער וועט מיר גיין פֿאַרקלאָגן, אַז איך וויל אים מער ניט געבן קיין בראָנפֿן אויף באָרג?... דאָס וועט ער דאָך זיך שעמען צו טאָן. דעריבער, ווען ער וועט פֿאַרט ווערן שיכּורן, וועט ער דאַרפֿן קריגן געלט.

נאָכן עסן רופֿט זיך אָן דער אורח צו שלמהלען:

— איך האָב געהערט, אַז דו קענסט שוין לערנען גמרא. נו, און חומש קענסטו?

— אַז איך קען גמרא, קען איך דאָך געוויס חומש! — ענטפֿערט דער זיבן־יעריקער שלמהלע — גמרא איז דאָך שווערער פֿון חומש!

— אויב אַזוי, זאָג מיר, שלמהלע: אין חומש געפֿינען מיר פֿיל מאָל, אַז אַ פּסוק פֿאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער „ויאמר יעקב". קענסטו מיר זאָגן וואו געפֿינט זיך אין חומש אַזאַ פּסוק וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער „ויאמר יעקב"?

שלמהלע האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און דאַן האָט ער געענטפֿערט:

— דער פּסוק געפֿינט זיך אין דער סדרה וישלח, דאָרט וואו עס ווערט דערציילט, אַז אַ מלאך האָט זיך געראַנגלט מיט יעקבן און האָט אים ניט געקענט בייקומען... פֿרעגט אים דאַן דער מלאך: ווי רופֿט מען דיך? האָט ער געזאָגט: יעקב... ויאמר אליו מה שמך ויאמר יעקב!

— איי, איי, איי! דאָס ייִנגעלע וואַקסט דאָך אַ כּלי! — האָט דער אורח אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ — איר הערט, איך האָב געפֿרעגט די זעלביקע פֿראַגע פֿיל רבנים מיט ווען איך האָב זיך געטראָפֿן אויפֿן וועג און זיי האָבן ניט געוואוסט. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז עס איז אין חומש ניטאָ אַזאַ פּסוק וואָס זאָל זיך ענדיקן מיט די ווערטער „ויאמר יעקב"!

— ער קען שוין גאַנץ תּנ"ך אויסנווייניק! — האָט ר' יהושע מיט שטאָלץ אויסגערופֿן — דער איינציקער חסרון זיינער איז וואָס ער פֿוילט זיך אונטער אַביסל צו לערנען. ער קען אַזוי אָפּזיצן אַ גאַנצע שעה און ריסעווען. ער מאַכט מענטשעלעך, קעצעלעך, הינטעלעך און פֿערדלעך... און אַזוי איז ער מבטל די צייט פֿון לערנען תּורה...

— וואָס ווילסטו האָבן פֿון קינד? — איז די באָבע, ר' יהושעס מאַמע, צוגעגאַנגען צו שלמהלען און אים אַ קוש געטאָן אין קעפּל — ווייז מיר נאָר, ווער נאָך אין זיין עלטער האָט געקענט לערנען מער ווי מיין ליבער אייניקל שלמהלע?

— נו, ווייל גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַ גוט קעפּל, דאַרף ער אויך וויסן, אַז מען טאָר ניט פֿאַרשווענדן די צייט אין ביוועץ; אַז מען דאַרף לערנען תּורה טאָג און נאַכט; אַז ביטול תּורה איז ניט גוט...

— נישקשה, אַ קינד מעג זיך אויך אַביסל שפּילן! — האָט די באָבע אים געגלעט איבערן פּנים.

— דאָבע, דו גיי בעסער אַריין און גיב אַכטונג אויף די מצות און שיק אַריין רבקהן, זי זאָל גיין עסן — האָט ר׳ חיים יוסף זיך אָנגערופן צו זיין פרוי.

דאָבע האָט זיך איינגעהילט אין אַ פאַטשיילע און איז אַרויס פון הויז. זי האָט זיך באַלד צוריקגעקערט און געזאָגט צו איר מאַן:

— חיים, גיי אַרויס אין דרויסן, יוזשיק דער יעגער וויל מיט דיר ריידן.

ר׳ חיים יוסף איז אַרויסגעגאַנגען און יוזשיק, אַ געזונטער מיטליעריקער גוי אין אַ שעפּסענעם פעלץ מיט אַ קוטשמע פון ביבער־פוטער אויף זיין קאָפּ, איז צו אים צוגעגאַנגען און נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— איך האָב היינט אינדערפרי דערשאָסן אַ ביבער, זאָג איך דיר, אַז דאָס אַ ריז... איך וועל דיר אים פאַרקויפן גאַנץ ביליק.

— נו, ברענג אים אַריין! — האָט ר׳ חיים יוסף אַ זאָג געטאָן — און מיר וועלן דורכקומען.

— ניין, איך האָב מורא איצט דאָס צו ברענגען. אימיצער קען נאָך באַמערקן — האָט יוזשיק געזאָגט — ווען דער פּריץ ווייסט, אַז איך האָב ביים טייך ניעמאַן לעבן זיין וואַלד געשאָסן אַ ביבער וואָלט ער דאָך געלאָזט מיך פאַרשמייסן צום טויט. איך וועל אים צו דיר אַריינברענגען ביינאַכט. און וועגן דעם פּרייז וועלן מיר ריידן מאָרגן אינדערפרי.

— טאַטע, וואָס האָט יוזשיק געוואָלט פון דיר? — פרעגט אים יהושע

— ער האָט דערשאָסן אַ ביבער. ער זאָגט, אַז דער ביבער אין אויסערגעוויינטלעך גרויס. ער וועט אים ברענגען צו מיר ביינאַכט. ער האָט מורא טאָמער וועט מען אים זען.

— דער פּריץ ראַדזיוויל האַלט, אַז אַלע חיות פון זיין וואַלד און פון דערביי באַלאַנגען צו אים און אַז אויב זיין אויפזעער זאָל אימיצן טרעפן קויפן אָדער פאַרקויפן די פעל פון אַ ביבער וועט ער שוין ביידן שטאַרק באַשטראָפן, סיי דעם קויפער און סיי דעם פאַרקויפער — האָט יהושע גענומען דערקלערן דעם אורח וואָס דאָ קומט פאַר און אַז ווען עס מאַכט זיך צו קויפן אַ שטיקל פעלכל דאַרף מען דאָס טאָן באַהאַלטענערהייט.

— נו, נו, דעריבער זיינען מיר דאָך ביי זיי אין גלות! האָט דער אורח, ר׳ נפתלי געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר וועט פאַרבלייבן ביי אונדז נעכטיקן! — האָט ר׳ חיים יוסף זיך געווענדט צו נפתלין.

— אויב איך וועל אייך ניט פאַלן צו לאַסט, וועל איך איבערנעכטיקן ביי אייך! — האָט דער אורח געזאָגט.

— געלויבט איז השם יתברך, מיר האָבן דאָ אַ באַזונדערן צימער פאַר אורחים — האָט ר׳ חיים יוסף געזאָגט — און איר וועט קענען דאָ איינשטיין ווי לאַנג איר וועט וועלן.

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

——דאָס מוז זיין יוזשיק! — האָט זיך ר׳ חיים יוסף אויפגעהויבן פון בעט

— זאָג מיר, דאָבע, וואו האָסטו אַוועקגעלייגט די עטלעכע גילדן? איך וועל דאָך אים דאַרפן באַצאָלן.

— נו, אַז דו וועסט אים באַצאָלן מאָרגן, איז וואָס?

— אָבער טאָמער פאַרלאַנגט ער, אַז איך זאָל אים גלייך באַצאָלן?

— נו, גוט. דו קום דורך מיט אים און איך וועל שוין האָבן דאָס געלט צוגעגרייט פאַר אים — האָט דאָבע געזאָגט.

ר׳ חיים יוסף האָט גענומען דעם קליינעם קעראָסין לעמפל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. ער האָט גרעסער געמאַכט דאָס פלעמל און איז געגאַנגען עפענען די טיר.

— ווער איז דאָרט? — פרעגט ער איידער ער עפנט די טיר.

— יוזשיק! — ענטפערט יענער — איך האָב דיר געבראַכט די סחורה.

ר׳ חיים יוסף האָט די טיר געעפנט און יוזשיק האָט אַריינגעבראַכט אַ פאַרמאַכטן זאַק, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. ר׳ חיים יוסף האָט אַ הייב געטאָן דעם זאַק און געזאָגט:

— מוז טאַקע זיין אַ גרויסער ביבער. אָבער אַז דו וואָלסט אים אַליין אָפּגעשונדן, וואָלט איך דיר געגעבן מיט אַ גילדן מער. ווייל דו ווייסט דאָך, אַז באַלד איז אונדזער פּאַסכאַ און מיר זיינען אַלע שטאַרק פאַרנומען.

— אַ, ניין! — האָט יוזשיק געזאָגט — איך וועל בעסער נעמען ביי דיר מיט אַ גילדן ווינציקער, אָבער איך וויל עס ניט טאָן, ווייל דער אויפזעער קען מיר נאָך אַמאָל כאַפּן ביי דער אַרבעט.

— נו, גוט. וויפיל ווילסטו פאַר אים? — האָט יוסף חיים זיך אָנגערופן און ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אויפצובינדן דעם זאַק.

— וואַרט ביז מאָרגן אינדערפרי — האָט יוזשיק זיך אָנגערופן — עס וועט זיין גוט ליכטיק, וועסטו אים באַטראַכטן. איך ווייס, אַז איך קען זיך פאַרלאָזן אויף דיר, אַז דו וועסט מיך ניט קריוודן. איך האָב מורא טאָמער האָט מען מיך באַמערקט מיט דער סחורה. עס איז אַלץ איינס צו שפּעט. דערווייל פאַרשטעל דעם זאַק מיט עפּעס, אַז מען זאָל עס ניט באַמערקן, טאָמער וועט אימיצער אָנקומען אינדערפרי.

יוזשיק האָט דעם זאַק מיטן ביבער אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און איז גלייך אַרויס פון הויז. חיים יוסף האָט זיך צוריקגעקערט מיט דעם לעמפל. דאָבע איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט די עטלעכע גילדן.

— עס איז שוין ניט נייטיק! — האָט ער געזאָגט — ער האָט איבערגעלאָזן דעם ביבער און געזאָגט, אַז ער וועט קומען מאָרגן אינדערפרי. ווייזט אויס, אַז ער האָט דעם מאָל געפאַנגען אַ גרויסע חיה, ווייל דער זאַק איז זייער שווער. גאָט וועט געבן, וועל איך פאַרדינען עטלעכע גילדן פון אַזאַ פעל. איך וועל טאַקע מוזן אויפשטיין גאַנץ פרי, ווייל אָפּשינדן די פעל פון אַזאַ ביבער וועט נעמען אַ היפּשע צייט.

זיי זיינען צוריק אַריין אין זייער שלאָפצימער און זיך געלייגט שלאָפן.

עס איז ניט פֿאַראיבער קיין שעה ווען עס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. חיים יוסף האָט זיך דערשראָקן.

— ווער קלאַפּט דאָס איצט אַזוי שפּעט? — האָט ער געזאָגט און זיך איינגעוויקלט אין כאַלאַט און גענומען דעם קליינעם לעמפּל אין זיין האַנט.

— עפן די טיר, שנעלער! דאָס איז דער אוריאַדניק פון דאָרף.

— אוי־ווי, דאָבע! — האָט חיים יוסף מיט שרעק אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן — ווייזט אויס, אַז מען האָט געמסרט, אַז איך האָב אָפּגעקויפט דעם ביבער פון יוזשיקן. נעם שנעל, שלעפּ אַריין דעם זאַק אין שלאָפצימער און באַהאַלט עס אונטערן בעט!

דאָבע האָט גענומען שלעפּן דעם זאַק אין שלאָפצימער.

דאָס קלאַפּן אין טיר האָט זיך גענומען פאַרשטאַרקן.

— אָט, אָט גיי איך עפענען! — האָט חיים יוסף אויסגערופן — איך כאַפּ בלויז אַרויף אויף זיך אַ בגד.

ער האָט געעפנט די טיר און ווען ער האָט דערזען, אַז מיט דעם אוריאַדניק געפינט זיך אויך דער גלח און אַ סטראַזשניק, וועלכער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ לאַמטערנע, האָט ער זיך געטרייסלט פון שרעק.

— מיר וועלן דאָ מאַכן ביי דיר אין הויז אַן אָביסק — האָט דער אוריאַדניק אויסגערופן — מען האָט אונדז דערציילט, אַז דו האָסט דערהרגעט אַ קריסטלעך יינגל כּדי זיך צו באַנוצן מיט זיין בלוט פאַר אייערע מצות אויף אייער יום־טוב פּסח, וואָס איר פייערט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום.

— אָ, דאָס איז אַ שענדלעכער בילבול! — האָט חיים יוסף אויסגערופן.

— איך ווייס, אַז די יידן נוצן קריסטלעך בלוט פאַר זייער פּאַסכאַ! — האָט דער גלח געזאָגט — און אַז אימיצער איז געקומען און מיר דערציילט, אַז ער ווייסט, אַז ער, חיים יוסף, האָט דערמאָרדעט אַ קריסטלעך יינגל, בין איך גענייגט יענעם צו גלייבן. לאָמיר זוכן!

פריער פון אַלץ האָבן זיי געזוכט אין קיך און ווען זיי האָבן גאָרניט געפונען האָבן זיי געזוכט אין די אַנדערע צימערן, ביז וואַנען זיי זיינען אַריינגעקומען אין שלאָפצימער. חיים יוסף האָט זיי פּרובירט בעטן אַז מען זאָל ניט שטערן זיין ווייב, אָבער זיי האָבן זיך צו אים ניט צוגעהערט. דער אוריאַדניק איז אַריין פאַראויס, נאָך אים זיינען אַריינגעקומען אין שלאָפצימער דער סטראַזשניק און דער גלח. חיים יוסף און דאָבע זיינען געשטאַנען און עס האָט זיי געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. ווען דער אוריאַדניק האָט גענומען אַרויסשלעפּן דעם זאַק פון אונטער דער בעט, האָט זיך חיים יוסף אָנגערופן:

— איך בין זיך מודה, אַז איך האָב ניט באַדאַרפט טאָן די טובה, אָבער יוזשיק איז צו מיר געקומען שפּעט ביינאַכט און ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל האַלטן דעם ביבער פאַר אים ביז מאָרגן אינדערפרי, האָב איך דאָס געטאָן. דאָרט ליגט אַ דערשאָסענער ביבער.

— דאָס וועלן מיר באַלד זען! — האָט דער אוריאַדניק אַרויסגענומען אַ מעסערל פון קעשענע און האָט אויפגעשניטן דעם זאַק. ווי גרויס איז זייער שרעק געווען ווען זיי האָבן פון זאַק אַרויסגענומען אַ טויטן קריסטלעכן יינגל!

— אוי, עס איז אַ בילבול! אַ בילבול! — האָט חיים יוסף געגומען שרייען. דאָבע איז געוואָרן היסטעריש און אויך גענומען שרייען:

— ער מאַכט אויף אונדז אַ בילבול!

— אַ פיינעם „ביבער״ האָסטו דאָ באַהאַלטן! — האָט דער אוריאַדניק מיט אַ ביטערן שמייכל געזאָגט — זיי האָבן טאַקע היינט אַ גאַנצן טאָג גע־באַקן זייערע מצות! — האָט דער גלח צוגעגעבן — און זיי האָבן ווייזט אויס, זיך באַנוצט מיט דעם בלוט פון דעם קריסטלעכן יינגל צו באַשפּריצן זייערע מצות!

— גאָט מיינער! גאָט מיינער! — האָט חיים יוסף געשריען — ווי אַזוי קענט איר גאָר אויסטראַכטן אַזאַ בילבול אויף אונדז? וואו איז יוזשיק? ער האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז ער האָט דאָ אַ ביבער!

באַלד האָבן זיך פון דעם טומל אויפגעכאַפּט יהושע און זיין פרוי און נאָכדעם האָבן זיי זיך איינגעהילט אין בגדים און אַריינגעקומען אין דעם שלאָפ־צימער, וואו זיי האָבן דערזען דעם גלח, דעם אוריאַדניק און דעם סטראַזשניק, וועלכער האָט געהאַלטן די לאַמטערנע איבער דעם צעשניטענעם זאַק, אין וועלכן עס איז געלעגן דער טויטער קערפּער פון אַ קריסטלעך יינגל, און די אַנדערע האָבן אים באַטראַכט.

— טאַטע, וואָס קומט דאָ פאָר? האָט יהושע אויסגערופן מיט שרעק.

— אַ בראָך איז צו מיר! — האָט דאָבע געבראָכן מיט אירע הענט — אָט דער יוזשיק האָט אונדז אונטערגעוואָרפן אַ טויט קינד! ווי איז מיר, יהושע מיין זון! רייד צו אים, דערקלער אים וואָס דאָ איז פאָרגעקומען!

יהושע, וועלכער האָט געקאָנט ריידן רוסיש און פויליש אַביסל בעסער ווי זיין פאָטער, האָט גענומען דערקלערן דעם אוריאַדניק וואָס עס איז פאָר־געקומען, ווי אַזוי יוזשיק האָט געבראַכט דעם זאַק צו זיין פאָטער און האָט אים געזאָגט, אַז דאָרט ליגט אַ טויטער ביבער, וואָס ער האָט געפאַנגען, און ער וויל דאָס אים פאַרקויפן!

— פריער האָט ער געזאָגט, אַז דאָס האָט יוזשיק אים געבעטן ער זאָל האַלטן פאַר אים דעם ביבער — האָט דער אוריאַדניק אַנגעוויזן אויף חיים יוספן — און איצט ווילסטו מיר זאָגן, אַ נייעם ליגן, אַז ער האָט ביי אים געקויפט דעם ביבער... וואָס מיינסטו, בין איך — אַ נאַר, אַז איך זאָל דיר גלייבן אַז ער האָט געקויפט אַ ביבער אין אַ זאַק און אים אַפילו ניט באַ־טראַכט?

יוזשיק האָט געבראַכט דעם ביבער ערשט מיט אַ שעה צוריק — האָט חיים יוסף ווייטער גענומען ריידן — און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט איצט מורא זיך דאָ צו פאַרזאַמען, און אַז ער וועט קומען מאָרגן גאַנץ פרי זיך אָפּרעכענען מיט מיר.

— אָט דאָס איז אַ „זשיד מאַשעניק!״ — האָט דער אוריאַדניק אויסגע־רופן — דו ווילסט מיר איינריידן, אַז ווען דו וואָלסט געוואוסט אַז דאָרט אין זאַק געפינט זיך אַ טויטער ביבער אַנשטאָט אַ טויט קריסטלעך קינד, וואָלסטו דעם זאַק באַהאַלטן אונטערן בעט? דו האָסט דערמאָרדעט דעם קריסטלעכן

יינגל! בינד אים די הענט אויף הינטן און מען וועט אים פירן אין טורמע!
— האָט דער אוריאַדניק באַפוילן דעם סטראַזשניק.

— דאָס איז אַ בילבול! — האָט יהושע געגומען אײנטענהן מיט דעם אוריאַדניק — זאָל מען ברענגען אַהער יוזשיקן און זאָל ער דערקלערן ווי אַזוי ער האָט געבראַכט צו אונדז דעם טויטן קערפּער פון קריסטלעכן יינגל!

— ער זוכט צו וואַרפן די שולד אויף אַ קריסט! — האָט דער גלח אויסגערופן — זאָל ער מיר ניט איינריידן! איך ווייס, אַז די יידן נוצן קריסטלעך בלוט פאַר זייער יום־טוב פּאַסכאַ. איך ווייס, אַז גראַד היינט האָט ער געבאַקן מצות און אַלס פרומער ייד האָט ער שוין געזען צו קריגן קריסטלעך בלוט פאַר זיינע מצות!

— דו ביסט אַרעסטירט און דו מוזט גיין מיט מיר! — האָט דער אוריאַדניק אויסגערופן.

—ווי קען איך גיין אַזוי? — האָט חיים יוסף זיך אָנגערופן. ווען דער סטראַזשניק האָט אים געוואָלט בינדן — איך בין דאָך ניט אָנגעטאָן. איך טראָג בלויז דעם כאַלאַט.

— גוט. טו זיך אָן און דערנאָך וועט דער סטראַזשניק פאַרבינדן דיינע הענט אויף הינטן — האָט ער געזאָגט.

די דינסט זלאַטקע, וועלכע איז געשלאָפן אין קיך, וואָס איז געווען אָפּגעצוימט מיט אַ שפּאַניש ווענטל, האָט זיך אויפגעכאַפּט גלייך ווי זי האָט דערהערט דעם קלאַפּן אין טיר. ווען זי האָט געהערט דעם גלחס שטימע, האָט זי פאַרשטאַנען אַז אַ צרה רוקט זיך אָן אויף זיי. זי האָט זיך דערשראָקן, ווייל זי האָט פאַרהאַקט די טיר אין זיין פּנים בייטאָג. זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט איר שלעכטס טאָן. זי האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע און עס האָט איר גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן פון שרעק.

ר׳ נפתלי, דער אורח, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ זייטיקן צימער, איז אַזוי געשמאַק געשלאָפן, אַז ער האָט גאָרניט געהערט דעם טומל און ניט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין הויז.

דער קליינער שלמהלע האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט און דערהערנדיק דעם טומל און ניט זעענדיק זיין פאָטער און מוטער אין זייערע בעטן, איז ער שנעל אַרויסגעקומען און מיט גרויס דערשטוינונג צוגעזען ווי אַזוי מען פאַרבינדט די הענט פון זיין זיידן אויף הינטן.

— זיידע! — איז שלמהלע צו אים צוגעלאָפן — פאַרוואָס בינדט דיך דער ערל? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָסטו אים געטאָן?

— אוי, שלמהלע, שלמהלע! — האָט דער זיידע אויסגערופן מיט טרערן אין די אויגן — זיי מאַכן אַ בלוט־בילבול אויף מיר! זיי מתפּלל צו גאָט ער זאָל זיך מרחם זיין אויף אונדז אַלעמען.

— חיים יוסף! חיים יוסף! — איז דאָבע געוואָרן היסטעריש און צו אים צוגעלאָפן און זיך איינגעקלאַמערט אין אים — איך וועל ניט לאָזן דיך אַוועקנעמען!

— דו דאַרפסט זיך שעצן גליקלעך וואָס איך אַרעסטיר דערווייל אים אַליין! — האָט דער אוריאַדניק אויסגערופן — לאָז אים אָפּ!

— ניין! איך וועל ניט לאָזן אים אַוועקנעמען! ער איז אומשולדיק! עס איז אַ בלוט־בילבול.

דער אוריאַדניק האָט זי אַ נעם־געטאָן פאַר דער האַנט און זי אַ שלעפּ געטאָן. ווען דאָבע האָט נאָך אַלץ ניט אָפּגעלאָזן, האָט ער איר געגעבן אַזאַ שטויס, אַז זי איז אומגעפאַלן צום באָדן.

רבקה איז צוגעלאָפן צו איר שוויגער און זי אויפגעהויבן.ביידע פרויען האָבן גענומען יאָמערן און קלאָגן.

די יללה און געשרייען זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער אורח האָט זיך שוין אויך אויפגעכאַפּט פון זיין טיפן שלאָף. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער געזען ביי דער ליכט פון דער לאַמטערנע ווי אַזוי מען שלעפּט אַרויס חיים יוספן פון הויז. אַלע זיינען נאָכגעגאַנגען און זיי האָבן געזען ווי מען האָט אויך געבונדן זיינע פיס און אים אַרויפגעוואָרפן אויף אַ פור. דער אור־יאַדניק און דער סטראַזשניק האָבן זיך אויך אַריינגעזעצט אין פור און אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט איז די פור פאַרשוואונדן.

ווען זלאַטקע האָט דערפילט, אַז זיי זיינען שוין אַרויס פון הויז, איז זי אַרויסגעקראָכן פון בעט און זיך שנעל אָנגעטאָן.

— אוי, זלאַטקע, וואָס זאָגסטו אויף אונדזער אומגליק! — האָט דאָבע קלאָגנדיק אויסגערופן.

— דאָס איז דער פּאָפּ, אַ מכּה אים אין קאָפּ! ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אייער מאַן — האָט זלאַטקע געבראָכן מיט די הענט — אייער מאַן האָט מיר אָנ־געזאָגט איך זאָל אים מער ניט געבן קיין בראָנפן אויף באָרג, האָב איך אים ניט געגעבן... אָ, יאָ, דאָס נעמט ער נקמה אָן אים! אונדזער היינטיקער אורח האָט טאָקע צו מיר געזאָגט, אַז אפשר דאַרף מען זיך מיט אַ גלח ניט אָנפאַנגען, ווייל מיר זיינען דאָך ביי זיי אין גלות... איך האָב דאָס טאָקע אויך געזאָגט אייער מאַן, האָט ער געזאָגט דעם אורח, אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר דעם גלח. ווייל ער וועט דאָך ניט גיין אים פאַרקלאָגן, אַז ער וויל אים ניט געבן קיין בראָנפן אויף באָרג. נו, זעט איר דאָך וואָס ער האָט איצט געטאָן...

— יאָ, איך האָב טאָקע געפילט אַז מען טאָר זיך ניט אָנפאַנגען מיט אַ גלח, בפרט ווען ער איז אַ שיכּור! — האָט זיך אָנגערופן דער אורח ר׳ נפתלי — איצט דאַרף מען זען עפּעס טאָן!

— וואָס קענען מיר טאָן? אַדרבא זאָגט אונדז! — האָט ר׳ יהושע זיך צו אים געווענדעט — צו וועמען זאָלן מיר זיך ווענדן און וואוהין זאָלן מיר זיך קערן? גאָט זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן און ער זאָל אונדז שיקן זיין ישועה.

— הערט, ר׳ יהושע! — האָט זיך דער אורח צו אים אָנגערופן — פאָלגט מיר און פאַרזאַמט ניט קיין איין טאָג! נעמט אַ פור און פאָרט צו צו דעם שטעטל מעזריטש. דאָרט געפינט זיך דער מעזריטשער מגיד, ר׳ בער. וועלכער איז אַ הייליקער צדיק. ער פאַרנעמט איצט דעם פּלאַץ פון ר׳

ישראל בעל־שם־טוב, וועלכער איז נפטר געוואָרן לעצטן יאָר דעם צווייטן טאָג שבועות. ער, אָט דער גרויסער, הייליקער רבי, ר׳ בער וועט אייך העלפן. ער האָט שוין ניט איין נס באַוויזן.

— מיר האַלטן ניט פון די חסידישע רביים! — האָט ר׳ יהושע געזאָגט

— ניט מיר האָבן געהאַלטן פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און ניט מיר האַלטן פון זיין איצטיקן נאָכפאָלגער ר׳ בער, דעם מעזריטשער מגיד!

— איך זאָג אייך, אַז אין ר׳ בערן וועט איר געפינען אי תורה אי קדושה!

האָט דער אורח גענומען צושטיין צו אים — ניט איין מתנגד איז געוואָרן אַ חסיד, ווען ער האָט זיך איבערצייגט אין דער גרויסקייט און הייליקייט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זכר צדיק לברכה, און אין זיין נאָכפאָלגער ר׳ בער. איצט איז ניט די צייט אייך צו דערציילן פון די גרויסע ניסים וואָס ביידע צדיקים האָבן באַוויזן און וואָס ר׳ בער מעזריטשער באַווייזט נאָך עד־היום...

יהושע האָט אים ניט געענטפערט. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין מוטער, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן און זיך צו איר אָנגערופן:

— מאַמע, באַרואיק זיך! השם יתברך וועט העלפן! דער פויער יוזשיק וועט זיך אָפּזוכן און דער אמת וועט אַרויסקומען.

— וואָס האָט יוזשיק געהאַט צו אונדז! — האָט רבקה וויינענדיק געזאָגט

— דוכט זיך, אַז מיר האָבן אים גאַנץ גוט באַהאַנדלט. ווען דער טאַטע פלעגט אָפּקויפן ביי אים אַ פעלכל, פלעגט ער אים באַצאָלן ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער פלעגט אים נאָך דערצו געבן אַ טרונק בראָנפן. ווי איז מיר! אַזאַ בילבול צו מאַכן אויף אונדז... אונטערגעוואָרפן אַ טויטן קערפער פון אַ קריסטלעכן ייִנגל!

— איך קען בשום אופן ניט פאַרשטיין! — האָט יהושע אַ צוק געטאָן מיט זיינע שולטערן — ווי אַזוי קויפט עס דער טאַטע אַ בלינדע זאַך אין זאַק? ווי קומט עס, אַז ער זאָל פריער ניט באַטראַכטן די סחורה, זען וויפיל עס איז ווערט?... דאָס האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט!...

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט, מיין זון — האָט דאָבע כליפּנדיק געזאָגט — אָט דער יוזשיק האָט עס מיט אַ כיוון געבראַכט גאַנץ שפּעט ביי נאַכט, און ווען דער טאַטע האָט געוואָלט אויפעפענען דעם זאַק האָט ער אים געזאָגט, אַז עס איז איצט ניט נייטיק דאָס צו טאָן. ער דאַרף אים איצט ניט באַצאָלן. ער וועט קומען מאָרגן אינדערפרי און דאַן וועלן זיי שוין מושווה ווערן מיטן מקח... אוי, גאָטעניו, אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, קומט עס אַזוי אומגעריכט.

— מיין אומגליקלעכער מאַן! — האָט דאָבע זיך פון דאָס ניי צעיאָמערט — ווי אַ שעפּס וואָס מען פירט צו דער שחיטה, אַזוי האָבן זיי אים געבונדן, וויי איז מיר! גאָט ווייסט, גאָט ווייסט וואָס זיי וועלן נאָך טאָן צו אים! ער האָט זיך דעם גאַנצן טאָג אַזוי שטאַרק אָנגעהאָרעוועט. ער איז אָפּגעשטאַנען לעבן הייסן אויוון און געבאַקן מצות. ער האָט זיך אַפילו נישט באַוויזן אויסצורוען און מען האָט אים אַוועקגעשלעפּט. אָ, גרויסער גאָט, האָב רחמנות אויף אונדז אַלעמען און באַשיץ אים פון אַל דאָס בייז.

2

אַלע אין חיים יוספס הויז האָבן זיך שוין מער ניט געלעגט שלאָפן; זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט עס זאָל אָנפאַנגען טאָג. ווי נאָר עס איז געוואָרן אַ שפּראָץ אויף טאָג, האָט יהושע אָנגעטאָן זיין טלית און תּפילין און זיך געשטעלט דאַווענען. דער אורח האָט געלייגט תּפילין און זיך אויך געשטעלט דאַווענען. דער זיבן־יעריקער שלמהלע האָט זיינע אויגן ניט אַרונטערגענומען פון דעם אורח. ער האָט זיך געגומען וואונדערן וואָס אַזאַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד זאָל דאַווענען אָן אַ טלית. שלמהלע האָט אויפגעעפנט דעם סידור און גענומען דאַווענען הויך אויפן קול.

נפתּלי, דער אורח האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל. האָט אַרויסגענומען אַ דיקן סידור און האָט זיך גענומען שאָקלען און דרייען מיטן קאָפּ און אויסגעזונגען די תּפילות. ער האָט געמאַכט פאַרשיידענע תּנועות און העוויות, אויפגעהויבן און אַרונטערגעלאָזן די הענט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הייך און געגלאָצט מיט זיינע אויגן.

כאָטש יהושע איז געשטאַנען אין אַן אַנדער ווינקל פון צימער איינגעהילט אין טלית און תּפילין און געדאַוונט מיט כּוונה, האָט ער אָבער פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם אורח, באַמערקנדיק זיינע מאָדנע באַוועגונגען און העוויות, האָט ער געצוקט מיט זיינע שולטערן. ווען ער האָט געענדיקט דאַווענען און גענומען צונויפלייגן דעם טלית און תּפילין איז צו אים צוגעגאַנגען שלמהלע און מיט אַ נידעריקער שטימע אים געפרעגט: „טאַטע, פאַרוואָס דאַוונט דער אורח אָן אַ טלית?"

— מן הסתּם איז ער נאָך אַ בחור! — ענטפערט אים יהושע.

— אַ בחור! האָט שלמהלע אויסגערופן מיט דערשטוינונג — אַ ייד מיט אַ גרוילעך לאַנגע באָרד איז נאָך אַ בחור!

— אַז ער האָט ניט געהייראַט איז ער נאָך אַ בחור, און אַ בחור דאַרף ניט אָנטאָן קיין טלית!

אין דרויסן איז שוין געוואָרן גוט ליכטיק. די זון האָט זיך גענומען באַווייזן אין מזרח. דאָבע און איר שנור רבקה האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן הויז. זייערע אויגן רויט פון וויינען. זלאַטקע, די דינסט, האָט זיך גענומען פאָרען אין קיך, צוגעשטעלט עפּעס קאָכן פאַר פרישטיק. זי איז אַריין אין עס־צימער און אָנגעשטעלט אַ טשייניק מיט טיי, עטלעכע שטיקלעך שוואַרצע ברויט און אַ צעשניטענעם הערינג מיט ציבעלעס אויף אַ טעלער, און אַ פענדל הייסע, געקאָכטע מילך.

— גייט וואַשט זיך צום עסן! — האָט זלאַטקע זיך געווענדעט צו דעם אורח און יהושען.

— ווען קריכט איצט עסן אין האַלדז? — האָט יהושע געזאָגט. — איך איל זיך צוצופאָרן קיין מירץ, וואו זיי האָבן מן הסתּם געבראַכט דעם טאַטן.

— דו קענסט זיך ניט אַרויסלאָזן אין וועג אויפן ניכטערן האַרצן! — האָט רבקה געווישט אירע אויגן — ווער ווייסט אויב דו וועסט היינט האָבן אין מויל!

— אייער פרוי איז גערעכט! — האָט דער אורח זיך אָנגערופן — איר וועט דאַרפן האָבן כּוח... עפּעס אַ קלייניקייט, איר וועט דאָך דאַרפן אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג ביז וואַנען איר וועט זיך דערשלאָגן צו וועמען עס איז.

— נו, גייט איר זיך וואַשן פריער! — האָט יהושע אַ מורמל געטאָן צום אורח.

נפתלי האָט זיך געוואַשן צום עסן. ער האָט איינגעטונקט דאָס ברויט אין זאַלץ און מיט כּוונה געמאַכט די ברכה „המוציא". יהושע האָט זיך אויך געוואַשן צום עסן און זיך געזעצט ביים טיש. זלאַטקע האָט נאָך עפּעס דער־לאַנגט צום טיש און גענומען ריידן:

— איר הערט — האָט זי זיך געווענדעט צום אורח — מען טאָר ניט זינדיקן. איך האָב אייך נעכטן געזאָגט, אַז מיר האָבן געהאַט זייער אַ שווערן ווינטער... יאָ, מיר האָבן טאַקע געהאַט אַ סך צרות היינטיקן ווינטער, אָבער די איצטיקע צרה איז דאָך אַזאַ אומגליק, אַז מען האָט זיך דאָס גאָרניט געקענט פאָרשטעלן... גאָט ווייסט, גאָט ווייסט וואָס פון דעם וועט נאָך אַרויסקומען!

— השם יתברך וועט העלפן! — האָט דער אורח געזאָגט קייענדיק אַ שטיקל שוואַרצע ברויט מיט הערינג — ביי אונדז אין פּאָדאָליע און אין וואָלין איז עס גאָר קיין נאָווינע ניט... כּמעט יעדן ערב פּסח, אויף איין אופן צי אויף אַ צווייטן אופן, מאַכט מען אַן עלילת דם אויף אַ ייד... אָבער גאָט העלפט... טאַקע צוליב דעם זכות פון דעם צדיק. פריער איז עס געווען אין דעם זכות פון אונדזער גרויסן צדיק ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און איצט אין דעם זכות פון דעם צדיק, ר׳ בער פון מעזריטש, האָט נאָך ניט פּאַסירט, אַז מען זאָל ניט אויסגעפינען דעם אמת, און דעם יידן באַפרייט מען. דערפאַר זאָג איך אייך, ר׳ יהושע, ווי גאָט איז אייך ליב, פאָרט אַוועק קיין מעזריטש צו אונדזער רבין, ר׳ בער, און אייער טאַטע וועט געהאָלפן ווערן!

— דער וועג צו גאָט איז אָפן פאַר יעדן יידן, וועלכער ווענדעט זיך צו אים — האָט יהושע געזאָגט — אַ ייד אַ מאמין דאַרף ניט קיין פאַרמיטלער!

די טיר האָט זיך געעפנט און אין הויז איז אַריינגעקומען חיים יוספס אַלטער דינער, גאַווריליאַ, וועלכער האָט זיך געהאַלטן מיטביידע הענט פאַר זיין קאָפּ און אויסגערופן:

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט דורך דער נאַכט? איך האָב זיך ערשט דער־וואוסט!

— אוי, גאַווריליאַ, האַרצעניו! — האָט דאָבע פון דאָס ניי זיך פונאַנ־דערגעוויינט — מען האָט דאָך מיין חיים יוספן אַוועקגעפירט ווי אַ געבונ־דענעם שעפּס.

— איך בין אויפגעשטאַנען מיט אַ ווײַלע צוריק — האָט גאַווריליאַ גע־נומען דערציילן — איך בין אַרויס דרויסן אַנצוהאַקן אַ ביסל האָלץ. איך

גיב אַ קוק, איך זע אַ געלויף פון די פויערים... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן, וואָס די פויערים לויפן אַזוי פרי. איך בין צו־געלאָפן צו יענעם פּלאַץ, איך טו אַ קוק, און עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, מיין גוטער, ליבער באַלעבאָס, ליגט אַ געבונדענער אין וואָגן. זיין פּנים איז טויט בלאָס. דער אוראַדניק זיצט לעבן אים און דער פּאָפּ זיצט לעבן סטראַזשניק, וועלכער האַלט די לייצעס. איך האָב גענומען פרעגן ביי די פויערים וואָס עס איז געשען, האָט מען מיר דערציילט, אַז חיים יוסף האָט דערמאָרדעט אַ קריסטלעך יינגל, און זיך באַנוצט מיט זיין בלוט פאַר זיינע מצות אויף פּסח... איך האָב גענומען שרייען אַז עס איז אַ ליגן... אַז איך אַרבעט שוין פאַר חיים יוספן איבער זעכציק יאָר, אַז איך האָב חיים יוספן אויף מיינע הענט געטראָגן, ווען ער איז געווען אַ קליין קינד. איך ווייס, אַז זיי נוצן ניט קיין בלוט פאַר מצות, אַז דאָס האָבן די יידישע שונאים אויסגעטראַכט. ווען דער גלח האָט עס געהערט, האָט ער אויף מיר אַ געשריי געטאָן, און ער האָט די פויערים געהייסן מיך אַוועקטרייבן. די פויערים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר מיט זייערע פויסטן, און ווען איך אַנטלויף ניט, וואָלטן זיי מיך זיכער דערהרגעט...

— וואָס זאָלן מיר איצט טאָן, גאַווריליאָ — האָט זיך דאָבע צו אים געווענדעט — מען האָט אים אין מיטן דער נאַכט אַוועקגעשלעפּט, און מען האָט אים געהאַלטן אַ געבונדענעם די גאַנצע נאַכט.

— איך האָב געהערט אַז זיי וועלן אים אַוועקפירן אין דער שטאָט מירעק, און מען וועט אים דאָרט איבערגעבן אין קרימינאַל־געריכט! — האָט גאַווריליאָ געשאָקלט מיט זיין קאָפּ.

— דו הערסט, מאַמע, דער גלח פאָרט מיט דעם אוראַדניק. ער וועט דאָרט זיין אַן עדות קעגן טאַטן. איך גלויב אַז איך זאָל מיטנעמען גאַווריליאָן. ער איז דאָך ווי אַן אייגענער און ער געפינט זיך ביים טאַטן אין הויז זינט ער איז אַ יינגל געווען. ער איז דאָך אויך אַ קריסט, זאָל ער עדות זאָגן צי מיר געברויכן קריסטלעך בלוט...

— געוויס, וועל איך עדות זאָגן! איך וועל זיין גרייט צו שווערן ביים צלם, אַז אַליץ וואָס דער גלח דערציילט איז אַ ליגן!

— ווייסטו פאַרוואָס דער גלח איז אין כּעס אויף חיים יוספן — האָט זלאַטקע זיך אָנגערופן צו גאַווריליאָן — ער האָט אים אויפגעהערט צו געבן בראָנפן אויף באָרג... האָט ער זיך געשוואוירן זיך נוקם צו זיין אָן אים, האָט ער אָפּגעמאַכט מיט יוזשעקן און ער האָט דאָ איבערגעלאָזן דעם זאַק מיט דעם טויטן קערפּער, זאָגנדיק אים אַז ער האָט געבראַכט אַ ביבער צו פאַרקויפן.

— דו וועסט מיטפאָרן מיט יהושען, גאַווריליאָ! — האָט דאָבע געזאָגט

— דו וועסט זיך קענען בעסער צוזאַמענריידן מיט די צו וועמען מען וועט דאַרפן ריידן.

— אָט וועל איך גיין שפּאַנען דעם פערד! — האָט גאַווריליאָ געזאָגט, און איז אַרויס פון הויז.

— רבקה האָט דערלאַנגט איר מאַן צוויי קאַפּטלעך און זיין וואַרעמען מאַנטל. יהושע האָט אָנגעטאָן די הויכע שטיוול; ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די צוויי קאַפּטלעך און זיך איינגעהילט אין זיין פוטערנעם מאַנטל. ער האָט מיטגענומען זיין טלית און תּפילין. ער האָט צוגערופן שלמהלען און צו אים געזאָגט:

— מיין קינד, דו זאָלסט ניט ברענגען אין ניוועץ דיין צייט! דו ווייסט דאָך, אַז ביטול תּורה איז אַ גרויסע עבירה. איך ווייס ניט ווי לאַנג איך וועל דאַרפן בלייבן אין מירץ... דו זאָלסט דערווייל איבערחזרן די גמרא וואָס דו האָסט דעם גאַנצן ווינטער געלערנט, און צוליב דעם זכות פון דער מצווה פון לערנען תּורה, וועט גאָט העלפן און דיין זיידע וועט באַפרייט ווערן...

— אפשר זאָל איך מיט אייך מיטפאָרן קיין מירץ! — האָט דער אורח זיך אָנגערופן — איך האָב געהאַט אייגנטלעך אין זינען צו בלייבן דאָ אַ פּאָר טעג און גיין אין אַן אַנדער ריכטונג, אָבער וויבאַלד אַז איר פאָרט שוין קיין מירץ, וועל איך מיט אייך מיטפאָרן אַהין. פון דאָרט וועט מיר זיין גרינגער צו קריגן אַ פור.

— נו, אויב איר ווילט, קענט איר זיך אויך אַריינזעצן אין וואָגן! — האָט יהושע זיך אָנגערופן — עס איז פאַראַן גענוג פּלאַץ.

נפתלי איז געגאַנגען נעמען זיין מאַנטל און פּעקל, און ער האָט גע־נומען אַרומוויקלען די שאַלן אַרום זיין האַלדז.

— איצט, אַז ר׳ נפתלי, אונדזער אורח, וועט אויך אַוועקגיין, וועלן מיר בלייבן אין הויז איינגאַנצן אָן אַ מאַנסביל! — האָט זלאַטקע זיך צו אים אָנ־גערופן — אפשר וואָלט איר געקענט דאָ פאַרבלייבן נאָך עטלעכע טעג... איך בין זיכער, אַז אויך אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר קריגן אַ פור. עס קען דאָך זיין, אַז צוליב אייער זכות פון דער מצווה פון הכנסת אורחים, וועט אונדז גאָט העלפן!

— נו, אַז איר ווילט איך זאָל דאָ פאַרבלייבן נאָך עטלעכע טעג, וועל איך בלייבן! — האָט דער אורח געזאָגט — איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אייך פאַלן צו לאַסט.

— וואָס רעדט איר, ר׳ נפתלי! — האָט זלאַטקע גענומען דעם פּעקל פון זיין האַנט — איר זייט ביי אונדז אַן אָנגעלייגטער גאַסט! האַ, ניט אַזוי, באַ־לעבאָסטעט? —— האָט זי זיך געווענדעט צו דאָבען — מיר זעען דאָך, אַז איר זייט אַן ערלעכער, פרומער ייד... זאָלן מיר אַזוי אַלע האָבן אַזאַ גוטן מזל, רבונו של עולם, ווי איך האָב באַלד איינגעזעען, אַז איר זייט אַ טייערער ייד... איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך גלייב אויך, אַז די הייליקע צדיקים קענען טאָן ניסים. זאָלן מיר אַלע אַזוי זוכה זיין צו זעען משיחן ווי איך וואָלט געוואָלט זען מיט מיינע אויגן אָט דעם צדיק ר׳ בער.

נו, אויב איר בלייבט, וועלן מיר אָפּפאָרן פון דאַנען! — האָט יהושע געזאָגט, און ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה.

— זאָל גאָט געבן, אַז דו זאָלסט זיך אומקערן צוזאַמען מיט דיין פאָ־טער! — האָט דאָבע געזאָגט.

רבקה און איר שוויגער האָבן זיך איינגעהילט אין זייערע דיקע גרויסע פּאַטשיילעס און זיינען אַרויס אין דרויסן אַרויסצובאַגלייטן יהושן. גאַווריל האָט דערוויל אַלץ צוגעגרייט. דאַן האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, און גאַווריל האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד און זיי זיינען אָפּגעפאָרן.

— זאָל גאָט געבן, אַז אַלץ זאָל זיך אויסלאָזן צום גוטן! — האָט רבקה געווישט אירע אויגן.

— מאַמע — איז שלמהלע צו איר צוגעגאַנגען — איך וועל לערנען דעם גאַנצן טאָג און צוליב דעם זכות פון דער תורה וועט אים גאָט העלפן!

— מיין קינד, האָט די מאַמע אים צוגעדריקט צו זיך — אַז גאָט האָט מיך באַגליקט מיט אַזאַ קינד ווי דו, האָף איך, אַז ער וועט אונדז ניט פאַר־לאָזן.

— וואָס זאָגט איר, באַלעבאָסטע? —האָט זיך זלאַטקע אַנגערופן צו דאָבען — איך גלייב אַז היינט וועלן מיר דאַרפן האַלטן פאַרמאַכט דעם שענקל דעם גאַנצן טאָג.

— ניין, מיר דאַרפן די פּויערים ניט צייגן אַז מיר האָבן מורא! — האָט דאָבע געזאָגט — די וועלכע וועלן אַהער אַריינקומען, וועט מען זיי דאַרפן פאַרקויפן וואָס זיי וועלן נאָר פאַרלאַנגען.

שלמהלע איז אַריין אין זיין פאָטערס צימער. ער האָט אַרויסגענומען די גמרא בבא קמא און ער האָט זיך געזעצט לערנען. דער אורח, נפתלי, איז אַריין אין דעם זעלבן צימער און ער האָט זיך צוגעזעצט פונקט קעגנאיבער שלמהלען און זיך צוגעהערט ווי ער לערנט די גמרא מיט אַ ניגון.

נפתלי איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד, אָבער קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען. ער האָט געקענט אַ ביסל חומש און ער האָט זיך אָנגעהערט אַ סך פון די אַגדות פון תלמוד און פון מדרש... ער האָט דעריבער געקוקט מיט גרויס התפעלות אויף דעם קליינעם זיבן־יעריקן שלמהלע וועלכער לערנט גמרא מיט אַזאַ שיינעם ניגון, און מיט אַזוי פיל פאַרשטאַנד, פונקט ווי אַ דערוואַקסענער. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין ספרל וואו עס ווערן דער־ציילט פאַרשיידענע וואונדער־מעשהלעך פון גרויסע צדיקים און חסידים, און ער האָט אין דעם אַריינגעקוקט. אין אַ ווילע אַרום איז אַריינגעקומען זלאַטקע אין דעם צימער צוצוראַמען. ווען נפתלי האָט זיך געוואָלט אויפהויבן האָט זיך זלאַטקע צו אים אַנגערופן:

— זיצט דאָ, ר׳ נפתלי, איך וועל אייך ניט שטערן! איר זעט — האָט זי מיט אַ נידעריקער שטימע געזאָגט, אָנצייגנדיק אויף שלמהלען וועל־כער איז געזעסן אין דער אַנדערער זייט פון צימער און זיך געשאָקלט איבער דער גמרא — קיין בייז אויג זאָל אים ניט פאַרשאַטן. אין אייער לעבן האָט איר דען ווען עס איז געזען אַזוינס? ער קען דאָך פאַרדרייען אַ קאָפּ דעם גרעסטן למדן... זיין טאַטע, ר׳ יהושע אַליין, האָט ניט איינמאָל צוגעגעבן, אַז גאַנץ אָפט פרעגט ער אים אַזעלכע קשיות, אַז ער שטוינט ממש און ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, זלאַטקע, אַז איך האָב גאָר מורא זיך

אָנצופאַנגען מיט אים. אַזאַ קינד איז טאַקע אַ יקר־המציאות... אוי, וואָלט איך געוואָלט, אַז מען זאָל אים ברענגען צו אונדזער רבין, דעם גרויסן צדיק פון מעזריטש, ר׳ בער... ער וואָלט אים געגעבן זיין ברכה, און ער וואָלט אויסגעוואַקסן אַ גדול הדור, און ווער ווייסט, אפשר מיט דער צייט פאַרנו־מען זיין פּלאַץ... ווי איך זע אָבער, איז ר׳ יהושע אַ פאַרעקשנטער מתנגד, און וויל גאָרניט הערן פון די גרויסע וואונדער וואָס ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זכר צדיק לברכה, האָט באַוויזן, און וואָס דער מעזריטשער מגיד ר׳ בער, דעם בעל־שמס תּלמיד, באַווייזט איצט...

— איר הערט, ר׳ נפתּלי! — האָט זלאַטקע אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרחלומטע אויגן — איך גלייב דאָך יעדן וואָרט וואָס איר האָט דערציילט וועגן ר׳ בער... אוי, ווען גאָט העלפט מיר און איך וואָלט געקענט מאַכן אַזאַ נסיעה צום הייליקן צדיק, וואָלט איך דאָך געוואַשן זיינע פיס און גע־טרונקען די וואַסער... די שווערסטע אַרבייט וואָלט מיר ניט געווען שווער צו טאָן, אַבי איך זאָל האָבן דעם זכות אָנצוקוקן זיין הייליגן פּנים...

— ווי איך זע, געפינט זיך ביי אייך אַ פונק פון אַ חסיד! — האָט נפתּלי מיט צופרידנקייט געזאָגט צו זלאַטקען — איך זאָג אייך, אַז איר וועט נאָך זוכה זיין צו זען אונדזער הייליקן רבין פּנים אל פּנים.

— אוי, הלוואי, רבונו של עולם! — האָט זלאַטקע אַ זיפץ געטאָן — ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך דאָך ניט קיין פּראָסטע יידענע. איך ווייס אַ סך דינים, וויל פופצן יאָר האָב איך געדינט ביי אַ רב אין הויז, און איצט דאָ, ביי ר׳ יהושען אין הויז, דין איך שוין אַן ערך צען יאָר. ר׳ יהושע, זאָלט איר וויסן, איז אַ גרויסער למדן און ער קען זיין אַ רב, נאָר ער וויל בעסער בלייבן דאָ צוזאַמען מיט זיין טאַטן און לערנען מיט שלמהלען... יאָ, זאָגט מיר ר׳ נפתּלי, איר זאָלט מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן וואָס איך וועל אייך פרעגן... ווי איך פאַרשטיי, זייט איר נאָך אַ בחור... ווי קומט עס, אַז אַזאַ פרומער ייד ווי איר זאָל ניט נעמען קיין ווייב און לעבן ווי גאָט האָט געהייסן...

— נו, עס איז פאַראַן אַ סך צו ריידן וועגן דעם — ענטפערט נפתּלי — דער עיקר איז, אַז איך האָב פּשוט ניט געפונען אַזאַ פרוי וועלכע זאָל זיך פּאַסן צו מיר.

— איך מוז אייך זאָגן — האָט נפתּלי זיך אָנגערופן מיט אַ לייכטן שמייכל — אַז איך בין זייער צופרידן וואָס איר האָט די אמונה אין די צדיקים און איך קען אייך זאָגן נאָכאַמאָל, אַז איר וועט נאָך האָבן די זכיה צו זעען דעם הייליקן צדיק מיט אייערע אויגן.

— ווי אַזוי קען עס מעגלעך —זיין! — האָט זלאַטקע אַ צוק געטאָן מיט איר שולטער.

— אַלץ וואָס איר דאַרפט האָבן איז ביטחון! — האָט ער געזאָגט.

זלאַטקע האָט אים צוגעוואָרפן אַ חנעוודיקן בליק. דאַן האָט זי זיך אָנ־גערופן:

— ר׳ נפתּלי עס איז שוין צייט אַז איר זאָלט גיין עסן אָנבייסן. דער

מילכיקער קרופניק איז שוין פאַרטיק. קומט אַריין אין עס צימער. איר וועט זיך וואַשן און איך וועל אייך דערלאַנגען דעם אָנבייסן.

— כ'וויס, ווען וועלן אייערע באַלעבאָסטעס עסן?

— זיי ליגט דאָך היינט ניט אין זינען עסן! — האָט זלאַטקע אַ זיפץ געטאָן — דערווייל געפינען זיי זיך אין דער צווייטער שטוב, וואו זיי האָבן נעכטן געבאַקן די מצות. זיי לייגן אַריין די מצות אין קערבלעך. די שטוב דאָרט איז אינגאַנצן פסחדיק, און קיינער גייט דאָרט ניט אַריין ביז פסח, ווייל מען קען נאָך אַמאָל עפעס אָנרירן מיט די חמצדיקע הענט אָדער פאַר־שלעפּן אַהין אַ ברעקל חמץ...

נפתלי האָט זיך געוואַשן צום עסן און זלאַטקע האָט אים דערלאַנגט דעם הייסן קרופּניק. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער ערשטער שיסל, האָט זי נאָכאַמאָל אָנגעפילט די שיסל און דאָס אים דערלאַנגט.

— פאַרוואָס זעצט איר זיך ניט ביים טיש און עסט צוזאַמען מיט מיר? — האָט נפתלי זיך צו איר געווענדעט.

— איך בין נאָך ניט הונגעריק. איר ווייסט דאָך, איך כאַפּ אַ בייס אַהין, אַ בייס אַהער, און איך בין זאַט.

— אייער קרופּניק איז גאָר עפּעס אַן אויסנאַם! — לויבט איר דער אורח — איר קענט גוט קאָכן.

זלאַטקע האָט זיך גענומען עטוואָס רויטלען און צוגעגעבן: „הלוואי זאָל נאָר זיין מיט וואָס, ווי איך קען מאַכן די בעסטע פּאַטראַוועס!"

— זאָגט מיר, איז אָט דער שלמהלע, ר' יהושעס בן יחידל? — פרעגט נפתלי.

— אַ, ניין, ר' יהושע האָט נאָך אַ זון. אַן עלטערער פאַר שלמהלען. ער לערנט טאַקע אין מירץ ביי ר' יאָסעלען דעם מלמד אין חדר. יוסף הייסט דער עלטערער ברודער זיינער. ער איז שוין אַן ערך צוועלף יאָר אַלט, אָבער ווי קומט ער צו שלמהלען? יוסף איז ניט קיין שלעכטער יינגל, אָבער שלמהלע קען אים פאַרשטעקן אין גאַרטל. איר ווייסט, אַז דעריבער טאַקע וויל ר' יהושע ניט אַוועקלאָזן שלמהלען פון זיך. סיידן, זאָגט ער, אַז ער וועט גע־פינען פאַר אים אַ רבין וואָס זאָל זיך קענען צופּאַסן צו אים. אוי, זאָל נאָר גאָט געבן, אַז ר' חיים יוסף זאָל זיך אַרויסדרייען פון זייערע הענט. איך מוז אייך זאָגן, אַז מיר זיינען אייך אַזוי דאַנקבאַר וואָס איר זייט דאָ פאַרבליבן מיט אונדז... מען קאָן דאָך ניט וויסן ווי לאַנג ר' יהושע וועט זיך דאָרט, אין מירץ, פאַרזאַמען... און דריי פרויען אָן אַ מאַנסביל אין הויז איז טאַקע אַן אומעט... בפרט נאָך אויב זיי וועלן ניט זיין צוריק אויף שבת... עס וואָלט דאָך ניט געווען ווער עס וואָל מאַכן קידוש און הבדלה, ווער עס זאָל זינגען זמירות...

— נו, אַז איר האָט עס פון מיר פאַרלאַנגט, האָב איך דאָס געטאָן. — האָט נפתלי אַ זאָג געטאָן און איר צוגעוואָרפן אַ בליק — איך זע דאָך, אַז דאָ זיינען אַלע גרויסע מכניסי אורחים... עס פאַרדריסט מיר בלויז וואָס

גראָד ווען איך בין אַהער געקומען האָט באַדאַרפט פּאַסירן אַזאַ אומגליק מיט אייער באַלעבאָס...

— אפשר צוליב אייער זכות וועט גאָט העלפן און ר׳ חיים יוסף וועט באַפרייט ווערן! — האָט זלאַטקע געשאָקלט מיטן קאָפּ — איך זאָג אייך, אַז עס איז אַ ביטערער רחמנות אויף זיי אַלעמען. עפּעס אַ קלייניקייט, פּונקט ערב פסח דאַרף זיך מאַכן אַזאַ אומגליק...

— אונדזערע שונאים וואַרטן דאָך אויף דער צייט, כדי צו קענען זאָגן, אַז מיר נוצן קריסטלעך בלוט פאַר אונדזערע מצות.

— טאָמער האָבן מיר זיך שוין באַרואיקט, נאָכדעם ווי מען מען האָט פאַרריכט דעם בריק, און מיר האָבן שוין ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר די פּריצים, איז געקומען אויף אונדז אַ נייע צרה!...

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָט נפתלי זי אַ פרעג געטאָן.

— איי, פרעגט שוין ניט וואָס מיר האָבן זיך אָנגעליטן אָט די אַלע יאָרן! — האָט זלאַטקע זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים און אָנגעפאַנגען דער־ציילן — ווי איר זעט דאָך, געפינט זיך דאָך אונדזער דאָרף אויפן גרויסן טראַקט, וואו עס פאָרן דורך אַ סך מענטשן. אָבער אויף די וועגן געפינען זיך פיל זומפּען. האָט מען נאָך מיט יאָרן צוריק געבויט הילצערנע בריקן, מען זאָל אויסמיידן די בלאָטעס. פון די פילע יאָרן וואָס די בריקן שטייען, זיינען שוין די ברעטער צעפוילט געוואָרן, די בריקן האָבן זיך גענומען שאָק־לען. איך פרעג אייך, ווער האָט אייגנטלעך געדאַרפט רעמאָנטירן די בריקן, אויב ניט דער פּריץ, צו וועמען עס געהערט די גאַנצע געגנט? אָבער די פּריצים זיצן אין וואַרשע און הוליען און שיכורן, און זיי קימערט ניט וואָס זייערע מאַיאָנטקעס וואָס די יידן האַלטן אין אַרענדע, געפינען זיך אין אַ שלעכטן צושטאַנד. דאָס האָבן זיי איבערגעלאָזן צו זייערע פאַרוואַלטערס. אָבער זיי, די פאַרוואַלטערס, זיינען בלויז פאַראינטערעסירט אַרויסצושלעפּן וואָס מער געלט פון די אַרענדאַרן, און פאַרריכטן ווילן זיי גאָרניט.

— נו, קען מען גאָרניט זיך באַקלאָגן אויף זיי פאַרן פּריץ? — פרעגט נפתלי.

— מער וואָלט ניט געפעלט! — ענטפערט זלאַטקע — זיי וואָלטן שוין געזען, אַז דער אַרענדאַר זאָל אינגאַנצן פאַרלירן די אַרענדע. נו, פאַרריכטן אַליין דעם בריקל וואָס איז נעבן אונדזער גוט, דאַרף קאָסטן אַ סך געלט. האָט ר׳ חיים יוסף דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָט ניט זעלטן פּאַסירט, אַז אָט דאָס בריקל האָט זיך צעבראָכן גראָד דאַן, ווען איבער אים איז דורכגעפאָרן אַ פּוילישער פּריץ מיט זיין סוויטע, און ער מיט די פערד און זיין קוטשער זיינען אַריינגעפאַלן אין זומפּ. נו, פרעגט שוין ניט וואָס עס פלעגט זיך דאַן אָפּטאָן! מען פלעגט אַריינפאַלן צו חיים יוסףן, דעם אַרענדאַר, און אים אַוועק־לייגן נעבן בריק, און אים אַ האַלב נאַקעטן נעמען שמייסן מיט די ריטער ביז וואַנען עס פלעגט שפּריצן בלוט... דעריבער האָט ר׳ חיים יוסף אַוועק־געשטעלט איינעם פון זיינע דינער אויף שטענדיקער שמירה ביים בריקל. עט־לעכע שעה פלעגט איינער שטיין און אַכטונג געבן און דאַן פלעגט אים אַ

צוויטער אומבייטן. ווען דער שומר פלעגט פון וויטן דערזען אַז אַ פּוילישער פּריץ קומט אָן, פלעגט ער גלייך אַריינלויפן אין הויז און אָנזאָגן אונדז וועגן דער סכנה, פלעגן מיר דאַן אַלע איבערלאָזן דאָס גאַנצע הויז אויף הפקר און לויפן זיך באַהאַלטן אין דעם דערבייאיקן וועלדל... יאָ, ניט זעלטן פלעגט פּאַסירן, אַז מיר אַלע פלעגן מוזן אָפּליגן אַ גאַנצע נאַכט באַהאַלטן, ווייל דער פּריץ פלעגט ניט שטילן זיין כעס און אונדז נאָך אַלץ אַרומזוכן...

— אַט וועל איך אייך דערציילן וואָס עס איז געשען מיט אַן ערך פיר יאָר צוריק — האָט זלאַטקע פאַרטגעזעצט. — שלמהלע איז דאַן אַלט געווען דריי יאָר. דער וועכטער האָט זיך עפּעס פאַרקוקט און ניט באַמערקט ווי אַ פּריץ קומט אָן מיט זיין סוויטע. ווען ער האָט עס באַמערקט איז שוין געווען צו שפּעט. דער פּריץ און זיין קוטשער מיט זיינע אַנדערע דינער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זיין עקיפּאַזש, זיינען אַריינגעפאַלן אין זומפּ... דער פּריץ האָט זיך אַ פאַרבלאָטיקטער אויפגעהויבן און מיט זיינע דינער גענומען לויפן. דער וועכטער איז געלאָפן געשווינדער און ער האָט אויסגערופן: „ווי גאָט איז אייך ליב, אַנטלויפט וואָס שנעלער, ווייל דער פּריץ קומט אָן, און ער האַלט אַ ביקס אין האַנט".

אַלע וועלכע זיינען געווען אין הויז האָבן זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צום וועלדל. איך האָב געכאַפּט דעם דרייִעריקן שלמהלען און זיך אויך געלאָזט לויפן. ווען איך האָב דערפילט אַז אָט, אָט וועלן מיך דעם פּריצס משרתים דערגרייכן, האָב איך פון גרויס שרעק און איילעניש, אַרויסגעלאָזן דאָס קינד פון מיינע הענט און זיך געלאָזט לויפן צום וועלדל. ערשט שפּעטער אַ ווײַלע, ווען איך בין שוין געווען באַהאַלטן, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב פאַרלוירן שלמהלען. וואָס זאָלן מיר דאָ טאָן? אַרויסגיין אים איצט זוכן איז געווען אַ גרויסע געפאַר, טאָמער וועט מען אונדז דערזען און מען וועט אונדז אַלעמען כאַפּן, און אויף דער הייסער שעה וואָלט דער פּריץ פּילייכט אונדז אַלעמען דערשאָסן. זיינען מיר געבליבן ליגן אין אונדזערע באַהעלטעניש דעם גאַנצן טאָג, ביז וואָנען דער געטרייער אַלטער דינער גאַווריל איז אונדז געקומען אָנזאָגן, אַז דער פּריץ מיט זיין סוויטע זיינען שוין אַוועקגעפאָרן פון אונדזער דאָרף...

— און וואָס איז געוואָרן מיט שלמהלען? — ווערט שוין נפתלי אומגעדולדיק.

— נו, אַז עס איז באַשערט ער זאָל בלייבן לעבן, האָט שלמהלע זיך אַזוי הויך צעשריען, אַז אַ פּויער, וועלכער וואוינט ניט ווייט פון דאָרט, האָט דערהערט זיינע קולות און אים אַוועקגענומען צו זיך אין הויז. מיר האָבן פון דעם ניט געוואוסט, און איר קענט זיך פאַרשטעלן וואָס עס האָט זיך דאַן ביי אונדז אָפּגעטאָן. עס איז געווען אַ תשעה־באָב!... און ווי איך האָב דאַן געפילט, אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן. מיר האָבן אים אַרומגעזוכט אומעטום. מען האָט געיאָמערט, געוויינט, געבראָכן מיט די הענט, און אויף מיר האָט מען געקוקט ווי איך וואָלט געווען זיין מערדערין... מיר זיינען שוין אַלע געווען זיכער, אַז דער פּריץ האָט אים אַוועקגענומען און ער וועט

אים אָפּשמדן... אָבער שטעלט זיך פאַר אונדזער פרייד און גליק, ווען דער פויער האָט אים אַריינגעבראַכט אין הויז, און דערציילט, אַז ער האָט אים אויפגעהויבן אין מיטן וועג, ווען ער האָט געהערט זיינע געשרייען. מיר האָבן אַלע אַרומגענומען שלמהלען און מיר האָבן אים געהאַלדזט און געקושט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון גליק...

— נו, איר זעט דאָך, אַז עס איז באַשערט צו לעבן, העלפט קיין זאַך ניט! — האָט נפתלי באַמערקט — אַ דאַנק גאָט וואָס איר זייט נאָר אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

— עס רעדט זיך אַזוי, בלויז מיט שרעק! — האָט זלאַטקע געזאָגט — מיר האָבן געהאַט גענוג היזק אין הויז און אין די שייערן. דער פריץ און זיינע פאַראַבקעס האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין אונדזער הויז, זיי האָבן צעשמעטערט אַלץ וואָס עס איז זיי געקומען צום האַנט. זיי האָבן אויסגעטרונקען די ווייַנען, די בראַנפן און אַז זיי האָבן שוין מער ניט געקענט אַריינגיסן אין זיך, האָבן זיי פון אַלע פעסער אַרויסגענומען די שפּונטן און דאָס גאַנצע בראַנפן, וויין און מעד זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון די פעסער, אַז עס איז קיין טראָפּן ניט געבליבן. אַ סך זעק מיט תּבֿואה און היפּשע עטלעכע גענדז און הינער, מיט נאָך זאַכן האָבן זי צעראַבירט און אַוועקגענומען מיט זיך...

— וואָלט זיך דען בעסער ניט געלוינט פאַר אייער באַלעבאָס אַליין צו פאַרריכטן דעם בריק און פּטור אַן עסק? — רופט זיך אָן נפתלי.

— אָט דאָס האָט דאָך טאַקע צו אים געטענהט זיין זון ר׳ יהושע, אָבער ר׳ חיים יוסף האָט געזאָגט, אַז אין די פּאַפּירן פון דער אַרענדע וואָס ער האָט איז בפירוש געשריבן, אַז די אַלע רעמאָנטן דאַרפן געמאַכט ווערן אויף דעם חשבון פון דעם פּאַרוואַלטער פון פּריצס מאַיאָנטקעס... אָבער ווען ער פלעגט קומען מיט טענות צום פּאַרוואַלטער, פלעגט ער זיך פון אים אויסלאַכן און זאָגן:

— אויב דיר געפעלט ניט ווי איך פּאַרוואַלט דיין אַרענדע, טאָ גיי זוך דיר אָפּ אַן אַנדער אַרענדע...

— עס איז ניט גוט, אַז מען דאַרף זיין תּמיד אין זייערע הענט! — האָט נפתלי געשאָקלט מיטן קאָפּ — די פּאַרוואַלטער פון די פּריצים זיינען נאָך ערגער פון די פּריצים אַליין...

— יאָ, זיי, די פּאַרוואַלטער זיינען אמתע בלוט זויגער! ניט מען קען זיך באַקלאָגן אויף זיי ,און אַפילו ווען יאָ, וואָלט ניט געווען צו וועמען צו ווענדן זיך. די פּריצים געפינען זיך אין וואַרשע און קומען זעלטן אין די געגנטן, און אַז זיי קומען שוין יאָ, וועט מען דען קאָנען רעדן צו זיי? דעריבער טוען די פּאַרוואַלטערס וואָס זיי געפעלט.

3

עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען דער אוראַדניק, צוזאַמען מיט דעם פּאָפּ און סטראַזשניק האָבן אַריינגעפירט חיים יוספן אַ געבונדענעם אין דעם שטעטל מירץ. חיים יוסף איז די גאַנצע נאַכט געזעסן אין וואָגן איינ־געקאָרטשעט אין זיין פּעלצענעם מאַנטל, און ער האָט אין דער שטיל גע־זאָגט קאַפּיטלעך תהילים, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק.

צו זיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן די רייד פון דעם גלח, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו שיטן פּעך און שוועבל אויף די יידן.

— אַ פאַרשאָלטן פאָלק זיינען די יידן! — הערט חיים יוסף ווי דער פּאָפּ רעדט צום אוראַדניק — זיי האָבן געקרייציקט אונדזער יעזוסן, און ווען נאָר זיי קענען, קוילענען זיי קריסטלעכע קינדער און באַנוצן זיך מיט זייערע בלוט פאַר זייערע מצות. מען דאַרף די יידן אויסראָטן!... ווער ווייסט וויפיל קריסטלעכע קינדער אָט דער חיים יוסף פון אונדזער דאַרף אָט שוין אומ־געבראַכט? אָבער מער וועט ער שוין ניט קענען טאָן... מען וועט צו אים טאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן צו אָט דעם אומשולדיקן קריסטלעכן קינד, וואָס ליגט אָט דאָ אין דעם זאַק, — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם זאַק וואָס האָט זיך געפונען נעבן אים. מיר וועלן ניט מער דערלאָזן, אַז קריסטלעך בלוט זאָל פון די יידן פאַרגאָסן ווערן... נקמה וועלן מיר נעמען אָן אַלע יידן!

אַ ציטער איז אַריבער חיים יוספס קערפּער, ווען ער האָט דערהערט די רייד פון דעם פּאָפּ. ער איז איצט איינגאַנצן אין זייערע הענט. וואָס וועט ער טאָן, אַז מען וועט אים ניט גלייבן, און דער גלח וועט ווירקן אויף דעם ריכטער ער זאָל אים פאַרמשפּטן צוש טויט... ער זעט דאָך שוין, אַז דער גלח האָט אָפּגעמאַכט מיט יוזשיקן, דעם יעגער, צו מאַכן אויף אים דעם ביל־בול. זיי וועלן גיכער וועלן גלייבן דעם פּאָפּ, דעם שיכור...

דאָס אַריינפאָרן אין שטעטל מירץ פון אַזעלכע מענטשן ווי דער אור־ראַדניק, סטראַזשניק און פּאָפּ, מיט אַן אַרעסטאַנט, האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס פון די פּויערים און יידן, וועלכע האָבן זיך גראָד געפונען אויף דעם מאַרק פּלאַץ, ווייל יענער טאָג, דאָנערשטאָג, איז געווען אַ מאַרק־טאָג און מירץ, און די יידן פלעגן זיך צונויפקומען קויפן די פּראָדוקטן וואָס די פּויערים פלעגן ברענגען צו פאַרקויפן.

אַזוי ווי חיים יוסף האָט געהאַט איינגענורעט זיין פּנים אין דעם מאַנטל, האָט מען ניט געקענט זען ווי דער אַרעסטאַנט זעט אויס, און מען האָט ניט געוואוסט ווער ער איז. ווען מען האָט דערזען אַז די פור האָט זיך אָפּגעג־שטעלט נעבן דעם קרימינאַל־געריכט, האָבן זיך אַ צאָל מענטשן אַ לאָז געטאָן אַהינצו און זיך געשטעלט פון דער ווייטנס צו זען וועמען דער אוראַדניק האָט דאָ געבראַכט.

באַלד איז דער אוראַדניק אַרונטער פון פור. ער איז צוגעגאַנגען צו חיים

יוספן און אים געהייסן אַרונטערקריכן פון וואָגן. אַ צעבראָכענער און אַ דער־שלאָגענער האָט זיך חיים יוסף געגומען אויסגלייכן, און אַזוי ווי זיינע הענט און פיס זיינען געווען געבונדן, האָט ער ניט געקענט אַרונטערקריכן. דער אוראַדניק מיטן סטראַזשניק האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון פור און זיי האָבן אים גענומען אַריינפירן אין הויז פון דעם קרימינאַל־געריכט.

ווען די עטלעכע יידן, וועלכע זיינען דאָרט געשטאַנען האָבן דערזען חיים יוספן, וועמען זיי האָבן גוט געקענט, ווי ער ווערט אַריינגעפירט אַ געבונ־דענער, איז אויף זיי אַלעמען אָנגעפאַלן אַ שרעק. זיי האָבן מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן און אויספרעגן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם אַרענדאַר חיים יוסף. די פויערים זיינען אָבער צוגעקומען נעענטער און זיך פונאַנדער־גערעדט מיטן סטראַזשניק, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דעם וואָגן, און ווען זיי האָבן געהערט פון אים, אַז מען האָט געפונען ביי דעם יידן פון דאָרף סוקאָוויבאָרג, אַ טויט קריסטלעך קינד, האָבן זיך אין זיי זייערע יוכעס צעקאָכט און זיי האָבן געדריקט מיט די פויסטן און געקריצט מיט די ציין און גענומען שילטן אַלע יידן...

— אַ טויט צו אַלע יידן! — האָט זיך אַ האַלב שיכורער פויער צעשריען — זיי האָבן פאַרמוטשעט אונדזער גאָט און אים געקרייציקט, לאָמיר נעמען נקמה אָן זיי!

די עטלעכע יידן האָבן זיך גלייך גענומען אַפּרוקן פון דאָרט, זיי האָבן באַלד איבערגעגעבן די אַנדערע יידן און יעדער איז גלייך אַוועק צו זיך אַהיים אַ צעשראָקענער.

דאָס געריכט־הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ נידעריקער, הילצערנער געביידע, האָט זיך געפונען נעבן דעם מאַרק פּלאַץ. די געביידע איז געווען איינגעטיילט אין דריי צימערן. איין גרויסער צימער וואָס האָט זיך גערופן דער קרימינאַל געריכט־זאַל; אַ קלענערער צימער, וואו דער ריכטער און דער פּריסטאַוו האָבן זיך געפונען. דער דריטער צימער, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ טיר פון אייזערנע גראַטעס. דאָס איז געווען די טורמע, פאַר די קרי־מינעלע פאַרברעכער. נעבן יעדער טיר איז טאָג און נאַכט געשטאַנען אַ זעל־נער מיט אַ ביקס און געהיט, כאָטש אַ גרויסער אייזערנער שלאָס איז אויף דער טיר געהאָנגען.

אין גרויסן צימער, ניט ווייט פון דער טיר וואָס האָט געפירט צו דער טורמע, איז געשטאַנען אַ טיש, אַרום וועלכן עס האָבן זיך געפונען עטלעכע שטולן. דער גרעסערער שטול, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן, און האָט געהאַט אַ פלושענעם זיץ, איז געווען דעם ריכטערס שטול. עטוואָס אָפּגערוקט פון דאָרט האָבן זיך געצויגן עטלעכע לאַנגע בענק איבער דער ברייט פון צימער.

ביי דעם אַריינגאַנג פון דער געריכטס־געביידע איז געשטאַנען אַ סאָל־דאַט מיט אַ ביקס. ווען ער האָט באַמערקט דעם אוראַדניק מיטן סטראַזשניק פירן אַ יידן, און דער פּאָפּ גייט נאָך פון הינטן, האָט ער ברייט פונאַנדער־געעפנט די טיר.

זיי האָבן אַריינגעפירט חיים יוספן אין גרויסן צימער און אים אַוועקגע־

זעצט אויף דער ערשטער לאַנגער באַנק. דער אוראַדניק איז געזעסן ניט ווייט פון אים.

דער גלח, אָדער דער פּאָפּ איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע נעבן דעם אַרײַנגאַנג פון געריכט און גערעדט מיט דעם סאָלדאַט. ער האָט אים געפרעגט עפּעס וועגן דעם ריכטער. דער רוסישער פּאָפּ האָט געטראָגן אַ פוטערנע היטל פון וועלכער עס האָבן זיך אַרויסגעזען זײַנע לאַנגע שוואַרצע האָר, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט פאַרקעמט. זײַן פּנים וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט אַ קאַלטענוואַטער באָרד איז געווען רויט פון פרעסן און זויפן... אויף זײַן דיקן גוף מיט די ברייטע קאַרקן און גראָבן בויך האָט ער געטראָגן אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל, איבער וועלכן עס איז געהאָנגען מיט אַ לאַנגער קייט אַ הילצערנער שוואַרצער צלם. זײַנע אויגן זײַנען תּמיד געווען פאַרזשמורעט פון צופיל שיכּורן...

ווען דער גלח איז שוין געווען אינעווייניק אין געריכטס־זאַל האָט דער אוראַדניק זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר און געהייסן דעם סטראַזשניק אַרײַנברענגען דעם זאַק מיטן טויטן קערפּער, אינעווייניק אין געריכטס־הויז.

באַלד איז אַרויסגעקומען דער ריכטער, אַ מיטל־יעריקער, קורץ־געוויקסיקער רוס, מיט שוואַרצע לאַנגע וואָנצעס, אָנגעטאָן אין אַן אָפּגעבלאַקירטן אוניפאָרם, וואָס האָט געהאַט עפּאָלעטן. ער האָט זיך געזעצט אויף זײַן פּלאַץ. נעבן אים, פון ביידע זייטן זײַנען געשטאַנען געריכטס־באַאַמטע.

דער אוראַדניק איז צוגעגאַנגען צום ריכטער און ער האָט זיך צו אים אָנגערופן: — מיר האָבן דאָ אַהער געבראַכט אַן אַרעסטאַנט, אַ ייִדן פון דעם דאָרף סוקאָוויבאָרג, וועלכער האָט דערמאָרדעט אַ קריסטלעך ייִנגל, כּדי צו נוצן זײַן בלוט פאַר זײַערע מצות.

— זאָל מען אים צוברענגען אַהער! — האָט דער ריכטער זיך געווענדעט צו די צוויי באַאַמטע.

זיי האָבן חיים יוספן צוגעפירט און אים געלאָזן שטיין נעבן דעם ריכטערס טיש. דער ריכטער האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ פּאַפּיר, נאָכהער האָט ער באַטראַכט חיים יוספן, וועלכער איז געשטאַנען נעבן טיש מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

דער אוראַדניק האָט אויפגעהויבן דעם זאַק מיט דעם טויטן קערפּער און עס צוגעבראַכט נעבן דעם טיש. דער פּאָפּ האָט זיך אויך גענומען דערנענטערן...

— המ... — האָט דער ריכטער אַ קלאַפּ געטאָן מיט זײַן פויסט אין טיש — דו האָסט פאַרנאַרט צו זיך אַ קריסטלעך קינד און אים געהרגעט, כּדי אַרויסצוצאַפּן זײַן בלוט פאַר דײַנע מצות!

— אַ, ניין! עס איז אַ ליגן! מען מאַכט אַ בילבול אויף מיר! — האָט חיים יוסף אויסגערופן.

— דו ווילסט לייקענען, אַז מען האָט ביי דיר אין הויז געפונען אַ טויט קריסטלעך קינד! — רופט זיך אָן דער ריכטער צו אים — זאָג מיר דעם אמת, האָט מען ביי דיר אין הויז געפונען אַ טויט קריסטלעך קינד?

— יאָ, מען האָט געפונען, אָבער דאָס איז אַ בילבול, מען האָט דאָס קינד אונטערגעוואָרפן!

— דו ווילסט מיר איינריידן, אַז מען איז אַריינגעקומען צו דיר אין שלאָפ־צימער און דאָרט באַהאַלטן דעם טויטן קערפּער אונטער דיין בעט? — איז שוין דער ריכטער אויפגערעגט געוואָרן.

— ניין, אָבער...

— זאָג מיר, האָט מען דעם דאָזיקן זאַק מיטן קערפּער געפונען אונטער דעם בעט אין שלאָפצימער? ענטפער מיר, יאָ, אָדער ניין!

— יאָ, אָבער...

— איצט זאָג מיר! — האָט דער ריכטער אים ניט געלאָזט פאַרענ־דיקן — ווער האָט אַריינגעבראַכט דעם זאַק אין דיין שלאָפצימער? אָבער דערצייל דעם אמת!

— איידער איך וועל ענטפערן אויף דעם וואָלט איך געבעטן ביי דעם הער ריכטער דערלויבעניש צו דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון אָנפאַנג אָן — האָט חיים יוסף געזאָגט.

— דערווייל פאָדער איך פון דיר, אַז דו זאָלסט מיר בלויז ענטפערן אויף מיין פראַגע, ווער האָט דעם זאַק אַוועקגעלייגט אונטער דעם בעט אין דיין שלאָפצימער?

— דאָס האָט מיין פרוי געטאָן! — האָט ער געענטפערט.

— האָסטו עס פאַרלאַנגט זי זאָל עס טאָן? — האָט דער ריכטער אים ווייטער געפרעגט.

— יאָ, אָבער...

— דו דאַרפסט מיר ניט געבן קיין ערקלערונג! — האָט דער ריכטער בייז אַ זאָג געטאָן — איך זע דאָך, אַז דו ביסט זיך מודה, אַז דו האָסט דיין ווייב געהייסן באַהאַלטן דעם זאַק מיט דעם טויטן קערפּער!

— ניין, ווען איך האָב געהייסן מיין ווייב באַהאַלטן דעם זאַק, האָב איך געמיינט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ טויטע חיה, אַ ביבער!

— ער זאָגט אַ ליגן! — האָט זיך דער גלח אָפּגערופן — איך ווייס, אַז דער „זשיד" האָט יענעם טאָג געבאַקן מצות פאַר זייער פּאַסכאַ, און עס איז שוין מער ניט קיין סוד, אַז די יידן באַנוצן זיך מיט קריסטלעך בלוט פאַר זייערע מצות! נעכטן אין אָוונט איז צו מיר צוגעקומען אַ פּויער, וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געזען ווי דער ייד, חיים יוסף, האָט מיט עט־לעכע טעג צוריק פאַרנאַרט צו זיך אין הויז אַ קריסטלעך קינד, און זינט דאַן האָט מען דאָס קריסטלעך קינד ניט געזען. ער גלייבט דעריבער, אַז דער ייד האָט דאָס קינד דערמאָרדעט. איך האָב דאָס באַלד איבערגעגעבן דעם או־ראַדניק און מיר זיינען געקומען אין מיטן דער נאַכט און אָנגעהויבן זוכן אין זיין הויז און מיר האָבן געפונען אין זיין שלאָפצימער אונטער דעם בעט אַ זאַק. ווען מיר האָבן אויפגעעפנט דעם זאַק, האָבן מיר דאָרט געפונען דעם טויטן קערפּער פון אַ קריסטלעך יינגל!

דער אוראַדניק האָט אויפגעבונדן דעם זאַק און ער האָט דעם ריכטער גע־ציַיגט אויף דעם טויטן קערפּער.

— דאָס איז דאָך שווידערלעך! — האָט דער ריכטער אויסגערופן — דו וועסט דערפאַר באַצאָלן מיט דיין לעבן!

— איך בין אומשולדיק! — האָט חיים יוסף געשריען — ער מאַכט אויף מיר אַ בילבול!

— שוויג! — האָט דער ריכטער זיך אויף אים אַ בייזער געטאָן — איך האָב דיך איצט גאָרניט געפרעגט. — איצט דערציייל דו, ווי אַזוי איר האָט געפונען דעם טויטן קריסטלעכן יינגל אין זיין הויז? — האָט זיך דער ריכטער געווענדעט צום אוראַדניק.

דער אוראַדניק האָט דערציילט פאַר דעם ריכטער, ווי אַזוי דער פּאָפּ איז צו אים געקומען און האָט אים דערציילט. אַז ער האָט אַ פאַרדאַכט, אַז דער ייד, חיים יוסף, האָט דערמאָרדעט אַ קריסטלעך קינד און זיך באַנוצט מיט זיין בלוט, און דאַן זיינען זיי געקומען צו אים אין הויז און דאָרט גענומען זוכן ביז וואַנען זיי האָבן געפונען דעם זאַק מיטן טויטן קערפּער אין זיין שלאָפצימער...

— און וואו איז דער פּויער, וועלכער האָט דיר דערציילט וועגן זיין פאַרדאַכט? — האָט זיך דער ריכטער געווענדעט צום גלח.

— ווייזט אויס, אַז דער פּויער האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם יידן, און דעריבער איז ער פאַרשוואונדן אַזן שנעל ווי ער האָט עס מיר געזאָגט. — איך האָב אַפילו זיין פּנים גוט ניט געקענט זען צוליב דער טונקלקייט... אָבער וואָס איז דער אונטערשייד, מיר האָבן דאָך ווירקלעך געפונען דעם טויטן קערפּער אין זיין הויז און ער אַליין האָט נאָר וואָס צוגעגעבן, אַז ער האָט אים דאָרט באַהאַלטן... ער האָט געוואָלט זאָגן אַ ליגן, און געמיינט אַז עס וועט זיך אים איינגעבן...

— ביסטו זיך מודה אויף דעם פאַרברעכן? האָט דער ריכטער מיט שטרענגקייט זיך געווענדעט צו חיים יוספן.

— אָ, ניין הער ריכטער! — האָט חיים יוסף אויסגערופן — אויב דער ריכטער וועט מיר דערלויבן, וועל איך דערציילן די גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי דאָס איז געשען.

— לאָמיר הערן וואָס דו האָסט צו דערציילן! — האָט דער ריכטער גע־זאָגט — אָבער געדענק, אַז דו וועסט מיך ניט קענען אָפּנאַרן!

— צו מיר אין הויז פלעגט אַריינקומען אַ יעגער מיטן נאָמען יוזשוק. אָט דער יעגער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט פאַנגען ביבערס ביים טייך ניעמאַן. ווען ער פלעגט אַמאָל דערשיסן אַ ביבער, פלעגט ער עס ברענגען אין גע־היים צו מיר אין הויז און אים פאַרקויפן צו מיר.

— און פאַרוואָס האָט ער באַדאַרפט ברענגען דעם ביבער צו דיר אין געהיים? — האָט דער ריכטער אים —געפרעגט.

— ווייל דער פּרינץ ראַדזיוויל האָט פאַרזאָגט, אַז אַלע געפאַנגענע בי־בערס מוזן אָפּגעשיקט ווערן צו זיין הויף, און ווען מען פלעגט כאַפּן אימיצן

פאַרקויפן אַ ביבער, פלעגט מען באַשטראָפןביידן, אי דעם פאַרקויפער און אי דעם קויפער.

— נו, לאָמיר הערן ווייטער — האָט דער ריכטער געזאָגט.

— לעצטע נאַכט קלאַפּט אָן יוזשוק אין מיין טיר און ער זאָגט מיר, אַז ער האָט געפאַנגען זייער אַ גרויסן ביבער און אַז ער וועט אים צו מיר שפּעטער צוברענגען. שפּעט ביינאַכט, האָט ער אים געבראַכט צו מיר אין הויז. איך האָב אים געוואָלט באַטראַכטן און אים באַצאָלן, האָט מיר יוזשוק געזאָגט, אַז איך זאָל דאָס לאָזן ביז מאָרגן, ווייל ער האָט מורא, אַז אימיצער האָט באַמערקט, און ער האָט מיר געראָטן אַז איך זאָל דעם ביבער באַהאַלטן ביז מאָרגן אין דער פרי. אַ שעה שפּעטער, דערהער איך אַ שטאַרקן קלאַפּן אין טיר, און דאַן הער איך ווי ער זאָגט, אַז דאָס איז דער אוראַדניק פון דאָרף. איך האָב זיך דערשראָקן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז מען האָט אויסגעפונען אַז איך האָב אָפּגעקויפט דעם ביבער ביי יוזשוקן, און ווִיסנדיק, אַז פאַר דעם באַשטראָפט דער פירשט ראַדזיוויל, האָב איך געהייסן מיין פרוי נעמען דעם זאַק מיטן ביבער און אים באַהאַלטן אין אונדזער שלאָפצימער, אונטער דעם בעט. דאַן האָב איך געעפנט די טיר און דער פּאָפּ און דער אוראַדניק מיטן סטראַזשניק זיינען אַריינגעקומען און האָבן געזאָגט, אַז זיי זוכן אַ טויט קריסטלעך קינד. דאַן האָבן זיי געפונען אָט דעם זאַק מיטן טויטן קערפּער... איך שווער ביי גאָט, אַז איך בין אומשולדיק, אַז יוזשוק האָט דעם טויטן קערפּער צו מיר געבראַכט, זאָגנדיק אַז דאָרט געפינט זיך אַ טויטער ביבער!

—איז דער וועלכער האָט דיר דערציילט וועגן טויטן קריסטלעכן קינד געוועזן יוזשוק? — פרעגט דער ריכטער דעם גלח.

— אָ, ניין! איך קען יוזשוקן זייער גוט, און אַפילו ווען איך וואָלט זיין פּנים ניט געזען, וואָלט איך דערקענט זיין שטימע... איך האָב שוין יוזשוקן ניט געזען היפּשע עטלעכע טעג, און מיר דוכט זיך, אַז ער האָט שוין לאַנג אָפּגערייזט פון סוקאָוויבאָרג... דער ייד זאָגט אַ ליגן, ער ווילֿ זיך אַרויס־דרייען, און ער מיינט, אַז דאָס וועט אים העלפן. ער ווייסט שוין, אַז יוזשוק האָט אָפּגערייזט פון דאַנען, האָט ער מיט אַ כיוון אָנגערופן זיין נאָמען, ווייל ער איז דאָך ניטאָ דאָס אָפּצולייקענען.

— דער ייד וועט דערווייל פאַרשפּאַרט ווערן אין טורמע! — האָט דער ריכטער געזאָגט — און איך וויל, אַז דו זאָלסט אויפזוכן יוזשוקן, האָט ער זיך געווענדעט צום אוראַדניק, און מיר וועלן דאַן אים אויספאָרשן און זען ווער עס זאָגט דאָ ליגן.

— איך האָב דאָך שוין געזאָגט, — האָט דער גלח אויסגערופן — אַז דער זשיד זוכט זיך אַרויסצודרייען, דעריבער האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן יוזשוקן, ווִיסנדיק, אַז ער איז דאָך שוין ניטאָ אין דאָרף, וועט ער קענען וואַרפן די שולד אויף אים... ער איז זייער אַ כיטרער יידל, אָט דער חיים יוסף!

— יעדנפאַלס וועלן מיר מאַכן אַ פּאַרזוך אים אויפצוזוכן! — האָט דער ריכטער געזאָגט — איך וועל מיטשיקן מיט דיר נאָך צווײ פּאָליציאַנטן און

זיי וועלן אייך העלפן אים אויפצוזוכן, און אים ברענגען אַהער. אויב ער וועט ביז דעם קומענדיקן מאָנטאָג ניט געבראַכט ווערן, וועל איך אים משפטן.

דער ריכטער האָט געהייסן דערוויל אָפּבינדן חיים יוספן פון די שטריק און שמידן זיינע פיס אין אייזערנע קייטן און אים פאַרשפאַרן אין טורמע. מען האָט אַזוי געטאָן. דער אויפזעער פון טורמע האָט אַריינגעבראַכט צו חיים יוספן שוואַרצע ברויט מיט אַ ליימענעם קריגל וואַסער, און ער האָט צוגעשלאָסן די טיר פון דרויסן.

אין מירץ איז דערוויל אָנגעקומען יהושע, חיים יוספס זון, מיט זייער אַלטן, געטרייען דינער, גאַווריללאַ. ער איז גלייך פאַרפאָרן אין דער יידישער קרעטשמע. דאָרט האָט מען שוין געוואוסט פון דעם אומגליק וואָס איז באַפאַלן דעם אַרענדאַר חיים יוספן.

— איך זאָג אייך, ר׳ יהושע, — האָט דער יידישער קרעטשמער זיך אָנגערופן — ווען מיר האָבן געזען ווי אַזוי מען פירט אַריין אייער טאַטן אַ געבונדענעם אין געריכט־הויז, האָבן מיר אַלע געוויינט... ווי קומט עס, אַז מען זאָל מאַכן אַ בילבול אויף אים!

— דער פּאָפּ ימח שמו, האָט גענומען נקמה אָן מיין טאַטן, ווייל ער האָט אים ניט געוואָלט געבן בראָנפן אויף באָרג, נאָכדעם ווי ער האָט אים ניט באַצאָלט פאַר דעם גאַנצן ווינטער, וואָס ער האָט זיך אָנגעזויפט מיט בראָנפן, און יעדעס מאָל געהייסן דאָס פאַרשרייבן אין ביכל... גיט מיר בעסער אָן עצה וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו ראַטעווען מיין טאַטן!

דער קרעטשמער האָט זיך אַ ווייַלע פאַרטראַכט און געזאָגט:

— עס איז זייער שווער אייך צו געבן אָן עצה, ווייל דער ריכטער איז אַליין אַ גרויסער שונאי ישראל, און עס איז גאַנץ שווער צו אים צוצוקומען. אָבער איך קען אַ גוי, וועלכער קומט אַריין צו מיר גאַנץ אָפט פאַר אַ טרונק בראָנפן. ער זאָגט, אַז ער קען זיך זייער גוט מיט דעם ריכטער פון דעם קרימינאַלן געריכט. אפשר וועט מען דורך אים עפּעס קענען אויפטאָן. עס וועט דאַרפן קאָסטן עטלעכע גילדן, אָבער זאָל עס אויסגיין צו דעם געלט.

— איך וועל אים געבן וויפיל מען וועט דאַרפן, נאָר ער זאָל זען, אַז מען זאָל באַפרייען מיין טאַטן! — האָט יהושע מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט — —ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק, און גראָד איצט, פאַר אַ יום טוב!...

דער קרעטשמער האָט אויפגעזוכט דעם גוי, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר דעם געלערנטסטן פון גאַנצן שטעטל מירץ, ווייל ער האָט געקענט אָנשרייבן אַ פּראָשעניע ווען מען האָט באַדאַרפט און פון דעם פלעגט ער פאַרדינען אַ היפשע מטבע.

יהושע איז מיט אים אַריין אין אַ באַזונדערן צימער און ער האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

— דער איינציקער וועג ווי צו ראַטעווען דיין טאַטן — האָט דער גוי געזאָגט — איז אויפצוזוכן יורשוקן, און אים צווינגען זיך מודה צו זיין.

— ווי אַזוי קען מען אים צווינגען? — האָט יהושע געפרעגט — ער וועט דאָך גרוויס לייקענען, בפרט ווען ער ווייסט, אַז דער פּאַפּ איז מיט אים.

— מען וועט שוין געפינען אַ וועג! — האָט ער געזאָגט — וויבאַלד אַז ער האָט דאָס ווירקלעך געטאָן, וועט ער זיך פריער אָדער שפּעטער מוזן מודה זיין... עס וועט אָבער דיר קאָסטן אַ היפּשע סומע געלט, ווייל איך וועל שוין דאַרפן זען, אַז די וועלכע וועלן זיך אַרויסלאָזן אים אויפצוזוכן, זאָלן קריגן זייער באַלוינונג. גלייב מיר, אַז ווען איך וואָלט געהאָט דעם מינדסטן צווייפל אין דער אומשולד פון דיין פאָטער, וואָלט איך זיך דאָס ניט אונ־טערגענומען צו טאָן. איך אַליין גלויב ניט אין אָט דער נאַרישער באַשולדי־קונג, אַז יידן ברויכן קריסטלעך בלוט פאַר זייער פּאַסכאַ, און איך בין זיכער, אַז יוזשוק האָט דאָס געטאָן, ווייל אימיצער האָט אים דערצו אָנגערעדט... יאָ, אויב עס וועט געלונגען אויפצוזוכן יוזשוקן, איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז מען וועט דיין פאָטער באַפרייען, אָבער אויב ער איז ערגעץ פאַרשוואונדן און מען וועט אים ניט געפינען, האָב איך מורא, אַז די אויסזיכטן זיינען ניט קיין גוטע פאַר דיין פאָטער...

יהושע האָט געהאָט מיט זיך הונדערט גילדן וואָס דאָבע, זיין מוטער, האָט אים מיטגעגעבן. ער האָט דעם גוי געגעבן פופציק גילדן, און יענער האָט זיך געזען מיט די צוויי פון דער פּאָליציי, און זיי געגעבן עטלעכע גילדן און זיי צוגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלן אויפזוכן יוזשוקן וועלן זיי קריגן נאָך.

דערווייל זענען אַריבער די פּאָר טעג, און פון יוזשיקן איז קיין שפּור ניט געווען. עס איז אָנגעקומען דער שבת, און יהושע האָט מער גאָרניט געקענט טאָן.

דער גלח איז פאַרבליבן אין מירץ ביז דעם משפּט. ער האָט זיך געזען מיט אייניקע פון דער פּאָליציי און ער האָט זיי געזאָגט, אַז דער אייניציקער מיטל דער ייד חיים יוסף זאָל זיך מודה זיין אין דעם פאַרברעכן איז, אים צו פּייניקן.

די פּאָליציי האָט זיך דעריבער גענומען צו חיים יוספן, און מען האָט אים גענומען פּייניקן. דער בלוט־דורשטיקער קרימינאַל ריכטער איז געווען דערביי ווען מען האָט אים געפּייניקט. ער אַליין האָט נאָך געהייסן אים פּייניקן מיט די אכזריותדיקע עינויים. חיים יוסף האָט זיך געקאָרטשעט פון יסורים. ער האָט געוויינט און זיך געבעטן ביים ריכטער, אַז מען זאָל אים אויפהערן צו פּייניקן.

— אויב דו וועסט זיך מודה זיין, אַז דו האָסט געטויטעט דעם קריסטלעך קינד, וועט מען דיר מער ניט פּייניקן, און איך וועל זען אַז דיין שטראָף וועט זיין קלענער ווי דו האָסט פאַרדינט — האָט דער ריכטער אים געזאָגט.

— איך בין אומשולדיק! דער פּאַפּ איז אויף מיר אין כעס געוואָרן וואָס איך האָב אים מער ניט געוואָלט געבן קיין בראָנפן אויף באָרג, האָט ער דאָס אָפּ־געמאַכט מיט יוזשיקן, ער זאָל מיך אָפּנאַרן און אַריינברענגען אַ טויט קינד אָנשטאָט אַ ביבער...

— דו זאָגסט ליגן! — האָט זיך דער ריכטער צעקאָכט — דו ווילסט זיך אַרויסדרייען, דערפאַר זוכסטו צו וואַרפן דעם בילבול אויף דעם פּאַפּ! אָבער ניין, דו וועסט דיין שטראָף באַקומען, און אויב דו וועסט זיך ניט מודה זיין, וועט דיין שטראָף זיין נאָך גרעסער.

דער ריכטער האָט ווייטער געהייסן אים פּייניקן, און מען האָט אים אויס־געטאָן האַלב נאַקעט און געשמיסן מיט ריטער אויף זיין נאַקעטן לייב, אָבער חיים יוסף איז געבליבן פעסט ביי דאָס זייניקע, אַז זיין איינציקע שולד באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אָפּקויפן אַ ביבער ביי דעם יעגער יוזשיק.

ווען חיים יוסף איז געבליבן ליגן אָן אָפּגעשוואַכטער אויף דעם באָדן פון די קלעפּ און פּייניקונגען וואָס מען האָט אים געגעבן, האָט דער ריכטער געהייסן אים צוריק אַריינפירן אין זיין קאַמער אין טורמע, ביז וואַנען ער וועט קומען צו זיך.

אויף מאָרגן האָט מען זיך ווידער גענומען צו אים, מען האָט אים נאָך מער געפּייניקט און פון אים געפאָדערט ער זאָל זיך מודה זיין, אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן.

מאָנטאָג אין דער פרי האָט מען אַרויסגעפירט חיים יוסף פון זיין קאַמער, און אים אַריינגעבראַכט אין געריכטס צימער. חיים יוסף פּנים איז געווען טויט בלאַס. זיין לייב איז געווען צעקיילט און צעביילט פון די קלעפּ וואָס מען האָט אים געגעבן. ער האָט קוים געהאַט כּח צו שטיין אויף די פיס.

דער ריכטער האָט ווידער אַמאָל פאָרגעלייענט די באַשולדיקונג קעגן דעם יידישן אַרענדאַר. ער האָט אים געפרעגט אויב ער איז זיך מודה און חיים יוסף האָט אויסגערופן: „ניין, איך בין אומשולדיק! מען מאַכט אַ בילבול אויף מיר!"

דאַן האָט ער ווידער צוגערופן דעם גלח אַלס עדות. דער גלח האָט זיך געשטעלט פונקט קעגנאיבער חיים יוספן, און ער האָט גענומען טייטלען מיט זיין פינגער אויף אים, זאָגנדיק, אַז ער האָט שוין פון לאַנג פאַרדעכטיקט, אַז אָט דער זשיד ברענגט אום קריסטלעכע קינדער יעדן יאָר קורץ פאַר פסח, אָבער דעם מאָל האָט מען אים געכאַפּט ביי דער האַנט, און גראָד אין דעם טאָג וואָס ער האָט געבאַקן זיינע מצות, האָט מען דעם טויטן קריסטלעכן קינד געפונען באַהאַלטן אין זיין שלאָפצימער אונטער דער בעט. ער האָט געוויס געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט דעם קערפּער צו פאַרברענען, כּדי אָפּצוואַשן אַלע שפּורן.

— וויפל קריסטלעכע קינדער האָסטו שוין אין דיין לעבן אומגעבראַכט, כּדי זיך צו באַנוצן מיט זייער בלוט פאַר די מצות? — האָט זיך דער ריכטער מיט שטייפקייט און זיין שטימע זיך צו אים געווענדעט.

— ניט איך און ניט מיינע ברידער זענען מערדער — האָט חיים יוסף מיט אַ שוואַכער שטימע געזאָגט — אונדזער אמונה פאַרבאָט אונדז צו עסן אַפילו דאָס בלוט פון בהמות, און דערפאַר ווייקן מיר און מיר זאַלצן די פלייש וואָס מיר געברויכן צו עסן, עס זאָל ניט פאַרבלייבן קיין בלוט!

— די יידן האָבן געקרייציקט אונדזער גאָט און פאַרגאָסן זיין בלוט! — האָט דער גלח אויסגערופן — און זינט דאַן געברויכן זיי קריסטלעך בלוט! איך ווייס עס!

— אַלע ווייסן, אַז טייכן יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן דורך די קריסטן און די וועלכע זאָגן, אַז יידן פאַרגיסן קריסטלעך בלוט זיינען ליגנער! — האָט חיים יוסף אויסגערופן מיט ביטערקייט.

ער האָט געפילט, אַז ער האָט שוין ניט וואָס צו פאַרלירן. ער איז דאָך

אין זייערע הענט, און וויבאַלד אַז זיי ווילן אים צווינגען ער זאָל זיך מודה זיין, וועלן זיי דאָך אים אַלץ איינס ווייטער פּייניקן, דעריבער האָט ער זיך שוין אויפגעהערט צו שרעקן.

— ווי וואַגסטו צו ריידן אַזוי! — איז דער ריכטער אויפגעשפּרינגען פון פּלאַץ און אַרונטערגעלאָזט אַ פּאַטש חיים יוספן, און פון זיין פּנים האָט גענומען רינען בלוט. — זאָל מען אים נאָך פּייניקן ביז וואַנען ער וועט זיך מודה זיין, און אויב ער וועט בלייבן פאַרעקשנט, וועל איך אַרויסגעבן מיין אורטייל, אַז ער זאָל מאָרגן געהאַנגען ווערן.

עס איז געווען דאָס דריטע מאָל וואָס זיי האָבן אים גענומען פּייניקן. דער פּאָפּ איז דערביי געשטאַנען און אַליין געהייסן אים נאָך מער פּייניקן, דערוואַרטנדיק, אַז אָט, אָט, וועט ער זיך מודה זיין, אָבער חיים יוסף האָט די יסורים אַריבערגעטראָגן און ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

4

דער גוי וועמען יהושע האָט געגעבן די פּופּציק גילדן אויף אַ דערויף אויפצוזוכן יוזשוקן, האָט געהאַט אַ סך באַאַקנטע צווישן די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. ער אַליין האָט אויך געקענט יוזשוקן, און ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער שיכּור, ער האָט דעריבער אָנגעזאָגט די צוויי פּאָליציאַנטן, אַז זיי זאָלן אים אַרומזוכן אין די פאַרשיידענע שענקען. ער אַליין האָט אויך אָוועקגעריטן אויף זיין פערד און אים אַרומגעזוכט. ער האָט זיך אומגעקערט מיט ליידיקן צו דער קרעטשמע וואו יהושע איז איינגעשטאַנען.

— דערווייל האָבן מיר ניט קיין שפּור פון יוזשוקן — האָט דער גוי זיך אָנגערופן צו יהושען — איך האָב נאָך אויך גאָרניט געהערט פון די פּאָליציי־לייט, וועלכע זוכן אים אַרום.

— היינט, מאָנטאָג, וועט דער ריכטער אַרויסגעבן זיין אורטייל! — האָט יהושע מיט טרויער געזאָגט — אויב ער וועט ניט געבראַכט ווערן איידער דער ריכטער וועט אים פאַרמשפּטן, קען דאָך שוין זיין צו שפּעט, חלילה...

— דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געקענט טאָן! — האָט דער גוי געזאָגט — אָבער פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז אַפילו ווען דער ריכטער זאָל אַרויסגעבן אַן אורטייל פון טויט־שטראָף אויף דיין פאָטער, וועט מען אים אויך ניט גלייך הינריכטן, און אויב יוזשוק וועט זיך אָפּזוכן נאָכדעם ווי דער אורטייל וועט זיין אַרויסגעגעבן, און ער וועט זיך דאַן מודה זיין, וואָלט דיין פאָטער געראַטעוועט געוואָרן...

היפּשע עטלעכע יידן פון מירץ זיינען געווען אין קרעטשמע צו ריידן מיט יהושען און זיך באַראַטן מיט אים וואָס צו טאָן, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען זיין פאָטער.

ווען עס וואָלט נאָר מעגלעך געווען אים צו נותנ'ען אין יד אַריין וואָלט מען זיך שוין ווי עס איז אָן עצה געגעבן — האָט איינער פון די באַ־זוכער געזאָגט — אָבער ער איז אַזאַ שונא ישראל, אַז ווען מען זאָל אים געבן עפּעס, וואָלט ער געוואָרן אָן אָנגעצונדענער...

— אָט ברענגען זיי יוזשוקן! — האָט דער קרעטשמער אָנגעזאָגט די בשורה צו יהושען. יהושע איז שנעל אַרויס אין דרויסן און ער האָט דערזען ווי די צוויי פּאָליציאַנטן פירן אַריין יוזשוקן.

— וואו האָט איר אים געפונען! האָט דער גוי זיך געווענדעט צו זיי.

— אין אַ שענק וואָס איז אין אַ דאָרף ניט ווייט פון דאַנען! — האָט איינער פון די פּאָליציאַנטן געזאָגט.

— נו, איצט דאַרפסטו מיר געבן די אַנדערע פופציק גילדן, — האָט דער גוי געזאָגט.

— איך וועל דיר זיי גלייך געבן, אָבער ווי אַזוי וועט מען אים ברענגען פאַר דעם ריכטער?

— וועגן דעם דאַרפסטו ניט זאָרגן. איצט אַז ער געפינט זיך אין אונ־דזערע הענט, וועט מען אים גלייך אַוועקפירן צום ריכטער פון קרימינאַל־געריכט. דאָרט וועט מען שוין וויסן ווי אַזוי פון אים אַרויסצוקריגן אַ ווידוי.

ווען דער קרעטשמער האָט באַמערקט, אַז יהושע קווענקלט זיך אים צו געבן דאָס געלט איידער יוזשוק וועט געבראַכט ווערן אין געריכטס־הויז, האָט אים דער קרעטשמער אין דער שטיל געהייסן אים גלייך באַצאָלן.

— ער איז אַן ערלעכער גוי און איר וועט אים דאַרפן גלייבן אויפן וואָרט... — האָט ער געזאָגט — אויב איר וועט פאַרהאַלטן זיין געלט, וועט איר דערמיט אַרויסצייגן צו אים אומצוטרוי, און דאָס וועט קאַליע מאַכן.

יהושע האָט אים גלייך דערלאַנגט די אַנדערע פופציק גילדן. די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן געפירט יוזשוקן מיט זיינע הענט געבונדן אויף הינטען. יהושע און דער גוי זענען נאָכגעגאַנגען ביז וואַנען זיי זענען צוגעקומען צום געריכט־הויז. יהושע איז געבליבן שטיין אין דרויסן און דער גוי איז אַריינגע־קומען אין געריכט־הויז.

דער ריכטער האָט מיט אַ שעה צוריק שוין אַרויסגעגעבן זיין אורטייל, אַז חיים־יוסף, דער אַרענדאַר פון סוקאָוויבאָרג, איז שולדיק אין ערמאָרדן אַ קריסטלעך יינגל, כדי זיך צו באַנוצן מיט זיין בלוט אויף פסח. זיין אורטייל איז געווען, אַז מען זאָל דעם יידן אויפהענגען די קומענדע וואָך אין מיטן מאַרק, וואָס זאָל דינען אַלס אָנלערנונג צו די אַנדערע יידן, אַז זיי זאָלן מער ניט מאָרדן קיין קריסטלעכע קינדער...

דער גלח איז געווען אויסערגעווענלעך צופרידן פון דעם דאָזיקן אורטייל. ער האָט שוין באַשלאָסן צו וואַרטן ביז דער קומענדער וואָך, כדי מיט זיינע אויגן צו זען ווי דער ייד, חיים יוסף, וועט אויפגעהאָנגען ווערן. ער איז אַרויס פון געריכט און איז גלייך אַריין אין אַ דערבייאיקן שענק און זיך גוט אָנגע־שיכּורט.

ווען מען אַט אָנגעזאָגט דעם ריכטער, אַז מען האָט אויפגעזוכט יוזשוקן, איז ער באַלד אַרויסגעקומען פון זיין צימער.

— האָסטו אונטערגעוואָרפן דעם קערפּער פון אַ קריסטלעך קינד אין דעם הויז פון דעם יידן חיים יוסף? — האָט זיך דער ריכטער געווענדעט צו יוזשוקן.

— אַ, ניין! — האָט זיך יוזשוק גענומען צלמען — ווי קום איך צו טאָן אַזאַ זיך!

— קענסטו דעם יידן חיים יוסף? — פרעגט אים דער ריכטער.

— המ... איך קען אים.

— פלעגסטו מיט אים האַנדלען?

— זייער זעלטן! — ענטפערט יוזשוק.

— פלעגסט אים פאַרקויפן ביבערס?

— קיינמאָל ניט!

— דו ביסט אַ ליגנער! האָט דער ריכטער אויף אים אַ געשריי געטאָן — אַלע ווייסן, אַז דו ביסט אַ יעגער און אַז דו פאַרקויפסט פון צייט צו צייט פעלען מיט ביבערס! זאָג דעם אמת, האָסטו אים ניט פאַרקויפט אַ ביבער מיט עטלעכע טעג צוריק? אויב דו וועסט זאָגן אַ ליגן, וועסטו קריגן אַ גרויסע שטראָף!

— המ... יאָ, איך האָב אים פאַרקויפט אַ ביבער!

— טאָ פאַרוואָס האָסטו מיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז דו האָסט אים קיינמאָל ניט פאַרקויפט קיין ביבערס! — איז שוין דער ריכטער אויפגערעגט געוואָרן.

— ווייל איך ווייס, אַז דער פריץ באַשטראָפט דעם, וועלכער פאַרקויפט ביבערס, האָב איך מורא געהאַט צוצוגעבן, אַז איך האָב אים פאַרקויפט אַ ביבער! — האָט יוזשוק זיך געזוכט אַרויסצודרייען.

— וואו האָסטו גענומען דעם טויטן קערפּער פון אַ קריסטלעכן יינגל? — האָט דער ריכטער אים פלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— אַ, ניין, כ'ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן! איך האָב קיינמאָל ניט געזען קיין טויטן קערפּער... איך מיין, אַז איך האָב אַריינגעבראַכט צו חיים יוספן אין הויז אַ טויטן קערפּער!

דער ריכטער האָט שוין גלייך געקענט דערקענען אָן יוזשיקס רייד, אַז ער איז שולדיק. און ווי שטאַרק זיין שנאה איז געווען צו יידן, האָט ער דאָך באַלד איינגעזען, אַז דער ייד איז געווען גערעכט, אַז דאָס האָט מען אים אונטערגעוואָרפן אַ טויט קינד. ער האָט דעריבער געגעבן אַ וואונק צו די צוויי זעלנער, וועלכע זענען דאָרט געשטאַנען און זיי געהייסן זיך נעמען צו אים.

איין זעלנער האָט באַלד פון אים אַרונטערגענומען זיין פעלצל, און נאָכדעם זיין מאַרינאַרקע ביז זיין לייב האָט זיך אַרויסגעזען. דער צווייטער זעלנער האָט געהאַלטן אַ נאַגייקע, און מען האָט אים גענומען דערלאַנגען. יוזשוק האָט זיך גענומען דרייען און קורטשען און שרייען פון יסורים:

— שלאָגט מיך מער ניט! איך וועל דערציילן דעם גאַנצן אמת! יעזי באָהו!" האָט ער זיך גענומען ווידער צלמען.

— פירט אים צו צו מיר — האָט דער ריכטער געזאָגט.

די צוויי זעלנער האָבן אים צוגעבראַכט צום ריכטער. יוזשוק איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און האָט סקאַוואוטשעט ווי אַ הונט.

— נו איצט וועסטו שוין דערציילן דעם גאַנצן אמת! — האָט דער ריכטער אויף אים אַ געשריי געטאָן.

— יאָ, יאָ, איך וועל דערציילן דעם גאַנצן אמת.

— דערצייל! אָבער אויב איך וועל אויסגעפינען אַז דו זוכסט עפּעס צו פאַרבאַרגן, וועלען זיי דיר אַזוי פאַרשמייסן, אַז דו וועסט שוין קיין לעבעדיקער ניט אַרויסקומען.

— איך בין דעם לעצטן מיטוואָך געווען ביים ברעג טייך ניעמאַן, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קענען פאַנגען אַ ביבער און אים פאַרקויפן. פּלוצלינג באַמערק איך פון ווייטן אויף דער טראָסטשינע ליגט עפּעס אַ זאַך. איך בין צו־געקומען נענטער און איך האָב געזען אַ טויטן קערפּער פון אַ קריסטלעך יינגל. איך האָב גלייך גענומען דעם קערפּער און אים געבראַכט אין דאָרף צו באַ־גראָבן. איך האָב דעם קערפּער איבערגעלאָזן ערגעץ און געגאַנגען צום פּאָפּ, ער זאָל מיר העלפן באַגראָבן דעם קריסטלעכן טויטן קערפּער. ווען ער האָט דערהערט, אַז איך האָב געפונען אַ דערטרונקענעם קריסטלעכן יינגל און אַז איך וויל אים באַגראָבן, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— מיר ווייסן ניט ווער דער יינגל איז. אַלץ וואָס דו קענסט זען איז, אַז ער איז אַ קריסטלעך יינגל. דעריבער וועלן מיר ניט פאַרזאַמען אים צו באַ־גראָבן... האָסטו דען ניט געהערט, אַז די יידן זענען אַ פאַרדאַרבן פאָלק, און אונדזער גאָט האָט זיי אויף אייביק פאַרשאָלטן. זיי האָבן געקרייציקט אונדזער האַר יעזוס קריסטוס, און ביז היינטיקן טאָג זוכן זיי קריסטלעך בלוט, און ווען זיי קענען נאָר, ערמאָרדן זיי קריסטלעכע קינדער און באַנוצן זייער בלוט פאַר זייער פּאַסכאַ, אַלס אָנדענק וואָס זיי האָבן געקרייציקט אונדזער גאָט טאַטע פאַר זייער יום־טוב פּסח! דעריבער וועסטו טאָן זייער גוטע זאַך, אויב דו וועסט נעמען אָט דעם טויטן קערפּער און אים אונטערוואַרפן אין הויז פון אָט יענעם פאַרשאָלטענעם יידן חיים יוסף, דעם אַרענדאַר.

דער פּאָפּ האָט מיר דאָן געגעבן צען גילדן און געזאָגט:

— דו וועסט זיך דערווייל דאַרפן אויסבאַהאַלטן אויף עטלעכע טעג. ביז וואַנען מען וועט דעם יידן פאַרמשפּטן צום טויט און אים הינריכטן...

— און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט אים, דעם יידן, ניט טויטן פאַר דעם?

— האָב איך געפרעגט דעם פּאָפּ — ער וועט דאָך קענען אויסזאָגן אויף מיר.

— אויב דאָס וועט געשען, וועסטו אינגאַנצן דאַרפן פאַרשווינדן פון דאַנען!

— האָט ער מיר געזאָגט — איך וועל דיך זען געבן נאָך אַ ביסל געלט און דו וועסט קענען פאַנגען חיות ערגעץ אַנדערש.

— איצט דערצייל ווי אַזוי דו האָסט דעם יידן אָפּגענאַרט און אים געגעבן אַ טויטן קערפּער אַנשטאָט אַ ביבער! — האָט דער ריכטער צו אים געזאָגט.

איך האָב צוגעוואַרט ביז וואַנען עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. דאָן האָב איך דעם טויטן קערפּער פאַרבונדן אין אַ זאַק. איך האָב עס גוט פאַר־

בונדן, עס זאָל אים ניט אָנקומען לייכט דאָס צו עפענען. דאַן האָב איך אָנ־געקלאַפּט ביי אים אין טיר און איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אים צו פאַרקויפן אַ גרויסן ביבער. ער האָט דעם זאַק גענומען און אים געוואָלט עפענען צו זען די חיה, האָב איך אים געזאָגט, אַז אַזוי ווי עס איז איצט זייער שפּעט דאַרף ער מיר איצט ניט באַצאָלן. איך וועל קומען צו אים מאָרגן אין דער פרי און דאַן וועט ער מיר באַצאָלן. גלייך נאָכדעם ווי איך האָב דעם טויטן קערפּער איבערגעלאָזן ביי חיים יוספן אין הויז בין איך אַוועק צום פּאָפּ און אים געזאָגט, אַז דער טויטער קערפּער געפינט זיך אין דעם הויז פונעם יידן. דער פּאָפּ האָט מיר געגעבן נאָך עטלעכע גילדן און מיר געהייסן גלייך אַוועקגיין פון דאָרף און וואַרטן ביז וואַנען ער וועט מיר לאָזן וויסן, אַז איך קען זיך שוין צוריקקערן. דאַן איז ער אַוועק צום אוראַדניק און אים דערציילט, אַז דער ייד האָט געטויטעט אַ קריסטלעך קינד צו צאַפּן זיין בלוט פאַר זייער פּאַסכאַ...

— זאָל מען דעם אויסוואורף אָפּציילן צוואַנציק שמיץ מיט די ריטער: — האָט דער ריכטער אויסגערופן.

די זעלנער האָבן זיך ווידער גענומען צו יוזשוקן... דער ריכטער האָט דאַן געהייסן אַרויסלאָזן חיים יוספן פון טורמע און אים באַפרייען.

ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזן פון טורמע איז חיים יוסף געווען זייער אָפּגעשוואַכט פון די פּייניקונגען, וואָס מען האָט אים געפּייניקט.

— מען האָט געפונען יוזשוקן און ער האָט זיך מודה געווען! — האָט דער ריכטער אַ זאָג געטאָן צו חיים יוספן און ער האָט זיך אַפילו ניט פאַר־ענטפערט פאַר די אומזיסטע ענויים וואָס מען האָט אים, חיים יוספן פאַר־אורזאַכט.

דערווייל האָט אימיצער אָנגעזאָגט דעם גלח, אַז מען האָט געכאַפּט יו־זשוקן און מען האָט אים אַוועקגעפירט אין געריכט־הויז. ער האָט זיך דער־שראָקן טאָמער וועט יוזשוק זיך דערשרעקן און דערציילן דעם אמת, איז ער שנעל געלאָפן אין געריכט־הויז. ווען ער איז אַריינגעקומען אינעווייניק, האָט ער געזען ווי יוזשוק ליגט אויסגעצויגן אויף דער באַנק און צוויי זעלנער שטייען פון ביידע זייטן באַנק מיט ריטער אין זייערע הענט און זיי שמייסן אים... ניט ווייט פון יענעם פלאַץ איז געשטאַנען דער ייד, חיים יוסף, וועל־כער האָט גענומען אָנטאָן זיין מאַנטל.

— איך ווייס שוין דעם גאַנצן אמת! — האָט דער ריכטער זיך געווענדעט צום גלח — דו מעגסט זיך שעמען אָפּצוטאָן אַזאַ שענדלעכע טאַט! און דו, אַ הייליקער פּאָפּ!... ווען דו וואָלסט ניט געטראָגן דעם צלם וואָלסטו אויך באַדאַרפט קריגן די זעלבע שמיץ... שעמען מעגסטו זיך!

דער פּאָפּ האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון געריכט־הויז. יהושע און די אַנדערע, וועלכע זיינען געשטאַנען ניט ווייט פון געריכט־הויז האָבן, דער־זעענדיק ווי דער פּאָפּ גייט אַרויס אַ דערשלאָגענער, שוין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געכאַפּט אַ מפּלה.

ווי גרויס איז געווען יהושעס פרייד, ווען ער האָט געזען זיין פאָטער

אַרויסקומענדיק פון געריכט־הויז. ער איז צו אים צוגעלאָפן און אים גע־נומען האַלדזן און קושן. די אַנדערע יידן האָבן געדריקט חיים יוספס האַנט.

— געלויבט איז גאָט! — האָט חיים יוסף אויסגערופן — ער האָט מיט מיר געטאָן אַ גרויסן נס! איך האָב געמיינט, אַז דער סוף איז געקומען. דער ריכטער איז אַ גרויסער שונא ישראל, אָבער ער האָט באַלד איינגעזען, אַז יוזשוק האָט עס געטאָן און ער האָט זיך טאַקע באַלד מודה געווען.

— זאָל גאָטס נאָמען זיין געבענטשט! — האָט יהושע געזאָגט — ער האָט אַרויסגעוויזן זיין חסד וואָס איז געלונגען צו כאַפּן יוזשוקן אין צייט און ברענגען אים אַהער.

יהושע האָט גלייך אָװעקגעפירט זיין פאָטער אין דער קרעטשמע, וואו ער האָט געגעסן און געטרונקען ביז וואַנען ער איז ביסלעכוויז צו זיך געקומען. דער אַלטער גאַווריליאַ איז אויך געווען אויסער זיך פון פרייד. ער האָט גע־שפּאַנט דעם וואָגן און זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, אין דאָרף סוקאָווי־באָרג.

עס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן די פרייד פון דאָבען און רבקהן, ווען זיי האָבן דערזען אויך חיים יוספן אין דעם וואָגן. מען האָט זיך געהאַלדזט און געקושט, געוויינט און געלאַכט פון גרויס שמחה.

דער קליינער שלמהלע איז אויך אַרויס אין דרויסן און חיים יוסף האָט אים אַ הויב געטאָן און גענומען קושן.

— מיין קינד, צוליב דיין זכות, צוליב דעם זכות פון דער תּורה וואָס דו לערנסט, האָט דער רבונו של עולם מיט מיר אַ נס געטאָן, און מיך גע־ראַטעוועט פון די גויאישע הענט.

— דו וועסט דאַרפן בענטשן גומל, זיידע! — האָט שלמהלע זיך אָנגע־רופן.

— יאָ, דו ביזט גערעכט! — האָט יהושע געזאָגט צו זיין זון — אם ירצה השם אויף דעם קומענדן שבת וועלן מיר אַלע אָפּרייזן קיין מירץ און מיר וועלן דאַוונען דאָרט אין דעם בית המדרש און דער טאַטע וועט בענטשן גומל...

זלאַטקע און דער אורח נפתּלי זיינען אויך באַלד אַרויסגעקומען און האָבן אַרויסגעוויזן זייער גרויסע פרייד ווען זיי האָבן דערזען חיים יוספן. זיי זיינען אַלע אַריינגעקומען אין הויז און חיים יוסף האָט פאַר אַלעמען דער־ציילט מיט אַלע איינצלהייטן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט די עטלעכע טעג זינט לעצטן דאָנערשטאָג, ווען מען האָט אים געפירט אַ געבונדענעם קיין מירץ און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון די ריכטער.

יהושע האָט דאַן דערציילט ווי אַזוי ער האָט געקראָגן אַן ערלעכן גוי, וועלכער האָט פאַר געלט זיך אונטערגענומען אויפצוזוכן יוזשוקן, און ווי מען האָט יוזשוקן געבראַכט פאַרן ריכטער.

— גאָט ווייסט וואָס עס וואָלט געשען ווען עס געלינגט אונדז ניט צו פאַקן יוזשוקן — האָט יהושע צוגעגעבן.

אין אָנדענק פון דעם גרויסן נס וואָס עס איז געשען מיט זיין פאָטער האָט

יהושע פּאַראַפראַזירט אַ שיר אין העברעאיש, אין וועלכן ער דערציילט אין גראַ־מען די גאַנצע געשיכטע פון דעם בלוט־בילבול, און ווי אַזוי זיין פּאָטער, חיים יוסף, איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. ער האָט דאָס ליד אָנגעשריבן מיט געדרוקטע אותיות אויף אַ פּאַרמעט, און ער האָט געזאָגט, אַז אָט דער טאָג זאָל אַלע יאָר געפייערט ווערן פון זיין גאַנצער משפּחה, און אין דעם טאָג וואָס ער איז געראַטעוועט געוואָרן זאָל די גאַנצע משפּחה זיך צוזאַמענקלייבן ביי זיי אין הויז און דאַן זאָל מען פאַרלייענען דעם דאָזיקן שיר ווי מען לייענט די מגילה אום פּורים.

5

דורך די עטלעכע טעג וואָס דער אורח נפתלי איז פאַרבליבן דער איינ־ציקער מאַנסביל אין הויז, איז זלאַטקע נאָך מער צוגעבונדן געוואָרן צו אים. איר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן ווי ער דאַוונט מיט אַזוי פיל פייער און התלהבות, ווי ער זינגט און מאַכט זיינע באַוועגונגען ווען ער דאַוונט אַפילו דער זיבן־יעריקער שלמהלע איז צו אים געוואָרן מער צוגעלאָזן און ער פלעגט אים בעטן ער זאָל דערציילן די וואונדער־מעשיות פון דעם הייליקן צדיק ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

דער אופן ווי אַזוי נפתלי האָט זיך אויפגעפירט פרייטאָג צו נאַכט איז דעם גאַנצן שבת, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף שלמהלען און ער האָט מיט פיל נייגעריקייט זיך צוגעהערט צו די אַלע ניסים ונפלאותדיקע מעשיות וואָס ער האָט דערציילט.

זלאַטקע האָט אַרויסגעוויזן אַ סך התפּעלות, און זי האָט געשאָקלט מיט איר קאָפּ אים צו צייגן, אַז זי גלייבט אַלץ וואָס ער דערציילט.

דאָבע און רבקה זיינען אָבער געווען אַזוי שטאַרק פאַרטרויערט און באַ־זאָרגט וועגן חיים יוספן, אַז זיי איז גאָר ניט געלעגן אין זינען זיך צוצוהערן צו זיינע מעשיות. זיי זיינען אָבער אויך געווען שטאַרק צופרידן וואָס ער איז פאַרבליבן מיט זיי, ווייל אָן אים וואָלט געווען אַ סך אומעטיקער אין הויז.

שלמהלע אַליין האָט ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן פון דעם מאָדנעם אורח. זיין גאַנצע אויפפירונג, דער אופן ווי ער דאַוונט, זיינע וואונדערלעכע מעשהלעך וואָס ער דערציילט מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג וועגן די חסידישע רביים, האָט געוואונען זיין יונג הערצל. אין דער זעלבער צייט אָבער, זיי־נען געווען פיל זאַכן וואָס נפתלי האָט געטאָן וואָס זיין יונגער שכל האָט זיי ניט געקענט באַגרייפן. ער האָט שוין געוואוסט אַז ער איז אַ חסיד, און ביי אים איז אויסגעקומען אַז אַ חסיד דאַרף אויך גוט קענען גמרא, און ער האָט זייער געוואָלט אַז נפתלי זאָל מיט אים ריידן אין לערנען, נאָר נפתלי האָט זיך אַרויסגעדרייט. ער האָט אויך ניט געקענט פאַרשטיין וואָס אַזאַ מאַן

מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד, זאָל נאָך זיין אַ בחור, און אויך וואָס ער דאַוונט מיט אַ גאַנץ אַנדער נוסח.

שפּעטער, ווען זיי טאַטע איז געקומען צו זיך פון דער צרה וואָס איז אויף זיי פּלוצלינג געקומען, און ער האָט זיך ווידער גענומען לערנען מיט שלמהלען, האָט ער אים גענומען אויספרעגן וועגן נפתלין, וועגן חסידות און וועגן דעם נוסח פון זייער דאַוונען.

— מיין קינד, דו ביזט נאָך צו יונג, אַז מיר זאָלן איצט ריידן וועגן דעם!

— האָט יהושע אים געזאָגט — ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו שוין אַליין אַלץ פאַרשטיין. איצט דאַרפסטו בלויז האָבן איין זאַך אין זינען און דאָס איז צו לערנען תורה... אַז דו וועסט קענען גוט לערנען וועסטו אַלץ פאַרשטיין, ווייל אין דער הייליקער תורה געפינען זיך אַלע חכמות פון דער וועלט... ווי איך זע אָבער האָסטו קיין סך ניט געלערנט ווען איך בין ניט געווען אין הויז די עטלעכע טעג. די מאַמע דיינע דערציילט מיר, אַז דו ביסט אַ גאַנצן טאָג געזעסן און זיך צוגעהערט צו די מעשיות וואָס דער אורח האָט דערציילט זלאַטקען. זעסטו מיין קינד, זלאַטקע דאַרף ניט לערנען קיין תורה, קען זי זיך צוהערן צו מעשיות, אָבער ביי דיר, שלמהלע, דאַרף יעדע מינוט זיין טייער. והגית בו יומם ולילה, דו זאָלסט טראַכטן אין לערנען טאָג און נאַכט... דער וועלכער האָט די מעגלעכקייט צו לערנען, און בפרט נאָך ווען ער איז באַשאָנקען מיט אַ גוטן קאָפּ צום לערנען, באַגייט אַ גרויסע עבירה ווען ער איז מבטל זיין צייט פון דער תורה און גיט זיך אָפּ מיט אַנדערע ניט וויכטיקע זאַכן.

שלמהלע האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט זיך געפילט שטאַרק שולדיק, וואָס ער האָט טאַקע געבראַכט אין ניוועץ אַזוי פיל צייט. דער טאַטע זיינער האָט געזען, אַז ער האַלט אין דער גמרא דעם זעלבן דף וואָס ער האָט מיט אים געלערנט יענעם טאָג איידער ער האָט געמאַכט די רייזע קיין מירץ. שלמהלע האָט דאַן ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט לערנען מיט מער התמדה ווי פריער.

אָט איז שוין געקומען ערב פסח. אַלע ווינקעלעך אין חיים יוספס הויז האָבן געשיינט און געגלאַנצט. דער אורח נפתלי איז שוין פאַרבליבן ביי אים אין הויז אויף פסח. ער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן ווען מען האָט אים פאַרגעשלאָגן, אַז ער זאָל ביי זיי בלייבן. ער האָט אויך געהאָלפן אַריינ־צוברענגען דעם פסח אין הויז; ער האָט געשטויסן מצה אין דעם גרויסן הילצערנעם שטויסל און נאָכהער געזיפּט די מצה מעל און מצה פאַרפל. ער האָט געריבן די כריין און צוגעגרייט די מרור.

זלאַטקע האָט אים אַלע ווייל געגעבן אַן אַנדער אַרבעט לכבוד פסח. פון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפן אַ בליק אין זיין ריכטונג און געקוואָלן פון זיין געשיקטקייט און רירעוודיקייט. זי האָט גענומען פילן אַ מין צוגעבונדנ־קייט צו נפתלין. זיינע מעשהלעך פון די חסידישע רביים האָבן איר באַצויבערט. נפתלי האָט געקענט דערציילן אַ מעשה. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעלאָזן, און ער פלעגט דערציילן פילע פאַנטאַסטישע מעשיות, מיט ניסים און נפלאות

פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און פון זיין נאָכפאָלגער ר׳ בער, דער מעזרי־טשער מגיד.

ווען דאָבע און רבקה זיינען געווען פאַרנומען אין קיך, צוגרייטנדיק די פּסחדיקע מאכלים, האָט זיך דאָבע פּלוצלינג אָנגערופן צו איר שנור:

„דו ווייסט, רבקה, מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז זלאַטקע וועט זיך ביי אונדז שוין לאַנג ניט האַלטן.

גייט שוין גייט! — האָט רבקה אויסגערופן — פאַרוואָס זאָל זי פּלוצ־לינג וועלן אַוועקגיין פון אונדז? זי אַרבעט דאָך שוין ביי אונדז צען יאָר, און זי פילט זיך דאָ ווי זי וואָלט געווען איינע פון אונדזער משפחה... זי איז אַזוי איבערגעגעבן צו אונדז, איבערהויפּט איז שלמהלע ביי איר ווי די אויגן אין קאָפּ... עס פעלט איר דען ביי אונדז!

— אַי, טאַכטערקע מיינע! — האָט דאָבע אַ לייכטן זיפץ געטאָן — איך בין שוין גאַנץ אַלט, אָבער מיינע אויגן, אַ דאַנק גאָט, דינען מיר גאַנץ גוט. איך זע אַלץ וואָס ס׳טוט זיך אַרום מיר... האָסטו דען ניט באַמערקט, אַז זלאַטקע איז פלוצלינג געוואָרן אַ פאַרברענטע חסידקע... זי שלינגט אַרונטער אַלץ וואָס דער אורח דערציילט וועגן די חסידישע רביים... איך האָב גוט באַמערקט ווי אירע אויגן האָבן זיך צעלויכטן ווען דער אורח האָט ענדלעך איינגעשטימט צו פאַרבלייבן ביי אונדז ביז איבער פּסח... היינט אין דער פרי, זאָג איך צו איר: „זלאַטקע עס אָפּ, ווייל דו וועסט דאָך אַ גאַנצן טאָג ניט קענען עסן ביז דעם סדר״. זאָגט זי צו מיר: „זאָל איך אַזוי זוכה זיין צו זען מיט מיינע אויגן דעם הייליקן רבין פון מעזריטש, ווי איך בין ניט הונגע־ריק!״ נו, איצט פאַרשטייסטו שוין וואָס דאָס באַדייט?...

— יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי שוין! — האָט רבקה אַ שמייכל געטאָן — ער איז דאָך אַן אַלטער בחור און זי איז... עס וועט טאַקע זיין פאַר אונדז אַ גרויסער שאָדן אויב זי זאָל אַוועק פון אונדז, אָבער שטיין אין וועג וועלן מיר איר ניט... פונדעסטוועגן גלויב איך ניט, אַז עס וועט געשען אַזוי שנעל. ווי איך פאַרשטיי, וועט אָט דער ר׳ נפתלי אַרומרייזן איבער די ליט־ווישע שטעט און שטעטלעך דעם גאַנצן זומער, און אויף ווינטער וועט ער זיך צוריקקערן קיין מעזריטש. דעריבער קען זיין, אַז ביזן ווינטער וועט קיין רייד ניט זיין, אַז זלאַטקע זאָל פון אונדז אַוועקגיין.

— פונדעסטוועגן וועל איך רײדן מיט חיים יוספן ער זאָל האָבן פאַר איר צוגעגרייט די עטלעכע הונדערט גילדן וואָס זלאַטקע האָט ביי אונדז אָפּגע־שפּאָרט זינט זי האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבייטן ביי אונדז. מיר האָבן איר צוגעזאָגט צו צאָלן אַ גילדן אַ וואָך מיט אַלעם פאַרטיקן. דורך די גאַנצע צען יאָר האָט זי ביי אונדז קיין איינציקן גילדן ניט גענומען. די פּאָר קליידלעך און די שיך וואָס זי האָט, האָבן מיר דאָך איר געגעבן אומזיסט. יאָ, אויב זי זאָל וועלן אַוועקגיין וועלן מיר איר דאַרפן געבן אַן ערך פון פינף הונדערט גילדן... עס וועט זיין אַפילו שווער פאַר אונדז אַרויסצונעמען אַזוי פיל געלט מיט אַמאָל, אָבער עס איז דאָך קיין תירוץ ניט...

כאָטש ביי די סדרים האָט חיים יוסף געזאָגט די הגדה און דערציילט די וואונדער פון יציאת־מצרים, האָט ער אָבער אויך נ.ט אויפגעהערט צו דער־ציילן די ניסים וואָס גאָט האָט געטאָן ווען ער האָט אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. ער האָט ווידערהאָלט די זעלבע געשיכטע היפשע עטלעכע מאָל. ער האָט דערציילט ווי דער רשע, דער ריכטער, האָט אים געהייסן פייניקן ער זאָל זיך מודה זיין, ווי מען האָט אים אַזוי געמוטשעט, אַז ער האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין קיין לעבעדיקער ניט אַרויס פון זייערע הענט.

נפתלי האָט אויך געהאַט צו דערציילן וואונדער פון דעם בעל־שם־טוב.

— איך בין געווען פאַראַיאָרן ביי די סדרים פון בעל־שם־טוב — האָט ער געגומען דערציילן — דאָס איז געווען דער לעצטער פסח זיינער. ער, דער הייליקער, האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען די לעצטע סדרים זיינע אויף דער וועלט. ווען ער האָט גענומען דערציילן די גרויסע וואונדער פון יציאת־מצרים, האָבן אַלע חסידים גענומען פילן פונקט ווי זיי וואָלטן דאָרט דערביי גע־שטאַנען און מיט זייערע אויגן צוגעזען די צען מכות וואָס פרעה האָט געקראָגן און קריעת ים־סוף, ווי אַזוי משה האָט מיט זיין שטעקן געשפּאָלטן דעם ים־סוף און אַריבערגעפירט די יידן אין דער טריקעניש.

— אונדזערע חכמים זאָגן — האָט זיך יהושע אָנגערופן — אַז יעדער ייד דאַרף זיך פילן אום פסח ווי ער וואָלט אַליין נאָר וואָס אַרויס פון מצרים, און מיט זיינע אויגן צוגעזען די אַלע נסים וואָס זיינען דאָרט געשען.

— אָט דאָס זאָגן מיר דאָך טאַקע אין דער הגדה — האָט זיך שלמהלע אָנגערופן: „בכל דור ודור חייב אָדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים”... אַז אין יעדן דור איז יעדער ייד מחוייב זיך פאַרצושטעלן אַז ער אַליין איז אַרויס פון מצרים...

— יאָ, מיין זון, די הגדה גיט איבער פילע זאַכן וואָס אונדזערע חכמים האָבן אונדז געלערנט וועגן דעם יום טוב פסח.

נפתלי האָט ווייטער גענומען דערציילן:

— ביי דעם צווייטן סדר, ווען מיר זיינען געזעסן מיט דעם הייליקן צדיק, און דער בעל־שם האָט זיך אויפגעשטעלט צו זאָגן „שפך חמתך אל הגויים”, און צו מיר אַ וואונק געגעבן אַז איך זאָל עפענען די טיר, האָב איך פּלוצלינג באַמערקט ווי אַ פייערדיקער זייל איז אַריין דורך דער טיר, און האָט דערגרייכט ביז דעם פּלאַץ וואו דער בעל־שם איז געשטאַנען. שפּעטער האָט דער בעל־שם אונדז דערקלערט אַז דאָס איז געווען דער „עמוד אש”, דער פייערדיקער זייל וואָס האָט געוויזן די יידן דעם וועג ביינאַכט, ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים און גענומען וואַנדערן אין דעם מדבר.

זלאַטקע, וועלכע האָט נאָר וואָס אַריינגעבראַכט די שיסל מיט די הייסע פסחדיקע קניידלעך, האָט זיך אַ ווילע אָפּגעשטעלט צו הערן וואָס דער אורח דערציילט, און ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי אויסגערופן: „ווי גליקלעך איז יענער וועלכער איז זוכה צו זען מיט זיינע אויגן די גרויסע ניסים וואָס גאָט טוט פאַר די הייליקע צדיקים!”

נפתּלי האָט געשאָקלט מיט זיין קאָפּ און געוואָרפן אַ דאַנקבאַרן בליק אין דער ריכטונג פון זלאַטקען.

אויף מאָרגן נאָך פּסח, נאָכדעם ווי די דריי פרויען האָבן צעוואַשן די פּסחדיקע כּלים און זיי אַרונטערגעטראָגן אין קעלער, האָט זלאַטקע זיך אָנ־גערופן צו דאָבען: „איך וואָלט מיט אייך געוואָלט ריידן וועגן זייער אַ וויכ־טיקער זאַך״.

— גוט, מיר וועלן אַריינקומען אין צווייטן צימער און מיר וועלן ריידן.

זיי זיינען אַריין אין שלאָפצימער. זלאַטקעס פּנים האָט געפלאַמט. אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט אומרואיקייט.

— נו, זאָג מיר, זלאַטקע, וועגן וואָס דו ווילסט מיט מיר ריידן — האָט דאָבע זיך אָנגערופן און איר אָפּגעמאָסטן מיט אירע בליקן.

— המ... עס איז אַזוי — האָט זלאַטקע גענומען שטאַמלען — איר ווייסט דאָך אַז לעצטן פאַר ראש־השנה איז געוואָרן צען יאָר אַז איך בין אָנגעקומען צו אייך. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, טייערע באַלעבאָסטע, איר האָט מיך באַהאַנדלט בעסער ווי מען באַהאַנדלט אַן אייגענע שוועסטער, אָדער אַפילו אַן אייגענע טאָכטער. איך בין צו אייך צוגעבונדן געוואָרן מיט לייב און לעבן, און איך האָב געטראַכט אַז איך וועל פאַרבלייבן מיט אייך אַזוי לאַנג ווי איך לעב... אָבער אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט... איצט איז עפּעס פאָרגעקומען אין מיין לעבן... איך מיין, אַז זינט אונדזער ליבער אורח, ר׳ נפתּלי, איז געקומען, און גראָד אין אַזאַ צייט ווען מיר האָבן אַלע דורכ־געמאַכט אַזוי פיל שרעק... איך האָב גלייך געזען, אַז ער איז אַ פיינער ייד, אַ חסיד, וועלכער האָט געהאַט די זכיה צו זיצן ביים טיש פון דעם הייליקן צדיק, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?...

— נו, זלאַטקע, געוויס פאַרשטיי איך! — האָט דאָבע אַ לייכטן שמייכל געטאָן — וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיין. נפתּלי איז נאָך אַ בחור, און דו ביסט אַ פיינע יידישע טאָכטער און דיין האַרץ איז מיט די חסידים און דו האָסט אמונה אין די חסידישע רביים... האַ, ניט אמת?

— יאָ, עס איז אמת! איך זאָג אייך אַז יעדעס האַרץ דאַרף צעשפּרונגען ווערן פון פרייד ווען מען הערט וועגן די גרויסע וואונדער וואָס דער הייליקער צדיק ר׳ בער, דער מגיד פון מעזריטש, האָט באַוויזן. היינט שטעלט זיך פאָר, אַז אָט דער ר׳ נפתּלי איז אַזוי נאָענט צו אים, אָט ווי איך מיט אייך. נפתּלי האָט מיר דערציילט אַז דער מעזריטשער רבי האָט אים אויסדערוויילט צו זיין איינער פון די וועלכע זאָלן אַרומרייזן איבער די ליטווישע שטעט און דערפער און זען קלאָר צו מאַכן פאַר אַלעמען דעם וועג פון חסידות... ער האָט מיר געזאָגט אַז ער ווייסט אַז די מתנגדים האַלטן ניט פון חסידות און גלויבן ניט אין אַלע וואונדער וואָס די חסידישע רביים באַווייזן; נאָר ער איז זיכער, אַז מיט דער צייט וועלן זיך אַלע איבערצייגן, אַז אַלץ וואָס מען דער־ציילט וועגן די הייליקע חסידישע צדיקים איז ריכטיק... ער האָט מיר געזאָגט אַז פיל ליטוואַקעס, וועלכע האָבן באַזוכט דעם חסידישן רבין ר׳ בער, און מיט זייערע אויגן צוגעזען די ניסים און מיט זייערע אויערן געהערט

זיינע הייליקע רייד, זיינען גלייך געוואָרן פֿאַרברענטע חסידים... הערט איר, באַלעבאָסטע, אַז איך גלויב אַלץ וואָס נפֿתּלי האָט מיר דערציילט וועגן ר׳ בערן, און איך האָב באַשלאָסן אַפּצורייזן אַהין, קיין מעזריטש...

— הייסט עס, אַז דו וועסט חתונה האָבן מיט נפֿתּלין? — האָט דאָבע איר ניט געלאָזט ענדיקן. — האָט ער מיט דיר שוין גערעדט וועגן דעם?

— ער האָט מיר אַפֿילו געזאָגט אַז ער וועט נאָך אַרומרייזן איבער ליטע די עטלעכע חדשים ביז ראש חודש אלול, און דערנאָך זיך צוריקקערן אַהער צו שטעלן אַ חופּה מיט מיר, אָבער איך האָב אים געזאָגט אַז איך וואָלט גע־וואָלט זיין וואָס פֿריער אין מעזריטש און מיט מיינע אויגן זען דעם הייליקן רבין און הערן זיינע הייליקע רייד.

— נו, האָט ער איינגעשטימט?

— פֿון אָנפֿאַנג איז אים געווען שווער איינצושטימען, אָבער ווען איך האָב אים געזאָגט אַז איך האָב שוין אָנגעקליבן ביי ר׳ חיים יוספֿן אַריבער פֿינף הונדערט גילדן, האָט ער מיר געזאָגט אַז מיט אַזוי פֿיל געלט וועט מען שוין קענען עפּעס טאָן אין מעזריטש...

— נו, און ווען וועט איר שטעלן חופּה? — פֿרעגט איר דאָבע.

— איך ווייס, די טעג. מיר וועלן אַריבערפֿאָרן אין שטאָט מירץ און דאָרט וועלן מיר שטעלן חופּה...

— נו, זאָל זיין מיט גליק און מיט מזל! — האָט איר דאָבע צוגעוואונ־טשען — איך דאַרף דאָך דיר ניט זאָגן, זלאַטקע, ווי שטאַרק צוגעבונדן מיר זיינען אַלע צו דיר, איבערהויפּט מיין אייניקל שלמהלע, אָבער אַז גאָט האָט דיר צוגעשיקט דיין גליק אַהער... מיר זען דאָך, אַז דאָס איז באַ־שערט. שטעל זיך פֿאָר ווען דער עלילת־דם וואָלט ניט פּאַסירט גראָד ווען ער איז דאָ ביי אונדז געווען, וואָלט ער דאָך בלויז דאָ געשטאַנען אַ טאָג צי צוויי, און ער וואָלט וויטער געררייזט. אָבער אַז עס איז געווען באַשערט, מאַכט זיך אַזאַ זאַך, און ער פֿאַרבלייבט ביי אונדז לענגער... נפֿתּלי שיינט צו זיין זייער אַ פֿיינער מענטש. נו, איז ער אַ חסיד!

— אָט זעט איר, דווקא ווייל ער איז אַ חסיד איז ער ביי מיר אַזוי טייער געוואָרן! — האָט זלאַטקע זיך געפֿילט עטוואָס באַליידיקט פֿון דאָבעס באַ־מערקונג — נפֿתּלי זאָגט אַז די צייט איז ניט ווייט ווען יעדער ייד וועט ווערן אַ חסיד...

— נו, זאָל זיין אַזוי — האָט דאָבע אַ זאָג געטאָן — און איצט דאַרף מען דאָך זען אויסרעכענען וויפֿיל דיר קומט און קריגן פֿאַר דיר דאָס געלט. איך וועל זיך באַלד דורכריידן מיט מיין מאַן.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט! — האָט זיך דאָבע, געווענדעט צו רבקהן ווען זי איז מיט איר געבליבן אַליין אין קיך — זלאַטקע גייט דאָך אַוועק פֿון אונדז. זי וועט הייראַטן מיט נפֿתּלין.

— עס איז אַ גרויסער שאָדן — האָט רבקה זיך אָנגערופֿן — אַזאַ ווי זלאַטקע וועלן מיר שוין ניט קריגן. זי איז דאָך אַזוי גינציק, אַזוי איבער־געגעבן צו אונדז.

— איך ווייס ניט ווי אַזוי חיים יוסף וועט קענען קריגן פאַר איר דאָס גאַנצע געלט — האָט דאָבע געזאָגט — עס איז איבער פינף הונדערט גילדן... איך האָב זיך אָבער ביי אים געבעטן די גאַנצע צייט ער זאָל איר יעדע וואָך געבן אַ גילדן און זאָל זי דאָס קלייבן ביי זיך. דו פאַרשטייסט, אַ גילדן אַ וואָך זעט זיך ניט אָן, אָבער אַז עס זיינען שוין פאַריבער צען יאָר און זי האָט קיין איינציקן גילדן ניט גענומען, וועט ער איצט דאַרפן זען קריגן דאָס געלט פאַר איר... איך ווייס טאַקע ניט ווי אַזוי ער וועט קענען דאָקאַזשען אַזאַ גרויסע סומע געלט מיט אַמאָל... בפרט נאָך נאָך דעם אומגליק וואָס עס איז געשען, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט אויסגעבן אַזוי פיל געלט כּדי צו ראַטעווען זיך פון דעם בלוט־בילבול... אָבער קיין תּירוץ איז דאָך דאָס ניט! דאָס געלט קומט איר. אַן אָרעמע יתומה איז זי און דערצו נאָך אַ מיידל אין די יאָרן... זי האָלט אַז דאָס איז פאַר איר אַ גליק שידוך... דאַרף צוליב אונדז קיין אָפּהאַלט ניט זיין... אָט וועל איך זיך אַדורכריידן מיט חיים יוספן און מיט יהושען. איך מוז דיר זאָגן רבקהלע אַז כאָטש אַ נס איז געשען און מען האָט מיין מאַן באַפרייט פון דעם בלוט־בילבול, האָט זיך אָבער די גאַנצע געשיכטע אָפּגערופן זייער שלעכט אויף זיין געזונט. עפּעס פיל איך אַז ער איז צעבראָכן און דערשלאָגן פון אַלץ וואָס ער האָט אין משך פון די עטלעכע טעג דורכגעמאַכט. דורכן יום־טוב פּסח האָט ער זיך אַביסל אויס־גערוט, אָבער איך זע אַז ער קען זיך קוים האַלטן אויף זיינע פיס. הגם ער וויל ניט צוגעבן אַז ער איז אָפּגעשוואַכט, אָבער מיך קען ער ניט נאַרן. איך זע אַז ער איז געוואָרן אַ האַלבער מענטש זינט דאַן...

— און וואָס וועט מען טאַקע טאָן? וועגן געלט פאַר זלאַטקען? — פרעגט רבקה.

— אָט וועגן דעם טראַכט איך דאָך. אַזוי וואָלט חיים יוסף זיך אַרי־בערגעכאַפּט צו אונדזער זון משהן אין צווייטן דאָרף, און אויך צו די אַנדערע ברידער זיינע, און מען וואָלט שוין צונויפגעקראַצן די סומע געלט. דורך די זומער חדשים וואָלטן מיר שוין פאַרדינט די עטלעכע הונדערט גילדן און באַצאָלט די חובות... איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אַזוי וועט זיין און איך האָב געהאַט אין זינען צו ריידן מיט חיים יוספן, אָבער איך האָב אים ניט געוואָלט פאַרשאַפן קיין זאָרג דורכן יום טוב, אָבער איצט האָב איך דאָך קיין ברירה ניט. אָבער יהושע וועט זיך מוזן אַרויסלאָזן איבער די דערפער צו אונדזער משפּחה און ער וועט דאַרפן זען שאַפן דאָס געלט.

— איר הערט, שוויגער, עס איז טאַקע אַ ווייטאָג אין האַרצן צו טראַכטן, אַז מיר האָבן אַזאַ גרויסע אַרענדע, אַזאַ גרויסן פאַכט, און מיר זאָלן דאַרפן אויסקוקן די אויגן אויף אַ ביסל מזומן.

— אין דעם איז דאָך דער פאַרוואַלטער, דער רשע שולדיק! — האָט דאָבע געזאָגט — לויט דעם אָפּמאַך וואָס חיים יוסף האָט מיט אים שוין פון יאָרן, דאַרפן אַלע רעמאָנטן געמאַכט ווערן דורך אים, אָבער ער האָט זיך די גאַנצע צייט ניט־וויסנדיק געמאַכט און אַז עס פלעגט זיך מאַכן אַ צרה ווי, צו ביישפּיל, מיט דעם צעבראָכענעם בריק, פלעגן מיר ליידן, און

דעריבער האָבן מיר געמוזט אויסגעבן אַן אוצר מיט געלט צו פאַרריכטן דעם בריק, און די אַלע אַנדערע זאַכן וואָס זיינען געווען נייטיק, אַזוי אַז עס איז אונדז גאָרניט געבליבן פון דעם וואָס מיר האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט. געלויבט איז גאָט וואָס מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוגעבן אונ־דזערע דריי טעכטער און זיי געבן אַ גאַנץ פיינעם נדן. חיים יוסף האָט אויך אַריינגעלייגט אַ גרויסע סומע געלט פאַר דער אַרענדע וואָס ער האָט אָפּ־געגעבן משהן, און איצט, אַז ער איז אַלט און פילט זיך שוואַך, וועט גאָט דאַרפן העלפן...

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך דאָבע דורכגערעדט מיט איר מאַן. זי האָט אים דערציילט אַלץ וואָס עס איז געשען צווישן זלאַטקען און דעם אורח, דעם חסיד, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו שטעלן אַ חופּה.

— נו, טאָ זאָל זיין מיט מזל! — האָט חיים יוסף געזאָגט — איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט. נאָר מן הסתם איז דאָס באַשערט. ער שיינט צו זיין אַ פיינער ייד... ער איז אַפילו פון די חסידים, אָבער...

— וואָלסט באַדאַרפט הערן וואָס זלאַטקע זאָגט וועגן חסידים! — האָט דאָבע שמייכלענדיק געזאָגט — ביי איר איז איצט אַ חסיד גאָר דאָס אויבערשטע פון שטויסל. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איך וויל דיר דערמאָנען, אַז עס קומט זלאַטקען אַן אוצר מיט געלט. די גאַנצע צען יאָר האָט זי קיין איינציקן גילדן פון דיר ניט גענומען.

חיים יוסף האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע און געזאָגט: „איך ווייס טאַקע ניט ווי אַזוי איך וועל מיט אַמאָל קריגן אַזוי פיל געלט פאַר איר. קיין תּירוץ אָבער איז דאָס ניט. עס קומט איר און זי וועט עס קריגן. איך וועל זיך אַריבערכאַפּן אין דאָרף צו משהן און צו אונדזערע איידעמס...

— ווער ווייסט ווי זייער לאַגע איז איצט! — האָט דאָבע געזאָגט — דער יום טוב פּסח האָט דאָך אָפּגעקאָסט אַזוי פיל געלט.

נו, אויב איך וועל ביי זיי ניט קריגן קיין געלט, וועלן מיר מוזן פאַר־קויפן אַ פּאָר בהמות. עס איז טאַקע אַ שאָדן איצט, אַז די פּאַשע וועט ווערן בעסער מיט יעדן טאָג.

— זעסטו, חיים יוסף, ווען דו וואָלסט מיך דאַן געפאָלגט און איר גע־געבן יעדע וואָך דעם גילדן, וואָלט זיך איצט ניט אָנגעקליבן אַזאַ גרויסע סומע געלט... איך וועל דיר אָבער איצט ניט לאָזן אַרומפאָרן איבער די דער־פער. דיין געזונט איז אָפּגעשוואַכט און דו מוזט האָבן רו. יהושע וועט עס טאָן!

חיים יוסף האָט זיך דורכגערעדט מיט זיין זון יהושע און ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט איבער די דערפער, וואו זיין ברודער משה און זיינע דריי שוואָגערס געפינען זיך. ער האָט מיט זיי גערעדט וועגן דעם, אַז דער פאָטער דאַרף איצט באַצאָלן זלאַטקען אַן ערך פון פינף הונדערט גילדן מזומן.

— איך וועל שוין זען אַז יעדער איינער פון אייך זאָל קריגן צוריק דעם חוב אַזוי שנעל ווי נאָר עס וועט מעגלעך זיין — האָט יהושע זיי פאַרזיכערט.

יהושע האָט זיך צוריקגעקערט מיט זעקס הונדערט גילדן, און חיים יוסף איז געווען שטאַרק צופרידן פון דעם.

— איך האָב קיינמאָל ניט געצווייפלט, אַז זיי וועלן מיר אויסבאָרגן דאָס געלט! — האָט חיים יוסף געזאָגט — אָבער איך האָב בלויז מורא געהאַט טאָמער וועלן זיי אַליין אויך זיין געענגט. אַ דאַנק גאָט, וואָס זיי קע־נען אָפּשפּאָרן אַ ביסל מזומן.

חיים יוסף און יהושע האָבן גענומען פּאַפּיר און אַ בליישטיפט און זיי האָבן זיך ביידע געזעצט אויסחשבונען וויפיל גילדן עס קומט זלאַטקען פאַר די צען און אַ האַלב יאָר זינט זי האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבייטן. יהושע האָט דערמאָנט זיין פאָטער, אַז דורך דער צייט זיינען געווען דריי עיבור־יאָרן, וואָס מיינט מיט פיר וואָכן מער אויף יעדן עיבור־יאָר. ווען אַלץ איז אויס־גערעכנט געוואָרן, האָבן זיי אַריינגערופן זלאַטקען און איר געזאָגט:

— מיר זיינען דיר שולדיק אַן ערך פון פינף הונדערט און זעכציק גילדן. אָט האָסטו דיין געלט, און זאָל דיר גאָט געבן, אַז דו זאָלסט זיין גליקלעך!

— איך וועל אייך עפּעס בעטן! — האָט זלאַטקע זיך געווענדעט צו חיים יוסףן — מיר וועלן שטעלן די חופה אום ל״ג בעומר, וואָס מיינט, נאָך דריי וואָכן. נפתלי האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט אָט די דריי וואָכן נאָך אַרומרייזן איבער דער געגנט און ער וועט זיך צוריקקערן אַהער אַ פּאָר טעג פאַר ל״ג בעומר, וועל איך דאָ ביי אייך בלייבן די עטלעכע וואָכן. איר וועט מיר מער ניט דאַרפן צאָלן.

— דו קענסט דאָ פאַרבלייבן אַזוי לאַנג ווי דו ווילסט! — האָט חיים יוסף געזאָגט — און אויב נפתלי וויל דאָ פאַרבלייבן ביז דער צייט וואָס מען וועט שוין מעגן שטעלן די חופה, קען ער דאָ אויך פאַרבלייבן.

— איך דאַנק אייך זייער! — האָט זלאַטקע געזאָגט — אָבער נפתלי וועט אַרונרייזן דערווייל. איך וואָלט אייך אויך געבעטן, אַז איר זאָלט האַלטן פאַר מיר דאָס געלט ביז וואַנען מיר וועלן אָפּרייזן פון דאַנען.

— פאַר וואָס זאָלסטו ניט געבן נפתלין, ער זאָל האַלטן פאַר דיר דאָס געלט? — האָט יהושע זי אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב אים געזאָגט, אָבער ער האָט ניט געוואָלט נעמען, זאָגנ־דיק, אַז אין וועג איז אַ סך בעסער ווען ער האָט ניט מיט זיך קיין געלט. ער האָט אַפילו מיר געזאָגט, אַז דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט מיט זיך וועט ער אויך איבערלאָזן ביי מיר.

— זייער גוט, מיר וועלן דאָס האַלטן פאַר דיר! — האָט חיים יוסף געזאָגט.

— דו ווייסט, טאַטע — האָט יהושע געזאָגט צו אים נאָכדעם ווי זלאַטקע איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער — איך האָב אַ ביסל פאַרדעכטיקט דעם אורח טאָמער מיינט ער אַרויסצוקריגן פון איר דאָס געלט. אונדזערע חכמים האָבן אונדז געלערנט: „כבדהו וחשדהו״, אַז אַן אורח דאַרף מען אָפּגעבן כבוד, און אין דער זעלבער צייט האָבן מיר אַ רעכט אים חושד צו זיין... נו, האָב איך זיך געטראַכט ווער ווייסט... איצט, אָבער, אַז ער האָט פון איר ניט

געוואָלט נעמען דאָס געלט, בין איך שוין איבערצייגט, אַז ער איז אַן ער־לעכער מאַן.

עטלעכע טעג פֿאַר ל״ג בעומר האָט זיך נפתלי אומגעקערט צו דעם דאָרף סוקאָוויבאָרג. זלאַטקע האָט זיך געזעגנט מיט דאָבען און מיט רבקהן און מיט די אַנדערע. זיי האָבן זיי צוגעוואונטשן גליק און זי האָט אָפּגערייזט מיט נפתלין קיין מירץ צו שטעלן אַ חופּה. דער אַלטער גאַווריִלאַ האָט זיי צוגעפֿירט אין מירץ.

נאָך דער חופּה האָבן ביידע מאַן און ווייב, אָפּגערייזט קיין מעזריטש.

6

זינט דעם בלוט־בילבול, האָט חיים יוסף ניט געקענט קומען צו זיך. די יסורים און פּייניקונגען וואָס ער האָט דורכגעמאַכט ווען דער ריכטער האָט אים געוואָלט צווינגען, אַז ער זאָל צוגעבן זיין שולד, האָבן זיך שלעכט אָפּ־געררופן אויף זיין געזונט. כאָטש ער איז שוין געווען אין די זעכציקער, איז ער געווען רירעווודיק און קרעפֿטיק, און ער איז כּמעט קיינמאָל ניט קראַנק געווען. ער פֿלעגט טאָן די שווערסטע אַרבייט און קיינמאָל ניט פֿילן קיין מידקייט.

איצט, אָבער, נאָך דער פּאַסירונג, איז אויף אים אָנגעקומען אַ פּלוצ־לונגע עלטער. ווען ער פֿלעגט טאָן עטוואָס אַרבייט, פֿלעגט ער דערפֿילן אַ ווייטאָק אין זיינע גלידער. זיינע פֿיס האָבן אים שוין ניט אַזוי געדינט ווי פֿריער. ער פֿלעגט אָפּגיין אַ שטיקל וועג, פֿלעגט ער זיך מוזן אָפּשטעלן זיך אָפּצורוען.

דאָבע זיין ווייב, איז געווען די ערשטע דאָס צו מערקן און אים ניט דערלאָזן ער זאָל זיך צופֿיל אָנשטרענגען. חיים יוסף אָבער האָט זיך אַזוי גיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט פֿאַרטגעזעצט צו טאָן זיין אַרבעט, אָנפֿירן דעם מסחר מיט די פּויערים. ווען ער האָט גענומען איינזען, אַז עס קומט אים אָן גאַנץ שווער, האָט ער ביסלעכוויַיז גענומען נאָכגעבן. ער האָט דאַן זיך דורכגערעדט מיט זיין זון יהושע:

— דו ווייסט דאָך, מיין זון, אַז דיין לערנען תּורה איז מיר זייער טייער, און איך האָב די גאַנצע צייט געזען, אויף ווי וויַיט מעגלעך, דיר ניט צו שטערן פֿון לערנען. עס איז פֿאַר מיר ניט געווען שווער אַליין צו שלעפּן דעם יאָך פֿון פּרנסה... לעצטנס, אָבער, פֿיל איך, אַז מיינע כּוחות לאָזן זיך אויס. זינט יענעם קלאַפּ וואָס איך האָב געקראָגן, פֿיל איך, אַז איך בין מער ניט פֿעאיק צו טאָן די אַרבייט. די עלטער איז פּלוצלינג אַ שפּרונג געטאָן אויף מיר. איך האָב ניט קיין טענות צו גאָט. איך האָב אַ סך פֿאַרוואָס דאַנק־באַר צו זיין צו גאָט. איך האָב דערלעבט פֿיל נחת פֿון מיינע קינדער און איי־

ניקלעך, איבערהויפּט פון דיין זון שלמהלע, זאָל זיין געזונט און מיט לאַנגע יאָר. אָבער פּרנסה דאַרף מען האָבן און דעם פּריץ פאַר דער אַרענדע מוז מען צאָלן אין צייט. וואָלט געווען מעגלעך אָנצושטעלן איינעם אויף וועמען איך וואָלט זיך געקענט פאַרלאָזן, אַז ער זאָל האָבן דעם פולן אויפזיכט איבער מיין פּאַכט, וואָלט איך אַוודאי געווען צופרידן איידער דיך אָוועקצונעמען פון לערנען די הייליקע תּורה און אויך לערנען מיט שלמהלען. דאָס אָבער איז אוממעגלעך. דעריבער האָב איך קיין אַנדער אויסוועג ניט ווי איבערצוגעבן דיר די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון דער אַרענדע...

— נו, וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן! — האָט יהושע אויסגערופן — פאַר־שטייט זיך, אַז איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך וועל קענען. די איינציקע זאַך וואָס מיר וועט זיין שווער, איז אָפּצולאָזן מיין אויג פון שלמהלע, אָבער איך וועל אים מוזן שיקן אין חדר קיין מירץ... יאָ, טאַטע, דו ווייסט דאָך, אַז שלמהלע איז ניט קיין איינפאַכער יינגל. גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט אַ גאוניש קאָפּ. ניט יעדער מלמד וועט מיט אים קענען לערנען... איך וועל דאַרפן פאַר אים אויפזוכן אַזאַ מלמד וועלכער זאָל זיין פעאיק מיט אים צו לערנען. דערווייל איז איצט אין מיטן זמן, וועל איך אים נאָך האַלטן מיט זיך און זיך מיט אים אָפּגעבן אויף אַזוי פיל ווי די צייט וועט מיר דערלויבן. אם ירצה השם, גלייך נאָך סוכות וועל איך אים אָפּגעבן צו אַ גמרא מלמד...

זינט דאַן האָט יהושע איבערגענומען די אַרענדע אין זיינע הענט. פון אָנפאַנג איז אים אָנגעקומען גאַנץ שווער צו פאַרוואַלטן דעם גרויסן פּאַכט, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוואוינט צו האַנדלען מיט די פּויערים, איינצוקויפן דאָס וואָס עס איז נויטיק און פאַרקויפן די פּראָדוקטן פון דער פּאַכט.

אין די אָוונטן פלעגט יהושע לערנען מיט שלמהלען. פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג און שבת אַ גאַנצן טאָג פלעגט יהושע מיט אים איבערלערנען אַלץ וואָס ער האָט זיך אָנגעלערנט דורך דער גאַנצער וואָך. אויסער גמרא פלעגט ער יעדען שבת מיט אים לערנען חומש און רש״י. ער פלעגט אים דערציילן די פאַרשיידענע מדרשים און אַגדות וועגן די העלדן פון חומש.

שלמהלע האָט ניט נאָר פאַרשטאַנען אַלץ וואָס ער האָט געלערנט, נאָר ער האָט אויך געהאַט אַ וואונדערבאַרן זכרון. וואָס ער האָט געלערנט פלעגט ביי אים בלייבן. גאַנץ אָפט פלעגט ער פאַרוואַרפן זיין טאַטן מיט אַזעלכע קשיות, אַז עס איז אים געווען זייער שווער זיי צו פאַרענטפערן. ווען ער האָט מיט אים געלערנט די סדרה בראשית, וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט, אַז פון אָנפאַנג האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און ערד, האָט דער קליי־נער שלמהלע אים פלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— אָבער טאַטע, ווער האָט גאָט באַשאַפן?

— גאָט איז פון קיינעם ניט באַשאַפן געוואָרן! — ענטפערט אים יהושע.

— איז גאָט געווען מיט הונדערט יאָרן צוריק? — פרעגט שלמהלע ווייטער.

— געוויס! ער איז אַלע מאָל געווען!

— אויב אַזוי, מוז דאָך גאָט זיין שוין אַלט פילע טויזנטער יאָרן!

— חלילה! גאָט איז אייביק געווען!...

— אָבער ער האָט דאָך איינמאָל געמוזט געבוירן ווערן? — לאָזט שלמהלע ניט אָפּ זיין טאַטן.

— ניין, נאַרעלע, גאָט איז געווען און וועט זיין אייביק און אייביק! דו ביזט נאָך אַ קליין קינד און דו טאָרסט מער וועגן דעם ניט טראַכטן. אַפילו דערוואַקסענע גרויסע חכמים, קענען ניט באַגרייפן די געטלעכקייט און זיין אייביקייט... די בעסטע זאַך, מיין זון, איז, אַז מען טראַכט ניט צופיל פון דעם, אַז מען דאַרף ליב האָבן גאָט מיט דעם לייב און לעבן, און לערנען זיין תורה, ווייל וואָס מער מען לערנט די הייליקע תורה, אַלץ מער איז מען מסוגל צו באַגרייפן די געטלעכקייט... דעריבער איז פאַר דיר די בעסטע זאַך ניט צו פרעגן קיין סך פראַגעס, נאָר צו לערנען תורה און טאָן די מצוות וואָס גאָט האָט אונדז אָנגעזאָגט אין דער תורה.

איינמאָל ווען יהושע האָט מיט אים איבערגעלערנט די געשיכטע פון יעקבן און עשון, האָט ער אים איבערגעגעבן די אַגדה פון גמרא, וואו עס ווערט דערציילט, אַז יעקב און עשו האָבן צווישן זיך פאַרטיילט די גיטער פון דער וועלט. עשו האָט פאַר זיך אויסגעקליבן די גיטער פון עולם הזה, פון ד ע ר וועלט, און יעקב האָט גענומען די גיטער פון עולם הבא, פון י ע נ ע ר וועלט.

— דעריבער, מיין זון, דאַרפן מיר ניט צופיל הנאה האָבן פון דער וועלט. מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון יעטוועדער פרעטענזיע אויף די פאַרבייגייענדיקע גליקן פון אונדזער איצטיקער נאַרישער וועלט — האָט יהושע דערקלערט.

— אָ, איך גלויב, אַז יעקב האָט זיך באַנאַרישט! — האָט שלמהלע אויסגערופן — ער וואָלט געווען אַ סך קליגער ווען ער קלויבט אויס די גיטער פון ד ע ר וועלט.

— די ביסט אַ שייגעץ, אַ פאַרדאָרבענער יונג! — האָט אים יהושע מכבד געווען מיט אַ פאַטש אין באַק — ווי אַזוי קען דיר גאָר איינפאַלן צו זאָגן אַזאַ זאַך! האָסטו דען ערשט לעצטן שבת ניט געלערנט אין פרק רביעי, אַז „יפה שעה אחת של קרת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה"?...

שלמהלע האָט שוין מער אַזעלכע זאַכן ניט גערעדט און זיך געהיט צו פרעגן זיין טאַטן פאַרשיידענע פראַגן. ער האָט אַליין געזוכט צו געפינען אַן ענטפער אויף אַלע זיינע פראַגעס און ספקות.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פאַסירט, אַז דער פירשט ראַדזיוויל, צו וועמען אַלע שטעט און דערפער פון דער גאַנצער געגנט האָבן געהערט, איז אָנגעקומען מיט זיין טאָכטער און זייער גאַנצע סוויטע אויף יאַגד אין יענעם וואַלד ניט ווייט פון דעם דאָרף סוקאָוויבאָרג.

אַ רייטער פון דעם פירשט ראַדזיוויל איז צוגעריטן צו חיים יוספס פאַכט און געלאָזט וויסן, אַז באַלד וועט אָנקומען די יונגע פירשטין, די טאָכ־טער פון דעם פירשט ראַדזיוויל, זיך אָפּצורוען פאַר אַ ווילע אין הויז, און

דעריבער זאָל מען זען וואָס שנעלער צוצוגרייטן אַ צימער פאַר איר וואו זי זאָל זיך קענען אויסרוען.

אין הויז איז גלייך געוואָרן אַ גערודער. דאָבע, רבקה, יהושע און די נייע דינסט האָבן זיך גענומען צו שאַפן אַ שטיקל אָרדענונג אין דעם גרויסן צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ קאַנאַפּע, וואָס איז געווען צעפליקט און צעריסן.

— אוי, גאָט מיינער! — האָט דאָבע געזיפצט — וואו וועט די פירשטין זיך קענען אויסרוען?! רבקה האָט גלייך אַריבערגעצויגן אויסגעוואַשענע ציכלעך אויף די קישנס, וואָס זי האָט אַרויפגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע. דאַן האָט זי אַרויסגענומען אַן אויסגעוואַשענעם ליילעך און אַריבערגעצויגן איבער דער קאַנאַפּע, פאַרשטעלנדיק די לעכער און די צעפליקטע פלעצער. די דינסט האָט גענומען דעם בעזים, אויסגעקערט דעם צימער און אויך ריין געמאַכט דעם צוגאַנג צום צימער.

דאָבע האָט מיט אַן אַלטן צודעק גענומען פאַרדעקן דעם פאַרזשאַווערטן ציגונענעם אויוועלע. שלמהלע האָט אויך געהאָלפן מאַכן אָרדענונג אין צי־מער. ער האָט אַוועקגענומען די שפּענדלעך און אַנדערע זאַכן וואָס זיינען געווען לעבן אויוועלע.

מיט אַמאָל האָט זיך די טיר אַן עפן געטאָן, און די פירשטין האָט זיך אַריינגעלאָזן צוזאַמען מיט הויף־דאַמען, קאַמער־דינער, דינסטן און לאַקייען. דאָבע האָט די קאַמערמיידלעך אָנגעוויזן אויף דעם צימער וואו די קאַנאַפּע איז געווען. גלייך האָבן די קאַמער־מיידלעך און די דינער צוגעבראַכט פאַר־שיידענע שפּייזן און געטראַנקען, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך מיטגענומען פאַר דעם יאַגד.

די יונגע פירשטין איז געווען אויסערגעוויינטלעך שיין. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּראַכטפולער קלייד, וואָס איז געווען אויסגעהאַפטן מיט גאָלד און זילבער. זי האָט געטראָגן די שענסטע פּערל, בריליאַנטן און אַנדרע קאָסטבאַרע שטיינער, וואָס האָבן געפינקלט אויף אירע צאַרטע הענט.

דער קליינער שלמהלע איז געבליבן שטיין הינטער דעם אויוון ביי דער צווייטער זייט פון צימער און פון גרויס באַוואונדערונג און התפעלות זיינען אויגן ניט אַרונטערגענומען פון דער באַצויבערנדער שיינער פירשטין.

— אוי, ווי שיין! — האָט שלמהלע אויסגערופן, ניט קענענדיק אָנזע־טיקן זיינע אויגן פון דעם גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ.

זיין טאַטע יהושע, וועלכער איז גראָד דאַן פאַרבייגעגאַנגען, האָט דער־הערט שלמהלעס אויסרוף. ער האָט צו אים אַ וואונק געטאָן, אַז ער זאָל פון דאָרט אַרויס, און ווען שלמהלע איז צו אים צוגעקומען, האָט זיך יהושע אַרונטערגעבויגן און אים אַריינגערוימט אין אויער:

— אוי, דו נאַרעלע וואָס דו ביסט! אָט די דאָזיקע דוקסל, מיט איר גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ ווי זי קוקט אויס אויף דער וועלט, וועט אויף יענער וועלט ביי אונדז די פּעטשערע הייצן. זי שטאַמט דאָך פון עשו און דעריבער האָט זי אַלע פאַרגעניגנס פון דער וועלט... אויף יענער וועלט אָבער, וועלן

אַלע פאַרגעניגנס געהערן צו אונדז, און די שיינע פירשטין וועט אונדז דאַרפן באַדינען...

שלמהלע איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט. אין זיינע געדאַנקען האָט ער זיך געגומען פאַרשטעלן ווי זיין זיידע, זיין טאַטע און ער זיצן אויף גאָלדענע שטולן אין גן־עדן, און זיי וואַרעמען זיך ביים אויוון און די רייצנדע, שיינע פרינצעסין, אין אירע מיט גאָלד געהאַפטענע קליידער, מיט די פינקלדיקע ברילִיאַנטן אויף איר האַלדז און אויף אירע צאַרטע ווייסע הענט, שלעפּט אַריין אַ בינטל האָלץ און זי לייגט דאָס האָלץ אַריין אין אויוון, און מיט דער אייזער־נער קאָטשערע שאַרט זי די הייסע קוילן... דער רויך קומט איר אַריין אין די אויגן, און איר וואונדערלעכער שיינער פּנים ווערט פאַרשמירט מיט סאַדזשע...

אַ שטאַרקער רחמנות האָט דעם קליינעם שלמהלען געגומען נאָגן אין האַרצן אויף דער צאַרטער, איידעלער פירשטין. זי דאַרף טאָן אַזאַ נידעריקע אַרבייט, וואָס זלאַטקע פלעגט טאָן . זי איז דאָך צו דעם ניט געוואוינט, סאָפּעט זי און ווישט דעם שווייס פון איר פּנים, און די סאַדזשע ווערט נאָך מער צעשמירט איבערן פּנים. ער הערט ווי זיין זיידע, וואָס זיצט מיט זיינע לאַנגע פאַרבלאַטיקטע שטיוול, רייבנדיק זיינע הענט ביי דעם פייער פון אויוון, ביי־זערט זיך אויף דער פירשטין און הייסט איר אַריינלייגן מער האָלץ.

— פאַרוואָס קומט איר, דער שיינער פרינצעסין, אַז זי זאָל אַזוי ליידן, אַז זי זאָל זיך אַזוי דערנידעריקן, צו זיין אַ דינסט ביי אַן אָרעמען יידן? — טראַכט זיך שלמהלע — צוליב דעם וואָס עשו האָט אויסגעקליבן פאַר זיך די גיטער פון עולם הזה, דאַרף זי נעבעך ליידן אויף יענער וועלט. אָ, ווען זי וואָלט זיך מגייר געווען, און געטאָן מצוות, וואָלט זי דאָך אויך געווען אין גן־עדן אויסגעפּוצט אין אירע שיינע קליידער און געהאַט אַזוי פיל פאַרגעניגן...

היפּשע עטלעכע טעג נאָכדעם האָט שלמהלע ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון דעם ביטערן גורל פון דער פירשטין, די טאָכטער פון פירשט ראַדזיוויל, וועלכע וועט דאַרפן פאַרשוואַרצט ווערן, האַרעווען שווער און ביטער און זיין אַ דינסט פאַר די אָרעמע יידן... זיין יונג הערצל האָט אים געדריקט. עס איז אים אויסגעקומען ניט־יושרדיק, אַז אַזאַ פּרעכטיקע שיינהייט, וועלכע איז אַזוי רייך און האָט דאָ פון אַלדאָס גוטס, וועלכע האָט אַזוי פיל דינסטן און דינער, זאָל אין דער צוקונפטיקער וועלט זי דערנידעריקן צו אַזאַ שפלות ווי צו הייצן פּעטשערעס ביי אַן אָרעמען יידן.

— זאָג מיר, טאַטע — האָט זיך שלמהלע אָנגערופן צו אים, נאָך אַליץ פילנדיק דעם מיטלייד צו איר — ווען די פירשטין, וועלכע איז דאָ מיט עט־לעכע טעג צוריק געווען, וואָלט געוווען איינע וועלכע היט אָפּ די זיבן מצוות, וואָס די חסידי אומות העולם היטן אָפּ, וואָלט זי דאָך אויך געהאַט עולם הבא...

— נו, יאָ — ענטפערט אים יהושע — אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא".

— דאָס וואָלט אימיצער איר געדאַרפט דערקלערן — האָט שלמהלע אויסגערופן — וואָלט די פירשטין אָפּגעהיט די זיבן מצוות, וואָס איז ניט

אַזוי שווער ווי אַלע תּרי״ג מצוות, און זי וואָלט געהאַט עולם הבא און ניט באַדאַרפט הייצן פּעטשערעס פאַר אָרעמע יידן.

— וואָס ביסטו אַזוי באַזאָרגט וועגן דער דוקסעל! — האָט יהושע זיך אָנגערופן קוים איינהאַלטנדיק זיין שמייכל — איז דען פאַר איר ניט גענוג אַז זי האָט די וועלט? פאַרוואָס זאָלסטו זאָרגן פאַר איר, אַז זי זאָל אויך האָבן יענע וועלט?...

— אָבער עס איז דאָך אויף איר אַ גרויסער רחמנות! — האָט שלמהלע געזאָגט — פאַרוואָס זאָל זי דאַרפן ליידן אויף יענער וועלט?

— איך וועל דיר געבן אַ משל — רופט זיך אָן יהושע — אַ מאַמע האָט געהאַט צוויי קינדער. ווען זי האָט באַדאַרפט ערגעץ אָפּרייזן אויף צוויי טעג, האָט זי צוגעגרייט גלייכע חלקים שפּייז פאַר אירעביידע קינדער און זיי געזאָגט: „אָט האָט יעדער פון אייך גענוג שפּייז פאַר צוויי טעג. ברענגט גאָרניט אין ניוועץ, וועט איר האָבן גענוג פאַר היינט און פאַר מאָרגן, נו, האָט איין קינד געפאָלגט זיין מאַמען; ער האָט געגעסן שפּאָרעוודיק, און זי זייער געהיט גאָרניט צו ברענגען אין ניוועץ. דער אַנדערע אָבער, האָט ניט געפאָלגט זיין מאַמען. אַזוי לאַנג ווי די שפּייז איז געווען פאַר אים, האָט ער געגעסן וויפיל זיין האַרץ האָט געלוסט; ער האָט אַ סך פון די שפּייז געבראַכט אין ניוועץ... בקיצור, ער האָט פאַרשווענדעט די גאַנצע שפּייז אין איין טאָג. עס איז געקומען אויף מאָרגן האָט דאָס קינד וואָס האָט געפאָלגט זיין מאַמען געהאַט גענוג שפּייז צו זאַט אויך אויף דעם צווייטן טאָג, אָבער דער, וועלכער האָט ניט געפאָלגט זיין מאַמען און פאַרשווענדעט אַלץ אין איין טאָג, האָט געמוזט הונגערן דעם צווייטן טאָג... דאָס זעלבע איז מיט דער דוקסעל. זי לעבט איצט אַ גוטן טאָג. זי געניסט פון אַלע לוקסוסן וואָס מען קען זיך נאָר פאַרשטעלן. וואָלט זי געטאָן גוטע טאַטן: וואָלט זי געהאָלפן די אָרעמע די אונטערדריקטע, וואָלט זי מיט דעם אויך אָפּגעשפּאָרט פאַר יענער וועלט. אָבער אַז זי טוט עס ניט, וועט זיין איר אייגענע שולד וואָס איר וועט אויסקו־מען צו ליידן און דאַרפן פּעטשערעס הייצן פאַר אונדז... זאָגט טאַקע די גמרא אין עבודה זרה: „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, מי שלא טרח בערב שבת מהיכן יאכל בשבת" עס זיינען פאַראַן אַפילו צווישן יידן אַזעלכע, וועלכע געניסן פון אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט און ווילן גאָרניט טראַכטן פון אָפּצושפּאָרן אַ ביסל פאַר יענער וועלט. אַזעלכע יידן וועלן טאַקע ניט קענען האָבן קיין טענות אויב זיי וועלן ניט האָבן יענע וועלט...

יאָ, מיין קינד! — האָט יהושע אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ — דו דאַוונסט דאָך אַלע טאָג און דו זאָגסט: „אלו דברים שאדם אוכל פּרותיהם בעולם הזה... דאָס זיינען די זאַכן וואָס אַ מענטש עסט זייערע פּרוכטן אויף דער וועלט, און עס בלייבט אים איבער אויך אויף יענער וועלט: כּיבוד אָב ואם, האַלטן טייער טאַטע־מאַמען, טאָן יענעם אַ טובה און נאָך אַזעלכע מצוות, אָבער לערנען תּורה שטייגט אַלץ אַריבער! ווען דו לערנסט תּורה, וועסטו האָבן אי עולם הזה און אי עולם הבא!... לערן תּורה, מיין קינד, זיי ניט מבטל קיין

צייט פון דער תורה, וועסטו האָבןביידע וועלטן! לערן גמרא וועסטו אַלץ וויסן און דיר וועט זיין גוט.

כאָטש אָט די דאָזיקע רייד פון זיין טאַטן האָבן אויף דעם קליינעם שלמה געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק, האָט ער זיך נאָך פון זיין פריס־טער קינדהייט גענומען גריבלען אויך אין אַנדערע ביכער אויסער דעם תלמוד.

יהושע האָט אין זיין לערן צימער געהאַט אַן אַלמער מיט ספרים, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַ ספר וועגן אַסטראָנאָמיע, געשריבן אין העב־רעאיש. ווען יהושע איז געווען פאַרנומען מיט די געשעפטן פון דעם פאַכט, האָט שלמהלע זיך גענומען פאַראינטערעסירן אין די אַנדערע ספרים פון אַלמער אויסער דעם תלמוד. ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען דעם ספר פון אַסטראָנאָמיע, און ער האָט פאַרשטאַנען אַלץ וואָס ער האָט געלייענט. פאַר אים האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט. ער האָט געקראָגן אַ באַגריף וועגן דעם הימל־געוועלב, וועגן דעם ערד־קוגל, וואָס דרייט זיך אַרום דער זון, וועגען די פּלאַנעטן. אין ספר ראָט דער מחבר דעם לייענער צו מאַכן אַ רונדע זאַך, וואָס זאָל זיין אַ גלאָבוס און דורך דעם וועט זיין לייכטער צו פאַרשטיין דעם אומגאַנג פון דער וועלט.

שלמהלע האָט געמאַכט אַ גלאָבוס פון געפלאָכטענע ריטער. ווען ער פלעגט לייענען דעם בוך פון אַסטראָנאָמיע פלעגט ער האַלטן לעבן זיך דעם גלאָבוס און ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען נאָך בעסער. ער פלעגט יעדן טאָג, בעת זיין טאַטע איז ניט געווען אין הויז, אַרויסנעמען דעם ספר פון אַלמער, אַריינ־קוקן אינעווייניק און דערנאָך באַטראַכטן דעם גלאָבוס, מאַכן פאַרשיידענע ליניעס און דאָס מעסטן.

די באָבע האָט עטלעכע מאָל באַמערקט ווי ער האַלט עפּעס אַ רונדע זאַך, מאַכט פּאַסיקלעך, דרייט עס אַהין און אַהער, מעסט עס און כאַפּט ווידער אַ בליק אין ספר... עפּעס איז איר די גאַנצע זאַך קשה געוואָרן איבערהויפּט ווען זי פלעגט באַמערקן, אַז ער באַהאַלט די רונדע זאַך הינטערן אַלמער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט טאָמער וועט עס אימיצער געפינען.

ווען יהושע האָט זיך אומגעקערט אין אָוונט אין הויז, האָט אים דאָבע געגעבן אַ וואונק ער זאָל מיט איר אַריינגיין אין זיין לערן־צימער.

— איך וויל מיט דיר ריידן, מיין זון, וועגן שלמהלען — האָט זי גע־זאָגט — עפּעס לעצטנס באַמערק איך, אַז ער פירט זיך אויף זייער מאָדנע. ער האָט געמאַכט אַ מין סאָרט שפּילצייג, וואָס ער האַלט אין האַנט בעת ער קוקט אַריין אין אַ ספר. ער דרייט עס אַהער און אַהין. ער מעסט עס און מאַכט פּאַסיקלעך, און דערנאָך באַהאַלט ער דאָס הינטער דעם אַלמער.

זי האָט אָנגעוויזן איר זון דעם פּלאַץ און יהושע האָט עס אַרויסגע־נומען און גענומען באַטראַכטן. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז שלמהלע האָט שוין דערטאַפּט דעם ספר פון אַסטראָנאָמיע. ער האָט אַריינגערופן שלמהלען און צייגנדיק אים דעם גלאָבוס, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן: „וואָס פאַר אַ צאַצקע האָסטו זיך געמאַכט?"

— דאָס איז אַ כדור, אַ גלאָבוס! — דערקלערט ער זיין טאַטן.

— וואָס באַדייט עס? — פרעגט ער אים און מעסט אים אָפּ מיט זיינע בליקן.

— אונדזער ערד איז רונד! — פּאַנגט אָן שלמהלע אים צו דערקלערן — דערפאַר רופט זיך אונדזער ערד „דער ערד־קוגל”, און זי דרייט זיך אַרום דער זון. אָט וועל איך דיר ווייזן. ציינד אָן אַ ליכט, און דאָס וועט זיין די זון, וועל איך דיר ווייזן ווי אַזוי די ערד דרייט זיך אַרום איר אַקסל, און אויך אַרום זיך, און ווי אַזוי עס ווערט טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער...

— און אָט צוליב אָט די דאָזיקע נאַרישקייטן ביסטו מבטל דיין צייט פון לערנען תּלמוד? — האָט זיך יהושע אויף אים אָנגעבייזערט — ווען דו וועסט לערנען גרינדלעך גמרא וועסטו אַלץ קענען פאַרשטיין. פאַר דעם וועלכער לערנט גמרא זיינען אָפן אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן פון דער וועלט. מער זאָלסטו ניט וואַגן צו לייענען פון די אַנדערע ספרים אויסער די ספרים וואָס האָבן צו טאָן מיטן תּלמוד.

כאָטש יהושע האָט זיך געמאַכט, אַז ער איז בייז אויף אים צוליב דעם, אָבער אין זיין האַרצן איז ער געווען צופרידן וואָס זיין זיבן־יעריקער יינגל האָט, אָן אַ לערער און אָן שום פאַרבאַרייטונג, דורכשטודירט אַזאַ שווערן בוך פון וויסנשאַפט און עס אַזוי גוט פאַרשטאַנען.

7

גלייך נאָך סוכּות האָט יהושע אַוועקגעפירט שלמהלען אין דער שטאָט מירץ און פאַר אים אויפגעזוכט אַ מלמד, וועלכער זאָל מיט אים לערנען גמרא. זיין עלטערער זון, יוסף, וועלכער איז דאַן אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט געלערנט ביי דעם באַרימטן מלמד ר׳ יאָסל, ביי וועמען ער איז אויך געווען אויף קעסט.

איידער יהושע האָט אים אַריינגעפירט אין חדר, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— פון היינט אָן און ווייטער דאַרפסטו זיך האַלטן פאַר אַ גרויסן יינגל, וועלכער קען שוין לערנען אַ בלאַט גמרא. דו ביסט שוין ניט מער קיין קינד, שלמה. דו וועסט זיצן צווישן די גמרא־יינגלעך, וועלכע זיינען אַ סך עלטער פון דיר. דו דאַרפסט אויפגעבן די שפּילערייען מיט צאַצקעס. זאָלסט ניט מאָלן קיין בילדלעך, און ניט מאַכן קיין כּדורימלעך, נאָר דו זאָלסט זיצן טאָג און נאַכט און לערנען גמרא, און ווען דו וועסט עס טאָן, וועט גאָט העלפן, אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו זיין אַ רבֿ...

יהושע האָט אים שוין מער ניט גערופן שלמהלע, נאָר שלמה, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עלטערן יינגל, וועלכער לערנט שוין אין חדר גמרא. ער האָט

אים אַריינגעפירט אין דעם חדר, וואָס איז באַשטאַנען פון איין גרויסן צימער. לעבן דער טיר איז געווען אַ ליימענער אויוועלע, פון וואָס עס האָט געזעצט אַ רויך און אָנגעפילט דעם גאַנצן צימער. לעבן אויוועלע איז געשטאַנען די רביצין, אָנגעטאָן אין אַ פאַרשמאַלצענעם פאַרטוך און זי האָט געשאָבן בול־בעס און זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ טאָפּ זודיקע וואַסער. ביי דער צווייטער זייט צימער זיינען געווען צוויי טישלעך און בענק. איין טיש איז געווען אַ צעבראָ־כענער און האָט זיך געהאַלטן אויף עטלעכע קלעצער אויף דעם פּלאַץ וואו עס האָט געפעלט אַ פוס. אַן ערך פון צוואַנציק יינגלעך אין עלטער פון אַכט ביז צען יאָר זיינען געזעסן אויף בענקלעך, און זיי זיינען געווען איינגעטיילט אין דריי כיתות: די קלענערע כיתה האָט געלערנט אָנפאַנג חומש; די צווייטע כיתה האָט שוין געלערנט חומש מיט רש״י, און די דריטע כיתה, די עלטערע קינדער, האָט געלערנט גמרא.

שלמה איז געשטאַנען עטוואָס אַן אַ זייט, בעת יהושע האָט אין דער שטיל גערעדט מיט דעם מלמד. ער האָט ניט געוואָלט, אַז שלמה זאָל הערן ווי ער לויבט אים פאַר זיין גוטן קאָפּ, און אים געבעטן ער זאָל צו אים שענקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

דער רבי האָט געעפענט זיין טאַבאַקערקע און אין ביידע נאָזלעכער אַריינ־געצויגן שמעק־טאַבאַק, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, וואָס האָט געזאָלט מיינען, אַז ער קען זיך אויף אים פאַרלאָזן, ער וועט טאָן זיין פליכט.

— אַז שלמה זאָל נאָר ווען, וועט ער קענען גוט לערנען — האָט יהושע געגומען ריידן גאַנץ הויך, כדי שלמה זאָל עס הערן — אָבער די צרה מיט אים איז וואָס ער איז אַ שטיקל פוילער... ביי אים איז רעכט זיך אַמאָל צו פאַרשפּילן אָדער גלאָט אַזוי אין ניוועץ ברענגען זיין צייט, נו, פאַר דעם ווייסט איר דאָך איז פאַראַן איין תרופה — די רוט... איך האָף אָבער שלמה, אַז עס וועט ניט קומען צו דעם — האָט ער זיך געווענדעט צו אים — דו האָסט דאָך געלערנט אין פרק, אַז דער וועלכער איז „מפנה לבו לבטלה, הרי זה מתחייב בנפשו...״ דער וועלכער איז מבטל זיין צייט פון לערנען תורה, קען פאַרלירן זיין לעבן... דעריבער זאָלסטו וויסן, אַז דו זאָלסט תמיד לערנען!

שלמה איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן זיין טאַטן און זיך פון אָרט ניט גערירט. ער האָט באַטראַכט זיין רבין, וועלכער האָט געטראָגן אַ וואַ־טאָון קאַפּטל, פון וועלכן שטיקלעך שוואַרצע וואַטע האָבן זיך אַרויסגעזען. אונטער דעם קאַפּטל האָט זיך אַרויסגעזען דער לאַנגער טלית קטן מיט די ציצית, וואָס האָבן דערגרייכט זיינע קני. ער האָט געטראָגן אַ צעקראָכענע פּו־טערנע היטל, פון אונטער וועלכער ס׳האָט זיך אַרויסגעזען אַ פאַרשמאַלצענע סאַמעטענע יאַרמולקע. זיין קליין שיטער בערדל איז געווען שוואַרצלעך־גרוי. זיינע נאָזלעכער זיינען געווען אָנגעפילט מיט שוואַרצן שמעק־טאַבאַק, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף זיינע וואָנצעס און בערדל.

שלמה האָט זיך געזעצט ביי דער דריטער כיתה. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער גמרא בבא קמא. ער האָט געוואָלט זאָגן דעם רבין אַז ער האָט שוין

געלערנט בבא קמא, אָבער ער איז אַזוי פֿאַרציטערט געוואָרן פֿון רבינס בליק, אַז ער האָט מורא געהאַט צו עפֿענען זיין מויל. יהושע האָט דערווייל אָפּגעמאַכט מיטן רבין אַז ער וועט אים צאָלן צוויי גילדן אַ וואָך: איין גילדן שכר־לימוד, און דער צווייטער גילדן פֿאַר קעסט, ווייל ער וועט ביי אים עסן און שלאָפֿן.

כאָטש דער מלמד האָט באַלד איינגעזען אַז שלמה איז ניט קיין געוויינט־לעכער יינגל , אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ און ער קען טאַקע גוט לערנען, האָט ער פֿונדעסטוועגן אים ניט געשאַנעוועט און פֿאַר דעם קלענסטן שטיף, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער אים שוין מכבד געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין. שלמה האָט געציטערט פֿאַר דעם רבין ווי פֿאַר פֿייער, און האָט דעריבער די גאַנצע צייט געלערנט מיט התמדה.

שלמה האָט אַמאָל פּרובירט פֿרעגן דעם רבין אַ קשיה פֿון דער גמרא, און דער רבי האָט פּשוט ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפֿערן, אָבער כּדי ניט אַרויסצואווייזן פֿאַר די תּלמידים זיינע אַז ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפֿערן, האָט ער זיך צעשריגן אויף שלמהן און אים געזאָגט, אַז אַנשטאָט צו פֿרעגן נאַרישע קשיות זאָל ער בעסער זיך מער פֿאַרטיפֿן אין לערנען.

זינט דאַן האָט שלמה געציטערט אים עפּעס צו פֿרעגן. ער האָט אָבער געלערנט מיט גרויס התמדה און דער רבי האָט באַלד איינגעזען, אַז ער קען מער פֿון די עלטערע צען־יעריקע קינדער און ער האָט מיט אים געלערנט באַזונדער און ער האָט געהאַט אַ גרויסע פּעולה יענעם זמן.

אויף דעם יום טוב פּסח האָט יהושע געבראַכט צו פֿירן זיינע צוויי זין יוסף און שלמה פֿון מירץ אַהיים. ער האָט אויך מיטגענומען זיין פּלימעניק בערל, דער זון פֿון זיין ברודער משה, וועלכער האָט געלערנט צוזאַמען מיט יוספֿן ביי דעם מלמד ר׳ יאָסל.

גאַנץ אָפֿט פֿלעגט פּאַסירן, אַז אויף אַ יום טוב פֿלעגן קומען צום זיידן אויך די אַנדערע אייניקלעך וועלכע זיינען געווען אין די פֿאַרשיידענע דערפֿער ניט ווייט פֿון חיים יוספֿס אַרענדע. יוסף און בערל זיינען געווען אין איין עלטער און זיינען געווען מיטלמעסיקע תּלמידים אין חדר. ביידע האָבן גע־לערנט חומש און תּנ״ך און אויך גמרא, אָבער אַזוי פֿיל ווי אַלע דורכשניט־לעכע קינדער אין זייער עלטער לערנען. יהושע איז ניט געווען איבעריקס צופֿרידן פֿון זיין זונס שוואַכער באַהאַוונטקייט אין גמרא און ער פֿלעגט אים גאַנץ אָפֿט טאַדלען:

— דו פֿאַרנאַכלעסיקסט דיין לערנען יוסף! דו ביסט פֿינף יאָר עלטער פֿון שלמהן, און ער קען דאָך דיך פֿאַרשטעקן אין גאַרטל! ניט נאָר איז ער קלאָר אין גאַנץ תּנ״ך, נאָר ער האָט דורכגעלערנט דריי מסכתות און ער קען שוין לערנען אַ בלאַט גמרא פֿאַר זיך... אמת, שלמה איז באַגאַבט מיט אַ גוטן קאָפּ און ער פֿאַרנעמט גאַנץ שנעל יעדן שווערן ענין, אָבער ווען דו וואָלסט געווען אַ בעסערער מתמיד, ווען דו וואָלסט געלערנט און געחזרט טאָג און נאַכט, וואָלסטו אויך שוין גוט געקענט לערנען... די צרה מיט דיר איז וואָס דיר ליגט אין זינען נאַרישקייטן... אַנשטאָט לערנען אין דער ליידיקער צייט,

שפּילסטו זיך גאָר אין קנעפּלעך מיט בערלען. זאָג מיר, וואו האָסטו גענומען אָט די דאָזיקע מעשענע קנעפּלעך?

— די רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן באַקומען נייע שינעלן, האָבן פאַר־קויפט זייערע אַלטע צו דעם שניידער וועלכער וואוינט לעבן אונדזער חדר. מיר האָבן געבעטן דעם שניידער ער זאָל אונדז געבן די מעשענע קנעפּ, און ער האָט מיר און בערלען געגעבן גלייכע חלקים פון די קנעפּ, וואָס מיר האָבן איינגענייט אויף אונדזערע הויזן אַנשטאָט די הילצערנע קנעפּ — האָט יוסף דערקלערט צו זיין פאָטער.

— זיי האָבן אַזוי פיל מעשענע קנעפּ! — פאַרוואָס זאָלן זיי אויך מיר ניט געבן עטלעכע קנעפּ און איך וועל אויך באַצירן מיינע הויזן מיט די שיינע בלישטשענדיקע קנעפּ, וואָס גלאַנצן ווי זילבער! — האָט זיך שלמה געווענדעט צו זיין פאָטער.

— די קנעפּ זיינען אונדזערע, מען האָט זיי אונדז געגעבן! — האָט יוסף אויסגערופן — און דו האָסט קיין רעכט ניט צו פאַרלאַנגען פון אונדז, אַז מיר זאָלן דיר אויך געבן אַ חלק!

— דיין ברודער און שוועסטער־קינד זיינען גערעכט! — האָט יהושע זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל — די מעשענע קנעפּ געהערן צו זייערע געזעצלעכע אייגנטימער. אָבער אַזוי ווי זיי באַזיצן אַ סך מער קנעפּ ווי זיי דאַרפן, וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט, אַז זיי זאָלן דיר אויך געבן עטלעכע קנעפּ, אָבער צווינגען זיי זאָלן דאָס טאָן איז ניט ריכטיק. נאָר וואָס דען שלמה, אויב דו וועסט קענען ברענגען אַ פּסוק פון תנ״ך וואָס זאָל שטיצן דיין פאַרלאַנג, וועל איך זען, אַז זיי זאָלן דיר געבן עטלעכע קנעפּלעך.

שלמה האָט אַ טראַכט געטאָן און דאַן האָט ער זיך אָנגערופן: עס זיינען פאַראַן צוויי פּסוקים אין איוב, קאַפּיטל כ״ז, די פּסוקים 16 און 17, אָבער איך וועל זיי ניט ציטירן.

יהושע האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און זיך אָנגערופן: „אָ, יאָ, איך ווייס וואָס דו מיינסט איצט, יוסף, וועל איך אַזוי טאָן: אויב דו אָדער בערל וועלן מיר קענען זאָגן וואָס פאַר אַ פּסוקים זיי זיינען, וועל איך פון אייך ניט פאַרלאַנגען איר זאָלט געבן שלמהן אַ טייל פון די פאַרבליבענע קנעפּלעך, אָבער אויב איר וועט ניט וויסן די פּסוקים, וועט איר מוזן אים אָפּגעבן אַ טייל פון די קנעפּלעך. יאָ, יוסף, דו און בערל האָבן דאָך געלערנט איוב היינטיקן זמן, טאָ זאָגט מיר וואָסערע פּסוקים געפינען זיך אין יענעם קאַפּיטל וואָס וועלן קאָנען אָנגעווענדעט ווערן אויף אָט דעם סיכסוך וואָס איז צווישן אייך און שלמהן. איך וועל אייך געבן נאָר אַן אָנדייטונג: אויב איר וועט טאַקע וויסן די פּסוקים, וועלן זיי דאַן ניט קענען אָנגעווענדעט ווערן אויף אייך. בלויז אין פאַל אַז איר וועט ניט וויסן, וועט מען האָבן אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון אייך זיך צו טיילן מיט די מעשענע קנעפּלעך וואָס קוקן אויס ווי זילבער.

יוסף און בערל האָבן זיך פאַרטראַכט, זיי האָבן געקנייטשט מיטן שטערן ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט דערמאָנען, אָבער זיי האָבן געשאָקלט מיט די

קעפּ אויף נייַן. דאַן האָט יהושע געעפנט דעם ספר איוב און ער האָט געלייענט די פּסוקים: „אם יצבור כעפר כסף וכחומר יכין מלבוש. יכין וצדיק ילבש וכסף נקי יחלק. איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז מען זאָל אייך צוליב דעם אָנרופן רשעים, אָבער ווי באַלד אַ איר האָט געלערנט און איר געדענקט ניט וואָס איר האָט געלערנט, איז שוין שלמה קעגן אייך אַ צדיק און דעריבער וועט איר זיך מוזן טיילן מיט אים די באַזילבערטע קנעפּלעך...

יוסף און בערל האָבן זייער ניט געוואָלט זיך שיידן מיט די דאָזיקע קנעפּלעך, איבערהויפּט נאָכדעם ווי דורך שלמהן זיינען זיי פאַרשעמט געוואָרן, און זיי זיינען אָנגערופן געוואָרן „רשעים״ ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט די פּסוקים פון איוב.

שלמה האָט גענומען די קנעפּלעך און זיי אָנגענייט אויף זיינע הויזן און ער האָט שטאַרק שטאָלצירט מיט די בלישטשנדיקע מעשענע קנעפּלעך. יוסף און בערל, אָבער, האָבן זיך ניט אויפגעהערט צו באַקלאָגן אויף דעם, אַז מען האָט זיי באַגוולהט, אַז שלמה האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו פאָדערן ביי זיי די קנעפּלעך וועלכע האָבן אויסשליסלעך באַלאַנגט צו זיי.

— פאַרוואָס מאַכט איר פון דעם אַזאַ וועזן? — האָט יהושע זיך צו זיי אָנגערופן — די קנעפּלעך זיינען דאָך שוין אָנגענייט אויף שלמהלעס הויזן, טאָרט איר דאָך מיט געוואַלד פון אים די קנעפּלעך ניט אַוועקנעמען, אָבער אויב איר וועט זיך קליגן איבער אים און קענען זיי אַוועקנעמען דורך אַ פּסוק אָדער דורך אַן אַנדער שפּיצל, וועל איך אייך געבן גערעכט!

יוסף און בערל האָבן אַ גאַנצן טאָג געזוכט אין תנ״ך אַ פּסוק וואָס זאָל קענען באַרעכטיקן צוריקצוקריגן די קנעפּלעך פון שלמהן, אָבער זייער מי איז געווען אַרויסגעוואָרפן. זיי האָבן ניט געפונען אַזאַ פּסוק וואָס זאָל קענען אויסגעטייטשט ווערן און אָנגעווענדעט ווערן אויף זייער פאַל. באַלד אָבער זיינען זיי געפאַלן אויף אַ פּלאַן. זיי זיינען צוגעגאַנגען צו שלמהן און גענומען באַטראַכטן די קנעפּ וואָס ער האָט געהאַט אָנגענייט אויף זיינע הויזן.

— אוי, וויי! אוי, וויי! — האָט יוסף אויסגערופן — זע נאַר, שלמה, וואָס דו האָסט געטאָן! גיב נאַר אַ קוק בערל, דו זעסט! שלמה האָט אָנגענייט זיינע קנעפּלעך מיט פאָדים פון פלאַקס אויף זיינע הויזן פון וואָל! דאָס איז דאָך שעטנז! דו ביסט דאָך עפּעס אַ למדן, ווייסטו דען ניט, אַז אויף אַ יידישן בגד טאָר זיך ניט געפינען צמר ופשתים, וואָל און פלאַקס - מען מוז די קנעפּלעך גלייך אויסטרענען!

שלמה האָט זיך בעת מעשה דערשראָקן. עס איז דאָך טאַקע אַן עבירה צו טראָגן שעטנז. און ווען יוסף האָט מיט אַ מעסערל אויסגעטרענט די קנעפּלעך פון זיינע הויזן, האָט ער ניט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד. באַלד האָט ערע זיך געכאַפּט און אויסגערופן:

— אויב פון די צוגענייטע קנעפּלעך צו מיינע הויזן איז געוואָרן שעטנז, זיינען דאָך אייערע אויך שעטנז! אָ, איר האָט מיך אָפּגענאַרט!

שלמה האָט זיך באַקלאָגט פאַר זיין טאַטן, אַז זיין ברודער האָט דורך אָפּנאַרריי צוריק אַרויסבאַקומען פון אים די מעשענע קנעפּלעך.

— וואָס זאָל איך דיר טאָן? — האָט יהושע געזאָגט — דו ביסט אַ נאַר און דו גלויבסט אַלץ, פּתי יאמין לכל דבר. אַזוי האָב איך מיט זיי אָפּגעמאַכט. אויב זיי וועלן קענען פון דיר אַרויסבאַקומען צוריק די קנעפּלעך דורך אַ שפּיצל, וועלן זיי געהערן צו זיי. איך קען דיר מער ניט העלפן. איך האָף, אַז אויף ווייטער וועסטו זיין קליגער און זיך ניט לאָזן אַזוי לייכט אָפּנאַרן...

שלמה האָט פאַרלוירן זיינע קנעפּלעך און זיין ברודער און שוועסטער־קינד האָבן זיך נאָך מיט אים געריצט: „דער רשע גרייט אָן און דער צדיק טוט אָן!"

8

חיים יוסף האָט ביסלעכוויז גענומען אונטערקרענקן און ער האָט שוין ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַכטונג צו געבן אויף דער אַרענדע. פון צייט צו צייט, אָבער, פלעגט ער אַריינקומען אַכטונג געבן אין שענקל, וואו מען פלעגט פאַרקויפן אויסער בראָנפן צו די פויערים אויך אַנדערע זאַכן וואָס די פויערים פלעגן געברויכן, ווי זאַלץ, הערינג, צוקער, טיי און אַנדערע שפּייזן. דעם גאַנצן געשעפט, אָבער, האָט געפירט רבקה, יהושעס פרוי, וועלכע איז געווען ספּריטנע און פעאיק, און האָט געוואוסט ווי אויסצוקומען מיט די פויערים פון דאָרף.

יהושע האָט געפירט די חשבונות; ער האָט אַלץ אַריינגעשריבן אין די ביכער און פלעגט גאַנץ אָפט אַוועקפאָרן איינקויפן סחורה, געשלאָסן אָפּמאַכן און געפירט פּראָצעסן קעגן די, וועלכע האָבן אים געקומען געלט און ניט געוואָלט באַצאָלן.

איינמאָל האָט יהושע אָפּגערייזט קיין קעניגסבערג, אין פּרייסן, און דאָרט געקויפט אייניקע טונען זאַלץ, אַ היפּשע צאָל פעסלעך הערינג און עטלעכע קאַסטנס צוקער. אָט די גאַנצע סחורה האָט מען אָנגעלאָדן אויף אַ שיף פון דעם פירשט ראַדזיוויל, וואָס איז אָפּגעפאָרן אויף דעם טייך ניעמאַן. די שיף איז פאַרוואַלטעט געוואָרן פון אַ פוילישן פּריץ מיטן נאָמען שאַכנאַ, וועלכער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער ביים פירשט ראַדזיוויל.

יהושע האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע אַ צופרידענער. ער האָט איינגעהאַנדלט זייער גוטע סחורה, וואָס וועט קלעקן פאַר דעם גאַנצן ווינטער. ווען ער איז אָנגעקומען אין הויז האָט ער דערציילט פאַר זיין ווייב און זיינע עלטערן וועגן דעם מסחר וואָס ער האָט דורכגעפירט, ווי אַזוי ער האָט געזען אַז די סחורות זאָלן גוט געפּאַקט ווערן און ער האָט שוין אַכטונג געגעבן, אַז ביים אָנלאָדן זאָל קיין זאַך ניט קאַליע ווערן.

— איך האָב געהערט, אַז די שיף פון דעם פירשט ראַדזיוויל איז נעכטן אָנגעקומען אין דעם האַפן פון ניעמאַן! — האָט רבקה זיך אָנגערופן.

— איך האָב אויסגערעכנט, אַז די שיף וועט די טעג דערגרייכן צום האַפן.

מאָרגן, אם ירצה השם, וועל איך מיטנעמען גאַוורילאַן מיט צוויי פורן און מיר וועלן צופאָרן אָפּנעמען די סחורות.

יהושע האָט דאַן אַרויסגענומען די קבלות און ער האָט גענומען אויסרעכענען וויפיל ער האָט באַצאָלט פאַר יעדער זאַך, און וויפיל סחורות ער האָט אָנגעקויפט.

— איך האָב אַריינגעלייגט די גאַנצע געלט וואָס איך האָב מיט זיך מיטגענומען אין די סחורות — האָט יהושע זיך אָנגערופן צו זיין פאָטער — און איך בין איבערצייגט, אַז מיר וועלן מאַכן אַ היפּש ביסל ריווח.

פון די קבלות האָט ער אַריינגעשריבן אין בוך וויפיל יעדע זאַך קאָסט אים און וויפיל מען וועט דאַרפן לייזן פאַר יעדער זאַך.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט גאַוורילאַ איינגעשפּאַנט צוויי פערד צו צוויי פורן. איין פור האָט געפירט יהושע און די צווייטע — גאַוורילאַ. זיי זיינען צוגעפאָרן צום ברעג ניעמאַן וואו עס איז געווען דער האַפן פאַר ראַדזיווילס שיף.

— דו זעסט גאַוורילאַ! — האָט זיך יהושע צו אים אָנגערופן — אָט אויף דער דאָזיקער שיף האָט מען אָנגעלאָדן אַלע סחורות וואָס איך האָב איינגעקויפט אין פּרייסן. דו וואַרט דאָ צו מיט די פורן און איך וועל אַריינגיין צו דעם פּריץ שאַכנאַ אין הויז און אים זאָגן, אַז איך בין געקומען אָפּנעמען מיינע סחורות.

— איך וועל העלפן אויסלאָדן די סחורות! — האָט גאַוורילאַ זיך אָנגערופן.

— דאָס וועלן זיינע פּאַראָבקעס דאַרפן טאָן! — האָט יהושע געזאָגט

— נאָר טאָמער וועט מען דאַרפן צולייגן אַ האַנט וועלן מיר ביידע דאָס טאָן.

יהושע איז אַריינגעקומען צו שאַכנאַן אין הויז.

— איך בין געקומען אָפּנעמען מיינע סחורות פון דער שיף! — האָט יהושע געזאָגט.

— דיינע סחורות, וואָס פאַר אַ סחורות?

— וואָס הייסט, ווייסטו דען ניט, אַז איך האָב איינגעקויפט סחורות אין קעניגסבערג און איך בין געווען דערביי ווען מען האָט אָנגעלאָדן די סחורות אויף דער דאָזיקער שיף...

— איך האָב פאַר דיר קיין סחורות ניט באַקומען! — האָט שאַכנאַ אויסגעשריגן — דיר מוז זיך חלומען!

— וואָס רעדסטו פאַן שאַכנאַ! — האָט יהושע אויסגערופן — וואָס הייסט דו האָסט די סחורה ניט באַקומען. איך אַליין בין דאָך געשטאַנען דערביי ווען מען האָט אָנגעלאָדן אַלע סחורות וואָס איך האָב איינגעקויפט אין קעניגסבערג.

— דו ביסט אַ ליגנער! דו האָסט קיינמאָל דאָרט ניט געקויפט קיינע סחורות און אויף אָט דער שיף האָבן זיך קיינע סחורות ניט געפונען.

— אָט האָב איך די קוויטאַנציע פאַר אַלע סחורות וואָס איך האָב געקויפט!

— האָט יהושע אויסגערופן און אַרויסגענומען פון זיין קעשענע די קבלה, אויף

וועלכער עס זיינען געווען אָנגעשריבן די אַלע סחורות וואָס ער, יהושע, האָט דאָרט געקויפט, און וויפל ער האָט פאַר דעם באַצאָלט.

שאַכנאַ האָט אַרויסגעריסן די קוויטאַנציע פון יהושעס האַנט און זי אַריינגעוואָרפן אין פייער.

— אוי, וואָס האָסטו געטאָן! — האָט יהושע געגומען שרייען — דו מאַכסט דאָך מיך אומגליקלעך! איך האָב אונדזער גאַנץ געלט אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן מסחר...

— גיי אַרויס פון מיין הויז! — האָט שאַכנאַ אויף אים אַ געשריי געטאָן

— איך האָב קיינמאָל ניט באַקומען דיין סחורה.

— אפשר האָט אימיצער אַרונטערגענומען די סחורה אָן דיין וויסן, האָט יהושע פּרובירט ריידן צו אים — אָבער איצט אַז דו האָסט פאַרברענט מיין קוויטאַנציע, ווי אַזוי וועל איך קענען באַווייזן, אַז איך האָב געקויפט די סחורה אין קעניגסבערג און זי אָנגעלאָדן אויף דער שיף פון פירשט ראַדזיוויל?!

— ניט דו האָסט געהאַט סחורה און ניט דו האָסט געהאַט אַ קוויטאַנציע פאַר די סחורה — האָט שאַכנאַ אויסגערופן — דו האָסט עס אַלץ פאַרטראַכט!

— דו ווילסט דען פאַרלייקענען, אַז דו האָסט פון מיר אַרויסגעריסן די קוויטאַנציע און זי אַריינגעוואָרפן אין פייער! — איז שוין יהושע געוואָרן אויפגערעגט — וואָס מיינסטו עס איז הפקר! איך וועל דאָס ניט דערלאָזן. איך וועל...

— דו וועסט שוין פאַרלאָזן מיין הויז! — האָט שאַכנאַ אויפגעעפנט די טיר.

יהושע איז אַרויס פון דאָרט אַ דערשלאָגענער און ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צו דעם פּלאַץ וואו דער אַלטער דינער גאַוורילאַ איז געשטאַנען.

— וואָס איז געשען, מיין הער? — האָט גאַוורילאַ אים אַ פרעג געטאָן, ווען ער האָט אים דערזען אין אַזאַ צושטאַנד.

— וואָס זאָגסטו אויף דעם, שאַכנאַ לייקנט... ער זאָגט, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געקויפט קיין סחורה און ער האָט אויף דער שיף גאָרניט געזען קיין שום סחורה.

— האָסט דאָך אים געקענט ווייזן די קוויטאַנציע — האָט גאַוורילאַ זיך אָנגערופן.

— איך האָב אים געוויזן די קוויטאַנציע, האָט ער זי אַרויסגעכאַפּט פון מיין האַנט און זי אַריינגעוואָרפן אין פייער!...

— אָ, ווי האָט ער דאָס געקענט טאָן אַזאַ זאַך! — האָט גאַוורילאַ אויס־געשרופן.

— אַמווייניקסטנס ווען דו זאָלסט געווען דערביי און דאָס צוגעזען וואָלט איך געהאַט אַן עדות, אָבער איצט ווען וועט מען גלויבן בעסער, מיר צי אים! וואָס קען איך איצט טאָן?

ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין הויז מיט די ליידיקע פורן, האָבן אַלע גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט.

— וואָס איז געשען, יהושע! — האָט זיין פרוי געפרעגט — וואו איז די סחורה?

— אוי, אַן אומגליק איז געשען! — האָט יהושע טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט פאַר אַלעמען דערציילט אַלץ וואָס עס איז געשען, ווי אַזוי שאַכנאַ האָט געלייקנט שטיין און ביין און האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געקראָגן זיין סחורה אויף דער שיף, און ווען ער, יהושע, האָט אַרויסגענומען זיין קבלה, האָט דער רשע שאַכנאַ דאָס אַרויסגעריסן פון זיין האַנט און זי אַריינגעוואָרפן אין פייער.

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן! — האָט חיים יוסף אויסגערופן — מען טאָר אים ניט שווייגן!

— וואָס קענען מיר טאָן? איצט, אַז ער האָט פאַרברענט די קוויטאַנציע, האָב איך דאָך גאָרניט צו צייגן...

— מען וואָלט זיך באַדאַרפט באַקלאָגן אויף אים צו דעם פאַרוואַלטער פון אונדזער אַרענדע! — האָט רבקה פאַרגעשלאָגן.

— ווער קען וויסן צי זיי בײדע האָבן זיך נישט צעטיילט מיט דעם אָנגערויבטן! — האָט יהושע מיט טרויער אין זיין שטים אַ זאָג געטאָן — אַזאַ רויבעריי איז נאָך ניט געהערט געוואָרן.

— אפשר וואָלט מען באַדאַרפט פּרובירן זיך באַקלאָגן פאַר דעם פירשט ראַדזיוויל! — האָט רבקה געזאָגט — זאָל ער אַמווייניקסטן וויסן וואָס פאַר אַ גנב דער פאַרוואַלטער פון זיין שיף איז.

— ערשטנס, ווי קען מען צוקומען צום פירשט. און אַפילו ווען די אָנקלאָגע קעגן דעם פאַרוואַלטער פון זיין שיף וועט אים דערגרייכן, וועט ער מן הסתם דאָס איבערגעבן צו דעם פאַרוואַלטער פון דער אַרענדע, און אויב יענער איז אַ שותף צו דער רויבעריי, וועלן מיר זיך ערשט דאַן איינקויפן אַ מפטיר...

— אויב אַזוי האָבן מיר קיין אַנדער ברירה ניט ווי אים אָנצוקלאָגן אין געריכט — האָט חיים יוסף געזאָגט — ווען דאָס געריכט וועט אים געפינען שולדיק, וועט ער שוין קריגן זיין פּסק פון דעם פירשט, וועלכער וועט אויס־געפינען וואָס פאַר אַ גנב דער פאַרוואַלטער פון זיין שיף איז.

— וואָס פאַר אַ ציי‌גנים וועל איך איצט קענען באַווייזן אין געריכט, אַז איך האָב ווירקלעך געקויפט די סחורה אין קעניגסבערג — רופט זיך אָן יהושע — אַז ער האָט פאַרברענט די קוויטאַנציע וואָס וואָלט געווען דער איינציקער באַווייז מיינער.

— אויב אַזוי וועסטו מוזן ווידער מאַכן אַ רייזע קיין קעניגסבערג און אַרויסקריגן פון דעם סוחר, ביי וועמען דו האָסט איינגעהאַנדלט די סחורה, אַ דופּליקאַט קוויטאַנציע, און מיט דעם וועסטו קענען איבערצייגן אין געריכט, אַז שאַכנאַ, דער פאַרוואַלטער פון דער שיף פון פירשט ראַדזיוויל, האָט דיך באַגנבעט — האָט חיים יוסף פאַרגעשלאָגן.

— אַזאַ רייזע וועל איך נישט קענען מאַכן גלייך איצט, אַז דער ווינטער האַלט ביים אָנקומען — זאָגט יהושע — איך וועל דאָס מוזן אָפּלייגן ביזן

קומענדיקן יאָר. דאַן וועל איך אָפּרייזן אַהין און זען אַרויסצובאַקומען אַ דופּ־ליקאַט פון אַלע סחורות און ווי אויך די פּרייזן וואָס איך האָב באַצאָלט.

— און דו וועסט אויך מוזן פון זיי אַרויסבאַקומען אַ באַשטעטיקונג, אַז אַט די אַלע סחורות וואָס דו האָסט דאַן איינגעהאַנדלט זיינען אָנגעלאָדנט גע־וואָרן אויף דער שיף פון פירשט ראַדזיוויל וואָס איז אונטער דער אויפזיכט פון שאַכנאַן, און אויך דעם טאָג ווען די שיף האָט פאַרלאָזן קעניגסבערג מיט די סחורה — האָט רבקה צוגעגעבן.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל דאָס אַלץ באַזאָרגן, אָבער וואָס איז צו ריידן, דערווייל זיינען מיר געבליבן אָן געלט און אָן סחורה!

— אַזאַ חוצפּהדיקן גנב האָב איך נאָך ניט געזען! — האָט חיים יוסף געזאָגט — דו ביסט באַגאַנגען אַ נאַרישקייט וואָס דו האָסט אים געוואָלט ווייזן די קוויטאַנציע.

— ווי וואָלט מיר געקענט איינפאַלן, אַז ער וועט אַרויסכאַפּן פון מיר די קוויטאַנציע און זי פאַרברענען!

— ווי באַלד, אַז דו האָסט געזען אַז ער לייקנט שטייט און ביין, האָסטו דאָך באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז אים ווייזן די קוויטאַנציע וועט גאָרניט העלפן. פאַרקערט דאָס וועט אים נאָך מער צעערייצן און ער וועט טאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן! — האָט חיים יוסף געזאָגט צו זיין זון. — איך וואָלט בלויז אים געוויזן די קבלה פאַר עדות, אָבער ניט אונטער פיר אויגן.

— איך בין אַזוי דערשטוינט געוואָרן ווען איך האָב געהערט פון אים, אַז ער האָט די סחורה קיינמאָל ניט דערהאַלטן, אַז איך האָב זיך געטראַכט, טאָמער איז עפּעס געשען מיט דער שיף און אימיצער האָט די סחורה אויסגעלאָדן אויף דעם וועג אַהער...

— דאָס וועלן מיר ניט טאָרן פאַרשווייגן! — האָט חיים יוסף אויס־געגרופן — וואָס הייסט, ער, דער פאַרוואַלטער פון דער שיף, זאָל אַרונטער־גנבענען די סחורה און האַלטן זיך ווי ער איז גאָט די נשמה שולדיק.

— ווען ער רייסט פון דיר ניט אַרויס די קוויטאַנציע וואָלט מען נאָך געקענט מיינען טאָמער איז פאַרגעקומען אַ מיספאַרשטענדעניש, צו וואָס... ווי באַלד אַז ער האָט אַזוי געהאַנדלט, איז דאָס שוין אַליין אַ גוטער באַוויז, אַז ער האָט אונדז באַגנבעט, און וועט זוכן צו באַווייזן, אַז מיר זוכן זיך צו טשעפּען צו אים! — האָט רבקה געזאָגט — דעריבער וועט מען אים מוזן אָנלערנען. דו וועסט צופאָרן קיין מירץ, יהושע, און זיך באַראָטן מיט אַן אַדוואָקאַט, און הערן וואָס דו האָסט צו טון.

— מיט אַן אַדוואָקאַט, דאַרף דאָך שוין ווידער קאָסטן געלט! — האָט יהושע געזאָגט — איך ווייס ניט וואָס צו טאָן.

— דו וועסט דערווייל דאַרפן זיך האַלטן אַן עצה, ווי אַזוי צו האַנדלען אין אַזאַ פאַל — האָט חיים יוסף געזאָגט — ווייל אויב מיר וועלן וואַרטן ביז קומענדן יאָר, וועט מען דאָך אונדז קענען פרעגן פאַרוואָס האָבן מיר דעם גאַנצן יאָר געשוויגן? אויב עס וועט זיין פאַרשריבן ביים אַדוואָקאַט, אַז דו האָסט זיך צו אים גלייך געווענדעט און ער האָט דיר געראָטן אָפּצורייזן קיין

קעניגסבערג צו קריגן דאָרט אַ דופּליקאַט קוויטאַנציע, וועט דער ריכטער דאַן צו דיר קיינע טענות ניט קענען האָבן וואָס דו האָסט דעם גאַנצן יאָר געשוויגן.

— איך פאַר מאָרגן אַריבער אין מירץ! — האָט יהושע געזאָגט — וואָס קענען מיר זיך העלפן, אַז עס זיינען באַשערט צרות, קומען זיי אומ־געריכטערהייט...

דעם גאַנצן טאָג און אַ שטיק פון דער נאַכט האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו רעדן פון דער פּאַסירונג, און זיך באַראַטן וואָס צו טאָן וועגן דעם.

יהושע איז צוגעפאָרן קיין מירץ און ער האָט זיך געזען מיט אייניקע ייִדישע סוחרים און ער האָט זיך מיט זיי באַראַטן וואָס צו טאָן.

אייניקע האָבן אים געראַטן, אַז ער טאָר אַזאַ עוולה ניט פאַרשווייגן, ווייל אויב אים זאָל זיך אָט די דאָזיקע גנבה איינגעבן, וועט ער ביי דעם ניט בלייבן; ער וועט איינזען, אַז מען האָט פאַר אים מורא און ער וועט טאָן וואָס אים וועט געפעלן...

אַנדערע, אָבער, האָבן געראַטן יהושען זיך מיט אים ניט אָנצופאַנגען.

— מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז מיר זענען ביי זיי אין גלות! עס איז ניטאָ קיין גרענעץ צו די שלעכטס וואָס זיי קענען טאָן צו אייך אַלעמען... האָט איר שוין פאַרגעסן, אַז דער פּאָפּ, ימח שמו, האָט שיער ניט אומגעבראַכט דיין פאָטער חיים יוסף!

— אָבער ווי אַזוי קען מען פאַרשווייגן אַזאַ נידערטרעכטיקייט! — האָט יהושע אויסגערופן — עס איז דאָך הימל שרייענד! וואָס וועלן מיר טאָן, אַז ער וועט אַריינקומען צו אונדז אין שטאַל און אַוועקנעמען אונדזערע בהמות, אָדער ער וועט אַרויסטראָגן די גאַנצע תבואה פון אונדזערע שייערן, אָדער גאָר אונטערצינדן אונדזערע הייזער... עס מוז דאָך זיין אַ ביסל גערעכטיקייט... וואָס מיינט דער רשע, עס איז הפקר אַ וועלט!

— איך וועל אייך זאָגן, ר׳ יהושע — האָט זיך דער קרעטשמער צו אים אָנגערופן — די בעסטע זאַך וועט זיין, ווען איר באַראַט זיך מיט אַן אַדוואָקאַט, און הערט וואָס ער וועט אייך הייסן טאָן.

— אָט טאָקע צוליב דעם בין איך איצט געקומען אַהער! — האָט יהושע געזאָגט.

ער איז אַוועק צו דעם איינציקן אַדוואָקאַט וועלכער האָט זיך געפונען אין מירץ. יהושע האָט אים דערציילט אַלץ וואָס ער איז געשען צווישן אים און דעם פאַרוואַלטער פון דער שיף, שאַכנא.

— אויב דו וועסט קענען אַרויסבאַקומען אַ דופּליקאַט קוויטאַנציע מיט אַלע באַשטעטיקונגען, וועסטו זיכער געווינען דעם משפט קעגן שאַכנאַן — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט — אָבער טאָמער ניט, איז דיין גאַנצע מי אַרויסגעוואָרפן, ווייל דו וועסט גאָרניט האָבן וואָס צו באַווייזן.

— דאָס וועל איך ערשט קענען טאָן איבער אַ יאָר! — האָט יהושע געזאָגט — אָבער איך וואָלט וועלן, אַז עס זאָל ביי דיר פאַרצייכנט ווערן, אַז איך

האָב אָט דעם דאָזיקן משפט איבערגעגעבן אין דיינע הענט אַזוי שנעל ווי די גנבה איז געשען.

— דאָס וועט אַלץ רעכט זיין! — האָט דער אַדוואָקאַט אויסגערופן — דערווייל טו גאָרניט! רעד מיט קיינעם ניט וועגן דעם. ווען דו וועסט באַקומען די דופּליקאַטן, זאָלסטו צו מיר קומען און איך וועל אָנגעבן אין געריכט...

יהושע האָט אים געפרעגט וויפיל ער דאַרף אים דערווייל באַצאָלן, און דער אַדוואָקאַט האָט זיך אָנגערופן: „דערווייל דאַרפסטו מיר גאָרניט באַצאָלן. ווען דו וועסט באַקומען די צייגניס, וועסטו דאַן קומען און איך וועל שוין זיך מיט דיר אויסגלייכן".

אַ גאַנצן יאָר האָט יהושע געוואַרט. זייער אַ שווערן יאָר האָבן זיי אַלע דורכגעמאַכט. עס האָט זיי געפעלט געלט, און זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן עטלעכע בהמות, אָבער זיי זיינען ווי עס איז דורכגעקומען. ביים סוף זומער האָט יהושע זיך ווידער אַוועקגעלאָזן אין וועג און איז אָנגעקומען אין קעניגסבערג. ער האָט דאָן דערציילט דעם סוחר, ביי וועמען ער האָט פאַראַיאָרן געהאַט איינגעקויפט די סחורה, אַלץ וואָס עס איז געשען, ווי אַזוי דער פאַרוואַלטער פון שיף האָט אַלץ געלייקנט און דערצו אַרויסגעכאַפּט זיין קוויטאַנציע און זי פאַרברענט.

— איצט וועל איך מוזן קריגן אַ דופּליקאַט פון אַלץ — האָט יהושע געזאָגט — סיי פון די סחורות וואָס איך האָב ביי דיר געקויפט און סיי זייערע פּרייזן, און אויך אַ באַשטעטיקונג, אַז אין יענעם טאָג זיינען די סחורות אָנגעלאָדן געוואָרן אויף דער שיף פון פירשט ראַדזיוויל און אָפּגעשיקט געוואָרן צו דעם האַפן פון ניעמאַן, וואו דער פאַרוואַלטער שאַכנאַ געפינט זיך.

— אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן! — האָט דער סוחר מיט צאָרן אויסגערופן — דו וועסט קריגן אַלע נויטיקע פּאַפּירן וואָס דו דאַרפסט.

דער סוחר האָט זיין בוכהאַלטער געהייסן אויפזוכן אין די ביכער וועגן דעם מסחר וואָס יהושע האָט פאַראַיאָרן דאָ דורכגעפירט. דאַן האָט מען אויסגעמאַכט אַ דופּליקאַט פון אַלץ און דאָס איז אַלץ באַשטעטיקט געוואָרן מיט די חתימות פון דעם סוחר ווי אויך די חתימה פון אַ נאָטאַריוס.

יהושע האָט שוין געזען צו באַזאָרגן אַלץ וואָס עס איז נויטיק געווען, און ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים. ער האָט קיין צייט ניט פאַרלאָרן און גלייך אַריבערגעפאָרן קיין מירץ און איבערגעגעבן דעם אַדוואָקאַט אַלע נויטיקע פּאַפּירן. דער אַדוואָקאַט האָט אַלץ דורכגעקוקט.

— אַלץ איז אין גוטער אָרדענונג — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט צו יהושען — איצט פאָר אַהיים — איך וועל שוין זען צו ברענגען דיין משפט פאַר דעם ריכטער אַזוי שנעל ווי מעגלעך. ווען איך וועל אויסגעפינען ווען דער משפט וועט פאָרקומען וועל איך דיר לאָזן וויסן.

יהושע האָט זיך באַדונגען מיט דעם אַדוואָקאַט, און ער האָט אים געגעבן אַן אַדערויף און זיך אומגעקערט אַהיים.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דער אַדוואָקאַט געשיקט אַ שליח צו יהושען,

װעלכער האָט אים געלאָזט װיסן, אַז דער משפט װעט פאָרקומען אין אַ געװיסן טאָג און אַז ער זאָל זיך יענעם טאָג געפינען אין געריכט.

דער געריכט האָט אויך געלאָזט װיסן שאַכנאָן, אַז ער דאַרף קומען צום משפט, װאו ער װערט אָנגעקלאָגט דורך יהושען אויף גנבה.

שאַכנאַ, אָבער, האָט זיך ניט װיסנדיק געמאַכט און ער האָט ניט געפונען פאַר נויטיק זיך צו מעלדן אַפילו. דריי מאָל האָט מען שאַכנאָן געלאָזט װיסן און ער האָט זיך אינגאַנצן אַרויסגעדרייט און ניט געקומען צום פּראָצעס.

דער ריכטער האָט דאַן אַרויסגעגעבן זיין אורטייל, אַז שאַכנאַ איז שולדיק און ער דאַרף אומקערן יהושען דעם גאַנצן שאָדן װאָס ער האָט געהאַט דורך זיין שװינדל.

אָבער אַזוי װי דאָס גאַנצע פּוילישע יוסטיץ־װעזן אין יענער צייט איז געװען אין זייער אַ כאַאָטישן צושטאַנד, איז דער אורטייל קיינמאָל ניט דורכגעפירט געװאָרן. יהושע האָט געטאָן אַלץ װאָס נאָר פאַר אים מעגלעך געװען, די מען זאָל צװינגען שאַכנאָן צו באַצאָלן פאַר דעם גאַנצן היזק װאָס ער האָט געהאַט אָבער מען האָט זיך ניט װיסנדיק געמאַכט.

— נו, איצט האָב איך געמאַכט נאָך הוצאות, און דערװייל האָב איך גאָרניט פון דעם! — האָט יהושע זיך באַקלאָגט פאַר זיינע פריינד אין מירץ.

— עס איז נאָך אַ װאונדער װאָס דער געריכט האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל צו דיין גונסטן — האָט איינער פון זיינע פריינד זיך אָנגערופן — עס איז זעלטן, אַז װען אַ ייד פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן אַ פּאָליאַק, זאָל ער געװינען דעם פּראָצעס.

— אָבער װאָס קומט מיר אַרויס פון דעם װאָס איך האָב געװאונען דעם פּראָצעס, אַז דער גנב, דער אויסװאורף, דער רשע, שאַכנאַ הערט זיי אַלעמען װי דעם קאָטער. איך קען דאָך אַפילו ניט קריגן די הוצאות װאָס קאָסטן מיר פאַר דעם פּראָצעס. איך האָב מורא, אַז ערשט איצט, װעט ער זיך ערשט זוכן אָפּצורעכענען מיט מיר.

יהושע האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ דערשלאָגענער. דער משפט האָט אים אָפּגעקאָסט אַ היפּשע מטבע, און ער האָט גאָרניט אויפגעטאָן. ער האָט זיך בלויז נאַריש געמאַכט.

— דו װייסט רבקה — האָט יהושע געזאָגט מיט טרויער — װי עס װייזט אויס טויג איך זיך אינגאַנצן ניט אויס צו געשעפט. צו װאָס איך נעם זיך און װאָס איך טו, גייט מיר מיט דער פּוטער אַראָפּ... בין איך שוין געפאָרן אַזוי װייט איינהאַנדלען סחורה, גנבעט מען דאָס ביי מיר אַװעק. געװוין איך דעם פּראָצעס קעגן גנב, קען איך ביי אים גאָרניט אויפמאָנען, און איך דאַרף דערצו נאָך ליידן די הוצאות פון פּראָצעס.

— דו װייסט גאַנץ גוט, יהושע, אַז דאָס איז ניט דיין שולד אינגאַנצן!

— האָט רבקה געזוכט צו באַרואיקן — אַז שאַכנאַ איז אַ רויבער, אַ גנב, װאָלט ער דאָס זעלבע געטאָן צו יעדן איינעם, װער עס זאָל ניט האָבן געקויפט די סחורה און אָנגעלאָדן אויף זיין שיף... װען דאָס װאָלט ניט געשען, װאָלסטו אַלעמען באַװיזן, אַז דו טויגסט זיך שוין גאָר גוט אויס צו מסחר. װאָלט

דען דאָס זעלבע ניט געשען צו דיין טאַטן? און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם משפּט, האָסטו דאָך דעם פּראָצעס געוואונען, נאָר וואָס דען, מיר זיינען דאָך אין גלות, איז אַז יעקב משפּט עשון, מעג זיך יעקב ריכטן אַז ער וועט קיין גערעכטיקייט ניט קריגן!

— עס גייען אַרום פאַרשיידענע קלאַנגען און מיין האַרץ ציטערט אין מיר — האָט יהושע זיך אָנגערופן.

— וואָסערע קלאַנגען, צוםביישפּיל, גייען אַרום? — פרעגט רבקה.

— איך האָב געהערט אין מירץ, אַז שאַכנאַ וועט אינגיכן אָפּרייזן קיין וואַרשע, וואו ער וועט זיך זען מיט דעם פירשט ראַדזיוויל

— טאָ וואָס האָסטו מורא צו האָבן? — זאָגט רבקה — ער וועט ניט וואָגן אים צו דערציילן וועגן משפּט. ער וועט וועגן דעם שווייגן ווי יורקעס הונט. ער וועט דאַרפן זיין צופרידן וואָס דו האָסט ניט געבראַכט די אָנקלאַגע צו אים אַליין.

— ווער ווייסט צוליב וואָס ער פאָרט קיין וואַרשע — האָט יהושע גע־שאָקלט מיטן קאָפּ — דער איצטיקער פאַרוואַלטער פון ראַדזיווילס נחלאות איז שוין אַלט און שוואַך, און עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, אַז ער וועט זיך צוריקציִען.

— נו, וועט קיין גרעסערער אומגליק ניט זיין — האָט רבקה געזאָגט — אַ סך טובות האָבן מיר אַרויסגעקראָגן פון אָט דעם פאַרוואַלטער, וועלכער איז אויך אַ פאַרביסענער רשע און אַ שונא ישראל וואָס פלעגט פאַר אונדז גאָרניט טאָן. אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט איז, יעדן האַלבן יאָר איינמאָנען די אַרענדע. ער האָט אונדז געענוג געדריקט און געשטיקט די גאַנצע צייט. אַ נייער פריץ קען נאָר זיין בעסער

— ניין, רבקה, מען טאָר ניט בעטן אויף אַ נייעם פריץ, ווייל יענער קען נאָך זיין ערגער ווי דער ערשטער! עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז שכנאַ איז גע־פאָרן קיין וואַרשע פאַרצושלאָגן זיינעם אַ פריינד פאַר דעם פירשט ראַדזיוויל, וועלכער זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם איצטיקן פאַרוואַלטער.

— עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז אָט דער אויסוואורף, שאַכנאַ, זאָל קענען באַאיינפלוסן דעם פירשט ער זאָל אָנשטעלן אַ מענטשן וועמען ער וועט רע־קאָמענדירן — האָט רבקה געזאָגט.

— הלוואַי זאָל זיך אַלץ אויסלאָזן צום גוטן — האָט יהושע געזאָגט — דערווייל איז ניט גוט! זאָל דער אויבערשטער זיך מרחם זיין!...

דאָס וואָס יהושע האָט מורא געהאָט איז געקומען, און נאָך ערגער ווי ער האָט דערוואַרטעט. דער אויסוואורף שאַכנאַ, וועלכער איז פריער געווען ביי דעם פירשט ראַדזיוויל בלויז דער פאַרוואַלטער פון זיין שיף, האָט דורך פאַרשיידענע אינטריגעס און דרייענישן זיך דערשלאָגן צו דעם פירשט ראַדזיוויל, און מיט זיין גלאַטן צונג ביי אים אויסגעפּועלט ער זאָל אים באַשטימען פאַר דעם פאַרוואַלטער איבער אַלע זיינע שטעטלעך און דערפער אין דער געגנט פון סוקאָוויבאָרג.

אין איין שיינעם נאָכמיטאָג האָט זיך אין דעם דאָרף סוקאָוויבאָרג אַריינ־

געלאָזן אַן עקיפּאַזש געשפּאַנט צו צוויי פערד, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון חיים יוספס הויז. דער קוטשער איז אַרונטער פון עקיפּאַזש, און האַל־טענדיק דעם בייטש אין זיין האַנט איז ער צוגעקומען צום הויז און מיט דער בייטש אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. רבקה האָט די טיר געעפנט און דערזעענדיק דעם קוטשער, האָט זי אים געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

— מיין הער, דער נייער פּאַרוואַלטער פון פירשט ראַדזיוויל, וויל ריידן מיט זיין אַרענדאַר! — האָט דער קוטשער זיך אָנגערופן — זאָל דער אַרענ־דאַר גלייך אַרויסקומען. דער פּאַרוואַלטער פון פירשט ראַדזיוויל וואַרט דאָרט אין זיין עקופּאַזש!

— אָט וועל איך אים גלייך אַרויסשיקן! — האָט רבקה געזאָגט און איז גלייך צוגעגאַנגען צו איר מאַן און געזאָגט:

— דער נייער פּאַרוואַלטער וויל זיך מיט דיר זען, זאָל גאָט געבן, אַז מיר זאָלן געפינען חן אין זיינע אויגן!

— האָסט אים געזען? ווי זעט ער אויס? — פרעגט יהושע זיין פרוי.

— ניין! איך האָב אים אַליין ניט געזען. ער האָט געשיקט זיין קוטשער און ער זיצט אין דעם עקיפּאַזש, וואָס שטייט ניט ווייט פון אונדזער הויז.

יהושע האָט אַרונטערגענומען זיין יאַרמולקע און אָנגעטאָן זיין הוט און זיין אויבער ראָק און איז גלייך אַרויס אין דרויסן. ווער ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און דערזען אַז אין עקיפּאַזש זיצט דער רשע שאַכנאַ, וועלכער איז איצט געוואָרן זיין גרעסטער שונא, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן, און איז געבליבן שטיין ניט ווייט פון עקיפּאַזש ווי פאַרגליווערט.

— אַזוי באַגריסטו דעם נייעם פּריץ דיינעם?! — האָט שאַכנאַ מיט צאָרן אויסגערופן.

יהושע האָט זיך אַ בייג געטאָן און זיין פּנים איז טויט בלאַס געוואָרן. ער האָט זיין מויל ניט געקענט עפענען.

— איך וויל אַז דו זאָלסט וויסן, אַז דער פירשט ראַדזיוויל פאַרלאַנגט אַ העכערונג אין דער אַרענדע, און די צאָלונגען וועלן דאַרפן געמאַכט ווערן אַלע פערטל יאָר אַנשטאָט אַלע האַלב יאָר!

— אָט וועל איך אַרויסשיקן מיין טאַטן — האָט יהושע מיט ציטער אין זיין שטים געזאָגט — ער איז דאָך דער וועלכער איז דער אַרענדאַר!

— דו קענסט אים דאָס איבערגעבן אין מיין נאָמען! — האָט שאַכנאַ מיט אַ בייזקייט אַ זאָג געטאָן.

— איך בעט דיך, פּאַן שאַכנאַ — האָט יהושע זיך אָנגערופן — עס וועט לאַנג ניט נעמען. מיין פּאָטער וועט מיט דיר ריידן.

— איך וועל בלויז צוואַרטן עטלעכע מינוטן! — האָט שאַכנאַ צוגע־שטימט.

יהושע איז שנעל אַריין אין הויז און ער האָט זיך אָנגערופן צו זיינע עלטערן און זיין פרוי: „עס איז ניט גוט! עס איז ביטער! דער פירשט ראַ־דזיוויל האָט באַשטימט מיין גרעסטן שונא, שאַכנאַ, פאַר דעם פּאַרוואַלטער פון אונדזער דאָרף און פון דער גאַנצער געגנט אַרום! ער האָט שוין אָנגעפאַנגען

מיט דעם וואָס ער פאַרלאַנגט אַ העכערונג פאַר דער אַרענדע. איך האָב גע־וואוסט, אַז ווען איך זאָל אָנפאַנגען צו פאַרהאַנדלען מיט אים, וועל איך ביי אים גאָרניט פועלן. האָב איך געטראַכט אפשר וועט זיין בעסער ווען דו, טאַטע, זאָלסט צו איםריידן, וועט זיין פאַרשטיינערטע האַרץ ווייכער ווערן... גיי גלייך אַרויס און רעד מיט אים...

חיים יוסף איז אַרויס אין דרויסן און איז צוגעקומען צו דעם עקיפּאַזש, און זיך אַ נייג געטאָן פאַר אים.

— איך בין זייער צופרידן וואָס זיין עקסעלענץ דער פירשט ראַדזיוויל האָט דיך באַשטימט פאַר דעם פאַרוואַלטער פון אַלע זיינע גיטער — האָט חיים יוסף מיט הכנעה אויסגערופן.

— איך בין גאָרניט אַזוי זיכער אויב דו ביסט באמת צופרידן — האָט שאַכנאַ מיט אַ ביטערן שמייכל אויף זיינע ליפּן אַ זאָג געטאָן — אָבער צי דו ביסט צופרידן צי ניט, וויל איך דיר זאָגן, אַז דיין אַרענדע וועט געהע־כערט ווערן אויף פופציק פּראָצענט.

— אָ, מיין ווירדיקער פּאַן! — האָט זיך חיים יוסף ווידער גענומען פאַרנייגן פאַר אים — עס וועט אונדז זיין שווער צו צאָלן אַזאַ הויכע אַרענדע, איבערהויפּט היינטיקס יאָר, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ סך שאָדן און מיר קענען נאָך ביז איצט צו זיך ניט קומען!

— דו מיינסט געוויס דאָס וואָס איר האָט באַדאַרפט אויסגעבן אַ סך געלט פאַר דעם פּראָצעס! — האָט שאַכנאַ מיט צופרידנהייט אויסגערופן — ווימען אַרט עס וואָס איר האָט פאַרשווענדעט געלט אומזיסט... פאַרקערט, ווי באַלד איר האָט געהאַט געלט פאַר אַזאַ פּראָצעס דורך וואָס איר האָט געהאָפּט דורך שווינדל עפּעס קריגן, וועט איר אויך האָבן געלט פאַר דער העכערונג פון דער אַרענדע.

— וואָס בין איך שולדיק וואָס מיין זון האָט זיך באַנאַרישט? — האָט חיים יוסף געמיינט אַז אויב ער וועט וואַרפן די גאַנצע שולד אויף זיין זון וועט שאַכנאַ וועלן מיט אים פאַרהאַנדלען.

— דו וועסט צאָלן ווי איך האָב דיר געזאָגט — האָט שאַכנאַ אויסגע־רופן, און ער האָט זיין קוטשער געהייסן טרייבן די פערד.

דער עקיפּאַזש האָט זיך גערירט פון אָרט און חיים יוסף איז געבליבן שטיין אויף זיין פּלאַץ, אַ דערשלאָגענער.

באַלד זיינען אַרויסגעקומען אין דרויסן יהושע און זיין פרוי. זיי זיינען צוגעקומען נעענטער און יהושע האָט זיך אָנגערופן:

— נו, טאַטע?...

— עס איז זייער שלעכט — האָט חיים יוסף אויסגערופן — מיר וועלן אים מוזן געבן די העכערונג. וואָס זאָלן מיר טאָן? ווימען וואָלט גאָר ווען עס איז איינגעפאַלן, אַז אָט דער רשע, אָט דער שווינדלער און שונא ישראל, זאָל גאָר ווערן דער הויפּט אונדזערער!

— האָבן שוין אונדזערע חכמים געזאָגט — האָט יהושע זיך אָנגע־

רופן — „כל המיצר לישראל נעשה ראש״, דער וועלכער טוט די יידן מער שלעכטס יענער ווערט דערהויבן...

— זאָלן מיר נאָר אָפּקומען מיט דעם! — האָט חיים יוסף געזאָגט — זאָל נאָר אויסגיין צו געלט... עס זאָל נאָר בלייבן ביי דעם. פאַרגעס ניט, מיין זון, אַז איצט זיינען מיר אינגאַנצן אין זיינע הענט. מיר האָבן זיך גוט באַנאַרישט וואָס מיר האָבן זיך אָנגעפאַנגען מיט אים אָבער ווער האָט עס געקענט פאַראויסזען?

9

די שנאה פון שאַכנאָן, דעם נייעם פאַרוואַלטער פון דעם פירשט ראַדזיווילס שטעטלעך און דערפער אין יענער גאַנצער געגנט, צו דער משפחה פון חיים יוסף, איז מיט יעדן טאָג גרעסער געוואָרן. דער נקמה געפיל איז שטאַרקער געוואָרן. ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט דורכצו־פירן זיין נקמה פּלאַן, וואָס איז אים גאָר אין גיכן געקומען צו דער האַנט.

געהאָלפן דערצו האָט אים אַ צווייטער ייד מיטן נאָמען שווערזען. אַט דער דאָזיקער ייד איז געווען זייער אַ פאַרגרעבטער, מיט זייער פאַרדאָרבענע מידות. די יידישע אַרענדאַרן פון דער גאַנצער געגנט האָבן אים געהאַסט און האָבן מורא געהאַט פאַר אים, ווייל ער האָט זיך ווינציק גערעכנט מיט דעם וואָס אַ ייד האָט שוין אַ חזקה אויף אַ פּאַכט. צווישן די יידן איז געווען אַן אָפּמאַך, וואָס איז געווען ווי אַ געזעץ, אַז קיין ייד טאָר ניט אויס־דינגען אַ צווייטן ייד, ווען יענער זיצט שוין אויף זיין אַרענדע דריי יאָר.

אַט דער דאָזיקער מנוול שווערזען האָט דעם אָפּמאַך קיינמאָל ניט געהאַלטן. ער פלעגט וואַרפן אַן אויג אויף אַ פּאַכט, און אויב ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער פּאַכט ברענגט אַריין אַ גוטן איינקונפט, פלעגט ער אַוועקגיין צום פאַרוואַלטער פון פּאַכט און אים אָנבאָטן מער געלט פאַר דער אַרענדע. ווען דער פריערדיקער אייגנטימער פון דער אַרענדע פלעגט קיין אַנדער ברירה ניט האָבן און אויך אָנבאָטן די זעלבע העכערונג, פלעגט שווערזען אַרויפשרויפן דעם פּרייז אַזוי הויך, אַז דער בעל חזקה האָט שוין ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַזוי פיל צו צאָלן, און אויף אַזאַ אופן פלעגט די אַרענדע אַריבערגיין צו אים. און ניט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז דער בעל חזקה האָט שוין אויך געגעבן אַזוי פיל געלט כדי צו פאַרבלייבן אויף דער אַרענדע, פלעגט אָבער דער אויסוואָורף שווערזען אונטערקויפן דעם פאַרוואַלטער און אַרויסבאַקומען דעם פּאַכט, און דורך דעם אַוועקרויבן די פּרנסה פון אַ צווייטן יידן.

אַט דער דאָזיקער יידישער רשע האָט שוין פון לאַנג געהאַלטן אַן אויג אויף חיים יוספס פּאַכט, און ער האָט געזוכט פאַרשידענע מיטלען

דאָס אָרויסצובאַקומען פון אים. אָבער וויבאַלד אַז חיים יוסף האָט די דאָזיקע אַרענדע געהאַלטן פאַר פילע יאָרן, איז עס אים ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. איצט, אָבער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז שאַכנאַ, מיט וועמען יהושע האָט זיך געמשפּט און וועמען ער האָט באַשולדיקט אין גנבה, איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער, האָט ער באַשלאָסן ווידער צו פּרובירן.

ער איז אַוועק צו שאַכנען און ער האָט אים באַגריסט פאַר דעם וואָס ער איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דעם פירשט ראַדזיווילס גיטער, און אים דערצו געבראַכט אַ גאַנץ שיינע מתנה.

— מיר איז זייער געפעלן דער פאַכט פון חיים יוסף און יהושע זיין זון. איך בין וויליק דיר צו געבן צוויי מאָל אַזוי פיל ווי ער צאָלט!

— דיין אָנבאָט געפעלט מיר זייער! — האָט שאַכנא געזאָגט — איך זע ניט אײן פאַרוואָס דער פירשט ראַדזיוויל זאָל דאַרפן דערלייגן צו חיים יוספן אַזוי פיל געלט. איך וועל זיך איבערטראַכטן און דיר לאָזן וויסן.

— ניט נאָר בין איך גרייט צו צאָלן צוויי מאָל אַזוי פיל פאַר דעם פאַכט — האָט דער יידישער רשע שווערזען זיך אָנגערופן — נאָר איך וועל דיר אויך יעדן יאָר ברענגען אַ גרויסאַרטיקע מתנה פאַר דיין פריינטשאַפט וואָס דו וועסט מיר אַרויסווייזן מיט דעם וואָס דו וועסט איינוויליקן מיר איבערצוגעבן דעם פאַכט.

— דו קום מאָרגן אין דער פרי מיט דער אַרענדע געלט פאַר צוויי יאָר פאַראויס און איך וועל דערוויילן האָבן צוגעגרייט פאַר דיר אַ קאָנטראַקט און דער גאַנצער פאַכט פון חיים יוסף וועט צו דיר אַריבערגיין אין משך פון אַ חודש צייט.

שווערזען איז אַוועק אַ צופרידענער פון שאַכנען. אויף מאָרגן איז ער געקומען מיט צוויי פון זיינע דינער וועלכע האָבן אים געהאָלפן אַריינטראָגן די פעקלעך געלט וואָס ער האָט געבראַכט אַלס אַרענדע פאַר חיים יוספס פאַכט פאַר צוויי יאָר צייט.

שאַכנאַ האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם קאָנטראַקט אין וועלכן ער האָט אַריינגעשריבן, אַז דער גאַנצער פאַכט מיט אַלע שפּייכלערס תבואה און אַ טייל פון די בהמות וועלן געהערן צו אים. מינדלעך האָט שאַכנאַ אָפּגעמאַכט מיט שווערזען, אַז אַ העלפט פון אַלע באַוועגלעכע גיטער וואָס וועלן איבערגיין פון חיים יוסף צו זיין רשות, זאָל ער אים אָפּגעבן.

שווערזען האָט אויף אַלץ איינגעשטימט און אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געקענט אונטערשרייבן אויף קיין שפּראַך, האָט ער געמאַכט אַ צייכן און עמעצער האָט אָנגעשריבן זיין נאָמען אונטער זיין צייכן. אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן דער געשעפט צווישן שאַכנאַן, דעם נייעם פאַרוואַלטער פון פירשט ראַדזיוויל, און דעם יידישן מנוול שווערזען, וואָס האָט באַרויבט חיים יוספן און זיין משפּחה פון דער אַרענדע וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן זיין גאַנצן לעבן...

עס איז געווען ערב חנוכה, נאָך האַלבן טאָג. דער שניי איז געווען טיף און צוגעפראָרן, און דער שליט־וועג איז געווען זייער אַ גוטער. דער

שוחט פון דעם שטעטל מירץ, וועלכער פלעגט יעדן יאָר אין דער צייט קומען קיין סוקאָוויבאָרג קוילענען עטלעכע גענז פאַר דער גאַנצער משפּחה כּדי צוצוגרייטן גענזען שמאַלץ און גריבענעס פאַר דעם גאַנצן ווינטער און אויך פאַר פּסח, איז דעם יאָר ניט געקומען. ער איז ניט געווען געזונט. דער צווייטער שוחט איז געווען שטאַרק פאַרנומען אין שטעטל און ער האָט ניט געקענט קומען צו זיי. האָט חיים יוסף גענומען זעקס פעטע גענז, און גאַווריליאַ האָט איינגעשפּאַנט דעם פערד צום שליטן און זיי זיינען ביידע אַריינגעפאָרן אין מירץ צו קוילענען די גענז, ווי אויך צו קויפן פרישן אויל פאַר דער חנוכּה מנורה.

אַזוי שנעל ווי זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן האָבן זיי זיך אומגעקערט אין דאָרף. ביידע פרויען, דאָבע און איר שנור רבקה, צוזאַמען מיט דער דינסט, האָבן אָפּגעפּליקט די גענז, זיי כּשר געמאַכט און דאַן גענומען פּרעגלען די שמאַלץ. דעם גרעסטן טייל פון די גענזן־שמאַלץ האָבן זיי אַריינגעטאָן אין פּסחדיקע טעפּלעך, וואָס זיי האָבן מיט ווייסע טיכלעך פאַרבונדן און דאָס אַריינגעטאָן אין דעם סקלאַד וואו זיי האָבן געהאַלטן די האָלץ. דער ריח פון דעם געפּרעגלטן גענזן־שמאַלץ מיט די גריבנס האָט זיך צוטראָגן איבערן גאַנצן הויז.

באַלד האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון גלעקלעך, וואָס איז געווען דער אָנזאָג, אַז אַ שליטן פאָרט צו. דאָבע האָט אַרויסגעקוקט דורך דער האַלב־פאַרפראָרענער שויב, און זי האָט באַמערקט ווי אַ שליטן שטעלט זיך אָפּ ניט ווייט פון דער טיר.

— גיי אַרויס, חיים יוסף, זע ווער איז דאָס צו אונדז צוגעפאָרן מיט אַ שליטן — האָט דאָבע אים געזאָגט, — אָבער איידער דו גייסט אַרויס אין דרויסן זאָלסטו גוט אַרומוויקלען דיין האַלדז, ווייל דער ווינט איז שטאַרקער געוואָרן.

חיים יוסף האָט אַרומגעוויקלט זיין האַלדז מיט אַ דיקער וואָלענער שאַלקע און איז אַרויס אין דרויסן. פון שליטן איז אַרויס אַ היידוק, און ער האָט צו אים געזאָגט:

— ביסטו דער אייגנטימער פון דער אַרענדע?

— יאָ, דאָס בין איך! — האָט חיים יוסף געזאָגט.

— מיין האַר, דער פּאַרוואַלטער שאַכנאַ, האָט מיר געהייסן דיר איבערגעבן אין האַנט אָט דעם פּאַפּיר!

חיים יוסף האָט גענומען דאָס פּאַפּיר פון זיין האַנט און דער היידוק האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד און דער שליטן איז שנעל פאַרשוואונדן.

— דער היידוק איז פון דעם פּריץ שאַכנאַ! — האָט חיים יוסף מיט אומרואיקייט אין זיין שטימע געזאָגט — איך קען דאָך ניט לייענען קיין פּויליש. גאָט ווייסט וואָס דאָרט שטייט געשריבן.

— רבקה, גיי רוף אַרויס יהושען — האָט דאָבע זיך צו איר אָנגערופן — יהושע קען אַ ביסל פּויליש, זאָל ער דאָס איבערלייענען.

יהושע איז געזעסן אין זיין צימער און האָט אַריינגעשריבן אין אַ בוך די אַלע חשבונות, די הוצאות און די הכנסות פון דער פאַרגאַנגענער וואָך.

— יהושע, קום אַרויס אַ ווײַלע — האָט רבקה זיך אָנגערופן — עפּעס האָט אַ היידוק געבראַכט אַ פּאַפּיר און דאָס איבערגעגעבן דיין טאַטען. דו וועסט עס איבערלייענען.

— וועלכער היידוק? — האָט יהושע גענומען אַרויסווייזן אומרואיקייט.

— אַ היידוק פון דעם פּאַרוואַלטער שאַכנאַ.

— עפּעס איז דאָ ניט פריילעך! — האָט יהושע אַ זאָג געטאָן און איז באַלד אַריינגעקומען אין דעם צימער וואו זיינע עלטערן זיינען געווען.

— דו קענסט דאָך לייענען פּויליש לייען דורך אָט דעם בריוו און זאָג מיר וואָס וויל דער רשע שאַכנאַ פון אונדז?

יהושע האָט גענומען לייענען דעם פּאַפּיר פאַר זיך. באַלד האָבן זיי באַ־מערקט ווי זיין פּנים ווערט טויט בלאַס און זיינע הענט הייבן אָן ציטערן.

— וואָס איז דאָרט געשריבן? — האָט שוין חיים יוסף זיך ניט געקענט באַהערשן.

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן?! וואָס וועלן מיר איצט טאָן? — האָט יהושע זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ — גאָט ווייסט וואָס מיר וועלן איצט טאָן

— זאָג אונדז שוין וואָס עס שטייט געשריבן אין אָט דעם פּאַפּיר — האָט חיים יוסף אויסגערופן.

— עס שטייט, אַז ער גיט אונדז צוויי וואָכן צייט צו פאַרלאָזן אונדזער פּאַכט, ווייל ער האָט אים פאַרדונגען צו שווערזשען, וועלכע צאָלט אים צוויי מאָל אַזוי פיל ווי מיר, און ער האָט אים שוין באַצאָלט פאַר צוויי יאָר פאַראויס!

— וואָס רעדסטו?! — האָט חיים יוסף אויסגערופן — עס איז אוממעג־לעך! ער קען דאָס ניט טאָן צו מיר! איך בין דאָך דאָ אויף דעם פּאַכט, אויפגעהאָדעוועט געוואָרן!

— ווי איז מיינע יאָרן! — האָט דאָבע זיך פונאַנדערגעוויינט — עס איז נאָך קיין פולע צוויי יאָר ניטאָ זינט מיר האָבן דורכגעמאַכט דאָס אומגליק פון בלוט־בילבול, און איצט נאָך אַזאַ אומגליק! איובס צרות האָבן זיך דאָך אויף אונדז אויסגעגאָסן.

— וואָס טוט מען איצט, צו וועמען זאָלן מיר זיך קערן און צו וועמען זאָלן מיר זיך ווענדן? — האָט יהושע אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיין שטערן און גענומען גיין איבערן צימער הין און צוריק — אַ שטיקל צייט איז געווען שטיל, האָב איך געמיינט, אַז דער רשע האָט שוין פאַרגעסן אָן דעם פראָצעס... אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט ער זיך די גאַנצע צייט אַרומ־געטראָגן מיט דעם געדאַנק זיך אָפּצורעכענען מיט אונדז...

— אפשר זאָלסטו צו אים גלייך אַריבערגיין, יהושע — האָט רבקה מיט טרויעריר שטימע געזאָגט — דו וועסט פאַלן צו זיינע פיס און אים זאָגן, אַז מיר וועלן דאָך אומגליקלעך ווערן. עס איז איצט אין מיטן ווינטער.

די פּרעסט זיינען גרויסע און דער שניי איז טיף. מיר האָבן דאָך אַפילו ניט וואוהין צו גיין!

— און דו מיינסט, אַז דעם שונא ישראלס שטיינערנע האַרץ וועט ווייכער ווערן ווען ער וועט זען מיינע טרערן? ער וועט זיך דאָך אויסלאַכן פון מיר...

— וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן? ווי באַלד ער האָט פון שווערזשען אַריינגעקראָגן אין פאַראויס פאַר צוויי יאָר, וועט ער ניט וועלן אויפגעבן, סיידן מיר וועלן אים קענען געבן די זעלבע סומע געלט, וואָס ער וועט מיינען, אַז מיר וועלן אים דאַרפן צאָלן אי דאָפּלט פאַר דער אַרענדע און אי אין פאַראויס פאַר צוויי יאָר! וואו וועלן מיר איצט נעמען מיט אַמאָל אַזוי פיל געלט? — האָט חיים יוסף אויסגערופן.

— נו, אויב עס וועט זיך בלויז האַנדלען אין געלט, וועלן מיר זיך מוזן אַן עצה געבן. מיר וועלן דאַרפן לייען וויפיל נאָר עס וועט זיך לאָזן. מיר וועלן פאַרקויפן עטלעכע בהמות און וואָס נאָר מיר וועלן קענען. אָבער איך צווייפל צי דאָס וועט העלפן! — האָט יהושע געזאָגט — אין דעם צושריפט וואָס ער האָט אונדז צוגעשיקט לאָזט ער אונדז וויסן, אַז ער האָט שוין פאַרדונגען אונדזער פאַכט צו דעם יידן שווערזשען, און אַז דער קאָנטראַקט איז שוין אונטערגעשריבן געוואָרן...

— ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט טאָן, אַז אונדזער אַרענדע טערמין האָט זיך נאָך ניט געענדיקט — האָט חיים יוסף אויסגערופן — מיר טאָרן דאָס ניט דערלאָזן!

— און וואָס וועלן מיר טאָן, זיך ווייטער גיין משפטן מיט אים? — שאָקלט יהושע מיטן קאָפּ.

— וואָס הייסט, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ ייד זאָל אויסדינגען ביי אַ צווייטן יידן די אַרענדע וואָס מיר האַלטן היפּשע עטלעכע צענדליק יאָר?! — האָט חיים יוסף געדריקט מיטן פויסט!

— זעסטו, דאָס וועט שאַכנאַן שטאַרק אָנשרעקן! זאָגט יהושע — ער איז דאָך זייערע צופרידן וואָס אַ צווייטער ייד נעמט איבער די אַרענדע, און ער וועט דאָך קענען זאָגן, אַז ווי באַלד דעם יידן שווערזשען קימערט ניט וואָס מען וועט אונדז פאַרטרייבן אין מיטן ווינטער פון אונדזער פאַכט, און אונדז אומגליקלעך מאַכן, טאָ פאַרוואָס וואָל ער זיך וועגן דעם קימערן?

— פונדעסטוועגן ווועסטו מוזן גלייך אַריבערגיין צו שאַכנאַן און אים זאָגן, אַז דו ביסט גרייט צו באַצאָלן פאַר דער אַרענדע דאָפּלט און אויך פאַר צוויי יאָר פאַראויס. אפשר וועט מען דאָס נאָך קענען אָפּשרייען... עפּעס ווועסטו מוזן טאָן. מען טאָר ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אין אַזאַ צייט... פאָלג מיך, פריער גיי אַריבער צו אים, צו דעם פאַרוואַלטער, און פּרובער ווירקן אויף אים, און ווען דאָס וועט ניט העלפן, וועלן מיר זיך מוזן ווענדן צום יידן שווערזשען... נאָך אַלעמען דאַרף ער דאָך וויסן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי חזקה, און טאָמער וועט ער אויך ניט וועלן נאָכגעבן, זאָלסטו אים רופן צו אַ דין־תורה!

— דער דאָזיקער שווערזשען איז ניט נאָר אַ רשע מרושע, נאָר אויך אַ

גרויסער עם־הארץ... ווען ער וועט הערן, אַז איך רוף אים צו אַ דין־תּורה וועט ער זיך אויסלאַכן פון מיר... ווען ער וואָלט געהאַט גאָט אין האַרצן וואָלט ער דאָך ניט אויסגעדונגען די אַנדערע פּאַכטן פון די אָרעמע יידישע אַרענדאַרן. ער איז דאָך רייך געוואָרן פון דעם...

— מיר וועלן גיין צו רבנים! מען וועט אים אַריינלייגן אין חרם! ער וועט מוזן אויפגעבן אונדזער אַרענדע! — האָט רבקה מיט אויפרעגונג זיך אָנגערופן — וואָס מיינט ער, עס איז הפקר אַ וועלט?

יהושע האָט זיך איינגעהילט אין זיין וואַרעמען פּעלץ און ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם שליטן וואָס גאַווריליאַ האָט שוין געהאַט גרייט און זיי זיינען צוגעפאָרן צו שאַכנאָן, דעם פאַרוואַלטער פון דעם פּאַכט.

עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווילע ביז וואַנען די הײדוקעס וועלכע האָבן זיך געפונען אין דעם הויף פון דעם פאַרוואַלטער, שאַכנאַ, האָבן אים אַריינגעלאָזן אין הויף. נאָכדעם האָט יהושע זיך קוים דערשלאָגן אינעווייניק צו שאַכנאָן.

יהושע האָט זיך פאַרנייגט און אַרונטערגענומען זיין הוט.

— צוליב וואָס ביסטו איצט צו מיר געקומען? — האָט שאַכנאַ מיט אַ בייזער, טרוקענער שטימע זיך צו אים אָנגערופן — האָסטו דען ניט געקראָגן מיין צושריפט?

— יאָ, ווירדיקער פּאַן שאַכנאַ! — האָט יהושע געזאָגט — טאָקע צוליב דעם בין איך צו דיר איצט געקומען! מיין פאָטער האָלט די אַרענדע פון זיין דורכלויכט, דעם פירשט ראַדזיוויל, זינט ער איז נאָך גאָר יונג געווען. איך, מיינע שוועסטער און מיין ברודער זיינען דאָרט, אויף אונדזער פּאַכט, געבוירן געוואָרן. דאָרט האָב איך חתונה געהאַט און דאָרט זיינען מיינע קינדער געבוירן געוואָרן... איך גלויב, אַז עס וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט, אַז דער ווירדיקער פּאַן וואָלט אונדז געלאָזט וויסן, אַז דער פירשט פאַרלאַנגט צו טאָפּלען די אָפּצאָלונגען פון דער אַרענדע. עס וואָלט פיליכט פאַר אונדז געווען שווער צו צאָלן אַזוי פיל געלט און נאָך פאַר צוויי יאָר אין פאָראויס, אָבער מיר וואָלטן דאָך ניט געהאַט קיין ברירה און מיר וואָלטן די פאַרלאַנגטע סומע שוין ווי עס איז געקראָגן און זי דיר, פּאַן שאַכנאַ, איבערגעגעבן. יעדער איינער וועט דאָך צוגעבן, אַז אויב מיר וויליקן איין צו באַצאָלן וויפיל דער צווייטער באַט אָן, זיינען מיר דאָך בילכער... דעריבער בין איך געקומען דיר זאָגן, וויעלמאָזשני פּאַן, אַז מיר וועלן דיר צושטעלן די געלט אין עטלעכע טעג אַרום, דאָ, די גאַנצע סומע פאַר צוויי יאָר פאָראויס!

— עס איז שוין צו שפּעט! — האָט שאַכנאַ טרוקן געענטפערט — איך האָב אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט מיט שווערזען, און דאָס געלט האָב איך שוין אַריבערגעשיקט צו דעם פירשט ראַדזיוויל. דו דאַרפסט זיין דאַנקבאַר וואָס איך גיב דיר פולע צוויי וואָכן צייט צו פאַרלאָזן דעם פּאַכט, און אויב דו וועסט עס ניט טאָן ביז דאַן, וועסטו ניט נאָר אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דעם פּאַכט, נאָר אַלץ וואָס דו האָסט דאָרט וועט אַריבערגיין צו שווערזען!

— ווי אַזוי קען עס זיין צו שפּעט? — האָט יהושע זיך מיט אים געגנו־

מען דינגען — ווען מיר ווייסן, ווען מען וואָרנט אונדז פריער, וואָלטן מיר דאָס גלייך געטאָן, אָבער מיר האָבן זיך פון דעם ערשט מיט אַ ווײַלע צו־ריק דערוואוסט!

— נו, אויב דיר געפעלט ניט וואָס איך האָב געטאָן, קענסטו מיך ווי־דער אָנקלאָגן אין געריכט! — האָט שאַכנאַ זיך אַ קרים געטאָן — און איצט קענסטו גיין!

יהושע איז געבליבן שטיין אויף זיין פּלאַץ. ער איז געווען דערשלאָגן, צעטומלט און דערשראָקן. באַלד איז צו אים צוגעקומען איינער פון די היי־דוקעס און אים אָנגענומען פאַר זיין האַנט און אים אַרויסגעפירט.

— איך זע, אַז דיין מי איז געווען אומזיסט, מיין הער — האָט גאַוורילאָ געזאָגט און געווישט זיינע אויגן — וואָס וועט מען איצט טאָן?

— גאָטס צאָרן האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן — האָט יהושע גע־רעדט צו זיך אַליין — ווער ווייסט וואָס מיר קענען איצט טאָן?

ווען יהושע האָט זיך צוריקגעקערט אין הויז, האָבן אים אַלע אַרומגע־רינגלט, און געוואַרט ער זאָל זיי דערציילן וואָס ער האָט אויפגעטאָן ביי שאַכנאַן.

— עס איז ניטאָ אויף וואָס צו האָפן! — האָט יהושע מיט אַ שוואַכער שטימע געזאָגט — דער ייד שווערזען האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט — דער ערל וויל אַפילו ניט הערן וואָס מען רעדט צו אים... ער האָט מיר גאַנץ איינפאַך געזאָגט, אַז אויב איך וויל קען איך אים אָנקלאָגן אין געריכט... מיט דעם האָט ער מיר געוואָלט געבן אָנצוהערן, אַז ער רעכנט זיך אָפּ מיט מיר פאַר דעם וואָס איך האָב אים דאַן אָנגעקלאָגט, און אויך אַז אַפילו ווען איך זאָל אים ווידער אָנקלאָגן און אַפילו געווינען דעם פּראָצעס, וועט אונדז אויך גאָרניט העלפן.

— איצט בלייבט אונדז איבער זיך צו זען מיט שווערזען און זען ווירקן אויף אים, ער זאָל זיך צוריקציען — האָט חיים יוסף געזאָגט.

— עס זיינען פאַראַן זייער שוואַכע האָפענונגען, אַז מיר וועלן ביי אים עפּעס קענען פּועלן — האָט יהושע טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ — אי־בערהויפּט, ווען ער האָט שוין איינגעצאָלט און אַרויסבאַקומען פון שאַכנאַן דעם קאָנטראַקט פאַר אונדזער פאַכט!

— מיר וועלן אים רופן צו אַ דין־תורה! מיר וועלן זען, אַז מען זאָל אים אַריינלייגן אין חרם! — האָט דאָבע געיאָמערט — מיר טאָרן ניט דער־לאָזן אַז ער, אַ ייד, זאָל אומגליקלעך מאַכן אַ גאַנצע יידישע פאַמילע! פאַר גלייך אַריבער צו אים, יהושע, און זע טאָן וואָס נאָר דו וועסט קענען, מיט גוטן צי מיט בייזן, ער זאָל חלילה ניט אומברענגען אַ גאַנצע יידישע משפּחה!

— איך וועל גיין! איך וועל טאָן אַלץ וואָס נאָר עס וועט פאַר מיר מעגלעך זיין! — האָט יהושע געזאָגט — איך וועל זיין גרייט אַפילו ביי אים אָפּצוקויפן זיין קאָנטראַקט פון שאַכנאַן און אים באַצאָלן מער וויפיל ער האָט באַצאָלט... מיר האָבן דען אַן אַנדער ברירה? עפּעס אַ קלייניקייט, אין מיטן

ווינטער, אין די רעכטע שנייען און זאַווערוכעס וועלן מיר דאַרפן זוכן אַ פּאַכט . . .

— אָ, גאָט, האַרציקער פּאָטער אין הימל! — האָט דאָבע געבראָכן מיט אירע הענט — פּאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ שטראָף? ווענען האָבן מיר שלעכטס געטאָן? פּאַרוואָס שטראָפסטו אונדז אַזוי שטאַרק? פריער דער פּאָפּ מיט דעם בלוט־בילבול, דאָן שאַכנאַ, דער גנב, דער רויבער, וועלכער האָט פון אונדז אָוועקגערויבט אַזאַ פּאַרמעגן. און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, האָסטו, גאָט, אויסגעגאָסן אויף אונדז נאָך אַ גרעסערן צאָרן! וואו איז יושר, וואו איז גע־רעכטיקייט? . . .

— מאַמע, מען טאָר אַזוי ניט ריידן! — האָט יהושע מיט הכנעה אין זיין שטימע געזאָגט — ווער זיינען מיר, אַז מיר זאָלן טענות האָבן צו גאָט? דאָן, בעת מען האָט דעם טאַטן געשמידט אין קייטן און געמשפּט אַלס מער־דער פון אַ קריסטלעכן קינד, האָט זיך אונדז אויך געדוכט, אַז עס איז שוין קיין האָפענונג ניטאָ... אָבער גאָט האָט געזען אונדזערע ליידן און אָנגענומען אונדזערע תּפילות, און געבענטשט זאָל זיין זיין הייליקער נאָמען, אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזן צום גוטן. אַ ייד דאַרף אַלע מאָל זאָגן גם זו לטובה, אַז אַלץ וואָס גאָט טוט איז צום בעסטן... לאָמיר האָפן, אַז אויך דעם איצטיקן מאָל וועט אויף אונדז קומען זיין ישועה...

דאָבע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זי האָט געשוויגן. זי ווייסט, אַז איר זון, יהושע, איז אַ גרויסער געלערנטער, און זייער אַ פרומער, און אַז ער זאָגט, ווייסט ער בעסער. מען טאָר ניט זינדיקן און איבערטראַכטן . . .

גאַווריִלאַ, דער אַלטער גוי, איז אַריין אין הויז און געפרעגט אויב זיי וועלן איצט צופאָרן צו שווערזען.

— ניין, דער אָונט פאַלט שוין צו! — האָט יהושע געזאָגט — מיר וועלן דאָס אָפּלייגן אויף מאָרגן אין דער פרי. היינט איז חנוכּה, מיר צינדן אָן דאָס ערשטע ליכטל, און מיר ווילן ניט פאַרשטערן דעם יום־טוב.

— אפשר וועט אייער גאָט מיט אייך טאָן אַ נס ווי ער האָט געטאָן דאַן מיט די חשמונאים! — האָט גאַווריִלאַ געזאָגט.

ווי עס איז זיי אַלעמען געווען ביטער אויפן האַרצן, האָבן די ווערטער פון דעם אַכציק־יעריקן קריסט אַרויסגערופן אַ לייכטן שמייכל ביי זיי אַלעמען.

גאַווריִלאַ, וועלכער האָט איבער זעכציק יאָר פון זיינע אַכציק געדינט ביי חיים יוספן, האָט ניט נאָר געקענט ריידן זייער אַ גוטע יידיש, נאָר ער האָט אויך געוואוסט די באַדייטונג און די געשיכטע פון יעדן יידישן יום־טוב. ער איז געווען זייער פאַרזיכטיק מיט די מילכיקע און פליישיקע כּלים, און פּסח איז ניט געקומען קיין ברעקל חמץ אין זיין קליין שטיבל, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם גרויסן שטאַל. ער איז געקומען פון פּרייסן און איז געווען פון לוטעראַנישן גלויבן. דעריבער פלעגט ער זיך פילן אין צערקווע זייער פרעמד. ער איז געווען זייער שטאַרק צוגעבונדן צו חיים יוספן און זיין גאַנצע משפּחה, און ניט איין מאָל איז אים אויסגעקומען זיי צו פאַר־

טיידיקן קעגן שיכּורע גויים. אויף זיינע הענט האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט חיים יוספס קינדער.

— גאַווריליאַ, האַרצעניו, וואָס זאָגסטו אויף אונדזער אומגליק? — האָט דאָבע זיך צו אים געווענדעט מיט טרערן אין אירע אויגן — אים איז נאָך ניט גענוג, דעם גנב, דעם גזלן, וואָס ער פון אונדז אַוועקגערויבט אַזאַ פאַרמעגן, זוכט ער אונדז איצט אינגאַנצן אומצוברענגען!

— ער וועט האָבן אַ וויסטן סוף, באַלעבעאָסטע! — האָט גאַווריליאַ געזאָגט — אייער גאָט וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען!

רבקה האָט געווישט די אויגן און זי האָט זיך ווידער גענומען צו די לאַטקעס, וואָס זי האָט אָנגעפאַנגען פּרעגלען מיט אַ פּאָר שעה פריער.

— נו, אויב מיר וועלן היינט ניט פאָרן — האָט גאַווריליאַ זיך אָנגערופן צו יהושען — וועל איך אויסשפּאַנען דעם פערד פון שליטן און אים אַריינ־שטעלן אין שטאַל.

— גאַווריליאַ, אַז דו וועסט פאַרטיק ווערן זאָלסטו אַריינקומען אַהער און דו וועסט עסן לאַטקעס מיט אונדז! — האָט דאָבע זיך צו אים אָנגערופן.

עס איז געווען גוט פינצטער און יהושע מיט זיין פאָטער האָבן זיך גע־שטעלט דאַוונען מעריב. די חנוכּה מנורה איז געשטאַנען אָן אָפּגעשייערטע און בלישטשענדע אויף דעם פענצטער. אין דעם ערשטן רער פון דער מנורה האָט חיים יוסף נאָך פון פריער אַריינגעגאָסן אייל און אַריינגעשטעלט אַ קנייטל. נאָכן מעריב דאַוונען האָבן זיי זיך אַלע גענומען גרייטן צו בענטשן חנוכּה־ליכט. חיים יוסף האָט אָנגעצונדן אַ קליין ליכטל, דעם שמש, און ער האָט הויך אויפן קול געבענטשט חנוכּה־ליכט. אַלע האָבן געענטפערט „אָמן", און יהושע האָט גענומען זינגען „מעוז צור ישועתי"...

— אַי, ווען די קינדער וואָלטן איצט געווען! — האָט יהושע געזוכט צו פאַרטרייבן די זאָרג פון זיך און די אַנדערע — וואָלטן מיר זיי געגעבן „חנוכּה־געלט" און זיי וואָלטן געשפּילט דריידלעך...

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיי ברענגען אַהיים אויף חנוכּה, — האָט רבקה אים פאַרגעוואָרפן.

— עס וועט זיין בעסער אַז זיי וועלן ניט מבטל זיין פון לערנען! — האָט יהושע אַ זאָג געטאָן — אפשר צוליב דעם זכות פון זייער לערנען תּורה, וועט אונדז דער אייבערשטער העלפן און מיר וועלן אַריבערקומען אויך די צרה!

— אוי, אוי, אוי! אַזאַ צרה! — האָט דאָבע געזיפצט.

— נו, לאָמיר איצט וועגן דעם ניט ריידן! — האָט חיים יוסף אַ זאָג געטאָן — עס איז דאָך עפּעס חנוכּה — דערלאַנגט די לאַטקעס און מיר וועלן עסן, און דאַנקען גאָט פאַר אַלע ניסים וואָס ער האָט געטאָן צו אונדזערע עלטערן אין יענע טעג אין אָט דער דאָזיקער צייט...

גאַווריליאַ האָט זיך אויך געזעצט ביי דעם זעלבן טיש און דאָבע האָט אים דערלאַנגט אַ פולע שיסל מיט הייסע לאַטקעס, פון וואָס עס האָט געזעצט אַ פּאַרע. גאַווריליאַ האָט געגעסן און געשאָלטן שאַכנאָן מיט טויטע קללות...

אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, אין יהושע אָפּגעפאָרן אין דעם שליטן צוזאַמען מיט גאַוורילאַן צו שווערזען, וועלכע איז געווען אויף זיין פּאַכט אַ פּאָר מייל ווייט פון זייער דאָרף, סוקאָוויבאָרג. יהושעס האַרץ איז געווען זייער שווער. ער האָט זיך אָנגעהערט אַזוי פיל וועגן דער רשעות פון דעם יידן שווערזען, אַז ער האָט כמעט קיין האָפענונג ניט געהאַט אַז ער וועט ביי אים פועלן אויפצוגעבן זיין קאָנטראַקט מיט שאַכנאָן. און דאָך, ווייל דאָס איז איצט ביי אים געווען דער לעצטער שטרוי, האָט ער מורא געהאַט צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז דאָס וועט זיך אים ניט איינגעבן...

ווען דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן שווערזענס הויז, האָט יהושעס האַרץ געגומען נאָך האַסטיקער קלאַפּן ווי עס האָט ביי אים געקלאַפּט נעכטן ווען ער איז געווען ביי דעם פּאַרוואַלטער שאַכנאָן.

דער ייד שווערזען איז געווען אַזוי פאַרגרעבט און פאַרפּויערט, אַז ער האָט קוים געקענט אַרויסריידן אַ יידיש וואָרט, און זיין רוסיש איז אויך געווען אַ צעקאַליעטשעטער. שווערזען איז געווען זייער רייך, ער האָט פאַרמאָגט איינעם פון די גרעסטע פּאַכטן אין יענער געגענט, דאָך איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ פּויער, מיט לאַנגע וואָליקעס, וואָס זיינען אונטן געווען פאַרבונדן מיט לאַפּטשעס. ער האָט געטראָגן אַ האַריקן מאַנטל, און אויף דעם אַ שעפּסענעם פּעלצל. ווען ער האָט דערזען יהושען אַרויסקריכנדיק פון שליטן האָט ער גלייך פאַרשטאַנען צוליב וואָס ער איז געקומען און ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ כעסדיקן בליק.

— איך וויל מיט אייך ריידן! — האָט זיך יהושע געווענדעט צו אים מיט אַ געלאַסענער שטימע.

— וואָס ווילסטו ריידן צו מיר! — האָט שווערזען זיך אָנגערופן, האַלב אין יידיש און האַלב אין רוסיש — איך האָב קיין צייט ניט צו ריידן מיט דיר!

— אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך אויסהערן! — האָט יהושע גענומען ריידן מיט געבעט — זיי וויסן, אַז די לעבנס פון אַ גאַנצער יידישער משפחה געפינען זיך אין דיינע הענט!

יהושע האָט אים געזאָגט ווי אַזוי ער און זיינע ברידער זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם פּאַכט, זיין פאָטער האָט זיך דאָרטן אויפגעהאָדעוועט זיין גאַנצן לעבן, און זיינע קינדער זיינען דאָרטן געבוירן געוואָרן. דער פירשט ראַדזיוויל האָט זיך צו זיי פון תמיד אָן באַצויגן זייער פריינטלעך... זיי האָבן אַ סך דורכגעמאַכט און ער ווייסט דאָך גאַנץ גוט די געשיכטע פון דעם בלוט־בילבול, און אפילו דאָס וואָס שאַכנאָ האָט צו אים געטאָן, ווען ער האָט אָנגעלאָדן אויף דער שיף פון פירשט ראַדזיוויל די סחורה וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין קעניגסבערג. און איצט, קומט ער, שווערזען, און דינגט אויס פון אים דעם פּאַכט. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אויך אַ ייד, וועט ער דערלאָזן, אַז צוליב אים זאָל אַ גאַנצע יידישע משפחה פאַראומגליקט ווערן?

— זגאַט גיע זגאַיו! — האָט שווערזען אים געענטפערט אין רוסיש — איך וויל פון גאָרניט וויסן! איך האָב באַצאָלט דעם פּאַן שאַכנאָ פאַר צוויי יאָר פאָראויס און איך האָב אַ קאָנטראַקט, אַז דער פּאַכט איז מיינער!

— איך ווייס, אַז איר האָט באַצאָלט דאָס געלט — האָט יהושע זיך אָנ־גערופן — און מיר פאַרלאַנגען דאָך ניט פון אייך, אַז איר זאָלט פאַרלירן אייער געלט. מיר זיינען ווילִיק אייך אומצוקערן דאָס גאַנצע געלט וואָס איר אַריינגעלייגט, און אַלץ וואָס איר דאַרפט טאָן, איז אונדז צוריקגעבן אונדזער פאַכט!

— דער פאַכט איז מיינער! — האָט שווערזען אַ געשריי געטאָן — און דריי מיר מער ניט קיין קאָפּ!

— ווייסטו דען ניט, אַז עס איז אַ גרויסע עבירה אויסצודינגען אַ יידן פון זיין פאַכט, ווען יענער האָט אַ חזקה, בפרט אַזאַ חזקה פון באַלד זעכ־ציק יאָר?

— איך רעכן זיך מיט קיין זאַך ניט! — האָט שווערזען אויסגערופן — גיי אַוועק פון מיר, אומזיסט איז דיין מי. דיינע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפן!

— מיר וועלן דיר ניט שווייגן! — האָט זיך שוין יהושע מער ניט גע־קענט באַהערשן — איך וועל גיין צו די רבנים. זיי וועלן דיך אַריינלייגן אין חרם פאַר אַזאַ זאַך! וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ ייד זאָל אויס־דינגען אַ פאַכט פון אַ צווייטן, וועלכע זיצט שוין אויף זיין אָרענדע היפשע עטלעכע צענדלינג יאָר.

— טשאָרט טעבע וואָזמיט, גיי צום טייוול מיט דיינע רבנים! — האָט שווערזען אויסגערופן און זיך פונאַנדערגעלאַכט — קיינער וועט מיר ניט זאָגן קיין דעה וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו האַנדלען!...

ער האָט זיך אַ קער געטאָן און האָט איבערגעלאָזן יהושען אַליין. זיין הילכיקער געלעכטער האָט נאָך אָפּגעקלונגען אין יהושעס אויערן.

דער אַלטער גאַוורילאַ, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך, האָט זיך פונאַנדערגעוויינט ווי אַ קליין קינד. יהושע איז אַ קליינע ווײַלע געבליבן שטיין ווי אַ פאַרגליווערטער... זיין לעצטע האָפענונג איז אויך פאַר־שוואונדן. וואָס בלייבט אים איצט איבער צו טאָן? זאָל ער זיך אומקערן אַהיים מיט דעם טרויעריקן באַריכט, אַז אַלץ איז שוין פאַריבער, אַז זיי האָבן ניט מער קיין ברירה ווי אויסצוואַנדערן פון זייער פאַכט און זוכן אַ נייע אָרענדע? אָדער ער זאָל דערווייל אַריינפאָרן אין שטעטל מירץ און דאָרט אויפרודערן אַלע יידן פון שטעטל קעגן דער שוידערלעכער עוולה, וואָס דער מנוול שווערזען באַגייט קעגן אים און קעגן זיין גאַנצער משפּחה. אָבער אַפילו ווען מען זאָל אים אַריינלייגן אין חרם, וועט ער דען חרטה האָבן? ער זעט דאָך, אַז דער רשע האָט ניט קיין מורא פאַר גאָט, טאָ וועט ער זיך דערשרעקן פאַר די רבנים?... אָבער וואָס וועט ער פאַרלירן? אפשר ווען מען וועט אים שיקן רופן וועט ער קומען, און זיי וועלן אויף אים ווירקן...

— גאַוורילאַ, מיר זיינען דאָך שוין אַ העלפט וועג פון מירץ, וועלן מיר אַהין צופאָרן. איך וועל ריידן מיט מענטשן. איך וועל ריידן צו דעם רב, און ער וועט זיך צונויפשרייבן מיט די אַנדערע רבנים, אפשר וועט ער זיך דער־שרעקן פאַר זיי... מעגלעך, אַז זיי וועלן זוכן צו ווירקן אויף אים...

גאַוורילאַ האָט געטריבן די פערד מיטן שליטן קיין מירץ. זיי זיינען

דאָרט פֿאַרפֿאָרן אין דער אַכסניה וואו ער שטעלט זיך תּמיד אָפּ. ער האָט דער־ציילט דעם בעל אַכסניה און די אַנדערע וועלכע האָבן זיך דאָרט געפֿונען אַלץ וואָס עס איז געשען, ווי אַזוי שווערזען האָט אויסגעדונגען זיין פֿאָטערס אַרענדע.

יעדער איינער איז געווען אויפֿגעבראַכט פֿון שווערזעס שענדלעכער טאָט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דאָס גאַנצע שטעטל מירץ האָט פֿון דעם געוווּסט. יהושע איז אַוועק צום רב פֿון שטעטל, און דער רב האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים שיקן רופֿן, און טאָמער וועט ער ניט ווע̃לן קומען, וועט ער אים דראָען מיט אַ חרם...

— איך גלויב קוים צי ער וועט קומען אויב איר וועט נאָך אים שיקן!

— האָט יהושע געזאָגט — ווי איך זע, איז ער אַזוי פֿאַרגרעבט, אַז ער האָט אַפֿילו קיין באַגריף ניט וואָס אַ חרם מיינט...

— יעדנפֿאַלס, וועט גאָרניט שאַטן... איך וועל שיקן דעם שמש צו אים אויפֿן פֿאַכט און ער וועט אים הייסן קומען אין מיין נאָמען קיין מירץ, צו מיר אין הויז.

— זאָל גאָט אים אַריינגעבן אַ געדאַנק און ער זאָל פֿאָלגן! — האָט יהושע טרויעריק געזאָגט.

— דו פֿאָר צוריק אַהיים, און אויב איך וועל עפּעס קענען פּועלן ביי אים, וועל איך דיר גלייך לאָזן וויסן! — האָט דער רב געזאָגט.

יהושע און גאַווריל̃אַ האָבן זיך צוריקגעקערט קיין סוקאָוויבאָרג שפּעט ביינאַכט.

— נו, וואָס, וואָס? — האָבן זיי אים געפֿרעגט.

— דערווייל איז גאָרניט! — גאָט זאָל זיך מרחם זיין. שווערזען איז נאָך ערגער ווי אָט דער שונא ישׂראל, שאַכנאַ. דער רב האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט אים דראָען מיט אַ חרם, אָבער איך ווייס, אַז עס איז אַרויסגע־וואָרפֿן. ניט ער ווייסט די באַדייטונג דערפֿון און ניט ער וועט זיך פֿאַר דעם אָפּשרעקן...

10

די טעג זיינען געפֿלויגן גאַנץ שנעל. אָט זיינען פֿאַרבליבן בלויז צוויי טעג פֿון די צוויי וואָכן צייט וואָס שאַכנאַ האָט געגעבן חיים יוספֿן צו פֿאַר־לאָזן דעם פֿאַכט. ביז איצט האָבן זיי נאָך געהאַט אַ שוואַכע האָפֿענונג, אַז אפשר וועט דעם רב פֿון מירץ געלונגען צו ווירקן אויף דעם יידן שווערזען ער זאָל אויפֿגעבן דעם קאָנטראַקט וואָס ער האָט מיט שאַכנאַן, אָבער ביז איצט האָט מען פֿון רב גאָרניט געהערט. ווען עס וואָלט געווען אַ שטראַל פֿון האָ־פֿענונג, וואָלט מען זיי שוין געלאָזט וויסן.

— מיר האָבן שוין ניט אויף וואָס צו האָפן — האָט יהושע געזאָגט — אויב ער האָט ביז איצט גאָרניט אויפגעטאָן, איז שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן!

זיי האָבן גענומען פּאַקן אויף די עטלעכע פורן וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזן. זיי האָבן געהאַט פֿולע שפּייכלערס מיט תּבואה, מיט פֿאַרשיידענע פּרוכטן, אָבער אָט די אַלע זאַכן האָבן זיי ניט געקענט מיטנעמען. דאָבע און רבֿקה האָבן געוויינט ווען זיי האָבן גענומען אַרויסטראָגן פון הויז די פֿאַר־שיידענע כּלים, די טעפּ און פּאַנען, און אַנדערע הויז־זאַכן.

ווען זיי האָבן אַרויסגעטראָגן די קערבֿ מיט פּסחדיקע כּלים, האָט דאָבע זיך אַזוי צעכליפּעט, אַז עס האָט חיים יוסף גענומען גאַנץ לאַנג ביז ער האָט זי געקענט באַרואיקן. רבֿקה האָט אויך געווישט אירע אויגן, און ווען זיי האָבן אין איילעניש אָפּגעגעסן זייער מיטאָג, האָט זיך רבֿקה אָנגע־רופֿן צו איר מאַן:

— יהושע, פֿאַר באַלד אַריבער קיין מירץ און ברענג צוריק אונדזערע קינדער פֿון דאָרט! מיר וועט ניט איינגיין דאָס לעבן אויב מיר וועלן זיך אַרויס־לאָזן וואַנדערן אין וועג אָן די קינדער. אַז גאָט וועט געבן און מיר וועלן געפֿינען ערגעץ אַן אָפּרו־פּלאַץ, וועלן זיי זיין מיט אונדז. גאָט ווייסט, וואוהין מיר וועלן פֿאַרוואָגלט ווערן... אַמווייניקסטנס וועלן מיר אַלע זיין צוזאַמען. אַז גאָט וועט אויף אונדז רחמנות האָבן און מיר וועלן געפֿינען אַ פּאַסיקן פּלאַץ, וועלן זיי בלייבן מיט אונדז ביז דעם סוף זמן און דו וועסט מיט זיי לערנען.

כאָטש יהושע האָט פֿריער ביי זיך באַשלאָסן איבערצולאָזן ביידע קינ־דער, יוסף און שלמהן, אין מירץ, זיי זאָלן דאָרט בלייבן דעם גאַנצן ווינטער, האָט ער אָבער, הערנדיק זיין ווייבס רייד, אויך פּלוצלינג גענומען דערפֿילן אַ מין נאָגעניש אין האַרצן. ער האָט איינגעזען, אַז אין אַזאַ ערנסטער צייט מוזן זיי אַלע זיין צוזאַמען.

ער האָט זיך דורכגערעדט מיט זיין טאַטן און זיי האָבן ביידע גענומען אויסרעכענען וויפֿיל עס קומט די מלמדים. חיים יוסף האָט אַרויסגענומען עטלעכע גילדן פֿון זיין לעדערנעם טאַש און האָט איבערגעגעבן יהושען.

דער פֿערד איז שוין געווען געשפּאַנט צום שליטן און יהושע איז אַליין געפֿאָרן קיין מירץ. ער האָט אַפֿילו פֿריער געוואָלט אַריינגיין צום רבֿ, נאָר ער האָט זיך אויסגערעכנט, אַז ווי באַלד ער קען גאָרניט דערוואַרטן, צוליב וואָס זאָל ער ברענגען זיין צייט אין ניוועץ? ווען, אָבער, מען האָט זיך אין מירץ דערוואוסט, אַז יהושע איז געקומען אָפּנעמען זיינע צוויי יינגלעך פֿון חדר, האָט מען שוין פֿאַרשטאַנען, אַז זיי פֿאַרלאָזן זייער אַרענדע.

פֿילע יידן זיינען געקומען אין דער אַכסניא, וואו יהושע האָט זיך אָפּגע־שטעלט. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויף דעם בלאַסן, פֿאַרזאָרגטן פּנים פֿון יהושען, און קיינער האָט קיין האַרץ ניט געהאַט צו ריידן מיט אים.

יהושע האָט זיך אַריינגעזעצט אין שליטן צוזאַמען מיט זיינע קינדער, יוסף און שלמה. די אַלע וועלכע זיינען געקומען אין דער אַכסניא זיינען אַרויס

אים באַגלייטן, און באַלד האָט יהושע אַ שמיץ־געטאָן דעם פערד און אַוועק־געפאָרן פון מירץ.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין הויז איז רבקה זיי ביידן געפאַלן אויף די העלדזער. זי האָט זיי געקושט און געוויינט.

— נו, וואָס זאָגט איר, מיינע קינדער, אויף דעם ביטערן גורל אונ־דזערן? מאָרגן מוזן מיר פאַרלאָזן אונדזער פאַכט. מיר ווייסן ניט וואוהין מיר זאָלן זיך קערן און צו וועמען מיר זאָלן זיך ווענדן.

— וויין ניט, מאַמע! — האָט איר שלמה אַרומגענומען — גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזן.

— איך וויין ניט, שלמהלע! איך דאַנק בלויז גאָט וואָס ער האָט מיר געגעבן אַזעלכע טייערע, גוטע קינדער ווי איר זייט!

אויף מאָרגן, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן זיי זיך געשטעלט דאַוונען, און נאָכן דאַוונען האָבן זיי איילנדיק אָפּגעגעסן דעם פרישטיק און האָבן איינגעפּאַקט די לעצטע זאַכן אוי די שליטנס.

דערוויל זיינען אָנגעפאָרן פון די אַרומיקע דערפער די משפחה פון חיים יוספן, זיינע ברידער און זיין אַנדערער זון, משה. מיט פאַרטרויערטע פנימער, און מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי שווייגנדיק געקוקט אויף זיי. יעדער איינער האָט מיטגעפילט דעם גרויסן צער און טרויער.

— אַ, ווי שווער עס איז צו זיין אין גלות! — איז משה צוגעגאַנגען צו חיים יוספן, זיין טאַטן, און אים אַרומגענומען — טאַטע, אפשר וואָלסטו גע־ווען פאַרבליבן מיט מיר ביז איבערן ווינטער, דו און די מאַמע. מיר וועלן געפינען פלאַץ פאַר אייך ביידן. וואו וועט איר זיך שלעפן אין אַזעלכע פרעסט?... פאָלג מיך, טאַטע, קום מיט מיר!

— ניין, מיין זון! — האָט חיים יוסף אַ זיפץ־געטאָן — איך דאַנק דיר. אָבער איך וועל זיך ניט אָפּטיילן פון יהושען און זיין משפחה.

— אפשר וועט מיר געלונגען אָפּצודינגען נאָך אַ שטוב ביי איינעם פון די פּויערים, וועלכער וואוינט ניט וויט פון מיר! — האָט משה ווייטער גערעדט — דאַן וואָלט איר אַלע דערוויל געקענט פאַרבלייבן אין אונדזער דאָרף, ביז וואַנען דער ווינטער וועט אַריבער, און דאַן וועט איר זיך אַרויסלאָזן אין וועג!

— ווען שאַכנאַ וועט זיך דערוויסן אַז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דיר אין דאָרף, וועט ער זען דיר אויך שלעכטס צו טאָן. מער ווי דאָס פעלט אונדז ניט! ניין. עס וועט בעסער זיין זיך מיט אים ניט אָנצופאַנגען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך באַוויזן די פּויערים, חיים יוספס שכנים, וועלכע האָבן זיך פריינטלעך איינגעלעבט מיט דער גאַנצער יידישער משפחה. ווען זיי האָבן דערזען ווי די שליטנס זיינען שוין אָנגעפּאַקט מיט די אַלע בעבעכעס, און ווי מען האָט אַרויפגעזעצט שלמהן און יוספן אויף אַ פור, איינ־געהילט אין פעלצלעך און אַרומגעוויקלט מיט די קאָלדרעס; ווי די פנימער פון ביידע פרויען — די אַלטע דאָבע און איר שנור רבקה — זיינען חושך, האָבן אַפילו די גויים זיך ניט געקענט באַהערשן און האָבן ביטער געוויינט.

נאָך שטאַרקער איז אַלעמענס געוויין געוואָרן, ווען עס זיינען באַלד צו־

גערינגן צוויי היידוקעס און האָבן איבערגעגעבן אין שאַכנאָס נאָמען, אַז אַ העלפט פון די בהמות וואָס באַלאַנגען צו חיים יוספן וועלן איבערגענומען ווערן פון פאַרוואַלטער, פון שאַכנאַן, צוליב געוויסע חשבונות, וואָס ער איז שולדיק דעם פּירשט. יהושע איז באַלד צוגעלאָפן און גענומען שרייען, אַז זיי זיינען גאָרניט שולדיק דעם פּירשט; אַז זיי האָבן פּינקטלעך געצאָלט די אַרענדע אין צייט.

— דער פאַרוואַלטער שאַכנאַ האָט אונדז געזאָגט, אַז אויב איר וועט זיך אַביסל לאָזן בעטן, זאָלן מיר צונעמען פון אייך אַלע אייערע בהמות! — האָט איין היידוק אויסגערופן.

— מיין זון! ווייסטו דען ניט, אַז מיר זיינען נאָך אַלץ ביי אים אין די הענט? נו, און אַז דו וועסט זיך מיט אים איצט דינגען, וועסטו דען עפּעס קענען אויפטאָן? וועסטו זיך דען ווידער גיין מיט אים משפטן? גאָט וויל אַזוי. איצט האָט שאַכנאַ די איבערהאַנט איבער אונדז. מיר האָבן קיין אַנ־דער ברירה ניט. מיר דאַרפן נאָר דאַנקען גאָט, וואָס ער לאָזט אונדז איבער אַ העלפט פון די בהמות!

— מיר האָבן זיך באַנאַרישט! — האָט רבקה וויינענדיק געזאָגט — מיר האָבן געדאַרפט אויספאַרקויפן אַלע אונדזערע בהמות. וואָלטן מיר געהאַט אַ ביסל געלט און שאַכנאַ וואָלט געקראָגן מכות!...

— עס איז דאָך איבעריק איצט צו ריידן וועגן דעם! — האָט יהושע געזאָגט — עס איז דאָך פאַרפאַלן. עס איז ביטער, אַז מיר זיינען ביי עשון. אָבער דאָס איז אונדזער גורל און מיר דאַרפן דאָס אָננעמען פאַר גוטן און מיר דאַרפן זאָגן: „גם זו לטובה" — אַז אַלץ וואָס גאָט טוט איז צום בעסטן...

ווען חיים יוסף האָט געזען, אַז דער אַלטער גאַווריליאַ האַלט זיין פּעקל און גרייט זיך מיט זיי צו רייזן, איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פּויערים און זיך צו אים געווענדעט אין דער שטיל אויפן אויער:

— גאַווריליאַ איז מיט אונדז זינט איך אַליין בין אַ קליין קינד געווען. ער איז זייער אַ טייערער מענטש און ער וויל מיט אונדז מיטוואַנדערן. וואָלטן מיר געוואוסט וואוהין מיר פאָרן, און ווען מיר קענען זיך באַזעצן אויף איין פּלאַץ, וואָלטן מיר זייער געוועגן צופרידן אים מיטצונעמען, ער זאָל ביי אונדז אויף ווייטער פאַרבליבן. אָבער מיר לאָזן זיך אַרויס אָן אַ ציל... מיר ווייסן ניט וואוהין מיר גייען, וואו מיר וועלן זיך אָפּשטעלן און ווי לאַנג עס וועט געדויערן אונדזער רייזע... גאַווריליאַ איז זייער אַלט. ער האָט שוין ניט זיינע אַמאָליקע כּוחות. לעצטנס הוסט ער אַ סך און פילט זיך זייער שוואַך. גלויב מיר, אַז מיר וואָלטן אים זייער און זייער געוואָלט מיטנעמען. אָבער מיר האָבן שטאַרק מורא פאַר זיין געזונט. דעריבער ראָטן מיר אים, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן דאָ. ער, אָבער, וויל פון דעם ניט הערן. איך פאַרשטיי דאָס, ווייל ער האָט ניט ביי וועמען צו זיין. אויב אָבער איך וועל פאַר אים געפינען איינעם פון אונדזערע שכנים, וועלכער וועט אים אַריינגעמען צו זיך אין הויז, בין איך זיכער, אַז ער וואָלט איינגעשטימט צו פאַרבלייבן דאָ, אין סוקאָוויבאָרג, וואו ער געפינט זיך שוין איבער זעכציק יאָר.

— איך וועל אים אַריינגעמען צו זיך! — האָט דער פויער געזאָגט — איך ווייס אַז ער איז אַ פיינער מענטש, און ער וועט זיך נאָך קענען גוט נוצ־לעך מאַכן ביי מיר!

חיים יוסף האָט דאַן צוגערופן גאַוורילאַן און דער פויער האָט אים געזאָגט, אַז ער קען בלייבן מיט אים, אַז ער האָט פאַר אים אַ פלאַץ וואו צו שלאָפן, און ער וועט שוין זען, אַז ביי אים זאָל אים גאָרנישט פעלן.

— אָ, ניין, ניין! — האָט גאַוורילאָ וויינענדיק אויסגערופן — איך וועל זיך ניט אָפּשיידן פון אייך. מיין גאַנצן לעבן האָב איך מיט אייך פאַרבראַכט, און איך וועל מיין לעבן פאַרענדיקן מיט אייך. איך וועל מיטרייזן מיט אייך וואו איר וועט פאַרבלייבן, דאָרט וועל איך אויך בלייבן. איך בעט דיך, חיים יוסף, לאָז מיך דאָ ניט איבער!

— דו אַליין ווייסט גאַנץ גוט ווי שווער עס וועט פאַר אונדז אַלעמען זיין זיך מיט דיר צו שיידן — האָט חיים יוסף געזאָגט — אָבער דו ביסט ניט געזונט און עס איז פאַראַן אַ געפאַר פאַר דיין געזונט אויב דו וועסט זיך אַרויסלאָזן אין וועג אין מיטן ווינטער!...

— איך וועל דאָ ניט פאַרבלייבן אָן אייך! — האָט גאַוורילאָ אויסגערופן — וואוהין איר אַלע וועט גיין וועל איך מיטגיין!

— עס איז איצט אין רעכטן מיטן ווינטער! — איז שוין יהושע צו אים צוגעגאַנגען און זיך אָנגערופן — פרעסט זיינען גרויסע; די ווינטן און זאַ־ווערוכעס זיינען זייער אָפטע. וואָלטן מיר אַמווייניקסטן געוואוסט וואוהין מיר גייען, וואָלטן מיר שוין געזען ווי עס איז דיך צו באַשיצן פון דער קעלט און מיר וואָלטן געווען צופרידן דיך מיטצונעמען. אָבער דו אַליין, זעסט דאָך אונדזער אומגליקלעכע לאַגע, די אומבאַוואוסטקייט און אומזיכערקייט פון אונ־דזער צוקונפטיקן גורל, טאָ ווי אַזוי קענסטו גאָר טראַכטן פון דעם, אַז מיר זאָלן דיך מיטנעמען, איבערהויפּט אין דער צייט ווען דו ביסט ניט אין בעסטן געזונט? מיר טאָרן אויף זיך ניט נעמען אַזאַ אַחריות!

— איך וועל מוזן גיין מיט אייך! — האָט גאַוורילאָ געוגומען וויינען ווי אַ קליין קינד.

— איך וועל דיר זאָגן גאַוורילאָ — האָט יהושע צערטלעך אַ זאָג גע־טאָן — דו וועסט דערווייל בלייבן דאָ אין דאָרף, צייטווייליק. מיר וועלן זוכן אַ פלאַץ, וואו מיר זאָלן קענען אָנפאַנגען פון דאָס ניי, און אַזוי שנעל ווי מיר וועלן זיך האָבן איינגעאָרדנט, וועל איך אַליין קומען אַהער נאָך דיר און דו וועסט זיך אומקערן מיט מיר צו אונדזער נייעם פאַכט! נו, וואָס זאָגסטו אויף דעם?

— איך וועל אָן אייך ניט בלייבן דאָ! — האָט גאַוורילאָ ווידערהאָלט — איך וועל מיטגיין מיט אייך! זעכציק יאָר בין איך אָפּגעווען מיט אייער משפחה. איך פיל, אַז איר אַלע זייט מיינע אייגענע, מיינע נאָענטע, און איך וועל זיך ניט אָפּטיילן פון אייך!

— גאַוורילאָ, סערצע, גאַוורילאָ האָרצעניו! — האָט זיך דאָבע גענומען ביי אים בעטן און אירע אויגן זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרערן — מיר

ליידן ווייל מיר זיינען יידן. מען יאָגט אונדז, מען פּלאָגט אונדז, מען פּייניקט אונדז, ווייל מיר זיינען אין גלות, אָבער דו, ביסט דאָך אַ קריסט! קיינער וועט דיר קיין שלעכטס ניט טאָן, פאַרוואָס זאָלסטו זיך דאַרפן מוטשען ווי מיר?

גאָוורילאָ האָט מער ניט גערעדט; ער האָט בלויז געשאָקלט מיט זיין קאָפּ אויף ניין.

יהושען און חיים יוסף האָבן זיין שוויגן אָנגענומען אַלס סימן, אַז ער גיט זיך שוין אונטער. זיי האָבן דאַן גענומען אַלע אַרומבינדנדן די זאַכן וועלכע זיינען געווען אויף די פורן און שליטלען. חיים יוסף האָט ברייט פונאַנ־דער געעפנט דעם טויער פון זיין פאַכט און האָבן געוואָלט אַרויספאָרן פון דאָרט.

פּלוצלינג האָט זיך גאָוורילאָ אַ וואָרף געטאָן און זיך אַוועקגעלייגט פאַר דעם טויער, און איז געבליבן ליגן אויסרופנדיק:

— איך וועל דאָ בלייבן ליגן די גאַנצע צייט. איך וועל זיך ניט רירן פון אָרט, ביז וואַנען איר וועט מיר צוזאָגן מיטצונעמען מיט אייך. אויב איר ווילט פאַרלאָזן דעם דאָרף אָן מיר, וועט איר דאַרפן מיך איבערפאָרן מיט איי־ערע פורן. איך בלייב דאָ ליגן...

אַ קליינע ווײַלע זיינען אַלע געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— טאַטע וואָס קענסטו שוין טאָן? נעם אים מיט זיך! — האָט זיך יהושע אָנגערופן.

— האָסטו דען ניט געהערט ווי שרעקלעך ער האָט געהוסט? — רופט אויס חיים יוסף — ווי אַזוי קענען מיר נעמען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך? וואָלט דער גלח געווען אַ מענטש, וואָלט איך שוין געזען אַז ער זאָל זיך דורכריידן און זוכן אים איבערצורײדן אַז ער זאָל פאַרבלייבן, אָבער דער גלח ליגט דאָך ערגעץ אַ טויט־שיכורער! וואָס טוט מען איצט? ווי אַזוי קען מען אים איבעררײדן אַז ער זאָל דאָ בלייבן?

גאָוורילאָ איז געלעגן איינגעהילט אין זיין שעפּסענעם פּעלץ אויף דעם שניי פאַר דעם טויער און ער האָט זיך אַזוי צעוויינט און צעיאָמערט, אַז אַלעמענס הערצער זיינען גערירט געוואָרן. יעדער איינער האָט שוין גענומען בעטן חיים יוספן און יהושען, אַז ער זאָל דערפילן זיין פאַרלאַנג און אים מיטנעמען.

דער פויער וועלכער האָט זיך געהאַט אונטערגענומען אַריינצונעמען גאָוו־רילאָן, איז שוין אַליין אויך צוגעקומען צו יהושען און אים אַריינגעשושקעט אין אויער:

— דו זעסט דאָך, אַז ער וועט דיך שוין ניט אָפּלאָזן. ער וויל דווקא מיט־מיט אייך. טאָ נעמט אים שוין מיט. ווען ער זאָל דאָ בלייבן דורך צוואַנג וועט ער זיך ניט פילן גליקלעך, און ער וועט אַלץ איינס קראַנק ווערן. ער איז צו אייך אַלעמען אַזוי איבערגעגעבן, אַז ער וועט ניט אַריבערטראָגן די יסורים וואָס אים וועט אויסקומען צו ליידן ווען איר וועט אָפּרייזן אָן אים!

— נו, גוט, גאָוורילאָ! — איז יהושע צו אים צוגעקומען און אים געהאָלפן זיך אויפשטעלן פון דעם פאַרשנייטען באָדן אויף וואָס ער איז געלעגן —

קום, דו ווּעסט שוין מיט אונדז מיטרייזן. זיי אָבער זייער פאַרזיכטיק דו זאָלסט זיך ניט פאַרקילן, ווייל דו ביסט שטאַרק צעהיצט!

גאַווּרילאָ האָט זיך אויפגעשטעלט. זיינע פאַרווּיינטע אויגן האָבן אויפ־געלויכטן און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע פאַרדאַרטע ליפּן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! — האָט ער אויסגערופן און אַרויפגעטאָן זיין פּעקל אויף דער פור.

דאָס געזעגענען זיך מיט דער גאַנצער משפחה האָט געדויערט אַ היפּשע ווּילע. אַלע האָבן ביטער געוויינט און געיאָמערט. אַפילו די דריי קי, וועלכע זיינען צוגעבונדן געוואָרן צו איינער פון די פורן און וואָס שאַכנאַ האָט זיי דערלויבט מיטצונעמען, האָבן ניט אויפגעהערט צו מוקען... ביי דאָבען און רבקהן זיינען שוין מער קיין טרערן ניט געווען. יהושעס עלטערער זון, יוסף, איז אויך געווען שטאַרק פאַראומערט, און ער האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף זיין יינגערן ברודער, שלמה, וועלכער האָט געשיינט צו זיין מונטער און פריילעך. דאָס פּאַקן און צוגרייטן אַלץ צו דער רייזע און דאָס אַרויספאָרן גופא, איז ביי שלמהן געווען אַ מין סאָרט אַוואַנטורע... איבער־הויפּט איז ער געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו כאַפּן אַ בליק אויף די אַלע ספרים, וואָס זיין פאָטער האָט אַרויסגענומען פון דעם תמיד־צוגעשלאָ־סענעם אַלמער... זינט דער צייט ווען ער האָט דורכגעלערנט דעם ספר פון אַסטראָנאָמיע, און דערצו געמאַכט זיין אייגענעם גלאָבוס, האָט אים זיין פאָ־טער פאַרבאָטן צו לייענען פון די ספרים פון אַלמער. ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין אַנדערע ספרים אויסער מיט דער גמרא, און דעריבער ווען ער האָט איצט געהאַט אַ געלעגנהייט אַריינצובליקן אין יענע ספרים, וועלכע וועלן צו אים זיין צוגענגלעך, איז ער געווען שטאַרק צופרידן פון דעם.

דער טאָג איז געווען אַ קלאָרער און פּראַסטיקער. דער הימל איז געווען לויטער. די זון האָט העל געלויכטן; אירע שטראַלן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויף דעם ווייסן שניי וואָס איז געווען כמעט אומבאַרירט אויף דעם שליאַך. די שליטלען און די פורן האָבן זיך גערירט.

ענדלעך האָבן זיי גענומען אַרויספאָרן פון דעם הויף. אין דער קאַלטער לופט האָבן זיך געהערט די וואַרעמע ברכות און גוטע וואונטשן וואָס די איי־גענע ווי אויך די קריסטלעכע שכנים האָבן אויסגערופן ביים געזעגענען זיך. אָט די דאָזיקע ווינטשעוואַניעס האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די זיפצן, שלוכצן און כליפּן פון די אַרומיקע...

כאָטש דאָבע און רבקה זיינען ביים געזעגענען זיך געווען ווי פאַרשטיי־נערט, האָבן זי זיך, אַזוי שנעל ווי זיי האָבן זיך דערווייטערט פון דאָרף, היס־טעריש צעוויינט. מיט זיי האָט אויך געוויינט דער אַלטער גאַווּרילאָ, וועלכער איז געזעסן אויף דער הינטערשטער פור.

— נו, זאָל זיין געגנוג — האָט יהושע זיך געווענדעט צו זיין פרוי און צו זיין מוטער:

— די גמרא זאָגט: „כל דעבד רחמנא לטב עבד", אַלץ וואָס גאָט טוט

איז צום גוטן... דעריבער האָבן מיר קיין רעכט ניט צו קלאָגן אויף אונדזער גורל. מיר וועלן בעסער זאָגן תּפילת הדרך! זיי האָבן אָפּגעשטעלט די שליטלען און די פורן און יהושע האָט אַרויסגענומען אַ קליין ספרל און ער האָט אויפֿגעמישט די תּפילת הדרך. יהושע האָט אַרויסגעזאָגט יעדעס וואָרט הויך און דאָבע און רבקה האָבן נאָכגעזאָגט יעדעס וואָרט, פֿאַרגיסנדיק דערביי הייסע טרערן.

זיי זיינען אַזוי אָפּגעפֿאָרן היפּשע עטלעכע שעה. אויסער די וואַרעמע פּעלצן און די וואַליקעס וואָס זיי האָבן געטראָגן, האָבן זיי זיך אַלע אַרומגעוויקלט מיט די וואַרימע קאָלדרעס.

— שלמהלע, יוספּל — האָט רבקה יעדע ווײַלע זיך געווענדעט צו זיי — אפשר זייט איר הונגעריק? שלמה איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט דערפֿילט דעם הונגער און די מאַמע האָט אַרויסגענומען פֿון אַ פּעקל אַ פּאָר זעמעלעך צו וואָס מען האָט זיך ניט געברויכט וואַשן, און דאָס געגעבן צו שלמהן. שלמה האָט געמאַכט אַ ברכה „בורא מיני מזונות" און ער האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. אויף אים קוקנדיק האָט אויך יוסף שוין גענומען אַ פּאָר זעמל און געמאַכט אַ ברכה און געגעסן. קיינער פֿון די עלטערע האָט אָבער דעם גאַנצן טאָג ניט געגעסן. עס האָט זיי אין מויל ניט געקראָכן.

ווען די זון האָט געהאַלטן ביים פֿאַרגיין האָבן זיי באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן אין דעם נאָענטסטן דאָרף. חיים יוסף האָט גוט געקענט אַלע דערפֿער פֿון דער גאַנצער געגנט פֿאַר מיילן אַרום. ער האָט אויך געקענט די יידישע אַרענדאַרן פֿון די פֿאַרשיידענע דערפֿער. זיי האָבן דעריבער פֿאַרקערעוועט די פֿערד צו איינעם פֿון די דערפֿער וואו עס האָט זיך געפֿונען אַ יידישער אַרענדאַר, וועלכער האָט שוין אויך געהערט פֿון חיים יוספֿס אומגליק, און יענער האָט זיי אַלעמען זייער וואַרעם אויפֿגענומען. כאָטש די הייזער פֿון די יידישע אַרענדאַרן זיינען ניט געווען איבעריקס גרויסע, און עטלעכע צוזאַמען האָבן געמוזט שלאָפֿן אין איין צימער, האָבן זיי דאָך אָפּגעגעבן איין צימער פֿאַר ביידע פֿרויען און פֿאַר די קינדער, יוסף און שלמה. יהושע און חיים יוסף, זיין פֿאָטער, צוזאַמען מיט גאָוורילאָן, האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ שייער, וואו מען האָט זיי געגעבן היפּשע וואַרימע צודעקן. איידער זיי זיינען געגאַנגען שלאָפֿן האָט די אַרענדאַרקע צוגעגרייט פֿאַר זיי אַ וואַרימען מאַלצייט און אַלע האָבן געגעסן צו זאַט.

יהושע האָט זיך דערוויילע דורכגערעדט מיט דעם אַרענדאַר און אים געפֿרעגט אויב אין דער געגנט געפֿינען זיך נאָך ניט פֿאַרדונגענע אַרענדעס.

— קיין גוטע אַרענדעס אין דער געגנט און אַרום זיינען ניטאָ — האָט דער אַרענדאַר געזאָגט — אָבער איך האָב געהערט, אַז אין אַ געוויסן פּלאַץ געפֿינט זיך אַן אַרענדע וואָס איז נאָך ניט פֿאַרדינגען, און איך וואָלט אייך געראָטן דאָרט צו פּרובירן אייער מזל.

ער האָט אָנגערופֿן די אַרענדע און דעם דאָרף ביים נאָמען און האָט זיי געזאָגט ווי אַזוי צו פֿאָרן. זיי האָבן אים פֿאַר אַלץ באַדאַנקט און זיך מיט אים געזעגנט און פֿאַרטגעזעצט זייער וואַנדערן.

דערווייל האָט גאַווריל אָנגעפאַנגען נאָך שטאַרקער צו הוסטן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און דאָבע האָט אַרויסגענומען אַ סלאַי האָניג און דאָס גע־געבן צו גאַווריל. ער האָט זיך אַפילו געלאָזט בעטן אַ ווײַלע, אָבער דערנאָך האָט ער עס גענומען. די האָניק, ווייזט אויס, האָט אים ניט געהאָלפן. ער האָט ניט אויפגעהערט צו הוסטן, און עס איז געוועזן קענטיק, אַז אים ווערט שווערער צו אָטעמען.

זיי האָבן זיך ווידער אָפּגעשטעלט. רבקה און דאָבע זיינען אַרונטער צו אים און רבקה האָט אויסגערופן:

— אוי, ער ברענט דאָך ווי אַ העלישער פייער!

באַלד זיינען צו אים צוגעקומען חיים יוסף און יהושע. זיי האָבן אים באַ־טאַפּט דעם שטערן און האָבן טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, ער איז זייער קראַנק! — האָט יהושע זיך אָנגערופן — איך האָב מורא, אַז ער האָט געקראָגן לונגען אָנטצינדונג...

— וואָס טוט מען איצט? — האָט חיים יוסף אויסגערופן מיט זאָרג — מיר זיינען אין מיטן וועג. אומקערן זיך צוריק צום דאָרף, זיינען מיר שוין גאַנץ ווייט פון דאָרט. פאָרן ווייטער, ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט אונדז נעמען ביז וואַנען מיר וועלן צוקומען צו אַ ישוב.

— מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט ווי צו פאָרן ווייטער! — האָט יהושע זיך אָנגערופן — מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אין ערשטן דאָרף. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ קריסט און זיי וועלן זען עפּעס טאָן פאַר אים.

זיי זיינען ווייטער געפאָרן און יעדע האַלבע שעה האָבן זיי זיך אָפּגע־שטעלט און אַרונטערגעגאַנגען אַ קוק צו טאָן אויף גאַווריל, וועלכע איז געלעגן איינגעהוילעט און קוים געקענט אָטעמען.

—— ער ווערט ערגער מיט יעדער רגע! — האָט חיים יוסף טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ער קען שוין אַפילו ניט ריידן! — האָט יהושע געזאָגט.

רבקה איז צוגעקומען און האָט אַרומגעוויקלט גאַווריל מיט נאָך אַ קאָלדרע. ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פּנים, האָט זי אויסגערופן: „אוי, עס איז ניט גוט! איך האָב מורא אַז ער האַלט זייער שמאָל... ער האָט אָנ־געפאַנגען צו כאָרכלען. דאָס איז זייער אַ שלעכטער סימן.

— מיר מוזן אים צו ברענגען צו אַ דאָרף, אפשר וועט מען נאָך קענען ראַטעווען זיין לעבן! — האָט חיים יוסף זיך אָנגערופן — לאָמיר זיך איילן. איך וועל בלייבן זיצן לעבן אים, אפשר וועט ער עפּעס פאַרלאַנגען.

יהושע און נאָך איינער פון די יונגען וועלכער האָט געדינט ביי זיי און איז מיט זיי מיטגעפאָרן, האָבן געטריבן די פערד און חיים יוסף איז געזעסן לעבן גאַווריל און אַכטונג געגעבן. באַלד האָט חיים יוסף אַ געשריי געטאָן: „שטעלט זיך אָפּ!"

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. יהושע און די פרויען זיינען נאָכאַמאָל אַרונטער פון די פורן.

— איך האָב מורא אַז עס איז שוין אַלץ אויס! — האָט חיים יוסף אויס־געדרופֿן.

זיי זיינען באַלד צוגעלאָפֿן צו דער פֿור. זיי האָבן באַטראַכט זיין פּנים און דאָבע האָט טרויעריק געשאָקלט מיט איר קאָפּ.

— יאָ, ער איז געשטאָרבן! ער האָט זיך מקריב געווען פֿאַר אונדז!

— ער איז געווען איינער פֿון די „חסידי אומות העולם"! — האָט שלמה אויסגערופֿן און ער וועט האָבן עולם הבא, ניט אַזוי טאַטע? — האָט ער זיך געווענדעט צו יהושען.

— געוויס, געוויס, מיין זון! — האָט יהושע טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן? — האָט דאָבע געבראָכן מיט די הענט

— דאָס וואָס האָט אונדז געפֿעלט צום אומגליק! ווען ער וואָלט געבליבן אין דאָרף, וואָלט ער נאָך געלעבט!

— וויפֿיל מיר האָבן זיך ביי אים געבעטן ער זאָל בלייבן, האָט ער בשום אופֿן ניט געוואָלט הערן פֿון דעם — האָט יהושע געזאָגט.

— וואָס הייסט ער האָט ניט געוואָלט הערן? — רופֿט אויס חיים יוסף

— ער האָט זיך דאָך געלייגט אין דער לענג פֿון טויער אויף דעם שניי און ער האָט געזאָגט אַז ער וועט זיך ניט רירן פֿון אָרט ביז וואַנען מיר נעמען אים מיט... וואָס האָבן מיר געקענט טאָן צו דעם?

— וואָס אָבער וועט איצט זיין? — האָט רבקה וויינענדיק געזאָגט — מיר האָבן אַלע פֿאַרלוירן אַזאַ טייערן איבערגעגעבענעם פֿריינט. וואָס וועט זיין מיטן באַערדיקן אים?

— מיר וועלן צופֿאָרן צום נאָענטסטן דאָרף און מיר וועלן דאָרט דאַרפֿן פֿאַר אים קריגן אַ קבר — האָט חיים יוסף געזאָגט.

ווען זיי זיינען צוגעפֿאָרן צו אַ דאָרף און האָבן זיך דערפֿרעגט צום גלח, האָט ער גענומען אויספֿרעגן וועגן דעם טויטן.

— צו וועלכן גלויבן האָט ער באַלאַנגט? — האָט דער גלח געפֿרעגט יהושען.

— ער איז געווען אַ קריסט — ענטפֿערט אים יהושע.

— דאָס ווייס איך! — ענטפֿערט אים דער גלח — אָבער איז ער געווען אַ פּראַוואָסלאַווער אָדער אַ קאַטאָליק?

— ניין, ער איז געווען אַ לוטעראַנער — ענטפֿערט יהושע — ער קומט פֿון פּרייסן, און איז פֿון לוטעראַנישן גלויבן.

— אויב אַזוי קענען מיר ניט דערלויבן אים צו באַגראָבן אויף אונדזער בית־עולם! — האָט דער גלח געזאָגט — אונדזער בית־עולם איז בלויז פֿאַר קאַטויליקן. אין דעם צווייטן דאָרף, ניט ווייט פֿון דאַנען, געפֿינט זיך אַ פּראַ־וואָסלאַווער בית־עולם, אפֿשר וועלן זיי דאָרט באַוויליקן אַ קבר פֿאַר אים.

זיי האָבן זיך דאַן אַוועקגעלאָזן אין צווייטן דאָרף, און דער פּראַוואָסלאַווער גלח האָט זיי געזאָגט, אַז ווי באַלד דער פֿאַרשטאָרבענער איז אַ לוטע־

ראַנער קען ער ניט דערלויבן אַז מען זאָל אים באַגראָבן אויף זייער בית־עולם.

— וואָס טוט מען איצט ? — האָט חיים יוסף אַ פרעג געטאָן יהושען.

— מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט ווי אים צו באַגראָבן אויפן פרייען פעלד — האָט יהושע זיך אָנגערופן.

זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון דאָרף, און צוגעקומען צו אַ ברייטן פעלד, וואָס איז געווען פאַרדעקט טיף מיט שניי. זיי האָבן זיך געהאַט אַ רידל און אַ פּיקע. זיי האָבן איצט געהאַט זייער אַ שווערע אויפגאַבע אויסצוגראָבן אַ קבר. זיי האָבן געהאַקט די פאַרפרוירענע שטיקל ערד וואָס זיי האָבן אָפּגע־רייניקט פון שניי, און מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן זיי אויסגעגראָבן דעם קבר.

ווען זיי האָבן אַרונטערגעלאָזן דעם מת אין גרוב האָבן אַלע ביטער געוויינט. דער אַכט־יעריקער שלמה האָט אָבער אַלעמען געטרייסט מיט דעם וואָס ער איז געווען זיכער, אַז גאַווריִלאַ איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די חסידי אומות העולם, און ער וועט גלייך אַריינגיין אין גן־עדן.

11

היפשע עטלעכע טעג האָבן זיי אַלע אַזוי געוואַנדערט. ביינאַכט פלעגן זיי זיך קוים געפינען אַ פלאַץ אין אַ דאָרף וואו איבערצונעכטיקן און אין דער פרי פלעגן זיי פאָרטזעצן זייערע וואַנדערונגען, ניט ווייסנדיק וואו און ווען זיי וועלן געפינען אַ מקום מנוחה. דער פראָסט האָט געברענט און ווי וואָרעם זיי האָבן זיך אַרומגעוויקלט, האָבן זיי שטאַרק געפילט די קעלט.

ענדלעך זיינען זיי אָנגעקומען אין אַ דאָרף, וואָס האָט באַלאַנגט צו צוויי פּריצים. איין פּריץ האָט שוין זיין חלק געהאַט אָפּגעגעבן אין אַרענדע. דער אַנדערער פּריץ, אָבער, האָט ניט געקענט פאַרפאַכטן זיין חלק, ווייל ער האָט געוואָלט פריער פון אַלץ אויסבויען אויף זיין לאַנד אַ קרעטשמע, און בלויז מיט אָט אַזאַ באַדינג וואָלט ער איינגעשטימט אָפּצוגעבן זיין גוט אין אַרענדע.

דער גאַנצער פלאַן אָפּילו, אָנצופאַנגען צו בויען אַ קרעטשמע, איז ניט געווען צום האַרצן, ניט יהושען און ניט זיין פאָטער חיים יוסֿפן. אָבער זייענ־דיק אַזוי מיד פון אַרומוואַנדערן אין די גרויסע פרעסט מיט דער גאַנצער משפחה, האָבן זיי באַשלאָסן דאָרט אָפּצושטעלן זיך, און זיי האָבן זיך אונטער־גענומען צו בויען די קרעטשמע, און אויף אַזאַ אופן געקראָגן די אַרענדע פון יענעם פאַכט. און אַזוי ווי דאָס הויז האָט ערשט באַדאַרפט אויסגעבויט ווערן, האָבן זיי אַלע קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי זיך צו באַזעצן אין דעם גרויסן שפייכלער וואָס איז דאָרט געווען.

אין שפייכלער האָט זיך געפונען אַ צעבראָכענער אויוון און זיי האָבן אים

פאַרריכט מיט גרויסע שוועריקייטן. זיי האָבן אָנגעהאַקט האָלץ פון דעם דער־בייאיקן וואַלד און געזען צו האַלטן, ווי ווייט מעגלעך, וואַרעם דעם שפּייכלער, וואָס איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט רויך, ווייל עס איז דאָרט קיין קוימען ניט געווען.

אָנפאַנג פרילינג האָבן זיי זיך גענומען בויען דאָס הויז. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן זיי פאַרענדיקט דאָס הויז און זיך אַהין אַריינגעצויגן. דאָרט האָבן זיי אויך געפּייערט די בר־מצווה פון יהושעס עלטערן זון, יוסף, מיט וועמען זיי זיינען אויף שבת צוגעפאָרן צו דעם קליינעם יידישן ישוב אין מאַהילנע, וואָס איז געווען גאַנץ נאָענט צו דעם דאָרף.

כאָטש יוסף איז ניט געווען קיין שלעכט יינגל, און ער האָט פאַר זיינע יאָרן געקענט לערנען ווי אַלע דורכשניטלעכע יידישע יינגלעך פון זיין צייט, דאָס ער אָבער, ווען זיין פאָטער האָט אים גענומען פאַרגלייכן צו שלמהן, דעם פאָטער ניט פאַרשאַפט קיין צופיל נחת. יוסף אַליין איז ביי זיך געווען שטאַרק געפאַלן צוליב דעם, און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וויל מער ניט לערנען. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין גרויס גענוג צו קענען אַרויסהעלפן זיין פאָטער אויף דעם פאַכט.

יעדע פרייע שעה, וואָס יהושע האָט געהאַט, פלעגט ער פאַרברענגען מיט שלמהן אין לערנען. און אַז ער איז געווען פאַרנומען, האָט ער פון אים פאַר־לאַנגט, אַז ער זאָל זיצן און לערנען דעם גאַנצן טאָג און ניט ברענגען זיין צייט אין ניוועץ... גאַנץ אָפט, ווען ער פלעגט געפינען שלמהן זיצנדיק פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, פלעגט ער אים נעמען מוסרן, אַז אַנשטאָט צו חלומען און טראַכטן, וואָלט ער בעסער באַדאַרפט איבערחזרן די גמרא, וואָס ער האָט געלערנט די גאַנצע וואָך.

דער קליינער שלמה, אָבער, האָט ליב געהאַט צו טראַכטן וועגן געט־לעכקייט, וועגן דער נאַטור, וועגן אופן ווי דער באַשאַף פון דער וועלט איז באַשטאַנען. זינט ער האָט מיט זיינע אויגן צוגעזען דעם טויט פון גאַוו־רילאָן, האָבן אים גענומען מאַטערן פילע געדאַנקען. ער האָט געוואָלט זיין זיכער, אַז דער ליבער, טייערער גאַווריל‏אָ, זאָל חלילה ניט דאַרפן גיין אין גיהנום.

גאַנץ אָפט פלעגט ער וועגן דעם ריידן מיט זיין פאָטער. ער האָט גע־זוכט אַרויסצוקריגן פון אים אַ פאַרזיכערונג, אַז דער פאַרשטאָרבענער גאַווריל‏אָ וועט אויפשטיין תחית המתים, ווען משיח וועט קומען. ווען אים פלעגט אַמאָל אויסקומען זיך צו שפּילן מיט די קריסטלעכע קינדער פון דאָרף, און זיי האָבן אים אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט, פלעגט ער זיך פילן זייער שלעכט, וואָס זיי זיינען געבוירן געוואָרן גויים און זיי וועלן ניט קענען געניסן די אַלע גוטע זאַכן וואָס די יידן וועלן געניסן ווען משיח וועט קומען.

— אָ, פאַרוואָס האָט ער באַדאַרפט געבוירן ווערן אַ גוי און ניט האָבן קיין עולם הבא? — פלעגט שלמה טראַכטן — וואָס איז ער שולדיק אַז עשו האָט זיך אויסגעקליבן די וועלט?

— דו ווייסט סטאַשעק — האָט זיך שלמה איינמאָל אָנגערופן צו איינעם פון

די פויערישע יינגלעך, וועלכער איז געוועזן אין זיינע יאָרן — אַז דו וועסט אָננעמען דעם ייִדישן גלויבן, וועסטו קענען געניסן פון אַלץ וואָס די ייִדן וועלן קריגן משיחס צייטן. דו וועסט קענען קריגן אַ גרויסן חלק פון לויתן. דו וועסט קענען מיט מיר גיין אויף אַ פּאַפּירענעם בריק און ניט אַריינפאַלן אין וואַסער...

סטאַשעק האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע וואַסערדיקע קעלבערנע אויגן און געקייט די שטיקל מצה וואָס שלמה האָט אים געגעבן.

שלמה האָט געהאַט אַ זייער גוט האַרץ און ער האָט געוואָלט, אַז די אַלע גוטע גויים זאָלן געניסן פון די גוטעס וואָס עס איז אָנגעגרייט פאַר די ייִדן לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען. אים איז שווער געווען צו באַגרייפן פאַרוואָס אַזאַ רשע מרושע ווי דער ייִד שווערזען, וועלכער האָט אויסגעדונגען זיין ייִדן און אים פאַריאָגט פון זיין אַרענדע, זאָל גיין אַזוי גוט... ער זאָל זיין רייך און קענען טאָן נאָך מער שלעכטס, און אַזאַ גוטן מענטשן ווי גאַווריליאַ, זאָל מען דאַרפן באַגראָבן אַ קבורת חמור, אין מיטן פעלד...

אָט די דאָזיקע געדאַנקען פלעגט ער גאַנץ אָפט אַרויסברענגען פאַר זיין פאָטער, און יהושע פלעגט ניט איינמאָל זיך אָנבייזערן אויף אים און אים זאָגן, אַז ער דאַרף זיך ניט אַריינלאָזן אין אַזעלכע חקירות וואָס קענען בלויז ברענגען צו ביטול תורה... אָט דאָס איז אויך געווען איינע פון די סיבות פאַרוואָס יהושע האָט געוואָלט אַוועקשיקן שלמהן וואָס פריער אין דער ישיבה.

גלייך נאָך פּסח האָט יהושע אָפּגעזוכט אַ בעל־עגלה וועלכער פאָרט קיין איווענעץ. ער האָט אָנגעשריבן אַ בריף אין העברעאיש צו זיין קרוב, דעם איווענעצער רב, און ער האָט אַוועקגעשיקט שלמהן קיין איווענעץ, און אים געהייסן איבערגעבן דעם בריוו צו דעם רב.

ווען דער רב האָט איבערגעלייענט דעם בריוו האָט ער זיך געווענדעט צו שלמהן:

— דיין טאַטע שרייבט מיר, אַז גאָט האָט דיך געבענטשט מיט אַ גוטן קאָפּ, און ער וויל איך זאָל פאַר דיר באַשטעלן אַ רבין וועלכער זאָל מיט דיר לערנען. דאָס וועל איך זיכער טאָן, אָבער אַלע שבת זאָלסטו קומען צו מיר אין הויז און איך וועל דיך פאַרהערן, און זען אויב דו טוסט אַ פעולה אין לערנען.

שלמה האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען אין דער ישיבה ביי דעם רבין וועמען דער רב האָט פאַר אים באַשטעלט. שבת, נאָכן דאַווענען, פלעגט זיך שלמה אַריבערכאַפּן צום רב אין הויז. דער רב פלעגט אים פאַרהערן און ער האָט אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט מיט דעם פאָרטשריט וואָס ער מאַכט אין לערנען.

איינמאָל, ווען דער רב האָט אים פאַרהערט אַ זייער שווערע סוגיאַ אין גמרא, האָט שלמה גענומען שטעלן דעם רב זייער שווערע קשיות. דער רב איז דערשטוינט געוואָרן און ער האָט געפרעגט שלמהן:

— זאָג מיר, פאַרוואָס האָסטו דיין רבין ניט געפרעגט אָט די קשיה, ווען ער האָט מיט דיר געלערנט די דאָזיקע סוגיאַ?

— איך האָב אים געפרעגט! — האָט שלמה אויסגערופן.

— נו, איז וואָס האָט דער רבי דיר אויף דעם געענטפערט? — פּרעגט אים ווידער דער רב.

— ער האָט מיר גאָרניט געענטפערט אויף מיין פראַגע — רופט זיך אָן שלמה — ער האָט זיך אויף מיר אָנגעבייזערט און געזאָגט, אַז אַ ייִנגל דאַרף ניט זיין קיין עזות פּנים, און פאַרוואָרפן זיין רבין מיט קשיות. אַלץ וואָס אַ ייִנגל דאַרף איז צו פאַרשטיין דעם שיעור גמרא...

— המ... — האָט דער רב עפּעס אַ ברום געטאָן ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין — ווייזט אויס, אַז דיין רבי האָט צופיל ליב רואיקייט... ער וויל זיך ניט צופיל מטריח זיין. אויב אַזוי, וועלן מיר דאָס ענדערן. יאָ, איך זע שוין, דיין טאַטע, זאָל געזונט זיין, האָט אויף אַ האָר ניט מגזם געווען ווען ער האָט געשריבן צו מיר אין זיין בריוו וועגן דיין גוטן, שאַרפן קעפּל. איך זע שוין, אַז דו פאַרשטייסט גאַנץ גוט אַ שווערן ענין אין דער גמרא און דעריבער וועל איך, פון היינט און ווייטער, אַליין לערנען מיט דיר. וואָס וועל איך טאָן נאָר פון פריינטשאַפט וועגן, און איך האָף, אַז ניט דיין טאַטע און ניט דיין פאַריקער רבי וועלן האָבן דאַקעגן. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער רבי דיינער וועט דאַרפן קריגן די זעלבע שכר־לימוד וואָס דיין טאַטע האָט אים געצאָלט ביז איצט. ער זאָל אים קיין פּרוטה ניט אַרונטערנעמען, ווייל ער איז דאָך אַ גרויסער אָרימאַן, אַ נצרך. אויף אַזאַ אופן, בלויז, וועל איך מיט דיר לערנען. דו זאָלסט שרייבן צו דיין טאַטן אַ בריוו אין וועלכן דו זאָלסט אים לאָזן וויסן וועגן דעם. מאָרגן זאָלסטו אָנשרייבן דעם בריוו צו דיין טאַטן און דו זאָלסט מיר אים געבן צו לייענען.

אויף מאָרגן האָט שלמה אָנגעשריבן אין העברעאיש צו זיין פאָטער און ווען דער רב האָט דורכגעלייענט שלמהס בריוו, האָט ער נאָך מער געשטוינט וואָס אַזאַ קינד. קען זיך אַזוי שיין אויסדריקן אין העברעאיש.

שלמה האָט זינט דאַן אָנגעהויבן צו לערנען ביים רב, זיין פאָטערס קרוב. דער רב איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקע שיטה אין לערנען. שלמה האָט גרויס הנאה געהאַט פון דעם אופן ווי ער האָט מיט אים געלערנט און ער האָט געטאָן אַ גרויסע פּעולה דורך דעם זמן וואָס ער האָט ביי אים געלערנט. דער פריערדיקער רבי, אָבער, האָט געקראָגן זיין שכר־לימוד. שלמה האָט זייער ליב באַקומען דעם רב, וועלכער האָט אים אַרויסגעצייגט אַ סך געדולד און אים פאַרענטפערט אַלע קשיות. און ווען עס איז געשען, אַז שלמה האָט אים געשטעלט אַזאַ שווערע קשיא, אויף וואָס ער האָט גלייך ניט געהאַט קיין ענטפער, פלעגט ער זיך ניט שעמען און אים זאָגן אַז ער ווייסט ניט און דעמאָלט האָבן ביידע צוזאַמען געזוכט צו באַטראַכטן דעם ענין פון דאָס ניי, ביז וואַנען זיי האָבן געפונען אַ תּירוץ.

דער רב האָט אים אַרויסגעוויזן אַ סך צערטלעכקייט און פאַרשטענדעניש און שלמה האָט נאָך קיינמאָל ניט געלערנט מיט אַזוי פיל התמדה ווי איצט, אונטער דעם רבס אויפזיכט.

עס זיינען פאַראיבער עטלעכע וואָכן און דער רב, יהושעס קרוב, האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו שלמהס פאָטער, אין וועלכן ער האָט געלויבט שלמהן

ביזן הימל. ער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז שלמה איז אַן אויסערגעוויינטלעכער יינגל און אַז ער וואַקסט אַ גאון; ער קען זיך שוין פאַרמעסטן אין לערנען מיט די גרעסטע לומדים, און אַז ער איז זיכער, אַז מיט אים וועט נאָך אַמאָל קלינגען די וועלט.

יהושע איז געווען איבערגליקלעך ווען ער האָט געקראָגן אַט דעם דאָזיקן בריוו פון זיין קרוב, וועלכער איז אַליין דאַן געווען באַרימט פאַר אַ גרויסן למדן. ער פלעגט זיך צאַצקענען מיט אַט דעם בריוו און ווען אימיצער, אַ וויכטיקער ייד, פלעגט זיך מיט אים טרעפן, פלעגט יהושע מיט שטאָלץ אַרויס־נעמען דעם דאָזיקן בריוו און עס אים ווייזן.

דער דאָזיקער געדאַנק, אַז זיין שלמה וואַקסט אַ גאון, האָט אים געמוטיקט און געטרייסט דורך דער שווערער צייט וואָס ער און זיין משפחה האָבן דורכ־געלעבט, זינט זיי זיינען געקומען אויף דער נייער אַרענדע. עס איז דאָרט זיי אַלץ געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. צו וואָס ער האָט זיך דאָרט גע־נומען האָט ניט געטויגט. יהושע האָט דאָרט שווער געאַרבעט און קיין הצלחה האָט ער ניט געזען. זיי זיינען קוים אויסגעקומען מיט דער חיונה.

אויסער דעם איז צו יהושען געקומען נאָך אַ צרה. זיין פרוי רבקה, וועל־כע איז פון תּמיד אָן געווען אַ פריילעכע, אַ לוסטיקע און זייער ספּריטנע, האָט זיך פלוצלינג געענדערט. מעגלעך, אַז די פילע צרות, וואָס זי האָט דורכגע־מאַכט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זינט דעם בלוט־בילבול, האָט אויף איר געווירקט צום שלעכטן, איבערהויפּט נאָך דעם ווי זיי זיינען געווען געצוואונ־גען צו פאַרלאָזן זייער אַרענדע און גיין אין גלות, און דערצו דער טויט פון גאַווריליאָן האָט אינגאַנצן צעטרייסלט אירע נערוון... זי איז געוואָרן מעלאַנ־כאָליש און האָט פאַרלוירן דעם חשק צום לעבן. זי פלעגט קענען אָפּזיצן שעהען לאַנג אָן אומעטיקע און אַ פאַרטרויערטע. יהושע פלעגט צו איר ריידן מיט צאַרטקייט און פּרובירט אָפּווענדן אירע טרויעריקע געדאַנקען, אָבער אָן דערפאָלג.

רבקהס שוויגער, דאָבע, וועלכע האָט אַליין אויך געפילט גאַנץ אַלט און צעבראָכן פון די אַלע געשעענישן אין די לעצטע עטלעכע יאָר, האָט געוומען איינטענהן מיט רבקהן, זאָגנדיק איר ווי שטאַרק זי דאַרף שטאַרקן מיט דעם וואָס גאָט האָט איר געבענטשט מיט אַזאַ טייערן זון, ווי שלמהלע. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן.

יהושע איז אַריינגעפאַרן אין דעם שטעטל נעסוויזש, וואָס איז געווען אַן ערך פיר מייל פון דעם קליינעם ישוב מאָהילנע, און ער האָט זיך דאָרטן באַ־ראָטן מיט אַ רופא. ער האָט אים דערציילט די איינצלהייטן פון איר מאָדנער מחלה, און דער רופא האָט זיך צו אים אָנגערופן:

„איך אַליין קען זיך ניט אונטערנעמען אויסצוהיילן אַזאַ מחלה, וואָס איז אַ מחלת הנפש. אָבער אין דער שטאָט נאָוועגראָד געפינט זיך אַ באַרימטער דאָקטאָר, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט קורירן גייסטיק־קראַנקע. נעם מיט זיך דיין פרוי און פאָר אַריבער צו אים. אפשר וועט ער קענען אויסקורירן דיין פרוי".

יהושע האָט צונויפגעזאַמלט וויפיל געלט ער האָט נאָר געקענט און איז אָפּגעפאָרן מיט רבקהן, זיין פרוי, קיין נאָוואָגראַד צו דעם דאָקטאָר, צו וועמען דער רופא פון נעסוויזש האָט אים רעקאָמענדירט.

צוויי וואָכן צייט זיינען זיי אָפּגעווען אין נאָוואָגראַד און יהושע איז מיט רבקהן געגאַנגען צום דאָקטאָר יעדן טאָג. דער דאָקטאָר האָט איר קורירט. ער פלעגט מיט איר ריידן און אויך געבן פאַרשיידענע רפואות. יהושע האָט גענומען מערקן אַן ענדערונג צום בעסערן. מיט יעדן טאָג האָט זי זיך גענומען פילן בעסער. זי האָט אָנגעפאַנגען צו שמייכלען. און ביים סוף פון די צוויי וואָכן איז רבקה אינגאַנצן אויסגעהיילט געוואָרן.

אַ גליקלעכער האָט זיך יהושע אומגעקערט מיט רבקהן צו זיין פאַכט און ביידע, סיי ער און סיי רבקה, האָבן ניט געהאַט גענוג לויב־ווערטער פאַר דעם דאָקטאָר.

— פריער גאָט און נאָכהער דער דאָקטאָר פון נאָוואָגראַד! — פלעגט רבקה דערציילן וועגן די וואונדערלעכע מעטאָדן פון היילונג וואָס דער דאָרטיקער דאָקטאָר האָט אָנגעווענדט אויף איר.

גלייך נאָכדעם ווי יהושע האָט זיך צוריקגעקערט מיט רבקהן פון נאָוואָגראַד, האָט ער דערהאַלטן דעם בריוו פון זיין קרוב דעם רב. מיט טרערען פון פרייד האָט ער געלייענט דעם העברעאישן בריוו פון דעם איוועניעצער רב, און ער האָט יעדע שורה באַזונדער איבערזעצט אין יידיש פאַר זיינע עלטערן און פאַר זיין פרוי.

— נו, רבקהלע, טייערע! — האָט די שוויגער זיך צו איר געווענדעט — דאַרפסטו זיך דען ניט שעצן די גליקלעכסטע פון אַלע מאַמעס, אַז דיין זון שלמהלע וואַקסט אַ גאון, מיט וועמען עס וועט קלינגען די וועלט?

12

איבער אַ יאָר צייט האָבן יהושע און זיין משפחה זיך אָפּגעמוטשעט אויף דער נייער אַרענדע, און קיין הצלחה האָבן זיי ניט געזען. גלייך פון אָנפאַנג אָן האָט יהושע איינגעזען, אַז אָט דער פאַכט איז ניט פאַר זיי; אַז מען וועט פון אים קוים קענען ציען חיונה. זיי זיינען אָבער מיד געוואָרן פון וואַנדערן אין די קאַלטע ווינטערדיקע טעג, און אַז דאָס איז געקומען צו דער האַנט, האָבן זיי דאָס גענומען.

אַזוי שנעל ווי יהושע האָט אויסגעפונען, אַז עס איז מעגלעך זיך צו באַזעצן אויף דעם קליינעם ישוב אין מאָהילנע, וואָס איז ניט ווייט פון דער גרעסערער שטאָט נעסוויזש, אָן שום באַגרענעצונגען, האָט ער זיך באַראַטן מיט זיין פאָטער וועגן דעם.

— די מעלה פון מאָהילנע איז — האָט יהושע זיך אָנגערופן צו זיין

פֿאָטער חיים יוסף — וואָס יעדער איינער קען זיך דאָרט באַזעצן און באַ־שעפֿטיקן מיט אַלץ וואָס ער וויל. ער קען טאָן אַלערליי אַרבעטן און האַנדלען מיט וואָס עס מאַכט זיך. אויסער דעם, וועט יעדער איינער וואָס וויל זיך באַ־זעצן אין מאָהילנע זיין פֿריי פֿון אַלע אָפּצאָלונגען פֿאַר די ערשטע זעקס יאָר.

חיים יוסף און יהושע האָבן לאַנג ניט געטראַכט און אָפּגערייזט אַהין, אויסצוגעפֿינען מער איינצלהייטן. זיי האָבן דאָרט גראָד אָנגעטראָפֿן אויף אַן אַרענדאַר, וועלכער איז געווען אַ שוואָגער פֿון יהושעס ברודער, משה, דאָס הייסט, ער איז געווען אַ ברודער פֿון משה פֿרוי. דער דאָזיקער אַרענדאַר איז ניט געווען איבעריקס צופֿרידן מיט דעם, וואָס דער פֿירשט ראַדזיוויל האָט באַשלאָסן צו מאַכן מאָהילנע פֿאַר אַ פֿרייע שטאָט, ווייל ער האָט שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר קאָנקורענטן, איבערהויפּט אין דער געגנט וואו ער האָט זיך געפֿונען. אָבער איצט, אַז ער האָט געזען אַז זיין שוואָגערס משפּחה וויל זיך דאָ באַזעצן און ער האָט געהערט וועגן זיי און געוואוסט אַז זיי זיינען ערלעכע מענטשן, האָט ער פֿון אָנפֿאַנג זיי אַרויסגעוויזן פֿריינדלעכקייט.

יהושע האָט זיך דאַן אַריבערגעקליבן קיין מאָהילנע מיט זיין גאַנצער משפּחה און ער האָט זיך גענומען בויען אַ הויז. ביז וואַנען דאָס הויז איז פֿאַרטיק געוואָרן האָבן זיי דערווייל אַלע געוואוינט אין אַ שייער.

באַלד האָט דער אַרענדאַר, דער שכן, חרטה געקראָגן אויף דעם וואָס ער האָט זיי דערמוטיקט זיך אַריבערצוקלייבן אויף דער נייער אַרענדע אין מאָ־הילנע. ער האָט איינגעזען, אַז איצט וועט ער זיך דאַרפֿן טיילן מיט אים דאָס וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן פֿאַר זיך אַליין. ער האָט דעריבער גאַנץ אָפֿן גענומען אַרויסוויזן זיין קעגנערשאַפֿט צו זיי און זיי גענומען שטערן אויף טריט און שריט.

דער אַרענדאַר איז געווען אויסגעבונדן מיט דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דעם פֿירשט ראַדזיווילס גוט, און ער האָט מיט זיין הילף געזוכט צו מאַכן פֿאַר יהושען אַזוי ענג, אַז ער זאָל אַליין זיין געצוואונגען אַוועקצוגיין פֿון דאָרט.

— דו ווייסט דאָך, אַז דער פֿירשט ראַדזיוויל וויל מאַכן די גאַנצע געגנט פֿון מאָהילנע און אַרום פֿאַר אַ שיינעם בליענדן פּלאַץ. דעריבער איז מיין עצה צו דיר — האָט אים דער פֿאַרוואַלטער געראָטן — אַז דו זאָלסט אויס־בויען אַ ניי, פּרעכטיק הויז. דאַן וועל איך שוין זען אַרויסצוקריגן פֿון דעם פֿירשטס הויף אַ באַפֿעל, אַז דער וואָס וויל קריגן בירגער־רעכט אין דער געגנט פֿון מאָהילנע, זאָל אויך מוזן אויסבויען אַ שיינע הויז, און אַלס מוסטער וועל איך טאַקע באַוויזן דיין הויז. אַזוי ווי דו ווייסט, אַז יהושע און זיין משפּחה זיינען אָרעם און וועלן ניט קענען באַהויפּטן אויסצובויען פּונקט אַזאַ שיינע הויז ווי דיינע, וועסטו אויף אַזאַ אופֿן אים קענען צווינגען ער זאָל פֿאַרלאָזן די אַרענדע.

דעם אַרענדאַר איז דאָס געפֿעלן געוואָרן. אַזוי ווי ער איז געווען זייער רייך, האָט ער ניט געזשאַלעוועט קיין געלט און זיך אויסגעבויט אַ פּרעכטיק הויז. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער פֿאַרוואַלטער פֿון גוט איז געקומען צו יהושען און אים איבערגעגעבן דעם באַפֿעל וואָס ער האָט דערהאַלטן פֿון

דעם פירשט ראַדזיווילס הויף, אַז אויב ער וויל האָבן בירגער־רעכט אויף זיין אַרענדע, מוז ער זיך אויסבויען אַ שיינע הויז, און אַלס מוסטער האָט ער אים אָנגעגעבן דאָס הויז פון שכן, דעם אַרענדאַר.

אַ סך טענהן מיט דעם פאַרוואַלטער האָט ער ניט געקענט. ער האָט גע־וואוסט, אַז אויב ער האָט אַזאַ באַפעל פון דעם פּירשטס הויף, וועט שוין גאָרניט העלפן. ער איז איצט געצוואונגען געווען אויסצוגעבן זיין קליינעם פאַר־מעגן וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט און האָט גענומען בויען אַ הויז, וואָס זאָל ניט זיין אָפּגעשטאַנען פון דער הויז פון זיין שכן דעם אַרענדאַר. יהושע האָט געוואוסט, אַז זיין שכן האָט אַ האַנט אין דעם, אָבער ער האָט זיך ניט־וויסנ־דיק געמאַכט. דאָס הויז וואָס ער האָט אויסגעבויט איז טאַקע געווען זייער שיין פון דרויסן, אָבער אינעווייניק האָט געפייפט דער דלות. אויסער די עט־לעכע צעבראָכענע בענקלעך און טישן, און די בעטן וואָס זיינען געווען אונ־טערגעשפּאַרט מיט קלעצער, זיי זאָלן זיך האַלטן, איז אין דעם נייעם בנין גאָרניט געווען. אין הויז האָט דערווייל גענומען פעלן אויף דער הוצאה.

אַזוי ווי שלמהס עלטערער ברודער, יוסף, האָט קיין איבעריקן חשק צום לערנען ניט געהאַט, איז ער שוין פאַרבליבן אין הויז העלפן מיט די פּאַר־שיידענע הויז־אַרבייט, ווייל זיי האָבן ניט געקענט באַהויפּטן צו האַלטן דרויסנ־דיקע אַרויסהעלפער. יהושע עלטערן, חיים יוסף און דאָבע, זיינען געווען צו אַלט און שוואַך צו קענען עפּעס טאָן. דערצו האָט נאָך חיים יוסף גענומען אונטערקרענקען אָפטער ווי פריער — איז די לאַגע ביי יהושען געוואָרן אַ גאָר טרויעריקע.

רבקה האָט געטאָן אַלע הויז־אַרבייט אונערמידלעך און מיט גרויס פליס, אָבער זי האָט ניט געהאַט מיט וואָס אויסצוקומען און דאַן איז יהושע געווען געצוואונגען צו זוכן אַן אַנדער קוואַל פון פּרנסה. ער האָט זיך גענומען צו מלמדות. ער האָט געקראָגן אַ קליינע קנעלונג אין מאַהילנע און האָט פון דעם קוים געקענט ציען געגוג מפרנס צו זיין די משפחה זיינע.

ווען אין מאַהילנע האָבן די עטלעכע יידישע איינוואוינער אויפגעבויט אַ קליינע שול, האָט יהושע פאַרנומען דאָרט די שטעלע פון אַ רב, אַ מגיד און אַ בעל־יועץ פאַר אָט דער דאָזיקער נייער קליינער יידישער קהילה, ווייל ער איז דאָך געווען דער איינציקער למדן.

דאָס וואָס יהושע האָט פאַרטראָטן די שטעלע פון רב און פירער פון דער קליינער אָרעמער קהילה האָט אים גאַנץ ווינציק געלט אַריינגעבראַכט, ווייל די עטלעכע צענדלינג יידן וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען זיינען געווען גרויסע אָרעמע־לייט, אָבער דערפאַר האָט יהושע געקענט דערמיט שטאָלצירן קעגן זיין שלעכטן שכן, דעם אַרענדאַר, וועלכער האָט אים אַזוי שלעכט באַ־האַנדלט. אויף יעדן שריט און טריט האָט ער אים געוואָלט באַווייזן, אַז מען קען שטאָלצירן מיט אים אַלס שכן, וועלכער איז ניט נאָר אַ גרויסער למדן נאָר אויך שטאַרק אָנגעזען אין דער קליינער קהילה אַלס גוטער רעדנער און בעל־יועץ. און ווער איז ע ר? אַ וויסטער עם הארץ, אַ פּוסטע כלי, וועמען דער מזל האָט אָפּגעגליקט און איז רייך געוואָרן...

דער אַרענדאַר, אָבער, האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן; ער האָט אַפילו ניט געטראַכט פון יהושעס גייסטלעכן אויפשטייג. ער האָט געוואוסט, אַז יהושע איז נאָך דער זעלביקער קבצן, און דאַרף גאַנץ אָפט אָנקומען צו אים פאַר אַ טובה...

טראָץ דעם וואָס יהושע האָט זיך נאָך אַלץ געמאַטערט מיט פרנסה, האָט ער זיך געפילט גליקלעך מיט דעם געדאַנק, אַז גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַזאַ טייער קינד ווי שלמה. ער האָט תּמיד געהאַלטן אין קעשענע דעם בריוו וואָס זיין קרוב, דער באַרימטער רב פון איוועניץ, האָט צו אים געשיקט, אין וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק געלויבט שלמהן און געזאָגט, אַז ער וואַקסט אַ גאון. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער אַרויסנעמען דעם בריוו און אים פאַרלייענען מיט אַזוי פיל שטאָלץ, און דאָס איבערזעצן אויף יידיש. אַלע יידן פון דעם בית המדרש האָבן וועגן דעם געוואוסט. זיין שכן, דער אַרענדאַר, האָט געוואוסט אַז שלמה איז באַרימט פאַר זיין וואונדערבאַרן קאָפּ.

איינמאָל האָט זיך אין מאָהילנע אָפּגעשטעלט אַ רייכער ייד מיטן נאָמען ר׳ לייזער פון שטעטל שמילאָוויטש. דער דאָזיקער לייזער איז ניט נאָר געווען רייך, נאָר ער האָט אויך געקענט לערנען און איז געווען אַ בעל־תּנ״ך. ר׳ לייזער איז אַריינגעקומען אין דעם קליינעם בית המדרש און ער האָט זיך באַלד באַפריינדעט מיט יהושען. נאָכן דאַווענען האָבן זיי אַ היפּשע ווײַלע פאַרבראַכט. זיי האָבן גערעדט אַ ביסל אין לערנען, און דאַן האָט יהושע פאַד אים גענומען לויבן זיין זון שלמהן. כּדי אים צו באַווייזן אַז ער איז ניט מגזם אויף אַ האָר, האָט ער אַרויסגענומען דעם בריוו פון דעם איוועניצער רב און אים געגעבן לייענען. ר׳ לייזער האָט דורכגעלייענט דעם בריוו און איז געוואָרן זייער באַגייסטערט פון שלמהן, נאָך איידער ער האָט אים געזען.

— איך ווייסט — האָט ער זיך אָנגערופן צו יהושען — איך האָב אַ טאָכטער, זייער אַ געראָטענע, אַ יפת תּואר, טאַקע אין זיינע יאָרן. איך וואָלט זיך זייער געוואָלט משדך זיין מיט אייך און נעמען אייער שלמהן פאַר מיין איידעם.

— אָבער שלמה איז נאָך גאָר יונג. ערע איז קוים צען יאָר אַלט! — האָט יהושע געזאָגט — עס איז נאָך פאַראַן צייט.

— נו, וועלן מיר צוואַרטן אַ יאָר צי צוויי! — האָט לייזער געזאָגט — האָט עס אָבער אין זינען. לייזער האָט זיך מיט אים געזעגנט און ווען עס זיינען פאַראיבער עטלעכע וואָכן, האָט יהושע אינגאַנצן פאַרגעסן אָן לייזערס אָנבאָט, ווייל ער האָט דערהאַלטן אַ טרויעריקן בריוו פון שלמהן אין וועלכן ער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זיין רבי, דער רב פון איוועניק, איז געשטאָרבן.

דער רב, יהושעס קרוב, איז שוין פון לאַנג געווען קראַנק; ער האָט געליטן פון שווינדזוכט.

אָט די דאָזיקע שרעקלעכע ניַיעס איז פאַר יהושען געווען זייער אַ שטאַרקער קלאַפּ. זיין זון שלמה האָט ענדליך געקראָגן אַזאַ רבין פון וועמען ער האָט אַזוי פיל געלערנט... און יהושע האָט געהאָפט, אַז ער וועט ביי אים לערנען אַמווייניקסטן ביז וואַנען ער וועט ווערן בר מצוה, אָבער זיין האָפענונג איז ניט ערפילט געוואָרן. יהושע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז פאַר שלמהן וועט איצט

זיין פֿאַר אים זייער שווער צוצופּאַסן אַזאַ רבין ווי זיין פֿאַרשטאָרבענעם קרוב איז געווען.

יהושע האָט קיין צייט ניט פֿאַרלוירן. ער האָט געדונגען אַ פֿור און אָפּגעפֿאָרן קיין איוועניץ און האָט שלמהן אָפּגענומען אַהיים, קיין מאָהילנע. איצט האָט ער אַליין מיט אים געלערנט.

יהושע פֿלעגט אָנקוועלן פֿון זיין שלמהס טיפֿער לומדות, פֿון זיין שאַרפֿן מוח און אויך פֿון זיין התמדה מיט וואָס ער פֿלעגט לערנען.

— דו ווייסט, רבקה — האָט יהושע מיט פֿיל שטאָלץ גענומען רעדן צו איר — אַז אויסער דעם וואָס אונדזער שלמה האָט געטאָן אַזאַ גרויסע פּעולה אין לערנען, דורך דער צייט וואָס מיין קרוב, דער איוועניצער רב, עלין השלום, האָט מיט אים געלערנט, האָט ער זיך דאָרט אויך אויסגעלערנט צו זיין אַ גרויסער מתמיד. דו געדענקסט דאָך, אַז איך פֿלעג מיט אים לערנען, פֿלעגט ער זיך גאַנץ אָפֿט פֿאַרטראַכטן אָדער פֿאַרשפּילן און איך פֿלעג אים מאַכן פֿאַרוואורפֿן אַז ער ברענגט זיין צייט אין ניוועץ... איצט, אָבער, לערנט ער מיט אַזוי פֿיל התמדה, אַז עס איז צו שטוינען...

— נו, ער איז דאָך עלטער געוואָרן, ליגט אים שוין מער ניט אין זינען זיך צו שפּילן! — האָט רבקה מיט שטאָלץ צוגעגעבן — אוי, האָב איך שוין נאָך אים געבענקט. איך גלויב, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער ווען דו שיקסט אים מער ניט אין דער פֿרעמד צו לערנען.

— פֿאַר אים וואָלט געווען אַ סך בעסער ווען איך קען באַהויפּטן אים אָוועקצושיקן אין אַ גרויסער ישיבה! — האָט יהושע זיך אָנגערופֿן — אָבער ביי דעם איצטיקן צושטאַנד אונדזערן, וועל איך דאָס ניט קענען באַוויזן. ער וועט שוין מוזן פֿאַרבלייבן ביי מיר. איך האָף, אַז ער וועט פֿאַרטזעצן צו לערנען מיט אַזאַ התמדה און קענען דערגרייכן זיין ציל.

— אָבער אַז דו וועסט מיט אים לערנען, וועט ער זיכער טאָן די זעלבע פּעולה! — האָט רבקה געזאָגט — און ווײַבאַלד אַז ער איז אַ מתמיד, דאַרפֿסטו אים ניט שיקן אין דער פֿרעמד...

דער אַרענדאַר, יהושעס שכן, האָט שוין געהאַט געהערט פֿון שלמהן פֿון פֿריער, איידער ער איז געקומען קיין מאָהילנע. ער האָט געהערט איינמאָל פֿון אַ יידן אין שול, אַז אַ גרויסער גביר פֿון אַ צווייטער שטאָט האָט אָנגעבאָטן יהושען אַ סך געלט ער זאָל אים אָפּגעבן זיין זון שלמהן פֿאַר זיין איידעם.

אָט די דאָזיקע געשיכטע איז דעם רייכן אַרענדאַר אַריין אין נאָז. ער אַליין האָט געהאַט דריי טעכטער און צוויי זין. די עלטסטע טאָכטער, דבורה, איז שוין געווען פֿאַרהייראַט. די צווייטע טאָכטער זיינע, פּעסל, איז געווען אַ גאַנץ שיינע און אין די זעלבע יאָרן פֿון שלמהן. רחל איז געווען די יינגסטע טאָכטער זיינע.

— אויב אָט דער דאָזיקער שלמה איז אַ גוטער שידוך פֿאַר יענעם גביר — האָט זיך דער אַרענדאַר געטראַכט — טאָ פֿאַרוואָס זאָל ער אים ניט אַריינקריגן פֿאַר אַן איידעם פֿאַר פּעסלען? ער האָט שוין פֿון דאַנען אָן גענומען האַלטן אַן אויג אויף שלמהן. ער האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אין הויז. שלמה האָט זיך באַפֿריינדעט מיט דער גאַנצער משפּחה פֿון דעם אַרענדאַר.

— איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז דו זאָלסט לערנען מיט פּעסלען און מיט רחלען — האָט זיך איינמאָל דער אַרענדאַר אָנגערופן צו שלמהן — איך וועל דיר באַצאָלן! איך ווייס, אַז דו קענסט גוט לערנען, און אַזוי ווי איך האָב גע־טראַכט צו דינגען אַ לערער פאַר מיינע צוויי יינגערע טעכטער, איז אויב דו ווילסט, קענסטו זיין זייער לערער.

— גוט, איך וועל זיך דורכריידן מיט מיין פאָטער! — האָט שלמה זיך אָנגערופן צום אַרענדאַר.

יהושע איז אָבער ניט געווען איבעריק צופרידן פון דעם. אָט דער אַרענדאַר האָט אים אָנגעטאָן אַזוי פיל צרות. ער איז צוליב אים פאַראָרעמט געוואָרן, און ער איז זיין שונא טאָ פאַרוואָס זאָל ער לאָזן זיין זון לערנען מיט זיינע קינדער אַפילו ווען ער וועט אים צאָלן? אָנטזאָגן איינגאַנצן האָט ער אויך ניט געוואָלט, כּדי ניט צו פאַרגרעסערן די שנאה צווישן זיי ביידע. האָט ער געלאָזט וויסן דעם אַרענדאַר, אַז אַזוי ווי איצט איז אין מיטן זמן, וועט שלמה צוואוואַרטן ביז וואַנען דער נייער זמן וועט זיך אָנפאַנגען און אויב ער וועט בלייבן מיט אים אין מאָ־הילנע, וועט ער לערנען מיט זיינע קינדער.

דערווייל האָט זיך שלמה נעענטער באַפריינדעט מיט דעם אַרענדאַרס משפּחה, און איבערהויפּט פלעגט ער אין זיין ליידיקער צייט פאַרברענגען מיט פּעסלען, אויף וועמען פילע פון די פּויערים פון דאָרף פלעגן זאָגן, אַז זי איז אַ סך ענליך צו שלמהן און אַז די צוויי קינדער זיינען ביידע אַ באַשערטע פּאָר.

דער צען און אַ האַלב יעריקער שלמה האָט גענומען פילן אַ צוגעבונדנקייט צו פּעסלען, וועלכע האָט אים אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטשאַפט. פּעסל איז ווירק־לעך געווען זייערע אַ שיינע מיידל, און דערצו איז זי אַ שטילע און אַ באַשיידענע. שלמה פלעגט מיט איר פאַרברענגען גאַנץ אָפט און ער האָט געפילט אַ ליבשאַפט צו איר.

פון אָנפאַנג איז יהושע ניט געווען צום האַרצן דאָס וואָס שלמה פאַרברענגט אַ סך צייט ביי דעם אַרענדאַר, זייער שכן. אָבער רבקה האָט גענומען פאַר־ענטפערן שלמהן.

— שלמהלע, זאָל געזונט זיין, לערנט דעם גאַנצן טאָג. ער איז דאָך באַרעכ־טיקט אַ ביסל זיך אָפּצורוען.

— אָבער ווי קומט אַ יינגל, וועלכער קאָן שוין באַלד צוויי סדרים גמרא, זאָל רעדן מיט אַ מיידל... איך האָב שוין ניט איינמאָל באַמערקט, אַז ער רעדט צו איר און ערקלערט איר עפּעס וועגן דער זון, די לבנה און די שטערן...

— הער זיך איין, יהושע! — האָט רבקה אין דער שטיל צו אים אַ זאָג געטאָן און אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל — פּעסעלע איז אַ טייערע מיידל. זי איז ניט נאָר שיין און קלוג, נאָר זי האָט אַ גאָלדענע האַרץ... ווי מען רעדט, איז אונדזער שלמהלע זייער שטאַרק געפעלן דעם אַרענדאַר... אפשר איז דאָס אַ באַשערטע זאַך... ער איז דאָך אַזוי רייך... מעגלעך אַז צוליב שלמהס זכות וועלן מיר אויך אויפגעעריכט ווערן...

— און איך בין גאָרניט אַזוי צופרידן צו האָבן אַ מחותן אַזאַ עם־הארץ, אַ

פאַרגרעבטן ישובניק! — האָט יהושע איר געענטפערט — איבערהויפּט נאָכדעם ווי ער האָט אונדז פאַראורזאַכט אַזוי פיל צרות...

— אָבער אויב מיר וועלן ווערן מחותנים וועט ער דאָך נעמען אַ סוף צו אַלע אונדזערע צרות! — האָט רבקה אויסגערופן — ער איז דאָך אַזוי רייך. שלמה וועט קענען זיצן רואיק און לערנען. ער וועט ניט דאַרפן זאָרגן וועגן פּרנסה... עס איז גאַנץ מעגליך, אַז ער זאָל דיך מאַכן פאַר אַ שותף צו עטלעכע פון זיינע פילע געשעפטן... איבערהויפּט, אָבער, וועלן מיר דאַרפן נעמען אין באַטראַכט דאָס וואָס שלמה וועט תּמיד בלייבן לעבן אונדז, ווייל אויב ער ער זאָל דאַרפן היי־ראַטן מיט אַ פרוי פון אַן אַנדער שטאָט, וואָלט ער דאָך שוין דאָרט געמוזט פאַר־בלייבן. און מיר וואָלטן זיך געזען איינמאָל אַ יאָר... עס וואָלט אונדז זייער שווער זיך צו שיידן מיט אונדזער ליבן, טייערן זון, שלמהן... האַ, וואָס זאָגסטו?

— עס זיינען דאָ פאַראַן מעלות און חסרונות — האָט יהושע צוגעגעבן — וואָלט אונדזער שכן געוועזן אַ מענטש מיט אַ יידיש האַרץ, וואָלט איך שוין פאַרקוקט די אַלע חסרונות, אָבער דאָס וואָס ער האָט צו אונדז געטאָן ווען מיר האָבן זיך דאָ באַזעצט, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. וויפיל האָט געפעלט, אַז מיר זאָלן דאָס אויך פאַרלירן און מיר זאָלן ווידער זיין געצוואונגען אויס־צוּוואַנדערן?

— אָבער אויב מיר וועלן ווערן מחותנים, וועט זיך אַלץ ענדערן — האָט רבקה געזאָגט — מיר וועלן דאָך ווערן אייגענע און אונדזער גאַנצער מצב וועט ווערן בעסער...

— נו, נו, מיר וועלן זען! — האָט יהושע אַ זאָג געטאָן — זיי זיינען נאָך ביידע צו יונג אַז מיר זאָלן שוין טראַכטן פון דעם. זאָל אַוועקגיין אַ יאָר, וועלן מיר דאַן זען!

פּאַסירט איינמאָל, אַז רחל, די ייִנגסטע טאָכטער פון אַרענדאַר, איז אַרונ־טערגעגאַנגען אין קעלער עפּעס אַרויפצוברענגען פון דאָרט, האָט זי זיך אַ גליטש געטאָן און אַרונטערגעפאַלן פון די טרעפּ. אויף אירע געשרייען זיינען אַלע אָנגעלאָפן און מען האָט זי אויפגעהויבן. זי האָט געשריען פון יסורים. דער אַרענדאַר איז שנעל אַוועקגעפאָרן קיין נעסוויזש און פון דאָרט געבראַכט אַ פעלדשער, וועלכער האָט פאַרבאַנדאַזשירט איר פוס. דער פעלדשער איז שוין דאָרט פאַרבליבן עטלעכע טעג. רחל איז געלעגן אין בעט אַ גאַנצע וואָך צייט. נאָכדעם האָט זי געמוזט האַלטן איר פוס פאַרבאַנדאַזשירט עטלעכע וואָכן ביז וואַנען זי איז געזונט געוואָרן, אָבער איר פוס איז פאַרבליבן עטוואָס קרום און זי האָט עטוואָס אונטערגעהונקען.

דורך דער צייט האָבן באַזוכט דעם אַרענדאַר פילע קרובים און באַקאַנטע. איינער אַ רייכער אַרענדאַר פון אַן אַנדער געגנט, וועלכער איז געווען זייער גוט באַפריינדעט מיט אים, איז געקומען צו אים אויף אַ באַזוך, און ווען יענער רייכער אַרענדאַר האָט דערזען פעסלען, דעם אַרענדאַרס מיטעלע טאָכטער, איז זי אים שטאַרק געפעלן, און ער האָט מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז פעסעל זאָל ווערן זיין שנור.

אַזוי שנעל ווי זיין ייִנגסטע טאָכטער, רחל, האָט זיך ערהאָלט פון איר קראַנק־הייט, האָט דער אַרענדאַר באַשלאָסן, אַז זי זאָל ווערן שלמהס כּלה. ער האָט ביי זיך

געטראַכט: יהושע איז דאָך אַ גרויסער אָרימאַן ער קען קוים דורכקומען מיט חיונה וועט ער געוויס איינשטימען צו דעם, אַז זיין שלמה זאָל הייראַטן מיט רחלען, וועלכע הינקט עטוואָס אונטער. ווען שלמה פלעגט אַריינקומען צו אים אין הויז, האָט ער שוין געזען, אַז פעסל זאָל פאַרשווינדן און אַז רחל זאָל זיך דאָרט געפי־נען...

שלמה האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף רחלען. זי איז אויך געווען אַ גאַנץ שיינע מיידל, און אַ שטילע. ער האָט געזען ווי שטאַרק דערשלאָגן זי פילט זיך צוליב דעם לייכטן מום וואָס זי האָט געקראָגן צוליב דעם פאַל, און ער האָט איר געזוכט צו ערמוטיקן. דער כיטרער אַרענדאַר האָט פון אַ זייט געהאַלטן אַן אויג אויף שלמהן, און זעענדיק, אַז ווען פעסל איז ניטאָ, פאַרברענגט ער מיט רחלען, איז ער געוואָרן מער האַפּערדיק און ער האָט גענומען רעדן מיט יהושען.

— איך גלויב, אַז איר ווייסט, אַז אייער שלמה איז מיר זייער געפעלן. ער איז אַ וואויל יינגל, און אין מיין הויז פילט ער זיך גאַנץ היימיש. איך האָב דעריבער באַשלאָסן אים צו נעמען פאַר מיין איידעם, און אויב איר זייט דערצו מסכים, וועלן מיר שרייבן תנאים און באַשטימען דעם טאָג פון זייער חתונה.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, שלמה איז נאָך אַפילו גאַנץ יונג, און ער דאַרף נאָך לערנען, און ניט נעמען אויף זיך דעם עול פון פרנסה.

— הערט איר, דאָס מיין איך דאָך! — האָט דער אַרענדאַר געזאָגט — גאָט האָט מיך געבענטשט מיט עשירות. איך וועל קענען באַהויפּטן, אַז ער זאָל זיצן און לערנען. איך זאָג אים צו אייביקע קעסט!

— אייביקע קעסט! האָט יהושע ווידערהאָלט — דאָס קען שוין אַריין אין געדאַנק... נו, וויבאַלד אַז קיין שטער אין לערנען וועט ער ניט האָבן, וועלן מיר קענען דורכקומען. איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז מיין שלמה איז אַן אויסנאַם. די גרויסע רבנים און לומדים וועלכע האָבן מיט אים גערעדט אין לערנען זאָגן, אַז אַזאַ ווי ער איז איינער אין צען מיליאָן. ער האָט אַן אָפּענעם מוח און, אַ דאַנק גאָט, וואָס ער האָט אים באַגאַבט מיט אַ סך מעלות...

— איר דאַרפט פאַר מיר ניט אויסרעכענען זיינע מעלות! — האָט דער שכן אַרענדאַר זיך צו אים אָנגערופן — איך האָב שוין געהערט וועגן שלמהן... אמת, איך אַליין בין אַ קנאַפּער למדן, אָבער דערפאַר ווייס איך ווי טייער צו האַלטן אַ תלמיד חכם. איך זאָג אייך, אַז ביי מיר וועט אים ניט פעלן פון פויגל־מילך... איך וועל אים באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס און איך וועל זען, אַז ער זאָל קריגן אַלע נויטיקע ספרים וואָס ער וועט דאַרפן... נו, וואָס זאָגט איר, זייט איר איינשטימיק?

— יאָ, איך מיין, פאַרוואָס ניט! אייער טאָכטער פעסל איז אַ פיין קינד, און איך גלויב, אַז מיר וועלן דורכקומען! — האָט יהושע זיך אָנגערופן.

— אָ, ניין, איך מיין ניט מיין טאָכטער פעסל! — האָט דער אַרענדאַר אויס־גערופן — איך מיין מיין טאָכטער רחל!

— רחל! — האָט יהושע אויסגערופן — איך בין געווען זיכער, אַז איר רעדט עס וועגן פעסלען! —

— מיין פעסל איז שוין אַ כלה פאַר אַ זון פון זייער אַ רייכן מאַן! — האָט דער

אַרענדאַר געזאָגט — איך האָב שוין אָפּגעמאַכט מיט מיין מחותן, אַז זי, פּעסל, וועט הייראַטן מיט זיין זון!

— אויב אַזוי, איז אונדזער גאַנצער רעדן אומזיסט! — האָט יהושע אויס־געשריען — איך האָב געהאַט אין זינען אייער פּעסלען פאַר מיין שנור, און אויב ניט פּעסל, וויל איך ניט!

— איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז רחלס פּוס בעסערט זיך מיט יעדן טאָג, און אין אַ צייט אַרום וועט זיין שוועך צו באַמערקן, אַז זי הינקט עטוואָס אונטער! נאָך אַלעמען, איז דאָך דאָס אַ גאָט זאַך. וואָס וואָלט איר געטאָן ווען מיר מאַכן אָפּ צווישן זיך פריער, און דערנאָך פאַלט זי אַרונטער און לינקט זיך אויס אַ פוס?...

— דאַן וואָלט דאָך אַפילו קיין רייד ניט געווען! — האָט יהושע געזאָגט — אָבער איך בין די גאַנצע צייט געווען זיכער, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן אייער מיטעלער טאָכטער, פּעסל, און איצט קומט איר און זאָגט מיר, אַז פּעסל איז שוין אַזוי גוט ווי פאַרקנסט צו דעם זון פון אַ רייכן אַרענדאַר. איך האָב צו אייך ניט! זאָל גאָט געבן, אַז איר זאָלט האָבן נחת פון אַלע אייערע טעכטער, אָבער איך קען נאָך וואַרטן!

— הערט זיך איין, ר׳ יהושע! — האָט דער אַרענדאַר פּרובירט אים איבעררײדן — איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין זייער רייך. איך וועל אַזוי באַזאָרגן מיין טאָכטער, אַז איר וועט דעם גאַנצן לעבן אירן גאָרניט פעלן. זי וועט ביי מיר קריגן אַ גלייכן חלק אין דער ירושה, אויסער דעם גרויסן נדן וואָס איך וועל איר געבן... אויסער דעם וועל איך שוין זען, אַז אויך איר זאָלט ניט חרטה האָבן, ווייל לאָמיר זיך נאַרן. אייער לאַגע איז זייער אַ שווערע. איך זאָג אייך צו, אַז אויב איר וועט צושטימען צו דעם שידוך, וועל איך אייך שטעלן אויף די פיס. איך וועל אייך געבן אַ גרויסע סומע געלט מיט וואָס איר וועט קענען לייכט אָפּצאָלן אַלע אייערע חובות. איך וועל דאַן אויך זען אייך מיטצוהעלפן אין אייערע עסקים. ווי באַלד אַז מיר וועלן ווערן מחותנים, וועט עס דאָך הייסן, אַז מיר זיינען אייגענע, און צווישן אונדז וועט הערשן אַ בונד פון פריינטשאַפט. איך וועל אייך צושאַרן געוויסע פאַרדינסטן... בקיצור, איר וועט צום עסק ניט דערלייגן... האַ, וואָס זאָגט איר, יהושע?

— עס איז ניטאָ וואָס צו זאָגן! — ענטפערט אים יהושע — איך וועל קיינמאָל ניט איינשטימען אַז מיין שלמה זאָל הייראַטן מיט אייער רחלען!

— טראַכט זיך נאָר איבער וועגן דעם! — האָט דער אַרענדאַר נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבן זיין פּלאַן צו האָבן שלמהן פאַר אַן איידעם, און אים געבן רחלן פאַר אַ ווייב אַנשטאָט פּעסלען.

— יהושע האָט אים גאָרניט געענטפערט. ער איז אַריין צו זיך אין הויז און ווען רבקה האָט אים גענומען אויספרעגן וואָס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן זיי האָט יהושע אויסגערופן מיט כעס:

— אַ חוצפּה פון אַ גראָבן יונג! האָסטו געהערט אַזאַ זאַך!

— וואָס איז געשען?! — האָט רבקה אויסגערופן.

— הער זיך איין, רבקה, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז מיר זאָלן ווערן מחותנים, וועגן וועמען האָבן מיר די גאַנצע צייט גערעדט?

— וואָס הייסט וועגן וועמען? פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן גערעדט וועגן פעסלען, זיין מיטלסטע טאָכטער!

— איז אָבער דער כיטרער אַרענדאַר איבערגעשפּיצט. ווען זיין יינגסטע טאָכטער, רחל, איז אַרונטערגעפאַלן אין קעלער און האָט אויסגעלונקען אַ פוס, און ווי עס ווייזט אויס, וועט זי שוין פאַרבלייבן מיט דעם מום, זי וועט אונטער־הינקען דעם גאַנצן לעבן, האָט ער ביי זיך געטראַכט: מיר זיינען דאָך אָרעם, וועט ער אונדז אָנבאָטן זיין הינקענדיקע טאָכטער און איר צוזאָגן אַ סך נדן, וועלן מיר איינשטימען. דערוויל האָט ער שוין פעסלען פאַרקנסט צו דעם זון פון אַ רייכן אַרענדאַר, ווייל יענעם וועט ער דאָך ניט קענען געבן זיין הינקענדיקע טאָכטער... דו פאַרשטייסט, ווי אַזוי ער האָט געוואָלט אונדז אַריינגנאַרן און אָפּגעבן שלמהן זיין יינגסטע טאָכטער רחל, וועלכע איז, ניט פאַר קיין יידן גערעדט, אַ בעלת מום, אַ הינקענדיקע!

— איך האָב אַליין געהערט ניט איינמאָל, אַז דאָרט, ביי זיי אין הויז, האָט מען גערעדט וועגן פעסלען, אַז זי זאָל ווערן שלמהס כלה! — האָט רבקה געזאָגט — אָט דיין מאַמע, דאָבע, האָט מיר געזאָגט, אַז אין גאַנץ מאָהילנע רעדט מען וועגן דעם, אַז שלמה וועט נעמען פעסלען פאַר אַ ווייב... וואָס דאַרפסטו מער, אַפילו די פויערים פון דאָרף פלעגן רעדן וועגן דעם, אַז פעסל און שלמה זיינען אַ באַ־שערטע פּאָר...

— ער האָט געמיינט, אַז ער וועט מיך אָפּנאַרן פּונקט ווי לבן הארמי האָט גע־וואָלט אָפּנאַרן יעקבן... ער מיינט, אַז ער איז רייך, וועט ער אונדז קענען אָפּקויפן מיט געלד! איך וועל אים ווייזן, אַז מיר דאַרפן ניט זיין געלד און מיר קענען זיך באַגיין אָן אים און אָן זיין הינקענדיקער טאָכטער... דו האָסט באַדאַרפט הערן ווי ער האָט געגנומען אויסרעכענען די פילע גוטע זאַכן וואָס ער וועט פאַר איר טאָן. ער וועט איר געבן אַ גרויסן נדן; ער וועט געבן שלמהן אַ גלייכן חלק אין דער ירושה, צוגלייך מיט זיינע זין. ער וועט אונדז שטעלן אויף די פיס און ער וועט אונדז געבן אַ היפּשע סומע געלד...

— און וואָס האָסטו אים געזאָגט? — פרעגט אים רבקה.

— איך האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון זיין קאָפּ. אויב ניט פעסל, איז ניטאָ מער וואָס צו ריידן... איך ווייס, אַז ער וועט איצט זוכן אונדז אָנצוטאָן אַלערליי נגישות, אָבער מיר דאַרפן פאַר אים קיין מורא ניט האָבן.

13

נאָך עטלעכע וואָכן זיינען פאַראיבער, און צווישן דעם אַרענדאַר און יהושען האָט געהערשט אַ ברוגז. ווען זיי פלעגן זיך טרעפן אין דרויסן, פלעגט דער אַרענ־דאַר אויסדרייען זיין קאָפּ און קוקן אין אַן אַנדער ריכטונג. דער יונגער שלמה האָט שוין געהערט וועגן דעם סכסוך וואָס איז פאַרגעקומען צווישן זיין פאָטער און דעם

אַרענדאַר. אים איז דערוויל די גאַנצע זאַך ניט אָנגעגאַנגען. ווי זיין טאַטע וועט באַשליסן אַזוי וועט זיין.

גראָד אין יענער צייט האָט יהושע דערהאַלטן אַ בריוו פון לייזערן, דעם רייכן יידן פון דעם שטעטל שמילאָוויטש. אין בריוו דערמאָנט אים לייזער וועגן זייער געשפּרעך, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט אַ צייט צוריק, ווען ער האָט באַזוכט מאָהילנע.

— איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון אייער זון שלמהן — שרייבט ער אים צווישן אַנדערעס אין זיין בריוו אויף לשון קודש — און איך האָב באַשלאָסן אים צו נעמען פאַר מיין איידעם, נאָך איידער איך האָב אים געזען מיט מיינע אויגן. איך בין גרייט נאָכצוגעבן אַלע אייערע פאָדערונגען און באַדינגונגען. איך בעט אייך, שרייבט מיר אייער ענטפער און מיט אַלע אייערע באַדינגונגען, און דאַן וועלן מיר זען דורכצוקומען און גאָט זאָל געבן, אַז עס זאָל זיין אין אַ גוטער, גליקלעכער שעה...

דער דאָזיקער בריוו, געשריבן אין אַ שיינעם לשון קודש, האָט אויף יהושען געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק.

— וואָס פאַר אַן אונטערשיד צווישן אים און אונדזער שכן, דעם אַרענדאַר — האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי, רבקהן, נאָכדעם ווי ער האָט פאַר איר פאַרטייטשט לייזערס בריוו — אי ער איז רייך און אי ער איז אַ ייד אַ למדן, אַ בעל תנ״ך. אָט מיט אים וואָלט איך זייער געוואָלט ווערן מחותנים.

— אָבער דו האָסט דאָך נאָך ניט געזען זיין טאָכטער! — האָט רבקה זיך אָנגערופן — ווער ווייסט, אפשר איז זי ניט קיין געזונטע, אָדער אַ פאַרזעעניש, און אפשר אויך אַ הינקענדיקע!

— פאַרשטייט זיך, אַז איידער מיר וועלן שרייבן תנאים וועל איך צופאָרן זי זעען — האָט יהושע אַ זאָג געטאָן — איך בין זיכער, אַז ער איז ניט אויסן אונדז אָפּצונאַרן, און אויב זי וואָלט געהאַט וואָס פאַר אַ חסרון עס זאָל ניט זיין, וואָלט ער מיר וועגן דעם געזאָגט.

יהושע האָט זיך דאַן אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו אין לשון קודש, אין זייער אַ דערהויבענעם סטיל, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטיקעוועט פון ביב־לישע מליצות און תלמודישע אויסדרוקן. און וועגן זיינע באַדינגונגען האָט ער עס אויסגעדריקט מיט אַ פּסוק פון שיר השירים וואו עס שטייט געשריבן: „האלף לך שלמה! ומאתים לנטרים את פריו" (די טויזנט (גילדן) זיינען פאַר דיר, שלמה, אָבער צוויי הונדערט פאַר די וועלכע היטן זיין פרוכט).

אין עטלעכע טעג אַרום האָט יהושע באַקומען פון לייזער פון שמילאָוויטש אַן ענטוועד, אַז ער גייט איין אויף אַלע באַדינגונגען, און ער האָט אים איינגעלאַדן צו קומען אויף זיינע הוצאות קיין שמילאָוויטש צו זען זיין צוקונפטיקע שנור און דאַן וועלן זיי שרייבן תנאים.

יהושע איז גלייך אָוועקגעפאָרן קיין שמילאָוויטש, און ווען ער האָט דערזען די כלה איז ער אַנטציקט געוואָרן פאַר איר. זי איז געווען זייער אַ שיינע, אַן איי־דעלע. זי האָט געקענט חומש און תנ״ך און זי האָט אויך געשריבן לשון קודש.

— איך בין גרייט צו שרייבן תנאים פאַר מיין זון שלמהן! — האָט יהושע געזאָגט צו אים — יאָ, אויף די באַדינגונגען וואָס איך האָב געשריבן צו אייך.

מען האָט גלייך געשריבן תּנאים און לייזער האָט אַרויסגענומען צוויי הונדערט גילדן און אים דערלאַנגט.

ווען יהושע האָט געזען, אַז ער מאַכט אים ניט קיינע שוועריקייטן און גיט אים דאָס געלט, האָט ער זיך אָנגערופן, אַז צוויי הונדערט גילדן איז צו ווייניק.

— אָבער דאָס איז דאָך וויפיל איר האָט פאַרלאַנגט אין אייער בריוו צו מיר!

— האָט דער מחותּן זיך אָנגערופן — אָט האָב איך דאָך אייער בריוו, וועט איר זיך אַליין איבערצייגן.

— איך לייקן ניט, אַז איך האָב טאַקע אין בריוו געשריבן צוויי הונדערט גילדן, אָבער איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב ציטירט דעם פּסוק פון שיר השירים און איך האָב ניט געוואָלט קאַליע מאַכן אַ פּסוק און פאַרדאַרבן די שיינע מליצה פון שיר השירים, אָבער ווען מיר קומען צום ענין וועל איך אייך זאָגן, אַז איך האָב געמיינט צוויי מאָל צוויי הונדערט גילדן. איך וועל בשום אופן ניט איינגיין אויף בלויז צוויי הונדערט גילדן.

— איך וועל זיך מיט אייך ניט אַמפּערן! — האָט לייזער אויסגערופן מיט אַ שמייכל — אויב איר זאָגט, אַז איך האָב געהאַט בדעה פיר הונדערט גילדן, וועל איך אייך דאָס געבן — זאָל נאָר גאָט געבן, אַז עס זאָל זיין מיט גליק און מיט הצלחה.

לייזער האָט אָפּגעציילט אין יהושעס הענט פיר הונדערט גילדן, אַן ערך פון פופציק טאָלער, און יהושע האָט זיך דאַן אונטערגעשריבן אויף די תּנאים און מען האָט געמאַכט לחיים און זיך צוגעוואונטשן איינע די אַנדערע פיל גליק. ביידע האָבן באַשלאָסן צו פייערן די חתונה אין אַ צוויי חדשים אַרום, ווען שלמה וועט אַלט ווערן עלף יאָר.

איידער יהושע האָט אָפּגערייזט פון שמילאָוויטש, האָט אים לייזער מיטגעגעבן „קליינע חתן מתּנות": אַ שוואַרצע סאַמעטענע קאַפּעלע, וואָס איז געווען אויסגע־העפט מיט גאָלדענע שפּיצן און מיט גאָלדענע פאָדעם אויסגענייט דעם נאָמען „שלמה". דאָס אויסנייען פון דעם נאָמען האָט די כּלה אַליין געטאָן. אַ חוץ דעם האָט לייזער געשיקט פאַר שלמהן אַ תּנ"ך, געבונדן אין גרינעם סאַמעט, מיט זיל־בערנע טאָוולען, און אויך אַ זילבערנע חנוכּה מנורה.

אַגליקלעכער און צופרידענער איז יהושע געקומען אַהיים, אין מאַהילנע. אויסער די מתּנות וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, האָט ער דאָך אויך געבראַכט מזו־מנים, פיר הונדערט גילדן. דאָס וועט אים איצט אין זיין שלעכטער לאַגע שטאַרק צונוץ קומען.

— נו, מיין זון! — האָט זיך יהושע געווענדעט צו שלמהן אַזוי שנעל ווי ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַריין אין הויז — דו ביסט שוין מיט מזל געוואָרן אַ חתן!

— זאָל זיין מיט גליק און מיט מזל! — איז רבקה אים אַנטקעגן געקומען — זאָג מיר שוין, יהושע, וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידל?

— אַ מושלמת מיט אַלע מעלות, זאָג איך דיר! — האָט יהושע גענומען ריידן מיט באַגייסטערונג וועגן זייער צוקונפטיקער שנור — זי איז אַ יפת־תּואר, אַ פאַרשוין. דערצו האָסטו באַדאַרפט הערן ווי זי קען חומש און תּנ"ך. איך האָב מיט איר גערעדט און איך מוז דיר זאָגן, רבקה, אַז עס איז געווען

אַ פאַרגעניגן מיט איר צו ריידן. זי פאַרשטייט אַלץ און זי ווייסט ווי צו ריידן, ניט ווי אַ צען־יעריק מיידל, נאָר ווי אַ מיידל פון אַכצן, צוואַנציק יאָר אַלט... ווי קומען די טעכטער פון אונדזער שכן דעם אַרענדאַר צו איר? יאָ, שלמה, דיין חתונה וועט פאָרקומען אין צוויי חדשים אַרום און דו וועסט שוין דאַרפן צוגרייטן אַ פיינע דרשה, וואָס דו וועסט האַלטן אין דעם טאָג פון דיין חתונה. אָבער אַזאַ דרשה מיט וואָס מיר אַלע זאָלן זיין שטאָלץ... ווייל פאַרגעס ניט, אַז דיין צוקונפטיקער שווער, ר׳ לייזער, איז אַליין אויך אַ למדן, און ער וועט וויסן ווי אָפּצושאַצן אַ גוטע דרשה.

— איצט זע איך, אַז ווען עס איז באַשערט קומט עס אַליין! — האָט רבקה זיך אָנגערופן צו איר מאַן — ווער וואָלט עס געגלייבט, אַז אַ ייד פון אַן אַנדער שטאָט זאָל האָבן געהערט פון שלמהן און ניט זעענדיק אים, זאָל אים וועלן נעמען פאַר זיין איידעם, אויף דעם סמך וואָס מען האָט אים דערציילט וועגן אים.

שלמה האָט ווינציק געטראַכט פון דער כלה. ער האָט באַטראַכט די שיינע מתנות וואָס זיין צוקונפטיקער שווער האָט צו אים געשיקט דורך זיין פאָטער, און ער איז געווען זייער צופרידן. ער האָט אָנגעמאָסטן דאָס סאַמעטענע קאַפּעלע און האָט מיט שטאָלץ באַטראַכט דעם תנ״ך מיט די זילבערנע טאָוולען און די אַנדערע מתנות. ער האָט גענומען צוגרייטן אַ דרשה. ער האָט גענומען שאַפן זיין דרשה פון אַ מאמר פון גמרא. ער האָט אין דעם מאמר אַריינגעפלאָכטן פאַרשיידענע געדאַנקען, און געבראַכט באַווייזן פון אַנדערע פלעצער פון גמרא. דאַן האָט ער געפרעגט אַ קשיא און נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט די אַלע פאַרגלייכענישן, האָט זיך זיין קשיא ממילא פאַרענטפערט.

עטלעכע טעג האָט ער אויף זיין דרשה געאַרבעט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זי באַוויזן זיין פאָטער, און יהושע איז געווען אויסער זיך פון אַנטציקונג.

די מאַמע, רבקה, האָט זיך שוין אויך גענומען גרייטן צו דער חתונה. זי האָט איבערגענייט אַן אַלטע קלייד און עס באַפּוצט מיט פאַרשיידענע טאַשמעס און שפּיצן. דאַן האָט זי אָנגעהויבן באַקן פאַרשיידענע צוקערגעבעקס און איינגעמאַכטסן, וואָס זי האָט געהאַט בדעה מיטצונעמען ווען זיי וועלן אַלע פאָרן צו דער חתונה.

אַלע אין מאַהילנע האָבן שוין געוואוסט פון דעם גליק־שידוך, וואָס עס שטייט פאַר שלמהן, ווייל יהושע האָט יעדן איינעם דערציילט וועגן דער וואונדערלעכער כלה און וועגן דעם טייערן מחותן, וועלכער איז אי רייך און אי אַ למדן.

— ביי מיין מחותן, זאָל געזונט זיין, געפינען מיר תורה וגדולה במקום אחד, פאַרשטייט איר, תורה און רייכטום צוזאַמען איז טאַקע אַ זעלטנהייט... דערצו איז ער אַ גרויסער בעל־צדקה — האָט זיך יהושע ניט אויפגעהערט צו רימען מיט זיין צוקונפטיקן מחותן.

די פרייד האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי מען האָט געשריבן די תנאים, האָט יהושע דערהאַלטן אַ טרוי־

עריקן בריוו פון זיין מחותן, אין וועלכן ער שרייבט אים פון דעם גרויסן אומ־גליק וואָס האָט אים געטראָפן, אַז זיין טאָכטער, שלמהס כּלה, איז קראַנק געוואָרן אויף פּאָקן און אין עטלעכע טעג צייט איז זי געשטאָרבן.

דאָס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר זיי אַלעמען. אויסער דעם גרויסן צער וואָס יהושע האָט געפילט פאַר לייזערן, דעם פאָטער פון דער כּלה, האָט ער זיך געפילט ווי ער וואָלט געהאַט אַנטדעקט אַן אוצר און דאָס פּלוצלינג פאַרלוירן. די איינציקע טרייסט וואָס יהושע האָט געהאַט איז געווען דאָס וואָס ער האָט אַריינגעקראָגן די פיר הונדערט גילדן וואָס זיינען אים שטאַרק צוניץ געקומען אין זייער איצטיקער לאַגע.

— נו, מילא, מן הסתם האָט זי ניט געהאַט קיין יאָרן — האָט יהושע געטרייסט רבקהן.

— און איך האָב שוין אַריינגעלייגט אַזוי פיל געלט און מי אין אָט די אַלע געבעקסן און די איינגעמאַכטסן — האָט רבקה באַדויערט — דאָס וועט אַלץ גיין לאיבוד.

שלמה האָט קיינמאָל ניט געזען די כּלה, האָט ער זיך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצן. ער איז בלויז געווען באַזאָרגט טאָמער וועט ער דאַרפן צוריקקערן די אַלע מתנות וואָס ער האָט געקראָגן. איבערהויפּט האָט ער זיך ניט געוואָלט שיידן מיט דעם פּרעכטיקן תּנ״כל וואָס איז געווען געבונדן אין גרינעם סאַמעט מיט זילבערנע טאָוולען.

— טאַטע, וועל איך דאָס דאַרפן צוריקשיקן? — האָט שלמה אים אַ פרעג געטאָן.

— ניין, מיין זון! — האָט יהושע זיך אָנגערופן — דאָס אַלץ בלייבט ביי דיר! עס איז דאָך ניט דיין שולד, וואָס דער אומגליק איז געשען. עס איז דאָך אַ גאָט זאַך. קיינער וועט פון דיר ניט פאַרלאַנגען אַז דו זאָלסט עס צוריק־קערן. זעסטו, ווען דער שידוך ווערט אָפּגעלאָזן פון חתנס צד, דאַן איז ניט מער ווי ר׳עכט אומצוקערן די אַלע מתנות וואָס ער קריגט, אָבער אין דעם פאַל, בלייבט אַלץ ביי דיר.

ווען דער אַרענדאַר האָט דערהערט, אַז יהושע וויל נאָך איצט ניט נאָכ־געבן, איז זיין צאָרן אויף אים נאָך שטאַרקער געוואָרן. זייענדיק דער רייכער אַרענדאַר, און דערצו אַ בעל תּקיף, האָט ער געהאַט פאַרשיידענע וועגן ווי אַזוי צו שעדיקן יהושען. ער האָט שוין געזען, אַז ער זאָל ניט קענען איינקויפן ביי די פּויערים, און אַז ער זאָל ניט קענען טאָן קיין מסחרים. אַזוי זיינען פאַ־ריבער עטלעכע חדשים און יהושעס געשעפטן זיינען געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער. די פיר הונדערט גילדן, וואָס ער האָט אַריינגעקראָגן פון לייזערן, זיינען שנעל פאַרשוואונדן און וואו צו באָרגן האָט ער אויך ניט געהאַט. זיין פאָטער, חיים יוסף, איז געלעגן קראַנק און מען האָט באַדאַרפט האָבן פאַר אים פאַרשיידענע רפואות. זיין מוטער, דאָבע, איז שוין אויך געווען אַלט און שוואַך, און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און צו וועמען ער זאָל זיך ווענדן. זיין עלטערער זון, יוסף, וועלכער איז שוין אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, האָט געאַרבעט אויף דער אַרענדע ביי איינעם פון זיינע קרובים.

יהושע האָט געפילט, אַז ער איז ניט פעאיק צו פירן מסחרים און האָט גענומען טראַכטן פון אַנדערע פּלענער.

רבקה האָט געזען ווי ווייט מעגלעך, צו פירן דאָס הויז, און געטאָן אַלץ וואָס איז געווען אין אירע כּוחות אַנצוהאַלטן איר באַלעבאַטישקייט. אייניציקוויז איז זי געווען געצוואונגען אָוועקצושיקן די אַרויסהעלפער פון זייער הויז, כּדי זייערע הוצאות זאָלן ניט זיין צו גרויס. זי פלעגט דעריבער טאָן די גאַנצע אַרבעט אַליין. פון דאָבען, איר שוויגער, האָט זי קיין הילף ניט געקענט קריגן, ווייל די מערסטע צייט איז זי געלעגן צו בעט. זי האָט באַדאַרפט באַדינעןביידן, איר שווער חיים יוספן און איר שוויגער דאָבען, און דערצו טאָן אַלע אַנדערע הויז אַרבעט. יהושע האָט עס ניט געקענט צוזען און ער האָט זיך דורכגערעדט מיט רבקהן:

— פאַרוואָס זאָל איך זיין גענאַרט אין זיך? — האָט ער זיך אָנגערופן — איך טויג זיך ניט אויס צו פאַרוואַלטן אַ פאַכט, אַפילו אונטער בעסערע אומשטענדן. איך זע דאָך, אַז צו וואָס איך נעם זיך טויג ניט. איך בין אַ לא־יוצלח... בלייבט פאַר מיר איבער איין זאַך און דאָס איז, זיך צו נעמען צו מלמדות. איך האָב דעריבער באַשלאָסן אַריינצופאָרן אין נעסוויזש און דאָרט צוזאַמענשטעלן אַ חדר. שלמה וועט מיט מיר מיטפאָרן. ער וועט מיר די ערשטע צייט אַרויסהעלפן. אין די ליידיקע צייט וועלן מיר לערנען צוזאַמען. וואָלט איך געקענט באַהויפטן אים צו שיקן אין אַ גרויסער ישיבה, וואָלט אַוודאי געווען גוט, אָבער אויב ניט, וועלן מיר זיך מוזן אַן עצה געבן. ווי ווייט איך וועל קענען וועל איך מיט אים לערנען.

רבקה האָט צוגעשאָקלט מיט איר קאָפּ און געשוויגן. זי האָט איינגעזען, אַז איר מאַן איז גערעכט. זייער לאַגע ווערט ערגער. עס איז קוים פאַראַן אויף פּרנסה. זייער שכן, דער אַרענדאַר, דערלאָזט ניט אַז זיי זאָלן קומען צו זיך.

יהושע איז צוגעפאָרן קיין נעסוויזש, וואָס איז געלעגן בלויז אַ פיר מייל פון מאָהילנע. ער האָט זיך געזען מיט עטלעכע יידן, וועלכע האָבן אים געקענט, און ער האָט זיך מיט זיי דורכגערעדט וועגן זיין פּלאַן צו עפענען אַ חדר אין נעסוויזש. זיי האָבן אים געהאָלפן געפינען אַ שטוב, און ער האָט געקראָגן אייניקע תּלמידים, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן ביי אים, און דאַן האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין מאָהילנע, און דאָרט געבראַכט אין אָרדענונג די הויז־זאַכן. ער האָט דאַן מיטגענומען אויף אַ פור זיינע ספרים און אַנדערע נויטווענדיקייטן, און צוזאַמען מיט זיין עלף־יעריקן זון, שלמהן, האָט ער אָפּגערייזט קיין נעסוויזש, וואו ער האָט אויפגעעפנט זיין חדר. שלמה איז געוואָרן זיין באַהעלפער. ער האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיט די גמרא קינדער, מיט וועמען ער פלעגט איבערלערנען דעם שיעור גמרא. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און יהושעס קנעלונג האָט זיך פאַרגרעסערט. מען האָט אין נעסוויזש גענומען ריידן וועגן יהושעס חדר, ניט אַזוי צוליב יהושען, ווי צוליב שלמהן, יהושעס זון און זיין באַהעלפער. שלמה איז שוין לאַנג באַרימט געוואָרן אַלס עילוי, און אַלע פלעגן ריידן וועגן אים מיט גרויס באַוואונדערונג.

14

ביים סאַמע עק פון שטאָט נעסוויזש איז געשטאַנען אַן אַלטע הילצערנע הויז, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע קלענערע צימערן און איין גרויסן צימער, אַ קיך, אַ ספּיזשאַרניע מיט אַ לאַנגן קאָרידאָר. דאָס הויז איז געווען אַ קרעטשמע וואָס האָט באַלאַנגט צו אַן אַלמנה מיטן נאָמען ריסיע. אָט די אַלמנה האָט געהאַט אַ זון פון אַ יאָר זעכצן מיטן נאָמען איציק, און אַ טאָכ־טער פון אַ יאָר עלף מיטן נאָמען שרה.

ריסיע, די אַלמנה, איז געווען אַ יידענע אַ בראַנד. איר מויל — פּעך און שוועבל... אַ גאַנצן טאָג האָט זי שווער געאַרבעט און צוזאַמען מיט אירע הענט האָט אויך דאָס מויל ניט גערוט. קללות און ברכות פלעגן פליען פון איר מויל ווי הייסע באָב... די קללות — אויפן חשבון פון די אויף וועמען זי האָט געוואָרפן אַן אומחן, און אויף אירע שונאים. די ברכות, פאַר־שטייט זיך, פאַר אירע אייגענע, פאַר אירע גוטע פריינט, פון וועמען זי פלעגט קריגן אַ טובה. גאַנץ אָפט פלעגן זיך אירע קללות און אירע ברכות און זיך־לערייען צונויפמישן און ס'איז געווען שווער צו דערגיין אַ טאָלק, וועמען זי שילט און וועמען זי בענטשט. אָט, צום ביישפּיל, פלעגט זי זיך צעלאָזן מיט אָט אַזאַ מין מזמור צו איר טאָכטער:

— שרה'קעלע, אַ חיות אין דיין נשמה, אַ געזונט דיר אין הערצעלע, פאַרוואָס ביסטו אַזאַ גולם, אַזאַ סטיבון, אַז דו גיסט כאַצקל דעם בעל־עגלה אַ טרונק בראַנפן אויף באָרג? ווייסטו דען ניט, אַז כאַצקעלען, קיין גוטער ייד זאָל אים ניט קענען, וואָלט איך ניט געטרויט פון דאַנען אַהין? רייסן זאָל אים די קישקעס, וויפיל גילדן ער האָט שוין פון מיר אָרויסגעריסן, אָט דער גנב, אָט דער זשוליק און טריפהנער ביין... אַזוי פיל גוטע יאָרן זאָלן מירביידע האָבן וויפיל מאָל איך האָב דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט אים גאָרניט געבן אַן געלט... זאָל ער דאָס אַלץ אויסקרענקען, אָבער דו, געזונט זאָלסטו מיר זיין, הערסט מיך ווי דעם קאָטער!

ריסיע איז תּמיד געווען קריגעריש געשטימט. אפשר איז דאָס געווען צוליב דער שלעכטער מערכה וואָס זי האָט געהאַט, זינט דער מאַן אירער איז געשטאָרבן. אמת, ווען ער האָט געלעבט האָט זי אויך גאַנץ ווייניק נחת געהאַט. זי האָט געפירט די קרעטשמע, געטאָן די שווערסטע אַרבייט, זיך געקריגט מיט די פּויערים און אַז זי פלעגט אימיצן כאַפּן ביי אַ גנבה, פלעגט זי יענעם אויספּאַטשן דאָס פּנים, אָדער כאַפּן אַ שטעקן און דעם גנב צעברעכן די ביינער. איר מאַן האָט אָנגעהויבן קרענקען גלייך נאָך דער חתונה, און בייזע צינגער פלעגן אין דער שטיל ריידן, אַז זי, ריסיע, איז געווען זיין מלאך־המוות, ווייל זי פלעגט אים דערגיין די יאָרן אַזוי פיל ביז וואַנען עס האָבן זיך אים אויסגעלאָזן די כוחות...

ווען איר מאַן איז געשטאָרבן האָט זי זיך אַרומגעזען וואָס פאַר אַן אוצר זי האָט פאַרלוירן. ערשט נאָכן טויט האָט זי אים ניט אויפגעהערט צו הויבן ביזן הימל אַריין און אויסרעכענען אַלע זיינע מעלות, אַז ער איז געווען אַ למדן און אַ צדיק, אַז ער פלעגט קיין פליג אויף דער וואַנט ניט אָנרירן...

ריסיע האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר פרומע יידן, בני תורה. זי אַליין פלעגט זיך באַרימען, אַז זי שטאַמט פון רבנים, שוחטים און חזנים. ווען עס פלעגן קומען אורחים צו איר אין קרעטשמע, פלעגט זי פאַר זיי דערציילן איר גרויסן יחוס, און אַז איר מאַן, עליו השלום, איז ניט נאָר געווען אַ גרויסער ירא שמים, נאָר אויך אַ למדן, און אַז ער פלעגט זיצן טאָג און נאַכט און לערנען תורה.

ווען ריסיע האָט דערהערט וועגן דעם וואונדער־יינגל, שלמה, ר׳ יהושעס זון, איז דאָס איר שטאַרק אַריין אין קאָפּ. אָט הערט זי ווי צוויי יידן, אירע אורחים, ריידן וועגן שלמהן:

— אינגאַנצן איז ער עלף יאָר אַלט, אָבער לערנען קען ער שוין מער ווי אַ סך לומדים. מיט זיין לערנען פאַרשטעקט ער אין גאַרטל היפּשע רבנים!

— ער איז איינער אין אַ דור! — הערט זי ווי דער צווייטער רופט זיך אָן — ער איז באַהאַוונט אין ש״ס און פוסקים, און מען זאָגט, אַז ער האָט אויך אַ ידיעה אין קבלה... וואויל וועט זיין דער, וואָס וועט קריגן שלמהן פאַר אַ מאַן.

ווען זי האָט דערהערט אָט די דאָזיקע רייד איז איר געקומען אַ געדאַנק: פאַרוואָס זאָל זי ניט אַריינקריגן שלמהן, יהושעס זון, אַלס חתן פאַר איר טאָכ־טער שרה?

פון אָנפאַנג האָט זי זיך אַליין דערשראָקן פאַר אירע געדאַנקען: ווי קומט זי גאָר צו טראַכטן פון דעם! באַלד, אָבער, האָט זי זיך אַליין געגעבן מוט. איר טאָכטער, שרה, איז זייער אַ שיינע, זי קען דאַוונען און אויך שרייבן אַ יידישן בריוו. יהושע איז אַן אָרימאַן אַ ייד, אַ מלמד, טאָ פאַרוואָס זאָל זי ניט קענען דורכפירן דעם שידוך?

אָט די דאָזיקע געדאַנקען אירע האָט זי פאַרטרויט אירער אַ קרובה, און יענע האָט איר געהייסן דאָס זיך אַרויסשלאָגן פון איר קאָפּ.

— איך האָב געהערט פון אָט דעם ר׳ יהושען, וואָס רעדסטו, ריסיע, ער איז דאָך אַ שטאָלצער... איך האָב געהערט, אַז די גרעסטע גבירים שלאָגן אָפּ זיינע טירן און ווילן נעמען זיין שלמהן פאַר אַן איידעם... האָסטו דען אַ באַגריף די פאָדערונגען וואָס ער וועט פאָדערן פון כלהס צד?... לאָמיר זיך ניט נאַרן, וואָס קענסטו אים אָנבאָטן?

— וואָס הייסט, וואָס איך קען אים אָנבאָטן! — ווערט שוין ריסיע מער האָפּערדיק — איז ניט מיין שרהלע זייער שיין און געראָטן? זי איז דאָך קלוג ווי די וועלט, אַזאַ בריה, היינט איר קאָכן און באַקן...

— דאָס איז אָבער אַלץ גאָרנישט! פאַרגעס ניט, אַז מיט שלמהן קלינגט דאָך די גאַנצע שטאָט! ניט נאָר אין נעסוויזש איז ער אַזוי באַרימט, נאָר אין פילע אַנדערע שטעט. זיין פאָטער, יהושע, איז אַליין אויך אַ גרויסער למדן...

אַמאָל זיינען זיי גאָר רייך געווען, און טאַקע דערפֿאַר האָב איך געהערט זוכט ר׳ יהושע אַ שידוך מיט אַ רייכן מחותן, ער זאָל אי קענען אויפֿהאַלטן זיין שלמהן אין עושר און אין כּבוד, און טאַקע אין דער זעלבער צייט אויך אים געבן אַ היפּשע מטבע, ער זאָל קענען אויפֿגעבן זיין מלמדות... קומסטו און ווילסט זיך איינריידן פֿייגעלעך אין בוזים!...

— נישקשה, איך וועל שוין זען צו באַפֿרידיקן אַלע זיינע פֿאָדערונגען — האָט ריסיע געזאָגט — איך וועל אָפּשרייבן די גאַנצע קרעטשמע צו מיין שרהלען אויף נדן. און איך וועל געבן מתּנות דעם חתן און אויך ר׳ יהושען וועל איך געבן מזומנים!

— איך האַלט, אַז דו ווערסט זיך בלויז נאַריש מאַכן! — האָט איר די קרובה אירע געזאָגט — שלמה איז ניט פֿאַר דיר! אים וועט זיכער אויסכאַפּן אַ גאָר גרויסער גביר!

— נו, אַז מיר ווילן עלטער ווערן ווילן מיר זען — האָט ריסיע אויס־געריפֿן — איך האָב איינמאָל ביי זיך באַשלאָסן אַריינצוקריגן שלמהן פֿאַר מיין שרהן, וועל איך דאָס דורכפֿירן! איך זאָג דיר, אַז שלמה וועט נאָך ווערן מיין איידעם. עס מעג מיר קאָסטן וואָס עס וויל. איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט מיט קיינעם וועגן דעם קיין וואָרט ניטריידן!

— געוויס וועל איך מיט קיינעם ניט ריידן וועגן דעם! — ענטפֿערט איר די קרובה — מען וועט דאָך לאַכן אין די הויפּנס, ווען איך וועל עס פֿאַר וועמען עס איז דערציילן, אַז דו ווילסט קריגן שלמהן פֿאַר דיין איידעם. זעסטו, ווען דו פֿאָלגסט מיך, וואָלט איך דיר געראָטן, אַז דו זאָלסט זען קריגן יוספֿן, ר׳ יהושעס עלטערן זון, פֿאַר דיין שרהן. ער אַרבעט אויף אַ פּאַכט ביי זייערן אַ קרוב, ניט ווייט פֿון דאַנען, און איז אַ פֿיינער בחור!

— ווער האָט פֿון אים געהערט? וואָס פֿאַר אַ גליק וועט טרעפֿן מיין שרהלען, אַז זי וועט הייראַטן מיט יוספֿן? איך וועל מוזן קריגן שלמהן פֿאַר מיין איידעם! — האָט ריסיע מיט פֿעסטן באַשלוס געזאָגט.

ביי ריסיען איז געווען געזאָגט און געטאָן. פֿריער האָט זי געשיקט רופֿן איין שדכן, און האָט אים אָנגעזאָגט ווי אַזוי צו ריידן צו יהושען. ער קען אים זאָגן אַז זי איז רייך, אַז זי וועט אָפּגעבן די גאַנצע קרעטשמע צו איר טאָכטער אַלס נדן. ווען דער שדכן האָט זיך צוריקגעקערט און געלאָזט וויסן, אַז יהושע וויל פֿון דעם אַפֿילו ניט הערן, האָט זיך ריסיע ניט פֿאַרלוירן און זי האָט געשיקט אַ צווייטן שדכן, ווען ... זי האָט אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אויס־רעכענען אַלע מעלות פֿון איר טאָכטער, וואָס אויסער איר שיינקייט איז זי אויך אַ צנועה, און איז זייער קלוג. זי פֿירט דעם גאַנצן געשעפֿט און אַז זי, ריסיע, וועט געבן שלמהן אייביקע קעסט, און ער וועט קענען זיצן און לער־נען זיין גאַנצן לעבן, און אים וועט ביי איר קיין זאַך ניט פֿעלן!

ווען אויך דער צווייטער שדכן האָט זיך צוריקגעקערט מיט ליידיקן, האָט ריסיע באַשלאָסן אַליין צו גיין צו יהושען און זיך מיט אים דורכריידן וועגן דעם.

פֿריער פֿון אַלץ האָט זי אים און זיין שלמהן אָנגעוואונטשן טויזנט אַלער־

ליי ברכות. דאַן האָט זי אים גענומען דערציילן די וואונדערלעכע מעלות פון איר טאָכטער, שרהלע, איר בת יחידה, וועלכע איז אַן אויסנאַם און איז איינע אין דער וועלט.

— איר הערט, ר׳ יהושע, ווי שיין מיין טאָכטער איז, אַזוי גוט איז זי! זי האָט אַ דימענטענע האַרץ, ווי איר פאָטער עליו השלום, דער גרויסער למדן און צדיק, וועלכער האָט קיין הויך וואָרט קיינמאָל ניט אַרויסגערעדט פון זיין מויל. זי איז שטיל ווי אַ טויב. זי גיט צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, ר׳ יהושע, איך ווייס טאַקע ניט ווי אַזוי איך וואָלט מיך באַגאַנגען אָן איר. זי פירט דאָס גאַנצע געשעפט; דערצו איז זי זייער קלוג און ווייס ווי זיך צו באַגיין מיט מענטשן. היינט איר קאָכן און באַקן! וואָס דאַרפט איר בעסער? פּרובירט אַ פּרעג טאָן די אַלע אורחים וועלכע שטעלן זיך אָפּ אין אונדזער קרעטשמע. די ערשטע זאַך וואָס זיי פרעגן איז אויב שרהלע וועט היינט באַקן פּיראָזשקעס. איך וואָלט טאַקע גע־וואָלט איר זאָלט זיי אַמאָל פאַרזוכן. ווייסט איר וואָס? איך וועל היינט צו־שיקן עטלעכע פּיראָזשקעס מיט מיין איציקן. פאַרזוכט און זעט וואָס פאַר אַ טעם גן־עדן דאָס האָט. איר זאָלט עס מיר ניט אַנטזאָגן. איך ווייס, אַז איר און אייער שלמה זייט דאָ אַליין, און איר זייט נעבעך פאַרשמאַכט אַ גאַנצע וואָך: איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז איר זאָלט צו מיר קומען אויף וועטשערע, וואָלט איר טאַקע הנאה געהאַט. קומט מיט אייער שלמהן צו מיר און איר וועט ניט חרטה האָבן...

אַזוי האָט ריסיע ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן איר טאָכטער, וואָס לויט איר איז אויסגעקומען, אַז נאָך אַזאַ ווי איר שרה איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט.

יהושע האָט געזען, אַז ער קען זיך פון איר ניט אָפּטשעפּן, האָט ער איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין ווען עס איז קומען אויף אַ באַזוך צוזאַמען מיט זיין זון שלמה. אָבער ווען עס זיינען פאַריבער עטלעכע וואָכן און יהושע איז ניט געקומען, האָט זי אים ווידער אָפּגעשטאַט אַ באַזוך. זי האָט נאָכאַמאָל ווידערהאָלט איר טאָכטערס מעלות און צוגעגעבן, אַז ביי איר וועט שלמה האָבן דעם גן־עדן אויף דער וועלט. דעם גאַנצן עול פון פּרנסה וועט זי און איר טאָכטער טראָגן און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט אַלץ גע־הערן צו איר טאָכטער און צו אים. אייביקע קעסט וועט זי אים געבן. זי וועט אים גיסן גאָלד אין האַלדז. פון פויגל־מילך וועט אים ביי איר ניט פעלן.

— אַדרבא, זאָגט מיר, ר׳ יהושע פאַרוואָס האָט איר אויסצווזעצן קעגן מיר? געפעלט אייך אפשר ניט מיין יחוס? איר דאַרפט מיר ניט גלויבן. אַנו, פּרו־בירט אַ פרעג טאָן דעם הויפט־רב פון אונדזער שטאָט. פרעגט דעם שטאָט מגיד, און די אַלע אַנדערע חשובע יידן פון נעסוויזש. זיי האָבן אַלע געקענט מיין מאַן, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן... פרעגט זיי און איר וועט הערן וואָס פאַר אַ טאַטן מיין שרהלע האָט געהאַט, וואָס פאַר אַ צדיק ער איז געווען, און אַז ער האָט אַליין געשטאַמט פון אַ משפחה פון רבנים און צדיקים. און מיט מיין משפחה, געלויבט איז השם יתברך, האָב איך זיך אויך ניט וואָס

צו שעמען, מיין טאַטע, עליו השלום, האָט געקענט לערנען און מיין זיידע איז געווען אַ רב... אונדזער גאַנצע משפחה איז דאָך אויסגעוואַקסן פון רבנים, מגידים און שוחטים... פאַרוואָס זאָלט איר ניט איינזען אַז שרהלע איז, סיי פון איר טאַטעס צד און סיי פון איר מאַמעס צד, אַ גרויסע מיוחסת, דורכגעקנאָטן פון לויטער צדיקים און רבנים?...

— הערט זיך איין, מאַדאַם ריסיע — האָט זיך יהושע צו איר אָנגערופן — איך צווייפל ניט אין אייערע רייד, אַז אייער טאָכטער איז אַן אויסנאַם און אַז זי איז פון גרויסן יחוס!

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס ווילט איר זיך מיט מיר ניט דורכריידן? פאַרוואָס ווילט איר ניט קומען צו מיר אויף ווטשערע, ווען איר וועט האָבן אַ געלעגנהייט אָנצוקוקן מיין טאָכטער, און זען, אַז איך בין אויף אַ האָר ניט מגזם...

— ווייל איך האַלט, אַז מיין זון, שלמה, איז נאָך צו יונג אַז מיר זאָלן ריידן איצט וועגן אַ שידוך פאַר אים...

— וואָס איז שייך צו יונג? — האָט ריסיע ווייטער גענומען איינטענהן מיט אים — ער וועט דען דאַרפן אויף זיך נעמען דעם עול פון פרנסה? ער וועט דאָך גאָרניט דאַרפן זאָרגן! ער וועט זיך קענען זיצן אין בית מדרש ווי לאַנג אים וועט געפעלן, און לערנען תורה... איר זאָגט צו יונג! איך ווייס דאָך, אַז מען האָט אים נאָך פאַראַיאָרן גערעדט אַ שידוך, נאָר וואָס דען, עס איז ניט באַשערט געווען, איז די כלה זיינע געשטאָרבן פון פּאָקן...

— מיר וועלן נאָך וועגן דעם ריידן! — האָט יהושע אַ זאָג געטאָן, זעענ־דיק אַז ער קען פון איר זיך ניט אַרויסדרייען — מיר וועלן זיך דורכריידן סוף הזמן, איידער מיר וועלן אָפּפאָרן פון דאַנען קיין מאַהילנע, אויף פסח.

ריסיע האָט שוין די גאַנצע צייט געהאַלטן אַן אויג אויף יהושען. זי האָט געהערט, אַז ער קלייבט זיך אויפצוגעבן דעם חדר און בלייבן אין מאַהילנע, און זי האָט באַשלאָסן, אַז איידער ער וועט פאַרלאָזן נעסוויזש, זאָל זי אַרויסקריגן פון אים אַ וואָרט, אַז ער שטימט איין צום שידוך.

אָט איז שוין געווען סוף זמן, אַ צוויי וואָכן פאַר פסח. יהושע האָט באַ־קומען דאָס געלט, דעם שכר לימוד פון די עלטערן פון זיינע תלמידים. ער האָט געהאַט אַ גוטן זמן און ער האָט אָפּגעמאַכט צו בלייבן מיט זיין פרוי און זיינע עלטערן אין מאַהילנע. ער האָט איינגעפּאַקט זיינע ספרים און די אַנדערע זאַכן וואָס ער האָט געהאַט, און דער פורמאַן האָט אַרויפגעטאָן אָט די אַלע זאַכן אויף זיין פור און ער האָט אויך אָפּגעמאַכט מיטן בעל־עגלה, וועלכער פלעגט אָפּפאָרן פון נעסוויזש קיין מאַהילנע, אַז ער וועט מיט אים היינט בייטאָג מיטפאָרן קיין מאַהילנע. דער בעל־עגלה פלעגט תמיד אָפּפאָרן פון ריסיעס קרעטשמע, און יהושע האָט מיט אים אָפּגערעדט, אַז ער וועט שוין וואַרטן אויף אים אין דער קרעטשמע. דערווייל איז ער צוגעפאָרן מיט דער פור צו ריסיעס קרעטשמע, דאָרט צוואַרטן ביז וואַנען דער בעל־עגלה וועט קומען מיט זיין בויד צו דער קרעטשמע, פון וואַנען ער וועט אָפּרייזן.

די אַלמנה ריסיע האָט שוין געוואוסט, אַז יהושע האָט אָפּגעמאַכט מיט דעם

בעל־עגלה זיך צו טרעפן אין איר קרעטשמע. זי האָט דעריבער זיך דורכ־גערעדט מיט דעם בעל־עגלה, און אים געגעבן עטלעכע גילדן און אַ צוויי גלעזלעך בראָנפן, און געבעטן, אַז ער זאָל פאַרשפּעטיקן צו קומען אויף עט־לעכע שעה צייט.

ווען יהושע און שלמה זיינען צוגעפאָרן מיט די זאַכן צו דער קרעטשמע, איז ריסיע זיי אַנטקעגן געקומען. זי האָט געמאַכט אַ גרויסן ווען פון שלמהן און זיין פאָטער. זי איז שוין געווען געגרייט צו דעם, ווייל שרה, איר טאָכטער, איז געווען אינגאַנצן אויסגעפּוצט מיט איר שבתדיקער קלייד, און אירע האָר זיינען געווען פאַרקעמט אין צוויי לאַנגע צעפּ מיט שלייפן. זי איז צוגעגאַנגען צו שלמהן און אים אָנגעהויבן גלעטן מיט צערטלעכקייט און אים גענומען לויבן ביזן הימל אַריין.

— קום אַהער, שרהלע, מיין טאָכטער, מיין קרוין! — האָט ריסיע זי צו־גערופן — דאָס איז שלמה, ר׳ יהושעס זון, פון וועמען דו האָסט זיכער געהערט, אַז ער איז אַ למדן און קען זיך פאַרמעסטן אין תּורה מיט עלטערע רבנים.

אַ שעמעוודיקע מיט איר פּנים רויט ווי צונטער, איז שרה צוגעקומען נעענטער, און דאַן האָט זיך ריסיע געווענדעט צו שלמהן:

— נו, ווי געפעלט דיר מיין טאָכטער?

שלמה האָט זיך עטוואָס פאַרשעמט, ער האָט אַ שמייכל געטאָן און גע־ווענדעט זיינע בליקן אין דער ריכטונג פון זיין פאָטער, וועלכער האָט דערווייל אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן שרהן, דער אַלמנהס טאָכטער.

— נו, וואָס זאָגט איר ר׳ יהושע? — האָט ריסיע אויסגערופן — אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַר אַ טייערע פּאָרל דאָס וועט זיין, אָן עין הרע! אָן עין הרע! איר זעט, זיי זיינען דאָך כּמעט איין הויך... איך זאָג אייך, אַז מיר וואָלטן מיט גאָטס הילף געהאַט אַ סך נחת פון זיי ביידן... יעדער איינער קען זען, אַז זיי זיינען באַשערט איינע צום צווייטן... איך פרעג אייך, ר׳ יהושע, אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ קנין און זאָל זיין מיט גליק, מיט פיל מזל און הצלחה...

— עס איז נאָך פאַראַן צייט! מיר וועלן נאָך צוואַוואַרטן אַ ביסל. וואָס איז דאָ אַזוי די אייליקניש? — האָט יהושע זיך געזוכט אַרויסצודרייען.

ריסיע האָט באַלד איינגעזען, אַז אויב זי וועט ניט האַנדלען ראַשיק, וועט איר גאַנצע מי גיין לאיבוד. זי האָט ביידן, יהושען מיט זיין זון שלמהן פאַר־בעטן אין אַ צימער, אַז זיי זאָלן דערווייל עפּעס צובייסן.

שרה האָט שנעל אַריינגעבראַכט אַ פלאַש וויין מיט אַ זעמל און איינגע־מאַכטס און דאָס געשטעלט אויפן טיש און זיי געבעטן צוצובייסן. ריסיע איז דערווייל אַריין אין אַן אַנדער צימער, זי האָט צוגערופן איר זון און זיך צו אים אָנגערופן:

— איציק, גיי לויף שנעל אַריבער צו ר׳ זלמן אין הויז, וואָס איז אויף דער צווייטער זייט פון גאַס. דאָרט ביי אים קומט איצט פאָר אַ ברית. איך ווייס, אַז דאָרטן געפינען זיך דער הויפּט רב פון נעסוויזש, דער שטאָט מגיד און אַלע פאָרשטייער פון דער קהילה. דו זאָלסט אַהין אַריינקומען און זאָגן דעם

הויפט רב, אַז איך, ריסיע, די קרעטשמערין, לאַד זיי אַלעמען איין אויף די תּנאים פון איר טאָכטער, שרה, מיט שלמה, יהושעס זון, וואָס קומט איצט פאַר אין דער קרעטשמע. בעט זיי אַלעמען אין מיין נאָמען, אַז זיי זאָלן זיך צואיילן, ווייל מיר אַלע וואַרטן אויף זיי.

איציק איז געלאָפן פייל אויסן בויגן. ער איז אַריינגעקומען דאָרטן אין הויז, וואו דער ברית איז געווען, און אַלע האָבן זיך משמח געווען מיט משקה און מיט צובייסן. ער איז גלייך צוגעקומען צום הויפּט־רב און אים אַריינ־געררוימט אין אויער און אים איבערגעגעבן אַלץ וואָס ריסיע האָט אים געהייסן.

דער רב האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און אויסגערופן:

— רבותי, די אַלמנה ריסיע, די קרעטשמערין, האָט געשיקט איר יינגל אונדז אַלעמען איינצולאַדן צו די תּנאים פון איר טאָכטער, שרה, מיט שלמהן, דעם זון פון יהושע, און זי בעט אונדז, אַז מיר זאָלן אַהין צוקומען אַזוי שנעל ווי מיר וועלן קענען. איר פאַרשטייט? דער רבונו של עולם האָט אונדז גע־געבן צוויי מצוות: אַ ברית מילה, און אַ תּנאים פון אַ יתומה, וואָס דאָס איז אויך אַ גאָר גרויסע מצווה. מיט דעם ברית זיינען מיר שוין פאַרטיק, דע־ריבער לאָמיר אַלע אַריבערגיין צו דער קרעטשמע און העלפן פייערן די תּנאים.

אין דער צייט וואָס יהושע און שלמה זיינען געזעסן אין צימער און גע־טרונקען ווייַן און עפּעס צוגעביסן, האָבן ריסיע און שרה גענומען צוגרייטן דעם לאַנגן טיש. זיי האָבן שנעל אַריבערגעדעקט אַ ווייסן טישטוך, צעשטעלט טעלער מיט לעקעך, זעמל, ניסלעך און איינגעמאַכטס, עטלעכע פלעשלעך בראָנפן און ווייַן. ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן, זיינען זיי ביידע צוריק אַריין אין צימער און ריסיע האָט ווידער גענומען ריידן מיט יהושען און גענומען פאַרשטעלן דעם גרויסן גליק וואָס וועט טרעפן שלמהן ווען ער וועט נעמען איר טאָכטער פאַר זיין כּלה.

פּלוצלינג האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר און עטלעכע שטימען מיט אַמאָל האָבן אויסגערופן:

— מזל טוב! מזל טוב!

באַלד זיינען אַריין אין דעם צימער דער הויפט־רב פון נעסוויזש, דער שטאָט מגיד, דער חזן, דער שמש און נאָך עטלעכע פון די חשובע פאַרשטייער פון דער קהילה. זיי האָבן שוין אַלע געהאַט אין זיך אַריינגעגאָסן עטלעכע כּוסות אויף דעם ברית און זיי זיינען געווען אַ ביסל מבוסמדיק, און זייענדיק זיכער אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, אַז ביידע צדדים זיינען מושווה געוואָרן און האָבן זיך אויסגעגליכן אין אַלע הינזיכטן בנוגע דער חתונה, און אַלץ וואָס איז געבליבן איז צו שרייבן די תּנאים און זיך אונטערשרייבן אויף זיי, האָבן אַלע געדריקט יהושעס האַנט און אים גענומען ווינטשן „מזל־טוב".

יהושע האָט אַפילו קיין געלעגנהייט ניט געהאַט אַרויסצוריידן אַ וואָרט. דער הויפט־רב האָט זיך געזעצט ביים טיש, און ער האָט אָנגענומען יהושען ביי דער האַנט און אים געהייסן זיך צוזעצן לעבן אים.

— שמש, זייט אַזוי גוט און נעמט זיך שרייבן די תּנאים! — האָט דער

הויפּט־רב זיך געווענדעט צום שמש, און איר, ריסיע, ברענגט אַ טינטער און אַ פעדער.

ריסיע איז אַרויס פון צימער ברענגען די טינט און פעדער, און יהושע האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און ער האָט אויסגערופן:

— איך קען ניט פאַרשטיין וואָס איז דאָ די גאַנצע בהלה. וואָס הייסט שרייבן תּנאים אין דער צייט ווען עס איז נאָך גאַרניט באַשלאָסן געוואָרן? מען האָט נאָך אַפילו ניט גערעדט וועגן די הויפּט־פּונקטן.

דער רב, וועלכער איז שוין געווען אַ היפש ביסל שיכּורלעך פון דעם ברית, האָט אַ קוק געטאָן אויף יהושען מיט בליקן פון צאָרן און מיט אַן אויפגערעגטער שטימע אויסגערופן:

— ווער איז דאָס אָט דער דאָזיקער ר ב י יהושע, וועלכער וואָגט דאָס חוזק צו מאַכן פון אונדז אַלעמען?!

— דער ר ב י איז דאָ אינגאַנצן ניט נויטיק האָט יהושע געענטפערט — איך בין אַ פּשוטער מענטש, און איך וויל זיך ניט קרוינען מיטן טיטל „רבי". אָבער איך גלויב, אַז קיינער קען פון מיר ניט אַוועקנעמען דאָס רעכט צו זאָרגן פאַר דער טובה פון מיין זון. ווער נאָך ווי דער אייגענער טאַטע האָט אַ רעכט אַוועקצושטעלן זיין צוקונפט אויף אַ פעסטן יסוד?

— ווער זוכט דאָס אַוועקצונעמען פון אייך דאָס רעכט? — האָט דער רב ווייטער גענומען זיך בייזערן אויף אים — אָבער וואָס מאַכט איר פון זיך אַזאַ ווערן? איר פאַרגעסט, אַז די אַלע וועלכע זיינען אַהער געקומען זיינען בני תורה!... און ווער האָט עס אייך געגעבן דאָס רעכט צו טרייבן קאַטאָוועס מיט אונדז?! מיר נעמען זיך די מי און קומען זיך באַטייליקן אין דער שמחה של מצווה, ווייל די כּלה איז דאָך אַ יתומה, קומט איר און זאָגט אונדז, אַז עס איז נאָך גאַרניט באַשלאָסן געוואָרן.

דערווייל איז ריסיע אַריינגעקומען מיט אַ טינטער און אַ גענדזענע פעדער. און ווי שיכּורלעך דער הויפּט־רב איז געווען, האָט ער דאָך פאַרשטאַנען, אַז ריסיע האָט זיך צו פרי געאיילט איינצולאַדן אַן עולם געסט אויף אַ תּנאים, נאָך איידער ביידע צדדים זיינען צווישן זיך דורכגעקומען. האָט ער דעריבער געביטן זיין טאָן און מיט העפלעכקייט אין זיין שטימע האָט ער געבעטן יהושען זיך צוריקצוזעצן לעבן אים און ער האָט צו אים גענומען ריידן צערטלעכע רייד.

— איך זע ניט איין, ר׳ יהושע, פאַרוואָס איר האָט אויסצוזעצן קעגן דעם שידוך. די כּלה שטאַמט דאָך פון גרויסן יחוס. איך האָב געקענט איר פאָטער, עליו השלום. ער איז געווען אַ ייד אַ למדן און ער האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה פון רבנים און גרויסע לומדים. ריסיע אַליין, אייער מחותּנתטע, קומט אויך פון זייער אַ פיינער משפּחה. און וואָס איז שייך די כּלה, זעט איר דאָך, אַז זי איז אַ פיין, טייער קינד, אַ צנועה, אַ פרומע, זאָל גאָט געבן, אַז עס זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה. איר זעט דאָך אַז עס איז מן השמים, אַז ביי אייער זון אויף תּנאים זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן אַזעלכע חשובע טייערע יידן, אַלע בני תורה און צדיקים.

יהושע איז שוין עטוואָס ווייכער געוואָרן און ער האָט שוין געוואָלט ווייזן דעם רב, אַז זיין זון, שלמה, דער חתן, איז ניט אַבי ווער.

— איך ווייס ניט, רבי, אויב איר האָט געהערט פון מיין זון — האָט יהושע מיט שטאָלץ געזאָגט — אָבער זייט ווי־סן, אַז כאָטש ער איז בלויז עלף יאָר אַלט, איז ער שוין קלאָר אין פיר סדרים גמרא. ער פאַרשטייט גוט דעם רמב"ם און ער קען זיך פאַרמעסטן אין לערנען מיט גרויסע לומדים!

— אָ, אָט דאָס איז דאָך דאָס יינגל וועגן וועמען איך האָב געהערט אַזוי פיל ריידן, אַז ער איז גאָר אַן אויסנאַם! נו, אויב אַזוי, האָט זיך די אַלמנה, ריסיע, אויך ניט געענאַרט. זאָל טאַקע זיין מיט הצלחה מרובה און זאָל גאָט געבן, אַז פון זיי זאָלן אַרויסקומען קינדער וועלכע וועלן זיין רבנים און גדולים אין ישראל! נו, אויב אַזוי, טאָ לאָמיר הערן, ריסיע, וואָס עס זיינען די באַ־דינגונגען, כדי דער שמש זאָל וויסן וואָס אַריינצושרייבן אין די תנאים.

— וואָס הייסט די באַדינגונגען! — האָט ריסיע אויסגערופן, און איר פּנים האָט געפלאַקערט פון גליק — ערשטנס שרייבט אַריין, אַז איך גיב איבער די גאַנצע קרעטשמע צו מיין טאָכטער אַלס נדן. יאָ, מיין גאַנצן פאַרמעגן וועט לאחר מאה, גיין צו זיי ביידן. נו, און איך נעם זיך אונטער צו געבן דער יונגער פּאָר קעסט און קליידונג אויף זעקס יאָר צייט...

— דאָס איז אַלץ להבא! וואָס גיט איר איצט? — האָט יהושע אויס־געגרופן — לאָמיר הערן וואָס איר זייט זיך מתחייב איצט?

— ערשטנס, וועל איך שלמהן געבן אַ גאַנצן גאַנג ש"ס מיט אַלע מפרשים, געבונדן אין לעדער, וואָס דאַרף קאָסטן באַלד אַן ערך פון אַ טויזנט גילדן. איך וועל אויך לאָזן נייען פאַר אים אַ גאַרניטור. נו, זייט איר שוין צופרידן?

— ניין! — האָט יהושע אויסגערופן — דאָס איז נאָך ניט גענוג!

— אַדרבא, ר' יהושע, אַ לעבן אויף אייך, וואָס נאָך ווילט איר? זאָגט מיר. איך וועל דערפילן אַלע אייערע פאָדערונגען.

— איידער איך לאָז שרייבן די תנאים וויל איך, אַז איר זאָלט מיר געבן פופציק טאָלער, דאָס איז אַן ערך פיר הונדערט גילדן, און דאָס געלט זאָלט איר מיר געבן אין מזומן, אַז ניט איז אַלץ אויס.

יהושע איז ביי זיך געווען זיכער, אַז זי האָט ביי זיך ניט איצט אַזוי פיל מזומן, און אויב אַזוי וועט ער דערווייל האָבן אַ געלעגנהייט אָפּצולייגן די תנאים אויף אַן אַנדער צייט, און אויף אַזאַ אופן וועט ער זיך פּילייכט אינ־גאַנצן אַרויסדרייען פון אירע הענט.

— נו, אַז איר באַשטייט דווקא אויף מזומן! וועל איך אייך געבן מזומן! — האָט ריסיע געזאָגט — אָט וועל איך שוין אַריינטראָגן די מזומן.

ריסיע האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט גילדן צו באַצאָלן אַ חוב וואָס האָט באַדאַרפט פעליק זיין אין אַ וואָך אַרום. זי האָט דעריבער באַ־שלאָסן צו נעמען יענע געלט און דערווייל אים געבן. אַי, וואָס וועט זי טאָן ווען זי וועט דאַרפן צאָלן דעם חוב? וועט זי שוין דאַן זאָרגן. דערווייל טאָר זי ניט אַרויסלאָזן פון אירע הענט אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט און אַריינקריגן

אַזאַ חתן פֿאַר איר טאָכטער... אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט מיטן געלט און אָפּגעציילט פֿיר הונדערט גילדן און דאָס איבערגעגעבן יהושען.

יהושע האָט גענומען דאָס געלט און דאָס אַרײַנגעלייגט אין זײַן טאַש. דאַן האָט דער שמש אײַנגעטונקט די גענדזענע פֿעדער אין טינט און ער האָט גענומען שרײַבן די תּנאים ווי דער הויפּט־רב האָט אים דיקטירט.

נאָכדעם ווי אַלע האָבן זיך אונטערגעשריבן, און מען האָט זיך צוגעוואונטשן „מזל טוב״, האָט ריסיע זיי אַלעמען אײַנגעלאַדן אין דעם גרויסן צימער, וואו זיי האָבן זיך משמח געווען מיט ווײַן, בראַנפֿן און צובײַסן. צווישן איין גלעזל און אַ צווייטן האָט מען אונטערגעזונגען. דער חזן האָט אויסגעזונגען אַ קאַפּיטל תּהילים, און יעדער איינער האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן צו־ביסלעך.

שלמה דער חתן אַליין איז די גאַנצע צײַט געזעסן ווי אין אַ טומאַן. ער האָט עפּעס קוים באַגריפֿן וואָס עס טוט זיך מיט אים... אויב זײַן טאַטע טוט אַזוי, מן הסתּם איז דאָס ריכטיק און ער וועט דאָך ניט פֿרעגן קיין פֿראַגעס אין אַזאַ עניין. די כּלה, שׂרה, איז טאַקע געווען אַ שיינע און ער האָט ניט וואָס אויסצוזעצן קעגן איר. די כּלהס מוטער, וועלכע האָט אים גע־גלעט און האַליובעט, און אים אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל צערטלעכקייט און פֿרײַנט־שאַפֿט, האָט אויך געוואונען זײַן האַרץ. זי איז דאָך אַזוי גוט צו אים... און ווען ער האָט געזען ווי זי ציילט אָפּ די פֿיר הונדערט גילדן צו זײַן פֿאָטער, איז ער געווען איבערצייגט, אַז זי איז אויך רײַך. אויב אַזוי, וועט אים דאָך בײַ איר ניט זײַן שלעכט. שלמה האָט אין די לעצטע עטלעכע יאָר זיך היפּש אָנגעליטן. זײַן טאַטנס אָרימקייט האָט אים אינגאַנצן דערדריקט. ער האָט געזען ווי דער דלות געוועלטיקט בײַ זיי אין הויז. ער געדענקט גאַנץ גוט, אַז זייערע צרות האָבן זיך אָנגעפֿאַנגען ווען דער פּאַפּ האָט געמאַכט דעם בלוט־בילבול אויף זײַן זיידן. זינט דאַן, איז אויף זיי אַלעמען געקומען איין צרה נאָך דער צווייטער: די גנבה וואָס שאַכנאַ איז באַגאַנגען ווען ער האָט אָוועקגעגנבעט די גאַנצע סחורה וואָס זײַן טאַטע האָט אײַנגעהאַנדלט אין קעניגסבערג; דאַן, די גאָר גרעסערע צרה, ווען שאַכנאַ איז געוואָרן פֿאַרוואַל־טער פֿון זייער פֿאַכט און ער האָט זיי פֿון דאָרט פֿאַרטריבן. זײַן זיידע און באָבע זײַנען פֿון דעם שוואַך און קראַנק געוואָרן. אויך זײַן מאַמע איז ניט אינגאַנצן געזונט. ער ווייסט, אַז זי האָרעוועט זייער שווער און דאָס רופֿט זיך אָפּ זייער שטאַרק אויף איר געזונט...

שלמהן איז אויסגעקומען, אַז ריסיע איז גאַנץ רײַך און אַז איצט, נאָכדעם ווי זײַן טאַטע וועט זיך נויטיקן אין געלט, וועט אים ניט שווער אָנקומען דאָס צו קריגן בײַ איר... דעריבער האָט ער די גאַנצע צײַט זינט מען האָט גענומען שרײַבן די תּנאים, קיין וואָרט ניט גערעדט. דערצו איז זײַן צוקונפֿ־טיקע שוויגער צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל טרינקען ווײַן, און דאָס האָט אים אויך אַביסל פֿאַרשיכּורט...

אין מיטן דער שׂמחה האָט זיך פּלוצלינג יהושע אַ שטעל געטאָן פֿון זײַן פּלאַץ און אויסגערופֿן:

— אוי! דער בעל־עגלה האָט דאָ שוין געמוזט זיין, און איז מן הסתם אָפּגעפאָרן אָן אונדז!

— ניין, דער בעל־עגלה איז דאָ נאָך ניט געווען. איך האָב געהערט, אַז ער האָט אָפּגעלייגט זיין יאַזדע אויף מאָרגן! נו, וועט איר שוין היינטיקע נאַכט דאָ איבערנעכטיקן! — האָט ריסיע געזאָגט — דער בעל־עגלה וועט דאָ זיין גאַנץ פרי.

אין דער צייט ווען יהושע און די געסט האָבן פאַרבראַכט אין טרינקען, צובייסן און זינגען, האָט ריסיע פאַרבראַכט מיט איר טאָכטער אין צווייטן צימער. ריסיעס פּנים האָט געפלאַקערט און אירע אויגן האָבן געלויכטן פון גליק. זי האָט עטלעכע מאָל איבערגעפלאָכטן דעם שלייפל פון אירע צעפּ און דערביי גערעדט צו איר:

— האָסט דען אַ באַגריף, שרהלע, מיין טאָכטער, וואָס פאַר אַ גליק דיר האָט היינט געטראָפן? ווייסטו דען וואָס פאַר אַ חתן דו קריגסט? עפּעס אַ קלייניקייט, שלמה, ר׳ יהושעס זון! ווער האָט דען ניט געהערט פון דעם עילוי, פון דעם יונגן קלוגן שלמה, דעם למדן? אַי, טעכטערל, מיינע! ווייסטו דען וואָס דיין מאַמע האָט פאַר דיר געטאָן? ווען איך וואָלט געווען די גרעסטע גבירטע פון נעסוויזש, וואָלט איך ניט געקענט טאָן פאַר דיר קיין בעסערן שידוך ווי אויסצוקלייבן פאַר דיר אַזאַ חתן ווי שלמה... ער וועט דאָך זיין איינער פון די גרעסטע רבנים. אַ וועלט וועט דאָך מיט אים קלינגען! נו, זאָג מיר, שרהלע, מיין קינד, דאַרף ניט אַריין אַ געזונט אין דיין מאַמען?

— מאַמע! — האָט שרה גענומען קושן איר מוטער — זאָל דיר גאָט געבן אַ סך געזונט, אַז דו זאָלסט האָבן נחת פון מיר און פון איציקן.

— ווען דו ווייסט ווי מיינע אייגענע קרובים האָבן זיך אויסגעלאַכט פון מיר ווען איך האָב זיך אויסגעדריקט, אַז איך וואָלט וועלן האָבן שלמהן פאַר מיין איידעם!... די שדכנים האָבן מיך אָנגעקוקט ווי משוגע! זיי האָבן מיר גאַנץ אָפן געזאָגט: ווי קומט איר צו קריגן אַזאַ איידעם ווי שלמהן? זייט איר אַזוי רייך און אַזוי אָנגעזען? דער אמת איז דאָך געווען, אַז ר׳ יהושע האָט גאָרניט געוואָלט הערן פון די שדכנים. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט מיט גאָרניט, און זיי האָבן מיר גענומען פאַרשלאָגן ר׳ יהושעס עלטערן זון, יוסף, וועלכער איז אַ פּראָסטער יינגל, ווי אַלע יינגלעך. מיינע אַ קרובה האָט מיר געהייסן זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם פּלאַן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל זיך בלויז מאַכן צום נאַר... אָבער מיין קאָפּ איז נאָך ניט אויסגעדאַרט. איך האָב אַלץ אויסגעפּלאַנט און איצט זעסטו דאָך, אַז איך האָב דורכגעפירט אַלץ ווי איך האָב געפּלאַנט... שטעל זיך פאָר, ווען דער בעל־עגלה קומט אין צייט, וואָלט דאָך דאַן ר׳ יהושע אָפּגעפאָרן גלייך פון דאַנען קיין מאַהילנע, און אַלץ וואָלט געווען פאַרפאַלן. וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב אָפּגעמאַכט מיט דעם בעל־עגלה, אַז ער זאָל אָפּלייגן זיין יאַזדע ביז מאָרגן. ער האָט שוין געקראָגן אַ תּירוץ פאַר אים. ווען איך האָב געהערט, אַז דער הויפּט־רב און די אַנדערע חשובע בעלי־בתּים געפינען זיך איצט אויף אַ ברית, האָב איך שוין געוואוסט, אַז דער פאָטער פון אַלמנות און יתומים איז מיט מיר. איך

האָב באַשלאָסן צו שיקן נאָך זיי, און זאָלן זיי מיר העלפן דורכפירן דעם שידוך... איך האָב גלייך געקענט מערקן אָן אים, אַז ער זוכט זיך אַרויס־צודרייען פון מיינע הענט, אָבער איצט זעסטו שוין, אַז איך האָב אַלץ דורכגעפירט און שלמה איז שוין מיט מזל דיין חתן. ר׳ יהושע האָט געוואָלט פיר הונדערט גילדן אין מזומן, האָב איך דאָס אים גלייך דערלאַנגט. זאָל ער זען, אַז געלט איז ביי מיר קיין אָפּהאַלטן ניט!

— אָבער, מאַמע! — האָט שרה מיט עטוואָס זאָרג אַ זאָג געטאָן — וואָס וועסטו טאָן ווען דו וועסט איבעראַכטאָג דאַרפן באַצאָלן דעם חוב? די פיר הונדערט גילדן זיינען דאָך באַשטימט געוואָרן אָפּצוצאָלן דעם חוב פאַר די בראַנפן וואָס דו קומסט. ווען ר׳ הירש דוקער וועט קומען מאָנען דעם חוב און מיר וועלן ניט האָבן וואָס אים צו געבן, וואָס וועט דאַן זיין?

— וואָס וועט זיין? — ענטפערט איר ריסיע — ער וועט אָדער מוזן איינשטימען צו וואַרטן אַ שטיקל צייט, אָדער ער וועט מיר אויפהערן צו געבן אויף באָרג, און אַפילו ווען ער זאָל מיך וועלן אָנקלאָגן אין געריכט פאַר די וועקסלען וואָס איך האָב אונטערגעשריבן, וועל איך איך שוין ווי עס איז זיך מיט אים אויסגלייכן, אָבער ווען איך וואָלט דורכגעלאָזן היינט די געלעגנהייט צו שרייבן די תנאים, וואָלט שלמה שוין זיכער צו אונדז ניט באַלאַנגט... איך בין זיכער, אַז איך וועל זיך ביי אים קענען אָפּבעטן אויף עטלעכע וואָכן און איך וועל שוין קריגן דאָס געלט פאַר דעם חוב.

— אָבער, מאַמע, דו האָסט זיך מתחייב געווען אַ גאַנצן גאַנג ש״ס, וואָס וועט דאָך אויך קאָסטן באַלד אַ טויזנט גילדן. וואו וועסטו עס נעמען?

— דו זאָלסט גאָרניט זאָרגן וועגן דעם, מיין טאָכטער! דערוויל איז שלמה דיין חתן. און אַז איך וועל אים צושטעלן די מתנות מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, וועט אויך קיין בייז ניט זיין... איך האָב דאָך ניט אָנגעגעבן אַ באַשטימטן טאָג ווען ער זאָל קריגן די מתנות. אַז איך וועל ניט האָבן, וועט ער צוואַרטן אַ ביסל. צוליב דעם דער שידוך ניט צעגיין, נאָכדעם ווי אויף די תנאים האָבן זיך אונטערגעשריבן אַזעלכע חשובע יידן פון נעסוויזש.

שרה, וועלכע האָט נאָך קיין צוויי ווערטער ניט אויסגערעדט מיט שלמהן, ר׳ יהושעס זון, האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פאַר איר גאָר אַ גרויסער גליק. דער חתן איז איר זייער שטאַרק געווען צום האַרצן און זי האָט געהאָפט, אַז איר מאַמע זאָל אים אָקאָרשט ניט אָפּנאַרן און די מתנות ניט צושיקן. זי האָט טאַקע ניט געוואוסט פון וואַנען איר מאַמע וועט נעמען אַזוי פיל געלט: עס איז איר שווער אָפּצושפּאָרן גענוג געלט אויסצוצאָלן די חובות, און איצט האָט זי זיך אונטערגענומען צו טראָגן אַזאַ שווערן יאָך...

— גיי טראָג אַריין טיי פאַר די געסט! — האָט ריסיע אַריינגעגאָסן די טיי אין די גלעזער און זיי געשטעלט אויף אַ טאַץ.

שרה, אַן אויסגעפּוצטע, מיט אַ צעפלאַמט פּנימל, האָט אַריינגעטראָגן די טיי, די געסט, האַלב שיכורע, זיינען געווען אַזוי פאַרנומען אין זינגען, אַז זיי האָבן זי אַפילו ניט באַמערקט. שלמה, אָבער, האָט פון אַ זייט געוואָרפן אַ

בליק אויף זײַן כּלה. זי איז געווען זייער שיין, און אַ וואַרימקייט איז דורך זײַן קערפּער.

ביז שפּעט בײַנאַכט האָבן די געסט פאַרבראַכט. איידער זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען האָבן זיי צוגעוואונטשן ריסיען און יהושען מזל־טוב, און אַז זיי זאָלן פירן זייערע קינדער צו דער חופּה, און האָבן פון זיי אַ סך נחת.

ריסיע האָט צוגעגרייט פאַר יהושען און זײַן זון אַ צימער און שרה האָט אַרויפגעצויגן אויף די קישנס און די צוויי בעטן ווײַסע ריינע ציכלעך און ליילעכער, און זײַענדיק שלעפעריק און מיד, זײַנען זיי באַלד אײַנגעשלאָפן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז געקומען דער בעל־עגלה און זיי האָבן זיך געזעגנט מיט ריסיען און מיט איר טאָכטער שרה, די כּלה, און אָפּגערייזט קיין מאַהילנע.

פאָרנדיק אויף דער פור האָט יהושע געגומען טראַכטן וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען לעצטן אָוונט. אים איז די גאַנצע זאַך שווער געווען צו פאַרשטיין ווי אַזוי ער האָט זיך געלאָזט בויגן און נאָכגעגעבן. די גאַנצע צײַט ווען ריסיע האָט גענומען צושטיין צו אים, און געשיקט שדכנים און אַליין צו אים געקומען, האָט ער אַפילו ניט געוואָלט צולאָזן צו זײַנע געדאַנקען, און איצט איז שוין זײַן שלמה געוואָרן אַ חתן פאַר ריסיעס טאָכטער... ווי אַזוי האָט זי דאָס באַוויזן צו טאָן? און ווי קומט עס וואָס ער האָט זיך געלאָזט פירן ביי דער נאָז?... ווען אָבער ער האָט אַרײַנגעטאָן זײַן האַנט אין זײַן טאַש און ער האָט דערפילט דאָס געלט וואָס ריסיע האָט אים געגעבן, איז אים לײַכטער געוואָרן... ערשטנס וועט ער זיך איצט קענען דרייען מיט דעם געלט. אַ ביסל געלט האָט ער אָפּגעשפּאָרט פון שכר־לימוד, וועט ער אפשר קענען ווידער אָנפאַנגען אַ ביסל מסחר, און ער וועט זיך ניט דאַרפן אומקערן צו מלמדות... צווייטנס, איז דאָס וואָס ריסיע האָט געקענט באַווײַזן אַרויסצונעמען גאַנצע פיר הונדערט גילדן אַזוי פלוצלינג, איז דאָס אַליין אַ סימן, אַז זי איז ווירקלעך אַ רײַכע פרוי און זי וועט זיכער נאָכקומען אַלע באַדינגונגען וואָס מען האָט אַרײַנגעשריבן אין די תּנאים...

ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אין מאַהילנע, האָט ער גלײַך דערציילט פאַר זײַן פרוי און זײַנע עלטערן וועגן דעם „גליק" שידוך וואָס ער האָט געטאָן מיט שלמהן. יהושע אַליין האָט גענומען מגזם זײַן וועגן דער עשירות פון דער קרעטשמערין, די אַלמנה. ער האָט אויך אָנגעלויבט די כּלה, און ער האָט באַוויזן די פיר הונדערט גילדן וואָס ער האָט געקראָגן אַלס אַ דערויף פון דעם נדן, וואָס זי האָט צוגעזאָגט צו געבן איר טאָכטער.

עס איז מעגלעך, אַז יהושע אַליין האָט גענומען איבערטרײַבן דעם „גליק" וואָס האָט געטראָפן זייער זון, שלמהן, ווײַל ער האָט זיך געפילט עטוואָס שולדיק וואָס ער האָט אים אַזוי פלוצלונג פאַרשליירט, און אַפילו ניט געמאַכט מעגלעך, אַז רבקה שלמהס מוטער, זאָל זײַן אויף די תּנאים...

— די זאַך איז געקומען גאַנץ פלוצלינג, ווען מיר האָבן זיך שוין געקליבן אין וועג אַריין. אָבער מען זעט דאָך, אַז דאָס איז אַזוי באַשערט געווען. איז גראָד ניט ווײַט פון ריסיעס קרעטשמע פאָרגעקומען אַ ברית, און דאָרט איז

געוועזן דער הויפּט־רב פון נעסוויזש און אַנדערע חשובע בעלי־בתים, זיינען זיי שוין אַלע אויך געקומען צו די תּנאים! — האָט יהושע דערציילט ווי אַלץ איז צוגעגאַנגען.

נו, זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק! — האָבן אַלע דריי, רבקה, דאָבע און חיים יוסף זיך גענומען ווינטשן.

15

עטלעכע וואָכן זיינען פאַריבער זינט מען האָט געשריבן די תּנאים צווישן שלמהן און שרהן, און יהושע האָט גאָרניט געהערט פון ריסיע. ער האָט אַלץ געוואַרט אויף די מתּנות, וואָס זי האָט צוגעזאָגט אַריינצושיקן צו שלמהן אַזוי שנעל ווי מעגלעך, אָבער זיי זיינען ניט געקומען. שלמה אַליין איז אויך געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט געהאָפט, אַז ריסיע וועט אים אַרויסשיקן דעם גאָרניטור וואָס זי האָט אים צוגעזאָגט, נאָך פאַר יום טוב און ער וועט עס האָבן אויף פּסח... אומזיסט, אָבער, איז געווען זיין וואַרטן. דער גאַרניטור איז ניט געקומען. אַט זיינען שוין פאַריבער עטלעכע וואָכן נאָך פּסח און דערווייל האָט ער נאָך גאָרניט דערהאַלטן.

יהושען האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן... אַ ביסל האָט ער זיך טאַקע געשעמט פאַר רבקהן, זיין פרוי, ווייל זי האָט אים שוין גענומען אַריינזאָגן, אַז ער האָט זיך צוגעאײַלט. און אַז זי האָט מורא, אַז זי וועט ניט נאָכקומען אַט די אַלע באַדינגונגען.

— הלוואי זאָל זי ניט נאָכקומען די באַדינגונגען! — האָט יהושע אויסגערופן — וועט זיין נאָך בעסער. די מזומנים וועט זי דאָך שוין געוויס ניט קריגן צוריק, און איך וועל האָבן אַ רעכט בטל צו מאַכן די גאַנצע תּנאים.

גראָד איז אין יענער צייט געקומען אַ רייכער אַרענדאַר אין מאָהילנע. דער נאָמען פון דעם אַרענדאַר איז געווען הירש דוקער. אַט דער דאָזיקער הירש האָט שוין פון לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף דעם יונגן עילוי, שלמה. ער האָט שוין געהערט פון זיין גרויסקייט, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, האָט ער שטאַרק געוואָלט אַריינקריגן שלמהן פאַר איר חתן. ער האָט אָבער געפילט, אַז ער וועט האָבן שוועריקייטן מיט יהושען, וועלכער וועט זיכער זוכן אַ שידוך מיט אַ כּלה אַ מיוחסת. ער האָט דעריבער גענומען אויסאַרבייטן אַ פּלאַן צו מאַכן יהושען פאַר זיין בעל חוב. ווען ער וועט אים קומען געלד אויף אַ וועקסל און ער וועט אים ניט קענען באַצאָלן, וועט ער דאַן אים האָבן אין האַנט און אים וועט זיין אַ סך לייכטער מיט אים צו ריידן וועגן דעם.

— ווי איך פאַרשטיי, ר׳ יהושע — האָט זיך הירש דוקער צו אים געווענדעט — ווילט איר זיך ווידער נעמען צו מסחר. איך וואָלט אייך געוואָלט באַהילפיק זיין. איך וועל אייך געבן עטלעכע פעסער בראָנפן אויף באָרג. איר וועט

ווייטער קענען עפּענען אַ טראַקטיר, און איר וועט אָנהויבן פאַרדינען געלד.

— אָ, זאָלט איר געזונט זיין! — האָט זיך יהושע אָנגעכאַפּט אָן דעם מיט ביידע הענט — איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין אויב איר וועט מיר געבן אויף באָרג עטלעכע פעסלעך בראַנפן.

— איך וועל אייך געבן די סחורה אויף דריי חדשים צייט. איר זאָלט מיר געבן אַ וועקסל אויף דער סומע געלד וואָס די פעסלעך בראַנפן וועלן באַטרעפן — האָט הירש דוקער צו אים געזאָגט.

יהושע האָט איינגעשטימט צו דעם, און ער האָט אים געגעבן אַ וועקסל אויף דער גאַנצער סומע.

יהושע האָט פּרובירט מאַכן אַ טראַקטיר אויף זיין פּאַכט, אָבער אַזוי ווי זיין שכן, דער אַרענדאַר מיט וועמען ער איז געווען צעקריגט, האָט אים געשטערט, האָט ער גאָרניט געקענט אויפטון. ניט נאָר ער האָט ניט פאַרדינט פון די בראַנפן, נאָר ער האָט דערלייגט אַ סך געלד. און ווען דער וועקסל איז פעליק געוואָרן, האָט ער קיין געלט ניט געהאַט מיט וואָס אויסצולייזן דעם וועקסל פון הירש דוקער. ער איז געקומען צו דעם רייכן אַרענדאַר, הירש דוקער, און אים דער־קלערט, אַז ער איז ניט אימשטאַנד איצט אים צו באַצאָלן דעם חוב און אים געבעטן, אַז ער זאָל צוואוואַרטן נאָך אַ ביסל צייט.

— הערט זיך איין, ר׳ יהושע, איך וויל מיט אייך רעדן גאַנץ אָפנהאַרציק — האָט הירש דוקער צו אים זיך אָנגערופן — איך זע דאָך, אַז אייער לאַגע ווערט ערגער מיט יעדן טאָג. און אויב עס זאָל ניט געשען עפּעס אויסערגע־וועגלעך, זע איך ניט איין ווי אַזוי איר וועט קענען מיר באַצאָלן דעם חוב. דע־ריבער האָב איך געטראַכט, אַז דאָס בעסטע פאַר אונדז ביידען וואָלט געווען, ווען מיר מאַכן זיך אָפּ, צו ווערן זייער נאָענטע...

— וואָס מיינט איר? — האָט יהושע אָנגעקוקט.

— איך מיין דאָס! — האָט דוקער געענטפערט — אייך האָט גאָט געבענטשט מיט זייער אַ וואוילן זון, און מיך, מיט אַ געראָטענער טאָכטער, וועלכע איז מיין איינציקע יורשטע פון מיין גאַנצן פאַרמעגן. דעריבער וויל איך אייך מאַכן אַ פאָרשלאָג: לאָמיר ווערן מחותנים. דאַן וועל איך ניט נאָר אָפּווישן דעם גאַנצן חוב וואָס איר קומט מיר, נאָר איך וועל אייך צוצאָלן גרויסע געלד, אַזוי אַז איר וועט זיך צוריק קענען שטעלן אויף די פיס. איר מעגט זיך פאַרלאָזן אויף מיר, אַז ווען מיר וועלן ווערן מחותנים, וועל איך שוין זען, אַז אייער מצב זאָל זיך אינגאַנצן פאַרבעסערן. נישקשה, גאָט האָט מיר געהאָלפן און איך בין אימ־שטאַנד עפּעס צו טאָן פאַר אייך, אַז איר זאָלט זיך אַזוי פיל ניט דאַרפן מוטשען.

יהושע האָט זיך אָווילע פאַרטראַכט. זי, די קרעטשמערין, ריסיע, האָט דאָך ניט געהאַלטן איר צוזאָג. זי האָט צוגעזאָגט אַז זי וועט שיקן אַ גאַנץ ש״ס פאַר שלמהן, און זי האָט עס ניט געטאָן. זי האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים לאָזן בייען אַ גאָרניטור און אים געבן אַנדערע מתנות, און זי האָט איר וואָרט ניט געהאַלטן. אויב אַזוי, איז ער דאָך פריי צו טאָן וואָס אים געפעלט. די תּנאים האָבן קיין האַפט ניט. אויב מען איז ניט נאָכגעקומען אַלע באַדינגונגען, זיינען די תּנאים בטל ומבוטל...

— אייער פּלאַן געפעלט מיר! — האָט יהושע זיך אָנגערופן — איך בין צופרידן צו ווערן אייער מחותן, כאָטש איך האָב אייער טאָכטער ניט געזען.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז מיין טאָכטער איז קיין עין הרע אַ שיינע, אַ געזונטע און אַ קלוגע, מעגט איר זיך אויף מיר פאַרלאָזן. זי איז מיין איינציקע טאָכטער און איר פעלט קיין זאַך ניט. אויב איר ווילט, וועל איך אייך מיטנעמען מיט זיך און איר וועט זי אָנקוקן.

— איך פאַרלאָז זיך אויף אייך! — האָט יהושע מיט צופרידנקייט געזאָגט.

— נו, אויב אַזוי, לאָמיר איצט אָפּמאַכן. אָט וועלן מיר שרייבן ביי אייך תנאים. איך גיב אייך שוין צוריק דעם וועקסל און דערצו וועל איך אייך נאָך צוצאָלן פופציק פּוילישע טאָלער, אַן ערך פון פיר הונדערט גילדן!

יהושע האָט אַריינגערופן הירש דוקערן אין הויז. ער האָט דערווייל אי־בערגעגעבן רבקהן און זיינע עלטערן וועגן דעם.

— מיר איז אָט די דאָזיקע ידיעה, ריסיע, גלייך ניט געפעלן געוואָרן — האָט זיך יהושע אָנגערופן — ניט זי קען נאָכקומען אַלע באַדינגונגען וואָס זיינען אַריינגעשריבן געוואָרן אין די תנאים, און זי האָט דאָס בדעה צו טאָן. איך פיל זיך דעריבער פריי צו האַנדלען ווי איך פאַרשטיי. אָט דער הירש דוקער איז זייער אַ רייכער אַרענדאַר, און איז ניט קיין עם הארץ ווי אונדזער שכן. דערצו איז ער אַ סך רייכער פון אים. ער וועט מיר צוריקקערן דעם וועקסל פאַר דעם חוב. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער גיט מיר גלייך פיר הונדערט גילדן, און אַז מען וועט דאַרפן וועט ער מיר געבן נאָך געלד. ער וועט מיר העלפן זיך שטעלן אויף די פיס, און איך וועל ניט מער זיין געצוואונגען זיך צו נעמען צו מלמדות. פאַרוואָס וויינסטו, רבקה?! — איז יהושע צו איר צוגעגאַנגען עטוואָס נענטער.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וויינען? — האָט רבקה זיך נאָך מער צעכלי־פּעט — ווען דו נעמסט אונדזער טייערן, ליבן זון שלמהן און מאַכסט מסחר מיט אים... אָט פאַרקויפסטו אים צו דער אַלמנה, אָט צו דעם און אָט צו יענעם.

— זעסטו, מיין ליבע פרוי — האָט זיך יהושע צו איר אָנגערופן — דאָס איז ניט ריכטיק! אַלץ וואָס איך בין אויסן איז צו פאַרזאָרגן אונדזער שלמהן מיט אַ גליקלעכער צוקונפט. ער זאָל ניט האָבן קיין דאגת פּרנסה. ער זאָל קענען זיצן און לערנען תורה זיין גאַנצן לעבן. דעריבער האָב איך דאָן געהאָט אָפּגעמאַכט מיט לייזערן פון שמילאָוויטש. אַי, עס איז ניט געווען באַשערט און די כלה איז געשטאָרבן פון פּאָקן, בין איך דאָך ניט שולדיק. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אונדזער שכן, דער אַרענדאַר, האָט איינגעלייגט וועלטן איך זאָל איינשטימען צו נעמען פאַר אונדזער שלמהן זיין הינקענדיקע טאָכטער, רחלן... ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. ער האָט מיר געוואָלט געבן וויפיל געלט איך וואָלט נאָר פאַרלאַנגט. האָב איך דען איינגע־שטימט דערצו? ווען איך וואָלט טראַכטן בלויז פאַר אונדזערע אייגענע נוצן, וואָלט איך דאָך איצט געקענט זיין רייך. איך וואָל ניט מער געהאַט קיין זאָרגן. איך וואָלט געוואָרן אַ שותף צו זיינע מסחרים און וואָס וואָלט מיר געפעלט?

פאַרוואָס האָב איך דאָס ניט געטאָן? ווייל איך האָב ניט געהאַט אין זינען זיך. איך האָב געהאַט אין זינען אונדזער שלמהן, און איך האָב ניט געוואָלט אַז ער זאָל האָבן אַ הינקנדיקע פרוי... איצט, וואָס אַנבאַלאַנגט די קרעטשמעריין, איז דער אמת, אַז איר טאָכטער, שרה, איז טאַקע זייער אַ שיינע, אַ געראָטענע, און שטאַמט פון יחוס, און איך בין זיכער, אַז זי איז שלמהן זייער געפעלן געוואָרן, אָבער איר מאַמע האַלט ניט קיין וואָרט, און לאָזן זיך איינלאָזן פון איר, בין איך ניט מחויב. דעריבער גלויב איך, אַז איך האָב אַ רעכט מבטל צו מאַכן די תנאים און זיך פאַרבינדן מיט הירש דוקערן, וואָס וועט זיין אי בעסער פאַר שלמהן און אי פאַר אונדז אַלעמען. פאַרגעס ניט, אַז מיר ליידן זייער שטאַרק פון אָרימקייט און נויט, דיין געזונט איז צוליב דעם שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן... איך קען זיך פשוט ניט דרייען. איך בין אַ בעל־חוב. די וועקסלען זיינען פעליג און אַז איך וועל ניט באַצאָלן, וועט מען פון אונדז אַוועקנעמען דאָס ביסל וואָס אונדז איז פאַרבליבן. אָט דער הירש דוקער האָט מיר פון פריער אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט; ער האָט מיר געגעבן סחורה אויף באָרג, איך זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו נעמען צו מסחר. אַי, עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן, איז דאָך דאָס ניט זיין שולד. איצט וויל ער מיר צוריקגעבן דעם וועקסל, דערצו גלייך געבן מזומנים פופציק פוילישע טאָלער. מיר וועלן דאָך קענען קומען צו זיך... ער, שלמהלע, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, וועט אויך זיין גליקלעך, ווייל זיין טאָכטער איז די איינציקע יורשטע און דאָס מיינט, אַז לאחר מאה וועט ער ירשענען זיין גאַנצן פאַרמעגן... קום, רבקה, טו אָן אַנדער קלייד, און דו וועסט אַרויסקומען און מיר וועלן שרייבן תנאים. זאָל ער זען, אַז אויך דו ביסט צופרידן פון דעם שידוך!

— מיין אָרימער זון, מיין טייערער שלמהלע! — האָט רבקה געווישט אירע אויגן און זי איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך איבערצוטאָן.

יהושע האָט אויך גערעדט מיט זיין פאָטער און מוטער און זיי זיינען אויך אַריינגעקומען אין דעם צימער, וואו הירש דוקער האָט געוואַרט. שלמה איז געזעסן אין אַ צווייטן צימער און ער האָט געלערנט. יהושע איז צו אים אַריין און ער האָט זיך צו אים געווענדעט מיט צערטלעכקייט אין זיין שטימע:

— הער זיך איין, מיין זון, דו ווייסט דאָך, אַז מיין לאַגע איז זייערע אַ טרויעריקע. איך האָב געזוכט צו טאָן וואָס נאָר מעגלעך כדי צו האָבן פרנסה, אָבער איך האָב ניט מצליח געווען. אַזוי, ווייזט אויס, איז דער רצון פון גאָט און איך האָב צו אים קיין טענות ניט. מיין איינציקער וואונטש איצט איז, דיך צו באַזאָרגן, אַז דו זאָלסט ניט דאַרפן טראָגן אויף זיך דעם עול פון פרנסה, וואָס וואָלט דיר געשטערט פון לערנען. נו, אַז איך האָב פאַר דיר געזען אַזאַ מעגלעכקייט, האָב איך זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט. אָט האָב איך אָפּגעמאַכט מיט ר׳ לייזערן פון שמילאָוויטש, וועלכער איז אַליין אויך אַ למדן און אַ רייכער ייד דערצו. זיין טאָכטער, עליה השלום, איז געווען אַ גרויסע יפת תואר און אַ קלוגע און געלערנטע. אָבער איז עס ניט באַשערט געווען, מאַכט זיך אַזאַ אומגליק און זי שטאַרבט אַוועק פון פּאָקן. דאָס איז דאָך געווען אַ גאָט זאַך. קיינער האָט דאָס ניט געקענט פאַראויסזען. איצט, אַז מיר זיינען

געווען אין נעסוויזש, און די אַלמנה, ריסיע, האָט גענומען צושטיין צו מיר אַז דו זאָלסט ווערן אַ חתן פאַר איר טאָכטער, שרה. געדענקסטו דאָך אַליין ווי איך האָב זיך געווערט קעגן דעם. איך האָב געזוכט זיך אַרויסצודרייען ווי ווייט מעגלעך, אָבער זי איז געווען זייער צודרינגלעך און דערצו איז זי נאָך אַ כיטרע פרוי, האָט זי דאָס אויסגעפירט. מיר האָבן געשריבן תּנאים, און זי האָט זיך פאַרפליכטעט דיר צו געבן געוויסע מתּנות. מיר האָבן געוואַרט, געוואַרט, אָבער ניט זי האָט געהאַלטן איר וואָרט און ניט זי האָט בדעה צו האַלטן איר צוזאָג. דעריבער זיינען די תּנאים בטל ומבוטל. איצט מאַכט זיך אונדז אַ נאָך בעסערער שידוך. דו האָסט דאָך געהערט פון הירש דוקער, וועלכער האָט מיר געגעבן עטלעכע פעסלעך בראָנפן אויף באָרג. ער איז זייער אַ רייכער אַרענדאַר. ער האָט אַ בת יחידה, און אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט וועט געהערן צו איר. ער, הירש דוקער, האָט זייער פיל געהערט פון דיר, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל דיך פאַר זיין איידעם. איז ווי באַלד אַז די תּנאים מיט דער קרעטשמערינס טאָכטער האָבן מער קיין האַפט ניט, פיל איך, אַז דו ביסט פריי זיך צו פאַרבינדן מיט וועמען דו ווילסט. און אַזוי ווי הירש דוקערס פלאַן איז זייער אַ גוטער, וויל איך זאָגן, אַז איך האָב איינגעשטימט צו שרייבן תּנאים מיט זיין טאָכטער. אמת, איך האָב זיין טאָכטער ניט געזען, אָבער איך האָב געהערט אַז ער האָט זייער אַ געראָטענע טאָכטער, און דערצו איז זי דאָך זיין איינציקע יורשטע, איז דאָס זייער אַ גוטער שידוך. נו, וואָס זאָגסטו אויף דעם?

— טאַטע, טו ווי דו פאַרשטייסט! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — איך ווייס, אַז איך קען זיך פאַרלאָזן אויף דיר!

— איך האָב געוואוסט, מיין זון, אַז דו וועסט מיר אַזוי ענטפערן! — האָט יהושע מיט צופרידנהייט זיך אָנגערופן — דעריבער האָב איך שוין איינגעלאַדן הירש דוקערן צו אונדז אין הויז. ער וואַרט אין אַ צווייטן צימער. קום אַרויס און מיר וועלן שרייבן תּנאים און זאָל זיין אין אַ גליקלעכער שעה.

שלמה האָט צוגעמאַכט די גמרא אין וועלכער ער האָט געלערנט און איז אַריין מיט זיין פאָטער אין דעם צימער וואו עס האָבן שוין געוואַרט הירש דוקער, זיין מוטער און זיין באָבע און זיידע. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש בראָנפן מיט צובייסן. ווען הירש דוקער האָט דערזען שלמהן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און איז צו אים צוגעגאַנגען און אים געגעבן שלום עליכם.

— נו, זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק! — האָט דוקער אויסגערופן, און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל — מיין טעכטערל איז זייער אַ שיינע און אַ גוטע און דו וועסט מיט איר זיין זייער גליקלעך!
— האָט ער צוגעגעבן.

מען האָט געשריבן תּנאים, אין וואָס עס איז אַריינגעשריבן געוואָרן די אַלע באַדינגונגען וועגן די מתּנות וואָס שלמה באַקומט, און די מזומן וואָס יהושע באַקומט באַלד. מען האָט איבערגעלייענט די תּנאים און הירש דוקער האָט צוגעשאָקלט מיט זיין קאָפּ אַלס צייכן, אַז ער שטימט איין צו אַלץ. דאָן

האָט הירש דוקער אַרויסגענומען דעם וועקסל אויף פופציק פוילישע טאָלער און אויף וואָס יהושע האָט זיך געהאַט אונטערגעשריבן. ער האָט אָפּגעגעבן דעם וועקסל צו יהושען, וועלכער האָט אים גלייך צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. הירש דוקער האָט דאַן אַרויסגענומען פון זיין בוזים־קעשענע פופציק טאָלער אין מזומן און ער האָט דאָס געגעבן צו יהושען, וועלכע האָט דאָס געלט גלייך אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע.

הירש דוקער האָט פאַרבראַכט אַ ווײַלע מיט יהושען און זיין משפחה, און דאַן האָט ער זיך אַ גליקלעכער צוריקגעקערט אַהיים. ענדלעך האָט ער דורכגעפירט זיין פּלאַן און ער האָט דערגרייכט דאָס צו וואָס ער האָט גע־שטרעבט! אַ קלייניקייט? ער האָט אַריינגעקראָגן פאַר זיין איידעם יהושעס זון, וועלכער איז באַרימט אין דער גאַנצער געגנט און אַרום אַלס עילוי און גרויסער למדן. ביז אַהער האָט ער אַפילו ניט געוואַגט צו טראַכטן פון דער מעגלעכקייט צו ווערן אַ מחותן מיט יהושען. איצט, וועלן אים אַלע מקנא זיין.

ער האָט דערציילט זיין פרוי און טאָכטער פון דעם גרויסן גליק וואָס אים האָט געטראָפן, אַז ער האָט געקראָגן אַ חתן פאַר זייער טאָכטער, וואָס איז איי־נער אין דער וועלט, וועמען די גרעסטע רבנים וואָלטן שטאָלצירט צו האָבן פאַר אַן איידעם.

הירש דוקער האָט צונויפגערופן אַלע זיינע פריינט און ער האָט זיי מכבד געווען מיט בראַנפן און צובייסן, און זיך באַרימט מיט דעם וואונדערלעכן איידעם וואָס ער קריגט פאַר זיין טאָכטער. זיי האָבן אים צוגעוואונטשן גליק און אים געפרעגט ווען די חתונה וועט פאָרקומען.

— עס וועט שוין לאַנג ניט נעמען און מיר וועלן פייערן די חתונה פון מיין טאָכטער מיט שלמהן, ר׳ יהושעס זון — האָט הירש דוקער מיט שטאָלץ געזאָגט.

16

דער אַרענדאַר הירש דוקער האָט געהאַנדלט מיט בראַנפן און זיינע קונים זיינען געווען די אַלע יידן וועלכע האָבן געהאַלטן טראַקטירן, קרעטש־מעס און שענקלעך. ער פלעגט זיי געבן סחורה אויף באָרג, פאַר וואָס ער פלעגט אַרויסקריגן וועקסלען, און דאַן פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן איבער דער גאַנצער געגענט אויפצומאַנען זיינע חובות.

אויך ריסיע, די קרעטשמערין פון נעסוויזש, האָט אים געקומט געלט פאַר סחורה וואָס זי האָט ביי אים גענומען. זי האָט אָבער געפּועלט ביי אים

דורך אַ יידן אַ שליח, ער זאָל צוואוואַרטן מיטן חוב פאַר נאָך עטלעכע וואָכן. הירש האָט צוגעשטימט און ער האָט געוואָרט. איצט, קורץ נאָכדעם ווי ער האָט געשריבן תּנאים מיט יהושען, האָט ער זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן איבער די שטעטלעך און דערפאַר אויפצומאָנען זיינע חובות. ער איז אָנגעקומען אין נעסוויזש און איז גלייך פאַרפאָרן צו ריסיען אין קרעטשמע.

ריסיע האָט אים אויפגענומען זייער פריינטלעך. זי האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט דאָס געלט וואָס זי קומט אים און זי האָט געוואָלט ביי אים פּועלן ער זאָל וואַרטן נאָך עטלעכע וואָכן.

— איך האָב שוין גענוג געוואַרט! — האָט הירש זיך צו איר אָנגערופן — וויפיל איז דער שיעור צו וואַרטן? איך ווייס אַז איר זייט תּמיד געווען פּינקטלעך אין צאָלן אייערע חובות!

— איך וועל אייך שוין דערציילן וואָס מיט אונדז אַלעמען האָט לעצטנס פּאַסירט, וועט איר שוין איינזען פאַרוואָס עס איז מיר גראָד איצט שווער צו באַצאָלן דעם חוב אין צייט! — האָט ריסיע מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן — איר פאַרשטייט, מיין טאָכטער שרהלע, זאָל געזונט זיין, איז געוואָרן אַ כּלה. אונדז האָט געטראָפן זייער אַ גרויסער גליק. דער חתן איז אַ טייער קינד. זיין טאַטע איז אַ גרויסער למדן און זיין זון, מיין שרהס חתן, זאָגט מען אויף אים, אַז ער איז אַן עילוי. איר פאַרשטייט דאָך, אַז מען דאַרף געבן דעם חתן מתּנות, און עס זיינען פאַראַן אַנדערע הוצאות.

— אָ, יאָ, איך פאַרשטיי דאָס! — האָט הירש דוקער אַ זאָג געטאָן און אַ לייכטער שמייכל האָט זיך צעלייגט איבער זיין פּנים — איך האָב אויך אַ דאַנק גאָט איצט געקראָגן אַ חתן פאַר מיין טאָכטער, איז ער איינער אין דער וועלט. זאָלן מיר דאָסביידע פאַרדינען אַלע וואָך וואָס עס האָט מיך אָפּגעקאָסט. דאָס איז בלויז די תּנאים, היינט שטעלט זיך פאָר וויפיל עס וועט מיך נאָך קאָסטן די חתונה. אָבער ווען עס זאָל מיך קאָסטן צען מאָל אַזוי פיל, איז דאָס גאָרניט קעגן דעם גליקלעכן שידוך וואָס איך טו פאַר מיין טאָכטער. דערפאַר וועל איך אייך שוין אָפּלאָזן אויף אַ ווײַלע, ביז וואַנען איר וועט קומען צו זיך.

— און פון וואַנען איז דער חתן וועמען איר האָט אויסגעקליבן פאַר אייער טאָכטער? — פרעגט אים ריסיע.

— איר האָט דאָך געוויס געהערט פון דעם באַרימטן, גרויסן למדן און צדיק ר׳ יהושע פון מאָהילנע, און פון זיין ייִנגסטן זון, שלמה? אָט דאָס וואויל קינד, שלמה, איז מיין טאָכטערס חתן!

— וואָס!! — האָט ריסיע אַ געשריי געטאָן — דאָס איז אַ ליגן! דאָס איז אַ חוצפּהדיקער שקר! שלמה, ר׳ יהושעס זון, איז גאָר מיין טאָכטערס חתן!

— וואָס פאַר אַ חלום האָט איר געזען?! — האָט הירש דוקער אויסגעשריגן — וואָס מיינט איר, אַז איך זאָג אייך אַ ליגן?! — אָט וועט איר באַלד זען!

הירש דוקער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע די תּנאים און ער האָט איר געוויזן.

—נו, איצט וועט איר שוין איינהאַלטן אייער מויל און מיך ניט רופן קיין ליגנער!

— שרה! שרה! — האָט ריסיע אויסגערופן — אַנו, קום אַריין אַהער אויף אַ ווייל!

איר טאָכטער איז אַריינגעקומען אין דעם צימער וואו ריסיע און דוקער האָבן זיך געפונען, און האָט געפרעגט איר מוטער וואָס זי וויל.

— שרהלע, גיי גלייך צו צום קאָמאָד און נעם אַרויס דיינע תּנאים מיט שלמהן, יהושעס זון. האָסט שוין געהערט אין דיין לעבן אַזאַ זאַך! נו, וואָס שטייסטו? גיכער, ברענג אַריין דיינע תּנאים!

שרה איז אַרויס פון צימער און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט און איבערגעגעבן איר מוטער די תּנאים.

— אָט זיינען די תּנאים וואָס מען האָט געשריבן צווישן שלמהן און מיין טאָכטער אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח. אָט זעט איר ר׳ יהושעס אונטערשריפט. און אָט האָט זיך אונטערגעשריבן דער חתן אַליין, שלמה! — האָט ריסיע אים דערלאַנגט די תּנאים.

הירש דוקער האָט אַריינגעקוקט און ער האָט אויסגערופן: „איך קען ר׳ יהושען זייער גוט! ער איז אַן ערלעכער ייד און ער וועט ניט זוכן מיך אָפּצונאַרן. מן הסתּם האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז דער שידוך איז ניט פאַר זיין זון!"

— וואָס הייסט, ער האָט זיך אַרומגעזען. אָט גיט אַ קוק, וועט איר געפינען אויך די חתימה פון אונדזער הויפּט־רב און פון נאָך אַנדערע חשובע יידן... כּמעט אַלע וויכטיקסטע בעלי־בתּים פון אונדזער שטאָט זיינען געווען געסט צו די תּנאים, קומט איר גאָר צו גיין און ווילט מיר איינריידן, אַז ר׳ יהושע האָט זיך אַרומגעזען, אַז מיין טאָכטער פּאַסט ניט פאַר זיין זון! פאַרוואָס מיינט איר, בין איך ניט אומשטאַנד אייך אָפּצוצאָלן דעם חוב, ווייל איך האָב ר׳ יהושען געגעבן מזומן פיר הונדערט גילדן. איך האָב געהאַט אַנדערע הוצאות. אָט וועל איך באַלד דאַרפן קויפן מתּנות פאַר דעם חתן... און איר קומט און זאָגט מיר, אַז שלמה, ר׳ יהושעס איז געוואָרן אַ חתן פאַר אייער טאָכטער!

— לויט אייערע רייד קומט אויס, אַז איך האָב דאָס אויסגעטראַכט פון קאָפּ! — האָט זיך הירש דוקער צעבייזערט — איר האָט דאָך אַליין געזען מיט אייערע אויגן די תּנאים, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק!

— און די תּנאים וואָס מיר האָבן געשריבן, איז געווען מיט עטלעכע חדשים פריער! — האָט ריסיע געזאָגט — דעריבער האָט ער קיין רעכט ניט געהאַט צו שרייבן תּנאים אויך מיט אייך!

— און ווי באַלד אַז ר׳ יהושע האָט יאָ געשריבן די תּנאים, איז דאָס דען ניט קיין באַווייז, אַז ער האָט מבטל געמאַכט די ערשטע תּנאים?

— ביי אייך רעדט זיך דאָס אויס אַזוי לייכט! — האָט ריסיע זיך צע־שריען אויף די העכערע טענער — וואָס מיינט איר, דאָס איז עפּעס אַ קינ־דערשפּיל! מיין טאָכטער איז דאָך פּאַר אייער טאָכטער ניט געדאַכט אַ יתומה... וועט איר דאָס דערלויבן, אַז מען זאָל פון איר חוזק מאַכן?

— און פון הירש דוקערן זאָל ער יאָ חוזק מאַכן! — האָט ער אויסגע־רופן — איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל דאָס ניט דערלאָזן. איך האָב אים געגעבן געלט, און אפשר נאָך מער וויפיל איר האָט אים געגעבן. איך וועל דעם שידוך ניט אָפּלאָזן. איך וועל גלייך אַוועקגיין צו ר׳ יהושען און מיר וועלן באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה.

— און איך וועל אים רופן צו אַ דין־תורה! — האָט ריסיע זיך געקאָכט — איך וועל ניט שווייגן!

— איר טוט וואָס אייך געפעלט! — האָט הירש דוקער געזאָגט — איך וועל גלייך אַריבערפאָרן קיין מאָהילנע, צו ר׳ יהושען.

הירש דוקער האָט שוין איצט מער ניט גערעדט וועגן דעם חוב, וואָס זי קומט אים. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. ער וועט מוזן אויסגע־פינען פון ר׳ יהושען די סיבה פאַר וואָס ער האָט אים אָפּגענאַרט.

ווען ער איז אָנגעקומען אין מאָהילנע, האָט שוין די זון געהאַלטן ביים פאַרגיין. ער איז צוגעפאָרן צו ר׳ יהושעס הויז. מען האָט אים דאָרט געזאָגט, אַז ר׳ יהושע איז איצט אין בית המדרש. רבקה האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז עפּעס אַזוי אויפגערעגט.

— גאָרניט! — האָט ער איר געענטפערט — איך מוז זיך באַלד זען מיט אייער מאַן.

— ער וועט שוין דאָרט, מן הסתם, בלייבן ביז נאָך מעריב! — האָט רבקה געזאָגט.

— גוט, דערווייל וועל איך זיך שטעלן דאַווענען מנחה און מעריב דאָ אין הויז — האָט הירש געזאָגט, און ער האָט געוואַשן זיינע הענט און זיך געשטעלט דאַווענען.

אַ ווײַלע שפּעטער איז אָנגעקומען יהושע. ווען ער האָט דערזען הירש דוקערן אין אַ צושטאַנד פון אויפרעגונג, האָט ער אים געפרעגט וואָס עס איז געשען.

— קען איך מיט אייך ריידן אין אַ באַזונדער צימער? — פרעגט אים הירש.

— קומט מיט מיר אַריין אַהין — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ צימער.

זיי זיינען ביידע אַריינגעגאַנגען און הירש דוקער האָט זיך צו אים אָנגערופן:

— איך קום דאָס איצט פון נעסוויזש. איך בין געווען ביי ריסיען, די אַלמנה, אויפמאָנען אַ חוב, און איך האָב אויסגעפונען פון איר, אַז איר האָט געשריבן תנאים צווישן אייער זון און איר טאָכטער. וואָס איז דאָס?

— וואָס הייסט, וואָס איז דאָס! — רופט זיך אָן יהושע — וואָס בין איך שולדיק, אַז זי האָט מיך אָפּגענאַרט? וואָס הייסט דאָס וואָרט „תנאים״? באַ־

דינגונגען, אָפּמאַך. אמת, מיר האָבן טאַקע געשריבן תּנאים און אַריינגעשריבן די באַדינגונגען. איז ווען זיינען די תּנאים אין קראַפט, ווען די באַדינגונ־גען ווערן דורכגעפירט, ווען יעדער צד האַלט דעם אָפּמאַך און טוט אַלץ וואָס עס ווערט אַריינגעשריבן אין די תּנאים... אָט דאָס האָב איך געטאָן. איר האָט דאָך געזען אירע תּנאים, ווייסט איר דאָך מן הסתּם וואָס דאָרט איז גע־ווען אַריינגעשריבן! זי האָט זיך פאַרפליכטעט צו קויפן מיין זון אַ גאַנג ש״ס מיט אַלע מפרשים, וואָס דאַרף קאָסטן פיליכט אַ טויזנט גילדן. האָט זי דאָס געטאָן? זי האָט זיך אונטערגענומען צו באַקליידן דעם חתן פון קאָפּ ביז די פיס... האָט זי דאָס דערפילט? ווי באַלד איך האָב געזען, אַז זי האַלט ניט איר וואָרט, בין איך געווען זיכער, אַז זי האָט אַפילו ניט אין זינען נאָכ־צוקומען אַלע באַדינגונגען, און איך האָב דעריבער געהאַט רעכט מבטל צו מאַכן די תּנאים און שרײַבן תּנאים מיט אייך!

— יאָ, דאָס איז ריכטיק! — האָט זיך הירש דוקער אָנגערופן — אָבער איר האָט געדאַרפט הערן ווי זי האָט זיך אַזוי צעשריען! אַ מויל האָט זיך ווי אויף שרויפן! זי האָט זיך געקאָכט, געקוויטשעט און געשריען... איר פאַר־שטייט, אַז סך הכּל האָט זי דאָך אייך אַוועקגעגעבן מיין געלט, וואָס זי קומט מיר. זי האָט מיר אַליין צוגעגעבן, אַז דאָס געלט וואָס זי האָט געהאַלטן צו באַצאָלן דעם חוב וואָס זי קומט מיר, האָט זי אייך געגעבן... אַ חוצפּה פון אַ יידענע! זי האָט ניט קיין גראָשן ביי דער נשמה, און זי וויל טאָן אַ שידוך און געבן נדן אויף יענעמס חשבון!

— איצט זע איך דאָך טאַקע, אַז זי איז אַ שווינדלערקע! — האָט יהושע צוגעגעבן — זי האָט מיר צוגעזאָגט גילדערנע בערג. אַן אָנשטעל האָט זי גע־מאַכט, אַז זי איז רייך, אַז זי קען דורכפירן אַלץ וואָס זי נעמט זיך אונטער. אין דער אמתן האָט זי גאַרנישט, און זי האָט בלויז געוואָלט אונדז אַריינ־נאַרן!

— נו, אויב אַזוי, טאָ זאָלן מיר דאָ טאַקע שוין אָפּמאַכן דעם טאָג פון דער חתונה, און וואָס פריער וועט זיין אַלץ בעסער.

— איר האָט גאָרניט וואָס מורא צו האָבן! — האָט יהושע געזאָגט — מיין פרוי איז זייער שוואַך אין געזונט. ווען זי וועט זיך פילן אַ ביסל בעסער, וועלן מיר זיך אַלע צונויפקומען און באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה און מאַכן אַלע פאַרבאַרייטונגען!

— אָבער איך האָב דאָך נאָר וואָס גערעדט מיט אייער פרוי! — האָט דוקער געזאָגט — זי שיינט ניט צו זיין אַזוי קראַנק!

— זי האַלט זיך קוים אויף אירע פיס! — האָט יהושע מיט טרויער אין זיין שטימע געזאָגט — איך ווייס ניט וואָס מיט איר איז, אָבער זי ווערט פאַרצערט און איינגעדאַרט מיט יעדן טאָג. איך האָב געטראַכט מיט איר צו־צופאָרן צום זעלבן דאָקטאָר וועלכער האָט איר מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויס־געהיילט פון עפּעס אַן אַנדערער קראַנקייט, אָבער איר זעט, אַז מיינע אומ־שטענדן איצט דערלויבן מיר ניט אונטערצונעמען אַזאַ רייזע...

— נו, אם ירצה השם, נאָך אונדזער קינדערס חתונה, וועל איך שוין זען

דאָס מעגלעך צו מאַכן פאַר אייך — האָט הירש דוקער געזאָגט — איך וועל אייך געבן וויפיל געלט עס וועט זיין נויטיק.

— איך האָף, אַז מיר וועלן קענען דורכפירן די חתונה גאָר אין גיכן!

— האָט יהושע געזאָגט.

— לאָמיר אָפּמאַכן, אַז איר זאָלט צוקומען מיט אייער טאָכטער צו אונדז אין אַ צוויי וואָכן אַרום. איך וואָלט זיכער צוגעפאָרן מיט מיין זון צו אייך, וואָלט איך אָבער געוואָלט, אַז אויך מיין פרוי זאָל זי אָנקוקן, און פאַר איר אונ־טערצונעמען זיך אַזאַ רייזע וועט זיין צו שווער...

— זייער גוט! — האָט הירש דוקער זיך אָנגערופן — איך וועל נאָך זיין ביי אייך און איך וועל אייך לאָזן וויסן אין וועלכן טאָג מיר וועלן צו־פאָרן צו אייך.

ביים געזעגענען זיך האָט יהושע אים ווידער געבעטן ער זאָל אים אַנ־טשולדיקן פאַר די עגמת נפש וואָס ער האָט געהאַט און ער האָט אים פאַר־זיכערט, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן ווי געוואונטשן.

אַ פאָר טעג שפּעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט דער בעל עגלה פון נעס־וויזש. פון פור איז אַרויסגעקראָכן דער שמש פון בית המדרש. ער איז אַריין אין הויז און נאָך איידער ער האָט געגעבן יהושען „שלום עליכם״, האָט ער אים געזאָגט, אַז די אַלמנה ריסיע רופט אים צו אַ דין־תורה, און ער וועט מוזן קומענדע וואָך קיין נעסוויזש און דאָרט געבן אַ דערקלערונג פאַר זיין אומגערעכטער האַנדלונג.

— איך וועל ניט קומען! — האָט יהושע אויסגערופן — איך ווייס, אַז איך האָב ריכטיק געהאַנדלט!

— טוט ווי איר פאַרשטייט, ר׳ יהושע! — האָט אים דער שמש געזאָגט

— איך האָב געטאָן מיין פליכט און אייך מודיע געווען.

עס זיינען פאַריבער נאָך עטלעכע טעג און יהושע האָט געקראָגן אַ צווייטע אויפפאָדערונג, וואָס איז שוין געווען אונטערגעשריבן פון איינעם פון די דיינים, אָבער ער האָט באַשלאָסן זיך ניט צו מעלדן.

ריסיע האָט דערווייל ניט געשוויגן. ערשטנס האָט זי געזען שאַפן געלט וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזן. זי איז צוגעפאָרן צו אייניקע פון אירע קרובים און ביי זיי געבעטן מען זאָל איר לייען געלט. ווען מען האָט זיך געקווענקלט, האָט זי זיך אָנגערופן:

— ווייסט איר, אַז דער גורל פון מיין טאָכטער, שרה, ליגט אין אייערע הענט? איך האָב אַ געלעגנהייט צו טאָן מיט איר אַזאַ זעלטענעם שידוך, און אויב איך זאָל חלילה ניט קריגן דאָס געלט, דאַן פאַרלירן מיר אַלץ... אין וועט פאַרדינען די גרעסטע מצווה. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל אייך צוריקצאָלן יעדן גראָשן וואָס איר וועט מיר איצט לייען...

ריסיע האָט געקראָגן פון יעדן איינעם וויפיל זי האָט געקענט, ביז וואַ־נען זי האָט צונויפגעזאַמלט די סומע וואָס זי האָט באַדאַרפט כדי נאָכצוקומען די באַדינגונגען, וואָס זיינען אַריינגעשריבן געוואָרן אין די תנאים.

די צווייטע זאַך וואָס ריסיע האָט געטאָן, איז אַוועקצוגיין צום הויפּט־רב און פאַר אים פאַרברענגען אירע טענות.

— רבי, פריער גאָט און דערנאָך איר, מוזט מיר העלפן אין מיין אומ־גליק. וואָס האָבן זיי צו מיין אומגליקלעכער יתומה? פאַרוואָס קומט עס איר אַזוי פאַרשעמט צו ווערן?

— וואָס איז געשען מיט אייך? ווער זוכט צו פאַרשעמען אייער טאָכ־טער, די יתומה?

— וואָס הייסט ווער? — האָט ריסיע אויפגעהויבן איר שטימע — טאָקע מיין מחותן, ר' יהושע! האָט איר דען ניט געהערט? ער האָט גע־נומען און מבטל געמאַכט די תּנאים!... איר, רבי, זייט דאָך דערביי געווען. האָט מען אים דען געצוואונגען צו דעם?

— ווער האָט אייך געזאָגט אַז ער האָט מבטל געמאַכט די תּנאים? — פרעגט דער רב.

— אַדרבא, רבי, וואָס וואָלט איר געזאָגט צו דעם, ווען איר ווייסט, אַז ער האָט אָפּגעגעבן מיין טאָכטערס חתן צו הירש דוקערס טאָכטער, און ער האָט מיט אים געשריבן די תּנאים!

— און ווער איז אָט דער הירש דוקער?

— ער איז אַ רייכער אַרענדאַר! ער האַנדלט מיט בראָנפן און איך בין אים טאָקע שולדיק אַ גרויסן חוב. איז ער געקומען צו מיר מאָנען דעם חוב. רייידן מיר זיך פונאַנדער, און מיר געפינען אויס, אַז ר' יהושע האָט אויך געשריבן תּנאים מיט הירש דוקערס טאָכטער!

— ר' יהושע איז דאָך ניט קיין פּראָסטער ייד! — האָט דער רב געזאָגט — אויב ער האָט אַזאַ זאַך געטאָן, מן הסתּם האָט ער דאָך געהאַט אַן אורזאַך!

— וואָס הייסט אַן אורזאַך? — האָט ריסיע וויינענדיק אויסגערופן — ער האָט געטראָפן אַ רייכן אַרענדאַר, מיינט ער, אַז דאָס איז פאַר זיין זון אַ בעסערער שידוך, נעמט ער און איז מבייש אַ יתומה... איך פרעג אייך, רבי, וואָס זאָל איך טאָן צו דעם?

— איך קען דערווייל קיין עצה ניט געבן! — האָט דער רב געזאָגט — איך מוז אויסהערןביידע צדדים איידער איך וועל באַשטימען ווער עס איז גערעכט.

— איך האָב אים שוין אָנגעקלאָגט פאַר די דיינים, און מען האָט אים געשיקט רופן, אָבער ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק. ער קומט ניט. שוין צוויי מאָל נאָך אים געשיקט און גאָרניט!

— איך האָב ניט קיין רעכט נאָך אים צו שיקן! — האָט דער רב זיך אָנגערופן — איך גלויב אָבער, אַז אויב ער וועט אַליין ניט קומען, וועט ער מן הסתּם שיקן אַ צושריפט און דערקלערן פאַרוואָס ער האָט אַזוי געהאַנדלט. עפּעס איז דאָ געשען, וואָס האָט אים באַוואויגן אַזוי צו האַנדלען.

— איר ווייסט דאָך, רבי איך האָב צוגעזאָגט, אַז איך וועל קויפן אַ גאַנג ש"ס מיט אַלע מפרשים פאַר דעם חתן, און אויך אים באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס. נו, האָט איך געטראַכט, אַז עס איז נאָך פאַראַן צייט. וואָס איז דאָ די

איילעניש? אָבער, גלויבט מיר, רבי, אַז איך האָב גאָר אַנדערש ניט געטראַכט ווי נאָכצוקומען אַלע באַדינגונגען. איך בין גרייט אַפילו מאָרגן אַרויסצושיקן אַ באַשטעלונג פאַר דעם גאַנג ש״ס, און באַקליידן און באַשוכן דעם חתן... אַ, רבי, העלפט מיר! לאָזט ניט פאַרשעמען מיין אומגליקלעכע יתומה!

— אויב עס וועט נאָר זיין מעגלעך עפּעס צו טאָן, וועל איך זיכער דאָס טאָן? — האָט דער רב אַ זאָג געטאָן — איך וואָלט אייך פונדעסטוועגן געראָטן, אַז איר זאָלט דערווייל האָבן צוגעגרייט די אַלע זאַכן וואָס איר האָט צוגעזאָגט און וואָס זיינען אַריינגעשריבן געוואָרן אין די תּנאים.

— אָבער וואָס וועט זיין טאָמער, חלילה, וועט ער פאַרט זיך ניט וועלן צוהערן און אָפּגעבן זיין זון צו הירש דוקערן פאַר אַן איידעם? וואָס וועל איך טאָן מיט דעם ש״ס, וואָס דאַרף מיר קאָסטן אַן ערך אַ טויזנט גילדן?

— דער ש״ס וועט אייך אַלע מאָל צוניץ קומען. אויב אייער טאָכטער וועט קריגן אַן אַנדער חתן אַ בן תּורה, וועט איר יענעם געבן די מתּנה!

— אוי, וואָס רעדט איר, רבי! אויב, חלילה, מיין טאָכטער וועט ניט קריגן צוריק איר חתן, וועל איך דאָס ניט אויסהאַלטן.

— טוט ווי איך געפעלט! — האָט דער רב זיך אַ בייזער געטאָן אויף איר — אויב איר ווילט ניט פאָלגן, טאָ צוליב וואָס זייט איר געקומען צו מיר?

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר הייסט מיר! — האָט ריסיע געזאָגט.

— געדענקט, אָבער, אַז איך זאָג אייך גאַרניט צו! — רופט זיך אָן צו איר דער רב — עס פאַרשטייט זיך, אַז ווי באַלד איר וועט נאָכקומען אַלע באַדינגונגען, וועט זיין פאַר אייך גרינגער איבערצוציִיגן אַלעמען, אַז איר זייט גערעכט...

ריסיע האָט גלייך אַוועקגעשיקט אַ באַשטעלונג פאַר אַ גאַנג ש״ס און זי האָט אויך געשיקט קויפן סחורה פאַר אַ גאַרניטור און זי האָט זיך דורכגערעדט מיט דעם שניידער, אָנווייזנדיק וואָס פאַר אַ מאָס ער זאָל מאַכן דעם גאַרניטור.

זי האָט דאָן געמאַכט אַ דריטן פאַרזוך צו בעטן די דיינים, אַז זיי זאָלן שיקן רופן יהושן צו אַ דין־תּורה, אָבער זיי האָבן איר געזאָגט, אַז זיי זיינען ניט בכּוח צו טאָן עפּעס אין דעם עניין, ווי באַלד ער איז פון אַן אַנדער שטאָט.

17

אין דער צייט וועון הירש דוקער האָט זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה פון זיין טאָכטער מיט שלמהן, האָט זיך רבקהס געזונט שטאַרק פאַרערגערט.

יהושע איז געוועזן זייער שטאַרק באַזאָרגט וועגן איר און ער האָט זיך אָנגערופן צו שלמהן:

— דיין מאַמע איז געפערלעך קראַנק און איך האָב געהאָפט, אַז אויב זי וועט זיך פילן בעסער, וועלן מיר זי קענען מיטנעמען מיט זיך און פאָרן צו דער גרעסערער שטאָט, וואו עס געפינט זיך אַ גוטער דאָקטאָר, אָבער איצט איז איר לאַגע אַ סך ערגער געוואָרן און עס איז אוממעגלעך פאַר איר צו מאַכן אַזאַ רייזע. דעריבער בלייבט אונדז איבער בלויז איין זאַך, און דאָס איז: מתפלל צו זיין צו גאָט, אַז ער זאָל איר שיקן אַ רפואה שלמה.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז רבקהס לאַגע געוואָרן אַ סך ערגער און יהושע האָט געשיקט שלמהן רופן אויף שנעל דעם פעלדשער און איידער דער פעלדשער איז געקומען האָט שוין רבקה אויסגעהויכט איר נשמה.

גרויס איז געווען דער טרויער פון יהושען און פון זיין זון שלמה. מען האָט באַלד געשיקט אימיצן אָנזאָגן משפחה, איבערהויפּט די וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן ניט ווייט פון מאַהילנע. דער ערשטער וועלכער איז געקומען איז געווען יוסף, זייער עלטערער זון, שלמהס ברודער. ער האָט געאַרבעט אויף אַ פאַכט ניט ווייט פון דאָרט, און ווען ער האָט דערהערט, אַז זיין מוטער איז ער געשטאָרבן, איז ער גלייך געקומען און ער און שלמה האָבן ביטער געוויינט...

אַזוי ווי קיין בית עולם אין מאַהילנע איז נאָך דאַן ניט געווען, האָט מען אָוועקגעפירט די מתים מקבר צו זיין אין נעסוויזש. יהושע און זיין גאַנצע משפחה האָבן געפירט רבקהס קערפּער קיין נעסוויזש. ווען ריסיע די קרעטש־מערין האָט געהערט פון רבקהס טויט, און ווייסנדיק אַז מען וועט זי ברענ־גען אין נעסוויזש צו דער קבורה, איז זי גלייך אַוועק צום אָרטיקן בית־דין, און האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל מעכב זיין די קבורה, ביז וואַנען דער משפט צווישן איר און יהושען וועט געשליכטעט ווערן דורכן בית־דין.

— אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג איז, אַז ער זאָל איינשטימען צו קומען צום בית־דין און זאָל דער בית־דין אורטיילן ווער עס איז גערעכט. דריי מאָל האָט מען דאָך נאָך אים געשיקט, אָבער ער האָט פון דעם ניט געוואָלט הערן. איצט, קען מען אים צווינגען צו קומען האָבן אַ דין־תורה. ווי מען וועט פסקענען, וועל איך זיין צופרידן. דעריבער וויל איך, אַז מען זאָל אים ניט דערלויבן מקבר צו זיין זיין פרוי ביז וואַנען ער וועט קומען צום משפט.

— זי איז גערעכט! — האָט איינער פון די דיינים אַ זאָג געטאָן — מיר האָבן נאָך אים געשיקט דריי מאָל און ער איז ניט געקומען. מיר וועלן דעריבער מוזן פאַרהאַלטן די קבורה ביז וואַנען ער וועט קומען צו דעם דין־תורה וואָס ריסיע וויל מיט האָבן.

אַזוי שנעל ווי די לוויה פון שלמהס מוטער האָט דערגרייכט נעסוויזש, האָט דער הויפּט פון דער חברה קדישא געלאָזט וויסן יהושען, אַז בית־דין האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרזאָג ניט מקבר צו זיין זיין פרוי ביז וואַנען ער וועט קומען צו דער דין־תורה צו וואָס די אַלמנה ריסיע רופט אים.

— ווי אַזוי קען מען דאָס טאָן אַזאַ זאַך! — האָט יהושע אויסגערופן — אין דער צייט וואָס דער מת ליגט פאַר מיינע אויגן זאָל איך זיך גיין משפטן?...

— מיר קענען דיר גאָרניט העלפן! — האָט דער עלטסטער פון דער

חברה קדישא געזאָגט — ווען די דיינים זאָגן, אַז מיר זאָלן מעכּב זיין די קבורה, מוזן מיר אַזוי האַנדלען.

קיינע טענות האָבן ניט געהאָלפן. מען האָט דערוויל איבערגעלאָזן דעם טויטן קערפּער פון יהושעס פרוי אין מתים שטיבל, און יהושע, אַ דערשלאָגענער, מיט אַ צעבראָכענעם האַרץ, איז אַוועק צום בית־דין שטיבל, וואו ריסיע האָט שוין דאָרט געוואַרט.

אין צווייטן צימער זיינען געווען דריי דיינים. זיי האָבן געהייסן אַריינשיקן יהושען און ריסיען. ווען יהושע האָט דערזען די דיינים האָט ער אויסגערופן:

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך, מען זאָל ניט דערלאָזן צו ברענגען צו דער קבורה אַ יידישע פרוי וועלכע האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן!

— קיינער האָט ניט צו דעם מת — האָט דער עלטערער פון די דיינים אַ זאָג געטאָן — נאָר דו האָסט ניט ריכטיק געהאַנדלט. דו האָסט ניט געפאָלגט דעם פאַרזאָג פון בית־דין. ריסיע די אַלמנה רופט דיך צו אַ דין־תורה. וואָלט בית־דין איינגעזען, אַז זי האָט קיין רעכט ניט דיך צו רופן, וואָלט מען דאָך נאָך דיר ניט געשיקט. און אויב מיר האָבן יאָ געשיקט נאָך דיר, איז דאָס געווען אַ באַווייז, אַז דער דין־תורה איז באַרעכטיקט, און עס איז געווען דיין פליכט צו קומען. איצט מעגסטו וויסן, אַז אַזוי לאַנג ווי דו וועסט זיך ניט אונטערנעמען מקיים צו זיין דעם פּסק דין פון בית־דין, וועט מען ניט דערלאָזן אַז דו זאָלסט מקבר זיין דיין פרוי אין נעסוויזש.

— אָבער אין דער צייט פון מיין גרויסן צער, ווי אַזוי וועל איך גאָר קענען פאַרלייגן מיינע טענות? — האָט יהושע אויסגערופן.

— די זאַך איז גאַנץ קלאָר — האָט אַ צווייטער דיין אַ זאָג געטאָן — דו האָסט געשריבן תּנאים מיט ריסיען אין וועלכע עס איז איינגעשריבן, אַז דיין זון, שלמה, דאַרף הייראַטן מיט ריסיעס טאָכטער, שרה. איצט דאַרף דאָ, פאַרן בית־דין, אַלץ קלאָר ווערן. מיר וועלן אויסהערן אירע טענות און דיינע טענות און מיר וועלן אַרויסגעבן דעם פּסק דין. און אויב דו וועסט צוזאָגן דורכצופירן אונדזער אורטייל און טאָן ווי מיר פּסקענען, וועלן מיר דיר געבן די דערלויבעניש מקבר צו זיין דיין מת, און אויב ניט, וועסטו מוזן זוכן אַן אַנדער בית־עולם.

— איך וועל אויספאָלגן אַלץ וואָס דער בית־דין וועט מיר זאָגן — האָט יהושע אויסגערופן.

— נו, אויב אַזוי זאָל ריסיע פריער פאָרברענגען אירע טענות! — האָט דער עלטסטער פון די דיינים געזאָגט.

ריסיע איז צוגעקומען און האָט פאַר די דיינים דערציילט אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען: ווי מען האָט געפּייערט די תּנאים פון איר טאָכטער און ווי אויף די תּנאים האָבן זיך געחתמעט דער רב און פילע פון די חשובע פון שטאָט.

זי האָט דאַן פונאַנדערגעוויקלט די תּנאים און דאָס געצייגט די דיינים, וועלכע האָבן דאָס דורכגעלייענט און באַטראַכט די אַלע חתימות.

— איז דאָס דײַן חתימה? — האָט דער עלטסטער פֿון די דײַנים אַ פֿרעג געטאָן יהושען.

— יאָ, דאָס איז מײַן חתימה! — האָט יהושע טרויעריק געשאָקלט מיט זײַן קאָפּ.

— אויב אַזוי, ווי קומט עס, וואָס דו האָסט געבראָכן די תּנאָים, און דו האָסט גאָר געמאַכט תּנאָים מיט אַ צווייטן?

— איך האָב פֿון אָנפֿאַנג אָן גאָרניט צוגעשטימט צום שידוך! — האָט יהושע אויסגערופֿן — אָבער זי האָט עס אַרויפֿגעצוואונגען אויף מיר!

— ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך אַזאַ זאַך? — האָט דער עלטסטער דײַן אויסגערופֿן — וואָס ביסטו עפּעס אַ ייִנגל? ווער האָט דיך געקענט צווינגען צו דעם?

— ווען איך זאָל פֿאַר אײַך איצט קענען דערציילן די אַלע אײנצלהייטן, ווי אַזוי זי האָט מיר איבערגעכיטרעוועט און געבראַכט דערצו, אַז די תּנאָים זאָלן געשריבן ווערן, וואָלט איר איינגעזען, אַז איך בין אינגאַנצן ניט אומ־געדעכט. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ! איך בין געווען גרייט אָנצוהאַלטן די תּנאָים ווען זי וואָלט געהאַט נאָכגעקומען אַלע באַדינגונגען וואָס זײַנען אַרײַנ־געשריבן געוואָרן אין די תּנאָים!

— האָב איך דען אײַך באַלד ניט געגעבן די פֿיר הונדערט גילדן אין מזומן? — האָט ריסיע אויסגערופֿן — איר האָט פֿאַרלאַנגט מזומן, האָב איך דאָס אײַך גלײַך דערלאַנגט.

— און וואָס איז מכּוח די אַנדערע פֿאַרשפּרעכונגען אײערע? — האָט יהושע געזאָגט — איר האָט שוין מן הסתּם פֿאַרגעסן, אַז איר האָט צוגעזאָגט צו קויפֿן פֿאַר דעם חתן אַ גאַנג ש״ס מיט אַלע מפֿרשים. איר האָט צוגעזאָגט צו מאַכן אים אַ גאַרניטור, און אים געבן קעסט... יאָ, אי איך האָב געוואַרט אַ חודש, צוויי, דרײַ און מער חדשים און איר מאַכט זיך ניט וויסנדיק... איך פֿרעג אײַך, וואָס אַזוינס האָב איך געזאָלט טראַכטן? איך בין געווען זיכער, אַז איר האָט חרטה אויף דעם שידוך, און ווי באַלד אַזוי, האָב איך געהאַט פֿולע רעכט צו שרײַבן תּנאָים מיט אַן אַנדערן.

— פֿאַרוואָס זאָל איך עפּעס חרטה האָבן? — האָט ריסיע געזאָגט — גלויבט מיר, אַז איך האָב דאָס געהאַט גוט אין זינען. אָבער די אומשטענדן זײַנען געווען אַזעלכע, אַז איך האָב עס גלײַך ניט געקענט באַווײַזן. אַ סימן האָט איר, אַז אַזוי שנעל ווי עס איז פֿאַר מיר מעגלעך געוואָרן, האָב איך באַשטעלט אַ גאַנג ש״ס פֿאַר מײַן טאָכטערס חתן, און איך האָב שוין אויך פֿאַרטיק דעם גאַרניטור פֿאַר אים. און ניט נאָר דאָס, איך בין גרייט צו באַ־צאָלן פֿאַר זײַנע קעסט, וואָס שלמה האָט בײַ אײַך געגעסן פֿון זינט די תּנאָים.

— נו, וואָס קענט איר זאָגן אויף דעם? — האָט דער הויפּט פֿון די דײַנים זיך געווענדעט צו יהושען — זי וויל דאָך נאָכקומען אַלע באַדינגונ־גען וואָס זײַנען אַרײַנגעשריבן אין די תּנאָים!

— אָבער דאַן, ווען איך האָב געשריבן די צווייטע תּנאָים מיט הירש דוקער,

האָב איך דאָך געמיינט, אַז זי האָט חרטה, ווייל זי האָט פון זיך אַזוי לאַנג ניט געלאָזט וויסן, טאָ וואָס זאָל איך איצט טאָן?

— אויב מיר וועלן פסקענען, אַז דו ביסט גערעכט, וועלן די ערשטע תנאים מיט ריסיען דאַרפן בטל ווערן — האָט דער דריטער דיין געזאָגט — אָבער, אויב מיר וועלן געבן ריסיען גערעכט, דאַן וועלן די צווייטע תנאים זיך אַרויסווייזן צו זיין אַ טעות, און זיי וועלן ווערן בטל ומבוטל... איר גייט דערווייל אַריין אין דעם צווייטן צימער, וואו די אַנדערע געפינען זיך, און מיר וועלן באַשטימען ווער עס איז גערעכט, און דאַן וועלן מיר אַרויסגעבן אונ־דזער פסק־דין.

יהושע און ריסיע זיינען אַרויס פון דאָרט און עס האָט לאַנג ניט גענומען די דיינים צו קומען צו אַן איינשטימיקן באַשלוס, אַז ריסיע איז גערעכט און אַז יהושע מוז האַלטן די ערשטע תנאים.

זיי האָבן זיי גלייך געהייסן אַריינקומען און מען האָט זיי איבערגעגעבן דעם באַשלוס פון בית־דין.

— אויב דו זאָגסט צו, אַז דו וועסט פאָלגן, קענסטו מקבר זיין דיין מת!

— האָט אים דער הויפּט פון בית־דין געזאָגט.

— געוויס וועל איך פאָלגן דעם פסק־דין! — האָט יהושע זיך אָנגע־רופן.

— זאָל אייך גאָט טרייסטן אין אייער אומגליק! — האָט ריסיע אויסגע־רופן און זי האָט גענומען ווישן אירע אויגן.

יהושע האָט איר גאָרניט געענטפערט. ער איז גלייך אַרויסגעקומען און ער האָט געבעטן דעם בית־דין שמש ער זאָל גלייך איבערגעבן די חברה קדישא, אַז זיי קענען אָנגיין מיטן מקבר זיין דעם מת.

מען האָט מקבר געווען רבקהן לויטן דין און יהושע און זיין גאַנצע משפּחה האָבן זיך צוריקגעקערט קיין מאַהילנע, וואו זיי זיינען געזעסן שבעה.

הירש דוקער איז געקומען אין מאַהילנע מנחם אָבל זיין יהושען. ער האָט באַלד אויסגעפונען וואָס עס איז געשען.

— אָבער מיר האָבן דאָך אויך געשריבן תנאים! — האָט הירש דוקער זיך אָנגערופן.

— ווען מיר האָבן געשריבן די תנאים בין איך געווען אונטערן איינדרוק, אַז ריסיע האָט חרטה און זי וויל ניט נאָכקומען די באַדינגונגען און במילא זיינען די תנאים וואָס איך האָב מיט איר געשריבן בטל. אָבער איצט, אַז זי האָט באַוויזן, אַז זי האָט גאָרנישט געטראַכט אַנדערש ווי אָנצוהאַלטן די תנאים, אַז זי האָט געזוכט נאָכצוקומען אַלע באַדינגונגען, זיינען דאָך די ערשטע תנאים אין קראַפט און דעריבער איז דאָס וואָס מיר האָבן צווישן זיך גע־שריבן די תנאים גאָרניט ווערט... גלויבט מיר, הירש דוקער, אַז וואָס אַנ־באַלאַנגט מיר, וואָלט איך געווען אַ סך מער צופרידן ווען די דיינים פסקענען, אַז איך האָב געהאַט אַ רעכט צו שרייבן תנאים מיט אייך, און אַז די פריער־דיקע תנאים זיינען גאָרניט ווערט, אָבער איצט, אַז די דיינים האָבן איר גע־געבן גערעכט, בין איך געצוואונגען צו פאָלגן און אָננעמען זייער פסק־דין...

— יאָ, איך זע, אַז איר זייט ניט שולדיק! — האָט זיך הירש דוקער געמאַכט ווי ער שטימט איין מיט די דאָזיקע טענות פון יהושען — עס טוט מיר טאַקע לייד, ווייל איך האָב שוין אַלעמען געזאָגט וועגן מיין טאָכטערס חתן און מיר האָבן זיך אַפילו גענומען גרייטן צו דער חתונה, אָבער אַז עס איז ניט באַשערט, האָב איך צו אייך קיין טענות ניט. עס ווערט אָבער שפּעט, וועל איך שוין ביי אייך איבערנעכטיקן מיט מיינע יונגען, און מאָרגן גאַנץ פרי וועלן מיר אָפּרייזן פון דאַנען!

— מיט פאַרגעניגן! — האָט יהושע געזאָגט — איך וועל זעען, אַז מען זאָל פאַר אייך צוגרייטן אַ צימער, און אייערע יונגען וועלן קענען איבער־נעכטיקן דאָ אין סטאַלאָווע.

— ניין, עס איז ניט נויטיק. איך און מיינע יונגען וועלן שוין בלייבן אין דעם זעלבן צימער.

די דינסט האָט זיי דערלאַנגט צום עסן און דאַן האָט זי צוגעגרייט דעם גאַסטצימער.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, זיינען אַלע געגאַנגען שלאָפן. אַזוי ווי די בעטן האָבן פאַרנומען הירש דוקער און זיינע יונגען, האָט די דינסט געמאַכט שלמהס געלעגער אויף דעם טיש אין דעם עס־צימער. יוסף, יהושעס עלטע־רער זון, איז געשלאָפן מיט זיין טאַטן אין שלאָפצימער. שלמה, וועלכער איז געווען שטאַרק מיד, איז איינגעשלאָפן געוואָרן אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך געלייגט אויף דעם טיש, וואָס איז געווען זיין געלעגער.

הירש דוקער האָט זיך דורכגערעדט מיט זיינע געטרייע יונגען. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן און זיי וועלן אים העלפן דורכפירן.

— איר ווייסט דאָך, אַז שלמה האָט געזאָלט זיין מיין טאָכטערס חתן, אָבער ווען יהושע איז געקומען קיין נעסוויזש האָט די קרעטשמערין אים געצוואונ־גען ער זאָל צונישט מאַכן די תנאים וואָס ער האָט געהאַט מיט מיר געשריבן און צוריק בלייבן דער חתן פון איר טאָכטער. אמת, ווי איך פאַרשטיי איז דאָס טאַקע ניט יהושעס שולד, ווייל אַזוי האָבן די דיינים דאָרט געפּסקנט. אָבער אויב מיר זאָל געלונגען אַוועקצונעמען שלמהן פון דאַנען אין מיטן נאַכט, און ברענגען אים צו מיר אין הויז, וואָלט איך שוין געזען מ׳זאָל גלייך שטעלן אַ חופּה און נאָכדעם ווי ער וועט הייראַטן מיין טאָכטער, וועט שוין קיין זאַך ניט העלפן. קיינער וועט דאָך ניט קענען באַשולדיקן יהושען, אַז ער האָט ניט אויסגעפאָלגט דעם פּסק־דין פון די דיינים, ווייל דאָס איז דאָך אָפּגעטאָן געוואָרן אָן זיין וויסן.

— און ווי אַזוי וועלן מיר דאָס קענען דורכפירן? האָט איינער פון די יונגען אים געפרעגט.

— אָט טאַקע וועגן דעם פּלאַן וויל איך מיט אייך רעדן! — האָט דוקער זיך אָנגערופן — מיר וועלן צוּוואַרטן אַ קליינע ווײַלע, ווען אַלע וועלן שוין שלאָפן. דאַן וועט איר ביידע אַרויסגיין אין דרויסן און שפּאַנען די פערד. ווען איר וועט שוין האָבן אַלץ צוגעגרייט, זאָלט איר אין דער שטיל צוריק אַריינ־

קומען אין הויז. דאַן וועלן מיר אַריינקומען אין עס־צימער. שלמה שלאָפט דאָרט אויף דעם טיש. מיר וועלן אים אַ נעם טאָן מיט די בעט־געוואַנט און אים אַרויפלייגן אויף דער פור, און מיר וועלן שנעל אָפּרייזן פון דאַנען. ווען זיי וועלן זיך כאַפּן אין דער פרי, וועלן מיר שוין זיין ביי אונדז אויף דער פאַכט.

— אָבער טאָמער כאַפּט זיך שלמה אויף און ער וועט נעמען שרייען? — פרעגט איינער פון די יונגען.

— וועט מען דאַן אַרויפלייגן די האַנט אויף זיין מויל, אַזוי אַז קיינער וועט גאָרניט הערן! — האָט הירש דוקער געזאָגט.

די יונגען האָבן אַזוי געטאָן. זיי זיינען גאַנץ שטיל אַרויס אין דרויסן און איינגעשפּאַנט די פערד צו דער פור. דאַן האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אין הויז. אויף די שפּיץ פינגער זיינען זיי אַריין אין דעם עס־צימער. ביי דער שיין פון דער לבנה האָבן זיי געקענט זען ווי שלמה ליגט אויף דעם טיש און שלאָפט אַזוי געשמאַק.

מיט גרויס פאָרזיכטיקייט האָבן זיי אַ הויב געטאָן די פּערענע אויף וואָס שלמה איז געשלאָפן. זיי האָבן אים געטומען אַרויסטראָגן פון הויז. ווען זיי זיינען שוין געווען אין דרויסן, האָט זיך שלמה גענומען אויפטשוכן און ער האָט גענומען מורמלען. הירש דוקער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף שלמהס מויל און אים געזאָגט, אַז ער זאָל ניט מאַכן קיין טומל.

זיי האָבן אים אַריינגעלייגט אין פור, און איינער פון די יונגען האָט גע־נומען טרייבן די פערד און הירש דוקער מיט דעם צווייטן יונג זיינען געבליבן אין פור מיט שלמהן. יוסף, שלמהס עלטערער ברודער, האָט דערהערט דעם גערויש פון די רעדער אין דרויסן און ער האָט אויפגעוועקט זיין פאָטער.

— איך הער אַ גערויש אין דרויסן, ווי אַ פור וואָלט פון דאַנען אָפּגע־פאָרן — האָט זיך יוסף אָפּגערופן צו זיין פאָטער.

יהושע האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און ביידע זיינען אַרויס פון צימער. יהושע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און ווי דערשטוינט איז ער און זיין זון יוסף געוואָרן ווען זיי האָבן דערזען, אַז שלמה איז ניטאָ אויפן טיש; אַז זיין געלעגער איז צעוואָרפן און שלמה און די פּערענע פעלן.

— דאָס האָט הירש דוקער אים אַוועקגעגנבעט — האָט יהושע אויס־גערופן און ער האָט אויף שנעל אויפגעוועקט אַלע אַנדערע פון הויז.

יוסף איז אַריין אין שטאַל און האָט גענומען אַ פערד און זיך גענומען נאָכיאָגן. זיי האָבן גענומען שרייען און מאַכן געוואַלדן. הירש דוקער האָט שוין געזען, אַז מען האָט אויסגעפונען, וואָס ער האָט געטאָן, און מורא האָבנדיק, אַז דער גאַנצער דאָרף פויערים וועט זיך אַ נעם־טאָן נאָכיאָגן נאָך זיי, און דאַן וועלן זיי אים נאָך טאָן שלעכטס, האָט ער באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן.

יהושע און יוסף צוזאַמען מיט די אַנדערע, זיינען צוגעקומען צו דער פור. שלמה איז געווען אַזוי פאַרשלאָפן, אַז אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס חלומט זיך אים.

— וואָס האָט איר געטאָן? האָט יהושע זיך צו אים אָנגערופן.

— איך האָב געפּילט, אַז מען איז קעגן מיר באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה — האָט הירש דוקער זיך גענומען פאַרענטפערן — האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אויב איך וועל שוין האָבן די זאַך אָפּגעטאָן אָן אייער וויסן, וועט איר זיין אומשולדיק און שלמה וועט ווערן מיין איידעם און אַלץ וועט זיין אָפּגעטאָן און פאַרפאַלן.

— אָבער ווי וואָגט איר דאָס אַרויסצוגנבענען מיין זון פון מיין הויז? — האָט יהושע זיך געבייזערט — אַזאַ זאַך איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. איך וועל אייך פאַר דעם אָנקלאָגן אין געריכט!

— איך האָב געפּילט, אַז איך האָב אַ רעכט דערצו — האָט דוקער זיך אָנגערופן — איך האָב אייך צוריקגעגעבן דעם וועקסל, און דערצו האָב איך נאָך דערלייגט פופציק טאָלער אין מזומן... אָבער אויב איר וועט מיר צו־זאָגן דערפון קיין וועזן ניט מאַכן, וועל איך ביי אייך גאָרניט מאָנען צוריק.

יהושע האָט איינגעשטימט און זיי האָבן זיך צוריקגעקערט מיט דעם פאַרשלאָפענעם שלמהן, וועלכע האָט געריבן זיינע אויגן און בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן וואָס מיט אים קומט פאָר.

ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין הויז, האָט זיך שוין דער שלאָף אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון שלמהס אויגן, און יהושע האָט אים געפרעגט:

— ווייסטו, וויניקסטנס, מיין זון, וואָס מיט דיר איז דאָ געשען? הירש דוקער האָט דאָך געמאַכט אַ פאַרזוך דיך אַוועקצוגנבענען פון דאַנען, כּדי דיך גלייך חתונה צו מאַכן מיט זיין טאָכטער, מיט וועמען מיר האָבן געהאַט געשריבן די צווייטע תּנאים.

— אפשר וואָלט אַזוי געווען בעסער! — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שלמהס מויל.

— זעסטו, מיט דעם וואָס ער איז באַגאַנגען אַזאַ עוולה, האָט ער שוין ביי מיר פאַרלוירן דעם גאַנצן חן — האָט יהושע געזאָגט — ווייזט אויס, אַז דיר איז באַשערט צו ווערן דער מאַן פון שרהן, די טאָכטער פון דער אַלמנה ריסיע... עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז זי זאָל האָבן די מעגלעכקייט אונדז צו צווינגען אָנצוהאַלטן די תּנאים.

שפּעטער, ווען שלמה האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן אויף אַ בעטל אין יענעם צימער וואָס איז פריער באַשטימט געוואָרן פאַר הירש דוקער, האָט זיך יוסף אָנגערופן צו יהושען:

— פאָטער, איך וויל דו זאָלסט מיר דערקלערן וואָס אַזוינס איז דיין איי־לעניש צו פירן שלמהן צו דער חופּה. ער איז דאָך בלויז עלף יאָר אַלט. וואָס וועט ער פאַרזאַמען?

— גלויב מיר, מיין זון, אַז ווען עס וואָלט זיך איצט געווענדעט אָן מיר, איך מיין ווען איך קען אַלץ צוריקכאַפּן, וואָלט איך זיך טאַקע ניט געאיילט. אָבער פריער האָט מיר די נויט צו דעם געטריבן. דו ווייסט דאָך, אַז דיין מוטער איז לעצטנס געווען זייער קראַנק. אַלץ וואָס איך האָב פאַרדינט איז אַוועק אויף איר קראַנקייט. פּרנסה איז ניט געווען, חובות האָב איך געהאַט אַ סך. האָב איך זיך געטראַכט, אַז ווי באַלד עס זיינען פאַראַן אַזעלכע רייכע

בעלנים אויף שלמהן, וואָס וועט שאַטן ווען איך וועל קענען פאַרזיכערן זיין צוקונפט און קריגן פאַר אים אַ רייכן שידוך, וואו ער וועט ניט דאַרפן טראָגן דעם יאָך פון פּרנסה און ער וועט קענען זיצן רואיק און לערנען תּורה? ווייל ער איז דאָך געבוירן געוואָרן צו לערנען. אַזאַ קאָפּ צום לערנען איז אַ זעל־טנהייט. זעסטו, מיר איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז איך וועל פאַר שלמהן טאָן אַ שידוך מיט אָט־דער אַלמנה ריסיע, וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, איז אַליין אויך גאַנץ אָרעם. אמת, זי האָט אַ געשעפטל, און דאָס אַלטע הויז געהערט צו איר, אָבער ווער ווייסט וויפיל זי איז אויף דעם שולדיק. גלויב מיר, אַז איך קען זיך נאָך עד־היום ניט אָפּגעבן קיין חשבון ווי אַזוי איך האָב דערלאָזן, אַז עס זאָל גאָר קומען צו דעם... ריסיע איז זייער אַ כיטרע יידענע, און זי האָט אונדז אַלעמען פאַרדרייט דעם קאָפּ... ווייזט אויס, אַז עס איז אַזוי באַשערט געווען. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל באַפרייט פון איר און אַז זי וועט מיר גאָרניט קענען טאָן, ווייל זי האָט דאָך ניט געהאַלטן איר וואָרט. אָבער איז ביי אונדז געשען דער גרויסער אומגליק, אייער מוטער איז גע־שטאָרבן און די כיטרע ריסיע נוצט אויס די געלעגנהייט און דורך דעם בית־דין צווינגט זי מיך צו האַלטן די תּנאים.

18

ריסיע האָט שוין איצט איינגעזען, אַז וואַרטן צו לאַנג וועט ניט טויגן. זי האָט דעריבער געוואָלט, אַז די חתונה צווישן שלמהן און שרהן זאָל פאַר־קומען וואָס שנעלער. זי האָט געשיקט דעם בעל־עגלה צו יהושען אין הויז און אים געלאָזט וויסן, אַז זי האָט שוין אַלץ צוגעגרייט פאַר אים. דער גאַנג ש״ס מיט אַלע מפרשים געפינט זיך שוין אינם נייעם ספרים־שראַנק, וואָס זי האָט באַשטעלט מאַכן פאַר שלמהן; זיין גאַרניטור איז פאַרטיק, און אַלע אַנ־דערע זאַכן, וואָס זי האָט אים צוגעזאָגט, זיינען שוין פאַר אים אויך גרייט, און איצט זאָל ער קומען צופאָרן מיט דעם בעל־עגלה.

יהושע האָט געוואוסט, אַז אויב ער זאָל ווייטער זוכן אָפּצולייגן די חתונה, וועט זי שוין מאַכן אַזאַ טומל, אַז ער וועט ניט האָבן וואו זיך אַהינצוטאָן פאַר בושה, האָט ער שוין דעריבער איינגעשטימט.

יהושע האָט צוגערופן שלמהן און האָט אים געזאָגט, אַז זיין צוקונפטיקע שוויגער האָט נאָך אים געשיקט. זי לאָזט אונדז וויסן, אַז זי האָט שוין אַלץ צוגעגרייט פאַר דיר, ווי עס איז אַריינגעשריבן געוואָרן אין די תּנאים. פאַר־שטייט זיך, אַז דו דאַרפסט אָפּפאָרן צו איר און דאָרט בלייבן. איך וואָלט אָבער ניט געוואָלט, אַז מען זאָל פייערן דיין חתונה אַזוי שנעל. איך וועל זען, ווי ווייט מעגלעך, אַז מען זאָל אָפּלייגן די חתונה אויף שפּעטער, אָבער טאָמער וועט זי דווקא באַשטיין אויף דעם, אַז מען זאָל האָבן די חתונה וואָס שנעלער,

זאָלסטו איר זאָגן גאַנץ אָפן, אַז אָן מיר וועסטו בשום־אופן ניט גיין צו דער חופּה. דו וועסט איר קענען זאָגן, אַז איך האָב נאָך היפּשע עטלעכע זאַכן צו באַזאָרגן און אַז איך דאַרף ברענגען אין אָרדענונג אייניקע ענינים. דו וועסט איר אויך קענען זאָגן, אַז איך האָף, דאָס מיינע עלטערן, דיין זיידע און באָבע, וועלן קענען קומען צו דער חתונה. דערווייל זיינען זיי ביידע גאַנץ שוואַך, און עס איז זייער שווער פאַר זיי צו מאַכן אַזאַ לאַנגע רייזע.

שלמה האָט זיך געזעגנט מיט זיין זיידן חיים יוסף און מיט זיין באָבע דאָבען, וועלכע זיינען געווען אויך גאַנץ קראַנק, און האָט זיך מיט זיי צוקושט. יהושע איז אַרויסגעפאָרן מיט אים אַ שטיקל וועג אים צו באַגלייטן. ער האָט אים ווידער דערמאָנט אַלץ וואָס ער האָט צו טאָן און זיך מיט אים צוקושט, און שלמה איז אָפּגעפאָרן קיין נעסוויזש.

ווען ריסיע האָט דורכן פענצטער דערזען פון ווייטן דעם בעל־עגלה אָנ־קומענדיק, האָט זי זיך אָנגערופן צו איר טאָכטער:

— שרהלע, גיי שנעלער, וואַש זיך אָרום, פאַרקאַם דיינע האָר און טו־אָן דיין שבתדיקע קלייד, ווייל דיין חתן קומט אָן!

שרה האָט אַזוי געטאָן. ריסיע איז אַרויס אין דרויסן און ווען די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט און שלמה איז אַרונטער פון דאָרט, איז זי צו אים צוגעלאָפן און גענומען אים קושן.

— אוי, אַ געזונט זאָל אַריין אין דיינע ביינדעלעך, שלמהקע. קום אַריין אין הויז מיט דער רעכטער פוס, און זאָל זיין מיט גליק, מיט מזל, מיט הצלחה. אָמן!

שלמה האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַריין אין הויז.

— קום, שלמה! — האָט ריסיע אים אָנגענומען פאַר דער האַנט — די ערשטע זאַך וואָס איך וועל דיר ווייזן איז דיין שראַנק מיט דעם גאַנצן גאַנג גמרות. אַזש פון ווילנע האָט מען דאָס מיר צוגעשיקט. דער רב פון נעסוויזש האָט געזען דעם ש״ס און ער האָט געזאָגט, אַז הלוואַי וואָלט ער געהאַט אַזאַ ש״ס... זאָל גאָט געבן, אַז דו זאָלסט לערנען און צוליב דעם זכות פון דיין לערנען זאָלן מיר אַלע געבענטשט ווערן מיט אַלדאָס גוטס.

שלמה איז אַ ווײַלע געשטאַנען נעבן דעם אַלמער ספרים אַ פאַרגאַפּטער. ער האָט באַטראַכט די גרויסע גמרות מיט די ברוינע לעדערנע בענדער. ער האָט געוואָלט אַרויסנעמען אַ גמרא און אַ קוק־טאָן, אָבער ער האָט זיך גע־שעמט דאָס צו טאָן פאַר איר אין די אויגן.

— איצט קום, וועל איך דיר ציגן דיין גאַרניטור. איך האָב באַשטעלט פאַר דיר צוויי גאַרניטורן: איינעם פאַר אינדערוואָכן און איינעם פאַר שבת און יום־טוב. פריער וועל איך דיר ציגן דעם יום־טובדיקן מלבוש.

זי האָט אים אַריינגעפירט אין דעם צימער וואו שרה פלעגט שלאָפן און האָט אים געוויזן די צוויי מלבושים. שלמה איז געווען גאַנץ צופרידן מיט אַלץ. איבערהויפּט האָט אים גענומען די צערטלעכקייט און פריינדלעכקייט, וואָס זיין צוקונפטיקע שוויגער האָט אים אַרויסגעוויזן גלייך ביי זיין אָנקומען צו איר אין הויז.

— אַט דעם טלית־קטן — האָט זי אים געוויזן אַ ווייסן טלית־קטן, וואָס איז געהאַנגען נעבן דעם שבתדיקן גאַרניטור — האָט שרהלע, דיין כלה, אַליין אויפגעצנייט און אַליין איינגעפלאָכטן די ציצית. אם ירצה השם, ווען איר וועט חתונה האָבן, וועל איך זען קויפן פאַר דיר אַ טלית און שרהלע וועט אויס־נייען פאַר דעם טלית אַ שיינעם טלית־זעקל. אַי, נעמסטו אַ כלה! זי איז דאָך אַזאַ בריה, זי קען אַלץ!

שלמה איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט גענומען טראַכטן פון זיין מוטער, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן. וועט זי, ריסיע, קענען פאַרנעמען איר פלאַץ? עפּעס ווערט אים פריקרע פון אירע איבערגעטריבענע צערטלעכקייטן. עס קומען אים אויפן געדאַנק די פסוקים פון משלי: „להצילך מאשה זרה מנכריה אמריה החליקה... החזיקה בו ונשקה לו... הולך אחריה פתאם כשור אל טבח יבא"... „דיך אָפּצוראַטעווען פון דער פרעמדער פרוי, פון דער אומבאַקאַנטער וועלכע רעדט גלאַטע ריידעלעך"... „זי נעמט אים אַרום און זי קושט אים"... „ער גייט איר נאָך פלוצלונג ווי אַן אָקס וואָס גייט צו דער שחיטה"...

פאַרוואָס פלאָנטערן זיך אים אַט די דאָזיקע פסוקים פון משלי אין זיין מח? זי וועט דאָך זיין זיין שוויגער, וועלכע וועט דאַרפן פאַרנעמען דעם פלאַץ פון זיין מוטער... פאַרוואָס זאָל ער זי פאַרגלייכן אין זיינע געדאַנקען צו אַט יענער פרוי וועגן וועמען שלמה המלך וואָרנט אין משלי?...

— שלמה, מיין זון! — הערט ער ווי זי רעדט ווייטער צו אים — דו ביסט דאָך געוויס הונגעריק פון וועג. אַט גיי זיך וואַשן און שרהלע וועט פאַר דיר צוגרייטן וואָס צו עסן.

ער איז טאַקע געווען הונגעריק און אַט די דאָזיקע רייד פון ריסיען, האָבן אויף שנעל פאַרטריבן די בייזע געדאַנקען פון אים. זי איז צו אים פריינט־לעך און צערטלעך און זי וועט אים געוויס באַהאַנדלען ווי אַן אייגענעם זון... זי איז זייער גוטהאַרציק און זי איז מוטערלעך צו אים.

ריסיע האָט אים אָנגעוויזן אין קיך אויף דעם צעבער און זי האָט אים געגעבן אַ קענדל און ער האָט אָנגעשעפּט וואַסער פון צעבער און געוואַשן זיינע הענט. זי האָט אים דערלאַנגט אַ ריינעם האַנטוך און ער האָט געזאָגט „שאו ידיכם" און האָט זיך געזעצט ביים טיש, וואו ער האָט געפונען אַ גאַנצן לאַבן ברויט. ער האָט אָפּגעשניטן אַ פּענעץ ברויט, איינגעטונקט אין זאַלץ, און געמאַכט „המוציא".

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריינגעקומען שרה, אַן אויסגעפּוצטע, אָנגעטאָן אין איר שבתדיק קלייד. איר פּנים האָט געפלאַמט פון רויטקייט. זי האָט באַגריסט שלמהן, אויף וואָס ער האָט איר האָט געענטפערט מיט אַ שאָקל פון זיין קאָפּ.

זי האָט באַלד אַריינגעבראַכט אין עס־צימער אַ שיסל פול מיט סמעטענע און צוואָרעך, און אויך הייסע בולבעס. שלמה האָט געגעסן מיט גרויס אַפּע־טיט. שרה איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אין צימער שוויגנדיק. זי האָט געקוקט אויף איר חתן, און אין איר האַרץ איז זי געווען דאַנקבאַר צו איר מוטער

וואָס זי האָט מיט איר קלוגשאַפט געקראָגן פאַר איר אַזאַ חתן, פאַר וועמען אַזאַ רייכער ייד ווי הירש דוקער איז געווען גרייט צו טאָן אַלץ, אַבי אים צו קריגן פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער.

נאָכדעם ווי שלמה האָט געגעסן און געבענטשט, איז אַריינגעקומען ריסיע אין צימער און זי האָט מיט צערטלעכקייט אין איר שטימע צו אים זיך אָנגערופן:

— זאָג מיר, שלמה, ווען וועט קומען דיין פאָטער?

— איך ווייס ניט! — האָט שלמה אַ צוק געטאָן מיט זיינע שולטערן.

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט? מיר גרייטן זיך דאָך שוין צו דער חתונה. שרהלע, זאָל געזונט זיין, האָט שוין אָנגעפאַנגען צו באַקן און איך האָב שוין באַשטעלט אַ האַלבן טוץ גענדזלעך ביי איצלען די גענדזלערקע.

— דער טאַטע האָט נאָך צו דערליידיקן געוויסע ענינים! — האָט שלמה זיך אָנגערופן.

— איך וועל לאָזן וויסן דיין טאַטן דעם טאָג ווען מיר וועלן שטעלן די חופה, און ער וועט דאַן קומען — האָט ריסיע געזאָגט — איך האָב שוין אַרויס־געשיקט דעם בעטער, ער זאָל פאַרבעטן אונדזערע אייגענע און פריינט צו אייער חתונה. דער הויפּט־רב פון נעסוויזש וועט זיין דער מסדר קדושין ביי ביי אייך אויף דער חתונה.

אָט איז געקומען דער אָוונט ווען ריסיע האָט באַשטימט די חתונה. אַלץ אַלץ איז שוין געווען געגרייט. די חלות זיינען שוין געווען אויסגעבאַקן. די גענדזלעך זיינען שוין געווען אויסגעבראָטן. די טישן זיינען געווען געדעקט און די פלעשער וויין און בראָנפן זיינען דאָרט געשטאַנען און געוואַרט מען זאָל שוין אויף זיי מאַכן אַ ברכה...

אָבער אַזוי ווי יהושע איז נאָך ניט געקומען, האָבן זיך די געסט באַ־גניגנט בלויז מיט עפּעס אַ צובייסן, און אויף מאָרגן האָט באַדאַרפט פאַר־קומען די חופה מיט דער חתונה־מאָלצייט. ריסיע האָט געגומען ווערן אומ־רואיק. זי האָט זיך געטראַכט, אַז ער זוכט ווידער אַן אויסרייד אָפּצולייגן די חתונה, כדי ער זאָל זיך קענען איינגאַנצן אַרויסדרייען פון דעם.

— וואָס איז געשען מיט דיין טאַטן, פאַרוואָס קומט ער ניט? — האָט ריסיע אויסגערופן מיט אויפרעגונג אין איר שטימע.

— איך ווייס ניט! — האָט שלמה געענטפערט.

— נו, אויב ער וועט אויך ניט קומען היינט אין אָוונט צו דער חתונה וועלן מיר מוזן שטעלן די חופה אָן אים! — האָט ריסיע שוין מיט כעס אַ זאָג געטאָן.

— אָן מיין טאַטן וועל איך ניט גיין צו דער חופה! — האָט שלמה אויסגערופן.

— וואָס הייסט דו וועסט ניט גיין? וועסטו דען דערלאָזן, אַז אַלץ זאָל גיין לאיבוד?... מיר האָבן דאָך אַלץ צוגעגרייט. די געסט וועלן היינט ווי־דער קומען... וואָס איז דאָס פאַר אַ האַנדלונג?! מיר האָבן דאָך אים געלאָזט וויסן מיט עטלעכע טעג צוריק ווען די חתונה וועט פאָרקומען. וואָס הייסט, ווי

טוט מען דאָס אַזאַ זאַך? איך זאָג דיר, אַיי אויב ער וועט היינט אין אָוונט אויך ניט קומען וועלן מיר מוזן אַנגיין מיט דער חופּה אָן אים.

— און איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, אַז אָן מיין טאַטן וועל איך צו דער חופּה ניט גיין!

— דו וועסט שוין גיין! — האָט ריסיע זיך גענומען קאָכן — אַפילו ווען מען וועט דיך דאַרפן פירן מיט סאָלדאַטן וועסטו גיין צו דער חופּה!

— אויב מען וועט מיך צווינגען צו גיין צו דער חופּה, וועט עס אַלץ איינס אייך גאָרניט העלפן — האָט שלמה געזאָגט מיט געלאַסנקייט — ווייל דער דין איז, אַז קידושין מיט געוואַלד האָבן קיין ווערט און קיין האַפט ניט...

ריסיע האָט זיך שוין אַליין דערשראָקן פאַר אירע רייד, און זי האָט זיך גענומען פאַרענטפערן אוןריידן צו אים צערטלעכע רייד:

— דו ווייסט דאָך שלמהלע, מיין זון, אַז עס ניט ריכטיק פון דיין טאַטן אַזוי צו האַנדלען. אַלץ איז אָפּגעמאַכט און אָפּגערעדט געוואָרן. וואָלט ער מיר געלאָזט וויסן דורך דיר, אַז מען זאָל אָפּלייגן די חתונה אויף עטלעכע טעג וואָלטן מיר דאָך ניט צוגעגרייט אָט די אַלע זאַכן, וואָס וועלן זיכער קאַליע ווערן אויב מען זאָל זיי איבערלאָזן אויף עטלעכע טעג שפּעטער.

דערווייל איז אָנגעקומען דער אָוונט און. יהושע איז נאָך אַלץ ניט געקומען. ריסיע איז אַרומגעלאָפן ווי אַ צערייצטע טיגערין. זי האָט יעדע ווילע אַרויסגעקוקט אין דרויסן. זי איז געגאַנגען פון צימער צו צימער און זי האָט גערעדט מיט די געסט.

— איך קען בשום אופן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ער קומט ניט! — האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט, — אפשר האָט חס־וחלילה מיט אים עפּעס פּאַסירט. ר׳ יהושע וועט דאָך ניט לאָזן אַן עולם יידן וואַרטן אומזיסט און אומנישט. מיין האַרץ פּלאַצט מיר פאַר דעם חתן נעבעך... ער געפינט זיך קיין אָרט ניט. ער זיצט און האַלט אָפן די גמרא, אָבער זיינע געדאַנקען זיינען מיט זיין טאַטן.

— אויב עפּעס האָט מיט אים פּאַסירט, און ער קען ניט קומען, וואָלט ער דאָך באַדאַרפט דורך אימיצן לאָזן וויסן, אַז ער קען ניט קומען, איז ענטוועדער אָדער: אָדער מען וואָלט אָפּגעלייגט די חופּה אויף נאָך אַ טאָג, אָדער מען וואָלט זיי געפירט צו דער חופּה אָן אים — האָט איינער פון די חשובע בעלי־בתּים פון נעסוויזש זיך אָנגערופן.

שרה, די כּלה, איז געווען אָנגעטאָן אין איר חופּה־קלייד און איז געזעסן אין איר צימער מיט צוויי אַנדערע מיידלעך, די טעכטער פון איר מוטערס קרובים. זי האָט די גאַנצע צייט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, יעדע ווילע פלעגט איר מאַמע אַריינקומען אין צימער און וואַרפן אַ בליק אויף איר טאָכטער און צושאָקלען מיטן קאָפּ.

פילע פון די געסט זיינען שוין געקומען. זיי האָבן צוגעוואונטשן ריסיען מזל־טוב און ווען זיי האָבן אויסגעפונען, אַז מען וואַרט אויף דעם חתנס פאָטער, האָבן זיי זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן און געצוקט מיט די פּלייצעס.

ריסיע האָט אַרויסגעשיקט איר זון אין דרויסן און אים אָנגעזאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט פון דער ווייטנס דערזען, אַז יהושע קומט אָן, זאָל ער גלייך אָנזאָגן.

עס איז אַוועק נאָך אַ היפּשע ווײַלע און פּלוצלינג איז איציק אַרײַנגע־לאָפן אין הויז, און זיך אָנגערופן צו זיין מאַמען:

— ר׳ יהושע קומט אָן!

ריסיע איז גלייך אַרויס אין דרויסן מקבל פּנים צו זיין איר מחותן. ווען ער איז אַרונטער פון פור, איז ריסיע אים אַנטקעגן געקומען און אים באַגריסט:

— מזל טוב אייך, ר׳ יהושע! מיר זיינען שוין געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן אייך. אַ דאַנק גאָט, אַז איר זייט געקומען בשלום! מיר האָבן שוין ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן...

— איר ווייסט דאָך, אַז מיינע עלטערן זיינען ניט אין בעסטן געזונט, און איך האָב געמוזט באַזאָרגן, אַז אימיצער זאָל מיט זיי פאַרבלייבן. אויף דער דינסט קען איך זיך ווינציק וואָס פאַרלאָזן. דערנאָך זיינען צוגעקומען אַנדערע זאַכן, וואָס איך האָב באַדאַרפט דערליידיקן...

— אָט לויף איך שוין אַריין אָנזאָגן שלמהן. ער איז געווען אַזוי אומ־רואיק און צעקלעמט, אַז עס איז געווען אַ רחמנות אויף אים אַ קוק צו טאָן.

ריסיע איז אַריין אין הויז פריער און זי האָט אַלעמען געזאָגט, אַז ר׳ יהושע איז שוין דאָ. זי האָט גלייך געשיקט איציקן, איר זון, אָנצוזאָגן דעם רב, אַז ער קען שוין קומען, ווייל מען וועט גלייך שטעלן די חופּה.

איציק איז אַוועק צום רב און אים אָנגעזאָגט, אַז ר׳ יהושע, דעם חתנס פאָטער, איז נאָר־וואָס געקומען און אַז די חופּה איז שוין גרייט און מען וואַרט בלויז אויף אים.

די געסט האָבן זיך באַגריסט מיט יהושען, אים געגעבן „שלום עליכם״, און מען האָט אים צוגעוואונטשן „מזל טוב״.

מען האָט געשטעלט די חופּה. דער חזן האָט געזונגען די תּפילות.

אין דער צייט וואָס מען האָט זיך זיבן מאָל אַרומגעדרייט אַרום דער כלה, איז יהושע געשטאַנען לעבן זיין זון, דעם חתן. ער האָט אין האַרצן מתפלל געווען, אַז גאָט זאָל אים באַגליקן און ער זאָל האָבן געטראָפן מיט זיין באַשערטער.

אויך שלמה איז געווען פאַרטראַכט. ער האָט פּלוצלינג דערפילט די ערנסטקייט פון דעם מאָמענט. ער האָט געטראַכט פון די צוויי פּסוקים פון שלמה המלך: „מצא אשה מצא טוב״, דער וועלכער האָט געפונען אַ ווייב האָט געפונען גוטעס... אין אַ צווייטן פּסוק אין קהלת זאָגט שלמה: „ומוציא אני מר ממות את האשה״... און איך געפין, אַז ביטערער פון טויט איז די פרוי... ער האָט געהערט, אַז מען פלעגט פרעגן אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט נאָר וואָס געהייראַט, צי אין זיין פאַל איז „מצא״ פון משלי, וואָס מיינט אַז ער האָט געטראָפן מיט זיין ווייב, אָדער „מוצא״ פון פון קהלת, אַז די ווייב וואָס ער האָט גענומען איז ביטערער פון טויט... ער האָט געטראַכט: ווי

וועט זיין דער פאַל ביי אים, צי דער „מצא״ פון משלי, אָדער „מוצא״ פון קהלת...

שטייענדיק אַזוי אונטער דער חופּה, האָט זיך שלמה אויך דערמאָנט וואָס ער האָט אַמאָל געלייענט אין אַ ספרל, אַז אויב דער מאַן וויל זיך פאַרזי־כערן אויף זיין גאַנצן לעבן די הערשאַפט איבער זיין צווייטער העלפט, דאַן מוז ער, ווען ער שטייט אונטער דער חופּה מיט איר, אַרויפטרעטן אויף דער פוס פון זיין כלה. און אויב די כלה טוט עס פריער און זי טרעט אַרויף אויף דער פוס פון חתן, וועט זי הערשן איבער אים דעם גאַנצן לעבן...

אָט שטייט די כלה לעבן אים. ער האַלט דעם רינג און דאַרף עס אַרויפ־טאָן אויף איר פינגער. זיינע אויגן זיינען געווענדעט צום באָדן... ער דער־זעט איר פוס און ער האָט זיך גענומען שלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער אַרויפטרעטן אויף איר פוס, צי ניט... עפּעס אַ מין רחמנות האָט אים פּלוצ־לינג אויף איר אָנגענומען. דאָס האַרץ האָט אים ניט געלאָזן, אַז ער זאָל עס טאָן צו זיין כלה, וועלכע איז אַזוי צאַרט און איידל. אין דער צייט וואָס ער האָט זיך געקווענקלט, האָט ער פּלוצלינג דערפילט אויף זיין פוס דעם פּאַנטאָפל פון זיין כלה, וואָס האָט אים אַ דריק געטאָן מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט פון גרויס ווייטאָג שיער ניט אַ געשריי געטאָן... ער האָט זיך באַ־הערשט און געליטן דעם ווייטאָג שווייגנדיק...

ער האָט אָבער אין דעם געזען אַ שלעכטן סימן פאַר זיך. ער האָט זיך געטראַכט, אַז ווי עס ווייזט אויס, איז עס אַ גזירה פון הימל, אַז ער זאָל ווערן דער שקלאַף פון זיין פרוי...

באַלד האָט דער רב געהייסן שלמהן אַרויפטאָן דעם רינג אויף שרהס פינגער. שלמה האָט אַזוי געטאָן און ער האָט געזאָגט הויך און דייטלעך:

— „הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל!״

מען האָט צעבראָכן אַ גלאָז אַלס זכר לחורבן, און דאַן האָט מען אויס־געררופן:

— „מזל טוב! מזל טוב!״

אַזוי איז דער עלף־יאָריקער שלמה געוואָרן אַ יונגער באַלעבעסל, אַ מאַן פון אַ פרוי...

די ערשטע זיבן טעג נאָך דער חתונה האָט מען געפייערט די שבע ברכות, און יהושע איז פאַרבליבן אין ריסיעס קרעטשמע. דערנאָך האָט זיך יהושע געזעגנט מיט זיין זון און ער האָט צו אים געזאָגט:

— מיין זון, איצט ביסטו אינגאַנצן אַרויס פון מיין רשות. דו האָסט דיינע אייגענע פליכטן. דו ביסט פאַרהייראַט. דו דאַרפסט ליב האָבן דיין פרוי און זען, איר צופרידן צו שטעלן מיט וואָס נאָר עס וועט פאַר דיר מעגלעך זיין. די הויפּזאַך וואָס דו דאַרפסט אָבער טאָן איז צו לערנען תורה. דו וועסט האָבן זעקס יאָר קעסט ביי דיין שוויגער, און וויבאַלד אַז דו וועסט ניט האָבן דעם יאָך פון פּרנסה, וועסטו זיך אינגאַנצן קענען ווידמען צום לערנען. אַ דאַנק גאָט, דיין שוויגער האָט דיך באַזאָרגט מיט אַ גאַנג ש״ס מיט אַלע

מפרשים, און דו וועסט קענען גרינטלעך לערנען די גמרא. איך ווייס, אַז איך קען אַ סך דערוואַרטן פון דיר, ווייל גאָט האָט דיך געבענטשט מיט זייער אַ גוטן קאָפּ, און דו דאַרפסט דיין קאָפּ באַנוצן צום לערנען אונדזער הייליקע תורה, און אין דער זעלבער צייט זאָלסטו אָפּהיטן אַלע מצוות פון דער תורה. ווען דו וועסט טאָן ווי איך הייס דיר, וועסטו דערגרייכן דיין ציל. דו וועסט קריגן סמיכה אויף רבנות און ווערן אַ רב אין אַ יידישער קהילה, און דיין נאָמען וועט באַרימט ווערן צווישן אַלע יידן פון גאַנץ פּוילן און ליטע. זע ניט צו ברענגען אין ניוועץ דיין צייט אויף ספרים וואָס וועלן דיר ווינציק נוצן ברענגען. איך גלייב, אַז דער הויפּט רב און די דיינים זיינען גרויסע לומדים און אויב דו וועסט באַגעגענען אַ שווערן ענין אין גמרא, זאָלסטו זיך ניט שעמען און זיך ווענדן צו זיי. איך בין זיכער, אַז עס וועט לאַנג ניט דויערן און דער הויפּט רב אַליין וועט איינזען, אַז דו ביסט ניט ווי די אַנדערע ייִנגלעך אין דיינע יאָרן, וועלכע קענען קוים דורכקריכן אַ בלאַט גמרא... איך וויל, אַז דו זאָלסט אָפּהיטן דאָס קדיש־זאָגן פאַר דיין מוטער, עליה השלום, און אויך האַלטן איר יאָרצייט.

אין שלמהס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן ווען זיין טאַטע האָט דערמאָנט זיין מאַמען...

— איך ווייס ניט ווען איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט צו קומען אַהער דיך זען! — האָט יהושע ווייטער גערעדט צו אים — אָבער איך וועל דיר פון צייט צו צייט שיקן אַ בריוו דורך איינעם פון די בעלי־עגלות, און איך פאַרלאַנג, אַז דו זאָלסט מיר אָפּט שרייבן.

יהושע האָט געקושט זיין זון און ער האָט זיך געזעגנט מיט ריסיען און מיט שרהן, שלמהס יונגע ווייבל, און האָט זיך צוריקגעקערט קיין מאָהילנע.

19

די ערשטע עטלעכע טעג האָט זיך דער יונגער שלמה נאָך ניט געקענט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז ער איז אַ באַלעבעסל, אַז ער איז פאַרהייראַט און האָט שוין אַ ווייב. עפּעס איז אים אַלץ אויסגעקומען אַזוי מאָדנע... ער איז געווען זייער שעמעוודיק, און ווען שרה האָט זיך דערנעענטערט צו אים, פלעגט ער זיך צונויפקאָרטשען און ווענדן זיינע בליקן אין אַן אַנדער ריכטונג. ער איז דערצויגן געוואָרן אין צניעות און אָפּגעזונדערטקייט... אָנצורירן אַ פרוי, אָדער אַפילו אַ קוק צו טאָן אויף איר, איז געווען פאַררעכנט פאַר ניט שיין און בפרט פאַר אַ ייִנגל וועלכער קען גוט לערנען...

אמת, ער האָט דורכגעלערנט דעם גאַנצן „סדר נשים”, און ער האָט געוואוסט וועגן די פליכטן פון מאַן צו ווייב און פון דער ווייב צו איר מאַן... דאָס אַלץ איז אָבער געווען טעאָרעטיש... ווען אָבער אים איז אויסגעקומען צו זיין אַליין מיט זיין פרוי, פלעגט אויף אים אָנפאַלן אַ ציטער... ווען ער

האָט באַדאַרפט אַריינגיין אין שרהס שלאָפצימער זיך לייגן שלאָפן אויף זיין בעטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן שרהס בעטל, האָט ער געזוכט מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן דאָס אָפּצולייגן... ער איז געזעסן איבער דער גמרא און געלערנט, און ריסיע האָט אים שוין ניט איינמאָל דערמאָנט, אַז עס איז שוין שפּעט און אַז אין דער ערשטער וואָך פון זיין חתונה מעג ער אָוועקנעמען אַ ביסל צייט פון זיין לערנען און פאַרברענגען מיט זיין ווייבל...

שלמה האָט ניט גערן צוגעמאַכט די גמרא און איז געגאַנגען צו דער ריכ־טונג פון זיין שרהס שלאָפצימער. ער האָט געוואַשן זיינע הענט און גענומען לייענען קריאַת־שמע. שרה האָט עפּעס פאַרצירעוועט פאַר דעם קליינעם קראָ־סין לעמפּל. זי האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אויף איר מאַן. זי האָט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט זיינע בליקן, אָבער ער האָט געהאַלטן זיינע אויגן געווענדעט צום באָדן...

שרה איז אינגאַנצן געווען מיט אַ יאָר עלטער פאַר שלמהן, אָבער זי האָט שוין געוואוסט אַלץ וואָס אַ יונגע ווייבל דאַרף וויסן. זינט די תּנאים פלעגט ריסיע, איר מוטער, גאַנץ אָפט שמועסן מיט איר טאָכטער און ביסלעכווייז איר דערקלערן אַלץ וואָס זי האָט צו טאָן און ווי זי דאַרף זיך אויפפירן... זי האָט איר געלערנט ווי צו רעדן מיט איר מאַן, און ווי אים צו געפעלן.

— טאָכטער מיינע — האָט ריסיע צו איר גערעדט — אַ פרוי איז באַ־שאַפן געוואָרן צו טאָן דעם ווילן פון איר מאַן, צו האָבן קינדער און אָפּהיטן אַלע מצוות וואָס אַ פרוי דאַרף טאָן. פאַר דעם אייגענעם מאַן דאַרף מען זיך ניט שעמען... מען זאָגט, אַז מאַן און ווייב זיינען איין לייב...

שרה פלעגט רויט ווערן ווען איר מאַמע פלעגט צו איר אַזוי ריידן. זי האָט שוין גאַנץ גוט געוואוסט פון אירע חובות צו איר מאַן, אָבער חובות דאַרף מען מאָנען און איר מאַן מאָנט ניט...

אויף מאָרגן נאָך דער חופּה האָט ריסיע אַ קוק געטאָן אויף איר טאָכ־טער און זי האָט פאַרשטאַנען פון אירע אויגן, אַז עפּעס איז ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. זי האָט צו איר אַ וואונק געטאָן און איז מיט איר אַריין אין איר צימער.

— נו, שרהלע — האָט ריסיע איר געפרעגט און גענומען איר דורכ־דרינגען מיט אירע בליקן — האָט דיר דיין מאַן אַרויסגעוויזן צערטלעכקייט און ליבע?...

שרה האָט פאַרשטעלט איר פּנים מיט אירע הענט און זי האָט זיך צע־כליפּעט.

— וואָס איז געשען, מיין טאָכטער — איז ריסיע צו איר צוגעגאַנגען און איר געגלעט איבערן קאָפּ — פאַרוואָס וויינסטו? מיר קענסטו דאָך אַלץ דערציילן!

שרה האָט אַ ווײַלע געכליפּעט, און ווען זי האָט זיך אַביסל באַרויִקט האָט זי מיט אַ קוים הערבאַרער שטימע געזאָגט:

— ער האָט אַפילו ניט געקוקט אין מיין ווינקל... ער איז די גאַנצע נאַכט געשלאָפן אין זיינע זאַכן!

— דאָס טאָר ניט געשען! — האָט ריסיע אויסגערופן — וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאָפן אין די זאַכן. האָסטו דען פאַר אים ניט אָנגעגרייט אַ נאַכט־העמד?

— איך האָב דאָס געלייגט אויף זיין בעט... ער האָט עס אָבער אָוועק־געלייגט אונטער זיין קישן. ער האָט געלייענט קריאַת שמע און זיך צעגע־לייגט אויף זיין בעטל און אַזוי איינגעשלאָפן.

— נאַרעלע, פאַרוואָס האָסטו אים ניט אויפגעוועקט און אים געהייסן זיך אויסטאָן וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מען זאָל שלאָפן אין די זאַכן!

— איך האָב אויף אים רחמנות געקראָגן, ער איז געווען אַזוי מיד און שלעפעריק, אַז איך האָב קיין האַרץ ניט געהאַט אים אויפצואוועקן...

— נו, מילא, פאַרפאַלן, אָבער מער זאָלסטו אים ניט לאָזן שלאָפן אין די זאַכן!

די צווייטע נאַכט נאָך דער חופה האָט זיך ריסיע צוגעשאַרט צו דער טיר פון שרהס און שלמהס שלאָפצימער, און זי איז געבליבן שטיין דאָרטן אַ היפּשע ווײַלע, צונייגנדיק איר אויער. זי האָט געקענט הערן ווי שרה רעדט עפּעס צו אים, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זי ניט געהערט, אָבער שלמהס שטימע האָט זי גאָרניט געהערט. זי איז מיד געוואָרן שטייענדיק, איז זי אַריין צו זיך אין צימער. אַ ווײַלע שפּעטער איז זי ווידער צוגעקו־מען און זיך איינגעהאָרכט, אָבער עס איז געווען שטיל. קיין שאָרך האָט זיך ניט געהערט...

— נו, מיין טאָכטער — האָט אויף מאָרגן ריסיע זי ווידער אַ פרעג געטאָן — ער שלאָפט נאָך אַלץ אין די זאַכן?

שרה האָט צוגעשאָקלט איר קאָפּ אויף יאָ.

— עס ווענדט זיך אָן דיר, מיין טאָכטער! — האָט ריסיע אויסגע־רופן — דו ביסט זיין ווייב און דו האָסט אַ רעכט אים צו זאָגן, אַז ער זאָל ניט שלאָפן אין זיינע זאַכן...

די דריטע נאַכט האָט שוין שרה באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער זאָל זיך אויסטאָן און ניט שלאָפן אין די זאַכן. שלמה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער וועט טאָן ווי זי הייסט אים. שרה האָט זיך גענומען אויסטאָן, אָבער שלמה האָט אַ דריי געטאָן זיין קאָפּ און ער האָט געקוקט אין דער צווייטער ריכטונג.

ווען שרה איז שוין געלעגן אין בעט האָט ער גענומען דאָס נאַכט־העמד און איז צוגעגאַנגען צום טישל וואו דאָס קליינע קעראָסין לעמפּל איז גע־שטאַנען. ער האָט אויסגעלאָשן און ערשט דאַן האָט ער זיך אויסגעטאָן, און זיך געלייגט שלאָפן.

אַזוי זיינען פאַראיבער נאָך עטלעכע חדשים, און ריסיע האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן...

זי האָט זיך געזען מיט אירער אַ קרובה, אַן עלטערע פרוי, און זי האָט פאַר איר אויסגעגאָסן איר האַרץ.

— איך זאָג דיר, ריסיע — האָט די קרובה געזאָגט — אַז דאָס האָבן שונאים אים אָפּגעטאָן אַ כּישוף, און כּדי אים צו ראַטעווען און אַרונטער־נעמען פון אים דעם כּישוף, וועט מען דאַרפן אים נעמען צו אַ מכשפה, ווייל בלויז מיט כּישוף קען מען אַרונטערנעמען דעם כּישוף וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעטאָן.

ריסיע איז געווען זיכער, אַז איר קרובה איז גערעכט; אירע שונאים האָבן זיכער אויף אים אַרויפגעטאָן אַ כּישוף... זי האָט איצט גענומען פּלאַנען ווי אַזוי צו באַוועגן שלמהן צו גיין צו דער מכשפה הינטער דער שטאָט און זיך לאָזן אַרונטערנעמען דעם כּישוף. דאָס איז איר ניט אַזוי לייכט אָנגעקו־מען. שרה איז איר געקומען צו הילף. זי האָט זיך דורכגערעדט מיט איר מאַן, ביז זי האָט ענדלעך ביי אים געפּועלט ער זאָל צוגיין מיט זיין שוויגער צו דער מכשפה, וועלכע געפינט זיך הינטער דער שטאָט.

די מכשפה האָט אַריינגעשאָטן אַ הויפן פאַרשיידענע גראָזן און געוויקסן אין אַ טאָפּ זודיקע וואַסער, נאָכהער האָט זי גענומען רויכערן געוויסע גע־ווירצן. זי האָט געמישט דעם טאָפּ מיט אַ האָלץ און יעדע ווײַלע האָט זי שלמהן געגעבן שמעקן די וויירויך, אַזוי אַז אים האָט זיך איינגאַנצן פאַר־דרייט דער קאָפּ.

היפּשע עטלעכע שעה האָט זי אים געהאַלטן און זי האָט גענומען מיט אים ריידן אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

— נו, איצט איז שוין דער כּישוף פון דיר פאַרשוואונדן, שלמה! — האָט ריסיע געזאָגט ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער חורבה וואו די מכשפה האָט געוואוינט.

— וואָס פאַר אַ כּישוף — האָט שלמה איר אָנגעקוקט.

— אונדזערע ניט פאַרגינער האָבן אויף דיר אַרויפגעטאָן אַ כּישוף בעת דו ביסט געשטאַנען אונטער דער חופּה, און דעריבער האָסטו ניט ליב דיין ווייב!

שלמה האָט עפּעס געוואָלט זאָגן זיין שוויגער, אָבער ער האָט ניט געקענט; די ווערטער האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. ער האָט בשום אופן ניט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס זי מיינט, אַז ער האָט ניט ליב זיין ווייב. פאַרוואָס זאָל ער זי פיינט האָבן? שרה איז דאָך אַזוי גוט צו אים. זי טוט אַלץ פאַר אים, און זעט אים גוט צו.

ווען שלמה איז געבליבן אַליין מיט שרהן אין צימער, האָט ער זיך אָנ־גערופן:

— זאָג מיר שרה, פאַרוואָס מיינט דיין מאַמע, אַז איך האָב דיך פיינט?

— איך ווייס ניט! — האָט זיך שרה גענומען רויטלען.

— האָב איך זיך דען ווען עס איז אויף דיר געבייזערט? האָב איך דען ניט געטאָן אַלץ וואָס דו האָסט מיך געבעטן?

— המ... ניין, אָבער דו האַלטסט זיך פון דער ווייטנס פון מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדע און ניט דיין אייגענע ווייב! — האָט שרה אויס־גערופן און זיך פונאַנדערגעוויינט.

— וויין ניט, שרהלע! — האָט שלמה מיט צערטלעכקייט אין זיין שטימע געזאָגט — איך וועל זיין צו דיר אַ גוטער מאַן...

— דו ביסט דאָך אַזאַ גרויסער למדן! — האָט שרה גענומען ווייטער ריידן צו אים — דו ווייסט אַלץ וואָס די הייליקע תורה און די הייליקע גמרא הייסט טאָן... דו האָסט דאָך מיט מיר געהייראַט, טאָ פאַרוואָס קוקסטו זיך אויף מיר ניט אום? אויב איך בין דיר ניט געפעלן, קענסטו מיר געבן אַ גט.

— ווער זאָגט דיר, אַז דו געפעלסט מיר ניט? — האָט שלמה אויסגערופן — דו געפעלסט מיר זער שטאַרק, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען אין לערנען, און איך האָב קיין צייט ניט זיך אָפּצוגעבן מיט דיר... ווייל לערנען תורה איז העכער פון אַלץ...

— אָבער דו לערנסט דאָך אַ גאַנצן טאָג, ביינאַכט דאַרפסטו רוען...

— רו איך דען ניט ביינאַכט?

— זאָג מיר, שלמה, איז דען אַן עבירה פאַר אַ מאַן אַ קוש צו טאָן זיין אייגענע פרוי? איז דען פאַראַן אין דער הייליקער תורה אַ פאַרבאָט פאַר אַ פרוי צו קושן איר מאַן?...

— געוויס איז ניטאָ קיין פאַרבאָט — האָט שלמה געזאָגט, און זיין פּנים האָט זיך גענומען רויטלען.

— אויב אַזוי... — איז שרה צוגעגאַנגען צו שלמהן און אים אַרומגענומען און אָנגעהויבן קושן.

שלמה איז נאָך מער רויט געוואָרן. אַ שוויס האָט באַדעקט זיין פּנים. ער האָט פּלוצלינג דערפילט אַ וואַרימקייט אין זיין קערפּער... אַ מאָדנער געפיעל האָט אים באַנומען. עס איז אים געווען אַזוי ליב, אַזוי גוט צו זיין לעבן זיין ווייב...

20

קורץ נאָך זיין חתונה מיט שרהן האָבן זיך אָנגעהויבן שלמהס צרות. די ערשטע עטלעכע חדשים האָבן אים די שוויגער און זיין פרוי געצערטלט און געקעכלט. שרה האָט אים געקוקט אין די אויגן און געזען, אַז אים זאָל גאָרניט פעלן. שלמה פלעגט אויפשטיין גאַנץ פרי, גיין אין בית־המדרש דאַווענען. ער פלעגט אויך לערנען נאָכן דאַווענען אַ ביסל און דאַן זיך אומקערן אַהיים. ער פלעגט עסן אַ גרויסן פרישטיק און נאָכדעם זיך צוריקגעקערט צום בית־המדרש, וואו ער פלעגט זיצן און לערנען. די גרויסע לומדים פון נעסוויזש פלעגן פון אָנפאַנג פאַרברענגען מיט שלמהן אין לערנען. זיי האָבן באַוואונדערט זיין שאַרפן מוח און זיין אויסערגעוויינטלעכן זכרון. ווען שלמה האָט זיך גענומען צוגעוויינען צו זיי, איז ער געוואָרן דרייסטער און ער פלעגט

די גרויסע לומדים פאַרדרייען די קעפּ מיט זייערע קשיות, אַז גאַנץ אָפט פלעג זיי ניט וויסן וואָס צו ענטפערן. און אַז זיי פלעגן מאַכן אַ פאַרזוך צו ענטפערן, פלעגט ער זיי גלייך באַווייזן פון אַן אַנדער פּלאַץ, אַז זיי ווייסן ניט וואָס זיי ריידן.

— ער איז אַן צווייפל אַן עילוי — האָט דער רב געזאָגט — און עס וועט זיין בעסער, אַז מען שטערט אים ניט אין לערנען.

אין דער צייט ווען דער בית המדרש האָט שלמהן שטאַרק צופרידן געשטעלט, איז אים אָבער אין הויז געוואָרן ענג. ווי יונג ער איז געווען, האָט ער באַלד דערפילט, אַז זיין שוויגער, ריסיע, האָט זייביידן, זיין פאָטער און אים, אַריינגענאַרט אין זאַק. ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס הויז וואָס זי האָט געהאַט צוגעזאָגט איר טאָכטער אַלס נדן, איז פאַרזונקען אין חובות. זי האָט שוין אויף איר הויז געבאָרגט אַזוי פיל געלט, אַז יעדן חודש האָט זי געקראָגן אַ וואָרנונג פון אירע בעלי־חובות, אַז אויב זי וועט ניט אויסצאָלן אירע חובות, וועט מען ביי איר אַוועקנעמען איר הויז. ריסיע איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען אַ באַזאָרגטע, אַ צעטראָגענע. אמת, זי האָט אַריינגעקראָגן פאַר איר טאָכטער יהושעס זון, מיט וועמען זי קען שטאָלצירן, אָבער זי האָט זיך פאַרחובעט צוליב אים ביז איבערן קאָפּ.

ריסיע האָט געאַרבעט זייער שווער, און שרה, שלמהס ווייב, האָט איר געהאָלפן אין אַלץ. גאַנץ אָפט פלעגט ריסיע אויסגיסן איר ביטער האַרץ אויף איר טאָכטער.

— זע נאָר וואָס איך האָב פאַר דיר געטאָן! — רופט זיך ריסיע אָן צו שרהן — איך האָב זיך פאַרענגט. איך האָב געבאָרגט, געזאָרגט, אַוועקגעגעבן די לעצטע עטלעכע גילדן, וואָס איך האָב געהאַלטן אָפּצוצאָלן מיינע חובות, צו שלמהס טאָטן. איך האָב געבאָרגט און פאַרמשכונט וואָס נאָר איך האָב געקענט, כדי צו קויפן אַ נייעם ש״ס פאַר דיין חתן. איך האָב אים געלאָזט נייען גאַרניטערלעך. איך האָב באַשטעלט מאַכן פאַר אים צוויי פּאָר שיך ביי דעם שוסטער... איצט, גאָט וויסט ווען איך וועל דאָס אַלץ קענען אויסצאָלן... יעדן טאָג דאַרט מיר דער מוח ווי אַזוי צו קריגן דאָס געלט אָפּצוצאָלן דעם חוב, כדי איך זאָל ווייטער קענען קריגן סחורה אויף באָרג, כדי צו קענען אָנהאַלטן מיין טראַקטיר. בראָנפן מוז איך האָבן, ווייל אָן דעם וואָלט איך איינגאַנצן באַדאַרפט צומאַכן די קרעטשמע...

— אָבער מאַמע, וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט שרה מיט טרערן אין אירע אויגן זיך אָנגערופן — וואָס בין איך שולדיק, אַז דיר האָט זיך דווקא געוואָלט אַזאַ איידעם ווי שלמהן? האָב איך דיך דען געבעטן, אַז דו זאָלסט עס פאַר מיר טאָן? האָסטו דען פריער ניט געוואוסט, אַז דו וועסט זיך דאַרפן פאַרענגען צוליב דעם?

— ווער האָט צו דיר, שרהלע? זאָלסט מיר געזונט און שטאַרק זיין — אַלץ וואָס איך זאָג איז, אַז וויבאַלד דיין מאַן, שלמה, איז אַזאַ גרויסער למדן, און אַזוי ווי פריער פלעגט ער טאָקע העלפן זיין טאַטן צו לערנען מיט קינדער, טאָ פאַרוואָס זאָל ער דאָס אויך איצט ניט טאָן? איך בין זיכער

אַז ער וואָלט געקראַגן עטלעכע קינדער, תּלמידים און פאַרדינט דורך דעם עטלעכע גילדן, וואָלט פאַר אונדז אַלעמען געווען עטוואָס גרינגער.

— אָבער מאַמע, האָסטו פאַרגעסן, אַז דו האָסט אים צוגעזאָגט צו געבן זעקס יאָר קעסט? דו האָסט געזאָגט זיין טאַטן, אַז ער וועט קענען זיצן און לערנען תּורה זעקס יאָר און ער וועט ניט האָבן קיין יאָך פון פּרנסה. איצט, וועט עס הייסן, אַז דו האָלטסט ניט דיין וואָרט!

— אַ קלייניקייט! — רופט אויס ריסיע — וואָס פאַרלאַנג איך דאָס אַזוינס פון אים? אַלץ וואָס איך וויל איז, אַז, ער זאָל לערנען מיט עטלעכע קינדער און פאַרדינען עטלעכע גילדן! אַז עס האָט געפּאַסט זיין טאַטן דאָס צו טאָן, איך מיין אַז זיין טאַטע האָט פון אים פאַרלאַנגט ער זאָל אַרויסהעלפן, טאָ פאַרוואָס זאָל איך דאָס פון אים ניט פאַרלאַנגען? אויב דו שעמסט זיך צו ריידן מיט אים וועגן דעם, וועל איך מיט אים ריידן!

— איך בעט דיך, מאַמע! — האָט שרה זיך צו איר אָנגערופן מיט טרערן אין די אויגן — וואָרט נאָך צו אַ ביסעלע. עס איז איינגאַנצן עטלעכע חדשים נאָך אונדזער חתונה און די ווילסט אים שוין צווינגען צו גיין פאַרדינען געלט, אין דער צייט ווען דו האָסט אים צוגעזאָגט קעסט אויף גאַנצע זעקס יאָר! ווען זיין טאַטע זאָל זיך פון דעם דערוויסן...

— נו, וואָס האָב איך מורא, אַז ער וועט זיך דערפון דערוויסן? — רופט זיך ריסיע אָן — ער וועט אים צוליב דעם ניט הייסן דיך אָפּגטן... אַלע ווייסן, אַז דאָס האָב איך געטאָן איבער מיינע כּוחות. אַלע באַדינגונגען האָב איך נאָכגעגעבן. איך האָב געטאָן אַלץ וואָס נאָר עס איז געווען פאַר מיר מעגלעך, בלויז די קעסט קען איך נישט נאָכקומען... סיידן ער זאָל אַליין אָנפאַנגען עטוואָס צו פאַרדינען. יעדער מאַן דאַרף וויסן, אַז ער דאַרף פאַר־דינען עטלעכע גילדן און אַרויסהעלפן מיט פּרנסה...

— מאַמע איך וועל אַרבעטן שווער און ביטער! איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו וועסט מיר הייסן, אָבער טו עס ניט צו שלמהן. צווינג אים ניט צו ווערן אַ מלמד אַזוי שנעל, נאָכדעם ווי דו האָסט אים צוגעזאָגט קעסט פאַר זעקס יאָר צייט...

— דיין ברודער, איציק, אַרבייט שווער און ביטערביים מילנער אין מיל. ער שלעפּט שווערע זעק מיט מעל דעם גאַנצן טאָג און ער איז צופרידן, אַז מען גיט אים דאַרט עסן און שלאָפן!

— ווער איז שולדיק, אַז איציק האָט נישט געוואָלט לערנען? — רופט אויס שרה — ווען ער וואָלט געקענט לערנען וואָלט ער געוויס געקענט טאָן אַ שידוך און אויך געקענט זיצן אין בית המדרש און לערנען. מאַמע, איך שעץ זיך זייער גליקלעך וואָס אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו האָבן אַזאַ מאַן ווי שלמה... ווען עס פאַלט אַריין אין רייכע הענט, וואָלט ער דאָך גאָרניט באַדאַרפט טראַכטן פון אַנדערע זאַכן אויסער זיצן און לערנען. מען וואָלט דאָך אים אויף די הענט געטראָגן...

— דאָס וואָס ער קאָסט מיך שוין, וואָלט קיין אַנדערער ניט אויסגעגעבן מער! — האָט ריסיע געזאָגט — וואָס פאַרלאַנג איך אייגנטלעך פון אים?

אַז ער זאָל לערנען מיט עטלעכע רייכע קינדער און פאַרדינען אַ פּאָר גילדן...
איך שיק דען אים אין מיל ער זאָל שלעפּן שווערע זעק?

— וואַרט נאָך צו עטלעכע וואָכן! — האָט זיך שרה אָפּגעבעטן ביי איר מאַמען.

ריסיע האָט איר נאָכגעגעבן. זי האָט געוואַרט... אָבער גאַנץ אָפט האָט זי זיך ניט געקענט באַהערשן און גענומען אַרויסווייזן איר אומגעדולד מיט שלמהן. אין די ערשטע עטלעכע וואָכן, ווען ער פלעגט זיך זעצן עסן, נאָכ־דעם ווי ער פלעגט קומען פון בית המדרש, פלעגט ריסיע אים דערלאַנגען דאָס עסן און אים פּרעגן אויב ער וויל נאָך, און אַז ער פלעגט מער ניט וועלן, פלעגט זי זיך באַקלאָגן, אַז ער עסט אַזוי ווינציק, און פלעגט צו אים נעמען צושטיין, אַז ער זאָל עסן עטוואָס מער. איצט, אָבער, פלעגט זי הייסן שרהן דערלאַנגען אים דאָס עסן. און טאָמער האָט זי אים געגעבן אַ היפּשע פּאָרציע, פלעגט זי אויסריידן איר טאָכטער.

— דו שטאָפּסט אים צופיל! ער וועט זיך דאָך איבערפּרעסן. וואָס מער דו וועסט אים געבן אַלץ מער וועט ער פרעסן!

דער זייער עמפּינדלעכער שלמה האָט באַלד געקענט מערקן די גרויסע ענדערונג אין זיין שוויגער. אויסער דעם האָט ער אויך באַלד איינגעזען, אַז ריסיע האָט אָפּגענאַרט זיין טאַטן און אים. זי האָט געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי איז זייער רייך און זי האָט אים טאַקע צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. ער האָט געהערט ווי זי שרייט, ווי זי שילט און זידלט און שטור־רעמט אויף יעדן איינעם. ער האָט געהערט די שרעקלעכע קללות וואָס שיטן זיך פון איר מויל, און זיין אַנטוישונג אין איר איז שטאַרקער געוואָרן מיט יעדן טאָג. ער האָט גאַנץ אָפט גענומען טראַכטן פון זיין מוטער, ווי איידל, ווי צאַרט און זיס זי איז געווען; ווי מוטערלעך און טייער איר ליבע איז גע־ווען צו אים... אין זיין שוויגער זעט ער פאַלשקייט, פאַרגרעבטקייט און אומוויסנהייט...

צופעליק האָט ער זיך צוגעהערט ווי אַזוי זיין שוויגער רעדט צו זיין ווייב וועגן אים, און אין זיין האַרצן האָט זיך פּלוצלינג צעפלאַמט אַ שטאַרקע שנאה צו איר. ער האָט זיין שנאה ניט געקענט האַלטן פאַרבאָרגן אין זיך, און ער פלעגט איר גלייך אַריינזאָגן דאָס וואָס ער האָט געטראַכט פון איר.

— זע נאָר, זע נאָר ווי זיין יוכע צעקאָכט זיך אין אים! — צעשרייט זיך ריסיע נאָכדעם ווי שלמה האָט איר פאַרגעוואָרפן, אַז זי האָט קיין רעכט ניט אַזוי צו ריידן צו אים — דו האָסט טאַקע דערלייגט דיין באָבעס ירושה צו דעם שידוך! געווען איז ער נאַקעט און באַרוועס... דיין טאַטע דער קבצן, האָט דיר אַפילו ניט געקענט מאַכן קיין רעכטן גאַרניטור. איך האָב איב באַ־קליידט פון קאָפּ ביז די פיס... געגעבן אים אַזעלכע טייערע מתנות און ער האָט נאָך די העזה אַזוי צו ריידן צו מיר!

— מיין טאַטע האָט זיך ביי אייך ניט געבעטן! — ענטפערט איר שלמה

— איר האָט דאָך אונדז ניט אָפּגעלאָזן. איר האָט אונדז אַריינגעשווינדלט אין דעם. איר האָט געשיקט רופן דעם רב און די אַנדערע זאָגנדיק זיי, אַז מען

פייערט תנאים אין אייער הויז, אין דער צייט ווען אונדז איז דאָס אפילו אויפן געדאַנק ניט געקומען... מיינט ניט, אַז מיר האָבן דאָס פאַרגעסן. איר האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז איר זייט אַ רייכע פרוי, אַז איך וועל קענען זיצן רואיק און לערנען אַמווייניקסטן פאַר זעקס יאָר, אָבער איך ווייס, אַז איר האָט קיינמאָל ניט געטראַכט צו האַלטן אייער צוזאָג. איך האָב שוין גע־הערט, אַז איר ווילט, אַז איך זאָל זוכן צו פאַרדינען... דאָס וועל איך ניט טאָן! אויב איך געפעלט ניט, וועל איך גיין צוריק צו מיין טאַטן!

— דו קענסט סטראַשען די גענדז, ניט מיר! — ענטפערט ריסיע — אַ קלייניקייט, איך האָב אים אָפּגעקוילעט! זאָג מיר אָקאָרשט, שלמה, וואַל־גערן זיך אַזעלכע טעכטער, ווי מיין שרה אין די גאַסן?

— אָ, מאַמע, פאַרוואָס זאָלסטו זיך קריגן מיט אים? — האָט זיך שוין שרה אַריינגעמישט.

— האָסטו געהערט מיט וואָס פאַר אַ חוצפּה ער רעדט עס צו מיר! — האָט ריסיע זיך אָנגערופן — ער סטראַשעט מיר גאָר! וואָס מיינט ער, עס איז שוין הפקר אַ וועלט? ער קען זיך אויפהייבן צו יעדער צייט און אַוועק־גיין?

— ער מיינט עס ניט! — האָט שרה אים פאַרענטפערט — אַז דו רעדסט צו אים מיט רוגזה, ענטפערט ער אויך מיט רוגזה.

שלמה האָט אַ קוק געטאָן אויף שרהן, און אין האַרצן איז ער געווען צו־פרידן וואָס זי נעמט זיך אָן פאַר אים.

אָבער מיט יעדן טאָג וואָס איז פאַראיבער, אַלץ מער האָט שלמה געפילט דעם שאַרפן צונג פון זיין שוויגער. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ריסיע האָט שוין געהויבן אַ האַנט אויף אים.

פון אָנפאַנג פלעגט זי אים בלויז אַ שטופּ טאָן, ווען זי פלעגט זיך אויפ־רעגן. ווען שלמה פלעגט עס אָננעמען פאַר גוט געלט, האָט זי דאָס גענומען טאָן אָפטער.

— וואָס פּלאָנטערסטו זיך דאָ? — האָט זי אים אַ שטופּ געטאָן — וואָר דאַרף דיך דאָ? גיי דאָרט אין בית המדרש, און אַז דו וועסט ווערן הונגע־ריק וועסטו קומען פרעסן.

אָט די דאָזיקע רייד אירע פלעגן אים שטעכן ווי מיט שפּיזן, אָבער ער פלעגט איר אויף דעם ניט ענטפערן. ער פלעגט זיך בלויז באַקלאָגן פאַר זיין ווייבל:

— וואָס וויל דיין מאַמע האָבן פון מיר? אַז זי האָט ניט געהאַט בדעה מיר צו געבן קעסט, האָט זי ניט באַדאַרפט צוזאָגן!

— אָ, נעם זיך ניט צום האַרצן, שלמה! — פלעגט אים שרה פּרו־בירן באַרואיקן — דו ווייסט דאָך, אַז די מאַמע איז אַזוי צעטראָגן, אַזוי פאַרזאָרגט. זי דאַרף דאַרן דעם קאָפּ וואו צו נעמען געלט צו באַצאָלן די בעלי־חובות. גלויב מיר, אַז זי מיינט עס ניט!

— דו זאָג בעסער דיין מאַמען — האָט שלמה זיך אָנגערופן — אַז אויב

זי וועט פּרובירן מיר נאָכאַמאָל אַ שטויס טאָן, וועל איך געבן אַזאַ שטויס צוריק, אַז זי וועט דערזען איר באָבען פון יענער וועלט!

— אָ, שלמה, ווי אַזוי קענסטו גאָרריידן אַזוי? — האָט אים שרה אויסגעמוסרט — דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז די מאַמע האָט דיך ליב!

— זאָל גאָט זי אַזוי ליב האָבן ווי זי האָט מיך ליב! — האָט זיך שלמה אַ קרים געטאָן.

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי טוט עס גאַנץ אָפּט אויך צו מיר, ווערסטו מיר איינריידן, אַז מיין מאַמע האָט מיך ניט ליב?

— צו דיר קען זי טאָן וואָס זי וויל, אָבער ניט צו מיר! — האָט שלמה אויסגערופן — וואָס מיינט זי, איך בין אַ יינגעלע פון זיבן יאָר? איך וועל איר ניט שווייגן! זאָל זי נאָך איין מאָל אויפהויבן איר האַנט אויף מיר און דו וועסט זען וואָס איך וועל טאָן צו איר.

— דו ביסט דאָך קלוג, שלמה, און דו פאַרשטייסט דאָך, אַז ווען מיין מאַמע איז אויפגערעגט און צאָרנדיק, איז בעסער צו האַלטן זיך פון דער וויטנס פון איר. זאָל דיר גאָרניט אַרן וואָס זי רעדט!

— מיט איר מויל קען זי ריידן און שילטן און שיטן פּעך און שוועבל — האָט שלמה געזאָגט — אָבער ווען זי וועט נוצן די הענט וועל איך איר ווייזן וואָס איך קען!

דאָס יונגע ווייבל, שרה, האָט זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן פון דעם. זי האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט איר מאַן, שלמה. איר ליבע צו אים איז שטאַרקער געוואָרן מיט יעדן טאָג. אָבער אויך איר מוטער האָט זי ליב געהאַט, און זי האָט געהאָפט, אַז אויך שלמה זאָל האָבן די זעלבע געפילן צו איר. דעריבער פלעגט זי ווי ווייט מעגלעך זען צו פאַרענטפערן איר מאַמען ווען ריסיע פלעגט זיך אַ נעם טאָן צו שלמהן. זי פלעגט אויך זוכן מיט אַלע אירע מעגלעכקייטן צו פאַרמיידן אַ צוזאַמענשטויס צווישן איר מאַמען און שלמהן.

דאָס אָבער האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. כמעט יעדן טאָג פלעגט פאַרקומען איבערריידענישן צווישן ריסיען און שלמהן. ריסיע פלעגט אויף אים עפּענען אַ „מענה לשון‟, און אַריינבראָקן אין אים עטלעכע קללות:

— אָמן! זאָל דאָס אייך אָנקומען!‟

דאָס האָט ריסיען אַריינגעבראַכט אין אַ גרעסערן כּעס או זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט און אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. שלמה האָט דאַן געכאַפּט די הילצערנע לעפל וואָס האָט זיך געפונען אויפן טיש און עס אַ שליידער געטאָן איר אין פּנים.

— דו חוצפהניק, דו! — האָט זיך ריסיע צעשריגן — דו וועסט מיר וואַרפן אין פּנים? איך וועל דיר דיין מוח צעפּלעטן!

שרה האָט דערהערט די געשרייען און זי איז אַריינגעלאָפן אין הויז און דערזען ווי איר מאַמע האַלט אַ הילצערנע לעפל און פאַרמעסט זי קעגן שלמהן.

— אָ, מאַמע! — איז זי צו איר צוגעלאָפן — וואָס ווילסטו טאָן צו שלמהן?!

— האָסטו שוין געזען אַזאַ דבר אַחר! ער האָט דאָך דעם לעפל מיר אין קאָפּ געוואָרפן!

שרה האָט געוואָרפן אַ שטרענגן בליק אויף שלמהן, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— זי איז נאָך גערעכט! זי האָט מיר אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש!

— אוי, ליבער גאָט, וואָס טוט מען דאָ! — האָט שרה אויסגערופן — עס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך! נאָר מען רייסט זיך אַרום! איך קען בשום אופן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס עס זאָל אַזוינס פּאַרקומען!

— וואָס איך זאָג קרימט ער מיר נאָך! — פאַרמסרט ריסיע שלמהן פאַר שרהן.

— אַז זי שילט מיך מיט טויטע קללות, האָב איך געזאָגט, אַז זאָלן אַט יענע קללות איר אָנקומען.

— עס איז זייער ניט שיין פון אייךביידן אַזוי צו ריידן און אַזוי צו האַנדלען! — האָט שרה מיט טרערן אין אירע אויגן אויסגערופן.

— אַז זי וועט מיך שילטן, וועל איך איר ענטפערן צוריק! — האָט שלמה געזאָגט — און אַז זי וועט מיך שלאָגן, וועל איך איר שלאָגן צוריק! איך בין אַהער ניט געקומען אַז זי זאָל אויף מיר לייגן אירע לאַפּעס!

— נו, דו הערסט שוין, מיין טאָכטער, ווי ער רעדט צו מיר!

— איר האַנדלט ביידע ניט ריכטיק! — רופט אויס שרה — דו, מאַמע, האָסט קיין רעכט ניט אים צו שילטן און ער האָט קיין רעכט ניט צו...

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז ער ברענגט מיך אַרויס פון געדולד! — האָט ריסיע זיך גענומען פאַרענטפערן.

— וואָס אַזוינס טו איך, אַז זי זאָל מיך דאַרפן שילטן? — האָט שלמה געזאָגט.

— נו, זאָג אַליין, שרהלן, מיין טאָכטער — מיר ביידע אַרבייטן שווער און ביטער טאָג און נאַכט. איז עס אַן עוולה פון מיר, אַז איך בעט אים ער זאָל אַרויסגיסן די פּאָמוניצע? ווען איציק פלעגט זיין, פלעגט ער דאָס טאָן. עסן וויל ער פון דעם שענסטן און בעסטן, אָבער העלפן מיט עפּעס איז ניט פון אָרט. נו, בין איך אין כעס געוואָרן און געזאָגט, אַז ער איז אַ פוילער, האָט ער מיר אַ לאַך געטאָן אין פּנים... נו, דאָס האָט מיך שוין אַרויסגעבראַכט פון געדולד, האָב איך אים אַ ריר געטאָן מיט מיין האַנט. נו, האָסטו באַדאַרפט זען וואָס ער האָט צו מיר געטאָן! ער האָט געכאַפּט אָט די גרויסע הילצערנע קאָכלעפל און אַ שליידער געטאָן מיר אין קאָפּ, און ווען איך וואָלט אין צייט ניט אַ דריי געטאָן מיט מיין קאָפּ, וואָלט ער מיר מיט דעם דעם מוח צעשפּאָלטן.

— דעם צווייטן מאָל, אַז איך וועל אייך וואַרפן אין קאָפּ, האָף איך, אַז איך וועל ריכטיק טרעפן! — האָט ער געזאָגט — דאָס וואָלט איך אָנגעלערנט ווי אַזוי צו הויבן אַ האַנט אויף מיר!

— נו, וואָס זאָגסטו אויף אים? וואָלסטו זיך ווען עס איז געקענט פאַר־שטעלן, אַז אַט דער שטילינקער, אַט דער גרויסער לערנער, זאָל האָבן אין זיך אַזוי פיל חוצפּה צו ריידן צו מיר אַזוי און צו וואַרפן מיר אין קאָפּ אַ קאָכלעפל?

— און ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז איר, מיט אייער גלאַטן צינגעלע, וואָס האָט געטריפט מיט האָניק ווען איר האָט געזוכט מיך אַריינצוקריגן אַלס איידעם, זאָל האַנדלען ווי אַ מכשפה און מיט דעם זעלבן צינגעלע מיך שילטן און זידלען? נאָך ניט גענוג וואָס איר האָט אונדז אַלעמען אַזוי באַשווינדלט און פאַרדרייט די קעפּ, הויבט איר נאָך אַ האַנט אויף מיר!

— איך האָב קיינעם ניט באַשווינדלט! — האָט זיך ריסיע ווידעראָמאָל גענומען קאָכן — וואָס איך האָב צוגעזאָגט האָט איך דערפילט. איך האָב דיין טאַטן געגעבן די לעצטע פיר הונדערט גילדן, אין מזומן. איך האָב פאַר דיר געקויפט אַ נייעם ש״ס און דערפאַר באַצאָלט כּמעט אַ טויזנט גילדן... און וואָס איז מכּוח די גאַרניטערלעך? דיינע שיך? איך האָב זיך פאַרבאָרגט און איך בין צוליב דיר געוואָרן אַ בעל־חוב!

— קיינער האָט איך ניט געבעטן! איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיין טאַטע האָט אַפילו ניט געוואָלט הערן פון אייערע פאַרשלאָגן. איר האָט זיך אָבער אָנגעזעצט אויף אים ווי אַ פּיאַווקע! און אויב איר האָט חרטה בין איך גרייט צו באַפרייען אייער טאָכטער!

ווען שרה האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט. ריסיען האָט עס אַ נאָג געטאָן ביים האַרצן. זי האָט זיך גענומען אַרומזען, אַז זי דאַרף טאַקע אַזוי ניט באַהאַנדלען איר איידעם, וועלכער איז אַן אויסנאַם, און די גאַנצע שטאָט קלינגט דאָך מיט זיין לומדות. אויב זי וועט אַזוי אָנגיין און אים באַהאַנדלען אַזוי שלעכט, קען ער נאָך טאַקע אַוועקגיין פון הויז. און וואָס וועט זי טאַקע טאָן, אויב ער וועט אָפּגטן איר טאָכטער? מען וואָלט דאָך פון איר געלאַכט אין די הויפנס און אירע שונאים וואָלטן זיך דאָך גע־פּרעגלט פון נחת.

— איי, איי, שלמה, דו רעדסט נאַרישקייטן! — האָט ריסיע אָנגעהויבן צו דרייען מיט איר צונג אויף צוריק — איך מיין דען שלעכטעס? נאָר וואָס דען? מיין מזל איז אַ שלעכטער. איך האָרעווע שווער און ביטער, און דער מוח ברעכט וואו צו קריגן די נויטיקע עטלעכע גילדן אָפּצוצאָלן די חובות, ווער איך אויפגערעגט און אין כּעס. איז צו וועמען לאָזט מען אויס דעם כּעס? דווקא צו די וועלכע זיינען דיר אַמנאָענטסטן. וויפיל מאָל לאָז איך אויס מיין כּעס צו מיין אָרימער טאָכטער? דו אַליין ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי איז דאָך אַ מלאך... זי איז גוט און געטריי און האָרעוועט אויך גאַנץ שווער... קענסטו דאָך מיר פרעגן, וואָס האָב איך צו איר? איז דער תּירוץ, אַז ווען עס איז ניט גוט אויפן האַרצן זוכט מען אימיצן אויף וועמען צו וואַרפן די שולד און אויסלאָזן דעם כּעס. נו, גיי, שלמה, גיי וואַש זיך צום עסן און שרהלע וועט דיר געבן וואָס צו עסן.

פאַר אַ טאָג אָדער צוויי פלעגט ריסיע אים נעמען באַהאַנדלען עטוואָס

בעסער. אָבער לאַנג האָט עס ניט אָנגעהאַלטן. ווען זי פלעגט ווערן אויפגע־רעגט צוליב עפּעס און ער פלעגט גראַד אָנקומען, פלעגט זי שוין ווידער זיך אַ נעם טאָן צו אים.

ווען שרה פלעגט פאַרבלייבן אַליין מיט שלמהן, און ער פלעגט זיך פאַר איר באַקלאָגן אויף איר מאַמען, פלעגט שרה אויסרופן:

— איין גאָט ווייסט, אַז מיר איז ביטער אַזוי און שלעכט אַזוי. פאַרוואָס זאָל מען נאָר גיין מיט רוגזה.

— ווער פאַנגט זיך אָן, איך צי זי? — פלעגט שלמה אויסרופן — טאָמער פּאַסירט אַז אַ פּויער האָט זיך אָנגעטרונקען און וויל איר ניט באַצאָלן, לאָזט זי אויס כל חמתה צו מיין קאָפּ. אָדער טאָמער שיקט מען איר אַ סטראַשונעק אַז אויב זי וועט ניט באַצאָלן אין צייט, וועט מען ביי איר אַוועקנעמען דאָס לעצטע קישעלע, איז עס מיין שולד!

— אָבער דו אַליין, שלמה, זעסט דאָך, אַז דאָס איז צוליב איר שווערן געמיט. עס איז ביי איר אַזאַ נאַטור, אָבער ווי נאָר איר כעס גייט אַוועק, אַזוי ענדערט זי זיך, און זי ווערט אַזוי גוט, אַז זי וואָלט אַוועקגעגעבן דעם לעצטן ביסן פון מויל!

— און דו מיינסט, אַז מיר איז גוט צו זיין דאָ און כמעט יעדן טאָג הערן אירע קללות און חרמות? גאַנץ אָפט פיל איך, אַז זי ציילט מיר דעם ביסן פון מויל... איך וואָלט שוין דאָס פילייכט פאַרקוקט, האָט זי אָבער לעצטנס אויך גענומען הויבן אַ האַנט אויף מיר... זעסטו, דאָס וועל איך איר ניט שענקען!

— גלויב מיר, אַז דאָס טוט מיר זייער וויי, שלמה. איך וועל מיט איר פּרובירן ריידן, און זען אַז דאָס זאָל מער ניט געשען...

— דיין ריידן צו איר וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס! — זאָגט שלמה — דער איינציקער מיטל וואָס וועט איר אָפּהאַלטן פון הויבן אַ האַנט אויף מיר, איז צו געבן צוריק... פאַר יעדן קלאַפּ וואָס איך וועל פון איר קריגן, וועט זי קריגן צען צוריק. דאַן וועט זי זיך אַרומזען, אַז עס לוינט זיך איר ניט מיט מיר אָנצופאַנגען.

— ניין, עס איז ניט ריכטיק! עס טאָר צו דעם ניט קומען, שלמה! די בעסטע זאַך, ווען דו הערסט איר ריידן, דאַרפסטו זיך מאַכן ניט־הערנדיק. גיי אַריין דאַן אין דיין צימער, און לאָז איר ריידן ביז וואַנען זי וועט זיך אָפּקילן.

— עס רעדט זיך אַזוי: לאָז איר ריידן! — רופט זיך אָן שלמה — איר צונג איז שאַרף ווי אַ חלף... און איך פיל, אַז שניידט מיין פלייש.

— וויפיל מאָל מאַך איך זיך ניט הערנדיק! — האָט שרה אַ זאָג געטאָן — וויל אויב מען נעמט יעדע זאַך צום האַרצן, איז דאָך ניט שייך...

איינמאָל איז שלמה געקומען אַהיים פון בית המדרש אַ הונגעריקער. זיין ווייב און שוויגער זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דער הויז־ווירטשאַפט.

שלמה האָט איינגעזעז, אַז אין אַ צייט ווען בײדע פרויען זיינען אַזוי פאַר־שמאַיעט איז אַ סך בעסער ווען ער וועט זיי ניט באַלעסטיקען מיט צוגרייטן פאַר אים עטוואָס צו עסן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער זאָל זאָגן שרהן אַז ער איז הונגעריק, וואָלט זי פאַר אים באַלד צוגעגרייט וואָס צו עסן, אָבער די שוויגער וואָלט אויף אים געוואָרן אין כעס וואָס ער נעמט זי אַוועק פון איר אַרבייט, אין דער צייט ווען זי איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען. ער האָט דעריבער באַשלאָסן קיינעם ניט צו זאָגן אַז ער איז הונגעריק און ער וועט שוין אַליין געפינען שפייז.

שלמה איז אַריין אין שפּיזאַרניע, ער האָט דאָרט גענומען נישטערן אין די טעפּלעך און אין די סלאָיעקעס. ער האָט דערשמעקט אַ ליימענעם טעפּל פול מיט סמעטענע, און אויך אַ שיסל פול מיט צוואָרעך. ער האָט אַריינגעגע־טאָן די צוואָרעך אין דער סמעטענע און גענומען עסן מיט גרויס אַפּעטיט. צום אומגליק איז גראָד דאַן אַריינגעקומען זיין שוויגער אין שפּיזאַרניע און דער־זעענדיק ווי אַזוי איר איידעם האָט זיך קוים צוגעכאַפּט צו די סמעטענע און קעז, האָט זי זיך צעשריען אויף אים:

— דו דאַרמאַיעדניק! דו זולל־וסובאניק! דו ווילסט אויפפרעסן די גאַנצע סמעטענע מיט די צוואָרעך! איך האָב דאָס ניט אָנגעגרייט פאַר דיר!

שלמה האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און ער האָט מיט דער הילצער־נער לעפל פאַרטגעזעצט צו עסן די סמעטענע מיט די קעז.

— דו זויפער! דו טריפענער האַלדז! — האָט ריסיע ניט אויפגעהערט אים צו זידלען און שילטן — דערוואָרגן זאָלסטו ווערן מיט דעם ביסן! זאָל זיין גענוג! וואָס מיינסטו, דו וועסט אויפפרעסן אַלץ וואָס דו געפינסט דאָ? גענוג, זאָג איך דיר!

ווען שלמה האָט זיך נאָך אַלץ געמאַכט ניט הערנדיק און ווייטער גע־געסן, איז ריסיע אַזוי אויפגעקאָכט געוואָרן, אַז זי איז צו אים צוגעלאָפן און גענומען אַרויסרייסן דעם טאָפּ סמעטענע פון זיינע הענט.

שלמה האָט אָבער געהאַלטן דעם ליימענעם טאָפּ פעסט אין זיינע הענט, און ער האָט ניט אָפּגעלאָזן. ווען ריסיע האָט געזען, אַז ער וויל ניט אָפּלאָזן, האָט זיך איר כעס נאָך מער צעברענט אין איר. זי האָט אים גענומען שלאָגן מיט אירע בײדע הענט איבערן קאָפּ און איבערן פּנים שרייענדיק מיט ווילדע קולות:

— אומזיסטער פרעסער, איך וועל דיר דעם מוח צעפּלעטן אויב דו וועסט ניט אויפהערן פרעסן די סמעטענע!

ווען שלמה האָט דערפילט אירע קלעפּ, האָט ער זי מיט זיין גאַנצן כוח געגעבן אַ שטויס פון זיך, און ווען זי איז געוועזן אַביסל אָפּגערוקט פון אים, האָט ער אַ שליידער געטאָן דעם טאָפּ מיט די סמעטענע אויף זיין שוויגערס קאָפּ, אַזוי אַז דער טאָפּ איז צעשמעטערט געוואָרן אויף פיץ פיצלעך, און די סמעטענע האָט זיך געגאָסן פון איר קאָפּ אויף איר פּנים, אויף אירע שול־טערן. דאָס האָט ריסיען אינגאַנצן אַזוי אויפגעקאָכט, אַז זי האָט זיך גענומען

אַרומקוקן וואָס צו נעמען אין האַנט. זי האָט דערזען אַ שייט האָלץ, האָט זי דאָס אַ נעם געטאָן.

שלמה האָט דערזען דעם שייט האָלץ אין אירע הענט, האָט ער פלינק זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און איז אַנטלאָפן, הערנדיק אירע געשרייען:

— איך וועל אים דערהרגענען, דעם משומד! ער וועט שוין פון מיינע הענט קיין לעבעדיקער ניט אַרויסקומען!

שרה, דערהערנדיק די געוואַלדן, איז אַריינגעלאָפן אין שפּיזאַרניע און ווען זי האָט דערזען ווי איר מאַמע שטייט אַ באַגאָסענע פון קאָפּ ביז די פיס מיט סמעטענע, און די שערבעלעך פון ליימענעם טאָפּ צעוואָרפן אויף דעם דיל, און ווי זי האַלט אַ שייט האָלץ און נעמט זיך יאָגן נאָך שלמהן וועלכע איז שוין געווען אין דרויסן, איז זי צו איר צוגעלאָפן און גענומען וויינען און יאָמערן:

— אַ, מאַמע, וואָס אַזוינס איז געשען? וואָס איז דאָ פאָרגעקומען צווישן אייךביידן?!

— וואו איז ער דער משומד? — האָט ריסיע ניט אויפגעהערט צו שטורמען — איך וועל אים דעם קאָפּ אַראָפּהאַקן! נו, וואָס זאָגסטו אויף דעם פּאָסקודניאַק! ווי געפעלט ער דיר, אָט דער תכשיט? האָסטו זיך געקענט אַמאָל פאָרשטעלן, אַז ער זאָל דאָס טאָן צו מיר?!

— מאַמע — האָט שרה וויינענדיק אויסגערופן — אויב שלמה האָט דאָס געטאָן צו דיר, מן הסתם האָסטו אים געבראַכט דערצו!

— איך וועל דיר ווייזן ווי אַזוי דו קענסט זאָגן, אַז איך האָב אים געבראַכט דערצו! — האָט זי ריסיע צעקוויטשעט — דו מיינסט אַז אויב ער איז דיין מאַן מעג ער שוין טאָן צו דיין מאַמען אַלץ וואָס ער וויל? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך?! ער פרעסט מיין בלוט, און ער האָט דאָך מיר שיער ניט דעם קאָפּ צעשפּאָלטן!

— אָבער פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן צו דיר! — האָט שרה געכליפּעט

— ער וועט דאָך גלאַט אין דער וועלט אַריין דיר ניט וואַרפן אַ טאָפּ מיט סמעטענע אין קאָפּ! וואָס האָסטו צו אים געטאָן פריער?!

— וואָס מיינסטו, האָב איך געטאָן? איך קום אַריין אין ספּיזשאַרניע, איך זע, אַז ער שטייט און האַלט דעם גאַנצן טאָפּ סמעטענע אין די הענט און ער פרעסט אָן אָן אויפהער. נו, פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים געהייסן ער זאָל ניט אויפפרעסן די גאַנצע סמעטענע!

— דאָס איז ניט אַלץ, מאַמע! — האָט שרה געזאָגט — זאָג מיר דעם אמת, האָסטו אויסער דיינע קללות אים אויך געגעבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון דיינע הענט?

— און פאַרוואָס ניט? ווען איך רייד צו אים איז ווי איך רייד צו דער וואַנט... איך עס זיך אויף מיין האַרץ... איך שריי אויף אים, און ער קימערט זיך ניט. איך בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל אויפהערן אויפצופרעסן די גאַנצע סמעטענע, און ער טוט דאָס זייניקע. ער פרעסט ווי ניט אין זיך. איך גיס אויס מיין גאַל, איך שריי און בעט זיך ביי אים, און רייד צו אים און רייד

צו דער וואַנט... בין איך שוין אַרויס פון די כּלים און אים דערלאַנגט אַ פּעטשל... איז וואָס? דאַרף ער מיר וואַרפן אין קאָפּ דעם גאַנצן טאָפּ מיט די סמעטענע?... וואַרט, איך בין נאָך ניט פאַרטיק מיט אים! איך וועל קיין גאַנצן גליד ניט איבערלאָזן אין זיין גוף... איך וועל אים ווייזן ווער עלטער איז. זאָל ער נאָר אַריינקומען אין הויז...

— מאַמע, דו ווילסט אים פון הויז פאַריאָגן! איך בין זיכער, אַז ער וועט עס טאָן, אויב דו וועסט אים ניט צורו לאָזן... אוי, מאַמע, ווען דו אָדער ער וואָלט זיך געקענט באַהערשן און איינהאַלטן דעם כּעס... וואָס זאָל איך טאָן? גאָט, הלוואַי וואָלט איך בעסער ניט געבוירן געוואָרן! זינט דו האָסט מיך חתונה געמאַכט, ווייס איך נאָך ניט פון קיין גוטער שעה, און איך מוז דיר זאָגן, אַז די אַלע צרות קומען אַרויס פון דעם וואָס דו פאַרשטייסט אים ניט...

שרה האָט געהאָלפן איר מאַמען אָפּצוואַשן די סמעטענע פון איר קאָפּ, פּנים און קלייד.

— הערסט, מאַמע, ווען דו וואָלסט געוואוסט ווי זיך צו באַגיין מיט אים, וואָלטן אַלע רייסערייען און קריגערייען געקענט פאַרמיטן ווערן — האָט שרה צו איר געגומען ריידן — שלמה איז גאָרניט אַזאַ שלעכטער. פאַרקערט, ער איז זייער אַ גוטער פון דער נאַטור. אָבער ער וויל ניט דולדן ווען מען הויבט אַ האַנט אויף אים. ער איז ניט געוואוינט געוואָרן פון זיין היים, אַז מען זאָל אים שלאָגן... זיין טאַטע און מאַמע האָבן קיין פינגער אויף אים ניט געהויבן... ער האָט ביי זיך אין דער היים קיינמאָל ניט געהערט קיין קללה...

— איך האָב אַ רעכט אים צו שילטן ווען איך זע, אַז ער טוט ניט וואָס עס איז נויטיק!

— איך ווייס ניט, מאַמע, צי דו האָסט אַ רעכט אים צו שילטן, צי ניט, אָבער אים שלאָגן האָסטו קיין רעכט ניט! בלויז עלטערן קענען אַמאָל אָנשלאָגן אַ קינד, און קיינער קען צו זיי קיין טענה ניט האָבן... איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, ווען איך רייד צו שלמהן און מוסר אים אויס פאַר זיין חוצפּה וואָס ער ווייזט דיר אָפּט אַרויס, זאָגט ער מיר, אַז אים אַרט ניט וואָס דו שילטסט אים און זידלסט אים. ער קען דאָס אַלץ הערן און מאַכן זיך ניט הערנדיק. אָבער ווען דו וועסט הויבן אויף אים אַ האַנט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז פאַר איין קלאַפּ וועט ער דיר געבן צען צוריק!

— און דו האָסט עס געהערט פון אים און געשוויגן — האָט ריסיע פאַר־געוואָרפן איר טאָכטער.

— וואָס האָב איך געקענט אים זאָגן? עס איז די נאַטור פון אַ מענטשן, אַז ווען מען שלאָגט אים, שלאָגט ער צוריק. אַלץ וואָס איך האָב געוואונטשן איז, אַז עס זאָל קיינמאָל ניט קומען צו דעם, אַז ער זאָל דאַרפן צוריקשלאָגן...

— און וואָס האָב איך באַדאַרפט טאָן ווען איך קום אַריין און זע ווי ער שטייט מיט דעם גאַנצן טאָפּ סמעטענע און פרעסט עס אָן אַן אויפהער?... וואָס מיינט ער, אַז איך האָב דאָס אָנגעגרייט פאַר אים?!

— איך בין זיכער, אַז ווען דו האָסט עס דערזען און דו וואָלסט צו אים גערעדט מיט גוטן: „שלמה, די סמעטענע דאַרף איך האָבן פֿאַר די באָטש־ווענע אָדער שטשאַוו; עס דאַס ניט אויף אײַנגאַנצן", בין איך זיכער, אַז ער וואָלט גלייך צוריקגעשטעלט דעם טאָפּ אויף דעם פּלאַץ, און איך וואָלט אים שוין געגעבן עטוואָס אַנדערש צו עסן... אָבער ווען דו פֿאַלסט אָן אויף אים, דו נעמסט איש שילטן און זידלען, פֿאַרשטייט זיך, אַז ער וועט זיך צו דיר ניט צוהערן און ער האָט ווייטער געטאָן דאָס זייניקע און געגעסן... און ווען דו האָסט נאָך דערצו אים גענומען שלאָגן, דאַן האָט ער זיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן און דאָס געטאָן צו דיר!

— איך האָב אַ רעכט אים צו שלאָגן, און ער האָט קיין רעכט ניט מיך צו שלאָגן צוריק! איך גיב אים עסן, מעג איך אים אַמאָל אָנשלאָגן!

— אָ, נײַן, מאַמע! — האָט שרה וויינענדיק געזאָגט — דו גיסט אים ניט עסן אומזיסט. דו האָסט אים צוגעזאָגט צו געבן זעקס יאָר קעסט, און דאָס קומט פֿון דיר. עס איז פּונקט ווי דו באַדאַרפֿסט צאָלן דיינעם אַ חוב צו איינעם. ווערסטו מיט דעם וואָס דו באַצאָלסט אים זיך נעמען דאָס רעכט יענעם צו באַליידיקן און צו שלאָגן?...

ריסיעס כּעס האָט איר אָפּגעלאָזן. זי האָט איינגעזען, אַז איר טאָכטער האָט רעכט, אָבער אינגאַנצן צוגעגעבן איר שולד האָט זי ניט... זי האָט אַ טראַכט געטאָן, וואָס וואָלט טאַקע געווען, ווען יהושע, שלמהס טאַטע, געפינט אויס ווי זי באַהאַנדלט אים... ער קען דאָך אים אינגאַנצן אַוועקנעמען פֿון דאָרט און דערנאָך שיקן אַ גט שרהן...

— גיי, שרה רוף אים אַריין אין הויז! — האָט ריסיע געזאָגט מיט עטוואָס רואיקייט — זאָג אים, אַז איך וועל אים גאָרניט טאָן.

שרה איז באַלד אַרויס אין דרויסן. זי האָט גענומען זוכן שלמהן, אָבער זי האָט האָט אים שוין דאָרט ניט געטראָפֿן.

ער איז ניטאָ אין דרויסן! — האָט שרה מיט שרעק אין איר שטימע געזאָגט — ווער ווייסט וואוהין ער איז געגאַנגען?

— האָב קיין מורא ניט, ער וועט אין ערגעץ ניט גיין! — האָט ריסיע איר באַרואיקט — ער איז געוויס צוריק אין בית המדרש. טו זיך איבער און גיי אַוועק צום בית המדרש. זאָג אים, אַז דאָס געקעכץ וועט קאַלט ווערן און אַז ער זאָל גלייך קומען מיט דיר אַהיים און דו וועסט אים געבן עסן. דו קענסט אים זאָגן, אַז מיין כּעס איז שוין פֿאַראיבער און אַז ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבן.

שרה האָט געפֿאָלגט איר מאַמען. זי האָט איבערגעביטן איר קלייד און איז אַוועק צום בית המדרש. זי האָט זיך געשעמט אַריינצוגיין אינעווייניק. זי האָט אַריינגעקוקט דורכן פֿענסטער און זי האָט דערזען איר שלמהן שטייענדיק לעבן אַ סטענדער מיט אַן אָפֿענער גמרא. לעבן אים שטייט אַן עלטערער בחור און שלמה דערקלערט אים עפּעס אַ שווערן ענין אין דער גמרא.

אַ לייכטער ציטער איז אַדורך איר קערפּער. איר שלמה איז דאָך אַזאַ גרויסער למדן. ער קען מער פֿאַר אַלעמען. זי ווייסט שוין, אַז דער הויפּט רב

אַפּילו האָט מורא אַריינצוגיין מיט שלמהן אין אַ תּורה שמועס, ווייל ער שטעלט אים אַזעלכע פראַגעס וואָס אים קומט אָן גאַנץ שווער זיי צו פאַרענטפערן. ווי שטאָלץ זי דאַרף זיין וואָס אויף איר גורל איז אויסגעפאַלן צו האָבן אַזאַ מאַן, וועלכער איז פאַררעכנט פאַר דעם גרעסטן למדן אין נעסוויזש... איר האַרץ האָט איר פאַרקוועטשט, ווען זי האָט אַ טראַכט געטאָן ווי איר מאַמע איז־דיעקעוועט זיך איבער אים... אמת, עס איז אויך אַ רחמנות אויף איר מאַמען, וועלכע איז תּמיד אַזוי פאַרזאָרגט, אַזוי פאַרצאַרנט, און זי קען זיך ניט באַ־הערשן... אָבער וואָס איז ער שולדיק. ער איז דאָך אַזוי איידל, אַזוי קלוג. ער ווייסט אַזוי פיל... ער דערציילט איר אַזעלכע זאַכן, וואָס זי האָט קיינ־מאָל אין איר לעבן ניט געהערט. ווען איר מאַמע וואָלט אים בעסער באַ־האַנדלט, וואָלט זי דאָך אויך געקענט אַ סך געניסן פון אים. ער וואָלט דער־ציילט די געשיכטעס פון תּנ״ך, פון דער גמרא און פון די מדרשים אויך אין איר קעגנוואַרט און זי וואָלט הנאה געהאַט פון דעם... איצט, אָבער, אַז זי שילט אים און באַליידיקט אים אַזוי אָפט, זוכט ער אינגאַנצן זי אויסצומיידן און אַפּילו פרייטאָג ביינאַכט, ווען מען זעצט זיך עסן, און ער מאַכט קידוש, עסט ער שווייגנדיק, ווייל זי איז דאָ. ווען די מאַמע אירע איז ניטאָ דערביי, האָט שלמה זייער ליב צו ריידן ביים טיש. ער דערציילט פאַרשידענע מעשיות פון אַמאָל, ווי אויך פון איצטיקע הייליקע יידן, וועלכע באַווייזן גרויסע וואונ־דער.

טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן ווען זי איז אַזוי געשטאַנען ביים דעם פענסטער פון בית המדרש און אַריינגעקוקט אינעווייניק. זי קען איר מאַמען בשום אופן ניט פאַרשטיין. זי האָט איינגעלייגט וועלטן צו קריגן שלמהן פאַר אַן איידעם. זי ווייסט דאָך דעם גאַנצן אמת, ווי אַזוי זי האָט אָפּגעמאַכט מיט דעם בעל־עגלה... ווי זי האָט אָנגעזאָגט די שדכנים ווי צו ריידן צו יהושען... פאַרוואָס זאָל זי איצט ניט אַרויסווייזן צופרידנהייט וואָס זי האָט דערגרייכט דאָס וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט... איז עס מעגלעך, אַז איר מאַמע האָט שלמהן ניט ליב? אָדער איז עס בלויז ווייל עס איז איר ביטער אויפן האַרצן?... עס איז אמת, אַז ווען איר ברודער, איציק, איז געווען אין הויז, פלעגט זי אויף אים זייער אָפט אויסגיסן איר ביטערע גאַל, און אים טאַקע אויך שלאָגן מיט וואָס עס פלעגט זיך מאַכן. אָבער שלמה איז דאָך אַ פרעמדער, וואָלט זי באַדאַרפט האָבן מער איינזעעניש מיט אים, און אויסמיידן אַזעלכע צוזאַמענשטויסן מיט אים...

ס'איז דאַן געווען אַ וואַרימער טאָג, אָנפאַנג פרילינג. די פענסטער פון בית המדרש זיינען געווען אָפן, און שרה האָט געקענט הערן די שטימע פון איר מאַן, שלמה, ווען ער האָט קלאָר געמאַכט אַן ענין פון דער גמרא פאַר דעם עלטערן בחור. זי איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַזוי פיל שטאָלץ און פרייד צוקוקנדיק ווי דער עלטערער בחור קוקט אויף שלמהן מיט אַזוי פיל ערב־פורכט און אָפּשאַצונג, ווי אַ גרויסע פרייד צעשפּרייט זיך איבער זיין פּנים וואָס צייגט, אַז איצט איז אים אַלץ אַזוי קלאָר, און ער איז אים דערפאַר זייער דאַנקבאַר. אָ, ווען איר מוטער וואָלט עס אַליין צוגעזען, וואָלט זי שוין פאַר

אים אויך געקראַגן מער דרך ארץ. זי וואָלט שוין זיכער אים מער ניט גע־וואָגט צו שילטן, און נאָך הויבן אַ האַנט אויף אים...

זי שוידערט אויף ווען זי דערמאָנט זיך, אַז איר מאַמע איז געלאָפן מיט אַ שייטל האָלץ צו שלאָגן שלמהן און ער איז נעבעך אַנטלאָפן קוים מיט זיין לעבן. זי האָט מורא, אַז פון דעם אופן ווי איר מאַמע באַהאַנדלט שלמהן, וועט ער זיך לאַנג ניט האַלטן ביי זיי... אַ, ווען ער זאָל נאָר עלטער ווערן און אָנפאַנגען צו פאַרדינען אויף פרנסה, וואָלט זי איבערגעלאָזן איר מאַמעס הויז און מיט אים אָפּגערייזט ערגעץ־וואו, גאַנץ ווייט פון דאַנען, און זיי וואָלטן ביידע זיך געלעבט ווי טייבעלעך...

שרה האָט געהאָפט, אַז שלמה וועט זי דערזען, וועט זי צו אים אַ וואונק טאָן, און ער וועט אַרויסקומען צו איר פון בית המדרש. זי האָט זיך אַליין געשעמט אַריינצוגיין אַהין, וואו אַזוי פיל יונגע לייט זיצן און לערנען. אָבער ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין לערנען, אַז ער האָט זי ניט באַמערקט. זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און ווען זי האָט דערזען יונה דעם וואַסער טרע־גער גייענדיק צום בית המדרש, האָט זי אים געבעטן ער זאָל אַרויסשיקן שלמהן.

— זאָגט אים, אַז זיין ווייב, שרה, וואַרט אין דרויסן און זי בעט אים אַרויסצוקומען — האָט זי זיך צו אים אָנגערופן — טאָמער וועט ער אייך זאָגן, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען אין לערנען, זאָלט איר אים זאָגן, אַז עס איז זייער נויטיק און אַז ער זאָל שוין אַרויסקומען.

ווען שלמה איז אַנטלאָפן געוואָרן, מורא האָבנדיק אַז זיין שוויגער וועט אים שלאָגן מיט דעם שייט האָלץ, האָט אים זיין האַרץ געגנומען קלאַפּן אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן. אמת, זי האָט אים געשלאָגן מיט אירע פויסטן, און דערפאַר האָט ער געהאַט אַ רעכט איר צוריקצושלאָגן. אָבער ווער ווייסט וואָס עס איז געשען? ער האָט דאָך איר געוואָרפן דעם טאָפּ אין קאָפּ, און אפשר האָט ער איר געשפּאָלטן דעם מוח. זי וועט נאָך חלילה קראַנק ווערן, און גאָט ווייסט וואָס עס קען פּאַסירן. ער האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסן וואָס ער זאָל טאָן ווייטער. אומקערן זיך אַהיים וועט ער מורא האָבן... און גיין ערגעץ־וואו אַנדערש, האָט ער ניט וואוהין. ווען ער וואָלט געהאַט ביי זיך געלט, וואָלט ער געקענט דינגען אַ פור און זיך צוריקקערן קיין מאָהילנע, צו זיין טאַטן אין הויז. ער וואָלט דאַן דערציילט זיין טאַטן וואָס ער דאַרף אויסשטיין פון זיין שוויגער און ער וואָלט שוין באַשלאָסן וואָס צו טאָן. איצט, אָבער איז ער שטאַרק פאַרצווייפלט...

דעריבער איז שלמה געווען זייער צופרידן, ווען איינער פון די עלטערע בחורים האָט אים געבעטן ער זאָל אים דערקלערן אַ שווערן ענין אין דער גמרא. דאָס האָט איגנאַנצן פאַרטריבן זיינע בייזע געדאַנקען פאַר אַ ווײלע. נאָכדעם ווי דער בחור איז פון אים אַוועק, האָט ער פּרובירט אַליין לערנען, אָבער עס איז אים ניט געגאַנגען, ווייל ווידער זיינען אים אויפן זינען גע־קומען יענע בייזע געדאַנקען וועגן זיין שוויגער, און ער האָט איבערגעטראַכט דאָס ערגסטע...

זיין שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן ווען דער וואַסער־טרעגער איז צו אים צוגעקומען און אים געזאָגט, אַז זיין ווייבל, שרה, געפינט זיך לעבן דער טיר פון בית המדרש און אַז עס איז זייער נויטיק, און ער זאָל גלייך אַרויס־קומען.

איצט איז שוין ביי שלמהן קיין ספק ניט געווען, אַז ער האָט זיין שוויגער זיכער געניזוקט, און זי מוז ליגן קראַנק אין בעט... און אפשר האָט ער זי גאָר דערשלאָגן צום טויט מיט דעם טאָפּ סמעטענע... אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן, ווען ער האָט פון דעם אַ טראַכט געטאָן... אוי, גאָט, וואָס וועט דאָן זיין, ווען זיין שוויגער וועט שטאַרבן פון דעם שטאַרקן קלאַפּ וואָס זי האָט געקראָגן ווען ער האָט אויף איר קאָפּ צעשמעטערט דעם ליימענעם טאָפּ מיט סמעטענע. מיט ציטער אין האַרצן און מיט וואַקלענדיקע קני איז שלמה אַרויס פון בית המדרש אין דרויסן. זיין פּנים איז טויט בלאַס געוואָרן. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט שרעק און מורא. ער האָט זיך געשראָקן צו קוקן זיין ווייב גלייך אין די אויגן.

— שלמה! — האָט שרה זיך צו אים געווענדעט מיט אַזוי פיל צערט־לעכקייט אין איר שטימע, אַז איר שטימע איז צו אים געווען ווי אַ באַלזאַם — שלמה, איך וויל מיט דיר ריידן. קום צו אָט דאָרט, לעבן בוים.

שלמה איז מיט איר צוגעגאַנגען צום בוים. ער האָט געווענדעט זיינע אויגן אין אַן אַנדער ריכטונג, און געוואַרט אַז זי זאָל ווייטער ריידן.

— שלמה, איך מוז דיר זאָגן, אַז מיין האַרץ טוט מיר זייער ווי צוליב דעם וואָס עס איז געשען אַ ווילדע פריער צווישן דיר און מיין מאַמען. איך האָב מיט איר פריער גערעדט שאַרפע דיבורים. זי האָט מיר צוגעגעבן, אַז זי האָט ניט ריכטיק געהאַנדלט קעגן דיר. זי וויל, אַז דו זאָלסט קומען עסן, ווייל דו ביסט זיכער זייער הונגעריק.

שלמה האָט אין זיך דערפילט אַ דערלייכטערונג. ווייזט אויס, אַז דאָס צע־שמעטערן דעם ליימענעם טאָפּ מיט די סמעטענע אויף איר קאָפּ האָט איר גאָרניט געשאַדט.

— ניין, איך וועל ניט גיין! — האָט זיך שלמה גענומען פאַרקאַפּריזעווען — איך בין ניט געקומען אַהער זי זאָל מיך שלאָגן!

— אָבער שלמה, איך זאָג דיר, אַז זי וועט שוין מער ניט הויבן קיין האַנט אויף דיר. איך פאַרזיכער דיר! זי האָט עס מיר צוגעזאָגט... זי גיט צו, אַז זי האָט זיך פאַרלוירן און ניט געוואוסט וואָס זי טוט. פאָלג מיך, שלמה, קום מיט מיר אַהיים. איך ווייס, אַז דו האָסט נאָך ניט געגעסן, און דו מוזט זיין זייער הונגעריק.

— אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז אויב זי וועט אויף מיר ווייטער הויבן אַ האַנט, וועל איך אינגאַנצן אַוועק פון דאַנען. ווען מיין טאַטע זאָל וויסן ווי אַזוי דיין מאַמע באַהאַנדלט מיך, וואָלט ער מיך זיכער קיין איין טאָג דאָ ניט געלאָזן בלייבן...

— נו, זאָג אַליין, שלמה, וואָס בין איך שולדיק, אַז מיין מאַמע איז אַ כּעסנטע?... אָבער דו ווייסט דאָך אַליין, אַז איר כּעס קומט שנעל און פאַר־

שווינדט שנעל... אַלץ וואָס איך בעט דיך איז צו האָבן אַ ביסל מער געדולד מיט איר. זי האָט מיר שוין אַליין צוגעגעבן, אַז זי האָט ניט שיין געהאַנדלט קעגן דיר, אָבער וויבאַלד אַז אויך דו האָסט ניט שיין געהאַנדלט קעגן איר, האָט איר זיך שוין בײדע אויסגעגליכן און איך בין זיכער, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט שוין צווישן אייך הערשן שלום. קום, שלמה, איך בעט דיך, קום מיט מיר אַהיים. די מאַמע אַליין האָט מיך שוין געשיקט דיך רופן, ווייל זי פילט, אַז זי איז שולדיק אין דעם וואָס עס איז געשען צווישן אייך ביידן.

שלמה איז מיט איר מיטגעגאַנגען אַהיים. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט שרהן, אויב איר מאַמע וועט אים שוין צורו לאָזן.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז זי וועט שוין זיך מער ניט אָנפאַנגען מיט דיר!

— האָט אים שרה פאַרזיכערט — דו מיינסט אַוודאי, אַז מיין מאַמע האָט דיך ניט ליב... מאַכסטו אַ טעות. דו ביסט ביי איר פאַררעכנט פאַר אַן אייגענעם קינד...

— איך בין איר מוחל! — האָט שלמה אויסגערופן — זאָל זי מיך ניט פאַררעכענען פאַר איר אייגענעם קינד און זאָל זי אויף מיר ניט הויבן קיין האַנט. איך האָב דיר שוין געזאָגט איינמאָל און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז אויב זי וועט מיר געבן איין קלאַפּ, וועט זי קריגן פון מיר צען קלעפּ צוריק.

— מער וועט עס שוין צו דעם ניט קומען! — האָט שרה געזאָגט שלמהן — איך אַליין וועל שוין זען, אַז מיין מאַמע זאָל אַפילו ריידן אַנדערש צו דיר.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו ריסיעס הויז, האָט זיך שלמה אָפּגעשטעלט פאַר אַ ווילע, ווי ער וואָלט געצווונגען אַריינצוגיין אינעווייניק.

ריסיע איז שוין געוואָרן עטוואָס באַזאָרגט, ווען זי האָט געזען, אַז שרה זאַמט זיך צו לאַנג. ווער ווייסט, אפשר וועט זיך שלמה שוין מער ניט אומקערן צו איר. אפשר איז ער גאָר אַנטלאָפן געוואָרן פון נעסוויזש, און איז אַוועק אַהיים צו פוס. מער וואָלט איר ניט געפעלט, ווען דאָס וואָלט אַזוי פּאַסירט. זי וואָלט זיך דאָך ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן פון שאַנדע... אויסער דעם וואָס איר טאָכטער וואָלט געווען אַזוי אומגליקלעך... איר האָט שוין גענומען שטאַרק פאַרדריסן אויף זיך וואָס זי קען ניט איינהאַלטן איר כעס און דאָס וואָס זי באַהאַנדלט אים אַזוי שלעכט. אַנשטאָט צו זיין גליקלעך און שטאָלץ מיט איר איידעם, טוט זי אים גאָר באַליידיקן... זי איז געשטאַנען לעבן דעם אַריינגאַנג פון איר הויז, און ווען זי האָט זיי דערזען פון ווייטן אָנקומענדיק, האָט זי לייכט אָפּגעאָטעמט, און האָט זיך שנעל צוריקגעקערט אין הויז. זי האָט גענומען שנעל צוגרייטן צום טיש. ווען זיי זיינען שוין געווען אינעווייניק, איז ריסיע זיי אַנטקעגן געקומען מיט אַ שמייכל.

— שלמה קום אַריין און זעץ זיך עסן, דו מוזט זיין זייער הונגעריק, זאָלסט מיר זיין געזונט און שטאַרק, איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס דו זאָלסט זיך פילן אַזוי פרעמד אין מיין הויז. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט דאָך אַלץ געהערן צו דיר און צו שרהן... אמת, מען רעדט זיך אַמאָל איבער צווישן זיך, אָבער דו דאַרפסט קיין פאַראיבל ניט האָבן.

מער זיינען דאָך ניט קיין פּרעמדע... רעדט מען אַמאָל אַרויס אַ צו הויכן וואָרט, און דאָס איז קיין עוולה ניט... מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן...

שלמה האָט געהאַלטן זיינע אויגן געווענדעט אין אַן אַנדער ריכטונג און האָט געשוויגן. ער איז געגאַנגען זיך וואַשן און זיך געזעצט צום טיש און שרה האָט אים געבראַכט וואָס צו עסן. זי האָט זיך אויך צוגעזעצט און געגעסן מיט אים צוזאַמען. ריסיע האָט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ בליק פון דער וויַיטנס. זי האָט אַ זיפץ געטאָן און עס איז געווען שווער צו זאָגן אויב עס איז געווען אַ זיפץ פון חרטה וואָס זי באַהאַנדלט איר יונגען איידעם אַזוי שלעכט, אָדער דאָס איז געווען אַ זיפץ וואָס האָט אויסגעדריקט איר פאַרצווייפלונג און פאַרביטערטקייט וואָס זי האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַזאַ שווערן יאָך און איז פול מיט חובות.

21

עטלעכע טעג איז געווען שטיל. ריסיע האָט שלמהן געגומען באַהאַנדלען מיט איינזעעניש. זי האָט אים ניט געשאָלטן און ניט געזידלט. שלמה האָט זיך אויך באַרואיקט. ער איז אַנגעגאַנגען מיט זיין לערנען, און ווען ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט שוין פאַר אים זיין צוגעגרייט אַ מאָלצייט. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אָט איז געקומען דער טערמין צו באַצאָלן אַ חוב און זי האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן, פלעגט זי ווידער ווערן אויפגע־רודערט און זיך קאָכן און שילטן. ווען שלמה איז געקומען צו דער האַנט, האָט זי אים ניט געשאַנעוועט.

— עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט אויך עטוואָס פאַרדינען און אַרויס־העלפן אין הויז! — האָט זי זיך צו אים געווענדעט — וויפיל איז דער שיער צו ליגן יענעם אויפן קאַרק, און פרעסן און זופן?... זעסטו דען ניט ווי איך מוטשע זיך?... אָט האָב איך נאָך ניט באַצאָלט די צוויי הונדערט גילדן פאַר די שנאַפּס, און הירש דוקער וויל מיר מער ניט געבן אויף באָרג. די פויערים קומען און פאָדערן שנאַפּס, און איך קען זיי ניט געבן. זיי מיינען, אַז איך האָב און וויל זיי ניט געבן, ווערן זיי ברוגז, און ווילן מער ניט אַריינ־קומען צו מיר אין שענקל. נו, אַז זיי קומען ניט אַריין, פאַרדין איך דאָך ניט קיין געלט, און איך האָב ניט מיט וואָס צו צאָלן די חובות... עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט אויך אַ ביסל אַרויסהעלפן. פאַרוואָס זאָלסטו ניט קריגן עט־לעכע תלמידים און מיט זיי לערנען? דו האָסט דאָך אַזאַ נאָמען פאַר אַ למדן, און ווי מען דערציילט מיר, קומען אַלע בחורים פון קלויז דיך בעטן דו זאָלסט זיי דערקלערן די גמרא, טאָ וואָלט דאָך געווען בעסער פאַר דיר, ווען דו נעמסט זיך אונטער צו לערנען מיט קינדער און קריגסט באַצאָלט פאַר דעם!

שלמה האָט איר ניט געענטפערט, ווייל שרה האָט אים געבעטן, אַז ווען

איר מאַמע וועט צו אים אַזוי ריידן, זאָל ער זיך מאַכן ניט הערנדיק. זיין שוויגן פלעגט איר נאָך מער אויפרייצן, און אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט און די קללות האָבן זיך ווידער גענומען שיטן פון איר מויל. יעדע קללה אירע האָט שלמהן ווי געטאָן ווי שאַרפע מעסערס וואָלטן געשניטן זיין פלייש. דאָס לעבן איז אים שוין נמאס געוואָרן.

גאַנץ אָפט פלעגט ער ליגן ביינאַכט אין זיין בעטל און ניט קענען שלאָפן. טראַכטענדיק פון דעם אופן ווי זיין שוויגער באַהאַנדלט אים. די דערנידעריקט אים און באַליידיקט אים. ער פלעגט טראַכטן פון זיין פאַרשטאָרבענער מוטער, רבקה, וועלכע האָט אים אַזוי ליב געהאַט, געצערטלט און געקעכלט. אַ, ווען זי וואָלט איצט אויפגעשטאַנען פון איר קבר און צוגעזען וואָס ריסיע, זיין שוויגער, טוט צו איר זון, וואָלט זי זיך איבערגעדרייט אין קבר. טראַכטענדיק אַזוי איז אים פּלוצלינג געקומען אַ מחשבה: וואָס וואָלט געווען ווען זיין מאַמע קומט ריסיען צו חלום און סטראַשעט איר אָן, אַז זי וועט זיך מיט איר אָפּרעכענען פאַר דעם וואָס זי באַהאַנדלט איר זון אַזוי שלעכט? אַ, ווען דאָס געשעט, וואָלט ריסיע שוין מורא געהאַט זיך אָנצוהויבן מיט אים. זי וואָלט אים שוין גענומען בעסער באַהאַנדלען. ער ווייסט ווי ריסיע שרעקט זיך פאַר די טויטע... אַזאַ מין חלום וואָלט געקענט האָבן אויף איר אַ ווירקונג צום בעסערן...

פּלוצלינג האָט אין זיין מוח אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: ווי וואָלט געווען ווען ער גנבעט זיך אַריין צו איר אין צימער אין מיטן נאַכט, ווען עס איז זייער פינסטער און פּרובירט אַריינריידן אין אַ ליימענעם טאָפּ, וואָל וואָלט געמאַכט, אַז זיין שטימע זאָל קלינגען ווי פאַרשטיקט. ער זאָל וואָרטן ווען זי טשוכעט זיך עטוואָס אויף און דאַן ריידן צו איר ווי זיין טויטע מוטער וואָלט עס גערעדט און איר אָנסטראַשען און איר וואָרענען, אַז זי זאָל אים בעסער באַהאַנדלען. ליגנדיק אַזוי האָט ער אויסגעאַרבעט זיין פּלאַן. איידער ער איז געגאַנגען שלאָפן האָט ער צוגעגרייט דעם ליימענעם טאָפּ. ער האָט צוגעוואָרט ביז וואַנען שרה האָט שוין געשמאַק געשלאָפן. דאַן האָט ער זיך מיט גרויס פאַרזיכטיקייט אויפגעהויבן פון זיין בעט. ער האָט מיטגענומען דעם ליימענעם טאָפּ און אויף די שפּיץ פינגער אַריינגעגאַנגען אין זיין שוויגערס שלאָפצימער און ער איז אַרונטערגעקראָכן אונטער איר בעט און איז דאָרט אַ ווילע געלעגן. ווען ער האָט דערפילט, אַז זי נעמט זיך איבערדרייען אויף דער אַנדערער זייט, האָט ער גענומען אַריינריידן אין דעם ליימענעם טאָפּ:

— ריסיע, ריסיע! דו ביסט אַ מרשעת! דו ביסט אַ שלעכטס! דו האָסט ניט גאָט אין האַרצן! פאַרוואָס באַהאַנדלסטו מיין באַליבטן זון אַזוי שלעכט? דו ווייסט דאָך, אַז ער איז אַ יתום, און גאָט נעמט זיך אָן די קריוודע פון יתומים איך וואָרן דיך, אַז אויב דו וועסט זיך ניט פאַרבעסערן, און דו וועסט ווייטער פייניקן מיין זון מיט דיין שאַרפן שמוציקן צונג, וועסטו האָבן אַ ביטערן סוף! דו וועסט לאַנג ניט לעבן. איך וועל דיר מיטשלעפּן מיט זיך אין קבר. יאָ, אויף אייביק וועסטו פאַרשאָלטן ווערן.

ווען ער האָט געהערט ווי זי אָטעמט אַזוי שווער און זי קרעכצט, האָט ער

צוגעוואַרט אַ קליינע ווילע, און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט ער זי געגעבן אַזאַ שטאַרקן קניפּ אין האַנט, אַז ריסיע האָט אַרויסגעלאָזן אַ געשריי. שלמה האָט זיך ווי אַמשנעלסטן אָפּגע־טראָגן פון איר צימער. ער האָט צוריקגעשטעלט דעם ליימענעם טאָפּ אויף זיין פּלאַץ, און פלינק אַריין צוריק אין שלאָפצימער, זיך געלעגט אין בעט, אַריבערגעדעקט זיין קאָפּ מיט דער קאָלדרע און זיך געמאַכט שלאָפנדיק. ער האָט געהערט פון זיין צימער זיין שוויגערס טריט, ווי זי דרייט זיך אַרום הין און צוריק אין דער סטאָלאָווע, וואו עס האָט געברענט אַ קליין קעראָסין לעמפּל. ער האָט געקענט הערן ווי זי מורמלט צו זיך , אויסרופנדיק:

— ווי איז מיר און ווינד איז מיר! — זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל! איי, אַזאַ בייזער חלום! זאָל דער אויבערשטער רחמנות האָבן!...

שרה האָט די גאַנצע צייט געשלאָפן און גאָרניט געוואוסט וואָס עס איז פאָרגעקומען. שלמה איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. ער האָט אָפּגעגאָסן „נעגל וואַסער" און איז אַוועק אין בית המדרש דאַוונען דעם ערשטן מנין.

ריסיע אָבער האָט שוין מער ניט געקענט איינליגן. זי איז אויפגעשטאַנען זייער פרי. זי האָט געוואָלט צוגרייטן אַ ביסל וואַרימע מילך פאַר שלמהן, ער זאָל עפּעס האָבן אין מויל, אָבער איידער זי האָט זיך אַרומגעזען, איז ער שוין געווען אַוועק אין בית המדרש.

אַזוי שנעל ווי שרה איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, איז ריסיע צו איר צוגעקומען און האָט אויסגערופן:

— אוי, שרהלע, מיין קינד, מיין טרייסט האָב איך ביינאַכט געהאַט אַ שרעקלעכן חלום, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין! אוי, ווי איז מיר, וואָס מיר האָט זיך לעצטע נאַכט געחלומט!... שלמהס מאַמע, רבקה, איז צו מיר גע־קומען צו חלום. איר שטימע איז געווען שרעקלעך... זי האָט מיך שטאַרק אויסגעמוסרט וואָס איך באַהאַנדל שלעכט איר זון און זי האָט מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל ניט באַהאַנדלען איר זון בעסער וועל איך באַשטראָפט ווערן... זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל זיין פאַרשאָלטן אויף אייביק... אוי, טאָכטערל מיינע, וואָס זאָל איך איצט טאָן? גיב נאָר אַ קוק וואָס זיין מוטער האָט צו מיר געטאָן לעצטע נאַכט, נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט ריידן צו מיר!

ריסיע האָט פאַרקאַשערט איר אַרבל און געוויזן איר טאָכטער אַ בלויען סיניאַק אויף איר אָרעם...

— ווען זיין טויטע מאַמע האָט אויפגעהערט ריידן, האָט זי מיר געגעבן אַזאַ קניפּ אין האַנט, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך וועל חלשן פון ווייטאָק.

— מאַמע! — האָט שרה זיך פונאַנדערגעוויינט — דו מוזט גלייך גיין צום דיין ער זאָל דיר פּותר חלום זיין — אפשר באַהאַנדלסטו טאַקע מיין שלמהן ניט גוט!

— דוכט זיך, אַז די לעצטע פּאָר טעג האָב איך אים גאָרניט אַזוי שלעכט באַהאַנדלט! — האָט ריסיע קרעכצענדיק געזאָגט.

— אָ, מאַמע, איך מוז דיר זאָגן, אַז דו באַהאַנדלסט אים ניט לויט זיין ווירדע! ווייסטו דען ניט, אַז מיין מאַן, שלמה, איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון

די גרעסטע לומדים? ער איז דערצו אויך זייער פרום. אַנשטאָט צו פילן זיך גליקלעך וואָס שלמה איז מיט אונדז, דערגייסטו אים גאָר די יאָרן; דו שילטסט אים, דו זידלסט אים, פונקט ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין דיינע צרות... ביז ניט לאַנג צוריק פלעגסטו דאָך אויף אים אויך הויבן אַ האַנט...

— נו, וואָס עס איז געווען איז פאַרפאַלן! — האָט ריסיע זיך אַנגערופן — איך האָב דאָך אים מער ניט אַנגערירט... און טאָמער כאַפּט זיך אַרויס פון מיין מויל אַ קללה, איז וואָס? זיין מאַמע ווייסט דאָך, אַז איך מיין דאָס ניט... אוי, ווי מיין האַרץ שרעקט אין מיר... ווי דייטלעך איך האָב געהערט איר שטימע... און דו זעסט דאָך ווי שטאַרק זי האָט מיר אַ קניפּ געטאָן... דער בלויער סיניאַק איז נאָך ניט פאַרשוואונדן... איך פיל נאָך ביז איצט דעם ווייטאָג... וואָס זאָל איך טאָן? איך האָב אַזוי מורא פאַר דעם שרעקלעכן חלום!

— גיי גלייך אַריבער צו ר׳ שמחה דעם דיין — האָט שרה כליפּענדיק געזאָגט — אפשר וועט ער דיר זאָגן וואָס צו טאָן.

ריסיע האָט זיך איינגעהילט אין איר פאַטשיילע און איז אַוועק צום דיין אין הויז. אירע אויגן זיינען געווען רויט פון וויינען. אויפן האַרצן איז איר געוואָרן זייער ביטער. זי האָט ניט געקענט ביי זיך באַשליסן צי זאָל זי דערציילן ר׳ שמחהן דעם דיין ווי אַזוי זי באַהאַנדלט איר איידעם. זי האָט זי שטאַרק געשעמט צו דערציילן, אַז זי פלעגט גאַנץ אָפט אים אַ קלאַפּ טאָן, ווען זי פלעגט אין כעס ווערן. זי האָט אים בלויז דערציילט, אַז ווען זי פלעגט אויף אים אין כעס ווערן פלעגט זיך פון איר מויל גאַנץ אָפט אַרויסכאַפּן אַ קללה אויף זיין חשבון.

— ווייסט איר דען ניט, אַז שלמה, אייער איידעם, איז אַ גרויסער תלמיד־חכם און דערצו אַ גרויסער צדיק? — האָט ר׳ שמחה איר גענומען מוסרן. — אייער גליק וואָס ער איז נאָך ניט געוואָרן בר־מצווה, אָבער ווען איר שילט אים דאַן, וואָלט אייער חטא געוואָרן גאָר גרויס.

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן איצט? — האָט ריסיע וויינענדיק געזאָגט — זיין מאַמע איז מיר געקומען צו חלום און זי האָט זיך אויף מיר זייער שטאַרק געבייזערט... זי האָט מיר אַזאַ שטאַרקן קניפּ געטאָן אין אָרעם, אַז איך פיל נאָך איצט דעם ווייטאָג. אָט וועל איך אייך ווייזן... — האָט זי גענומען פאַרקאַשערן איר אַרבעל.

— איך גלויב אייך, איר דאַרפט מיר ניט ווייזן! — האָט דער דיין געזאָגט — מיין עצה איז, אַז איר זאָלט גלייך אַוועקגיין אויף איר קבר און איר בעטן מחילה... איך בין זיכער, אַז זי וועט אייך מוחל זיין. זי איז געווען אַ גרויסע צדיקת, און זי ווייסט, אַז אייער כוונה איז ניט קיין שלעכטע. איר קענט זיך בלויז ניט באַהערשן, ווען דער כעס קומט אייך אָן... נאָכדעם ווי איר וועט זיך גוט אויסוויינען ביי זיין מוטערס קבר, זאָלט איר מיט אַ שנירל אויסמעסטן איר קבר אין דער לענג און אין דער ברייט. און איר זאָלט אַוועקגעבן פאַרן בית המדרש וואַקסענע ליכט, אַזוי אַז מען וועט די ליכט

אויסלייגן זאָלן זיי פאַרנעמען די לענג און די ברייט פון דעם קבר. ווען איר וועט האָבן אַלץ געטאָן, זאָלט איר דעם גאַנצן טאָג פאַסטן.

ריסיע איז באַלד אַוועק צום בית־עולם. זי האָט אויפגעזוכט דעם קבר פון רבקהן, שלמהס מאַמע. זי האָט זיך באַלד געוואָרפן אויפן קבר און מיט יאָמערלעכע געשרייען האָט זי זיך גענומען אויסטענהן פאַר שלמהס מאַמען.

אַ גאַנצע שעה איז ריסיע אָפּגעלעגן אויף דעם קבר פון רבקהן, שלמהס מוטער, און זיך גוט אויסגעוויינט, אויסגיסנדיק איר האַרץ. נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעהויבן פון קבר און מיט דעם פאָדעם וואָס זי האָט געהאַט מיט זיך גענומען, האָט זי אויסגעמאָסטן דעם קבר אין דער לענג און אין דער ברייט. זי האָט געמאַכט סימנים מיט קניפּלעך און זי איז דאַן אַוועק און געקויפט ליכט. זי האָט אויסגעלייגט די ליכט און געזען וויפיל ליכט זי דאַרף האָבן פאַר דער לענג פון קבר און וויפיל פאַר דער ברייט פון קבר. זי האָט גלייך אַוועקגעטראָגן די ליכט צו דעם בית המדרש און זיי איבערגעגעבן צו דעם שמש.

שלמה האָט זיך גאָרנישט וויסנדיק געמאַכט. ער איז געקומען ווי זיין שטייגער איז געווען, פון בית המדרש צו עסן מיטאָג. ער האָט געטראָפן שרהן אַ פאַרוויינטע.

— פאַרוואָס האָסטו געוויינט, שרה? — האָט שלמה געפרעגט.

— אָ, עס איז גאָרנישט, שלמה! גיי וואַש זיך און זעץ זיך עסן ביים טיש.

— און וואו איז דיין מאַמע? — האָט שלמה ווייטער געפרעגט.

— איך ווייס, זי איז אַוועקגעגאַנגען צום דיין. זי האָט געהאַט זייער אַ בייזן חלום, איז זי צו אים אַוועק פּותר חלום זיין.

— האָט זי דערציילט וואָס פאַר אַ חלום זי האָט געהאַט? — רופט זיך אָן שלמה — ווען זי דערציילט מיר דעם חלום וואָלט איך איר אַליין געקענט פּותר חלום זיין. איך ווייס אויך אַ ביסל וועגן חלומות.

— איך ווייס ניט! איך קען דיר גאָרניט זאָגן וועגן איר חלום. אויב מיין מאַמע וועט וועלן וועט זי דיר דערציילן וואָס פאַר אַ חלום זי האָט געזען.

היפּשע עטלעכע וואָכן זיינען פאַרביי זינט ריסיע האָט געהאַט דעם „חלום", און זי האָט שלמהן באַהאַנדלט זייער גוט. זי האָט אים צוגעזען און גערעדט צו אים צערטלעכע רייד. עטלעכע מאָל אַ טאָג פלעגט זי אים פרעגן אויב ער איז הונגעריק, און אים גאַנץ אָפט צוטראָגן עפּעס צוצובייסן.

שלמה האָט זיך געפילט זייער גליקלעך. ער איז געווען שטאַרק צופרידן מיט זיין איינפאַל, וואָס איז אים אַזוי געלונגען. ער האָט איצט מנוחה, און ער האָט פאַר די עטלעכע וואָכן פון זיין שוויגער ניט געהערט קיין צו הויכן וואָרט.

לאַנג אָבער, האָט זיין פרייד ניט אָנגעהאַלטן; זיין שוויגער האָט ביסלעכ־ווייז פאַרגעסן אָן דעם חלום, און ווען איר פלעגט ווערן ביטער אויפן האַרצן, איבערהויפּט ווען זי פלעגט קיין געלט ניט האָבן צו באַצאָלן אַ חוב, אָדער זי פלעגט האָבן צרות מיט די פּויערים, און שלמה פלעגט גראָד זיך געפינען דערביי, פלעגט זי שוין אים געבן אַ „גאָב". פריער פלעגט זי אים אויסריידן

צוליב דעם וואָס ער איז אַ לא יוצלח, וואָס ער העלפֿט ניט אין הויז פֿון דאַנען אַהין. זי פּלעגט שאָקלען מיט איר קאָפּ און זאָגן:

— ער קען דאָך אַ קאָץ דעם עק ניט פֿאַרבינדן? ווי לאַנג וועל איך זיך קענען אַזוי מוטשען? עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט אויך עפּעס אַרויס־העלפֿן!

ווען שלמה פּלעגט זיך ניט הערנדיק מאַכן און איר גאָרניט ענטפֿערן, פּלעגט זי זיך נאָך מער אויפֿרעגן.

— זע, נאַר, זע, ווי ער הערט ניט וואָס איך רייד צו אים! ער איז שוין גאָר טויב! אַז טויב זאָלסטו שוין ווערן אויף ביידע אויערן!...

— אָמן, איר אַליין! — ענטפֿערט שלמה מיט כּעס.

— איך וועל דיר ווייזן! — האָט זי אים אַ וואָרף געטאָן אין פּנים מיט דער נאַסער טוך וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, אָבער זי האָט אים ניט געטראָפֿן.

דאָס האָט שלמהן נאָך מער צערייצט און ער האָט אויפֿגעהויבן די נאַסע טוך און דאָס אַ שליידער געטאָן אין פּנים און טאַקע געטראָפֿן אויך.

עס איז געוואָרן אַ טומל און אַ געשריי. ריסיע האָט ווידעראַמאָל געעפֿנט איר מויל. שרה, וועלכע איז געווען פֿאַרנומען אין צווייטן צימער, איז, דער־הערנדיק דעם טומל מיט איר מאַמעס קללות, אַריינגעלאָפֿן אין צימער און אויסגערופֿן: „אוי, מאַמע! שוין ווידער?... איך האָב געמיינט, אַז דאָס וועט שוין מער ניט געשען!"

— נו, זאָג אַליין, טאָכטער! — האָט זי געוויזן דאָס נאַסע טוך — האָסטו ווען עס איז געזען אַזאַ זאַך? ער זאָל דאָס מיר וואַרפֿן אין פּנים!

שרה האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן מיט אַ בליק פֿון פֿאַרוואורף, און שלמה האָט זיך אָנגערופֿן:

— זי האָט עס אויף מיר פֿריער געוואָרפֿן!...

— אמת, איך האָב פֿריער געוואָרפֿן, אָבער איך האָב מיט אַ כּיוון אויס־געמאַרקירט אים ניט צו טרעפֿן. דו פֿאַרשטייסט? ער האָט די חוצפּה מיר צו געבן אַזאַ קללה, אַז איך זאָל ווערן טויב!

— מן הסתּם האָסטו אים פֿריער געשאָלטן, מאַמע! — האָט שרה גע־זאָגט — איך ווייס, אַז שלמה שילט ניט...

— אָבער אַזוי טוט מען דאָס צו אַ שוויגער? האָט ריסיע ווייטער זיך גענומען באַקלאָגן — מען וואַרפֿט איר אַ נאַסע טוך אין פּנים?

— אוי! עס הייבט זיך שוין ווידער אָן! — האָט שרה אַרויסגעמורמלט — פֿאַרוואָס זאָלט איר ביידע ניט קענען איינהאַלטן אייער כּעס?!

דאָ האָט זיך ריסיע דערמאָנט אָן איר חלום, וואָס זי האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק געחלומט. זי האָט דעריבער זיך גלייך איבערגעבעטן מיט איר איידעם, און עס איז ווידער שטיל געוואָרן אויף עטלעכע טעג.

22

עס איז געווען עטלעכע טעג נאָך פּסח. אַלץ אַרום האָט געגרינט. די בוימער האָבן זיך באַדעקט מיט פרישע בלעטער. אין דעם גרינעם גראָז האָבן זיך באַוויזן פאַרשידענע בלימעלעך. אויף דעם וועג צו ריסיעס קרעטשמע, וואָס איז געווען הינטער דער שטאָט נעסוויזש, זיינען געווען גערטנער און סעדער, און מען האָט שוין געקענט מערקן די בליאונגען. לעבן ריסיעס קרעטשמע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פויערשער וואָגן. פון וואָגן איז אַרונטער אַ ייד פון אַ יאָר פופציק, אינגאַנצן באַוואַקסן מיט האָר, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאַלטענעוואַטער, שמוציקער און פעט שוואַרצער באָרד. דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ יישובניק, פון אַ דערבייאיקן דאָרף. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקעלער, פאַרשמאַלצענער קורטקע, מיט די הויזן אַריינגעשטעקט אין די כאָלעוועס פון זיינע מיט טראָן פאַרשמירטע שטיוול. אוי זיין קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ היטל מיט אַ לעדערנעם קאַזיראָק, און כאָטש עס איז שוין געווען גאַנץ וואַרים, האָט ער געהאַט אַרומגעוויקלט אויף זיין האַלדז אַ שאַלקע, און זיין קורטקע איז געווען פאַרגאַרטלט מיט אַ דיקער שטריק.

דער ישובניק האָט אַרומגעוויקלט די לייצעס אַרום אַ צווייג פון אַ בוים, און ער איז אַריין אין ריסיעס קרעטשמע, האַלטנדיק דעם בייטש אין זיין האַנט.

פון זיין האַלטן זיך און פון זיין ריידן, האָט ריסיע גלייך געקענט מערקן, אַז ער איז אַ פּראָסטער, פאַרגרעבטער ישובניק. זיין ריידן איז געווען האַלב יידיש און האַלב רוסיש, מיט אַ פויערשער אויסשפּראַך... זי האָט אים געזען צום ערשטן מאָל, און זי איז דעריבער צו אים צוגעקומען און געפרעגט וואָס ער וויל.

ריסיע האָט אים געהייסן זעצן זיך ביים טיש. זי האָט אים דערלאַנגט טיי און קיכל. ווען דער ישובניק האָט אָפּגעגעסן, האָט זיך ריסיע מיט אים פונאַנ־דערגערעדט.

ער האָט איר דערציילט, אַז ער וואוינט אין אַ דאָרף אַ היפּשע שטרעקע פון נעסוויזש, און אַזוי ווי ער האָט פינף קינדער, דריי יינגלעך און צוויי מיידלעך, וואָלט ער געוואָלט האָבן פאַר זיי אַ מלמד, זיי זאָלן ניט פאַרבלייבן קיין פויערים. ער זאָל מיט זיי לערנען סידור און חומש.

אין זיין געמישטן יידיש האָט ער דערציילט, אַז מען האָט אים געזאָגט, אַז אין נעסוויזש וועט ער קענען קריגן אַ גוטן מלמד פאַר זיינע קינדער.

באַלד איז געקומען ריסיען אויפן געדאַנק, אַז וויבאַלד דער ישובניק זוכט אַ מלמד פאַר זיינע קינדער, וועט זיין אַ גוטער פּלאַן, אַז זי זאָל אים זאָגן וועגן איר איידעם, שלמה.

— זאָגט מיר, וויפיל וואָלט איר געוואָלט צאָלן פאַר אַ זמן? — פרעגט אים ריסיע.

— איך וועל אים געבן פערציק גילדן און עסן — זאָגט דער ישובניק.

— ווייסט איר וואָס? איך האָב פאַר אייך זייער אַ גוטן מלמד. הערט איר? אַזאַ מלמד האָט איר נאָך קיינמאָל ניט געהאַט און איר וועט ניט האָבן. ניט נאָר איז אין גאַנץ נעסוויזש ניטאָ איינער וועלכער זאָל זיך קענען פאַרגלייכן צו אים אין לערנען, נאָר אין דעם גאַנצן געגנט וועט איר ניט געפינען אַזאַ ווי ער...

— און ווער איז ער? — פרעגט דער ישובניק.

— דאָס איז מיין איידעם, שלמה, עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז איר האָט געהערט פון אים... עפּעס אַ קלייניקייט! מיט מיין איידעם קלינגט דאָך אַ וועלט. ער קען מער לערנען ווי פילע רבנים. ער האָט טאַקע פאַראיאָרן געהאַט אַ חדר דאָ אין נעסוויזש, צוזאַמען מיט זיין טאַטן...

— נו, וואו איז ער? לאָמיר אים אָנקוקן!

— מיין איידעם לערנט איצט אין בית המדרש — האָט ריסיע מיט שטאָלץ געזאָגט — איר דאַרפט מיר ניט גלויבן! גייט אויף טשיקאַוועס אַריבער אין בית המדרש און פרעגט דאָרט דעם רב, צי דעם שמש, צי וועמען איר ווילט, וועגן שלמהן, ריסיעס איידעם, און איר וועט הערן וואָס מען וועט אייך זאָגן.

— איך גלויב אייך, יעי, באַהו! — רופט זיך אָן דער ישובניק. — זאָלן זיי נאָר וועלן לערנען, די בייסטרוקעס. איך האָב שוין פאַר זיי געהאַט דריי מלמדים און זיי קענען נאָך ניט דאַוונען.

— מיין איידעם וועט שוין מיט זיי טאָן אַ פּעולה, ער וועט מיט זיי לערנען אַלץ: חומש, תנ״ך און אַז מען וועט דאַרפן וועט ער אויך לערנען גמרא מיט זיי.

ריסיע איז אַרויס פון דאָרט און האָט באַלד צוגערופן איר טאָכטער און צו איר געזאָגט:

— דו ווייסט, שרה? דאָ האָט זיך מיט אַ ווילע צוריק אָפּגעשטעלט אַ ישובניק, וועלכער איז געקומען אַהער דינגען אַ מלמד פאַר זיינע קינדער. ער צאָלט פערציק גילדן אַ זמן און עסן. האָב איך זיך געטראַכט, אַז אפשר זאָל שלמה מיט אים פאָרן...

— שלמה זאָל פאָרן אין דאָרף? — האָט שרה אויסגערופן.

— און פאַרוואָס ניט? — זאָגט ריסיע — עס איז שוין צייט, אַז ער זאָל אָנפאַנגען פאַרדינען אַ פאָר גילדן. וואָלט איר געהאַט קורחס אוצרות, וואָלט מיך ניט געאַרט... אָבער דו ווייסט דאָך אַליין וויפיל איך מאַטער זיך. איך האָב דאָך ניט אָפּגעצאָלט אַ העלפט פון די חובות וואָס איך קום נאָך פאַר דיין חתונה. איך קום דיין מומע זלאַטען צוואַנציק גילדן, און איך קען דאָס איר ניט באַצאָלן. זי איז שוין געווען ביי מיר היפּשע עטלעכע מאָל. זי האָט זיך שוין אַפילו מיט מיר געקריגט... וואָלטסטו באַדאַרפט הערן ווי זי האָט זיך צעשריען און געזאָגט, אַז מיר האָט זיך פאַרוואָלט נעמען אַזאַ איידעם ווי שלמה דאַרף זי ליידן! דו זעסט דאָך, מיין טאָכטער, אַז איך קען זיך ניט העלפן. מען מאָנט די חובות פון אַלע זייטן. פאַר די פרעמדע בעלי חובות אַרט מיר ניט ... זיי ווייסן, אַז איך וועל זיי באַצאָלן... איז ניט איצט, איז שפּע־

טער... אָבער אַריינפּאַלן צו זלאַטקען אין מויל, וויל איך ניט. די ערשטע עטלעכע גילדן וואָס איך וועל קריגן וועל איך איר אָפּגעבן. נו, אַז שלמה וועט אַוועקפאָרן אויפן ישוב, און פאַרדינען פערציק גילדן, וועל איך איר קענען זאָגן, אַז אַזוי שנעל ווי שלמה וועט קריגן זיין שכר־לימוד, וועל איך איר באַצאָלן איר חוב.

— אָבער ווער ווייסט וואָס פאַר אַ ישובניק דאָס איז, און צי ער וועט וועט האָבן דאָרט געגוג צו עסן?

— אָ, וועגן דעם דאַרפסטו שוין גאָרניט זאָרגן — אין דאָרף פעלט ניט וואָס צו עסן. פרישע אייער, פרישע מילך, סמעטענע, קעז און אַלערליי פּרוכטן זיינען דאָרט תמיד פאַראַן. פאָלג מיך, שרה, גיי אַריבער איצט צום בית המדרש און רוף שלמהן אַהיים. ער וועט ניט דאַרפן פאָרן גלייך מיט אים, נאָר ער וויל אים זען, און אויב ער וועט אים געפעלן, וועט ער מיט אים אָפּמאַכן, און וועט ניט זוכן קיין אַנדער מלמד. פאַרשטייסט, אויב שלמה וועט ניט וועלן פאָרן מיט דעם ישובניק, וועט ער מוזן קריגן אַ צווייטן. ער וועט דאַרפן גיין אין בית המדרש און דינגען איינעם פון די דאָרטיקע בחורים... דעריבער וועט זיין גלייכער, אַז ער זאָל גלייך קומען אַהיים.

— אָבער מאַמע, טאָמער וועט ער ניט וועלן פאָרן אויפן ישוב? — פרעגט שרה מיט זאָרג אין איר שטימע.

— וואָס הייסט, ער וועט ניט וועלן? ווי אָפט מאַכט זיך אַזאַ געלעגנהייט? עס פאַרשטייט זיך, אַז אויב ער וויל ניט, וועלן מיר דאָך אים ניט צווינגען, אָבער פאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן?...

— איך ווייס? עפּעס וועט זיין אומעטיק ווען שלמה וועט אַוועקפאָרן פון דאַנען — האָט שרה מיט אַ קרעכץ אַ זאָג געטאָן.

— ער פאָרט דאָך ניט אַוועק אויף לאַנג. אויף ראש השנה, אם ירצה השם, וועט ער זיך צוריקקערן. ער וועט קומען אַהער מיט פערציק גילדן. איך בין זיכער, אַז ער וועט זיך דאָרט ניט איבערהאַרעווען. אַז זיין טאַטע האָט אים גענוצט פאַר זיין באַהעלפער מיט אַ יאָר צוריק, ווען שלמה איז געווען יינגער, וועט ניט זיין קיין עוולה, ווען ער וועט זיך נעמען צו מלמדות פאַר אַ קורצער צייט... איך בין זיכער, אַז אים וועט פאַרבלייבן געגוג צייט צו לערנען פאַר זיך. ער וועט קענען מיטנעמען עטלעכע גמרות זיינע און לערנען. פאָלג מיך, שרהלע, גיי גלייך אַריבער צום בית המדרש און רוף אים אַהיים. וואָס וועלן מיר פאַרלירן? מיר וועלן הערן וואָס ער האָט צו זאָגן אויף דעם...

שרה האָט אַרויפגעטאָן איר פאַטשיילקע און איז אַוועק צום בית המדרש. זי האָט אַריינגעשיקט אַ יינגל ער זאָל אַרויסרופן שלמהן פון בית המדרש. ווען ער איז אַרויסגעקומען האָט שרה זיך אָנגערופן:

— שלמה, קום מיט מיר אַהיים!

— איז עפּעס געשען? — פרעגט ער זי.

— גאָרניט איז געשען! אַ ישובניק האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אונדז און ער זוכט אַ מלמד פאַר זיינע קינדער. האָט די מאַמע געטראַכט, אַז אפשר וועסטו אָננעמען די קאָנדיציע. ער וויל צאָלן פערציק גילדן פאַר דעם זמן,

און דאָס עסן איז דאָרט זייער גוט... יאָ, שלמה, דאָס ווענדט זיך אינגאַנצן אָן דיר. אויב דיר וועט ניט געפעלן, וועסטו ניט דאַרפן פאָרן...

— וואַרט־צו — האָט שלמה געזאָגט — איך וועל אַריינגיין און פאַרמאַכן די גמרא. איך קום שוין אַרויס.

ווען ער איז אַרויסגעקומען, האָט ער מיט זיך געהאַט אַ קליין ספרל, אין וואָס ער פלעגט גאַנץ אָפט אַריינקוקן.

— איך גלויב, אַז איך וועל זיך שוין ניט צוריקקערן צום דעם בית המדרש פאַר אַ לאַנגער צייט — האָט שלמה געזאָגט — דעריבער האָב איך מיטגענומען דעם ספרל וואָס אימיצער פון די קלויזניקעס האָט מיר געגעבן.

— דו מיינסט, אַז דו ווילסט אָננעמען די קאָנדיציע? — האָט שרה אים געפרעגט.

— יאָ, איך גלויב, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר אונדז אַלעמען! דיין מאַמע נויטיקט זיך דאָך אין געלט, און ווען עס קומט די צייט צו צאָלן אַ חוב, איז זי זייער שטאַרק אויפגערעגט און זי לאָזט אויס כל חמתה, איר גאַנצע ביטערע גאַל, צו אונדזערעביידנס קעפּ. דעריבער וועל איך זיין צופרידן אַוועקצופאָרן פון דאַנען פאַר אַ זמן. דערצו וועל איך נאָך פאַרדינען עטלעכע גילדן, וועט דיין מאַמע מיך מער ניט רופן „אומזיסטער פרעסער"...

— דו ווייסט דאָך, שלמה, אַז מיין מאַמע מיינט עס ניט! — האָט שרה איר גענומען פאַרענטפערן. — פילע מאָל רעדט זי אַרויס זאַכן פון איר מויל וואָס זי האָט אַפילו ניט אין זינען צו זאָגן.

מער האָט שרה ניט גערעדט. ווי שטאַרק זי האָט ניט געוואָלט אַז שלמה זאָל זי פאַרלאָזן, אַפילו פאַר אַ קורצער צייט, איז זי דאָך געווען צופרידן וואָס ער נעמט זיך אונטער דאָס צו טאָן. עס איז ביי איר געווען אַ באַוויז, אַז שלמה פילט, אַז ער האָט שוין פליכטן און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן צו איר... איר מאַמע אַליין וועט שוין האָבן פאַר אים מער דרך ארץ...

ווען שלמה איז אַריינגעקומען מיט שרהן אין הויז, האָט אים ריסיע באַגעגנט מיט אַ ליבלעכן שמייכלעלע.

— שרה האָט דאָך דיר שוין מן הסתם געזאָגט וועגן דעם ישובניק... ער וואַרט אין צווייטן צימער, און אויב דו ביסט צופרידן פון דעם פּלאַן, וועל איך מיט דיר אַריינקומען צו אים און דיך פאָרשטעלן פאַר אים. איך גלויב, אַז ער מוז זיין אַ רייכער ישובניק און דיר וועט ביי אים גאָרניט פעלן. נו, וואָס זאָגסטו, ווילסטו מיט אים ריידן?

— גוט! האָט שלמה געזאָגט.

ריסיע איז מיט אים אַריין אין צימער. דער ישובניק איז געזעסן אויף אַ באַנק און ער האָט עפּעס געקייט... שלמה האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, און ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט.

— דאָס איז מיין איידעם, שלמה! — האָט ריסיע אָנגעוויזן אויף אים. דער ישובניק האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיינע בליקן, און זיך אָנגערופן מיט זיין געבראָכענעם יידיש:

— דו ביסט נאָך אַליין אַ מאַלטשיק.

— קוקט ניט וואָס ער איז נאָך אַזוי יונג! — רופט זיך אָן ריסיע צו אים — ער קען שוין קריגן סמיכה אויף רבנות. יאָ, ווען ער וויל קען ער ווערן אַ רב... ווען איר וואָלט בלויז געהערט וואָס מען רעדט וועגן אים...

— ניטשעוואָ! — האָט דער ישובניק אַרויסגעשטאַמלט — איך גלויב, אַז ער וועט זיין אַ גוטער רבי צו מיינע לאַפּאַטשאַנעס... כאַראַשאָ! מיר וועלן מאָרגן גאַנץ פרי אָפּפאָרן צו מיין דאָרף. אַ סידור און אַ חומש האָב איך. דו וועסט זיי דאַרפן לערנען אַ ביסל שרייבן יידיש, וועל איך דאָ קויפן עטלעכע טעטראַטקעס און קאַראַנדאַשן.

אַזוי איז שלמה אַוועק אויפן ישוב אַלס מלמד.

אַרום אָוונט־צייט האָט זיך דער וואָגן אָפּגעשטעלט לעבן אַ האַלב איינגעפאַלן פאַררויכערט שטיבל, וואָס איז געווען שוואַרץ ווי קויל פון אינעווייניק און פון דרויסן. קיין קוימען איז אין שטיבל ניט געווען, נאָר אין דאַך איז געווען אַן עפענונג, וואָס דורך איר פלעגט אַרויסגיין דער רויך. אין די קאַלטע טעג, אָדער אין אַ רעגן און שניי פלעגט מען פאַרמאַכן די עפענונג, כּדי די וואַרימקייט זאָל ניט אַרויס אָדער דער רעגן און שניי זאָלן ניט אַריינקומען אין שטוב. אַנשטאָט פענסטער, מיט שויבן, זיינען געווען לעכער, וואָס זיינען געווען איבערגעלייגט מיט קינעלעך אין דער לענג און אין דער ברייט, און איבערגעצויגן מיט פּאַפּיר.

דאָס גאַנצע שטיבל איז באַשטאַנען פון איין צימער, וואָס האָט געדינט פאַר אַ זאַל, פאַר אַן עס־צימער, פאַר אַ שענק, פאַר אַ שלאָפצימער און פאַר אַ חדר אין וואָס דעם ישובניקס קינדער האָבן געלערנט. די ווענט און די פּאָדלאָגע זיינען תּמיד געווען פייכט, און אין ווינטער ווען מען פלעגט הייצן דעם אויוון פלעגט פון דער פייכטקייט זעצן אַ פּאַרע. אין ווינטער פלעגט די פּאָדלאָגע זיין נאַס און בלאָטיק, פון דעם אָנגעטראָגענעם שניי. אַז מען פלעגט הייצן דעם אויוון און אין דרויסן פלעגט זיין אַ ווינט, פלעגט דער רויך צוריקגעטריבן ווערן אין שטוב, און עס איז געווען אוממעגלעך דאָרט צו זיין צוליב דעם שטיקנדיקן רויך. דאַן פלעגט מען זיין געצוואונגען זיך צו זעצן אויף דער פּאָדלאָגע, כּדי דער רויך זאָל ניט זיין צו שטאַרק...

אין דער הויך פון סופיט האָבן זיך געצויגן לאַנגע שטאַנגען, אויף וואָס עס זיינען געהאָנגען שוואַרצע וועש און אַנדערע שמוציקע מלבושים. לעבן די שמוציקע וועש זיינען געהאָנגען צום טריקענען וואורשטן, וואָס זייער פעטס פלעגט אַראָפּטריפן אויף די קעפּ פון די מענטשן וועלכע פלעגן דאָרט זיצן.

אין איין ווינקל זיינען געשטאַנען צעבערס מיט איינגעזייערטע קרויט און רויטע בוריקעס און אין אַנדערן ווינקל — צעבערס מיט וואַסער צום טרינקען און קאָכן. גלייך לעבן דעם צעבער וואַסער איז געשטאַנען אַ פּאָמוניצע מיט אַלערליי שמוץ, פון וואָס אַ שלעכטער גערוך האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטוב...

ווען שלמה איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער דערזען די ישובניצע, אַ ברייטע צעפלאָסענע יידענע, מיט אַ פאַרסאַזשעטן פּנים, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל איבערגעבויגן איבער אַ דייזע טייג. די הענט, איר פּנים און די האָר,

וואָס איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטער טיכל, זיינען געווען פול מיט ווייסע פלעקן פון מעל. די ריחות פון דעם געקנאָטענעם טייג, פון די פאַר־טריקנטע וואורשטן, האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די ריחות פון זויערן קרויט און בוריקעס. דער אויוון האָט זיך געהייצט. לעבן אויוון איז געשטאַנען אַ קאָטשערע, אַ פּאָמעלע און אַ לאָפּעטע.

שלמה איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב. ער האָט זיך גענומען אַרומ־קוקן און ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט אין דעם דאָזיקן שטיבל וועט ער דאַרפן פאַרברענגען באַלד פינף חדשים, האָט אים פאַרקוועטשט ביים האַרצן. ווען ער קען נאָר, וואָלט ער זיך גלייך צוריקגעקערט. ער ווייסט אָבער, אַז ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט ווי צו בלייבן.

באַלד האָט זיך אין שטוב אַריינגעלאָזן אַ מיידל פון אַ יאָר צען, אַ באָר ווייסע, מיט אַ שמוציק קליידל. אין האַנט האָט זי געטראָגן אַ קליין צעבערל מיט מילך פון וואָס עס האָט נאָך געזעצט אַ פּאַרע און די שוים האָט זיך נאָך אָנגעזונן. זי האָט די מילך נאָר־וואָס אויסגעמאָלקן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף שלמהן, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ, און זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

דער ישובניק, וועלכער האָט אַרונטערגענומען זיין קורטקע און ער האָט עפּעס אַרויסגעמורמלט עטלעכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער צו דער ישוב־ניצע, איז צוגעגאַנגען צו דער מיידל און האָט איר אַרונטערגעלאָזן אַ פּאַטש.

— וואָס הירזשעסטו ווי אַ פערד — האָט ער געזאָגט — ער איז דאָך דיין רבי!

די מיידל האָט אַרונטערגעלאָזן איר קאָפּ און געשוויגן.

גיי רוף אַריין דיינע ברידער. זאָג זיי, אַז דער רבי איז דאָ.

דאָס מיידל איז גלייך אַרויס אין דרויסן. זי איז אַריין אין דעם שייער, וואו צוויי פון אירע דריי ברידער האָבן געשניטן סעטשקע, און זי האָט זיי איבערגעגעבן די נייעס, אַז זיי האָבן שוין אַ רבין.

— איר הערט, איר זאָלט ניט לאַכן. דער טאַטע איז אין כּעס — האָט זי געוואָרנט — אָבער דער רבי איז נאָך אַליין אַ מאַלטשיק.

דער עלטערער ברודער, פּיוּוקע, אַ יינגל פון אַ יאָר עלף, האָט אָפּגע־טרייסלט די שטרוי און די סעטשקע פון זיין צעפליקטער מאַרינאַרקע און ער האָט זיך אָנגערופן צו זיין יינגערן ברודער, שעפּסקען, וועלכער איז געווען אַ יאָר ניין אַלט:

— דער טאַטע האָט געבראַכט אַ רבין פון שטאָט.ביילקע האָט געלאַכט האָט זי געכאַפּט פּעטש. לאַך אַליין ניט און מאַך מיך ניט צום לאַכן, דו הערסט, שעפּסקע?!

— לאָמיר זיך איצט אויסלאַכן — האָט שעפּסקע געזאָגט.

ביידע ברידער צוזאַמען מיט זייער שוועסטער ביילקע, האָבן זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט אין שייער. זיי האָבן געשפּרונגען און זיך געדרייט. שעפּסקע האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעקוליעט אויף דער שעצקע און האָט ניט אויפ־

געהערט צו לאַכן. באַלד האָבן בײדע װידער אַמאָל אָפּגעטרײסלט פון זיך די סעטשקע און רואיק און סטאַטעטשנע אַרײנגעגאַנגען אין שטוב.

— װאו איז אַוורעמקע? — פרעגט דער ישובניק.

— ער שפּילט זיך אין דרויסן מיט די שקצים! ענטפערט בײלקע.

— רוף אים גלײך אַרײן! — האָט ער אַ געשרײ געטאָן — ער איז שוין באַלד זיבן־יאָר, ער װעט אויך לערנען!

בײלקע איז אַרויסגעגאַנגען. זי האָט אויפגעזוכט אַוורעמקען. װען ער האָט געהערט, אַז דער רבי איז דאָ, האָט ער געװאָלט אַנטלויפן, אָבער בײלקע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און אים גענומען שלעפּן. ער האָט זיך געריסן פון אירע הענט, אָבער זי האָט אים געהאַלטן פעסט.

— אַי, װעסטו האָבן פון טאַטן! — האָט זי אים געסטראַשעט — דו דאַרפסט ניט מורא האָבן, זאָג איך דיר, אַוורעמקע — ער איז ניט װי יענער רבי װאָס איז בײ אונדז געװען פאַר־אַ־יאָרן... קום אַרײן, זאָג איך דיר.

קוים מיט צרות איז בײלקען געלונגען אַרײנצושלעפּן אַוורעמקען אין שטוב. ער האָט געװײנט און געװישט זײנע אויגן. מיט זײנע שמוציקע הענט האָט ער פאַרשמירט זײן פּנים, אַז עס איז שװער געװען צו דערקענען װי ער זעט אויס.

— דאָרט, בײם טיש, װעט איר לערנען! — האָט דער ישובניק אָנגעװיזן אויף אַן אַלטן טיש װאָס האָט געהאַט בלויז אײן פוס. די אַנדערע דרײ פיס זײנען באַשטאַנען פון אָפּגעזעגטע קלעצער פון בוימער, װאָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם טיש. בײ בײדע זײטן פון טיש זײנען געװען צװײ לאַנגע בענק, װאָס זײנען באַשטאַנען פון ניט קײן געהובלטע ברעטער, װאָס האָבן זיך געהאַלטן אויף קלעצער, צוגעקלאַפּט מיט פאַרזשאַװערטע טשװעקעס.

דעם ישובניקס דרײ ײנגלעך און זײן טאָכטער, בײלקע האָבן זיך געזעצט בײם טיש. דער ישובניק איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צו דעם טיש און זיך געשטעלט לעבן דער װאַנט, צו זען װי דער נײער רבי װעט לערנען מיט זײנע קינדער. די ישובניצע האָט אַרויסגעצויגן אירע הענט פון דער דײזע מיט די טײג, און האָט אויך געמאַכט עטלעכע טריט אין דער ריכטונג װאו דער טיש איז געשטאַנען.

— איך האָב אײך געבראַכט טעטריאַדקעס און קאַראַנדאַשן — האָט דער ישובניק געזאָגט און האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אַ זאַק װאָס איז געלעגן אויף דער פּאַדלאָגע, און פון דאָרט אַרויסגענומען דרײ העפטן און בלײ־פעדערס. ער האָט אַרויסגענומען דעם לאַנגן מעסער און ער האָט גענומען פאַרשניצן די בלײפעדערס.

װען ער איז פאַרטיק געװאָרן האָט ער די העפטן און די בלײפעדערס געגעבן שלמהן, און ער האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף זײן פּלאַץ.

שלמה איז געװען אַ ביסל צעטומלט. ער האָט אַלײן ניט געװאוסט װי אַזוי אָנצופאַנגען. באַלד איז ער צו זיך געקומען און ער האָט אויפגעעפנט דעם סידור און ער האָט געהײסן פײװוקען זאָגן אַ ביסל עברי.

פײװוקע האָט געקוקט אַ װײלע אויף די אותיות. ער האָט שוין היפּשע

עטלעכע וואָכן ניט אַריינגעקוקט אין סידור, און ער האָט פאַרגעסן אַלץ וואָס ער האָט געקענט.ביילקע האָט יאָ עפּעס געדענקט און זי האָט גענומען זאָגן עברי מיט אַ סך גרייזן.

— אוי, האָבן זיי דאָס פּויערשע קעפּ! — האָט דער ישובניק אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב, וועלכע האָט זיך גלייך צוריקגעקערט צו דער דייזע מיט די טייג.

שלמה האָט זייער שווער געאַרבעט מיט זיינע תּלמידים. די טעג וואָס די ישובניצע פלעגט באַקן ברויט אָדער חלה, פלעגט זי דאַרפן באַנוצן דעם לאַנגן טיש. דאַן פלעגט שלמה זיין געצוואונגען צו לערנען מיט זיינע תּלמידים אויף אַ טישל וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון קעסטלעך הינטערן אויוון. נאָך האַלבן טאָג פלעגן אַריינקומען עטלעכע פּויערים און טרינקען בראָנפן. זיי פלעגן זיך זעצן אויף דער פּאָדלאָגע. זיי פלעגן טומלען און ליאַרמען. אין אַן אַנדער ווינקל פלעגט זיך דער ישובניק אַמפּערן מיט זיין ווייב. ניט וויט פון זיי האָט זיך געשפּילט זייער פינף־יעריקע מיידעלע מיט עטלעכע קעצלעך וואָס פלעגן ניט אויפהערן צו מיאַוקען... פון צייט צו צייט פלעגט זיך דאָס הינטל צעהאַווקען, און אַ פּויער, וועלכער איז שוין געווען גוט שיכּור, האָט זיך געלאָזן מיט אַ דריי־גאָרנדיקן „מי שברך"... און גענומען שילטן און שימפן גלאַט אין דער וועלט אַריין. אין אָט אַזאַ געזעלשאַפט איז שלמה געזעסן מיט זיינע פאַרשמוצטע, האַלב־נאַקעטע תּלמידים און געלערנט תּורה מיט זיי.

עס איז שלמהן געווען זייער ביטער אויפן האַרצן צו זיין פאַרוואָגלט אין אָט אַזאַ פּלאַץ, צווישן אַזעלכע פאַרגרעבטע און דזשיקע ברואים. ניט איינמאָל האָט ער געטראַכט פון נעמען האַק און פּאַק און איבערלאָזן אַלעמען און אַנטלויפן צוריק קיין נעסוויזש... ער האָט זיך אָבער באַהערשט, וויסנדיק, אַז ער וועט פאַרלירן די עטלעכע גילדן וואָס עס קומט אים. אויסער דעם האָט ער גלייך אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין שוויגער, וואָס זי וועט זאָגן ווען ער וועט זיך צוריקקערן אָן אַ גראָשן געלט פון דאָרף... ער האָט דעריבער געליטן און געשוויגן.

שלמה האָט זיך שוין קוים דערוואַרט, אַז דער זמן זאָל זיך ענדיקן און ער זאָל קענען פאַרלאָזן דעם דאָרף. ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס ער וועט ווייטער טאָן. ער האָט שוין איינגעזען, אַז בלייבן זיצן אויף קעסט ביי זיין „טייערער" שוויגער, וועט ער שוין ניט קענען. ווי באַלד ער האָט איר געוויזן אַ וועג, אַז ער קען פאַרדינען און ביישטייערן פאַרן הויז, וועט זי אים שוין ניט לאָזן בלייבן זיצן אין דער היים. ער האָט אָבער ביי זיך באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל ניט געשען וועט ער שוין זיך מער ניט צוריקקערן צו אָט דעם דאָרף און צו זיינע תּלמידים.

ווען דער זמן האָט זיך געענדיקט און שלמה האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל פאָרן אַהיים אויף ראש השנה, האָט אים דער ישובניק געזאָגט, אַז אויב ער וויל קען ער מיט אים פאַרבלייבן אויף נאָך אַ זמן.

— דאָס ווייס איך ניט! — האָט שלמה ניט געוואָלט אים גלייך זאָגן,

אַז ער וועט זיך ניט צוריקקערן — איך וועל ריידן מיט מיין פרוי און מיין שוויגער וועגן דעם.

— דער ווינטער איז אַ לענגערער, וועל איך דיר געבן מיט צען גילדן מער! — האָט דער ישובניק אים געגומען צוריידן ער זאָל זיך צוריקקערן. מיר וועלן מאַכן דיין געלעגער לעבן אויוון, וועט דיר ניט זיין קאַלט צו שלאָפן... ווינטער צייט וועסטו אויך מער ניט דאַרפן מורא האָבן פאַר די רוסישע סאָלדאַטן.

שלמה איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער. אַ שוידער איז דורך זיין לייב, ווען ער האָט אַ קלער געטאָן, אַז ער זאָל דאַרפן פאַרברענגען דאָ דעם גאַנצן ווינטער. עס איז אים אָבער געווען שווער גלייך צו אָנטזאָגן דעם ישובניק. דורך די עטלעכע חדשים וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דאָרף און זיך גוט צו־געקוקט צו דעם לעבן פון די פויערים, האָט ער אין זיינע געדאַנקען פּרובירט מאַכן אַ פאַרגלייך צו דעם ישובניק. ער אַליין איז דאָך אויך פאַרגרעבט און פאַרפויערט. ער קען אַפילו ניט דאַווענען ווי עס באַדאַרף צו זיין, פונדעסט־וועגן וועט ער טאָן אַלץ וואָס עס איז נאָר פאַר אים מעגלעך צו זען, אַז זיינע קינדער זאָלן קענען... ער שטרענגט זיך אָן צו צאָלן דעם רבין פון זיינע קינדער און ער זוכט אים איינצוריידן צו פאַרבלייבן אויף ווייטער ביי אים, כדי זיינע קינדער זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו לערנען. אין דעם גאַנצן דאָרף, וואו עס געפינען זיך הונדערטער פויערים, געפינט זיך ניט קיין איינציקער פויער וועלכער זאָל זיך קימערן פאַר דער דערציאונג פון זיינע קינדער. די אַלע קינדער פון די פויערים וואַקסן אויף ווילד און אומוויסנד. זיי קענען ניט אַפילו אונטערשרייבן זייער אייגענעם נאָמען. דער פויער האָט גאָרניט קיין באַגריף, אַז ער דאַרף עפּעס לערנען מיט זיינע קינדער. אים, דעם פויער, ליגט נאָר אין זינען צו זויפן און צו שיכורן... שלמה טראַכט ווייטער:

„אָט דאָס איז דער אונטערשייד צווישן דעם פויער און אַ יידן, וועלכער, ווי פאַרגרעבט און אומוויסנד ער אַליין זאָל ניט זיין, גייט אים אין לעבן צו געבן זיינע קינדער אַ דערציאונג, און ער וועט בעסער שפּאָרן פון זיך, ער וועט זאַרגן און באָרגן צו קריגן פאַר זיינע קינדער אַ רבין... דער אָרימסטער ייד צווישן די אָרימסטע וועט בעסער ליידן הונגער מיט זיין משפחה, אָבער ער וועט זען קריגן שכר־לימוד פאַר זיינע קינדער... יאָ, דאָס איז דער סוד פאַר וואָס דאָס יידישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין, ווייל יעדער ייד זאַפּט איין פון זיין קינדהייט דעם יידישן גייסט, עס ווערט אין אים איינגעפלאַנצט אַ ליבשאַפט צו זיין פאָלק און צו זיינע אַלע טראַדיציעס און הייליקטימער"...

23

שלמה האָט געהערעט, אַז דער ישובניק האַלט ביים פאָרן קיין מאָהילנע, האָט ער אים געזאָגט, אַז אַזוי ווי זיין פאָטער וואוינט אין מאָהילנע, וועט ער שוין מיטפאָרן מיט אים אַהין.

שלמה האָט מיטגענומען זיינע זאַכן, די עטלעכע ספרים און די גמרות וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט. דער ישובניק האָט אים באַצאָלט די פּערציק גילדן און ער האָט אים ווידער געפרעגט אויב ער וועט זיך צוריקקערן צו אים נאָך סוכות, צו לערנען מיט זיינע קינדער.

— איך ווייס ניט! האָט שלמה געזאָגט — איך וועל זיך פריער דאַרפן דורכריידן מיט מיין משפחה.

דער ישובניק האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז שלמה וועט זיך ניט צוריקקערן. אים האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל ווי פאַרגרעבט און אומוויסנד ער איז געווען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער יונגער מלמד איז זייער גוט פאַר זיינע קינדער. ער האָט געהאַט ביי זיך באַשלאָסן, אַז נאָך די ימים טובים וועט ער ווידער אָפּרייזן קיין נעסוויזש און זיך זען מיט שלמהס שוויגער. מעגלעך, אַז ווען ער וועט איר זאָגן, אַז ער גיט אים מיט עטלעכע גילדן מער פאַרן ווינטער, וועט זי שוין זען, אַז ער זאָל זיך צוריקקערן אַהין.

דער ישובניק האָט צוגעפירט שלמהן צו זיין פאָטערס הויז. יהושע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיין זון, וועמען ער האָט ניט געזען זינט זיין חתונה. שלמה האָט זיין טאַטן כמעט ניט דערקענט; ער האָט זיך אַזוי פאַר־עלטערט.

יהושע האָט אים דערציילט וואָס ער האָט די לעצטע צייט דורכגעמאַכט: ער האָט פאַרלוירן זיין טאַטן, חיים יוספן, און זיין מאַטעריעלער מצב דאָ, אין מאָהילנע, איז אויך ניט אַזוי פויגלדיק.

— וואו איך קער זיך און וואו איך גיי, לויפט דער שלימזל פאַראויס — האָט זיך יהושע באַקלאָגט פאַר זיין זון — מן הסתם איז מיר באַשערט זיך אָפּצומוטשען אויף דער וועלט... דיין באָבע, דאָבע, איז אויך זייער קראַנק. זי דערקענט שוין ניט קיין מענטשן... איצט, מיין זון, דערצייל מיר, ווי איז עס דיר געגאַנגען די גאַנצע צייט? האָסטו געטראָפן מיט דיין ווייב? ביסטו צופרידן מיט דיין לעבן דאָרט ביי דיין שוויגער?

שלמה האָט ניט געוואָלט מער פאַרשאַפן זיין טאַטן קיין צער, האָט ער אים גאָרניט דערציילט וועגן די צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון זיין שוויגער.

— שרה איז זייער אַ גוטע און איז מיר שטאַרק גינציק און איבערגע־געבן — האָט שלמה געזאָגט — אָבער דער מצב פון דער שוויגער איז ניט אַזוי אָמבעסטן, און דעריבער האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אָנצונעמען אַ קאָנדיציע אויף דעם ישוב.

— נו, און ווי איז געווען די קאָנדיציע? פרעגט אים יהושע.

— איך האָב באַשלאָסן זיך מער ניט צוריקצוקערן צו יענעם ישובניק, טראָץ דעם וואָס ער האָט מיך שטאַרק געבעטן.

שלמה האָט איבערגעגעבן זיין פאָטער מיט אַלע איינצלהייטן וועגן דעם ישובניק און דעם אָרט לעבן דאָרט אין דאָרף, און יהושע האָט אים טאַקע געזאָגט, אַז אַזאַ קאָנדיציע איז ניט פאַר אים.

— אָבער די לאַגע ביי מיין שוויגער איז אַזאַ, אַז איך קען זיך מער ניט

פֿאַרלאָזן אויף אירע קעסט וואָס זי האָט מיר צוגעזאָגט — האָט שלמה זיך אָנגערופֿן — איך וועל מוזן זען ערגעץ צו פֿאַרדינען.

— ווייזט אויס, אַז זי האָט אונדז גוט אָפּגענאַרט — זאָגט יהושע — אָבער אַזוי לאַנג ווי דו ביסט צופֿרידן מיט דיין פֿרוי, קענען מיר גאָרניט האָבן קיין טענות. קעגן אָרימקייט קען זיך דאָך קיינער ניט באַוואָרענען... אָט האָב איך געמיינט, אַז עס וועט מיר גיין בעסער, און פֿאַר אַ צייט האָט עס טאַקע אויסגעקוקט אַזוי, אָבער אויב עס איז באַשערט צו ליידן נויט, קען מען דערצו גאָרניט טאָן.

— איך וועל זען, אפשר וועל איך קענען קריגן אַ קאָנדיציע ניט ווייט פֿון נעסוויזש — האָט שלמה געזאָגט — מיר אַרט ניט ווי שווער מיר וועט אויסקומען צו אַרבייטן, אָבער ניט אויף אַזאַ ישוב וואו איך בין אָפּגעווען דעם גאַנצן זומער.

— ווייסטו וואָס מיר איז נאָר וואָס איינגעפֿאַלן? — האָט זיך יהושע אָנגערופֿן צו זיין זון — אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן דו זאָלסט פֿאַרבלייבן אין מאָהילנע איבער דעם ווינטער? איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז די באַציאונ־גען צווישן מיר און מיין שכן דעם אַרענדאַר האָבן זיך אינגאַנצן געענדערט צום בעסערן. ער האָט איינגעזען וויפֿיל צרות איך האָב דורכגעמאַכט זינט דאַן, ווען איך האָב ניט געוואָלט אַז דו זאָלסט הייראַטן מיט זיין הינקענדיקער רחלען... זיין מיטעלע טאָכטער, פּעסל, איז נאָך אַלץ אַ כּלה, און זי געפֿינט זיך נאָך אויך ביי אים אין הויז. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער זוכט אַ לערער פֿאַר זיינע צוויי טעכטער, פֿאַר פּעסלען און פֿאַר רחלען. עס איז ביי מיר קיין צווייפֿל ניט, אַז דו וואָלסט געקענט פֿאַרדינען ביי אים אַ סך מער ווי דו האָסט פֿאַרדינט דאָרט ביי דעם ישובניק. דיין שוויגער און דיין פֿרוי דאַרפֿן גאָרניט וויסן וועגן דעם, אַז עס האָט זיך אַמאָל געהאַנדלט וועגן אַ שידוך צווישן דיר און זיין יינגסטער טאָכטער, רחל. דו וועסט קענען לערנען מיט זיינע טעכטער, און דאָרט עסן און טרינקען, נאָר נעכטיקן וועסטו ביי מיר אין הויז. מיר וועלן טאַקע אין דער פֿרייער צייט קענען פֿאַרברענגען אין לערנען. האָ, וואָס זאָגסטו אויף דעם, וואָלסטו געווען צופֿרידן פֿון אַזאַ פּלאַן?

— ערגער ווי יענער ישוב וועט דאָך געוויס ניט זיין! — האָט שלמה געזאָגט — אויסער דעם, וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט צו בלייבן מיט דיר, טאַטע, דעם גאַנצן ווינטער.

— אויב אַזוי, וועל איך טאַקע מיט אים היינט ריידן וועגן דעם — האָט יהושע געזאָגט — דו וועסט אויף די ימים נוראים צוריקפֿאָרן אַהיים און גלייך נאָך סוכּות וועסטו זיך אומקערן און אָנפֿאַנגען לערנען מיט זיינע צוויי זין און צוויי טעכטער... איך דאַרף זיך דאָך פֿאַר אים ניט שעמען. ער ווייסט מיין לאַגע און ער ווייסט אויך, אַז דיין שוויגער איז שטאַרק פֿאַראָרימט. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז איך בין באַגאַנגען אַ נאַרישקייט מיט דעם וואָס איך האָב ניט געוואָלט הערן פֿון דעם שידוך מיט זיין יינגסטער טאָכטער, רחל, צוליב איר קליינעם מום. זי איז אַ גאַנץ פֿיינע מיידל און מען קען קוים מערקן אַז זי הינקט אונטער אַ ביסל... אָבער מיר האָבן קיין רעכט ניט איבערצו־

טראַכטן וועגן דעם, ווייל עס איז פאַר דיר באַשערט געווען, אַז דו זאָלסט הייראַטן מיט שרהן די טאָכטער פון ריסיע, האָט זיך דאָס אַלץ אַזוי גע־מאַכט... זאָל גאָט געבן, אַז דו זאָלסט האָבן אַ גוטן לעבן מיט דער פרוי וואָס דו האָסט אויסדערוויילט.

יהושע איז אין אָוונט אַוועק צו זיין שכן, דעם רייכן אַרענדאַר, און ער האָט זיך צו אים אָנגערופן:

— איך האָב געהערט, אַז איר זוכט אַ לערער פאַר אייערע צוויי זין און צוויי טעכטער, פאַר פעסלען און פאַר רחלען. מיין זון, שלמה, האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט פון אַ ישוב, וואו ער האָט דעם גאַנצן זומער געלערנט מיט די קינדער פון ישובניק. איך וואָלט זייער ניט געוואָלט אַז ער זאָל זיך צוריקקערן אַהין, איז אויב אירווילט, קען מיין שלמה אָנפאַנגען לערנען מיט אייערע קינדער גלייך נאָך סוכות. דעם שכר־לימוד וועט איר שוין אַליין באַ־שטימען. איך בין זיכער, אַז איר וועט אים ניט קריוודען... איר פאַרשטייט? דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן אין זיין שוויגערס הויז, און ער מוז פאַר־דינען, כּדי זיי אַרויסצוהעלפן אין דער שווערער לאַגע זייערער...

— איך בין זייער צופרידן, אַז שלמה זאָל אָנפאַנגען צו לערנען מיט מיינע קינדער — האָט דער אַרענדאַר געזאָגט — און איך וועל אים געבן צוויי מאָל אַזוי פיל וויפיל ער האָט געקראָגן דאָרט, ביים ישובניק.

יהושע האָט גלייך איבערגעגעבן שלמהן וועגן דעם און שלמה איז גע־ווען זייער צופרידן מיט דעם אומבייט. ער איז אויף מאָרגן גלייך אַריבער צו יענעם אַרענדאַר. ער האָט זיך מיט אים דורכגערעדט און ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז אַ טאָג אָדער צוויי נאָך סוכות וועט ער קומען אַהער קיין מאַ־הילנע צו לערנען מיט זיינע קינדער.

שלמה איז אָפּגעווען מיט זיין טאַטן אין מאַהילנע דריי טעג צייט און דאַן האָט ער געקראָגן אַ בעל עגלה וועלכער פאָרט קיין נעסוויזש. האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין טאַטן און מיט זיין קראַנקער באָבען און ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין נעסוויזש.

שרה איז געווען זייער גליקלעך צו זען איר מאַן. ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר איר מאַמען און פאַר די אַנדערע וועלכע זיינען געווען דערביי ווען זיין פור האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר ריסיעס קרעטשמע, וואָלט זי אים אַרומגענומען און געקושט. איצט, אָבער, האָט זי דאָס ניט געקענט טאָן. זי האָט אים בלויז אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכסטו, שלמה?

— ברוך השם! — האָט שלמה אַ שאָקל געטאָן מיט זיין קאָפּ.

— ווי קומט עס, אַז דו קומסט אַהער מיט דעם בעל עגלה פון מאַהילנע? — פרעגט אים די שוויגער.

— דער ישובניק האָט באַדאַרפט זיין אין מאַהילנע, האָט ער מיך מיט־גענומען. איך האָב זיך געטראַכט, אַז פון מאַהילנע וועט מיר לייכטער אָנקו־מען צוצופאָרן אַהיים.

— נו, האָט ער דיר באַצאָלט דיין שכר־לימוד? — איז געווען ריסיעס צווייטע פראַגע וואָס זי האָט געשטעלט איר איידעם.

— יאָ, ער האָט באַצאָלט! — האָט שלמה אָ מורמל געטאָן.

— גוט, קום אַריין אין הויז! — האָט ריסיע געזאָגט — איך וועל שוין דורכקומען מיט דעם בעל עגלה! איך וועל אים באַפרידיקן פאַר דעם וואָס ער האָט דיך מיטגענומען.

— איך האָב זיך מיט אים באַדונגען אַ האַלבן גילדן! — זאָגט שלמה.

— דאָס איז אַ סך געלט! — זאָגט ריסיע — פאַרוואָס זאָל ער דיך רעכע־נען אַזוי פיל געלט? ער איז דאָך ניט געפאָרן צוליב דיר אַליין.

— מיין וואָרט וועל איך האַלטן! — האָט שלמה געזאָגט — ער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ קליין טייסטערל און פון דאָרט אַרויסגע־נומען עטלעכע קופּערנע מטבעות און דערלאַנגט דעם בעל עגלה.

— דו וואַרפסט זיך צו גרינג מיט געלט! — האָט אים די שוויגער פאַר־געוואָרפן — אַ האַלבער גילדן איז אַ סך געלט פאַר דער רייזע פון מאָהילנע קיין נעסוויזש.

ריסיע האָט אים גענומען פאַרוואַרפן מיט פראַגעס: וואָס פאַר אַ ייד איז דער ישובניק, ווי אַזוי לעבן זיי דאָרט, צי האָבן זיי אים געגעבן גענוג עסן, און אויב ער וועט זיך צוריקקערן צו דעם ישובניק.

שלמה איז געווען מיד, און אירע פראַגעס האָבן אים צעטומלט. ער האָט איר דעריבער געלאָזט ריידן, און ער האָט איר גאָרניט געענטפערט.

— וואָס זאָגסטו צו אים! — האָט ריסיע זיך געווענדעט צו איר טאָכטער

— איך רייד און רייד, און ער מאַכט זיך ניט הערנדיק!

— מאַמע ער איז דאָך זייער מיד פון וועג! — פאַרענטפערט אים שרה

— ער מוז אויך זיין גאַנץ הונגעריק. זאָל ער עפּעס צובייסן. ער וועט זיך אָפּ־רוען אַ ביסל, דאַן וועט ער אונדז אַלץ דערציילן. גיי, שלמה, וואַש זיך צום עסן און איך וועל דיר דערלאַנגען עפּעס צוצובייסן.

שלמה איז שווייגנדיק צוגעגאַנגען צו דעם צעבער מיט וואַסער און מיט אַ בלעכערנער קענדל געוואַשן זיינע הענט. ער האָט איינגעטונקט דאָס ברויט אין זאַלץ, געמאַכט „המוציא" און גענומען עסן. שרה האָט אַלע ווײַלע גע־קוקט אויף איר מאַמען, ווי זי וואָלט איר געוואָלט בעטן מיט אירע אויגן זי זאָל ביידע איבערלאָזן אַליין אויף אַ ווײַלע, אָבער ריסיע האָט ניט אָפּגעטראָטן פון טיש. זי האָט זייער שטאַרק געוואָלט וויסן צי דער ישובניק האָט געגעבן שלמהן די גאַנצע פּערציק גילדן, ווי ער האָט זיך מיט אים געהאַט באַדונגען, אָדער אפשר האָט ער אַרונטערגעדונגען עפּעס פון דעם... אמת, ער האָט איר געענטפערט, אַז ער האָט אים באַצאָלט, אָבער וויפיל האָט ער ניט געזאָגט. אַ קשיה אויף אַ מעשה... ער איז דאָך נאָך אַ ייִנגל און דער ישובניק האָט אים געקענט באַשווינדלען.

ריסיע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אירע בליקן. פאַרוואָס רעדט ער קיין וואָרט ניט אַרויס? באַלד פינף חדשים ניט געווען אין הויז, און גאָרניט... ער קייט און שווייגט... זי האָט אים געוואָלט ווייטער שטעלן פראַגעס, אָבער

זי האָט זיך באַהערשט. זי האָט געוואַרט, אַז ער אַליין זאָל אָנהייבן ריידן. זי האָט אויפן וואונק געגעבן שרהן צו פאַרשטיין, אַז זי זאָל אים פרעגן, אָבער שרה שווייגט אויך.

ווען שרה איז אַרויס פון צימער אים עפּעס צו דערלאַנגען, איז ריסיע איר נאָכגעגאַנגען און זיך אָנגערופן:

— וואָס פאַר אַ בהמה ביסטו! דיין מאַן איז געקומען פון אַזוי ווייט. פינף חדשים ניט געזען און ניט געהערט פון אים, און קוקסט אים אָן ווי אַ האָן אין „בני אָדם". ווי קומט עס, אַז דו פרעגסט אים גאָרניט וועגן זיינע שכירות, צי ער וועט אויף ווינטער אויך לערנען... איך ווייס, אַז עס איז פאַראַן אים צו פרעגן אַזוי פיל, און זי זיצט און שטומט...

— וואָס איז דער געאייל? — האָט שרה געענטפערט — איך האָב צייט

— זאָל ער זיך אָנעסן, און אויסרוען. ער וועט מיר אַלץ דערציילן!

— איך האָב געמיינט, אַז ער האָט זיך געענדערט דורך דער צייט וואָס ער איז אין דער היים ניט געווען — האָט ריסיע מיט אַ ברוגזער שטימע געזאָגט — אָבער ער איז דער זעלבער עקשן... ביי אים איז אַ רענדל אַ וואָרט...

— מאַמע, פאַרוואָס זאָלסטו ניט האָבן קיין געדולד? אויב דו וועסט מיך איבערלאָזן מיט אים אַליין פאַר אַ קליינער ווײַלע, וועל איך אפשר ביי אים קענען עפּעס אַרויסקריגן.

— איך האָב מורא, אַז דער ישובניק האָט אים ניט באַצאָלט די גאַנצע פּערציק גילדן ווי ער האָט זיך מיט אים באַדונגען — רופט זיך אָן ריסיע — אַז ניט, וואָלט ער דאָך ניט באַדאַרפט מורא האָבן צו זאָגן... און אפשר האָט ער אַ העלפט פון דעם געלט אָפּגעגעבן זיין טאַטן, און דערפאַר האָט ער זיך פריער אָפּגעשטעלט אין מאָהילנע. זיין טאַטע איז דאָך אַליין אויך אַ גרויסער קבצן. און ווען ער האָט דערשמעקט, אַז שלמה האָט ביי זיך עטלעכע גילדן, האָט ער שוין פון אים דאָס אַרויסגעקראַגן. איך זאָג דיר, אַז מער וועט אים ניט פעלן...

— פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי ריידן איידער דו געפינסט אויס וואָס און ווי אַזוי? — האָט שרה זיך אָנגערופן.

— אָבער איך רייד צו אים און ער ענטפערט ניט! האָסטו געהערט אין דיין לעבן? רייד צו אים און רייד צו דער וואַנט...

— אַ ביסעלע געדולד, מאַמע! — האָט שרה זיך אָנגערופן.

— איך וואָלט געהאַט געדולד, ווען איך דאַרף ניט אָפּגעבן דעם חוב צו דער מומען דיינער... אויב איך וועל ניט האָבן פאַר איר די גאַנצע געלט, וועל איך דאַרפן אַנטלויפן פון נעסוויזש... גיי אַריין, טאָכטער, דו רייד צו אים. איך וועל דאָ צוהאָרטשן.

שרה האָט אים אַריינגעבראַכט נאָך שפּייז, און ווען זי איז מיט אים געבליבן אַליין פאַר אַ ווײַלע, האָט זי זיך געווענדעט צו אים מיט צערט־לעכקייט אין איר שטימע:

— דו ווייסט, שלמה, איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר. יעדער

טאָג האָט זיך ביי מיר געצויגן ווי אַ יאָר... זאָג מיר, ווי האָסטו זיך געפילט אין דער פרעמד?

— זייער ניט גוט! — האָט שלמה איר געענטפערט.

— מען האָט דיך דאָרט ניט גוט באַהאַנדלט? — רופט אויס שרה מיט דערשטוינונג.

— דער ישובניק האָט מיך באַהאַנדלט זייער גוט, לויט ווי עס איז פאַר אים געווען מעגלעך אונטער די אומשטענדן — זאָגט שלמה — אָבער דאָרט איז ניט קיין פּלאַץ פאַר מיר. ווען דו וואָלסט געזען וואָס פאַר אַ שטוב דאָס איז, וואָלסטו זיך אַליין געוואונדערט ווי אַזוי איך האָב דאָרט געקענט אָפּזיין כמעט פינף חדשים צייט...

— אויב אַזוי, וועל איך דיך שוין מער ניט לאָזן פאָרן אַהין!

— איך וואָלט שוין זיך ניט צוריקגעקערט אַהין, אַפילו ווען מען גיט מיר צען מאָל אַזוי פיל! דער ישובניק האָט גראָד געוואָלט איך זאָל קומען צוריק נאָך סוכות. ער האָט מיר אַפילו אָנגעבאָטן צען גילדן מער... איך האָב קיין האָרץ ניט געהאַט אים אָפּצוזאָגן, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל זיך מיישב זיין.

— שלמה, איך בעט דיך, זאָג ניט דער מאַמען, אַז דער ישובניק האָט דיר אָנגעבאָטן מער געלט. זי קען נאָך וועלן, אַז דו זאָלסט זיך צוריקקערן אַהין.

— מאַלע וואָס איר וועט זיך וועלן! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — איך האָב שוין גאָר קיין דעה ניט?

— עס פאַרשטייט זיך, שלמה, אַז דו קענסט טאָן וואָס דיר געפעלט. אָבער עס וועט זיין אַ סך בעסער ווען מען וועט קענען אויסמיידן קריגערייען... דו קענסט דאָך שוין מיין מאַמען, זי ווערט שנעל אויפגערעגט... איך בעט דיך, שלמה, טו מיר אַ טובה, און אַז די מאַמע וועט דיך עפּעס פרעגן, ענטפער איר... עס איז אויף איר אַ גרויסער רחמנות. זי טראָגט דעם גאַנצן יאָך... זי אַרבייט שווער און ביטער און דערצו הערט זי ניט אויף צו זאָרגן וואו מען נעמט געלט. דאָס נעמט פון איר אַוועק אַ שטיק געזונט. זי איז דעריבער שטאַרק אויפגערעגט און זי ווערט גאַנץ לייכט אין כעס...

ריסיע האָט אָן עפן געטאָן די טיר און איז אַריין אין צימער.

— נו, אפשר איז נאָך שלמה הונגעריק! — רופט זי אויס — וועל איך אים ברענגען אַ ביסל שטשאַוו מיט סמעטענע.

— ניין, ער בענטשט שוין — האָט שרה געזאָגט.

שלמה האָט גענומען בענטשן און שרה האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ און צוגענומען דאָס ביסל געפּעס וואָס האָט זיך געפונען אויפן טיש. ווען שרה איז אַרויס, האָט איר ריסיע באַלד נאָכגעפאָלגט.

— נו, וואָס, טאָכטערע, וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — האָט ריסיע אַ זאָג געטאָן — ער האָט די גאַנצע געלט מיט זיך?

— איך האָב אים ניט געפרעגט?

— טאָ וואָס דען האָסטו אים געפרעגט?

— איך האָב אים געפרעגט וואָס ער מאַכט, ווי מען האָט אים דאָרט באַהאַנדלט.

— נו?

— ער זאָגט, אַז דער ישובניק האָט אים גוט באַהאַנדלט! — ענטפערט שרה.

— אָבער וואָס איז מכוח דעם געלט?

— נו, אַז ער האָט אים גוט באַהאַנדלט, האָט ער מן הסתם באַצאָלט די גאַנצע סומע!

— אויב אַזוי, איז ביי מיר קיין צווייפל ניט, אַז זיין טאַטע האָט ביי אים אַרויסגעקראַגן די עטלעכע גילדן... ווייל אויב ער זוכט אויסצומיידן צו ריידן וועגן געלט, איז דאָס ביי מיר דער בעסטער באַווייז, אַז זיין טאַטע האָט שוין אָוועקגענומען ביי אים דאָס געלט.

— איך בעט דיך, מאַמע, צייג ניט אַרויס קיין בייזקייט צו אים!

— מן הסתם ווייסטו שוין אויך, אַז ער האָט אַוועקגעגעבן די עטלעכע גילדן צו זיין טאַטן, אָבער דו מאַכסט זיך ניט ווויסנדיק. אָ, ניין, טאָכטערשע, ביי מיר וועט עס ניט גיין!! איך האָב לאַנג געוואַרט אויף דעם געלט. איך וועל מאַכן אַזאַ געוואַלד, אַז יהושע וועט מיר מוזן צוריקקערן דאָס געלט. נישקשה, איך האָב זיך גענוג פאַרבעל־חובעט צוליב אים... פיר הונדערט גילדן האָט ער דאָך פון מיר אַרויסגעשלעפּט. דאָס איז אים נאָך ווינציק. דו ווילסט עס אויך פון מיר באַהאַלטן. ער האָט דאָס דיר שוין מן הסתם געזאָגט!

— מאַמע, איך זאָג דיר, אַז איך ווייס פון גאָרניט! האָב אַ ביסל געדולד. ער וועט דיר אַלץ איבערגעבן...

— מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז ער איז געקומען מיט גאָרניט! איך האָב געזען ווי ער האָט אַרויסגענומען זיין טייסטערל צו באַצאָלן דעם בעל־עגלה... אַלץ וואָס ער האָט דאָרט געהאַט זיינען געווען עטלעכע קופּערנע גראָשן. אַזאַ בהמה! אַזאַ פערד! זי רעדט מיט אים און געפינט גאָרניט אויס.

שלמה האָט געענדיקט בענטשן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און גענומען אַריינטראָגן זיין פּעקל מיט די ביסל זאַכן און עטלעכע ספרים אין זיין שלאָפצימער. שרה האָט אים געהאָלפן. ריסיע איז אויך נאָכגעגאַנגען. דאָס בלוט האָט אין איר געזאָדן... די גאַנצע ביטערקייט וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין איר האַרצן, וועט זי אויסגיסן אויף אים... וואָס הייסט, זי וועט אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן?... זי האָט שוין אויסגעקוקט אירע אויגן אויף דעם טאָג ווען ער וועט זיך צוריקקערן מיט די פערציק גילדן, מיט וואָס זי וועט דאַרפן אַזוי פיל לעכער צו פאַרשטאָפּן און דאָ קומט זיין טאַטע און נאַרט עס ביי אים אויס...

— זאָג מיר, שלמה, וואָס מאַכט דיין טאַטע? — האָט ריסיע פּלוצלינג אים אַ פרעג געטאָן.

— געלויבט איז השם יתברך, ער איז געזונט! — ענטפערט שלמה — נאָר די באָבע, דאָבע, איז זייער קראַנק. זי האָט מיך אַפילו ניט דערקענט...

— נו, זי איז דאָך שוין גאַנץ אַלט! וואָס קען מען דערוואַרטן? אָבער

איך וואונדער זיך ווי דיין טאַטע קען איצט אויסקומען איינער אַליין. איך מיין, ווער גיט אַכטונג אויף דער באַבען?

— אַן עלטערע פרוי גיט אַכטונג אויף מיין באַבען און פירט די באַלע־באַטישקייט. דערצו העלפט אונטער אַ יונגער גוי, וועלכער טוט די שווערע אַרבעט.

— אָבער ווי גייט עס דיין טאַטן מיט פרנסה?

— מיט גאָטס הילף קומט ער דורך! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן.

ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי צילט מיט אירע רייד. ער האָט דעריבער גלייך פונאַנדערגעשפּילעט אַ פּאָר קנעפּלעך און אַרויסגענומען פון אונטער זיין העמד אַ קליין פּעקעלע וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שנירל, וואָס איז געווען אויף זיין האַלדז אונטער זיין העמד. ער האָט אויפגעבונדן דאָס שנירל, פון דאָרט אַרויסגענומען די זילבערנע גילדן און ער האָט עס גלייך איבער־געגעבן ריסיען אין האַנט, זאָגנדיק:

— אָט האָט איר די פערציק גילדן וואָס איך האָב באַקומען ביים ישוב־ניק פאַר שכר־לימוד. ציילט איבער אויב עס איז ריכטיק!

ריסיע איז געוואָרן אַ ביסל צעטומלט, אויף דעם האָט זי זיך גאָרניט גע־ריכט... זי האָט גלייך גענומען פון אים דאָס געלט און גענומען ציילן.

— זאָל דיר גאָט געבן פערציק געזונטע, גליקלעכע יאָרן צוזאַמען מיט דיין שרהלען — האָט ריסיע אים גענומען בענטשן — עס איז ריכטיק! פער־ציק גילדן! נו, איצט קען מען זען, אַז דער ישובניק איז אַן ערלעכער ייד... איך בין זיכער, אַז ער וויל, אַז דו זאָלסט אויך זיין ביי אים איבערן ווינטער...

— יאָ, ער האָט מיך טאַקע געבעטן! — ענטפערט שלמה — אָבער איך וועל שוין צו אים זיך מער ניט צוריקקערן!

— און פאַרוואָס ניט? ער באַהאַנדלט דאָך דיך אַזוי גוט!

— עס איז פאַראַן אַ סך צו ריידן וועגן דעם. איך וועל דאָס אייך דער־קלערן אַ צווייטן מאָל...

— ווי מען קען זען אויף דיין פנים, האָט דיר אַן עין הרע ביי אים גאָר ניט געפעלט. דו קוקסט דאָך אויס, קיין בייז אויג, זייער גוט. ווייזט אויס, אַז מען האָט דיר גאַנץ גוט צוגעזען אין דאָרף...

— איך האָב זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן אויף די עסנס אין דאָרף — האָט שלמה געזאָגט — אָבער עס איז פאַר מיר קיין פּלאַץ ניט...

— יאָ, אָבער, ווי באַלד ער האָט דיך באַהאַנדלט אַזוי גוט און האָט גע־האַלטן זיין וואָרט, זע איך ניט איין וואָס דו האָסט צו פאַרלירן, אויב דו וועסט זיך צוריקקערן נאָך סוכות צום ישובניק אין דאָרף. פערציק גילדן גייען ניט צו פוס!

— ניט קיין פערציק, נאָר פופציק — האָט זיך שלמה ווי געוואָלט אַ רייץ טאָן מיט איר — דער ישובניק האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וועל זיך צוריקקערן צו אים און בלייבן איבערן ווינטער ביי אים, וועט ער מיר געבן מיט צען גילדן מער...

— אוי, דאָס איז דאָך גאָ אַ פיינקייט פון אים! — רופט אויס ריסיע — טאַ זאָג זשע מיר, שלמה, פאַרוואָס ווילסטו זיך ניט צוריקקערן אַהין?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ לאַנגע מעשה. אָבער איר דאַרפט גאָר קיין זאָרג ניט האָבן, שוויגער, איך האָב שוין געקראָגן אַן אַנדער קאָנדיציע, טאַקע אין מאָהילנע, און איך קריג דאָרט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי דער ישובניק האָט מיר געצאָלט...

— אַזוי גאָר! — האָבן ריסיעס אויגן אויפגעלויכטן — טאָ וואָס זשע האָסטו געשוויגן?

— איך האָב ניט געשוויגן! אָט דערצייל איך דאָך אייך!

— אָ, שלמה, דו האָסט מיר אויך גאָרניט געזאָגט וועגן דעם! — האָט שרה זיך צו אים אָנגערופן.

— נו, איצט ווייסטו שוין!

— און ביי וועמען וועסטו זיין דעם ווינטער? — פרעגט אים ריסיע.

— איך וועל לערנען מיט די קינדער פון אונדזער שכן, דעם אַרענדאַר! — האָט שלמה געזאָגט.

— אָ, איך ווייס שוין וועמען דו מיינסט! — רופט אויס ריסיע — דאָס איז דאָך דער זעלבער אַרענדאַר וועלכער האָט אַ טאָכטער אַ קאַליקע, מיט וועמען ער האָט דיך געוואָלט פאַרשלייערן.

— זיין טאָכטער איז ניט קיין קאַליקע! — איז שלמה אויפגערעגט געוואָרן.

— זי האָט דאָך צעבראָכן אַ פוס און זי גייט אויף אַ קוליע!

— דאָס איז אַ ליגן! זי האָט אויסגעלינקט אַ פוס, און זי האָט אַ ביסל אונטערגעהונקען! איצט קען מען קוים דערקענען, אַז זי הינקט אונטער!

— און מיר האָט מען דערציילט, אַז זי גייט אויף קוליעס און אַז דער אַרענדאַר, דיין טאַטנס שכן, האָט געוואָלט ניט אַנדערש נאָר אַז דו זאָלסט חתונה האָבן מיט דער קאַליקע זיינער...

— איך זאָג דאָך אייך, אַז זי איז ניט קיין קאַליקע! — רופט אויס שלמה — איך האָב זי נעכטן געזען. זי איז שוין אינגאַנצן אויסגעהיילט. מען קען קוים מערקן אַז זי הינקט אונטער.

— וואָס איז דער אונטערשייד, מאַמע? פאַרוואָס מאַכסטו דערפון אַזאַ וועזן? מיר דאַרפן זיין צופרידן וואָס ער האָט געקראָגן אַ קאָנדיציע אין מאָהילנע וואָס איז ניט ווייט פון דאַנען, און דערצו וועט ער פאַרדינען צוויי מאָל אַזוי פיל...

— געוויס בין איך צופרידן! — האָט ריסיע אַ זאָג געטאָן — מן הסתם וועסטו דאָך נעכטיקן ביי דיין טאַטן אין הויז?

— נו, יאָ, ווי ווייט איז דאָס הויז פון דעם אַרענדאַר צו מיין פאָטערס הויז?

איבעריקס צופרידן איז ריסיע ניט געווען פון דעם וואָס שלמה וועט איינשטיין ביי זיין טאַטן אין הויז. ערשטנס, האָט זי זיך געשראָקן טאָמער וועט יהושע פון אים אָוועקנעמען דאָס גאַנצע שכר־לימוד וואָס ער וועט קריגן פון אַרענדאַר. צווייטנס, וועט ער זיך פאַר אים באַקלאָגן ווי אַזוי זי באַהאַנדלט

אים די גאַנצע צייט... וואָלט שרה שוין געהאַט אַ קינד פון אים, וואָלט זי ניט באַדאַרפט מורא האָבן אַזוי, אָבער ווי די זאַך איז, וואָלט זי געווען אַ סך מער צופרידן ווען ער גייט אויף דעם ווינטער אין דאָרף צו דעם זעלבן ישוב־ניק. נאָך אַ זאַך האָט איר באַאומרואיקט, און דאָס איז געווען וואָס שלמה וועט אויך לערנען מיט דער הינקענדיקער טאָכטער פון דעם אַרענדאַר, וועלכע איז נאָך ניט פאַרהייראַט... וואָס איז דאָס אים אַזוי געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן איר, אַז זי איז ניט קיין קאַליקע, אַז זי הינקט שוין ניט מער?... ווער ווייסט וואָס עס קען פּאַסירן?... ווען יהושע זאָל נאָר וועלן, קען ער דאָך שוין געפינען אַן אויסרייד אים איינצורוידן צו געבן אַ גט. ער וועט זאָגן, אַז זי, ריסיע, האָלט ניט דעם אָפּמאַך צו געבן אים זעקס יאָר קעסט... אַז זי האָט אים שוין אַרויסגעשיקט פאַרדינען...

ריסיע האָט פון דעם ניט אויפגעהערט צו טראַכטן, און ווען שלמה איז אויף מאָרגן אַוועק אין בית המדרש, האָט זי זיך דורכגערעדט מיט איר טאָכטער:

— דו ווייסט שרה, אַז איך האָב באַשלאָסן, אַז דיין מאַן זאָל דעם ווינטער אינגאַנצן ניט פאָרן אויף קיין קאָנדיציע. ווינטער איז די צייט אַ סך בעסער פאַר אונדז. מיר וועלן קענען אויסקומען אָן זיינע פאַרדינסטן. נאָך אַלעמען, האָב איך דאָך אים צוגעזאָגט זעקס יאָר קעסט און עס וועט זיין בעסער פאַר אים ווען ער בלייבט אין נעסוויזש און לערנט. קען זיין, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט ער ווערן אַ רב און ער וועט ניט האָבן קיין דאגה פון פרנסה...

— אַוודאי וואָלט איך געווען מער צופרידן ווען שלמה בלייבט דאָ! — האָט שרה אַ זיפץ געטאָן — אָבער איך האָב מורא, אַז נאָכדעם ווי ער האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון זיין אין דער פרעמד, וואו מען האָט אים אָפּ־געגעבן כבוד און אים גוט באַהאַנדלט, וועט ער שוין ניט וועלן פאַרבלייבן דאָ, וואו ער דאַרף זיך מיט דיר קריגן און אַמפּערן.

— זע נאָר, זע! — ווערט ריסיע אָנגעצונדן — לויט דיינע רייד קומט אויס, אַז איך גיב דיין מאַן ניט אָפּ גענוג כבוד, אַז איך קריג זיך מיט אַרום טאָג און נאַכט... דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב אַ רעכט אויף אים אַמאָל אָנצושרייען, פּונקט ווי איך שריי אַן אויף דיר!

— ניין, מאַמע, אויף מיר האָסטו אַ רעכט, ווייל דו ביסט מיין מאַמע, אָבער ניט אויף אים... דעריבער איז ער אויף דיר גאַנץ אָפּט ברוגז... אויסער דעם פאַרגעסטו אויך, אַז ער איז ניט אַבי ווער... שלמה איז דאָך, אַ גרויסער למדן און אַלע גרויסע רבנים זאָגן, אַז די וועלט וועט מיט אים קלינגען, און די באַהאַנדלסט אים ווי ער וואָלט געווען אַ ייִנגל, גלייך מיט אַלע אַנדערע ייִנגלעך...

— איך וועל טאַקע אים אָנפאַנגען צו באַהאַנדלען בעסער — האָט ריסיע געזאָגט. — איך פיל, אַז איך האָב אים צוגעזאָגט צו געבן זעקס יאָר קעסט, דאַרף איך האַלטן מיין וואָרט. אַי, עס האָט זיך געמאַכט, אַז איך בין לעצטנס געווען אין נויט, בין איך געווען געצוואונגען אים צו בעטן, אַז ער זאָל עפּעס אַרויסהעלפן... דער אמת איז, אַז איך בין גאָרניט איבעריקס

צופרידן פון דעם וואָס שלמה וועט פאַרבלייבן דעם גאַנצן ווינטער ביי זיין טאַטן אין הויז און דערצו וועט ער נאָך לערנען מיט דער הינקעדיקער טאָכ־טער פון דעם אַרענדאַר... מען האָט מיר שוין גענוג אָנדערציילט וועגן דעם ווי אַזוי דער אַרענדאַר האָט געוואָלט אַריינקריגן שלמהן פאַר אַן איידעם. ער האָט אים אָנגעבאָטן כלערליי גליקן, אַבי ער זאָל חתונה האָבן מיט זיין יינגסטער טאָכטער.

— דו הערסט דאָך, מאַמע, אַז ער האָט שוין אָפּגעמאַכט מיט דעם אַרענ־דאַר, אַז גלייך נאָך סוכות וועט ער אָנפאַנגען לערנען מיט זיינע קינדער. און ער וועט ביי אים קריגן אַכציק גילדן פאַר דעם זמן!

— איך דאַרף שוין ניט אַזעלכע גליקן! — רופט אויס ריסיע — און דו, נאַרישע קאַלב, דאַרפסט אויך האָבן שכל און פאַרשטיין, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר אונדז אַלעמען ווען ער זאָל ניט זיין אין מאַהילנע, לעבן זיין טאַטן און ביי דעם רייכן אַרענדאַר מיט זיין טאָכטער, וועלכע איז שוין, לויט ווי ער אַליין זאָגט, אינגאַנצן אויסגעהיילט און זי הינקט שוין ניט מער... צו וואָס דאַרפן מיר עס האָבן? זיין טאַטע קען נאָך זאָגן, אַז איך האַלט ניט מיין אָפּמאַך מיט אים און איך וויל אים ניט געבן קיין קעסט, און ער איז גאָר געצוואונגען זיך צו דערנערן אין דער פרעמד, און דערצו נעם איך אַוועק פון אים דאָס געלט...

— אָבער דאָס איז דאָך אמת, מאַמע! — האָט שרה מיט טרערן אין די אויגן אויסגערופן — ווען דיין לאַגע וואָלט ניט געווען אַזאַ שלעכטע, וואָלט ער דאָך ניט געדאַרפט גיין זוכן אַ קאָנדיציע ערגעץ אין אַ דאָרף, וואו ער האָט אַ סך דורכגעמאַכט. ער האָט מיר לעצטע נאַכט דערציילט אַלץ, ווי אַזוי ער האָט דאָרט געלעבט, וואָס פאַר אַ שטוב דאָס איז געווען.

— אוי, וויסט און פינצטער איז מיר! — האָט ריסיע אַ קלאַפּ געטאָן מיט אירע הענט, פאַרוואָס האָט ער דאָס מיר ניט דערציילט?... איך וואָלט דאָך אים זיכער ניט צוגערעדט גיין צוריק אין יענעם דאָרף. שוין אָפּגערעדט, מער לאָז איך אים ניט אַוועק פון דאַנען!

24

דורך די ימים טובים, פון ראש השנה ביז נאָך סוכות, האָט ריסיע ניט אויפגעהערט צו ריידן מיט שלמהן און זען ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל בלייבן אין נעסוויזש פאַר דעם ווינטער. אירע רייד, אָבער, זיינען געפאַלן אויף טויבע אויערן. שלמה איז געבליבן ביי זייניקע. שרה האָט זיך גאָרנישט געמישט. זי האָט שוין געוואוסט, אַז שלמה וועט ניט ענדערן זיין באַשלוס און זי האָט ניט געוואָלט אויסקוקן, אַז ער וויל איר ניט פאָלגן. ריסיען, אָבער, איז דאָס געגאַנגען אין לעבן אַריין. ווי שטאַרק זי האָט דעמאָלט געוואָלט, אַז ער זאָל

פאָרן אין דאָרף אויף דער קאָנדיציע, האָט זי איצט ניט געוואָלט ער זאָל פאָרן קיין מאָהילנע. זי האָט געזוכט אַלערליי מיטלען אים איבערצורעדן, אָבער עס האָט איר ניט געהאָלפן. זי האָט זיך דאָך באַרימט פאַר איר טאָכטער און פאַר די אַנדערע, אַז זי וועט שוין זען, אַז שלמה זאָל זיך בויגן צו איר ווילן, און צום סוף איז זי געבליבן צום נאַר...

גלייך נאָך סוכּות האָט שוין שלמה זיך געזעגן מיט דעם בעל עגלה וועל־כער האָט געזאָלט אָפּפאָרן פון נעסוויזש קיין מאָהילנע און ער האָט מיט אים אָפּגעמאַכט ער זאָל אים מיטנעמען קיין מאָהילנע פאַר אַ האַלבן גילדן. ער האָט ניט געוואָלט אָנקומען צו ריסיען פאַר דעם האַלבן גילדן, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער וועט קריגן באַצאָלט אין מאָהילנע פון זיין טאַטן, אָדער פון דעם אַרענדאַר.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט — האָט ער זיך אָנגערופן צו דעם בעל־עגלה — אַז מיין שוויגער וועט זוכן אַלערליי מיטלען צו פאַרמיידן איך זאָל פאָרן. זי וועט מאַכן אַ פאַרזוך אייך אונטערצוקויפן איר זאָלט מיך ניט מיטנעמען... דעריבער וויל איך אייך זאָגן, אַז איר זאָלט זיך צו איר ניט צוהערן...

— איך וועל זיך מער צו איר ניט צוהערן — האָט דער בעל־עגלה אַ זאָג געטאָן — איך האָב גאַנץ גוט געהערט וואָס זי האָט געזאָגט צו דיר, ווען דו האָסט איר געזאָגט, אַז דו האָסט זיך באַדונגען מיט מיר אַ האַלבן גילדן; אַז זי האָט זיך צעבייזערט און געזאָגט, אַז דאָס איז צופיל...

שלמה האָט אָפּגעמאַכט מיט דעם בעל־עגלה, אַז ער זאָל אויף מאָרגן נאָך סוכּות צופאָרן צו דער קרעטשמע גלייך נאָכן דאַווענען, און ער וועט שוין וואַרטן אויף אים מיט זיין פּעקל.

ריסיע האָט טאַקע געמאַכט אַ פאַרזוך אונטערצוקויפן דעם בעל־עגלה מיט אַ טרונק בראָנפן, אַז ער זאָל שלמהן ניט מיטנעמען. זי האָט זיך געטראַכט, אַז איידער ער וועט קריגן אַ צווייטן בעל־עגלה, וועלן פאַריבערגיין עטלעכע טעג, און דערווייל וועט ער שוין פּליכט פאַרבלייבן אין נעסוויזש.

— אי, האָט איר אַ קלוגן איידעם, ריסיע! — האָט דער בעל־עגלה גע־זאָגט מיט אַ שמייכל — ווי איך בין אַ ייד, אַז שלמה האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז איר וועט מאַכן אַ פאַרזוך מיך אונטערצוקויפן. אָבער איך האָב אים צוגע־זאָגט, אַז איך וועל זיך ניט לאָזן, און איך וועל האַלטן מיין וואָרט...

ריסיע איז אַוועק פון דעם בעל־עגלה ווי אַן אָפּגעשמיסענע. זי זעט דאָך שוין, אַז זי האָט קאַליע געמאַכט. שלמה וועט טאַקע פאָרן קיין מאָהילנע; ער וועט איינשטיין ביי זיין פאָטער אין הויז, און עס קען גאַנץ גריילעך פּאַסירן, אַז ער זאָל נאָך אַ טייל פון זיינע פאַרדינסטן אָפּגעבן צו זיין פאָטער... זי האָט געפילט, אַז זי איז באַזיגט, אַז זי קען שוין ניט טאָן מיט שלמהן וואָס זי וועל... זי האָט שוין גענומען אויסגיסן איר צאָרן אויף שרהן:

— וואָס פאַר אַ ווייב ביסטו, אַז דו האָסט אויף אים קיין שום איינפלוס ניט? ווען דו וואָלסט געהאַט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און געוואוסט ווי אַזוי

צו האַנדלען מיט אַ מאַן, וואָלסטו שוין געזען, אַז ער זאָל דיך ניט פאַרלאָזן פאַר אַ גאַנצן ווינטער...

— אָבער מאַמע, דו האָסט דאָך געוואָלט, אַז ער זאָל אָנפאַנגען פאַרדינען. דו האָסט דאָך אים אַוועקגעשיקט אין דאָרף. האָסטו דען דאַן ביי מיר געפרעגט צי איך בין צופרידן פון דעם?

— דאַן האָב איך זיך ניט געקענט העלפן — האָט ריסיע געזאָגט — דיין מומע האָט פון מיר געטרענט די אָדערן איך זאָל איר באַצאָלן דעם חוב. איצט, אָבער, פיל איך, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר דיר אויב ער וועט בלייבן דעם ווינטער מיט אונדז. מיר וואָלט ניט געאַרט אַזוי שטאַרק, ווען ער פאָרט ערגעץ אַנדערש, אַפילו אין דעם זעלבן דאָרף, וואָלט מיר ניט געאַרט... דו האָסט קיין שכל ניט, דערפאַר פאַרשטייסטו ניט, אַז עס איז זייער ניט גוט, אַז דיין מאַן זאָל פאַרבלייבן אַ גאַנצן ווינטער אין זיין טאַטנס הויז, און דערצו נאָך לערנען מיט דער טאָכטער פון דעם אַרענדאַר, מיט וועמען מען האָט אים געוואָלט ריידן אַ שידוך...

— וואָס קען איך טאָן דערצו, מאַמע? — האָט שרה טרויעריק געזאָגט — אַז ער הערט זיך ניט צו צו דיר, וועט ער דאָך זיך צו מיר געוויס ניט צוהערן.

— נו, איצט זעסטו דאָך שוין, אַז עס איז פאַרפאַלן. ער פאָרט אָפּ. דע־ריבער וועלן מיר דאַרפן זען, אַז ער זאָל כאָטש ניט אַוועקגעבן דאָס געלט וואָס ער וועט פאַרדינען צו זיין פאָטער, ווייל איך ווייס, אַז ר׳ יהושע איז תּמיד פאַרענגט אין געלט, און ער וועט מן הסתּם ביי אים בעטן אַ הלוואה... צווישן זיך קענען מיר דאָך ריידן. דער אמת איז, אַז ווינטער איז די צייט פאַר אונדז אַ סך ערגער ווי זומער, און איך וועל זיך נייטיקן אין די עטלעכע גילדן, אי־בערהויפּט פאַר פּסח. אַ, פאַרוואָס האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל קענען אויסקומען אָן זיינע פאַרדינסטן? ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אַז ער זאָל אַהין פאָרן. איצט, אָבער, אַז ער פאָרט אַלץ איינס, דאַרף ער וויסן דעם אמת, אַז איך נויטיק זיך אין דעם געלט, און ער זאָל אַפילו ניט טראַכטן וועגן אָפּ־צוגעבן דאָס געלט צו זיין טאַטן.

זעענדיק, אַז אירע רייד וועלן שוין מער ניט האָבן קיין ווירקונג אויף שלמהן, האָט ריסיע שוין גענומען ריידן צערטלעך צו אים:

— שלמה, דו זאָלסט למען השם זען גוט אַכטונג צו געבן אויף זיך, דו זאָלסט זיך חלילה ניט צו־קילן. דו זאָלסט עסן אין צייט, און דו זאָלסט אויך לאָזן הערן פון זיך. פאַרגעס ניט אויך צו שרייבן אַ בריוועלע צו דיין ווייב און לאָזן איר וויסן וועגן דיין געזונט. בעלי־עגלות פאָרן גאַנץ אָפט פון מאָהילנע קיין נעסוויזש, וועט דיר ניט שווער אָנקומען צו בעטן איינעם פון זיי אונדז איבערצוגעבן אַ בריוול פון דיר.

ריסיע האָט אַרויסגעטראָגן עטלעכע זעמל וואָס זי האָט אָנגעבאַקן פאַר אים. שרה האָט אים געהאָלפן מיטן פּעקל.

— פאָר געזונט! — האָט שרה געזאָגט, און אין אירע אויגן זיינען געווען טרערן.

ווען זי שעמט זיך ניט פאַר איר מאַמען, וואָלט זי איר מאַן אַ קוש געטאָן

ביים געזעגענען זיך, אָבער ריסיע איז ניט אָפּגעטראָטן פון דאָרט, און שׂרה האָט זיך געמוזט באַגנוגענען בלויז מיט געבן אים איר האַנט.

אָנגעקומען איז שלמה אין מאָהילנע אין אָונט. דער פֿאָטער איז דאַן געווען אין דעם בית המדרש צו מנחה און מעריב. שלמה האָט זיך אויסגערוט, ער האָט געדאַווענט מנחה און מעריב, און די עלטערע פרוי וואָס איז געווען אין הויז האָט אים געגעבן צו עסן.

די ערשטע זאַך וואָס שלמה האָט געטאָן איז געווען צו באַטראַכטן די שאַפע פון ספרים וואָס האָט זיך געפונען ביי זיין פֿאָטער. שוין לאַנג אַז ער האָט די דאָזיקע ספרים ניט אָנגעקוקט און ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך זיי.

ווען ער איז נאָך יונג געווען, האָט אים זיין פֿאָטער ניט דערלויבט אַריינצוקוקן אין געוויסע ספרים. איצט, וועט ער אים זיכער ניט שטערן. יהושע האָט זיך צוריקגעקערט פון בית המדרש און ער האָט זיך שטאַרק דער־פרייט מיט שלמהן. ער האָט אים אויסגעפרעגט וואָס זיין פרוי מאַכט און ווי ער האָט פאַרבראַכט די ימים נוראים און סוכּות. ווען שלמה האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן, האָט יהושע זיך צו אים אָנגערופן:

— צו מיר זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דיין שוויגער באַהאַנדלט דיך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך האָב זיך געקליבן אַריבערצופאָרן קיין נעסוויזש און זיך דורכריידן מיט איר, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז דיין באָבע איז זייער קראַנק און איך קען זי ניט איבערלאָזן אַפילו אויף איין טאָג.

— אָ, עס איז גאָרניט! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — דו ווייסט דאָך, אַז זי האָט אַ נאַטור צו שילטן, ווען זי ווערט אין כּעס, נו שילט זי!

— וואָס הייסט, זי שילט דיך? — ווערט שוין יהושע אויפגערעגט.

— זי איז אַ גרויסע כּעסנטע און ווי דער כּעס קומט איר אָן, שילט זי אַפילו איר אייגענע טאָכטער. אָבער דאָס האַלט ניט אָן לאַנג. דער כּעס גייט איר איבער גאַנץ שנעל, און זי האָט חרטה אויף דעם.

— מיר האָט מען אַפילו איבערגעגעבן, אַז דיין שוויגער האָט אַפילו שוין איינמאָל געוואָגט צו הויבן אַ האַנט אויף דיר!

— אָ, דאָס איז געווען נאָך גאַנץ אין אָנפאַנג — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן, וואונדערנדיק זיך פון וואַנען זיין פֿאָטער האָט עס אויסגעפונען — איצט טוט זי עס שוין מער ניט!

— און דו האָסט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף איר! — האָט יהושע געזאָגט, ניט מיט ווינציק שטאָלץ — גלויב מיר, ווען איך ווייס דאָס אַלץ, וואָלסטו שוין ביי איר קיין איינציקן טאָג ניט פאַרבליבן. איך ווייס, אַז זי, ריסיע, איז אַ גרויסע מרשעת, און זי האָט דיך אַריינגעקראָגן דורך פאַרשידענע קונצן און דריידלעך... איצט זאָג מיר, מיין זון, ווי איז שׂרה, דיין ווייב, איז זי בעסער פון איר מאַמען?

— אָ, ווי אַזוי קענסטו איר פאַרגלייכן צו איר מאַמען! — רופט אויס שלמה — שׂרה איז איידל און גוטהערציק. גלויב מיר, אַז זי האָט אַ סך מער געליטן פון דעם וואָס איר מאַמע האָט מיך פון אָנפאַנג שלעכט באַהאַנדלט. איך קען זיך אויף איר גאָרניט באַקלאָגן!

— נו, אַ דאַנק גאָט דערפֿאַר! — האָט יהושע געזאָגט — אַמווייניקסטן האָסטו צוגעטראָפֿן מיט דיין ווייב. פֿון אַ שלעכטער שוויגער וועסטו דאָך איי־ביק ניט דאַרפֿןליידן. די עטלעכע יאָר קעסט וואָס זי האָט דיר צוגעזאָגט, וועסטו דאַרפֿן זיין ביי איר, און דאַן וועסטו נעמען דיין ווייב און זיך דערווייטערן פֿון דיין שוויגער.

— טאַטע, זאָג מיר, ווער האָט עס דיר דערציילט, אַז די אַלע זאַכן וועגן מיין שוויגערס שלעכטער באַהאַנדלונג?

— מיר האָט דאָס דערציילט דיין ווייבס מומע, ריסיעס שוועגערין.

— יאָ, דאָס איז אַלץ געווען! — האָט שלמה זיך אָנגערופֿן — איצט האָט זי זיך איינגאַנצן געביטן צום בעסערן. זי האָט זייער ניט געוואָלט אַז איך זאָל אַוועקפֿאָרן היינטיקן ווינטער אויף דער קאָנדיציע. זי האָט מיר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, איך זאָל בלייבן דאָרט ביי זיי, אָבער איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב שוין אָפּגעמאַכט און איך וועל מיין אָפּמאַך האַלטן.

שלמה האָט אָנגעפֿאַנגען צו לערנען מיט די קינדער פֿון דעם אַרענ־דאַר. ער פֿלעגט קומען אין דער פֿרי, גלייך נאָכן דאַוונען און ביי זיי עסן פֿרישטיק. דאַן פֿלעגט ער אָנפֿאַנגען צו לערנען מיט די צוויי ייִנגלעך, ביז מי־טאָג צייט. שלמה האָט זיך געזעצט מיט אַלעמען ביים טיש צו עסן מיטאָג. רחל, די ייִנגסטע טאָכטער פֿון דעם אַרענדאַר, וועלכע האָט מיט אַ צייט צוריק אויסגעלינקט אַ פֿוס, ווען זי איז אַרונטערגעפֿאַלן אין קעלער, האָט דערלאַנגט צום טיש. זי האָט זיך אַלע ווײַלע אויפֿגעהויבן פֿון טיש און אַריינגעבראַכט פֿאַרשיידענע שפּייזן אין עס־צימער. דערמיט וואָס זי פֿלעגט אַזוי אָפֿט אַריינגיין און אַרויסגיין פֿון עס־צימער, האָט זי געוואָלט באַווייזן שלמהן, אַז זי הינקט שוין מער ניט, אַז זי איז איינגאַנצן געזונט, און זאָל אים טאַקע פֿאַרדריסן וואָס ער האָט זי ניט גענומען פֿאַר זיין כּלה...

נאָכמיטאָג האָט שלמה געלערנט מיט פּעסלען און רחלען, דעם אַרענ־דאַרס צוויי ייִנגערע טעכטער. פּעסל איז שוין פֿון לאַנג געווען אַ כּלה און מען האָט געוואַרט מיט איר חתונה ביז וואַנען זי און איר חתן וועלן עלטער ווערן. דער אַרענדאַר האָט געוואָלט, אַז זיינע טעכטער זאָלן קענען דאַוונען, זאָגן תּחינות און אויך אָנשרייבן אַ בריוול אין ייִדיש. דעריבער האָט ער זיך שטאַרק דערפֿרייט, ווען ער האָט געקראָגן שלמהן פֿאַר זייער לערער.

שלמה איז געווען אַ גוטער לערער. ער האָט מיט זיי געלערנט דאַוונען. ער האָט אויך אָנגעפֿאַנגען צו לערנען מיט זיי חומש און זיי דערציילט די ייִדישע געשיכטע.

אין אָוונט, נאָך וועטשערע, פֿלעגט זיך שלמה צוריקקערן צו זיין פֿאָ־טערס הויז. ווען יהושע האָט געהאַט צייט, פֿלעגט ער פֿאַרברענגען מיט זיין זון אין לערנען, פֿון וואָס ער פֿלעגט שטאַרק הנאה האָבן. ווען יהושע איז געווען פֿאַרנומען, האָט שלמה זיך גענומען צו לייענען די ספֿרים וואָס ער האָט גע־פֿונען אין זיין פֿאָטערס הויז.

שלמהס גרויסע לומדות אין תּנ״ך און אין גמרא האָט דערשטוינט יעדן גרויסן רב און למדן מיט וועמען ער פֿלעגט קומען אין באַרירונג. ניט נאָר

איז שלמה געווען באַהאַוונט אין גמרא, נאָר אין דער גאַנצער תּלמודישער לי־טעראַטור. אויסער דעם האָט ער אויך געהאַט קענטעניש אין אַסטראָנאָמיע און אין אַנדערע מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, דורך דעם וואָס עס זיינען אים אַריינ־געפאַלן אין דער האַנט עטלעכע העברעיִשע ספרים וואָס האָבן באַהאַנדלט אַזעלכע קעגנשטאַנדן.

שלמה האָט זיך אָבער מיט דעם ניט באַגניגנט. ער האָט געדורשט נאָך מער קענטעניש. ער האָט געפילט, אַז אויסער זיין רעליגיעזער וועלט, מיט די הייליקע ספרים, עקזיסטירט אויך אַ וועלט פול מיט פילאָזאָפישע און וויסנ־שאַפטלעכע ביכער... כדי אָבער צו האָבן אַ מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין זיי דאַרף מען קענען פרעמדע שפּראַכן. די איינציקע שפּראַכן וואָס ער האָט גע־קענט זיינען געווען יידיש און העברעאיש. ער האָט אויך געקענט פאַרשטיין עטוואָס פּויליש און רוסיש, וואָס ער פלעגט זיך אָנהערן אַלס קליינער ייִנגל ווען פאַרשידענע רוסישע און פּוילישע פויערים פלעגן אַריינקומען צו זיין זיידן אין טראַקטיר. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געקענט פאַרשטיין אַ לייכטן געשפּרעך אין דייטש, צוליב דעם אַלטן גוי, גאַווריִלאַ, וועלכער איז געווען אַן אַנגעשטעלטער ביי זיין זיידן און וועלכער איז געקומען פון פּרייסן און איז געווען אַ דייטש פון לוטעראַנישן גלויבן... אָבער לייענען פון אַ פרעמ־דער שפּראַך האָט שלמה ניט געקענט.

קיין לערער צו לערנען אַ פרעמדע שפּראַך איז דאָן ניט געווען אין יענע קליינע שטעטלעך, און אַפילו ווען עס וואָלט יאָ זיך געפונען אַזאַ לערער, וואָלט ער זיך אויך ניט געקענט באַנוצן מיט אים, ווייל פרעמדע שפּראַכן אויסער העברעאיש און יידיש איז אין יענער צייט געווען פאַררעכנט פאַר אַפּיקורסיש.

צום גליק האָט זיך שלמה, מיט זיינע אויסערגעוויינטלעכע זעלטענע פע־איקייטן, אַליין אויסגעלערנט דעם דייטשן אַלף־בית, דורך אַ צופאַל. ער האָט געפונען אַ העברעאיש בוך, וואו די זייטן זיינען געווען באַצייכנט מיט די בוכ־שטאַבן פון אלף־בית און ביי דער זייט פון דעם העברעאישן בוכשטאַב איז געווען אַן ענלעכער בוכשטאַב אין דייטש. ווי באַלד, אַז ער האָט געוואוסט, אַז דער דייטשער בוכשטאַב האָט כמעט דעם זעלבן קלאַנג ווי דער העברעאישער, האָט ער אַליין גענומען צוזאַמענשטעלן ווערטער פון די דאָזיקע בוכשטאַבן. אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך אויסגעלערנט צו לייענען דייטש.

דאָס גליק האָט אים אָפּגעשפּילט און דורך אַ צופאַל איז אַריינגעפאַלן צו אים אַ צאָל בלעטלעך פון אַן אַלטן דייטשן בוך. ער האָט גענומען לייענען און ווי גרויס איז געווען זיין פרייד און פאַרוואונדערונג, ווען ער האָט געזען, אַז ער לייענט און פאַרשטייט וואָס ער לייענט. ווען אייניקע ווערטער זיינען אים געווען אומפאַרשטענדלעך, האָט ער זיי אָבער פאַרשטאַנען לויט דעם אינהאַלט.

שלמהס דראַנג נאָך לערנען האָט אים ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט געוואוסט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ לערע ווי קבלה, און ער האָט ניט איינמאָל פּרובירט ריידן מיט זיין טאַטן וועגן דעם, אָבער יהושע האָט אים געענטפערט, אַז מיט קבלה מעגן זיך באַשעפטיקן בלויז עלטערע יידן, וועלכע זיינען דערצו גרויסע לומדים, און אַז אַ ייִנגל, איבערהויפּט פאַר זיין בר מצווה, טאָר אַפילו פון דעם

ניט טראַכטן. גראָד איז שלמה אין יענעם יאָר געוואָרן בר מצווה. ער האָט זיך איצט געענומען פילן אַ פאָלקאָמער ייד. ער איז געווען אי פאַרהייראַט און אי אַ פולער ייד, וועלכער דאַרף אָפּהיטן אַלע מצוות אויף זיין אייגענעם חשבון. ער פלעגט שוין קומען אין בית המדרש דאַוונען אין טלית און תפילין, און ער האָט געענומען פילן, אַז אין אים קומט פאָר אַ גאָר גרויסע איבערקערעניש... דורך דעם ווינטער האָט ער געהאַט דורכגעלייענט אַלע ספרים וואָס האָבן זיך געפונען ביי זיין פאָטער אין ספרים שאַפע. איבערהויפּט האָט ער דורכגע־שטודירט דעם רמב״מס „מורה נבוכים" וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ רושם, אַז ער האָט דעם רמב״ם פשוט פאַרגעטערט. די פילאָזאָפיע פון דעם רמב״ם האָט אויף אים געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און האָט אים באַאיינפלוסט אין דעם וויטערדיקן גאַנג פון זיין לעבן. מיט גרויס ערנפורכט און ציטער פלעגט ער דערמאָנען דעם רמב״מס פולן נאָמען: ר׳ משה בן מימון.

איידער ער האָט פאַרלאָזן מאָהילנע זיך צוריקצוקערן קיין נעסוויזש צו זיין פרוי, האָט ער געפּועלט ביי זיין טאַטן ער זאָל אים געבן דעם מורה נבוכים, וואָס ער וועט נאָך לערנען ווי נאָר ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט.

כאָטש ער האָט די גאַנצע צייט וואָס ער האָט זיך געפונען אין מאָהילנע, געשיקט בלויז צוויי בריוו צו זיין ווייב, האָט זי געהאַט פון אים גאַנץ אָפּטע גרוסן, און זי האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף זיין קומען אַהיים. שרה האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון איר מאַן, ווענען זי האָט ליב געהאַט מיט איר גאַנצן לייב און לעבן. ביינאַכט, ווען זי פלעגט אַליין בלייבן אין איר שלאָפצימער, פלעגט זי ליב האָבן צו טראַכטן פון שלמהן... וואָס פאַר אַ גרויסער גליק איר האָט געטראָפן, אַז זי האָט די זכיה צו האָבן אַזאַ מאַן ווי שלמה, אויף ווענען אַלע זאָגן, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער גאון. טראַכטנדיק אַזוי, פלעגט זי אין כעס ווערן אויף איר מאַמען, וועלכע האָט שלמהן אַזוי שלעכט באַהאַנדלט. ניין, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן, זי וועט שוין מער ניט דערלאָזן, אַז איר מוטער זאָל דעיסטווענען איבער אים. ער איז שוין מער ניט קיין יינגל. ער איז דאָך שוין געוואָרן בר מצווה, און דערצו פאַרדינט ער געגנוג געלט, אַזוי אַז אויב זיי וועלן נאָר באַשליסן, וועלן זיי קענען לעבן באַזונדער פון דעם געלט, וואָס ער פאַרדינט אַלס מלמד. זי שרה, איז שוין אויך ניט קיין קליין מיידל. זי איז דאָך מיט אַ יאָר עלטער פון שלמהן, און די מאַמע וועט איר מוזן בעסער באַהאַנדלען.

דאָס איז געווען שרהס באַשלוס, און ווען שלמה איז צוריקגעקומען אויף פסח, איז שרה אַרויסגעקומען אים אַנטקעגן און ניט קוקנדיק וואָס איר מאַמע איז דערביי געווען, האָט זי אים אַ קוש געטאָן...

— וואָס מאַכסטו, שלמה? — האָט אים שרה גענומען אויספרעגן — דו קוקסט אויס זייער גוט.

— און וואָס מאַכסטו, שרה? — פרעגט ער זיך.

— דו זעסט דאָך! — ענטפערט ריסיע — דו קענסט זיך אויף מיר פאַר־לאָזן. איך האָב איר גוט צוגעזען די גאַנצע צייט וואָס דו ביסט ניט געווען.

— און איר, וואָס מאַכט? — האָט שלמה פון יוצא וועגן זי אַ פרעג געטאָן.

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט זיך אָן מיר אינגאַנצן פאַרגעסן — האָט ריסיע האַלב אין שפּאַס און האַלב אין פאַרוואורף אויסגערופן — אַ דאַנק גאָט, אַבי אַריבערגעשטופּט דעם שווערן ווינטער.

— קום אַריין, שלמה, דו וועסט זיך איבערטאָן. איך האָב פאַר דיר צוגע־גרייט ריינע וועש. איך האָב דיין בגד פאַרריכט און דו וועסט אים אָנטאָן, און איך וועל זען אויסצורייניקן דיין מלבוש אין וואָס דו ביסט געפאָרן אַזאַ לאַנגן וועג. ער איז אינגאַנצן פאַרשטויבט...

שרה איז מיט שלמהן אַריין אין זייער שלאָפצימער. זי האָט אים געהאָלפן אַרונטערנעמען זיין אויבער־בגד. זי האָט אים דאַן אַרומגענומען און גענומען קושן...

— אָ, שלמה, איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר! — האָט זי זיך אָנגערופן — און דו? האָסטו אויך געבענקט נאָך מיר?

— נו, געוויס! — האָט שלמה געזאָגט — זעסט דאָך, אַז איך בין גע־קומען צוריק אַהער!

— פון איצט אָן וועט אַלץ זיין אַנדערש! — האָט שרה געזאָגט — איך וועל שוין מער ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל דיך דאָ ניט באַהאַנדלען לויט דיין ווירדע! איך בין שוין ניט מער קיין קליין מיידל. איך האָב געטראַכט, אַז אויב דיר וועט ניט זיין געפעלן צו בלייבן דאָ, בין איך גרייט מיט דיר אַפילו צו גיין אין אַן אַנדער פּלאַץ. דו קענסט שוין פאַרדינען גענוג פאַר אונדז ביידן. איך בין אָבער זיכער, אַז די מאַמע וועט דיך שוין פון היינט אָן און ווייטער באַ־האַנדלען זייער גוט. יאָ, אויב דו האָסט געקראָגן באַצאָלט, וועסטו מיר אָפּ־געבן דאָס געלט, ניט דער מאַמען. און אויב דו ווילסט האַלטן דאָס געלט ביי זיך, וועל איך אויך זיין צופרידן. די מאַמע וועט שוין פון אונדז מער קיין געלט ניט נעמען, סיידן זי וועט זיך נויטיקן זייער שטאַרק, און זי וועט ביי אונדז בעטן אַ הלוואה. האַ, ניט אַזוי, שלמה?

— איך וועל דיר טאַקע איבערגעבן דאָס גאַנצע געלט און דו, שרה, וועסט דערמיט טאָן וואָס דיר וועט געפעלן — האָט שלמה אַרויסגענומען דאָס געלט פון זיין טייסטער און דאָס דערלאַנגט שרהן — איך האָב די גאַנצע צייט גאַרניט געהאַט קיין הוצאות. מיין טאַטע האָט פאַר מיר באַצאָלט דעם בעל־עגלה.

שרה האָט גענומען דאָס געלט און זי האָט גענומען ציילן.

— יאָ, אַכציק גילדן! — האָט שרה געזאָגט, און טרערן פון פרייד האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן — מיט אַזוי פיל געלט וואָלטן מיר זיכער געקענט אָנפאַנגען אונדזער לעבן און אונדזער אייגענעם נעסט... איך ווייס, אַז די מאַמע וועט דיך שוין ניט מער באַליידיקן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז איר פאַר־דריסט פאַרוואָס זי האָט גאַנץ אָפט אויף דיר געשריען. זי ווייסט, אַז דו ביסט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע לומדים, און אַז דו קענסט שוין זיין אַ רב ווען דו זאָלסט נאָר וועלן. מיר וועלן זען אויב זי וועט האַלטן וואָרט.

אין דער צייט וואָס שלמה האָט זיך אַרומגעוואַשן און איבערגעטאָן, האָט

ריסיע פאַר אים צוגעגרייט אַ מילכיקן מאַלצייט: קאַרטאָפל מיט זויערמילך, געפּרעגלטע הערינג און ברויט מיט פּוטער.

— גיי, שלמה, גיי, וואַש זיך צום עסן. דו מוזט זיין זייער הונגעריק. דיין ווייב וועט פון דיר ניט אַנטלויפן. איר וועט נאָך ביידע צייט האָבן צו ריידן וועגן אַלץ... — האָט ריסיע געזאָגט.

ווען שלמה איז זיך געגאַנגען וואַשן צום עסן, האָט ריסיע זיך אָנגערופן צו איר טאָכטער:

— איך האָב געהערט וואָס דו האָסט געזאָגט צו דיין מאַן, אַז פון היינט אָן וועל איך אים זייער גוט באַהאַנדלען. אויך וועגן די געלט... פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל פון אייך ניט נעמען קיין געלט סיידן איך וועל זיך זייער שטאַרק נויטיקן... אָבער דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט צו אים, אַז איר וואָלט געוואָלט אָנפאַנגען אייער לעבן אין אייער אייגענעם נעסט, איז דאָס ניט פיין פון דיר... דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב אים צוגעזאָגט זעקס יאָר קעסט און איך וויל מיין וואָרט האַלטן... איך ווייס דאָך, אַז שלמה איז אַ תלמיד חכם און עס איז אַ גרויסע מצווה צו שטיצן אַ תלמיד חכם. יאָ, זייער גוט האָסטו געטאָן, שרהלע, וואָס דו האָסט ביי אים גענומען דאָס געלט. וואָס ווייסט ער ווי צו האַלטן געלט? זעסטו, אויב שלמה זאָל ווערן אַ רב און קריגן ערגעץ אַ רבנות־שטעלע, וואָלט איך אַליין אויך געווען צופרידן, אַז דו זאָלסט מיט אים זיך באַזעצן אין דעם שטעטל וואו ער וועט קריגן זיין רבנות...

— מאַמע, איך וועל זיין צופרידן צו זיין מיט אים דאָ, אַזוי לאַנג ווי דו וועסט וויסן ווי זיך צו באַגיין מיט אים! איך בעט דיך, ווען דו ביסט אין כעס אויף אימיצן, לאָז ניט אויס דיין כעס צו אים. אַז דו וועסט זיך מיט אים באַגיין איידל, וועט ער דאָס אָפּשאַצן און וועסט האָבן פון אים כבוד...

— פאַרוואָס זאָלסטו גאָר טראַכטן וועגן דעם? — רופט אויס ריסיע — דו ווייסט דאָך, אַז איך וועל פון איצט אָן אים האַלטן בכבוד. זאָל נאָר גאָט געבן, אַז איך זאָל דערלעבן אַ שטיקל נחת פון אייך ביידן... עס איז שוין צייט! איר זייט דאָך שוין באַלד צוויי יאָר פאַרהייראַט...

25

שלמה האָט ווירקלעך דערפילט אָן ענדערונג אין דער באַהאַנדלונג וואָס זיין שוויגער האָט אים געגעבן. זי האָט צו אים גערעדט צערטלעך. זי האָט אַפילו גערופן דעם שניידער און געלאָזט מאַכן אַ נייעם מלבוש לכבוד פסח.

— הלוואַי זאָל זיין אויף לאַנג! — האָט שלמה געטראַכט — איז איז דאָך גאָרניט די זעלבע שוויגער.

ער איז שוין דאָ עטלעכע טעג און ער האָט נאָך פון איר קיין הויך וואָרט ניט געהערט. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס זי ווייסט, אַז שרה האָט די אַכציק

גילדן וואָס ער האָט פֿאַרדינט און זי האָפֿט, אַז דורך איר גוטסקייט וועט זי לייכטער קענען אַרויסבאַקומען פֿון איר דאָס געלט?...

יעדנפֿאַלס איז שלמה געווען שטאַרק צופֿרידן מיט דער ענדערונג אין זיין שוויגער. ער האָט אויך גערעדט מיט איר מיט מער פֿריינטלעכקייט, און ער האָט אַפֿילו זיך אָנגעבאָטן אַרויסצוהעלפֿן רייניקן דאָס הויז לכבוד פּסח.

— ניין, שלמה, דאָס איז ניט פֿאַר דיר! — האָט ריסיע געזאָגט — דו דאַרפֿסט ניט ברענגען אין ביוועץ דיין צייט אויף אַזעלכע זאַכן וואָס באַלאַנגען צו פֿרויען. דו גיי בעסער אין בית המדרש לערנען!

שלמה האָט זיך ווידער צוגעכאַפּט צום לערנען. די דאָרטיקע ישיבה־בחורים האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט שלמהס צוריקקערן זיך אין בית המדרש. זיי האָבן געהאַט ביי וועמען צו פֿרעגן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אַ שווערן ענין אין דער גמרא. שלמה אַליין האָט זיך גענומען פֿילן מער חשוב, ווייל ער איז דאָך שוין געווען נאָך דרייצן יאָר און ער איז שוין ניט מער פֿאַרעכנט פֿאַר אַ ייִנגל. ער דאַוונט שוין יעדן טאָג מיט טלית און תּפֿילין. ער פֿלעגט טאַקע אָפּזיצן אין קלויז אין זיין טלית און תּפֿילין היפּשע עטלעכע שעה נאָכן דאַוונען און לערנען תּורה.

ריסיע האָט שטאַרק הנאה געהאַט ווי אַזוי איר איידעם האָט געפּראַוועט די סדרים, ווי ער האָט דערציילט די ניסים פֿון יציאת מצרים. שרהס פּנים האָט געלויכטן. זי איז געזעסן לעבן איר מאַן, וועלכע איז געווען אָנגעלענט אויף דעם הסיב־בעט, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, און ווען ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט צו מאַכן קידוש, זיינען שרהס אויגן אָנגעפֿילט געוואָרן מיט טרערן פֿון גליק.

שלמה האָט ניט אויפֿגעהערט צו קוקן אויף זיין ווייבל. זי איז ווירקלעך געווען זייער אַ שיינע, און זיצנדיק לעבן אים ביים סדר טיש, האָט זי טאַקע געשיינט ווי אַ בת־מלכּה. זי האָט אים געפֿרעגט די פֿיר קשיות און שלמה האָט געגעבן דעם תּירוץ פֿון „עבדים היינו״... יאָ, האָט ער זיך געטראַכט, מיר זיינען געווען קנעכט אין מצרים און גאָט האָט אונדז באַפֿרייט... אויך ער האָט זיך פּלוצלינג דערפֿילט פֿריי. ער איז שוין ניט מער קיין שקלאַף צו זיין שוויגער און ער האָט מער ניט וואָס צו זאָרגן. זי וועט אים שוין פֿון איצט אָן באַהאַנדלען זייער גוט. עס קען זיין, אַז ביז וואַנען ער איז געוואָרן בר־מצווה האָט זי פֿאַר אים ניט געהאַט קיין דרך ארץ. איצט, אָבער, וועט זי שוין ניט וואַגן אויפֿצוהייבן איר שטימע אויף אים... ניט מער וועט ער הערן אירע קללות און אירע באַליידיקונגען...

שלמה האָט זיך דערפֿילט שטאַרק דערהויבן. דאָס ערגסטע איז ער שוין אַריבערגעקומען, האָט ער ביי זיך געטראַכט. פֿון איצט אָן וועט אים מן הסתּם זיין גוט ביי זיין שוויגער אין הויז. שרה, זיין ווייב, איז אים זייער געטריי און איבערגעגעבן. זי זעט אים גוט צו. אים פֿעלט דערווייל גאָרניט. אָט איז פֿאַריבער דער פּסח, און ער האָט נאָך ניט געהערט קיין שלעכט וואָרט פֿון זיין שוויגער... זי באַהאַנדלט אים אַזוי גוט, פּונקט ווי אין די ערשטע עטלעכע וואָכן נאָך זיין חתונה מיט שרהן. ווייזט אויס, אַז דורך דער צייט וואָס ער

איז געווען אָפּגערייזט פון נעסוויזש, האָט שוין שרה געמוזט גוט איינטענהן מיט איר מאַמען.

— דו ווייסט, שרה — האָט זיך שלמה איינמאָל אָנגערופן צו איר — איך גלויב, אַז איך האָב דיר צו פאַרדאַנקען, דאָס וואָס דיין מאַמע איז פּלוצ־לינג געוואָרן אַזוי גוט צו מיר. איך בין שוין דאָ אַן ערך זעקס וואָכן און איך האָב פון איר ניט געהערט קיין הויך וואָרט.

— רייד דאָס ניט איבער, שלמהל! — האָט שרה שמייכלענדיק זיך אָנגע־רופן — איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט גלייך ווי דו ביסט אַהער געקומען, אַז די מאַמע וועט דיך שוין אָנפאַנגען צו באַהאַנדלען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— הלוואַי אויף לאַנג! — רופט אויס שלמה — איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, שרה, עפּעס גלויבט זיך מיר ניט, אַז דיין מאַמע זאָל דאָס לאַנג קענען אָנהאַלטן...

— איך בין זיכער, אַז דו וועסט מער ניט האָבן קיין עגמת נפש פון מיין מאַמען. פון איצט אָן און ווייטער וועלן מיר אַלע האָבן פרייד און נחת... איך האָב דיר צו אַנטדעקן אַ גרויסן סוד, אָבער איך וועל נאָך צוואַרטן עט־לעכע טעג.

— אָ, שרה, זאָג מיר, וואָס איז דען דיין סוד? — איך בין זייער אומ־געדולדיק...

— דו דאַרפסט זיך לערנען צו האָבן געדולד — ענטפערט אים שרה און איר פּנים האָט זיך געצונדן רויטלען. איך פאַרזיכער דיר, אַז לאַנג וועל איך פון דיר ניט האַלטן קיין סוד... איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט מיך אַפילו דער־מאָנען וועגן דעם ווען די צייט וועט קומען, וועל איך שוין דיר אַליין אַנטדעקן דעם סוד.

מיט דער מאַמען האָט שרה שוין גערעדט וועגן דעם גרויסן סוד, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, און ריסיע האָט איר געראָטן דערווייל צוצוואַרטן נאָך אַ פּאָר וואָכן ביז וואַנען זי וועט זיך איבערצייגן...

ריסיע איז געווען אויסער זיך פון גליק ווען זי האָט ענדלעך דערהערט פון איר טאָכטער, אַז זי קען דערוואַרטן צו ווערן אַ מוטער. זי האָט איר אָבער געגעבן אַן עצה ניט צו ריידן מיט איר מאַן וועגן דעם ביז וואַנען זי וועט זיין זיכער וועגן דעם...

— פאַרשטייסטו מיך, מיין טאָכטער! — האָט ריסיע איר געלערנט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט איר מאַן — גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז מען מאַכט אַ טעות אין חשבון... דעריבער איז בעסער צו דערציילן דעם מאַן בלויז דאַן ווען מען איז איבערצייגט.

שרה האָט געפאָלגט איר מאַמען. זי האָט צוגעוואַרט נאָך עטלעכע וואָכן און ווען איר מאַמע האָט איר געזאָגט, אַז זי קען שוין אויסזאָגן דעם סוד צו שלמהן, האָט שרה דאָס אים דערציילט. פון אָנפאַנג איז שלמה געבליבן זיצן אויף זיין פּלאַץ ווי צעטומלט. ער האָט נאָך ניט געקענט באַגרייפן די ערנסט־קייט פון דעם.

— שלמה, ביסטו דען ניט צופרידן, אַז איבער אַ יאָר, אם ירצה השם,

אַרום חמישה עשר בשבט, ווּעסטו ווערן אַ טאַטע? — האָט שרה אים געגומען דורכדרינגען מיט אירע בליקן.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך בין צופרידן! — האָט שלמה דורכגעזייעט דורך די ציינער — איך בין בלויז אַ ביסל דערשטוינט, און איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

— אַלץ וואָס דו דאַרפסט זאָגן איז, אַז גאָט זאָל געבן און אַלץ זאָל אַריבער בשלום, און מיר זאָלן תּמיד האָבן שמחות... איך בין מתפּלל צו גאָט, אַז ער זאָל מיר געבן אַ זון, ווּעלכער זאָל זיין אַזאַ גרויסער למדן און אַזאַ קלוגער ווי דו, און אַז מיר זאָלן פון אים האָבן אַ סך נחת... און אויב עס וועט זיין דער ווילן פון גאָט, אַז איך זאָל געבוירן אַ טאָכטער, זאָל איר גאָט בענטשן, אַז זי זאָל נעמען אַזאַ מאַן ווי איך האָב געגומען...

— המ... נו, און דיין מאַמע ווייסט שוין? פרעגט ער זי.

— געוויס ווייסט זי! — ענטפערט שרה — דו ווייסט דאָך, אַז אַ מאַמע דאַרף וויסן די זאַכן פריער פון אַלעמען.

— ווי לאַנג איז עס, אַז דו האָסט איר דערציילט?

— שוין עטלעכע וואָכן! און איך דאַרף דאָך דיר ניט דערציילן ווי גליקלעך די מאַמע איז... מיר האָבן שוין אַפילו גערעדט וועגן אַ נאָמען... מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אויב מיר וועלן האָבן אַ טאָכטער, וועלן מיר איר אַ נאָמען געבן נאָך דיין מוטער, רבקה. און אויב מיר וועלן האָבן אַ זון, וועלן מיר אים רופן דוד, אַ נאָמען נאָך מיין פאָטער, עליו השלום. ביסטו צופרידן, שלמה?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין צופרידן?

אין דער אמתן האָט שלמה אַליין ביי זיך ניט געקענט באַשליסן צי ער זאָל זיין צופרידן פון דעם וואָס ער האָט זיך דערוואוסט צי ניט. די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט איז זייער גרויס. ער וועט ווערן אַזאַ יונגער טאַטע... ווען ער וועט אַלט ווערן פערצן יאָר וועט ער שוין אויף זיך דאַרפן טראָגן דעם יאָך מפרנס צו זיין זיין פרוי און קינד. פון דער צווייטער זייט, האָט ער זיך גע־נומען פילן שטאָלץ, וואָס ער וועט איבער אַ יאָר ווערן אַ טאַטע... ער איז דאָך שוין אַ יונגער באַלעבעסל... איצט איז אים שוין אויך קלאָר געוואָרן פאַרוואָס זיין שוויגער האָט זיך פּלוצלינג אַזוי געענדערט צו אים. צו דעם האָט זי די גאַנצע צייט געשטרעבט. ניט איין מאָל פלעגט זי אָנדייטן צו אים, אַז ער איז שוין פאַרהייראַט איבער צוויי יאָר און גאָרניט... ווער ווייסט, אפשר וועט זיך זיין מזל אינגאַנצן בייטן צום גוטן צוליב דעם זכות פון קינד וואָס וועט געבוירן ווערן.

בלויז די ערשטע עטלעכע טעג איז שלמה געווען צעטראָגן פון דעם „סוד" וואָס זיין ווייב האָט אים „אַנטדעקט". באַלד אָבער האָט ער זיך פאַרטיפט אין לערנען. ער פלעגט אַוועק אין בית המדרש און דאָרט אָפּלערנען אַ גאַנצן טאָג, און ער האָט פאַרגעסן וועגן דעם גאַנצן ענין.

קורץ נאָכדעם האָט זיך ביי אים פאַרשטאַרקט דער חשק צו לערנען קבלה. איצט, אַז ער איז אַ פאָלקאָמער ייד, און אין גיכן וועט ער ווערן אַ טאַטע, וועט

מען אים ניט קענען זאָגן, אַז ער איז נאָך צו יונג צו נעמען זיך לערנען קבלה. אין גמרא איז ער שוין געווען באַהאוונט, עס האָט פאַר אים ניט עקזיסטירט קיין שווערע שטעלן אין תּלמוד, און דעריבער האָט אים דאָס לערנען גמרא אַליין ניט געקענט אינגאַנצן צופרידן שטעלן. ער האָט גענומען זוכן עפּעס וואָס זאָל קענען אויספילן זיין גייסטיקן דראַנג.

שלמה האָט זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן דעם לימוד פון קבלה. אין יענער געגנט זיינען געווען אַ היפּשע צאָל מקובלים. ער האָט געהאַט מיט זיי געשפּרעכן וועגן קבלה, און ער האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז דורך דער חכמה פון קבלה קען מען באַפרידיקן די שטרעבונג צו וויסנשאַפט, און אויך קומען צו תּכלית השלימות.

— אויב דו ווילסט וויסן ווער עס איז אַ גרויסערע בעל־מקובל — האָט זיך צו אים אָנגערופן איינער פון די ישיבה בחורים מיט וועמען ער האָט גערעדט וועגן קבלה — יאָ, מיר האָבן טאַקע דאָ, אין נעסוויזש, אַ בעל־מקובל וועלכער איז אַ בר סמכא אין קבלה.

— און ווער איז ער? — פרעגט שלמה.

— דאָס איז דער יונגער מגיד פון אונדזער שול! — ענטפערט אים יענער — ער איז אַ גוטער מגיד און ער קען לערנען קבלה. איך האָב איינמאָל געהערט זיינע אַ דרשה אין שול, און איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט, זינט דאַן קום איך אים הערן יעדן מאָל. ער פלעגט אַריין אין זיינע דרשות פאַר־שיידענע משלים אוןביישפּילן פון די קבלה ספרים.

שלמה האָט באַשלאָסן זיך צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן מגיד. ער האָט אָנגעפאַנגען צו דאַווענען אין שול און ער פלעגט באַטראַכטן דעם מגיד וועל־כער פלעגט שטענדיק זיין אינגאַנצן איינגעהילט אין זיין טלית. ער האָט באַ־מערקט, אַז נאָכן דאַווענען נעמט ער אַרויס פון זיין שטענדער אַ קליין ספרל, און ער פאַרטיפט זיך אין אים אַ היפּשע ווײַלע און דאַן לייגט ער דעם ספרל צוריק אין זיין שטענדער.

שלמה איז זייער נייגעריק געווען צו וויסן וואָס דאָס איז פאַר אַ ספרל וואָס דער יונגער מגיד לערנט יעדן טאָג נאָכן דאַווענען. ער האָט דעריבער גענומען אַ גמרא און זיך געזעצט לערנען נאָכן דאַווענען. ער האָט געוואַרט ביז וואַנען דער מגיד וועט גיין אַהיים. ווען די שול האָט זיך אויסגעליידיקט און דער שמש האָט זיך באַשעפטיקט מיט מאַכן אָרדענונג אין שול, איז שלמה צוגעגאַנגען צו דעם סטענדער פון דעם מגיד און פון דאָרט אַרויסגענומען דעם קליינעם ספרל. ער האָט אים אויפגעעפנט און דערזען, אַז דאָס איז אַ קבלה ספר. ער האָט גלייך גענומען דעם ספר און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון שול, אַזוי אַז דער שמש זאָל אים ניט מערקן. ווען דער שמש האָט צוגע־שלאָסן די שול, ניט באַמערקנדיק, אַז שלמה איז דאָרט פאַרבליבן, איז ער, שלמה, דאַן אַרויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש און ער האָט אָנגעפאַנגען לייענען דעם קליינעם ספר. ער האָט באַלד איינגעזען, אַז דאָס איז אַ קבלה ספר און ער איז געווען אַזוי איבערראַשט צו זען, אַז ער פאַרשטייט אַלץ וואָס עס איז געשריבן אין דעם ספר. ער האָט גענומען לייענען דעם ספרל מיט אַזוי

פיל התמדה, ביז עס איז געקומען מנחה צייט און ער האָט דערהערט, אַז דער שמש שליסט אויף די שול, צו דאַוונען מנחה. ערשט דאַן האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז ער איז ניט געגאַנגען אַהיים עסן, אַז ער האָט דעם גאַנצן טאָג געפאַסט.

עטלעכע טעג האָט שלמה אַזוי פאַרבראַכט און דורכגעשטודירט דעם גאַנצן ספר. איצט האָט ער געוואָלט זיך נאָך נעענטער באַקענען מיט קבלה. ער וואָלט זייער געוואָלט לייענען נאָך אַזעלכע ספרים, אָבער ער איז געווען צו שעמעוודיק צו ריידן מיט דעם מגיד וועגן דעם. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו שרייבן צום מגיד אַ בריוו. ער האָט אָנגעשריבן דעם בריוו אין אָוונט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים. דעם בריוו האָט ער געשריבן אין זייער אַ פיינעם העברעאיש, אין וואָס ער האָט באַשריבן זיין גרויס נייגיר און חשק צו לער־נען קבלה, און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז ער איז אַ גרויסער בעל מקובל, פאַר־לאַנגט ער פון אים, אַז ער זאָל אים ווי ווייט מעגלעך שטיצן מיט קבלה־ספרים.

דעם בריוו האָט ער אַליין איבערגעגעבן דעם מגיד, גלייך נאָכן דאַוונען. דער יונגער מגיד האָט דורכגעלייענט דעם בריוו און ער האָט באַוואונדערט דעם שיינעם העבראיש און די גרויסע קענטשאַפט וואָס ער ווייזט אַרויס אין זיין בריוו. ער האָט צו אים אַ וואונק געטאָן און שלמה איז צו אים צוגעגאַנגען.

— איר זייט עס שלמה, ר׳ יהושעס זון! — האָט דער מגיד זיך אָנ־גערופן צו אים — איך האָב געהערט פון אייך. איך ווייס, אַז איר זייט אַ גרויסער למדן, און דאָס וואָס איר האָט אַזאַ שטאַרקן חשק צו לערנען קבלה אונטער אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, איז אַ סימן, אַז דער שורש פון אייער נשמה איז פון דעם עולם האצילות, וואָס שטאַמט פון געטלעכן מקור און איידל־קייט, אין דער צייט ווען די נשמות פון פשוטע לומדים שטאַמען פון דער באַ־שאַפענער אָפענער וועלט. אַזעלכע נשמות זיינען קיינמאָל ניט מסוגל צו באַ־נוצן זיך מיט קבלה.

שלמה האָט זיך פאַר דעם מגיד מודה געווען, אַז ער האָט גרינטלעך דורכ־שטודירט דעם קבלה ספר „שערי קדושה״, וואָס ער האָט געפונען ביי אים אין שטענדער, און אַז ער פאַרשטייט אים זייער גוט.

— אָ, ווען איך קען קריגן צו לערנען אַנדערע ספרים, וואָלט איך זיך געשעצט זייער גליקלעך — האָט שלמה צוגעגעבן.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת! — האָט דער מגיד זיך אָנגערופן — איך האָב אַ סך קבלה ספרים ביי זיך אין הויז, אָבער אַזוי ווי איך אַליין באַשעפטיק זיך מיין גאַנצע פרייע צייט אין לערנען קבלה, זיינען מיר אַלע ספרים זייער נויטיק צו יעדער צייט, און עס וועט פאַר מיר ניט מעגלעך זיין איך אויסצולייען אייניקע ספרים.

— אַ שאָד! אַ שאָד! — האָט שלמה אויסגערופן — איצט פאַרדריסט מיך שוין וואָס איך האָב דורכגעלייענט אייער וואונדערבאַרן קבלה ספר, וואָס האָט ניט געשטילט מיין דורשט צו פאַרשטיין און באַנעמען קבלה, נאָר דאָס האָט נאָך מער מיר צערייצט דעם אַפּעטיט צו לייענען וואָס מער אַזעלכע ספרים...

— ווייסט איר גאָר וואָס? — האָט דער יונגער מגיד זיך צו אים אָנגע־רופן — איר קענט קומען צו מיר אין הויז יעדן טאָג און לערנען וועלכן קבלה ספר אייך וועט געפעלן. איר קענט ביי מיר לייענען וויפיל אייער האַרץ גלוסט!

— איך דאַנק אייך! איך דאַנק אייך פון טיפסטן האַרצן! — האָט שלמה אויסגערופן — איך שעץ זיך זייער גליקלעך וואָס איר גיט מיר אַזאַ געלעגנ־הייט זיך צו באַקענען מיט קבלה, צו וואָס איך האָב שוין געשטרעבט פאַר אַ לאַנגער צייט!

— איר קענט קומען צו מיר אַפילו היינט! — האָט דער מגיד געזאָגט — איך וועל מיט אייך מיטגיין אַהיים. איך וועל אייך פאָרשטעלן פאַר מיין פרוי און דאַן וועט איר קענען קומען יעדן טאָג ווען נאָר איר וועט וועלן. איר האָט דאָך מן הסתם געהערט, אַז איך האָב ניט לאַנג צוריק געהייראַט, און מיין פרוי איז אַליין אַ רבס אַ טאָכטער.

— אפשר וועל איך אייך שטערן? — פרעגט אים שלמה.

— אָ, ניין! מיין פרוי איז אַן אשת חיל, און זי ווערט פאַרטיק מיט איר הויז־אַרבעט זייער פרי, און איך בין זיכער, אַז איר וועט קיין שטער ניט זיין.

שלמה האָט צוזאַמענגעלייגט זיין טלית און תפילין און איז מיטגעגאַנגען מיט דעם מגיד צו אים אין הויז.

דעם מגידס וואוינונג איז באַשטאַנען פון איין איינציקן צימער, וואָס האָט אין איין צייט געדינט פאַר אַן עס־צימער, פאַר אַ שטודיר־צימער און פאַר אַ שלאָפצימער.

שלמה איז אַריין מיט דעם מגיד אין שטוב. ער האָט דערזען אַ זייער שיינע יונגע פרוי, וועלכע האָט געטראָגן אַ פאַרוק און אַ העל טיכל אויפן קאָפּ. זי האָט זיך באַשעפטיקט מיט קאָכן. דער מגיד האָט פאָרגעשטעלט שלמהן פאַר זיין פרוי, זאָגנדיק איר, אַז אָט דער יונגערמאַן איז פאַרעכנט פאַר זייער אַ גרויסן למדן, און אַז ער וויל זיך באַקענען מיט דער לערער פון קבלה.

— איך האָב אים איינגעלאַדן צו מיר אין הויז, כדי ער זאָל קענען האָבן צוטריט צו די אַלע קבלה ספרים וואָס איך האָב.

דער מגיד האָט דערווייל באַוויזן שלמהן די אַלע קבלה ספרים און ספרים וועגן קבלה וואָס האָבן זיך געפונען אין זיינע ספרים שאַפעס. שלמה האָט דורכגעבליקט די שער־בלעטלעך און זיינע אויגן האָבן זיך צעלויכטן. אָ, ווי גליקלעך ער וואָלט זיך געשעצט ווען ער קען זיי דורכשטודירן און פאַרשטיין אַלץ וואָס דאָרט איז געשריבן.

— איך בין זייער אומגעדולדיק אָנצופאַנגען צו לייענען אָט די אַלע קבלה־ספרים! — האָט שלמה אויסגערופן מיט באַגייסטערונג.

— זייער גוט! — האָט דער מגיד אויסגערופן — לאָמיר זיך זעצן און מיר וועלן ריידן וועגן קבלה. איך וועל אייך דערקלערן וואָס קבלה איז, און ערשט דאַן וועט איך אָנקומען אַ סך גרינגער צו פאַרשטיין אָט די אַלע ספרים.

ער האָט געבעטן שלמהן זיך זעצן לעבן אים. ווען ער האָט זיך געזעצט

לעבן אים, האָט דער מגיד צוגעמאַכט זיין ספר און ער האָט זיך געווענדעט צו שלמהן:

— איידער דו פאַנגסט אָן צו לערנען די קבלה ספרים וועל איך דיר דער־קלערן די יסודות פון קבלה. זיי וויסן, אַז קבלה איז אַ געטלעכע וויסנשאַפט. דאָס וואָרט „קבלה" מיינט דאָס זעלבע וואָס „מסורה" — איבערגעבונג, טראַ־דיציע. די קבלה נעמט אַרום ניט בלויז די „חכמה נסתרה" וואָס איז פאַרבאָטן צו לערנען עפנטלעך, נאָר אויך די מעטאָדן ווי אַזוי אַרויסצודרינגען נייע מצוות, נייע געזעצן, וואָס געפינען זיך אין הייליקן תנ"ך, ווי אויך אייניקע פונדאַמענטאַלע געזעצן וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן בעל־פה צו משהן אויפן באַרג סיני.

— אַז מען זאָל דאָס וועלן אָפּסומירן, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז קבלה איז טראַדיציע פון געהיימע וויסנשאַפטן... ניט אַזוי? — האָט שלמה געפרעגט.

— זייער ריכטיק האָסטו עס אויפגעפאַסט! — האָט דער מגיד מיט אַ שמייכל געזאָגט — אָט די דאָזיקע וויסנשאַפט ווערט איינגעטיילט אין „טעאָ־רעטישער" און „פּראַקטישער" קבלה. די טעאָרעטישע קבלה נעמט אַרום די לערע וועגן דעם מהות פון גאָט, וועגן זיינע מידות, אַטריבוטן, וואָס ווערן מרומז אין זיינע פאַרשיידענע נעמען, וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט און וועגן דער פאַרהעלטעניש פון אַלע זאַכן פון דער וועלט צו זיין העכסטן וועזן... די פּראַקטישע קבלה, אָבער, איז שוין גאַנץ אַנדערש. פּראַקטישע קבלה לערנט אונדז ווי צו באַנוצן זיך אין פּראַקטיק מיט גאָטס נעמען (די הייליקע „שמות") וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די באַזונדערע אופנים פון וויר־קונג אויף די קעגנשטאַנדן פון דער נאַטור און די באַזונדערע באַציאונגען צו זיי.

— איך וואָלט וועלן אַ גענויערע דערקלערונג וועגן דעם! — האָט שלמה זיך צו אים אָנגערופן.

— דאָס מיינט, אַז די דאָזיקע הייליקע שמות זיינען ניט סתם נעמען, נאָר זיי ווערן באַטראַכט ווי נאַטירלעכע צייכנס און סימבאָלן, אַזוי אַז אַלץ וואָס עס ווערט געמאַכט מיט דער הילף פון אָט די דאָזיקע צייכנס מוז האָבן אַ ווירקונג אויף די געגנשטאַנדן פון דער נאַטור צו אייגענע צוועקן. איצט פאַרשטייט איר?

— יאָ, איצט איז עס גאַנץ קלאָר! — האָט שלמה געזאָגט.

— אויב אַזוי, קענען מיר גיין ווייטער — האָט דער מגיד פאָרטגעזעצט — דער הויפּט אורשפּרונג אויף צו שטודירן קבלה איז דער „זוהר", וואָס איז געשריבן אין אַ זייער שיינעם סטיל אין אַראַמעאיש. אָט דער דאָזיקער ספר, דער „זוהר", איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין דעם דרייצנטן יאָרהונדערט, אָבער דער מחבר פון דעם ספר איז דער הייליקער תנא ר' שמעון בן יוחאי. דער זוהר איז דער קוואַל פון וואָס אַלע בעלי קבלה שעפּן די קאַבאַ־ליסטישע באַהויפּטונגען, און די אַלע אַנדערע קבלה ספרים, וואָס זיינען געקומען נאָכדעם דאַרפן באַטראַכט ווערן בלויז ווי אויסטייטשונגען צום זוהר.

— וויפיל שיטות זיינען פאַראַן אין קבלה? — פרעגט שלמה.

— אָ, שיטות זיינען פאַראַן אַ סך — ענטפערט אים דער מגיד — אָבער

הויפּט שיטות זיינען פאַראַן בלויז צוויי אין קבלה: די שיטה פון ר׳ משה קאָרדאָוועראָ און די שיטה פון ר׳ יצחק לוריע. ר׳ משה קאָרדאָוועראָ איז איינער פון די גרעסטע מקובלים. ער איז דער גרינדער פון אַ נייער, וויסנשאַפטלעכער פילאָסאָפישער שיטה אין קבלה און דער מחבר פון פילע קבלה ספרים. אָט דער ר׳ משה איז מער רעאַליסטיש, דאָס הייסט, ער איז נעענטער צום שכל ווי אָט דער ר׳ יצחק לוריע. דאָס הויפּט ווערק פון ר׳ משה קאָרדאָוועראָ איז זיין ספר „פּרדס רמונים". ר׳ משה קאָרדאָוועראָ איז געבוירן געוואָרן אין צפת, אין יאָר 1522, און איז געשטאָרבן אין יאָר 1570.

ר׳ יצחק ב״ר שלמה הלוי לוריע אַשכנזי, וועלכער איז באַקאַנט אונטער זיין פאַרקירצטן נאָמען אַר״י (אַשכנזי ר׳ יצחק), איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים אין 1534 און איז געשטאָרבן אין צפת אין 1572. דער אַר״י איז געווען איינער פון די געניאַלסטע מקובלים וואָס עס איז ווען עס איז געווען אויף דער וועלט.

דעם אַר״יס שיטה איז די פּראַקטישע קבלה, אָן שום שכל און לאָגיק. לויט זיין שיטה קען מען מיט דער הילף פון צרופים און שמות ווירקן אויף די געגנשטאַנדן פון דער נאַטור, וואָס מען קען אָנווענדן, דורכצופירן געוויסע זאַכן, ווייל די דאָזיקע הייליקע שמות זיינען ניט איינפאַכע נעמען, נאָר זיי ווערן באַטראַכט ווי נאַטירלעכע צייכנס און סימבאָלן, מיט געוויסע כוונות און רמזים...

דער מגיד האָט מיט אַלע איינצלהייטן דערקלערט צו שלמהן דיביידע שיטות אין קבלה און שלמה האָט זיי גרינטלעך פאַרשטאַנען. זיינע אויגן זיינען מיט אַמאָל אויפגעעפנט געוואָרן און זיין חשק צו שטודירן די אַלע קבלה ספרים איז פאַרשטאַרקט געוואָרן.

זינט דאַן פלעגט שלמה קומען כמעט יעדן טאָג צו דעם מגיד אין הויז און אָפּזיצן ביי אים אַ גאַנצן טאָג, שטודירנדיק די הייליקע ספרים. ער האָט געשלונגען אַלץ וואָס ער האָט דאָרט געלייענט. ער פלעגט זיצן אין אַ ווינקל פון דעם איינציקן צימער און זיך אַזוי פאַרטיפן אין די ספרים, אַז ער האָט ניט געפילט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. עס זיינען געווען טעג ווען ער פלעגט אַזוי אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דער יונגער מגיד פלעגט זוכן מיטלען ווי אַזוי אים צו געבן אָנצוהערן, אַז עס איז שוין צייט פאַר אים צו גיין אַהיים, אָבער ער פלעגט קיין האַרץ ניט האָבן אים אָנצוהערן, ווייל ער האָט געזען ווי שלמה איז אַזוי פאַרטיפט. ניט האָבן אים אַוועקצורייסן פון דעם ספר אין וועלכן ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט.

אים האָט שוין שטאַרק פאַרדראָסן וואָס ער האָט אים איינגעלאַדן צו קומען צו אים אין הויז צו יעדער צייט און דאָרט פאַרווילן אַזוי לאַנג ווי אים וועט געפעלן מיט זיינע ספרים. אויסער דעם, האָט שוין דעם מגידס יונגע, שיינע ווייבל אים פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס ער האָט אַזאַ זאַך אָפּגעטאָן.

אויף מאָרגן, ווען שלמה איז געקומען צום מגיד אין שטוב, ווי זיין שטייגער איז געווען פאַר דער לעצטער צייט, האָט זיך דער מגיד צו אים אָנגערופן:

— איך פיל, אַז אייך קומט אויס זייער שווער צו פאַרברענגען אויסער אייער הויז צוליב די ספרים. איך קען זיך פאָרשטעלן ווי אייער יונגע פרוי וואַרט אויף אייך מיט אַזוי פיל אומגעדולד יעדן אויף דער נאַכט צו קומען אַהיים. צוליב דעם האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז עס איז פון מיר אַ גרויסע עוולה צו מאַכן פאַר אייך אַזוי אומבאַקוועם, אַז איר זאָלט דאַרפן זיצן אין דער פרעמד ביז שפּעט אין דער נאַכט כּדי צו האָבן אַ געלעגנהייט צו שטו־דירן די ספרים פון קבלה וואָס געפינען זיך ביי מיר. איך קען אייך דעריבער דערלויבן צו נעמען צו איינצלנע ספרים צו זיך אַהיים, וואו איר וועט קענען שטודירן אומגעשטערט און אַזוי לאַנג ווי איר וועט וועלן. ווען איר וועט פאַר־טיק ווערן מיט דעם ספר וועט איר אים צו מיר צוריקברענגען און איך וועל אייך דאַן געבן אַ צווייטן ספר.

— אָ, איך דאַנק אייך! — האָט שלמה אויסגערופן מיט צופרידנקייט — איך האָב דאָס ניט געוואַגט צו פאַרלאַנגען פון אייך, אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל יעדן ספר וואָס איר וועט מיר אַנטלייען אָפּהיטן ווי מיין אויג אין קאָפּ.

דער מגיד האָט אים געליען אַ קבלה ספר מיטן נאָמען „שערי אורה". שלמה האָט דעם ספר דורכגעלערנט מיט גרויס התמדה. פון די פריערדיקע קבלה ספרים וואָס ער האָט דורכגעשטודירט האָט ער שוין געקראָגן אַ גוטן באַגריף וועגן דער חכמה פון קבלה, מיט דערקענען אירע פרינציפּן און פאַר־שיידנאַרטיקע שיטות. ער האָט דאַן אַליין געגומען אויסטייטשן געוויסע פסוקים אָדער ווערטער פון תנ"ך לויט דער קבלה, אַריינוויקלענדיק אין זיי איר גע־היימען זין. ער האָט געגעבן זיין פאַנטאַזיע די פולע פרייהייט אויסצוגעפינען דעם געהיימען זין פון דער נאַטור און זוכן נייע כּוונות און רמזים און אַרויס־צוברענגען פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציעס.

שלמה האָט געוואוסט, אַז אויסער מיט טעאָרעטישער קבלה באַשעפטיקט זיך דער מגיד מיט פּראַקטישער קבלה, פון וואָס ער, שלמה, האָט דערוויייל געהאַט אַ גאַנץ קליינעם באַגריף.

דער מגיד האָט זיך עפנטלעך ניט באַרימט וועגן דעם, אָבער אים האָט ער פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער איז אַ גרויסער מייסטער אין דער פּראַקטישער קבלה.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן — האָט דער מגיד זיך צו אים אָנגערופן נאָכדעם ווי זיי זיינען געוואָרן מער פריינטלעך — אַז איך קען זיך באַנוצן מיט דער פּראַקטישער קבלה אַזוי, אַז איך קען ווערן אַ רואה ואינו נראה. יאָ, שלמה מיט דער הילף פון קבלה קען איך זען אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום מיר, און אין דער זעלבער צייט בין איך אַליין אומזעבאַר, און קיינער קען ניט וויסן אויב איך געפין זיך לעבן אים.

—אָ, ווי וואונדערבאַר עס מוז זיין דאָס צו קענען באַווייזן! — האָט שלמה מיט באַגייסטערונג אויסגערופן — איך קען זיך פאָרשטעלן וואָס איך וואָלט מיט אַזאַ וואונדער געקענט דערגרייכן. איך וואָלט געקענט אָפּחוזקן פון מיינע חברים. איך וואָלט געקענט דורך דעם האַלטן מיין שוויגער אין צוים...

— דאָס איז זייער אַ גרויסער סוד, און מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק צו ווען מען אַנטדעקט עס...

— איך וועל אַלץ טאָן וואָס איר וועט מיר הייסן! — האָט זיך שלמה ביי אים גענומען בעטן — איך וועל אייך מיין גאַנצן לעבן דאַנקבאַר זיין אויב איר וועט מגלה זיין צו מיר דעם סוד און ווערן אַ רואה ואינו נראה...

— גוט, איך בין גרייט דיר דאָס מגלה צו זיין! — ענטפערט אים דער מגיד — אָבער זיי וויסן, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט פילע שוועריקייטן. דו וועסט פריער פון אַלץ דאַרפן מאַכן גרויסע הכנות צו דעם. דו וועסט דאַרפן פאַסטן דריי טעג נאָכאַנאַנד. דערצו וועסטו דאַרפן זאָגן געוויסע פּסוקים און מקובלישע תּפילות, וואָס דורך זיי וועסטו דאַרפן קריגן די פאַרבינדונגען צו ווירקן אין דער פיזישער וועלט...

— איך בין גרייט אויף אַלץ! — האָט שלמה אויסגערופן — איר זאָגט מיר נאָר וואָס צו טאָן און איך וועל עס טאָן!

— קודם־כּל, איידער איך אַנטדעק דיר דעם סוד, וועסטו מיר דאַרפן שווערן ניט צו אַנטדעקן דאָס צו אַ צווייטן אָן מיין דערלויבעניש — האָט דער מגיד געזאָגט.

— איך שווער אייך, אַז איך וועל קיינעם ניט אַנטדעקן דעם סוד פון קענען ווערן אַ רואה ואינו נראה, סיידן איר וועט מיר געבן די דערלויבעניש דערצו — האָט שלמה געשוואוירן.

— אויב אַזוי, וועל איך דיר אַנטדעקן דעם סוד! — האָט דער מגיד זיך אָנגערופן — איך וועל דיר זאָגן וואָס דו זאָלסט טאָן, ווי אַזוי דאָס צו טאָן און אויך וואָס פאַר אַ קבלישע תּפילות צו זאָגן. איך וועל דיר אויך מגלה זיין מיט וועלכן „שם" דו וועסט דאַרפן מאַכן די השבעות. איך וועל פאַר דיר אויפשרייבן די תּפילות וואָס דו וועסט דאַרפן זאָגן גלייך נאָכן פאַרפאַסטן. איך וועל דיר אויך איבערגעבן וועלכן „שם" אַרויסצורייידן, כּדי אַלץ זאָל ריכטיק געטאָן ווערן. דו מוזט מיר אָבער אויך צוזאָגן, אַז דו וועסט פאַר קיינעם ניט דערציילן וואָס דו וועסט טאָן. ניט אַפילו צו דיין אייגענער פרוי. עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט, אַז דיין פרוי וועט נעמען דיך פרעגן פאַרשיידענע פראַגעס, פאַרוואָס דו פאַסט, פאַרוואָס דו טוסט געוויסע זאַכן. זי קען צו דיר צושטיין און דו וועסט זיך פאַרלירן, דאַן וועט דיין גאַנצע מי זיין אַרויסגעוואָרפן. אויב דיין פרוי וועט דיך פרעגן פאַרוואָס דו פאַסט, זאָלסטו איר זאָגן, אַז דו קענסט איר וועגן דעם גאָרניט דערציילן. קיין ליגן טאָרסטו אויך ניט זאָגן.

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר האָט מיר אָנגעזאָגט — האָט שלמה אים פאַרזיכערט.

דער מגיד האָט אים איבערגעגעבן די אַלע תּפילות, די שמות און צירופים מיט וואָס ער וועט זיך דאַרפן באַנוצן כּדי דורכצופירן זיין עקספּערימענט פון ווערן אומזיכטבאַר...

שלמה איז געווען אַזוי נייגיריק דאָס דורכצופירן, אַז ער האָט זיך גלייך גענומען צו דעם. פריער פון אַלץ האָט ער אַריינגערופן שרהן צו זיך אין צימער און ער האָט זיך צו איר אָנגערופן:

— זיי וויסן, שרה, אַז אין די נעקסטע עטלעכע טעג וועל איך טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס צו דיר וועלן זיי זיין אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך. איך בעט דיך, דעריבער, אַז דו זאָלסט מיך קיינע פראַגעס ניט פרעגן. איך וועל דאַרפן פאַסטן דריי טעג נאָכאַנאַנד.

— וואָס ? דריי טעג נאָכאַנאַנד ! — האָט שרה אויסגערופן — אָבער פאַרוואָס ?

— דו זעסט, דו פרעגסט שוין פראַגעס ! — האָט שלמה אויסגערופן.

— איך מיין, אַז דו וועסט חלילה נאָך קראַנק ווערן ! — האָט שרה זיך גענומען פאַרענטפערן.

— עס זיינען געווען יידן וועלכע האָבן געפאַסט מער ווי דריי טעג נאָכאַנאַנד און זיי האָט עס ניט געשאַדט — האָט שלמה געזאָגט — דעריבער בעט איך דיך, נאָכאַמאָל מיך ניט צו פרעגן קיין שום פראַגע. איבערהויפּט זאָלסטו מיט דיין מאַמען ניט ריידן וועגן דעם, אַז איך פאַסט.

— אָבער זי וועט דאָך זען, אַז דו עסט ניט !

— וועסטו איר זאָגן, אַז זי האָט ניט וואָס צו זאָרגן — האָט איר שלמה אָנגעזאָגט.

שרה האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים די גאַנצע צייט ניט באַלעסטיקן מיט פראַגעס, און שלמה האָט זיך גענומען דורכצופירן אַלע הכנות, כדי צו ווערן אַ „רואה ואינו נראה"... ער האָט געפאַסט דריי טעג נאָכאַנאַנד. עס איז אים זייער שווער אָנגעקומען צו פאַסטן, אָבער דער געדאַנק, אַז ער וועט קענען באַווייזן אַזאַ וואונדער צו ווערן אומזיכטבאַר און קענען דורך דעם טאָן אַזוי פיל גוטעס צו אַלע יידן, האָט אים געגעבן כּוח און מוט אַריבערצוטראָגן אַלע שוועריקייטן. די גאַנצע צייט האָט ער געזאָגט די תּפילות וואָס דער מגיד האָט פאַר אים אָנגעשריבן. ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט דעם „שם" צו מאַכן די באַשווערונגען. ער האָט אַלץ געטאָן און קיין זאַך ניט פאַרפעלט. איצט האָט ער באַדאַרפט צוגיין צום אָרון קודש און מאַכן דאָרט ביי דער ספר תּורה די לעצטע השבעה, דורך וואָס ער וועט דאַרפן באַלד ווערן אומזיכטבאַר.

ער איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, און איז גלייך צוגעקומען צום אָרון קודש, וואָס ער האָט אויפגעעפנט. ער האָט דאָן אַרויסגערעדט דעם „שם" און ער האָט דערמיט פאַרענדיקט אַלץ וואָס עס איז געווען נויטיק. איצט איז ער געווען זיכער, אַז ער איז אומזיכטבאַר.

אַ קליינע ווײַלע איז ער געבליבן שטיין לעבן אָרן קודש, און ער האָט באַטראַכט אַלע קלויזניקעס וועלכע זיינע געזעסן און געלערנט. אָט זעט ער איינעם אַ בחור מיט וועמען ער פלעגט אָפט זיך גאַנץ אָפט צעאַמפּערן. יענער האָט זיך געהאַלטן זייער גרויס און ער האָט אים אַרויסגעוויזן פיל פיינטשאַפט.

— איצט איז געקומען די צייט זיך מיט אים אָפּצורעכענען — האָט שלמה זיך געטראַכט — זאָל ער טרעפן ווער עס האָט אים דערלאַנגט אַזאַ פּראַסק אין באַק.

ער איז גלייך אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרם וואו דער אָרן קודש איז גע־

וועז, און מיט לייכטע טריט צוגעגאַנגען צו יענעם בחור, וועלכער איז געווען פאַרטיפט אין דער גמרא. שלמה האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און אַרונטער־געלאָזט דעם בחור אַ פייערדיקן פּאַטש.

דער בחור איז פאַר אַ ווײַלע געבליבן אַ דערשטוינטער. באַלד, אָבער, איז ער צו זיך געקומען. ער זעט ווי שלמה בלייבט שטיין נאָכדעם ווי ער האָט אים אַרונטערגעלאָזן דעם פּאַטש אין פּנים, און ווי ער פאַרמעסט זיך נאָכאַמאָל אַ פּאַטש צו געבן.

— אָ, דו חוצפּהניק! דו ווילסט מיך פּאַטשן? — האָט דער בחור אים געגומען דערלאַנגען איין פּאַטש נאָכן צווייטן.

די אַנדערע בחורים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און האָבן גענומען פרעגן וואָס דו קומט פאַר.

— ווי קומט עס, אַז דו פּאַטשסט שלמה? — האָט אים איינער אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט, ווי עס קומט! איך זיץ און לערן. איך בין פאַרטיפט אין דער גמרא, קומט צו צו מיר דער גרויסהאַלטער, אָט דער שלמה, און אומזיסט און אומנישט לאָזט ער מיר אַרונטער אַ פּאַטש אין פּנים.

— פאַרוואָס האָסטו אים טאַקע געפּאַטשט? — האָט מען גענומען פרעגן שלמהן.

שלמה האָט אָבער גאָרניט געענטפערט. ער איז געווען זייער שטאַרק אַנ־טוישט. ער איז געווען זיכער, אַז ער איז אומזיכטבאַר... ער האָט דאָך גע־טאָן אַלץ וואָס דער מגיד האָט אים געזאָגט... אויב אַזוי, ווי קומט עס, אַז ער איז ניט געווען דערפאַלגרייך?...

ער איז אַרויס פון בית המדרש אַ דערשלאָגענער. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן דעם, טאָמער האָט ער עפּעס ניט ריכטיק דורכגעפירט אַלע אָנזאָגן וואָס דער מגיד האָט אים אָנגעזאָגט. מעגלעך, אַז ער האָט זיך צוגעאײַלט אַרויס־צוגיין אין דרויסן.

ער איז אַוועק אַהיים. ער האָט געבעטן שרהן, אַז זי זאָל אים געבן עסן. זי האָט אים צוגעגרייט אַ גוטן, וואַרימען מאַלצייט. זי האָט באַמערקט ווי איין באַק זיינע איז רויט און געשוואָלן. זי האָט אים געוואָלט פרעגן, אָבער זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל אים גאָרניט פרעגן, האָט זי געקוקט אויף אים און געשוויגן.

שלמה האָט באַשלאָסן צוצואוואַרטן עטלעכע טעג און דאַן אָנפאַנגען פון דאָס ניי... ער וועט שוין זיין מער פאָרזיכטיק... ער האָט ווידער געפאַסט דריי טעג נאָכאַנאַנד. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט אַלע תפילות און די צירופים, צוזאַמען מיט באַשווערונגען, זייענדיק זייער פאָרזיכטיק, אַז ער זאָל אויך דעם מאָל ניט מאַכן קיין טעות און קיין זאַך ניט דורכלאָזן. שלמה האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אָט דעם מאָל וועט ער אויספּרובירן אין זיין הויז, אויב ער איז ווירקלעך אומזיכטבאַר. ער האָט דאָס געוואָלט אויספּרובירן אויף זיין ווייבל, אָבער וויסנדיק, אַז זי איז אין אַנדערע אומשטענדן און זי קען זיך נאָך דערשרעקן אויב ער וועט עפּעס טאָן און זי וועט אים ניט זען, האָט ער

ביי זיך אָפּגעמאַכט דאָס דורכצופירן מיט זיין שוויגער. ער איז אַריין אין קיך. עס איז געווען דאָנערשטאָג און ריסיע איז געשטאַנען איבער אַ דייזע טייג און דאָס געקנאָטן. שלמה איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צו איר. ער האָט גע־געבן זיין שוויגער אַ לייכטן שנעל אין נאָז. ריסיע, זעענדיק, אַז איר איידעם טרייבט אַביסל שפּאַס מיט איר, האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָ, האָט שלמה ביי זיך געטראַכט — זי זעט אים ניט. זי האָט בלויז געפילט דעם שנעל איז נאָז, אָבער אים האָט זי ניט געזען, דעריבער האָט זי געלאַכט. אויב אַזוי, וועט ער איר שוין איצט גוט אָפּטאָן. ער האָט איר אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און מיט זיין גאַנצן כּוח אַריינגעבויגן איר קאָפּ אין דער דייזע מיט טייג, אַזוי אַז איר גאַנצער פּנים איז געוואָרן איינגעטונקען אין טייג...

ריסיע האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און אויסגערופן מיט צאָרן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּאַס, שלמה?! דו ביסט אַרונטער פון זינען? דו האָסט דאָך איבערגעפּירט די גאַנצע דייזע טייג. קום נאָר אַהער, שרה! — האָט ריסיע אויסגעשריען — גיב נאָר אַ קוק וואָס דיין מאַן האָט געטאָן צו מיר!

שרה האָט דערהערט איר מאַמעס געשריי, איז זי גלייך אַריין אין קיך און דערזעענדיג ווי איר מאַמע שטייט מיט איר פּנים, אירע האָר און אירע אויערן איינגעטונקט אין טייג, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן.

— מאַמע, וואָס איז געשען?! — האָט שרה אויסגערופן מיט שרעק — ווי קומט עס, אַז...

— פרעג דיין טייערן מאַנדל — האָט ריסיע אָנגעוויזן אויף שלמהן, וועלכער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געציטערט — איך שטיי אַזוי און איך קנעט די טייג. פּלוצלינג קומט שלמה צו צו מיר און גיט מיר אַ שנעל אין נאָז. נו, טראַכט איך מיר, אַז אים ווילט זיך טרייבן קאַטאָוועס, נו, האָב איך געלאַכט... מיט אַמאָל כאַפּט ער אָן מיין קאָפּ און בייגט אים איין אין דער דייזע מיט די טייג... נו, זעסטו וואָס ער האָט געטאָן צו מיר? איך קען דיר שווערן ביי דיין טאַטן, עליו השלום, אַז איך האָב צו אים קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. שוין עטליכע טעג אַז איך האָב אים אפילו ניט אָנגעזען.

— שלמה, טאַקע, וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט זיך שוין שרה געווענדט צו אים.

שלמה האָט איר אָבער ניט געענטפערט. ער איז באַלד אַרויס פון קיך און איז אַריין צו זיך אין צימער.

שרה האָט געהאָלפן איר מאַמען אַרונטערצונעמען די טייג פון איר פּנים.

—איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך קען בשום אופן ניט פאַרשטיין שלמהס מאָדנע אויפפירונג פאַר די לעצטע פאַר וואָכן! — האָט שרה געזאָגט — איך האָב אים געוואָלט פרעגן וועגן פאַרשיידענע זאַכן וואָס ער טוט, אָבער ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אים גאָרניט פרעגן, אפילו ווען מיר וועט אויסקומען, אַז ער פירט זיך אויף זייער מאָדנע... עס קען זיין, אַז דאָס וועט ער האָט איצט געטאָן צו דיר האָט פאַר אים אַ מין באַדייטונג...

— איך בין דאָס מוחל. זאָל ער דאָס טאָן צו אַן אַנדערן, ניט צו מיר... מיר פאַרדריסט שוין וואָס איך האָב אים אַזוי אָפּגעלאָזן. איך וואָלט אים באַ־

דאַרפט אָנפּאַטשן ער זאָל מיך געדענקען פאַר אַ לאַנגער צייט... אַזאַ זאַך איז נאָך ניט געהערט געוואָרן... ער האָט דאָך קאַליע געמאַכט אַ גאַנצע דייזע טייג... איך פרעג דיך, קען איך שוין נוצן דעם טייג פאַר חלה? אַ משוגעת איז אַריין אין אים! איך פרעג דיך, האָסטו נאָך אין דיין לעבן געהערט פון אַזאַ זאַך? ברענג גיכער אַ האַנטוך. די טייג איז אַריין אין מיינע אויגן... גיב נאָר אַ קוק וואָס ער האָט געטאָן צו מיין פאַרוק. ער האָט דאָך מיין גאַנצן פאַרוק איינגעשמירט מיט טייג... איך זאָג דיר, שרה, אַז שלמה איז זיכער אַרונטער פון זינען... איך וועל אים ניט שענקען! וואָס מיינט ער, איך וועל זיך לאָזן טרעטן מיט די פיס פון אים? ניט דערלעבן וועט ער דאָס!

— מאַמע, איך בעט דיך, פאַרליר ניט דיין געדולד! שילט אים ניט! איך בין זיכער, אַז מיט דער צייט וועסטו אויסגעפינען וואָס ער האָט דערמיט גע־מיינט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מיינען? מען טוט ניט אַזאַ זאַך צו אַ שוויגער, אַפילו ווען מען האָט זי ניט איבעריקס ליב... דאָס קען מען צו מיר ניט דער־קלערן...

— איך ווייס ניט וואָס איך קאָן דיר זאָגן, מאַמע! איך פאַרשטיי אַליין ניט וואָס מיט אים איז געשען.

— וואָס הייסט, דו פאַרשטייסט ניט?! אַ מאַן דאַרף זיין ווייב אַלץ דערציילן. ער דאַרף איר דערקלערן וועגן אַלץ וואָס ער טוט... איך קען דאָס דערקלערן בלויז מיט דעם, אַז ער איז פון זינען אַרונטער... עס איז שוין געווען אַ סך בעסער ווען ער איז געווען פאַרנומען אויף אַ קאָנדיציע... ניין, איך וועל דעם טייג שוין ניט קענען נוצן. איך וועל אים מוזן אַרויסוואַרפן...

— מאַמע, איך וועל מאַכן אַ נייעם טייג! — האָט שרה געזאָגט — איך בעט דיר, אָבער, לאָז ניט אויס דיין כעס אויף אים. מיט דער צייט וועל איך אפשר פאַרשטיין וואָס ער האָט געוואָלט מיט דעם דערגרייכן... עפּעס דוכט זיך מיר, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט די קבלה ספרים וואָס ער האָט לעצטענס דורכשטודירט.

— ביי דיר קומט אויס, אַז די קבלה הייסט אַן איידעם פאַרשמירן דעם פּנים פון זיין שוויגער מיט טייג? — האָט ריסיע אויסגערופן — אַ, ניין, איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ זאַך.

אַ, מאַמע, ווייסטו אַמווייניקסטן, אַז עס איז שוין דריי טעג, אַז שלמה פאַסט? — האָט זיך שרה דערמאָנט — איך מוז אַריין צו אים און פרעגן אויב ער קען שוין עסן.

— וואָס איז דאָס פּלוצלונג פאַר אַ פאַסטן? — רופט אויס ריסיע — און דערצו דריי טעג!

— פרעג מיך גאָרניט, ווייל איך ווייס ניט! דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל פאַר די לעצטע פאַר וואָכן, אַז ער פאַסט דריי טעג נאָכאַנאַנד.

— און דו ווייסט אַפילו ניט פאַר וואָס און פאַר ווען? — רופט אויס ריסיע — אַ פיינע ווייב ביסטו!

— ער האָט מיר אָנגעבעטן, אַז איך זאָל גאָרניט פרעגן, אַפילו ווען איך וועל זען, אַז ער פירט זיך אויף מאָדנע... איך האָב אים דאָס צוגעזאָגט.

— און אַז ער וועט דיר ווערן אָפּבייסן די נאָז, אָדער אויסגראַבלען די אויגן, וועסטו אים אויך ניט פרעגן פאַרוואָס?

שרה האָט איר ניט געענטפערט. זי איז גלייך אַריין אין צימער און געטראָפן שלמהן זיצענדיק אויף זיין בעט פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען.

— שלמה, אפשר וועסטו שוין גיין עסן? — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו אים — דו האָסט שוין גענוג געפאַסט!

— יאָ, איך וועל עסן! — האָט ער זיך אַ שטעל־אויף געטאָן — מיין גאַנצע מי איז אַרויסגעוואָרפן.

שרה האָט גלייך געגומען צוגרייטן עסן פאַר אים און זי האָט אים געהייסן זיך גיין וואַשן. זי האָט געבעטן איר מוטער ניט אַריינצוגיין אין צימער פאַר אַ ווילע, כדי צו פאַרמיידן אַ צוזאַמענשטויס צווישן שלמהן און ריסיען.

גלייך נאָכן עסן איז שלמה אַוועק צום מגיד אין שטוב. זיין פּנים איז געווען בלאַס, און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַנטוישונג און דערשלאָגנקייט.

— איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איר האָט מיר געהייסן. איך האָב קיין האָר ניט פאַרפעלט, און אַלץ איז געווען אומזיסט... — האָט שלמה זיך באַקלאָגט פאַר אים.

— דו האָסט געפאַסט גאַנצע דריי טעג נאָכאַנאַנד?

— איך האָב געפאַסט! איך האָב געזאָגט תּפילות און מצרף געווען די שמות. איך האָב געמאַכט די השבעות פּינקטלעך, ווי איר האָט מיר געלערנט, און איך בין דורכגעפאַלן.

— נו, אויב דו האָסט אַלץ אָפּגעהיט און געטאָן יעדע זאַך וואָס איך האָב דיר געהייסן, איז עס פאַר מיר אַ באַוויז, אַז דו ביסט ניט מסוגל זיך צו באַ־פרייען פון דער זיכטבאַרקייט פון דיין קערפּער, אַנדערש קען איך דאָס ניט דערקלערן.

שלמה האָט אים באַלד אויף אַן אָרט געוואָלט פרעגן, אַז אויב ער קען דאָס יאָ באַווייזן, דאַן זאָל ער דאָס טאָן פאַר אים און אים איבערצייגן, אַז אַזאַ זאַך איז בכלל מעגלעך. ער האָט שוין איצט איינגעזען, אַז דער מגיד האָט אים אָפּגענאַרט, אַז ער האָט דאָס קיינמאָל ניט באַוויזן. כאָטש ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע אמונה אין דער פּראַקטישער קבלה, האָט ער אָבער ניט געוואָלט פאַרלירן די געלעגנהייט צו קריגן די קבלה ספרים ביי דעם מגיד, דעריבער האָט ער זיך געמאַכט ווי ער נעמט אָן דעם מגידס דערקלערונג וועגן זיין דורכפאַל.

דאָס באַקענען זיך מיט דער קבלה ליטעראַטור האָט אין אים דערוועקט אַ דראַנג צו פאַרשן און זיך גריבלען אין פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. ער האָט אָבער געפילט, אַז ניט קענענדיק קיין אַנדערע שפּראַך אויסער העברעאיש און יידיש, אַז ער איז באַגרענעצט. דאַך איז אים אַליין, דורך זיין אייגענעם נאָכדענקען, געלונגען אויפצודעקן אייניקע סודות פון דער נאַטור, וואָס זיינען באַהאַלטן אין חכמת הנסתּר.

26

יענעם ווינטער איז שלמה פֿאַרבליבן אין נעסוויזש. ער האָט דערוואַרט, אַז שרה, זיין פֿרוי, וועט געלעגן ווערן און עס איז זיין פֿליכט צו זיין מיט איר ביז וואַנען זי וועט איבערקומען. כאָטש ער האָט זיך ווייטער אָפּגעגעבן מיט לערנען גמרא און קבלה ספרים, האָט ער געזוכט מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן צו קריגן ספרים חיצונים (וועלטלעכע ביכער). איבערהויפּט איצט, אַז ער האָט זיך פֿון זיך אַליין אויסגעלערנט צו לייענען דייטש, איז זיין חשק זיך צו פֿאַרטיפֿן אין דייטשע וויסנשאַפֿטלעכע ביכער שטאַרקער געוואָרן. אין נעסוויזש אָבער איז ניט געווען איינער וועלכער זאָל באַזיצן דייטשע ביכער, וואָס ער זאָל קענען אַנטלייען.

ריידנדיק וועגן דער מעגלעכקייט צו קריגן דייטשע ביכער, האָט אימיצער געזאָגט שלמהן, אַז אין אַ צווייטן שטעטל, וואָס איז אַן ערך אַ דרייסיק וויאָרסט פֿון נעסוויזש, געפֿינט זיך אַ רב וועלכער האָט אין זיין יוגנט פֿאַרבראַכט אין דייטשלאַנד און ער קען גוט די דייטשע שפּראַך, און ביי אים וועט שלמה קענען קריגן דייטשע ביכער.

שלמה האָט שוין וועגן דעם ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטן. אָ, ווען ער קען זיך זען מיט יענעם רב! ער וואָלט אים זיכער געטאָן די טובה און אים אויסגעליען עטלעכע ביכער... ער האָט קיין געלט ניט געהאַט צו מאַכן די לאַנגע רייזע מיט אַ פֿור, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן צו גיין אַהין צופֿוס. ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט עס זאָגן שרהן וועט זי אים בשום אופֿן ניט דערלויבן זיך אַרויסלאָזן אין וועג. ער האָט דעריבער איר גענומען צוגרייטן. ער האָט איר געזאָגט, אַז טאָמער וועט ער זיך ניט באַוויזן אין שטוב פֿאַר עטלעכע טעג זאָל זי גאָרניט זאָרגן. ער קען איר איצט ניט זאָגן וואו ער וועט זיין און וואָס ער וועט טאָן, אָבער זי טאָר ניט זיין באַאומרואיקט וועגן דעם.

עס איז געווען אין מיטן ווינטער, עטלעכע טעג נאָך חנוכה, האָט שלמה, ניט דערציילנדיק קיינעם, זיך אַרויסגעלאָזן אין וועג. קיין געלט האָט ער ניט געהאַט, האָט ער מיטגענומען עטוואָס שפּייז און געגאַנגען צו־פֿוס צו יענעם שטעטל וואו יענער רב האָט זיך געפֿונען. ער האָט פֿאַרלאָזן נעסוויזש זייער פֿרי, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן ליכטיק צו ווערן, און ער איז אָנגעקומען אַהין ווען עס איז שוין געווען גוט פֿינסטער...

ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דעם רבס הויז און זיך קוים דערשלעפּט אַהין.

דער רב איז געווען נעט געקליידט, מיט אַ זיידענער שוואַרצער יאַרמולקע אויף זיין קאָפּ. זיין באָרד איז געווען גרוי־שוואַרץ. די רביצין האָט אויס־געקוקט גאַנץ שיין און אַ סך יינגער פֿון אים. ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז עפּעס אַ יינגל מיט אַ קליין פּעקל פֿרעגט זיך נאָך אויף אים, האָט ער איר געהייסן אים אַריינשיקן.

שלמה איז געווען אַ דערפראָרענער, זיין פּנים איז געווען רויט פון פראָסט, און אויסגעמאַטערט פון וועג האָט ער קוים געקענט איינשטיין אויף זיינע פיס. ער איז אַריינגעקומען און באַגריסט דעם רב מיט אַ גוט אָוונט.

— ווער ביסטו און פון וואַנען קומסטו? — פרעגט אים דער רב.

— מיין נאָמען איז שלמה, דער זון פון רבי יהושע, און איך קום פון נעסוויזש.

— און ווי קומסטו אַהער? — פרעגט אים דער רב.

— איך בין געגאַנגען דעם גאַנצן וועג צופוס! — האָט שלמה געענטפערט.

— און צוליב וואָס ביסטו אַהערגעקומען?

— נפשי חשקה בתורה — ענטפערט אים שלמה.

— אַז דו האָסט חשק צו לערנען, האָסטו דאָך באַדאַרפט בלייבן אין נעס־וויזש. ווי איך ווייס, זיינען דאָרט פאַראַן אַ סך בתי מדרשים און גרויסע לומדים.

— געלויבט איז השם יתברך, צו לערנען תורה בין איך שוין אימשטאַנד אַליין!

— אַזוי! אַזוי! — האָט אים דער רב גענומען באַטראַכטן — אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר איצט רעדן וועגן דעם? ווי איך זע, ביסטו מיד, פאַרפראָרן און הונגעריק. דו וועסט זיך עטוואָס אָנוואַרעמען, עסן אָוונטברויט און אויסרוען, וועלן מיר דאַן ריידן.

שלמה האָט אויסגעטאָן זיין אויבערמאַנטל, האָט אָוועקגעלייגט זיין קליין פעקעלע אין אַ ווינקל פון צימער. דער רב האָט געבעטן די רביצין דערלאַנגען אָוונט־ברויט פאַר דעם יונגען אורח. שלמה האָט זיך געוואַשן צום עסן. ער האָט זיך דערוואַרעמט, געשטילט זיין הונגער, און אויסגערוט.

— נו, איצט לאָמיר הערן דעם צוועק פון דיין קומען אַהער! — האָט זיך דער רב צו אים געווענדעט — אויב ביי דיר איז געווען רעכט צו גיין צו־פוס אַזאַ מהלך אין פראָסטיקן ווינטערדיקן טאָג, איז דאָס אַ סימן, אַז דאָס איז ביי דיר געווען דרינגענד.

— איידער איך וועל אייך דערציילן דעם ריכטיקן צוועק פון מיין קומען אַהער — האָט זיך שלמה אָנגערופן — וועל איך זאָגן ווער איך בין.

— דאָס האָסטו מיר שוין געזאָגט, אַז דו הייסט שלמה און דו ביסט דער זון פון ר׳ יהושע!

— וואָס איך האָב געמיינט דערמיט צו זאָגן איז, אַז איך בין באַהאַוונט אין גמרא און אין קבלה. איך האָב אויך אַ היפּשע ידיעה אין דעם מורה נבוכים און אין די אַנדערע ספרים פון רמב״ם.

— אַזוי! — האָט דער רב אויסגעדריקט זיין צווייפל — איך גלויב, אַז דו ביסט נאָך יונג צו אַזעלכע זאַכן ווי קבלה און מורה נבוכים! דו וועסט נאָך דאַרפן לערנען אַ סך, אַ סך יאָרן ביז וואַנען דו וועסט קענען זאָגן, אַז דו ביסט באַהאַוונט אין די דאָזיקע הייליקע ספרים.

— איך האָב דורכגעלערנט פיר סדרים גמרא מיט אַלע מפרשים! — האָט

שלמה געזאָגט, און איך גלויב, אַז איך האָב אַ רעכט צו זאָגן, אַז איך בין באַהאַוונט.

— פיר סדרים גמרא! — האָט דער רב אויסגערופן — זאָג מיר, ווי אַלט ביסטו?

— פערצן יאָר!

— און אויסער די פיר סדרים גמרא האָסטו געלערנט קבלה ספרים און דעם מורה נבוכים?

— יאָ, אָבער מיין דורשט נאָך לערנען איז נאָך ניט געשטילט! איך וויל אויך לערנען וועלטלעכע לימודים!

— דאָס וועסטו צייט האָבן צו לערנען! — האָט דער רב געזאָגט — דערווייל דאַרפסטו ווידמען דיין צייט צו לערנען בלויז גמרא!

דער רב האָט דאַן געגומען ריידן מיט אים אין לערנען, און ער איז געבליבן דערשטוינט. ער איז דאָך טאַקע אַ גרויסער למדן!

דער רב האָט געהאַט עטלעכע פלעצער אין תלמוד וואָס אים אַליין איז געווען שווער צו פאַרשטיין און ווען ער פלעגט ריידן מיט אַנדערע גרויסע רבנים וועגן דעם, פלעגט ער פון זיי ניט קריגן קיין צופרידנשטעלנדען ענטפער. ער האָט דעריבער געפרעגט שלמהן, און צו זיין גרויסער באַוואונדערונג, האָט שלמה אים פאַרענטפערט זייער לייכט.

ערשט דאַן האָט דער רב איינגעזען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ יונגן גאון.

— אַ, איצט ווייס איך שוין ווער דו ביסט! — האָט דער רב אויסגערופן — איך האָב טאַקע געהערט, אַז מען דערציילט וועגן אַ יונגן יינגל, וועלכער איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע לומדים. איך זע שוין, אַז דו ביסט עס! דעריבער וואָלט איך געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר דערקלערן פאַרוואָס דו ביסט געקומען אַהער?

— איך האָב זיך אַליין אויסגעלערנט אַ ביסל דייטש, אָבער איך האָב ניט געקענט באַקומען קיין דייטשע ביכער וואָס איך זאָל קענען שטודירן און זיך פאַרפולקאָמען אין וועלטלעכע לימודים. האָט מען מיר געזאָגט וועגן אייך, אַז איר זייט געקומען פון דייטשלאַנד...

— איך בין שוין פון דייטשלאַנד איין און דרייסיק יאָר! — האָט דער רב געזאָגט.

— איך ווייס, אַז ביי אייך קענען זיך געפינען ביכער אין דער דייטשער שפּראַך, איבערהויפּט ביכער וועגן וויסנשאַפט, און איך וואָלט אייך זייער שטאַרק דאַנקבאַר געווען אויב איר וועט מיר קענען אויסלייען עטלעכע ביכער. איך וועל אייך גאַראַנטירן, אַז איך וועל יעדן בוך צוריקקערן צו אייך.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז דורך דער גאַנצער צייט זינט איך האָב זיך צוריקגעקערט פון דייטשלאַנד, האָט זיך נאָך קיינער צו מיר ניט געווענדט מיט אַזאַ פאַרלאַנג. איך וועל זיין צופרידן אויב איך וועל דיר קענען בייהילפיק זיין. איך האָב ביי זיך אַ סך ביכער, און איך וואָלט צו דיר רעקאָמענדירט אַ דייטש בוך וועגן אָפּטיק און שטורמס בוך וועגן פיזיק.

דער רב איז צוגעגאַנגען צו זיין שראַנק ספרים און ער האָט פון דאָרט אַרויסגענומען צוויי דיקע ביכער און זיי געצייגט צו שלמהן, זאָגנדיק:

— איך וועל דיר אויסלייען די צוויי ביכער. דו וועסט זיי קענען האַלטן אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן דיר נויטיק זיין. ווען דו וועסט שוין האָבן גוט דורכ־שטודירט די ביכער, וועסטו קענען זיי צוריקברענגען און איך וועל דיר געבן אַנדערע. איך קען זיך פאָרשטעלן, אַז געוויס וועלן זיך געפינען דאָרט אַזעלכע ווערטער וואָס וועלן דיר זיין שווער צו פאַרשטיין, זאָלסטו אָט די דאָזיקע אַלע ווערטער פאַרצייכענען ביי זיך און ווען דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך דיר דערקלערן זייער באַדייטונג.

שלמה האָט איבערגענעכטיקט ביים רב, און אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, האָט ער זיך געזעגנט מיט דעם רב, אים באַדאַנקט פאַר די ביכער און מיטנעמענדיק די צוויי דייטשע וויסנשאַפטלעכע ביכער האָט ער זיך גענומען גיין אין וועג צוריק קיין נעסוויזש.

שלמה האָט געלייענט די ביכער און זיי שטודירט מיט גרויס פלייס. פילע ווערטער האָט ער טאָקע ניט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס רוב ווערטער האָט ער פאַרשטאַנען פון אינהאַלט. נאָכדעם ווי ער האָט גרינטלעך דורכשטודירט אָט די דאָזיקע ביכער, האָבן זיך מיט אַמאָל זיינע אויגן געעפנט. ער האָט גענומען גלויבן, אַז ער האָט אין זיין האַנט דעם שליסל פון אַלע סודות פון דער נאַטור. ער האָט פון די דאָזיקע ביכער אויסגעפונען פון וואַנען עס קומט אַ רעגן, אַ דונער, אַ בליץ און אַנדערע דערשיינונגען פון דער נאַטור... ער האָט געוואוסט וועגן דער רונדקייט פון ערד קוגל, ווי אַזוי די שטערן און פלאַנעטן באַוועגן זיך.

ער האָט זיך ערשט אַרומגעזען ווי אומוויסנד ער איז ביז איצט געווען. לערנענדיק בלויז גמרא און אַנדערע הייליקע ספרים, האָט ער קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן אָט די אַלע וואונדערלעכע דערשיינונגען פון דער נאַטור. ערשט איצט האָט ער גענומען קוקן פון אויבן אַרונטער אויף אַלע אַנדערע פון זיינע חברים, וועלכע האָבן דאָס ניט געוואוסט און האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן דער נאַטור. ער האָט גענומען אָפּחוזקן און לאַכן פון זייערע אַבערגלויבענס, זייערע פאָראורטיילן, און גאַנץ אָפט פלעגט ער נעמען דער־קלערן זיינע חברים די פונדאַמענטאַלע זאַכן פון דער נאַטור.

עס איז שלמהן אָנגעקומען גאַנץ שווער צו דערקלערן פאַר זיינע חברים, קלויזניקעס, וועגן דעם, אַז די ערד איז רונד און אַז אויף דער אַנדערער זייט ערד־קוגל, פונקט קעגן אונדזערע פיס, לעבן אויך מענטשן און גייען אום פונקט ווי מיר.

— דאָס איז אוממעגלעך — האָט דער קלויזניק אויסגערופן — יענע מענטשן וואָלטן זיכער געמוזט אַראָפּפאַלן.

שלמה האָט זיך געמאַטערט צו דערקלערן וועגן גראַוויטאַציע, וועגן דעם צענטער פון דער ערד, אָבער זיי האָבן דאָס ניט באַנומען.

ער האָט איינמאָל שפּאַצירט מיט אייניגע פון זיינע חברים. אויפן וועג

איז זיך געגאַנגען אַ ציג. שלמה האָט גענומען זיין שטעקל און דערלאַנגט דער ציג עטלעכע שטאַרקע קלעפּ.

— אָ, שלמה, וואָס האָסטו צו דער ציג? דאָס איז דאָך גרויזאַמקייט פון דיין זייט!

— וואו זעט איר אין דעם גרויזאַמקייט? — האָט שלמה זיי געענטפערט — איר מיינט אין דער אמתן, אַז די ציג פילט אַ ווייטאָג ווען איך שלאָג זי? אויב אַזוי, האָט איר אַ גרויסן טעות! לויט דער פיזיק פון שטורם, איז די ציג ניט מער ווי אַ מאַשין...

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך איינער פון זיינע חברים פונאַנדערגעלאַכט — האָסטו דען ניט געהערט ווי די ציג האָט געשריגען ווען דו האָסט זי גע־שלאָגן?...

— דאָס איז אמת, זי האָט טאַקע געשריגן — האָט שלמה אים געענטפערט — אָבער פּרוביר קלאַפּן אַ פּויק, ועסטו הערן, אַז זי וועט אויך שרייען.

— איך האָב מורא, אַז דו ביסט ניט ביי דיין פולן פאַרשטאַנד! — האָט אים זיין צווייטער חבר געזאָגט — ווייסטו דען ניט, אַז צער בעלי חיים איז מדאורייתא (פייניקן לעבעדיקע זאַכן איז פאַרבאָטן פון דער תורה)?

— איך רייד דאָך ניט צו אייך פון דער תורה! — האָט זיך שלמה פאַר־ענטפערט — איך זאָג דאָך אייך, אַז לויט שטורמס פיזיק איז אַ בהמה, אָדער חיה, בלויז אַ מאַשין...

— — — — —

אין יענער צייט האָט שרה געבוירן צו שלמהן אַ זון און זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן דוד, נאָך שרהס פאָטער.

ריסיע איז געווען אין זיבעטן הימל פון גליק. און כאָטש זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט זי שוין אַרויסווייזן שלמהן מער איינזעעניש און אָפּגעבן מער כבוד, האָט זי אָבער ניט תּמיד געהאַלטן איר באַ־שלוס און שלמה פלעגט ניט איין זידל וואָרט קריגן פון זיין שוויגער...

שלמה האָט איצט גענומען פילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער איז דאָך אַ טאַטע פון אַ זון, און ער דאַרף שוין נעמען טראַכטן פון תּכלית. איצט איז פאַרבליבן פאַר אים בלויז איין וועג און דאָס איז: צו קריגן סמיכה אויף רבנות און ווערן אַ רב אין אַ קליין שטעטל. ער האָט אָבער גענומען פילן, אַז אין אים איז פלוצלונג פאָרגעקומען אַן ענדערונג. איבערהויפּט זינט ער האָט דורכגעליינט די דייטשע וויסנשאַפט ביכער וואָס דער רב האָט אים אויסגעבאָרגט. אַזוי ווי עס איז געווען אין מיטן זמן ווען זיין זון איז צו אים געבוירן געוואָרן, און ער האָט אַפילו ניט געקענט טראַכטן וועגן אַ קאָנדיציע צו פאַרדינען עטלעכע גילדן, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין שטודירן די ביכער וואָס דער גוטער רב האָט אים געליען.

ווען שלמה איז ביי יענעם רב געווען אַ צווייטן מאָל האָט ער אים געליען צוויי באַוואוסטע מעדיצינישע ביכער: „אַנאַטאָמישע טאַבעלן" און זייער אַ דיקן מעדיצינישן ווערטער־בוך, וואו עס ווערן איבערגעגעבן אין קורצן ניט

בלויז די דערקלערונגען פון אַלע טיילן פון מעדיצין, נאָר אויך די פאַרשיידענ־אַרטיקע אופנים און היילמיטלען. אויסער די דערקלערונגען פון יעדער מחלה, אויסער די דערקלערונגען פון דער סיבה פון דער קראַנקהייט, פון אירע סימפּטאָמען און אופנים פון היילונג, ווערן אין יענעם מעדיצינישן ווערטער־בוך אויך אָנגעגעבן געהעריקע רעצעפּטן.

שלמה האָט געגומען דורכשטודירן יענעם מעדיצינישן בוך. ער האָט שוין געהאָט אַ ידיעה אין דעם געבוי פון קערפּער, און וויסנדיק אויבער־פלעכלעך די קראַנקהייטן און זייערע סיבות, און אויך וואָס פאַר אַ רפואות מען גיט צו יעדער מחלה באַזונדער, האָט ער שוין געגומען פילן, אַז ער קען שוין די גאַנצע מעדיצינישע וויסנשאַפט, און אַז ער איז אַ פולשטענדיקער דאָקטאָר.

איצט האָט שוין שלמה זיך ניט געוואָלט באַגוגנען בלויז מיט דער טעאָריע פון מעדיצין. ער האָט זיך גענומען אויך צו פּראַקטיק. ווען איינער פון זיינע באַקאַנטע איז קראַנק געוואָרן האָט ער יענעם באַזוכט. ער האָט אים גענומען אויספרעגן די סימפּטאָמען פון זיין קראַנקהייט און דאַן פלעגט ער דורך אָט די דאָזיקע סימפּטאָמען אַנאַליזירן די מחלה. ערשט דאַן פלעגט ער מוזן אַריינקוקן אין דעם מעדיצינישן בוך אויסצוגעפינען וואָס פאַר אַ רפואה ער דאַרף דעם חולה פאַרשרייבן.

איינמאָל האָט ער אויסגעפונען, אַז דער שמש פון בית המדרש ליגט קראַנק אין בעט. ער איז אים געקומען מבקר חולה זיין. ער האָט אים פונאַנדער־געפרעגט וואָס עס טוט אים ווי. פון די אַלע סימפּטאָמען האָט שלמה אַנאַליזירט זיין קראַנקהייט און דערנאָך צוגעגעבן:

— איר שפּירט אויך אַ קאָפּווייטאָג, ניין?

— ניין, איך שפּיר ניט קיין קאָפּווייטאָג! — ענטפערט אים דער שמש.

— אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך! — רופט אויס שלמה — איר מוזט פאָרט שפּירן אַ קאָפּ ווייטאָג! אַזוי איז דאָך די קראַנקהייט און אירע סימפּטאָמען פאַרשריבן אין דעם מעדיצינישן בוך.

— אָבער וואָס קען איך טאָן, אַז איך האָב ניט קיין קאָפּווייטאָג? — האָט דער שמש געזאָגט.

— אויב אַזוי, מוז דאָס זיין אַ גאַנץ אַנדערע קראַנקהייט.

שלמה איז דאַן אַוועק צו זיך אין הויז און ער האָט גענומען נאָכקוקן אַנדערע קראַנקהייטן לויט די סימנים און סימפּטאָמען. ער האָט זיך צוריק־געקערט צום שמש און אים געזאָגט:

— איצט ווייס איך שוין וואָס אייער קראַנקהייט איז. זאָגט מיר, פילט איר אויך אַ ווייטאָק אין אייער רעכטער זייט?

— ניין, איך פיל ניט קיין שום ווייטאָק אין מיין רעכטער זייט!

— אָבער אַנדערש קען דאָך דאָס ניט זיין! איר מוזט פילן אַ ווייטאָק אין אייער רעכטער זייט!

— נו, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך פיל דאָרט קיין שום ווייטאָק ניט? — האָט דער שמש אויסגערופן.

זינט דאַן האָט זיך שלמה איבערצייגט, אַז כדי צו זיין אַ פּראַקטיצירענדער דאָקטאָר איז ניט גענוג דורכצושטודירן בלויז אַ פּאָר מעדיצינישע ביכער. מען דאַרף אַ סך שטודירן, און לערנען ביי פּראָפעסאָרן, וועלכע וועלן קענען געבן צו פאַרשטיין ווי אַזוי אָנצוווענדן די טעאָרעטישע מעדיצין אין היילן חולאים.

דאַן איז אין שלמהן געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו שטודירן מעדיצין. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז בלויז אַ חלום. צו שטודירן מעדיצין וועט ער מוזן פאָרן קיין דייטשלאַנד און אַריינטרעטן אין אַן אוניווערזיטעט... וועגן דעם קען ער אַפילו איצט ניט חלומען... ער דאַרף גאָר טראַכטן וועגן מפרנס זיין זיין פרוי און קינד. ער זעט דאָך שוין, אַז אויף זיין שוויגערס קעסט קען ער זיך ניט פאַרלאָזן. אַזוי שנעל ווי אַ נייער זמן וועט זיך אָנפאַנגען וועט ער זיך מוזן אָפּזוכן אַ קאָנדיציע און זען פאַרדינען עטלעכע גילדן כּדי די גאַנצע לאַסט זאָל ניט פאַלן אויף זיין שוויגער.

אָבער דעם פּלאַן צו ווערן אַ רב האָט ער שוין אינגאַנצן אויפגעגעבן. ער וועט זען צו קריגן סמיכה אויף רבנות, אָבער באַנוצן זיך מיט דעם וועט ער ניט. דאָס האָט ער ביי זיך באַשלאָסן.

27

שלמה איז שוין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף טראָגן דעם יאָך פון פרנסה, און דעריבער פלעגט ער יעדן אָנפאַנג זמן געפינען אַ קאָנדיציע ערגעץ אין אַ קליין שטעטל אָדער אין אַ דאָרף, וואו ער פלעגט פאַרברענגען דעם גאַנצן זמן. סוף זמן פלעגט ער זיך צוריקקערן צו זיין פרוי און צו זיין זון, דוד. ריסיע פלעגט ביי אים אַרויסבאַקומען דאָס געלט וואָס ער פלעגט פאַרדינען פאַר דעם זמן. איר טענה איז געווען, אַז זי דאַרף אויסהאַלטן זיין ווייב און זיין קינד, און די צייטן זיינען שווערע, עס פעלט פרנסה, דעריבער איז ניט מער ווי רעכט, אַז שלמה זאָל איר איבערגעבן די גאַנצע געלט.

ניט איינמאָל האָט שלמה געמאַכט אַ פאַרזוך איבערצולאָזן פאַר זיך עטלעכע גילדן, אָבער זיין שוויגער האָט אויף אים געעפּענט אַזאַ מויל, אַז ער האָט איר אָפּגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אָבי ניט אַריינצופאַלן צו איר אין מויל.

מיט זיין טאַטן, יהושע, האָט זיך שלמה געזען איין מאָל אַ יאָר. יהושע האָט געוואָלט, אַז שלמה זאָל קריגן סמיכה אויף רבנות און אָננעמען אַ שטעלע אין אַ קליין שטעטל. שלמה, אָבער, האָט שוין געהאַט פון פריער ביי זיך אָפּגע־מאַכט, אַז ער וועט זיך ניט באַנוצן מיט רבנות. ער האָט געפילט, אַז אין אים איז פאַרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג און ניט אַלע יידן פון זיין געמיינדע, וואו ער וועט זיין רב, וועלן אים פאַרשטיין, און דורך דעם וועט אים אויס־קומען אַ סך צו ליידן. דער פאָטער אָבער איז צו אים צוגעשטאַנען און איין

סוף הזמן איז יהושע אָפּגעפּאָרן מיט שלמהן אין אַ שטעטל וואו אַ באַרימטער רב איז דאָרט געווען, און ער איז מיט אים אַוועק צו יענעם רב.

— דאָס איז מיין זון! — האָט אים יהושע פאָרגעשטעלט פאַר דעם רב — איך וויל אַז איר זאָלט אים געבן סמיכה!

— ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן! — האָט אים דער רב באַטראַכט — איך וואָלט אים געראָטן, אַז ער זאָל נאָך לערנען... יאָ, אַ סך לערנען, און דאַן זאָל ער קומען קריגן סמיכה.

— איך בין אָבער איבערצייגט, אַז ער פאַרדינט שוין צו קריגן סמיכה! ער איז קלאָר אין גאַנץ ש״ס, פּוסקים, ספרי, ספרא, און די אַלע אַנדערע הייליקע ספרים...

— אַזוי גאָר! — האָט דער רב אים נאָכאַמאָל באַטראַכט און געצוקט מיט זיינע שולטערן — זעהר גוט, איך וועל אים טאַקע פאַרהערן און זען אויב ער פאַרדינט סמיכה...

דער רב האָט גענומען מיט אים ריידן אין לערנען, און ער איז באַלד איבערצייגט געוואָרן, אַז שלמה איז אַ גאָר גרויסער למדן. ער האָט פאַרענטפערט אַלע קשיות וואָס דער רב האָט אים געשטעלט און ער איז דערשטוינט געוואָרן פון זיין שאַרפזיניקן מוח.

היפּשע עטלעכע שעה האָבן זיי פאַרבראַכט אין לערנען און דורך דער צייט האָט שלמה אים געשטעלט אַזעלכע קשיות אויף וואָס דער רב אַליין האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— וואויל איז דער מוטער וואָס האָט אים געבוירן! — האָט דער רב זיך אָנגערופן צו יהושען.

— זיין מוטער אין שוין פינף יאָר טויט! — האָט יהושע מיט טרויער אין זיין שטימע געזאָגט.

— איז איר פּלאַץ איצט אין גן עדן! — האָט דער רב אויסגערופן — ווייל ניט יעדע מוטער איז זוכה צו האָבן אַזאַ זון ווי שלמה. יאָ, ר׳ יהושע, איך דערוואַרט, אַז ער וועט זיין אַ גאון אין ישראל, און ער וועט באַלייכטן די לומדישע וועלט מיט זיין טיפקייט און שאַרפזיניקייט.

— איך וואָלט זיין צופרידן ווען ער קען קריגן אַ רבנות שטעלע און דורך דעם האָבן אַ געלעגנהייט צו זיצן יומם ולילה און לערנען תורה — האָט יהושע אַ זיפץ געטאָן — אָבער צו מיין גרויס באַדויערן איז ער געצוואונגען צו טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון פּרנסה. ער איז שוין אַ פאָטער פון אַ זון און זיין שוויגער, וועלכע האָט אים צוגעזאָגט קעסט, איז אַן אָרעמע אלמנה וועלכע קען זיך קוים אַליין מפרנס זיין. דעריבער איז מיין זון געצוואונגען אָנצונעמען קאָנדיציעס אין פאַרשיידענע דערפער, און דאָס ברענגט אים צו ביטול תורה. איך האָב זיך געטראַכט, אַז אויב ער וועט קריגן סמיכה אויף רבנות, וועט ער פיליכט קענען קריגן אַ שטעלע אין אַ שטעטל, און דורך דעם וועט ער קענען ממשיך זיין צו לערנען תורה.

— אָן צווייפל, אַז ער איז ווירדיק צו זיין אַ רב! — האָט דער רב אויס־

גערופן — איך וועל אים געבן סמיכה, אָבער איך צווייפל צי ער וועט קענען באַלד באַקומען אַ שטעלע אַלס רב, צוליב זיין יונגן אויסזען.

— אָבער ער איז דאָך שוין אַ בעל אשה און אַ פּאָטער פון אַ קינד!

— אַ רב דאַרף האָבן אַ באָרד, און ביי אים איז נאָך דערווייל קיין סימן פון קיין באָרד ניטאָ! — האָט ער אים נאָכאַמאָל באַטראַכט — ער וועט נאָך מן הסתם דאַרפן צוואָוואַרטן עטלעכע יאָר. זאָל ער דערווייל זיצן און לערנען ווי ווייט מעגלעך.

דער רב האָט אַריינגעבראַכט טינט און פּעדער און ער האָט אָנגעשריבן אַ סמיכה פאַר שלמהן אין וואָס ער האָט אויסגערעכנט אַלע זיינע גרויסע מעלות און זיין גאונות אין לערנען.

— איך בין זיכער, אַז דו וועסט זיין אַ גדול הדור! — האָט דער אים דערלאַנגט די סמיכה.

כאָטש שלמה האָט שטאָלצירט מיט דער סמיכה אויף רבנות וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין קעשענע, האָט ער אָבער ביי זיך באַשלאָסן ניט צו מאַכן די רבנות אַ „קרדום לחפור בה" (אַ מיטל צו קריגן דערפון אייגענע נוצן). ער האָט גענומען חלומען וועגן לערנען די חכמת הרפואה און ווערן אַ דאָקטאָר. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אונטער די אומשטענדן וואָס ער געפינט זיך, וועט ער בלויז בלייבן ביי זיין חלומען. ער איז אָרעם און פאַרדינט אַפילו ניט גענוג כדי צו באַזאָרגן זיך מיט שפּייז און קליידער, בפרט נאָך איצט, ווען ער דאַרף מפרנס זיין זיין פרוי און זיין קינד. אַז ער פאַרדינט זיך שוין יאָ אַ גאַנצן זמן אויף אַ קאָנדיציע, און ברענגט סוף זמן עטלעכע גילדן, נעמט עס ביי אים אַוועק זיין שוויגער...

צווישן אַלע זיינע חברים און באַקאַנטע, האָט שלמה געהאַט בלויז איין פריינט פאַר וועמען ער האָט געקענט אָנטפּלעקן זיין האַרץ און זיך מיט אים טיילן זיינע חלומות, זיינע שטרעבונגען, ווי אויך זיינע פאַרשיידענע מיינונגען, וואָס ער וואָלט מורא געהאַט זיי אויסצודריקן פאַר זיינע גאָר נאָענטע פריינט. דער נאָמען פון יענעם אינטימען פריינט זיינעם איז געווען משה לפידות (לאַפּידוס). אָט דער לפידות פלעגט אויך לערנען אין דעם זעלבן בית המדרש, און ער האָט געהאַט געלעגנהייטן צו ריידן מיט שלמהן אין תורה. ער האָט אים שטאַרק פאַרערט פאַר זיין שאַרפזיניקייט און אָפענעם מוח. שלמה האָט ליב באַקומען זיין פריינט משה לפידותן פאַר דעם וואָס מיט אים האָט ער געקענט גאַנץ אָפט אַ שמועס טאָן וועגן אַנדערע אַנגעלעגנהייטן אויסער גמרא.

משה לפידות האָט אויך געהאַט אַ נייגונג זיך צו גריבלען אין די געהיימנישן פון נאַטור און ער האָט געהאַט גרויס חשק צו פילאָזאָפירן. אָבער צו טיף האָט ער זיך ניט אַריינגעלאָזט אין חקירה. ער האָט פאַרמאָגט, פונקט ווי שלמה, אַ שאַרפזין און אַ געזונטן לאָגישן שכל.

דעריבער האָט שלמה זייער ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט משה לפידותן,

און מיט אים זיך מתווכח זיין וועגן רעליגיע, וועגן מאָראַל און אַנדערע הויכע ענינים.

לפידות פלעגט איינפאַך שלינגען שלמהס ווערטער, וואָס ער פלעגט געפינען אַזוי נאָענט צו זיין אייגן האַרץ. גאַנץ אָפט פלעגן זיי צומאַכן די גמרות אָדער אַנדערע ספרים אין וואָס זיי זיינען געווען פאַרטיפט, און ביידע פלעגן אַוועקשפּאַצירן הינטער דער שטאָט און ריידן, אַנטפּלעקענדיק איינער פאַרן צווייטן די אינערלעכסטע געדאַנקען.

— דו ווייסט, משה — האָט שלמה זיך צו אים אַנגערופן — מיר זיינען די איינציקע אין נעסוויזש וואָס טוען ניט זאַכן וואָס אַ ייד דאַרף טאָן, בלינדער־הייט, אָן אַ חשבון, ווייל אַזוי האָבן זיך נוהג געווען אונזערע עלטערן און אַזוי דאַרף מען טאָן. מיר ביידע זוכן דעם מקור, דעם פאַרוואָס און צוליב וואָס מיר טוען געוויסע זאַכן אַלס יידן און אַלס מענטשן.

— און לאָמיר דיר זאָגן, שלמה — האָט זיך משה צו אים געווענדעט — אַז פילע פון די אַנדערע יידן באַמערקן עס. אַט האָט איינער אַ למדן און אַ זייער פרומער ייד מיר פאַרגעוואָרפן וואָס מיר ביידע זיינען מבטל אַ סך צייט פון לערנען, און מיר ווערן פאַרשוואונדן פון בית המדרש אויף שעה'ען לאַנג.

— און וואָס האָסטו אים אויף דעם געענטפערט? — פרעגט שלמה.

— איך האָב אים געזאָגט, אַז אַפילו ווען מיר שפּאַצירן ריידן מיר אויך דברי תורה. מיר חזרן איבער געוויסע שווערע סוגיות אין דער גמרא. ער האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז דער בית המדרש איז דער בעסטער פּלאַץ צו ריידן אין תורה.

— איך גלויב, אַז די יידישע עדה פון נעסוויזש פאַנגט אָן פילן, אַז מיר דערווייטערן זיך פון איר, און מען פאַנגט אָן קוקן קרום אויף אונז. אָבער וואָס אַרט עס אונז? מיר וועלן ניט מקריב זיין אונזערע אידעאַלן פאַר מאַ־טעריעלע זאַכן.

— נאָכאַלעמען, ווער זיינען זיי, אַט די אַלע בעלי בתים? קיין אידעאַלן פאַרמאָגן זיי ניט. אַפילו ווען זיי זיינען פרום, טוען זיי עס אויך ניט צוליב דעם אידעאַל פון גאָטהייט און צו דער ליבשאַפט צו גאָט מיט זייער לייב און לעבן — האָט משה זיך אַנגערופן — איך וויל ניט זאָגן, אַז אַלע פרומע יידן זיינען אַזוי, אָבער עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט, אַז גאָר אַ סך פון די אַזוי־גערופענע פרומע יידן, קוואַלט אַרויס זייער פרומקייט צוליב אייגענע, קערפּערלעכע נוצן. זיי האָפן, אַז ווען זיי וועלן טאָן וואָס מער מצוות וועלן זיי קריגן אַ גרעסערן חלק פון דעם לויתן און שור הבר. זיי וועלן צוליב דעם קריגן גענוג וויין פון דעם יין המשומר... גאַנץ אָפט ווילט זיך מיר צוקומען צו איינעם אַזאַ פרומען יידן, אים אַנגעמען פאַרן לאַץ און אויסרופן:

„זאָג מיר דעם אמת, ביסטו פון די וועלכע דינען גאָט בלויז צוליב שטאַרקער ליבשאַפט צו דעם אַלמעכטיקן, און ניט ווייל דו דערוואַרטסט, אַז דורך דעם וועסטו האָבן יענע וועלט, און דאָרט געניסן פון אַלדאָס גוטס?"

וויפיל פון די פרומע יידן האַלטן ווי אַנטיגנוס איש סוכו, וועלכער האָט געזאָגט: „זייט ניט ווי קנעכט וועלכע דינען זייער האַר מיטן באַדינג צו קריגן דערפאַר

אַ באַלוינונג, נאָר זייט ווי די קנעכט וועלכע דינען זייער האַר און זיי דער־וואַרטן ניט צו קריגן אַ באַלוינונג פאַר דעם״.

— און לאָמיר זיך אַליין נעמען אונטער אַ פאַרגרעסערונגס גלאָז און זען אונזערע אייגענע חסרונות — האָט משה מיט אַ שמייכל געזאָגט — עס איז לייכט פאַר אונז צו קריטיקירן יענעם, און וואָס הערט זיך מכח אונז זעלבסט? וואָלטן מיר געווען פעאיק אויף אַזעלכע קרבנות מקדש השם צו זיין?...

— דאָס איז ווייל מיר זיינען שוין צופיל איבערגעשפיצט! — האָט שלמה געענטפערט — מיר נעמען ניט אָן די מצוות אַזוי אויבערפלעכלעך ווי די אַנדערע. מיר פאַרטיפן זיך און דערגרונטעווען זיך אין דעם שורש און מקור פון דער אָדער יענער מצווה. מיר זוכן דעם שכל דערפון און מיר טייטשן זי אויס לויט אונזער פאַרנונפט.

די צוויי חברים, שלמה און משה האָבן איבערהויפּט ליב געהאַט צו קריטיקירן די מענטשן אַרום זיך. ווען זיי פלעגן פאַרביישפּאַצירן דעם מאַרק פלאַץ און זען ווי אַזוי יידן שמאַיען און האַווען, ווי אַזוי זיי שלעפּן אַריין דעם פויער צו זיך אין קראָם און קוקן אויס די אויגן אויף אַ לייזונג פון עטלעכע גראָשן, פלעגן זיי זיך ביידע איבערוואַרפן מיט בליקן און דערביי צושמייכלען.

— זע נאָר ווי ער לויפט, שוויצט, האָוועט צו פאַרדינען אַ פאָר גראָשן כדי האָבן מיט וואָס אָנצושטאָפּן זיין מאָגן — האָט משה לפידות זיך אָנגערופן צו שלמהן, אָנצייגנדיק אויף דעם יונגנמאַן, וועלכער האָט געשלעפּט אַ פויער ביי זיין אַרבעל, ער זאָל אַריינגיין צו אים אין קרעמל — וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אים און אַ בהמה, וועלכע האָרעוועט אויך שווער צו האָבן וואָס צו עסן... איך פרעג דיך, גייט אים עפּעס אָן דברים העומדים ברומו של עולם, וויכטיקע וועלטלעכע זאַכן?... מאַטערן אים דען די פּראָבלעמען פון דער וועלט, פון דער נאַטור? אינטערעסירן אים דען די פילאָזאָפישע געדאַנקען פון אַ רמב״ם וואָס ווערן אויסגעדריקט אין זיין „מורה נבוכים״? קענען זיי דען געניסן דעם פאַרגעניגן וואָס מיר שעפּן ווען מיר לייענען דורך אַ ספר וואו עס ווערן באַהאַנדלט וויכטיקע וועלט־פראַגן און טיפע פּראָבלעמען? אַלע זייערע גע־דאַנקען זיינען בלויז געווענדעט אויף איין זאַך, און דאָס איז צו פאַרדינען נאָך עטלעכע גראָשן כדי צו באַפרידיקן זייער חומר וואָס בעסער... אָט לאָמיר נעמען דעם דורכשניטלעכן איינפאַכן יידן פון נעסוויזש. ער שטייט אויף גאַנץ פרי, לויפט אַריין אין בית המדרש אָדער אין שול, טוט אָן טלית און תפילין, כאַפּט אָפּ דעם דאַווענען, לויפט אַהיים, בייסט עפּעס איבער, און דאַן לויפט ער אין מאַרק זוכן פרנסה... ניט ער נעמט אַמאָל אַריין אַ ספר אין האַנט, ניט אים אינטערעסירן די קלוגע רייד און וואונדערלעכע געדאַנקען וואָס אונזערע חכמים און גרויסע געלערנטע האָבן אויסגעדריקט אין זייערע ספרים.

— נו, ווייזט אויס, אַז אָט די דאָזיקע יידן האַלטן, אַז „דרך ארץ קדמה לתורה״, אַז וועלטלעכע פליכטן זיינען בילכער ווי לערנען תורה — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — זיי זיינען אויף דער וועלט און זיי ווילן געניסן פון עולם הזה...

— איך פרעג דיר, שלמה, ווען מיר קענען זיך באַזאָרגן מיט די אַלע

וועלטלעכע באַדערפעניש, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן פון דערוויטנס פון די ספרים, וואָלטן מיר זיך דען צופרידן געשטעלט?

— הער זיך איין, מיין פריינט — האָט שלמה געזאָגט — לאָמיר זיין גערעכט צו זיך און צו די אַנדערע. עס איז זייער לייכט צו קריטיקירן אַ צווייטן, און זאָגן, אַז ער האַנדלט ניט ריכטיק, אויסצורעכענען זיינע אַלע חסרונות. לאָמיר אָקאָרשט זיך אַליין שטעלן אונטערן רוט פון דער קריטיק. פון וואַנען זיינען מיר אַזוי זיכער, אַז דער שטייגער לעבן וואָס מיר פירן אַלס חקרנים, גריבלער און פאָרשער, איז בעסער ווי דער שטייגער לעבן פון די אַלע אַנדערע וועלכע אַרבייטן אַזוי שווער און ביטער כדי זיך צו דערנערן ווי עס באַדאַרף צו זיין? אפשר איז דאָס וואָס מיר טוען בלויז אַן אויסרייד פאַר אונזער פויל־קייט צו טאָן אַנדערע אַרבייטן און אונזער נייגונג צו פּוסט און פּאַסטעווען... מיר זוכן זיך אַליין איבערצוצייגן, אַז מיר האָבן זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן אויף אונדזער גורל, אויף אונדזער מצב... פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל מיר קענען אונדזערע אומשטענדן ניט בייקומען אונדזער נייגונג צו בטלנות, צו ליידיק־גיין. אָט לאָמיר נעמען דאָס וואָס מיר זוכן זיך און אַנדערע איינצורעדן, אַז מיר קוקן קרום אויף די אַלע זאַכן וואָס מיר האַלטן פאַר הבלים, נישטיקייטן פון דער וועלט... פרעג איך דיך, משה, קענען מיר דען באַזייטיקן אונזערע געהיימע וואונטשן צו עסן און קליידן זיך בעסער ווי מיר קענען עס איצט באַהויפּטן? מיר שפּאָטן און חוזקן פון אַלע אונזערע פריינט, אויף ועמען מיר זאָגן, אַז זיי זיינען פאַרזונקען אין עולם הזה׳דיקע פאַרגעניגנס, ווייל זיי אינטע־רעסירן זיך ניט מיט אונזער שטייגער פון לעבן, און זיי האָבן פאַר זיך אויס־געקליבן געוויסע אַרבייטן, געשעפטן, צו פאַרדינען און קענען געניסן בעסער פון לעבן. ווער קען קומען און זאָגן אונז, אַז אונזער לעבנס־שטייגער, וואָס באַשטייט פון חקרענען זיך, כדי צו באַרעכטיקן אונדזער נייגונג צו גיין ליידיק און בטלנות, אַנשטאָט דעם וואָס יענע וועמען מיר קריטיקירן אַזוי גערן, קענען ניט דולדן ליידיקגייעריי, און טוען אַלע שווערע מלאָכות און פילן דערמיט אויס די פּוסטקייט און לערקייט פון זייער לעבן?... זאָג מיר, מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר טאַקע זיי צו קריטיקירן? איז דאָס דערפאַר וואָס זיי גייען אָנגעטאָן אין גאַנצע מלבושים און שיך אין דער צייט ווען דיין מלבוש איז צעפליקט און פאַרלאַטעט, און מיינע שיך האָבן „אָפענע מיילער"?...

לפידות האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די רייד פון זיין חבר, וואָס האָבן קאָנטיק געמאַכט אויף אים אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק.

— דו ביסט גערעכט, מיין פריינט — האָט משה זיך אָנגערופן — אויב מיר קענען ניט אויסבעסערן אונזערע אייגענע חסרונות, טאָ לאָמיר זיך אַליין ניט נאַרן און קוקן מיט אָפענע אויגן אַרום זיך, כדי מיר זאָלן קענען אויס־פלאַסטערן אַ לעבנסוועג פאַר אונזער צוקונפט.

— מיר וועלן דאָס אָנפאַנגען מיט דעם וואָס מיר וועלן אָפּלאַכן און חוזקן פון זיך אַליין — האָט שלמה געזאָגט און אויפגעהויבן זיין פוס מיט דעם צעריסענעם שוך, פון וואָס עס האָבן זיך אַרויסגעזען די פינגער — דו זעסט, משה, אַזעלכע ווי מיינע שיך זיינען שווער צו קריגן. ערשטענס, זיינען

זיי זייער לופטיק... די פינגער פון מיינע פיס באַוועגן זיך אַזוי פריי, און צווייטנס, דריקן זיי ניט די פיס... יאָ, קיינער ווייסט ניט וועמען דער שוך קוועטשט... אָט קענען מיר זען פאַר אונדז אַ מאַן מיט נייע שיך, וועלכע סקריפען און מיר זיינען אים מקנא, בעת אין דער אמתן דריקן זיי זיינע פיס און פאַרשאַפן אים אַ סך ווייטאָק, און ער איז זיך מחיה ווען ער קען אָט די דאָזיקע שיך אַרונטערוואַרפן פון זיך אַזוי שנעל ווי ער קומט אַהיים... איך אָבער דאַרף ניט וואַרטן ביז וואַנען איך קום אַהיים. מיינע שיך האָבן אָפענע מיילער און קוועטשן מיר גאָרניט.

— און דו זעסט מיין בגד? — באַווייזט משה דעם צעריסענעם אַרבל וואָס איז געווען אַזוי צעפליקט, אַז ער איז געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון בגד, און עס איז שוין געווען אוממעגלעך אים צו פאַרריכטן און ער האָט דעריבער געמוזט צושפּילעווען דעם אַרבל מיט שפּילקעס צום בגד ער זאָל זיך קוים האַלטן — יאָ, שלמה, קוק זיך גוט צו, וועסטו אַליין זען, אַז איך האָב אַ בגד וואָס פּריצים טראָגן. די גרויסע לאַטע איז די לענטע, וואָס פּריצים טראָגן אַרום זייערע בגדים... יאָ, מיר ביידע טראָגן די בעסטע בגדים און די טייערסטע שיך...

— אָט אַזוי — לאַכט שלמה — לאָמיר בעסער טרייבן שפּאַס אויף אונזער אייגענעם חשבון, וועלן מיר פאַרשפּאָרן קריטיקירן די מענטשן אַרום אונז... אונדזערע חכמים זאָגן דאָך: „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות", מען דאַרף ליב האָבן די אַרבייט און האַסן רבנות... טוען דאָך טאַקע יענע יידן, וועמען מיר האָבן אַזוי ליב צו קריטיקירן, פּונקט ווי די חכמים אונזערע ראָטן זיי צו טאָן. זיי באַשעפטיקן זיך מיט מלאָכות, זיי אַרבייטן שווער און ביטער כדי צו האָבן פּרנסה און האָבן ניט אין זינען די ספרים, זיי האַלטן ניט פון „הכל הבל"... ביי זיי איז קייען (קין) ניט הבל...

— דער אמת איז דאָך, אַז „אין קמח אין תורה", אַז אויב מען האָט ניט קיין שפּייז קען מען ניט לערנען תורה — האָט משה לפּידות זיך אָנגע־רופן. און טאַקע וואָס פאַר אַ נוצן האָבן מיר פון דעם וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן אַ סך וויסן. ווען קהלת האָט דאָך געזאָגט: „יוסיף דעת יוסיף מכאוב" (דער וואָס האָט מער קענטניס האָט מער ווייטאָק)...

— גאַנץ אָפט טראַכט איך, משה — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — אַז דער אומוויסנדער מענטש וועלכער טוט די מצוות צוליב דעם וואָס ער האָט מורא, אַז אויב ער וועט זיי ניט טאָן וועט ער פאַרלירן זיין חלק עולם הבא, אָדער צוליב געוואוינהייט. ווייל אַזוי האָט זיין טאַטע געטאָן, ניט האָבענדיק קיין אָנונג פאַרוואָס און פאַר ווען, איז אַ סך גליקלעכער ווי אַזעלכע ווי מיר. וועלכע זוכן צו דערגרונטעווען זיך ביזן סאַמע תהום, און וועלכע טראָגן זיך תמיד אַרום מיט ספקות, וועלכע האַלטן אין איין פאָרשן און גריבלען צו זוכן דעם אמת, וואָס איז אַזוי שווער צו דערגרייכן. דעם אומוויסנדען מענשן גייט ניט אין לעבן צו דערגיין די ערשטע סיבה פון געטלעכקייט, ווי אַזוי די פאַרבאָרגענע כוחות האָבן דורכגעבראָכן דעם וועג פון וואָס דער באַשאַף פון דער וועלט איז געקומען... אַלץ וואָס אים אינטערעסירט איז ניט

צו דערצאָרנען דעם גאָט לויט ווי ער שטעלט זיך פאָר, און דאָס גלויבט ער, באמונה שלמה, קען ער דערגרייכן בלויז דאַן ווען ער היט אָפּ געוויסע מצוות, און טוט געוויסע זאַכן. ער זוכט ניט קיין דערקלערונגען פאַרוואָס ער דאַרף אַזוי טאָן. לאָגיק און פילאָזאָפיע גייען אים גאַנץ ווינציק אָן, און דעריבער מוז איך דיר זאָגן, אַז ווען אָט אַזאַ מענש לעגט זיך שלאָפן בייִנאַכט, שלאָפט ער גאַנץ רואיק, ווייסנדיק, אַז ער האָט געגעבן גאָט דאָס וואָס אים קומט ער האָט דריי מאָל געדאַוונט, ער האָט געלייגט תּפילין, זיך געוואַשן צום עסן און געבענשט, און ליגנדיק אין בעט האָט ער שוין אויך געלייענט קריאת שמע...

— דאָס דערמאָנט מיר! — האָט משה לפּידות אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און באַמערקט די שטערן — דו ווייסט, אַז מיר האָבן דאָך היינט פאַרפעלט צו דאַוונען מנחה און מעריב.

— אַ גליק איז וואָס מיר דאַוונען ניט תּמיד אין איין פּלאַץ! — האָט שלמה געזאָגט — מיר האָבן זייער גוט געטאָן וואָס מיר זיינען זיך נוהג אַמאָל צו דאַוונען אין בית המדרש און אַמאָל אין שול. איצט, אין אונזער פאַל, ווען מיר האָבן אינגאַנצן ניט געדאַוונט, וועלן מיר ניט דאַרפן מורא האָבן, אַז מען זאָל עס אויסגעפינען און אונדז באַשולדיקן. די יידן פון שול וועלן מיינען, אַז מיר האָבן געדאַוונט אין בית המדרש, און די יידן פון בית המדרש וועלן מיינען, אַז מיר האָבן געדאַוונט אין שול.

— אָבער שלמה, ווי איז מיר, וואָס וועט פון אונז ווערן? מיר דאַוונען דאָך שוין ניט מער! איך בין זיך פאַר דיר מודה, אַז דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך פאַרפּושעווע אַ מנחה אָדער אַ מעריב. איך שרעק זיך פאַר זיך אַליין... ביסלעכווייז גיי איך אַרונטער פון גלייכן וועג. עס קען נאָך פּאַסירן, אַז איך זאָל ווערן אַ קרקפתא דלא מנח (ניט לייגן קיין תּפילין)... און לייגן תּפילין איז דאָך מן התּורה...

— און וואָס זאָגסטו טאַקע וועגן דעם? — פרעגט אים שלמה.

— דער אמת איז, אַז איך פאַרלאָז זיך אויף גאָטס חסד. ער וועט מיך ניט באַשטראָפן צוליב אַזאַ קליינע עבירה.

— איך האַלט, אַז דער עיקר איז דאָך ניט דאַוונען, נאָר די כוונה פון דעם. שטעל זיך פאָר וואָס פאַר אַ טעם קען האָבן אַ געוויסע תּפילה ווי, למשל, „אשרי יושבי ביתך", וואָס אַ ייד האָט זיך דאָס אויסגעלערנט צו זאָגן אויסנווייניק... ער זאָגט אָפּ די ווערטער און זיינע געדאַנקען זיינען בעת מעשה פאַרנומען מיט מסחר; ער טראַכט בעת מעשה וואו צו כאַפּן אַ הלוואה, וואָס פאַר אַ סחורה ער זאָל איינקויפן פאַר דעם מאַרק טאָג. ער גיט אַרויס די קלאַנגען פון די ווערטער, אָבער ניט ער ווייסט די באַדייטונג פון די ווערטער און ניט ער טראַכט אַפילו פון דעם. אַלע ווערטער קומען אַרויס אָטאָמאַטיש פון זיין מויל. קען אַזאַ ייד זאָגן, אַז ער האָט געדאַוונט און קען ער יוצא זיין מיט אָט אַזאַ דאַוונען?...

— נו, אָבער, אַז מען דאַוונט גאָרניט איז דאָך דאָרט געוויס קיין כוונה ניטאָ! — רופט זיך אָן לפּידות.

— די כוונה דאַרף דווקא ניט זיין אין דער צייט ווען מען זאָגט די ווערטער פון תּפילות — האָט זיך שלמה אָנגערופן — איך געדענק, אַז ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל, פון אַ יאָר זעקס צי זיבן, איז ביי אונז אין הויז איינגע־שטאַנען אַ גרויסער חסיד פון דעם בעל שם טוב. איך האָב געהערט ווי ער דערציילט, אַז איינמאָל איז צו ר׳ ישראל בעל שם טוב געקומען אַ פּראָסטער ייִד, אַ בעל עגלה. ער איז געפאַלן צום בעל שם טובס פיס און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט:

— רבי, העלפט מיר, ראַטעוועט מיך!

— וואָס איז מיט דיר געשען? — פרעגט אים דער בעל שם.

— איך וויל זיין פרום! איך וויל דאַוונען און איך וויל דאַנקען גאָט פאַר אַלץ, אָבער איך קען ניט!

— און ווער לאָזט דיר ניט? — פרעגט אים דער בעל שם.

— איך קען ניט קיין עברי!

— וואָס הייסט אַ ייִד קען ניט קיין עברי?

— מיין קאָפּ באַנעמט עס ניט! — האָט דער בעל עגלה געזאָגט — איך האָב זיך אַפילו ניט אויסגעלערנט דעם אַלף בית... וויפיל מען האָט געזוכט אַריינצוהאַקן מיר אין קאָפּ, האָט ניט געהאָלפן... אָט אַזאַ קאָפּ האָב איך, און מיין נשמה גייט אויס, איך וויל דאַוונען, איך וויל דינען גאָט, אָבער איך קען ניט. אָט בין איך היינט געווען אין קלויז. איך האָב געזען ווי אַלע דאַוונען. זיי זינגען אויס די ווערטער. זיי שפּרינגען און טאַנצן און דינען גאָט מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ ליבשאַפט, אָבער איך בין געשטראָפט און איך קען אַפילו קיין איינציקן וואָרט ניט פון סידור... וואָס זאָל איך טאָן? איך האָב ליב גאָט מיט מיין גאַנצן האַרצן, אָבער איך קען דאָס אים ניט זאָגן.

— שפּרינגען ווי יענע חסידים וועסטו קענען? — פרעגט אים דער בעל שם טוב.

— יאָ, דאָס וועל איך קענען, אָבער זאָגן די תּפילות צו דעם קען איך ניט.

— קום אַריין אין קלויז יעדן טאָג און שפּרינג מיט דיין גאַנצן כוח, אָבער בעת דו שפּרינגסט זאָלסטו טראַכטן פון דיין שטאַרקער ליבשאַפט צו גאָט. ווען דו וועסט אַזוי טאָן, וועט עס דיר גאָט פאַררעכנען ווי דו וואָלסט גע־דאַוונט מיט כוונה און ער וועט אָננעמען דיינע תּפילות...

— איצט זעסטו שוין משה, וואָס דער בעל שם האָט דערמיט געמיינט — האָט שלמה זיך צו אים געווענדט — פּונקט אַזוי ווי מען קען דאַוונען אָן כוונה, אַזוי קען מען האָבן די כוונה צו דינען גאָט אָן דאַוונען... אָט די געדאַנקען האָב איך אויך געפונען אין די ספרי הרמב״ם, וואו עס ווערן באַשריבן וועגן די חובות פון מענטשן צו גאָט: „דער תּכלית פון מענטשן איז בלויז צו דערגרייכן פאָלקאָמענהייט דורך דערקענען גאָט און נאָכטאָן זיינע מידות, די מידות פון אמת, פון רחמים, די מידות פון יושר און גע־רעכטיקייט... דאַוונען איז בלויז דער אויסדרוק פון דערקענען די שלימות פון גאָט, און דאָס איז געמיינט בלויז פאַרן פּשוטן מענטשן, וועלכער איז פון

זיך אַליין ניט בכּוח צו דערגרייכן צו אָט דער דאָזיקער דערקענטעניש, און ער דריקט אויס זיין דערקענען דעם באַשעפערס פאָלקאָמענהייט דורך די תּפילות וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די ראַמען פון זיין פאַרשטאַנד. אָבער אַזוי ווי מיר ווייסן דאָך דעם צוועק פון דאַוונען און מיר קענען דורך חקירה דירעקט דערקענען די גאַנצקייט פון גאָט, האָבן מיר אַ רעכט צו האַלטן דאָס דאַוונען פאַר איבעריק.

נאָך אָט דעם דאָזיקן געשפּרעך האָבן ביידע חברים גאַנץ אָפּט געקומען אויסלאָזן דאָס דאַוונען. זיי פלעגן יעדן פרימאָרגן מיטנעמען טלית און תּפילין אָבער אַנשטאָט צו גייען אין שול אָדער אין בית המדרש, פלעגן זיי זיך ביידע טרעפן אין אַ געוויסן פּלאַץ הינטער דער שטאָט, און זיי פלעגן פאַרברענגען אין שמועסן וועגן פילאָזאָפיע און אויסדריקן זייערע געדאַנקען איינער פאַר דעם צווייטן. ביידע פלעגן ריידן וועגן זייער צוקונפט. זיי פלעגן וועבן זייערע חלומות און ווען זייער פאַרשטעלונגס־קראַפט פלעגט זיך צעשפּילן, פלעגן זיי זיך זען אַלס גרויסע מענשן וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ תּכלית און דערגרייכט זייער ציל.

די פריינטשאַפט פון שלמהן מיט משה לפּידותן איז געוואָרן שטאַרקער מיט יעדן טאָג, אָבער לאַנג צוזאַמען האָבן זיי אויך ניט געקענט זיין. אַז עס איז געקומען אָנפאַנג זמן האָבן זיי ביידע געדאַרפט זוכן קאָנדיציעס, כּדי צו פאַרדינען גענוג געלט מפרנס זיין זייערע משפּחות. עס פלעגט זיין גאַנץ שווער פאַר זיי זיך צעשיידן, און זיי פלעגן זיך קוים דערוואַרטן אויף דעם סוף זמן, ווען זיי וועלן זיך צוריקקערן אין שטאָט און זיי וועלן קענען ווידער פאַר־ברענגען צוזאַמען עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד.

28

נאָך אַ פּאָר יאָר זיינען פאַריבער און ביי שלמהן האָט שוין געקומען שפּראָצן אַ באָרד. ווען ער פלעגט פריי זיין פון דער קאָנדיציע און פאַרברענגען די עטלעכע וואָכן אין דער היים, האָט ער זיך געהאַלטן גאַנץ ווייט פון דער סביבה. ער פלעגט פאַרברענגען מיט זיין חבר, לפּידות, און דיסקוטירן מיט אים פאַרשיידענע ענינים וואָס פלעגן זיין נאָענט צו זייערע הערצער. שלמה האָט שוין געהאַט אַ צאָל ספרים וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט. ווען ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט ער זיך אָוועקזעצן אין זיין צימער און פאַרטיפן זיך אין די ספרים. שרה איז געווען פאַרנומען מיט זייער קינד, דוד, און ריסיע פלעגט יעדן בין הזמנים ציטערן טאָמער וועט שלמה ניט קריגן קיין קאָנדיציע, און דעריבער פלעגט זי ביים עסן גאַנץ אָפט דערמאָנען שלמהן, אַז עס איז שוין צייט פאַר אים זיך אַרומצוקוקן און זען זיך צו פאַרזיכערן מיט אַ קאָנדיציע.

אַז שלמה פלעגט איר אויף דעם ניט ענטפערן, פלעגט זי זיך שטאַרק

אויפֿרעגן. זי האָט עס אָנגענומען פֿאַר אַ צייכן, אַז ער וויל זיך אַרויסדרייען פֿון זוכן אַ קאָנדיציע.

— דו ווייסט גאַנץ גוט, שלמה, אַז די צייט איז ניט קיין גוטע, אַז איך קען זיך נאָך אַלץ ניט אויסצאָלן פֿון די חובות!

— דאָס הער איך אַלעמאָל פֿון אייך! — ווערט שוין שלמה אויפֿגערעגט — אַז איך וועל ווערן וועל איך אָננעמען אַ קאָנדיציע, און אַז ניט, וועלן אייערע רייד גאָרניט קענען אויפֿטאָן.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט ניט פֿאַרגעסן, שלמה! — האָט זיך שוין ריסיע צעשריען — אַז די זעקס יאָר קעסט וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט, זיינען שוין לאַנג פֿאַריבער. און דו קענסט מער פֿון מיר ניט פֿאַרלאַנגען אַז איך זאָל דיך אויסהאַלטן מיט דיין פֿרוי און קינד!

— ווייסט איר, שוויגער, אַז פֿון די זעקס יאָר קעסט וואָס איר האָט מיר צוגעזאָגט האָב איך פֿון אייך געקראָגן קוים פֿולע צוויי יאָר? איר פֿאַרגעסט מן הסתּם, אַז דורך די זיבן יאָר וואָס איך געפֿין זיך דאָ, האָב איך פֿינף יאָר פֿאַרבראַכט אויף קאָנדיציעס און צען מאָל האָב איך אייך געבראַכט מיינע פֿאַרדינסטן. יאָ, צוויי מאָל אַ יאָר, יעדן זמן, פֿלעגט איר זיך קוים דערוואַרטן אויף מיינע עטלעכע גילדן וואָס איך האָב פֿאַרדינט. איז ניט נאָר וואָס איך האָב ביי אייך קיין קעסט ניט גענומען, האָב איך אייך נאָך געצאָלט, טאָ וואָס ווילט איר מיר איינרעדן, אַז איך האָב שוין פֿון לאַנג גע־קראָגן ביי אייך די זעקס יאָר קעסט?!

— און דאָס וואָס איך האָב אויסגעהאַלטן דיין ווייב, איז עס ביי דיר גאָרניט? יעדער איינער ווייסט, אַז דער מאַן דאַרף באַזאָרגן דער ווייב מיט פּרנסה...

— מיין ווייב האָט גענוג שווער און ביטער פֿאַר אייך געאַרבייט, אַזוי אַז זי האָט פֿאַרדינט ביי אייך דאָס עסן! — ענטפֿערט שלמה.

אויף דעם האָט ריסיע טאַקע ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפֿערן. שרה אַרבייט דאָך טאַקע זייער שווער און אָן איר וואָלט זי ניט געקענט אויסקומען. פֿונדעסטוועגן האָט זי גאַנץ אָפֿט געטראַכט פֿון דער מעגלעכקייט, אַז שלמה זאָל ערגעץ אָננעמען אַ רבנות שטעלע און שרה מיט איר אייניקל, דוד, זאָלן אַוועק פֿון איר...

שלמה האָט זיך שוין מער ניט געשראָקן פֿאַר זיין שוויגער, אָבער פֿונדעסט־וועגן האָט ער געזוכט אויסצומיידן אַריינצוגייען מיט איר אין אַ געשפּרעך, ווייל אירע רייד פֿלעגן אים שטאַרק אויפֿרעגן.

יענעם זומער האָט שלמה באַשלאָסן ניט אַוועקצופֿאָרן אויף אַ קאָנדיציע. ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין דעם רמב״מס „מורה נבוכים״ (דער לערער פֿאַר די פֿאַרבלאָנדזשעטע). ער האָט אָנפֿאַרטרויט זיין חבר, משה לפּידות, אַז ער האָט באַשלאָסן צו שרייבן אַ פּירוש אויפֿן מורה נבוכים, און אַז ער האָט שוין פֿאַרצייכנט פֿילע דערקלערונגען און אויסטייטשונגען פֿון דעם רמב״מס פֿילאָזאָפֿישער ווערק.

— איך האָב שוין דורכשטודירט אַ היפּשע צאָל פֿילאָזאָפֿישע ווערק אין

דייטש, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז דער מורה נבוכים פון ר׳ משה בן מיימון, איז דאָס גרעסטע פילאָזאָפישע ווערק וואָס עס איז ווען געדרוקט געוואָרן. גלויב מיר, מיין פריינט, אַז ווען ניט דער רמב״ם און זיינע ווערק, וואָס איך האָב אַזוי ליב צו שטודירן, וואָלט מיר דאָס לעבן ניט ניחא געווען — האָט זיך שלמה געווענדעט צו משה לפידות, ווען זיי האָבן שפּאַצירט הינטער די שטאָט — איך ווייס, אַז ניט יעדער איינער קען פאַרשטיין די טיפע פילאָזאָפישע געדאַנקען פון ר׳ משה בן מיימון. איך רייד שוין ניט פון פשוטע יידן, נאָר אַפילו יידן וועלכע פאַרשטייען אַ ספר. איך, אָבער, האָב געמאַכט אַ גאָר גרינטלעכע שטודיום פון מורה נבוכים, און איך האָב ביי זיך באַשלאָסן צו שרייבן אַ פּירוש צו אים.

— איך בין זיך מודה פאַר דיר, שלמה, אַז מיר אַליין קומט אויך אָן גאַנץ שווער צו פאַרשטיין דעם מורה נבוכים, און דעריבער וואָלט איך געווען זייער צופרידן ווען איך וואָלט געקענט האָבן אַ פּירוש צום דאָזיקן ספר, ווען איך קוק אין אים אַריין. זאָג מיר, שלמה, ווי וועסטו אָנרופן דיין פּירוש אויפן מורה נבוכים?

— דעם פּירוש וועל איך אָנרופן „גבעת המורה״ (דאָס בערגל פון לערער) — האָט שלמה געזאָגט — דאָס איז צוליב דעם וואָס איך האָב אָנגעפאַנגען שרייבן מיין פּירוש אויף דעם מורה נבוכים דאָרט, אויף יענעם בערגל — האָט ער אים אָנגעוויזן אויף דעם בערגל וואָס איז געווען ניט ווייט פון דאָרט.

— וועסטו אונטערשרייבן אויך דיין נאָמען אויף דעם פּירוש? — פרעגט אים לפידות.

— איך גלויב אַז ניט! — האָט שלמה געענטפערט.

— פאַרוואָס ניט?

— איך וועל דיר דערקלערן — האָט זיך שלמה אָנגערופן — ר׳ משה בן מיימון, דער רמב״ם, האָט מיט זיינע וואונדערלעכע גרויסע ווערק אויסגעאיבט אויף מיר אַזאַ השפּעה, אַז איך האָב ניט קיין ווערטער אויסצודריקן מיין באַגייסטערונג פאַר אָט דעם דאָזיקן גרויסן לערער. איך האַלט אים, אַז ער איז אַ פאָלקאָמענער מענטש בתכלית השלימות, און זיין לערע איז ביי מיר אַזוי הייליק, אַז איך פיל, אַז זי שטראָמט אַרויס פון דער העכסטער חכמה, פון גאָט אַליין... איך זאָג דיר דעם אמת, אַז גאַנץ אָפט, ווען איך פיל, אַז דער יצר הרע איז זיך אין מיר גובר און ער קען מיך צורעדן צו באַגיין אַן עבירה, איז כּדי זיך צו באַהערשן און זיין זיכער, אַז איך זאָל אָט די דאָזיקע עבירה ניט טאָן, גיב איך זיך אַזאַ שבועה: „איך שווער ביי דעם יראת הכבוד פאַר מיין גרויסן לערער רבי משה בן מיימון״, ניט צו באַגיין אָט די דאָזיקע עבירה, און נאָך אַזאַ שבועה, קען איך דיר פאַרזיכערן, אַז איך וועל שוין יענע עבירה ניט באַגיין.

— אָבער דאָס האָט מיר נאָך אַלץ ניט דערקלערט פאַרוואָס דו וועסט ניט אונטערשרייבן דיין נאָמען אויף דיין פּירוש „גבעת המורה״ — פרעגט אים לפידות.

— וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסברענגען איז — האָט שלמה געזאָגט —

אַז צוליב מיין גרויסער ליבשאַפט און פאַרערונג פון רבנו משה בן מיימון, האָב איך באַשלאָסן אָנצונעמען אַלס מיין פאַמיליען נאָמען דעם נאָמען מיימון, פונקט ווי דער רמב״ם האָט זיך גערופן — דעריבער, ווי ווער עס אויסזען, אַז איך וועל זיך אונטערשרייבן מיין נאָמען: שלמה מיימון, אויף די ווערק פון ר׳ משה בן מיימון?... זעסטו, אויב גאָט וועט מיר העלפן און איך וועל אָנשרייבן אייגענע ווערק, וועל איך זיך אונטערשרייבן שלמה מיימון.

— שלמה מיימון איז זייער אַ שיינער און פּאַסענדער נאָמען פאַר דיר! — האָט משה לפידות זיך צו אים אָנגערופן — און וויבאַלד אַז דו נעמסט אָן דעם רמב״מס פאַמיליען נאָמען, בעט איך דיר, אַז דו זאָלסט מיר אין קורצן דערקלערן אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט פון דעם רמב״מס „מורה נבוכים״?

— דער מורה נבוכים איז דאָס וויכטיקסטע פון אַלע ווערק פון רמב״ם — האָט שלמה אים גענומען דערקלערן. — אין אָט דעם דאָזיקן ספר ווייזט דער רמב״ם קלאָר אַרויס זיין ריינע ליבע צום אמת, זיינע מאָראַלישע איבער־צייגונגען, זיין טיפן פאַרשטאַנד אין אַלע צווייגן פון מענטשלעכער דער־קענטעניש און זיין פילאָזאָפישער גייסט. דער פּלאַן פון מורה נבוכים איז צו לערנען דאָס אומפאַרשטענדלעכע אין גלויבן, צו מאַכן שלום צווישן דער אמונה און דעם שכל, און זיין צוועק איז די פאַרפאַלקאָמענונג פון כוח פון דערקענטעניש און ווילן... די כוונה פון מורה נבוכים איז צו לייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער וויסנשאַפט פון חכמת התורה...

אין יענער צייט האָט זיך שלמה מיימון גענומען פאַראינטערעסירן מיט דער נייער סעקטע וואָס האָט זיך באַוויזן ביי יידן און דאָס זיינען געווען די נייע חסידים.

די אַמאָליקע חסידים האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פרומקייט, מיט זייער דערווייטערן זיך פון אַלע וועלטלעכע עסקים און פאַרגעניגנס, און האָבן געווידמעט זייער לעבן אויפן שטרענגסטן אופן אָפּצוהיטן די מצוות פון דער תורה און אויף תשובה טאָן פאַר די באַגאַנגענע עבירות. דאָס האָבן זיי דורכגעפירט מיט דעם וואָס זיי פלעגן פאַסטן, פייניקן זייערע קערפּערס און געזען ווי וויט מעגלעך וואָס ווינציקער הנאה צו האָבן פון לעבן.

פון אָט דער דאָזיקער סעקטע חסידים האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ גאַנץ נייע סעקטע, וואָס איז געווען דער היפוך פון דער אַלטער סעקטע. די חסידים פון דער נייער סעקטע האָבן געפּרעדיקט, אַז אמתע פרומקייט, חסידות, באַשטייט ניט אין פייניקן דעם גוף, ווייל ווען דער גוף ווערט דורך די פייני־קונגען אָפּגעשוואַכט, ווערט אויך די נשמה אָפּגעשוואַכט אין דער זעלבער צייט, און דאָס צעשטערט די גייסטיקע רואיקייט און פרייד, וואָס זיינען נויטיק צו דינען גאָט מיט ליבשאַפט... פונקט פאַרקערט, זאָגט די לערע פון די נייע חסידים, כדי צו דינען גאָט מיט אונדזער גאַנצן לייב און לעבן, מוז מען באַפרידיקן אַלע קערפּערלעכע באַדערפעניש, און דאָס קען מען דערגרייכן מיט דעם וואָס מען וועט זוכן הנאה צו האָבן פון דער וועלט. מען דאַרף תמיד זיין לוסטיק און פריילעך און דורך פרייד זיך דערהויבן צום העכסטן עקסטאַז מיט וואָס צו דינען גאָט...

שלמה מיימון האָט געוואוסט, אַז אין דער איצטיקער צייט האָט זיך צע־פלאַקערט אַ גרויסער קאַמף צווישן די חסידים און מתנגדים, און בראש פון די מתנגדים שטייט דער ווילנער גאון, ר׳ אליהו. אָט דאָס האָט פאַר־שטאַרקט זיין נייגעריקייט זיך צו באַקענען מיט חסידות, מיט זייערע רביים, מיט זייער פילאָזאָפיע און מיט זייער אָרט לעבן.

גראָד האָט ער זיך יענעם זומער באַקענט מיט אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט באַלאַנגט צו די חסידים און וועלכער האָט שוין, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „געהאַט די זכיה פּנים אל פּנים צו ריידן מיט די חסידישע רביים״. דער יונגער מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין נעסוויזש און איז דאָרט פאַרבליבן עטלעכע וואָכן.

שלמה מיימון האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם יונגן מאַן און ער האָט געזוכט מיט אים צו פאַרברענגען וויפיל צייט עס איז נאָר פאַר אים געווען מעגלעך. ער האָט ביים חסיד געבעטן ער זאָל אים דערקלערן וועגן דער אויפפירונג פון די חסידים, וועגן זייער אינעווייניקסטער איינאָרדנונג, און אויף וואָס פאַר אַן אופן מען קען אַריינגענומען ווערן אין זייער געזעלשאַפט.

— צו ווערן אַ חסיד איז גאַנץ איינפאַך — האָט דער יונגערמאַן אים געענטפערט — יעדער מענטש וועלכער זוכט פאַלקאָמענהייט. נאָר ער ווייסט ניט ווי דאָס צו דערגרייכן, אָדער ער ווייסט ניט ווי אַזוי אָפּצוראַמען פון זיין וועג אַלע שטרויכלונגען, דאַרף קיין זאַך ניט טאָן, נאָר זיך ווענדן צו די חסידישע רביים, און שוין דורך דעם אַליין ווערט ער אַ חסיד. עס איז אַפילו פאַר אים ניט נויטיק צו דערציילן דעם רבין פון זיינע שוואַכקייטן, פון די עבירות וואָס ער איז באַגאַנגען. עס איז ניט נויטיק דעם רבין צו דערציילן וועגן זיין פריערדיקן שטייגער לעבן, ווייל פון רבין איז קיין זאַך ניט פאַר־באָרגן און פאַרהוילן.

— דער רבי, זאָל לעבן — האָט דער יונגער חסיד אים דערקלערט — זעט דאָס מענטשלעכע האַרץ דורך און דורך און ער אַנטפּלעקט אַלץ, וואָס איז ביי יענעם פאַרבאָרגן אין דער טיפעניש פון זיין נשמה; ער קען פאַראויס זאָגן די צוקונפט און פון ווייטקייט קען ער מאַכן נאָענטקייט. מיר, חסידים, גלויבן, אַז דער רבי זעט אַלץ ברוח הקודש, און אַז גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט אַ טייל פון זיין גרויסקייט, מיט אַ פונק פון זיין געטלעכקייט, און אַלץ וואָס גייט אַרויס פון דעם רבינס מויל, איז אמת און הייליק. ווען דער רבי דאַרף האַלטן אַ דרשה, מאַכט ער צו דעם קיינע הכנות ניט. יעדער איינער קען צוקומען צום רבין און אים זאָגן אַ פּסוק און אין אַן אויגנבליק וועט דער הייליקער רבי האַלטן אַ דרשה וואָס וועט זיך אינגאַנצן באַציען אויף דעם פּסוק וואָס מען האָט אים נאָר וואָס געזאָגט. דער רבי האָט וואונדערלעכע איינפאַלן, וואָס קומען אים אָן פּלוצלונג אָן טראַכטעניש.

— אפשר געדענקט איר דעם אינהאַלט פון עטלעכע דרשות וואָס דער רבי אייערער האָט געדרשנט? — פרעגט אים שלמה מיימון.

— איך בעט דיך, זאָגט ניט צו מיר „אייער רבי״, ווייל ער איז דיין רבי אַזוי גוט ווי מיינער! ער איז אונדזער אַלעמענס רבי, ווייל מיט אָט דעם

פונק געטלעכקייט וואָס ער באַזיצט אין זיך איז ער פאַררעכנט פאַר דעם רבין און פירער פון כּלל ישראל! דו ווילסט, הייסט עס, אַז איך זאָל דיר איבערגעבן דעם אינהאַלט פון זיינע דרשות ווי אַזוי ער טייטשט אויס פּסוקים פון תּנ״ך?... זייער גוט, איך וועל זיך דערמאָנען.

דער יונגער חסיד האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין שטערן, זוכנדיק זיך צו דערמאָנען. באַלד האָט ער אויסגערופן:

— יאָ, איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט. מיר זיינען אַלע געזעסן ביים רבינס טיש צו שלש סעודות. דער רבי האָט געזונגען און די חסידים האָבן מיטגעזונגען מיט גרויס התלהבות, ביז מען איז אַריין אין העכסטן עקסטאַז. פּלוצלונג הערט דער רבי אויף צו זינגען. אַלע זיינען שטיל געוואָרן און דער רבי רופט אויס:

— האָט אימיצער פון אייך מיר צו פרעגן אַ פראַגע?

אַ קליינע ווילע האָט נאָך געהערשט די שטילקייט אין דעם רבינס גרויסן חדר. די חסידים וועלכע זיינען געזעסן אַרום די לאַנגע טישן האָבן דורכגעדרונגען דעם רבין מיט זייערע בליקן. יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב דער רבי האָט פּלוצלונג אויפגעהערט זינגען, איז אַ באַווייז, אַז דער רוח הקודש האָט זיך פּלוצלונג צו אים אַנטדעקט, און ער וויל עפּעס מגלה זיין די חסידים.

באַלד האָט זיך איין חסיד אויפגעשטעלט און אָנגערופן:

— הייליקער רבי, איך האָב עפּעס וואָס צו פרעגן.

— פרעג, מיין זון! — האָט דער רבי זיך צו אים אָנגערופן.

— היינט אין דער פרי ביים דאַוונען שחרית, האָבן מיר געזאָגט דעם פּסוק פון תהילים: „שירו לה׳ שיר חדש תהלתו בקהל חסידים״, זינגט צו גאָט אַ נייעם געזאַנג, זיין לויב איז אין דער געמיינדע פון חסידים... פרעג איך, צו וואָס דאַרף מען פּלוצלונג זינגען אַ נייעם לויב געזאַנג צו גאָט צוליב דעם וואָס זיין לויב איז אין דער געמיינדע פון חסידים?

דער רבי האָט אַ ווילע אַ קנייטש געטאָן זיין שטערן און ער האָט זיך אָנגערופן:

די אייגנשאַפטן פון דעם רבונו של עולם זיינען בתכלית השלימות, די פאַלקאָמסטע וואָס מיר קענען זיך פאָרשטעלן. זיי שטייגן גאַנץ ווייט אַריבער די אייגנשאַפטן פון אַלע אַנדערע זיינע באַשעפענישן. דעריבער מוז אויך זיין לויב וואָס מיר גיבן אים, וואָס איז דער אויסדרוק פון זיינע מידות, ווייט אַריבערשטייגן די לויב פון אַלע אַנדערע פון זיינע באַשעפענישן.

ביז איצט האָבן מיר געלויבט דעם באַשעפער פון דער וועלט, ווייל ער טוט וואונדער, כּי נפלאות עשה... ער אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענע זאַכן, ער זעט פאָראויס די צוקונפט, און אַנדערע גרויסע וואונדער. איצט, אָבער, אַז די חסידישע רביים האָבן די מעגלעכקייט אַליין צו טאָן אַזעלכע נפלאות, קען מען דאָך שוין ניט אָנווענדן אָט די דאָזיקע לויב געזאַנגען אויף גאָט אַליין, כּביכול, ווייל די דאָזיקע לויב געזאַנגען וואָס מען האָט ביז איצט געזונגען צו גאָט קען דאָך שוין איצט אויך אָנגעווענדעט ווערן אויף די רביים,

דעריבער מוזן מיר איצט אויסגעפינען אַ נייעם לויב געזאַנג, וואָס פּאַסט בלויז פאַר גאָט אַליין. דעריבער איז דער פּשט פון פּסוק אַזוי: „שירו לה׳ שיר חדש. זינגט צו גאָט אַ נייעם געזאַנג, זוכט אויס פאַר גאָט אַ נייעם לויב, ווייל תהלתו, דאָס וואָס מיר האָבן אים ביז אַהער געלויבט, איז שוין פאַראַן בקהל חסידים, אין דער געמיינדע פון די חסידים.

שלמה איז דערשטוינט געוואָרן צו הערן אַזאַ אויסטייטשונג פון אַ פּסוק פון תהילים. זיין אינטערעס אין חסידות איז נאָך גרעסער געוואָרן. ער האָט אים גענומען פרעגן אויב דער רבי טייטשט אויך אויס תלמודישע אויסדרוקן, וואָס זיינען זיך אַמאָל סותר און ניט פאַרשטענדלעך.

— וואָס פאַר אַ פראַגע! — ענטפערט דער יונגער חסיד — אָט לאָמיר נעמען די משנה אין פרק אבות: „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך״, זאָל דער כבוד פון דיין מיטמענטש זיין ביי דיר אַזוי ליב און טייער ווי דיין אייגענער... וואָס, אייגענטלעך, איז דער טייטש פון דעם? פּונקט אַזוי ווי דיין אייגענער כבוד איז ביי דיר ליב און טייער, אַזוי דאַרף ביי דיר זיין יענעמס כבוד ליב און טייער. איז דאָך די פראַגע: די זעלבע חכמים זאָגן, אַז דער מענטש דאַרף זיך דערווייטערן פון כבוד, ער דאַרף קיין כבוד ניט ליב האָבן, טאָ ווי אַזוי וועט ער קענען טייער האַלטן און ליב האָבן יענעמס כבוד ווי זיין אייגענעם כבוד?... נאָר דער רבי, זאָל געזונט זיין, טייטשט אויס דעם מאמר חז״ל אַזוי: עס איז זיכער, אַז אַ מענטש וועט ניט געפינען קיין שום פאַרגעניגן אין אָנטאָן כבוד זיך אַליין. שטעל זיך פאָר, אַז דו טוסט אַ קוק אין שפּיגל און זאָגסט זיך אַליין: אוי, שלמה, דו ביסט אַ שיינער מענטש, דו ביסט אַ קלוגער מענטש... נו, פרעג איך דיר, וועט אָט אַזאַ כבוד האָבן עפּעס אַ טעם? וועסטו פון אַזאַ כבוד וואָס דו גיסט זיך אַליין אָפּ, געפינען געשמייכלט, און דו וועסט דערמיט שטאָלצירן? פאַרשטייט זיך, אַז אָט דער כבוד וואָס דו אַליין וואָלסט זיך אָפּגעגעבן איז ביי דיר ניט טייער און ניט ליב. פון דער צווייטער זייט, ווען אימיצער אַנדערש גיט דיר אָפּ כבוד, ווערט עס דיר זייער טייער און ליב. דו פאַנגסט אָן צו זיין שטאָלץ ביי זיך און דאָס פאַרשאַפט דיר אַ סך פאַרגעניגן. אָט דאָס מיינט דער תנא רבי אליעזר אין פּרקי אבות ווען ער זאָגט: „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך״, אַז דער כבוד וואָס אַן אַנדערער גיט דיר אָפּ זאָל דיר זיין אַזוי ווייניק ליב און טייער פּונקט ווי דער כבוד וואָס דו וואָלסט זיך אַליין אָפּגעגעבן... אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז מען דאַרף זיך ניט יאָגן נאָך כבוד...

דאָס איז זייער אַ שאַרפער אויסטייטש! — איז שלמה באַגייסטערט געוואָרן — איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איצט איז נאָך מיין חשק צו פאָרן זען דעם רבין מיט מיינע אויגן ביי מיר שטאַרקער געוואָרן און אם ירצה השם ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך אָפּרייזן קיין מעזריטש, צו דעם רבין.

שלמה האָט שוין מיט גרויס נייגיר דערוואַרט די צייט ווען ער וועט האָבן די מעגלעכקייט צו פאָרן צו דעם דאַמאָלסטדיקן חסידישן רבין, ר׳ בער, וועלכער איז געווען דער גייסטיקער יורש און נאָכפאָלגער פון ר׳ ישראל בעל שם טוב. ער האָט זיך גענומען פאַרשטעלן, אַז נאָכדעם ווי ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט

צו זיין ביים מעזריטשער רבין און זיך בעסער באַקענען מיט חסידות און מיט דער חסידישער לערע, וועט ער דורך דעם פּילייכט קענען דערגרייכן צו אַ תּכלית.

עס האָט אים געגומען ציען צו די חסידים און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט דעם קומענדן נאָך סוכּות אָננעמען אַ קאָנדיציע, און ווען ער וועט קריגן באַצאָלט זיין שכר לימוד, וועט ער אַנשטאָט זיך גלייך צוריקצוקערן קיין נעסוויזש צו זיין פרוי און זון און צו זיין שוויגער, מאַכן אַ רייזע קיין מעזריטש. ער וועט אַפילו קיינעם גאָרניט זאָגן וועגן דעם.

פונדעסטוועגן האָט ער געגעבן שרהן, זיין ווייב, אָנצוהערן, אַז ער וועט פּילייכט אויף דעם קומענדן פּסח ניט קומען אַהיים און ער האָט זי געבעטן זי זאָל ניט זאָרגן וועגן דעם. ווען זי האָט זיך ביי אים גענומען בעטן, אַז ער זאָל איר ערקלערן די אורזאַך פאַרוואָס ער גלויבט אַזוי, האָט ער שטרענג אַ זאָג געטאָן: — פרעג מיך דערווייל קיינע פראַגעס ניט!

דורך די זעקס יאָר פון זייער פאַרהייראַטן לעבן האָט שרה שוין גוט געקענט איר מאַן, שלמהן, אַז ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל אים ניט פרעגן קיין פראַגעס, האָט זי געוואוסט, אַז זי טאָר אים ניט פרעגן. ניט איינמאָל זיינען איר אויסגעקומען מאָדנע זיינע אויפפירונגען. ביז איצט האָט זי נאָך פון אים ניט אויסגעפונען וואָס עס האָט שלמהן באַוואויגן דעמאָלט, ווען איר מוטער ריסיע האָט געקנאַטן די טייג, ער זאָל זי אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ און איינטיקען איר פּנים אין דער דייזע טייג... זי האָט אים גראָדע געפרעגט אין אַזעלכע מאָמענטן ווען ער איז געווען אויפגעלייגט, אין דער צייט ווען ער האָט איר אַרויסגעוויזן לאַסקעס און צערטלעכקייטן, אָבער ער האָט קיינמאָל מיט איר ניט געוואָלט רעדן וועגן דעם און וועגן פילע אַנדערע זאַכן.

שרה האָט געפילט, אַז איר מאַן איז אַן אויסערגעוויינטלעכער מענטש. ער שטייט העכער פון אַלע אַנדערע אַרום אים, און דעריבער דאַרף זי זיך שעצן גליקלעך און שטאָלצירן מיט אַזאַ מאַן. ווי אומוויסנד זי איז געווען, האָט זי געוואוסט, אַז שלמה האָט זיך פאַרטיפט אין קבלה, און לויט ווי זי האָט געהערט, אַנטהאַלט קבלה אין זיך אַזוי פיל געהיימניסן, וואָס פאַר אַן איינפאַכן מענטשן זיינען זיי אומבאַגרייפלעך... ווייבאַלד אַזוי, דאַרף זי האָבן געדולד צו אים. עפּעס אַ קלייניקייט, ער האָט געקראָגן סמיכה אויף רבנות אַזוי יונג... זי קען אָבער בשום אופן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט ביי זיך באַשלאָסן ניט אָנצו־נעמען קיין רבנות שטעלע אַפילו ווען מען וועט דאָס אים אָנבאָטן. זי האָט שוין מיט אים ניט איינמאָל וועגן דעם גערעדט, אָבער אַז ער האָט איר געזאָגט ניין, האָט זי מער אים ניט געקענט איבערפרעגן, און ווען זי האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אים איבערצופרעגן איז ער אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, אַז זי האָט באַשלאָסן צו שוויגן...

איצט, אַז זי האָט פּרובירט פון אים דערגיין פאַרוואָס ער וועט אויף דעם קומענדען פּסח ניט קומען אַהיים, און ער איז אויפגערעגט געוואָרן און איר שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל אים דערווייל קיין פראַגעס ניט פרעגן, אי זי שוין געווען זיכער, אַז ער וועט טאַקע ניט קומען אַהיים אויף פּסח, און אַז זי

דאַרף מיט אים מער ניט רעדן וועגן דעם. זי דאַרף האָבן צוטרויען צו איר מאַן, אַז ער ווייסט וואָס ער טוט... זי האָט אַפילו ביי זיך באַשלאָסן, אַז זי וועט אַפילו מיט איר מאַמען ניט ריידן וועגן דעם. ווען עס וועט קומען פסח צייט, וועט זי דאַן זאָגן איר מאַמען, אַז שלמה וועט ניט קומען אַהיים אויף פסח...

29

שלמה האָט זיך פאַראינטערעסירט אין חסידות און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אָפּצורייזן צום חסידישן רבין ר׳ בער, דעם נאָכפאָלגער פון ר׳ ישראל בעל שם טוב. יענעם סוף הזמן האָט ער זיך ניט צוריקגעקערט אַהיים אויף פסח, און ער האָט טאַקע אָפּגערייזט קיין מעזעריטש, וואו ער האָט פאַרבראַכט ביים רבין, צווישן חסידים עטלעכע וואָכן.

חסידות האָט איין מעלה — האָט שלמה געטראַכט — וואָס דערהויבט דעם פּשוטן יידן און מאַכט אים צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, וועלכע וואָלטן אַנדערש געשטאַנען העכער פון אים, סיי צוליב זייער קענען לערנען און סיי צוליב זייער חשיבות... ביי חסידים, אָבער זיינען ניטאָ קיינע מחיצות. יעדער איינער וועלכער איז אַ חסיד, וועלכער גלויבט אין רבין, שטייט אויף דער זעלבער מדרגה מיט דעם למדן און חשובן יידן. פאַר אים, אָבער מיינט חסידות גאָרניט. ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין נעסוויזש אַן אַנטוישטער.

אין נעסוויזש איז שלמה מיימון אָנגעקומען אָנהויב חודש אלול. ער איז געווען גוט אויסגעמאַטערט פון וועג. זיין פרוי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים. זיין פיר און אַ האַלב יעריקער ייִנגל האָט אויך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון שמחה ווען ער האָט דערזען זיין טאַטן. ער האָט געשטיפט, גע־שפּרונגען און געטאַנצט אַרום אים.

וויסנדיק אַז איר מאַן האָט ניט ליב אַז מען זאָל אים פרעגן פראַגעס, האָט שרה זיך באַהערשט און אים גאָרניט געפרעגט. זי האָט געוואָרט אַז ער אַליין וועט איר דערציילן. מיט דעם האָט זי געוואָלט ציַיגן איר מאַן, אַז זי האָט געדולד... וויבאַלד ער האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז זי זאָל אים ניט פרעגן קיין פראַגן ווען זי וועט זען ווי מאָדנע ער פירט זיך אויף.

זיין שוויגער, ריסיע, האָט אים אָבער גלייך גענומען פאַרוואָרפן מיט פראַגן:

— וואו ביסטו עס געווען די גאַנצע צייט? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען אַהיים אויף פסח? ווי קומט עס, אַז דו האָסט גאָר די גאַנצע צייט ניט געלאָזט הערן פון זיך?

שלמה האָט געהערט אירע פראַגן, אָבער ער האָט געשוויגן. ריסיע האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן, און שלמה האָט ניט געענטפערט.

ריסיע האָט געברענט פון כעס. זי האָט זיך אָבער באַהערשט. זי האָט

דאָך אים שוין געקענט און זי האָט געוואוסט, אַז ווען שלמה פּאַרעקשנט זיך, וועלן אירע רייד גאָרניט העלפן. זי וועט שוין באַלד אַלץ אויסגעפינען פון איר טאָכטער. זי האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז שרה זאָל אַריין אין קיך, וואו זי וועט פאַרבלייבן מיט איר אַליין.

— נו, שרהלע, מיין טאָכטער, וואָס האָט דיר שלמה דערציילט? — האָט ריסיע זי אַ פרעג געטאָן אַזוי שנעל ווי שרה איז אַריין אין קיך.

— גאָרניט, מאַמע! — ענטפערט שרה.

— וואָס הייסט גאָרניט?! — קוקט ריסיע איר אָן מיט דערשטוינונג — אַ מאַן קומט צו פאָרן פון די הרי חושך ערגעץ, און ער דערציילט איר גאָרניט?! דו ווילסט מיר ניט דערציילן? דו שעמסט דיך פאַר דיין אייגענער מאַמען?

— אָבער איך זאָג דיר, אַז ער האָט מיר גאָרניט דערציילט.

— דו מיינסט, אַז דו האָסט ביי אים געפרעגט און ער האָט דיר ניט געענטפערט? — רופט אויס ריסיע.

— ניין, איך האָב אים גאָרניט געפרעגט און ער האָט מיר ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

— איך פאַרשטיי דאָס ניט! — רופט אויס ריסיע — ווי קומט עס, אַז דו האָסט אים גאָרניט געפרעגט? ביסטו דען ניט זיין ווייב? ביסטו גאָרניט נייגעריק צו וויסן וואו ער איז געווען נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן די קאָנדיציע? ווילסטו גאָרניט וויסן וויפיל געלט ער האָט מיט זיך געבראַכט? וואָס ער האָט געטאָן די גאַנצע צייט?

— גלויב מיר, מאַמע, אַז איך בין פּונקט אַזוי נייגעריק דאָס צו וויסן ווי דו... אָבער איך האָב געדולד! איך בין זיכער, אַז אויב איך וועל אים די ערשטע עטלעכע טעג צורו לאָזן, וועט ער מיר שפּעטער אַלץ אַליין דערציילן.

— ניין, מיין טאָכטער, דאָס איז ניט דער וועג! — האָט ריסיע אויסגערופן — אַ ווייב דאַרף אַלץ וויסן. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ מאַן זאָל ניט זיין אין הויז באַלד אַ יאָר צייט, און זאָל זיין ווייב קיין חשבון ניט געבן וועגן אַלץ? אַפילו, לאָמיר זאָגן, וועגן דעם געלט וואָס ער האָט באַקומען פאַר שכר לימוד פון לעצטן ווינטער... זאָג מיר דעם אמת, האָט ער דיר געגעבן געלט?

— ניין, מאַמע, ער האָט מיר קיין גראָשן דערווייל ניט געגעבן!

— וואָס? ער האָט דיר גאָרניט געגעבן, און דו האָסט אים אַפילו ניט געגעבן אָנצוהערן, אַז דו דאַרפסט האָבן געלט?!

— איך בין זיכער, אַז מיט דער צייט וועט ער מיר אַלץ אַליין דערציילן. זאָל ער זען, אַז איך האָב געדולד, אַז איך וויל אים ניט באַלעסטיקן מיט פראַגעס...

— און וואָס וועסטו טאָן ווען ער וועט דיר זאָגן, אַז ער האָט דיר קיין געלט ניט געבראַכט?

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָלסטו געוואָלט, אַז איך זאָל זיך מיט אים גטן צוליב דעם?

— און אַז ניט גטן זיך, דאַרף שוין אַ מאַן גאָרניט דערציילן זיין פרוי?!

— איין זאַך זאָג איך דיר, אַז צווינגען וועל איך אים ניט!

— ווער הייסט דיר אים צווינגען! — רופט אויס ריסיע — אַז אַ פּרוי האָט שכל דאַרף זי איר מאַן ניט צווינגען צו טאָן דאָס וואָס זי וויל. זי קען דאָס ביי אים פּועלן אויף אַ גוטן אופן.

— נו, אָט דאָס מיין איך טאַקע צו טאָן! — האָט שרה זיך אָנגערופן — דעריבער זוך איך זיך צו באַהערשן. איך האָב געדולד און וואַרט... איך צווייפל ניט, אַז אים אַליין וועט עס קשה ווערן, פאַרוואָס איך בין ניט פאַראינ־טערעסירט אויסצוגעפינען וועגן אַלץ וואָס מיט אים איז פאַרלאָפן די גאַנצע צייט וואָס ער איז ניט געווען אין דער היים... זאָל ער זיך וואונדערן פאַרוואָס איך פרעג אים ניט, אַנשטאָט מיר זיך וואונדערן פאַרוואָס ער דערציילט מיר גאָרניט. איך ווייס איין זאַך, אַז אויב ער וועט מיר ניט וועלן דערציילן, וועט ער דאָס ניט טאָן. ווען איך זאָל אים זוכן צו צווינגען, וועט ער דאָך מיר קענען דערציילן וואָס אים געפעלט... דאַן וועל איך דאָך אַלץ איינס ניט וויסן דעם אמת. דעריבער וועל איך בעסער וואַרטן... איך וועל האָבן געדולד אַזוי לאַנג ווי עס וועט נויטיק זיין...

— איך מוז דיר זאָגן, שרה, אַז וואָס עלטער דיין מאַן ווערט, אַלץ גרעסער ווערט זיין עקשנות... איך רייד און רייד צו אים און אים זאָל עס אַרן!... מען פרעגט אים עפּעס... ענטפער: יאָ, ניין, אָדער זאָג עפּעס! ער זיצט און הערט מיך ווי די קאַץ... מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיגט קעגן אים, אַז איך זאָל ריידן צו אים און ער שטומט...

— ווען דו זעסט, אַז ער וויל ניט ענטפערן, לאָזט מען אים צורו! — האָט שרה געזאָגט צו איר מאַמען — דו האָסט דאָך געזען, אַז ער איז אויסגעמאַטערט פון וועג, וואָלסטו באַדאַרפט האָבן איינזעעניש מיט אים און אים ניט פאַרמוטשען מיט פראַגעס...

— ווער בין איך דאָס אַ פרעמדע? אַ מענטש גייט אַוועק פון הויז באַלד אַ יאָר צייט. מילא, ווינטער האָבן מיר געוואוסט, אַז ער געפינט זיך אויף אַ קאָנדיציע. אָבער וואו איז ער אָפּגעוועזן דעם גאַנצן זומער? איך האָב געהאַט אַ רעכט דאָס אים צו פרעגן. אויב ער האָט ניט געוואָלט גלייך זאָגן, וואָלט ער אַמוועניגסטן מיר באַדאַרפט ענטפערן, אַז ער וועט אונז שפּעטער אַלץ דערקלערן. ווען ער זאָגט דאָס מיר, וואָלט איך אים שוין מער קיין זאַך ניט געפרעגט. אָבער אַז איך רייד צו אים איז ווי צו דער וואַנט...

— לאָמיר ביידע האָבן געדולד צו אים, מאַמע! — האָט שרה געזאָגט — ער וועט מיר אַליין אַלץ זאָגן און אַזוי שנעל ווי איך וועל וויסן, וועל איך דיר דערציילן. דו וועסט אַפילו ביי מיר ניט דאַרפן פרעגן. פאַרגעס ניט, אַז ער איז שוין מער ניט קיין יינגעלע... אויסער דעם, האָט ער נאָך אויף דיר אַ האַרץ פאַר דעם וואָס דו פלעגסט שנעל פאַרלירן דיין געדולד צו אים און זיך מיט אים רייסן און אַמפּערן...

— אָבער די לעצטע עטלעכע יאָר האָב איך אים קיין שלעכטס ניט געטאָן! — פאַרענטפערט זיך ריסיע — פאַרקערט, איך האָב אים צוגעזען

ווי אַן אייגענע מאַמע זעט צו איר זון... נו, פרעג איך דיר, האָב איך דאָס ביי אים פאַרדינט?

— ער איז גאָרניט אַזאַ שלעכטער! — זאָגט שרה — מיר האָבן געוואַרט אַזוי לאַנג, וועלן מיר צווואַרטן נאָך עטלעכע טעג.

עס זיינען אָבער פאַריבער נאָך עטלעכע טעג און שלמה האָט נאָך אַלץ גאָרניט דערציילט שרהן וועגן זיין באַזוך אין מעזעריטש ביים חסידישן רבין. שרה האָט נאָך אַלץ געוואַרט, אַז ער זאָל ריידן, און זי האָט אים די גאַנצע צייט קיין זאַך ניט געפרעגט...

שרה האָט געטראַכט, אַז איר מאַן האָט מעגלעך אַרומגערייזט איבער די אַרומיקע שטעטלעך זוכן אַ רבנות שטעלע און ער האָט ניט געקראָגן, דעריבער שעמט ער זיך דאָס איר צו זאָגן.

ביינאַכט, ווען זיי זיינען אַליין געווען אין זייער שלאָפצימער, רופט זיך אָן שרה צו אים:

— הער זיך איין, שלמה! דו דאַרפסט זיך ניט נעמען צום האַרצן וואָס דיר האָט זיך ניט איינגעגעבן צו קריגן קיין רבנות שטעלע... אמת, דו קאָנסט לערנען אַ סך מער ווי די עלטערע רבנים. דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער צוגעבן. אָבער קהל זוכט אַ רב אַן עלטערן יידן, מיט אַ באָרד... ביי דיר פאַנגט דאָך ערשט אָן צו שפּראָצן אַ בערדל... האָב געדולד. זאָל אַריבער נאָך אַ יאָר אָדער צוויי און דיר וועט קיין דאגה ניט זיין צו קריגן אַ רבנות שטעלע.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך האָב געזוכט אַ רבנות שטעלע? — האָט שלמה איר אָנגעקוקט.

— קיינער דאַרף מיר ניט זאָגן וועגן דעם! איך שטויס זיך שוין אַליין אָן... דו ווייסט דאָך ניט פאַרברענגען אין ניוועץ אַ גאַנצן זומער גלאַט אַזוי זיך... דו דאַרפסט וועגן דעם גאָרניט זאָרגן. מיר וועלן בלייבן ביי דער מאַמען נאָך אַ יאָר צי צוויי און דאַן...

— האָב איך דיר דען ניט געזאָגט, אַז איך זוך ניט קיין רבנות שטעלע! — האָט שלמה אויסגערופן מיט עטוואָס ברוגז אין זיין שטימע — אַפילו ווען עס זאָל זיך מיר מאַכן אַ רבנות שטעלע און מ׳זאָל מיר געבן אַ גרויסע שכירות, וועל איך דאָס ניט אָננעמען

— און טאָקע פאַרוואָס ניט? איז עס דען אַ שאַנדע צו זיין אַ רב ביי יידן? פאַרקערט, מיר דוכט זיך, אַז קיין גרעסערן כּבוד דאַרף מען זיך ניט ווינטשן ווי צו ווערן אַ רב ביי יידן!

— אָבער דאָס איז ניט פאַר מיר!

— נו, און פאַרן יעדן זמן אויף אַן אַנדער קאָנדיציע, צו זיין אַ מלמד, איז פאַר דיר?

— ווער זאָגט עס דיר, אַז דאָס איז פאַר מיר? — רופט זיך אָן שלמה.

— מען מוז דאָך אָבער טראַכטן וועגן תּכלית! דו אַליין זעסט דאָך, אַז מיר קענען לאַנג ניט זיצן אויף דער מאַמעס קאָרק... מיר מוזן זען צו קריגן פּרנסה פון אַן אַנדערן קוואַל... איך ווייס, אַז מיינע רייד זיינען דאָ

איבעריק. דו האָסט זיכער נעבעך אַרומגעוואַנדערט דעם גאַנצן זומער צו זוכן עפּעס אַ תּכלית... עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען דו וואָלסט עפּעס געפונען וואָלסטו מיר געזאָגט. אַז דו שווייגסט, איז אַ באַווייז, אַז דיין גאַנצע מי איז געווען אַרויסגעוואָרפן...

— דאָס איז אמת! — האָט שלמה אויסגערופן — איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זיך צו עפּעס דערשלאָגן, אָבער עס איז אַלץ געווען אומזיסט... מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב געפונען דעם ריכטיקן וועג, אָבער צום סוף האָב איך אויסגעפונען, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט...

— פאַרוואָס ווילסטו מיר ניט דערציילן וואו דו ביסט געווען און וואָס איז געווען דיין צוועק? — פרעגט אים שרה.

— אַז איך וועל דיר זאָגן וועסטו עס ניט פאַרשטיין! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — פאַר דיר וועט זיין שווער צו באַגרייפן די נאָגעניש און זוכעניש פון מיין נשמה...

— וועסטו מיר דען ניט זאָגן וואו דו ביסט געווען דעם גאַנצן זומער?

— און אַז איך וועל דיר זאָגן און איך וועל אָנרופן די נעמען פון די אַלע שטעט און שטעטלעך, וואָס וועט דיר פון דעם אַרויסקומען? יאָ, איך בין געווען אין מעזעריטש, אין מעדזשיבוזש און אין אַנדערע שטעטלעך. ביסטו שוין צופרידן פון מיין ענטפער?

— אָבער וואָס אַזוינס האָסטו געהאַפט דאָרט צו געפינען? איך מיין, אַז וויבאַלד קיין רבנות שטעלע ביסטו ניט געפאָרן אַהין זוכן, און מלמדות געוויס ניט, טאָ וואָס איז געווען דער ציל פון דיין פאָרן אַהין?

— אָט דאָס וואָס איך בין געגאַנגען זוכן איז מיר שווער דיר צו דער־קלערן! — האָט שלמה געזאָגט — אַלץ וואָס איך קען דיר זאָגן איז, אַז איך האָב גאָרניט געפונען. דעריבער בעט איך דיך מיט מיר מער ניט צו ריידן וועגן דעם.

— עס איז גרינג צו זאָגן „ניט ריידן וועגן דעם". קענסטו זיך פאַרשטעלן ווי דאָס האָט מיר די גאַנצע צייט, זינט דו ביסט צוריקגעקומען, געדריקט? די מאַמע זאָגט, אַז דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן, אַז אַ מאַן זאָל אַזוי האַנדלען. איך האָב געהאַט געניג געדולד.. איך האָב דיך ניט געוואָלט באַ־לעסטיקן מיט פראַגן. איך האָב געוואַרט ביז וואַנען דו וועסט מיר אַלץ דערציילן. אָבער דו האָסט אויך געשוויגן... וואָס לענגער דו האָסט געשוויגן, אַלץ מער האָט מיר געדריקט אין האַרצן... און וואָס מער נייגעריק איך בין געוואָרן, אַלץ מער האָב איך זיך באַהערשט און דיך ניט געפרעגט... ענדלעך, אַז איך האָב שוין דערלעבט, אַז דו זאָלסט יאָ נעמען ריידן וועגן דעם, רעדסטו מיר אַזוי פאַרשטעלט, אַז איך קען פון דיר קיין טאָלק ניט דערגיין... איך בין דאָך דיין ווייב, דו דאַרפסט מיר אַלץ דערציילן! דו זעסט דאָך אַליין, אַז איך פאַרלאַנג פון דיר ניט דו זאָלסט מיר געבן אַ חשבון פון דעם געלט וואָס דו האָסט באַקומען אַלס שכר לימוד אויף דיין לעצטער קאָנדיציע... איך וויים, אַז אויב דיר וואָלט פאַרבליבן אַ ביסל געלט, וואָלסטו עס מיר אָפּגעגעבן... אָבער פאַר מיר וואָלסטו ניט באַדאַרפט האָבן קיינע סודות!

— ווער זאָגט דיר, אַז דאָס זיינען סודות? אַלץ וואָס איך האָב דיר געזאָגט איז, אַז ניט דו און דיין מאַמע ווען קענען פאַרשטיין וואָס איך האָב געצילט מיט מיין רייזע אַהין... דעריבער איז בעסער מיך צורו צו לאָזן און מער וועגן דעם ניטריידן...

— הער זיך איין, שלמה, מילא מיט מיר וועסטו שוין דורכקומען... דו זאָגסט מיר, אַז איך וועל דאָס ניט פאַרשטיין, בין איך צופרידן... אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין מאַמען? זי וויל אויך וויסן וואָס דו האָסט געטאָן כמעט אַ גאַנצן זומער. זי איז נייגעריק צו הערן וואו דו ביסט געווען. ביז איצט האָב איך איר געבעטן צו האָבן געדולד, פונקט ווי איך. עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט געווען, אַז דו וועסט מיר אַלץ אַליין דערציילן און דאַן וועל איך איר שוין אַלץ איבערגעבן. איצט, פרעג איך דיך, וואָס פאַר אַן אויסרייד זאָל איך געבן מיין מאַמען?

— איך בין פאַר דיין מאַמען ניט מחוייב אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון! — האָט שלמה געזאָגט.

— נו, לאָמיר זאָגן, אַז דו ביסט גערעכט. אָבער איך בין דאָך איר טאָכטער. זי פרעגט מיך, און איך וועל דאָך איר דאַרפן ענטפערן! וואָס זאָל איך איר זאָגן?

— זאָג איר דעם אמת, אַז דו ווייסט ניט!

— דאָס איז פאַר איר קיין תירוץ ניט! זי קען בשום אופן ניט פאַרשטיין, אַז אַ ווייב זאָל ניט וויסן וואו דער מאַן אירער האָט זיך געפונען פאַר די לעצטע פיר, פינף חדשים!

— טאָ זאָג איר, אַז איך בין געווען אין מעזעריטש!

— נו, און וואָס וועל איך איר זאָגן ווען זי וועט מיך פרעגן וואָס דו האָסט דאָרט, אין מעזעריטש, געטאָן?

— דאָרט האָב איך געדאַוונט, געלערנט, געגעסן, געטרונקען און געשלאָפן! דאָס אַלץ!

— צוליב דעם האָסטו דאָך ניט באַדאַרפט אָפּרייזן אַזוי ווייט! — האָט שרה געזאָגט — דאָס האָסטו דאָך געקענט טאָן אויך דאָ? ...

— נו, האָב איך געמיינט, אַז דאָרט וועל איך געפינען אַ רבין, פון וועמען איך וועל קענען אַ סך לערנען. צום באַדויערן אָבער, איז דאָס ניט געווען דער פאַל... נו, האָב איך זיך צוריקגעקערט! איצט פאַרשטייסטו שוין אַלץ? אָט דאָס זאָלסטו זאָגן דיין מאַמען, אויב זי וועט צו דיר צושטיין און פאַרלאַנגען, אַז דו זאָלסט איר זאָגן וואָס דו ווייסט וועגן דעם...

כאָטש שרה האָט איבערגעגעבן איר מאַמען אַלץ וואָס שלמה האָט איר געזאָגט וועגן זיין רייזע, האָט זי אָבער איר ניט געגלויבט און געמיינט, אַז זי באַהאַלט עפּעס פון איר...

— דו וועסט מיר ניט איינרעדן, אַז שלמה, דיין מאַן, האָט דיר ניט געזאָגט צוליב וואָס ער האָט געמאַכט אַ רייזע קיין מעזעריטש... איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ שטעטל, אָבער ווי באַלד אַז ער האָט דיר געזאָגט, אַז עס האָט אים גענומען דריי וואָכן צייט ביז ער איז אַהין אָנגעג-

קומען, מן הסתם האָט ער געהאַט אַ צוועק אין מאַכן אַזאַ ווייטע רייזע...
און עס גלויבט זיך מיר קוים, אַז ער זאָל וועגן דעם גאָרניט זאָגן...

— מאַמע, גלויב מיר, אַז איך ווייס בלויז דאָס וואָס איך האָב דיר דער־ציילט... ווען איך פאַנג אים אָן פרעגן איינצעלהייטן, ווערט ער אויף מיר ברוגז און ענטפערט מיר גאָרניט!

און פאַרוואָס וויל ער ניט ווערן קיין רב אין אַ שטעטל? — רופט זיך אָן ריסיע — צו וואָס טויג אונדז זיין גוטער קאָפּ, זיין קענען לערנען אַזוי גוט, אַז ער וויל ניט ווערן קיין רב?

— דאָס פאַרשטיי איך אויך ניט! — זאָגט שרה — אָבער ער האָט עס מיר שוין ניט איינמאָל געזאָגט, אַז כאָטש ער האָט סמיכה אויף רבנות, וועט ער בשום אופן ניט אָננעמען קיין רבנות שטעלע, אַפילו ווען אים קומט אויס צו הונגערן... איך פרעג דיך, מאַמע, וואָס זאָל איך טאָן צו דעם?

— די צרה מיט אים איז, אַז ער האָט פון זיך אַרונטערגעוואָרפן דעם גאַנצן יאָך פון פּרנסה. ער פאַרלאָזט זיך אויף מיר און אויף דיר... ער מיינט, אַז דאָס וועט אַזוי אייביק זיין. ער פאַרגעסט, אַז איך ווער אַלט און איך וועל ניט אַלעמאָל קענען אָנהאַלטן די קרעטשמע און אַוועקגעבן מיינע לעצטע כּוחות אויסצוהאַלטן אים און זיין ווייב און קינד... די ערשטע עטלעכע יאָר פלעגט ער נאָך אַריינברענגען עטלעכע גילדן וואָס ער פלעגט באַקומען פון זיין קאַנ־דיציע איצט טוט ער דאָס אויך ניט! איך פרעג דיך, וואו האָט ער אַהינגעטאָן דאָס געלט וואָס ער האָט באַקומען פון דעם ישובניק אַלס שכר לימוד פאַר לעצטן ווינטער?...

— איך האָב אים ניט איין מאָל געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם, אָבער ער מאַכט זיך ניט ווויסנדיק.

— דאָס איז קיין תּירוץ ניט! דו ביסט אַ ווייב און האָסט אַ רעכט צו וויסן וואו דאָס געלט איז אַהינגעקומען... וואָס מיינט ער?... ער וועט קומען אויף אַלעם פאַרטיקן און ניט פילן פון קיין שום יאָך?... אויב ער אַליין האָט דיר דאָס געלט ניט געגעבן, דאַרפסטו זיך פאַר, אים ניט שעמען און פאָדערן דאָס פון אים!

— אפשר האָט ער מער ניט דאָס געלט! — זאָגט שרה — נאָך אַלעמען איז ער דאָך אָפּגעווען אין דער פרעמד אַ לאַנגע צייט.

— אַ פיינע זאַך! דו ווייסט דאָך, אַז לעצטן ווינטער האָט ער געקראָגן שכירות אַרום הונדערט גילדן. וואו האָט ער דאָס אַהינגעטאָן? וואָס פאַר אַ ווייב ביסטו, אַז דו ווייסט ניט אַפילו וואָס ער האָט געטאָן מיט דעם געלט?

— מאַמע, איך בעט דיך, לאָז מיך צורו! — האָט שרה גענומען ווישן אירע אויגן איך ווייס ניט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אים! איין זאַך דאַרפסטו וויסן, אַז שלמה איז ניט ווי אַלע אַנדערע מענער...

— איך זע שוין, אַז ניט איך און ניט דו וועלן עפּעס קענען אויפטאָן מיט אים! — האָט ריסיע געזאָגט — ער איז אַ גרויסער עקשן, און דיינע רייד האָבן אויף אים קיין ווירקונג ניט. אָט איז זיין טאַטע מיט אים אַוועק צו אַ גרויסן רב און ער האָט ביי אים געקראָגן סמיכה אויף רבנות... ווען שלמה

האָט זיך צוריקגעקערט פון דאָרט מיט זיין סמיכה אין קעשענע, איז ער געווען גליקלעך; עס איז ביי אים גאָר קיין פראַגע ניט געווען וועגן אָננעמען אַ שטעלע אַלס רב. אַלץ וואָס ער האָט באַדאַרפט איז געווען צוצוואַרטן אַ פּאָר יאָר, ביז וואַנען ער וועט עלטער ווערן, כּדי מען זאָל אים אויפנעמען אין אַ שטעטל. נו, איצט, אַז ער איז עלטער געוואָרן, אַז אַ בערדל שפּראָצט אים, און ער איז אַזאַ גרויסער למדן, וואָלט ער דאָך זיכער געדאַרפט טראַכטן וועגן אַ רבנות שטעלע. צום סוף זאָגט ער דיר, אַז ער וועט בשום אופן ניט ווערן קיין רב!

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז ער וויל פון דעם אַפילו ניט טראַכטן! — האָט שרה געזאָגט.

— שרה, איך וועל דיר פרעגן איין זאַך: וואָס וואָלסטו געטאָן אויב דו קענסט ביי מיר מער ניט זיין? איך בין דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. טאָמער פּאַסירט, חלילה, עפּעס מיט מיר... די קרעטשמע איז ניטאָ... פרעג איך דיר, פון וואַנען וועסטו זיך דערנערן צוזאַמען מיט דיין קינד? ווייבאַלד אַז דיין שלמה וויל ניט וויסן פון דעם יאָך פון פּרנסה... ווי וועסטו אויסקומען? שלמה מוז וויסן, אַז ער דאַרף דיך און דיין קינד מפרנס זיין...

— מאַמע, איך בין גליקלעך וואָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ מאַן ווי שלמה. יעדער איינער וועט דיר זאָגן, אַז ער איז איינער אין אַ דור... איך וועל זיין צופרידן צו אַרבייטן שווער און ביטער כּדי אויפצוהאַלטן מיין מאַן, ער זאָל קענען זיצן און לערנען און ניט דאַרפן דאַרן זיין קאָפּ וועגן פּרנסה... אַ סך פרויען טוען אַזוי. זיי האָבן חתונה מיט יונגע לייט לערנער, און זיי פירן די געשעפטן און זייערע מענער זיצן אין קלויז און לערנען תורה... איך וועל אויך אַזוי טאָן!

— ווער נאָך האָט אַ בעסערע געלעגנהייט צו לערנען ווי אַ רב? — זאָגט ריסיע — אויב דיין מאַן וויל זיצן און לערנען, טאָ פאַרוואָס וויל ער ניט ווערן קיין רב? ער וועט דאָך דאַן קענען זיצן און לערנען און דערצו וועט ער דאָך קריגן שכירות, וואָס וועט אים שטאַרק צוניץ קומען...

— זינט שלמה האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, זיצט ער אין זיין צימער און שרייבט! — האָט שרה געזאָגט — איך זע ווי ער קוקט אַריין אין ספרים און שרייבט אָן אויפהער... איך ווייס ניט וואָס דאָס באַדייט, אָבער געוויס טוט ער זייער אַ נוצלעכע זאַך!

— און פאַרוואָס פרעגסטו אים ניט צי ער וועט דיך קענען מפרנס זיין פון זיין שרייבן? אויב ער וויל שרייבן, זאָל ער אַמוועניגסטן שרייבן תּפילין, מזוזות און ספרי תּורות... וועט ער אַמווייניקסטן קענען ציען חיונה פון דעם.

— ווי קומען מיר אים צו זאָגן וואָס ער זאָל שרייבן און וואָס ניט? — רופט זיך אָן שרה.

— עס וואָלט ניט געווען אונדזער עסק ווען ער גיט דיר אויף הוצאות, אָבער ווייבאַלד אַז קיין געלט גיט ער דיר ניט, האָסטו אַ רעכט אים צו זאָגן, אַז ער זאָל טאָן נוצלעכע אַרבייט פון וואָס ער זאָל קענען פאַרדינען!

— איך וועל וואַרטן און זען וואָס ער וועט טאָן נאָך די ימים נוראים!
— האָט שרה געזאָגט — געוויס וועט ער זיך אָפּזוכן אַ קאָנדיציע...

— — — — —

נאָך אַ יאָר איז פאַריבער און שלמה האָט געחלומט און פאַנטאַזירט וועגן אַ רייזע קיין דייטשלאַנד, וואו ער זאָל האָבן די געלעגנהייט צו שטודירן מעדיצין און אַנדערע וויסנשאַפטן. דעם גאַנצן פּלאַן האָט ער געהאַלטן בסוד. ער האָט געהאָפט, אַז ווי נאָר אים וועט געלינגען אָפּצושפּאָרן עטלעכע גילדן פון זיינער אַ קאָנדיציע, וועט ער דאַן אונטערנעמען די רייזע. ווי עס ווייזט אָבער אויס, איז דאָס אים אָבער קיינמאָל ניט געלונגען. אַזוי שנעל ווי ער פלעגט זיך צוריקקערן אַהיים אויף יום טוב, פלעגט שוין זיין ווייב מיט דער הילף פון זיין שוויגער אַרויסבאַקומען פון אים די עטלעכע גילדן שכר לימוד וואָס ער פלעגט קריגן. די שוויגער האָט תמיד געהאַט אַ באַגריף וויפיל געלט ער קריגט, און וויסנדיק, אַז ער האָט ניט קיינע הוצאות, האָט זי שוין געזען דערצו, אַז ער זאָל אַלץ אָפּגעבן.

לעצטענס האָבן ביידע, זיין ווייב און זיין שוויגער, גענומען אים יאָדען, אַז ער זאָל זוכן אַ רבנות שטעלע. וויפיל ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז דאָס וועט ער קיינמאָל ניט טאָן, האָבן זיי פון דעם ניט געוואָלט הערן.

שלמה האָט גענומען צוגרייטן זיין ווייב, אַז ער פאָרט אָפּ אויף אַ קאָנדיציע גאַנץ ווייט פון דאַנען, און ער האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל פאַר אים צוגרייטן זיינע זאַכן, און אויך אַביסל שפּייז. שרה האָט אים גענומען אויספרעגן איינצל־הייטן, אָבער שלמה האָט איר געזאָגט, אַז דערווייל קען ער גאָר קיין איינצלהייטן ניט געבן. ער וועט איר שוין לאָזן וויסן. שרה האָט עפּעס גענומען פילן, אַז דעם מאָל פאָרט ער ניט אויף אַ קאָנדיציע, און זי האָט געמאַכט נאָך עטלעכע פאַרזוכן צו דערגיין וואוהין ער פאָרט, אָבער ער האָט איר גאָרניט געזאָגט.

אויף דעם דריטן טאָג, גאַנץ פרי, האָט זיך שלמה געזעגנט מיט זיין ווייב, ער האָט אַ קוש געטאָן זיין זון, דוד, און איז אַרויס פון הויז, אין דער צייט ווען זיין שוויגער איז געווען פאַרנומען מיט באַקן ברויט.

שלמה איז מיט זיין קליינעם פּעקל צוגעקומען צום פור. ווען די פור האָט זיך גענומען דערווייטערן פון נעסוויזש, האָט שלמה געקוקט אויף הינטן, ווי אים וואָלט געווען שווער זיך צו שיידן מיט זיין שטעטל.

— ווער ווייסט — האָט ער ביי זיך געטראַכט — אויב ער וועט זיך שוין ווען עס איז צוריקקערן צו זיין שטעטל... אויב ער וועט זיין ציל דערגרייכן, וועט ער זען, אַז זיין ווייב און זון זאָלן קומען צו אים.

היפּשע עטלעכע טעג האָט געדויערט די רייזע ביז וואַנען ער איז אָנגע־קומען אין קעניגסבערג.

30

ניט אַלע גאַסן פון קעניגסבערג, די דייטשע שטאָט אין מזרח־פּרייסן, זיינען געווען ברוקירט; אָבער די הייזער, אַפילו אין די זאַמדיקע, פאַרשטויבטע גאַסן, זיינען געווען שיין געבויט, ריין און ציכטיק. ביי די זייטן פון די הייזער זיינען געווען גערטנער פון פאַרשיידענע שיינע בלומען, וואָס האָבן זיך צעבליט. די ריחות פון די אַקאַציען־בוימער און פון די יאַסמינען־פּלאַנצן האָבן אָנגעפילט די לופט און פאַרשיכּורט דעם דריי־און־צוואַנציק־יעריקן שלמה מיימון, וועלכער איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבער די ענגע געסלעך פון קעניגסבערג, מיט אַ פּעקל אויף זיינע פּלייצעס.

מיט נייגעריקע בליקן האָט ער באַטראַכט די הייזער, וואָס זיינען געווען ווייס געקאַלכט און זיינען געשטאַנען גלייך אין ריי; די מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעזען צופרידענע און געמיטלעך געטאָן זייער אַרבייט.

— דאָ איז עפּעס אַ גאַנץ אַנדערע וועלט! — האָט זיך שלמה געטראַכט — ווי ווייט איז עס פון די ליטווישע און פּוילישע שטעט און שטעטלעך, און ווי גרויס איז דער אונטערשייד!

פונדעסטוועגן איז שלמהן געוואָרן אומהיימלעך אויפן האַרצן. אמת, אַט די גאַנצע אומגעגענט לאַקט און ציט ווי מיט כּישוף, אָבער דאָ פעלט די היימישקייט, די וואַרעמקייט, וואָס ער פלעגט טרעפן ווען ער פלעגט דורכגיין איינע פון די ליטווישע אָדער פּוילישע יידישע שטעטלעך. דאָ ווייעט אַ קעלט, כאָטש עס איז איצט אַ שיינער, וואַרעמער, נאָך פּסחדיקער פרילינג טאָג.

שלמה האָט געבראָדזשעט אין דעם טיפן זאַמד, און זיינע צעלעכערטע שטיוול זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט זאַמד. זיין אַלטע קאַפּאָטע איז געווען גוט פאַרשטויבט פון דעם לאַנגן וועג וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אויף דער פור.

שלמה האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע און אָפּגעווישט דעם שוויס פון זיין באַוואַקסענעם פּנים. ער האָט דורכגעפינגגערט זיין לענגלעכע שוואַרצע באָרד, און ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי זאָל ער פריער גיין אין דער יידישער נאַכבאַרשאַפט און זיך פאַרשטעלן פאַר דעם רב, אָדער ער זאָל גלייך אַוועקגיין צו דער קעניגסבערגער מעדיצינישער שולע און דאָרט דערציילן וועגן דעם ציל פון זיין קומען אַהער.

ווען ער זאָל איצט אַוועקגיין צו דעם היגן רב — האָט שלמה ביי זיך געטראַכט — וועט ער מיט אים אָנהויבן ריידן אין לערנען, און ער וועט אים זיכער באַלד נעמען איינריידן צו בלייבן ביים לערנען. דעריבער וועט פאַר אים זיין בעסער, אַז ער זאָל זיך גלייך ווענדן צו דעם יידישן דאָקטאָר מאַרקוס הערץ, וועגן וועמען ער האָט זיך אַ סך אָנגעהערט. ער האָט געוואוסט, אַז דאָקטאָר הערץ האַלט פאָרטראָגן אין דעם אוניווערזיטעט, און דעריבער וועט אים ניט שווער אָנקומען אים אויפצונעמען ביים אוניווערזיטעט.

שלמה האָט זיך דערשלאָגן צו דעם דאָקטאָר. אַ ווײַלע האָט ער צוגעוואַרט

אין דעם פּאָדערהויז פון זיין קאַבינעט. באַלד איז דאָקטאָר הערץ אַרויסגעקומען און אים געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

שלמה מיימון האָט זיך פאָר אים פאָרגעשטעלט, אַז ער איז געלערנט אין תלמוד און אין קבלה, און אַז זיין וואונטש איז צו שטודירן מעדיצין און צוליב דעם צוועק האָט ער פאַרלאָזן זיין ליטוויש שטעטל נעסוויזש און איז געקומען אַהער.

דער דאָקטאָר האָט אים באַטראַכט פאַר אַ ווײַלע און געזאָגט:

— איך וואָלט דיר זייער געוואָלט העלפן, אָבער איך בין גראָד זייער פאַרנומען. באַלד דאַרף איך האַלטן מיין פאָרטראַג אין דעם אוניווערזיטעט.

— איך האָב אָבער דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגע רייזע — האָט שלמה מיט טרערן אין זיינע אויגן זיך אָנגערופן — שוין אַ לאַנגע צייט, אַז איך האָב צו דעם געשטרעבט און איצט, אַז איך האָב זיך דערשלאָגן צו קעניגסבערג, האָב איך זיך ניט צו ווענדן.

דאָקטאָר הערץ האָט באַטראַכט דעם פרעמדן יונגן מאַן מיט זיינע צעריסענע שמוציגע מלבושים, וועלכער האָט גערעדט אַ מאָדנעם לשון, וואָס ער האָט אים קוים פאַרשטאַנען.

— זאָגט מיר, יונגערמאַן, וואָסערע פאָרבערייטונגען האָט איר כּדי צו שטודירן מעדיצין? ווי איך זע, קענט איר דאָך ניט דייטש.

— איך פאַרשטיי אַלץ וואָס איך לייען אין דייטש — ענטפערט שלמה — איך האָב אַפילו דורכגעשטודירט צוויי דייטשע מעדיצינישע ביכער: „אַנאַטאָמישע טאַבעלן" פון קולמס און „גאַזיאָפּולאַטיום" פון וואוא, און איך האָב זיי גוט פאַרשטאַנען.

אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דאָקטאָר הערצס פּנים, און ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז אָבער נאָך אַלץ ניט גענוג אַריינצוטרעטן אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון אוניווערזיטעט!

— איך בין גרייט צו שטודירן און טאָן אַלץ וואָס איר וועט מיר ראָטן! — האָט שלמה געזאָגט.

— צום באַדויערן בין איך זייער שטאַרק פאַרנומען אין מיינע פּריוואַטע אַנגעלעגנהייטן, און עס וועט פאַר מיר זיין אוממעגלעך עפּעס צו טאָן פאַר אייך. מיין עצה, אָבער, איז, אַז איר זאָלט זיך זען מיט די עטלעכע יידישע סטודענטן וועלכע וואוינען ביי מיר אין הויז. זיי וועלן זיך צוריקקערן פון אוניווערזיטעט נאָך מיטאָג. רעדט זיך דורך מיט זיי. מעגלעך אַז זיי וועלן אייך קענען געבן אַן עצה וואָס איר זאָלט טאָן.

שלמה האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און איינער פון די סטודענטן האָט געהייסן אים אַריינקומען.

די סטודענטן, וועלכע זיינען געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש אָפענע ביכער אין זייערע הענט, האָבן גענומען באַטראַכטן דעם מאָדנעם גאַסט, וועלכער איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער ווי אַן לשון.

— וואָס ווינטשען זי? — האָט איינער פון די סטודענטן זיך צו אים געווענדעט.

— מיין נאָמען איז שלמה מיימון! — האָט ער געזאָגט — איך קום אַהער פון נעסוויזש, אַ ליטוויש שטעטל. איך בין געלערנט אין תּלמוד און אין קבלה. איך האָב אָבער באַשלאָסן צו לערנען מעדיצין און צוליב דעם בין איך געקומען אַהער.

די סטודענטן האָבן אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, און האָבן געהערט ווי ער רעדט עפּעס אַ לשון וואָס איז אַ געמיש פון העברעאיש, יידיש־דייטש, פּויליש און רוסיש. זיי האָבן זיך שוין מער ניט געקענט באַהערשן און האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

שלמה האָט איינגעזען, אַז זיי פאַרשטייען ניט קיין וואָרט וואָס ער רעדט צו זיי, האָט ער זיך באַמיט ווי וויט מעגלעך זיי צו דערקלערן, אַז ער האָט זיך אין דער פרי געזען מיט דעם הער דאָקטאָר הערץ, וועלכער האָט אים געראָטן זיך צו זען מיט זיי כּדי זיי זאָלן אים העלפן מיט אַן עצה, ווי אַזוי ער זאָל קענען שטודירן מעדיצין און דערגרייכן זיין ציל.

— אָבער ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז דו קענסט ניט קיין דייטש! — האָט אַ סטודענט זיך אָנגערופן און געזוכט צו באַהערשן זיך ווידער ניט צו לאַכן.

— אָ, איך פאַרשטיי דייטש זייער גוט! — האָט שלמה געזאָגט.

— נאָך זייער גוט דערצו! — האָט אַ צווייטער סטודענט זיך פונאַנדער־געלאַכט — ווייזט אויס, אַז דו ביסט אַן אויסערגעוויינלעכער יונגערמאַן, דו פאַר־שטעהסט זאַכן וואָס דו ווייסט ניט...

— ער זאָגט דאָך, אַז זיין נאָמען איז מיימון, פּילייכט שטאַמט ער פונם באַ־רימטן פילאָזאָף און גרויסן דאָקטאָר מיימון, וועלכער האָט געלעבט מיט איבער זעקס הונדערט יאָר צוריק, און דעריבער, קען זיין, איז ער באַגאַבט מיט אַזעלכע פעאיקייטן צו פאַרשטיין זאַכן וואָס זיינען אים פרעמד — האָט אַ דריטער סטודענט זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן מיט די אַנדערע...

— אָ, יאָ, יאָ, איצט איז דאָס שוין פאַרשטענדלעך! — האָבן די אַנדערע געשאָקלט מיט די קעפּ — ניט אומזיסט רופט ער זיך מיימון!

— איך האָב אָנגענומען דעם נאָמען מיימון, וויל איך האָב זיך פאַרטיפט אין אַלע ווערק פון מיימון, דעם רמב״ם — האָט שלמה געזאָגט — איבערהויפּט האָב איך גרינטלעך דורכשטודירט דעם רמב״מס מורה נבוכים, און איך בין איינפאַרשטאַנען מיט זיין פילאָזאָפיע!

— אָ, דו ביסט אויך אַ פילאָזאָף! — האָט דער ערשטער סטודענט ווידער געלאַכט — און דאָך ווילסטו גאָר אַוועקגיין אויף דעם וועג פון מעדיצין! איצט וועלן מיר ווירקלעך האָבן אַ נייעם רמב״ם!

— ווען דו פאָלגסט מיר! — האָט דער צווייטער סטודענט אַ זאָג געטאָן — פאָרסטו צוריק צו דיין שטעטל און דו שלאָגסט זיך אַרויס פון דיין קאָפּ צו שטודירן מעדיצין אין דער צייט ווען דו פאַשטייסט ניט קיין דייטש!

— אָבער איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי דייטש גאַנץ גוט. איך האָב שוין אַפילו געלייענט דייטשע ביכער און זיי גוט פאַרשטאַנען.

— וויבאַלד אַז דו גיסט זיך אָן פּאַר אַ גרויסן פילאָזאָף — האָט נאָך איינער צו אים געזאָגט — אָט האָבן מיר דאָ אַ פילאָזאָפיש ווערק פון מאָזעס מענדעלזאָן וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער זעעלע (נשמה). דאָס ווערק רופט זיך „פעדאָן". פּרוביר לעזן און דערקלער אונדז די באַדייטונג פון דעם וואָס דו וועסט לעזן!

שלמה האָט גענומען לייענען דעם דייטשן ביכל און זיין לייענען איז געווען אַזוי שלעכט, אַז זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו לאַכן.

— און דו וועסט אונדז פּילייכט איינרעדן, אַז דו האָסט פאַרשטאַנען אַלץ וואָס דו האָסט דאָ געלעזן? — רופט זיך אָן צו אים אַ סטודענט.

— געוויס פאַרשטיי איך! — ענטפערט שלמה.

— נו, דערקלער פאַר אונדז אַלץ וואָס דו האָסט דאָ נאַר־וואָס דורכגעלייענט!

שלמה האָט מיט זיין צעקאַליעטשעטן דייטש אָנגעהויבן דערקלערן וואָס ער האָט געלייענט, אָבער קיינער פון די סטודענטן האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען.

שלמה האָט זיך באַגאַסן מיט אַ שוויס. ער האָט שוין איינגעזען, אַז זיין גאַנצע מי איז אַרויסגעוואָרפן — זיי טרייבן שפּאַס אויף זיין חשבון און מאַכן חוזק פון אים. זיי מיינען, אַז ער פאַרשטייט גאָרניט און דעריבער קען ער אַפילו ניט האָפן, אַז זיי וועלן אים קומען צו הילף... אינגאַנצן באַשולדיקן קען ער זיי אויך ניט. זיין דײַטש איז אַזוי שרעקלעך, אַז זיי קענען ניט פאַרשטיין. זיינע בגדים זיינען שמוציק און צעריסן. זיין לאַנגע באָרד איז ניט געווען פאַרקאַמט. זיי מוזן אים אָננעמען פאַר אַ פאַרגרעבטן, אומוויסנדן מענטשן, וועלכער האָט זיך אַריינגעלאָזן אין קאָפּ, אַז ער וויל ווערן אַ דאָקטאָר.

איינער פון די סטודענטן האָט באַמערקט פון זיין פּנים ווי שטאַרק דערשלאָגן ער איז, האָט ער אויף אים רחמנות געקראָגן און זיך אָנגערופן:

— איך זע, אַז דיר איז שווער צו ריידן דייטש און דו קענסט ניט דערקלערן דאָס וואָס דו האָסט נאַר־וואָס געלעזן פון „פעדאָן". אפשר וואָלסטו געקענט דאָס איבערזעצן פאַר אונדז אין העברעאיש? מיר אַלע פאַרשטייען העברעאיש? מיר קענען אורטיילן אויב דו פאַרשטייסט ווירקלעך וואָס דו האָסט געלייענט צי ניט.

— זייער גוט! — האָט שלמה געזאָגט, און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן — איך וועל פאַר אייך איבערזעצן די ערשטע עטלעכע זייטן פון „פעדאָן", וועט איר זען צי איך פאַרשטיי אַלץ וואָס איך האָב געלייענט.

זיי האָבן דערלאַנגט שלמהן אַ פעדער. טינט און פּאַפּיר און שלמה האָט זיך געזעצט ביים טיש און ער האָט גענומען איבערזעצן פון „פעדאָן" דאָס וואָס ער האָט געלייענט.

די סטודענטן האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט שמייכלענדע בליקן. זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער פאַרשטייט קיין וואָרט ניט פון דעם פילאָזאָפישן בוך „פעדאָן", און זיי זיינען געווען גרייט פאַרטצוזעצן צו טרייבן קאַטאָוועס אויף זיין חשבון.

שלמה האָט געשריבן זייער פלינק. די פעדער איז געלאָפן איבער דעם פּאַפּיר און עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער איז פאַרטיק געוואָרן. ווען ער

האָט זיי איבערגעגעבן די העברעאישע איבערזעצונג, האָבן אַלע מיט אַמאָל זיך גענומען צום לייענען.

ווי דערשטוינט זיינען זיי אַלע געוואָרן ווען זיי האָבן דערזען, אַז ניט נאָר האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די טיפע חקירות פון משה מענדעל זאָנס פילאָזאָפיש ווערק, נאָר ער האָט אויף אַ זייער געלונגענעם אופן איבער־געגעבן מענדעלזאָנס טיפזיניקע געדאַנקען אויף העברעאיש.

— דאָס איז דאָך וואונדערבאַר! וואונדערבאַר! — האָט אַ סטודענט אויסגערופן — ער פאַרשטייט זיין פילאָזאָפיע אַ סך בעסער ווי מיר האָבן עס פאַרשטאַנען.

— מיר זעען איצט, אַז ער פאַרשטייט טאַקע זייער גוט דייטש! — האָט אַ צווייטער סטודענט אויסגערופן — כאָטש עס איז אים שווער צו ריידן.

— מיר בעטן דיר, אַז דו זאָלסט אונדז מוחל זיין וואָס מיר האָבן דיר אַזוי באַליידיקט! — זאָגט צו אים דער דריטער סטודענט — מיר אַנערקענען, אַז דו פאַרשטייסט פילאָזאָפיע אַ סך בעסער ווי מיר, און מיר זיינען גרייט דיר צו העלפן מיט אַלץ וואָס מיר וועלן נאָר קענען.

— עס טוט מיר זייער לייד וואָס דאָקטאָר הערץ וועט אין גיכן פאַרלאָזן קעניגסבערג — האָט נאָך אַ סטודענט זיך אָנגערופן — דער הער דאָקטאָר וואָלט ערשט דיך זייער גוט אָפּגעשאַצט, ווייל ער אַליין האָט אין זיין יוגנט אַ סך געלערנט תּלמוד און אַנדערע יידישע לימודים. ער איז זייער אַ גוט־האַרציקער מענטש און ער וואָלט פאַר דיר דאָ געקענט אַ סך אויפטאָן.

שלמה האָט זיך געוואונדערט ווען ער האָט געהערט ווי זיי לויבן דעם דאָקטאָר הערץ. ער איז געווען אונטערן איינדרוק, אַז דאָקטאָר הערץ איז גאַנץ ווייט פון צו זיין גוטהאַרציק... ער האָט דאָך אים אַפילו ניט געוואָלט אויפנעמען.

— פאַרוואָס פאַרלאָזט דאָקטאָר הערץ קעניגסבערג? — פרעגט שלמה.

— לויט ווי מיר הערן, רייזט ער אָפּ קיין בערלין אַזוי שנעל ווי דער סעמעסטער ענדיקט זיך אין מאָנאַט יוני, און ער וועט דאָרט הייראַטן! דעריבער האָט ער דיך געשיקט צו אונז, ווייל ער אַליין איז זייער פאַרנומען מיט זיינע פאַרטראַגן און מיט זיינע פאַרבערייטונגען צו דער רייזע קיין בערלין.

— זיין אָפּרייזן פון קעניגסבערג וועט פאַר אונדז אַלעמען זיין אַ פאַרלוסט! — האָט אַ סטודענט זיך אָנגערופן — ווייל ער איז זייער שטאַרק באַליבט ביי אַלע סטודענטן פון אוניווערזיטעט. זיינע פאַרטראַגן זיינען ניט נאָר איבער מעדיצין, נאָר אויך איבער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. מיר האַלטן, אַז ער איז איינער פון די גאָר גרויסע געלערנטע פון אונדזער צייט...

— איר ווייסט, הער מיימאָן! — האָט זיך אָנגערופן דער עלטסטער סטודענט — אַז פאַר אייך וואָלט אַ סך בעסער געווען ווען איר פאָרט אָפּ קיין בערלין. איר וועט דאַרפן האָבן פאַרבערייטונגען אַריינצוטרעטן אין דעם מעדיציניש[ן] פאַקולטעט. אין בערלין וועט איר גאַנץ לייכט קענען דערגרייכן אייער ציל. דאָרט געפינען זיך איינפלוסרייכע יידן. איך שטעל זיך פאָר, אַז דער הער מאָזעס (משה) מענדעלזאָן וואָלט אייך געקענט בייהילפיק זיין.

— עס איז מיר זייער שווער אונטערצונעמען אַזאַ רייזע קיין בערלין! — האָט שלמה געזאָגט — קיין סך געלט האָב איך מיט זיך ניט. מיינע בגדים זיינען צעריסן. איך ווייס ניט ווי אַזוי איך וועל עס קענען באַווייזן.

די סטודענטן האָבן זיך פאַר אַ ווײַלע דורכגעשמועסט אין דער שטיל און דאַן האָט איינער פון זיי זיך צו אים אָנגערופן:

— איר וועט אַזוי גוט זיין צוקומען צו אונדז מאָרגן אין דער זעלבער צייט, וועלן מיר זען וואָס מיר וועלן קענען טאָן פאַר אייך.

שלמה האָט זיי באַדאַנקט פאַר זייער פריינטלעכקייט און ער איז אַרויס פון דאָרט. עס איז אים געוואָרן אַביסל לייכטער אויפן האַרצן. ער איז אויף זיי ניט געווען בייז וואָס זיי האָבן פון אָנפאַנג חוזק געמאַכט פון אים. זיין שפּראַך האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען; זיי הילוך איז משונהדיק און שמוציק. זיין פּנים איז ווילד באַוואַקסן... פון וואַנען האָבן זיי געזאָלט וויסן, אַז ער איז געלערנט און אַז ער איז באַהאַוונט אין דער פילאָזאָפיע און אין אַנדערע וויסנ־שאַפטן?... ער זעט דאָך, אַז ווי נאָר זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז ער איז געלערנט, האָט זיך זייער באַציאונג צו אים אינגאַנצן געביטן. זיי האָבן זיך שוין גענומען פאַראינטערעסירן מיט אים און זיי זאָגן אים צו עפּעס צו טאָן פאַר אים.

ווי נאָר שלמה מיימאָן האָט פאַרלאָזן זייער צימער האָבן די סטודענטן זיך דורכגערעדט:

— מיר וועלן דאַרפן זען שאַפן פאַר אים אַ ביסל געלט, ווי אויך קליידער, כּדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו מאַכן זיין רייזע קיין בערלין!

— איך האָב אַן אָפּגעטראָגענעם אויבער־מאַנטל! — האָט איין סטודענט געזאָגט און איך וועל דאָס אים געבן. איך גלויב, אַז דאָס וועט זיין זיין מאָס.

— און איך האָב אַן איבעריקע פּאָר הויזן — האָט אַ צווייטער אַרויסגענומען די הויזן פון אַן אַלמער.

אַ דריטער סטודענט האָט אַרויסגענומען אַ רעקל און ער האָט עס באַשטימט פאַר שלמהן.

— אָט די דאָזיקע בגדים זיינען ניט קיין נייע און אויך ניט קיין איבריקס גוטע — האָט דער ערשטער סטודענט געזאָגט — אָבער זיי וועלן אים צוניץ קומען. ער וועט אַמווייניקסטן קענען זיי טראָגן אויפן וועג, און דערווייל ניט נוצן צופיל זיינע אייגענע אָרעמע קליידער.

— איצט לאָמיר זען שאַפן פאַר אים אַ ביסל געלט! — רופט זיך אָן אַ סטודענט — ער וועט דאַרפן האָבן אויף הוצאות ביז ער וועט אָנקומען קיין בערלין.

כאָטש די סטודענטן אַליין זיינען ניט געווען פון די רייכע, פונדעסטוועגן האָבן זיי צווישן זיך געשאַפן עטלעכע דוקאַטן פאַר שלמהן, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן פאַר אים צו מאַכן די לאַנגע נסיעה קיין בערלין.

אויף מאָרגן, ווען שלמה איז ווידער צו זיי געקומען, האָבען זיי אים אויפ־גענומען מיט פיל כּבוד. זיי האָבן אים געגעבן די עטלעכע בגדים ווי אויך דאָס געלט.

— צו מאַכן אַ רייזע קיין בערלין פון קעניגסבערג דורכן לאַנד דאַרף אַריינ־

טרייבן אין אַ סך געלט, דעריבער איז אונדזער עצה, אַז דו זאָלסט פון דאַנען אָפּרייזן אויף אַ שיף וואָס גייט קיין שטעטין. די רייזע אויף דער שיף וועט דויערן פון אַן ערך צען ביז פערצן טעג. פון שטעטין וועט איר דערגרייכן פראַנקפורט דע׳אָדער, און פון פראַנקפורט קיין בערלין איז ניט ווייט.

— איך וועל אויסגעפינען ווען אַ שיף גייט אָפּ פון קעניגסבערג קיין שטעטין! — האָט איינער פון זיי געזאָגט — און דאַן וועלן מיר דיר לאָזן וויסן און העלפן באַזאָרגן דיר מיט אַ רייזע־בילעט קיין שטעטין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך שלמה מיימאָן געזעגנט מיט די סטודענטן. איינער פון זיי האָט אים באַגלייט ביז צו דעם האַפן און ער האָט מיטגעגעבן שלמהן עטלעכע הערינג, אַ פּאָר ברויטלעך, עטלעכע זעמל און אַ פלעשל שנאַפּס.

— דאָס וועט אייך צוניץ קומען אויף דער שיף! — האָט ער אים דער־קלערט.

שלמה האָט אים האַרציק באַדאַנקט און האָט זיך געזעגנט אויף דער שיף וואָס האָט באַלד פאַרלאָזן דעם האַפן פון קעניגסבערג.

31

אין יענע צייטן, אין דעם אַכצענטן יאָרהונדערט, איז אין בערלין געווען אַ קליינע אָבער זייער חשובע יידישע קהילה. די יידן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט מסחר און דאָס רוב פון זיי זיינען געווען גאַנץ רייך, אָבער זיי האָבן זיך געפילט גאַנץ פרעמד. דער דאַמאָלסטדיקער קעניג, פרידריך דער גרויסער, האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידישע איינוואוינער פון בערלין אַ באַזונדערן קאָפּ שטייער, און ער האָט באַגרענעצט דאָס אַריינקומען פון יידן קיין בערלין. דאָס האָט שוין די יידישע קהילה אַליין באַדאַרפט זאָרגן, אַז יידן וועלכע זיינען עלול צו פאַלן צו לאַסט אויף דער יידישער געמיינדע, זאָלן ניט אַריינגעלאָזן ווערן אין בערלין, סיידן זיי באַצאָלן אַ געוויסן קאָפּ שטייער, וואָס גייט פאַר דער רעגירונג.

אַפילו די געווינשטע יידן האָבן געקענט אַריינקומען אין בערלין בלויז דורך איין טויער, וואָס האָט זיך גערופן „דער ראָזענטאַלער טויער". לעבן אָט דעם טויער זיינען געשטאַנען יידישע וועכטער, וועלכע זיינען ספּעציעל באַשטימט געוואָרן פון דער בערלינער יידישער קהילה, אויפצופּאַסן אויף די יידישע איינ־וואַנדערער, וועגן וועמען מען האָט געמוזט אָפּגעבן דין וחשבון צו דער רעגירונג. דער קעניג פרידריך דער גרויסער האָט געמוזט וויסן גענוי וויפיל יידן געפינען זיך אין בערלין, כּדי צו האַלטן דעם חשבון פון די שטייערן וואָס ער דאַרף אַרויסקריגן פון די יידן אין בערלין.

די אָנגעשטעלטע פון דער יידישער קהילה אַליין האָבן דעריבער געהאַט די מאַכט וועמען אַריינצולאָזן אין בערלין און וועמען ניט. איבערהויפּט זיינען

זיי געווען פאַרזיכטיק ניט אַריינצולאָזן אין שטאָט יידישע קבצנים. די קהילה האָט דעריבער אויסגעבויט אַ פאַרזאָרגונגס הויז פאַר יידישע אָרעמע לייט לעבן דעם ראָזענטאַלער טויער, און אָט אין דעם דאָזיקן הויז, וואָס מען פלעגט רופן „הקדש״ פלעגט מען אויפנעמען די אָרעמע לייט וועלכע פלעגן צוקומען צו דעם ראָזענטאַלער טויער און פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיי דערלויבן אַריינצוקומען אין בערלין. די וועכטער וועלכע האָבן געהיט דעם טויער פלעגן יעדן איינעם אַריינפירן אין דעם „הקדש״ און דערוויל אים געבן צו עסן און טרינקען ביז וואַנען דער עלטסטער פון דער קהילה פלעגט קומען און נעמען יעדן איינעם פון די וואַנדערער אויף אַ פאַרהער. אויב יענער איז אים געפעלן, אָדער ער האָט געהאַט אַ גענוגנדע אורזאַכע צו זיין אין בערלין, פלעגט ער אים געבן די דערלויבעניש. ווען איינער איז געווען אַ בעל מלאכה, און לויט די אומשטענדן וואָלט ער זיך געקענט נוצלעך מאַכן, פלעגט ער קריגן די נויטיקע דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין שטאָט. אויך אַ קראַנקן פלעגט מען אויפנעמען אין שטאָט און אים זען העלפן ווי ווייט מעגלעך.

מיט אַ קלאַפּענדן האַרץ און מיט זיין קלומיקל אויף זיינע פּלייצעס האָט זיך שלמה מיימון גענומען דערנענטערן צו דעם ראָזענטאַלער טויער פון בערלין.

ענדלעך, ענדלעך — האָט ער זיך געטראַכט, נאָך אַזוי פיל ליידן, נאָך אַזאַ שווערער רייזע און וואַנדערן צו־פוס, האָט ער דערגרייכט בערלין. זיין פאַנטאַזיע האָט זיך גענומען צעשפּילן; ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי מען נעמט אים אויף מיט אָפענע אָרעמס. די גרויסע געלערנטע און רייכע יידן געפינען אויס ווער ער איז און צוליב וואָס פאַר אַ צוועק ער קומט אַהער, וועט מען אים מקרב זיין. מען וועט אים העלפן און ער וועט דערגרייכן זיין ציל... ער האָט זיך געגעבן אָנגעהערט פון די גרויסע געלערנטע יידן וועלכע געפינען זיך אין בערלין, איבערהויפּט פון דעם באַרימטן יידישן געלערענטן, דענקער און פילאָזאָף, משה מענדעלזאָן. ווען ער וועט נאָר קריגן צוטריט צו אים, און האָבן אַ געלעגנ־הייט מיט אים צו פאַרפירן אַ געשפּרעך, וועט ער אים שוין זיכער ניט אָפּלאָזן...

זיינע געדאַנקען האָבן נאָך ווייטער געוואַנדערט... אָט איז ער שוין עטלעכע יאָר אין בערלין און אויך זיין נאָמען ווערט באַרימט. ער דערגרייכט זיין ציל... ער ווערט אַ גרויסער דאָקטאָר, און ניט נאָר וועט ער זיך באַשעפטיקן מיט מעדיצין, נאָר אויך מיט פילאָזאָפיע, איבער וויסנשאַפט. ער וועט אויסדריקן זיינע געדאַנקען און דערמיט אַרויסרופן אַ סך פאַרערונג פון די גרויסע געלערנטע און פילאָזאָפן...

שלמה איז צוגעקומען צו דעם ראָזענטאַלער טויער. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן. באַלד איז צו אים צוגעקומען אַ יידישער וועכטער און אים געפרעגט:

— וואוהין גייסטו?

— איך וויל אַריינקומען אין שטאָט, אין בערלין! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן.

דער וועכטער האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן.

— און וואָס קען אַזאַ ווי דו טאָן אין בערלין? גיין איבער די הייזער?

— איך בין געקומען אַהער שטודירן!

— האָסטו פריינט אין בערלין?

— דערוויַיל האָב איך ניט קיין פריינט — ענטפערט שלמה — אָבער איך בין זיכער, אַז ווען איך וועל דאָרט זיין וועל איך קריגן פריינט!

— האָסטו מיט זיך געלט?

— ניין, איך האָב אויסגעגעבן מיין גאַנצע געלט אויף רייזע הוצאות צו קומען אַהער.

— און ווי אַזוי וועסטו זיך מפרנס זיין? — פרעגט אים דער וועכטער.

— גאָט וועט מיך ניט פאַרלאָזן! — ענטפערט שלמה.

— אויב אַזוי מעגסטו וויסן, אַז קיינער קען ניט אַריינקומען אין שטאָט דורך דעם טויער אָן דער ערלויבעניש פון דעם עלטסטן פון דער בערלינער קהילה.

— און דורך וועלכן טויער לאָזט מען יאָ אַריין אין בערלין? — פרעגט אים שלמה.

— עס זיינען פאַראַן אַנדערע טויערן! — שמייכלט דער וועכטער — אָבער יענע טויערן זיינען בלויז פאַר קריסטן. אַ ייד קען אַריינקומען בלויז דורך אָט דעם ראָזענטאַלער טויער, און בלויז מיט דער צושטימונג פון דער יידישער קהילה.

— קען איך זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה?

— פריער וועסטו דאַרפן אַריינקומען אין דעם פאַרזאָרגונגס־הויז פאַר די אָרעמע לייט! — האָט דער יידישער וועכטער אים געזאָגט — די וועסט קענען דאָרט בלייבן ביז וואַנען דער עלטסטער פון דער בערלינער יידישער קהילה וועט באַשטימען צי דו וועסט קענען אַריין אין בערלין, אָדער דו וועסט זיך דאַרפן אומקערן אַהין פון וואַנען דו ביסט געקומען... קום מיט מיר!

שלמה מיימון איז נאָכגעגאַנגען דעם וועכטער, וועלכער האָט אים צוגעפירט צו אַ נידריקער געביידע. זיי זיינען אַרויף אויף עטלעכע טרעפּלעך, וואָס האָט געפירט צו אַ טיר. דער וועכטער האָט די טיר אויפגעעפנט, און צו שלמהס אויערן האָט דערגרייכט אַ געפילדער און אַ געשריי פון אַ פּאָר צענדליק קבצנים וועלכע האָבן זיך דאָן געפונען אין דעם לאַנגען צימער פון „הקדש". אין דער זעלבער צייט האָט צו זיינע נאָזלעכער דערגרייכט אַ שווערער גערוך פון געקאָכטע שפּייזן וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיט דעם שווייס און טוכלעקייט פון די פאַרשמוצטע און פאַרשמאָלצענע צעריסענע בגדים פון די בעטלער.

— געפין דאָ אַ פּלאַץ! — האָט דער וועכטער אָנגעוויזן שלמהן אויף די לאַנגע בענק וואָס זיינען געווען באַזעצט פון די קבצנים — און דו וועסט קריגן אַביסל געקעכץ. שפּעטער וועט דאָ קומען דער עלטסטער פון דער בערלינער יידישער קהילה און ער וועט דיך נעמען אוי אַ פאַרהער, און אויב דו וועסט געפינען חן אין זיינע אויגן, וועט ער דיר געבן די דערלויבעניש.

ווי הונגעריק שלמה איז געווען, האָבן די טוכלעקייט און דער שלעכטער

גערוך וואָס האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן צימער פאַרטריבן זיין אַפּעטיט און אים איז גאָרניט געקראָכן אין האַלדז...

ער איז געבליבן זיצן מיט זיין קלומיקל לעבן ברעג פון טיש. ער האָט באַטראַכט די אַלע אַרומיקע. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען וויסטע קאַליקעס, וועלכע האָבן געהאַלטן קוליעס אין זייערע הענט. אַנדערע זיינען געווען בלינדע און האַלבע בלינדע. ניט ווייט פון אים איז געזעסן איינער מיט אַ געשוואָלענעם פּנים, וואָס זיין מויל איז געווען פאַרקרימט אָן אַ זייט. פונקט קעגנאיבער איז געזעסן אַן עלטערער, שטאַרק באַוואַקסענער ייד. פון איבער זיין האַלדז איז געהאָנגען אַ פעטליע פון אַ פאַרשמוצטער טוך, אין וואָס ער האָט געהאַלטן זיין לינקע פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט. די געזונטע אָרעמע לייט זיינען ניט איינגעזעסן אויף איין פּלאַץ. זיי האָבן געשפּרייזט איבערן לאַנגן צימער הין און צוריק און האָבן צווישן זיך גערעדט, זיך געזידעלט און געשאָלטן...

באַלד האָבן זיך אַלע איינגעשטילט, שלמה האָט אַ דריי געטאָן זיין קאָפּ און ער האָט באַמערקט ווי אַ מיטליעריקער ייד, מיט אַ לאַנגער גרוילעכער באָרד און אָנגעטאָן אין רבנישע בגדים, איז אַריינגעקומען אין דעם גרויסן צימער פון „הקדש".

— ווער איז ער דאָס? — האָט שלמה אַ פרעג געטאָן דעם אָרימאַן וועלכער איז געזעסן לעבן אים.

— מיט אונדז האָט ער ניט צו טאָן! — האָט דער קבצן זיך אָנגערופן צו שלמהן — ער קומט דאָ אַריין יעדן טאָג אויסצוגעפינען צי אין הקדש געפינען זיך אָרעמע רבנים אָדער חזנים, און ער רעדט זיך דורך מיט זיי און אויב יענע געפעלן אים, גיט ער דאָס איבער צו דעם עלטסטן פון דער קהילה און יענע ווערן גלייך אַריינגעלאָזן אין שטאָט.

— איר מיינט, אַז אויב איינער איז אַ רב האָט ער קיינע שוועריקייטן ניט אַריינצוקומען אין שטאָט? — פרעגט שלמה און זיינע אויגן האָבן זיך צעלויכטן.

— וואָס איז דאָ מיט דיר אַזוי די גדולה? — האָט אים דער אָרימאַן אָפּגעמאָסטן מיט זיינע בליקן — דו מיינסט, אַז דאָס וואָס דו טראָגסט אַ רבנישע „זשופּיצע" וועט ער דיך שוין אַריינלאָזן אין שטאָט?... נאָך ניט אַזוי שנעל. ער געפינט פריער אויס ווער יענער רב איז, וואָס איז דער צוועק פון זיין קומען אין בערלין, און אַז ער איז צופרידן מיט אַלע ענטפערס דאַן רעקאָמענדירט ער אים צום עלטסטן פון דער קהילה, וועלכער גיט אים די נויטקע דערלויבעניש אַריינצוקומען אין שטאָט. אויב, אָבער, ער וואַרפט אַן אומ'חן אויף יענעם וועלכער גיט זיך אָן פאַר אַ רב, אָדער אויב יענער קען אים ניט איבערצייגן, אַז ער איז אַ רב אָדער אַ חזן, דאַן מעגסטו שוין זיין זיכער, אַז יענער וועט אין בערלין ניט אַריינגעלאָזן ווערן.

— נו, אויב אַזוי וועל איך שוין מיט אים ריידן! — האָט שלמה מיט צופרידנהייט זיך אָנגערופן — איך האָב אַלע נויטיקע צייגענישן...

— אפשר ביסטו טאַקע אַ רב? — האָט דער קבצן פרובירט פון אים אָפּ־חוזקן — טאָ ווי קומט עס, אַז דו זיצט דאָ, צווישן די אַלע אַנדערע שנאָרער?...

דאָרט, אין דער צווייטער זייט פון צימער, זיצן די אַלע וועלכע האַלטן זיך פֿאַר רבנים און אַנדערע כלי קודש.

— דאָס האָב איך ניט געוואוסט! — האָט זיך שלמה אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און אויפגעהויבן זיין קלומיקל.

— מיר האָבן גאָרניט געוואוסט וועמען מיר האָבן געהאַט צווישן זיך! — האָט דער קבצן זיך פונאַנדערגעלאַכט, ווענדענדיק זיך צו די אַנדערע קבצנים וועלכע זיינען געזעסן ביי יענעם טיש — איר זעט דאָך, אַז ער אַנטלויפט פון אונדז צו די כלי קודש.

— ער וועט באַלד קומען צוריק! — לאַכט אַ צווייטער קבצן — ער וועט אים ניט נאַרן.

שלמה האָט זיך צוגעזעצט לעבן די עטלעכע יידן וועלכע האָבן געשיינט צו זיין פון די כלי קודש. ער האָט באַמערקט ווי דער מאַן אין די רבנישע בגדים רעדט צו איינעם פון יענע.

ער האָט זיך צוגערוקט עטוואָס נענטער ווי דער רב רעדט זיך דורך מיט דעם אָרימען פרעמדן. זיי ריידן אין לערנען און דאַן פרעגט ער אים וועגן דעם צוועק פון זיין קומען אַהער. אים איז געווען שווער צו הערן וואָס יענער האָט אים געענטפערט, אָבער ער האָט באַמערקט ווי דער רב האָט אַרויס־גענומען אַ בליישטיפט און אַ שטיקל פּאַפּיר און פאַרצייכנט אַלץ וואָס יענער האָט אים געזאָגט.

אַזוי שנעל ווי שלמה האָט דערזען, אַז יענער רב איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם אורח, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט:

מיין נאָמען איז שלמה מיימון! איך קום פון נעסוויזש, ליטע. איך האָב סמיכה אויף רבנות.

— שלום עליכם! — האָט דער רב אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו שלמהן, וועלכער האָט זי געדריקט מיט צופרידנהייט.

שלמה האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזים־קעשענע די סמיכה און ער האָט עס געוויזן יענעם רב, וועלכער האָט עס דורכגעלייענט און געזאָגט:

— איך זע, אַז מען לויבט אייך זייער שטאַרק. ווייזט אויס, אַז איר קענט אַ סך לערנען!

— מיט גאָטס הילף! — רופט זיך אָן שלמה מיט אַ שמייכל — איך בין קלאָר אין ש״ס און מפרשים...

— קומט צו דאָרט, לאָמיר זיך צוזעצן — האָט דער רב צו אים געזאָגט און אים אָנגעוויזן אויף אַ ווינקל, וואו עס איז געווען אַ באַזונדער טישל.

שלמה האָט זיך צוגעזעצט. דער רב האָט זיך געזעצט אויף דער צווייטער זייט. ער האָט גענומען ריידן מיט אים אין לערנען, און עס האָט לאַנג ניט גענומען און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז שלמה מיימון איז ווירקלעך אַ גרויסער למדן, און ער האָט אים טאַקע גענומען לויבן.

ער האָט מיט אים אַזוי פאַרבראַכט אַ היפּשע ווײַלע. שלמה האָט פאַר אים געזאָגט אַ גאַנצן פּילפּול און דאָס האָט דעם רב נאָך מער צופרידנגעשטעלט.

— איצט זאָגט מיר, ר׳ שלמה מיימון, איך פרעג אייך, אַזאַ למדן ווי איר,

אַזאַ בן־תּורה! האָט איר דען ניט געקענט געפינען פאַר זיך אַ פּלאַץ אין ליטע אָדער אין פּוילן צו לערנען תּורה? ווי קומט עס וואָס איר זייט געקומען אַהער און איר ווילט לערנען תּורה דווקא אין בערלין?

ווען שלמה האָט געענומען פּילן, אַז דער רב איז צו אים צוגעלאָזן און אַז ער האַלט זייער שטאַרק פון אים, איז ער געווען איבערגליקלעך. עס איז ביי אים קיין צווייפל ניט געווען, אַז אָט דער רב וועט אים העלפן צו פאַר־בלייבן אין בערלין. ער האָט באַשלאָסן צו זיין אָפנהאַרציק מיט אים און אים אַנפאַרטרויען אַלץ וועגן זיך.

שלמה האָט אים דערציילט וועגן זיין לעבן אין ליטע, וועגן זיין פאַרהייראַטן לעבן אין דעם קליינעם שטעטל נעסוויזש, וועגן זיין באַשלוס ניט צו זיין קיין רב. ער האָט אים אויך איבערגעגעבן וועגן זיין פאַרלאַנג צו שטודירן מעדיצין און פילאָזאָפיע.

— איך וויל אַז איר זאָלט מיר פאַרשטיין — האָט ער זיך אָנגערופן צום רב — איר זאָלט ניט מיינען, אַז דאָס זיינען ביי מיר בלויז פּוסטע חלומות. איך האָב שוין אַן אָנונג אין פילאָזאָפיע. איך האָב גוט דורכגעשטודירט דעם „מורה נבוכים״... אויב איר האָט אַ ביסל צייט וועל איך אייך באַלד עפּעס ווייזן.

— איך האָב צייט! איך האָב צייט פאַר אייך! — האָט דער רב געזאָגט.

שלמה האָט אַרויסגענומען אַ דיקלעכן מאַנוסקריפּט פון זיין בוזים קעשענע און ער האָט דאָס געוויזן דעם רב, זאָגנדיק:

— איך האָב אָנגעשריבן אַ פּירוש אויף דעם „מורה נבוכים״... אָט דעם דאָזיקן פּירוש רוף איך „גבעת המורה״. איך האָב אָט דעם כּתב יד געוויזן געוויסע לומדים, וועלכע זיינען גוט באַהאַוונט אין דעם רמב״מס ווערק, און זיי זיינען אַנטציקט פאַר דעם. דעריבער האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מיין שטעטל און קומען אַהער, קיין בערלין, צו שטודירן, ווייל, ווי איך ווייס, זיינען דאָ פאַראַן יידן וועלכע זיינען אי גרויסע לומדים און אי גרויסע פילאָזאָפן.

— זייער גוט! — האָט דער רב געזאָגט און ער האָט ביי זיך פאַרנאָטירט אין נאָטיץ־ביכל.

שלמה איז געווען אין זיבעטן הימל פון גליק. עס איז ביי אים קיין צווייפל ניט געווען, אַז ער האָט געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק אויף דעם רב און אַז ער וועט אים זיכער רעקאָמענדירן, אַז מען זאָל אים געבן די דער־לויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין.

דערווייל איז דער רב אַוועק פון אים צו אַ צווייטן, מיט וועמען ער האָט זיך דורכגערעדט פאַר אַ קליינער ווײַלע, און ער איז באַלד פאַרשוואונדן גע־וואָרן.

— נו, ענדלעך האָב איך דערגרייכט מיין ציל! — האָט שלמה ביי זיך געטראַכט — ווי באַלד עס געפינען זיך אין בערלין אַזעלכע מענטשן ווי אָט דער ווירדיקער רב איז, וועלכער איז אַליין אַ גרויסער למדן און ווייסט ווי אָפּ־צושאַצן אַנדערע תּלמידי חכמים, וועט ער שוין אין בערלין ניט גיין פאַרלאָרן.

די טעג פון מאַטערנישן און ליידן זיינען פאַריבער. דאָ, אין בערלין, וועט ער רואיג קענען זיצן און שטודירן ביז וואַנען אַלע זיינע חלומות וועלן פאַר־ווירקלעכט ווערן...

— ווי איך זע, האָט זיך דער בערלינער רב באַנומען גאַנץ פריינטלעך צו דיר! — האָט זיך איינער פון די אָרעמע לייט געווענדט צו שלמהן — אפשר וואָלסטו זיך געקענט פאַר מיר משתדל זיין ביי דעם זעלבן רב ער זאָל זען פועלן, אַז מען זאָל מיך לאָזן פאַרבלייבן אין בערלין. איך געפין זיך דאָ אין הקדש שוין באַלד אַ וואָך צייט. מען וואָלט מיך שוין לאַנג אַרויסגעשיקט פון דאַנען, איז אָבער מיין גליק וואָס איך בין ניט געזונט געוואָרן, האָט מען מיר דערלויבט צו בלייבן דאָ ביז וואַנען איך וועל געזונט ווערן. איצט, אַז איך בין געזונט, וועלן זיי מיך מאָרגן פון דאַנען אַוועקשיקן, און איך וועל דאַרפן ווייטער וואַנדערן. איצט בעט איך דיך, וויבאַלד אַז מען וועט דיר געבן די דער־לויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין, וואָלסטו געקענט אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט אויך פאַר מיר...

— אָבער איך בין דאָך אַליין דערווייל אַן אורח און לויט דער גמרא איז „אין אורח מכניס אורח", איין אורח האָט קיין רעכט ניט אַריינצוברענגען אַ צווייטן — האָט שלמה געזאָגט.

— אָבער עס וועט דאָך דיר גאָרניט שאַטן צו פּרובירן! — זאָגט דער אָרימאַן.

— זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט מען אייך ניט דערלויבט צו פאַרבלייבן אין בערלין?

— פאַרוואָס? עס פעלן זיי דען קבצנים אין בערלין? ווען איך וואָלט געווען אַ רייכער ייד, אָדער אַ גרויסער למדן, וואָלט איך שוין געקראָגן דער־לויבעניש. אָבער וויבאַלד איך בין אַן אָרימאַן, הייסן זיי מיר גיין וואַנדערן ווייטער.

— אָבער וואָס איז אייער ציל? איך מיין, וואָס האָפט איר צו טאָן אין בערלין?

— וואָס הייסט, וואָס האָף איך צו טאָן? אין בערלין זיינען פאַראַן רייכע יידן, און אויך פרומע יידן, וועט זיי ניט פאַרשאַטן אויב זיי וועלן האָבן נאָך אַ מצווה צו דער האַנט און געבן צדקה צו נאָך אַן אָרימאַן. איך בין די גאַנצע צייט געזעסן ניט ווייט פון דעם פלאַץ וואו דער רב און דו האָבן גערעדט אין לערנען. איך האָב גלייך געקענט זען, אַז דו וועסט שוין קיין שוועריקייטן ניט האָבן צו בלייבן אין בערלין, דעריבער בעט איך דיך נאָכאַמאָל, אַז ווען ער וועט דאָ נאָכאַמאָל קומען זאָלסטו אים בעטן, אַז מען זאָל מיט מיר מאַכן אַן אויסנאָם און מיר געבן די דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין.

— אויב מיינע רייד וועלן נאָר האָבן אַ ווירקונג, וועל איך דאָס זיכער טאָן!

— האָט אים שלמה פאַרשפּראָכן.

— דו וועסט דערמיט פאַרדינען אַ גרויסע מצווה! — האָט דער אָרימאַן זיך אָנגערופן — און אַז גאָט וועט מיר העלפן וועל איך דיר ווען עס איז אָפּדינען פאַר דיין טובה.

דער משגיח פון הקדש האָט זיך אויך גענומען באַציִען פריינטלעכער צו שלמהן נאָכדעם ווי ער האָט באַמערקט ווי דער רב פאַרברענגט אין לערנען מיט דעם יונגן מאַן וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען. ער איז צו אים צו־געגאַנגען און אים געפרעגט אויב ער וואָלט עפּעס געוואָלט צובייסן.

— ניין, אַ דאַנק! — האָט שלמה געזאָגט — מן הסתם וועל איך באַלד זיין אין שטאָט און דאָרט וועל איך שוין ניט פאַרפאַלן ווערן.

— די עלטסטע פון דער קהילה וועלן ערשט קומען אַהער אין אָוונט! — האָט דער משגיח געזאָגט — און ביז דאַן וועסטו זיין גוט הונגעריק. פאָלג מיך און זעץ זיך אַוועק עסן. איך וועל הייסן, אַז מען זאָל דיר צוברענגען אַ ביסל געקעכץ.

— איך האָב שוין געהאַט אַביסל געקעכץ! — האָט שלמה געזאָגט.

— איך ווייס! אָבער דו האָסט דאָך איינגאַנצן איבערגעלאָזן. דו ביסט פריער געזעסן צווישן יענע קבצנים, וועלכע האָבן דיר פאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט. איצט, אַז איך זע, אַז דו ביסט פון די רבנים, וועסטו זיך זעצן אָט דאָרט לעבן די אַנדערע כלי קודש.

שלמה האָט זיך געזעצט דאָרט וואו ער האָט אים אָנגעוויזן און דער משגיח האָט שוין געזען אַז מען זאָל אים צוברענגען געקעכץ און אַ שטיקל פלייש מיט ברויט.

— אויב דו ווילסט נאָך עפּעס, זאָלסטו מיר זאָגן און איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט עס באַקומען — האָט דער משגיח זיך צו אים אָנגערופן — דו דאַרפסט זיך גאָרניט שעמען!

— איך דאַנק אייך! — האָט שלמה געזאָגט.

— איך האָב שוין באַמערקט ווי דער רב האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פון דיין מויל, ווען דו האָסט געזאָגט דעם פּילפּול פאַר אים... ניט מיט יעדן איינעם פאַרברענגט דער רב אַזאַ לאַנגע צייט ווי ער האָט פאַרבראַכט מיט דיר. איך בין כמעט זיכער, אַז דו וועסט זיין צווישן די גליקלעכע וועלכע וועלן קענען פאַרבלייבן אין בערלין...

נאָך אָט דעם דאָזיקן געשפּרעך מיט דעם משגיח איז שוין ביי שלמהן דער מינדסטער צווייפל ניט געווען, אַז אים וועט ניט אויסקומען צו נעכטיקן אַפילו איין נאַכט אין „הקדש". מען וועט אים נאָך היינטיקן אָוונט אַריינלאָזן אין שטאָט און דאָרט וועט מען שוין זען אים צו באַזאָרגן מיט אַ נאַכטלעגער און מיט אַלע אַנדערע נויטווענדיקייטן. ער האָט גענומען מאַכן פּלענער וואָס ער וועט טאָן מאָרגן, דעם ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען אין בערלין.

די ערשטע זאַך וועט ער זען זיך צו באַקענען מיט משה מענדעלזאָן — האָט שלמה ביי זיך באַשלאָסן — ער איז דאָך פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע יידישע געלערנטע און פילאָזאָפן... דורך אים וועט ער קריגן צוטריט צו די אַנדערע גרויסע געלערנטע און אויף אַזאַ אופן וועט ער דערגרייכן זיין ציל... דער זעלבער רב מיט וועמען ער האָט פריער פאַרבראַכט אין לערנען, וועט אים געוויס אויך אַ סך אַרויסהעלפן...

שלמה האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע

אַרימעלייט, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין הקדש אָן האָפנונג אַריינגעלאָזן צו ווערן אין שטאָט. ער האָט געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף דעם קומען פון די עלטסטע פון דער קהילה און זיי זאָלן אים געבן די דערלויבעניש אַרײַנ־צוקומען אין בערלין.

אין אָוונט זיינען אין הקדש אַריינגעקומען די עלטסטע פון דער בערלינער יידישער קהילה. שלמה האָט באַמערקט פלוצלונג ווי אַלע אָרעמע לייט וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען אין דעם גרויסן צימער פון הקדש הין און צוריק און האָבן ניט אויפגעהערט צו ריידן און פילדערן, זיינען מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. יעדער פון זיי האָט זיך געזעצט. זייערע אויגן זיינען געווען געווענדעט צו די דריי עלטסטע פון דער קהילה. זיין האַרץ האָט אויך גענומען קלאַפּן האַסטיק. באַלד וועט מען אויסרופן זיין נאָמען און מען וועט זאָגן, אַז ער ווערט אַרײַנ־געלאָזן אין בערלין...

דער משגיח איז געגאַנגען פאַראויס און ער האָט געזען, אַז אַלע זאָלן בלייבן זיצן אין אָרדנונג. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם קליינעם טיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער, און ער האָט דאָרט אָוועקגעלייגט אַ לאַנגע צעטל, וואו עס איז געווען פאַרשריבן די נעמען פון די אַלע וועלכע געפינען זיך אין הקדש...

די דריי עלטסטע פון דער קהילה האָבן זיך געזעצט לעבן טיש. זיי האָבן אַרויסגענומען זייערע אייגענע נאָטיצן און האָבן זיי פאַרגליכן מיט די אַנדערע נעמען, און צו יעדן נאָמען עפּעס צוגעשריבן. ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופן:

— איך וועל איצט אָנרופן די נעמען פון די וועלכע וועלן קריגן די דער־לויבעניש אַריינצוקומען אין שטאָט בלויז צייטווייליק. אָט די דאָזיקע יידן, וועמענס נעמען איך וועל אויסרופן, וועלן קענען אַריינקומען אין שטאָט בלויז פאַר איין חודש צייט. נאָכן חודש וועלן זיי דאַרפן דערשיינען פאַר די עלטסטע פון דער קהילה און אָפּגעבן אַ באַריכט פון אַלץ וואָס זיי האָבן דאָ אויפגעטאָן דעם חודש, און ווען זייער באַריכט וועט זיין צופרידנשטעלנד צו די עלטסטע, וועלן זיי דאַן קריגן די דערלויבעניש צו בלייבן שטענדיק אין בערלין. אָבער אויב די עלטסטע וועלן זען, אַז זיי קענען מער ניט בלייבן, וועלן זיי גלייך מוזן פאַרלאָזן בערלין...

שלמה האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן. ווער ווייסט, אפשר איז ער אויך צווישן די וועלכע וועלן קענען בלויז פאַרבלייבן צייטווייליק אין בערלין. ער האָט געהערט ווי דער עלטסטער רופט אויס עטלעכע נעמען און ווען זיין נאָמען איז ניט געווען צווישן יענע, האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער וועט שוין זיין צווישן די וועלכע וועלן דערלויבט ווערן צו בלייבן אויף שטענדיק אין בערלין...

די, וועמענס נעמען מען האָט אויסגערופן, האָבן גענומען זייערע פּעקלעך און זיך געשטעלט אין אַ רייע ביי דער וואַנט, וואו דער משגיח האָט זיי אָנגעוויזן. ווען אין צימער איז ווידער געוואָרן רואיק, האָט זיך דער צווייטער פאַרשטייער פון דער קהילה אויפגעשטעלט און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אויסרופן די

נעמען פון די וועלכע האָבן געקראָגן די דערלויבעניש פון דער בערלינער יידישער קהילה צו פאַרבלייבן אויף שטענדיק אין שטאָט.

שלמהס האַרץ האָט גענומען האַסטיקער קלאַפּן. באַלד, באַלד וועט ער הערן זיין נאָמען. ער האָט שוין אויפגעהויבן זיין קלומיקל און איז געווען גרייט צו־צוגיין מיט זיין פּעקל דאָרט וואו מען וועט אים אָנווייזן.

ווי דערשראָקן איז ער געוואָרן ווען ער האָט געהערט ווי דער צווייטער, עלטסטער רופט אויס די נעמען און זיין נאָמען ווערט דאָרט ניט דערמאָנט.

— וואָס קען דאָס זיין? פאַרוואָס איז זיין נאָמען ניטאָ צווישן די גליקלעכע וועלכע האָבן געקראָגן די דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין אויף שטענדיק? מעגלעך, אַז דורך אַ טעות איז זיין נאָמען דורכגעלאָזן געוואָרן... ער האָט געזען ווי די געציילטע גליקלעכע גייען צו מיט זייערע פּעקלעך און שטעלן זיך אין רייע...

גלייך נאָכדעם האָט זיך דער דריטער פאָרשטייער פון דער קהילה אויפגעשטעלט און ער האָט אויסגערופן:

— די אַלע וועמענס נעמען איך וועל אויסרופן וועלן גלייך אויף מאָרגן מוזן פאַרלאָזן די פאַרזאָרגונגס־הויז און גיין צוריק אַהין פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

ער האָט גענומען אויסרופן די נעמען. צווישן אַלע נעמען וואָס ער האָט אַרויסגעליינט פון צעטל איז אויך געווען דער נאָמען „שלמה מיימון"...

— אָ, ניין! ניין! — האָט שלמה אויסגערופן — דאָ איז פאָרגעקומען אַ טעות!

קיינער האָט ניט געלייגט אַכט צו זיינע רייד, און דער עלטסטער האָט פאָרגעזעצט לייענען די נעמען. אין צימער איז געוואָרן אַ געמורמל פון די וועלכע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צוריקגעשיקט צו ווערן. אייניקע פון זיי האָבן פּרובירט שרייען, אָבער דער משגיח האָט זיי באַלד איינגעשטילט.

שלמהס הענט און פיס האָבן געציטערט. אין זיינע שלייפן האָבן האַמערס געקלאַפּט... ער האָט געפאַסט מוט און ער איז צוגעגאַנגען צו די דריי עלטסטע און ער האָט זיך צו זיי געווענדט:

— עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט, אַז דאָ קומט פאָר אַ טעות! איך האָב סמיכה אויף רבנות. איר קענט זיך פרעגן ביים רב וועלכער האָט מיט מיר פאַרבראַכט אַ היפּשע ווילע אין לערנען. איך האָב אים דערקלערט פאַרוואָס איך בין אַהער געקומען. איך וויל שטודירן מעדיצין און וויסנשאַפט. אָט וועל איך אייך ווייזן, אַז איך האָב אָנגעשריבן אַ פּירוש אויף דעם רמב"מס „מורה נבוכים" — האָט ער אַרויסגענומען דעם כתב־יד און זיי געוואָלט ווייזן.

— דו דאַרפסט דיך ניט באַמיען, מיר ווייסן אַלץ! — האָט איינער פון די פאָרשטייער געזאָגט — דאָ איז שוין גאָר קיין טעות ניט פאָרגעקומען. דו וועסט מוזן מאָרגן פאַרלאָזן די פאַרזאָרגונגס־הויז!

— איך בעט אייך, שיקט רופן דעם רב מיט וועמען איך האָב היינט גערעדט אין לערנען. ער וועט אייך זאָגן, אַז איך האָב פאַרדינט, אַז מען זאָל מיר געבן די דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין!

די דריי עלטסטע פון דער קהילה האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן און האָבן דערביי צוגעשמייכלט.

— איך בעט אייך, גיט מיר אַ געלעגנהייט צו בלייבן אין בערלין אַפילו ווען דאָס זאָל זיין בלויז אויף איין חודש צייט. איך בין זיכער, אַז איר וועט זיך דאַן איבערצייגן, אַז איך וועל ניט פאַלן צו לאַסט די יידישע קהילה אין בערלין. איך וועל זען, אַז די יידישע קהילה פון בערלין זאָל שטאָלצירן מיט מיר!

— אומזיסט זיינען דיינע רייד! דו וועסט אין שטאָט ניט קענען אַריינקומען, אַפילו ניט צייטווייליק! — האָט דער פאָרשטייער, וועלכער האָט אויסגערופן זיין נאָמען, זיך אָנגערופן צו אים — אונזער באַשלוס וועט ניט געענדערט ווערן!

שלמה האָט געוואָלט נאָך עפּעס ריידן, זיך בעטן ביי די פאָרשטייער, אַז זיי זאָלן אויף אים רחמנות האָבן, אָבער דער משגיח איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים אַ טורקע געטאָן אין זייט זאָגנדיק:

— דו האָסט דאָ מער ניט וואָס צו ריידן! דו וועסט דאָ איבערנעכטיקן און מאָרגן וועסטו אַוועק פון דאַנען! דו הערסט?

— וואָס איז דאָ געשען? — האָט שלמה אָנגעקוקט דעם משגיח. ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק האָט דער משגיח זיך צו אים באַנומען אַזוי פריינטלעך און העפלעך, און ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיין צווישן די גליקלעכע וועלכע וועלן קריגן די דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין, און איצט שרייט ער אויף אים מיט שטרענגע דיבורים, אַז מאָרגן וועט ער זיך דאַרפן אָפּטראָגן פון דאַנען...

— קום מיט מיר! — האָט דער משגיח ווייטער גערעדט צו אים — איך וועל דיר אָנצייגן דיין געלעגער!

— אָבער ווי אַזוי קען מען דאָס טאָן צו מיר? איך האָב דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגן וועג! איך האָב אויסגעגעבן די גאַנצע געלט וואָס איך האָב געהאַט מיט דער האָפנונג צו קומען אַהער, און איצט אַז איך האָב נאָך אַזוי פיל ליידן און מאַטערניש דערגרייכט בערלין, שיקט מען מיך צוריק! יידן זיינען דאָך באַוואוסט אַלס רחמנים בני רחמנים, ווי אַזוי קענט איר מיר אַרויסווייזן אַזוי פיל אַכזריות?

— קום אַהער! — האָט איינער פון די עלטסטע זיך אָנגערופן צו שלמהן.

ווען שלמה איז צוגעגאַנגען צו אים האָט יענער אַרויסגענומען פון זיין קעשענע עטלעכע מטבעות און דערלאַנגט שלמהן זאָגנדיק:

— אָט האָסטו דיר אויף הוצאות הדרך!

שלמה האָט גענומען דאָס געלט און ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער די עלטסטע זיינען גלייך אַרויס פון דעם הקדש. שלמה איז געבליבן שטיין אַ פאַרווירטער. דער משגיח האָט אים אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל און אים געהייסן נאָכגיין.

אפשר וואָלט איר מאָרגן געקענט זען דעם רב וועלכער האָט מיט מיר היינט גערעדט אין לערנען? — האָט שלמה אַ פרעג געטאָן דעם משגיח.

— און וואָס וועט שוין זיין, אַז איך וועל אים קענען זען?

— וועל איך אייך בעטן אַ טובה! זאָגט אים אין מיין נאָמען, אַז איך בעט אים קומען צו מיר אַהער, אין דעם פאַרזאַרגונגס הויז, ווייל איך וויל מיט אים ריידן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.

— ווען דו פאָלגסט מיך, וואָלסטו זיך איינגעזאָגט אַרויסגעשלאָגן פון דיין קאָפּ יענעם רב! — האָט דער משגיח געזאָגט צו אים.

— אָבער יענער רב האָט דאָך מיך פאַרשטאַנען! ער האָט איינגעזען, אַז איך בין ניט קיין איינפאַכער ייד, אַז איך קען גוט לערנען און אַז איך פאַרשטיי זייער גוט דעם „מורה נבוכים" און אַנדערע גרויסע פילאָזאָפישע ווערק! איך בין זיכער, אַז ער וועט זיך פאַר מיר איינשטעלן. ער וועט מיר זען צו העלפן.

— איך זע דאָך, אַז דו ביסט אַ גרויסער געלערנטער! — האָט דער משגיח זיך צו אים אָנגערופן — אָבער דו ביסט דערצו אַ גרויסער בטלן!

— פאַרוואָס? — האָט אים שלמה אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג.

— ווייל דו ווילסט זיך ניט אַריינטראַכטן וועגן דער סיבה פאַרוואָס די עלטסטע פון דער קהילה האָבן דיר ניט געגעבן די דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין!

— איך פאַרשטיי טאַקע ניט פאַרוואָס! — רופט זיך אָן שלמה.

— וויסטו, אַז די פאָרשטייער פון דער קהילה זיינען זייער פרומע יידן, און וועגן דעם רב וועלכער האָט מיט דיר גערעדט, מעגסטו אויך וויסן, אַז ער איז זייער פרום און דערצו אַ גרויסער קנאי. ווען דו האָסט אים דערציילט, אַז דו ביסט געקומען אַהער שטודירן מעדיצין און זיך אין דער זעלבער צייט פאַרטיפן אין וויסנשאַפט, איז עס אים ניט געפעלן געוואָרן. איבערהויפּט ווען דו האָסט אים באַוויזן דיין פירוש אויף דעם „מורה נבוכים", איז דאָס ביי אים געווען אַ באַוויז, אַז דו ביסט אין האַרצן אַן אַפּיקורס, און אַז מיט דעם וואָס דו וועסט לערנען וויסנשאַפט וועסטו נאָך מיט דעם זיך באַוואָפענען מיט מער אַפּיקורסות...

— אָבער ווי איך האָב געהערט, געפינען זיך אין בערלין גאַנץ פרומע יידן וועלכע זיינען גוט באַהאַוונט אין וויסנשאַפט און אין פילאָזאָפיע, אָט למשל, ווי משה מענדעלזאָן, וועגן וועמען איך האָב געהערט, אַז ער איז אי אַ גרויסער למדן, אי אַ פילאָזאָף און אי אַ פרומער... זיין אַלזייטיק קענטעניש שאַדט אים לגמרי ניט צו זיין פרומקייט!...

— עס איז אַ גרויסער אונטערשייד ווען אַ דייטשער פרומער ייד און אַ תלמודיסט נעמט זיך צו פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט, צי אַ פוילישער תלמודיסט נעמט זיך צו השכלה! — זאָגט אים דער משגיח — אַ דייטשער פרומער ייד און למדן בלייבט דער זעלבער פרומער אַפילו ווען ער שטודירט וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, אָבער אַ פוילישער ישיבה בחור כאַפּט זיך צו צו השכלה, זוכט ער זיך איינצאַנצן אָפּצוקערן פון אמונה. ער איז געגליכן צו אַ מענטשן וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געהונגערט און פלוצלונג איז ער געקומען צו אַ טיש וואָס איז געווען פול מיט די בעסטע טייערסטע שפּייזן. אַזאַ מענטש פאַלט צו צום טיש מיט אַ העפּטיקער זשעדנעקייט און עסט זיך אָן אַזוי פיל ביז וואַנען ער מאַכט קאַליע זיין מאָגן. איצט פאַרשטייסטו שוין?

— אָבער די פֿאָרשטייער פֿון דער קהילה האָבן דאָך וועגן מיר גאַנץ ווינציק געוואוסט, טאָ ווי קומט עס, אַז זיי זיינען שוין געקומען מיט אַ פּאַרטיקן באַשלוס מיך ניט אַריינצולאָזן אין בערלין?

— פֿאַרוואָס קומט אַריין אַהער דער רב איידער די פֿאָרשטייער פֿון דער קהילה קומען? ווייסטו די אורזאַכע?

— ניין, איך ווייס ניט!

— דער רב רעדט זיך דורך מיט די אָרעמע רבנים און לומדים וועלכע זוכן אַהער צו קומען. אויב ער איז איבערצייגט, אַז יענער רב איז באמת זייער פֿרום, וועט ער אים רעקאָמענדירן אַריינגעלאָזן צו ווערן אין שטאָט. ווען אָבער ער גלויבט, אַז יענער רב טראָגט זיך אַרום מיט אַפּיקורסישע געדאַנקען, וועט ער שוין יענעם ניט רעקאָמענדירן... איצט פֿאַרשטייסטו שוין?... איך בין ניט מחויב דאָס אַלץ פֿאַר דיר צו צעקייען...

— יאָ, איצט פֿאַרשטיי איך שוין! — האָט שלמה מיט אומעט אַ זאָג געטאָן — אָט יענער רב, אויף וועמען איך האָב געלייגט אַזוי פֿיל האָפֿענונג, אַז ער וועט מיך רעקאָמענדירן צו פֿאַרבלייבן, האָט גאָר רעקאָמענדירט, אַז מען זאָל מיך בשום אופֿן ניט אַריינלאָזן אין שטאָט...

— איך האָב דאָס דיר אַלץ געזאָגט, כּדי דו זאָלסט זיך ניט אַריינלייגן פֿייגעלעך אין בוזים און טראַכטן אַז דיר וועט נאָך געלינגען אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן עס זאָל ניט זיין, אַריינצוקומען אין בערלין — האָט דער משגיח זיך אָנגערופֿן — דעריבער איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט גלייך, אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי, גיין זוכן אַן אַנדער פּלאַץ...

— אַ, גאָט מיינער! וואָס וועט איצט זיין? — האָט שלמה אויסגערופֿן — איך האָב געלייגט אַזוי פֿיל האָפֿנונג אויף דעם... איך קען זיך שוין מער ניט צוריקקערן... איך בין שוין באַלד פֿיר חדשים אין וועג... איך בין דערשעפּט, איך בין אויסגעמאַטערט. דאָס ביסל געלט וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך מיטגענומען האָב איך אויסגעגעבן אויף הוצאות הדרך. איז דאָס מעגלעך, אַז דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט און אומנישט?...

— איך האָב מיט דיר מיטלייד! — האָט דער משגיח געזאָגט — אָבער איך האָב מורא, אַז איך וועל דיר גאָרניט קענען העלפֿן... איך האָב דיר פֿיליכט ניט באַדאַרפֿט דערציילן ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, אָבער ווי איך האָב דיר געזאָגט, טוט מיר וויי דאָס האַרץ פֿאַר דיר... איך האָב דאָס דיר דערקלערט, כּדי דו זאָלסט ניט האָבן קיין פֿאַלשע האָפֿענונגען... עס וועט זיין אַ סך בעסער פֿאַר דיר ווען דו וועסט גלייך באַשליסן צו זוכן אַן אַנדער פּלאַץ וואו דו וועסט קענען דערגרייכן דיין ציל!

— אָבער וואו געפֿינט זיך אַזאַ פּלאַץ? איך בין געווען אין קעניגסבערג, האָט מען מיך געראַטן איך זאָל פֿאָרן קיין בערלין, און איצט, אַז איך בין שוין דאָ, לאָזט מען מיך ניט אַריין. עס איז מיר זייער שלעכט און ביטער. איך בעט אייך, אפֿשר קענט איר מיר מיט וואָס עס איז העלפֿן?

— דו דאַרפֿסט וויסן, אַז איך בין בלויז אַן אָנגעשטעלטער ביי דער קהילה... איך האָב זייער אַ שווערע אויפֿגאַבע... איך זע זיך אָן דאָ גענוג צרות און

פלאָגן... דו ביסט ניט דער איינציקער וועלכער האָט זיך קוים מיט צרות דערשלאָגן קיין בערלין מיט האָפענונג און דערוואַרטונגען, און ער איז געצוואונגען זיך צוריקצוקערן מיט ליידיקן... גלויב מיר, אַז מיין האַרץ ווייטאָקט מיר פאַר יעדן אומגליקלעכן, אָבער איך קען קיינעם ניט העלפן. מיינע רייד וואָלטן געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אויף די פאָרשטייער פון דער קהילה. איך וואָלט יענעם אָדער דיר קיין טובה ניט געקענט ברענגען, אָבער זיך וואָלט איך פּיליכט געבראַכט אַ רעה...

דעריבער דאַרפסטו וויסן, אַז איך קען דיר גאָרניט העלפן! אָט וועל איך דיר וויזן דיין בעטל. דו וועסט זיך אויסרוען און מאָרגן אין דער פרי זאָלסטו פון דאַנען אַוועקגיין און זוכן דיין גליק ערגעץ אַנדערש!

כאָטש שלמה איז געווען זייער מיד און דערשעפּט, האָט ער די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. זיין מוח האָט געאַרבייט אָן אויפהער. ער האָט געטראַכט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו קענען איבערשיקן אַ בריף צו משה מענדעל־זאָן, אפשר וואָלט ער אים געהאָלפן.

ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט זיך שלמה געוואַשן, געלייגט טלית און תפילין. דער משגיח האָט געהייסן גיין עסן פרישטיק, וואָס איז געווען גרייט פאַר אַלע אָרעמע לייט וועלכע האָבן באַדאַרפט פאַרלאָזן דעם „הקדש" און גיין אין וועג.

עס איז שלמהן גאָרניט געקראָכן אין האַלדז דאָס עסן. דער משגיח איז אָבער געשטאַנען לעבן טיש און גענומען אים איילן, אַז ער זאָל וואָס שנעלער פאַרלאָזן דעם „הקדש".

שלמה האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ ביסל האָפענונג, אפשר וועט אימיצער אָנ־קומען און מען וועט אים אַריינלאָזן אויף אַ קורצער ווילע.

— שנעל! שנעל! דו קענסט דאָ מער ניט פאַרבלייבן! — האָט דער משגיח זיך גענומען בייזערן אויף אים — דו זעסט, אַז די אַלע אַנדערע אָרעמע־לייט, וועלכע האָבן ניט געקראָגן די דערלויבעניש אַריינצוקומען אין שטאָט, האָבן שוין פאַרלאָזן דעם הקדש און זיי געפינען זיך שוין גאַנץ ווייט הינטער די טויערן פון שטאָט. דו ווילסט נאָך אַלץ ניט גיין!

— איך האָב ניט וואוהין צו גיין — האָט שלמה געווישט די טרערן פון זיינע אויגן — אפשר וועט זיך ביי וועמען עס איז געפינען אַ פונק פון רחמנות, און מען וועט ענדערן זייער באַשלוס...

— אַזעלכע ניסים פאַסירן דאָ ניט! — האָט דער משגיח געזאָגט און מיט אַ באַפעלערישער שטימע זיך צו אים געווענדעט:

— גיי גלייך אַוועק פון דאַנען! אויב אימיצער פון די קהילה פאָרשטייער וועלן דיך נאָך טרעפן אין „הקדש", וועט ער אויסלאָזן כל חמתו צו מיין קאָפּ!

דער משגיח האָט אים אָנגענומען פאַר זיין האַנט און ער האָט אים גענומען אַרויספירן פון הויז. שלמה האָט געטראָגן זיין קלומיקל אויף זיינע פּלייצעס און מיט וואַקלענדע טריט האָט ער זיך געלאָזט גיין ביז וואַנען ער איז שוין געווען הינטער די טויערן פון שטאָט.

דער משגיח האָט זיך צוריקגעקערט און שלמה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער גראָזיקער ערד און ער האָט אָנגעהויבן ביטער צו וויינען. ער האָט געוויינט אַזוי הויך און מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט, אַז אייניקע מענטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעשפּאַצירט פון שטאָט, האָבן דערהערט זיין געוויין און זיי זיינען צו אים צוגעגאַנגען. זיי האָבן אים גענומען אויספרעגן וואָס מיט אים איז געשען. שלמה האָט שלוכצנדיק פּרובירט זיי דערקלערן. אָבער קיינער פון די דייטשן האָט אים ניט געקענט פאַרשטיין. אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען איז, אַז מען ערלויבט אים ניט אַריינצוגיין אין שטאָט בערלין.

שלמה האָט אַזוי שטאַרק געוויינט, אַז עס האָט אים אָנגעהויבן וואַרפן אין היץ און אין קעלט. עס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ פייער פון פיבער. ער איז אַזוי געבליבן ליגן אויפן גראָז אַ קראַנקער. אימיצער, וועלכער האָט באַמערקט זיין פּנים, וואָס איז געווען רויט פון היץ, האָט עס איבערגעגעבן דעם וועכטער פון דעם ראָזענטאַלער טויער. דער וועכטער איז צוגעקומען צו אים און האָט אים באַטראַכט. ער האָט געהערט ווי ער רעדט פון היץ אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. ער איז באַלד אַוועק און דאָס איבערגעגעבן דעם משגיח, וועלכער איז שנעל צוגעקומען צו אים מיט צוויי פון די וועכטער. זיי האָבן אים אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און אים צוריק אַריינגעפירט אין „הקדש". מען האָט אים אַוועקגעלייגט אויף אַ בעטל און באַלד האָט מען געשיקט רופן דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט געמאָסטן זיין היץ און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זייער גרויסע היץ... שלמה איז אַזוי אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שוין זיין פיבער אַרונטער און ער האָט געזען, אַז ער געפינט זיך צוריק אין „הקדש". איינער פון די אָנגעשטעלטע האָט געבראַכט עפּעס צו עסן. יענער האָט אים דערציילט ווי אַזוי מען האָט אים געפונען ליגענדיק אַ קראַנקן אויף דעם גראָז און מען האָט אים געבראַכט אַהער.

אַ שטראַל האָפענונג האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין האַרצן. ער האָט איצט געהאָפט אויף דעם, אַז ער זאָל גוט קראַנק ווערן, וועט מען דאָך אים ניט קענען אַוועקשיקן פון דאַנען, און וואָס לענגער ער וועט דאָ פאַרבלייבן, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר אים. אפשר וועט אים, דורך דער צייט, געלינגען באַקאַנט צו ווערן מיט וויכטיקע פּערזאָנען, וועלכע וועלן זיך פאַר אים איינשטעלן און אויס׳פועלן פאַר אים איין דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין.

שלמה, אָבער, האָט זיך באַלד גענומען פילן בעסער. דער דאָקטאָר איז ווידער געקומען און ער האָט אים באַזוכט און דערקלערט, אַז זיין פיבער איז אַרונטער און אַז ער איז אינגאַנצן געזונט.

ווי נאָר דער משגיח האָט עס דערהערט האָט ער אים גלייך געהייסן גיין פון דאַנען.

שלמה האָט איינגעזען, אַז קיין שום טענות וועלן דאָ ניט העלפן. ער וועט מוזן גיין... אָבער וואוהין?... דאָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

ער האָט גענומען זיין קלומיקל אויף די פּלייצעס און האָט זיך געלאָזט גיין וואוהין די אויגן האָבן אים געטראָגן...

32

דערשלאָגן, מיט אַ געבראָכענעם געמיט, האָט זיך שלמה מיימון ווידער געלאָזט אין וועג. זיינע ליידן זיינען געווען ווי די ליידן פון יענעם מיטאָלאָגישן קעניג טאַנטאַלוס, וועלכער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט דעם וואָס ער איז פאַרמשפט געוואָרן צו די יסורים פון הונגער און דורשט; האָבנדיק אַרום זיך אַ סך וואַסער און די בעסטע שפּייזן, האָט ער אָבער ניט געקענט דערלאַנגען צו זיי... אויך ער האָט שוין געהאַט דערגרייכט זיין ציל. ער איז געשטאַנען ביי די טויערן פון בערלין, און אַהין ניט געקענט אַריינקומען... יאָ, די זעלבע אונערטרעגלעכע יסורים אין דער נאָענטקייט פון אומדערגרייכבאַרן גליק...

אַזוי האָט שלמה אָפּגעוואַנדערט אַ גאַנצן טאָג, ניט האָבנדיק קיין באַגריף וואו ער געפינט זיך און וואוהין ער גייט... אין אָוונט צו איז ער אָנגעקומען אין אַ קרעטשמע. ער איז געווען זייער שטאַרק אויסגעמאַטערט, און דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האָט דעם גאַנצן טאָג גאָרניט געגעסן, האָט ער זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. די קרעטשמע האָט באַלאַנגט צו צוויי שוועסטער,ביידע עלטערע דייטשע פרויען. איינע פון די שוועסטער האָט זיך באַשעפטיקט אין קיך, און די צווייטע האָט אַכטונג געגעבן אויף די געסט, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אָרעמע דורכפאָרער. שלמה האָט ביי זיך געהאַט די עטלעכע מטבעות וואָס מען האָט אים מיטגעגעבן פון הקדש, האָט ער באַשלאָסן זיך אָפּשטעלן אין יענער קרעטשמע, זיך אויסרוען פון וועג און עפּעס עסן.

אין זיין געבראָכענעם דייטש האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין זיין פאַרלאַנג. די עלטערע דייטשקע האָט אים געזאָגט, אַז קיין באַזונדערן צימער פאַר אים האָט זי ניט, אָבער אויב ער וויל, קען ער שלאָפן אין דעם זעלבן צימער מיט נאָך איינעם ווי ער... זי האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל איר באַצאָלן די עטלעכע פעניג אין פאָראויס. שלמה האָט דערפילט איר פאַרלאַנג. ער האָט איר דערלאַנגט די עטלעכע מטבעות און איר געבעטן זי זאָל אים געבן אַ קאַלטן טרונק און עטוואָס שפּייז.

— ווועסטו דען עסן שווייַנען פלייש? — האָט אים די אַלטע אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק אויף זיין באָרד און פאות.

— ניין! אפשר קען איך ביי אייך קריגן ברויט און הערינג?

— זייער גוט! — זאָגט די דייטשקע און זי האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ אין אַ ווינקל פון צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ קליין טישל. שלמה האָט זיך געוואַשן און ער האָט זיך געזעצט עסן ברויט מיט הערינג. נאָך איידער ער האָט געענדיקט עסן איז צו אים צוגעגאַנגען אַ מאַן, וואָס צוליב זיין באַוואַקסנקייט און באָרד איז געווען אוממעגלעך צו זאָגן צי ער איז יונג אָדער אַ מיטל־יעריקער. זיין הילוך איז געווען אַן אָרעמער. זיין קאַפּאָטע איז געווען פאַרלאַטעט. ער איז צוגעגאַנגען צו שלמהן און אים געגעבן „שלום עליכם".

— פון וואַנען איז אַ ייד? — פרעגט אים יענער.

— פון ליטע! — ענטפערט אים שלמה, דערפרייענדיק זיך וואָס ער זעט אַ יידיש פּנים.

— דאָס קען איך זען נאָך אייערע בגדים! — האָט ער צו אים געזאָגט — וואָס איך מיין איז אין וועלכע געגנטן גייט איר אַרום?

שלמה האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. ער האָט אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע און דאַן האָט ער געזאָגט:

— איך בין געוועזן לעבן בערלין, אָבער מען האָט מיך אין שטאָט ניט אַריינגעלאָזן.

— אונזערן אַ מענטשן וועלן זיי קיינמאָל ניט אַריינלאָזן אין בערלין! — זאָגט יענער — נאָר וואָס דען? ווען איך בין דאָרט אַרום, גיי איך שוין צו דעם הקדש. איך זאָג זיי, אַז איך וויל אַריינקומען אין שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זאָגן „ניין", אָבער דערווייל געבן זיי מיר עטלעכע מאַרק צו גיין ווייטער... איך האָב שוין געהערט פון אייניקע מיינע באַקאַנטע, וועלכע זאָגן, אַז פאַר אַן אונזעריקן איז גאָרניט אַזוי גוט צו זיין אין בערלין. די רייכע יידן פון דאָרט מאַכן זיך ניט הערנדיק און ניט זעענדיק, ווען מען שטרעקט אויס אַ האַנט צו זיי, און פון די עטלעכע אָרעמע בעלי מלאכות קען מען קיין סך ניט האָבן... דעריבער, גלויב איך, איז דאָס גאָר פאַר אייך אַ טובה וואָס מען האָט אייך אַהין ניט אַריינגעלאָזן...

— איך ווייס ניט וואָס איר מיינט! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — אָבער איך האָב געהאַט אַ גאַנץ אַנדער צוועק צו זיין אין בערלין.

— מיר האָבן זיך ניט וואָס צו שעמן איינער פאַר דעם אַנדערן! — האָט יענער מיט אַ שמייכל באַטראַכט שלמהס הילוך — לויט אונזערע בגדים קוקן מיר אויס ווי ברידער... אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנד, און יידן האָבן ניט קיין גזלנישע הערצער, איז אַז מען ווייסט נאָר ווי אַזוי, קען מען שוין דורכקומען. די קרעטשמערין האָט מיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז נאָך אַזאַ ייד ווי איך איז אַהער געקומען איבערנעכטיקן די נאַכט און אַז ער וועט זיך טיילן מיט מיין צימער, בין איך געווען זייער צופרידן. זעלטן אַז מען טרעפט דאָ אין קרעטשמע אַ ייד...

— איך ווייס ניט וואָס איז דער צוועק פון אייער וואַנדערן אין דייטשלאַנד! — האָט שלמה געזאָגט — אָבער איך בין געקומען קיין דייטשלאַנד מיטן צוועק צו שטודירן... די צרה איז וואָס איך בין געקומען אַהער אָן געלט, דעריבער האָב איך ניט געהאַט דעם גליק אַריינגעלאָזן צו ווערן אין בערלין.

— און וואָס וועט איר יעצט טאָן? — פרעגט אים יענער.

— איך ווייס ניט! איך בין שטאַרק פאַרצווייפלט. פון אַלע מיינע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך. צוריקקערן זיך אַהיים קען איך ניט און איך וויל ניט... דאָ, אין אַ פרעמד לאַנד, בין איך עלנד, אָן געלט... גראָד אָט דער אויף וועמען איך האָב געלייגט אַזוי פיל האָפענונג, אַז ער וועט מיך מקרב זיין, איז גאָר געווען קעגן מיר...

— דערווייל האָבן מיר וואו איבערצונעכטיקן די נאַכט! — האָט דער פרעמדער געזאָגט — טאָ לאָמיר זיך אויסרוען. איך בין אויך שטאַרק מיד.

איך קלייב זיך מאָרגן אין דער פרי אין וועג. קומט לאָמיר גיין צו אונדזער צימער.

— אָט וועל איך בלויז בענטשן! — האָט שלמה געזאָגט, און דאַן וועלן מיר אַריין אין אונדזער צימער.

נאָכן בענטשן זיינען זיי בײדע אַריין אין דעם קליינעם שמוציקן צימער. דער פרעמדער האָט אָנגעצונדן אַ חלבֿ׳נע ליכטל און שלמה האָט געזען אַ הילצערנע בעטל, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף קעסטלעך. לעבן בעטל אויף דער פּאָדלאָגע איז געווען אַ סעניק.

בײדע מיט אַמאָל וועלן מיר ניט קענען שלאָפן אין בעטל — האָט יענער געזאָגט צו שלמהן — איינער פון אונדז וועט דאַרפן שלאָפן אויף דעם סעניק וואָס איז אויף דער פּאָדלאָגע, און אַזוי ווי איך בין שוין געוואוינט צו שלאָפן אויף דער הוילער ערד, וועט איר קענען שלאָפן אויף דעם בעטל.

שלמה האָט אים באַדאַנקט פאַר זיין פריינטשאַפט, וואָס ער ווייזט אים אַרויס.

— נו, איצט, אַז מיר זיינען שוין צוזאַמען אין איין צימער, קענען מיר זיך פאָרשטעלן איינער פאַרן צווייטן. מיין נאָמען איז פייוול. און ווי איז דיין נאָמען?

— מיין נאָמען איז שלמה!

— וויבאַלד אַז מיר קענען זיך שוין און מיר זיינען פריינט, דאַרפן מיר זיך מער ניט „אירצען". מיר וועלן זיך רופן ביי די נעמען.

— אין אָט דער דאָזיקער געגענט איז פאַר אונדז גאָרניטאָ וואָס צו טאָן!

— האָט פייוול זיך אָנגערופן — ווייל עס איז דאָ ניטאָ קיין ייד אויף אַ רפואה. אָבער ניט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ קליין שטעטל, וואו עס וואוינען עטלעכע יידישע משפחות... איך בין באַקאַנט מיט דער אַרומיקער גאַנצער געגנט. אַז דו וועסט גיין מיט מיר, וועסטו שוין ניט פאַרלאָרן גיין!

— אָבער וואָס אַ שטייגער גלויבסטו צו טאָן? פרעגט אים שלמה.

— וואָס הייסט וואָס? מיר דאַרפן האָבן פון וואַנען צו לעבן. מיר וועלן גיין איבער די הייזער און מיר וועלן בעטלען, וועט מען אונדז געבן...

— אָ, ניין! איך בין ניט קיין בעטלער! — האָט שלמה אויסגערופן — איך וועל דאָס ניט טאָן!

— נו, אויב דו האָסט אַן אַנדער קוואַל פון פּרנסה, קענסטו טאָן דאָס וואָס דו ווילסט! — האָט פייוול געזאָגט — מיין איינציקער קוואַל פון פּרנסה איז שנאָרעריי... פון דעם צי איך מיין חיונה שוין היפּשע עטלעכע יאָר... איך האָב אַ סך דערפאַרונג אויף דעם געביט, און ניט צו פאַרזינדיקן, איך קום דורך... אויב דו ווילסט זיך אָנשליסן מיט מיר, וועל איך זיין צופרידן דיר צו העלפן און אָנווייזן ביי וועמען דו וועסט קענען קריגן אַ נדבה און ביי וועמען ניט.

— איך בין אַ רבֿ! — האָט שלמה ווייטער גערעדט — איך בין פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע לומדים, און איך קען ביי זיך ניט פּועלן זיך צו נעמען צו בעטל־ברויט...

— איך זע דאָך שוין וואָס דו האָסט פון דיין רבנות און פון דיין זיין אַ

גרויסער למדן! — האָט פּייוול לאַכנדיק געזאָגט — דו פאַרמאָגסט ניט מער ווי איך, וואָס כ'בין אַ פּראָסטער ייד, אַן עם הארץ. מיט יאָרן צוריק, איידער איך האָב זיך גענומען צו דער פּראָפעסיע פון שנאָרעריי, האָב איך אויך געהאַט ביי זיך אַ ביסל שטאָלץ. אָבער ווען איך האָב איינגעזען, אַז מיט מיין שטאָלץ וועל איך ניט זאַט ווערן, האָב איך פאַרבויגן מיין שטאָלץ און זיך גענומען צו שנאָרעריי, און גלויב מיר, אַז זינט דאַן האָב איך זעלטן געהונגערט. איך וויל דיך ניט צורידן צו דעם. מעגלעך, אַז דו האָסט מיר ניט דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז דו האָסט ביי זיך געלט, און דו וועסט קענען אויסקומען אַן גיין איבער די הייזער... איך, אָבער, וועל דאַרפן טאָן דאָס זעלבע וואָס איך האָב געטאָן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר...

— בעטלען איז די נידעריקסטע מדרגה צו וואָס אַ מענטש קען דערגיין! — האָט שלמה געזאָגט.

— אויב דו גלויבסט, אַז אויסגיין פון הונגער איז אַ בעסערע מדרגה, קענסטו דאָס אויסקלייבן פאַר זיך! — האָט פּייוול געזאָגט — איך וועל אָבער אַנגיין מיט מיין פּראָפעסיע און עסן צו זאַט! אָבער ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, האָסטו מן הסתם אַ ביסל געלט, וועסטו קענען דערווייל שטילן דיין הונגער אַזוי לאַנג ווי דיין געלט וועט דיר דערלויבן.

— ניין, פּייוול, דו מאַכסט אַ טעות. אַלץ וואָס מיר איז פאַרבליבן איז עטלעכע פעניג, וואָס וועט מיר ניט קלעקן פאַר איין טאָג שפּייז. פונדעסטוועגן וועל איך בעסער זען ליידן נויט און הונגער איידער אויסצושטרעקן אַ האַנט און בעטן נדבות!

— דו מעגסט אָנפילן דיין האַרץ מיט וויפיל שטאָלץ דו ווילסט, וועט דיין מאָגן אָבער אַלץ בלייבן ליידיק — האָט פּייוול געזאָגט — דיינע קעשענעס וועלן בלייבן פּוסט און קיינער וועט דיר ניט געבן קיין נאַכטלעגער ווען דיר וועלן פעלן די עטלעכע פעניג צו באַצאָלן...

— ווען איך האָב פאַרלאָזן מיין היים האָב איך ביי זיך געהאַט באַשלאָסן ניט צו מאַכן די תורה פאַר דעם קוואַל פון מיין פּרנסה! — האָט שלמה געזאָגט — אָבער איצט, אַז איך בין אין אַזאַ נויט, וועל איך מוזן ענדערן מיין באַשלוס.

— אין אַט די דאָזיקע געגענטן וועסטו גאָרניט קענען אויפטאָן אַפילו מיט דיין תורה! — האָט פּייוול דער בעטלער זיך אַנגערופן מיט אַ שמייכל — איך זע אָבער, אַז דו ביסט גוט אויסגעמאַטערט, דעריבער וועל איך איצט מיט דיר מער ניט ריידן וועגן דעם. מאָרגן וועל איך אויפשטיין גאַנץ פרי און איך וועל זיך לאָזן אין וועג. אויב דו וועסט וועלן בלייבן דאָ, וועל איך אַליין גיין, אָבער אויב דו וועסט וועלן מיט מיר מיטגיין, וועל איך זיין צופרידן מיט דיר מיטצוגיין.

— בלייבן דאָ וועל איך אַלץ איינס ניט קענען אַן געלט! — האָט שלמה זיך אָנגערופן.

שלמה האָט זיך צוגעלייגט אויף דעם געלעגער און פּייוול האָט זיך געלייגט אויף דער פאָדלאָגע און עס האָט ניט לאַנג גענומען אוןביידע האָבן געשמאַק געשלאָפן.

33

אויף מאָרגן זיינען ביידע אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. זיי האָבן פאַרלאָזן די קרעטשמע און זיך געלאָזן אין וועג. עטלעכע שעה זיינען זיי געגאַנגען ביז וואַנען זיי זיינען צוגעקומען צו אַ קליין שטעטל.

— דאָ אין שטעטל געפינען זיך עטלעכע יידישע משפחות — האָט פּיוול דער בעטלער זיך אָנגערופן צו שלמהן — איך קום אַהער יעדן יאָר און איך קריג פון די דאָרטיקע יידן היפשע נדבות. אויב דו ווילסט זיך אָנשליסן צו מיר, וועסטו אויך קריגן אַביסל געלט כּדי צו האָבן די מעגלעכקייט פאָרטצו־זעצן דיין וואַנדערונג.

— ניין, דאָס וועל איך ניט טאָן! — האָט שלמה געזאָגט — איך וועל ניט בעטן קיין נדבות.

— נו, מסתּמא האָסטו אַנדערע פּלענער ווי אַזוי צו קריגן געלט — רופט זיך אָן דער שנאָרער — אויב אַזוי, וועל איך זיך מיט דיר מוזן שיידן. איך וועל זיך פאַרנעמען מיט מיין פּרנסה און דו זוך זיך אָן אַנדערע פּרנסה.

— איך בין אָבער ניט באַקאַנט מיט דער געגנט און איך ווייס ניט וואוהין צו גיין — האָט שלמה געזאָגט, אַרויסווייזנדיק זיין פאַרלעגנהייט.

— די צווייטע שטעטל איז גאַנץ ווייט פון דאַנען — זאָגט פּיוול — און אויב דו וועסט ניט פאַרבלאָנדזשען, וועסטו קענען דערגרייכן די שטעטל אין אָוונט. אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז דאָרט געפינען זיך ווינציקער יידן ווי דאָ, און אויב דו וועסט דאָרט ניט אויסשטרעקן קיין האַנט, וועסטו דאַרפן הונגערן. פאָלג מיר, לאָמיר גיין צוזאַמען.

— איך וועל מיט דיר גיין, אָבער בעטלען וועל איך ניט! — האָט שלמה געזאָגט — ווען דו וועסט פאַרטיק ווערן וועלן מיר פאָרטזעצן דעם וועג צוזאַמען.

— איך וועל ניט פאַרטיק ווערן ביז נאָכמיטאָג און דאַן וועט זיין צו שפּעט צו לאָזן זיך אין וועג. איך וועל דעריבער מוזן דאָ נעכטיקן. איצט פרעג איך דיר: האָסטו גענוג געלט ביי זיך צו באַצאָלן אַ נאַכטלעגער און שפּייז?

שלמה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אויב אַזוי, וועלן מיר דאָך אַלץ זיין געצוואונגען זיך צו שיידן — האָט דער בעטלער געזאָגט און געקוקט אויף שלמהן צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע לעצטע ווערטער וועלן מאַכן אויף אים.

שלמה איז געבליבן שטיין אויף זיין פּלאַץ. זיין פאַרלעגנהייט איז געווען גרויס... וואָס וועט ער טאָקע קענען אויפטאָן אַליין? ער איז דאָך געווען צופרידן וואָס ער האָט אין דער פרעמד, צווישן גויים, געטראָפן נאָך אַ יידן. איצט וועט ער אים פאַרלירן... אָבער קען ער דען גיין מיט אים איבער די הייזער?

— איך וועל דיך באַגלייטן — האָט שלמה אַ זאָג־געטאָן צו פּיוולען — אָבער בעטלען וועל איך ניט. איך וועל שטיין פון ווייטן.

— נו, גוט! גיי מיט מיר און דו וועסט זיך צוקוקן ווי אַזוי איך פיר זיך אויף. דו וועסט זיך איבערצייגן, אַז עס איז גאָרניט אַזוי שווער...

זיי זיינען ביידע אַריין אין שטעטל. פּייוול האָט דאָס שטעטל גוט געקענט. ער איז דאָרט געווען עטלעכע מאָל און ער האָט גוט געקענט יעדע יידישע הויז און האָט געוואוסט וואו די יידישע הייזער געפינען זיך.

— אָט דאָרט איז אַ יידישע הויז — האָט ער אָנגעוויזן מיט זיין פינגער אויף אַ קליין הייזל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן געסל — איך גיי־צו אַהין.

פּייוול דער בעטלער איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט. שלמה איז אים נאָכגעגאַנגען, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן עטוואָס פון דערווייטן. ער זעט ווי פּייוול גייט צו צום הויז. ער קלאַפּט אָן אין טיר און וואַרט אַ קליינע ווײַלע. באַלד זעט שלמה ווי די טיר עפנט זיך און אַ מיטל־יעריקע יידישע פרוי קומט אַרויס, ער הערט ווי פּייוול רופט־אויס:

— אַ גוט־מאָרגן, ליבעסווירדיקע פרוי! זאָל גאָטס ברכה אָנפילן אייער הויז און איר זאָלט תמיד זיין גליקלעך און צופרידן. איך בין אַן אָרעמער וואַנדערער. שענקט מיר אַ נדבה!

שלמה האָט געזען ווי ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, ווען ער האָט געבעטן די נדבה. די פרוי האָט געלאָזן די טיר אָפן און זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן. אין איין רגע האָט זי זיך צוריקגעקערט און דערלאַנגט פּייוולען אַ מטבע.

— זאָל אייך גאָט געבן געזונט און רייכקייט — האָט פּייוול גענומען די מטבע פון דער פרויס האַנט און איר גענומען צוואווינטשן — זאָל גאָט געבן, אַז איר זאָלט דערלעבן איבער־אַיאָר און זיין ביכולת צו געבן צוויי מאָל אַזוי פיל!

— וואַרט־צו. אָט וועל איך אייך געבן אַ פּאָר זעמל און אַ שטיקל פיש — הערט שלמה ווי די פרוי זאָגט צו פּייוולען.

די פרוי איז ווידער פאַרשוואונדן געוואָרן און איז באַלד אַרויסגעקומען מיט אַ קליין פּאַפּירענעם פּעקעלע און דאָס איבערגעגעבן דעם בעטלער.

— זאָל אייך גאָט געבן אַ לעבן פון פרייד און גליק! —— האָט פּייוול פון דאָס ביי אַ שאָט געטאָן מיט ברכות אויף דער פרויס חשבון — אַ גוטן טאָג!

— גייט געזונט! — האָט די פרוי געענטפערט.

ווען זיי האָבן זיך עטוואָס דערווייטערט פון יענעם פּלאַץ, איז שוין שלמה צוגעקומען נאָענטער צו אים.

— נו, דו זעסט וואָס איך האָב געקראָגן — האָט פּייוול אַרויסגענומען אַ מטבע פון צוואַנציק פעניג און פונאַנדערגעוויקלט דעם פּעקל און געוויזן שלמהן די זעמל און די פיש.

שלמהן האָט טאַקע גענומען ציען אין האַרצן. ער האָט געהאָפט, אַז פּייוול וועט זיך מיט אים טיילן די שפּייז, אָבער פּייוול האָט זיך ניט וויסנדיק געמאַכט. ער האָט אויפגעגעסן אַ זעמל און אַ שטיקל פיש און די איבריקע האָט ער אַריינגעלייגט אין זיין קלומיקל. דאַן האָט ער געזאָגט צו שלמהן: „איצט וועל איך גיין אויף דער צווייטער גאַס”.

אויך דאָרט האָט פּייוול געקראָגן אַ פיינע נדבה פון אַן עלטערן מאַן, און דערפאַר אים אָנגעווינטשן צענדליקער ברכות.

נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן די דריטע נדבה, האָט ער זיך געווענדט צו שלמהן:

— איצט זעסטו שוין ווי גרינג דאָס איז! איך פרעג דיך: לוינט זיך צו ליידן הונגער און נויט?... פון בעטן אַ נדבה איז נאָך קיינער ניט געשטאָרבן, אָבער פון ניט עסן ווערט מען קראַנק און מען שטאַרבט.

— איך בין טאַקע הונגעריק — האָט שלמה אַ זאָג־געטאָן — דער אמת איז, אַז ווען איך האָב געזען ווי דו עסט די זעמל און פיש, האָט זיך מיין אַפּעטיט נאָך מער צערייצט — האָט שלמה אים געגעבן אָנצוהערן.

פּיוול האָט זיך אָבער געמאַכט ניט־הערנדיק. ער האָט שלמהן גאָרניט געגעבן פון דעם שפּייז וואָס ער האָט געקראָגן אַ צוגאָב צו די צוואַנציק פּעניג.

— איך האָב באַמערקט, אַז יענע פרוי האָט דיר געגעבן עטלעכע זעמל — האָט שוין שלמה זיך מער ניט געקענט באַהערשן — איך וואָלט וועלן פאַרזוכן אַ זעמל.

— אומזיסט זיינען דיינע רייד — האָט אים פּיוול געזאָגט — אויב דו וועסט בלייבן פאַר׳עקשנט וועסטו בלייבן הונגעריק. דו האָסט דאָך אויך געקענט קריגן. אַלץ וואָס איז נויטיק איז אויסצושטרעקן דיין האַנט. אויב דו מיינסט אָבער, אַז איך וועל גיין בעטלען און זיך מיט דיר טיילן, מאַכסטו אַ טעות. ווען דו וועסט ווערן מיין שותף און דו וועסט גיין איבער די הייזער ווי איך, וועלן מיר זיך דאַן מיט אַלץ טיילן.

דער הונגער האָט שלמהן גענומען דריקן נאָך מער. וואָס זאָל ער טאָן? קיין געלט האָט ער ניט. אויב ער וועט זיך ניט אונטערגעבן, וועט ער דאָך טאַקע אויסגיין פון הונגער. ער האָט דאָך קיין רעכט ניט צו פאַרלאַנגען פון פּיוולען ער זאָל זיך מיט אים טיילן דאָס וואָס ער האָט געקראָגן דורך בעטלען, אין דער צייט ווען ער אַליין שעמט זיך דאָס צו טאָן.

— איך זע, אַז איך וועל מיט דיר גאָרניט קענען אויפטאָן — האָט פּיוול אַ זאָג־געטאָן — און דעריבער וועט זיין בעסער פאַר אונדז ביידן, אַז מיר זאָלן זיך צעשיידן. דו גיי זיך דיין וועג און איך וועל גיין מיין וועג.

— איך ווייס ניט וואוהין צו גיין — האָט שלמה געזאָגט — אויסער דעם בין איך זייער הונגעריק און איך וועל קיין כוח ניט האָבן צו גיין ווייטער.

— ווען דו פאָלגסט מיר, טוסטו מיר נאָך — האָט פּיוול גענומען אים ווידער איינריידן — דו זעסט דאָך ווי גרינג דאָס איז, פאַרבויג דיין שטאָלץ און דו וועסט עסן...

עס איז שלמהן אָנגעקומען גאַנץ שווער זיך אונטערצוגעבן, אָבער ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען זיין טרויעריקע לאַגע. ער איז אין אַ פרעמד לאַנד, צווישן ניט קיין פריינטלעכע גוים. זיינע אייגענע ברידער האָבן אויף אים קיין רחמנות ניט געהאַט, ווען ער האָט זיך ביי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים דערלויבן צו פאַרבלייבן אין בערלין, טאָ וואָס קען ער דערוואַרטן פון פרעמדע? אויב ער זאָל זיך ניט צוהערן צו פּיוולען, וועט ער זיכער אויסגיין פון הונגער.

פּיוול האָט געזען, אַז שלמה בויגט זיך שוין ביסלעכווייז, האָט ער צו־געקראָגן נאָך מער מוט און אַ זאָג געטאָן:

— דאָ זיינען נאָך פאַרבליבן פיר הייזער וואו מען קען באַקומען נדבות. איך וועל זיך מיט דיר איינטיילן: דו וועסט אָנקלאַפּן אין די טירן פון צוויי הייזער און איך וועל עס טאָן צו די אַנדערע צוויי הייזער. קום, איך וועל דיר אָנווייזן די הייזער.

שלמה האָט אַרויפגעטאָן זיין קלומיקל אויף די פּלייצעס און איז נאָכ־געגאַנגען פּיוולען.

— אָט דאָרט איז אַ יידישע הויז — האָט פּיוול אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַ הויז — גיי־צו אַהין און קלאַפּ־אָן אין טיר. איך וועל שטיין פון דער וייטן און זען וואָס דו וועסט טאָן.

— איך ווייס ניט וואָס צו טאָן — האָט שלמה געזאָגט.

— אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן איז אויסשטרעקן די האַנט און אַרויסזאָגן עטלעכע ברכות... דו האָסט דאָך געהערט ווי איך האָב גערעדט, טאָ רייד אויך אַזוי און איך פאַרזיכער דיר, אַז מען וועט דיך ניט אַוועקשיקן מיט ליידיקן.

מיט וואַקלנדע טריט איז שלמה צוגעקומען צו יענעם הויז אויף וועלכן פּיוול האָט אים אָנגעוויזן און איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין לעבן דער טיר. זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט און ער האָט ביי זיך ניט געקענט פולן אויסצושטרעקן זיין האַנט ער האָט אַ קער־געטאָן זיין קאָפּ און געזען ווי פּיוול קוקט אויף אים מיט בייזע בליקן, האָט ער שוין ביי זיך געפּאַסט מוט און אָנגעקלאַפּט אין טיר.

די טיר פון הויז האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. אַן עלטערער מאַן האָט אים געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

— אפשר קען איך ביי אייך קריגן אַ נדבה. איך בין זייער הונגעריק — האָט שלמה אויסגעשטרעקט די האַנט.

קומט אַריין אין הויז, וועט איר עפּעס עסן — האָט דער מאַן געזאָגט.

שלמה האָט אַ קער־געטאָן זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט קריגן פּיוולס צושטימונג. ער האָט באַמערקט אַז פּיוול האָט אַ שאָקל־געטאָן מיט קאָפּ אויף יאָ און שלמה איז אַריין אינעווייניק. דער עלטערער ייד האָט אים געהייסן זיך גיין וואַשן צום עסן און באַלד האָט די פרוי דערלאַנגט שלמהן אַ שיסל געקעכץ און פלייש מיט ברויט.

שלמה איז געווען אַזוי זשעדנע, אַז ער האָט זיך שטאַרק צוגעכאַפּט צו אַלץ וואָס מען האָט אים דערלאַנגט. ער האָט שנעל אָפּגעגעסן און געבענטשט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און באַדאַנקט דעם בעל־הבית און זיין פרוי, און האָט גענומען גיין.

— וואַרט־צו — האָט דער בעל־הבית זיך צו אים אָנגערופן און ער האָט פון קעשענע אַרויסגענומען אַ מטבע און אים דערלאַנגט.

— זאָל אייך גאָט באַלוינען פאַר דער מצווה וואָס איר האָט געטאָן — האָט שלמה געזאָגט און גענומען די מטבע און איז באַלד אַרויס. פּיוול האָט זיך אומ־

געדרייט אין דער געגנט, וואַרטנדיק אויף שלמהן. ווען ער האָט באַמערקט, אַז שלמה איז שוין אַרויס פון דאָרט איז ער צו אים צוגעגאַנגען.

— נו, ווי האָסטו אויסגעמאַכט? — פרעגט אים פּייוול.

שלמה האָט אים באַוויזן די מטבע און געזאָגט:

— זיי זיינען זייער וואוילע מענטשן. די פרוי האָט מיר דערלאַנגט אַ גרויסאַרטיקן מאַלצייט. איך האָב זיך אָנגעגעסן צו־זאַט.

— נו, איצט זעסטו שוין, אַז איך בין גערעכט! — האָט פּייוול מיט שטאָלץ געזאָגט — ווען דו פאָלגסט מיך גלייך, וואָלסטו ניט געדאַרפט זיך אַרומדרייען עטלעכע שעה אַ הונגעריקער. דו זעסט שוין ווי לייכט דאָס איז, זאָג מיר: וואָס האָסטו געזאָגט צום אַלטן, ווען ער האָט דיר איינגעלאַדן אינעווייניק?

— איך האָב אים געפרעגט אויב איך קען קריגן פון אים אַ נדבה, ווייל איך בין זייער הונגעריק.

— האָסטו אים דען ניט געגעבן פריער עטלעכע ברכות? — האָט זיך פּייוול אָנגערופן.

— ניין. אָט־דאָס אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט.

— דעם מאָל האָט זיך דיר איינגעגעבן — האָט פּייוול געזאָגט — אָבער אַ צווייטן מאָל וועסטו מוזן יענעם געבן עטלעכע ברכות. אַז ניט, וועסטו גאָרניט קריגן.

שלמה איז ווייטער געגאַנגען מיט פּייוולען. די בושה האָט אים נאָך אַלץ ניט אָפּגעלאָזן. ווען ער האָט געטראַכט פון דעם ווי ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געבעטן אַ נדבה, איז אַ ציטער דורך זיין גאַנצן קערפּער... איז דאָס מעגלעך, אַז ער זאָל אַזוי נידעריק זינקען, אַז ער זאָל גיין איבער די הייזער און אויסשטרעקן אַ האַנט און בעטן נדבות?... וואָס וואָלט זיין ווייב, שרה, געזאָגט אויף דעם? ער, שלמה מיימון, איז געוואָרן אַ שנאָרער!... אָבער וואָס קען ער טאָן? וואָלט געוועזן בעסער פאַר אים אַז ער זאָל אויסגיין פון הונגער?... האָט דאָך שלמה המלך געשריבן אין משלי: „ועל פת לחם יפשע גבר", צוליב אַ שטיקל ברויט פאַרזינדיקט זיך דער מענטש...

— אָט דאָרט איז נאָך אַ יידישע הויז און איך וועל דאָרט בעטן אַ נדבה! — האָט פּייוול זיך אָנגערופן צו שלמהן.

זיי האָבן זיך ביידע דערנענטערט, און שלמה האָט זיך געשטעלט אָן אַ זייט בעת פּייוול איז צוגעקומען און אָנגעקלאַפּט אין טיר. ווען די טיר האָט זיך געעפנט, הערט ער ווי פּייוול פאַנגט אָן מיט זיינע ברכות און באַלד קומט אַן ענטפער פון אַ פרוי:

— מען קאָן דאָך ניט אויסהאַלטן פון די שנאָרער... זיי לאָזן ניט צורו! איך קען אייך גאָרניט געבן!...

זאָל גאָט געבן, אַז איבער אַ יאָר זאָלט איר אַליין דאַרפן גיין איבער די הייזער! — האָט פּייוול איר געגנומען שילטן — זאָל אייער מזל ווערן פינסטער און חושך!

שלמה האָט געהערט ווי די פרוי פאַרהאַקט די טיר, און פּייוול האָט ניט אויפגעהערט צו שילטן די פרוי מיט די שרעקלעכסטע קללות.

— פֿאַרוואָס זאָלסטו איר אַזוי שילטן? — האָט אים שלמה געפֿרעגט — זי איז ניט מחויב דיר צו געבן...

— דו דאַרפֿסט מיר ניט לערנען ווי צו בעטלען! — האָט פּייוול לאַכנדיק געזאָגט — איך ווייס וואָס איך טו. דו וועסט זיך איבערצייגן, אַז כ'וועל אָנקלאַפּן אין איר טיר אַ צווייטן מאָל וועל איך שוין מיט ליידיקן ניט אַוועקגיין... זי וועט שוין מורא האָבן מיר צו אָנטזאָגן... זיי ווייסן, אַז פֿאַר אַ קללה ציטערן זיי ווי פֿאַר פֿייער...

— אָבער טאָמער האָט יענע טאַקע ניט וואָס דיר צו געבן, פֿאַרוואָס קומט איר קללות? — האָט שלמה נאָך אַלץ ניט געקענט פֿאַרשטיין.

— ווען דו וועסט שנאָרן אַזוי לאַנג ווי איך, וועסטו זיך אַרומזען, אַז איך ווייס וואָס איך טו — האָט פּייוול אים באַרויקט — איך האָב איר געשאָלטן אַזוי הויך, אַז דו זאָלסט עס הערן און זיך לערנען פֿון מיר! יאָ, ווען דו קריגסט די נדבה, דאַרפֿסטו דעם געבער בענטשן מיט אַלערליי ברכות, אָבער דעם „ניט געבער” זאָלסטו ניט אויפֿהערן צו שילטן... זאָל ער ווייסן פֿאַר אַ צווייט מאָל, אַז ניט אַזוי לייכט וועט אים אָנקומען צו אָנטזאָגן אַן אָרעמאַן, ווען יענער שטרעקט אויס זיין האַנט. עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע יידן, וועלכע גיבן יאָ אַ נדבה, אָבער ניט גענוג... דאַרף מען אויך ווייסן ווי אַזוי זיך צו דינגען מיט אַזעלכע געבער... דו וועסט שוין זען ווי איך פֿיר זיך אויף, וועסטו פֿון מיר לערנען ווי אַזוי צו האַנדלען...

שלמהן האָט עס נאָך מער גענומען עקלען. אָבער ער קען זיך איצט גאָרניט העלפֿן. ניט ווילנדיק איז ער פֿאַרקראָכן אין דער בלאָטע, פֿון וואָס ער וועט אַזוי שנעל ניט קענען אַרויסקריכן... ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק איז ער געווען הונגעריק, און אין זיין קעשענע האָט ער קיין פּעניג ניט געהאַט. איצט איז ער זאַט און באַזיצט עטלעכע פּעניג. ווער קען אורטיילן אַ הונגעריקן מענטשן? ווען ער פֿאָלגט ניט פּייוולען דעם שנאָרער, וואָלט ער דאָך קיין כּוח ניט געהאַט ווייטער צו גיין... וואָס וואָלט דאַן פֿון אים געוואָרן? שולדיק אין זיין איצטיקער לאַגע זיינען די יידן פֿון בערלין, וועלכע האָבן אים ניט דערלויבט אַריינצוקומען אין שטאָט. ווען ער איז איצט אין בערלין וואָלט ער נאָך ניט געוואוסט פֿון אַזעלכע צרות...

אַזוי האָט שלמה געטאָן דאָס וואָס דער פֿאַרגרעבטער, אומוויסנדער בעטלער, האָט אים געהייסן. ער איז מיט אים אַרומגעגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט און מיט אים געגאַנגען איבער די הייזער. ער האָט זיך גאַנץ שנעל איבערצייגט, אַז כאָטש פּייוול איז אַן עם־הארץ, און קען קוים זאָגן „עברי”, איז ער אָבער זייער כיטרע און טויג זיך שוין גאָר גוט אויס צו דעם עסק פֿון שנאָרעריי... עס איז אים איינמאָל אויסגעקומען צו הערן ווי אַזוי פּייוול טענהט זיך אויס מיט אַ בעל־הבית וועלכער האָט אים געגעבן אַ קליינע נדבה, און ער האָט פּשוט געשטויסט. דאָס איז געווען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט אים אָנגעשלאָסן אין אַ שותּפות צו דער שנאָרעריי. ער איז מיט אים צוגעקומען צו אַ הויז. פּייוול האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און ווי דער שטייגער איז געווען, האָט ער געקראָגן אַ נדבה. ווייזט אָבער אויס,

אַז פּיוול איז ניט געווען איבריגענס צופרידן מיט דער קליינער נדבה, און שלמה האָט געהערט ווי פּיוול פרעגט דעם געבער:

— כ'וויל אייך עפּעס פרעגן, אָבער איך בעט אייך איר זאָלט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן.

— נו, גוט, פרעגט! — ענטפערט אים יענער בעל־הבית.

— זאָגט מיר פאַרוואָס האָט איר מיר געגעבן אַ נדבה?

— וואָס הייסט פאַרוואָס? איר האָט געבעטן האָב איך אייך געגעבן.

— איר מיינט, אַז ווער נאָר עס זאָל צו אייך צוקומען און בעטן, וועט איר אים געבן?

— ניט יעדן איינעם! — ענטפערט ער — אָבער ווען איך זע, אַז אַ מענטש איז אַ נויטבאַדערפטיקער, אַז ער איז הונגעריק און האָט נעבעך ניט וואָס צו עסן, וועל איך אים געבן.

— דאָס מיינט, אַז איר גיט יענעם מענטשן אַ נדבה, ווייל איר האָט אויף אים רחמנות! — רופט זיך אָן פּיוול.

— נו, איז וואָס? — קוקט אים אָן דער בעל־הבית — רחמנות איז דאָך אַ יידישע מידה. איך האָב אייך געגעבן אַ נדבה, ווייל איך האָב אויף אייך רחמנות געהאַט.

— און איצט, וואָס איז ביי אייך ווערט דאָס וואָס איר האָט דורך מיר פאַרדינט אַ מצווה? — האָט אים פּיוול געפרעגט — די מצווה פון געבן צדקה איז דאָך זייער גרויס, און דערפאַר אַליין וואָלט איר מיר אויך באַדאַרפט עפּעס געבן. גלויבט מיר ווען איך וואָלט געקענט האָבן אַזאַ מצווה, וואָלט עס פאַר מיר ווערט געווען אַ סך מער ווי די נדבה וואָס איר האָט מיר איצט געגעבן. פריער האָט איר מיר געגעבן אויס רחמנות, האָב איך אייך צוליב דעם עפּעס אויך געגעבן, און איך וויל, אַז איר זאָלט מיר באַצאָלן פאַר דעם וואָס איך האָב אייך געגעבן די דאָזיקע מצווה...

— איר זייט גערעכט! — האָט דער בעל־הבית אַ שמייכל געטאָן — איך וועל אייך באַצאָלן פאַר דער מצווה וואָס איך האָב דורך אייך געקראָגן.

ער האָט אַרויסגענומען נאָך אַ מטבע און דערלאַנגט פּיוולען וועלכער האָט אים באַדאַנקט און אים צוגעוואונטשן אַ צענדליק ברכות.

— דאָס איז געווען זייער אַ גוטער איינפאַל! — האָט זיך שלמה אָנגערופן צו פּיוולען, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך דערווייטערט פון דאָרט.

— דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל אַז איך טו עס! — האָט פּיוול מיט שטאָלץ אויסגערופן — נאָר מען דאַרף וויסן אויף וועמען מען קען אָנווענדן אַזאַ דריידל. איך דערקען שוין מיינע מענטשן... אויב יענער איז זייער אַ פרומער און איך האָב אַזאַ „טייערע סחורה" ווי די מצווה פון צדקה וואָס דורך מיר קריגט ער דאָס, קען איך שוין אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל מיר דערפאַר באַצאָלן...

פּיוול, דער בעטלער, וועלכער האָט שוין געהאַט זיין דערפאַרונג אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, האָט מיט שלמהן ווייטער געוואַנדערט, און כאָטש שלמה איז מיט אים צוזאַמען געגאַנגען איבער די הייזער, פלעגט אים

אַנגעמען אַן עקל יעדעס מאָל ווען ער פלעגט דאַרפן אויסשטרעקן אַ האַנט און בעטן אַ נדבה. ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. זיין שותף פּיוול האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אויב ער וועט ניט בעטלען, וועט ער דאַרפן הונגערן... ער האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזט און ווען שלמה פלעגט צעגערן פאַר אַ ווילע, און ניט וועלן צוגיין צו אַ הויז און אָנקלאַפּן אין טיר, פלעגט ער זיך אויף אים צעבייזערן, אַזוי, אַז ער איז געצוואונגען געווען דאָס צו טאָן.

אָבער וויפיל פּיוול דער בעטלער האָט געלערנט שלמהן די „תורה" פון בעטלעריי, האָט זי זיך צו אים ניט צוגעקלעפּט. ניט איינמאָל פלעגט פּיוול אויף אים שרייען פאַר דעם וואָס ער שילט ניט די, וועלכע ווילן אים ניט געבן קיין נדבה.

— פאַרוואָס קומט צו שילטן אַ מענטשן, וועלכער וויל ניט אָדער קען ניט געבן קיין נדבה! — האָט שלמה אים פּרובירט צו געבן צו פאַרשטיין — פונקט ווי יענער ווייסט ניט מיין לאַגע פאַרוואָס איך בין געצוואונגען צו בעטלען ברויט, אַזוי ווייסן מיר ניט יענעמס לאַגע, און אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער געפינט זיך גראָד אין יענעם מאָמענט ווען מען קומט צו אים בעטן אַ נדבה, און ער אַנטזאָגט זיך צו געבן. מעגלעך אַז ער האָט זיינע אייגענע צרות. עס קען דאָך זיין, אַז ער דאַרף גראָד יענעם טאָג צאָלן אַ חוב און ער האָט ניט מיט וואָס, און דאָ קומט צו אים אַ געזונטער יונגערמאַן און שטרעקט אויס זיין האַנט נאָך אַ נדבה... אָדער עס קען מעגלעך זיין, אַז אימיצער אין זיין הויז איז קראַנק און ער איז פול מיט זאָרג און איז שטאַרק אויפגערעגט...

— איך וויל פון קיין זאַך ניט טראַכטן! — האָט פּיוול אויסגערופן — אויב יענער וויל ניט געבן קיין נדבה דאַרף מען אים גוט אָנשילטן. ווען ער זעט אַז מען שילט אים אָן, וועט ער שוין אַ צווייטן מאָל מורא האָבן צו אַנטזאָגן דעם אָרעמאַן, און ער וועט אים געבן אַ נדבה אויס מורא ער זאָל אים ניט שילטן.

שלמה מיימון האָט פּרובירט ריידן מיט זיין שותף וועגן העכערע ענינים, וועגן די באַגריפן פון אמונה, פון מאָראַל, אָבער אים איז אַזעלכע זאַכן ניט געקראָכן אין קאָפּ פונקט ווי עס זיינען שלמהן ניט געקראָכן אין קאָפּ די לעקציעס וואָס פּיוול האָט אים געגעבן אין הלכות שנאָרעריי.

אַזוי האָבן זיי אַרומגעוואָנדערט פון איין דייטשער שטאָט צו אַ צווייטער, און אין יעדן פּלאַץ וואו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע יידישע משפחות האָבן זיי זיך ביידע געלאָזט איבער די הייזער. פּיוול האָט גראָד ניט אויסגעמאַכט שלעכט; ער פלעגט אַרויסקריגן זיין נדבה צי דורך ברכות צי דורך קללות. שלמה אָבער האָט קוים געקראָגן גענוג דורכצוקומען מיט שפּייז און אַ נאַכט-לעגער.

— איך קען דיך בשום אופן ניט פאַרשטיין — האָט איינמאָל פּיוול זיך אָנגערופן צו שלמהן — דו זאָגסט, אַז דו ביסט אַ גרויסער למדן און דו האָסט אַפילו סמיכה אויף רבנות, פונדעסטוועגן איז דיין קאָפּ אַזוי פאַרגרעבט, אַז דו קענסט ניט פאַרשטיין ווי מען דאַרף זיך אויפפירן ביים גיין איבער די הייזער. וויפיל איך האָב דיר דערקלערט, וויפיל איך האָב דיר געלערנט, איז עס אַרויס-

געוואָרפן... דוכט זיך, מיר גייען גלייך אַרויס, מיר טיילן זיך איין די הייזער גלייך אויף גלייך, און איך מאַך תּמיד צען מאָל אַזוי פיל ווי דו. שוין באַלד אַ האַלב יאָר זינט מיר זיינען געוואָרן שותּפים, און דו האָסט ניט באַוויזן אָפּ־צושפּאָרן עטלעכע פעניג פאַר אַ גאַנצן מלבוש, און פאַר אַ גאַנצע פּאָר שיך... איך מוז דיר זאָגן, אַז דיר פעלט שכל... דו ווייסט ניט ווי אַזוי צו ריידן צו די בעלי־בתּים, וועלכע זוכן זיך אַרויסצודרייען און גאָרניט געבן אָדער זיי גיבן דיר אַ קליינע נדבה...

— דו ביסט גערעכט! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — איך טויג זיך טאַקע ניט אויס צו דעם... איך האָב פון אָנפאַנג אָן געדאַרפט איינזען, אַז איך בין ניט פאַר דעם... אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן ווען מיר קערן זיך אום קיין פּוילן...

— קיין פּוילן? — קוקט אים אָן פייוול — איך געפין, אַז בעטלעריי איז אַ סך אַ בעסערער עסק צווישן די יידן וועלכע געפינען זיך אין דייטשלאַנד!

— טאָ לאָמיר גיין קיין פּויזנאַ, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַריבער פון דער פּוילישער רעגירונג צו דער דייטשער! — האָט שלמה פאָרגעשלאָגן — דאָרט וועלן מיר טרעפן צווייערליי יידן, און מיר וועלן זען וואָס מיר קענען דאָרט ווייטער טאָן.

וואָלט פייוול פאַרדעכטיקט, אַז שלמה טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק אַרויסצודרייען זיך פון דעם בעטל־ברויט און זוכן ווי זיך צו דערנערן אויף אַן ערנהאַפטן אופן, וואָלט ער בשום אופן ניט איינגעשטימט אָנועקצוואַנדערן אַהין. פייוול האָט אַ סך געוואָסן פון דער שותּפות וואָס ער האָט געמאַכט מיט דעם געלערנטן שלמהן. ער האָט טאַקע מיט אים שטאָלצירט, איבערהויפּט ווען זיי זיינען געקומען בעטן אַ נדבה ביי אַ יידן וועלכער קען אַביסל לערנען, האָט ער שוין דורך אים געקראָגן אי אַ גרעסערע נדבה און אי אַ ביסל כּבוד... דעריבער האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט שוין מיט אים בלייבן אַ שטענדיקער שותּף, און צוזאַמען מיט אים וועט ער טאַקע מאַכן בעסערע עסקים אין שנאָרעריי.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט פּויזנאַ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אָרעמער יידישער אַכסניה. דער אייגנטימער פון דער אַכסניה איז געווען אַן אָרעמער שניידער, אַ לאַטוטניק, וועלכער האָט געהאַט בירושה אַן אַלטע הויז, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אַ זייטיקע, קליינע פּרנסה. אין אָט דער דאָזיקער אָרעמער אַכסניה פלעגן איינשטיין דאָס רוב שנאָרער, בעטלער.

שלמה האָט איבערגעכטיקט די נאַכט, און כאָטש ער איז געווען גוט אויס־געמאַטערט, האָט ער ניט געקענט איינשלאָפן. ער האָט גענומען טראַכטן וואָס פון אים איז געוואָרן. ער האָט פאַרלאָזן זיין היים, זיין פרוי און זיין זון מיט דעם געדאַנק צו שטודירן און קומען צו אַ תּכלית, און צום סוף איז ער גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בעטלער... אמת, די נויט האָט אים געטריבן צו דעם. ער איז געווען אין דער פרעמד, עלנד, הונגעריק, דורשטיק און אָן געלט. ווען ער וואָלט דאַן ניט געטאָן דאָס וואָס פייוול האָט אים געראָטן וואָלט ער זיכער אויסגעגאַנגען פון הונגער. קיינער וואָלט זיך דאָך אויף אים ניט אומגעקוקט... ער האָט זיך גענוג אָנגעליטן דורך די לעצטע עטלעכע חדשים זינט ער האָט זיך

פֿאַרבונדן מיט דעם בעטלער און צו אים געוואָרן אַ שותף. אַפּילו בעטלען האָט ער ניט געקענט ווי עס באַדאַרף צו זיין און דעריבער האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט גענוג אָפּצועסן אַ רעכטן מאָלצייט. ער האָט זיך געמוטשעט באַנוגנען מיט פֿאַרדאַרטע ברויט און וואַסער. ער האָט ניט פֿאַרמאָגט גענוג צו באַצאָלן פֿאַר אַ נאַכטלעגער און ער איז געווען געצוואונגען צו שלאָפֿן אויף אַלטע, שמוציקע שטרוי, און גאַנץ אָפֿט פֿלעגט ער שלאָפֿן אויף דער הוילער ערד.

34

שלמה האָט יענע נאַכט ביי זיך באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דעם שענדלעכן שטייגער פֿון זיין לעבן און אינגאַנצן אויפֿגעבן זיין שותפֿות מיט דעם בעטלער פּייוול.

— זאָל מיט מיר געשען וואָס עס וועט געשען — האָט שלמה געטראַכט ביי זיך — אַפּילו ווען איך זאָל דאַרפֿן אויסגיין פֿון הונגער וועל איך ניט מער לעבן פֿון בעטל־ברויט.

ער האָט געטראַכט, ער וועט צוגיין צו דער שול און זיך לאָזן דערקענען פֿאַר דעם רב אָדער פֿאַר די אַנדערע יידישע געלערנטע און זיי לאָזן וויסן וועגן זיין טרויעריקער לאַגע און אויב זיי וועלן אים ניט וועלן העלפֿן, וועט ער זיך לייגן ביי דער שוועל פֿון דער שול, און ניט אויפֿשטיין ביז וואַנען ער וועט דערוועקן די רחמנות געפֿילן ביי זיינע ברידער און זיי וועלן אים זוכן צו העלפֿן אויף אַן ערנהאַפֿטן אופֿן, און אויב ניט, וועט ער אויסהויכן זיין נשמה און דורך דעם מאַכן אַ סוף צו אַלע זיינע צרות.

מיט אָט דעם באַשלוס איז שלמה אויפֿגעשטאַנען יענעם פֿרימאָרגן. פּייוול איז שוין געווען גרייט זיך צו לאָזן גיין איבער די הייזער.

שלמה האָט געפֿרעגט דעם אייגנטימער פֿון דער אַכסניה וואו די שול געפֿינט זיך.

— פֿאָלג מיך — האָט זיך פּייוול צו אים אָנגערופֿן — אין שול געפֿינען זיך אַ סך קבצנים און קיין סך נדבות וועלן מיר ניט קענען קריגן, דעריבער זאָג איך דיר, אַז מיר זאָלן זיך פֿריער לאָזן גיין איבער די הייזער.

— איך וועל מיט דיר ניט גיין! — האָט שלמה אים געזאָגט.

— פֿאַרוואָס? ווילסטו דען אויפֿגעבן די שותפֿות מיט מיר? דו מיינסט, אַז ווען דו וועסט גיין אַליין וועסטו קריגן מער?

— איך האָב באַשלאָסן אינגאַנצן אויפֿגעבן דאָס בעטלען! — האָט שלמה אים געלאָזט וויסן.

— וואָס, ביסטו אַרונטער פֿון זינען? — האָט אים פּייוול אָנגעקוקט — וואו וועסטו קריגן די מיטלען צו לעבן? איך ווייס דאָך, אַז דו האָסט די לעצטע עטלעכע פֿעניג וואָס דו וועסט דאַרפֿן באַצאָלן פֿאַר דיין נאַכטלעגער אין דער אַכסניה.

— איך פארלאז זיך אויף גאט! — האט שלמה אים געענטפערט — גאט וועט מיר העלפן!

— נו, אויב דו גלויבסט, אז גאט וועט פאר דיר ארונטערוואַרפן ברויט פון הימל, איז עפּעס אַנדערש. איך ווייס אָבער איין זאַך, אַז ווען דו וואָלסט מיט מיר די גאַנצע צייט ניט געגאַנגען בעטלען, וואָלסטו געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. איך בין זיכער, אַז ווען דו וועסט אָנפאַנגען צו הונגערן וועסטו זיך צוריקקערן צו מיר.

שלמה איז אַוועק אין בית המדרש. עס איז שוין געווען נאָכן דאַוונען. ער האָט דאָרט געטראָפן אייניקע יונגע תּלמידים, וועלכע האָבן געהאַלטן אָפענע גמרות און אַהין אַריינגעקוקט. אַנדערע תּלמידים האָבן זיך באַנוצט מיט דעם וואָס דער רבי איז ניט געווען און זיי האָבן פאַרבראַכט די צייט אין שפּילן.

שלמה האָט דאָרט געפונען אַ גמרא. ער האָט די גמרא געעפנט און ער האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק. ער האָט פּלוצלונג דערפילט די שטעכנדע, דורכדרינגענדע בליקן פון די תּלמידים. זיי האָבן באַטראַכט זיין משונהדיקע קליידונג, זיין פאַרלאַטעטע, צעריסענע קאַפּאָטע; זיינע צעפליקטע שיך פון וואָס די פינגער פון זיינע פיס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט; זיין צעקנייטשטן, איינגעשמוצטן הוט...

די תּלמידים האָבן געקוקט אויף זיין געדיכט באַוואָקסענעם קאָפּ האָר, און אויף זיין לענגלעכער, ניט פאַרקאַמטער באָרד, און זיי האָבן זיך קוים געקענט באַהערשן ניט אויסצוברעכן אין אַ געלעכטער...

איינער פון די תּלמידים האָט בײַ זיך געפאַסט מוט און איז צו אים צוגעגאַנגען און זיך אָנגערופן:

— ווי איך זע, זייט איר אַ פרעמדער, טאָ זאָגט מיר פון וואַנען קומט איר?

— איך קום פון ליטע! — האָט שלמה געענטפערט.

— און וואָס האָט איר בדעה צו טאָן?

— איך ווייס נאָך ניט! — האָט שלמה געענטפערט — איך ווייס, אַז דאָ, אין פּויזנאַ, געפינען זיך אַ היפּש ביסל יידן, כן ירבו, האָף איך, אַז איך וועל דאָ ניט פאַרפאַלן ווערן.

— איך זע, אַז איר קוקט אַריין אין דער גמרא — האָט יענער ווייטער צו אים גערעדט — קענט איר דען לערנען?

— איך קען אַ ביסל! — ענטפערט שלמה און אַ לייכטער שמייכל באַווייזט זיך אויף זיינע ליפּן.

דערווייל זיינען שוין די אַנדערע תּלמידים צו אים צוגעגאַנגען, און הערנדיק זיין ליטווישע אויסשפּראַך, האָבן זיי שוין גענומען זיך לוסטיק מאַכן איבער אים.

— אפשר וואָלט איר גאָר דאָ געוואָרן אונזער ראש ישיבה! — האָט איינער פון די יונגע בחורים גענומען חוזק פון אים.

— איך גלויב, אַז איר מוזט דאָ האָבן אַ זייער גוטן ראש ישיבה! — האָט שלמה געזאָגט.

— אָ, איך פאַרשטיי, איר וואָלט ניט געוואָלט אַוועקנעמען די פּרנסה פון אונדזער איצטיקן ראש ישיבה — האָט אַ צווייטער אים ווייטער געמומען קיבעצן — ווי מיר נעמען אָן, אַז ווען עס וואָלט דאָ ניט געווען די פראַגע פון משיג גבול זיין, וואָלט איר זיכער געקענט ווערן אונזער ראש ישיבה

— עס קען זיין! — האָט שלמה אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און זיך ווידער פאַרטיפט אין דער גמרא...

ווען די עטלעכע ישיבה בחורים האָבן געזען, אַז ער נעמט זיך ניט צום האַרצן זייער אָפּלאַכן פון אים, האָט זיי דאָס שוין נאָך מער פאַרדראָסן און איינער האָט צו אים געזאָגט:

— ווי איך זע, האַלט איר זיך טאַקע פאַר אַ למדן! אפשר וואָלט איר געווען אַזוי גוט און אונדז דערקלערט זייער אַ שווערן ענין אין דער גמרא?

— מיט פאַרגעניגן! — האָט שלמה אויסגערופן — וועלכע גמרא לערנט איר איצט?

— מיר לערנען די גמרא בבא קמא וועגן „מכליא קרנא", און עפּעס איז דאָרט אונדז ניט פאַרשטענדלעך. קענט איר אונדז פּילייכט דערקלערן?

— יאָ, געוויס! — האָט שלמה געזאָגט — דאָס געפינט זיך אויף דף ג'. איך ווייס, אַז פילע תּלמידים האָבן שוועריקייטן דאָס צו דערקלערן.

שלמה האָט זיי גענומען דערקלערן דעם ענין, אויסנווייניק, אַזוי אַז די תּלמידים האָבן געשטוינט ווי לייכט ער דערקלערט עס.

— ער קען דאָך טאַקע גוט לערנען! — האָט איינער אַריינגעשושקעט אין אויער אַ צווייטן.

— מעגלעך, אַז דאָס האָט ער צופעליק ניט לאַנג צוריק געלערנט! — האָט יענער געזאָגט — אָט לאָמיר אים אַ פרעג טאָן דאָס וואָס מיר האָבן געלערנט לעצטן זמן אין בבא בתרא, אין „המוכר פירות" וועגן די „כוכין", זאָל ער דאָס אונדז דערקלערן.

שלמה האָט פאַר זיי דערקלערט יענעם ענין און די תּלמידים האָבן שוין איינגעזען, אַז דער אָרעמער שלעפער מיט דער צעריסענער קאַפּאָטע קען ווירקלעך גוט לערנען. זיי האָט שוין פאַרדראָסן וואָס זיי האָבן פון אים חוזק געמאַכט, און האָבן זיך גענומען באַציען צו אים מיט מער דרך ארץ.

דער עלטערער פון די ישיבה בחורים איז צוגעקומען צו אים און אים געגעבן „שלום עליכם", און אים געפרעגט ווי איז זיין נאָמען.

— מיין נאָמען איז שלמה מיימון! — האָט ער געענטפערט.

— מיימון! — האָבן אַלע מיט אַמאָל אויסגערופן — דאָס איז דאָך געווען דער נאָמען פון רמב"ם!

— איר האָט אונדז פריער געזאָגט, אַז איר קומט פון ליטע — האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופן — אונזער געוועזענער רב און ראש ישיבה איז דאָך אויך געקומען פון ליטע.

— און ווי האָט מען אים גערופן? — פרעגט שלמה.

— זיין נאָמען איז געווען ר' רפאל הכהן!

— ר' רפאל הכהן! — האָט שלמה אויסגערופן — איך האָב אים געקענט.

ער איז געווען באַרימט אין אונדזער גאַנצן געגנט און איך געדענק, אַז ווען מען האָט אים גערופן צו פאַרנעמען דעם כסא הרבנות אין פּויזנאַ, האָט ער מיט זיך מיטגענומען מיינעם אַ גוטן פריינט צו זיין זיין מזכיר אפשר ווייסט איר וואו זיי געפינען זיך איצט?

— איך וועל אייך ווייזן וואו דאָס הויז פון דעם רב געפינט זיך! — האָט איינער פון יינגערע בחורים זיך צו אים אָנגערופן.

ער איז מיט אים אַרויס פון בית המדרש און דער ישיבה בחור האָט אָנגעוויזן שלמהן אויף דעם הויז פון דעם רב. שלמה איז אַהין צוגעקומען. ער איז אָבער געבליבן שטיין לעבן דער טיר, ווייל ער האָט זיך געשעמט אַריינצוגיין אין זיין שווידערלעכן הילוך. ער האָט געוואַרט ביי דער טיר אַ היפּשע ווײַלע, ביז וואַנען ער האָט דערזען ווי אימיצער האַלט ביים אַריינגיין אין הויז. ער האָט יענעם מענטשן געבעטן, אַז ער זאָל פון דאָרט אַרויסשיקן דעם זון פון זיין פריינט.

כאָטש עס איז געווען איבער צוויי יאָר זינט דאָס יינגל פון זיין פריינט האָט אים געזען, און דערצו איז ער דאַן געווען בלויז צען יאָר אַלט, האָט ער אים גלייך דערקענט.

— דאָס זייט איר, שלמה? — האָט דער יינגל אויסגערופן מיט ערשטוינונג אין אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— איך זע ווי דו שטוינסט צו זען מיך אין אַזאַ שרעקלעכן צושטאַנד — האָט שלמה צו אים געזאָגט — אָבער איצט איז ניט די צייט דיר צו דערציילן וועגן אַלע אומגליקן וואָס מיט מיר איז געשען, וואָס האָבן מיך געבראַכט צו דער איצטיקער לאַגע. איצט דאַרף איך שנעל טראַכטן וועגן דעם ווי אַזוי עטוואָס צו פאַרלייכטערן מיין טרויעריקן עלנט. איך קען דיר בלויז זאָגן, אַז מיין לאַגע איז אַזוי טרויעריק, אַז ערגער קען מען זיך שוין ניט פאָרשטעלן.

— אָט וועל איך אַריינגיין און דערציילן דעם רב וועגן אייך! — האָט דער יינגל אַ זאָג געטאָן, און איז גלייך צוריק אַריין אין הויז.

ער איז צוגעגאַנגען צום רב, ר׳ הירש חריף, וועלכער איז געזעסן אין זיין צימער און געלערנט און ער האָט זיך צו אים אָנגערופן:

— אין דרויסן געפינט זיך אַ יונגערמאַן, מיין טאַטנס אַ גוטער פריינט. זיין נאָמען איז ר׳ שלמה. מיין טאַטע פלעגט זאָגן וועגן אים, אַז ער איז אַ גרויסער למדן, וואָס צו זיין גלייכן איז שווער צו געפינען אין דער גאַנצער געגנט. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך אָנגעליטן זייער פיל צרות, און זיין לאַגע איז זייער אַ טרויעריקע.

— פאַרוואָס האָסטו אים גלייך ניט געבעטן ער זאָל אַריינקומען אין הויז?

— האָט זיך דער יונגער ר׳ הירש חריף צו אים אָנגערופן — גיי רוף אים אַריין!

— איך צווייפל צי ער וועט וועלן אַריינקומען — האָט דער יינגל געזאָגט.

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל זיינע בגדים זיינען צעריסן און פאַרלאַטעט, זיינע שיך זיינען צעפליקט, און ער וועט זיך שעמען אַריינצוקומען אַהער.

— אויב אַזוי, וועל איך אים אַליין בעטן ער זאָל אַריינקומען צו מיר — האָט זיך ר׳ הירש אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און גענומען גייך.

ווען ער האָט אויפגעעפנט די טיר און דערזען דעם אָרעמען באַוואַקסענעם יונגן מאַן אין אַזעלכע טראַנטעס, האָט זיך אין אים דערוועקט אַ נאָך גרעסערע רחמנות. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און אים געגעבן „שלום עליכם״.

— וואָס שטייט איר אין דרויסן? — האָט דער רב זיך צו אים אָנגערופן

— קומט אַריין צו מיר אין הויז. איר זייט ביי מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

שלמהס אויגן זיינען געפאַלן אויף זיינע צעריסענע שיך מיט די אָפענע „מיילער״, און אַ שטאַרקע בושה האָט אים באַנומען. דער רב האָט עס באַמערקט. ער האָט אים גענומען אונטער דעם אָרעם און איז מיט אים אַריין צו זיך אין הויז. ער האָט אים גלייך אַריינגעפירט אין דעם צימער וואו ער לערנט און וואו עס האָבן זיך געפונען זיינע ספרים. ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן אים און ער האָט אים געבעטן זיך זעצן. שלמה האָט זיך געזעצט אויף אַ טייל פון דעם שטול, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל דעם שטול ניט איינריכטן מיט זיינע פאַרשמוצטע קליידער.

— איך בעט אייך זיך צו פילן דאָ היימיש, פּונקט ווי איר וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים. איך האָב געהערט, אַז איר זייט אַ בן תורה און איר זייט מיר נאָענט צום הארצן.

— איך דאַנק אייך! — האָט שלמה געזאָגט, און זיך אויסגעגלייכט.

— איצט זאָגט מיר, ווי רופט מען אייך און פון וואַנען קומט איר?

— מיין נאָמען איז שלמה מיימון! — האָט ער געזאָגט — און איך קום פון נעסוויזש, ליטע.

פון זיין פריערדיקער דערפאַרונג האָט שלמה געוואוסט, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר אים ניט צו דערציילן דעם גאַנצן אמת, אַז ער איז געקומען קיין דייטשלאַנד צו שטודירן מעדיצין און פילאָזאָפיע, איבערהויפּט ווען ער רעדט צו אַ פרומען רב. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אים צו זאָגן, אַז ער האָט באַשלאָסן אויסצואוואַנדערן פון זיין היימיש שטעטל כדי זיך צו טרעפן מיט גרויסע לומדים.

— און מעג איך אייך פרעגן פאַרוואָס איר האָט פאַרלאָזן אייער היימיש שטעטל און אויסגעוואַנדערט אין דער פרעמד? — פרעגט אים ר׳ הירש.

— צו בלייבן אין מיין ליטוויש שטעטל איז פאַר מיר קיין תכלית ניט געווען. אַלץ וואָס מיר איז דאָרט פאַרבליבן צו טאָן כדי זיך צו דערנערן מיט פרוי און קינד איז צו גיין אויפן ישוב און לערנען דאָרט מיט די קינדער פון ישובניקעס. אַ רבנות שטעלע איז פאַר מיר געווען גאַנץ שווער צו קריגן.

— האָט איר דען סמיכה אויף רבנות? — פרעגט אים ר׳ הירש.

שלמה האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזים קעשענע די סמיכה וואָס ער האָט געקראָגן פון אַ באַרימטן רב און גאון, און ער האָט עס דערלאַנגט צו דעם יונגן רב.

ווען ר׳ הירש האָט איבערגעלייענט די סמיכה, איז ער געוואָרן שטאַרק איבערראַשט און ער האָט זיך צו אים אָנגערופן:

— דער באַרימטער רב און גאון שרייבט דאָך וועגן אייך, אַז איר זייט אַ חד בדרא, איינער אין אַ דור... אַז איר זייט בקי אין גאַנץ ש״ס און מפרשים, און איר זייט באַהאַוונט אין קבלה און אין אַנדערע הייליקע ספרים. אַזאַ מענטש ווי איר זאָל דאַרפן אַזוי פיל ליידן!

— אַזאַ ביטערער גורל איז אויף מיר געפאַלן! — האָט שלמה געזאָגט און אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

— נו, זייט ניט באַזאָרגט — האָט ר׳ הירש זיך צו אים געווענדט — איר זייט צווישן יידן און איר וועט ניט פאַרפאַלן ווערן... איך בין זייער צופרידן וואָס איר זייט געקומען אַהער.

ר׳ הירש האָט דאַן מיט אים פאַרבראַכט אַ ווײַלע אין לערנען און זיין דערשטוינונג איז נאָך גרעסער געוואָרן ווען ער האָט איינגעזען וואָס פאַר אַ גרויסער למדן ער איז. ער אַליין ר׳ הירש, איז אויך געווען באַרימט פאַר זיין גרויסע חריפות און טאָקע צוליב דעם האָט ער געקראָגן דעם נאָמען ר׳ הירש חריף. ווען אָבער ער האָט דערזען ווי ווייט שלמהס גרויסקייט אין לערנען דערגייט, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— איר זייט ווירקלעך איינער פון די גרעסטע לומדים אין אונדזער צייט, און איך בין גליקלעך וואָס איך האָב דעם פאַרגעניגן און כבוד צו פאַרברענגען מיט אייך אין לערנען. איך קען אַ סך, זייער אַ סך, לערנען פון אייך.

אַ שטראָם טרערן האָט אַ גאָס געטאָן פון שלמהס אויגן, און ר׳ הירש האָט אים גענומען באַרואיקן.

— איר דאַרפט ביי זיך ניט זיין געפאַלן! — האָט ער אים געטרייסט — איר וועט דאָ זיכער קומען צו זיך.

— אָ, ווען איר ווייסט צו וואָס מיין ביטערער גורל האָט מיך געטריבן דאָ אין דער פרעמדע, וואָלט איר ערשט איינגעזען ווי אומגליקלעך איך בין. שטעלט זיך פאָר, אַז איך בין געטריבן געוואָרן צו בעטל ברויט. איך האָב דערוואַנדערט ביז בערלין און ווען מען האָט מיך דאָרט ניט אַריינגעלאָזט, בין איך געבליבן ווי אין מיטן וואַסער. קיין געלט האָב איך ניט געהאַט. קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט, און ווען איך בין געקומען אין אַ קרעטשמע צווישן גויים איבערצונעכטיקן די נאַכט און איך האָב דאָרט דערפאַר באַצאָלט מיט מיינע לעצטע עטלעכע פעניג, האָב איך געוואוסט, אַז מאָרגן וועל איך דאַרפן הונגערן. האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אין אָט יענער קרעטשמע איז איינגעשטאַנען נאָך אַ ייד. אויך אַ גרויסער אָרימאַן, איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט צו זען נאָך אַ יידן. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ בעטלער אַז ער גייט איבער די הייזער און דערפון ציט ער זיין פרנסה. יענער האָט גענומען מיר איינריידן, אַז איך זאָל זיך אָנשליסן מיט אים אין שותפות, אַז מיר זאָלן ביידע גיין איבער די הייזער און אויסשטרעקן די האַנט צו בעטן נדבות. איך האָב אָבער ניט געוואָלט הערן פון דעם. ביז וואַנען דער הונגער האָט מיר גענומען דריקן... איך האָב בשום אופן ביי זיך ניט געקענט פועלן זיך אַזוי צו דערנידריקן, אָבער דער בעטלער האָט מיר איבערצייגט, אַז דורך בעטלען קריגט ער זיין שפּייז און איך בלייב הונגעריק, איך האָב קיין כּוח ניט

געהאַט פּאַרטצוזעצן מיט מיין וואַנדערן... איך בין דעריבער געצוואונגען געווען זיך אַנצושליסן צו אים און גיין איבער די הייזער... איך שווידער אויף ווען איך טראַכט פון דעם ... איך האָב פאַרלאָרן דעם צלם אלוקים, ווען איך בין אַוועק אויף דעם דאַזיקן וועג...

— איר ווייסט דאָך, ר׳ שלמה, אַז סכנת נפשות איז דוחה אפילו שבת... און וואָס קען נאָך זיין גרעסער ווי די עבירה פון חילול שבת? אָבער די מצוה פון „ונשמרתם מאד לנפשותיכם" שטייט העכער פון אַלע אַנדערע מצוות. יאָ, אַ מענטש מוז זיך אָפּהיטן און ווען עס איז ביי אייך געווען די געפאַר פון אויסגיין פון הונגער, האָט איר דאָך קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט. איר טאָרט זיך דעריבער ניט נעמען צום האַרצן. איר דאַרפט זען אײנגאַנצן צו פאַרגעסן וועגן דעם. לאָמיר איצט ריידן וועגן דעם וואָס איר האָט בדעה צו טאָן.

— ווען איך וואָלט געקענט באַקומען ערגעץ אין אַ הויז אַ שטעלע ביי אַ באַלעבאַטישן יידן צו לערנען מיט זיינע קינדער, וואָלט איך דאָ פאַרבליבן!
— האָט שלמה געזאָגט.

— אָ, וועגן דעם האָט איר ניט וואָס צו זאָרגן! — האָט ר׳ הירש זיך אָנגערופן — אייער בקשה איז אַ גאַנץ קליינע און באַשיידענע, און עס וועט ניט זיין שווער דאָס דורכצופירן. איר וועט ביי מיר זיין זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט אויף שבת און יום טוב. דערווייל וועל איך שיקן מיין זון ער זאָל פאַר אייך אויפזוכן אַ קוואַרטיר, וואו איר וועט קענען וואוינען אַן זאָרג.

— אָבער איך האָב דאָך קיין געלט ניט צו באַצאָלן פאַר אַזאַ קוואַרטיר!
— האָט שלמה מיט טרויער אין זיין שטימע זיך אָנגערופן.

— אָ, וועגן דעם זאָלט איר גאָרניט זאָרגן. עס וועט זיין רעכט. איך וועל אייך לייען אַ ביסל געלט, וואָס וועט דערווייל קלעקן פאַר אייך פאַר אייערע הוצאות וואָס איר ברויכט אַ חוץ די דירה־געלט פאַר וואָס איר האָט גאָרניט וואָס צו זאָרגן.

ר׳ הירשס זון, וועלכער איז אַליין אויך געווען אַ ישיבה בחור מיט אַ שאַרפן קאָפּ, איז אַוועק אויפזוכן פאַר שלמהן אַ צימער ביי איינעם פון די בעלי בתים.

— איך בין זיכער, אַז איר זייט הונגעריק. איך וועל גיין זאָגן דער רביצין, אַז זי זאָל אייך עפּעס געבן צו עסן.

— איך שעם זיך צוצוגיין צום טיש אין מיין הילוך! — האָט שלמה זיך אָנגערופן.

— איר האָט זיך ניט וואָס צו שעמען! — האָט ר׳ הירש אַ שמייכל געטאָן
— מיר וועלן דאָס אויך זען גוט צו מאַכן — די גאַנצע וועלט איז דאָך אַ „גלגל החוזר", היינט האָט איר ניט און יענער האָט, און מאָרגן קענט איר האָבן און יענער ניט... מיט גאָטס הילף וועל איך זען אַז איר זאָלט האָבן נייע בגדים.

ר׳ הירש איז אַריין אין קיך און האָט דערציילט זיין ווייב וואָס פאַר אַ גאַסט זיי האָבן, און איר געבעטן, אַז זי זאָל צוגרייטן פאַר אים וואָס צו עסן.

— גוט, האָט די רביצין געזאָגט — זאָל ער זיך גיין וואַשן. איך האָב שוין פאַרטיק דעם מיטאָג. איך וועל בלויז גרייט מאַכן דעם טיש.

די רביצין האָט פאַרשפּרייט אַ ווייסן טישטוך אויף דעם טיש און זי האָט אַוועקגעלייגט ברויט און זאַלץ. שלמה האָט זיך געוואַשן צו עסן און געמאַכט „המוציא".

די רביצין איז אַריינגעקומען אין עס צימער מיט געקעכץ און באַגריסט דעם אורח. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז שטאַרק עמפּינדלעך וועגן זיינע טראַנטעוואַטע בגדים, האָט זי לאַנג ניט פאַרבראַכט אין צימער. זי האָט דער־לאַנגט דאָס עסן און איז באַלד אַרויס.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט בענטשן, איז ר' הירש אַריינגעקומען און אים געזאָגט, אַז זיין זון האָט שוין פאַר אים באַזאָרגט אַ צימער.

— מיין זון וועט אייך באַלד אַהין צופירן. איר וועט זיך דאָרט גוט אויס־רוען און מאָרגן וועלן מיר זען וואָס צו טאָן וועגן בגדים.

זיין זון האָט אים צוגעפירט צו אַ שיינעם הויז. שלמה איז שטאַרק איבער־ראַשט געוואָרן צו זען אַזאַ פּרעכטיקע געביידע. ער האָט געמיינט, אַז מען וועט אים אַוועקפירן ערגעץ אין אַן אָרעם הייזל פון אַן אָרעמען יידן, וואו ער וועט קריגן אַ קליין ענג קעמערל, און דאָ דערזעט ער אַזאַ שיינע הויז, ממש אַ פּאַלאַץ...

דער בעל הבית פון הויז איז אים אַנטקעגן געקומען און ער האָט אים געגעבן „שלום עליכם".

— קומט אַריין, ר' שלמה! — האָט ער צו אים געזאָגט — איר זייט זייער אַ חשובער גאַסט ביי מיר. איך האָב שוין געהערט פון אייך און איך בין דאַנקבאַר אונדזער ווירדיקן רב ר' הירש, וואָס ער האָט מיך מזכה געווען מיט אַזאַ טייערן אורח ווי איר זייט.

ער האָט אַריינגעפירט שלמהן אין אַ צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ שיינע בעט. אין צימער זיינען געווען שאַפעס פול מיט ספרים, וויל יענער צימער איז געווען דער לערן־צימער פון דעם בעל הבית און זיין זון. שלמה האָט באַטראַכט די ספרים און אַ פרייד האָט זיך צעגאָסן איבער זיין קערפּער. שוין לאַנג ווי ער האָט אַזעלכע ספרים ניט געזען. ער האָט פון דעם געדרונגען, אַז דער בעל הבית מוז זיין אַ גרויסער למדן, און דעריבער איז זיין שמחה נאָך שטאַרקער געוואָרן.

ער האָט דאָרט דערזען דעם רמב"מס ספרים. ער האָט אַרויסגענומען איינעם פון זיי און ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין ספר, אַז ער האָט ניט באַמערקט ווי די שעה'ן זיינען געלאָפן.

ער האָט דערפילט עטוואָס הונגעריק, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער רב, ר' הירש, האָט אים געגעבן עטוואָס געלט. ער איז דעריבער אַרויס פון זיין צימער און צוגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע. ער האָט איר דערלאַנגט עטלעכע גראָשן און זיך צו איר אָנגערופן:

— איר וועט אַזוי גוט זיין און צוגרייטן פאַר מיר גרויפּן־זופּ פאַר וועטשערע!

— אַ, ניין, ר' שלמה! — האָט זיך די באַלעבאָסטע צעלאַכט — מיר האָבן

דאָך אַזוי ניט אָפּגעמאַכט. דער רב האָט אייך רעקאָמענדירט צו אונדז ניט צוליב דעם, אַז איר זאָלט ביי אונדז לאָזן קאָכן גרויפּנזופּ פאַר געלט! איר דאַרפט וויסן, אַז ניט נאָר וועט איר ביי אונדז לאָזשירן די גאַנצע צייט וואָס איר וועט פאַרברענגען אין פּויזנאַ, נאָר איר וועט ביי אונדז אויך עסן און טרינקען. איר זייט אונדזער גאַסט און איר דאַרפט מער קיין זאָרג ניט האָבן וועגן וואוינען און עסן. אויב איר האָט ליב גרויפּן וועט איר ביי אונדז קענען אויך עסן גרויפּן. היינט פאַר אָוונט ברויט האָב איך געקאָכט אַן אַנדער זופּ. מאָרגן, אויב איר ווילט, וועל איך קאָכן פאַר אייך גרויפּן. איר דאַרפט זיך ניט שעמען. זאָגט מיר וואָס איר האָט האָלד צו עסן און איך וועל שוין זען, אַז איר זאָלט עס האָבן.

— אָ, איך בעט אייך אַנטשולדיקן! — האָט שלמה געזאָגט — איך האָב ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דאָס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן אייך און דעם רב. איך בין געווען אונטערן איינדרוק, אַז דאָס האָט דער רב פאַר מיר געדונגען אַ צימער פאַר געלט און פאַרשטייט זיך, אַז שפּייז איז ניט אַריינגערעכנט געוואָרן... איך האָב ניט גענוג ווערטער אייך דאַנקבאַר צו זיין.

— אָט וועל איך באַלד גרייטן צום טיש, און מיר וועלן אַלע עסן אָוונט־ברויט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין שלמה געזעסן ביים טיש מיט דעם בעל הבית, די באַלעבאָסטע און זייער זון. די דינסט האָט דערלאַנגט די וועטשערע און שלמה האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. צווישן די מאכלים האָבן זיי פאַרבראַכט אין לערנען און שלמה איז געווען אַנגענעם איבערראַשט צו זען וואָס פאַר אַ גרויסער למדן און משכיל זיין בעל הבית איז. דער בעל הבית און זיין זון האָבן געהערט די טיפע געדאַנקען וואָס קומען אַרויס פון שלמהס מויל און זיי האָבן געשלונגען זיינע ווערטער.

נאָכן אָוונט־ברויט האָט זיך שלמה געשטעלט דאַווענען מעריב. און דאַן האָט אים דער זון פון בעל הבית אַריינגעפירט אין דעם זעלבן צימער און אים אָנגעוויזן אויף דעם בעט.

— דאָ האָט איר אַלץ וואָס איר דאַרפט! — האָט ער געזאָגט צו שלמהן — וואַסער, אַ האַנטוך, אַ קענדל און אַ גלאָז. איר זייט מן הסתם מיד. לייגט זיך שלאָפן!

שלמה האָט באַטראַכט די אויסגעבעטע בעט. אַ שניי־ווייסער ליילעך האָט באַדעקט די בעט. די קישנס זיינען געווען באַצויגן מיט פרישע אויסגעוואַשענע ציכלעך. ער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט. זינט ער האָט אָנגעהויבן זיין וואַנדערונג, שוין היפּשע עטלעכע חדשים, האָט ער ניט געשלאָפן אין אַזאַ ווייכער, ריינער בעט. ער פלעגט זיך וואַלגערן אויף געלעגערס וואָס זיינען געווען אויסגעבעט פון איינגעשמוצטער שטרוי. דאָס רוב פלעגט אים אויסקומען צו שלאָפן אויף דער ערד. פילע מאָל פלעגט ער ליגן אויף האַרטע ברעטער און זיינע ביינער פלעגן אים ברעכן.

ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט און ער האָט זיך געפילט אַזוי גוט, אַזוי גליקלעך...די בעט איז געווען גרויס, ריין, ציכטיק, ווייך און וואַרעם. ער

האָט זיך אויסגעצויגן און ער האָט דערפילט, אַז זיינע מידע ביינער קריגן צוריק זייער פריערדיקע קראַפט...

שלמה איז גלייך איינגעשלאָפן, און ער האָט נאָך אַזוי געשמאַק ניט געשלאָפן זינט ער האָט פאַרלאָזן זיין היים. ער האָט אַזוי אָפּגעשלאָפן ביזן גרויסן טאָג אַריין. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָפּגעגאָסן „נעגל וואַסער", האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן. ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען. ער האָט געוואוסט, אַז מען וועט פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ הילוך איז פאַר אים ניט פּאַסיק צו דאַווענען אין שול אָדער אין בית המדרש.

ווען ער האָט געענדיקט עסן פרישטיק, האָט אים די באַלעבאָסטע געלאָזט וויסן אַז דער רב האָט צו אים געשיקט דעם שמש. שלמה האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און ער איז אַריין אין צימער וואו דער שמש האָט אויף אים געוואַרט.

— דער רב האָט מיך געשיקט איך זאָל אייך אַריבערברענגען צו אים — האָט דער שמש זיך אָנגערופן צו שלמהן.

שלמה איז אַוועק מיטן שמש צום רב, ר' הירש, וועלכער האָט אים וואַרעם אויפגענומען.

— נו, זייט איר צופרידן פון אייער דירה? — האָט ער געפרעגט שלמהן.

טרערן האָבן זיך געשטעלט אין שלמהס אויגן און ער האָט אַ ווײַלע קיין וואָרט ניט געקענט געפינען אויסצודריקן זיינע געפילן.

— איך האָב געשלאָפן אין אַ בעט! — האָט דערנאָך שלמה אויסגערופן מיט גרויס עקסטאַז.

— גייט אַריין מיט ר' שלמהן צום שניט־קרעמער און נעמט דאָרט אויף מיין חשבון צייג אויף מלבושים. יאָ, ר' שלמה! איר וועט זיך דאָרט אויס־קלייבן וואָס פאַר אַ צייג אייך וועט בעסער געפעלן ווערן — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו אים — פון דאָרט וועט דער שמש מיט אייך אַריינגיין צום שניידער און אים בעטן, אַז ער זאָל איבערלאָזן אַלע אַנדערע אַרבייטן און זאָל פון אייך נעמען אַ מאָס און זיך גלייך נעמען צו נייען פאַר אייך אַ רבנישן מלבוש.

שלמה איז געשטאַנען ווי אַ געפּלעפטער. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט און אַ טיפער אַכטונג צו דעם וואונדערבאַרן, און ליבלעכן רב, וועלכער טוט פאַר אים אַזוי פיל... ער איז אַ קליינע ווײַלע געבליבן שטיין פאַר אים ווי ער וואָלט געווען שטום און ניט געקענט ענטפערן קיין וואָרט, בלויז דער שטראָם טרערן פון זיינע אויגן איז געווען זיין ענטפער.

די רביצין האָט באַשטעלט פאַר אים ביי אַ נייטאָרן נייע וועש. אין עטלעכע טעג אַרום איז אַלץ פאַרטיק געוואָרן. דאַן איז דער שמש אַוועק מיט שלמהן אין בית המרחץ, וואו ער האָט זיך גוט אויסגעוואַשן. אַ שערער האָט אים אָפּגעשאָרן די פאַרוואַקסענע האָר פון קאָפּ און אויך עטוואָס אַרומגעשאָרן זיין באָרד. דאָרט האָט ער אָנגעטאָן זיינע נייע וועש און די בגדים וואָס דער שמש האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פאַר אים. פון די קעשענעס פון די אַלטע בגדים האָט ער אַרויסגענומען זיינע פּאַפּירן, זיינע כתב־ידן, זיין סמיכה, ווי אויך זיין פירוש אויף דעם „מורה נבוכים", וואָס ער האָט גערופן „גבעת המורה" און דאָס

אַלץ אַריינגעטאָן אין די קעשענעס פון זיינע נייע בגדים. די אַלטע צעפּליקטע בגדים האָט ער דאָרט איבערגעלאָזן.

— ר׳ שלמה, איר קוקט אויס אַ גאַנץ אַנדערער מענטש! — האָט דער שמש זיך אָנגערופן צו אים, נאָכדעם ווי ער האָט אים באַטראַכט.

אָן אויסגעפּאַרעטער און אויסגעוואַשענער אין זיינע נייע בגדים, איז שלמה אַוועק צום רב.

ר׳ הירש האָט אים באַטראַכט און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. וואָס פאַר אַן אונטערשייד אין זיין אויסזען!

— נו, געלויבט איז השם יתברך! — האָט דער רב געזאָגט — איר טאָרט ביי זיך מער ניט זיין געפאַלן. איר מוזט פאַרגעסן די טרויעריקע פאַרגאַנגענהייט.

שלמה איז געווען אַזוי גערירט פון דעם רבס גוטסקייט. ער האָט אים געוואָלט באַדאַנקען פאַר אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו אים, אָבער ער האָט בלויז געקענטריידן אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— אָ, איך בעט אייך, ר׳ שלמה, איר דאַרפט דערפון גאָרניט מאַכן קיין ווערט! — האָט ר׳ הירש זיך אָנגערופן — עס איז אַ קלייניקייט. און איר וואָלט געטאָן דאָס זעלבע צו מיר, ווען איך בין אויף אייער פּלאַץ און איר זייט אויף מיין פּלאַץ.

די רביצין איז אויך אַריינגעקומען אין צימער און ווען זי האָט דערזען שלמהן אין זיינע נייע בגדים, אַ געוואַשענער, געשאָרענער און געקעמטער, האָט זי ניט געקענט באַהערשן איר באַגייסטערונג און אויסגערופן:

— איר זייט דאָך איצט אַ גאַנץ אַנדער מענטש! לאָמיר האָפן, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט זיך אויך אייער מזל ענדערן צום בעסערן. ווען איך האָב אייך געזען צום ערשטן מאָל זייט איר געווען דערשלאָגן, פאַרצווייפלט און פול מיט יאוש. איך האָב אייך גלייך געוואָלט זאָגן, אַז איר זאָלט ניט זיין אַזוי באַזאָרגט, אַז צווישן יידן ווערט מען ניט פאַרפאַלן, בפרט אַזאַ ווי איר, וועלכער איז אַ רב און קען אַזוי גוט לערנען. איצט בין איך זייער צופרידן אייך צו זען אין אַ בעסערן צושטאַנד.

באַלד איז ר׳ הירש אַריין מיט שלמהן אין זיין לערן־צימער. דאָרט האָט זיך געפונען זיין זון, וועלכער האָט געלערנט מיט דעם צוועלף־יעריקן יינגל, דעם זון פון שלמהס פריינט, וועלכער איז געווען אַ גאַנץ קלוגער יינגל און האָט געלערנט מיט גרויס התמדה.

ביידע האָבן באַטראַכט שלמהן און געקוקט אויף אים מיט צופרידנקייט. ר הירש האָט זיך דערווייל פונאַנדערגערעדט מיט שלמהן אין לערנען, און צווישן זיי האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסער פּילפּול. שלמה האָט דאַן געקענט ווייזן זיין גרויס בקיאות און זיין שאַרפזיניקן שכל, און דער רב, ר׳ הירש, האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דער טיפקייט און לאָגישקייט פון זיינע געדאַנקען.

— וואויל וועט זיין דער יידישער קהילה וועלכע וועט אייך האָבן פאַר איר רב! — האָט ר׳ הירש געזאָגט.

שלמה האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט ניט בדעה צו זיין אַ רב, אָבער

ער האָט עס ניט געטאָן. ער האָט שוין געהאַט זיין דערפאַרונג פון הקדש, און ער האָט זיך שוין געהיט ער זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט עפּעס וואָס זאָל קענען אויסגעטייטשט ווערן פאַר אַפּיקורסות.

ער האָט פאַרבראַכט מיט ר׳ הירשן היפּשע עטלעכע שעה אין לערנען. אין דערזעלבער צייט האָט די רביצין דערוויילע דערלאַנגט כיבוד פאַרן חשובן גאַסט.

דערווייל האָט מען שוין אין שטאָט אויסגעפונען וואָס פאַר אַ וויכטיקן אורח זיי האָבן. מען האָט גענומען ריידן אין בית־המדרש וועגן דעם ליטווישן גרויסן למדן, אויף וועמען זייער רב, ר׳ הירש, האָט געזאָגט, אַז זיין גלייכן איז זעלטן צו געפינען.

פּיוול דער בעטלער, וועלכער האָט געהאַפּט, אַז שלמה וועט זיך צו אים צוריקקערן, ווען ער וועט אָנפאַנגען פילן דעם הונגער, האָט געהערט, אַז מען רעדט אין שטאָט וועגן אַן אורח וועמענס נאָמען איז שלמה מיימאָן, אַז ער איז אַ גרויסער למדן, און אַז מען האָט אים פיין אויפגענומען. אים האָט זיך אָבער ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס זאָל זיין דערזעלבער. ער האָט דעריבער געוואָרט מיט אומגעדולד, אַז שלמה זאָל קומען צו אים און דאַן וועט ער הערן פון זיין מויל וואָס מיט אים איז געשען.

ווען שלמה האָט דערציילט ר׳ הירשן, אַז ער האָט איבערגעלאָזן אין דער אָרעמער אַכסניה איינעקע קליינקייטן, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט שיקן דעם ייִנגל, דעם זון פון שלמהס פריינט, ער זאָל דאָס אָפּנעמען.

— מען וועט אים ניט וועלן געבן אָן מיר — האָט שלמה געזאָגט — איך וועל מיט אים מיטגיין און ער וועט מיר העלפן טראָגן.

ר׳ הירש האָט געהייסן דעם ייִנגל מיטגיין מיט שלמהן צו יענער אַכסניה. אויפן וועג אַהין האָט שלמה זיך דורכגערעדט מיטן ייִנגל.

— איך וועל קיינמאָל, אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, ניט פאַרגעסן דעם געטלעכן מאָן ר׳ הירש — האָט שלמה זיך אָנגערופן צום ייִנגל — ער האָט צו־ריקגעקערט מיין זעלבסטווירדע אין דער צייט ווען מיין נשמה איז געווען דורכגענומען מיט פאַרצווייפלונג און האָפנונגסלאָזיקייט און איך בין געשטאַנען אויף דער שוועל פון אָפּגרונט. ער האָט מיך דערהויבן, צוריקגעקערט צו מיר די האָפנונג און מיין גלויבן אין מענטשן... גיב נאָר אַ קוק אויף מיר: ערשט נעכטן בין איך געווען אַן אָרעמער שלעפּער, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, ניט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה, קיין דאַך איבערן קאָפּ, און איצט האָב איך אַ נייעם מלבוש, נייע שיך, אַ נייעם הוט; איך האָב אַ צימער און אַ ווייכע בעט צום שלאָפן; איך האָב גענוג צו עסן... איך קען זיך פאַרשטעלן וויפיל געלט עס קאָסט מיין נייע אויסשטאַטונג... עס ווייזט אויס, אַז דער גוט־האַרציקער רב ר׳ הירש מוז דאָ קריגן גרויסע שכירות, אַז ער זאָל קענען באַהויפּטן זיך צו לאָזן קאָסטן אויף מיר אַזויפיל געלט...

— אָ ניין, ר׳ שלמה — האָט זיך דער ייִנגל אָפּגערופן — דער רב ר׳ הירש קריגט גאַנץ קליינע שכירות. אַזוי ווי ער זיצט טאָג און נאַכט און לערנט תורה, פירט זיין פרוי, די רביצין, אַלע זיינע ענינים. זי באַזאָרגט די גאַנצע ווירטשאַפט.

צו אים קומען גאַנץ אָפט נויטבאַדערפטיקע מענטשן און ער העלפט יעדן איינעם ווי ווייט מעגלעך. אָבער די רביצין ווייסט ניט דערפון. ער זאָגט איר, אַז אַנדערע בעלי־בתים האָבן אים געגעבן דאָס געלט פאַר דעם. אין דער צייט ווען דער גוטער רב גיט אַוועק וויפיל ער האָט פאַר צדקה, דאַרף די רביצין גאַנץ אָפט באָרגן אויף שבת...

— ווען איך ווייס דאָס — וואָלט איך עס ניט געלאָזן אים טאָן. איך וועל זען ווי ווייט מעגלעך אים אומצוקערן דאָס געלט וואָס ער האָט אויף מיר אויס־געגעבן.

— וועגן דעם טאָרט איר אַפילו ניט טראַכטן — האָט דער יינגל געזאָגט

— ווילט איר דען אים באַליידיקן?

— וועל איך די ערשטע געלט וואָס איך וועל פאַרדינען אָפּגעבן דער רביצין!

— דאָס טאָרט איר געוויס ניט טאָן. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז זי ווייסט ניט פון דעם און אַז דער רב וויל ניט, אַז זי זאָל וויסן פון דעם, האָט ער דאָך געוויס אַן אורזאַכע... איך ווייס, אַז דורך זיין גוטהאַרציקייט איז דער רב תמיד פאַרזונקען אין חובות, אָבער די רביצין ווייסט פון קיין זאַך ניט.

שלמה האָט שוין איינגעזען וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער מענטש דער רב איז, און זיין דרך־ארץ און ליבשאַפט צו אים איז געוואַקסן מיט יעדער רגע.

ווען זיי זיינען צוגעקומען ניט ווייט פון דער אָרעמער אַכסניה האָט זיך שלמה אָנגערופן צום יינגל:

— די עטלעכע קליינִיקייטן וועלן פאַר מיר ניט זיין צו־שווער צו טראָגן. דו קער זיך בעסער אום און איך וועל שוין אַליין באַזאָרגן אַלץ וואָס עס וועט זיין נויטיק.

דער יינגל האָט זיך צוריקגעקערט צום רב און שלמה איז אַריינגעקומען אין דער אַכסניה. די ערשטע וועלכע האָבן אים דערזען זיינען געווען דער אייגנטימער פון דער אַכסניה, דער אָרעמער לאַטוטניק און זיין פרוי. ביידע האָבן אויף אים געקוקט מיט דערשטוינענדע בליקן.

— איז דאָס ניט דערזעלבער, וועלכער איז געקומען מיט פייוול דעם בעט־לער? האָט די פרוי אין דער שטיל אַריינגעשושקעט איר מאַן אין אויער.

— יאָ, דאָס איז דאָך שלמה, וועלכער איז צו אונדז געקומען מיט פייוול דעם בעטלער אַלס זיין שותף! — ענטפערט איר דער לאַטוטניק.

— ער גייט דאָך אָנגעטאָן ווי אַ רב! — האָט די פרוי אויסגערופן.

— דאָס וואָס פייוול האָט מיר טאַקע דערציילט וועגן שלמהן. ער אַליין האָט דאָס ניט געוואָלט גלויבן, אָבער דו זעסטו דאָך, אַז עס איז טאַקע אַזוי.

שלמה האָט זי באַגריסט און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף פייוולען.

— ער איז דאָרט אין צימער מיט די אַנדערע שנאָרער — האָט דעם לאַטוט־ניקס פרוי זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל — אָט וועל איך אים זאָגן, אַז איר זייט געקומען.

באַלד איז אַריינגעקומען פייוול דער בעטלער און ווען ער האָט דערזען שלמהן אין זיין נייער רבנישער קאַפּאָטע, מיט זיינע בייע שיך און הוט, איז ער געבליבן שטיין מיט אַן אָפענער מויל און האָט אויף אַ ווײַלע צו זיך ניט

געקענט קומען. ער האָט אויף שלמהן געקוקט און געטראַכט: אָט ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער מיט אים געקומען אַהער, אין דער דאָזיקער אָרעמער כאַלופּקע, אויסגעשעפּט פון דער לאַנגער רייזע, אָן כוחות, האַלב נאַקעט און האַלב־באָרוועס, משונהדיק ווילד פאַרוואַקסן. ער האָט געהערט ווי אַלע דאָ אין דער אכסניה האָבן שלמהן באַטראַכט ווי אַן אויסוואורף פון דער נאַטור, און ער אַליין האָט פון אים אָפּגע׳חוזקט ווען ער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט מער ניט גיין איבער די הייזער. ער איז געווען ביי זיך זיכער, אַז זיין שותף וועט לאַנג ניט קענען אויסהאַלטן און ער וועט זיך צוריקקערן צו אים און באַנייען זייער שותפות... איצט איז אָט דער זעלבער שלמה געקומען אַהער אין דער כאַלופּקע מיט אַ מונטערשיינענדן פּנים, געקליידט ווי אַן עכטער רב, אַרומגעוואַשן, אַרומגעקאַמט, און זיין אויסזען רופט ביי אַלעמען אַרויס אַ יראת הכבוד...

— אָ, ר׳ שלמה! ר׳ שלמה, איך בעט אייך, זייט מיר מוחל! איך האָב זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן, אַז איר זייט ווירקלעך אַזאַ גרויסער רב. די גאַנצע שטאָט קלינגט דאָך מיט אייך, און איך האָב אייך אַזוי גראָב באַהאַנדלט... איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ כבוד איר טוט מיר אָן, וואָס איר האָט זיך אָנגעשלאָסן מיט מיר און איר זייט געוואָרן מיין שותף... ווער האָט דאָס געקענט וויסן, אַז דער וועלכער האָט זיך אַרויסגעלאָזן מיט מיר אויף אונדזער טרויעריקן וואַנדערוועג, זאָל זיין אַזאַ גרויסער מענטש, אַז רבנים גיבן אים אָפּ אַזוי פיל כבוד. איך בעט אייך נאָכאַמאָל איר זאָלט מיר מוחל זיין!

— איך האָב אייך ניט וואָס מוחל צו זיין! — האָט שלמה זיך אָנגערופן עס איז דאָך ניט געווען אייער שולד וואָס מיין מזל האָט גורם געווען, אַז איך זאָל דאַרפן אָנקומען צו בעטל־ברויט. פאַרקערט, איך דאַרף אייך דאַנקבאַר זיין, וואָס דורך אייך בין איך ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער. מיין לאַגע איז דאָך דאַן געווען אַן אויסערגעוויינלעך טרויעריקע... איך בין פאַרוואָגלט גע־וואָרן אין דער פרעמד... איך האָב ניט געוואוסט וואו איין, וואו אויס. איך בין געווען צווישן גויים, וועלכע האָבן ניט פאַרשטאַנען מיין שפּראַך... זיי האָבן פון מיר געשפּאָט און געלאַכט... איך האָב דאָך פון זיי ניט געקענט דערוואַרטן הילף... און ווען גאָט שיקט אייך ניט צו, וואָלט איך איצט שוין זיכער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. איך וואָלט געשוואָלן געוואָרן פון הונגער... אמת, בעטלען איז ניט געווען מיין פאַך, אָבער ווען מען איז הונגעריק און דורשטיק, רעכנט מען זיך ניט מיט דעם... אָן אייך וואָלט איך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן!

דער אָרעמער לאַטוטניק און זיין פרוי האָבן צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל און זיי זיינען ביידע געקומען צום באַשלוס, אַז דער פריערדיקער בעטלער איז גאָר אַ „לאַמעד־וואָווניק״, און אַז זיי האָבן געזינדיקט קעגן אים און אים אַזוי גרינגגעשעצט.

— דו האָסט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל פון דעם בעטלער פאַרלאַנגען ער זאָל מיר באַצאָלן פאַראויס פאַר זיין נאַכטלעגער און איך האָב צו אים גערעדט גראָב און געזאָגט, אַז אויב ער וועט מיר ניט באַצאָלן אין פאַראויס זאָל ער

זיך פון דאַנען גלייך פאַרנעמען! — האָט דער לאַטוטניק זיך אָנגערופן צו זיין פרוי — און איצט, ווייסט גאָט אויב ער וועט אונדז מוחל זיין.

— לאָמיר ביידע צוגיין און אים בעטן מחילה! — האָט די פרוי געזאָגט — און ווייסטו נאָך וואָס איך וועל טאָן? איך וועל אים בעטן, אַז ער זאָל בענטשן אונזער קינד.

די פרוי האָט אַרויסגענומען פון וויגעלע איר זויגעדיק קינד און אים צוגע־טראָגן צו שלמהן און זיך צו אים אָנגערופן:

— איך און מיין מאַן בעטן אייך איר זאָלט אונדז אַנטשולדיקן פאַר אונזער געמיינער און גראָבער באַנעמונג צו אייך.

— איר זייט אַלע צו מיר פריינטלעך געווען און איר האָט ניט וואָס צו זאָרגן — האָט שלמה זיך אָנגערופן צו זיי — איך בין אייך אַלעמען מוחל און ווינטש אייך אַלדאָס גוטעס...

— איצט זעען מיר, אַז איר זייט אַ הייליקער ייד! — האָט די פרוי זיך אָנגערופן — און איך בעט אייך, בענטשט מיין קינד!

— זאָל גאָט געבן, אַז ער זאָל אויסוואַקסן צו זיין אַ גוטער געזונטער ייד און האָבן אַ סך גליק און איר זאָלט פון אים האָבן פיל נחת — האָט שלמה אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם קינדס קאָפּ.

ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט פּייוולען, האָט שלמה דעם בעטלער איבער־געגעבן די עטלעכע מטבעות וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך.

— נעם דאָס, פּייוול! — האָט שלמה זיך צו אים אָנגערופן — איך בין שוין באַזאָרגט דערווייל מיט אַ דאַך איבער מיין קאָפּ, מיט שפּייז, און איך נויטיק זיך ניט אין קיין געלט. דיר וועלן די עטלעכע מטבעות צוניץ קומען.

איך דאַנק אייך, ר׳ שלמה! — האָט פּייוול פון אים גענומען דאָס געלט.

שלמה האָט זיך מיט אים געזעגנט און איז אַוועק צו זיין קוואַרטיר. דער בעל הבית און די באַלעבאָסטע האָבן אים אויפגענומען מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און פריילעכקייט, אַז ער איז טיף גערירט געוואָרן.

— היינט זיינען דאָ געווען ביי מיר אין הויז עטלעכע פון די גרעסטע לומדים פון פּויזנא — האָט דער בעל הבית זיך אָנגערופן צו שלמהן — זיי זיינען אַהער געקומען זיך זען מיט אייך און פאַרברענגען מיט אייך אין לערנען. איר אַליין האָט גאָר קיין באַגריף ניט ווי באַרימט איר זייט. און איך און מיין פרוי פילן זיך גליקלעך וואָס איר געפינט זיך ביי אונדז. עס איז ביי אונדז אַ גאָר גרויסער כבוד!

שלמהן האָבן געפעלט ווערטער אויסצודריקן זיין דאַנקבאַרקייט צו די אַלע וועלכע האָבן אין אים אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה, וועלכע האָבן צוריק־געקערט צו אים זיין זעלבסטווירדע און וויזן אים אַרויס אַזוי פיל צערטלעכקייט און ליבשאַפט. ער האָט גענומען ביי זיך טראַכטן:

„ווען אַט דאָס זעלבע וואָלט געשען ווען ער איז אָנגעקומען אין בערלין, וואָלט ער דאָך איצט געווען דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. ער וואָלט האָבן געהאַט דערגרייכט זיין ציל און זיין לעבן וואָלט איצט אָנגענומען אַ גאַנץ נייע ווענדונג... אמת, דאָ אין פּויזנאַ איז אים דערווייל גוט. מען גיט אים

אַפּ פיל כבוד, און ער וועט זיך מיט דער צייט קענען איינאָרדנען, אַזוי אַז ער וועט ניט האָבן קיין דאגת פּרנסה. אָבער וואָס וועט ווערן פון אים? איז דאָס דען פאַר אים אַ תּכלית? וואָלט ער געוועז געניגט צו רבנות און זיך געקענט איינלעבן אין דער וועלט פון פרומקייט און לערנען תּורה, וואָלט ער זיך ניט געקענט ווינטשן קיין בעסערע שטאָט ווי פּויזנאַ, וואו עס געפינט זיך אַ גרויסע צאָל געלערנטע יידן וועלכע ווייסן ווי אים אָפּצושאַצן... ער, אָבער, האָט זיך דאָך גענומען אַ גאַנץ אַנדער ציל אין לעבן... ער דורשט נאָך וויסנשאַפט. זיין מוח גריבלט זיך אין פילאָזאָפיע... ער האָט אַ דראַנג צו שטודירן מעדיצין... ער וואָלט זיך וועלן אַרויסרייסן פון אָט דער דאָזיקער ענגער וועלט אויף דער פריי, וואו ער וואָלט געקענט פאַרווירקלעכן אַלע זיינע אידעאַלן און שטרעבונגען. וועט ער דאָס איצט קענען טאָן?

— איך געפין זיך איצט אין דער זעלבער לאַגע ווי די פייגעלע וואָס איז גענומען געוואָרן געפאַנגען און זי איז אַריינגעלאָזן געוואָרן אין אַ גאָלדענעם שטייגעלע, וואו זי קריגט איר שפּייז און וואַסער און אַלץ וואָס עס איז נויטיק פאַר איר, אויסער איר פרייהייט — האָט ער ביי זיך געטראַכט — וואָלט דען אָט די דאָזיקע פייגעלע ניט איבערגעלאָזן אַלץ מיט אַנאַנדער און אַרויסגעפלויגן פון אָט דעם גאָלדענעם שטייגעלע ווען בלויז איין טירעלע וואָלט געווען אָפן פאַר איר... פון דער צווייטער זייט, אָבער, ווען די פייגעלע איז אויף דער פריי, איז זי דאָך באַזאָרגט מיט איר שפּייז און מיט אַלץ וואָס זי נויטיקט זיך. אָבער ער, וואָס קען ער טאָן? ער האָט שוין פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון זיין פריי... פאַר אים איז איצט פאַרבליבן איין איינציקער וועג און דאָס איז דער וועג וואָס זיין פאָטער האָט פאַר אים אויסגעטראָטן... ער קען זיך אָמבעסטן אַריינפאַסן אין דער וועלט פון תּלמוד און פרומקייט...

אין אָוונט, נאָך מעריב, זיינען איייניקע פון די גרויסע לומדים ווידער געקומען אים באַזוכן. זיי האָבן אים געטראָפן און דער בעל הבית האָט זיי אָלעמען פיין אויפגענומען. די באַלעבאָסטע האָט צוגעגרייט פיינע כּיבוד. זיי האָבן זיך אַלע געזעצט אַרום טיש און פאַרבראַכט מיט שלמהן אין לערנען. שלמה האָט אַרויסגעוויזן זיין שאַרפקייט און גאונות אין לערנען און אַלע אַנווענדע האָבן געשלונגען זיינע רייד.

— איך מוז אייך זאָגן — האָט איינער פון די גרויסע לומדים זיך אָנגערופן צו שלמהן — אַז די שטאָט פּויזנאַ איז געבענטשט וואָס זי האָט זוכה געווען צו האָבן אייך צווישן אונדז — אונזער גרויסער רב ר' הירש, האָט אונדז געזאָגט, אַז קעגן אייך איז ער כּקליפּת השום, ווי די שאָלעכץ פון אַ קנאָבל... און אַז ער וואָלט געווען צופרידן אָפּצוטרעטן פאַר אייך דעם כּסא הרבנות, ווען איר זאָלט נאָר וועלן.

— אָ, ניין, קיין בעסערן רב ווי ר' הירש איז קען זיך קיין שום יידישע קהילה ניט ווינטשן — האָט שלמה געזאָגט — ווייל ער איז ניט נאָר אַ גרויסער למדן און איז ווירדיק צו טראָגן די קרוין פון רבנות פון דעם שטאַנדפּונקט פון לומדות, נאָר ער איז אויך אַ פרומער און צו זיין צדקות איז קיין גרענעץ ניטאָ... אין צדקות און אין פרומקייט דערגרייך איך אָפילו ניט צו זיין קנעכל...

אויסער דעם, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן קיינמאָל ניט אָנצונעמען קיין רבנות שטעלע...

— אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָבן אייניקע פון זיי אויסגעדריקט זייער דערשטוינונג.

— איך קען זיך אַליין קיין חשבון ניט אָפּגעבן, אָבער דאָס איז מיין באַשלוס פאַר פילע יאָרן.

— מיר האָבן געהערט וויפיל איר האָט זיך אָנגעליטן — האָט איינער פון די לומדים זיך אָנגערופן צו שלמה מיימון — און אַלץ צוליב דעם וואָס איר ווילט זיך ניט באַנוצן מיט דעם כתר פון רבנות... איר זייט ביי אונדז זייער דערהויבן און חשוב, און מיר ווילן טאָן אַלץ וואָס נאָר עס וועט זיין אין אונזער מעגלעכקייט איר זאָלט פאַרנעמען דעם חשובסטן פּלאַץ אין אונזער קהילה, טראָץ דעם וואָס איר ווילט ניט זיין קיין רב.

— ווען איך זיץ דאָ, צווישן אייך און איך הער אייערע וואַרעמע, האַרציקע רייד, און זעענדיק ווי שטאַרק איבערגעגעבן איר זייט צו מיר און ווי הויך איר האָט מיך דערהויבן, קומען מיר אויף מיין געדאַנק די פּסוקים פון דעם קאַפּיטל קי״ג אין תהילים: „מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון, להושיבי עם נדיבים, עם נדיבי עמו״ (ער שטעלט אויף דעם אָרעמאַן פון שטויב, און פון מיסט דערהויבט ער דעם אביון, כדי אים צו זעצן מיט די נאָבעלע, יאָ, מיט די נאָבעלע פון זיין פאָלק...) ערשט מיט געציילטע טעג צוריק האָב איך זיך געוואַלגערט אין שטויב און אין מיסט... איך האָב זיך געפילט נידעריקער פון גראָז, און איצט בין איך צווישן אייך, אַזעלכע ליבנסווירדיקע, נאָבעלע מענטשן, און איר ווייזט מיר אַרויס אַזוי פיל האַרציקייט און גוטסקייט... ווען וועל איך האָבן די מעגלעכקייט אייך אָפּצודאַנקען פאַר אַלץ וואָס איר טוט פאַר מיר?

— ניין, מיר דאַרפן אייך דאַנקען, ר׳ שלמה, וואָס איר האָט אונדז געגעבן די געלעגנהייט מיר זאָלן אייך האָבן צווישן זיך און קענען הנאה האָבן פון אייער תורה און פון די קלוגע, שאַרפזיניקע רייד וואָס קומען אַרויס פון אייער מויל... מיר האָפן, אַז איר וועט באַשליסן זיך צו באַזעצן ביי אונדז אויף שטענדיק!

— קען איך דען ביי זיך פועלן אויסצונוצן די גוטהאַרציקייט פון מיין בעל הבית און באַלעבאָסטע און זיצן אויף אַלעם פאַרטיקן, עסן, טרינקען און שלאָפן און גאָרניט טאָן דאָס צו פאַרדינען? — האָט שלמה זיך אָנגערופן — אַ גאַסט איז גוט צו זיין אויף עטלעכע טעג, אָבער ניט אויף לאַנג...

— מיין זון האָט מיר היינט געזאָגט — האָט זיך איינער פון די לומדים געווענדט צו שלמהן — אַז זיי האָבן צווישן זיך צונויפגערעדט און האָבן באַשלאָסן, אַז איר זאָלט מיט זיי לערנען דעם רמב״מס טיפזיניקן „מורה נבוכים״. עס איז פאַר אונדז אַלעמען באַוואוסט, אַז איר האָט אַ באַזונדערן צוגאַנג צום „מורה נבוכים״ און אַז איר האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ וואונדערלעכן פירוש אויף דעם „מורה נבוכים״ מיטן נאָמען „גבעת המורה״. זיי ווילן דעריבער באַשטימען אַ צייט ווען איר זאָלט מיט זיי לערנען דעם רמב״ם און האָבן אַפילו באַשטימט

פאַר איך אַ געהעריקן געהאַלט, וואָס וואָלט איך באַזאָרגט מיט פּרנסה בכבוד. וואָלט איר געוועז צופרידן מיט דעם?

— געוויס וואָלט איך געווען צופרידן! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — מיין ציל אין לעבן איז ניט נאָר אַליין צו לערנען און זיך גריבלען כדי צו פאַרשטיין די וואונדערלעכע רייד פון אונדזערע גדולים, נאָר אויך צו לערנען אַנדערע ווי צו פאַרשטיין, דעריבער וועל איך זיך שעצן גליקלעך דאָס צו טאָן. איך בין גרייט אָפּצוגעבן וויפיל צייט עס וועט זיך פאָדערן פאַר דעם, און לערנען מיט די יונגע לייט דעם מורה נבוכים און אַנדערע הייליקע ספרים פון אונזערע גרויסע דענקער, כדי צו פאַראייביקן די הייליקע ירושה וואָס זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזן... איך בין גרייט אַפילו אָנצופאַנגען מאָרגן.

— זייער גוט! — האָט יענער זיך אָנגערופן — איך וועל דאָס איבערגעבן מיין זון און זיי וועלן מן הסתם זיך דורכריידן מיט זייערע עלטערן, וועלכע וועלן דאַרפן באַשטימען דעם שכר לימוד פאַר אייער טירחה.

שלמה איז געווען זייער צופרידן פון דעם. ענדלעך וועט ער קענען פאַרדינען זיין ברויט און ניט דאַרפן אָנקומען אַז מען זאָל אים אויסהאַלטן אומזיסט. ער האָט שוין געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווען מען וועט אים זאָגן באַשטימט וועלכע צייט ער וועט זיך טרעפן מיט די יונגע לייט און אָנפאַנגען לערנען מיט זיי. ער האָט געוואַרט דעם גאַנצן טאָג ביי זיך אין צימער, אָבער קיינער האָט זיך ניט באַוויזן. ער האָט געוואַרט נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און ווען מען האָט מער מיט אים וועגן דעם ניט גערעדט, האָט ער ביי זיך געפאַסט מוט און זיך געווענדט צו זיין בעל הבית:

— איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס מען קומט ניט צו מיר ריידן וועגן דעם וואָס מען האָט גערעדט, אַז איך זאָל לערנען מיט אַ צאָל יונגעלייט דעם מורה נבוכים.

— צום באַדויערן מוז איך אייך זאָגן, אַז פון דעם איז גאָרניט געוואָרן!

— האָט דער בעל הבית זיך אָנגערופן.

— אָבער פאַרוואָס? האָבן זיי דען שוין פאַרלאָרן דעם חשק נאָך איידער איך האָב אָנגעפאַנגען מיט זיי צו לערנען! — האָט שלמה אים געפרעגט.

— זעט איר, גראָד די יינגעלייט זיינען נאָך מער באַגייסטערט פאַר דעם, אָבער זייערע פרומע עלטערן האָבן מורא טאָמער וועלן זייערע זין דורך אָט דעם דאָזיקן לימוד אַראָפּגיין פון גלייכן וועג!

— אָבער דער רמב״ם איז דאָך ביי אַלע יידן פאַררעכנט פאַר אַ הייליקן און זיינע ווערק ווערן דאָך געלערנט ביי די גרעסטע לומדים און פרומע יידן!

— האָט שלמה זיך אָנגערופן — זאָל דאָס זיין, אַז זיי האָבן ניט קיין צוטרוי צו מיר? האָבן זיי דען מורא, אַז איך וועל זיי אָרונטערפירן פון דרך הישר ווען איך וועל פאַר זיי קלאָר מאַכן די לערע פון רמב״ם און זיין געדאַנקנגאַנג? בין איך דען ניט פרום געגנוג אין זייערע אויגן?

— אָ, ניין! — האָט זיין בעל הבית אויסגערופן — פאַרקערט, זיי אַלע האַלטן, אַז איר זייט זייער פרום, און אַ גרויסער רב, און אַז אייער נטיה (ניגונג) צו חקירה, וועט גאָרניט מינערן פון אייער פרומקייט. אָבער זיי

פילן, אַז זייערע זין פאַרמאָגן ניט אַזוי פיל פעסטע דענקונגס־קראַפט ווי איר. אייער לערנען און פרומקייט איז אַזוי באַפעסטיקט, אַז אייער פאָרשן און גריבלען זיך אין דער פילאָזאָפיע וועט אייך גאָרניט שאַטן, און וועט ניט שטעלן אין געפאַר אייער פרומקייט. אָבער די זין זייערע זיינען ניט אַזוי שטאַרק אין זייער לערנען און אמונה, אַז זיי זאָלן זיך קענען אָוועקלאָזן אויף דעם זעלבן וועג און ניט געשטרויכלט ווערן. איר פאַרשטייט, ר׳ שלמה די עלטערן זייערע פילן, אַז ווען זיי וועלן דערלויבן זייערע זין זיך אַריינצולאָזן אין חקירה און גריבלען זיך אין דער פילאָזאָפיע, אַפילו ווען עס איז פון דעם רמב״ם, קענען זיי נאָך אינגאַנצן געשטרויכלט ווערן, און אַריבערגיין פון חקירה צו כפירה אינעם עיקר. יאָ, זיי וועלן פון צופיל פילאָזאָפירן אינגאַנצן אויפהערן צו גלויבן, און דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן זיי ניט נאָכצוגעבן אין זייער פאַרלאַנג, אַז איר זאָלט מיט זיי לערנען די פילאָזאָפיע פון רמב״ם.

— יאָ, איך פאַרשטיי! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — גאַנץ מעגלעך אַז זיי האָבן רעכט! ניט יעדער איינער קען זיך אַריינלאָזן אין חקירה און בלייבן ביי זיין אמונה מיט זיין גאַנצן האַרצן.

אַ לאַנגע צייט האָט שלמה מיימון פאַרבראַכט ביי יענעם בעל הבית. ער האָט זיך געפילט דאָרט גאַנץ היימיש. ער האָט געהאַט גענוג ספרים און ער פלעגט זיך טאַקע פאַרנעמען אַ היפשן טייל פון טאָג אין לערנען.

שלמה האָט אָבער איינגעזען אַז דאָס איז פאַר אים קיין תכלית ניט. זיין חלום צו זיין אין בערלין און שטודירן דאָרט מעדיצין, איז נאָך פון אים ניט אָוועק. ער האָט דורך דער צייט געהאַט אָנגעקליבן אַ ביסל געלט. איצט וועט ער שוין ניט פאָרן קיין בערלין ווי אַ קבצן. ער איז פיין געקליידט, און האָט ביי זיך אַ ביסל מזומן, וועט אים שוין ניט שווער אָנקומען צו פאַר־ווירקלעכן זיין חלום און אָנקומען אין בערלין. ער האָט זיך אָפגעזעגנט מיט אַלע זיינע פריינד וועמען ער האָט באַדאַנקט פאַר זייער פריינטלעכקייט און ער האָט זיך געזעצט אויף דער האַמבורגער פאָסט און איז אָפגעפאָרן פון פויזנאַ קיין בערלין.

35

וויבאַלד אַז שלמה מיימון איז געפאָרן מיט דער פאָסט קיין בערלין, ווי אַ סוחר, איז פאַר אים ניט נויטיק געווען צו בלייבן שטיין פאַר דעם ראָזענטאַלער טויער און ניט דורכצוגיין דעם עקזאַמען פון די עלטסטע פון דער יידישער קהילה. ער איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט און איז פאַרפאָרן אין אַ גאַסט־הויז, וואו ער האָט געדונגען אַ צימער, און ער האָט איבערנעכטיקט די נאַכט.

זייענדיק זייער מיד איז ער געשלאָפן ביז שפּעט. אַ קלאַפּ אין טיר פון זיין צימער האָט אים אויפגעוועקט. ער איז אַרונטער פון זיין בעט און האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָרט ?

דאָס בין איך דער אייגנטימער פון גאַסט־הויז ! — האָט יענער געזאָגט.

שלמה האָט אויפגעעפנט די טיר און דער אייגנטימער איז אַריין אינעווייניק.

— איך וויל אייך זאָגן, אַז די יידישע פּאָליציי־משרתים זיינען שוין דאָ געווען. זיי קומען כמעט יעדן טאָג אין אַלע אַכסניות און גאַסט־הייזער און נישטערן און פאָרשן וועגן די פרעמדע יידן וועלכע פאַרפאָרן אין בערלין.

— אָבער איך בין דאָך געקומען מיט דער פּאָסט, און ניט געדאַרפט דורכגיין דעם ראָזענטאַלער טויער, און ווי איך ווייס, איז מיר דערפאַר דערלויבט צו פאַרבלייבן אין בערלין.

— איר מאַכט אַ טעות ! — האָט דער אייגנטימער געזאָגט — אייך איז דערלויבט אַריינצופאָרן אין בערלין, אָבער פאַרבלייבן אין בערלין איז עפּעס אַנדערש און עס איז ניט אַזוי לייכט... די עלטסטע פון דער יידישער קהילה פון בערלין מוזן געננוי וויסן דעם צוועק פון אייער קומען אַהער. זיי מוזן זיך דערקונדיקן צי איר האָט אין שטאָט אַ באַשטימטע באַשעפטיקונג, צי איר זייט אַ פּאַסנדע פערזאָן צו פאַרבלייבן אין שטאָט.

— און וואָס הייסט ביי זיי אַ פּאַסנדע פערזאָן ? — פרעגט אים שלמה.

— אַ פּאַסנדע פערזאָן הייסט ביי זיי אַ ייד וועלכער היט אָפּ יידישקייט, וועלכער טראָגט זיך ניט אַרום מיט אַפּיקורסישע געדאַנקן, און אַזעלכער וועלכער קען דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע...

— איך האָב סמיכה אויף רבנות און איך בין אַ פרומער ייד ! — האָט שלמה געזאָגט.

— אויב איר זייט אַ פרומער ייד מיט סמיכה אין אייער קעשענע, און דערצו וועט אייך געלינגען צו קריגן באַשעפטיקונג, גלויב איך, אַז איר האָט ניט וואָס זיך צו שרעקן !

— איך בין רעליגיעז לויט מיין אויפפאַסונג פון אמונה — האָט שלמה צו אים געזאָגט.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — האָט דער אייגנטימער זיך אָנגערופן צו שלמהן — מיר אַרט ניט צו איר זייט אַ פּאַסנדער ייד צו פאַרבלייבן אין בערלין. אַלץ וואָס איך וויל אייך זאָגן איז, אַז אַזוי לאַנג ווי איר שטייט איין אין מיין גאַסט הויז, וועט איר מיר דאַרפן צאָלן פון טאָג. איך האָב אַן ערשט־קלאַסיקע גאַסט־הויז און דערפאַר רעכן איך מער ווי אין די פריוואַטע אַריינפאָר הייזער. אויב איר פילט זיך פאַרמעגלעך, קענט איר ביי מיר בלייבן אַזוי לאַנג ווי איר ווילט, דאָס הייסט, נאָכדעם ווי איר וועט זיך אויסגלייכן מיט די עלטסטע פון דער קהילה, און איר וועט קריגן די דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין בערלין. אויב אָבער, איר פילט, אַז אייך וועט זיין שווער צו צאָלן דאָס וואָס איך רעכן פאַר אַ צימער, וואָלט איך אייך געראָטן איר זאָלט גיין צום נייעם מאַרק. דאָרט האַלטן יידן אריינפאָר הייזער פאַר אָרעמע אורחים, און זיי רעכענען ניט קיין סך.

— קיין סך געלט האָב איך ניט ! — האָט שלמה געזאָגט און איך גלויב, אַז

איך וועל אָננעמען אייער עצה און זיך אויפזוכן אַ צימער דאָרט וואו איר האָט מיר געזאָגט.

שלמה האָט זיך שנעל אָנגעטאָן. ער האָט געגעסן פרישטיק און איז אַוועק צום נייעם מאַרק, און דאָרט געדונגען אַ צימער ביי אַ יידן צו וועמען עס פלעגן פאַרפאָרן אָרעמע אורחים. ער האָט אים באַצאָלט די עטלעכע פעניג און דאַן האָט ער אַריבערגעבראַכט אַהין זיינע פעקלעך מיט זיינע ספרים.

אויף דעם צווייטן טאָג האָט שוין שלמה געהאַט אַן אומגעריכטן באַזוכער: דעם יידישן פּאָליציי משרת, וועלכער האָט אים גלייך גענומען אויף אַ קרייץ פאַרהער.

— פון וואַנען קומט איר? — פרעגט אים דער יידישער פּאָליציאַנט.

— איך קום פון פּויזנאַ!

— איך מיין ניט פון וואַנען איר קומט איצט! — האָט ער זיך אָנגערופן — איך מיין פון וואַנען קומט איר בכלל?

— איך קום פון ליטע! — ענטפערט ער.

— און ווי איז אייער נאָמען?

— שלמה בר׳ יהושע! — האָט ער ניט אָנגעגעבן זיין נאָמען, מיימון, כּדי מען זאָל ניט אויסגעפינען, אַז ער איז שוין דאָ אַמאָל געווען אין דעם ראָזענטאַלער טויער און מען האָט אים ניט געגעבן די דערלויבעניש אַריינצוקומען אין שטאָט.

— און וואָס איז דער צוועק פון אייער קומען אין בערלין? — פרעגט דער פּאָליציאַנט שלמהן.

שלמה האָט מורא געהאַט צו זאָגן דעם אמת, אַז ער איז געקומען אין בערלין צו לערנען פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט, האָט ער אים געענטפערט:

— אַזוי ווי איך בין אַ געלערנטער און איך האָב סמיכה אויף רבנות, בין איך געקומען אַהער אין בערלין מיט דער האָפענונג צו קריגן אַ שטעלע פון אַ הויז לערער אין אַ רייכער פאַמיליע.

— און ווי לאַנג דענקט איר צו פאַרבלייבן אין בערלין?

— דאָס ווענדט זיך ווי אַזוי איך וועל זיך דאָ קענען איינאָרדנען!

דער יידישער פּאָליציי משרת האָט אים גענומען גענויער באַטראַכטן און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אים איז ער אויסגעקומען עטוואָס פאַרדעכטיקט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט אים שוין דאָ אַמאָל געזען. זיינע אויגן זיינען געפאַלן אויף אַ ספר וואָס איז געווען אויף דעם טיש לעבן שלמהס בעטל. ער האָט אַ קוק געטאָן אין ספר און ער האָט געזען, אַז דאָס איז דעם רמב״מס „מלון ההגיון״ (אַ ווערק איבער לאָגיק), מיט מענדעלזאָנס ביאור.

— אָ, איצט זע איך שוין וואָס פאַר אַ מענטש איר זייט! אַזוי! אַזוי! אַזוינע ביכער האָב איך טאַקע געזוכט!... שוין זאָלט איר זיך פאַרנעמען פון דאַנען!

— אָבער פאַרוואָס? — האָט זיך שלמה שטאַרק דערשראָקן.

— איך וויל פון גאָרניט וויסן! — האָט ער אויסגערופן — תיכף ומיד זאָלט איר אַרויס פון בערלין, אַז ניט וועל איך אייך אַרויסטרייבן מיט חרפּה! איר הערט? איך גיב אייך בלויז אַ פּאָר טעג צייט, און אַז איך וועל אייך נאָך

צווייטעג געפינען אין בערלין וועט מען איך פון דאַנען פאַריאָגן ווי מען פאַריאָגט אַ בייזן הונט!

שלמה איז געוואָרן טויט בלאַס! איז עס מעגלעך, אַז אויך איצט זאָל מען אים אַזוי באַהאַנדלען? וואָס וועט זיין, אַז מען וועט אים טאַקע אַרויסיאָגן פון בערלין? וואוהין וועט ער זיך קערן און צו וועמען וועט ער זיך ווענדן? אַ טויט שרעק איז אים באַפאַלן.

— אפשר קענט איר מיר געבן אַן עצה וואָס צו טאָן? — האָט שלמה זיך געווענדט צום בעל הבית פון אַריינפאָר הויז אַזוי שנעל ווי דער יידישער פּאָליציאַנט איז אַרויס פון דאָרט.

— איך וועל אייך זאָגן: אין בערלין וואוינט אַ פּוילישער ייד, וועלכער איז אַליין גאַנץ געלערנט אין תלמוד און דאָ שטודירט ער וויסנשאַפטן. ער האָט דאָ אַ נאָמען און דערצו איז ער אַן אַריינגייער אין די הייזער פון די וויכטיקסטע בעלי בתים פון דער קהילה. איך גלויב, אַז ער וועט אייך קענען געבן אַן עצה וואָס איר דאַרפט טאָן און ווי אַזוי איר דאַרפט האַנדלען. איך וועל אייך געבן זיין אַדרעס און גייט אַריבער צו אים.

שלמה איז באַלד אַוועק צו יענעם פּוילישן יידן, וועלכער האָט אים אויפגענומען זייער פריינטלעך. שלמה האָט געזען, אַז אין דעם שראַנק פון זיינע ספרים געפינען זיך אויך וויסנשאַפטלעכע ביכער און דעריבער האָט ער איינגעזען, אַז ער דאַרף ניט מורא האָבן פאַר אים צו זאָגן דעם גאַנצן אמת, צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער אין בערלין.

דער פּוילישער ייד האָט זיך מיט שלמהן פונאַנדערגערעדט, און שלמה האָט אים גאַנץ אָפן געזאָגט וועגן זיינע פּלענער.

— נאָך פון מיין קינדהייט אָן האָב איך געהאַט אַ נייגונג צו וויסנשאַפטן — האָט שלמה פאַר אים אַנטפּלעקט זיין האַרץ — איך האָב שוין געלייענט אַ גרויסע צאָל ביכער אין דייטש, סיי פון פילאָזאָפיע און סיי פון וויסנשאַפטן... און אין בערלין בין איך געקומען זיך מעמיק בחכמה זיין (צו פאַרטיפן זיך אין וויסנשאַפטן).

ווען ער האָט דערהערט זיין אויסדרוק „מעמיק בחכמה", האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן אויף זיין פּנים. דערדאָזיקער אויסדרוק איז אים זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך צו אים אָנגערופן:

— איך בין זייער צופרידן וואָס איר זייט מיט מיר אָפנהאַרציק. אייער באַגער צו שטודירן דאָ וויסנשאַפט פאַרדינט געלויבט צו ווערן און איך וועל אייך זען העלפן ווי וויט מעגלעך.

— דאָס ערשטע וואָס איך וואָלט פון אייך פאַרלאַנגט איז, אַז איך זאָל קענען פאַרבלייבן אין בערלין און ניט זיין תמיד אין הוילן שרעק טאָמער טרייבט מען מיך אַרויס פון שטאָט.

— איך גלויב, אַז דאָס וועט מען קענען באַזאָרגן! — האָט דער פּוילישער ייד זיך אָנגערופן צו אים — איר זייט ניט דער איינציקער וועלכער איז פון דער יידישער פּאָליציי געדראָאַט געוואָרן אַרויסגעשיקט צו ווערן פון שטאָט. פאַרשטייט זיך, ניט אַלעמען האָבן מיר געקענט העלפן און טאַקע אויך ניט

געוואָלט. איך אָבער וועל איך זען העלפֿן. קומט צו מיר מאָרגן נאָכמיטאָג, און איך וועל שוין זען צו האָבן אַלץ באַזאָרגט פֿאַר אייך...

אויף מאָרגן, צו דער באַשטימטער צייט, האָט שלמה ווידער באַזוכט זיין נייעם פריינט. ער האָט ביי אים אין הויז געטראָפֿן אייניקע יונגע לייט פֿון רייכע, חשובע פֿאַמיליעס אין בערלין, וועלכע פֿלעגן מיט אים גאַנץ אָפֿט פֿאַרברענגען און זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטלעכע ענינים.

די יידישע יונגע לייט וועלכע זיינען געווען געבוירענע אין בערלין, האָבן פֿאַרפֿירט מיט שלמהן אַ געשפּרעך. שלמה האָט גערעדט אויף זיין „ליטווישן דייטש", וואָס אין זייערע אויערן האָט עס געקלונגען זייער קאָמיש. זיי האָבן אָבער גאַנץ הנאה געהאַט פֿון זייער געשפּרעך מיט אים צוליב זיין פּשוטקייט און אָפֿנהאַרציקייט. זיי האָבן אויך האַרציק געלאַכט פֿון זיין אויסדרוק „מעמיק בחכמה", און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי איז דער אויסדרוק זייער געפֿעלן.

— מיר קענען אייך פֿאַרזיכערן — האָט זיך איינער פֿון די יונגעלייט צו אים אָנגערופֿן — אַז איר האָט זיך ניט אָפּגענאַרט אין אייער האָפֿענונג צו קענען אין בערלין „מעמיק בחכמה" זיין...

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן וועגן דעם, אַז דער יידישער פּאָליציאַנט פֿאַרפֿאָלגט מיך? ער האָט מיר געגעבן צייט ביז מאָרגן צו פֿאַרלאָזן בערלין.

— איר דאַרפֿט קיין מורא ניט צו האָבן! מיר וועלן זען זיך משתדל זיין פֿאַר אייך ביי אונדזערע קרובים, און זיי וועלן שוין זען, אַז איר זאָלט דאָ קענען פֿאַרבלייבן אַזוי לאַנג ווי איר וועט וועלן.

— אָ, ווען איר וואָלט עס פֿאַר מיר געקענט טאָן! — האָט שלמה זיך אָנגערופֿן — וואָלט איך זיך געשעצט פֿאַר דעם גליקלעכסטן אין דער וועלט, וויל אויב מען וועט מיך אַרויסשיקן פֿון דאַנען, וועל איך דאָס שוין ניט קאָנען איבערלעבן.

— מיין פֿעטער איז דער באַוואוסטער דוד פֿרידלענדער — האָט איינער פֿון די יינגעלייט זיך צו אים געווענדט — ער איבט אויס אַ גרויסן איינפֿלוס איבער די עלטסטע פֿון דער קהילה, און ווען איך וועל אים דערציילן וועגן אייך, וועט ער שוין זען, אַז קיין בייזעס זאָל אייך ניט געשען.

דעם זעלבן טאָג, אָוונט צו, האָט דער גביר און געלערנטער דוד פֿרידלענדער געשיקט זיין פֿלימעניק מיט זיין קוטשער צו ברענגען שלמהן צו זיך אין הויז.

דער עקיפּאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם אָרעמען אַריינפֿאָר הויז. דער אייגנטימער האָט געפֿרעגט דעם קוטשער וועמען ער וויל, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער איז געקומען נעמען שלמה מיימונען צו זיין האַר אין הויז.

— נו, אויב איר זייט אונטער דער שוץ פֿון הער דוד פֿרידלענדער, דאַרפֿט איר שוין מער ניט מורא האָבן, אַז מען וועט אייך אַרויסשיקן פֿון בערלין — האָט דער אייגנטימער פֿון דעם אַריינפֿאָר הויז זיך אָנגערופֿן צו שלמהן ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין צימער.

שלמה האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ כבוד, אַז דער גביר זאָל שיקן אַן עקיפּאַזש אים צו ברענגען צו זיך.

— איך האָב דערציילט מיין פעטער וועגן אייך — האָט דער ייִנגערמאַן זיך אָנגערופן — און ער איז גרייט אייך צו העלפן! זעצט זיך אַריין אין דעם עקיפּאַזש און מיר וועלן צופאָרן צו זיין הויז.

— איך האָב ניט גענוג ווערטער אויסצודריקן מיין דאַנקבאַרקייט צו אייך! — האָט שלמה געזאָגט צו אים.

— אין אונדזער געשפּרעך נעכטן האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז איר זייט ניט קיין געוויינלעכער געלערנטער ייִד פון ליטע־פּוילן. איך האָב אייך דעריבער שטאַרק פאַרלויבט פאַר מיין פעטער און איך האָף, אַז ער וועט אין אייך ניט אַנטוישט ווערן. איין זאַך קען איך אייך זאָגן, אַז אויב איר וועט געפינען חן אין מיין פעטערס אויגן, וועלן זיך פאַר אייך עפענען די טירן פון די וויכטיקסטע ייִדישע הייזער... איר מעגט אויך וויסן, אַז דוד פרידלענדער, מיין פעטער, איז זייער שטאַרק באַפריינדעט מיט אונדזער גרויסן פילאָזאָף און געלערנטן, משה מענדלזאָן. עס גייט ניט אַוועק קיין טאָג, אַז מיין פעטער זאָל ניט באַזוכן זיין רבין און חבר, הער מענדעלזאָן, און מיט אים פאַרברענגען אין פילאָזאָפישע געשפּרעכן.

כאָטש שלמה האָט נאָך אַלץ געטראָגן אַ באָרד ווען ער איז אָנגעקומען אין בערלין, איז זי אָבער געווען גוט אַרומגעשאָרן און ער האָט בכלל אויסגעקוקט אַ סך נעטער ווי דאָ, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען אַהער און מען האָט אים צוריקגעשיקט פון דאָרט. זיינע בגדים זיינען געווען גאַנצע און ריינע. ער האָט געהאַט אַן אינטעליגענטן אויסזען און האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף מענטשן.

דוד פרידלענדער האָט שלמהן אויפגענומען זייער פריינטלעך. ער האָט מיט אים אַ ווײַלע פאַרבראַכט אין אַ געשפּרעך, אויספרעגנדיק אים וועגן זיין לעבן און אויך וועגן דעם ציל וואָס ער האָפט צו דערגרייכן אין בערלין.

שלמה האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט צו ריידן אָפן וועגן זיין ציל, ווייל ער האָט ניט פאַרגעסן וואָס צו אים איז געשען ווען ער האָט אָנפאַרטרויט דעם רב אין הקדש וועגן זיין ריכטיקן ציל.

— איר מעגט זיך פילן גאַנץ פריי אין מיין געזעלשאַפט — האָט דוד פרידלענדער זיך צו אים אָנגערופן — איך פאַרזיכער אייך, אַז קיינער וועט אייך דאָ קיין שלעכטס ניט טאָן. איר דאַרפט זיך אויך ניט מער שרעקן, אַז מען וועט אייך פון דאַנען אַרויסשיקן. איך האָב שוין באַזאָרגט, מען זאָל אייך צורו לאָזן און איר וועט דאָ קענען בלייבן אַזוי לאַנג ווי אייך וועט דאָ געפעלן.

— איך דאַנק אייך זייער, הער פרידלענדער! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — איצט איז מיר אַ סך לייכטער געוואָרן. דער ייִדישער פּאָליציאַנט האָט אויף מיר אָנגעיאָגט אַ מורא ווען ער האָט מיר מיט אַ שטרענגער שטימע געוואָרנט צו פאַרלאָזן בערלין אין צוויי טעג אַרום.

— צו שטאַרק פאַרלוימדן די עלטסטע פון דער ייִדישער קהילה קען מען ניט — האָט דוד פרידלענדער זיי גענומען פאַרענטפערן — איר פאַרשטייט? די ייִדן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך צו דער רעגירונג פאַר דער צאָל ייִדן וואָס געפינען זיך אין בערלין. לויט וויפיל ייִדן עס געפינען זיך אין בערלין אַזוי פיל

און אַזוי פיל דאַרף באַטרעפן דער אָפּצאָל. דעריבער פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע יידן וועלכע קענען ברענגען נוצן דער יידישער געמיינדע אין בערלין, ווערן אַריינגעלאָזן אָן שום שוועריקייטן. טאָמער אָבער וויל אַהער קומען אַזאַ ייד וועלכער האָט גאָרניט וואָס בייצושטייערן צו דער גאַנצער יידישער געמיינדע און ער קען נאָך פאַלן צו לאַסט, אַזאַ יידן לאָזן זיי ניט אַריין.

— אָבער פאַרוואָס האָט מען מיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן, נאָכדעם ווי איך האָב גערעדט צו דעם רב וועלכער איז געשיקט געוואָרן צו זען ווי ווייט איך האַלט אין לומדות? פאַרוואָס האָט ער זיך דאַן געשראָקן? איך האָב דאָך אים דערקלערט, אַז איך וועל זיך באַשעפטיקן מיט דעם וואָס איך וועל זיך אָפּזוכן אַ שטעלע אַלס הויז־לערער און פון דעם ציען מיין פרנסה און איך וועל ניט דאַרפן פאַלן אימיצן צו לאַסט.

— אָבער איצט ווייס איך דאָך שוין פאַרוואָס! — האָט פרידלענדער אַ שמייכל געטאָן — ער האָט זיך געשראָקן, אַז מיר אייער זוכן זיך צו דער־גרונטעווען אין וויסנשאַפט און אין פילאָזאָפיע וועט איר נאָך פיליכט קענען אַראָפּפירן פון דעם יידישן וועג די פרומע יינגעלייט פון בערלין.

— זיינען דען ניט פאַראַן אין בערלין אַזעלכע יידן וועלכע גריבלען זיך אין פילאָזאָפיע און דאָך זעט מען ניט אין זיי קיין געפאַר, אַז זיי וועלן אַראָפּ־פירן פון וועג די יידישע יוגנט?...

— זיי האַלטן, אַז די אין דייטשלאַנד געבוירענע יידן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט גריבלען אין וויסנשאַפט און אין פילאָזאָפיע, זיינען ניט אַזוי געפערלעך פאַר דער פרומער יונגוואַרג ווי די וועלכע קומען פון פוילן און ליטע. אָט שטעלט זיך פאָר: מען האָט געשטעלט צוויי גוטע מאָלצייטן פאַר צוויי מענטשן וועלכע זיינען געקומען עסן. איינער איז געווען אַ ביסל הונגעריק. ער האָט ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק געגעסן אַ גוטן מאָלצייט. דער צווייטער איז געווען זייער הונגעריק. ער האָט שוין עטלעכע טעג ניט געגעסן. ביידע עסן דעם זעלבן מאָלצייט. ווּעמען, פרעג איך אייך, וועט דער מאָלצייט גיכער פאַרשאַטן? דעם קנאַפּן הונגעריקן צו דעם גאָר הונגעריקן?

— דעם וועלכער האָט שוין עטלעכע טעג ניט געגעסן! — זאָגט שלמה.

— דאָס איז ריכטיק! — רופט זיך אָן פרידלענדער — יענער וועלכער איז אַזוי אויסגעהונגערט וועט זיך קוים צוכאַפּן צום עסן און ער וועט זיך פשוט איבערעסן, ביז עס וועט אים פאַרשאַטן. איר פאַרשטייט? דער דייטשער ייד איז ניט אינגאַנצן אויסגעהונגערט און אויסגעדורשט נאָך וויסנשאַפט. ער האָט עס דאָ אין אַ קלענערער צי אין אַ גרעסערער מאָס. דעריבער קען ער שטופנווייז דערגרייכן אַ גאַנץ הויכע מדרגה און ניט געניזוקט ווערן... אָבער איינער וועלכער קומט פון אייערע געגנטן, כאַפּט זיך צו צו דער וויסנשאַפט אַזוי שנעל, אַז די גאָר פרומע יידן האָבן מורא, אַז עס קען אים פאַרשאַטן... דעריבער קען מען די גאָר פרומע יידן לויט זייער שטאַנדפּונקט גאָרניט באַ־שולדיקן... זיי ווילן זיין זייער פאָרזיכטיק... נו, איצט לאָמיר ריידן פון אייך. איך האָב געהערט, אַז איר האָט אָנגעשריבן אַ פירוש אויף דעם „מורה נבוכים“.

— יאָ, דעם רמב״מס מורה נבוכים האָט געהאַט די גרעסטע השפעה אויף

דער אַנטוויקלונג פון מיין גייסט — האָט שלמה מיימון געזאָגט — און טאַקע צוליב דעם האָב איך אָנגענומען דעם נאָמען מיימון. ווען איך זאָל קריגן אַזעלכע תּלמידים וועלכע וועלן זיין פאַראינטערעסירט צו שטודירן דעם רמב״מס ווערק, פיל איך, אַז איך וואָלט זיי געקענט ברענגען פילע נוצן.

— איך וועל אייך רעקאָמענדירן צו מיינעם אַ פריינט אַלס לערער צו זיינע זין. ביי אים וועט איר קריגן אַן אַנשטענדיקע וואוינונג און אויך געצאָלט. שבת וועט איר זיין ביי מיין טיש. און ביז וואַנען איר וועט קומען צו זיך וועל איך זען, אַז איר זאָלט קריגן עסן יעדן טאָג ביי די אַנדערע מיטגלידער פון מיין פאַמיליע. איך ווייס, אַז אייך וועט ניט זיין אָנגענעם צו גיין יעדן טאָג אין באַזונדערער הויז עסן, וועל איך זען, אַז יעדער פון זיי זאָל אייך צושיקן דאָס עסן צו אייך אויף דער קוואַרטיר, יעדער אין אַ באַשטימטן טאָג.

היפּשע עטלעכע שעה האָט דוד פרידלענדער פאַרבראַכט מיט שלמהן, און ער האָט איינגעזען, אַז ער איז ווירקלעך אַ גרויסער געלערנטער, און ער האָט אים איינגעלאָדן צו אָוונט-ברויט און נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט אָפּגעגעסן אָוונט-ברויט איז ער מיט אים אַוועקגעפאָרן אין זיין עקיפּאַזש צו זיינעם אַ גוטן פריינט, אַ רייכן סוחר פון בערלין און ער האָט פאַר אים פאָרגעשטעלט שלמה מיימון. ער האָט אים שטאַרק פאַרלויבט אַלס גרויסער געלערנטער און האָט אים רעקאָמענדירט אַלס לערער פאַר זיינע זין. דער רייכער סוחר האָט אים אויך פריינטלעך אויפגענומען. ער האָט אים אָפּגעגעבן אַ צימער און אויך באַשטימט פאַר אים אַ געוויסע באַלוינונג און שלמה האָט זיך איבערגעקליבן צו אים אין הויז.

אין איניקע טעג אַרום האָט שלמה געקראָגן צו וויסן פון דער קהילה, אַז ער קריגט פון זיי דערלויבעניש צו בלייבן אין בערלין אַזוי לאַנג ווי ער וויל. דאָס אַליין איז פאַר אים געווען אַ גרויסער נצחון. איצט וועט ער שוין ניט מער דאַרפן אַרומגיין איבער די גאַסן פון בערלין אין הוילער ציטערניש, טאָמער וועט מען אים פון דאָרט אַרויסשיקן. איצט איז ער פריי און אַלץ וואָס ער דאַרף איז צו זען, אַז ער זאָל דערגרייכן זיין ציל. ער האָט באַשלאָסן אָפּצו־שפּאָרן אַ ביסל געלט, כּדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט זיך איינצושאַפן די נויטיקע ביכער. ער וועט איצט אויך זיך מוזן בעסער קליידן, ווייל ער וועט זיכער קומען אין העכערער יידישער געזעלשאַפט פון בערלין.

איינמאָל איז שלמה אַריינגעקומען אין אַ מילך געשעפט צו קויפן קעז. דער קרעמער האָט אָפּגעוואויגן דעם קעז און ער האָט ניט געהאַט קיין פּאַפּיר איינצוּוויקלען דעם קעז, האָט ער גענומען אַן אַלטן בוך און געוואָלט אויסרייסן עטלעכע בלעטלעך איינצוּוויקלען דעם קעז.

— וואַרט אַ ווײַלע — האָט שלמה אים אָנגענומען פאַר דער האַנט — איך בין נייגעריק צו זען וואָס פאַר אַ בוך דאָס איז.

דער קרעמער האָט אים געלאָזט אַ קוק טאָן אויף דעם בוך און ווי דערשטוינט איז שלמה געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז דאָס איז געווען אַ בוך פון דעם באַרימטן פּראָפעסאָר קריסטיאַן וואָלף איבער „מעטאַפיזיק״.

— איר ווילט צערייסן דעם בוך און עס באַנוצן פֿאַר פּאַפּיר? — האָט שלמה אים געפֿרעגט.

— נו, יאָ, איך האָב גראָד איצט ניט ביי זיך קיין אַנדער פּאַפּיר! — האָט דער קרעמער געזאָגט — איך פֿאַרזיכער איך, אַז דער דרוק וועט ניט שעדיקן דעם קעז.

— הערט זיך איין: אפשר וואָלט איר מיר פֿאַרקויפֿט דעם בוך, — האָט שלמה אים געפֿרעגט.

— גיט מיר צוויי גראָשן און איר קענט אים נעמען! — האָט דער קרעמער געזאָגט — איך האָב אַ סך ביכער וואָס איך באַנוץ פֿאַר פּאַפּיר איינצואוויקלען קעז אָדער פּוטער.

שלמה האָט אים געגעבן די צוויי גראָשן און ביי אים גענומען דאָס בוך. ער האָט שוין פֿאַרגעסן אָן דעם קעז און איז גלייך אַריין אין זיין צימער און אָנגעהויבן לייענען דעם בוך. שוין נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעלייענט די ערשטע עטלעכע בלעטלעך איז ער געוואָרן שטאַרק אַנטציקט פֿון אָט דעם דאָזיקן בוך. ניט נאָר האָט דאָס בוך אַנטהאַלטן דערהויבענע וויסנשאַפֿט, נאָר ער האָט אויך באַוואונדערט דעם אָרדער און די מאַטעמאַטישע מעטאָדע פֿון דעם באַרימטן פּראָפֿעסאָר. דאָס אַלץ האָט אָנגעצונדן אין שלמהס גייסט אַ גאַנץ ניי ליכט. היפּשע עטלעכע טעג האָט שלמה מיימון שטודירט דעם דאָזיקן בוך. ער האָט אַ סך געלערנט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אין אים געפֿונען ווידער־שפּרוכן און מיינונגען וואָס זיינען לויט אים געווען אין ווידערשפּרוך צו די גרויסע פֿילאָזאָפֿן, דעם רמב״ם און אַריסטאָטעלעס.

שלמה מיימון האָט דאַן אָנגעשריבן זיין איבערבליק איבער קריסטיאַן וואָלפֿס בוך, וואו ער האָט אויסגעדריקט אַלע זיינע ספקות און אין דער זעלבער צייט אָנגעוויזן אויף די געוויסע ווידערשפּרוכן. ער האָט עס אַלץ אָנגעשריבן אין העברעאיש. ער האָט דורך אַ שליח אַוועקגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט צו משה מענדעלזאָן, אונטערשרייבנדיק זיין נאָמען און זיין אַדרעס.

ווען משה מענדעלזאָן האָט דורכגעלייענט שלמהס מאַנוסקריפּט, איז ער שטאַרק פֿאַרוואונדערט געוואָרן. ער האָט באַלד איינגעזען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ יונגען מאַן וועלכער האָט אַ טיפֿן באַגריף אין דער פֿילאָזאָפֿיע און באַזיצט אויך אָריגינעלע געדאַנקען. ער האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום געענטפֿערט מיט אַ בריוו און אים געלאָזט וויסן, אַז זיין מאַנוסקריפּט האָט אים פֿאַרשאַפֿט פֿיל גייסטיקע פֿאַרגעניגן, און ער זעט, אַז ער פּאַסט אויף די פֿילאָזאָפֿיע גאַנץ ריכטיק, און ער האָט אים געראָטן צו שטודירן ווייטער מיט גרויס התמדה.

שלמה איז געווען אויסער זיך פֿון פֿרייד, נאָכדעם ווי ער האָט דערהאַלטן אַזאַ דערמוטיקענדן בריוו פֿון משה מענדעלזאָן. ער האָט זיך געטראַכט, אַז איצט וועט ער מעגלעך קריגן אַ געלעגנהייט איינגעלאַדן צו ווערן אין זיין הויז, וואָס, ווי ער האָט געהערט, איז אַ בית ועד לחכמים.

די דאָזיקע דערמוטיקונג פֿון מענדעלזאָן האָט שלמהן באַוואויגן אָנצושרייבן אין העברעאיש אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג אין וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן נאָך מער באַהאַוונטקייט. אין אָט דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט האָט שלמה מיימון

אויסגעדריקט געוויסע ספקות. ער האָט זיך אָבער דערוויילל אָפּגעהאַלטן פון איבערשיקן דעם מאַנוסקריפּט. ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט זיך צו זען מיט משה מענדעלזאָנען פּערזענלעך און דאַן וועט ער אים ציגן דעם מאַנו־סקריפּט און אין דער זעלבער צייט בעטן ער זאָל אים דערקלערן געוויסע זאַכן און קלאָר מאַכן עטלעכע ספקות.

36

דוד פרידלענדער, דער רייכער און געלערנטער ייד, וועלכער איז געווען פאַררעכנט פאַר דעם תלמיד און חבר פון משה מענדעלזאָן, האָט זיך געפילט שטאַרק דערהויבן מיט דעם וואָס ער האָט מקרב געווען אַזאַ געלערנטן יונגנמאַן ווי שלמה מיימון. ער האָט גלייך איינגעזען, אַז שלמה מיימון באַזיצט גרויסע פעאיקייטן און אַז עס וועט לאַנג ניט נעמען און זיין באַרימטקייט וועט דערגרייכן אין פילע לענדער. האָט ער זיך געטראַכט, אַז ער וועט זיין דער וועלכער וועט קענען זאָגן דאָס ער איז געווען דער ערשטער צו מערקן די גרויסקייט אין דעם יינגן מיימון און אַז ער האָט אים געשטיצט און צוגעזען ווען ער איז געקומען קיין בערלין אָן געלט און אָן פריינט.

שלמה, פון זיין זייט, איז געווען זייער צופרידן וואָס ער האָט ענדלעך געפונען אין בערלין אַ רייכן, געלערנטן יידן, וועלכער האָט אים אַזוי פיל אַרויסגעהאָלפן. עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אַזאַ יידן, וועלכער איז זייער געבילדעט אין וועלטלעכע לימודים און דערצו איז ער געווען גוט באַהאַוונט אין תנ"ך און אין תלמוד. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דוד פרידלענדער איז שטאַרק באַפריינדעט מיט משה מענדעלזאָן, איז זיין האָפענונג שטאַרקער געוואָרן, אַז ער וועט נאָך האָבן דעם כבוד זיך פּערזענלעך צו באַקענען מיט דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף, משה מענדעלזאָן.

דוד פרידלענדער איז אינגאַנצן געווען מיט אַ יאָר פינף עלטער פון שלמהן. זיין מזל, אָבער, איז געווען וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד. מיט פיל שטאָלץ האָט פרידלענדער דערציילט שלמהן די געשיכטע פון זיין לעבן. ער איז געבוירן געוואָרן אין קעניגסבערג ביי אָרעמע עלטערן. ער האָט גע־לערנט אין ישיבות, און דאַן האָט ער זיך גענומען צו השכלה. ער האָט געלערנט פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט און ווען ער איז אַלט געוואָרן איין־און־צוואַנציק יאָר האָט ער אָפּגערייזט קיין בערלין. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט דעם יידישן רייכן באַנקיר, דניאל איציק, וועלכער האָט געהאַט עטלעכע טעכטער. ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביים באַנקיר און עס האָט לאַנג ניט גענומען און דניאל איציק האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם.

שלמה האָט שוין געהאַט אַ געלעגנהייט צו ריידן מיט דער פרוי פון דוד פרידלענדער, וועלכע איז געווען זייער אַ באַ'חנטע פרוי, געבילדעט און זייער איידל. ער האָט דאַן גענומען טראַכטן פון זיין אייגענעם לעבן. ווי אַנדערש

וואָלט זיין לעבן געווען ווען ער וואָלט געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד אַנשטאָט אין ליטע, פּוילן. ער וואָלט געקראָגן זיין דייטשע און תּלמודישע בילדונג אין דער זעלבער צייט, און מיט זיינע פעאיקייטן וואָלט ער דאָך געווען אין דער זעלבער לאַגע ווי דוד פרידלענדער אָדער אַנדערע געלערנטע יידישע יינגעלייט, וועלכע טוען זייער גוטע שידוכים און לעבן זיך גליקלעך...

זיין גורל איז געווען אַזאַ! ער איז אַריינגעפאַלן צווישן פאַרגרעבטע מענטשן. זיין פרוי, שרה, איז זייער אומווויסנד. זיין שוויגער איז דערצו אַ מרשעת און פאַרגרעבט... אמת, שרה איז זייער שיין און זי באַזיצט גוטע מעלות, אָבער ווי קומט זי צו אים? וועט דען פאַר אים זיין מעגלעך ווען עס איז זיך מיט איר צוזאַמענלעבן...

...אָ, ווי אַנדערש זיין גאַנצער לעבן וואָלט געווען ווען אַפילו ער קומט אַהער מיט אַ צען יאָר צוריק, ניט קיין פאַרהייראַטער... — טראַכט זיך שלמה ווייטער. די יידישע טעכטער פון בערלין זיינען אַריסטאָקראַטיש, מיט וועמען מען קאָן פאַרברענגען אין קולטור געשפּרעכן... איז דען מעגלעך צו געפינען אַזעלכע דאַמען צווישן די יידן אין די קליינע שטעטלעך פון ליטע און פּוילן? ווי שלעכט און ביטער איז אים, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ משפּחה ווי ריסיעס, וועלכע איז ניט נאָר פּראָסט און נידעריק, נאָר אויך זייער אָרעם, אַז ער האָט זיך געמוזט אַנפּלאָגן היפּשע עטלעכע יאָר ביז וואַנען עס איז אים ענדלעך געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון זיי און קומען אַהער, אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, אין אַ וועלט פון וויסן און הויכער קולטור.

— איך זע, אַז איר זייט פאַרטיפט אין אייערע געדאַנקען! — האָט דוד פרידלענדער זיך אַנגערופן צום פאַרטראַכטן שלמהן — ווייזט אויס, אַז אייער מוח איז איצט באַשעפטיקט מיט אַ טיפער פילאָזאָפישער פּראָבלעם!

— גראָד איצט האָב איך געטראַכט פון מאַטעריאַליזם! — האָט שלמה אַ שמייכל געטאָן — איך האָב געטראַכט פון דעם, דער געבוירן־פּלאַץ פון אַ מענטשן קען גאַנץ אָפט באַשטימען זיין צוקונפט און זיין גורל.

איך האַלט ניט פון דעם! — האָט דוד פרידלענדער זיך אַנגערופן — אָט בין איך געבוירן געוואָרן אין קעניגסבערג, און איך בין געקומען אַהער. און מיין פריינט, דר. מאַרקוס הערץ, איז געבוירן געוואָרן דאָ, אין בערלין, און איז אַוועק קיין קעניגסבערג, דאָרט אויסגעשטודירט און זיך צוריקגעקערט קיין בערלין.

— דאָקטאָר הערץ, דער וועלכער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געהאַלטן לעקציעס אין דעם אוניווערזיטעט פון קעניגסבורג? — האָט שלמה אים געפרעגט.

— ריכטיק! — האָט פרידלענדער געזאָגט.

— אויב אַזוי, האָב איך געהאַט דעם כּבוד מיט אים צו ריידן עטלעכע מינוט! — האָט שלמה געזאָגט — און ער האָט מיר אַפילו געהייסן זיך זען מיט זיינע סטודענטן, וועלכע האָבן מיר אַ סך ביי‌הילפיק געווען.

— אָ, אויב אַזוי, וועל איך מיט אייך די טעג אַריבערגיין צו אים אין הויז. ער איז איינער פון די מערקווירדיקסטע יידישע פּערזענלעכקייטן אין בערלין. איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָקטאָר מרדכי הערץ, אָדער ווי ער איז בעסער באַקאַנט,

מאַרקוס הערץ, איז משה מענדעלזאָנס נאָענסטער פריינט. מענדעלזאָן אַליין גיט גאַנץ־אָפּט צו, אַז מאַרקוס הערץ האָט אַ שאַרפערן קאָפּ ווי ער, אויסער זיין מעדיצינישער גרויסקייט, אין פילאָזאָפיע און אין וויסנשאַפט! אויסער דעם שטאַמען ביידע, אי משה מענדעלזאָן און אי מאַרקוס הערץ, פון זייער אָרעמע עלטערן. פונקט ווי משהס פאָטער האָט געשריבן ספרי תורות, תפילין און מזוזות, אַזוי האָט זיך אויך דער פאָטער פון מאַרקוס הערץ באַשעפטיקט מיט אָט דער דאָזיקער הייליקער מלאכה... און דאָס קען זיין האָט זייביידן נאָך מער צוגעבונדן איינער צום צווייטן. יאָ, הערץ איז געווען אַן אָרעמער ישיבה בחור, פונקט ווי מענדעלזאָן, און ער האָט באַשלאָסן צו שטודירן מעדיצין און מען קען זאָגן אויף אים, אַז ער איז איצט איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים, ניט נאָר אין בערלין, נאָר אויך אין גאַנץ דייטשלאַנד.

— ניט יעדער איינער קען זוכה זיין צו טראָגן אַזעלכע גרויסע קרוינען מיט אַמאָל! — האָט שלמה מיימון אויסגערופן — ער טראָגט דעם כתר תורה, כתר חכמה און כתר רפואה...

— דאָקטאָר מאַרקוס הערץ האָט זיך זייער שטאַרק געפּלאָגט אין זיין קינד־הייט און אין דער יוגנט! — האָט דוד פרידלענדער ווייטער גערעדט — אָבער איצט האָט דער מזל פון הצלחה צו אים אַ שיין געטאָן און ער איז מצליח אין אַלץ. שוין גלייך פון דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז אָנגעקומען קיין בערלין, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן קעניגסבערג, איז ער באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער דאָקטאָר. מען האָט אים איינגעלאַדן אין די הייזער פון די רייכסטע און חשובסטע יידן פון בערלין.

— איך האָב געהערט, אַז ער האָט געהייראַט אין בערלין! — האָט שלמה געזאָגט.

— וועגן זיין הייראַט וועל איך אייך אַן אַנדערש מאָל דערציילן! — האָט פרידלענדער געזאָגט — עס איז זייער אַ ראָמאַנטישע געשיכטע. אַלץ וואָס איך וועל אייך איצט זאָגן איז, אַז זיין פרוי איז די באַרימטע שיינהייט און געבילדעטע הענריעטאַ הערץ... אָבער פריער פון אַלץ מוזט איר זיך זען מיט מענדעלזאָן.

— איך האָב אָנגעשריבן אין העברעאיש אַ מעטאַפיזישע חקירה — האָט שלמה געזאָגט — און איך האָב בדעה דאָס צוצושיקן צום הער מענדעלזאָן. איך האָב זיך אָבער אָפּגעהאַלטן דערווייל פון דעם, ווייל איך האָב דאָרט באַרירט דעם רמב״מס דרייצן „אני מאמינס״, און מיר טראַכט זיך, אַז פיליכט וועט דער הער מענדעלזאָן קוקן קרום אויף מיר צוליב דעם!

— פאַרקערט, איך גלויב, אַז ערשט דאַן וואָלט דער הער מענדעלזאָן אייך אָפּגעשאַצט ווי געהעריק — האָט פרידלענדער געזאָגט — איך האָב שוין גע־הערט אייער מיינונג וועגן דעם אין איינעם פון אונזערע געשפּרעכן, און איך בין איבערצייגט, אַז מענדעלזאָן וועט ערשט וויסן גענוי ווי אָפּצושאַצן אייער גאַנג אין דער פילאָזאָפיע, און ער וועט שוין זיין פאַראינטערעסירט מיט אייך פערזענלעך צו פאַרברענגען. ער וועט אייך דאַן איינלאַדן צו זיך אין הויז. דאָרט וועט איר זיך טרעפן מיט די קולטורעלסטע פערזענלעכקייטן, און דאַן וועט פאַר אייך זיין גאַנץ לייכט צו קריגן צוטריט אין די אַנדערע סאַלאָנען.

שלמה מיימון האָט געפּאָלגט פרידלענדערן. ער האָט אים צוגעשיקט זיין צווייטן מאַנוסקריפּט און מענדעלזאָן איז נאָך מער דערשטוינט געוואָרן, אַז אַ פּוילישער ייִד, וואָס ער איז ערשט אַ קורצע צייט אין בערלין, און האָט געהאַט אַ געלעגנהייט בלויז אַריינצובליקן אין די פאַרשיידענע פילאָזאָפישע ביכער, זאָל האָבן די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין דער פילאָזאָפיע אַזוי טיף, אַז ער זאָל קענען אָפּפרעגן אירע שלוסן און באַווייזן אירע ניט־פּינקטלעכ־קייטן.

משה מענדעלזאָן האָט גלייך געשיקט זיין משרת צו שלמהן, ער זאָל אים איינלאַדן צו קומען צו אים אין הויז.

מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ איז שלמה מיימון אַריינגעקומען אין דעם פאָדער־הויז פון מענדעלזאָן. די טיר איז געווען אָפן און ער האָט דערזען די שיינע פּרעכטיקע הויז פון דעם גרויסן ייִדישן פילאָזאָף. ער האָט דערזען פאַרשיידענע מענטשן אין עלעגאַנטע קליידער. צו זיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן גע־שפּרעכן אין פראַנצויזיש, אין ענגליש און אין דייטש. אַ ציטער איז אים באַפאַלן און ער האָט ניט געוואָגט אַריינצוגיין אינעווייניק. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צוריק צו דער טיר דורך וואַנען ער איז אַריינגעקומען און ער האָט געוואָלט אַוועקגיין...

גראָד האָט אים מענדעלזאָן אַליין באַמערקט און ער איז שנעל אַרויס פון סאַלאָן און זיך צו אים געווענדט:

— זייט איר דאָס דער יונגערמאַן, שלמה מיימון?

שלמה איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער. אָט זעט ער דעם הער מענדעל־זאָן, וועמענס באַרימטקייט דערגרייכט אומעטום, וועגן וועמען די גרעסטע געלערנטע ריידן מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג. אַ ציטער איז דורך זיין קערפּער. זיינע קני האָבן זיך גענומען בויגן.

— שלום עליכם! — האָט מענדעלזאָן אים דערלאַנגט זיין האַנט, וואָס שלמה האָט אָנגענומען שווייגנדיק... ער האָט בעת מעשה קיין וואָרט ניט גע־קענט אַרויסריידן.

משה מענדעלזאָן האָט אים גלייך גענומען אונטער זיין אָרעם און אים אַריינגעפירט אין סאַלאָן. ער האָט געזען ווי צעשראָקן און צעטומלט שלמה איז, האָט ער באַשלאָסן, אַז איידער ער וועט אים פאָרשטעלן פאַר די געהויבענע געסט וועט ער זיך מיט אים דורכריידן אין זיין צימער, כדי אים צו מאַכן פילן היימישער און געמיטלעכער.

— איך מוז אייך זאָגן, הער מיימון — האָט מענדעלזאָן זיך צו אים אָנגערופן — אַז אייערע שריפטן וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט האָבן אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהויער גרויסן איינדרוק. וואָס מיר האָט געשטוינט איז וואָס איר, אַ יונגערמאַן פון פּוילן־ליטע, זאָלט אין אַזאַ קורצער צייט מאַכן גרויסע פאָר־שריט אין פילאָזאָפיע. אייערע ספקות, וואָס איר שרייבט אין אייער צושריפט, זיינען גוט באַגרינדעט, אָבער איך גלויב, אַז מיר וועט געלינגען פאַר אייך קלאָר צו מאַכן די דאָזיקע ספקות און אייך דערקלערן אויף אַזאַ אופן וואָס אַלץ וועט אייך פאַרענטפערט ווערן.

משה מענדעלזאָן האָט אים געגומען דערקלערן און שלמה האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. באַלד אָבער האָט ער אים גענומען שטעלן פראַגן. מיט זיין שלעכטן דייטש, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַ ליטווישן אַקצענט, האָט ער זיך פונאַנדערגערעדט און ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען... וואָס לענגער זיי האָבן צווישן זיך גערעדט אַלץ גרעסער איז געוואָרן מענדעלזאָנס דערשטוינונג פון זיין טיפזיניקייט און פאַרשטאַנד.

— איצט קומט און איך וועל אייך פאַרשטעלן פאַר מיינע געסט! — האָט ער זיך צו אים אָנגערופן און אים גענומען אונטערן אָרעם און מיט אים אַריינגעגאַנגען אין סאַלאָן, וואו די געסט זיינען געזעסן.

— איך פיל זיך זייער ניט באַקוועם! — האָט שלמה אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן צו מענדעלזאָן — מיין שלעכטער ניט־גראַמאַטישער דייטש און דערצו נאָך מיין ליטווישער אַקצענט...

— איר דאַרפט וועגן דעם ניט זאָרגן! — האָט מענדעלזאָן אים באַרואיקט — אייערע געדאַנקען וואָס איר זאָגט אַרויס זיינען זייער געהויבענע און פאַרבינפטיקע, און עס איז תּמיד בעסער אַרויסצוזאָגן גרויסע טיפזיניקע געדאַנקען אין אַ געבראָכענעם דייטש איידער צו ריידן נאַרישקייטן אין אַ גוטן דייטש.

משה מענדעלזאָן האָט אים דאַן פאַרגעשטעלט פאַר די עטלעכע געסט וועלכע זיינען געווען אין צימער און ער האָט אים פאַר זיי פאַרלויבט אַלס גרויסער דענקער און פילאָזאָף.

צווישן די געסט, אַחוץ דוד פרידלענדער, זיינען געווען דאָקטאָר הערץ און אייניקע קריסטלעכע געלערנטע, וועלכע זיינען געווען גרויסע פאַרערער פון פון דעם יידישן געלערנטן און פילאָזאָף, משה מענדעלזאָן.

דאָרט האָבן זיך אויך געפונען זיינע דריי טעכטער: דאָראָטעאַ, רעכא און העבריעטאַ, ווי אויך זייער מוטער, פראָמעט, מענדעלזאָנס ווייב, וועלכע איז געווען אַן איינפאַכע פרוי און זי האָט זיך ניט געקענט באַטייליקן אין די געשפרעכן. דערפאַר, אָבער, האָט זי געזען, אַז די געסט זאָלן האָבן געגוג כּיבוד.

דאָראָטעאַ איז געווען זייער אַ שיינע און געבילדעטע. זי איז געווען פאַרהייראַט צו אַ זייער חשובן יונגעגמאַן, דעם באַנקיר שמעון פייט, וועלכער איז אָנגעקומען אַ ווילע שפּעטער. אין זייער געזעלשאַפט האָט זיך שלמה געפילט גאַנץ דערשלאָגן. ער האָט מורא געהאַט צו עפענען זיין מויל, אָבער מענדעלזאָן האָט אים דערמוטיקט און ער האָט אַריינגעפירט אין אַ געשפּרעך אַזוי, אַז אין משך פון איין שעה צייט האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ טיפן פילאָזאָפישן געשפּרעך מיט דאָקטאָר הערץ.

— זייט איר דען אַמאָל ניט געווען אין קעניגסבערג? — האָט דאָקטאָר מאַרקוס הערץ אַ פרעג געטאָן שלמהן.

— יאָ, איך בין געווען אין קעניגסבערג מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען איך האָב נאָר וואָס פאַרלאָזן מיין ליטוויש שטעטל! — האָט שלמה געזאָגט — און איך האָב מיט אייך גערעדט עטלעכע מינוט, ווייל איר האָט זיך גראָד געאיילט צו האַלטן אייער פאָרטראַג אין דעם אוניווערזיטעט!

— אָ, יאָ, איצט דערמאָן איך זיך אָן דעם גאַנצן אינצידענט! — האָט

דאָקטאָר הערץ געזאָגט — מיינע תלמידים האָבן מיר טאַקע דאַן דערציילט, אַז זיי האָבן איך געגעבן איבערצוזעצן דעם הער מענדעלזאָנס בוך „פעדאָן“ און איר האָט זיי אַלעמען איבערראַשט ווען איר האָט איבערגעזעצט עטלעכע זייטלעך פון דעם בוך. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז ערשט דאַן, נאָכדעם ווי איר האָט פאַר זיי איבערזעצט דעם אָנפאַנג פון „פעדאָן“, האָבן זיי עס אָנגע־פאַנגען בעסער צו פאַרשטיין.

— דוד פרידלענדער האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט אָנגעשריבן אַ פירוש אויף דעם מורה נבוכים! — רופט זיך אָן מענדעלזאָן — ער האָט אייער פירוש שטאַרק פאַרליבט פאַר מיר און איך בין זייער נייגעריק אים דורכצוקוקן, ווייל, ווי איר ווייסט, האָב איך פאַרבראַכט מיין גאַנצע יוגנט אין לערנען דעם רמב"ם און איך באַשולדיק אים, דעם רמב"ם מיין איך, אַז צוליב אים האָב איך געקראַגן דעם הויקער אויף מיין רוקן! איך פלעג זיצן טאָג און נאַכט אַריבערגעבויגן איבער זיינע ספרים ביז וואַנען מיין רוקן איז געוואָרן איינגע־הויקערט, און דעריבער זאָג איך, אַז אַט דעם האַרב האָב איך געקראַגן פון שטודירן דעם מורה נבוכים!

— דו וועסט מיר דערלויבן, מיין ליבער מאַן דיר ווידערצושפרעכן! — איז פראָמעט צוגעגאַנגען צו אים און אַ קוש געטאָן — אַלע ווייסן, אַז דעם הויקער האָסטו געקראַגן צוליב מיר!

— אַ, ווי אַזוי קענסטו עס זאָגן! — רופט אויס מענדעלזאָן — אַלע ווייסן, אַז איך האָב געהאַט דעם האַרב איידער איך האָב דיך אַפילו געקענט!

— אויב אַזוי מוז איך דערקלערן, אַז דו האָסט מיך פשוט אָפגענאַרט! — האָט פראָמעט לאַכנדיק געזאָגט — איך געדענק גאַנץ גוט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, דאַן ווען דו האָסט זיך דערקלערט אין ליבע צו מיר!...

— אַ, יאָ, דו ביזט גערעכט, מיין ליבע פראָמעט! — האָט משה מענדעלזאָן זיך אָנגערופן — איצט דערמאָן איך זיך, און ווענדנדיק זיך צו שלמה מיימון און די אַנדערע, וועלכע זיינען געזעסן אין סאַלאָן, האָט ער גענומען דערציילן:

„ווען איך בין אַלט געווען אַן ערך דרייסיק יאָר, איז מיר צוליב געשעפטס־אָנגעלעגנהייטן אויסגעקומען צו זיין אין האַמבורג. איך האָב דאַן אָנגעהאַלטן אַ שטעלע אַלס בוכהאַלטער ביי דעם רייכן סוחר פון זיידנס, יוסף בערנהאַרד, וועלכער האָט מיך דאַן געשיקט קיין האַמבורג צו דערלעדיקן געוויסע גע־שעפטן פאַר אים. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט דער פריילין פראָמעט גוגענ־היים. פון דעם ערשטן אויגנבליק האָב איך זיך אין איר פאַרליבט! איך האָב געזוכט פאַרשיידענע אויסריידן אַריינצוקומען אין יענעם הויז, וואו איך פלעג קענען זען פריילין פראָמעט גוגענהיים. איך האָב געזוכט אַלערליי מיטלען מיט איר אַריינצוגיין אין אַ געשפרעך, אָבער עס איז מיר ניט געלונגען. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז פריילין פראָמעט איז זייער אַ פרומע יידישע טאָכטער, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז צוליב מיין הויקער קוקט זי זיך אויף מיר ניט אום. אָבער וואָס מער זי פלעגט זוכן מיך אויסצומיידן, אַלץ שטאַרקער איז מיין ליבע צו איר געוואָרן. איצט מוז איך זיך מודה זיין, אַז אין מיין מח זיינען געקומען פאַרשיידענע טרויעריקע געדאַנקען ווען איך האָב גענומען טראַכטן

פון דער מעגלעכקייט, אַז זי וועט בשום אופן ניט דערווידערן מיין ליבע. איינמאָל, ווען איך האָב געקראַגן די געלעגנהייט מיט איר אַרייַנצוגיין אין אַ געשפּרעך, האָב איך זיך צו איר אָנגערופן:

„איך ווייס, אַז איר זייט זייער פרום! איצט פרעג איך אייך, צי גלויבט איר אין אַלץ וואָס אונדזער תלמוד האָט געשריבן?"

— געוויס! — האָט פראַמעט מיר געענטפערט — יעדע פרומע יידישע טאָכטער דאַרף גלויבן אַלץ וואָס עס איז געשריבן אין אונדזער הייליקער תורה און אין תלמוד.

— ווייסט איר וואָס דער תלמוד שרייבט וועגן באַשערטקייט און הייראַט? יאָ, אין גמרא ווערט געשריבן, אַז פערציק טעג איידער אַ קינד ווערט געבוירן רופט מען אויס אין הימל, אַז דער און דער זון זאָל נעמען די און די טאָכטער, און די טאָכטער זאָל נעמען דעם זון. איידער איך בין געבוירן געוואָרן האָט מען אין הימל מיר געלאָזט וויסן, אַז איך וועל הייראַטן מיט דער פריילין פראַמעט גוגענהיים, נאָר דערביי האָט מען מיר דערקלערט, אַז זי וועט האָבן אַ הויקער. ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך אויסגערופן: „באַרמ־האַרציקער גאָט, אַ מיידל מיט אַ הויקער! קען עס זיין שרעקלעכער פון דעם? דאָס איז דאָך דער גרעסטער אומגליק. אַ פרוי מוז זיין שיין, גראַציעז! אויב, ליבער גאָט, עס איז באַשערט, אַז איינער פון אונדז ביידן זאָל האָבן דעם הויקער, איז שוין בעסער אַז איך זאָל האָבן דעם הויקער און מיין באַשערטע זאָל אויסוואַקסן שיין, שלאַנק און גראַציעז. און ווי איר קענט איצט זען, ליבע פריילין פראַמעט, האָט גאָט דערפילט מיין בקשה!"

— איצט זעט איר שוין — האָט זיך מענדעלזאָן געווענדט צו שלמהן און די אַנדערע, לאַכנדיק — אַז דעם הויקער האָב איך געקראָגן ניט צוליב דעם רמב"ם, ווי איך האָב פריער געהאַט באַהויפּטעט, נאָר צוליב מיין ליבער, געטרייער פרוי. אָבער גלויבט מיר, אַז עס איז כדאי געווען צו האָבן אַפילו צען הויקערס כדי צו קריגן אַזאַ ליבענסווירדיקע פרוי ווי מיין פראַמעט איז!

פראַמעט, אירע טעכטער און די געסט האָבן האַרציק געלאַכט פון מענ־דעלזאָנס וויציקער באַמערקונג. באַלד האָט פראַמעט און איר ייִנגסטע טאָכטער העגריעטאַ דערלאַנגט טיי און פאַרבייסן און מען האָט פאַרטגעזעצט ביים טיש זייער געשפּרעך וועגן קולטורעלע אָנגעלעגנהייטן. שלמה מיימון האָט זיך שוין אויך גענומען פילן היימיש אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. משה מענדעלזאָן האָט ווידער באַנייט דעם געשפּרעך וועגן שלמה מיימונס פּירוש אויף דעם מורה נבוכים, און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים ברענגען זיין כתב יד (מאַנוסקריפּט) „גבעת המורה", זיין פּירוש אויף דעם מורה נבוכים.

כאָטש שלמה מיימאָן האָט גערעדט זיין שלעכטן דייטש מיט זיין ליטווישן אַקצענט, האָבן אָבער אַלע געסט פאַרשטאַנען און האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון זיינע קלוגע, טיפזיניקע רייד. אַלע האָבן באַוואונדערט דעם ליטוויש־פּוילישן יונגענמאַן, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל באַהאַוונטקייט אין די פילאָזאָ־פישע ווערק פון די באַרימטע גרויסע דענקער און פילאָזאָפן.

קורץ נאָך יענעם אָוונט אין מענדעלזאָנס הויז, איז שלמה מיימון איינגעלאַדן

געוואָרן אין דעם סאַלאָן פון העגריעטאַ הערץ, וואו עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען ניט נאָר גרויסע געלערנטע, דיכטער און פילאָזאָפן, נאָר אויך שטאַטסלייט און פרינצן. צווישן די קריסטלעכע באַרימטהייטן וועלכע זיינען געווען אָפטע באַזוכער אין דעם סאַלאָן פון העגריעטאַ הערץ זיינען געווען: ווילִיאַם פאָן האַמבאָלדט, אַן אָנציענדער געבילדעטער יונגערמאַן וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער פּרייסישער מיניסטער; דער דייטשער פּאַסטאָר פרידריך שלייער־מאַכער; דער באַרימטער שרייבער פרידריך שלעגל, און דעם פּרייסישן קעניגס ברודער, דער יונגער פרידריך ווילהעלם, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן קעניג איבער פּרייסן און ער האָט זיך גערופן: „קעניג פרידריך ווילהעלם דער דריטער". צווישן די אַריסטאָקראַטישע דאַמען זיינען אין העגריעטאַס סאַלאָן דאָן געווען דאָראָטעאַ מענדעלזאָן־פייט, איר שוועסטער העגריעטאַ, און די יונגע רייצענדע שיינהייט רחל לעווין, וועלכע איז אויך געווען זייער קלוג און געלערנט.

אין דער צייט ווען די שיינע יונגע דאַמען האָבן פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון די עלעגאַנטע יונגע הערן, איז שלמה מיימון אַריין אין אַ פילאָזאָפישן געשפּרעך מיט דאָקטאָר מאַרקוס הערץ, העגריעטאַס מאַן. דער געשפּרעך האָט דאָקטאָר הערצן אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז ער איז מיט אים אַריין אין אַ באַזונדערן צימער, כדי ניט צו שטערן, ווי אויך ניט געשטערט ווערן פון דער פריילעכער, לוסטיקער געזעלשאַפט פון די יונגע דאַמען און הערן.

נאָכדעם ווי שלמה מיימון האָט זיך אָנגעהערט פון דאָקטאָר מאַרקוס הערץ די איינצלהייטן וועגן משה מענדעלזאָנס גרויסקייט און וואָס ער האָט דורכגעמאַכט די לעצטע צענדליק יאָר, איז ער נאָך מער געשטיגן אין זיינע אויגן. ער האָט זיך געפילט גאַנץ גליקלעך וואָס משה מענדעלזאָן האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זיין הויז איז פאַר אים אָפן צו יעדער צייט. שלמה האָט זיך טאַקע מיט דעם באַנוצט אַזוי אָפט ווי מעגלעך. יעדעס מאָל ווען ער פלעגט באַזוכן מענדעלזאָנס הויז פלעגט ער דאָרט טרעפן צווישן די געסט גרויסע דיכטער, שרייבער, דראַ־מאַטורגן און פילאָזאָפן.

שלמה האָט זיך באַפריינדעט מיט יונגעלייט, אַזוי־גערופענע משכילים, וועלכע האָבן אים אָפּגעשאַצט פאַר זיין טיפקייט אין פילאָזאָפיע און פאַר זיין גרויסער קענטעניש. די יונגעלייט פלעגן זוכן זיין געזעלשאַפט און האָבן זיך געוואַרעמט אין דעם פייער פון זיין געלערנטקייט.

גאַנץ אָפט פלעגט שלמה מיימון זיך געפינען אין אַ הויז, וואו זיינע פאַרערער, די יונגע משכילים, פלעגן אים אַרומרינגלען. ער פלעגט פאַר זיי ריידן וועגן געוויסע פילאָזאָפישע ענינים און אויסדריקן אַזעלכע געדאַנקען וואָס פאַר די אויערן פון די פרומע האָט עס אויסגעזען ווי אַפּיקורסות. און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אים, האָבן זיי גענומען אונטערמורמלען, אַז שלמה מיימון גייט אַרונטער פון דרך הישר. ווען די עלטערן פון אָט די דאָזיקע פרומע יונגעלייט האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי פאַרבאָטן זייערע זין זיך צו חברן מיט אים, און זיי האָבן אויפגעהערט זיך צו טרעפן מיט אים.

פאַרבליבן מיט שלמה מיימון זיינען בלויז אָט די דאָזיקע יונגעלייט וועלכע האָבן אַ ביסל גענאַשט פון דער השכלה, און זייער האַלב געבאַקענע בילדונג איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי פלעגן אַפּחוזקן צווישן זיך פון די פרומע יידן. יענע יונגעלייט, וועלכע זיינען געווען לעב־יונגען און האָבן געזוכט אַריינ־צוקומען אין דער העכערער יידישער געזעלשאַפט, האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן שלמה מיימון, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז דורך אים קענען זיי האָבן צוטריט צו אַזעלכע יידישע היימען וואו עס געפינען זיך געבילדעטע פריילינס און אינטע־רעסאַנטע געלערנטע שרייבער און דיכטער, וועגן וועמען זיי קענען זיך באַרימען, אַז זיי זיינען מיט זיי באַפריינדעט.

פון איין זייט איז זיין געזעלשאַפט געווען זייער וויכטיק פאַר זיי, ווייל זיי פלעגן פון אים אַ סך לערנען און געהאַט מיט וואָס זיך אויסצופּיינען, אַז זיי זיינען געבילדעטע, און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי זיך געפילט מינ־דערוויכטיק אין זיין אָנוועזנהייט, איבערהויפּט אין אַ הויכער אַריסטאָקראַטי־שער געזעלשאַפט פון געבילדעטע דאַמען און הערן.

אַ צאָל פון די יונגעלייט וועלכע פלעגן זיך דרייען אַרום שלמה מיי־מאָן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט לערעריי, און זיי האָבן געוואוסט, אַז אַ דאַנק מיימאָנען האָט זיי אָפּגעגאָלטן צו באַקומען אַ צוטריט צו די פאַרנעמסטע און רייכסטע לייט פון דער בערלינער יידישער קהילה. די דאָזיקע לערער האָבן זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעגעבן מיט לערנען די פראַנצויזישע שפּראַך, וואָס איז אין יענער צייט געווען פאַררעכנט פאַר דער העכסטער מדרגה פון בילדונג. אַנדערע יונגעלייט האָבן מיט די זין און טעכטער פון די רייכע לייט געלערנט געאָגראַפיע און מאַטעמאַטיק, און אַזוי ווי זיי האָבן אַ סך גענאַשט פון מיימונס געוויסע אויסדרוקן און טונקל־איבערגעגעבענע אויספירן פון די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, און פילאָזאָפישע סיסטעמען, האָבן זיי מיט זייער געשיקטקייט און גלאַטע צינגלעך גאַנץ פיין אויסגענומען ביי דעם שיינעם געשלעכט. זיי זיינען שטאַרק באַליבט געוואָרן אין די דאָזיקע היימען און מען האָט זיי געהאַלטן פאַר געראָטענע יונגעלייט.

ווען אָבער די זעלבע יונגעלייט האָבן גענומען מערקן, אַז ווען שלמה מיימון געפינט זיך אין דער זעלבער געזעלשאַפט ווערט זייער ליכטיקייט אינגאַנצן פאַרטונקלט דורך זיין, מיימונס, העלער ליכט, און אַז די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען ווערט געשאַנקען צו אים, האָט עס זיי שטאַרק פאַרדראָסן. דעריבער האָבן אָט די דאָזיקע יונגעלייט גענומען זוכן וועגן ווי אַזוי צו פאַרמיאוסן מיימונען אין די אויגן פון דער העכערער געזעלשאַפט.

איינמאָל, ווען שלמה מיימון איז איינגעלאַדן געוואָרן אין דעם סאַלאָן פון דער וואונדערלעכער שיינער פרוי, הענריעטאַ הערץ, האָט ער דאָרט געטראָפן צווישן די פאַרשיידענע יונגע געבילדעטע געסט, אויך אייניגע פון זיינע פריינט, וועלכע פלעגן מיט אים פאַרברענגען. דאָקטאָר מאַרקוס הערץ איז געזעסן לעבן זיין פרוי, הענריעטאַ, און דער געשפּרעך איז געווען וועגן דער פילאָזאָפיע פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער און פילאָזאָף קלאָר העלוועציוס. שלמה מיימאָן האָט אַרומגערעדט זיין פילאָזאָפיע און ער האָט פאַר אַלעמען

דערקלערט די הויפּט־פּרינציפּן אויף וואָס העלוועציוס באַגרינדעט זיין פילאָזאָ־פיע.

— איך שטים איין מיט העלוועציוסן! — האָט שלמה זיך אָנגערופן צו דאָקטאָר מאַרקוס הערץ, צו זיין פרוי הענריעטאַ און צו די איבעריקע וועלכע זיינען געזעסן אַרום דעם טיש — אַז אַלץ וואָס אַ מענטש טוט איז אַ רעזולטאַט פון זיין אייגנליבע, זיין עגאָאיזם.

— איך קען דאָס ניט באַגרייפן — האָט דאָקטאָר מאַרקוס הערץ זיך אָנ־גערופן — מיר ליבן דאָך אויך אַנדערע מענטשן! אָט למשל, האָב איך זייער ליב מיין פרוי — האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער הענריעטאַן און זי אַ קוש געטאָן.

— מיט דעם וויל איך באַשטעטיקן, אַז איך האָב ליב מיין פרוי — האָט ער צוגעגעבן.

— דאָס איז גאָרניט קיין באַוויז! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — דען פאַרוואָס קושט איר אייער פרוי? ווייל איר געפינט אין דעם אַ פאַרגעניגן. די ליבע וואָס איר טראָגט אַריבער צו אייער פרוי איז אייגענטלעך אויך אייגענליבע. איר האָט ליב אייער פרוי, ווייל דורך איר ווערט אייער ליבע צו זיך געשטאַרקט. איר האָט ליב אייער קינד, ווייל אייער פאָטערלעכע ליבע באַפרידיקט איך... יאָ, דער שורש פון אַלע ליבעס איז אין גרונט אייגענליבע.

— אויב אַזוי, דוכט זיך מיר, אַז איר האָט זיך זעלבסט אינגאַנצן ניט ליב! — האָט הענריעטאַ הערץ זיך געווענדעט צו שלמהן מיט אַ שמייכל — ווייל לויט אייער מיינונג קומט אויס, אַז אין ליב האָבן אַ פרוי דריקט זיך אויס די אייגנליבע פון דעם מאַן, און איר האָט דאָך קיין פרוי ניט ליב...

— דאָס ניט ליב האָבן קיין פרוי קען אויך זיין אַ רעזולטאַט פון אייגנליבע! — האָט שלמה לאַכנדיק געזאָגט — פונדעסטוועגן וויל איך, אַז איר זאָלט ניט זיין אונטערן איינדרוק, אַז די געזעלשאַפט פון פרויען איז מיר דערווידער. איך שאַץ זייער אָפּ אַ שיינע פרוי און איבערהויפּט ווען זי איז נאָך דערצו געבילדעט און קלוג. אָבער ניט יעדער מאַן איז ווירדיק צו באַזיצן אַזאַ פרוי, וועלכע פאַר־איניקט אין זיך אָט די אַלע אויסגערעכנטע מעלות... דעריבער האַלט איך, אַז מיין פריינט, דאָקטאָר מאַרקוס הערץ, איז איינער פון די ווירדיקסטע מענער...

הענריעטאַס פּנים האָט זיך גענומען רויטלען, און הערץ האָט זיך אָנגערופן צו שלמהן:

— איך דאַנק אייך פאַר דעם שיינעם קאָמפּלימענט וואָס איר האָט געגעבן מיין פרוי.

— דער אמת קען ניט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ קאָמפּלימענט! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — אַ קאָמפּלימענט קען אויסגעדריקט ווערן אי אין ערנסט און אי אין חניפה און שמייכלעריי, וואָס מוז קומען מיט אַ סך איבערטרייבונג... איך האָב אָבער געזאָגט דעם אמת, און דער אמת מוז בלייבן גאַנץ ווי ער איז, אָן איבערטרייבונגען...

— איך דאַנק אייך! — האָט זיך הענריעטאַ אָנגערופן און אויף איר שיינעם פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ גליקלעכער שמייכל.

דער געשפּרעך וועגן אייגנליבע איז אַריבער וועגן ליבע צווישן מאַן און פרוי און שלמה מיימון האָט אַרויסגעזאָגט וועגן דעם הויכע געדאַנקען, אַזוי אַז די יונגע פרויען און פריילינס האָבן ניט אַרונטערגענומען זייערע אויגן פון שלמהן און ער איז געווען דער מיטלפּונקט פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

דאָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די יונגעלייט, די אַזוי־גערופענע פריינט פון שלמה מיימון. זיי זיינען געזעסן מיט די אַנדערע געסט און כאַטש יעדער איינער פון זיי האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך עפּעס צו זאָגן און אויסדריקן אַ מיינונג, האָט זיך אָבער קיינער צו זיי ניט צוגעהערט. אין דער צייט, אָבער, ווען שלמה האָט עפּעס גערעדט, האָט מען פון אים די אויגן ניט אַרונטערגענומען און מ׳האָט איינגעפאַך געשלונגען זיינע רייד.

גייענדיק אַהיים האָבן זיך די יונגעלייט דורכגערעדט וועגן דעם.

— איך האָב געמיינט, אַז מיט מיין חברן זיך מיט שלמה מיימון וועט פאַר מיר זיין לייכטער צו קריגן צוטריט אין דער העכערער געזעלשאַפט, און דער שיינער געשלעכט וועט מיר צוליב דעם אַרויסווייזן פאַרערונג, און צום סוף, ווען איך געפין זיך מיט אים אין אַזאַ געזעלשאַפט, ווער איך אינגאַנצן פאַר־טונקלט צוליב זיין בליציקער ליכטיקייט — האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופן.

— די צרה מיט שלמה מיימון איז, וואָס אויסער דעם וואָס ער איז אַזוי געלערנט און קען פיין ריידן, ווערט ער אויך געהאַלטן פאַר אַ מוסטער פון פיינקייט און איידלקייט... ער וועט זיך דאָך אין אַזאַ געזעלשאַפט ניט אויס־דריקן אָפן און גראָב ווי ער דריקט זיך גאַנץ אָפט אויס ווען ער איז מיט אונדז אַליין — האָט אַ צווייטער געזאָגט — דעריבער גלויב איך, אַז מיר וואָלטן אים באַדאַרפט אַריינגעמען אין אונדזערע הענט...

— וואָס מיינסטו דערמיט? — פרעגט אים דער ערשטער.

— איך מיין, אַז מיר דאַרפן שוין ווי זיין שוואַכקייט צו דעם שיינעם געשלעכט און מיר דאַרפן דאָס אויסנוצן. אָט לאָמיר אים מאָרגן איינלאָדן צו גיין מיט אונדז זיך אונטערהאַלטן אין אַזעלכע פּלעצער וואָס אים וועט עס זיכער קיין כבוד ניט אָנטאָן.

— אָ, איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט! — האָט נאָך איינער פון זיי זיך אָנגע־רופן — זאָל מען נאָר זיך דערוויסן אַז שלמה מיימון באַזוכט אָפט אַזעלכע פּלעצער, וועט זיך פון אים אָפּטאָן זיין גלאַנץ און דערהויבנקייט...

די דאָזיקע יונגעלייט האָבן זיך צוזאַמענגערעדט און אָפּגעמאַכט ווי אַזוי דאָס דורכצופירן. צוויי פון זיי האָבן איינגעלאַדן שלמה מיימון צו פאַרברענגען מיט זיי. ווען ער איז געקומען אין הויז פון איינעם פון זיי, און דאָרט אַ ווײַלע פאַרבראַכט, האָט יענער זיך אָנגערופן:

— מיר גיבן זיך צופיל איבער צום סטאָאיציזם. מיר פירן זיך זיטלעך, מאָראַליש און מיר פאַרגעסן אינגאַנצן אין דעם עפּיקורעאיזם, אָט די אַלע קערפּערלעכע פאַרגעניגנס און תאוות. עס איז שוין טאַקע צייט, אַז מיר זאָלן אַמאָל אַ טראַכט טאָן, אַז מיר זיינען פלייש און בלוט, און מיר זיינען באַרעכטיקט צו אַביסעלע גשמיות...

— איך וואָלט ניט געווען דאַקעגן אַביסעלע גשמיות! — האָט שלמה לאַכנדיק

געזאָגט — אָבער איך בין זיך מודה, אַז לויט מיינע קליינע פאַרדינסטן קען איך זיך ניט דערלויבן אַזעלכע פאַרגעניגנס.

— אָ, וועגן דעם זאָלט איר זיך ניט זאָרגן, הער מיימון! — האָט איינער פון זיי זיך צו אים אָנגערופן — מיר וועלן אייך טראַקטירן אויף אונדזערע הוצאות... האָט איר דען ביי אונדז ניט פאַרדינט, אַז מיר זאָלן אייך פאַרשאַפן אַ ביסל פאַרגעניגן? יאָ, לאָמיר זיך לאָזן וואוילגיין. און איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף אונדז... מיר ווייסן פון אַזעלכע פלעצער וואָס איר האָט זיי אַפילו אין חלום ניט געזען.

זיי האָבן זיך זאַלבעדריט אַוועקגעלאָזן אויף אַ שפּאַציר. זיי האָבן אים געפירט אין טראַקטירן און אין לוסטיקע געזעלשאַפטן.

שלמה, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געלעבט אַן איינזאַמען, אָרעמען לעבן, און וועלכער האָט געזוכט צו שטיקן אין זיך אָט די אַלע קערפּערלעכע פאַר־געניגענס, האָט פּלוצלונג אויפגעוואַכט. ער איז געווען זייער צופרידן צו פאַר־ברענגען מיט די דאָזיקע יונגעלייט, איבערהויפּט ווען זיי האָבן געצאָלט פאַר אַלץ. זיי האָבן אים געפירט אין אַזעלכע פלעצער, וואו קיין אָנשטענדיקער מענטש וואָלט אַהין ניט געגאַנגען...

ווען די יונגעלייט האָבן שוין אים געהאַט אין זייערע הענט, און אים געקענט פירן וואוהין זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי שוין געזען אַז אייניקע פון די חשובסטע יידן פון דער בערלינער קיהלה זאָלן אויסגעפינען וואָסערע פלעצער שלמה מיימאָן באַזוכט. איינער פון זיי האָט אַריינגעשושקעט אין אויער פון איינעם אַ פרומען רייכן יידן, וועלכער פלעגט גאַנץ אָפט שטיצן מיימונען, אַז מען האָט לעצטענס געזען מיימונען אין אַזעלכע פלעצער וואו קיין אַנשטענדיקער יידישער יונגערמאַן וועט זיך דאָרט ניט באַווייזן. ער האָט אים געזאָגט אין וועלכער צייט ער וועט דאָרט אים קענען טרעפן און יענער איז שוין אַהין אַוועק פונקט צו יענער צייט. איינער פון די יונגעלייט וועלכער איז מיט שלמהן אַהין אַוועק, האָט שוין ווי עס איז אויסגעמאַרקירט איבערצולאָזן שלמהן אַליין אין דעם טראַקטיר, וואו ער איז געזעסן און געטרונקען וויין. אַ דייטשע פאַרשייטע מיידל האָט זיך לעבן אים צוגעזעצט...

דער חשובער פרומער ייד האָט זיך געשטעלט פון דערווייטנס צו זען אויב שלמה וועט אַרויסקומען פון יענעם טראַקטיר, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גוטן נאָמען אין דער גאַנצער געגנט. ווען ער האָט זיך אָרומגעדרייט אַ היפּשע ווײַלע און אים ניט געזען אַרויסקומען, האָט ער זיך ניט געפוילט און איז צוגעקומען צו דעם האַלב פאַרדעקטן פענסטער און ער האָט אַהין אַריינגעקוקט. ער האָט טאַקע געזען שלמהן זיצנדיק ביי אַ טישל מיט אַ דייטשקע מיט וועמען ער איז פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך.

— דאָס איז געגוג פאַר מיר! — האָט דער פרומער ייד אויסגערופן, און ער איז אַוועק פון דאָרט. באַלד איז דער יונגערמאַן אַריינגעקומען אין טראַקטיר און ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר שלמהן פאַרוואָס ער האָט אים איבער־געלאָזן אַליין פאַר אַ היפּשער ווײַלע.

— איך האָב געמיינט, אַז עס וועט מיר לאַנג ניט נעמען, אָבער איך האָב

זיך געמוזט פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער. ער האָט אויך געטרונקען אַ ביסל ווײַן מיט שלמהן און דאַן האָט ער באַצאָלט וויפל עס קומט און ער איז מיט שלמהן אַרויס פון דעם טראַקטיר.

שלמה האָט גאַרניט פאַרדעכטיקט, אַז אָט דער דאָזיקער „פרײַנט״ זײַנער האָט פאַר אים פאַרשפּרייט אַ נעץ. ער האָט געפילט, אַז ער פאַרדינט ביי די עטלעכע יונגעלייט אַלץ וואָס זיי טוען פאַר אים, צוליב דעם וואָס ער לערנט זיי אַ סך זאַכן און זיי זײַנען דאָך ניט באַזונדער פעאיק צו פאַרשטיין אַלץ וואָס ער דערקלערט זיי. גאַנץ אָפט קומט אים זייער שווער אָן אַרײַנצוקלאַפּן זיי אין קאָפּ די טיפע געדאַנקען וואָס ער זאָגט אַרויס וועגן פילאָזאָפיע. ער פלעגט זיין געצוואונגען צו ווידערהאָלן די זעלבע זאַך עטלעכע מאָל, אָבער ער איז געווען צופרידן דאָס צו טאָן, ווען ער האָט געזען, אַז זיי ווייסן ווי אָפּצושאַצן אַלץ וואָס ער טוט פאַר זיי, און זיי פאַרגיטיקן אים מיט דעם וואָס זיי גיבן אים פאַרשיידענע פאַרגעניגענס אויף זייער חשבון...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און צווישן די יידן פון בערלין האָט מען גענומען מורמלען וועגן שלמה מיימון, אַז ער פירט זיך ניט אויף ווי געהעריק, אַז ער פירט אַראָפּ פון דרך הישר די יידישע יונגעלייט וועלכע געפינען זיך אונטער זיין השפעה.

טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווינציק, האָבן די אַזוי־גערופענע „גוטע פרײַנט״ פון שלמהן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיימון האָט זיך ניט איין מאָל אויסגעדריקט, אַז ער האַלט ניט שטאַרק פון מענדעלזאָנס פילאָזאָפיע און אַז ער האַלט אים גאָר פאַר אַ היפּאָקריט... דאָס איז געווען איינפאַך אַ בילבול, אָבער דער שאָדן איז געטאָן געוואָרן...

שלמה מיימון האָט קיין זאַך ניט פאַרדעכטיקט. ער האָט זיך געטאָן זיין אַרבייט. ער איז אַרײַנגעקומען אין די הייזער וואו ער פלעגט לערנען מיט די זין פון די רייכע יידן. דאָרט האָט ער גאָרניט געמערקט.

איין אָוונט האָט ער אָוועקגעשפּאַצירט צו דעם הויז פון דוד פרידלענדער, וואו ער איז תמיד געווען זייער אַ ווילקאָמער גאַסט. עס איז געווען זייער אַ וואַרעמער אָוונט און פרידלענדער איז געזעסן אויפן גאַניק און ער האָט אַרײַנגע־קוקט אין אַ ספר. שלמה האָט אים באַגריסט מיט אַ „גוט־אָוונט״, און פרידלענדער האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ און זיך ווידער פאַרטיפט אין ספר. שלמה האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. וואָס האָט פּלוצלונג פאַסירט?... ער איז געווען געוואוינט, אַז פרידלענדער זאָל אים אויפנעמען זייער פרײַנטלעך, ער זאָל אים גלייך בעטן זיך זעצן, און ער פלעגט מיט אים באַלד אַרײַנגיין אין אַ פילאָזאָפישן געשפּרעך. איצט, אָבער, האָט ער זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף אים. ער האָט אים ניט געבעטן זיך זעצן. ער איז געבליבן שטיין אַזוי אַ ווײַלע און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. פון אָנהויב האָט ער געמיינט, אַז ער איז אַזוי פאַרטיפט אין דעם ספר, אַז ער קען זיך פון אים ניט אָפּרייסן, באַלד אָבער האָט ער געקענט מערקן פון זיין פנים, אַז ער איז ברוגז אויף אים. אָבער פאַרוואָס?... ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער אים באַזוכט

און מיט אים פאַרבראַכט ביז שפּעט אין אָוונט. ער האָט זיך מיט אים גאַנץ פריינטלעך צעשיידט.

לאַנג שטיין אַזוי האָט ער דאָך ניט געקענט. ווי ער זעט, איז ער דאָך איצט ניט ווילקאָמען, וועט ער דאַרפן גיין אַהיים. אָבער ווי אַזוי קען ער אַוועקגיין ניט אויסגעפינענדיק די אורזאַכע פון זיין ברוגז אויף אים? ער האָט באַשלאָסן אים צו פרעגן.

— איך בעט אייך, איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, הער פרידלענדער! — האָט שלמה זיך געפּאַסט מיט מוט און זיך געווענדט — איך זע דאָך, אַז איר זייט אויף מיר ברוגז. עס קען זיין, אַז אימיצער האָט אָנגערעדט אויף מיר פאַר אייך. איך וואָלט אייך געבעטן, אַז איר זאָלט מיט מיר זיין אָפנהאַרציק און מיר דאָס דערקלערן.

פרידלענדער האָט צוגעמאַכט דעם ספר און ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ. ער האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אין זיין ריכטונג און דאַן האָט ער געזאָגט:

— מילא, דאָס וואָס מען האָט אייך געזען באַזוכנדיק אומאַנשטענדיקע פּלעצער, איז דאָס אייער עסק. איך וויל ניט אַריינגיין אין דעם און אויסגעפינען די אומשטענדן וואָס אייך האָט געצויגן אַהין... אָבער, אַז איר זאָלט זיין אַזאַ כפוי־טובהניק און באַריידן מיין בעסטן פריינט, וועלכער איז דער שטאָלץ פון דעם גאַנצן יידנטום פון איצטיקן דור. אויף דעם האָב איך זיך ניט גערעכט...

— אָבער ווער האָט אייך דערציילט, אַז איך האָב ווען עס איז באַרעדט!

— האָט שלמה מיימון געשטוינט.

— איר זאָלט וויסן זיין, אַז קיינע סודות זיינען ניטאָ! — ענטפערט אים פרידלענדער — איר האָט אַ רעכט צו זאָגן, אַז איר האַלט ניט שטאַרק פון מענדעלזאָנס פילאָזאָפיע, אָבער צו זאָגן אויף דעם הער מענדעלזאָן, אַז ער איז אַ פילאָזאָפישער צבוע, דאָס איז שוין אַן אומגעהויערע חוצפּה!...

— איך ווייס ניט וואָס איר רעדט, הער פרידלענדער! — האָט שלמה אויס־גערופן — ווער האָט דאָס אייך דערציילט אַזאַ ליגן?

— עס איז ניט מיין פליכט אייך צו דערציילן ווער עס האָט מיר דערציילט, אָבער איך דאַרף ניט צווייפלען אין די רייד פון די דערציילער. אין דעם בין איך זיכער!

— איך בין גרייט צו שווערן ביי אַ ספר תורה, אַז איך האָב זיך אַזוי קיינמאָל ניט אויסגעדריקט וועגן דעם הער מענדעלזאָן, וועמען איך פאַרער זייער שטאַרק, וועמען איך אַליין האַלט פאַר איינעם פון די גרעסטע מענטשן פון אונדזער דור! עס קען זיין, אַז איך האָב זיך ווען עס איז אַרויסגעזאָגט קעגן אַ געוויסער פילאָזאָפישער מיינונג פון מענדעלזאָן, וואָס צו דעם איז יעדער איינער באַרעכטיקט און וואָס איך וואָלט עס אים געזאָגט אין די אויגן... איך האָב טאַקע ניט איין מאָל מיט אים ניט איינגעשטימט אין געוויסע פילאָזאָפישע השערות, און מיר האָבן זיך אַפילו וועגן דעם גוט דורכגערעדט... אָבער דאָס מיינט ניט, אַז זיין פריינטשאַפט צו מיר און מיין גרויסער אָפשאַצונג און פאַר־ערונג פון אים זאָלן אויף אַ האָר געמינערט ווערן...

— עס איז אָבער פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם וואָס מען שטימט אַמאָל ניט איין אין אַ געוויסן ענין און דאָס וואָס מען באַליידיקט יענעם, אַז ער איז אַ היפאָקריט!

— אָבער דאָס איז דאָך אַ שוידערלעכער ליגן! — האָט שלמה אויסגערופן.

— איך האָב קיינמאָל ניט באַנוצט אַזאַ וואָרט אין באַצוג צו משה מענדעלזאָנען! מיינער אַ שונא האָט אויף מיר געמאַכט אַ בילבול. ווען איך וויים ווער דאָס איז וואָלט איך פון אים פאַרלאַנגט ער זאָל דאָס מיר זאָגן אין די אויגן, צי איך האָב זיך ווען עס איז אַזוי אויסגעדריקט וועגן דעם הער מענדעלזאָן!

— איך אַליין האָב זיך דאָס טאַקע ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז איר זאָלט אַזוי זיך אויסדריקן וועגן מענדעלזאָנען און גלויבט מיר, אַז איך וועל עס אים קיינמאָל ניט דערציילן, אַז איך האָב אַזוינס געהערט אַפילו וועגן אייך, אָבער עס איז מיר שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז יענער זאָל אינגאַנצן מאַכן אַ בילבול אויף אייך. איך גלויב גיכער, אַז איר האָט צו דעם עפּעס צוגעגעבן און ער האָט מגזם געווען...

— גלויבט מיר, הער פרידלענדער, אַז איך האָב קיינמאָל ניט גערעדט וועגן מענדעלזאָנען מיט גרינגשעצונג. פאַרקערט, איך רייד תמיד פון אים, פון זיין גרויסער פערזענלעכקייט, פון זיין חכמה און פון זיין נאָבעלן כאַראַקטער מיט ערענפורכט, מיט אָפּשאַצונג און ליבשאַפט... אימיצער פון מיינע שונאים האָט פּשוט אויף מיר אויסגעטראַכט אַ שענדלעכן בילבול...

— איך קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז די פּערזאָן וואָס האָט מיר דאָס דער־ציילט, זאָל מאַכן אַ בילבול אויף אייך... צום באַדויערן בין איך ניט אימשטאַנד אַרויסצוגעבן זיין נאָמען, ווייל איך האָב זיך אַזוי פאַרפליכטעט, אָבער עס איז מעגלעך, אַז ער איבערטרייבט אַ ביסל...

— ווען יענער זאָל זאָגן, אַז כ׳האָב קריטיקירט איינע פון מענדעלזאָנס פילאָ־זאָפישע באַהויפּטונגען, וואָלט איך געקענט פאַרשטיין, אַז ער זאָל עס איבער־טרייבן און צעדרייען אַזוי מיינע אויסדרוקן, כדי זיי זאָלן אויסקוקן עטוואָס שאַרפער, צו ברענגען צו אַ ברוגז צווישן מיר און דעם הער מענדעלזאָנען, אָבער ווען יענער, וועלכער איז זיכער מיין שונא, האָט געזאָגט, אַז איך האָב זיך אויסגעדריקט אַזוי וועגן מענדעלזאָנען, איז ער אַ ליגנער און ער האָט אויף מיר איינפאַך געמאַכט אַ בילבול...

— און וואָס וועט איר זאָגן אויף דעם וואָס מען רעדט וועגן אייך אין שטאָט, אַז איר זייט אַרונטער פון גלייכן וועג און איר באַזוכט אַזעלכע ניט אָנשטענדיקע פלעצער? — פרעגט אים פרידלענדער.

— אין דעם בין איך זיך מודה. אָבער גלויבט מיר, אַז די אומשטענדן זיינען געווען אַזעלכע, אַז מען קען מיך אינגאַנצן ניט באַשולדיקן. דאָס האָבן אייניקע פון מיינע פריינט, וועלכע זיינען אויך אין אַ געוויסן זין מיינע תלמידים, מיך איינגעלאַדן אַ ביסל אַ הוליע צו טאָן. זיי האָבן אַפילו באַצאָלט פאַר אַט די אַלע פאַרוויילונגען און פאַרגעניגענס...

— ווען איר פאָלגט מיך — האָט פרידלענדער זיך אָנגערופן — וואָלט איך אייך געראָטן זיך צו האַלטן פון דער ווייטנס פון אַזעלכע פריינט. איר

פאַרשטייט, זיי זײַנען היגע, און זיך לאָזן וואוילגיין וועט זיי שטאַרק ניט שעדיקן. אָבער איר, וועמען פילע פון די חשובע און רייכע בעלי בתּים האַלטן פאַר אַ מוסטער אַלס גרויסער למדן, געלערנטער און פילאָזאָף, פאַר אייך פּאַסט ניט, אַז מען זאָל גאָר ריידן וועגן אייך...

— איך זע שוין, אַז איך האָב זיך באַנאַרישט! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — אָבער גלויבט מיר, אַז וועגן מענדעלזאָנען האָבן מײַנע שונאים געמאַכט אויף מיר אַ בילבול. איך בין גרייט צו שווערן, אַז איך האָב דאָס קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט פון מײַנע ליפּן.

— איר דאַרפט זיך ניט שווערן, איך גלויב אייך! — האָט פרידלענדער געזאָגט — איך וואָלט בלויז שטאַרק געוואָלט, אַז אָט די דאָזיקע רייד, אָדער ווי איר זאָגט דער בילבול, זאָל ניט געבראַכט ווערן פאַר מײַן טייערן פריינט מענדעלזאָנען... איך פאַרזיכער אייך, אַז פון מיר וועט ער דאָס ניט הערן, אָבער די וועלכע האָבן מיר דאָס דערציילט, האָבן עס געוויס אויך דערציילט פאַר אַנדערע, און יענע קענען זיך אַרויסריידן פאַר מענדעלזאָנען.

— דעריבער, גלויב איך, וואָלט געווען אַ סך בעסער ווען איך קום צו אים און דערקלער אים, אַז איך האָב געהערט, אַז מען מאַכט אַ בילבול אויף מיר און איך וויל אים זאָגן פאַראויס, אַז דאָס וואָס מען דערציילט וועגן מיר, אַז איך זאָל זיך האָבן געהאַט אויסגעדריקט אַזוי וועגן אים, איז כּזב ושקר, עס איז אַ שענדלעכער בילבול וואָס מײַנע שונאים האָבן אויסגעטראַכט אויף מיר, כּדי מיר צו טאָן שאָדן.

— דערווייל וואָלט איך אייך געראָטן, אַז איר זאָלט זיך אויך ניט וויסנדיק מאַכן! — האָט פרידלענדער געזאָגט — אויב איך וועל אויסגעפינען, אַז מען האָט עס אויך איבערגעגעבן מענדעלזאָנען, וועל איך אים זאָגן וואָס איר האָט מיר געזאָגט וועגן דעם, און איך וועל אים בעטן, אַז ער זאָל אייך אײַנלאַדן, כּדי איר אַליין זאָלט אים פאַרזיכערן, אַז דאָס איז מער ניט ווי אַ בילבול. איין זאַך, אָבער, וועט מיר פאַרדריסן, און דאָס איז, וואָס איר וועט ניט זײַן אימשטאַנד אָפּצולייקענען די אַנדערע באַשולדיקונגען, איך מיין דאָס וואָס איר זײַט געזען געוואָרן אין אַזעלכע פּלעצער... דאָס אַליין וועט מאַכן זייער אַ שווערן אײַנדרוק אויף מענדעלזאָנען, וועלכער האַלט זייער שטאַרק פון אייך סיי אַלס גרויסער געלערנטער און סיי אַלס אַ מאַן פון טוגענד און הויכער מאָראַל...

37

אייניקע וואָכן זײַנען פאַריבער זינט פרידלענדער האָט שלמהן פאָרגעוואָרפן וועגן זײַן אויפפירונג, און ער האָט זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן. ער האָט די גאַנצע צייט ניט באַזוכט מענדעלזאָנס הויז און ער האָט אויך אויסגעמיטן צו באַזוכן דוד פרידלענדערן.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט דאָקטאָר מאַרקוס הערץ, האָט ער אים פאַרבעטן צו זיך אין הויז.

— איך האָב מורא, אַז איך בין ניט ווירדיק צו האָבן אייער פריינטשאַפט — האָט שלמה מיימון זיך אָנגערופן.

— פאַרוואָס זאָלט איר אַזוי ריידן! — האָט דאָקטאָר הערץ אים פאַרגע־וואָרפן — אייער געזעלשאַפט פאַרשאַפט מיר אַ סך פאַרגעניגן, ווייל איך לערן פון אייך גאַנץ אָפט פילע זאַכן.

— איר האָט דאָך זיכער געהערט אַ סך ניט קיין שיינע זאַכן וועגן מיר — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — מיינע שונאים טוען אַלץ וואָס זיי קענען צו פאַרשפּרייטן בילבולים אויף מיר, כּדי מיך צו פאַרמיאוסן פאַר די אויגן פון מיינע פריינט.

— איר דאַרפט זיך ניט נעמען צום האַרצן — האָט אים מאַרקוס הערץ באַרואיקט — איך גלויב קוים צי מען שענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט צו די רכילות טרייבער.

— ווען איך וואָלט אַמווייניקסטן געוואוסט ווער עס זיינען דאָס די דאָזיקע וועלכע פאַרשפּרייטן שקרים וועגן מיר — האָט שלמה מיימון געזאָגט — וואָלט איך געוואוסט ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט זיי. איך וואָלט געהאַט די מעגלעכ־קייט צו באַווייזן, אַז זיי זיינען ליגנער, אַז זיי טראַכטן אויס ליגנס וועגן מיר.

— גאַנץ אָפט דאַרף דער רכילות־טרייבער גאָרניט ריידן מיטן מויל — האָט דאָקטאָר הערץ געזאָגט מיט אַ שמייכל — איך בין גראָד געווען דערביי ווען אימיצער האָט געטריבן רכילות אויף אַ פריינט און ער האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן אַ פרעג געטאָן אַ צווייטן ער זאָל באַשטעטיקן זיינע רייד. יענער האָט גאָרניט גערעדט. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען צו געבן אַזאַ מין ווּאונק מיט זיינע אויגן, וואָס האָט געזאָגט אַ סך מער ווי יענעמס רייד...

— איצט איז מיר שוין רעכט פאַרוואָס דער תּרגום אונקלוס פאַרטייטשט דעם פּסוק פון דער תּורה: „לא תלך רכיל בעמיך”, דו זאָלסט ניט אַרומגיין ריידן רכילות צווישן דיין פאָלק, „לא תיכול קורצין”. דאָס וואָרט „קורצין” מיינט ווינקען, וואָס באַדייט, אַז מען טאָר ניט ריידן קיין רכילות אַפילו דורך אַ ווּאונק מיטן אויג...

— יאָ, מיט אַ ווּאונק פון אויג אָדער מיט אַ קרים פון נאָז קען מען גאַנץ אָפט אומברייננגען אַ מענטשן — האָט דאָקטאָר מאַרקוס הערץ צוגעגעבן — איך געדענקט, מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין געווען אין קעניגסבערג, האָט מען דאָרט באַדאַרפט אויפנעמען אַ רב. איז גראָד דאַן געקומען אַ יונגער רב אָנצונעמען די שטעלע אַלס רב. האָט מען אים פאַרבעטן, אַז ער זאָל שבת האַלטן אַ דרשה, און ווען ער וועט זיי געפעלן ווערן וועט מען אים געבן אַ כּתב רבנות.

דער יונגער רב האָט געהאַלטן זיין דרשה, וואָס אויף מיר האָט זי גראָד געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. שבת אין אָוונט האָבן זיך די בעלי בתּים פאַרזאַמלט צו באַשליסן אויב זיי זאָלן אָנשטעלן יענעם רב. מען האָט גערעדט וועגן די פילע מעלות וואָס דער רב באַזיצט, וועגן זיין גוטן ריידן. דאַן האָט מען זיך געווענדט צום גבאי, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ למדן, און

מען האָט אים געפרעגט צי איז דער רב טאַקע אַ גרויסער למדן. דער גבאי האָט גאָרניט געענטפערט... אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז אַ קרים געטאָן זיין נאָז, און דער רב האָט שוין די שטעלע ניט געקראָגן. ווען מען האָט איבערגעגעבן דעם רב וואָס עס איז געשען, האָט ער געזאָגט: איצט איז שוין ביי מיר רעכט וואָס עס שטייט אין דער תורה „כי באפם הרגו איש״, מיט זייער נאָז האָבן זיי דערהרגעט אַ מענטשן! („אַף״ מיינט כעס, און „אַף״ מיינט אויך נאָז).

— מען זאָל אויסטראַכטן אַזאַ בילבול אויף מיר — האָט שלמה מיימון געצוקט מיט זיין שולטער — און איבערגעבן, אַז איך האָב זיך אַזוי שענדלעך אויסגעדריקט וועגן דעם הער משה מענדעלזאָן, דאָס איז דאָךווירקלעך אַ רציחה... . איך גלויב, אַז איר אַליין ווייסט אויך גאַנץ גוט ווי שטאַרק איך שעץ אָפּ און פאַרער דעם גרויסן פילאָזאָף און חכם משה מענדעלזאָן.

— הערט זיך איין, מיין פריינט, מיימון — האָט דאָקטאָר הערץ זיך אָנגערופן — איך האָב שוין געהאַט אַ געלעגנהייט צו ריידן מיט דעם הער מענדעלזאָן וועגן אָט די דאָזיקע רכילות וואָס ווערט פאַרשפּרייט וועגן אייך. וויזט אויס, אַז אימיצער האָט אים דאָס שוין איבערגעגעבן. איר דאַרפט דאָך אַליין פאַרשטיין, אַז דער צוועק פון די רכילות טרייבער איז דאָך געווען, אַז זייער לשון הרע זאָל דערגרייכן די אויערן פון מענדעלזאָן. נו, קען איך אייך זאָגן, אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען אייך שוין גאַנץ גוט, און אַז ער גלויבט ניט, אַז איר זאָלט דאָס האָבן געזאָגט וועגן אים. ער איז אָבער יאָ באַזאָרגט וועגן איין זאַך און דאָס איז וועגן דעם וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען צו ריידן וועגן אייך, אַז איר זייט לעצטענס געוואָרן זייער איבערגעגעבן דעם עפּיקורעאיזם... איר ווייסט דאָך וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „תלמיד חכם צריך לראות שלא יהיה בו דבר של דפי״, אַ תלמיד חכם דאַרף זען, אַז עס זאָל זיך ביי אים ניט געפינען אַ זאַך וואָס זאָל אים מאַכן צו שאַנד...

— איך זע שוין, אַז איך האָב מיך באַנאַרישט! — האָט שלמה געזאָגט.

— ווען איך האָב לעצטנס גערעדט מיט מענדעלזאָנען וועגן אייך, האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל אייך אָנדייטן אויפצוגעבן אָט די דאָזיקע פריינט, וועלכע האָבן אייך געזוכט אַראָפּצופירן פון דרך הישר — זאָגט הערץ — איר זאָלט וויסן זיין, אַז אַזעלכע פריינט זיינען ניט אויפריכטיקע, נאָר פאַלשע פריינט... נראים כאוהבים... זיי פאָזירן אַלס פריינט, אָבער אין דער אמתן זוכן זיי אייך אומצוברענגען, ווייל די קנאה ברענגט אין זיי...

— אָ, איצט איז מיר שוין אַלץ רעכט! — האָט שלמה אויסגערופן — איצט קען איך שוין פאַרשטיין פאַרוואָס די אַזוי־גערופענע פריינט מיינע האָבן דאָס צו מיר געטאָן. איך וועל ניט זיין איבערראַשט אויסצוגעפינען, אַז זיי זיינען דאָס די וועלכע האָבן פאַר מיר פאַרשפּרייט אַ נעץ... איך דערמאַן זיך, אַז דעם לעצטן מאָל ווען איינער פון מיינע פריינט האָט מיך גענומען אין אַ טראַקטיר, האָט ער געזען, אַז אַ דייטשע מיידל זאָל זיך צוזעצן לעבן מיר און אַליין האָט ער געפונען אַן אויסרייד, אַז ער דאַרף עפּעס באַזאָרגן. ער האָט זיך געזאָמט צו לאַנג, און די דייטשע מיידל האָט ניט אָפּגעטראָטן פון מיר...

איצט שטויס איך זיך אָן, אַז ער האָט געוויס דאָן גערופן אימיצן װעלכער זאָל האָבן אַריינגעקוקט דורכן פענסטער, און ער איז געווען אונטערן איינדרוק, אַז איך בין דאָרט די גאַנצע צייט און איך פאַרברענג מיט אַזעלכע פרויען פון צווייפלהאַפטן כאַראַקטער.

— איך האָב דאָס אייך ניט געוואָלט זאָגן, אָבער אַזוי איז דאָס טאַקע געשען. דעריבער דאַרפט איר וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען מיט אייערע „פריינט". האַלט זיך פון דער ווייטענס פון זיי. איר מעגט וויסן, אַז זיי האָבן אייך באַפריינדעט צוליב דעם כּדי צו דערגרייכן דריי צוועקן: ערשטענס, מיט דעם וואָס זיי וועלן זיין מיט אייך, וועלן זיי ציען אויף זיך אַ טייל פון דעם כבוד וואָס מען ווייזט אייך אַרויס. צווייטענס, אין אייער געזעלשאַפט וועלן זיי האָבן די מעג־לעכקייט צו באַרייכערן זייערע ידיעות מיט די קענטעניסן און וויסנשאַפטן, וואָס זיי האָבן ביז אַהער געהערט בלויז זייערע נעמען, ווייל זיי זיינען געווען זיכער אין אייער תּמימות און אין אייער ליבשאַפט צו פאַרשפּרייטן וויסנשאַפטן; דריטענס, האָבן זיי געטראַכט, אַז איר קומט אַריין מיט זיי, קוקט זיך קיינער אויף זיי ניט אום, און דאָס פייער פון קנאה האָט זיך אין זיי צעפלאַקערט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַס, און דורך דעם וואָס זיי וועלן זען, אַז איר זאָלט פאַרלירן אייער שטאַט און ווירדע, דורך דעם וואָס איר וועט פאַלן נידעריק, וועלן זיי דערהויבן ווערן...

— ריכטיק! — האָט שלמה אויסגערופן — איך וועל שוין וויסן ווי זיך צו האַלטן. איך וועל ניט מער זיך אומקוקן אין זייער ווינקל.

— פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז איר זאָלט ניט וויכן פון מענדעלזאָנס הויז — האָט אים הערץ געראָטן — מיט דעם וואָס איר קומט ניט אַהין, קען מען עס באַטראַכטן, אַז איר פילט זיך שולדיק קעגן אים.

— איך ווייס ניט אויב איך וועל איצט זיין ווילקאָמען אין זיין הויז — האָט שלמה מיט זאָרג געזאָגט.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז מענדעלזאָן וועט אייך אויפנעמען מיט דער זעלבער פריינטשאַפט ווי פריער. איבערהויפּט ווען ער וועט וויסן, אַז איר האָט אויפגעגעבן אַלע אייערע פריינט וועלכע האָבן געזוכט אייך צו פאַרפירן. איך בין זיכער, אַז איר וועט געפינען אַ סך וועגן וואָס צו ריידן מיט מענדעלזאָנען. ער וועט זיך שטאַרק פרייען צו הערן, אַז איר האָט זיך גענומען פאַראינטערע־סירן אויך אין די שיינע וויסנשאַפטן, אַז איר זייט שוין גאַנץ גוט באַהאַוונט אין דער קלאַסישער ליטעראַטור, אַז איר האָט שוין ביסלעכוויז גענומען שפּירן אַן אינטערעסביים לייענען די פּאָעמען פון האָמערוס...

— איך דאַנק אייך זייער, דאָקטאָר הערץ — האָט שלמה זיך אָנגערופן — וואָס איר האָט מיר געעפנט די אויגן, און באַוויזן ווי אַזוי איך האָב גרינג געקענט פאַלן אַ קרבן פון די בייזע צינגער, פון די רכילותניקעס.

דאָקטאָר הערץ האָט אָפּגעמאַכט מיט שלמה מיימון, אַז ער וועט אים לאָזן וויסן ווען ער וועט גיין באַזוכן משה מענדעלזאָנען און זיי וועלן גיין צוזאַמען.

ווען זיי זיינען געקומען צו מענדעלזאָנען אין הויז, האָט זיך שלמה עטוואָס געשעמט פאַר אים, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק. מענדעלזאָן, אָבער האָט

אים גלייך געמאַכט פילן היימיש. ער האָט אים אויסגערעדט פאַרוואָס ער האָט אים ניט באַזוכט פאַר אַזאַ לאַנגער צייט, און אים געזאָגט, אַז זיין הויז איז תמיד אָפן פאַר אים.

פון דער אויפנאַמע וואָס מענדעלזאָן האָט אים געגעבן, האָט זיך שלמה געפילט, אַז ער טראָגט אויף אים ניט קיין כעס. ער האָט זיך ביסלעכווייז גענומען פילן היימישער מיט אים און עס האָט ניט לאַנג גענומען און ביידע גרויסע פילאָזאָפן האָבן זיך פאַרטיפט אין אַ פילאָזאָפישן געשפרעך, אין וואָס אויך דאָקטאָר הערץ האָט זיך באַטייליקט.

אין דער צייט וואָס זיי זיינען געזעסן און גערעדט, האָט מענדעלזאָנס פרוי, פרומע, אַריינגעבראַכט זיסקייטן און טיי און מען האָט צוגעביסן און געטרינקען. איצט האָבן זיי גענומען ריידן געמיטלעך וועגן פאַרשיידענע זאַכן. שלמה מיימון האָט זיך גענומען באַקלאָגן פאַר מענדעלזאָנען, אַז ער איז שוין היפשע עטלעכע יאָר אין בערלין און קען נאָך אַלץ ניט קומען צו אַ ציל.

— איך בין נאָך אַלץ געצוואונגען זיך מפרנס צו זיין פון לערעריי, וואָס קלעקט מיר קוים פאַר מיין שפייז. ווען ניט גוטהאַרציקע פריינט מיינע, וואָלט איך אַפילו ניט געהאַט גענוג צו צאָלן פאַר מיין דירה.

— איך וויל מיט אייך זיין זייער אָפנהאַרציק! — האָט מענדעלזאָן געזאָגט — איר האָט אַלע מעגלעכקייטן צו דערגרייכן אייער ציל. גאָט האָט אייך באַשאָנקען מיט אַ וואונדערבאַרן קאָפ. איר קענט שנעל אַלץ פאַרנעמען און געדענקען וואָס איר לערנט. די צרה מיט אייך איז, וואָס איר האָט ניט קיין אויסגעאַרבעטן פלאַן. איר שפרינגט פון ענין צו ענין, לויט אייער נייגונג און שטימונג. ווען איר זייט געקומען האָבן מיר אַלע אייך גע'עצהט צו שטודירן מעדיצין. אונדזער פריינט דאָקטאָר הערץ האָט אייך אַפילו צוגעזאָגט אַרויסצו־העלפן מיט אַלץ וואָס עס וועט נאָר זיין מעגלעך פאַר אים. פון אָנפאַנג זייט איר טאַקע געווען גענייגט צו דעם, אָבער פלוצלונג האָט איר זיך אַרומגעזען, אַז עס לוינט זיך ניט פאַר אייך און איר האָט עס אויפגעגעבן. ווען איר וואָלט עס גלייך אָנגעפאַנגען און געבליבן ביי דעם, וואָלט איר שוין פילייכט געקענט ווערן אַ דאָקטאָר פון מעדיצין.

— איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז די טעאָריע פון מעדיצין איז פאַרצווייגט און פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע אַנדערע וויסנשאַפטן, וואָס יעדע פון זיי פאָדערט, אַז מען זאָל זיך אָפגעבן מיט איר דעם גאַנצן לעבן. איך פיל, אַז דאָס וועל איך ניט קענען באַווייזן. איך וועל בשום אופן ניט קענען פאַרנאַכלעסיקן מיינע אַנדערע אינטערעסן אין דער פילאָזאָפיע.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָלט איר זיך ניט נעמען צו עפעס אַ לייכטערער באַשעפטיקונג, פון וואָס איר וועט קענען מאַכן אַ פראַקטישן געברויך?

— צום ביישפיל צו וואָס אַזוינס וואָלט איך זיך געקענט נעמען? — פרעגט אים שלמה.

— פאַרוואָס זאָלט איר ניט שטודירן פאַרמאַציע? איר באַזיצט דאָך שוין אַ היפשע ידיעה אין כעמיע, ווי אויך אין לאַטיין, דעריבער, גלויב איך, וואָלט אייך דאָס ניט אָנגעקומען איבעריגס שווער. דער אמת איז, אַז איך האָב

שוין וועגן דעם גערעדט מיט אונדזער פריינט, דוד פרידלענדער, וועלכער האָלט אויך, אַז דאָס וואָלט אייך געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף פּרנסה און דאַן וואָלט איר אויך געקענט געפינען צייט פאַר אַנדערע שטודיעס.

— כּדי צו לערנען פאַרמאַציע, דאַרף מען האָבן געלט! — האָט שלמה געזאָגט — און איך בין ניט אימשטאַנד, אונטער מיינע איצטיקע אומשטענדן, צו באַצאָלן פאַר אַ לערער.

— אויב אַזוי, בין איך אימשטאַנד צו לאָזן אייך וויסן, אַז אויך וועגן דעם האָבן מיר גערעדט און פרידלענדער האָט זיך אונטערגענומען צו באַזאָרגן פאַר אייך די געלט פאַר דער לערע. אַלץ וואָס איר דאַרפט טאָן איז צו געפינען אַן אַפּטייק וואו איר זאָלט האָבן די מעגלעכקייט זיך צו לערנען די קונסט פון פאַרמאַציע און אַלץ וועט רעכט ווערן.

שלמה מיימון האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַזאַ אַפּטייק און אימיצער האָט אים רעקאָמענדירט דעם אַפּטייק פון מאַדאַם ראָזען. ער איז אַהין אַוועק און ער האָט זיך דורכגערעדט מיט דער מאַדאַם ראָזן, וועלכע איז געווען אַן אַלמנה, וועמענס מאַן האָט איר איבערגעלאָזן בירושה דעם אַפּטייק. ער האָט זיך מיט איר באַדונגען צו באַצאָלן איר זעכציק טאַלער, אַזוי שנעל ווי ער וועט פאַר־ענדיקן דעם קורס און באַקומען דעם אַטעסטאַט אַלס פאַרמאַצעווט.

שלמה האָט זיך פלייסיק גענומען צו שטודירן פאַרמאַציע. קיין גרויסן אינטערעס האָט ער אָבער אין דעם ניט אַרויסגעוויזן. דריי יאָר צייט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דעם. ער האָט אין דער זעלבער צייט אויך ניט פאַרנאַכ־לעסיקט זיינע אַנדערע אינטערעסן אין דער פילאָזאָפיע.

ווען שלמה מיימון האָט געענדיקט דעם דריי־יעריקן קורס אַלס אַפּטייקער און באַקומען דעם אַטעסטאַט, האָט דוד פרידלענדער פאַר אים באַצאָלט דער מאַדאַם ראָזן די זעכציק טאַלער. ער האָט אַפילו פּרובירט אַרבייטן אין אַן אַפּטייק פאַר אַ זייער קליינעם געהאָלט. ער האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז עס לוינט זיך ניט פאַר אים. ער וועט דאַרפן אָפּשטיין אַ גאַנצן טאָג אויף זיינע פיס. ווען ער פלעגט קומען צו זיין צימער ביינאַכט פלעגט ער זיין אַזוי מיד, אַז ער האָט אַפילו ניט געקענט אַריינקוקן אין אַ ספר. וואָלט ער אַמווייניקסטן דערפון געקענט ציען זיין פּרנסה וואָלט ער מן הסתם זיך ווייטער אָפּגעגעבן מיט דעם, אָבער אַזוי ווי קיין פּרנסה פון דעם האָט ער ניט געהאַט און טאָן דערצו נאָך עפּעס, ווי לערנען מיט אַנדערע, האָט ער ניט געקענט, ווייל דער אַפּטייק האָט ביי אים אַוועקגערויבט דעם גאַנצן טאָג, האָט ער דעריבער גאָר אין גיכן אויפגעגעבן דעם אַפּטייק און זיך ווידער גענומען צו לערנען מיט תּלמידים, פון וואָס ער האָט פאַרדינט עטוואָס מערער.

האָבן ווידער שלמהס פריינט און באַקאַנטע גענומען קוקן קרום אויף אים. זיי האָבן צווישן זיך אים גענומען קריטיקירן און געזאָגט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט קומען צו אַ תּכלית. ווידער האָט מען גענומען אים באַריידן. די פרומע יידן פלעגן ריידן אויף אים, אַז ער זוכט צו פאַרשפּרייטן אַפּיקורסישע געדאַנקען מיט זיינע אַפּיקורסישע טעאָריעס. אַנדערע האָבן געמורמלט, אַז ער האָט זיך ווידער פאַרנומען אויף דעם עפּיקורייען וועג...

אין דער אמתן האָט שלמה זיך ווידער גענומען אָפּגעבן מיט קערפּערלעכע פאַרגעניגענס. ער האָט אויפגעגעבן יענע פאַלשע פריינט און זיך גענומען חברן מיט אַנדערע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיינע פּרעטענזיעס. ער פלעגט זיך פילן גאַנץ איינזאַם און האָט געזוכט צו פאַרטרייבן זיין איינזאַמקייט אין אַ פריילעכער, לוסטיקער געזעלשאַפט.

אָט די דאָזיקע אויפפירונג זיינע האָט דערווייטערט זיינע פריינט פון אים. ווען אָט די אַלע קלאַנגען פון זיין אויפפירונג האָבן דערגרייכט משה מענדעלזאָנען, האָט ער געשיקט רופן שלמהן צו זיך אין הויז. ווען ער איז צו אים געקומען האָט ער אים אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן צימער. ער האָט אים געבעטן זיך זעצן לעבן זיך און דאַן האָט ער זיך אָנגערופן:

— עס טוט מיר זייער ווי וואָס איך דאַרף צו אייך אַזוי ריידן, אָבער איך פיל, אַז עס איז מיין פליכט קלאָר צו מאַכן פאַר אייך די לאַגע אין וואָס איר געפינט זיך דאָ. איך בין לעצטענס געוואָרן שטאַרק באַאומרואיקט וועגן אייך. איך ווייס, אַז איר זייט דאָ עלענט, און איר האָט זיך ניט ווענדן צו באַראָטן וועגן פילע זאַכן. איר געדענקט, אַז מיט אַן ערך דריי יאָר צוריק האָב איך אייך געראָטן זיך צו נעמען צו עפּעס אַ פּראָפעסיע פון וואָס אייך וועט זיין מעגלעך זיך מפרנס צו זיין. איר האָט מיך דאַן געפאָלגט און זיך גענומען צו שטודירן אויף אַפּטייקער. איך בין געווען זייער צופרידן פון דעם, ווייל איך האָב געהאָפט, אַז דורך דעם וועט איר ענדלעך קומען צו אַ שטיקן תכלית. צום באַדויערן אָבער, זע איך, אַז דאָס איז אויך געווען אַרויסגעוואָרפן. איר האָט קיין געדולד ניט צו בלייבן ביי אייער פּראָפעסיע.

— אָבער הער מענדעלזאָן — האָט שלמה זיך אָנגערופן — דאָס וואָס איך בין געוואָרן אַן אַפּטייקער האָט ניט אַריינגעבראַכט קיין שינוי אין מיין לעבן. פרנסה האָב איך פון דעם ניט געהאַט. עס האָט פון מיר אַוועקגערויבט מיינע אַלע פרייע שטונדן...

— איר האָט אָבער באַדאַרפט וויסן, אַז אַלץ ווערט ניט דערגרייכט מיט אַמאָל. מען דאַרף זיך געבן אָנפּלאָגן ביז וואַנען מען קומט צום ציל. אָט נעמט מיר. איך האָב געמוזט זוכן פרנסה און איך האָב אָנגענומען אַ שטעלע אַלס בוכהאַלטער אין אַ געשעפט פון זיידנס, און מיינע פליכטן זיינען געווען אָפּצוזיצן דעם גאַנצן טאָג איבער די ביכער און חשבונען. איך האָב באַדאַרפט זיך באַשעפטיקן מיט טרוקענע ציפערן פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. און טראָץ מיין שווערער אַרבייט, האָב איך אויך געפונען גענוג צייט צו שטודירן און זיך פאַרטיפן אין די פילאָזאָפישע ביכער און אויך אין אַנדערע ספרים וואָס האָבן מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן. איך האָב זיך פאַר קיינעם קיינמאָל ניט באַקלאָגט אַז די אַרבייט פאַלט שווער אויף מיר. איך האָב פלייסיק געאַרבייט און פלייסיק שטודירט. פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע צייט האָב איך ניט געקענט אַפילו ציען קיין חיונה פון מיין אַרבייט, אָבער איך האָב געהאַט געדולד, און ווייטער שווער געאַרבייט ביז וואַנען איך האָב געקראָגן די מעגלעכקייט זיך מפרנס צו זיין בכבוד...

— אָבער איך קען בשום אופן ניט זען קיין תכלית אין דער אַרבייט אין אַפּטייק — האָט שלמה זיך אָנגערופן.

— די צרה מיט אייך איז, וואָס איר האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט באַוויזן צונויפצושטעלן אַ פּלאַן פון לעבן, וואָס איר זאָלט קענען נאָכפאָלגן. איר האָט פּרוכטלאָז געמאַכט אַלע מיינע באַמיאונגען און אַלע באַמיאונגען פון אייערע אַנדערע פריינט וועלכע האָבן געזוכט אייך צו העלפן. איך בין זיכער, אַז ווען איר נויטיקט זיך אַפילו אין מער געלט, וואָלטן זיי דאָס פאַר אייך געקראָגן. די צווייטע אָנקלאַגע קעגן אייך איז, אַז איר זוכט צו פאַרשפרייטן שענדלעכע מיינונגען און געפערלעכע שיטות. איר פאַרשטייט, עס קען זיין, אַז איך קענען אַזעלכע פילאָזאָפישע סיסטעמען ניט שאַדטן, אָבער ווען איר פּרעדיקט זיי פאַר אַנדערע, וועלכע פאַרמאָגן ניט אייער שאַרפן שכל, קען דאָס גורם זיין, אַז זיי זאָלן אַרונטער פון דרך הישר... דריטענס, גייען אַרום קלאַנגען וועגן אייך, אַז איר פירט זייער אַ פרייען שטייגער פון לעבן, אַז איר גיט זיך צופיל אָפּ מיט קערפּערלעכע פאַרגעניגענס. איך האָב דאָס שוין אייך אַמאָל דערקלערט, אַז אַ מענטש ווי איר, וועלכער איז אַ לערער, וועמען יידישע עלטערן טרויען אָן זייערע זין צו לערנען מיט זיי תורה, מוז זיין אַ מוסטער פון טוגענד און גוטע מידות.

— הער מענדעלזאָן — האָט זיך שלמה מיימון אָנגערופן — איך וועל זען ווי ווייט מעגלעך צו ענטפערן אויף די אַלע באַשולדיקונגען וואָס מען באַשולדיקט מיך. אויף דער ערשטער באַשולדיקונג קען איך אייך זאָגן, אַז איך האָב גלייך פון אָנפאַנג אָן דערקלערט מיינע פריינט, אַז צוליב מיין משונהדיקער דערציאונג האָב איך קיין נייגונג ניט צו געשעפט... צו זיין אָן אַפּטייקער דאַרף מען זיך אויסטויגן צו געשעפט, און דעריבער האָב איך דאָס געמוזט אויפגעבן און זיך צוריק נעמען צו לערעריי. וואָס אַנבאַלאַנגט די צווייטע באַשולדיקונג, אַז איך זוך צו פאַרשפרייטן געפערלעכע פילאָזאָפישע שיטות, איז עס ממה־נפשך: זיינען אָט די דאָזיקע שיטות וואָס איך פאַרשפרייט אמת, דאָן ווייס איך ניט ווי אַזוי קאָן דאָס דערקענטניש פון אמת זיין שעדלעך. זוכן מיר דען ניט מיט אַלע אונדזערע מעגלעכקייטן צו פאַרשפרייטן דעם אמת? אָבער ווען מיינע פילאָזאָפישע שיטות זיינען פאַלש, וואָלט איך געוועזן העכסט צופרידן ווען מען קומט אַרויס און מען באַווייזט מיר זייער שקר. איך וואָלט עס זייער און זייער אָפּגעשאַצט, ווייל איך אַליין וויל דאָך אויך ניט בלאָנדזשען... מיר דוכט זיך, אַז די וועלכע פאַרקלאָגן זיך קעגן מיר זיינען ניט אַזוי אויסן צו באַווייזן, אַז איך פרעדיק פאַלשע באַגריפן, נאָר זיי זוכן מיך צו דיסקרעדיטירן, ווייל זיי פאַרשטייען ניט מיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען. זיי זיינען ניט פעאיק צו באַנעמען דאָס וואָס איך דערקלער זיי, און דעריבער טראַכטן זיי אויס אַ בילבול אויף מיר, אַז איך זוך זיי אַראָפּצופירן פון דרך הישר.

— און וואָס איז מכח דער דריטער באַשולדיקונג? — פרעגט אים מענדעלזאָן.

— אויף דעם קען איך אייך זאָגן, הער מענדעלזאָן, אַז מיר זיינען אַלע עפּיקורעער אין אַ געוויסער מאָס. עס זיינען פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע וואָס

די פאַרגעניגנס און וואָוילטאָגן פון לעבן קומען צו זיי אָן שום מי. עס ווערט אַ טייל פון זייער לעבן, וואָס ווערט אויך זייער צווייטע נאַטור. יענע דאַרפן זיך ניט נאָכיאָגן נאָך די וואָוילטאָגן. זיי האָבן עס אין דעם גאַנג פון זייער לעבן. זעט איר, הער מענדעלזאָן, אַז ווען אויך אַזעלכע וועלכע געניסן פון אָט די אַלע פאַרגעניגנס און וואָוילטאָגן פאַנגען אָן צו זוכן נאָך מער פאַרגעניגנס, ווייל זיי שטעלן זיך ניט צופרידן מיט דעם וואָס זיי האָבן, אַזעלכע מענטשן פאַרדינען פאַרדאַמט צו ווערן, אָבער דער וועמענס לעבן איז דורכגעווייקט מיט אַנגסט, מיט פאַרדרוס און ענטוישונגען, איז, גלויב איך, באַרעכטיקט צו אַ ביסעלע פאַרגעניגן... דאָס וועט זיכער ניט פאַרדאַרבן זיין מאָראַל. עס איז אמת, ווען דער מענטש איז פול מיט זאָרג צוליב פרנסה און געזונט, ליגן אים ניט אין זינען וואָוילטאָגן און פאַרגעניגנס, אָבער ווען ער ווערט צייטווייליק באַפרייט פון דעם, איז שוין אין דער נאַטור פון מענטשן צו זוכן קערפּערלעכע פאַר־געניגנס.

— דאָס איז אַלץ ריכטיק, — האָט מענדעלזאָן געזאָגט — אָבער עס איז אויך אין דער נאַטור פון מענטשן זיך ניט אַריינצוטראַכטן אין די סיבות וואָס פאַראורזאַכן אַ מענטשן צו זינדיקן קעגן דער מאָראַל. איר זייט אַ גרויסער למדן, אַ פילאָזאָף און געלערנטער. אַלס אַזעלכער ווערט איר געהאַלטן ביי אונדזערע ברידער פאַר אַ מוסטער. זיי ציינן אָן אויף אייך צו זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן נאָכפאָלגן אייערע טריט און זיך לערנען פון אייך... איצט שטעלט זיך פאָר, ווען מען זעט אייך טאָן אַזאַ זאַך וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט מאָראַל, וויפיל שאָדן איר ברענגט זיך און אַנדערע! איר מוזט אויך נעמען אין אַנבאַטראַכט, אַז איר זייט אַ לערער, אַז איר לערנט מיט אַזעלכע תלמידים וועלכע קומען פון גאָר חשובע משפחות וועלכע זיינען וויכטיקע מיט־גלידער פון דער בערלינער קהילה...

שלמה מיימון האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דאַן האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך זע שוין, אַז איך וועל דאָ לענגער ניט קענען פאַרבלייבן. מען זוכט חטאים אויף מיר און מען וועט די דאָזיקע חטאים געפינען...

— גלויבט מיר, הער מיימאָן, אַז איך בין דער לעצטער וועלכער זאָל זוכן חטאים אויף אימיצן. איך האָב אייך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די אַלע זאַכן וואָס איך האָב געהערט וועגן אייך, און וואָס מיר האָט ווי געטאָן, ניט צוליב דעם וואָס איך האָב אין זיי געזען אָן אָפּנייגונק פון די אָנגענומענע מאָראַלן, נאָר פשוט צוליב דעם וואָס ניט אַלע וועלן קענען באַגרייפן די טרייב־קראַפט אין דעם מענטשנס נאַטור, און זיי וועלן אייך דן זיין לכף חובה, און דורכדעם וועט אייער כבוד פאַרשוועכט ווערן... צוליב דעם אַליין האַלט איך, אַז פיליכט זייט איר גערעכט מיט דעם וואָס איר האָט ביי זיך געפאַסט אַ באַשלוס אָוועקצוגיין פון בערלין. איך האָף נאָר, אַז דאָס וועט זיין צייטווייליק און אַז מיר וועלן נאָך האָבן דעם פאַרגעניגן מיט אייך צו פאַרברענגען אין די צוקונפטיקע טעג, ווען איר וועט זיך אַהער צוריקקערן פאַרפאַלקאָמט און האָבנדיק דערגרייכט אַלע אייערע צילן... איצט זאָגט מיר, הער מיימון, האָט איר שוין באַשלאָסן וואוהין צו גיין?

— דערווייל נאָך ניט! — האָט שלמה אים געענטפערט — אָבער איך וואָלט אייך געבעטן אַ טובה, אויב עס וועט אייך ניט זיין צו שווער, מיר מיטצוגעבן אַ רעקאָמענדאַציע בריף... איך בין זיכער, אַז מיט אייערן אַ בריף וועט פאַר מיר לייכטער זיין זיך צו דערשלאָגן צו וואָס עס איז!

— דאָס וועל איך טאָן מיט פאַרגעניגן! — האָט מענדעלזאָן געזאָגט — איך וויל טאָקע, אַז איר זאָלט זיך תמיד באַציען אויף מיר, און איך וועל זיין גרייט אייך צו העלפן מיט אַלץ וואָס עס וועט פאַר מיר נאָר זיין מעגלעך.

מענדעלזאָן האָט אָנגעשריבן אַ בריף אין וואָס ער האָט אויסגעשריבן די אַלע מעלות, די פעאיקייטן פון שלמה מיימון. ער האָט דאָרט געשריבן, אַז שלמה מיימון איז ניט נאָר איינער פון די גרעסטע לומדים פון אונזער צייט, נאָר ער איז אויך אַ גרויסער חכם, וויסנשאַפטסמאַן און פילאָזאָף, און אַז יעדער איינער זאָל אים מקרב זיין לויט זיין מעגלעכקייט.

שלמה מיימון האָט פון אים גענומען דעם בריף, פאַר וועלכן ער האָט אים באַדאַנקט. ער האָט זיך מיט אים געזעגנט. מענדעלזאָן האָט אים צוגעוואונטשן אַ גליקלעכן וועג. שלמה האָט זיך גלייך גענומען גרייטן אין וועג. ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע תלמידים, פון וועמען ער האָט באַקומען דעם שכר לימוד וואָס אים האָט באַלאַנגט. ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע פריינט און צום לעצט איז ער אַוועקגעגאַנגען צו דוד פרידלענדער זיך מיט אים געזעגנט.

38

מיט אַ שווערן האַרץ האָט שלמה פאַרלאָזן בערלין. ווען אָבער ער האָט זיך געזעצט אויף דעם וואָגן פון דער האַמבורגער פּאָסט, וואָס איז אָפּגעפאָרן פון בערלין קיין האַמבורג האָט ער זיך געפילט אַ סך לייכטער. אים האָט זיך געדוכט ווי ער וואָלט געווען געשמידט אין קייטן, און איז פּלוצלונג פון זיי באַפרייט געוואָרן.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזים־קעשענע מענדעלזאָנס רעקאָמענדאַציע בריף און אים דורכגעלייענט, און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ער האָט זיך געפילט, אַז מיט אָט דעם בריף וועט ער אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ צווייטן בריף, וואָס זיינער אַ פריינט, אַ סוחר, האָט אים מיטגעגעבן ער זאָל דאָס איבערגעבן צו אַ צווייטן סוחר פון האַמבורג, מיט וועמען ער פלעגט האַנדלען.

אויך דער דאָזיקער בריף איז געווען זייער וואַרעם געשריבן וועגן אים, און דער סוחר האָט געבעטן זיין פריינט, אַז ער זאָל העלפן מיט וואָס נאָר ער וועט קענען זיין פריינט שלמה מיימון.

ווען שלמה איז אָנגעקומען אין האַמבורג איז ער גלייך אַוועק צו יענעם

סוחר און אים איבערגעגעבן דעם רעקאָמענדאַציע־בריף. דער סוחר האָט אויפֿגענומען שלמהן זייער גוט. ער האָט אים גלייך איינגעלאַדן צו זיך אין הויז אויף אָוונט־ברויט. נאָכדעם האָט ער אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל ביי אים בלייבן די גאַנצע צייט וואָס ער וועט פאַרברענגען אין האַמבורג.

פון אָנהויב איז שלמה געווען זייער צופרידן פון דעם. ער האָט זיך געטראַכט, אַז דער דאָזיקער סוחר איז אַ מוקיר רבנן, איינער וועלכער ווייסט ווי אָפּצושאַצן אַ תּלמיד חכם, און דעריבער ציגט ער אים אַרויס אַזוי פיל פריינטשאַפט. ער איז מיט אים פאַרבליבן. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און שלמה האָט זיך איבערצייגט, אַז יענער סוחר האָט קיין אַנונג ניט וועגן יידישקייט, אַז ער פאַרשטייט קיין זאַך ניט אויסער ווי אַזוי צו פאַרדינען געלט.

איינמאָל האָט דער סוחר אים געפרעגט צו ער וואָלט געוואָלט אים אַרויסהעלפן אין מסחר. שלמה האָט אים דאַן געזאָגט, אַז ער טויג זיך לחלוטין ניט אויס צו מסחר. זינט דאַן האָט שלמה גענומען מערקן, אַז דער סוחר האָט זיך צו אים אָפּגעקילט.

— ווי לאַנג וועט איר פאַרבלייבן אין האַמבורג? — טוט דער סוחר אים פלוצלונג אַ פרעג.

ערשט דאַן האָט זיך שלמה איבערצייגט, אַז ער פאַלט דעם סוחר צו לאַסט און אַז ער וויל פון אים וואָס שנעלער פּטור ווערן.

— איך וועל אָפּרייזן פון דאַנען גאָר אין גיכן! — האָט שלמה אים געענטפערט.

— און וואוהין האָט איר בדעה צו פאָרן? — פרעגט אים דער סוחר.

— איך גלויב, אַז איך וועל אָפּרייזן קיין האָלאַנד! — ענטפערט אים שלמה.

— אויב איר האָט בדעה צו פאָרן קיין האָלאַנד, וואָלט איך אייך געראָטן ניט אָפּצולייגן אויף צו לאַנג, ווייל איצט איז די בעסטע צייט צו פאָרן. שפּעטער פאַנגען זיך אָן די שטורעמס אויפן ים און איר וועט דאַרפן אַ סך דורכמאַכן.

ערשט דאַן איז שלמה געווען איבערצייגט, אַז ער דאַרף ביי אים ניט פאַרבלייבן קיין איבעריקן טאָג. ער איז אַוועק צום האַפן און דאָרט געדונגען אַ פּלאַץ אויף אַ האַמבורגער שיף וואָס גייט אָפּ קיין האָלאַנד.

שלמה איז אָנגעקומען אין אַמסטערדאַם. דאָרט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט אַ צאָל רייכע, אָבער זייער פרומע יידן, וועלכע האָבן אים פון אָנהויב מקרב געווען. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און יענע יידן האָבן דערטאַפּט אין אים אַפּיקורסישע נייגונגען, און האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט. ער האָט זיך אויך אין האָלאַנד אַרומגעדרייט אַזוי עטלעכע וואָכן. ער האָט אָבער פאַר זיך ניט געזען קיין שום ציל און תּכלית.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס אויף שלמהן איז אַרויף אַ מרה שחורה. עס איז אים איינפאַך נמאס געוואָרן דאָס לעבן. גאַנץ אָפט, ווען ער פלעגט אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר אַליין, פלעגט אים אָנפאַנגען נאָגן אין האַרצן. אַ פיינלעכער געדאַנק האָט זיך אין אים גענומען איינעסן ווי אַ וואָרעם, צו מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן, וואָס איז אים געוואָרן צו לאַסט...

— וואָס האָב איך פון מיין לעבן? — האָט ער געטראַכט ביי זיך — איך

האָב זיך אײַנגאַנצן אָפּגעריסן פון מײַן אַמאָליגן לעבן. איך האָב פאַרלאָזן מײַן ווײַב און מײַן זון, און איך בין נע־ונד... איך האָב אַלץ געהאַט האָפענונגען, אַז איך וועל זיך צו עפּעס דערשלאָגן אין לעבן, אָבער ביז איצט האָב איך, אויסער צו צרות און יסורים, זיך צו קיין זאַך ניט צוגעשלאָגן. איך זוך דעם אמת, אָבער איך קען אים דערווײַל נאָך ניט געפינען... איך בלאָנדזשע טאַקע אַרום אין דעם עולם־התוהו, און איך ווייס ניט וואוהין זיך צו קערן און וואָס צו טאָן... צו וואָס טויג מיר אַזאַ לעבן? ווי עס ווײַזט אויס, בין איך לחלוטין ניט צוגעפּאַסט צום לעבן. אויף מײַן גורל איז געפאַלן זיך תמיד צו קריגן און אַמפּערן מיט מענטשן... דורכדעם שאַף איך זיך אַ סך שונאים...

אין האָלאַנד געפינען זיך אַ סך וואַסער קאַנאַלן. שלמה האָט צוגעשפּאַצירט צו אַ וואַסער־קאַנאַל, ער האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. ער איז געבליבן שטיין בײַ דעם ראַנד פון דעם טיפן קאַנאַל, און ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם רוישן פון וואַסער. אַ שטאַרקער אומעט האָט אים באַנומען. ווידער אַמאָל איז אויף אים געקומען די מרה שחורה... ער האָט זיך געטראַכט ווי שווער עס איז צו לעבן אין אַזעלכע אומשטענדן... בליץ שנעל זײַנען פאַר זײַנע געדאַנקען פאַרבײַגעלאָפן זײַנע יאָרן, די יסורים און אַנגסטן וואָס ער האָט דורך דער צײַט דורכגעמאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט יענע צײַט ווען נויט און הונגער האָבן אים געצוואונגען זיך אָנצושליסן צו אַ בעטלער און צוזאַמען מיט אים גיין איבער די הײַזער... אַ שוידער גייט דורך זײַן לײַב ווען ער דערמאָנט זיך, אַז ער פלעגט אויסשטרעקן זײַן האַנט צו בעטן אַ נדבה... ווי אַזוי גאָר איז ער דערגאַנגען צו אַזאַ שפּלדיקן מצב? און ווי האַלט עס מיט אים איצט? לעבט ער דען ניט אויף בעטל־ברויט?

יאָ, עס איז אים זייער ביטער, און ער זעט פאַר זיך ניט קיין אויס־זיכט אויף אַ בעסערער צײַט... אַ געדאַנק איז אים פלוצלונג געקומען צו מאַכן אַ סוף צו זײַן לעבן. יאָ, דאָ, בײַ דעם ראַנד פון קאַנאַל, וואו ער שטייט איצט, וועט ער קענען לויז ווערן פון זײַן עלענדן, טרויעריקן לעבן, מיט איין שפּרונג אין אָט דעם טיפן קאַנאַל. ער וועט אַרונטערשפּרינגען אין וואַסער און וועט גלײַך זינקען אין דעם אָפּגרונט... קיינער וועט אַפילו ניט וויסן וואו זײַן געביין איז אַהינגעקומען... וואָס מער ער האָט פון דעם געטראַכט אַלץ פעסטער איז זײַן באַשלוס געוואָרן צו מאַכן אַ סוף צו זײַן לעבן. וואָס האָט ער צו פאַרלירן?... אַ לעבן פון צרות און פּלאָגעניש... ער איז אַזוי געשטאַנען און זיך אַריבערגעבויגן ווי ער וואָלט געוואָלט אַרונטער־שפּרינגען... פּלוצלונג האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ פרויען־שטימע:

— וואָס ווילט איר טאָן, מײַן הער!

שלמה האָט זיך אַ קער געטאָן און בײַ דער שײַן פון דער לבנה האָט ער באַמערקט ווי אַ פרוי, אײַנגעהילט אין אַ טיכל, לויפט גאַנץ שנעל צו צו אים. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און ער האָט געקוקט אויף דער פרעמדער פרוי, וועלכע איז שוין געווען גאָר נאָענט צו אים.

— גאָט איז מיט אײַך! — האָט די פרעמדע גענומען ריידן צו אים. איר זייט דאָך אַ יונגער מאַן, פאַרוואָס ווילט איר זיך אומברענגען!

שלמה איז געקומען צו זיך און ער האָט באַלד געוואונען זיין גלייכגעוויכט. ער האָט זיך צו איר אָנגערופן:

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך האָב אין זינען זיך אומצוברענגען?

— איך האַלט אַן אויג אויף אייך שוין היפּשע עטלעכע מינוט! — האָט די פרוי זיך אָנגערופן — איך האָב געהערט ווי איר רעדט צו זיך, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר זייט ניט גליקלעך, און ווען איך האָב באַמערקט, אַז איר בויגט זיך אַרונטער אין דער טיפעניש פון דעם קאַנאַל, האָט אין מיר מיין האַרץ אַ צאַפּל געטאָן... איך בעט אייך, קומט מיט מיר צוריק צו אייער היים און שלאָגט זיך דאָס אַרויס פון אייערע געדאַנקען.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז איר מאַכט אַ טעות! — האָט שלמה זיך אָנגערופן צו דער פרוי — איך האָב דאָ צוגעשפּאַצירט צו דעם קאַנאַל, און איך בין נייגעריק געוואָרן אַרונטערצוקוקן צו זען ווי טיף דער קאַנאַל איז...

— איך האָף, אַז דאָס איז אַזוי — האָט די פרוי געזאָגט — אָבער איך וועל אייך שוין דאָ אַליין ניט איבערלאָזן... איך וועל מיט אייך צוגיין ביז אייער היים.

— איך וואוין גאַנץ ווייט פון דאַנען! — האָט שלמה געזוכט זיך אַרויס־צודרייען.

— מיר אַרט ניט ווי ווייט איר וואוינט פון דאַנען! — זאָגט זי — איך וועל אייך אַליין מער ניט איבערלאָזן ביז וואַנען איך וועל אייך זען, אַז איר גייט אַריין צו זיך אין צימער...

— איך דאַנק אייך זייער! — האָט שלמה זיך אָנגערופן און זיך געלאָזט גיין אין איר באַגלייטונג.

עטלעכע מינוט זיינען ביידע געגאַנגען שווייגנדיק. שלמה האָט גענומען טראַכטן פון שיקזאַל. ווייזט אויס, אַז עס איז אים באַשערט צו בלייבן לעבן... אין דער רגע ווען ער האָט שוין ביי זיך געהאַט באַשלאָסן אַרונטערצושפּרינגען אין קאַנאַל, האָט זיך פּלוצלונג צו אים דערטראָגן די שטימע פון אָט דער פרעמדער פרוי... ווער איז זי? ווי קומט זי אים נאָכצופאָלגן? פון וואַנען האָט זי געוואוסט, אַז ער טראַכט וועגן זעלבסטמאָרד?... ער האָט דערפילט ווי די פרוי, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען אים צו באַגלייטן, וואַרפט אויף אים אירע בליקן און באַטראַכט אים פאַר דער שיין פון דער לבנה.

— ווי איך קען זען, דריקט אייך עפּעס, און איר פילט זיך אומגליקלעך!

— האָט די פרעמדע פרוי זיך צו אים געווענדט אין דייטש — איר מוזט געוויס זיין זייער עלענד, ווייל ווען איר האָט פאַר וועמען עס איז זיך אויסצורייד דאָס האַרץ, וואָלט איר זיך געפילט אַ סך לייכטער און איר וואָלט ניט געקומען צו אַזאַ פאַרצווייפלונג וואָס זאָל אייך טרייבן צו אַ שריט ווי איר האָט נאָר וואָס פּרובירט מאַכן. איך בעט אייך, זאָגט מיר, אין וואָס באַשטייט אייער פאַרצווייפלונג? איר שיינט צו זיין אַן אינטעליגענטער מענטש, דעריבער איז מיר שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס איר זאָלט זוכן צו לייזן אייערע שווערע פּראָבלעמען דורך זעלבסט פאַרניכטונג... אויב אייער פאַרצווייפלונג קומט צוליב דעם וואָס איר זייט פילייכט פינאַנציעל געענגט און איר נויטיקט זיך

אין עטוואָס הילף, בין איך גרייט אייך צו העלפן אויף ווי ווייט עס וועט פאַר מיר מעגלעך זיין. איר האָט זיך פאַר מיר ניט וואָס צו שעמען, ווייל איך האָב דורכגעמאַכט שווערע יאָרן, און איך ווייס וואָס דחקות מיינט... ווען עס פעלן מיטלען צום לעבן ווערט די פאַרצווייפלונג אומדערטרעגלעך, און דאָס האָט אייך זיכער געטריבן צו דעם שריט!...

— ניין, מיין ליבע פרוי — האָט שלמה איר געענטפערט — איך האַלט, אַז וואָס קלענער און אומזיכערער עס ווערן די מיטלען צו לעבן, אַלץ שטאַרקער ווערט דער דראַנג און די ליבע צום לעבן, אָדער דער טרייב עס צו דערהאַלטן. נויט באַוועגט דעם מענטשן צו אַ גרעסערער טעטיקייט, און דורך דעם ווערטביים מענטשן אַנטוויקלט אַ גרעסערער לעבנס־געפיל. דאָס לעבן קען אַמאָל פאַלן צו לאַסט גראָד דעם וועמען עס לעבט זיך גאַנץ גוט אין דער געגנוואַרט, נאָר די צוקונפט זיינע זעט ער דורך שוואַרצע ברילן...

— איך שטים איין מיט אייך, אַז דער קאַמף פאַר דער לעבנס־עקסיסטענץ מאַכט דעם לעבן ליבער און אינטערעסאַנטער, און בלויז אַ פּחדן וועט זיך לייכט אונטערגעבן — האָט די פרוי געזאָגט — אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן ווען די דחקות און נויט דערגרייכן ניט איר מאַקסימום, ווייל אויב די נויט איז אַזאַ טרויעריקע, אַז עס קומט אויפן זינען די אוממעגלעכקייט צו דערהאַלטן דאָס לעבן, קומט דאַן במילא דער פאַרלאַנג צו מאַכן אַ סוף צו אַזאַ לעבן... די זעלבע זאַך קען אויך געזאָגט ווערן וועגן ליבע... וואָס מער שטרויכלונגען די פאַרליבטע באַגעגנען אויף זייער וועג, אַלץ מער פאַרשטאַרקט זיך די ליידנ־שאַפט... ווען אָבער די מניעות און שטרויכלונגען מאַכן אוממעגלעך אַז די ליבע זאָל ווען עס איז קענען פאַרווירקלעכט ווערן, דאַן קומט די פאַר־צווייפלונג און דער יאוש... אָבער וואָס אייער פאַרצווייפלונג זאָל ניט זיין, דאַרפט איר זיך גובר זיין איבער אַלץ און פאָרטזעצן אייער קאַמף, און זיך ניט אונטערגעבן ווי דער פּחדן טוט עס!

— איר ווייסט דאָך, אַז דער מענטש אונטערשיידט זיך פון דער חיה און בהמה מיט דעם וואָס די בהמה אָדער חיה שטעלט זיך צופרידן מיט דעם איצט... זי טראַכט ניט פון קיין צוקונפט. האָט זי איצט גענוג צו עסן און טרינקען איז זי גליקלייך... דער מענטש אָבער טראַכט פון דער צוקונפט. ער שטעלט זיך ניט צופרידן מיט דעם וואָס דערווייל פעלט אים קיין זאַך ניט. ער ווייסט, אַז עס וועט אַלעמאָל ניט זיין אַזוי ווי איצט... און וויבאַלד אַז מען קען זען די צוקונפט אין שוואַרצע קאָלירן, אַז עס איז קיין האָפענונג ניטאָ ווען עס איז צו דערגרייכן דעם ציל וואָס מען האָט זיך געשטעלט, דאַן וואָס בלייבט אים דען דאַן איבער...

— און איך האַלט, אַז דער מענטש וועלכער זאָרגט שטאַרק וועגן זיין צוקונפט, איז נאַריש... ווייל קיינער קען ניט וויסן וואָס די צוקונפט האַלט פאַר אים. איך וועל אייך אָנווייזן אויף פילע מענטשן וועלכע זיי אַליין און אויך אַנדערע האָבן פאַר זיי פאָראויסגעזען אַ גליקלעכע צוקונפט, איז גע־קומען די ווירקלעכקייט און אַלץ צונישט געמאַכט... און פאַרקערט, עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס ווען מען באַטראַכט זיי, זעט מען פאַר זיי ניט

קיין גלענצנדע צוקונפט און גראַד יענע לעבן אויס זייערע יאָרן אין צופרידנ־הייט און אין גליק...

אַזוי ריידנדיק זיינען זיי צוגעקומען צו שלמהס וואוינונג.

— אָט דאָ וואוין איך! — האָט שלמה זיך צו איר געווענדט, און איר געגעבן זיין האַנט — איך דאַנק אייך פאַר אייער פריינטלעכקייט.

— מעג איך וויסן אייער נאָמען? — פרעגט זי אים.

— מיין נאָמען איז שלמה מיימון! — האָט ער געענטפערט.

— אָ, איך האָב דאָך געהערט פון אייך! — האָט די פרוי אויסגערופן — אין אַ געוויסער געזעלשאַפט האָט מען וועגן אייך גערעדט. מען האָט אַפילו געזאָגט, אַז איר זייט אַ גרויסער פילאָזאָף און געלערנטער. אָ, עס איז ווירקלעך אַ גרויסער כבוד פאַר מיר אייך צו קענען, איך באַדויער בלויז, אַז מיין באַקאַנט־שאַפט מיט אייך איז געקומען אונטער אַזעלכע אומשטענדן...

— און ווי איז אייער נאָמען? — האָט שלמה זי אַ פרעג געטאָן.

— מיין נאָמען איז עמאַ — האָט זי געזאָגט — איך גיב לעקציעס אין פראַנצויזיש, און איך וואוין טאַקע ניט וויט פון דאַנען. איך האָב אַפילו אַ שילערין וואָס וואוינט אין אָט דער געגנט.

— ווען איך בין געווען אין בערלין האָב איך געהאַט אַ גרויסע צאָל תּלמידים, מיט וועמען איך האָב געלערנט פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, ווי אויך קבלה און תּלמוד. דאָ, אין האָלאַנד, האָב איך געקראָגן זייער ווינציק תּלמידים...

— נו, איצט, אַז איך וויס ווער איר זייט, וועל איך שוין זען קריגן פאַר אייך שילער — האָט עמאַ אַ זאָג געטאָן.

— איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז איך האָב זיך דאָ ניט וואָס צו באַקלאָגן אויף מיין מאַטעריעלער לאַגע — האָט שלמה זיך אָנגערופן — איך נויטיק זיך ניט אין געלט. איך געפין זיך דאָ ביי אַ רייכן יידן, וועלכער איז זייער פריינטלעך צו מיר און מיט וועמען איך פאַרברענג גאַנץ אָפט אין פילאָזאָפישע געשפּרעכן. ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן צימער מיט אַפילו אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. ער איז זייער פריינטלעך צו מיר. אָבער איך וואַנדער שוין אַרום מער ווי אַ צענדליק יאָר. איך האָב פאַרלאָזן מיין היים אין פּוילן מיט געוויסע חלומות און שטרעבונגען. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט צו דערגרייכן אַ געוויסן ציל, און דערווייל האָב איך קיין זאַך ניט דערגרייכט...

— אָבער איר זייט דאָך גאָר אַ יונגער מאַן — האָט עמאַ געזאָגט — איך צווייפל ניט, אַז אַזאַ ווי איר, וועלכער איז באַגאַבט מיט אַזוי פיל מעלות, וועט זיך סוף סוף דערשלאָגן צו אַ תּכלית און איר וועט פאַרווירקלעכן אַלע אייערע חלומות און אייער ציל אין לעבן... איך בעט אייך, פאַרשפּרעכט מיר, מער קיינמאָל ניט צו פּרובירן מאַכן אַזאַ שריט ווי איר האָט געוואָלט טאָן מיט אַ ווילע פריער...

— שלמה האָט אַ שמייכל געטאָן.

— נו, אַ גוטע נאַכט! — האָט עמאַ אים דערלאַנגט איר האַנט.

שלמה האָט אָנגענומען איר האַנט ער האָט זיך גלייך פאַרנומען צו די טרעפּ וואָס האָבן געפירט צו זיין צימער. ער איז אַ ווילע געבליבן שטיין. ער

האָט אַ דריי געטאָן זיין קאָפּ און ער האָט באַמערקט, אַז עמאַ שטייט נאָך אין דרויסן און קוקט אים נאָך.

— איך וויל זיין זיכער, אַז איר גייט אַריין צו זיך אין צימער! — האָט זי זיך צו אים אָנגערופן אין דער שטיל.

— איר מעגט רואיק זיין, אַז איך וועל מיין נאַרישקייט ניט ווידערהאָלן!

— האָט איר שלמה פאַרזיכערט און איז באַלד אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ און אַריין אין זיין צימער.

ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט, האָט ער גענומען זיך אָפּגעבן אַ חשבון הנפש וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע פריער געוואָלט טאָן. פאַרוואָס איז אויף אים פּלוצלונג געקומען אַזאַ געדאַנק פון זעלבסטמאָרד? ווען די פרוי וואָלט גראָד דאָן ניט צוגעקומען, וואָלט ער שוין איצט געלעגן אין דעם אָפּגרונט פון דעם קאַנאַל... ווער איז אָט די דאָזיקע פרוי? איז דאָס וואָס זי האָט זיך דאָרט, ביי דעם ראַנד פון קאַנאַל, געפונען גראָד ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַרונטערשפּרינגען, בלויז אַ צופאַל, אָדער האָט זי אים נאָכגעפאָלגט?... זי שיינט צו זיין אַ גאַנץ אינטעליגענטע, געלערנטע פרוי. ביי דער שיין פון דער לבנה האָט ער גוט ניט געקענט זען איר פּנים, אָבער וויפיל עס איז פאַר אים געווען מעגלעך צו זען, איז געווען גענוג צו מערקן, אַז זי איז ניט איבעריגס יונג... ער איז געווען גאַנץ נייגעריק זי צו זען ביי טאָג, און ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיך מיט איר נאָך טרעפן. ער וועט איר דאָן בעטן, אַז זי זאָל זיך פאַר קיינעם ניט אַרויסרעדן וועגן דעם וואָס ער האָט געוואָלט טאָן.

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען שלמה איז שוין געווען אָנגעטאָן, האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער פון זיין צימער, און ער האָט באַמערקט די פרוי, עמאַ, וועלכע האָט געשפּאַצירט הין און צוריק, ניט ווייט פון דעם הויז וואו ער האָט זיך געפונען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זי געקומען זיך זען מיט אים, אָבער זי קען ביי זיך ניט באַשליסן אַרויפצוגיין צו אים אין צימער. שלמה איז שנעל אַרויס פון צימער און איז אַרונטער אין דרויסן. עמאַ האָט אים באַלד דערזען און איז מיט אַ פריילעכן פּנים צו אים צוגעגאַנגען און באַגריסט מיט אַ „גוטן מאָרגן".

שלמה האָט זי איצט גוט באַטראַכט. אין זיינע אויגן האָט זי אויסגעזען צו זיין אַ פרוי פון אַ יאָר פינף און פערציג, מיט שפּורן פון שיינקייט וואָס איז איר פאַרבליבן פון דער יוגענט.

— איר ווייסט, הער מיימון — האָט זי זיך צו אים אָנגערופן — אַז איך האָב לעצטע נאַכט קוים געקענט צומאַכן מיינע אויגן. איר זייט מיר פון די געדאַנקען ניט אַרויס. איך קען פאַר אייך בשום אופן ניט דערקלערן די טרייב־קראַפט וואָס האָט מיך לעצטע נאַכט געטריבן אַהין צו דעם קאַנאַל... עפּעס ווי איך וואָלט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז אַ מענטשנס לעבן איז אין אַ גרויס געפאַר... אויב איר מיינט, אַז איך שפּאַציר גאַנץ אָפט דאָרט, אַרום יענעם קאַנאַל, מאַכט איר אַ טעות! היפּשע עטלעכע חדשים בין איך אין דער גאַנצער געגנט ניט געווען, און גראָד נעכטן ביינאַכט, נאָכדעם ווי איך האָב זיך צוריק־געקערט פון מיינער אַ שילערן און איך האָב געזאָלט גיין אַהיים, האָב איך

פלוצלונג דערפילט ווי אימיצער וואלט מיך געשטופט צו גיין אהין, צום קאנאל... אומבאוואוסטזיניק בין איך אהין געגאנגען... אפשר וואלט איר מיר דאס געקענט דערקלערן?

— ווען איך בין א ספּיריטואליסט, וואלט איך אייך געזאגט, אז דאס האט מיין מוטער אייך אהין געפירט איר זאלט מיך ראטעווען! — האט שלמה מיט א לייכטן שמייכל געזאגט — אבער אזוי ווי איך בין דאס ניט, קען איך בלויז באהויפּטן, אז דאס איז געווען א צופאל...

— ניין, זאגט עס ניט! — האט עמא זיך אנגערופן — א צופאל וואלט געווען ווען איך גיי אהין גאנץ אפט, און גראד ווען איך בין דארט געקומען, טרעף איך אייך דארט... אבער אין מיין פאל, איך מיין, אז מיר איז ניט אויסגעקומען צו גיין אהין צום קאנאל שוין א היפּשע צייט, בפרט נאך איינע אליין... איך בין זיך מודה, אז איך גלויב יא אין ספּיריטואליזם. איך האלט, אז אונדזערע נאענטע, וועלכע האבן אונדז שטארק ליב געהאט, געפינען זיך תמיד לעבן אונדז. זיי זוכן אונדז צו באשיצן פון אלדאס בייז...

זינט דאן פלעגן זיי זיך טרעפן גאנץ אפט און פארברענגען אין ערנסטע ליטערארישע געשפרעכן.

עמא האט געטאן אלץ וואס זי האט געקענט זיך צו זען מיט שלמה מיימון כמעט יעדן טאג. זי האט זיך גענומען פּוצן, און ווען ער פלעגט קומען צו איר, פלעגט זי אים אויפנעמען זייער פריינטלעך און ווארעם. ווען זי פלעגט גיין צו אים, פלעגט זי אנטאן אירע שענסטע קליידער. ווען שלמה פלעגט ריידן, פלעגט זי „שלינגען" זיינע רייד מיט פיל באגייסטערונג. גאנץ אפט פלעגן זיך באווייזן טרערן ביי איר אין די אויגן.

— איך זע ניט אין פארוואס אט די דאזיקע רייד מיינע, זאלן אייך רירן ביז טרערן — האט שלמה א זאג געטאן מיט דערשטוינונג — דוכט זיך, אז דאס וואס איך האב מיט אייך נאר־וואס גערעדט זיינען טרוקענע פילאזאפישע אנשויאונגען.

— מיינע אויגן זיינען אנגעפילט געווארן מיט טרערן! — האט עמא אויסגערופן — ווייל איך טראכט מיט וואס פאר א גאונישן קאפ גאט האט אייך באשאנקען. איך טראכט ווי אזוי דאס איז מעגלעך, אז איין מענטש זאל באזיצן אזוי פיל קלוגשאפט, אזוי פיל געלערנטקייט און אזוי פיל וויסן...

שלמה מיימאן האט גענומען מערקן, אז ווען זי רעדט צו אים קוקט זי אויף אים מיט פארליבטע אויגן. אים איז דאס אויסגעקומען זייער קאמיש, אז א פרוי, שוין אין די יארן, ארום פינף און פערציק יאר אלט, זאל פלוצלונג אנפאנגען ראמאנסירן. ער האט זיך געפילט שטארק געשמייכלט פון אירע קאמפלימענטן, אבער איר גאנצע האלטונג צו אים איז אים אויסגעקומען זייער קאמיש.

איינמאל, ווען שלמה איז אריינגעקומען צו איר הויז אויף א באזוך, האט ער איר געטראפן לייענענדיג א פראנצויזישן ראמאן. עמא האט, ווי געוויינלעך, אויפגענומען מיימונען מיט פיל פריינטשאפט און ליבשאפט. ער האט איר געפרעגט וועגן בוך און זי האט אים געזאגט, אז דאס איז א פראנצויזישער

ראָמאַן, וואו ער ווערט באַשריבן די ליבע פון אַ פרוי וועלכע איז אַריינגע־טראָטן אין די פּערציקער...

— לויט דעם בוך קומט אויס — האָט עמאַ געזאָגט אַז אַזאַ פרוי קען ליבן מיט דעם גאַנצן ברען פון איר נשמה, פּונקט ווי אַן אַכצן יעריקע מיידל וועלכע פאַרליבט זיך אין דעם פּרינץ פון אירע טרוימען...

— די פראַגע איז, צי איר ליבע קען דערווידערט ווערן מיט דעם זעלבן ברען פון דעם קעגן וועמען אירע ליבעס פילן זיינען געצילט?... איר ווייסט דאָך צוגעבן, אַז ליבע קען ניט זיין איינזייטיק. איך מיין, אַז אַזאַ ליבע קען דאָך קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן...

— און פאַרוואָס ניט? — רופט אויס עמאַ — אמתע ליבע דאַרף ניט זיין בלויז די פיזישע אַטראַקציע: אַ שיינער פּנים, שיינע אויגן און האָר, אָדער אַ גראַציעזע פיגור... איך האַלט, אַז אַפילו יוגענט דאַרף אויך ניט שפּילן אַזאַ ראָלע אין ליבע... אַ מאַן דאַרף זיך קענען פאַרליבן אין אַ פרוי וועלכע באַזיצט גאַנץ אַנדערע מעלות, אַנשטאָט די וועלכע איך האָב נאָר־וואָס דער־מאָנט... איך מיין, אַז אַ פרוי וועלכע איז געלערנט, וועלכע איז קלוג, אַ סך באַלעזן און דערצו באַזיצט זי אַזעלכע טאַלאַנטן וואָס זיינען גאַנץ שווער צו געפינען אין אַ מיידל וועלכע באַזיצט בלויז די וואָפן פון אַ שיינעם פּנים און געטאָקטע גלידער. אָט אַזאַ פרוי פאַרדינט מער געליבט צו ווערן! האַ, וואָס איז אייער מיינונג, הער מיימון?

— דורך דער צייט וואָס מיר זיינען באַפריינדעט, מאַדאַם עמאַ — האָט שלמה איר געענטפערט — מוזט איר מיך שוין גאַנץ גוט קענען. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין זייער אָפנהאַרציק און האָב ליב צו זאָגן דעם ריינעם אמת. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, פּערזענלעך, קען איך ליב האָבן אַ פרויענצימער בלויז צוליב אירע מעלות אַלס פרויענצימער...

— אָבער וואָס פאַר אַ מעלות זוכט איר אין אַ פרויענצימער וואָס זאָלן אייך פאַראינטערעסירן?

—אָט טאַקע די זעלבע מעלות וואָס איר האָט אויסגערעכנט מיט ווילע צוריק, אַז אַ מאַן דאַרף זיי ניט זוכן אין אַ פרוי. איך וואָלט געקענט ליב האָבן אַ פרויענצימער בלויז ווען זי איז שיין, פול מיט חן און גראַציעזקייט...

— איר ווילט מיר איינריידן — האָט עמאַ מיט אַ שמייכל זיך צו אים געווענדעט — אַז סאיז אַלץ וואָס איר, אַזאַ געלערנטער, קלוגער מאַן, זוכט אין אַ פרוי, און אַז אַ פרוי וועלכע באַזיצט בלויז אָט יענע מעלות, וואָלט אייך באַפרידיגט, און איר וואָלט זי געקענט נעמען אַלס אייער לעבענסבאַגלייטערן, און איר וואָלט זיך מיט איר געקענט שעצן גליקלעך?!...

— צי איך וואָלט שפּעטער געקענט זיין גליקלעך מיט איר, דאָס איז אַ גאַנץ אַנדערע פראַגע. איך רייד דאָ בלויז פון דעם איצטיקן מאָמענט... אָט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז פאַר מיר שטייען צוויי פרויען, איינע וועלכע באַזיצט אַלע פיזישע שיינהייטן און אויסער דעם פאַרמאָגט זי גאָרניט, און אַ צווייטע פרוי וועלכע איז געלערנט, קלוג און באַזיצט אַ גרויסן טאַלאַנט, וואָלט איך זיכער באַלד צוגעצויגן געוואָרן צו דער ערשטער... זעט איר,

די צווייטע פרוי וואָלט אַרויסגערופן אין מיר געפילן פון אַכטונג און אָפּשאַצונג, אָבער ניט קיין ליבע...

— האָלט איר דען ניט, אַז שיינקייט פון גייסט שטייט אַ סך העכער ווי קערפּערלעכע שיינקייט? אַ שיינע פרויענצימער איז געגליכן צו אַ שיינע בלום, וואָס ציט צו זיך דורך דער צייט וואָס זי בליט... און יעדער טאָג מינערט עטוואָס פון איר גלאַנץ און פּראַכט און אַזוי שנעל ווי זי הויבט אָן וויאַנען, דאַן וואַרפט מען זי אַוועק... אַ פאַרוויאַנעטע בלום רופט אַרויס בלויז עקל... אָבער אַ פרויענצימער וועלכע באַזיצט גייסטיקע שיינקייט, ווערט קיינמאָל ניט פאַרוויאַנעט... פאַרקערט, וואָס עלטער אַזאַ פרוי ווערט, אַלץ שענער ענטוויקלט זי זיך גייסטלעך...

— איצט וועל איך אייך עפּעס פרעגן! — האָט שלמה זיך צו איר אָנגערופן — ווען איר גייט קויפן אַ קלייד, וואָס איז די ערשטע זאַך וואָס איר נעמט אין אַנבעטראַכט? ווילט איר זען, אַז די וואַרע פאַר אייער קלייד איז שיין און אַז עס וועט אייך פּאַסן און זיין אָנציענד, אָדער די ערשטע זאַך וואָס איר טראַכט איז צו זען, אַז די וואַרע זאָל זיין שטאַרק און דויערהאַפט?

— נו, פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע זאַך וואָס מיר קומט אויפן זינען ווען איך גיי זיך קויפן אַ קלייד איז, אַז די קלייד זאָל זיין שיין און זיין צוגעפּאַסט צו מיין געשטאַלט...

— אָט דאָ האָט איר אַליין אייער ענטפער! — האָט שלמה אַ שמייכל געטאָן — ווען אַ מאַן דערזעט אַ פרוי איז די ערשטע זאַך וואָס ציט אים צו איר איז איר שיינער פּנים און קערפּער. ער טראַכט אפילו ניט וועגן איר שיינעם גייסט, וועגן איר געלערנטקייט און קלוגשאַפט... עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען דער מאַן וואָלט געווען פּראַקטיש, וואָלט ער פאַרגעצויגן אַ פרוי מיט וועמען ער וועט האָבן עפּעס געמיינזאַמעס. צום באַדויערן אָבער איז עס ניט אַזוי... אַ שיינע רייצנדע פרוי קען גיכער פאַנגען דאָס האַרץ פון אַ מאַן, איידער אַ געלערנטע און טאַלאַנטפולע... איך בין זיך מודה, אַז אויך איך קען זיך אַריינרעכענען אין דער זעלבער קאַטעגאָריע... איך קען אַכטן און שעצן אַ געלערנטע, קלוגע פרוי, אָבער ליבן וועל איך אַזאַ פרוי וועלכע באַזיצט פרויען רייץ...

— ניין, ניין, הער מיימון! — האָט עמאַ אים אָנגענומען פאַר זיין האַנט — איך ווייס, אַז איר שפּאַסט עס... אַן אינטעליגענטע, געלערנטע פרוי פאַר־אינטערעסירט אייך אַ סך מער... פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע פרוי דאַרף ניט זיין קיין פאַרזעעניש, וואָס זאָל זיין אָפּשטויסענד... אָט, למשל, אַזאַ פרוי ווי איך... האַ, ניט אַזוי? — האָט זי געדריקט זיין האַנט און זי ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון איר האַנט — איך בין זיכער, אַז פונקט ווי איך האָב פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט אייך, פונקט אַזוי האָט איר פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט מיר...

— דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך — זאָגט שלמה, און זוכט צו באַפרייען זיין האַנט פון אירער — ווען ניט, וואָלט איך דאָך צו אייך ניט געקומען

פאַרבריענגען. איך ווייס, אַז איר זייט זייער אַן אינטעליגענטע פרוי און אייער געזעלשאַפט פאַרשאַפט מיר אַ גייסטיקן געגוס.

— אָבער איך האָב אייך זייער ליב! — האָט עמאַ אויסגערופן און נאָך פעסטער געהאַלטן זיין האַנט אין אירער.

— איר מאַכט חוזק פון מיר! — האָט שלמה אויסגערופן.

— אָ, ניין, איך מיין דאָס מיט מיין גאַנצן האַרצן! איך האָב זיך אין אייך פאַרליבט פון דעם ערשטן מאָל וואָס איך האָב אייך דערזען. איך ליב אייך!

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך שלמה פונאַנדערגעלאַכט און שנעל באַפרייט זיין האַנט פון אירער — דאָס אַמוזירט מיר ביז גאָר!

ער האָט זיך שנעל אַ דריי געטאָן און אַן אַ „זיי געזונט" אַרויסגעלאָפן פון איר הויז... ער האָט זיך אויף דעם גאָרניט געריכט... ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז זי זוכט אים צו פאַנגען, וואָלט ער איר דאָך זיכער אויסגעמיטן.

עס זיינען פאַריבער עטלעכע טעג און שלמה האָט זיך ניט באַוויזן אין איר הויז. אויך עמאַ האָט אים אויפגעהערט צו באַזוכן. איין טאָג ווען ער איז אַרויס פון זיין הויז, האָט אים אָפּגעשטעלט אַן עלטערע פרוי און צו אים געזאָגט:

— זייט איר הער מיימון?

— איך בין עס!

— איך האָב פאַר אייך אַ בריף פון עמאַן — האָט זי אַרויסגענומען דעם בריף און אים דערלאַנגט צו שלמהן.

ער האָט פאַנאַנדערגעעפנט דעם בריף און געליינט פאָלגענדעס:

מיין ליבער הער!

„איך האָב אין אייך געהאַט זייער אַ גרויסן טעות. איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ מאַן מיט אַן איידעלן אַרט דענקען און מיט העכערע געפילן. אָבער ווי איך זע איצט, זייט איר אַן עכטער עפּיקורעער. איר זוכט בלויז פאַרגעניגנס. אַ פּראָוינצימער קען אייך געפעלן בלויז צוליב איר פּרויען־רייץ און שיינקייט. די פרוי דאַסיע, למשל, די געבילדעטע און באַרימטע געלערנטע, וועלכע האָט דורכגעשטודירט אַלע גריכישע און לאַטיינישע ווערק, און האָט זיי איבערזעצט אויף איר מוטערשפּראַך און באַרייכערט זי מיט פילע פון אירע געלערנטע און פיל־זאָגנדע באַמערקונגען, אָט די דאָזיקע פרוי וואָלט אייך מן הסתם ניט געקענט געפעלן ווערן... פאַרוואָס? ווייל קערפּערלעך איז זי פיליכט ניט אַזוי שיין און רייצענד ווי די פרוי מיט אַ שיינעם פּנים, אָבער מיט אַ פּוסטן קאָפּ... איר מעגט זיך שעמען אין אייער ווייטן האַלדז, מיין הער מיימון! אויף אייך האָב איך זיך דאָס ניט געריכט. אַזאַ אויפגעקלערטער מאַן בכלל, זאָל זיך האַלטן אַן אַזוינע פאַרדאַרבענע פּרינציפּן, און אויב איר וועט ניט חרטה האָבן און בייטן אייער מיינונג, דאַן וואָרן איך אייך צו ציטערן פאַר דער נקמה פון באַליידיקטער ליבע...

„אייערע מיט גרויס פאַרדרוס און אַנטוישונג,

עמאַ".

ווען שלמה האָט געענדיקט לייענען איר בריף האָט זיך אויף זיינע ליפּן באַוויזן אַ שמייכל. פריער האָט ער געהאַט ביי זיך באַשלאָסן איר ניט צו ענטפערן. ווען, אָבער, ער האָט איר בריף נאָכאַמאָל דורכגעלייענט, און געקומען צו דעם לעצטן זאַץ, וואו זי דראָט אים, אַז ער זאָל ציטערן פאַר דער נקמה פון באַליידיקטער ליבע, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און איר אָנגעשריבן אַ בריף מיט די דאָזיקע ווערטער:

„מאַדאַם!

„אַז איר האָט אַ טעות געהאַט, האָט געוויזן דער רעזולטאַט. איר זאָגט, אַז איך בין אַן עכטער עפּיקורעער — מיט דעם טוט איר מיר אַן גרויס כּבוד. דען פּונקט ווי איך פאַראַכט דעם נאָמען עפּיקורעער בכלל, אַזוי בין איך, פאַרקערט, רעכט שטאָלץ מיטן טיטול עכטער עפּיקורעער. אמת, אין אַ פּרויענצימער געפעלט מיר בלויז איר שיינקייט, אָבער אַזוי ווי שיינקייט קען דערהויבן דורך אַנדערע טאַלאַנטן, דאַן מוזן אויך זיי מיר געפעלן ווערן ווי מיטלען צום הויפּט צוועק ביי אַ פּרויענצימער. אין דער קעגנדיקן פאַל קען איך פאַר די טאַלאַנטן די פרוי בלויז שעצן, אָבער בשום אופן ניט ליבן... ווי איך האָב דאָס אייך אויך דערקלערט מינדלעך. די געלערנטקייט פון מאַדאַם דאַסיע רופט ביי מיר אַרויס דעם גרעסטן רעספּעקט. זי האָט זיך געקענט פאַרליבן, וויפיל איר האַרץ גלוסט, אין די גריכישע העלדן וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַלאַגערונג פון טרויע, און ערוואַרטן אַז זייערע נשמות, וואָס שוועבן תמיד אַרום איר, זאָלן איר ענטפערן מיט קעגנזייטיקער ליבע — ווייטער אָבער ניט... וואָס איז שייך אייער נקמה, מאַדאַם, האָב איך פאַר אייך קיין מורא ניט, ווייל די אַלץ־צעשטערנדע צייט האָט צעבראָכן אייער געווער — די ציין און די נעגל...

אייער שלמה מיימון".

39

זינט דעם אינצידענט מיט דער פרוי עמאַ, וועמענס ליבע ער האָט צוריקגעוויזן האָט שלמה מיימון אָנגעהויבן פילן, אַז מער האָט ער גאָרניט וואָס צו טאָן אין האָלאַנד. די פרומע יידן האָבן זיך פון אים דערווייטערט. די רייכע יידן זיינען אריינגעטאָן בלויז אין מאַכן וואָס מער געלט. פילאָזאָפיע און וויסנשאַפטן אינטערעסירן זיי ניט. דערצו האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ סך קעגנער צוליב זיין אָפנהאַרציקייט. ער האָט די גאַנצע צייט ניט אַריינגעשמעקט אין אַ שול, און די פרומע יידן האָבן אים באַטיטולט מיט דעם נאָמען „אַפּיקורס".

די איינזאַמקייט האָט אים גענומען דריקן. ער האָט דאָ ניט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן. געלערנטע, מיט וועמען ער זאָל זיך קענען פאַראינטערעסירן און מיט וועמען צו פירן דיסקוסיעס. האָט ער ניט געהאַט. ער האָט

שוין אָנגעהויבן צו בענקען נאָך בערלין. אמת, אויך דאָרט האָט ער דורכ־געמאַכט אַנטוישונגען, אָבער אַמוויניקסטן געפינען זיך דאָרט גרויסע פילאָזאָפן, וויסנשאַפטסלייט, מענטשן מיט ליטעראַרישע פעאיקייטן... דאָרט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען מיט משה מענדעלזאָן, מיט דוד פריד־לענדער, מיט דאָקטאָר מאַרקוס הערץ און מיט אפרים לעסינג, ווען ער פלעגט זיך געפינען אין בערלין. ער האָט שוין דאָרט געהאַט אַפילו צוטריט אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט פון הענרעטאַ הערץ, וואו ער פלעגט זיך טרעפן מיט גאָר געהויבענע פּערזענלעכקייטן... אים האָט שוין פאַרדראָסן וואָס ער האָט ניט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן די שטאָט בערלין מיט אירע געלערנטע און פילאָזאָפן. ער האָט ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די פריינט־שאַפט וואָס משה מענדעלזאָן האָט אים אַרויסגעוויזן, און ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַזעלכע אומווירדיקע יונגעלייט וועלכע האָבן אים שיער ניט אומגעבראַכט... ווען ער וועט איצט קומען קיין בערלין וועט ער שוין וויסן ווי אַזוי זיך אויפצופירן...

מיט דעם לעצטן ביסל געלט וואָס ער האָט געהאַט, האָט שלמה פאַרלאָזן האָלאַנד און איז אָנגעקומען אין האַמבורג. ערשט דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע צרות. ער האָט געוואוינט אין אַן אָרעמער, שמוציקער אַכסניה, אָן שום מיטלען צום לעבן, און ער האָט ניט געוואוסט וואָס אָנצוהויבן צו טאָן...

ווידער איז שלמהס לאַגע געוואָרן ערגער מיט יעדן טאָג. פאַרצווייפלונג און יאוש האָבן אים באַנומען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צו וועמען זיך צו ווענדן. ער האָט געהאַט שלאָפלאָזע נעכט און פאַרשיידענע געדאַנקען זיינען אים געקומען אין קאָפּ.

— ביז ווי לאַנג וועל איך אַזוי דאַרפן ליידן — האָט ער צו זיך גערעדט — וואָס האָט ער שוין פון דעם וואָס ער וואַנדערט און בלאָנדזשעט?... אַזוי פיל יאָרן זיך אָפּגעוואַלגערט אין דער פרעמד, און וואָס האָט ער פון דעם? צרות און יסורים האָט ער דורכגעמאַכט אַ סך, אָבער צו קיין ציל איז ער נאָך אַלץ ניט געקומען.

אפשר וואָלט שוין פאַר אים געווען גלייכער ווען ער קערט זיך צוריק קיין ניעסוויזש, צו זיין היים, צו זיין פרוי און זון?... אָבער ניין, דאָס איז דאָך איצט אינגאַנצן אוממעגלעך פאַר אים. ער איז שוין צופיל אויפגעקלערט פאַר דעם... וועט ער דען קענען טראָגן אַ מאַסקע? ער וועט דאָך דאַרפן זיין אויפריכטיק און דערציילן פאַר אַלעמען דעם אמת וועגן זיין באַציאונג צו אמונה, און צו די אַלע יידישע דינים. וועט מען אים דען דאָרט דולדן? אַפילו זיין אייגענע פרוי, ווען זי זאָל אויסגעפינען, אַז ער האָט שוין לאַנג קיין תפילין ניט געלייגט, און ניט אַריינגעשמעקט אין אַ שול אָדער בית המדרש, אַז ער היט ניט יידישקייט... מ׳וואָלט דאָך אים פאַריאָגט פון דאָרט. ניין, ער האָט אַפילו גאָרניט וואָס צו טראַכטן פון צוריקקערן זיך אַהיים. אָבער וואָס וועט פון אים ווערן ווען ער פאַרבלייבט דאָ, אין דייטשלאַנד? וואָלט ער געקענט די דייטשע שפּראַך גרינטלעך און זיין עכט ליטווישער אַקצענט וואָלט ניט געווען אַזוי שרעקלעך, וואָלט ער זיך פילייכט געקענט מער אָפּגעבן מיט לעקציעס,

וואָס וואָלטן אַמווייניגסטן אים באַזאָרגט מיט פּרנסה... יאָ, אַלס ייד זיינען פאַר אים אַלע טויערן פון פּרנסה געשלאָסן... אונטער די איצטיקע אומ־שטענדן קען ער קיין שטיצע ניט ערוואַרטן פון די יידן, זיינע ברידער... און פון די קריסטן אַוודאי ניט... סיידן ער וואָלט אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה...

אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער געזוכט פון זיך צו פאַרטרייבן. וואָס הייסט, ער וועט זיך שמדן? אָבער פאַרוואָס ניט? ער וועט דאָך דאָס ניט טאָן אויס איבערצייגונג... ער איז דאָך בכלל ניט קיין גלויביקער. זיינע באַגריפן וועגן רעליגיע זיינען אינגאַנצן אַנדערש פון די פרומע, אָן אונטערשייד צי זיי זיינען יידן אָדער קריסטן... אויב ער וועט אָננעמען די קריסטלעכע רעליגיע וועט עס זיין בלויז מיט איין צוועק און דאָס איז: צו פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע... און טאַקע וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן? קיין פרומער איז ער ניט... פון די מצוות האַלט ער ניט, און וויבאַלד אַז ער וועט קענען פאַרבעסערן זיין לאַגע דורך דעם וואָס ער וועט ווערן אַ קריסט, טאָ פאַרוואָס זאָל ער דאָס ניט טאָן?

אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט איצט איינגע־זען, אַז דאָס וועט פאַר אים זיין די לעצטע שטרוי אין וואָס ער וועט זיך אָנכאַפּן, כדי ניט צו דערטרונקען ווערן אין דעם ים פון זיינע צרות... ווי אַזוי אָבער וועט ער דאָס טאָן? וועט ער קומען צום פאַסטאָר און אים זאָגן אַ ליגן, אַז אים געפעלט בעסער די קריסטלעכע אמונה און אַז ער וויל ווערן אַ פולשטענדיקער קריסט אויס איבערצייגונג? דאָס וועט דאָך זיין אַ ליגן... אויב שוין יאָ אָפּנאַרן, וואָלט דאָך פאַר אים געווען אַ סך לייכטער אָפּצונאַרן זיינע אייגענע ברידער. ער קען אויף זיך אַרויפטאָן אַ מאַסקע פון פרומקייט, און דורך דעם צוריקגעווינען די פריינטשאַפט און פאַרערונג פון די פרומע יידן, וועלכע וואָלטן אים זיכער ניט פאַרלאָזן... ער האָט דאָס די גאַנצע צייט ניט געטאָן, ווייל ער האָט ניט געקענט פועלן ביי זיך צו זיין פאַלש... ער האָט פון תמיד אָן געשטרעבט צו זיין אויפריכטיק מיט זיך און מיט אַנדערע... אויב אַזוי, וועט ער דאָך ניט קענען אָפּנאַרן דעם פאַסטאָר. ער וועט אים מוזן דערקלערן גלייך פאַרוואָס ער האָט באַשלאָסן צו בייטן די יידישע אמונה אויף דער קריסטלעכער... איצט איז די פראַגע אויב מען וועט אים אַריינגעמען אַלס קריסט אויף די דאָזיקע באַדינגונגען... אַזוי ווי ער ווייסט, אָבער, אַז מאַנכע קריסטן זיינען אַזוי להוט אַריינצוקריגן יידישע נפשות און זיי ברענגען אונטער די פליגלען פון דער קריסטלעכער אמונה, איז ער זיכער, אַז זיי וועלן איינגיין אויף די באַדינגונגען וואָס ער וועט זיי דערקלערן.

היפּשע עטלעכע טעג האָט זיך שלמה מיימון געשלאָגן מיט דער דעה, ענדלעך האָט ער באַשלאָסן צו גיין צום ערשטן פאַסטאָר און אים זאָגן וועגן זיין באַשלוס און אויך וועגן די מאָטיוון וואָס האָבן אים באַוואויגן צו מאַכן אָט דעם שריט. ער וועט אים דערציילן אַלץ, דעם גאַנצן אמת, אָפּנהאַרציק, אָן שום צביעות און חניפות...

שלמה האָט זיך געשראָקן, אַז ער וועט זיך מינדלעך אַזוי גוט ניט קענען

אויסדריקן פאַר דעם פּאַסטאָר, האָט ער דעריבער אָנגעשריבן אין דייטש. אַזוי, אָבער, ווי זיין דייטש האָט עטוואָס אונטערגעהונקען אין דער גראַמאַטיקע און אין דער אויסלייגעכץ, איז ער אַוועק צו אַ דייטשן שול־לערער און אים גע־בעטן ער זאָל פאַר אים אָנשרייבן דעם בריף אין אַ גוטן דייטש. דער אינהאַלט פון זיין בריף איז געווען אומגעפער ווי פאָלגט:

„איך בין אַ געבוירענער פון ליטע־פּוילן, פון דער יידישער נאַציע. לויט מיין דערציאונג און מיין שטודיום בין איך באַשטימט געווען צו זיין אַ רב. איך האָב אָבער דורך דער געדיכטער פינסטערניש דערבליקט אַ שטראַל ליכט. דאָס האָט מיך באַוואויגן ווייטער צו זוכן ליכט און אמת, און איינגאַנצן זיך צו באַפרייען פון דעם חושך פון אבערגלויבן און אומוויסנהייט. אַזוי ווי אין מיין געבורטסאָרט איז פאַר מיר אוממעגלעך געווען דאָס צו דערגרייכן, בין איך צו דעם צוועק אַוועק קיין בערלין, וואו איך האָב מיט דער אונטערשטיצונג פון מיין פאָלק שטודירט אייניקע יאָר, אָבער ניט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן און מיט אַ תּכלית, נאָר בלויז צו באַפרידיקן מיין חשק צו וויסנשאַפטן... אָבער אַזוי ווי אונדזער פאָלק קען ניט (מחמת די באַגרעניצונגען מצד דער געזעצגעבונג) אויסנוצן די וויסנשאַפטן אין פּראַקטיק, איבערהויפּט ווען זיי ווערן דערגרייכט ניט בלויז דורך אַזאַ אומפּלאַנמעסיקן, נאָר אַפילו דורך אַ פאָלקאָמען פּלאַנמעסיקן שטודיום. דעריבער קען מען ניט פאַרדענקען מיינע מעצענאַטן, אויב זיי זיינען צום סוף מיד געוואָרן און דערקלערט דעם ענין פון אונטערשטיצן מיך פאַר לגמרי אומנוצלעך.

„דעריבער בין איך אַנטשלאָסן אָנצונעמען די קריסטלעכע רעליגיע בכדי צו דערגרייכן דעם צייטווייליקן (ערדישן) און דעם אייביקן (הימלשן) גליק, וואָס איז אָפּהענגיק פונם דערגרייכן די פאָלקאָמהייט, און דאָס וועט ברייגנען נוצן סיי מיר אַליין און סיי אַנדערע...

„די יידישע רעליגיע איז אין באַציאונג פון אירע „אני מאַמינס" אַפילו נענטער מיין שכל ווי די קריסטלעכע; אָבער אַזוי ווי די קריסטלעכע איז אין פּראַקטישן הינזיכט באַקוועמער און נוצלעכער ווי יענע, און די מאָראַל וואָס באַשטייט ניט אין מיינונגען, נאָר אין האַנדלונגען, איז דער צוועק פון אַלע רעליגיעס בכלל, בכן איז קלאָר, אַז די קריסטלעכע איז נענטער דעם דאָזיקן צוועק איידער די יידישע. איבעריגענס האַלט איך די געהיימנישן פון דער קריסטלעכער רעליגיע פאַר דאָס וואָס זיי זיינען, פאַר געהיימנישן, דאָס הייסט אַלעגאָרישע פאַרשטעלונגען פון די וויכטיקסטע אמתן פאַרן מענטשן; בלויז אין דעם זין קען איך מיין גלויבן אין זיי ברייגנען אין הסכם מיט מיין שכל; מיר איז אָבער אוממעגלעך צו גלויבן אין זיי, אין זייער אַלגעמיין־אָנגענומענעם זין.

„איך בעט געהאָרכזאַמסט מיר צו ענטפערן אויף דער פראַגע: „צי בין איך ווערט, נאָך אָט דעמדאָזיקן אָפּנהאַרציקן ווידוי, דער קריסטליכער רעליגיע, אָדער ניט?" אין דעם ערשטן פאַל בין איך גרייט מיין פאַרלאַנג צו פאַרווירק־לעכן; אין צווייטן פאַל, אָבער, מוז איך מיך אָפּזאָגן פון אַ רעליגיע, וואָס הייסט מיט ווערטער גלויבן אין דעם, וואָס איז סותר מיין פאַרנונפט".

ווי ער האָט געהאַט דעם בריף פאַרענדיקט האָט שלמה באַצאָלט און ער

איז מיט דעם אַוועק צו אַן אַנגעזעענעם פּאַסטאָר און אים איבערגעגעבן דעם בריף, פאַרלאַנגענדיק פון אים ער זאָל אים באַלד געבן אַ תשובה.

דער פּאַסטאָר האָט פריער באַטראַכט שלמה מיימון און דאַן האָט ער גענומען דעם בריף און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט גענומען לייענען. פון די אויס־דריקן אויף זיין פּנים האָט שלמה געקענט דרינגען, אַז ער איז שטאַרק ערשטוינט פון דעם דאָזיקן בריף.

ווען ער האָט פאַרענדיקט לייענען דעם בריף האָט ער אים אַוועקגעלייגט אויף דעם טישל לעבן וואָס ער איז געזעסן און אָפּגעמאָסטן שלמהן מיט זיינע בליקן און זיך צו אים אָנגערופן:

— ווי איך זע פון אייער בריף, איז אייער כוונה זיך צו באַקערן צו דער קריסטלעכער אמונה בלויז מיטן צוועק צו פאַרבעסערן אייער מאַטעריעלע לאַגע... האַ, ניט ריכטיק?

— איך בעט אייך אַנטשולדיקונג, הער פּאַסטאָר! איך גלויב, אַז אין מיין בריף האָב איך וועגן דעם גאַנץ גענוי דערקלערט, אַז מיין כוונה איז צו דערגרייכן פאָלקאָמענהייט... פאַרשטייט זיך, אַז דערצו איז נויטיק ווי אַ תנאַי אויך די אָפּשאַפונג פון די שטרויכלונגען פון מיין וועג און די פאַרבעסערונג פון מיינע אויסערלעכע אומשטענדן. דאָס אָבער איז ניט מיין הויפּט צוועק — האָט שלמה מיימון צוגעגעבן.

— שפּירט איר דען ביי זיך ניט קיין שום אינערלעכן טרייב צו דער קריסט־לעכער רעליגיע, אומגעאַכט אויף קיין אויסערלעכע מאָטיוון?

— ווען איך באַשטעטיק אייער באַהויפּטונג וואָלט עס געווען אַ ליגן — האָט שלמה זיך אָנגערופן — און איך בין אַ מענטש וואָס האָט ליב צו זאָגן דעם אמת, אַפילו ווען איך בין זיכער, אַז מיט זאָגן דעם אמת וועל איך זיך שטאַרק שעדיקן.

— יעדער איינער שאַצט אָפּ אַ מענטשן וועלכער שטרעבט בלויז צום אמת! — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט — אָבער וואָלט דאָס אַליין ניט געווען קיין ליגן ווען איר נעמט אָן די קריסטלעכע רעליגיע אין דער צייט ווען איר גלויבט ניט איר איבערנאַטירלעכער מאַכט?

— דערפאַר זאָג איך דאָך, אַז איך בין גרייט זיך באַקערן צום קריסטנטום, ווייל זי איז פּראַקטישער און איך קען פון איר אַרויסקריגן פּערזענלעכע נוצן.

— איר זייט מיר צופיל פילאָזאָף איר זאָלט קענען ווערן אַ קריסט! — האָט דער פּאַסטאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ — איר אַנערקענט בלויז די ממשלה פון פאַרנונפט, און ביי אייך דאַרף די אמונה זיין אונטערוואָרפן דער פאַרנונפט... איר האָלט די סודות פון דער קריסטלעכער רעליגיע פאַר בלויזע אַלעגאָריעס און די געבאָטן אירע — בלויז פאַר געזעצן פון פאַרנונפט. ניין, איך קען מיט אייער ווידוי און אייער האַרץ־אויסגיסעניש זיך ניט צופרידנשטעלן. דעריבער איז מיין עצה צו אייך, אַז איר זאָלט מתפלל זיין צו גאָט און אים בעטן, אַז ער זאָל אייך באַלייכטן מיט זיין חסד און אייך אַריינגעבן דעם גייסט פון אמתדיקן גלויבן אין קריסטנטום. און ווען איר וועט פילן, אַז אייער תפילה איז אָנגענומען געוואָרן, קומט דאַן צוריק צו מיר...

—אויב אַזוי, הער פּאַסטאָר — האָט שלמה געזאָגט — דאַן מוז איך זיך מודה זיין, אַז איך בין ניט צוגעפּאַסט און קוואַליפיצירט פאַר דעם קריסטנטום. דאָס ליכט וואָס איך וועל באַקומען, וועל איך מיר אַלעמאָל באַלייכטן מיטן ליכט פון שכל. איך וועל קיינמאָל ניט גלויבן, אַז עס זיינען מיר אַנטפּלעקט געוואָרן נייע אמתן, אויב איך וועל ניט קענען איינזען זייער צוזאַמענהאַנג מיט די מיר שוין לאַנג באַקאַנטע אמתן... בכן מוז איך בלייבן וואָס איך בין, אַ קשה־עורפדיקער ייד! מיין רעליגיע באַפעלט מיר ניט צו גלויבן, נאָר צו דענקען דעם אמת און צו טאָן מעשים טובים... אויב אויסווייניגסטע סיבות שטערן מיר איצט דאָס צו טאָן, דאַן איז עס ניט מיין שולד... איך טו וואָס איך בין ביכולת צו טאָן...

— לויט ווי איך קען איך באַאָבאַכטן — האָט דער פּאַסטאָר זיך אָנגערופן — דוכט זיך מיר, אַז אייער נשמה בלאָנדזשעט... איר בראָדזשעט אין דער פינסטער און דורך אייער פאַרנונפט ווילט איר דערטאַפּן דעם ריכטיקן שליאַך... מוז איך אייך זאָגן אַז אייער פאַרנונפט איז אויך באַצויגן מיט אַ שוואַרצן וואָלקן, און וואָס ווייטער איר וועט מיט איר בראָדזשען אַלץ טיפער וועט איר פאַר־קריכן אין אַ בלאָטע...

— אויב אַפילו איך זאָל אָננעמען, אַז איך בראָדזשע אין דער פינסטער, וועל איך שוין בעסער בראָדזשן אויף דעם וועג וואָס איז מיר באַקאַנט, איידער אַוועקצוגיין אויף אַ וועג וואָס איז מיר אינגאַנצן אומבאַקאַנט — האָט שלמה געזאָגט און איז אַרויס פון דעם פּאַסטאָרס הויז.

ערשט איצט האָט אים זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן. וואָס האָט ער נאַרוואָס געטאָן?... וואָס וואָלט טאַקע געשען ווען דער פּאַסטאָר באַשליסט אים אַריינ־צונעמען אין דער קריסטלעכער רעליגיע?... וואָלט ער זיך דען געשמדט? ער וואָלט דאָך דאַן דאָס געמוזט טאָן. ער וואָלט דאָך קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט. דער פּאַסטאָר וועט דאָך ניט דערלאָזן, אַז ער זאָל פון אים חוזק מאַכן... וואָס איז מיט אים געשען לעצטענס?... פאַרוואָס קומען אים אָן אַזעלכע שלעכטע געדאַנקען? עפּעס קומט אין אים פאָר אַ מין איבערברוך... אַ מין צעטרייס־לונג... לעצטן פּורים האָט ער זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן, און איצט איז אים פּלוצלונג געקומען אויפן געדאַנק זיך אינגאַנצן אָפּצושמדן...

ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צו דער אַכסניה וואו ער האָט זיך אויפגע־האַלטן אין אַ בוידעם שטיבל. אין זיין קאָפּ האָבן ווי האַמערס געקלאַפּט. ער האָט געפילט ווי זיין גאַנצער קערפּער פיבערט. ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין שטרויגעלעגער און איז געבליבן ליגן אַ צובראָכענער און דער־שלאָגענער...

— ווי פאַרשאָלטן מיין מזל איז! — האָט ער גענומען ריידן צו זיך אַליין — בין איך דען געבוירן געוואָרן בלויז צוליידן?... פאַרוואָס ווערן די וועלכע באַפּוצן זיך מיט דעם שקר באַלוינט, און די וועלכע זיינען געטריי דעם אמת ווערן באַשטראָפט?... איך האָב שוין אַזוי פיל געליטן, און וואו נעמט מען נאָך כח ווייטער צו ליידן?... איך בין מיד, דערשעפּט, מיינע כוחות לאָזן זיך מיר אויס...

40

שוין איבער אַכט יאָר ווי שרה האָט ניט געהערט פון איר מאַן, שלמה, און די וואונד אין איר האַרץ איז מיט יעדן יאָר גרעסער געוואָרן. זי האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט סוחרים, וועלכע פלעגן מאַכן אָפטע רייזעס קיין דייטשלאַנד צוליב מסחר, און מיט טרערן אין אירע אויגן זיי געבעטן צו זוכן איר מאַן אָדער צו קריגן אויסקינפטע וועגן אים. מען האָט איר געזאָגט, אַז ער געפינט זיך אין בערלין, האָט זי שוין געפונען אימיצן וועלכער האָט געהאַט בדעה צו זיין אין בערלין און אים אָנגעבעטן ער זאָל זען איר מאַן און אים בעטן ער זאָל זען וואָס שנעלער זיך צוריקקערן צו איר און צו זיין זון, דוד, וועלכער הערט ניט אויף צו בענקען נאָך אים. דער סוחר וועלכער איז געווען אין בערלין האָט איר געזאָגט, אַז איר מאַן, שלמה, איז טאַקע געווען אין בערלין אַ פּאָר יאָר, אָבער ער האָט פון דאָרט אָפּגערייזט און קיינער ווייסט ניט וואו ער געפינט זיך איצט.

שרה איז שוין געווען זיך באַקלאָגן פאַר רבנים פון נעסוויזש, וועלכע האָבן אָוועקגעשריבן בריף צו רבנים פון פילע דייטשע שטעט, בעטנדיק זיי רחמנות צו האָבן אויף אַ פרומער יידישער טאָכטער, אַן עגונה, און העלפן געפינען איר מאַן, שלמה מיימאָן.

פון עטלעכע ענטפערס וואָס זיי האָבן באַקומען האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז שלמה וואַנדערט אַרום און אַז ער בלייבט ניט זיצן אין אַ שטאָט צו לאַנג.

שרה און איר מאַמע, ריסיע, האָבן איינגעליגט וועלטן. זיי זיינען געלאָפן צו די רבנים, דיינים און גבאים און געמאַכט געוואַלדן, אַז מען זאָל העלפן שרהן צוריקקריגן איר מאַן. ריסיע האָט ניט אויפגעהערט צו שילטן אירע „פריינט" און קרובים, די ניט פאַרגינער, וועלכע האָבן אַן עין הרע געגעבן איר טאָכטער, און גורם געווען, אַז אויף איר זאָל קומען אַזאַ גרויסער אומגליק.

ענדלעך האָט שרה אויסגעפינען, אַז שלמה געפינט זיך אין ברעסלע. זי האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסן צו מאַכן די ווייטע רייזע קיין דייטשלאַנד, צו צווינגען איר מאַן אָדער זיך צוריקקערן מיט איר קיין נעסוויזש און זיך דאָרט אויפפירן ווי אַלע אַנדערע יידן פירן זיך אויף, אָדער ער זאָל איר געבן אַ גט. דער נעסוויזשער רב איז לעצטענס געשטאַנען אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט איינעם פון די רבנים פון בערלין, וועלכער האָט אים געלאָזט וויסן וואו שלמה האַלט זיך אויף אין ברעסלע, האָט ער גלייך אַוועקגעשיקט אַ בריף צום נעסוויזשער רב, וועלכער האָט גלייך געשיקט רופן שרהן און דאָס איר איבערגעגעבן.

— רבי, וואָס איז אייער עצה? — האָט זיך שרה צו אים געווענדט — זאָל איך פאָרן צו אים? טאָמער וועט ער אויך זיך ניט וועלן צוהערן צו מיר?

— דו מיינסט, אַז ער וועט ניט ווען זיך צוריקקערן מיט דיר?

שרה האָט צוגעשאָקלט מיט איר קאָפּ.

— נו, וועט דען דאַן ניט זיין בעסער פאַר דיר ווען ער גיט דיר אַ גט?
— אָבער איך וויל ניט קיין גט!
— וועסטו דאַן דאַרפן טאָן וואָס ער הייסט! — האָט דער רב געזאָגט — אויב ער וועט זיך ניט וועלן אומקערן מיט דיר און דו וועסט פון אים ניט וועלן אַרויסקריגן קיין גט, וועסטו דאַן האָבן אַ ברירה: אָדער פאַרבלייבן וואוינען דאָרט מיט אים, אָדער זיך אומקערן צוריק אַהער און בלייבן אַן עגונה!
— וואָס ראָט איר מיך צו טאָן, רבי? — פרעגט אים שרה.
— דאָס דאַרפסטו אַליין באַשליסן ביי זיך — האָט דער רב געזאָגט — דו ביזט נאָך גאַנץ יונג און איך זע ניט איין פאַרוואָס דו זאָלסט דאַרפן אָפּ־פינסטערן דיין גאַנצן לעבן אַלס אַן עגונה... מיין עצה איז, אַז אויב ער וועט זיך אַנטזאָגן אומצוקערן מיט דיר אַהיים, און דו וועסט איינזען, אַז עס איז אוממעגלעך פאַר דיר דאָרט צו פאַרבלייבן וואוינען מיט אים, וועט זיין די בעסטע זאַך, אַז דו זאָלסט פון אים אַרויסבאַקומען אַ גט!
— אָבער ער איז דאָך מיין מאַן, דער פאָטער פון מיין זון! וואָלט איר מיר געראָטן, אַז איך זאָל דאָרט פאַרבלייבן וואוינען מיט אים?
— דאָס ווענדט זיך ווי אַזוי דו וועסט אים דאָרט געפינען! — זאָגט דער רב — לויט די באַריכטן וואָס האָבן אונדז דאָ דערגרייכט איז דיין מאַן, שלמה, אַרונטער פון גלייכן וועג. ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס גמור. איז אַזוי: אויב דו וועסט פילן, אַז דיר וועט געלינגען אים צוריק אַרויפפירן אויפן גלייכן וועג, מעגסטו בלייבן מיט אים... אָבער ווען דו וועסט אים ניט קענען באַוועגן ער זאָל תשובה טאָן, און ער וועט שוין פאַרבלייבן אַן אַפּיקורס, וועט זיין אַ סך בעסער פאַר דיר און פאַר דיין זון ווען דו קריגסט פון אים אַרויס אַ גט... סיידן דיר וועט ניט מער קימערן אויב דיין מאַן איז אַ טרייפניאַק, אַן אַפּיקורס, און וועסט אים נאָכטאָן...
— אוי, ניין! ניין! זאָל גאָט שומר ומציל זיין! — האָט שרה אויסגערופן — איך וואָלט בעסער געשטאָרבן איידער צו גיין אין זיין וועג...
— אויב אַזוי, וועסטו וויסן ווי צו האַנדלען ווען דו וועסט זיך מיט אים טרעפן — האָט דער רב געזאָגט — איך וויים, אַז איך קען זיך פאַרלאָזן אויף דיר. דו ביזט אַ פרומע יידישע טאָכטער און וויפל דער אַפּיקורס דאָרט זאָל זיך ניט מיען, וועסטו ניט באַאיינפלוסט ווערן פון זיינע רייד אָנו דו וועסט בלייבן ביי דיין אמונה און דיין פרומקייט...

שרה האָט שוין איצט איינגעזען, אַז זי האָט ניט קיין אַנדערע ברירה ווי צו מאַכן די רייזע. זי האָט זיך וועגן דעם באַראָטן מיט עטלעכע פון אירע קרובים און פריינט און יעדער איינער האָט איר געראָטן צו פאָרן קיין ברעסלוי און צווינגען איר מאַן זיך צוריקצוקערן מיט איר און אויב ער וועט ניט וועלן, זאָל זי פון אים נעמען אַ גט.

שרה האָט זיך איצט גענומען גרייטן צו דער רייזע. איר מוטער, ריסיע, האָט איר אַליין אויפגענייט אַ קלייד און זי האָט אויך איבערגעניצעוועט די שבתדיקע רעטאָנדע וואָס זי האָט געמאַכט פאַר איר טאָכטער אויף דעם לעצטן פסח איידער שלמה איז אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד.

שרה האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט פאָרן צוזאַמען מיט איר זון, דוד, וועלכער איז שוין אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. זי האָט זיך געטראַכט, אַז אויב זי אַליין וועט גאָרניט קענען פועלן ביי אים, וועט אפשר זיין זון, דוד, האָבן אַ ווירקונג אויף אים. דוד איז וואוילער בחור. ער קען שוין גוט לערנען און דערצו איז ער זייער פרום. דער רב פון נעסוויזש האַלט זייער שטאַרק פון אים, און זי האָט געהאָפט, אַז ווען שלמה, וועט דערזען זיין זון, וועמען ער האָט שוין באַלד צען יאָר ניט געזען, וועט זיין האַרץ צעשמאָלצן ווערן און זי וועט אים קענען באַוועגן ער זאָל מיט איר זיך צוריקקערן קיין נעסוויזש.

וואָס נענטער דער טאָג איז געקומען פון איר געפּלאַנטער רייזע, אַלץ שטאַרקער האָט איר האַרץ געקלאַפּט און אַלץ מער האָט זי זיך געשראָקן. זי פלעגט זיצן אין איר מאַמעס שלאָפצימער אויף איר בעט און מיט איר ריידן וועגן שלמהן. זי פלעגט איר דערציילן פילע פון די קלייניקייטן וואָס עס פלעגן פאָרקומען צווישן ביידן אין יענע צייטן ווען שלמה האָט געלעבט מיט איר אַלס מאַן און ווייב... אירע באַקן זיינען רויט געוואָרן ווען זי האָט דערציילט איר מאַמען וועגן פאַרשיידענע אינטימע זאַכן.

— אָ, מאַמע, ווי גוט און צערטלעך ער איז געווען צו מיר! — האָט זי מיט טרערן אין אירע אויגן גערעדט — ווער וואָלט זיך גאָר געקענט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל פּלוצלונג וואַרפן אַזאַ אומחן און מיך פאַרלאָזן... שוין באַלד צען יאָר ווי ער איז פון מיר אַוועק... וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אים געטאָן? פאַרוואָס קומט עס מיר אַזוי?

— איך אַליין קען דאָס אויך בשום אופן ניט פאַרשטיין. דו ביסט דאָך אַן עין הרע זייער אַ שיינע. דו ביסט צו אים די גאַנצע צייט אַזוי גוט געווען! דו זעסט דאָך, מיין טאָכטער, אָט האָט משה לאַפּידוס אַ ווייב, אַ מרשעת. ער אַליין האָט דאָך זיך ניט איינמאָל פאַרקלאָגט אויף איר ביי אונדז, און פונדעסט־וועגן וואוינט ער מיט איר. ער פאָרט אַוועק אין דאָרף אויף אַ האַלב יאָר און סוף זמן, נאָכדעם ווי ער ווערט פאַרטיק מיט זיינע תלמידים, קומט ער צוריק... ווי קומט זי צו דיר? זי איז דאָך אַ פאַרזעהעניש, אַ דאַרער שפּענדל... אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט איז אַ שאַרף צינגעלע און אַז זי פאַנגט אים אָן צו שילטן מיט איר קוויטשיק שטימעלע קען מען איר הערן פאַר צען גאַסן... און זי האָט עס מזל... זינט ער האָט געעפנט דעם חדר איז ער ניט אַוועק פון הויז אויף איין טאָג ניט...

ניט קיין לייכטן וועג האָט שרה, שלמהס פרוי, געהאַט פון נעסוויזש קיין ברעסלע. כאָטש דער בעל־עגלה איז געווען געוואוינט צו מאַכן ווייטע נסיעות, האָט ער זיך אַליין ניט געריכט אַז דער וועג קיין ברעסלע זאָל זיין אַזאַ לאַנגער און דאָס זאָל הויערן מיט אַזוי פיל סכנות. אים האָט שוין פאַרדראָסן וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן די לאַנגע רייזע און אויף זיין בעל־עגלהשן לשון געגומען שיטן קללות אויף דעם חשבון פון שרהס מאַן, וועלכער האָט איבערגעלאָזן אַזאַ שיינע יונגע פרוי מיט אַ זון און איז אַוועק ערגעץ אין די הרי חושך.

— וואס טויג זיין גוטער קאפ און זיין קענען א סך לערנען, אז ער אליין איז קיין מענטש ניט? — האט דער בעל עגלה גענומען ריידן צו שרהן ווען ער האט זיך אפגעשטעלט צו געבן דעם פערד זיינעם האבער און היי — גלויבט מיר, שרה, אז מיין פערדל איז שוין מער מענטש פאר אים. מיין פערדל ווייסט ניט קיינע חכמות... ווערט ער הונגעריק, שטעלט ער זיך אוועק מיט די הינטערשטע קאפיטעס און וויל ניט גיין, כאטש גיב אים א קרענק... נו, איז וואס דארף מען טאן? גיט מען אים א זאק האבער און זאל ער צעזעצט ווערן פרעסנדיק... נאכהער גיט מען אים אן עמער וואסער און הידא, ווייטער געפארן... אבער אייער מאן, קיין גוטער ייד זאל אים ניט קענען, וויל פון קיין זאך ניט וויסן... מען האט דיך איינגעשפאנט, און דו האסט חתונה געהאט, טא שלעפ זשע דעם וואגן אויפן גלייכן וועג... נייך, דאס טויג ניט פאר אים! ער מוז זיך פארנעמען אויף קרומע וועגן... ביז וואנען ער איז אינגאנצן פארפארן קיין האצע־פלאצע. איר הערט, שרה, מיין שוויגער, עליה השלום, פלעגט זאגן, אז א פרוי דארף וויסן ווי אזוי צו האלטן איר מאן אין צאם, אז ניט, צע־בריקעט ער זיך און קען נאך פארקריכן אין אזא בלאטע פון וואנען צען פערד וועלן אים ניט קענען ארויסשלעפן. ווען א פרוי האט חתונה מיט א מאן דארף זי אויף אים ארויפטאן א כאמעט, אים איינשפאנען אין די האליאבלעס און הידא! שלעפ דעם וואגן! טראג דעם לאסט!... אז ניט, זאל דיר דארט כאפן א מיתה משונה. ווען ער פאלט אריין אין מיינע הענט, איך מיין אייער מאן, דער אפיקורס, וואלט איך אים מיט מיין בייטש אזוי געשמיסן, אז זיין טרייפענע נשמה וואלט פון אים ארויסגעפלויגן...

— איך בעט אייך, ר' כאצקל! — האט שרה ניט געקענט לײדן וואס ער רעדט מיט אזוי פיל גרינגשעצונג וועגן איר מאן — איר זאלט אזוי ניט ריידן וועגן אים! פארגעסט ניט, אז ער איז אמאל ביי אלע יידן פון אונדזער שטעטל און ארום פארערכנט געווארן פאר איינעם פון די גרעסטע לומדים... עס איז זייער ניט פיין פון אייך, אז איר זאלט אים זידלען און שילטן... ער איז דאך ניט אבי ווער...

— הערט איר, שרה — האט דער בעל עגלה גענומען ווייטער ריידן — ווען א פראסטער כאמולע, א בעל עגלה ווי איך, גייט אראפ פון גלייכן וועג, קען מען צו אים קיין סך טענות ניט האבן... ער איז א גראבער יונג. ער ווייסט ניט פון דינים. ער ווייסט ניט וואס מען מעג און וואס מען טאר ניט... אבער אייער שלמה, וועלכער איז אזא גרויסער למדן, ער קאן דאך גוט די תורה און גמרא... ער קען דאך קיין טענה ניט האבן, אז ער האט ניט געוואוסט... איך האב אליין געהערט ווי אונדזער רב, זאל געזונט זיין, האט גערעדט צום גבאי פון בית המדרש וועגן אייער שלמהן און ער האט אים געגעבן א משל פון א פראסטן סאלדאט און אן אפיצער... ווען די ביידע באגייען די זעלבע עבירה קעגן דעם קייסער, ווערמען פון זיי וועט דער קייסער שטארקער באַ־שטראפן, דעם פראסטן סאלדאט צו דעם אפיצער... פארשטייט זיך, אז דעם אפיצער, ווייל ער האט דאך מער שכל און ווייסט וואס מען מעג און און וואס מען טאר ניט... דאס זעלבע, האט דער רב געזאגט, איז מיט שלמהן...

ער, וועלכער איז אַזאַ למדן און קען אַזוי פיל, זאָל אַראָפּגיין פון גלייכן וועג, פאַרדינט ער אַ שווערע שטראָף און מען מעג אין אים אַריינשיטן קללות וויפיל נאָר עס לאָזט זיך...

— איך פאַר דאָך איצט צו אים, ווייל איך האָף, אַז ער וועט תשובה טאָן. ער וועט ווערן גוט און פרום, ווי ער איז דאָס געווען פריער... איר פאַרשטייט...

— אָט ווי איר קוקט מיך אָן, שׂרה, בין איך אַ פּראָסטער ייד... פונדעסטוועגן כאַפּ איך זיך יעדן אָוונט אַריין אין בית המדרש און הער זיך צו ווי דער רבי לערנט עין יעקב... ווי ער דערציילט די מעשׂיות פון גרויסע צדיקים, ווי אויך פון די רשעים, וועלכע גייען אין גיהנום. איך האָב ניט איין מאָל געהערט ווי דער רבי זאָגט, אַז רשעים אַפילו ווען מען פירט זיי צו די טויערן פון גיהנום, וועלן זיי קיין תשובה ניט טאָן... אַזוי שטייט געשריבן אין דער גמרא... אַדרבא, טוט אַ פרעג אייער זון, דודן ער איז דאָך אַ גרויסער קענער, זאָל ער זאָגן אויב דאָס איז ניט פאַראַן אין דער גמרא... האַ, דוד, וואָס זאָגסטו אויף דעם? בין איך גערעכט?

דוד, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אין וואָגן צוזאַמען מיט זיין מאַמען און געשוויגן, האָט געפילט עפּעס, אַז ער איז איינגאַנצן אין די הענט פון בעל עגלה... ווייל וואָס טוט ער און זיין מאַמע, ווען דער בעל עגלה הייסט זיי אַרונטערקריכן פון וואָגן, און לאָזט זיי דאָ איבער אין מיטן וואַלד... ער האָט דעריבער געזוכט אויסצומיידן אַריינצוגיין אין אַ געשפּרעך מיט דעם בעל עגלה. אַפילו ווען ער האָט געהערט פון זיין מויל אַרויסקומענדיק אַזוי פיל זילזולים און קללות אויף דעם חשבון פון זיין טאַטן, האָט ער אויך געשוויגן... ער האָט געפילט, אַז איצט איז ניט די צייט זיך איינצוררייסן מיט דעם בעל עגלה, וועלכער קען מיט זיי טאָן וואָס אים געפעלט... איצט, אָבער, אַז דער בעל עגלה האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ פראַגע אויב דאָס וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט געפינט זיך ניט אין דער גמרא, האָט ער געענטפערט:

— יאָ, ר׳ כאַצקל, איר זייט גערעכט! אין גמרא עירובין דף י״ט עמוד א׳ שטייט געשריבן, אַז ר׳ שמעון בן לקיש זאָגט: „רשעים אַפילו על פתחו של גיהנום אינם חוזרים בתשובה"... דאָס מיינט טאַקע ווי איר זאָגט... אָבער מיין טאַטע איז ניט קיין רשע... עס קען זיין, אַז געוויסע אומשטענדן האָבן אים געטריבן צו דעם... איך צווייפל ניט, אַז ווען מיר וועלן אים, אם ירצה השם, זען, און מיט אים זיך דורכריידן, וועט ער זיכער תשובה טאָן!

— נו, אויב ער וועט תשובה טאָן וועל איך דאַן ביי אים בעטן מחילה! — האָט דער בעל עגלה זיך אָנגערופן — ווען מיין פערדל פאַרעקשנט זיך און בריקעט זיך און וויל ניט שלעפּן דעם וואָגן, וואָס טו איך? בראָק איך אַריין אין אים קללות און גיב אים גוט צו פאַרזוכן דעם טעם פון מיין בייטש... ווען אָבער ער איז גוט און גייט ווי אַ מזמור, בעט איך זיך איבער מיט אים און מיר זיינען ווייטער גוטע פריינט...

איר איינציקן טרייסט אין איר איצטיקן פאַרביטערטן לעבן האָט שׂרה געפונען אין דודן, איר זון. ער האָט זיך די לעצטע עטלעכע יאָר אַ סך גע־

ענדערט. ערשטנס איז ער זייער פרום און ער פאַרשטייט בעסער איר לאַגע. זי קען זיך מיט אים באַראַטן וואָס זי זאָל טאָן. ער קען אויך לערנען און עס וועט שוין לאַנג ניט נעמען און ער וועט קריגן סמיכה אויף רבנות. זאָל נאָר גאָט געבן, אַז אַלץ זאָל זיך אויסלאָזן ווי זי ווינטשט... אויב שלמה וועט טאַקע תשובה טאָן און זיך מיט איר אומקערן אַהיים, וועט ער ערשט דאַן אַריינ־נעמען דודן אין זיינע הענט. ער וועט מיט אים לערנען, און דאַן וועט זי האָבן נחת פוןביידן, סיי פון איר מאַן און סיי פון איר זון... זיי וועלן דאַן דאַרפן טראַכטן וועגן אַ פיינעם שידוך פאַר דודן. איצט, אַזוי לאַנג ווי זי געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע, קען זי אַפילו ניט טראַכטן וועגן אַ שידוך פאַר דודן... זאָל נאָר גאָט געבן, אַז שלמהס הארץ זאָל ווייכער ווערן, דאַן וועט אַלץ ווערן גוט...

שרה האָט געצומען טראַכטן ביי זיך וואָס צו טאָן ווען זי וועט זיך טרעפן מיט אים... ווי אַזוי זי וועט ריידן צו אים. זי וועט זיך אויף אים ניט בייזערן. זי וועט ריידן צו אים צערטלעך. זי וועט אים דערציילן פון אירע שטאַרקעליידן, און אים פרעגן צי עס איז געווען יושרדיק פון זיין זייט זי איבערצולאָזן אויף אַזאַ לאַנגע צייט און פון זיך גאָרניט לאָזן הערן. זאָל ער זען, אַז זי איז ניט ווי די אַנדערע פרויען וועלכע זידלען זיך און שילטן... עס איז ביי איר קיין צווייפל ניט געווען, אַז ווען זי וועט מיט אים ריידן רואיק און געלאַסן וועט זי קענען אויף אים ווירקן אַ סך מער ווי ווען זי וועט זיך אויפרעגן און אָנפאַנגען זיך צו קריגן מיט אים.

ווען דער בעל־עגלה פלעגט ניט זיין דערביי, פלעגט שרה זיך אויך דורכריידן מיט איר זון, דוד, און אים צוגרייטן און פאַרזאָגן ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפ־פירן ביי דער באַגעגעניש מיט זיין טאַטן:

— וואָס פאַר אַן איבעררייד עס זאָל ניט זיין צווישן מיר און דיין טאַטן, דאַרפסטו וויסן, אַז עס איז דיין פליכט אָפּצוהיטן די מצוה פון כיבוד אב... דו דאַרפסט גאָרניט טראַכטן פון מיינע קריוודעס וואָס איך האָב קעגן מיין מאַן... ביי דיר איז ער דיין פאָטער! דו קענסט אים דערציילן וועגן דיין לערנען... וויפיל גמרות דו האָסט שוין דורכגעלערנט; אַז אין גיכן וועסטו קריגן סמיכה אויף רבנות... דו וועסט זיך פאַר אים ניט דאַרפן שעמען און דו וועסט אים מעגן זאָגן ווי שטאַרק דו האָסט געבענקט נאָך אים... זאָל ער וויסן, אַז ער האָט דיר געפעלט... דו זאָלסט אים אויך דערציילן וועגן דיין זיידן, זיין פאָטער ר' יהושע, וועלכער האָט זיך לעצטענס מיט דיר עטלעכע מאָל געזען און טאַקע גערעדט אין לערנען...

— מאַמע, אפשר וואָלט איך מיט אים באַדאַרפט ריידן וועגן דיינע ליידן... וואָס דו האָסט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע צען יאָר זינט ער האָט דיך פאַרלאָזן... זאָל ער וויסן וויפיל טרערן דו האָסט פאַרגאָסן ווען דו האָסט געטראַכט פון אים, ניט ווויסנדיק פאַרוואָס ער האָט דיך פלוצלונג אַזוי איבער־געלאָזן...

— דאָס וועסטו טאָן שפּעטער, אויב מיר וועלן זען, אַז ער קווענקלט זיך נאָך, און אַז ער וויל ניט פאָרן מיט אונדז אַהיים — האָט שרה צו אים געזאָגט

— פון אנפאנג, אבער זאלסטו אים גארניט זאגן, און אפילו ווען דו וועסט שוין יא מיט איםריידן, זאלסטו וויסן, אז דו רעדסט צו דיין פאטער. דו וועסט דארפן ריידן צו אים מיט דרך ארץ, סטאטעטשנע...

נאך א רייזע פון פילע טעג האבן זיי ענדלעך דערגרייכט די שטאט ברעסלע. זיי זיינען פארפארן אין א קרעטשמע, וואו זיי האבן איבערנעכטיקט די נאכט. די ערשטע זאך וואס שרה האט געטאן, נאכדעם ווי זי האט זיך אויסגערוט, איז געווען זיך נאכצופרעגן אויף דעם ברעסלער רב, וועלכער איז געשטאנען אין בריפלעכער פארבינדונג מיט דעם נעסוויזשער רב.

זי האט געווארט ביז וואנען דער רב וועט זיך צוריקקערן פון דעם בית המדרש, און דאן איז זי אוועק צוזאמען מיט דודן, איר זון, צום רב אין הויז.

— איך בין שרה פון נעסוויזש! — האט זי זיך פארגעשטעלט פארן רב

— דאס איז מיין זון, דוד. מיר זיינען אהערגעקומען אויפזוכן מיין מאן, שלמה מיימון.

— א, דאס זייט איר זיין פרוי? — האט דער רב א זאג געטאן און גענומען שאקלען מיטן קאפ.

— וואס איז? — האט שרה מיט שרעק אויסגערופן — האט עפעס חלילה אן אומגליק פאסירט?

— דער אומגליק באשטייט אין דעם וואס אייער מאן, שלמה מיימון, איז אינגאנצן ארונטער פון דרך הישר! — האט דער רב געזאגט — ער האט פאר־לאזן גאט און פון זיין תורה וויל ער ניט וויסן... ער איז געווארן אן אפיקורס, רחמנא לצלן, ער איז געווארן א ירבעם בן נבט, ער זינדיקט אליין און מאכט אנדערע זינדיקן!

— אוי, ווי איז צו מיינע יארן! — האט שרה אויסגעבראכן אין א יאמערלעכן געוויין — ווער וואלט עס געגלויבט, אז פון מיין שלמה זאל דאס ווערן!... עפעס א ניט גוטער האט זיך מן הסתם אריינגעכאפט אין אים.

— איך האב געהערט, אז ער, שלמה, בארימט זיך נאך פאר א מענטשן, אז זינט ער איז געקומען אין דייטשלאנד האט ער נאך ניט אריינגעשמעקט אין א בית המדרש... איר קענט זיך שוין פארשטעלן וואס פאר א „צדיק" אייער מאן איז געווארן, אז ער בארימט זיך נאך דערמיט! — האט דער רב זיך אנגערופן.

— וואס זאל איך איצט טאן? וואס זאל איך איצט טאן? — האט שרה געבראכן אירע הענט — זאגט מיר, רבי, איז שוין קיין האפענונג ניטא, אז ער זאל תשובה טאן?

— פארוואס זאל קיין האפענונג ניט זיין? זאל ער נאר תשובה טאן מיטן גאנצן הארצן און ער וועט צוריק קענען ווערן א ייד מיט יידן גלייך! צו ווערן א בעל תשובה איז שוין גאר א הויכע מדרגה...

— הארציקער טאטע אין הימל! — האט שרה אויסגערופן — וואוהין זאל איך זיך ווענדן פאר אן עצה? ווי אזוי זאל איך האנדלען, אז זיין הארץ זאל ווייכער ווערן?... א, גאט, עפן אויף זיינע אויגן און זאל ער זען, אז ער האט פארבלאנדזשעט, און פיר אים צוריק ארויף אויפן גלייכן וועג.

— מיין עצה איז, אַז איר זאָלט צו איםריידן שטרענגע רייד... זאָל ער וויסן, אַז ער דאַרף זיך צוריקקערן מיט אייך אַהיים און אָוועקוואַרפן זיינע אַפּיקורסישע שטיק. און אויב ער וועט אייך ניט וועלן פאָלגן, וועט ער אייך מוזן געבן אַ גט!

אַ גט? — האָט שרה אויסגערופן און טרערן האָבן אַ שטראָם געטאָן פון אירע אויגן — אָ, ניין, רבי, איך וויל ניט קיין גט פון אים! ער איז דאָך מיין מאַן. ער איז דער פאָטער פון מיין זון!

— נו, וואָלט ביי אייך געווען רעכט צו לעבן מיט אַן אַפּיקורס, מיט אַ מומר להכעיס? — האָט דער רב זיך צי איר געווענדט — אויב אַזוי, האָב איך אייך גאָרניט וואָס צו זאָגן! איך קען אייך ניט געבן קיין עצה. איך קען אייך ניט הייסן גיין וואוינען מיט אַ מאַן וועלכער האָט אויפגעהערט צו לייגן תפילין, וועלכער היט ניט אָפּ שבת און וועלכער מוז זיכער עסן טרפות. איר ווייסט דאָך, אַז איין עברה שלעפּט אַ צווייטע עבירה. וויבאַלד ער לייגט ניט קיין תפילין, טאָ פאַרוואָס זאָל ער שוין ניט מחלל שבת זיין?... און וויבאַלד ער איז מחלל שבת, טאָ וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן פון עסן טרפות?... איך וואָלט אייך אַזאַ עצה ניט געגעבן, אָבער אויב איר ווילט אים ניט גטן און אייך אַרט ניט ווי ער וועט זיך אויפפירן, טאָ גייט צוריק צו אים!

— אָ, ניין, רבי! מיך אַרט זייער שטאַרק! איך וועל מיט אים ניט וואוינען סיידן ער וועט צוזאָגן צו זיין גוט און פרום... אָבער ווי אַזוי וועל איך דאָס קענען באַווייזן! איך בעט אייך, רבי, העלפט מיר... אפשר זאָלט איר זיך מיט אים דורכריידן. איך בין זיכער, אַז ער וועט זיך צוהערן צו אייערע רייד!

— פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל מיט אים ריידן, אָבער אַלץ ווענדט זיך אָן דיר, טאָכטער, האָט ער איר שוין אָנגעהויבן „דוצען" — דו האָסט די מאַכט ווייכער צו מאַכן זיין האַרץ, און ערשט דאַן, ווען ער וועט קומען צו מיר, וועל איך מיט אים ריידן און זען ווי עס האַלט מיט אים... איך האַלט אויך, אַז ער, דיין זון, זאָל מיט אים ריידן...

— איך האָב אָנגעזאָגט מיין זון, אַז ער זאָל האָבן אין זינען די מצוה פון כיבוד אב... אָבער אויב איר גלויבט, אַז ער זאָל אויך מיט אים ריידן וועגן דעם, וועל איך אים ניט שטערן — האָט שרה פאַרשטעלט איר פּנים מיט אירע הענט און זיך צעוויינט.

— זיי רואיק, טאָכטער, אַז איך וועל טאָן אַלץ וואָס נאָר עס וועט זיין מעגלעך פאַר מיר אים אַרויפצופירן אויף דעם דרך הישר...

— וואָס זאָל איך איצט טאָן? — האָט שרה אַ פרעג געטאָן דעם רב — זאָל איך איצט גיין צו אים, אָדער עס וועט זיין בעסער, אַז איר זאָלט נאָך אים שיקן, און אים זאָגן, אַז איך, זיין פרוי, און זיין זון געפינען זיך ביי אייך אין הויז?

— ניין, עס וועט זיין בעסער, אַז איר וועט גיין צו אים. איך וואָלט אַפילו געראָטן אַז אייער זון זאָל צוואָרטן אין דרויסן און ער זאָל ניט זיין דערביי

ווען איר וועט זיך מיט אים טרעפן צום ערשטן מאָל נאָך די צען יאָר וואָס ער איז פון אייך געווען אַוועק...

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר וועט מיר הייסן! — האָט שרה זיך אָנגערופן — איך וואָלט בלויז געוואָלט, אַז מען זאָל מיך צופירן צו דעם הויז וואו ער האַלט זיך אויף, כּדי איך זאָל דאָ ניט דאַרפן בלאָנדזשען.

— וואַרט צו אַ ווײַלע, איך וועל שיקן איינעם פון די ייִנגלעך וועלכע געפינען זיך אין בית המדרש, און יענער וועט אייך אָנווײַזן וואו דאָס הויז געפינט זיך.

דער רב האָט פאַרמאַכט דעם ספר אין וועלכן ער האָט געהאַט אַרײַנגעקוקט און איז אַרויס.

שרה האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און אָפּגעווישט די טרערן פון איר פּנים. דער רב האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ ייִנגל און ער האָט געזאָגט שרהן און דודן, איר זון, אַז ער וועט שוין זיי ווײַזן וואו שלמה מיימון וואוינט.

זיי האָבן געדאַרפט דורכגיין פאַרשיידענע גאַסן און געסלעך ביז וואַנען זיי זײַנען צוגעקומען צו יענער גאַס, וואו שלמה האָט געהאַט אַ צימער אין איינעם פון די ניט ייִדישע הײַזער. גייענדיק מיט איר זון צו איר מאַן, וועמען זי וועט באַלד זען, האָט איר האַרץ האַסטיק גענומען קלאַפּן. פאַרשיידענע בילדער פון איר לעבן מיט אים זײַנען שנעל פאַרבײַגעלאָפן אין אירע געדאַנקען... אָט זעט זי אים דעם לעצטן טאָג, ווען ער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז און זי האָט געמיינט אַז דאָס פאָרט ער אָפּ אויף אַ קאָנדיציע ערגעץ אין אַ דאָרף ניט ווייט פון נעסוויזש... זי האָט אים געזען ווי ער איז געשטאַנען לעבן דעם שפּיגל און פאַרקאַמט זײַן באָרד... זי האָט אים דאַן עפּעס געוואָלט פרעגן, אָבער ווען זי האָט געמערקט, אַז ער איז אויפגערעגט, האָט זי דאָס ניט געטאָן. זי געדענקט, אַז ער האָט זיך מיט איר שנעל געזעגנט, און ווען זי האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער ווי דורכגעזייעט צווישן די ציינער... ווען זי האָט דאַן דעם שׂכל וואָס זי האָט איצט, וואָלט זי באַדאַרפט אַליין פאַרשטיין, אַז עפּעס איז אַלץ ניט אין אָרדענונג מיט אים און אַז ער פירט זיך ניט אויף ווי אין די אַנדערע צײַטן, ווען עס פלעגט קומען אָנפאַנג זמן און ער פלעגט אָפּפאָרן ערגעץ אויף אַ קאָנדיציע... אָבער פון וואַנען זאָל זי דאַן וויסן, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַנדערע פּלענער אין דער צײַט וואָס ער פלעגט איר קיינמאָל ניט דער־ציילן... זי האָט געמיינט, אַז מיט דעם וואָס זי האָט באַשלאָסן אים ניט צו באַלעסטיקן מיט אירע פראַגעס וועט ער זי מער ליב האָבן און וויסן ווי זי אָפּ־צושאַצן מער. האָט זי אָבער געמאַכט אַ טעות... עס איז מעגלעך, אַז ווען זי נעמט זיך צו אים און פאַנגט אים אָן יאָדען ער זאָל איר דערציילן יעדע קלייניקייט, וואָלט זי שוין פון אים ווי עס איז אַרויסבאַקומען דאָס, וואָס ער האָט אויף זײַנע געדאַנקען... זי האָט אָבער געמיינט, אַז מיט דעם, וואָס זי האָט זיך באַהערשט און ניט אַרויסגעוויזן קיין שום נײַגעריקייט צו אַלץ וואָס ער טוט, וועט ער איינזען, אַז זי איז אינגאַנצן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פרויען, וועלכע דערגייען זייערע מענער די יאָרן און הערן זיי ניט אויף צו יאָדען און נעגן...

— אָבער וואָס דאַרף זי איצט טאָן? — האָט זי גענומען ווײַטער טראַכטן

ווען זיי האָבן זיך גענומען דערנענטערן צום הויז, וואו ער האָט זיך אויפ־געהאַלטן — ווי אַזוי זאָל זי מיט איםריידן? ווי זאָל פאָרקומען זייער ערשטע באַגעגעניש?... דער רב האָט דאָך אָנגעזאָגט דודן, אַז עס וועט זיין בעסער ווען די ערשטע באַגעגעניש זאָל זיין בלויז אונטער פיר אויגן... וואָס האָט ער דערמיט געמיינט איר אָנצודייטן? אפשר האָט ער געמיינט, אַז ווען ער וועט זי זען אַליין, וועט זיין האַרץ ווייך ווערן... ער וועט אַרויספאַלן איר קושן און האַלדזן און דאַן וועט ער זיך לאָזן בויגן... אָבער ניין! דאָס איז אומ־מעגלעך! זי וועט זיך ניט לאָזן אָנרירן פון אים, סיידן ער וועט איר שווערן, אַז ער וועט זיך אינגאַנצן בייטן, אַז ער וועט צוריק ווערן דאָס וואָס איז געווען ווען ער איז געווען צוזאַמען מיט איר אין נעסוויזש, ווען ער פלעגט לערנען און דאַווענען... ווען ער פלעגט אָפּהיטן יידישקייט...

— יאָ, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן — זי וועט זיך דאַרפן באַהערשן און ניט צוזאַמענברעכן, ווען זי וועט אים דערזען און לאָזן אים געוועלטיקן איבער איר און טאָן אַלץ, וואָס ער וועט איר הייסן. זי וועט אַרויסווייזן שטרענגקייט און קאַלטקייט צו אים. זאָל ער ניט מיינען, אַז אַ צערטלעך וואָרט פון זיין זייט און אַ קוש אָדער אומאַרמונג וועלן קענען אָפּווישן אַלע אירע ליידן, אַלע אירע באַליידיקונגען און פּלאָגענישן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט דורך דער גאַנצער צייט זינט ער איז אַוועק פון איר און איז פאַרשוואונדן געוואָרן און פון זיך ניט געלאָזט הערן... אָ, ניין! ער וועט דאַרפן אַרויסווייזן, אַז ער האָט חרטה אויף דעם אַלעם; אַז ער וויל תשובה טאָן מיט זיין גאַנצן האַרצן. ערשט דאַן וועט פיליכט זיין מעגלעך, אַז איר צעריסן און צעבראָכן האַרץ זאָל ווידער גאַנץ ווערן...

מיט אָט דעם באַשלוס איז זי צוגעקומען צו דעם הויז. זי האָט געהייסן דודן צוואַרטן אין דרויסן. זי וועט אים שוין אַריינרופן, ווען די צייט וועט קומען.

41

אויסער דעם, וואָס שלמה מיימון האָט געגעבן לעקציעס אין עטלעכע רייכע הייזער, פלעגן צו אים אין צימער קומען עטלעכע תלמידים, מיט וועלכע ער פלעגט לערנען מאַטעמאַטיקע און פיזיקע. די תלמידים וועלכע פלעגן קומען צו אים זיינען ניט געווען פון רייכן שטאַנד, און דעריבער פלעגן זיי קומען צו אים, און אים צאָלן ניט קיין סך פאַר דער לעקציע. פון דעם אַלעם האָט ער קיין סך ניט פאַרדינט. ער איז אָבער געווען צופרידן, וואָס אַמווייניגסטענס דאַרף ער צו קיינעם ניט אָנקומען. ער דאַרף ניט אָנקומען צו יידישע גבירים, וועלכע האָבן פון אָנפאַנג געהאַט פאַר אים באַשטימט אַ מאַנאַטלעכן געהאַלט... ער האָט זיך געפילט אַ סך פרייער איצט, אַז ער איז פון קיינעם ניט אָפּהענגיק

און דאַרף פאַר קיינעם ניט אָפּגעבן קיין דין וחשבון פאַר אַלץ, וואָס ער טוט, און פאַר דעם אופן ווי ער פירט זיך אויף.

שלמה איז געזעסן אין זיין צימער און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

„אַריין!" — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן, מיינענדיק, אַז דאָס איז געקומען איינער פון זיינע תּלמידים צו נעמען ביי אים אַ לעקציע.

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעעפנט און שלמה איז געווען איבעררעאַשט צו זען ווי אַפרוי אָנגעטאָן אין פּויליש־ליטווישע קליידער, קומט לאַנגזאַם אַריין אין צימער.

באַלד האָט שלמה דערקענט זיין ווייב, שרה. זיין פּנים איז טויט בלאַס געוואָרן. דאָס פילאָזאָפישע בוך איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט.

שרה איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט. זי האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסן אַז דאָס איז איר מאַן, ער איז געזעסן בגילוי־ראש, אָן אַ היטל. קיין סימן פון באָרד און וואָנצן... אינגאַנצן ראַזירט...

— זאָל דאָס זיין איר שלמה? — האָט זי ביי זיך געטראַכט, און זיך גענומען עטוואָס דערנענטערן צו אים, און אים בעסער באַטראַכטן.

שלמה האָט זיך שוין אַ שטעל געטאָן פון זיין פּלאַץ און איז איר אַנטקעגן געגאַנגען און אויסגערופן: „שרה, וואָס טוסטו דאָ?"

— נו, אויב אַזוי, ביזטו דאָך טאַקע שלמה! — האָט שרה אויסגערופן — און איך האָב געמיינט אַז דאָ זיצט אַ גוי! אוי, שלמה, שלמה! וואָס איז פון דיר געוואָרן?! — האָט זי אַ קלאַפּ געטאָן מיט אירע הענט — דו האָסט דאָך גאָרניט קיין פּרצוף פון אַ יידן!

שרה, קום זעץ זיך! — האָט שלמה איר אָנגעוויזן אויף אַ בענקל — זאָג מיר, וואָס מאַכסטו? און וואָס מאַכט אונזער זון?

— איצט פרעגסטו וואָס איך מאַך? און וואו ביסטו געווען די גאַנצע צען יאָר? דו האָסט זיך גאָרניט געקימערט וועגן מיר און וועגן דודן, צי מיר לעבן, צי מיר זיינען געשטאָרבן! איצט, מיט אַמאָל ווייזט דו אַרויס אַזוי פיל נייגעריקייט צו וויסן וואָס מיר מאַכן!...

— איך האָב די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון אייך! — האָט שלמה גענומען אַרויסזייען דורך די ציין — אָבער די אומשטענדן זיינען געווען אַזעלכע וואָס...

— יאָ, איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט, שלמה! — האָט זי נאָך אַלץ גערעדט מיט פאַרביטערטקייט — דו ביסט געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערער מענטש. דו האָסט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון יידישקייט. דו האָסט זיך אָפּגעפרעמדט פון דיין משפּחה און פון דיינע ברידער... אַ פיינעם תּכלית האָב איך געמאַכט פון מיין לעבן! אָפּגעלעבט מיט אַ מאַן דרייצן יאָר... געבוירן אים אַ זון... און פּלוצלונג הויבט ער זיך אויף און אַן אַ זיי־געזונט, פאַרשווינדט ער ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען... אַזוי באַהאַנדלט עס אַ יידישער מאַן זיין פרוי?

— איך גיב צו, אַז איך בין אַ סך שולדיק אין דעם! — ענטפערט איר

שלמה — אָבער גלויב מיר, אַז ווען דו וועסט אויסגעפינען אַלץ מיט אַנאַנדער, וועסטו פילייכט איינזען, אַז אַנדערש האָט ניט געקענט זיין!

— איך האָב געמיינט, אַז מיר האָט געטראָפן דאָס גרעסטע גליק — האָט שרה שוין מיט אַ טאָן נידריקער גערעדט — אַ קליינינקייט, איך האָב אַריינגעקראָגן אַזאַ עילוי, אַזאַ גרויסן געלערנטן... אַלע האָבן מיך מקנא געווען מיין גליק... איך האָב זיך אָבער אָפּגעמוטשעט עטלעכע יאָר... אַפילו די עלף יאָר וואָס דו ביסט מיט מיר געווען ביסטו דאָך אויך ניט געווען מיט מיר. דו פלעגסט פאַרברענגען מיט מיר בלויז איבער די ימים טובים און דאַן אָפּגעפאָרן אויפן ישוב...

— איך האָב דאָך דאָס געטאָן ניט אויס וואוילטאָק! — פאַרענטפערט זיך שלמה — איך האָב דאָך געמוזט זוכן פּרנסה! דו האָסט שוין מן הסתם פאַרגעסן, אַז דיין מאַמע האָט דאָך פשוט מיך געטריבן פון הויז איך זאָל פאָרן אויף אַ קאָנדיציע!

— דו ווילסט וואַרפן די שולד אויף מיין מאַמען — האָט שרה געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער מיר וועסטו עס ניט קענען איינרעדן. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די לעצטע עטלעכע יאָר האָט דיך מיין מאַמע צורו געלאָזן. זי האָט אַפילו מורא געהאַט אויסצורידן אַ וואָרט צו דיר... דו האָסט אונדז אַלעמען אָפּ־גענאַרט... דו האָסט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט פון פריער אָפּצורייזן קיין דייטש־לאַנד... איך האָב אַלץ אויסגעפונען! קיין סודות זיינען ניטאָ!

שלמה האָט גענומען אַרומשפּרייזן איבערן צימער הין און צוריק... ער האָט זיך אויף דעם ניט גערעכט... ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאָר־שטעלן, אַז זיין ווייב, שרה, זאָל זיך אונטערנעמען צו מאַכן אַזאַ ווייטע רייזע... ער האָט פון אַ זייט געוואָרפן אַ בליק אויף איר. זי האָט נאָך אויסגעזען גאַנץ שיין...

— אוי, האַרציקער טאַטע אין הימל! — האָט שרה געבראָכן מיט אירע הענט — פאַרוואָס קומט עס מיר אַזוי? מיט וואָס האָב איך געזינדיקט, אַז דו זאָלסט מיך אַזוי שטאַרק שטראָפן! וואָס זאָל איך איצט טאָן? צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן? ווער וועט זיך אויף מיר אומקוקן?

— באַרואיק זיך, שרה! — האָט ער זי אָנגענומען פאַר דער האַנט — פון איצט אָן וועט אַלץ רעכט ווערן. דו וועסט זען!

— ווי אַזוי וועט אַלץ רעכט ווערן? — האָט שרה אַוועקגענומען איר האַנט פון זיינער — דו ביסט דאָך איצט אינגאַנצן ווי אַ פרעמדער צו מיר! קיין שום סימן פון אַ ייד איז דאָך אויף דיר ניט צו זען... דיין אָפּגעגאָלטער פּנים, אָן אַ היטל, אָדער אַ יאַרמולקע... דיינע בגדים... מיט אַט די אַלע זאַכן וואָלט קיינער ניט געזאָגט, אַז דו ביסט אַ ייד...

— דו דאַרפסט ניט קוקן אויף מיין אויסזען און מיינע בגדים — האָט שלמה לייכט אַ שמייכל געטאָן, — אָבער אין האַרצן בין איך דער זעלבער ייד!

— ווי אַזוי קענסטו זיין דער זעלבער ייד, אַז דו טראָגסט ניט קיין ציצית; דו לייגסט ניט קיין תפילין, און דו שמעקסט ניט אַריין אין אַ שול אָדער אין

אַ בית המדרש?... אויף מיין נאמנות, אַז פון ערשטן בליק וואָס איך האָב אויף דיר געגעבן האָט מיר געשיינט, אַז דו ביסט אַ גלח, להבדיל...

— גלויב מיר, שרה, אַז מען קען זיין אַ ייד אָן די אַלע זאַכן! — האָט ער געזאָגט.

— און ווער ווייסט צי דו עסט שוין ניט קיין חזיר, אָדער אַנדערע טריפה מאכלים?... אַז מען וואַרפט פון זיך אַרונטער דעם גאַנצן יאָך פון יידישקייט, קען מען שוין אַלץ גלויבן...

— כשרות היט איך אָפּ! — האָט שלמה געזאָגט — דו וועסט אויסגעפינען ביי וועמען איך עס, וועסטו זען, אַז איך עס כשרע מאכלים.

— דו וועסט מיר שוין באַלד וועלן איינרעדן, אַז דו וואַשט זיך צום עסן און אַז דו בענטשסט!

— קיין ליגן האָב איך דיר קיינמאָל ניט געזאָגט און איך וועל דיר ניט זאָגן! דער אמת איז, אַז וואַשן צום עסן וואַש איך זיך, נאָר וואָס דען? איך זאָג ניט די ברכות וואָס מען זאָגט ביים וואַשן די הענט און ביים עסן...

— דו ווילסט מן הסתם ניט זאָגן קיין ברכה אָן אַ היטל! — האָט שרה מיט ביטערקייט געזאָגט — און בענטשן אָן אַ היטל וועסטו דאָך געוויס ניט! אַ, ווען מען זאָל וויסן אין נעסוויזש וואָס פון דיר איז געוואָרן... אָבער וואָס רייד איך! אַלע וויסן שוין ביי אונדז, אַז דו ביסט אַן אַפּיקורס! דער רב פון אַלטאָנאַ און דער היגער רב פון ברעסלע האָבן זיך שוין דורכגעשריבן מיט אונדזער רב, טאַקע מיט דעם זעלבן רב וועלכער האָט אונדז חתונה געמאַכט... ווען אונדזער רב האָט געהערט וואָס פון דיר איז געוואָרן האָט ער געוואָלט „רייסן קריעה"... ער האָט געמיינט, אַז דו וועסט אויסוואַקסן אַ גאון, אַז מיט דיר וועט אַ וועלט קלינגען. פון אומעטום וועט מען פאָרן צו הערן דיין תורה, און צו געניסן פון דיין פרומקייט, און צום סוף, ווי איז מיר און וויינד איז מיר! ניטאָ קיין יידישער פּנים, ניטאָ קיין תורה, ניטאָ קיין מצוות!... ער איז געוואָרן אַ הפקר יונג! אַוועקגעוואָרפן די תורה, די באָרד און פאות!

— וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער ריידן, שרה! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — איך וויל דיר זאָגן, אַז איך בין זייער צופרידן וואָס דו ביסט אַהער געקומען!

— אַ גרויסע שמחה אויף דיר! — האָט שרה שוין גענומען ריידן עטוואָס העכער — דו נעמסט און וואַרפסט מיך אַוועק! דו לאָזט מיך איבער אַן עגונה! דו לאָזט פון זיך ניט הערן... און דו ביסט נאָך צופרידן וואָס איך בין אַהער געקומען!

— זאָג מיר דעם אמת, שרה, וואָלסט דו געוואָלט, אַז איך זאָל אין מיין איצטיקן אויסזען קומען צו דיר אין נעסוויזש? מען וואָלט דאָך מיך דאָרט זיכער פאַרשטיינט!

— און דו וואָלסט עס כשר פאַרדינט! — האָט זי מיט אויפרעגונג אויסגערופן — אַ ייד מיט אַזאַ פּנים און אַזאַ מלבוש איז נאָך ניט געזען געוואָרן!

— איצט זאָג מיר, וואָס מאַכט דוד, אונדזער זון?

— געלויבט איז השם יתברך וואָס דוד איז אויסגעוואַקסן ווי איך האָב

געוואונטשן! — האָט זי געזאָגט — ער איז צו גאָט און צו לייט! ער איז מיטגעפאָרן מיט מיר!

— ער איז געקומען אַהער מיט דיר?! — רופט אויס שלמה.

— יאָ, ער איז געקומען מיט מיר! וואָס מיינסטו, איך וואָלט זיך געקענט אַרויסלאָזן אויף אַזאַ ווייטער נסיעה איינע אַליין?

— טאָ וואו איז ער? איך וואָלט אים וועלן זען!

— עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר אים ניט צו זען זיין טאַטן אין אַזאַ צושטאַנד! קיין סך נחת וועט עס אים ניט פאַרשאַפן... ווען דו ביסט אַוועק פון אונדז איז ער נאָך געווען אַ קליין יינגל. ער געדענקט דיך ווען דו האָסט געטראָגן דיין באָרד און פאות, ווען דו ביסט געווען אָנגעטאָן אין יידישע מלבושים, און איך קען זיך פאָרשטעלן ווי ער וועט פילן ווען ער וועט דיך דערזען ווי דו זעסט אויס איצט!

— זייער גוט האָסטו געטאָן וואָס דו ביסט געקומען מיט אים אַהער! — האָט שלמה געזאָגט — איצט וועלן מיר קענען קומען צו אַ טאָלק. דערווייל איז נאָך צו פרי צוריידן וועגן דעם, אָבער איך האָף, אַז נאָכדעם ווי איר ביידע וועט דאָ אָפּזיין אַ ביסל צייט, וועט איר זיך אַרומזען, אַז דאָ איז אַ סך בעסער ווי אין נעסוויזש!

— יאָ, צו זיין אַ גוי איז דאָ געוויס בעסער!

— גלויב מיר, שרה, אַז אויך דאָ קען מען זיין אַ גוטער, פרומער ייד, אויב מען וויל נאָר!

— איך זע טאַקע וואָס פאַר אַ גוטער פרומער ייד דו ביסט דאָ געוואָרן!

— דאָס בין איך ניט געוואָרן דאָ! איך קום שוין אַזוי פון בערלין!

— וואָס איז דער אונטערשייד צי דו ביסט אַ בערלינער גוי צי אַ ברעסלער גוי?...

— אָבער אונדזער דוד וועט דאָ קענען זיין אַ גוטער פרומער ייד! ער וועט קענען ווייטער לערנען, אויב ער זאָל נאָר וועלן.

— אונטער דיין השגחה, מן הסתם! — האָט שרה זיך אַ קרים געטאָן — איך קען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ ייד ער וועט ווערן, אויב ער זאָל זיך אָפּלערנען פון דיר!

— איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל אים ניט שטערן! אויב ער וועט וועלן פאַרבלייבן אַ פרומער ייד, וועל איך ניט זיין דאַקעגן!

— אוי, אַז אַך און ווי איז מיר! דערלעבט יאָרן! דער טאַטע וועט ניט זיין דאַקעגן אויב דער זון וועט וועלן האַלטן יידישקייט! ווי שעמסטו זיך ניט אַרויסצובריינגען אַזעלכע רייד פון דיין מויל? דו וועסט אונדז טאָן אַ גרויסע טובה! דו וועסט אים לאָזן טראָגן ציצית און לייגן תפילין...

— דאָס זאָג איך דיר, ווייל איך וויל דיר פאַרזיכערן, אַז דוד וועט דאָ קענען בלייבן דער זעלבער פרומער ייד ווי ער וואָלט געווען דאָרט, אין נעסוויזש... דאָ זיינען פאַראַן אַ סך פרומע יידן, וועלכע דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג און פילע זיצן אין די בתי מדרשים און לערנען טאָג און נאַכט.

— איך בין אָבער זיכער, אַז אַט יענע יידן האַלטן זיך פון דער ווייטנס פון דיר!

— אָבער דוד וועט קענען זיין צוזאַמען מיט זיי! דאָ זיינען פאַראַן יידן גרויסע לומדים, תלמידי חכמים, און ער וועט אַפילו דאָ קענען באַקומען סמיכה אויף רבנות!

— איך פרעג דיך, שלמה, ווער וועט אים וועלן געבן סמיכה אויף רבנות, ווען מען וועט זיך דערוויסן, אַז ער האָט אַזאַ טאַטן ווי דו ביסט, אַן אַפּיקורס, אַ טרייפניאַק?

— איך פאַרזיכער דיר, אַז דער נאָמען פון זיין טאַטן וועט אים ניט שטיין אין וועג צו קריגן סמיכה אויף רבנות, אויב ער זאָל דאָס נאָר ווערט זיין!

— איך זע דאָך שוין, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן צו ריידן מיט דיר! אויב אַזוי, קען איך דיר גלייך זאָגן, אַז איך בין געקומען אַהער דו זאָלסט מיר געבן אַ גט!

— אַ גט? אָ, ניין, שרה! פאַרוואָס זאָל איך דיר געבן אַ גט?

— וואָס הייסט פאַרוואָס? איז ביי דיר רעכט איך זאָל בלייבן אַן עגונה מיין גאַנצן לעבן?

— ניין, ניט דאָס! איך גלויב, אַז דו זאָלסט בלייבן דאָ. מיר וועלן קריגן אַ דירה און מיר וועלן אָנהייבן צו לעבן דאָ פון דאָס ניי!

— דו מיינסט, אַז דו וועסט בלייבן דער גוי ווי דו ביסט עס איצט, און איך זאָל וואוינען מיט דיר אַלס דיין ווייב?... אָ, ניין, איך וועל מיט אַ גוי בשום אופן ניט וועלן וואוינען!

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין גוי, אַז איך האָב נאָך אַ גוט יידיש האַרץ!

— אויב דו ווילסט איך זאָל מיט דיר פאַרבלייבן דאָ, וועט עס אַנדערש ניט קענען געשען סיידן דו וועסט ווערן דער זעלבער שלמה! דו זאָלסט תשובה טאָן מיט דיין גאַנצן האַרצן. דו זאָלסט פאַרלאָזן אַ באָרד און פאות, און טאָן וואָס אַלע פרומע יידן טוען!

— נו, וועגן דעם וועלן מיר נאָך ריידן! — האָט שלמה געזאָגט — איך בין זיכער אַז צוליב דעם וועלן מיר צום רב ניט גיין!

— אויב דו מיינסט דערמיט, אַז דו וועסט טאָן דאָס וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר, וועל איך זיך באַראַטן מיט דודן און מיר וועלן באַשליסן צי מיר זאָלן אויף אַזאַ אופן פאַרבלייבן דאָ, צי ניט, אָבער פריער פאַר אַלץ וועסטו דאַרפן מיר געבן אַ שבועה, אַז דו מיינסט תשובה צו טאָן מיט דיין גאַנצן האַרצן!

— איך זאָג דאָך דיר, אַז מיר וועלן זיך דורכריידן וועגן דעם. איך בין זיכער, אַז ווען איך וועל דיר דערקלערן וועגן אַלע מיינע האַנדלונגען, וועסטו איינזען, אַז איך בין ניט אינגאַנצן אומגערעכט! דו ווייסט דאָך, אַז איך ווייס דעם טעם פון אַלע מצוות פון דער תורה, און איך וועל דיר אויפקלערן פאַרוואָס איך פיר זיך אַזוי, וועסטו אַליין צוגעבן, אַז איך בין פאַרבליבן דער זעלבער גוטער ייד!

— ביי מיר איז אַ ייד אַן אַ באָרד און אַן פּאות, אַ ייד וועלכער טראָגט ניט קיין ציצית און לייגט ניט קיין תפילין, קיין ייד ניט!

— נו, גוט, לאָמיר זיך וועגן דעם ניט אַמפּערן איצט! איך וואָלט וועלן זען דודן און איך וועל אייך ביידן אַריינפירן אין אַ כשר הויז, וואו איר וועט קענען עסן מיטאָג!

— איך בין דיר מוחל דיין כשר הויז! — האָט שרה געזאָגט — מיר וועלן עסן אין דער אַכסניה וואו מיר שטייען איין. דאָרט זיינען מיר זיכער, אַז עס איז כשר. דער בעל אַכסניה איז אַ פרומער ייד און דער רב האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָרט מעגן מיר עסן!

— זאָג מיר, וואו איז דוד, — האָט שלמה זיך צו איר אָנגערופן — איך וואָלט אים וועלן זען!

היינט וועסטו אים ניט זען! — האָט שרה אַ זאָג געטאָן — דו וועסט אים זען מאָרגן! געדענק, איך וועל אים זאָגן אַז דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן תשובה צו טאָן!

— דערווייל האָב איך דיר דאָס ניט פאַרשפּראָכן! איך בעט דיך, זאָג אים ניט קיין ליגן!

— האָסטו מיר דען ניט געזאָגט, אַז צוליב דעם וועלן מיר צום רב ניט גיין? מיינט עס דען ניט, אַז דו וועסט איינווילקן צו טאָן ווי איך פאַרלאַנג פון דיר?

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז מיר וועלן נאָך ריידן וועגן דעם און מיר וועלן עס אַלץ אויסדרעשן, אָבער פאַרשפּראָכן האָב איך דיר דערווייל גאָרניט!

— איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז בלויז אויף דעם תנאי וועל איך איינווילקן צו פאַרבלייבן דאָ! אויב דו האָסט ניט בדעה תשובה צו טאָן און ווערן דאָס וואָס דו ביסט געווען איידער דו האָסט מיך פאַרלאָזן, פאַרלאַנג איך פון דיר אַ גט! איך וועל בשום אופן ניט וואוינען מיט אַ גוי!

— זעסט, שרה, ווען דו וואָלסט געקענט לערנען גמרא וואָלסטו געוואוסט אַז עס איז ניט רעכט מיך אָנצורופן „גוי"... די גמרא זאָגט: „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא"... דאָס מיינט, אַז אַ ייד, אַפילו ווען ער זאָל האָבן געזינדיקט, בלייבט אַ ייד שטעל זיך פאָר, אַז אַ קינד פאַרזינדיקט זיך קעגן זיין פאָטער, וועט ער קענען אויף אים דען זאָגן, אַז ער איז ניט זיין קינד? מעגלעך, אַז ער וועט אים באַשטראָפן פאַר זיינע זינד, אָבער אים פאַרלייקענען וועט ער ניט קענען...

— ביי מיר איז אַן אַפּיקורס ערגער פון אַ גוי! — האָט שרה געזאָגט — איך וויל ניט האָבן אַ מאַן אַן אַפּיקורס! וועסטו ווערן גוט און פרום, קען זיין, אַז איך זאָל מסכים זיין דאָ צו פאַרבלייבן מיט דיר!

— דו זעסט, אַז דו אַליין ביסט אויך ניט זיכער! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — טאָ ווי אַזוי פאַרלאַנגסטו פון מיר, אַז איך זאָל דיר שוין געבן מיין ענטפער. מיר וועלן זיך דורכריידן געמיטלעך און מיר וועלן זען צו קומען צו אַ טאָלק. פאַרשטייסט? עס זיינען פאַראַן זאַכן וואָס, אַז מען טוט זיי אין נעסוויזש אָדער אין אַן אַנדער ליטוויש שטעטל, קוקן זיי אויס גלייך און ריכטיק, אָבער

ווען מען זאָל זיי ווערן טאָן דאָ הי, וואָלטן זיי אויסגעקוקט לעכערלעך און קרום... אָט שטעל זיך פאָר: איצט טראָגסטו די שבתדיקע רעטאָנדע... אין נעסוויזש וואָלטן די אַנדערע פרויען אויף דיר געקוקט מיט אויגן פול מיט קנאה, ווייל עס איז זייער אַ שיין קלייד און עס פּאַסט דיר גוט... אָבער ווען די היגע פרויען וועלן דיך זען אין אָט דעם קלייד, וועלן זיי פון דיר לאַכן... ווייל דאָ טראָגט מען ניט אַזעלכע קליידער. דאָ טראָגן אַפילו די פרומע פרויען גאַנץ אַנדערע קליידער, און פירן זיך אויף אַ היפּש ביסל אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים... דעריבער זאָג איך, אַז ווען דו וועסט דאָ זיין אַ שטיקל צייט, וועסטו זען פילע זאַכן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט... די זאַכן וואָס קוקן אויס קרום אין דיינע אויגן וועלן אפשר שפּעטער אויסגעגלייכט ווערן. איך בין זיכער, שרה, אַז דו אַליין וועסט איינזען, אַז איך בין גאָרניט אַוועק ווייט פון יידישקייט, אַז איך בין דער זעלבער ייד, מיט דעם זעלבן יידישן פונק אין מיין האַרצן...

— וואָס האָסטו נאָך געוואָלט, דו זאָלסט זיך שמדן און גיין אין קלויסטער?

— טוט שרה אַ זאָג — אַ דאַנק קומט אים, וואָס ער איז ניט אַוועק ווייט פון יידישקייט! ווי ווייט וואָלסטו נאָך געוואָלט אַוועקגיין? דאַוונען דאַוונסטו ניט! דו פירסט זיך אויף ווי אַ גוי! דו עסט אָן געוואַשן, אָן אַ היטל און דו ווילסט מיר איינריידן, אַז דו ביסט ניט ווייט אַוועק פון יידישקייט!...

— נו, לאָמיר דאָס דערווייל אָפּלאָזן! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — איך וועל דיך צופירן צו דיין אַכסניה. דו וועסט עפּעס עסן און זיך אויסרוען און איך וועל שפּעטער צוקומען צו דיר און מיר וועלן זיך דורכריידן מיט געלאַסנקייט און רואיקייט.

— ניין, איך וויל ניט אַז דו זאָלסט מיך באַגלייטן! — האָט שרה געזאָגט — איך וועל אַליין טרעפן דעם וועג צו מיין אַכסניה!

— אָבער דו ביסט דאָך ערשט געקומען און דו ווייסט נאָך ניט ווי אַזוי צו גיין דורך די גאַסן פון שטאָט.

— דו זעסט דאָך, אַז איך האָב געטראָפן צו דיר! איך וועל דאָ ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן... אויסער דעם וויל איך ניט, אַז דו זאָלסט מיט מיר צוגיין צו דער אַכסניה. איך וועל זיך שעמען צו זאָגן אַז דו ביסט מיין מאַן! יאָ, אַ מאַן וועלכער האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין יידישן פּנים...

— דו מעגסט מיר גלויבן, שרה, אַז איך האָב דאָ אַ סך פריינט, וועלכע האַלטן זייער שטאַרק פון מיר, וועלכע פאַרערן און שטאַלצירן מיט מיר! דו וועסט זיך מיט מיר ניט דאַרפן שעמען. איך וועל דיר באַווייזן, אַז די גרעסטע יידן פון אונדזער דור זיינען מיינע פריינט און זיי באַטראַכטן דאָס פאַר אַ כבוד זיך צו געפינען אין מיין געזעלשאַפט!

— איך נעם זיך דערמיט ניט איבער! ווען איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט ביסטו נאָך געווען גאָר יונג... יאָ, מיר ביידע זיינען געווען יונג, אָבער דו ביסט געווען אַ גרויסער לערנער. דו ביסט געווען זייער פרום, און ווען איך פלעג גיין דאַוונען אין בית המדרש און איך פלעג הערן ווי די ווייבער ריידן פון דיר און זיי זאָגן, אַז זיי האָבן געהערט, אַז דו קענסט פאַרשטעקן גרויסע

רבנים אין דיין גאַרטל, ווען עס קומט צו לערנען, האָב איך זיך געפילט שטאָלץ מיט דיר!... ווי דו ביסט אָבער איצט, שעם איך זיך גאָר צו זאָגן, אַז דו ביסט מיין מאַן!...

— און זעסטו, שרה, ביי מיר איז פונקט פאַרקערט! איך שטאָלציר צו זאָגן, אַז אָט די דאָזיקע שיינע, יונגע פרוי איז מיין ווייב!

שרה האָט זיך גענומען רויטלען. זי האָט אַ קער געטאָן איר פּנים אָן אַ זייט און זי האָט גענומען באַטראַכטן דעם צימער. זי האָט געזען עטלעכע שאַפעס מיט ביכער. זי האָט געוואָלט זען צי עס געפינען זיך צווישן די ביכער אויך ספרים, אָבער אויף די רוקנס פון די ביכער איז קיין איינציקער יידישער אות ניט געזען געוואָרן.

— ווען איך נעם אַ טראַכט טאָן וואָס פאַר אַ ספרים דו האָסט איבערגעלאָזן אין דער היים... דו האָסט געהאַט דעם גאַנצן ש״ס וואָס מיין מאַמע האָט דיר געגעבן אַ מתנה נאָך פאַר אונדזער חתונה. דו האָסט געהאַט פאַרשיידענע הייליקע ספרים אין וועלכע דו פלעגסט אַריינקוקן יעדן אָוונט ווען דו פלעגסט זיך צוריקקערן פון בית המדרש... איצט זע איך ביי דיר קיין איינציקן ספר ניט... אַלע דיינע ביכער זיינען גויאישקע... יאָ, ווען איך זע דאָס, ווערט דער ווייטאָג אין מיין האַרצן גרעסער...

— גלויב מיר, שרה, אַז אין פילע פון אָט די דאָזיקע ביכער וועלכע זיינען געשריבן אין דייטש און אין פראַנצויזיש געפינט זיך אַ סך יידישקייט... אָט, צום ביישפּיל, נעם אָט דעם דאָזיקן פראַנצויזישן בוך. דאָ וועסטו געפינען די גאַנצע יידישע געשיכטע פון דער צייט ווען דאָס יידישע פאָלק איז אַנטשטאַנען ביז דעם הייניטקן דור... איך וועל אָט דעם בוך גאָר אין גיכן איבערזעצן אויף לשון קודש... אָט דאָס דייטשע בוך — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ דיקן בוך, איז די ווערק פון איינעם אַ גרויסן יידן, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם חורבן פון צווייטן בית המקדש. זיין נאָמען איז יוסף פלאַוויוס. ער באַשרייבט די געשיכטע ווי מיר וויסן זי פון תנ״ך, נאָר מער באַריכות, און אויך אַזעלכע זאַכן וואָס זיינען אין תּנ״ך ניט אַריין... דו זאָלסט ניט מיינען, אַז אויב די דאָזיקע ספרים זיינען ניט געדרוקט אין פיר־קאַנטיקע אותיות, אַז זיי זיינען ניט קיין יידישע ספרים...

— ספרים מיט גוישע אותיות זיינען ביי מיר ניט יידיש — זאָגט שרה.

— איך קען פון דיר ניט דערוואַרטן, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן!

— אָבער עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט זיך לאָזן עפּס לערנען. דו קומסט צו מיר מיט אַ טענה, אַז איך האָב צו דיר די גאַנצע צייט ניט געשריבן קיין בריף... דו פאַרגעסט אָבער, אַז דו קענסט ניט לייענען קיין געשריבענע בריף... און ווען אַ מאַן דאַרף שרייבן צו זיין ווייב אַ בריף און וויל זיך דורכריידן מיט איר בריפלעך און איר דערקלערן געוויסע זאַכן און אויסדריקן זיינע געפילן, וואָס בלויז זי אַליין דאַרף עס וויסן, און וויבאַלד אַז דאָס איז אוממעגלעך, איך מיין, אַז וויבאַלד דו אַליין וואָלסט די בריף ניט געקענט לייענען און דו וואָלסט באַדאַרפט אָנקומען צו פרעמדע, האָב איך ביי זיך ניט געקענט פועלן צו שרייבן, ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן זיך נעמען גריבלען אין

מיין פערזענלעכן לעבן... איך וויל דיך ניט באַשולדיקן פאַר דעם וואָס דו קענסט ניט שרייבן און לייענען. עס איז ניט דיין שולד! איך ווייס, אַז אין אונדזערע שטעטלעך אין דער היים פאַרנאַכלעסיקן די עלטערן צו לערנען מיט זייערע טעכטער. מען שטעלט זיך צופרידן אויב זיי קענען נאָכזאָגן די זאָגערקע אין שול... אָבער איך האָב ביי זיך ניט געקענט פועלן צו שרייבן בריף צו דיר וואָס אַנדערע וועלן לייענען... איך האָף אָבער, אַז ווען דו וועסט דאָ פאַרבלייבן וועל איך שוין זען, אַז דו זאָלסט אָנפאַנגען צו לערנען אַ ביסל... דו זאָלסט קענען לייענען און שרייבן...

— איך זע שוין, אַז דאָ וועל איך ניט בלייבן מיט דיר! — האָט שרה געזאָגט — דו ביסט אַן עקשן און דו וועסט זיך ניט וועלן ענדערן... דו וועסט מיר זוכן צו קאָרמענען מיט תירוצים, כדי מיר צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, אָבער ניט אַזוי לייכט וועט דיר עס אָנקומען! איך בין טאַקע אַ פּראָסטע יידענע, אַן אומוויסנדע, אָבער מיין קאָפּ איז נאָך ניט אויסגעדאַרט... דו וועסט מיר ניט קענען איבעררעדן, אַז איך זאָל צושטימען צו בלייבן דאָ מיט אַ גוי. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז איך וועל דאָ בשום אופן ניט בלייבן וואוינען מיט דיר סיידן דו וועסט מיר קענען איבערצייגן, אַז דו וועסט זיך אויפפירן דאָ ווי דו האָסט זיך אויפגעפירט אין דער היים, איידער דו ביסט אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד.

— הער זיך איין, שרה, אויב דו ווילסט עפּעס וויסן, וועל איך דיר איצט אַנטדעקן אַ סוד... זייענדיק אַפילו אין נעסוויזש האָב איך ניט איינמאָל פאַר־פעלט דאַוונען און אַפילו לייגן תפילין...

— און וויבאַלד דו ביסט טאַקע אַזאַ אמתדיקער מענטש — האָט שרה זיך צו אים אָנגערופן — פאַרלאַנג איך פון דיר, אַז דו זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת: וועסטו תשובה טאָן מיט דיין גאַנצן האַרצן אויב איך וועל איינשטימען צו פאַרבלייבן מיט דיר דאָ?

— קיינער קען ניט וויסן וואָס די צוקונפט וועט ברענגען, דעריבער קען קיינער ניט צוזאָגן אויף להבא און זיין זיכער, אַז ער וועט קענען האַלטן זיין וואָרט... אַן אמת אָדער ליגן קען מען זאָגן אויף זאַכן וואָס זיינען געווען אָדער ניט וואָס וועלן ערשט דאַרפן זיין — האָט שלמה זיך געזוכט אַרויסצו־דרייען פון צו געבן איר אַ באַשטימטן ענטפער — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מיר וועלן זיך וועגן דעם אַן אַנדערס מאָל דורכריידן און מיר וועלן זען קומען צו אַ טאָלק!

— איך ווייס בלויז, אַז עס איז מעגלעך צוצוזאָגן און האַלטן דאָס וואָרט. אויב מען זאָגט צו און מען האַלט ניט דעם צוזאָג איז עס ביי מיר פאַררעכנט פאַר אַ ליגן!

— ווי אַזוי, אָבער, קען אַ מענטש געבן אַ פאַרשפּרעכן אויף דער צוקונפט און אין דער זעלבער צייט זיין ביי זיך זיכער, אַז ער וועט זיין פאַרשפּרעכן קענען האַלטן! ניין, איך וואָלט אַזאַ פאַרשפּרעכן קיינמאָל ניט געקענט מאַכן, סיידן איך בין זיכער, אַז איך וועל דאָס קענען דערפילן.

— איך ווייס בלויז איין זאַך, אַז יעדער ייד קען ביי זיך באַשליסן צו ווערן גוט און פרום און האַלטן זיין באַשלוס!

— זעסטו, ווען איך וואָלט געווען אויף דער זעלבער מדרגה ווי אַמאָל, וואָלט עס געווען מעגלעך. איצט, אָבער, זיינען פאַראַן געוויסע אומשטענדן, עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע שטרויכלונגען, וואָס מען ווערט זיי דאַרפן איבערקומען, און דעריבער בעט איך דיך דו זאָלסט האָבן אַ ביסל געדולד און מיר וועלן זיכער קענען קומען צו אַ פאַרשטענדעניש...

שרה האָט זיך אַ קער געטאָן און גענומען גיין צו דער טיר.

— ווילסטו דען ניט, אַז איך זאָל דיך אַרויסבאַגלייטן, שרה? — האָט שלמה זי ווידער אַ פרעג געטאָן — איך וואָלט בלויז געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אונדזער זון!

— ניין, דערווייל קען איך ביי זיך ניט פועלן, אַז דו, אַ גלח, מיט אַזעלכע גויאישקע בגדים, זאָלסט דאַרפן פאַרגעשטעלט ווערן אַלס מיין מאַן! ניין, איך וועל אַליין גיין. מאָרגן אין דער פרי וועל איך אַהער קומען מיט דודן. זאָל ער זען און הערן וואָס עס איז געוואָרן פון זיין טאַטן. אפשר וועט ער ביי דיר קענען פועלן, אַז דו זאָלסט ווערן אַ בעל תשובה און זיך מיט אונדז צוריקקערן קיין נעסוויזש, און אָנפאַנגען אונדזער לעבן פון דאָס ניי...

ווען שרה איז אַרויס פון זיין צימער איז שלמה אַ ווילע געבליבן שטיין ווי אַ באַרוישטער. אָט איז נאָר וואָס געשטאַנען פאַר אים זיין ווייב, שרה, וועמען ער האָט שוין איבער צער יאָר ניט געזען. זי האָט זיך אַ סך געענדערט, אָבער זי איז נאָך אַלץ זייער שיין. ער האָט איינגעזען, אַז ער וועט האָבן זייער אַ שווערע אויפגאַבע איר איבערצוצייגן, אַז זי זאָל פאַרבלייבן מיט זיין זון, דודן, דאָ, אין ברעסלע. ער זעט דאָך, אַז זי איז אַזוי איינגעשפאַרט, אַז זי וועט בשום אופן ניט איינשטימען סיידן ער זאָל איר נאָכגעבן... אָבער דאָס איז דאָך פאַר אים אוממעגלעך... וועט ער דען קענען אָפּהיטן יידישקייט ווי זיין ווייב פאַרלאַנגט פון אים?...

איר פלוצלונגער באַזוך האָט אים שטאַרק צערודערט. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז זיין ווייב זאָל מאַכן אַזאַ ווייטע נסיעה, זי, וועלכע איז אויף איר לעבן ניט אַרויסגעפאָרן פון איר שטעטל, זאָל זיך אָנגאַרטלען מיט אַזוי פיל וואַגענדע מוט און אונטערנעמונג. זי איז גראַד דורך דעם ביי אים אין די אויגן געשטיגן. זי פאַרמאָגט ענערגיע און קאָמפּסלוסט... אָבער וואָס וועט זיין דער תכלית? ווי אַזוי וועט ער איצט קענען איינאָרדנען זיין לעבן און זען אויב עס וועט זיין מעגלעך פאַרביידן ווידער זיך צוזאַמענצולעבן? לויט איר איצטיקע עקשנות שיינט עס צו זיין אומוואָרשיינלעך... דערווייל זעט עס אויס, אַז זי וועט אויף אַ האָר ניט נאָכגעבן. זי איז איצט נאָך מער פאַנאַטיש פרום ווי זי איז עס געווען פריער... אפשר וועט אים געלינגען צו באַאיינפלוסן דודן, זיין זון... לויט ווי שרה דערציילט וועגן אים איז ער אַ גוטער לערנער און האָט אַ גוטן קאָפּ. אָ, ווען אים געלינגט צו ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל דאָ פאַרבלייבן מיט אים... ער וואָלט שוין געזען, אַז ער זאָל דאָ ווערן אַ מענטש... ווי, אָבער, זאָל ער איצט פאָרט האַנדלען?

וואָס וועט זיין, אַז זי וועט בלייבן ביי איר עקשנות? אַז זי וועט פון אים פאָדערן, אַז ער זאָל אָדער זיך מיט אומקערן אַהיים און לעבן מיט איר ווי פריער, אָדער ער זאָל איר געבן אַ גט?...

שלמה האָט פאַרבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט זיין פרוי און זון. זיין טרויעריקער לעבן פון זיין קינדהייט אָן ביז דער איצטיקער צייט, מיט אַלע פלאָגענישן און עניוים, מיט אַלעליידן און צרות, האָבן אין זיינע געדאַנקען פאַרבייגעשוועבט. עפּעס האָט אין זיין האַרצן גענומען נאַגן אַ בענקעניש נאָך יענע יאָרן. ווי שלעכט אים איז דאַן געווען, וואָלט ער דאָך געוואָלט איבערלעבן אָט די אַלע יאָרן פון זיין קינדהייט...

ער האָט זיך דערמאָנט פון דעם וועזן וואָס מען פלעגט פון אים מאַכן... ווי אַזוי גרויסע רבנים און לומדים פלעגן אים אַרומרינגלען און נעמען ריידן תורה מיט אים; ווי מען פלעגט אים קניפּן אין בעקל, גלעטן און צערטלען אים. אין זיינע אויערן קלינגען נאָך איצט די רייד פון יענע גרויסע רבנים און תלמידי חכמים וועלכע פלעגן זאָגן צו זיין טאַטן אין דער שטיל: „ער וואַקסט אַ גאון!... דאָס איז אַ כּלי!... ער וועט זיין אַ גדול בישראל!"...

אָ, ווען זיי וואָלטן אים איצט געזען... מן הסתם וואָלטן זיי געוואָרן פּונקט אַזוי דערשטוינט ווי זיין ווייב, וועלכע האָט אים קוים דערקענט אָן אַ באָרד און פאות...

— וואָס וועט אָבער איצט זיין? — האָט אים דער געדאַנק ניט אויפ־געהערט צו פּיקן אין מוח — וועט אים דען געלונגען איבערצורעדן שרהן, אַז זי זאָל פאַרבלייבן מיט אים און זיך איינגאַנצן פאַרלאָזן אויף אים... אָדער זי וועט ניט וועלן איינגיין אויף פּשרות?...

ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף האָט ער זיך גענומען גרייטן אויפ־צונעמען זיין ווייב און זיין זון. ער האָט זיך אַרומגעראַזירט און דערביי גע־שמייכלט פאַרוואָס ער טוט עס. ווייסט ער דען ניט, אַז ער וואָלט שרהן מער צופרידנגעשטעלט ווען ער ראַזירט זיך גאָרניט... אָבער אַזוי איז שוין געווען זיין געוואוינהייט, אַז ווען ער פלעגט זיך דאַרפן טרעפן מיט אַ וויכטיקער פּערזאָן זאָל ער זיך פריש ראַזירן. ער האָט אומגעביטן זיין העמד. און פאַרבונדן זיין קראַוואַט.

— אָ, ווען ער קען ביי זיך פועלן אַנצוטאָן תּפילין, און שרה זעט אים אין טלית און תּפילין, דאַן וואָלט אים שוין ניט אָנגעקומען זייער שווער איר איבערצורעדן, אַז זי זאָל בלייבן מיט אים אין ברעסלע... אָבער ער וועט איר דאָך ניט אָפּנאַרן...

ער האָט די גאַנצע צייט ניט אָפּגעטראָטן פון זיין פענסטער וואָס האָט אַרויס־געקוקט אין גאַס. ווען ער האָט געזען שרהן אָנקומען מיט אַ יונגען בחור האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין זון, דוד. ער האָט שנעל אָנגעטאָן זיין הוט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, און ווען זייערע טריט האָבן זיך געהערט האָט שלמה אויפגעעפנט די טיר און זיי געבעטן אַריינקומען.

— אָט דאָס איז דוד? — האָט שלמה אויסגערופן, זיך ווענדנדיק צו שרהן — איך וואָלט אים קיינמאָל ניט דערקענט!

ער האָט אים געגעבן „שלום עליכם", דריקנדיק זיין האַנט מיט פּאַטערלעכער וואַרעמקייט, און אים דערוויל גוט באַטראַכט. ער געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, זיין פּנים איז שוין געווען באַוואַקסן מיר האָר, זיינע פּאות האָבן זיך געקרייזלט ווי לאָקן אונטער זיין שווערן הוט, אונטער וואָס עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ יאַרמולקע...

— נו, זאָג מיר, דוד, וואָס מאַכסטו, ווי פילסטו זיך? — האָט שלמה געזוכט אַריינצוגיין מיט אים אין אַ געשפּרעך.

— נישקשה! — ענטפערט אים דוד, און ווענדט זיינע אויגן צום באָדן.

— איך האָב געהערט, אַז דו קענסט גוט לערנען! — רעדט שלמה ווייטער.

— בעזרת השם! — זאָגט דוד, נאָך אַלץ האַלטנדיק זיינע אויגן געווענדט צום באָדן. שלמה האָט דערלאַנגט אַ בענקל צו שרהן און ער האָט איר געבעטן זיך צוזעצן.

— איך קען שטיין! — האָט זי זיך ניט געאיילט צו זעצן.

— זעץ זיך, שרה, איך בעט דיך! — איז ער צו איר צוגעשטאַנען.

שרה האָט זיך געזעצט אויף אַ ברעג פון בענקל.

אַ קליינע ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט אין צימער. שלמה האָט דערוויל באַטראַכט זיין זון. ווי עס ווייזט אויס, איז ער אויך זייער פרום... ער וועט האָבן אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע אים איבערצורייידן ער זאָל זיך דאָ אַ ביסל אויסמענטשלען — האָט זיך שלמה געטראַכט — אָבער ער וועט עס דאַרפן טאָן. אין אָט דעם דאָזיקן הילוך וועט דוד דאָ, אין ברעסלע, ניט קענען אַרומגיין. ער וועט זען באַשטעלן פאַר אים אַ בגד ביי דעם שניידער.

— זאָג מיר, דוד, ווי איז געווען די נסיעה? — האָט שלמה ווייטער גענומען ריידן צו אים.

— ברוך השם! — ענטפערט דוד מיט שאָקל מיט זיין קאָפּ.

— האָסטו שוין געזען אונזער שטאָט, ברעסלע?

— וואָס איז דאָ וואָס צו זען? —גיט ער אַ צי מיט זיינע פּלייצעס.

— ברעסלע איז אַ גאַנץ שיינע שטאָט! — רעדט שלמה — דאָ געפינען זיך פילע יידן. אַ סך פון די יידן זיינען תלמידי חכמים. עס זיינען דאָ פאַראַן אַ היפּשע צאָל רייכע יידן. מיר האָבן פיל מער בתי מדרשים און שולן ווי אין נעסוויזש.

— צו וואָס טויגן שולן און בתי מדרשים, אַז מען דאַוונט אין זיי ניט? — רופט זיך אָן שרה.

— ווער זאָגט דיר, אַז מען דאַוונט ניט אין זיי? — פרעגט שלמה.

— וואָס דען, דו דאַוונסט דען יאָ? האָסטו ווען עס איז אַריינגעשמעקט אין אַ בית המדרש אָדער אין שול?

— גלויב מיר, שרה, אַז אַ סך היגע יידן דאַוונען יעדן טאָג.

— און וואָס קומט מיר אַרויס, אַז יענע דאַוונען, ווען דו לייגסט אַפילו ניט קיין תפילין! — האָט שרה אים ווידער גענומען מוסרן.

— פון וואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער, שרה? — פרעגט זי שלמה.

— איך האָב דאָס שוין געוואוסט פון לאַנג! דו מיינסט, אַז אויב דו

האָסט ניט געשריבן האָבן מיר ניט געוואוסט וואו דו ביזט און וואָס דו טוסט! אונדזער רב, זאָל געזונט זיין, האָט זיך צונויפגעשריבן מיט געוויסע רבנים וועלכע האָבן דיך געקענט און אויסגעשריבן אַלץ וואָס מיט דיר איז געשען. זיי האָבן געשריבן, אַז דו האָסט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון יידישקייט, אַז דו קומסט ניט אַריין אין אַ שול אָדער בית המדרש, און אַז דו לייגסט ניט קיין תּפילין!

— זעסטו, דאָס וואָס זיי האָבן געשריבן, אַז איך באַזוך ניט דעם בית המדרש, האָבן זיי געהאַט אַ רעכט צו שרייבן, ווייל מן הסתם האָבן זיין זיך אין דעם איבערצייגט, אָבער ווי אַזוי האָבן זיי געקענט שרייבן, אַז איך לייג ניט קיין תּפילין! פון וואַנען האָבן זיי דאָס געקענט וויסן? זיינען זיי דען געשטאַנען לעבן מיר יעדן טאָג פון אין דער פרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון שלאָף און נאָכגעקוקט אַלץ וואָס איך טו? לייגן תּפילין איז מען ניט מחויב דווקא אין בית המדרש, מען קען דאָס טאָן ביי זיך אין הויז...

— אָבער דו זעסט דאָך, אַז זיי האָבן קיין ליגן ניט דערציילט וועגן דיר. אַלץ וואָס זיי האָבן געשריבן וועגן דיר איז דאָך אמת! ווילסטו מיר אפשר זאָגן, אַז דו האָסט יאָ געלייגט תּפילין פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר?

— נו, לאָמיר איצט וועגן דעם ניט ריידן! — האָט שלמה זיך אָנגערופן

— און זיינע אויגן זיינען געוועגדט געוואָרן אויף זיין זון, וועלכער האָט אויף אים געקוקט מיט שטוינענדע בליקן.

דוד האָט ניט געקענט גלויבן זיינע אויערן... זיין טאַטע האָט דאָך אַזוי גוט ווי מודה געווען, אַז ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, אַז ער גייט ניט אין שול, אַז ער לייגט ניט קיין תּפילין... אמת, ער האָט דאָס טאַקע געהערט פריער. אויך זיין מאַמע האָט אים איבערגעגעבן וועגן איר געשפרעך וואָס זי האָט געהאַט נעכטן מיט זיין טאַטן, אָבער ער האָט אַלץ געוואָלט גלויבן, אַז עס איז ניט אַזוי... אפשר וועט זיין פאָטער אַלץ אויפקלערן... ער האָט אַפילו געגומען טראַכטן פון דעם, אַז עס זיינען פאַראַן די ל״ו צדיקים, וואָס פילע פון זיי גיבן זיך אַרויס פאַר עמי־הארץ און מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען ניט פרום, אָבער אין דער אמתן זיינען זיי זייער פרום, נאָר דאָס טוען זיי באַהאַלטענערהייט, אַז קיינער זאָל ניט מערקן זייער פרומקייט... איצט, אָבער, אַז ער האָט געזען זיין טאַטן אָן אַ באָרד און פאות, איז ער שוין ביי זיך געווען איבערצייגט, אַז זיין טאַטע איז ניט פון די לאַמעד־וואָו צדיקים... ווייל וויפיל אַזאַ צדיק זאָל ניט וועלן פאַרבאַרגן זיין פרומקייט, וועט ער דאָך ניט אָפּגאָלן זיין באָרד און ניט איבערלאָזן קיין סימן פון פאות... דעריבער האָט ער ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף זיין טאַטן מיט שטוינונג... די איינציקע האָפענונג וואָס ער האָט געהאַט אין האַרצן איז געווען, אַז זיין טאַטע וועט זיכער תּשובה טאָן און גאָט וועט אים מוחל זיין פאַר זיינע שווערע זינד...

פאַר אַ ווײַלע האָבן אַלע דריי געשוויגן. שרה האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אויף איר מאַן און פאַרשיידענע געפילן האָבן זיך געראַנגלט אין איר האַרצן... אָט האָט זיך ביי איר ערוועקט איר שטאַרקע ליבע צו אים, איר שלמהן, וועמען זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט פון דעם ערשטן טאָג נאָך

זייער חתונה. ווי זי האָט זיך תמיד געשראָקן, אַז זי איז ניט ווירדיק צו האָבן אַזאַ מאַן ווי שלמהן, וועלכער וועט זיכער זיין אַ גרויסער גאון ווען ער וועט עלטער ווערן! זי האָט זיך גענומען דערמאָנען די צערטלעכע מאָמענטן וואָס זי האָט מיט אים איבערגעלעבט...ווי איר האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד און שטאָלץ, ווען זי פלעגט הערן ווי ער רעדט אין לערנען מיט גרויסע רבנים און לומדים. מיט וואָס האָט זי זיך ביי גאָט פאַרדינט, אַז זי זאָל ווערט זיין צו האָבן אַזאַ מאַן ווי שלמה, מיט וועמען אַלע בענטשן זיך?... באַלד, אָבער, באַנעמען איר די אַנדערע געפילן... וואָס האָט ער צו איר געהאַט, אַז ער זאָל זי אַזוי באַהאַנדלען? פאַרוואָס האָט ער איר פאַראורזאַכט אַזוי פיל אומזיסטע ליידן און צרות? ווי אַזוי קען זי גאָר איצט טראַכטן פון צוזאַמענלעבן זיך מיט אים, ווען ער איז געוואָרן אַזאַ אַפּיקורס? איר דוכט זיך, אַז ער איז אינגאַנצן געוואָרן אַ גוי און זי טאָר אַפילו ניט טראַכטן פון דעם, אַז זי וועט קענען ווערן צו אים אַ ווייב ווי זי איז דאָס געווען פריער... זי וועט זיך ניט קענען דערלויבן, אַז ער זאָל זי אָנרירן... ער איז איר געוואָרן ווילד פרעמד, און אַלע אירע געפילן צו אים פאַרשווינדן...

— נו, איצט, אַז איר זייט דאָ, וועל איך אייך ווייזן די שטאָט און איך באַקענען מיט פילע פון מיינע פריינט, וועלכע זיינען זייער פיינע מענטשן.

— דאָס בין איך דיר מוחל! — האָט שרה געזאָגט — איך בין אַהער ניט געקומען צו זען די שטאָט און וואָס אָנבאַלאַנגט דיינע פריינט, אויב זיי זיינען אַזעלכע אַפּיקורסים ווי דו, וויל איך זיי אַפילו ניט אָנקוקן...

— ברעסלע איז זייער אַ שיינע שטאָט! — רופט זיך אָן שלמה — דו וועסט דאָ זען אַזעלכע זאַכן וואָס דו וואָלסט זיי אַפילו אין חלום ניט געקענט זען.

— טאָ זאָלן זיך פרייען די וועלכע וואוינען דאָ! אַהער בין איך געקומען צוליב איין צוועק, און איצט, אַז דיין זון איז אויך דאָ דערביי, וויל איך דיך נאָכאַמאָל דאָס זאָגן, אַז איך פאַרלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט אָדער זיך צוריקקערן מיט מיר אַהיים, אָדער דו זאָלסט מיר געבן אַ גט...

— דו ווייסט גאַנץ גוט, שרה, אַז אַזאַ זאַך קען ניט באַשלאָסן ווערן אַזוי שנעל. וואָלט איך געהאַט דאָ אָנגעקליבן אַ סומע געלט וואָס וואָלט געווען גענוג צו שטעלן מיך אויף די פיס, אַזוי אַז איך זאָל ניט דאַרפן זיין אָפּהענגיק פון די פאַנאַטיש פרומע יידן פון נעסוויזש, וואָלט איך זיך ניט געזאָרגט. איך קען זיך פאָרשטעלן ווי זיי וועלן מיר אויפנעמען ווען זיי וועלן מיך דערזען אין מיין איצטיקן אויסזען. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין ליטע און אין פוילן האָב איך גאָרניט וואָס צו טאָן סיידן ווערן אַ רב אָדער אַ מלמד... איצט פרעג איך דיך, וואָס פאַר אַ קהילה וועט מיך אָנשטעלן אַלס רב, נאָכדעם ווי מען וועט אויסגעפינען וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט?...

— אָט דאָס טענה איך דאָך, אַז דו האָסט אויף אונדז אַלעמען געבראַכט אַן אומגליק מיט דיין אַוועקגיין פון יידישקייט!

— אָבער דאָס איז דאָך אַ זאַך וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, און עס איז פאַרפאַלן! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — איצט דאַרפן מיר דאָך טראַכטן פון תכלית. וויבאַלד אַז ווען איך זאָל זיך צוריקקערן קיין נעסוויזש אָדער אין אַן

אַנדערער שטאָט אין ליטע און פּוילן וועל איך דאָך ניט האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף פּרנסה, וועל איך דאָך באַלד ניט קענען באַשטימט דיר זאָגן, אַז איך בין גרייט זיך צוריקקערן מיט דיר אַהיים. איך וועל דאָס פריער מוזן באַקאַנט מאַכן מיינע בערלינער גוטע פריינט אַזוי גוט ווי די היגע פריינט. איך וועל זיי דערקלערן מיין לאַגע און זען קריגן פון זיי אַ שטיצע פון עטלעכע הונדערט טאָלער, וואָס וואָלט פאַר מיר מעגלעך געמאַכט זיך צו שטעלן אויף מיינע פיס ביי מיין צוריקקער קיין פּוילן און ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם...

— איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן — האָט שׂרה מיט שטייפקייט אין איר שטימע אַ זאָג געטאָן — אויב דו וועסט איינשטימען זיך צוריקצוקערן מיט מיר און דודן אַהיים, וועסטו מיר מוזן צוזאָגן, אַז דו וועסט ווערן אַ בעל תּשובה און זיך דאָרט אויפפירן פּונקט ווי אַמאָל, איידער דו ביסט אַוועק פון דאָרט אַהער... אַנדערש וויל איך גאָרניט!

— דאָס צוזאָגן קען איך ניט! — האָט שלמה געענטפערט — לויט דיר קומט אויס, אַז איך וועל דאַרפן טאָן זאַכן וואָס זיינען קעגן מיינע איבערציי־גונגען... איך זאָג ניט, אַז אַלץ אין יידישקייט איז ניט גוט. פאַרקערט יידיש־קייט האָט אין זיך זייער פיינע און נוצלעכע מצוות און מנהגים, אָבער עס זיינען פאַראַן אויך ביי אונז אַזעלכע ביי וועמען נאַרישע אַבערגלויבענס זיינען פאַררעכנט פּונקט ווי דאָס וואָלט געגעבן געוואָרן פון באַרג סיני... איך האָב זיך גליקלעכערווייזע באַפרייט פון די קייטן פון אַבערגלויבן און רע־ליגיעזע פאָראורטיילן. איך האָב פאַרלאָרן אַ סך פון די פאַרגרעבטע זיטן פון מיין פריערדיקן לעבנס־שטייגער... עס וואָלט געוועזן פאַר מיר אומ־מעגלעך זיך צוריקצוקערן צו מיין אַמאָליקן לעבן און ניט זיין פאַלש צו זיך און ניט זיין קיין צבועק פאַר אַנדערע... דאָס וועסטו קענען איבערלאָזן צו מיין אייגענעם שׂכל... איך אַליין זאָל אורטיילן וואָס זאָל באַשטיין דער עיקר פון מיין יידישקייט און וואָס ניט...

— און אפשר איז ביי דיר טראָגן אַ באָרד ניט קיין טייל פון יידישקייט? — פרעגט אים שׂרה.

— דאָס קען זיין אפשר אַ סימבאָל פון יידישקייט, אָבער גלויב מיר, אַז דאָס איז אויך ניט קיין עיקר... ווייל דו מעגסט וויסן, אַז עס איז ניטאָ קיין פאַרבאָט אין אונדזער תּורה צו שערן אַ באָרד. דער פאַרבאָט איז בלויז ניט צו גאָלן!

— דו וועסט מיר שוין באַלד וועלן איינריידן, אַז מען מעג טאָן אַלע עבירות!

— דאָס זאָג איך ניט!

— און וואָס איז מכּח דאַוונען אין שול און לייגן תּפילין? — פרעגט שׂרה.

— וועגן דעם וואָלטן מיר זיך ניט באַדאַרפט אַמפּערן! איך וואָלט געקענט טאָן געוויסע זאַכן וואָס וואָלטן ניט געווען אין קעגנזאַץ צו מיינע נייע ער־וואָרבענע פּרינציפּן און קולטורעלע דערגרייכונגען...

— איך בין אַ פּראָסטע יידענע און איך פאַרשטיי ניט וואָס דו רעדסט,

אָבער זאָגן וויל איך דיר, אַז אויב דו האָסט ניט אין זינען צוריק צו ווערן דער זעלבער ייד ווי דו ביסט געווען אַמאָל, וועל איך מיט דיר בשום אופן ניט וואוינען... און די בעסטע זאַך פאַר אונדז ביידן וועט זיין, אַז דו זאָלסט מיר געבן אַ גט!

— דאָס וועלן מיר קיינמאָל ניט פאַרזאַמען! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — מיר דאַרפן ביידע זען געפינען אַ מיטל־וועג, און מיר זאָלן זען אויסצוטרעטן דעם וועג פאַר אונדז, כדי מיר זאָלן זיך קענען צוזאַמענלעבן. יאָ, מיר דאַרפן ביידע איינגיין אויף פשרות!

— ווי פראָסט און ניט געלערנט איך בין, ווייס איך, אַז אין יידישקייט זיינען ניטאָ קיין פשרות... אָדער מען איז אַ ייד און מען היט אָפּ אַלע יידישע דינים און מנהגים, אָדער מען טוט זיך אויס אינגאַנצן פון יידישקייט און מען ווערט אויס ייד!...

— אָט דאָס איז די צרה מיט די עקשנים! — האָט שלמה אויסגערופן — דו און טויזנטער אַנדערע ווי דו היטן אָפּ יידישקייט בלינדערהייט. דו טוסט פאַרשיידענע מצוות און דו ווייסט ניט דעם טעם פאַרוואָס מען דאַרף אַזוי טאָן...

— טאַטע! — האָט זיך שוין דוד אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך — ווייסטו דען ניט, אַז דאָס וואָס יידישקייט האָט ניט אויפגעהערט טראָץ דעם וואָס מיר זיינען הונדערטער יאָרן צעזייט און צעשפּרייט צווישן פאַרשיידענע פעלקער, איז עס אַ דאַנק דער עקשנות פון די פרומע יידן, ביי וועמען עס איז געווען רעכט צו גיין צו דער שחיטה און אומקומען אויף קידוש השם, אַבי ניט אויפגעבן אונדזער תורה און די מצוות וואָס עס זיינען אין איר געשריבן... יאָ, סיי די גרויסע מצוות און סיי די קלענערע מצוות...

— יאָ, דאָס גיב איך צו! — האָט שלמה זיך אָנגערופן, און ער איז געווען צופרידן צו הערן, אַז זיין זון האָט אין זיך דעם מוט צו ריידן אַזוי — אָבער דו דאַרפסט ניט פאַרגעסן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל... אָבער אין אונדזער היינטיקן דור בלאָזן גאַנץ ניין ווינטן... מענטשן האָבן זיך גענומען צום לערנען, צו השכלה. מען זוכט, מען נישטערט און מען פאָרשט... גרויסע מענטשן זעען איין, אַז אונדזער תורה קען בעסער אָנגעהאַלטן ווערן ווען מען שטודירט די נאַטור, די וויסנשאַפט און די פילאָזאָפיע פון לעבן. ווען דו וואָלסט שטודירט דעם „מורה נבוכים" פון דעם רמב"ם, וואָלסטו איינגעזען, אַז ער, דער רמב"ם, האַלט, אַז דאָס אויסבילדונג פון שכל, וואָס מיר רופן עס איצט „השכלה", און די פאַרשיינערונג און פאַרפיינערונג פון די מידות, ברענגען מער נוצן דער אמונה... אַ מענטש וועלכער באַזיצט, אויסער תורה, אויך וועלטלעכע חכמה, און ווייסט ווי אַזוי צו דערקלערן די תורה ניט נאָר לויט איר הייליקייט, נאָר אויך לויט חכמה און לויט דער לאָגיק, וועט ברענגען אַ סך נוצן צום יידנטום...

דוד האָט אויף דעם ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן זיין פאָטער. ער קען זיך דאָך ניט פאַרמעסטן מיט אים. ער האָט דעריבער געשוויגן.

— איך וויל וויסן בלויז ווי איך האַלט מיט דיר, שלמה! — האָט שרה

זיך צו אים אָנגערופן נאָך אַ קליינעם שטילשווייגן — אָדער איך קריג פון דיר אַ גט, אָדער דו וועסט מיט מיר פאָרן צוריק אַהיים און זיך אויפפירן ווי אַ ייד דאַרף זיך אויפפירן.

— קיין זאַך קען ניט געטאָן ווערן אין גרויס איילעניש און אין כאַפּעניש!

— האָט שלמה זיך אָנגערופן — דו און דוד זיינען איצט דאָ. מיר וועלן זען אַלץ אויסצוגלייכן. דו דאַרפסט נאָר האָבן אַ ביסל געדולד!

— מיר דוכט, אַז איך האָב געהאַט מיט דיר ניט נאָר אַביסל נאָר אַ סך געדולד! איך האָב געהאַט צען יאָר געדולד מיט דיר... איצט וויל איך גלייך וויסן וואו איך האַלט מיט דיר! דו מוזט באַשליסן אָדער אַהער אָדער אַהין!

— וואַרט נאָך צו עטלעכע טעג! איך האָב דאָך דיר געזאָגט, איך וועל מוזן אויסגעפינען צי עס וועט פאַר מיר זיין מעגלעך זיך אומצוקערן מיט דיר קיין נעסוויזש און ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם... אפשר וועלן מיינע פריינט מיר קומען צו הילף... איך האָב זייער פיל פריינט וועלכע זיינען גרייט מיר אַ טובה צו טאָן... איז אויב דער אַפּהאַלט פון פרנסה וועט באַזייטיקט ווערן, וועלן מיר דאַן פיליכט קענען קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג... האַ, ניט אַזוי? דערווייל וואָלט איך געוואָלט באַשטעלן פאַר דודן אַ נייעם מלבוש. דער בגד וואָס ער טראָגט איצט איז פון דער לאַנגער רייזע אויסגעריבן געוואָרן און עס פּאַסט ניט פאַר אים ער זאָל טראָגן אַזאַ בגד. וואָס זאָגסטו, דוד? דו וועסט מיט מיר אַריינגיין צום שניידער און ער וועט נעמען אַ מאָס פון דיר און אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער פאַר דיר האָבן פאַרטיק דיין מלבוש!

דוד האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין מוטער און זי האָט זיך אָנגערופן:

— זאָל ער פאַר דיר באַשטעלן אַ בגד, אָבער זאָל ער ניט מיינען, אַז דו וועסט טראָגן אַזעלכע מלבושים ווי זיינע! אויב ער וועט אים ניט אויפנייען קיין בגד וואָס יידן טראָגן ביי אונדז, וועט דיין געלט זיין אַרויסגעוואָרפן, ווייל דוד וועט עס ניט טראָגן.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל ביי אים באַשטעלן אַ מלבוש וואָס ער זאָל קענען אויך טראָגן אין ליטע און אין פוילן, אויב מיר וועלן זיך אַלע אַהין צוריקקערן, און אויך ער זאָל אים קענען טראָגן דאָ, אויב מיר וועלן דאָ אַלע פאַרבלייבן!

— אויב דו מיינסט, אַז דו וועסט מיך קענען איבעררעדן, אַז איך און דוד זאָלן דאָ פאַרבלייבן, מאַכסטו אַ טעות! — האָט שרה זיך אָנגערופן — איך זע דאָך שוין, אַז כל זמן דו וועסט זיך געפינען דאָ, אין דייטשלאַנד, וועסטו צוריק ניט ווערן פרום... אַז דו וועסט זיך צוריקקערן מיט מיר אַהיים, וועל איך זיין זיכער, אַז דו וועסט צוריק ווערן דאָס וואָס דו ביסט געווען איידער דו ביסט אַוועקגעפאָרן פון דאָרט.

— נו, גוט, וועלן מיר דערווייל מער ניט ריידן וועגן בלייבן דאָ. אָבער דערווייל געפינט איר זיך דאָך ביידע דאָ, וואָלט ניט געשאַדט ווען איך צייג אייך ביידן אַ ביסל די שטאָט.

זיי זיינען אַרויס פון צימער אין דרויסן. דוד איז געגאַנגען ביי דער זייט

פון זיין פאָטער און שרה איז געגאַנגען הינטער זיי... זי האָט זיך געשעמט צו באַווייזן אין דרויסן לעבן שלמהן, וועלכער איז אָנגעטאָן אין דייטשע מלבושים, און זיין פּנים איז אַ געגאָלטער ווי ביי אַ גוי...

לאַנגזאַם זיינען זיי געגאַנגען איבער די ענגע, אָבער ריינע געסלעך פון שטאָט. ווען זיי זיינען געקומען צו די גרעסערע און רייכערע גאַסן האָט שלמה זיי אָנגעוויזן אויף געוויסע פּרעכטיקע בנינים אין זיי דערקלערט וואָס זיי זיינען און צו וועמען זיי געהערן.

נאָכדעם ווי זיי זיינען מיד געוואָרן גייענדיק, האָט שלמה זיי צוגעפירט צו זייער אַכסניה. שרה האָט ניט געוואָלט ער זאָל אַריינגיין אינעווייניק.

42

שלמה האָט געקראָגן אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען מיט זיין זון אַ לענגערע צייט. ער האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט וועגן לערנען תורה צוזאַמען מיט דרך ארץ, וואָס אַפילו די חכמים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז זייער גוט.

— דו ווייסט דאָך וואָס רבן גמליאל דער זון פון רבי יהודה הנשיא האָט געזאָגט: „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ”, אַז עס איז זייער שיין און גוט צו פאַראייניקן תורה מיט וועלטלעכע זאַכן, ווי, צום ביישפּיל, פרעמדע חכמה און וויסנשאַפט, ווייל ערשט דאַן קען מען קומען צו אַ תּכלית — האָט שלמה געגומען ריידן מיט זיין זון — איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז וועלטלעכע חכמה איז קיינמאָל ניט קיין שטערונג צו פרומקייט. אָט נעם, למשל, משה מענדעלזאָן, דעם גרויסן געלערנטן, פילאָזאָף און תּלמיד חכם. ער פאַראייניקט אין זיך אָט די אַלע זאַכן, און פונדעסטוועגן היט ער אָפּ די תורה מיט אַלע פּרטים... און לאָמיר דיר זאָגן, אַז ער ברענגט אַ סך מער נוצן צו די יידן דורך זיין וועלטלעכער חכמה, ווייל טאַקע אויף אַזאַ אופן קען ער זיין אַ מליץ יושר פאַר יידן און ער האָט שוין ניט איין יידישע קהילה געראַטעוועט פון אונטערגאַנג, אָדער פון אַ גירוש... איך קען עדות זאָגן, אַז דער גרויסער געלערנטער און חכם, מענדעלזאָן, איז זייער פרום און זיין וויסן פון אַנדערע שפּראַכן און זיין גרויסע קענטענישן אין פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט איז לגמרי ניט אין ווידערשפּרוך צו זיין פרומקייט און צידקות...

— אויב אַזוי, טאַטע, איז דאָך טאַקע אַ פראַגע... — האָט דוד אַ קוק געטאָן אויף זיין פאָטער מיט פאַרשנדע בליקן.

— איך פאַרשטיי וואָס דו ווילסט מיר פרעגן, דוד, מיין זון — ענטפערט אים שלמה — מיין פילאָזאָפישע אַנשויאונג, מיין געדאַנקען־גאַנג, איז אינגאַנצן אַנדערש פון מענדעלזאָנס. יעדער איינער איז באַרעכטיקט צו האָבן זיין מיינונג וועגן אמונה.

איך האַלט אויך ווי דער גרויסער פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער האָט אויסגעדריקט אין זיין פילאָזאָפיע, אַז דאָס וועזן פון דער וועלט אַנטפּלעקט זיך אין צוויי אייגנשאַפטן (אַטריבוטן), אין אויסשפּרייטונג און אין דענקען, אָדער מאַטעריע און גייסט, נאַטור און גאָט זיינען איינס...

— איך באַגרייף נאָך אַלץ ניט וואָס דאָס מיינט! — האָט דוד זיך אָנגע־רופן.

— עס איז נאָך צו פרי פאַר דיר דאָס צו פאַרשטיין און באַגרייפן — האָט שלמה אים געזאָגט — דו וועסט דאַרפן לערנען נאָך אַ סך, אַ סך, ביז וואַנען דו וועסט קענען באַנעמען די גרונט־פּרינציפּן פון שפּינאָזאָס פילאָזאָפיע און זיינע געדאַנקען... דעריבער גלויב איך, אַז מיר זאָלן דערווייל ניט ריידן וועגן מיר און מיין אויפפירונג... אַלץ וואָס איך וויל דיר דאָ דערקלערן איז, אַז עס איז גאַנץ יידישלעך צו באַזיצן תורה מיט ווּיסנשאַפט און איין זאַך שטערט ניט דאָס צווייטע. דו וועסט זיך דאָ קענען אויפפירן פרום און אָפּהיטן די גאַנצע תורה מיט אַלע תרי״ג מצוות אומגעשטערט, און אין דער זעלבער צייט וועסטו אויך קענען געניסן פון וועלטלעכע ווּיסנשאַפט, וואָס וועט דיר שפּעטער אין לעבן ברענגען נוצן ניט דיר אַליין, נאָר אויך דיינע ברידער... פאָלג מיך, מיין זון, פאַרבלייב דאָ מיט מיר, און איך וועל שוין זען מיט דיר צו לערנען אַלגעמיינע ווּיסנשאַפט, און אין דער זעלבער צייט וועסטו קענען לערנען תורה וויפיל דיין האַרץ גלוסט. איך פאַרזיכער דיר, אַז אונטער מיין אויפזיכט און מיין הדרכה און מיט דער פינאַנציעלער אונטערשטיצונג און הילף פון אייניקע פון מיינע פריינט, וועסטו האָבן די מעגלעכקייט צו אַנט־וויקלען און אויסבילדן דיינע גוטע נאַטירלעכע פעאיקייטן, וואָס וועט דיר ברענגען אַ גוטן תכלית!

— אָבער וואָס וועט די מאַמע אויף דעם זאָגן? — רופט זיך אָן דוד.

— דעריבער וויל איך טאַקע, אַז דו זאָלסט מיר העלפן איר איבערריידן, אַז אירביידע זאָלט דאָ פאַרבלייבן מיט מיר. איך בין זיכער, אַז זי וואָלט זיך צו דיר בעסער צוגעהערט ווי צו מיר. דו וועסט קענען איר פאַרזיכערן, אַז דאָ וועסטו קענען אָפּהיטן יידישקייט פּונקט ווי אין נעסוויזש, אָבער דאָ וועסטו זיך גרינגער קענען דערשלאָגן צו אַ תכלית... ווייסטו נאָך וואָס דו וועסט איר קענען זאָגן, אַז דו וועסט זען ווירקן אויף מיר זיך צו ענדערן...

— וועט טאַקע אַזוי זיין דער פאַל? — פרעגט דוד זיין פאָטער.

— וועגן דעם דאַרף איך דאָך איצט מיט דיר ניט ריידן. דו, אָבער, וועסט עס קענען אויסנוצן, כּדי איר איבערצוצייגן, אַז זי דאַרף דאָ פאַרבלייבן מיט מיר צוזאַמען מיט דיר...

— אָבער איך וועל דאָך איר ניט קענען זאָגן קיין ליגן!

— דאָס וועט דאָך זיכער ניט זיין קיין ליגן. אַלץ וואָס דו וועסט איר זאָגן איז, אַז דו וועסט „זען" ווירקן אויף מיר... איך גלויב, אַז אויב דיין מוטער וועט דאָ וועלן פאַרבלייבן וועלן מיר זיכער געפינען אַ מיטל־וועג וואו מיר וועלן זיך קענען אויסגלייכן און מיר וועלן זיך דאָ קענען בעסער צוזאַמענ־

לעבן ווי אין נעסוויזש... האַ, זאָג מיר, וואָלסטו דאָס געוואָלט אויספּרובירן, בפרט ווען איך פאַרזיכער דיר, אַז קיינער וועט דיר ניט שטערן צו זיין פרום?

— איך וואָלט געוואָלט, אויב די מאַמע וועט איינוויליקן דאָ צו פאַרבלייבן...

— אַז דו זאָלסט נאָר ווען, וואָלסטו איר געקענט איבערצייגן, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר אונז אַלעמען דאָ צו פאַרבלייבן... דיין באָבע וועט זיכער קענען אויסקומען אָן איר און מיר וואָלטן דערוויל געקענט אַלע צוזאַמען נעמען אַ פיינע דירה... איך זאָג דיר, אַז דאָס ווענדט זיך אָן דיר!

— ניין, איך ווייס ניט, צו דאָס ווענדט זיך אָן מיר! האָט דוד זיך אָנגערופן — די מאַמע האָט מיר נאָך נעכטן געזאָגט, אַז זי וואָלט בשום אופן ניט מסכים געווען צו פאַרבלייבן דאָ, אין דייטשלאַנד, אַפילו ווען דו וואָלסט איר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג!

— דאָס איז געווען נעכטן! — האָט שלמה אַ שמייכל געטאָן — יאָ, נעכטן האָט זי אַפילו זיך ניט געוואָלט באַווייזן מיט מיר אין גאַס, און היינט האָסטו דאָך געזען, אַז מיר זיינען צוזאַמען אויסגעגאַנגען באַלד אַ האַלבע שטאָט. גלויב מיר, אַז ווען זי וועט אַפּזיין נאָך עטלעכע טעג וועט איר עקשנות אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט ווערן... איך וועל פאַר איר באַשטעלן אַ נייעם מאַנטל און איך וועל זען, אַז זי זאָל זיך דאָ איינשאַפן נאָך עטלעכע זאַכן וואָס זי ברויכט נויטיק, און זי וועט איינוויליקן צו בלייבן!

— אָ, ניין, טאַטע! דו האָסט די מאַמען ניט געזען שוין צען יאָר, קענסטו זי ניט ווי איך... אַז זי זאָגט ניין, וועט עס אַזוי בלייבן. סיידן דו וועסט איינוויליקן איר נאָכצוגעבן!

— וואָס קען איך איר נאָכגעבן?

— דו זאָלסט לאָזן וואַקסן דיין באָרד און פאות. דו זאָלסט צוריק אָנפאַנגען גיין דאַוונען אין שול, לייגן תפילין און בכלל אָפּהיטן יידישקייט ווי זי פאַרשטייט עס, דאַן קען זיין, אַז זי וועט זיך לאָזן איבעררייידן.

— דאָס איז דאָך לעכערלעך! — האָט שלמה אויסגערופן — איך וועל זיך אַזוי עקסטרעם ניט קענען ענדערן. איך קען נאָכגעבן קליייניקייטן, ווי, צום ביישפּיל, ניט גיין אין הויז אָן אַ היטל, אָדער ניט מחלל־שבת זיין, ווי שרייבן אָדער טאָן אַנדערע זאַכן... יאָ, זי וועט זיך דאַרפן באַגנוגנען מיט דעם און איך בין זיכער, אַז ווען זי וועט פאַרבלייבן דאָ אַ לענגערע צייט, וועט זי שוין אַליין איינזען, אַז דאָ קען מען זיך ניט אויפפירן ווי מפירט זיך אויף אין אַ שטעטל אין ליטאַ־פוילן... דאָ דאַרף מען זיין מער איינגעהאַלטן... מען קען זיין פרום, אָבער מיט אַ מאָס...

— איך וועל פּרובירן ריידן מיט איר — האָט דוד אַ זאָג געטאָן — איך אַליין בין טאַקע גענויגט דאָ צו פאַרבלייבן, פאַרשטייט זיך, אַז בתנאי איך זאָל קענען אָפּהיטן יידישקייט ווי איך האָב עס געטאָן אין נעסוויזש, אָבער אָן דער מאַמען וואָלט דאָס דאָך פאַר מיר געווען אוממעגלעך, דאַריבער וועל איך מיט איר זיך דורכריידן...

— נו, זייער גוט — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — דו דאַרפסט טאָן אַלץ וואָס עס וועט פאַר דיר מעגלעך זיין איר איינצורייידן, אַז עס וועט זיין בעסער

פאַר איר צו בלייבן מיט מיר דאָ, אַפילו ווען געוויסע זאַכן וועלן ניט זיין ווי זי וואָלט געוואונטשן, איידער אַרויסצובאַקומען פון מיר אַ גט.

דער צוואַנציק יעריקער דוד, שלמהס זון, איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ טשאַד. עפּעס אין אים האָט געצויגן צו דעם נייעם לעבן אין דײַטשלאַנד. דאָ איז אַלץ אַנדערש ווי אין דער היים. ער האָט זיך דורך די עטלעכע טעג וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ברעסלע מיט זיין מוטער, באַקענט מיט אַ צאָל יידן אין שול און אין בית המדרש, און כאָטש די דאָזיקע יידן זיינען אויך געווען גאַנץ פרום און אייניקע האָבן אַפילו געקענט לערנען, זיינען זיי דאָך אין זיינע אויגן געווען אַ סך אַנדערש פון די יידן פון ליטע און פוילן. זיי זיינען געגאַנגען אַנדערש אָנגעטאָן. זיי האָבן גערעדט אַנדערש און מיט מער גע־לאַסנקייט. דאָ האָט זיך ניט אָנגעזען די אָרעמקייט ווי אין דער היים.

זיין פאָטערס פאַרלאַנג, אַז ער זאָל דאָ בלייבן מיט אים, האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אפשר וואָלט טאַקע פאַר אים דאָ געווען אַ בעסערער תכלית ווי עס שטייט אים פאַר אין נעסוויזש, אַפילו ווען ער זאָל שוין קענען קריגן סמיכה אויף רבנות... אמת, זיין טאַטע איז ניט פרום, אָבער ער זאָגט דאָך אים צו, אַז ער וועט זיך ניט מישן אין זיין פרומקייט. ער וועט אויך דאָ קענען זיין אַזוי פרום ווי דאָרט, אין דער היים... אָבער דאָ וועט זיין פאָטער קענען האַלטן אַן אויג אויף אים און אים העלפן דערגרייכן אויך וועלטלעכע חכמה, וואָס, ווי ער קען איצט זען, איז עס זייער וויכטיק. אין דעם הינזיכט זעט ער איין, אַז זיין פאָטער איז גערעכט, אַז עס איז זייער גוט צו דער תורה וועלטלעכע וויסנשאַפט, ווי עס שטייט אין פּרק: „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ“. אָבער ווער ווייסט וואָס מיט אים וועט נאָך פּאַסירן אויב ער וועט דאָ בלייבן און פאַרזוכן פון דעם עץ הדעת (פון בוים פון וויסן)... ער קען דאָך נאָך, חלילה, אויך אַרונטערגליין פון גלייכן וועג און ווערן אַן אַפּיקורס... אָבער ניין, דאָס וועט מיט אים קיינמאָל ניט געשען. זיין תורה און פרומקייט איז אין אים אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצלט, אַז קיין שטורם־ווינט אַפילו וועט אים ניט אָוועקרייסן פון זיין פּלאַץ...

דוד האָט ווייטער געטראַכט:

זיין טאַטע האָט דאָך אַליין צוגעגעבן, אַז ער פלעגט שוין פאַרפעלן צו לייגן תפילין ווען ער איז נאָך געווען אין נעסוויזש... יאָ, ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין היים האָט שוין אין אים געברויזט די אַפּיקורסות... דעריבער איז ער אַזוי שנעל איינגעגאַנגען אַרונטער פון דרך הישר... ער, אָבער, וועט זיך האַלטן ביי זיין פרומקייט זיין גאַנצן לעבן, און ער דאַרף גאָר קיין מורא ניט האָבן, אַז זיין בלייבן אין ברעסלע וועט אויף אים ווירקן צו שלעכטן... איצט איז די פראַגע צי עס וועט מעגלעך זיין פאַר אים צו בלייבן אין ברעסלע. דאָס ווענדט זיך איינגאַנצן אָן זיין מאַמען. אויב זי וועט איינוויליקן צו בלייבן, און זיך צוזאַמענלעבן מיטן טאַטן, וועט דאָס זיין די בעסטע זאַך פאַר אַלעמען. ער האָט דעריבער טאַקע באַשלאָסן צו האָבן אַ געשפּרעך מיט זיין מאַמען און זיך מיען איר איבערצוצייגן, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר איר צו בלייבן דאָ וואוינען מיט איר מאַן און זען טאָן אַלץ וואָס זי וועט נאָר קענען צו ווירקן

אויף זיין טאַטן ער זאָל ווערן אַ בעל תשובה... ער איז זיכער, אַז זי וועט עס זיכער קענען באַווייזן.

שוין אין דעם זעלבן אָוונט האָט דוד געמומען ריידן מיט זיין מאַמען וועגן זיין טאַטן.

— דו ווייסט, מאַמע, אַז ווען איך בין מיט דעם טאַטן געגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ער האָט זייער פיל פריינט!

— נו, ווער מיינסטו זיינען זיינע פריינט? — האָט שרה אַ זאָג געטאָן — פונקט אַזעלכע אַפּיקורסים און טרייפניאַקעס ווי ער! זיי זיינען ניט קיין יידן און ניט קיין גוים...

— ניט אַלע זיינען דאָס אַפּיקורסים — האָט דוד פּרובירט דאָס צו מאַכן צו קליינגעלט — ער האָט פילע גוטע פריינט אויך צווישן פרומע יידן תלמידי חכמים! איך האָב געקענט מערקן, אַז זיי האַלטן זייער שטאַרק פון אים, און זיי הערן זיך צו צו זיינע רייד!

— נו, אַ גליק האָט מיר געטראָפן, אַז זיי האַלטן פון אים! וואָס וועט מיר שוין פון דעם אַרויסקומען? ער וועט זיך דאָך אַלץ איינס ניט ענדערן!

— פון וואַנען ווייסטו, אַז ער וועט זיך ניט ענדערן? — רופט זיך אָן דוד — איך האַלט, אַז דער טאַטע וועט זיך נאָך ענדערן צום גוטן. דו וועסט זען. איבערהויפּט ווען דו וועסט דאָ בלייבן און מיר וועלן אַלע וואוינען צוזאַמען, וועסטו שוין קענען ווירקן, אַז ער זאָל ווערן גוט און פרום.

— האָט ער דיר דען געזאָגט, אַז ווען איך בלייב דאָ וואוינען מיט אים, וועט ער תשובה טאָן, און וועט זיך נעמען אויפפירן ווי אין דער היים, צו גאָט און צו לייט?...

——ער האָט מיר דאָס ניט געזאָגט, אָבער פון זיינע רייד פאַרשטיי איך, אַז אויב דו בלייבסט דאָ מיט אים וועט ער זען ווי ווייט מעגלעך ניט מחלל שבת צו זיין. ער וועט אַפילו טראָגן אַ היטל אין הויז...

— און וואָס איז מכּח דאַוונען און לייגן תפילין און טאָן די אַנדערע מצוות וואָס יעדער ייד דאַרף טאָן? — טוט אים שרה אַ פרעג.

דוד האָט איר אויף דעם ניט געענטפערט.

— נו, איך זע שוין, אַז דאָס וועט ער ניט טאָן... אויב אַזוי, וועל איך מיט אים ניט פאַרבלייבן אין ברעסלע. איך וועל פון אים פאָדערן אַ גט!

— מאַמע, אַ גט וועסטו דאָך קיינמאָל ניט פאַרזאָמען! — האָט דוד זיך אָנגערופן — אפשר זאָלן מיר פּרובירן וואוינען מיט אים אַ שטיקל צייט און דערוויל וועלן מיר ביידע זען ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל תשובה טאָן!

— וואָס הייסט, דו ווילסט איך זאָל וואוינען מיט אַן אַפּיקורס, וועלכער דאַוונט ניט און וועלכער היט ניט אָפּ יידישקייט... ביי דיר איז רעכט אַז איך זאָל פאַרלירן ביידע וועלטן... יאָ, די וועלט האָב איך שוין אַזוי גוט ווי פאַרלאָרן, איצט זאָל איך נאָך אויך פאַרלירן יענע וועלט?

— אָבער מאַמע, ער איז דאָך דיין מאַן, און דו וועסט קיין זינד זיכער ניט באַגיין מיט דעם וואָס דו וועסט מיט אים זיין ווי דו ביסט געווען פריער, איידער ער האָט דיך פאַרלאָזן!

— ווען ער האָט מיך פאַרלאָזן איז ער געווען אַ ייד ווי אַלע יידן, און איצט איז ער ביי מיר קיין ייד ניט!

— האָסטו דען ניט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער פלעגט שוין דאַן, ווען ער איז נאָך געווען אין נעסוויזש, איבערהיפּן אַ דאַוונען און ניט לייגן קיין תּפילין אַ פּאָר מאָל אין וואָך, פונדעסטוועגן האָסטו דאָך מיט אים געוואוינט.

— נו, דאַן האָב איך דאָך דאָס ניט געוואוסט... איך האָב געמיינט, אַז ער דאַוונט יעדן טאָג. איצט, אָבער, אַז איך ווייס, אַז ער וועט ניט אַריינשמעקן אין אַ שול אָדער אין אַ בית המדרש, וועל איך פאַרדינען אַן עבירה ווען איך זאָל צוריקגיין מיט אים וואוינען!

— איך בין אָבער איבערצייגט, אַז ביסלעכווייז וועסטו אויף אים קענען ווירקן ער זאָל זיך ענדערן — האָט דוד געזאָגט.

— ווען ער וואָלט געהאָט בדעה זיך צו ענדערן וואָלט ער ניט געבליבן אַזוי פאַרעקשנט — זאָגט שרה — מיך וועט ער ניט נאַרן! אויסער דעם, האָב איך זיך שוין גענוג אָנגעהערט וועגן אים פון עטלעכע פרומע יידן וועלכע קענען אים גאַנץ גוט, און זיי האָבן מיך געוואָרנט זיך ניט אונטערצוגעבן סיידן ער וועט שווערן ביי אַ ספר תּורה, אַז ער וועט אָפּהיטן יידישקייט ווי אַלע פרומע יידן!

— דאָס וועט ער זיכער ניט טאָן — זאָגט דוד — אָבער ווען דו בלייבסט דאָ מיט אים, וואָלטן מיר ביידע צוזאַמען שוין געזען ווירקן אויף אים, אַז ער —זאָל ווידער פרום ווערן!

— און דו וואָלסט דאָ געוואָלט בלייבן? — האָט שרה אים פלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס ניט? דאָ זיינען אויך פאַראַן בתּי מדרשים און אַ היפּש ביסל פרומע יידן, תּלמידי חכמים. יאָ, מען קאָן דאָ זיין זייער פרום און לערנען תּורה פונקט ווי אין אונדזער שטעטל נעסוויזש... די היגע רבנים זיינען דאָך אויך גאַנץ באַרימט פאַר זייער פרומקייט און לערנען...

— איך זע דאָך שוין, אַז דיין טאַטע האָט מיט דיר איינגעטענהט, אַז ביי דיר איז שוין רעכט דאָ צו פאַרבלייבן און זיין אונטער זיין השפּעה און ווירקונג!

—פאַרשטייט זיך, אַז אַן דיר וועל איך דאָ ניט פאַרבלייבן! ווען דו בלייבסט דאָ און מיר וואוינען דאָ אַלע דריי צוזאַמען, וואָלט איך דאָ פאַרבליבן. איך וואָלט דאָ געלערנט אין בית המדרש און געזען איבערצוריידן מיטן טאַטן ער זאָל אָנפאַנגען גיין אין בית המדרש...

— און דו מיינסט, אַז דיינע רייד וועלן אויף אים האָבן אַ ווירקונג?

— אַליין טאָקע ניט, אָבער צוזאַמען מיט דיר האָף איך, אַז מיר וואָלטן געקענט אויף אים ווירקן!

— איך וויל, אַז דו זאָלסט הערן וואָס אייניקע פרומע יידן, וועלכע קענען דיין טאַטן און זיי וויסן צוליב וואָס מיר זיינען אַהער געקומען, זאָגן. איך האָב מיט זיי גערעדט און זיי האַלטן, אַז דיין טאַטע וועט זיך שוין קיינמאָל ניט ענדערן צום בעסערן און דעריבער בלייבט פאַר מיר איבער איין איינציקער וועג און דאָס איז: אַ גט!

— אַ גט?! — האָט דוד מיט אומעט אַ זאָג געטאָן — אויב דו וועסט פון אים פאָדערן אַ גט, טאָ וואָס וועט ווערן פון אונדז?

— וואָס הייסט, וואָס? מיר וועלן צוריקפאָרן קיין נעסוויזש... איך וועל איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן וואו איך האַלט אין דער וועלט... ווי לאַנג איז דער שיעור אָפּצופּינסטערן אַ וויסטע עגונה? דו וועסט דאָרט קריגן סמיכה און מיר וועלן זען טאָן אַ שידוך מיט דיר...

— איך בעט דיך, אָבער, לאָמיר ניט מאַכן קיין איבעראײַלטן שריט — האָט דוד זיך אָנגערופן צו זיין מוטער, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן.

— איך וועל זיך נאָך וועגן דעם באַראָטן מיטן היגן רב, וועלכער איז אויך דער אַב־בית־דין. איך וועל הערן וואָס ער וועט אויף דעם זאָגן. ער האָט דאָך געשריבן דעם בריוו צו אונדזער רב, און ער ווייסט אַלץ וועגן דיין טאַטן. אויב ער וועט מיך הייסן דאָ פאַרבלייבן וואוינען מיט אים, וועל איך דאָן זען וואָס איך האָב צו טאָן.

— פונדעסטוועגן וואָלט געווען אַ סך בעסער ווען מיר קומען זיך צוזאַמען און רעדן זיך דורך יעדן טאָג. אפשר וועלן מיר פאָרט קומען צו אַ טאַלק... דער טאַטע איז דאָך אַ גרויסער למדן און מען קען אים ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט...

— צוליב דעם איז דאָך דער ווייטאָק שטאַרקער! — זאָגט שרה — ווייל ער איז אַזאַ גרויסער למדן, אַז ער קען זיך פאַרמעסטן אין לערנען מיט די גרעסטע רבנים און למדנים, האָט ער באַדאַרפט וויסן ווי זיך אויפצופירן ווי אַ פרומער ייד, אָבער ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס און ער איז דערצו אַזוי פאַרעקשנט, אַז מען קען מיט אים ניט ריידן.

— איך פיל, אַז ווי באַלד ער האָט שוין עטוואָס נאָכגעגעבן, איך מיין, דאָס וואָס ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט ניט מחלל שבת זיין, און אַפילו גיין מיט אַ היטל אין הויז, וועלן מיר שפּעטער אַביסל מער קענען פועלן ביי אים!

— דו מיינסט טאַקע, אַז ער זאָגט צו ניט מחלל שבת צו זיין, וועט ער טאַקע אָפּהיטן שבת? — האָט שרה זיך אָנגערופן — איך האָב שוין דאָס טאַקע דערמאָנט פאַר איינעם פון די פרומע יידן, אַז שלמה זאָגט מיר צו, אַז ער וועט ניט מחלל שבת זיין, ווייסטו וואָס יענער ייד האָט מיר אויף דעם געזאָגט? ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך גוט היטן, אַז מען זאָל ניט זען ווי ער איז מחלל שבת. ווען אָבער ער וועט זיין זיכער, אַז קיינער מערקט אים ניט, וועט ער מחלל שבת זיין און טאָן אַנדערע עבירות...

— נו, מילא, וואָס קענען מיר צו דעם דערלייגן? — האָט דוד געזאָגט — אויב מיר וועלן אויסגעפינען דאָן, אַז ער נאַרט אונדז, וועסטו דאָך נאָך דאַן צייט האָבן צו פאָדערן פון אים אַ גט!

— דאַן וועט עס מיר שוין ניט אַזוי לייכט אָנקומען! — האָט שרה געזאָגט — אויסער דעם, ווי אַזוי וועל איך קענען צוריקפאָרן קיין נעסוויזש? איך וועל דאָך דעם בעל עגלה ניט קענען אויסהאַלטן די גאַנצע צייט... איך

וועל עס מוזן וויסן אין די קומענדע עטלעכע טעג, אָדער אַהער אָדער אַהין...
איך האַלט דעריבער, אַז ער וועט מיר דאַרפן גוט איבערצייגן, אַז ער האָט
אין זינען זיך צו ענדערן צום בעסערן, וועל איך דאַן בלייבן. טאָמער ניט, וועל
איך פאַרלאַנגען אַ גט פון אים און מיר וועלן זיך צוריקקערן קיין נעסוויזש!

אויף מאָרגן, נאָך האַלבן טאָג, איז שלמה געקומען באַזוכן זיין פרוי און
זיין זון. שרה האָט שוין געהאַט צוגעשטעלט קאַכן מיטאָג פאַר איר און דוד.
זי האָט דאַן איינגעלאַדן אויך שלמהן צו עסן מיטאָג צוזאַמען מיט זיי. שלמה,
אָבער ער האָט זיך ענטזאָגט. ער האָט אָנגעגעבן אַלס תירוץ, אַז ער האָט
ערשט ניט לאַנג צוריק געגעסן. אין דער אמתן, אָבער האָט ער ניט געוואָלט
עסן ביי איר צוליב אַ גאַנץ אַנדער סיבה. ער האָט זיך געטראַכט, אַז אויב
ער וועט זיך זעצן עסן, וועט ער דאָך זיך דאַרפן גיין וואַשן צום עסן, מאַכן
המוציא און דערנאָך בענטשן. דאָס וואָלט ביי אים געהייסן, אַז ער נאַרט זי
אָפּ, ווייל ער וועט דאָך דאָס ניט טאָן ווייל ער גלויבט אין דעם, נאָר כּדי
איר צו באַווייזן, אַז ער איז גוט און פרום, וואָס דאָס מיינט זיין פאַלש צו זיך
און צו איר...

ער האָט זיך געזעצט אין אַ זייט און צוגעקוקט ווי זיין פרוי און זון
עסן פון דעם געקעכטץ וואָס זיין ווייב, שרה, האָט אַליין געקאָכט. אים האָט
זיך שוין פון לאַנג געבענקט נאָך איר קאָכן... זיין שרה איז געווען זייער
אַ גוטע קעכין, און זי פלעגט פאַר אים מאַכן פאַרשיידענע פּאַטראַוועס, וואָס
ער פלעגט זייער שטאַרק ליב האָבן... אים האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט צו
פאַרזוכן פון דעם געקעכטץ, אָבער ער האָט זיך באַהערשט. ער האָט געזען
ווי ביידע, דוד און זיין מאַמע, וואַשן זיך צום עסן, ווי זיי זאָגן די ברכות, ווי
זיי בענטשן נאָכן עסן... ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט עס בשום אופן ניט
געקענט טאָן...

— אַ, ווען איך וואָלט געווען הונגעריק, וואָלט איך זיכער געגעסן פון
דיין געקעכטץ — האָט שלמה זיך אָנגערופן צו שרהן — דיינע עסנס האָבן
מיר אַלע מאָל געשמעקט. דו ביסט זייער אַ גוטע קעכין! איך האָף, שרה, אַז
דו וועסט זיך אַרומזען און פאַרבלייבן דאָ, מיט מיר, צוזאַמען מיט דודן...
דאַן וועסטו ווידער קאָכן דיינע געשמאַקע מאכלים און באַקן די טייערע זעמל!

שרה האָט זיך גענומען רויטלען, אָבער זי האָט קיין וואָרט ניט אַרויס־
גערעדט. זי האָט ניט געוואָלט אַריינגיין איצט אין אַ שמועס מיט אים וועגן
זיין פרומקייט...

— דו ווייסט, שרה! — האָט שלמה וויטער גערעדט — דודס קאַפּאָטע
וועט מאָרגן זיין פאַרטיק! איך האָב זיך שוין דורכגערעדט מיט אַ נייטאָרין,
און זי וואָלט געוואָלט נעמען פון דיר אַ מאָס, וועט זי דיר אויפנייען אַ ניי קלייד
לכּבוד שבת און יום טוב.

— קליידער ליגן מיר איצט ניט אין זינען! האָט שרה קורץ אַ זאָג גע־
טאָן — דערווייל האָב איך נאָך, אַ דאַנק גאָט, וואָס צו טראָגן... שפּעטער וועלן
מיר זען!...

— אַזעלכע וואָרע ווי מען קריגט דאָ און אַזעלכע נייטאָרינס ווי עס זיינען

פֿאַראַן דאָ, וועסטו אין נעסוויזש קיינמאָל ניט קריגן. אַז דו ביסט שוין דאָ, מעגסטו זיך טאָקע לאָזן נייען אַ ניי קלייד פֿאַר יום טוב.

— ניין, איך בין דיר מוחל דאָס נייע קלייד! האָט שרה מיט עטוואָס ביטערקייט אין איר שטימע געזאָגט — דו וועסט מיך מיט אַ נייעם קלייד ניט אָפּקויפֿן. אַלץ וואָס איך פֿאַרלאַנג פֿון דיר איז, אַז דו זאָלסט צוריק ווערן דאָס וואָס דו ביסט געווען, און זיך מיט מיר צוריקקערן קיין נעסוויזש, וואו מיר וועלן אָנהייבן פֿון וואַנען מיר האָבן איבערגעלאָזן.

— וועגן מיין צוריקקערן זיך קיין נעסוויזש, איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן! — האָט שלמה זיך אָנגערופֿן — איך האָב דאָך דיר דאָס דערקלערט קלאָר און דייטלעך... דאָס איז אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך פֿאַר מיר. זעסטו, דו און דוד וואָלטן זי גאַנץ שנעל געקענט צופּאַסן צו דעם היגן לעבן. דוד האָט זיך שוין אַרומגעזען, אַז דער וועלכער וויל בלייבן אַ פֿרומער ייד קען עס באַווייזן אויך אין ברעסלע...

— דו, אָבער, שלמה, האָסט עס ניט באַוויזן! — האָט שרה אַ זאָג געטאָן.

— וועגן מיר איז עפּעס אַנדערש! איך קען דאָס דיר איצט ניט דערקלערן, אָבער מיט דער צייט וואָלסטו אַליין איינגעזען, אַז איך בין ניט אויסן צו טאָן שלעכטס!

— ווען דו לייגסט ניט קיין תּפֿילין, אָדער דו ביסט מחלל שבת טוסטו דערמיט קיינעם קיין שלעכטס, נאָר זיך אַליין! דו אַליין וועסט אויף יענער וועלט דאַרפֿן אָפּגעבן דין וחשבון פֿאַר דיינע זינד אויף דער וועלט...

— אויב אַזוי, דאַרף דיר דאָך ניט אַרן אויב איך פֿיר זיך ניט אויף פֿרום, לויט די באַגריפֿן פֿון די פֿרומע יידן און לויט דיינע באַגריפֿן. די שמיץ פֿאַר מיינע זינד וועל איך דאָך אַליין קריגן... דיר וועט דאָך קיינער ניט באַשטראָפֿן צוליב מיר!

— יאָ, אַז איך וועל זיין פֿון דיר געג׳גט, וועל איך זיכער ניט דאַרפֿן ליידן פֿאַר דיינע זינד — האָט שרה געזאָגט — אָבער אויב איך זאָל איינשטימען צו בלייבן דיין ווייב און צוריק וואוינען מיט דיר, וועל איך דאַרפֿן ליידן צוליב דיינע עבֿירות אויף יענער וועלט...

— ווען מיר וועלן קומען אויף יענער וועלט פֿאַר דעם בית־דין של מעלה, וועל איך דאָרט נעמען אַלע זינד אויף זיך. און איך וועל זיי דאָרט פֿאַרזיכערן, אַז דו ביסט ריין פֿון זינד!

— דאָס אַליין וואָס איך וועל וואוינען מיט אַן אַפּיקורס, וועט דאָס פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר אַ זינד! — האָט שרה טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ — אָ, ניין, איך וועל בשום אופֿן ניט איינשטימען צו פֿאַרבלייבן מיט דיר דאָ, סיידן דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט תּשובֿה טאָן און אָנהייבן אָפּצוהיטן יידישקייט!

— הער זיך איין, שרה, איך וויל מיט דיר ריידן גאַנץ אָפֿן — האָט זיך שלמה צוגעזעצט נעבנטער צום טיש — אַלץ וואָס דו ווייסט פֿון דעם לעבן אין אַלגעמיין און פֿון דער יידישער אמונה בפֿרט, איז וואָס דו האָסט געהערט פֿון דיין מאַמען... דעם טאַטן דיינעם האָסטו דאָך אַפֿילו ניט געקענט. גע־

לערנט האָסטו ניט. איך זאָג ניט, אַז דאָס איז דיין שולד... אפשר איז דאָס די שולד פון אַלע עלטערן וועלכע האַלטן, אַז טעכטער דאַרפן גאָרניט וויסן, נאָר בלינדערהייט פאָלגן וואָס מען זאָגט זיי, אַפילו ווען דאָס זאָגן קומט פון אומ־וויסנדע מענטשן, אָט, למשל, ווי דיין מאַמע. דיין גאַנצע פרומקייט באַשטייט אין דעם וואָס דו טוסט נאָך דיין מאַמען, וועלכע ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס און פאַר ווען... דו ווייסט ניט פאַרוואָס דאָס מעג מען און דאָס טאָר מען ניט טאָן... דו מעגסט וויסן, אַז יעדע מצווה וואָס אונדזער תּורה זאָגט אונדז אָן צו טאָן האָט אַ טעם, אַ סיבה פאַרוואָס דאָס זאָל אַזוי געטאָן ווערן... די זעלבע זאַך איז מיט יעדער עבירה, וואָס מען טאָר ניט טאָן... עס זיינען פאַראַן אַזעלכע מצוות אָדער עבירות, וועלכע נויטיקן זיך בכלל ניט אין קיין טעם. אָט לאָמיר נעמען די מצווה פון כּיבוד אָב ואם; אָפּגעבן כּבוד דעם טאַטן און דער מאַמען נויטיקט זיך ניט אין קיין דערקלערונג. יעדער איינער פאַרשטייט, אַז דער זון אָדער די טאָכטער האָט אַ פליכט צו אירע עלטערן, וועלכע האָבן איר אָדער אים דערצויגן. אויסער דעם, איז די בלוט־פאַרוואַנד־שאַפט אַ גוטע סיבה פאַר דעם. העלפן אַן אָרימאַן, אַ יתום, אַן אַלמנה און דעם הילפלאָזן איז אַ מצווה וואָס נויטיקט זיך ניט אין קיין דערקלערונג. וואָס איך מיין צו זאָגן איז, אַז אַלע מצוות וואָס די תּורה הייסט אונדז אָפּהיטן וואָס האָבן צו טאָן פון מענטש צו מענטש, אָדער אַפילו פון מענטש צו חיה, זיינען אַזעלכע צו וואָס עס איז ניט נויטיק אָנצוגעבן די סיבה... וועסטו דאָך פרעגן: אויב אַזוי, אויב עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס די תּורה אָנזאָגן צו טאָן? איז דער תּירוץ, ווי עס שטייט שוין דערמאָנט אין חומש טאַקע צוויי מאָל: אין איין פּסוק שטייט געשריבן: „און גאָט האָט געזען אַז די שלעכטסקייט פון מענטשן איז פיל אויף דער ערד און אַלע געדאַנקען פון זיין האַרצן איז נאָר צו טאָן שלעכטס אַ גאַנצן טאָג". און אין אַ צווייטן פּסוק שרייבט די תּורה: „די געדאַנקען פון מענטשנס האַרץ זיינען שלעכט פון זיין יוגנט אָן"... האַ, דוד, בין איך גערעכט? — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין זון.

— יאָ, האָט דוד געענטפערט, און וועלנדיק ווייזן זיין טאַטן, אַז ער געדענקט די פּסוקים, האָט ער געזאָגט: — אין דער סדרה בראשית שטייט גע־שריבן: „וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום" און אין דער סדרה נח געפינען מיר דעם פּסוק: „כי יצר לב האדם רע מנעריו"...

— נו, זעסטן שוין, אַז איך טראַכט ניט אויס פון קאָפּ. וויבאַלד אַז די תּורה זאָגט, אַז דער מענטש איז פון דער נאַטור געבוירן געוואָרן צו טאָן שלעכטס, האָט די תּורה אים געמוזט אָנזאָגן ניט צו טאָן די דאָזיקע שלעכטס, און אַז ווען ער וועט זיי טאָן וועט ער באַשטראָפט ווערן... אָבער וואָס אָנבע־לאַנגט די מצוות פון מענטשן צו גאָט, זיינען פאַראַן געוויסע טעמים און סיבות... די וועלכע לערנען אַ סך און פאַרטיפן זיך אין זיי, ווייסן אַלע טעמים... זיי קע־נען אורטיילן וואָס עס איז נויטיק צו טאָן אַלע מאָל, און וואָסערע מצוות עס זיינען געווען נויטיק אָפּצוהיטן אין געוויסע צייטן אונטער געוויסע אומשטענדן...

— איך פאַרשטיי ניט וואָס דו ווילסט מיר זאָגן און איך וויל ניט פאַר־

שטיין. איך פיל אָבער, אַז אַזוי ריידן אַפּיקורסים וועלכע זוכן זיך אַרויסצודרייען פון אָפּהיטן יידישקייט. איך ווייס, אַז די גרעסטע יידישע לומדים און גאונים זיינען פרום און היטן אָפּ אַלע מצוות... דאַרף מען דען זוכן אַ גרעסערן גאון ווי דער ווילנער גאון, וועגן וועמען איך האָב זיך אַ סך אָנגעהערט... ניט נאָר איז ער דער גרעסטער גאון אין לערנען, נאָר ער איז אַ גרויסער צדיק און ער היט אָפּ אַלע מצוות... נו, וואָס וועסטו זאָגן אויף דעם?

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף שלמהס פּנים און ער האָט זיך אָנגערופן:

— דו ביסט גערעכט, שרה, איך האָב אויף דעם גאָרניט וואָס צו ענטפערן... דער ענטפער וואָס מען קען דיר אויף דעם געבן איז, אַז ניט יעדער איינער איז מסוגל צו זיין אַ צדיק...

43

שלמה האָט זיך אַרומגעזען, אַז דערווייל זיינען ניטאָ קיין אויסזיכטן, אַז ער זאָל זיך קענען אויסגלייכן מיט זיין ווייב. זי וועט ניט נאָכגעבן אויף אַ האָר... ער זעט אויך, אַז זי איז גאָרניט אַזוי נאַריש ווי ער האָט זי די גאַנצע צייט געהאַלטן... זי האָט מיט איין קלאַפּ צונישט געמאַכט אַלע זיינע רייד... זי האָט מיט איין קלאַפּ אַרויסגעשליידערט אַלע זיינע וואָפן וואָס ער האָט געהאַט געצילט קעגן איר... וואָס בלייבט אים איצט צו טאָן?...

ער האָט באַשלאָסן דערווייל צו זען, ווי וויט מעגלעך, אויסצומיידן צו ריידן מיט איר וועגן דעם. זאָל זי דערווייל בלייבן אַ ביסל לענגער... אפשר וועט זי זיך צוגעוואוינען צו דעם אַרט לעבן פון די היגע יידן, און דאַן וועט זי איינוויליקן צו גיין אויף פשרות...

שלמה האָט אָבער געמאַכט אַ טעות. נאָך עטלעכע טעג זיינען פאַראיבער. ער פלעגט זיך זען מיט שרהן און מיט דודן יעדן טאָג און ער האָט געמערקט אַז זי בלייבט ביי איר עקשנות, אַז זי לאָזט זיך ניט בויגן אויף אַ האָר... ער האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף זיין זון. ער האָט געפילט, אַז דוד האָט יאָ חשק דאָ צו פאַרבלייבן, און אפשר מיט זיין הילף וועט ער פאָרט קענען פועלן ביי שרהן, אַז זי זאָל זיך אונטערגעבן. דערווייל אָבער איז גאָר קיין ענדערונג ניט פאַרגעקומען...

שלמה האָט באַשלאָסן צו האָבן נאָך אַ לענגערן געשפּרעך מיט זיין זון. ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אויב אים וועט געלונגען איבערצורריידן זיין זון, אַז ער זאָל זאָגן דער מאַמען, אַז ער וויל דאָ פאַרבלייבן מיט אים, אַפילו ווען זי באַשליסט זיך צוריקצוקערן, וועט דאָס ווירקן אויף איר עפּעס נאָכצוגעבן. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט ווען ער האָט באַדאַרפט גיין מיט דודן צום שניידער אָפּצונעמען די קאָפּאָטע וואָס ער האָט פאַר אים גענייט. ער

האָט געהייסן דודן צוקומען צו אים אין צימער און פון דאָרט וועט ער מיט אים אַוועקגיין צום שניידער.

ווען דוד איז צו אים געקומען, האָט שלמה מיט אים אַוועקגעשפּאַצירט דורך די זייטיקע געסלעך, כּדי ער זאָל האָבן אַ געלעגנהייט מיט אים צו ריידן אומגעשטערט.

— הער זיך איין מיין זון — האָט שלמה זיך צו אים אָנגערופן, ווען זיי האָבן ביידע לאַנגזאַם שפּאַצירט — דו ביסט שוין ניט מער קיין קליינער ייִנגל! ווען איך בין אַלט געווען עלף יאָר האָט מען מיך שוין איינגעשפּאַנט אין יאָך. איך האָב חתונה געהאַט און איך האָב געמוזט טראַכטן פון אַ תּכלית... צו צוועלף יאָר האָב איך שוין געקראָגן אַ קאַנדיציע ערגעץ אין אַ דאָרף, און איך האָב געקנעלט מיט די פאַרגרעבטע בנים פון די ישובניקעס... מיין טאַטע, דיין זיידע, איז געווען זייער אָרים, און האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן וואָס צו טאָן מיט מיר. ער האָט געמיינט, אַז ווען איך וועל טאָן אַ שידוך און קריגן קעסט, וועל איך קענען רואיק זיצן און לערנען. נו, דאַרף איך דאָך דיר ניט זאָגן וואָס פון דעם האָט זיך אויסגעלאָזט... איך בין פאַרבליבן דאָרט און צו קיין תּכלית האָב איך זיך ניט דערשלאָגן...

— אָבער, טאַטע, דו האָסט דאָך זייער לייכט געקענט ווערן אַ רב אין אַ שטעטל! — האָט דוד זיך צו אים אָנגערופן.

— הער, מיין זון, דאָס איז אמת, איך האָב לייכט געקענט ווערן אַ רב... אָבער איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו דעם מצב פון די רבנים, וועלכע דאַרפן תּמיד זיין אונטערגעוואָרפן די בעלי־בתּים, אַזוי אַז זיי פאַרלירן זייער אייגענעם „איך”... איך האָב זיך אָנגעזען און אָנגעהערט פילע זאַכן, וואָס האָבן מיר געגעבן אַ ווידערווילן אָנצונעמען אַ רבנות־שטעלע... איך, וואָס איך בין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַן עילוי און וואָלט זיך געקענט פאַרמעסטן אין לערנען מיט די גרעסטע רבנים, האָב אין רבנות ניט געזען קיין תּכלית, בפרט נאָך פאַר דיר, וואָס, ווי איך זע, האָסטו זיך שטאַרק ניט אויסגעצייכנט אין לערנען, איז עס געוויס קיין תּכלית ניט. איבערהויפּט אין יענע מקומות פון ליטע און פּוילן. זעסטו, דאָ, זיינען שוין פאַר דיר פאַראַן בעסערע אויסזיכטן צו קריגן און אָנהאַלטן אַ רבנות־שטעלע ווי דאָרט. דעריבער בין איך זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז דו זאָלסט דאָ בלייבן. אויב דו וועסט באַשליסן צו קריגן סמיכה אויף רבנות און נאָך דעם אָננעמען דאָ אַ רבנות־שטעלע, זאָג איך דיר צו, אַז איך וועל דיר העלפן מיט אַלץ וואָס איך וועל נאָר קענען. איך וועל דיר העלפן אין לערנען, און שוין זען, אַז דו זאָלסט די נויטיקע סמיכה באַקומען. שפּעטער וועל איך זען דיר באַהילפיק צו זיין אין קריגן פאַר דיר אַ רבנות־שטעלע... הכּלל, די אויסזיכטן דאָ, אין דייטשלאַנד, זיינען פאַר דיר אַ סך בעסערע ווי אין נעסוויזש... דעריבער וואָלט איך דיר געראָטן, אַז דו זאָלסט דאָ בלייבן!

— נו, איך וואָלט דאָך דאָ שוין געבליבן, ווען די מאַמע שטימט איין צו בלייבן דאָ! — האָט דוד זיך אָנגערופן — איך האָב שוין מיט איר עטלעכע מאָל גערעדט וועגן דעם, אָבער זי וויל פון דעם ניט הערן?

— אָט דאָס האָב איך געמיינט פריער, ווען איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו ביסט שוין ניט מער קיין יינגל! — האָט שלמה ווידער גענומען איינטענהן מיט אים — ביז ווי לאַנג וועסטו זיך אָנהאַלטן אין דיין מאַמעס פאַרטוך?... דו מוזט באַשליסן צו מאַכן אַ וואַגנדען שריט. איצט האָסטו די געלעגנהייט... אויב דו וועסט עס איצט ניט טאָן, וועסטו עס קיינמאָל ניט טאָן... דו מוזט ביי זיך באַשליסן צו פאַרבלייבן דאָ, ניט קוקענדיק אויף דעם צי דיין מאַמע וועט דאָ בלייבן, אָדער זי וועט זיך ווע̇לן אומקערן צוריק קיין נעסוויזש.

— אָ, ניין, איך וועל אָן דער מאַמען דאָ ניט פאַרבלייבן — האָט דוד אויסגערופן.

— איך קען פאַרשטיין, אַז דו ביסט צוגעבונדן צו דער מאַמען! — האָט שלמה ווייטער גענומען מיט אים איינטענהן — און עס וועט זיין פאַר דיר שווער צו באַשליסן צו מאַכן אַזאַ שריט, אָבער דו ביסט דאָך אַזוי באַרעכטיקט צו טראַכטן וועגן זיך... מען דאַרף אָפּגעבן אַ מאַמען כבוד, אָבער ווען זי אַליין איז אַזוי קורצזיכטיק, אַז זי זעט ניט ווייטער פון איר נאָז, איז דיין פליכט איר אָנצואווייזן דעם וועג... דו דאַרפסט איר איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן, אַז דו זעסט פאַר זיך ניט קיין תּכלית אין נעסוויזש און אַז דו ווילסט דאָ פאַרבלייבן, ווייל דאָ וועסטו גיכער זיך קענען צופּאַסן צום לעבן און דערגרייכן דיין ציל...

— איך ווייס, אַז אַזעלכע רייד וועלן אויף מיין מאַמען קיין שום ווירקונג ניט האָבן — האָט דוד געזאָגט — אַלץ וואָס זי וועט דאַרפן איז אָנצוצייגן מיר אויף דיר, אַלסביישפּיל. זי וועט מיר זאָגן, אַז אויך דו האָסט פאַר זיך ניט געזען קיין תּכלית אין דער היים און וואָס איז פון דיר געוואָרן?...

— וועסט איר קענען פאַרזיכערן, אַז דו וועסט בלייבן ביי דיין פרומ־קייט... איך, פון מיין זייט, זאָג דיר צו ניט צו שטערן אין דיין וועג און דיך ניט צו באַאיינפלוסן, אַז דו זאָלסט ניט זיין פרום.

— ניט איינמאָל האָב איך שוין מיט איר גערעדט וועגן דעם! — האָט דוד געזאָגט — און דו ווייסט דאָך שוין וואָס זי האָט מיר געענטפערט.

— אויב אַזוי, וואָלסטו איר באַדאַרפט זאָגן, אַז דו האָסט באַשלאָסן דאָ צו בלייבן!

— אַפילו ווען די מאַמע וועט וועלן זיך צוריקקערן אַהיים?

— יאָ, אַפילו דאַן! איך גלויב, אַז ווען זי וועט הערן, אַז דו ווילסט דאָ פאַרבלייבן וועט זי שוין אַליין אויך טראַכטן פון דעם, אַז עס לוינט זיך בעסער פאַר איר צו פאַרבלייבן דאָ!

— אָ, ניין, טאַטע, דאָס וועל איך קיין מאָל ניט טאָן! איך ווייס וויפיל מיין מאַמע האָט זיך אָנגעליטן דורך די צען יאָר זינט דו ביסט פון אונדז אַוועק. איך בין פאַר איר געוואָרן די איינציקע נחמה... איך וועל זי איצט בשום אופן ניט קענען פאַרלאָזן. אויב זי באַשליסט צו פאָרן אַהיים, וועל איך מיט איר מיטפאָרן!

— נו, אויב אַזוי, איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן מיט דיר! — האָט שלמה

טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — דיין מאַמע איז פאַרעקשנט און פון איר קען איך גאָרניט דערוואַרטן...

— אָבער, טאַטע, פאַרוואָס זעסטו ניט, אַז אויך דו ביסט פאַרעקשנט! — האָט דוד אויסגערופן — ווען דו גיסט נאָך, וואָלט דאָך קיין רייד ניט געווען וועגן צוריקפאָרן קיין נעסוויזש... פאַרוואָס זאָלסטו בלייבן ביי דיין עקשנות? איז דען אַזוי שווער צו זיין אַ ייד ווי אַלע יידן? דו דאַרפסט דאָך ניט אָנהייבן לערנען יידישקייט! אויב דו ווילסט, אַז מיר זאָלן דאָ פאַרבלייבן מיט דיר, איז אַלץ וואָס דו וועסט דאַרפן טאָן איז איר נאָכצוגעבן... איך בין זיכער, אַז יידישקייט וועט קיינעם ניט פאַרשאַטן, און בפרט דיר!

— זיי וויסן, מיין זון, אַז איך בין דער זעלבער ייד... די איינציקע זאַך איז, וואָס מיין צוגאַנג צו יידישקייט איז אַ גאַנץ אַנדערער ווי דו שטעלסט זיך פאָר... מיין צוריקקערן צו פרומקייט, וואָס ביי דיין מאַמען הייסט עס יידישקייט, וואָלט איר קיינמאָל ניט צופרידנגעשטעלט... וויבאַלד אַז זי וויל ניט איינגיין אויף פשרות, זע איך פאַראויס, אַז מיר וועלן זיך ניט מער קע־נען צוזאַמענלעבן. איך בין וויליק צו מאַכן פשרות, אָבער זי וויל ניט!

— טאַטע, עס איז אוממעגלעך צו מאַכן פשרות אין יידישקייט! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן — אָדער מען איז אַ ייד מיט אַלע פּרטים, אָדער מען איז אויס ייד!

— דו רעדסט אַזוי, מיין זון, ווייל דו ווייסט זייער ווינציק פון לעבן! איך קען דיך ניט באַשולדיקן! דו האָסט דיין גאַנצן לעבן פאַרבראַכט אין די פיר איילן פון תורה און פרומקייט און דו האָסט קיין דערפאַרונג ניט געהאַט אין פּראַקטישן לעבן. איך האָב געמיינט, אַז זייענדיק דאָ, אין דער פרעמד, און צוקוקנדיק זיך צום היגן לעבן, וועסטו אָנפאַנגען צו פאַרשטיין, אַז עס איז פאַ־ראַן אויך אַן אַנדערע נוצלעכע וועלט... אפשר, ווען דו וועסט נאָך אָפּזיין אַ שטיקל צייט, וועסטו עס אויסגעפונען!

— איך ווייס ניט, טאַטע, ווי לאַנג די מאַמע וועט דאָ וועלן פאַרברענגען — האָט דוד אַ זאָג געטאָן — דאָס ווענדט זיך מער אָן דיר ווי אָן מיר!

— איך קען מער גאָרניט טאָן! — האָט שלמה אויסגערופן — איין זאַך מעגסטו וויסן, אַז איך וועל זיך קיינמאָל ניט צוריקקערן קיין נעסוויזש. אויב דיין מאַמע וויל דאָ בלייבן, וועל איך זען טאָן אַלץ וואָס עס וועט פאַר מיר זיין מעגלעך צו זען ניט צו פאַרשאַפן איר קיין עגמת־נפש... מער קען איך דיר ניט צוזאָגן...

שלמה איז מיט דודן אַריינגעקומען צום שניידער אין הויז. ער האָט אָנגע־מאָסטן די קאַפּאָטע און דער שניידער האָט געזאָגט שלמהן, אַז זיין זון קוקט אויס זייער גוט אין דער קאַפּאָטע. שלמה האָט אים באַצאָלט און איז אַרויס מיט דודן.

— דו ווייסט וואָס איך טראַכט, דוד? — האָט שלמה צו אים אַ זאָג גע־טאָן — אַז ווען די יידן פון נעסוויזש וועלן דיך זען אין אַט דער קאַפּאָטע וועלן זיי זאָגן, אַז דו ביסט אַרויס לתרבות רעה... ווייל ביי זיי איז דאָך שוין אַב־

געגומען, אַז אויב אימיצער טוט עפּעס אַנדערש ווי זיי, אָדער קליידט זיך עטוואָס אַנדערש, הייסט עס שוין אַפּיקורסות!

— אָ, נייך, איך גלויב, אַז דו מאַכסט אַ טעות, טאַטע! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן — איך האָב געזען אין נעסוויזש אַ סך יידן וועלכע טראָגן אַזעלכע קאַ־פּאָטעס... איך מיין די רייכערע יידן פון שטאָט.

— נו, וועלן זיי מיינען, אַז דו ביסט רייך געוואָרן! — האָט שלמה אַ שמייכל געטאָן — אָדער זיי וועלן זאָגן, אַז דיין טאַטע איז אין דײַטשלאַנד רייך געוואָרן... דער אמת, אָבער, איז, אַז איך בין ווייט פון צו זיין רייך. עס זיינען געווען צייטן ווען איך האָב געהונגערט... איצט פאַרדין איך אויף מיין ברויט און איך דאַרף ניט אָנקומען צו מענטשן... איך האָב אויך אָפּגעשפּאָרט עטלעכע רענדלעך, וואָס וואָלטן אונדז שטאַרק צוניץ געקומען אויב דיין מאַמע וואָלט איינגעשטימט דאָ צו פאַרבלייבן און אָנפאַנגען פירן דאָ באַלעבאַטישקייט.

איידער שלמה האָט זיך געזעגנט מיט זיין זון, האָט ער אים נאָכאַמאָל גע־בעטן, אַז ער זאָל ניט אויפגעבן די האָפענונג צו ווירקן אויף זיין מאַמען, אַז זי זאָל דאָ פאַרבלייבן מיט אים.

— לאָז איר ניט אָפּ! — האָט ער אים אָנגעזאָגט — ווייל אויב זי וועט דאָ פאַרבלייבן וועט זיין גוט פאַר אייךביידן.

דוד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט צוזאַמענגעלייגט די נייע קאַפּאָטע און זי געטראָגן אונטער זיין אָרעם. ווען ער איז געקומען צו זיין מאַמען האָט ער אָנגעטאָן די קאַפּאָטע צו ווייזן איר וואָס זיין טאַטע האָט פאַר אים געלאָזט מאַכן.

—טראָג געזונטערהייט, מיין זון! — האָט שרה געזאָגט און אַ זיפץ האָט אַרויסגעריסן פון איר מויל — אָבער זאָל ער ניט מיינען, אַז מיט דעם האָט ער דיך אָפּגעקויפט! ווייזט אויס, אַז דיין טאַטע האָט אַ סך געלט!

— דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין גביר, אַז ער האָט זיך אַ סך אָנגעליטן, אָבער איצט פאַרדינט ער אויף זיין ברויט און ער האָט אויך אָפּגעשפּאָרט עטלעכע רענדלעך, וואָס ער האָפט אַז זיי וועלן צוניץ קומען אויב דו וועסט באַשליסן דאָ צו פאַרבלייבן!

— זאָל ער זיך ניט איינרעדן קיין פייגעלעך אין בוזים! — האָט שרה געזאָגט — איך וועל דאָ ניט פאַרבלייבן. איך זע דאָך שוין, אַז ער וועט זיך ניט ענדערן... איך האָב שוין גערעדט מיט עטלעכע פרומע יידן, און זיי האָבן מיר דערציילט זאַכן פון אים, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר.

שרה האָט גענומען פּלאַנעווען ווי אַזוי זי זאָל אַרויסבאַקומען ביי איר מאַן דאָס געלט וואָס ער האָט ביי זיך און דאַן וועט זי פון אים פאָדער ער זאָל איר געבן אַ גט. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט דערווייל זיך אַרויסווייזן נאָכגיביק. זי וועט מיט אים מאַכן פּלענער וועגן איינאָרדענען זייערע היימישע ענינים. זי וועט אים זאָגן, אַז זי דאַרף געלט איינצוקויפן געוויסע זאַכן פאַר זייער נייער היים, און ווען זי וועט שוין זען, אַז ער האָט איר אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וועט זי אים דאַן געבן די ברירה, אָדער ער ווערט אַ בעל־תשובה,

און טוט אַלץ וואָס זי וועט פון אים פאַרלאַנגען, און אויב ניט, וועט ער איר מוזן געבן אַ גט.

די ערשטע זאַך וואָס זי האָט געוואָלט אויסגעפינען איז געווען וויפיל געלט שלמה פאַרמאָגט. דאָס האָט זי איבערגעלאָזן צו דודן. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל שוין זען אויסגעפינען וויפיל געלט ער האָט וועןן ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע רענדלעך... אמת, אַ רענדל איז טאַקע אַ גרויסע מטבע, אָבער וויפיל רענדלעך האָט ער אָפּגשפּאָרט?

— מיין זון, איך וויל, אַז דו זאָלסט עס אויסגעפינען פון דיין טאַטן. דו דאַרפסט וויסן ווי אַזוי דאָס צו טאָן. דיין געוויסן וועט דיר גאָרניט דאַרפן פּלאָגן... דיין טאַטע קומט עס אונדז, און איך האָב אַ רעכט אַרויסצוקריגן פון אים אַלץ וואָס נאָר איך וועל קענען...

— אויב נאָר עס וועט זיין פאַר מיר מעגלעך וועל איך דאָס טאָן! — האָט דוד געזאָגט.

— אויב אַזוי, זאָלסטו מאָרגן אין דער פרי גיין צו דיין טאַטן. דו זאָלסט אים געבן אָנצוהערן, אַז איך בין שוין גענויגט צו פאַרבלייבן מיט אים.

44

דוד האָט פאַרבראַכט אַן אומרואיקע נאַכט. אים איז ניט געפעלן די אויפ־גאַבע וואָס זיין מוטער האָט אים געגעבן: איר צו העלפן אָפּנאַרן זיין טאַטן, כדי פון אים אַרויסצובאַקומען דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט.

נאָכדעם ווי ער האָט געדאַוונט און געגעסן זיין פרישטיק איז ער אַוועק צו זיין טאַטן. שלמה האָט זיך דערפרייט מיט אים.

— זאָג מיר, ווי געפעלט דיין מאַמען דיין קאַפּאָטע?

— איך ווייס... אַלץ וואָס זי האָט מיר געזאָגט איז: „טראָג געזונטערהייט!" יאָ, זי האָט צוגעגעבן: „ווייזט אויס, אַז דיין טאַטע האָט אַ סך געלט!"

— און וואָס האָסטו אויף דעם געענטפערט?

— איך האָב איר געזאָגט דאָס וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט ניט קיין סך געלט!

— דאָס איז טאַקע דער אמת. איך האָב אַן ערך צוואַנציק רענדלעך, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט, און דאָס האַלט איך אין פאַל דיין מאַמע וועט איינ־שטימען צו פאַרבלייבן דאָ מיט מיר.

— איך גלויב, אַז עס האַלט ביים וועג! — האָט דוד זיך אַרויסגערעדט.

— דו מיינסט, אַז דיין מאַמע וואָלט שוין איינגעשטימט צו פאַרבלייבן דאָ און וואוינען מיט מיר? — האָט שלמה אויסגערופן מיט פרייד אין זיין שטימע.

דודן האָט אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. ווי אַזוי קען ער זאָגן זיין טאַטן אַזאַ ליגן? ער האָט אָבער אַ טראַכט געטאָן וואָס זיין מאַמע האָט אים אָנגע־זאָגט. און ער האָט זיך געפאַסט מוט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— זאָג מיר, וואָס האָט זי דיר געזאָגט, וואָס מאַכט דיך צו גלויבן, אַז זי איז וויליק דאָ צו בלייבן מיט מיר?

— זי האָט זיך אַרומגעזען, האָט זי מיר געזאָגט, אַז אפשר וועט פּאַרט זיין בעסער ווען זי וועט דאָ פאַרבלייבן און זוכן צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט דיר — האָט דוד ענדלעך געזאָגט דעם ליגן וואָס איז אים אָנגעקומען גאַנץ שווער.

שלמהס פּנים האָט עטוואָס אויפגעלויכטן. ער אַליין האָט אויף דעם געהאָפט. ער איז געווען ווילִיק איינצוגיין אויף פשרות... ביז איצט, אָבער, איז זי געווען פאַרעקשנט. זי האָט פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל ווערן דאָס וואָס ער איז געווען אין נעסוויזש. דאָס איז דאָך פאַר אים אוממעגלעך. ער וועט ניט פאַרלאָזן קיין באָרד און פּאות... ער וועט דאָך ניט טראָגן די זעלבע רבנישע בגדים ווי אין זיין שטעטל. איצט, ווייזט אויס, איז זי שוין ווילִיק איינצוגיין אויף אַ פשרה... נו, ער וועט איר נאָכגעבן געוויסע זאַכן. ער וועט זען ניט צו טאָן קיין אַרבייט אום שבת. און אַז זי וועט באַשטיין ער זאָל טראָגן אַ היטל ביים עסן, וועט ער זיך מיט איר צוליב דעם ניט קריגן...

— מיין זון, איך מוז דיר זאָגן, אַז איך בין זייער צופרידן דאָס צו הערן! — האָט ער זיך אָנגערופן — איך בין זיכער, אַז אירביידע וועט ניט חרטה האָבן אויף דעם. איך וואָלט עס טאַקע וועלן הערן פון איר מויל. ווען וועט זי קומען אַהער? אָדער זאָל איך צוקומען צו אייער וואוינונג?

— טו ווי דו ווילסט, טאַטע? — האָט דוד אַ זאָג געטאָן — אָבער איך גלויב, אַז די מאַמע וועט נאָך היינט דאָ זיין ביי דיר!

— אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע אַ באַווייז, אַז זי האָט בדעה צו קומען צו אַן אויסגלייך מיט מיר! גלויב מיר, דוד, אַז דיין מאַמע וועט האַנדלען זייער קלוג אויב זי וועט איינזען, אַז איר עקשנות קען צו גאָרניט ברענגען... אַזוי איז דאָס. אין לעבן מוז מען זיין גרייט צו מאַכן פשרות. איך בין גרייט אויף עטלעכע פשרות און דאָס זעלבע דאַרף זי אויך טאָן, וועלן מיר זיך קענען צוזאַמענטרעפן אין מיטן וועג. דו ווייסט וואָס נאָך איך וועל טאָן, אויב זי וועט דאָ אַרויפקומען צו מיר? איך וועל טראָגן מיין הוט, ווייל איך וויים, אַז זי קען ניט ליידן ווען איך גיי בגילוי ראש... זאָג דאָס איר, און איך בין זיכער, אַז זי וועט זיין צופרידן פון דעם.

— יאָ, איך וועל איר זאָגן, טאַטע! — האָט דוד זיך אָנגערופן און איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין צימער — איך וועל איר איבערגעבן אַלץ וואָס דו האָסט מיר געזאָגט.

— דוד איז געווען אַ היפּש ביסל צערודערט פון זיין געשפּרעך מיט זיין פאָטער. ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן וואָס ער וועט דאַרפן זיין אַ שותף צו זיין מאַמען אַוועקצונעמען דאָס לעצטע ביסל געלט פון אים...

מיט לאַנגזאַמע טריט האָט דוד זיך געלאָזן גיין אַהיים. ער האָט געטראָפן זיין מאַמען אין קיך צוגרייטנדיק דעם מאָלצייט.

— נו, מיין זון? — האָט זי אים געפרעגט — האָסטו אויסגעפונען וויפיל געלט דיין טאַטע האָט?

— יאָ, איך האָב פון אים אַרויסבאַקומען, אַז ער האָט צוואַנציק גאָלדענע רענדלעך!

— צוואַנציק גאָלדענע רענדלעך! — האָט שרה פלינק גענומען אויסרע־

כענען — אַ רענדל, דוכט זיך מיר, איז אַן ערך פון דריי רובל, וואָס מיינט צוואַנ־ציק גילדן... אויב אַזוי, האָט ער אַרום פיר הונדערט גילדן... דאָס אַלץ וואָס ער האָט? איך בין געווען זיכער, אַז ער האָט מער!

— איך בין זיכער, אַז ער האָט געזאָגט דעם אמת!

— איך בין נאָך ניט אַזוי גרייט צו גלויבן אים אויף זיין וואָרט! — האָט שרה געזאָגט — איך בין זיכער, אַז ווען עס לוינט זיך אים וועט ער אויך זאָגן אַ ליגן. נאָר לאָז דאָס איבער צו מיר! איך וועל שוין ביי אים אויסגעפינען וויפיל געלט ער האָט. דער עיקר, איז צי האָסטו מיט אים גערעדט וואָס איך האָב דיר געזאָגט. איך מיין דאָס וואָס וועט אים מאַכן צו גלויבן, אַז איך בין שוין גרייט אים נאָכצוגעבן אַ ביסל?

—המ... יאָ, איך האָב מיט אים גערעדט און ער איז געווען זייער צופרידן דאָס צו הערן! ער האָפט, אַז דו וועסט שוין איינגיין אויף פשרות...

— זאָל ער האָפן! — האָט שרה מיט פאַרביטערטקייט געזאָגט — אַפילו ווען ער פילט אָן אַ גאַנץ הויז מיט גאָלדענע רענדלעך וואָלט איך מיט דעם אַפּיקורס ניט געוואָלט וואוינען... אָבער אַרויסקריגן דאָס ביסל געלט פון אים וועל איך, און דאַן וועל איך אים צווינגען מיר צו געבן אַ גט.

— מאַמע, ער האָט געוואָלט קומען אַהער צו דיר, אָבער איך האָב אים געזאָגט, אַז דו וועסט מן הסתם קומען צו אים, איז ער געווען זייער שטאַרק צופרידן פון דעם.

— גוט, מיר וועלן טאַקע באַלד אַריבערגיין צו אים. איך וועל שוין דער־גיין ביי אים צי ער האָט בלויז די צוואַנציק גאָלדענע רענדלעך, ווי ער האָט דיר געזאָגט, אָדער ער האָט מער ווי דאָס...

נאָך מיטאָג איז שרה געגאַנגען מיט דודן צו שלמהן, וועלכער האָט שוין געוואַרט אויף איר. ווען ער האָט דערהערט דעם קלאַפּן אין דער טיר פון זיין צימער האָט ער שנעל אָנגעטאָן זיין הוט און איז געגאַנגען עפענען די טיר. שרה האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן, ווי זי וואָלט אים באַגריסט. שלמה האָט איר געבעטן זיך זעצן. ווען זי האָט זיך צוגעזעצט האָט שלמה זיך אָנגערופן:

— איך בין זייער צופרידן, שרה, וואָס דו ביסט געקומען צו מיר. איך גלויב, אַז עס איז שוין צייט, אַז מיר זאָלן קומען צו אַ פאַרשטענדעניש!

שרה האָט אים גלייך ניט געוואָלט זאָגן, אַז זי גייט שוין איין אויף פשרות, ווייל ווען ער וועט זען, אַז זי גיט זיך אַזוי לייכט איבער וועט ער פילייכט פאַרשטיין, אַז זי איז אויסן אים אָפּצונאַרן, כדי אַרויסצובאַקומען פון אים די עטלעכע רענדלעך וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט. זי האָט זיך געמאַכט ווי זי קווענקלט זיך נאָך.

— פאַרשטייט זיך, שלמה, אַז איך וואָלט זיכער געוואָלט קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, אָבער איך פרעג דיך, ווי אַזוי? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך וועל ניט אויפגעבן מיין יידישקייט צוליב דעם!

— ווער פאַרלאַנגט עס פון דיר? — האָט שלמה אויסגערופן — אַדרבא, דו וועסט זיך קענען אויפפירן פרימער ווי דו ביסט געווען אין דיין מאַמעס הויז... איך פאַרזיכער דיר, אַז איך וועל דיר גאָרניט שטערן. פאַרקערט, איך

בין נאָך גרייט נאָכצוגעבן פילע זאַכן, וואָס וועלן מיר ניט זיין שטאַרק צום האַרצן.

— צום ביישפּיל?

— אָט לאָמיר זאָגן, אַז איך וועל שבת בלייבן זיצן דעם גאַנצן טאָג אין הויז. איך בין אַפילו גרייט צו זיצן און לערנען מיט דודן תּלמוד.

— און וואָס איז מכּוח דאַוונען?

— דאָס דאַרפסטו איבערלאָזן צו מיר. זעסטו, שרה, דו וועסט דאַרפן אַכטונג געבן, אַז איך זאָל ניט טאָן קיין עבֵירות, אָבער טאָן מצוות וועסטו דאַרפן איבערלאָזן צו מיר...

— נו, אַמווייניקסטן וועסטו קיין עבֵירות ניט טאָן! — האָט שרה אַ שאָקל געטאָן מיט איר קאָפּ — ווער ווייסט, אפשר וועסטו זיך אַרומזען און אָנפאַנגען אויך צו טאָן מצוות.

— דאָס קען איך דיר ניט צוזאָגן, אָבער איך וואָלט ניט געוואָלט זיין געצוואונגען דאָס צו טאָן קעגן מיין ווילן...

שרה האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— איך ווייס ניט צי איך וועל דערמיט ניט זינדיקן פאַר גאָט...

— איך וועל נעמען אויף זיך די עבֵירה! האָט שלמה מיט אַ לייכטן שמייכל אַ זאָג געטאָן.

שרה האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אין זיין ריכטונג, אָבער זי האָט געשוויגן.

— איך בין זייער צופרידן, שרה, וואָס דו ביסט געקומען צום שכל, און דו וועסט דאָ פאַרבלייבן צוזאַמען מיט דודן וועט פאַר אונדז אַלעמען זיין בעסער. קיינער פון אונדז וועט ניט חרטה האָבן. איך ווייס, אַז דו ביסט אַ גוטע באַלע־באָסטע, און מיר וועלן אַלע זיין צוזאַמען. איך וועל דינגען אַ גרעסערע דירה. דו וועסט פירן די באַלעבאַטישקייט. קיינער וועט דיר קיין דעה ניט זאָגן ווי דו זאָלסט דיך פירן. מיר וועלן אַלע זיין צופרידן.

טרערן האָבן זיך געשטעלט אין שרהס אויגן. הלוואַי וואָלט עס אַזוי געווען! — האָט זי זיך געטראַכט — אָ, ווען דאָס איז נאָר מעגלעך! ווען זיי קענען לעבן צוזאַמען ווי אין די פריערדיקע יאָרן... אָבער דאָס איז אוממעגלעך! ער מיינט, אַז זי איז ערנסט... אָ, ווי שטאַרק עס וועט אים וויי טאָן ווען ער אויסגעפינען דעם ביטערן אמת... אָבער וואָס אַרט עס איר? האָט אים אַ סך געאַרט ווען זי האָט אַזוי פיל זיך אָנגעליטן צולים אים?...

דוד איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשוויגן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין מאַמע מאַכט בלויז אַן אָנשטעל, אָבער זי וועט קיינמאָל ניט איינשטימען צו בלייבן דאָ. אים איז עפּעס געווען שווער אויפן האַרצן. ער האָט ליב זיין מאַמען, אָבער איצט, אַז ער האָט זיך נעענטער באַקאַנט מיט זיין טאַטן, איז ער אים אויך געוואָרן טייער, טראָץ דעם וואָס זיין טאַטע האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון יידישקייט. ער פילט, אַז זיין טאַטע איז ניט קיין רשע, נאָר ער האָט פאַר־בלאָנדזשעט. ווען ער זאָל נאָר קענען בלייבן מיט אים פאַר אַ לענגערער צייט וואָלט ער שוין געזען ווירקן אויף אים ער זאָל ווערן אַ בעל תּשובה. עס וואָלט גענומען אַ ביסל צייט, אָבער ער וואָלט דאָס דורכגעפירט. ער ווייסט, אַז ער

טאָר דאָס ניט אַרויסברענגען פאַר זיין מוטער, ווייל זי וועט מיינען, אַז ער וויל בלייבן מיטן טאַטן...

שרה האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פלאַץ, און דוד האָט זיך אויך אַ שטעל געטאָן.

— איר גייט שוין? — פרעגט זיי שלמה.

— איך האָב נאָך אַ ביסל אַרבעט! — האָט זיך שרה אָנגערופן — אָבער דו, דוד, קענסט נאָך פאַרבלייבן דאָ. איך וועל אַליין טרעפן דעם וועג צו אונדזער וואוינונג.

ווען שרה איז אַרויס, האָט זיך שלמה אָנגערופן צו זיין זון:

— דו זעסט, דוד, אַז דיין מאַמע האָט זיך שוין עטוואָס געענדערט. איך בין זיכער, אַז ווען זי וועט דאָ אָפּזיין עטלעכע חדשים, וועט זי זיך אַ סך ענדערן... אויך דו, מיין זון, וועסט זיך ענדערן. דו דאַרפסט נאָר פאַרזוכן אַ ביסל פון עץ הדעת...

— איך ווייס ניט צי איך וואָלט זיך געוואָלט ענדערן! — האָט דוד אויסגערופן — איך וואָלט בעסער געוואָלט בלייבן דער זעלבער ערלעכער, פרומער ייד ווי איך בין דאָס איצט!

— אָ, דאָס וועסטו זיכער קענען באַווייזן! — האָט שלמה געזאָגט — דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז קיינער וועט דיר ניט צווינגען זיך צו ענדערן. איך זאָג נאָר, אַז עס איז מעגלעך, אַז דו אַליין וועסט אָנפאַנגען בעסער צו פאַרשטיין דאָס לעבן.

— אויב פאַרשטיין בעסער דאָס לעבן מיינט דערווייטערן זיך פון יידישקייט, וועט זיין בעסער פאַר מיר, אַז איך זאָל וואָס ווייניקער פאַרשטיין פון לעבן!

— דו ביסט גערעכט! — האָט שלמה געזאָגט צו זיין זון — שלמה המלך האָט שוין געזאָגט וועגן דעם אין קהלת: „יוסיף דעת יוסיף מכאוב", וואָס מער קענטשאַפט, אַלץ מער ווייטאָג...

דוד האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאַץ און גענומען אַרומשפּרייזן איבערן צימער הין און צוריק. שלמה האָט געקענט מערקן, אַז ער איז עפּעס שטאַרק צערודערט און ער האָט זיך צו אים געווענדעט:

— זאָג מיר, דוד, איך קען זען אָן דיר, אַז עפּעס דריקט דיך: זאָג מיר וואָס דאָס איז! דו דאַרפסט זיך פאַר מיר גאָרניט שעמען.

— יאָ, טאַטע, איך האָב זיך שוין געקליבן דיר דאָס צו פרעגן, אָבער עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטן... איך האָב די גאַנצע זאַך געזוכט צו פאַרטרייבן פון מיינע געדאַנקען... איך האָב ניט געוואָגט אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם, אָבער אַז דו דערקענסט שוין אַז עפּעס דריקט מיך, וועל איך דיר שוין זאָגן וואָס דאָס איז.

דוד האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון זיין פּנים און ער האָט זיך אָנגערופן:

— ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מיר עמעצער עפּעס געזאָגט וועגן דיר, וואָס האָט מיך שטאַרק דערשלאָגן.

— איך וויל דיך וואָרענען, מיין זון, אַז איך האָב זייער פיל שונאים און

זיי זיינען פּעאיק אויסצוטראַכטן וועגן מיר אַלערליי געשיכטעס, דעריבער זאָג איך דיר פּאַראויס, אַז ניט אַלץ זאָלסטו גלויבן!

— פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָס ניט געוואָלט גלויבן, אָבער ווען מען האָט מיר דערציילט, אַז דו אַליין האָסט וועגן דעם גערעדט מיט איינעם פון דיינע פריינט, ווייס איך שוין ניט וואָס איבערצוטראַכטן.

— נו, לאָמיר הערן וואָס אַזוינס דו האָסט געהערט וועגן מיר, אַז עס זאָל דיך אַזוי צערודערן?

— ביסטו געווען אין האַמבורג? — פרעגט דוד.

— יאָ, איך בין דאָרט געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

— דער מאַן האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט זיך געווענדעט צו אַ דייטשן לערער דאָרט, ער זאָל פאַר דיר שרייבן אַ בריוו צו אַ פּאַסטאָר, אין וועלכן דו האָסט דעם פּאַסטאָר געלאָזט וויסן, אַז דו ביסט גרייט צו פאַרלאָזן דיין אמונה! קענסטו מיר זאָגן, אַז יענער האָט מיר געזאָגט אַ ליגן, וועל איך זיך צופרידנשטעלן. דיין וואָרט וועט פאַר מיר גענוג זיין.

— זעץ זיך, מיין זון! — האָט שלמה אים אָנגעוויזן אויף דעם בענקל לעבן אים.

דוד האָט זיך צוגעזעצט. ער האָט געקוקט אויף זיין טאַטן מיט פאַרשענדע בליקן.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, מיין זון, אַז איך האָב דורכגעמאַכט שווי־דערלעכע טעג... איך האָב געליטן נויט, הונגער און דורשט. איך בין געווען עלענד. קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. מיין לאַגע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן טרויעריקער. איך בין דאָך געווען אין אַ פרעמדן לאַנד. די שפּראַך פון לאַנד האָב איך נאָך ניט געקענט. דאָס ביסל געלט, וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט האָב איך אויסגעגעבן אויף דער רייזע קיין בערלין, וואו איך האָב גע־האָפט, אַז די דאָרטיקע יידן, מיינע ברידער, וועלן מיך אויפנעמען ווי אַ ברודער און מיר העלפן זיך שטעלן אויף די פיס... אַנשטאָט דעם האָבן זיי מיך ניט אַריינגעלאָזט אין שטאָט. מען האָט מיך איבערגעלאָזט הינטער דער שטאָט אַליין, עלענד, אָן פריינד און אָן געלט צו קויפן אַפילו אַ שטיקל ברויט. איך פרעג דיך איצט: וואָס איז מיר פאַרבליבן צו טאָן? קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. קיינער האָט מיך ניט געפרעגט צי איך וויל עסן, צי איך האָב וואו צו לייגן מיין קאָפּ. דאָ טרעף איך פּלוצלינג נאָך אַ יידן. שטעל זיך פאָר ווי גרויס מיין שמחה איז געווען... איצט שטעל זיך פאָר מיין פאַרלעגנ־הייט, ווען דער ייד דערציילט מיר, אַז ער איז אַ בעטלער, אַז ער גייט איבער די הייזער און דורך דעם איז ער זיך מפרנס. ער זאָגט מיר גאַנץ דייטלעך, אַז אויב איך וויל ניט שטאַרבן פון הונגער זאָל איך זיך אָנשליסן מיט אים און צוזאַמען גיין איבער די הייזער... איצט פרעג איך דיך, וואָס וואָלסטו גע־טאָן ווען דו ביסט אויף מיין פּלאַץ?

— נו, אַז עס איז פאַראַן סכנת נפשות... קיין אַנדער ברירה האָסטו דאָך ניט געהאַט... און קיין עבירה איז דאָך דאָס ניט...

— יאָ, מיין זון — האָט שלמה ווייטער גערעדט — איך בין געווען זייער הונגעריק. איך בין געווען אויסגעמאַטערט און דערשעפּט פון בראָדזשען איבער

די וועגן און פון הונגער... איך האָב דעריבער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי מיטצוגיין מיט דעם יידישן שנאָרער און בעטלען ברויט... שטעל זיך פאָר ווען דו זעסט מיך אַלס בעטלער, וואָס דו וואָלסט פון מיר געטראַכט... איצט, אַז דו ווייסט אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך האָב זיך געפונען וואָלסטו שוין בעסער געקענט פאַרשטיין, אַז איך בין געוואָרן אַ שנאָרער ניט ווייל איך האָב אַזוי נידעריק געזונקען, נאָר פשוט די שרעקלעכע נויט האָט מיך צו דעם געטריבן... אָט דאָס וואָס דער גרויסער תנא הלל האָט געמיינט ווען ער האָט געזאָגט... „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו”, דו זאָלסט ניט אורטיילן דיין פריינט ביז וואַנען דו וועסט זיך דערקונדיקן די ריכטיקע אורזאַך פון זיין טאַט, וואָס קוקט אויס קרום אין דיינע אויגן.

— איך פאַרשטיי וואָס דו ווילסט אַרויסברענגען — האָט אים דוד אונטערבראָכן — אָבער אַזאַ...

— וואַרט מיין זון, איך האָב נאָך ניט געענדיקט — האָט שלמה געזאָגט — איך האָב דאָס אָבער אַלץ איבערגעקומען. ביסלעכווייז האָב איך זיך דערשלאָגן צו אַ שטאָט וואו עס געפינען זיך אַ היפּשע צאָל יידן, און גליקלעכערווייזע האָט דער רב פון יענער שטאָט מיך גענומען מקרב זיין און איך האָב געהאַט אַ פּאָר גוטע יאָר, אָן זאָרג... איך האָב אָבער דאַן גענומען פילן, אַז כדי אָנצוהאַלטן מיין גוטן צושטאַנד, מוז איך זיין פאַלש צו זיך און צו די אַנדערע. איך קען ניט דולדן קיין צבוע׳סטוואָ... איך בין זיך מודה, אַז מיין פרומקייט איז אינגאַנצן אָפּגעטאָן געוואָרן פון מיר... מיין רעליגיעזע אַנשויאונג האָט זיך אינגאַנצן געביטן, און דאָ בין איך געצוואונגען צו גיין אין בית־המדרש, אָדער אין שול, און זיך מאַכן ווי איך דאַוון, אין דער צייט ווען מיין האַרץ איז געווען גאַנץ ווייט פון דעם...

— אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט דוד געצויגן מיט די אַקסלען.

— איצט איז ניט די צייט דיר צו זאָגן פאַרוואָס! — רופט זיך אָן שלמה — איך פיל, אַז אַפילו ווען איך וואָלט געהאַט דעם כוח און די מעגלעכקייט דיר צו באַווייזן דו זאָלסט אויפהערן גלויבן אין די אַלע זאַכן, וואָס צו מיר קוקן זיי אויס משונהדיק, וואָלט איך עס ניט געטאָן, ווייל איצט זע איך, אַז „אשרי המאמין”, וואויל איז דעם וועלכער גלויבט, וועלכער באַזיצט די אייגנשאַפט צו האָבן אמונה אין דער תורה, ווי דער נביא חבקוק האָט שוין געזאָגט: „וצדיק באמונתו יחיה”, אַז דער אמתער צדיק געפינט לעבן און גליק אין זיין אמונה. איך, אָבער, בין ניט געבענטשט מיט אָט דער דאָזיקער אייגנשאַפט... איך האָב זיך פאַרטיפט אין דער פילאָזאָפיע, וואָס זוכט, נישטערט און גריבלט דעם אמת, אָבער דערווייל איז נאָך קיינעם ניט געלונגען דאָס צו געפינען... מיך האָט איינמאָל מיינער אַ חבר אָנגערופן: „דער פאַרבלאָנדזשעטער פילאָזאָף”, און ווען איך טראַכט זיך אין דעם אַריין, האַלט איך, אַז ער איז געווען גערעכט... אַ פילאָזאָף בלאָנדזשעט. ער זוכט צו דערקלערן דאָס וואָס דעם מענטשנס שכל וועט עס קיינמאָל ניט באַווייזן... ווי גרויס און גאונותדיק דער פילאָזאָף זאָל ניט זיין, וועט ער מיט זיין פילאָזאָפיע ניט קענען אַנטפּלעקן די סודות פון דער וועלט... דער איינציקער גרויסער פילאָזאָף, וועלכער האָט יאָ באַוויזן זיך צו דערגרונטעווען צום אמת, איז געווען דער רמב״ם אין זיין גרויסן ווערק „מורה

נבוכים". אין אַט דעם דאָזיקן ווערק ווייזט רבנו משה בן מימון (רמב"ם) זיין ריינע ליבן צום אמת, זיינע אויפריכטיקע און גרינדלעכע רעליגיעזע און מאָ־ראַלישע איבערצייגונגען, זיין טיפער פאַרשטאַנד אין אַלע צווייגן פון מענטש־לעכער דערקענטעניש און זיין פילאָזאָפישער גייסט, וואָס דרינגט אַלץ דורך אויף אַ גאַנץ אייגענעם, מוסטערהאַפטן אופן. ער זוכט צו מאַכן שלום צווישן אמונה און שכל... לערנענדיק דעם ספר „מורה נבוכים" גלויבן מיר, אַז מיר הערן די שטימע פון אמת אַליין, וואָס פלאַנצט איין יראת הכבוד...

— איך וואָלט זייער געוואָלט האָבן די געלעגנהייט צו לערנען דעם מורה נבוכים! — האָט דוד זיך אָנגערופן.

— איצט איז ניט צייט צו ריידן וועגן דעם — זאָגט שלמה — איך זע אָבער, אַז איך בין פאַרקראָכן צו אַ גאַנץ אַנדער ענין... איך האָב געהאַט בדעה דיר צו געבן אַ דערקלערונג וועגן געוויסע האַנדלונגען מיינע, כדי דו זאָלסט זיי בעסער קענען באַגרייפן און אַריינגיין אין מיין לאַגע, זיך צו דערגרונטעווען די סיבות וואָס האָבן גורם געווען איך זאָל אַזוי האַנדלען. דו קענסט ריכטיק פאַרשטיין די סיבה וואָס האָט גורם געווען איך זאָל זיך פלוצלינג פאַרנעמען מיט שנאָרעריי... שטעל זיך פאָר ווען דו דערזעסט מיך פלוצלינג גיין איבער די הייזער, ניט וויסנדיק די אַלע גילגולים וואָס איך האָב דורכגעמאַכט פריער, איידער איך האָב געזונקען צו אַט דער נידעריקער שטופע, וואָלסטו דאָך מיך זיכער פאַרדאַמט... דו וואָלסט זיך אָפּגעקערט פון מיר מיט עקל... ווען אַט די אַלע זאַכן וואָלטן צו דיר פריער קלאָר געוואָרן, וואָלסטו גאַנץ אַנדערש געטראַכט פון מיר. דו וואָלסט געהאַט מיטלייד מיט מיר, האַ, ניט אַזוי, מיין זון?

שלמה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איצט וועל איך דער דערציילן וואָס מיט מיר איז געשען אין האָלאַנד... יאָ, דוד, מיין נויט האָט מיך געמאַכט צו וואַנדערן, איך זאָל ערגעץ קענען געפינען אַ פּלאַץ וואו איך זאָל זיך קענען מפרנס זיין בכבוד און קענען פאָרטזעצן מיין שטודיום... כאָטש אין בערלין האָב איך מיר איינגעשאַפט אַ סך פריינט, האָבן מיר אָבער אויך ניט געפעלט קיין שונאים. מיינע פריינט זיינען געווען זייער פאַסיוו, אָבער מיינע שונאים זיינען געווען זייער אַק־טיוו. זיי האָבן געזוכט מיך צו פאַרמיאוסן צווישן מיינע פריינט אַזוי, אַז פילע פון מיינע פריינט האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט. מיין לאַגע האָט גע־נומען ווערן ערגער אין בערלין און איך האָב באַשלאָסן אויסצוּוואַנדערן קיין האָלאַנד, האָפנדיק, אַז דאָרט וועל איך געפינען רו און גליק... דאָרט האָט מיט מיר ווידער פאַסירט די זעלבע געשיכטע. וויבאַלד איך האָב ניט געוואָלט זיין פאַלש און דורך צבוע׳סטוואָס ניט געוואָלט אַרויסקריגן די טובות, האָבן מיך די פרומע ברידער מיינע געמומען פאַרפאָלגן... איך האָב זיך דאָרט אויך אַ סך אָנגעליטן. עס איז מיר געוואָרן זייער שלעכט. אַ מרה־שחורה האָט מיך באַנומען... מיין לעבן איז מיר נמאס געוואָרן, און מיר איז פלוצלינג גע־קומען אַ געדאַנק צו מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן, וואָס איז מיר געוואָרן צו לאַסט... ווען מיין לאַגע איז נאָך ערגער געוואָרן האָב איך באַשלאָסן דאָס דורכצופירן... איך בין אַוועק בייינאַכט צו איינעם פון די גאָר טיפע קאַנאַלן וואָס געפינען זיך אין האָלאַנד, און איך בין געווען גרייט זיך אַריינצוּוואַרפן אין וואַסער...

אָבער ווען איך בין שוין געווען איינגעבויגן גרייט אַרונטערצושפּרינגען אין וואַסער, וואָס וואָלט געמאַכט אַ סוף צו אַלע מיינע פּלאָגענישן, האָט מיך, ווייזט אויס, דער דראַנג צו לעבן איבערגעוועלטיקט און איך האָב עס ניט געטאָן... איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, מיין זון, גאַנץ אָפט, ווען איך טראַכט פון דעם, איבערהויפּט ווען מיר קומט אויס צו ליידן, פאַרדריסט מיך שוין וואָס איך האָב אין דער לעצטער רגע חרטה געקראָגן... מיט דעם איין שפּרונג וואָס איך וואָלט דאַן געווען געמאַכט, וואָלט איך זיך איינגעשפּאָרט אַ סך צרות סיי פאַר זיך און סיי פאַר ענדערע...

— אָ, געלויבט איז גאָט וואָס דאָס איז ניט געשען! — האָט דוד אויסגע־רופן — דו וואָלסט דאָך דאַן געהאַט פאַרלוירןביידע וועלטן...

— איצט וועל איך קומען צו דעם וואָס דו האָסט מיך געפרעגט — האָט שלמה ווייטער גענומען אַליין ריידן — ווען איך האָב זיך איבערצייגט אַז אויך אין האָלאַנד איז פאַר מיר קיין תּכלית ניט, האָב איך אָפּגערייזט קיין האַמבורג. ערשט דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע צרות... וואָלט איך געווען פרום, וואָלט איך גאַנץ לייכט געקענט דורכקומען. ווען איך טראָג אַ באָרד און פּאות און קום אין אַ שול און זע זיך דאָרט מיט דעם רב און אַנדערע פרומע יידן, לומדים, פאַר וועמען איך וואָלט געקענט אַרויסווייזן מיין גרויסע קענטעניש אין תּלמוד, וואָלט איך שוין זיכער ניט פאַרפאַלן געוואָרן. אָבער אַזוי ווי דאָס איז פאַר מיר געווען אוממעגלעך... איך בין שוין דאַן געווען גאַנץ ווייט פון אָט די אַלע זאַכן און איך וועל דאָך ניט גיין פאַרלאָזן אַ באָרד כּדי מיט דעם אָפּצונאַרן אַנדערע... האָב איך דעריבער ווייטער גענומען ליידן. פון די פון וועמען איך האָב עפּעס יאָ געקענט דערוואַרטן, האָב איך זיך דערווייטערט, און די אַנדערע האָבן זיך דערווייטערט פון מיר. זיי זיינען געווען פרעמד צו מיר, איבערהויפּט ווען איך האָב זיך מיט זיי ניט געקענט אויסטענהן אין דייטש. איז מיר דעריבער אויסגעקומען זייער צו ליידן... אין האַמבורג האָב איך גראָד ניט געטראָפן קיין משכּילים מיט וועמען איך זאָל זיך קענען באַפריינדן, און פון וועמען איך וואָלט געקענט דערוואַרטן עטוואָס שטיצע. מיט די עטלעכע מטבעות וואָס זיינען מיר נאָך פאַרבליבן, האָב איך זיך געמוזט אויפהאַלטן אין אַן אָרימער, שמוציקער אַכסניה, אָן שום מיטלען צו לעבן. איך האָב ניט געוואוסט וואָס אָנצוהייבן צו טאָן. אַלע וועגן זיינען פאַר מיר געווען פאַרצאַמט, אַלע טירן און טויערן זיינען פאַר מיר געווען פאַרשלאָסן...

— און פאַרוואָס האָסטו ניט געוואָלט זיך צוריקקערן קיין נעסוויזש, צו דיין משפּחה? — פרעגט אים דוד.

— נו, שטעל זיך פאָר — האָט שלמה צוגעשמייכלט — ווען איך באַווייז זיך פּלוצלינג אין מיין שטעטל מיט מיין אויסזען, אָן באָרד און פּאות... מיט מיין הילוך...

— וואָלסטו דאָך געקענט פאַרלאָזן באָרד און פּאות.

— וואָלט עס דאָך ווידער געמיינט נאַרן זיך אין יענעם, און אויב איך וואָלט ביי זיך געפּועלט דאָס צו טאָן, וואָלט איך דאָך געקענט אויסמאַכן דאָ בעסער. דו, דוד, דאַרפסט עס פאַרשטיין!

— יאָ, איך פאַרשטיי! — האָט דוד אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ערשט דאַן האָב איך גענומען ביי זיך טראַכטן: ווען איך וואָלט געווען אַ קריסט, וואָלט איך דען אויך באַדאַרפטליידן אַזוי פיל?... אַלס קריסט וואָלטן דאָך פאַר מיר געווען אָפן אַלע טירן און טויערן. איין שפּריץ וואַסער און אַלע מיינע צרות וואָלטן אַראָפּגעשווענקט געוואָרן... איך וואָלט געווען פריי צו טאָן אַלץ וואָס מיר געפעלט. קיינער וואָלט מיר ניט נאָכגעגאַנגען צו זען צי איך היט אָפּ די קריסטלעכע דאָגמעס. איך האָב זיך געטראַכט, אַז וויבאַלד איך גלויב ניט אין קריסטנטום אַלס רעליגיע, בלויז דאָס וואָלט געווען פאַר מיר אַ מיטל צו דערגרייכן מיין ציל, טאָ צוליב וואָס זאָל איך אַזוי פיל ליידן אומזיסט?... דו פאַרשטייסט, מיין זון? איך וואָלט דאָך אין קריסטנטום זיכער ניט געהאַט געגלויבט...

— אָבער דאָס וואָלט דאָך געמיינט ווידער אָפּנאַרעריי!

— אָט איצט וועסטו פאַרשטיין פאַרוואָס עס איז פון דעם גאַנצן פּלאַן גאָרניִשט געוואָרן. איך האָב געטראַכט אַזוי: אַז איך וועל דעם פּאַסטאָר דערציילן דעם גאַנצן אמת. איך וועל אים דערציילן, אַז איך וויל בייטן מיין רעליגיע, ניט ווייל איך גלויב, אַז די קריסטלעכע רעליגיע איז בעסער פאַר דער יידישער. פאַרקערט, ווען איך וואָלט געהאַט מיין אויסוואַל, וואָלט איך גיכער אויסגעקליבן די יידישע אמונה, ווייל זי איז נעענטער צו מיין שכל ווי די קריסטלעכע, אָבער אַזוי ווי די קריסטלעכע רעליגיע איז אין פּראַקטישער הינזיכט באַקוועמער און ניצלעכער, איבערהויפּט אין מיין פאַל, איז דעריבער האָב איך דעם פּאַסטאָר געבעטן מיר צו ענטפערן צי עס וואָלט געווען פאַר אים מעגלעך מיך אַריינצונעמען אַלס קריסט מיט אָט די דאָזיקע באַדינגונגען, און די איינציקע זאַך וואָס איך קען אים צוזאָגן אַז איך וועל אָפּהיטן פון דער קריסטלעכער רעליגיע איז די מאָראַלישע זייט... ווייל אין דער אמתן זע איך דאָך ניט קיין גרויסן אונטערשייד אין דעם מאָראַלישן פּרינציפּ צווישן יידנטום און קריסטנטום... זיי, די קריסטן גלויבן דאָך אויך אין די עשרת הדיברות. און דער נוצרי האָט אויך אָוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון זיין אמונה די מצווה פון אונדזער תורה: „ואהבת לרעך כמוך", דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט ווי זיך אַליין... דו ווייסט ז'אַך, אַז ווען דער געצנדינער איז געקומען צו הללן ער זאָל אים מגייר זיין מיט דעם באַדינג, אַז ער זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע יידישע תורה שטייענדיק אויף איין פוס, האָט ער אים געזאָגט דעם דאָזיקן פּסוק און צוגעגעבן: „וואָס דו האָסט פיינט אַז מען זאָל דאָס טאָן צו דיר, זאָלסטו עס ניט טאָן צו דעם צווייטן"... איז די איינציקע זאַך וואָס איך גלויב ניט אין די ניסים און אין זייערע אַנדערע דאָגמאַס. איך בין געווען גאַנץ אָפנהאַרציק מיט דעם פּאַסטאָר און אים געזאָגט, אַז איך וויל אים ניט זאָגן קיין ליגן און אויב ער גלויבט, אַז טראָץ דעם וואָס איך האָב געזאָגט דעם גאַנצן אמת, בין איך נאָך אַלץ פאַסיק אַריינגענומען צו ווערן אין זיין קריסטלעכער סטאַדע, וועל איך דאַן זען וואָס איך האָב צו טאָן... נו, מיין זון, דו וועסט דאָך אַליין פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען פאַר דעם פּאַסטאָר אוממעגלעך. ער האָט מיר געזאָגט וואָס מען וועט דערוואַרטן פון מיר ווען איך וועל אָננעמען דעם קריסטנטום, האָב איך אים גלייך געענטפערט:

„אויב אַזוי, דאַן מוז איך מיך, הער פּאַסטאָר, מודה זיין, אַז איך בין ניט

קוואַליפיצירט צום קריסטנטום, און איך וועל שוין בעסער ווייטערליידן און בלייבן ביי מיין אייגענער רעליגיע, וואָס פאַרלאַנגט פון מיר ניט קיין סך, ווי אונדזער נביא מיכה האָט זיך אויסגעדריקט: „וואָס פאַרלאַנגט גאָט פון דיר? נאָר בלויז טאָן גערעכטיקייט, און ליב האָבן צו טאָן גוטס און אומגיין באַשיידן מיט דיין גאָט (אין האַרצן)... דורך דעם, מיין זון, וועסטו קענען פאַרשטיין, אַז די בענדער צו מיין אמונה, זיינען גאָר,גאָר שטאַרקע, און טראָץ דעם וואָס מיין פאַרשטאַנד דערלאָזט מיך ניט אָפּצוהיטן געוויסע דאָגמעס, אָדער מצוות, בין איך פאַרבליבן דער זעלבער געטרייער ייד ווי איך בין דאָס געווען זינט איך קען געדענקען... איך האָף, מיין זון, אַז דו פאַרשטייסט עס איצט גאַנץ גוט, און דו וועסט מיך אין האַרצן ניט פאַרדאַמען צוליב אָט דעם דאָזיקן עפּיזאָד פון מיין לעבן.

דוד איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ער האָט געשוויגן.

— איך ווייס וואָס דו טראַכסט איצט! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — דו ווילסט מיך פרעגן ווי אַזוי איך האָב גאָר ווען עס איז געקענט צולאָזן אַזעלכע געדאַנקען צו זיך...

דוד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און שלמה האָט ווייטער גערעדט:

— עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אומבאַוואוסטזיניק האָב איך געזוכט אויסצופּרובירן די קריסטלעכע קירכע צו זען אויף ווי ווייט זי איז גרייט צו גיין כּדי אַריינצוקריגן יידישן נפשות... יעדנפאַלס, וואָס עס זאָל ניט זיין, קענסטו פון דעם זען, אַז איך האָב פון אָנפאַנג אָן ניט געהאַט די כּוונה זיך צו באַקערן צום קריסטנטום... עס איז בלויז געלעגן אין מיר אַ מין טראַציקייט צוליב דעם וואָס איך האָב געהאַט דורכגעמאַכט אַזוי פיל צרות און פּלאָגענישן...

— אָבער ווי וואָלסטו געהאַנדלט ווען דער פּאַסטאָר שטימט איין אויף דיינע באַדינגונגען?

— דאַן וואָלט איך שוין געפונען אַנדערע שוועריקייטן... גלויב מיר, אַז עס וואָלט צו דעם קיינמאָל ניט געקומען. איך האָב פאַר דיר אַלץ קלאָר געמאַכט און איך בין זיכער, אַז דו וועסט עס פאַרשטיין...

— המ... איך וועל עס פאַרשטיין! — האָט דוד אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — אָבער די מאַמע וועט עס קיינמאָל ניט פאַרשטיין.

— נו, דאַרפסטו מיט איר אַפילו ניט ריידן וועגן דעם!

— אָבער די מאַמע האָט עס אויך געהערט! האָט דוד אויסגערופן.

— דו מיינסט, אַז זי האָט אַלץ געהערט און טראָץ דעם איז ביי איר רעכט מיט מיר שלום צו מאַכן און פאַרבלייבן וואוינען מיט מיר?

דוד האָט מורא געהאַט אַז זיין פאָטער וועט זיך אָנשטויסן, אַז זיין מוטער זוכט אים אָפּצונאַרן, און אַז זי איז ניט ערנסט מיט דעם וואָס זי האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז זי איז שוין וויליק צו פאַרבלייבן מיט אים, האָט ער דעריבער זיך צו אים אָנגערופן:

— ווען איך און די מאַמע האָבן עס געהערט, האָב איך איר גלייך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ בילבול. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל דאָס בשום אופן ניט גלויבן אויף דיר. און כּדי איר איבערצוצייגן, אַז איך בין גערעכט, אַז דיינע שונאים האָבן דאָס אויף דיר אויסגעטראַכט, האָב איך איר געזאָגט, אַז

מיט דעם וואָס מען דערציילט ווי אַזוי דו ביסט געגאַנגען צו אַ דייטשן לערער ער זאָל פאַר דיר אָנשרייבן דעם בריוו, איז עס אַ באַווייז, אַז די גאַנצע געשיכטע איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן... ווייל, האָב איך געזאָגט, דער טאַטע קען גוט דייטש און אויב ער וואָלט באַדאַרפט שרייבן אַ בריוו צום פּאַסטאָר וואָלט ער ניט באַדאַרפט אָנקומען צו אַ צווייטן...

— נו, און זי האָט עס אָנגענומען אַלס באַווייז?

— יאָ, טאַטע, זי האָט עס אָנגענומען, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז דו קענסט זייער גוט דייטש. זי האָט מיר פונדעסטוועגן געזאָגט, אַז איך זאָל דיך אַליין פרעגן, ווייל דער וועלכער האָט אונדז דערציילט וועגן דייטשן לערער, ווער האָט אונדז אויך דערציילט, אַז איינער וועמענס פריינט האָט אים דערציילט, האָט אונדז אויך דערציילט, אַז איינער פון דיינע פריינט האָט אים איבערגעגעבן, אַז דו האָסט אים אַליין דערציילט וועגן דעם... פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל איר איצט דאַרפן זאָגן אַ ליגן, אַז איך האָב מיט דיר גערעדט וועגן דעם און דו האָסט מיר אַליין געזאָגט, אַז דאָס איז אַ בילבול אויף דיר... איך ווייס, אַז דו וואָלסט ניט געוואָלט איך זאָל זאָגן אַ ליגן, אָבער קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט, ווייל ווען דו אַליין וואָלסט איר דערציילט דעם גאַנצן אמת, ווי דו האָסט עס מיר דערציילט, וועט זי דאָך ניט פאַרשטיין אַלץ ווי איך האָב עס פאַרשטאַנען. פאַר איר וועט עס הייסן, אַז עס איז געווען אַ צייט ווען דו האָסט זיך געוואָלט שמדן...

— אין דעם פאַל וואו דער שלום בית איז אָפּהענגיק און ווייל זי וואָלט עס אַלץ אַנדערש אויסגעטייטשט, דערלויב איך דיר צו זאָגן דעם קליינעם ליגן — האָט שלמה זיך אָנגערופן — און אין אמתן וועט דאָך דאָס אַלץ איינס ניט זיין קיין ליגן, ווייל ווען זי וואָלט עס אַלץ געקענט באַגרייפן, וואָלט זי דאָך אַליין אויך באַלד פאַרשטאַנען, אַז אין דער גאַנצע געשיכטע איז ניטאָ קיין שום ממשותדיקס...

45

כאָטש זיין טאַטע האָט פאַר אים גאַנץ קלאָר געמאַכט די אומשטענדן אונטער וועלכע ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם פּאַסטאָר איז דוד פונדעסטוועגן אַוועק פון אים מיט זייער אַ שווערן געמיט. דער געדאַנק, אַז זיין טאַטע זאָל האָבן אַפילו געטראַכט וועגן אַזאַ זאַך ווי שמדן זיך, האָט אים שטאַרק דערשלאָגן. איצט האָט ער איינגעזען צו וואָס אַפּיקורסות קען ברענגען... אמת, ער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס וואָס ער האָט פּרובירט טאָן איז עס ניט געווען ווייל ער האָט געטראַכט פון דעם און ווי ער האָט אים דערקלערט, וואָלט עס צו דעם קיינמאָל ניט געקומען, אָבער פונדעסטוועגן האָט די גאַנצע געשיכטע וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעגעבן, איבערגעלאָזן אַ ביטערן טעם אין זיין מויל.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז האָט שרה גלייך געקענט מערקן אָן זיין פּנים, אַז ער איז אין אַ געדריקטער שטימונג.

— איך זע, דוד, פון דיין פּנים, אַז דו ביסט שטאַרק באַזאָרגט. זאָג מיר,

מיין זון, האָסטו שוין גערעדט מיט דיין טאַטן וועגן דעם וואָס מען האָט אונדז דערציילט?

— יאָ, איך האָב מיט אים גערעדט!

— און ער האָט צוגעגעבן, אַז אַלץ וואָס מען דערציילט וועגן אים און דעם פּאַסטאָר איז אמת?

— ניין, מאַמע, עס איז ניט אמת! עס איז פּונקט ווי איך האָב דיר פון אָנפאַנג געזאָגט, אַז זיינע שונאים האָבן אויף אים אַ בילבול געמאַכט!

— אָבער ווי אַזוי קען מען עס אויסטראַכטן אַזאַ זאַך?

— עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס מיט איינעם פון זיינע פריינט און ער האָט אויסגעטראַכט אַזאַ געשיכטע!

— עס איז זייער פיין צו מאַכן שפּאַס וועגן אַזאַ זאַך! — האָט שרה געזאָגט.

— איך קען דיר ניט זאָגן, מאַמע, אַז ער האָט געמאַכט שפּאַס אָדער דאָס איז איינגאַנצן אויסגעטראַכט און זיינע שונאים האָבן געזוכט צו מאַכן אַ בילבול אויף אים. אַלץ וואָס איך האָב פון אים אויסגעפונען, איז, אַז עס איז ניטאָ קיין שום גרונט צו דער גאַנצער געשיכטע...

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, מיין זון! — האָט שרה זיך אָנגערופן — אַז צו מיר איז דאָס גאָר קיין אונטערשייד ניט צי דאָס איז אמת צי ניט... ביי מיר איז ער פאַררעכנט ווי אַ גוי... אַ ייד וועלכער היט ניט אָפּ יידישקייט, אַ ייד וועלכער לייגט ניט קיין תפילין און איז מחלל שבת און יום טוב, איז קיין ייד ניט... איך וועל אַלץ איינס מיט אים מער ניט זיין צוזאַמען. איך וועל באַשטיין אויף אַ גט. אַלץ וואָס איך וועל טאָן איז אַרויסקריגן פון אים וויפיל געלט איך וועל נאָר קענען... דאָן וועל איך פאָדערן דעם גט, און איך וועל מער פון אים ניט וועלן וויסן.

אויף דעם צווייטן טאָג, ווען שרה איז געקומען באַזוכן שלמהן, האָט זי מיט אים גערעדט נאָך פריינטלעכער. זי האָט מיט אים גערעדט וועגן פאַרשיידענע פּלענער, וועגן באַלעבאַטישקייט וואָס זי וועט דאָ דאַרפן איינאָרדענען.

— דו ווייסט, אַז צו דעם אַלעם וועט זיך פאָדערן אַ סך געלט? — האָט שרה אַ זאָג געטאָן און זי האָט געוואָרפן פאַרשענדע בליקן אויף אים.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך וויים! — האָט שלמה געזאָגט — איך האָב אַ ביסל געלט. איך גלויב, אַז עס וועט קלעקן!

— וויפיל אַן ערך האָסטו?

— צוואַנציק רענדלעך? — האָט שרה אויסגערופן — דאָס מיינט דאָך אויף אונדזער געלט אַן ערך פון פיר הונדערט גילדן. דאָס וועט אפשר קלעקן אויף אַ נייער דירה און אויף מעבל און כלים, אָבער מען וועט דאָך דאַרפן טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן...

— אויב מען וועט זיך נויטיקן, וועל איך שוין קריגן נאָך געלט! — האָט שלמה געזאָגט.

— ווייסטו וואָס? דו גיב מיר דערווייל דאָס געלט וואָס דו האָסט ביי זיך און איך וועל שוין זען וואָס איך דאַרף האָבן כדי צו באַזאָרגן אַלץ מיט אַנאַנדער...

שלמה איז געווען אַזוי גליקלעך צו הערן פון זיין פּרויס מויל, אַז זי איז שוין ווילִיק צו בלייבן מיט אים, אַז ער האָט מער קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האָט אַרויסגענומען די צוואַנציק גאָלדענע רענדלעך וואָס ער האָט געהאַלטן באַהאַלטן אין אַ קליינעם טיש־קעסטל און ער האָט זיי איבערגעגעבן אין שרהס הענט.

— איך ווייס, שרה, אַז דו ביסט אַ גוטע באַלעבאָסטע און דו וועסט וויסן וואָס דו האָסט צו טאָן.

— איך וועל גיין איבער די געשעפטן און זען וואָס עס וועט זיין מעגלעך אָנצופּוטאָן מיט דעם געלט.

שרה איז אַוועק פון שלמהן מיט דעם געלט אין איר באַזיץ. זי האָט נאָך אין איר לעבן ניט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע סומע געלט. זי איז געווען צופרידן וואָס אַמווייניקסטן איז איר געלונגען אַרויסצוקריגן דאָס געלט פון אים. זי האָט זיך געטראַכט, אַז זי באַגייט ניט דערמיט קיין אומרעכט, ווייל ער איז איר אַ סך מער שולדיק ווי דאָס ביסל געלט וואָס זי האָט פון אים אַרויסגע־קראָגן. זי האָט געטראַכט, אַז שלמה מוז געוויס האָבן נאָך געלט, וואָס ער וויל ניט אויסזאָגן. ער האָט דאָך איר געזאָגט, אַז אויב זי וועט זיך נויטיקן וועט ער קריגן נאָך געלט. דאָס אַליין איז אַ באַווייז, אַז ער האָט נאָך געלט. זי וועט דעריבער זען אַרויסצובאַקומען פון אים אויך דאָס איבעריקע געלט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שרה ווידער געקומען צו שלמהן. זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז געווען אין פאַרשיידענע געשעפטן און זי האָט אויסגע־פונען, אַז אויב זי וועט דאָ וועלן איינאָרדענען אַ דירה ווי עס באַדאַרף צו זיין, וועט מען דאַרפן האָבן נאָך געלט. דעריבער וואָלט זי געוואָלט, אַז ער זאָל איר געבן דאָס איבעריקע געלט וואָס ער האָט און דאַן וועט זי זען צו מאַכן דעם חשבון וואָס זי קען קויפן און וואָס ניט.

— איך וועל דיר זאָגן, שרה — האָט שלמה געזאָגט — כּדי צו קריגן דאָס איבעריקע נויטיקע סומע וועלן מיר מוזן פאָרן קיין בערלין!

— וואָס הייסט קיין בערלין? האָט אים שרה אָנגעקוקט.

— אין בערלין האָב איך אַ סך גוטע פריינט וועלכע זיינען אויך פאַרמעג־לעך און איך בין זיכער, אַז ווען זיי וועלן אויסגעפינען, אַז איך וועל זיך מיט דיר דאָרט איינאָרדענען וועלן זיי מיר געבן אַזוי פיל געלט אין וויפיל איך וועל זיך נויטיקן. דעריבער איז מיין עצה, אַז מיר זאָלן אַלע דריי אָפּרייזן קיין בערלין. דאָרט וועל איך זיכער ניט פאַרפאַלן ווערן.

— אָ, ניין! אין בערלין וועל איך ניט פאָרן! — האָט שרה אויסגערופן — עס איז גענוג, אַז איך בין געקומען אַהער קיין ברעסלעו!

— אָבער דאָרט אין בערלין, האָב איך אַ סך בעסערע געלעגנהייטן צו קריגן מער געלט!

— איך זע שוין, אַז איך וועל מיט דיר גאָרניט אויסמאַכן! — האָט שרה זיך אָנגערופן — פריער האָסטו מיר געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך דאָ באַזעצן. איצט דרייסטו שוין מיטן צונג און דו זוכסט צו פאָרן קיין בערלין!

— איך וואָלט געווען צופרידן צו פאַרבלייבן מיט דיר דאָ, אין ברעסלעו! — האָט שלמה געזאָגט — אָבער אַזוי ווי דו פאַרלאַנגסט נאָך געלט און איך

האָב מער קיין געלט ניט ביי זיך, האָב איך געטראַכט, אַז דער איינציקער פּלאַץ וואו איך קען נאָך קריגן געלט איז בערלין.

— און אַז מיר וועלן בלייבן דאָ וועסטו זיך אַנפּאַנגען אויפפירן ווי אַ ייד דאַרף זיך אויפירן?

— דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז שוין לאַנג אויסגעדראָשן געוואָרן צווישן אונדז! — האָט שלמה געזאָגט — דו האָסט דאָך שוין מסכים געווען איינצוגיין אויף פשרות!

— וואָס הייסט פשרות? איך בין אַ פּשוטע יידענע און איך ווייס ניט צי עס איז מעגלעך צו זיין אַ האַלבער ייד. ביי מיר איז מען אָדער אַ גאַנצער ייד און מען היט אָפּ אַלץ וואָס די תורה האָט געבאָטן, אָדער מען איז אינגאַנצן ניט קיין ייד!

— אָבער ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָסטו מיר אַליין געזאָגט, אַז דו וועסט זיך צופרידנשטעלן מיט דעם וואָס איך וועל אַמווייניקסטנס ניט טאָן קיין עבירות...

— נו, האַלט איך אָבער, אַז מיט דעם וואָס מען טוט ניט די מצוות, איז עס שוין אַן עבירה... אַ, ניין, שלמה! איך זאָג דיר איצט גאַנץ אָפן, אַז איך וועל מיט דיר בשום אופן ניט פאַרבלייבן סיידן דו וועסט פאַרלאָזן אַ באָרד און ווערן אַ פרומער ייד!

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אוממעגלעך און אַז איך האָב דאָס דיר קיינמאָל ניט צוגעזאָגט! פאַרוואָס האָסטו זיך פּלוצלינג געענדערט?

— אָט אַזוי זאָג איך און אַזוי וועל איך טאָן! איך האָב זיך קיינמאָל ניט געענדערט.

— דאָס הייסט, אַז דו האָסט מיך פּשוט אָפּגענאַרט! — האָט שלמה מיט פאַרביטערטקייט געזאָגט — איז דאָס מעגלעך, אַז דו האָסט בלויז געוואָלט אַרויסקריגן דאָס געלט פון מיר וואָס איך האָב געהאָט אָנגעקליבן?

— און אַז דאָס איז געווען מיין כוונה איז עס אַן עוולה? ווען דו פאַר־מאָגסט הונדערט מאָל אַזוי פיל וואָלט עס דען געווען גענוג מיר צו באַצאָלן פאַר אַלץ וואָס דו האָסט צו מיר געטאָן? פאַר די צען פינצטערע און טרויעריקע יאָרן וואָס איך האָב דורך דיר געהאָט? איך זאָג דיר איצט אויסדריק־לעך, אַז איך זע פאַר אונדז ביידן קיין אַנדער אויסוועג ניט ווי זיך צו גטן...

— אויב דו גלויבסט, אַז פאַר אונדז איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ, איז דאָך אומזיסט אונדזער גאַנצע מי! — האָט שלמה געזאָגט — אמת, לויט דיינע לעצטע רייד, האָב איך אָנגעפאַנגען גלויבן, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ מעג־לעכקייט פאַר אונדז ביידע צוזאַמענצוקומען. איצט, אָבער, זע איך, אַז דו האָסט ווידער געלייגט שטרויכלונגען אויף אונדזער וועג.

— איך האָב זיך אונטערגענומען אָט די לאַנגע רייזע פון נעסוויזש אַהער דיך אויפצוזוכן. איך האָב שוין פריער געהערט וועגן דיר, אַז דו ביסט גע־וואָרן אַן אַפּיקורס, און ווען איך האָב דיך דערזען מיט מיינע אויגן, האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז עס איז שוין קיין האָפענונג ניטאָ אויף וואָס צוריקצובויען אונדזער צוקונפטיקן לעבן. איך האָב פּרובירט מיט דיר ריידן. איך האָב דיר געזאָגט אויף וואָס פאַר אַן אופן איך וועל איינשטימען צוריקצוקומען וואוינען

מיט דיר, אָבער פון דיינע רייד האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דו וועסט זיך ניט ענדערן. דעריבער זאָג איך דיר נאָכאַמאָל, אַז איך וויל דו זאָלסט מיר געבן אַ גט!

— ניין, איך וועל דיר קיין גט ניט געבן! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן — איך האָב דיך אַמאָל ליב געהאַט און דאָס וואָס איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דיר איז עס ניט געווען ווייל איך האָב ניט געוואָלט בלייבן מיט דיר, נאָר איך האָב פאַר זיך קיין תכלית ניט געזען צו בלייבן אין דער היים. ווען איך וואָלט געוואוסט אַז דו וואָלסט ניט געווען דערקעגן וואָלט איך נאָך דיר געשיקט.

— וואָס הייסט דו וועסט מיר ניט געבן קיין גט?! — האָט זיך שוין שרה צעשריען — ווילסטו, אַז איך זאָל מיין גאַנצן לעבן פאַרבלייבן אַן עגונה?

— איך וועל דיר קיין גט ניט געבן מיט מיין גוטן ווילן! האָט שלמה געזאָגט — סיידן בית־דין וועט מיך צווינגען צו דעם!

— נו, אויב אַזוי, וועל איך גיין צו דעם אַב־בית־דין און איך וועל זיך ביי אים פאַרקלאָגן. דער היגער רב ווייסט שוין פון אַלץ וואָס דו האָסט צו מיר געטאָן. ער האָט טאַקע געשריבן צו דעם נעסוויזשער רב און איבערגעגעבן אַלץ וועגן דיר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער יידישער בית־דין איז אָנערקענט פון דער מלוכה און אַז דער בית־דין געריכט האָט אַ מאַכט פּונקט ווי אַ מלוכה־געריכט!

— איך לייקן עס ניט! עס איז אמת, אַז בית־דין קען מיך צווינגען דיר צו געבן אַ גט — האָט שלמה געזאָגט — איז אויב מען וועט מיך צווינגען, וועל איך דיר געבן אַ גט... אָבער אָפּגטן דיך מיט מיין גוטן ווילן, וועל איך ניט!

— נו, אויב אַזוי, וועט מען דיך פון בית־דין צווינגען! — האָט שרה מיט כעס אויסגערופן — איך וועל דעם גט פון דיר אַרויסקריגן.

שרה איז אַוועק אַהיים און זי האָט געזאָגט דודן, אַז שלמה ווייסט שוין, אַז זי פאַרלאַנגט אַ גט פון אים און אַז זי וועט מיט אים ניט וואוינען אונטער קיינע אומשטענדן סיידן ער זאָל תשובה טאָן מיט זיין גאַנצן האַרצן, און אַזוי ווי ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז אוממעגלעך, וועט די דעריבער נאָך היינט גיין צום רב און אים זאָגן וועגן איר באַשלוס.

— דו וועסט מיט מיר צוגיין! האָט שרה אַ זאָג געטאָן — דו וועסט דאַרפן מיר אַרויסהעלפן ווען איך וועל דאַרט פאַר דעם רב און דעם אַב־בית־דין דערציילן אַלע איינצלהייטן...

שרה איז אַוועק מיט דודן צום רב און אים איבערגעגעבן וועגן אַלץ און וועגן איר ענדגילטיקן באַשלוס אַרויסצוקריגן אַ גט פון איר מאַן, שלמה מיימאָן.

— זייער גוט! — האָט דער רב זיך אָנגערופן — איך האָב שוין פון פריער געוואוסט, אַז דיין גאַנצע מי איז אַרויסגעוואָרפן. ער איז אַן אַפּיקורס וועלכער איז אַרונטער פון דרך הישר און ער וועט שוין אַזוי פאַרבלייבן זיין גאַנצן לעבן. אָט וועל איך זיך היינט אין אָוונט זען מיט דעם אַב־בית־דין און מאָרגן וועט ער שיקן זיין שליח רופן שלמהן ער זאָל דערשיינען פאַר בית־דין ווען זיי וועלן האָבן זייער זיצונג.

— און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיך אָנטזאָגן צו קומען? — האָט שרה אויסגעדריקט איר מורא.

— ער וועט מוזן קומען! — האָט דער רב געזאָגט — אין יידישע אַנגעלעגנהייטן האָט דער בית־דין אַזוי פיל מאַכט ווי אַ מלוכה־געריכט, און אויב ער וועט ניט וועלן קומען נאָך דעם ווי דער שליח פון בית־דין וועט אים רופן, וועט מען דאַן שיקן אַ מלוכה־באַאַמטן, וועלכע וועט אים פירן אַהער אין קייטן... מיט בית־דין שפּילט מען זיך ניט. אין די געזעצן פון אונדזער לאַנד איז אַריינגעשריבן, אַז יידן האָבן געוויסע רעכט ווען עס האַנדלט זיך וועגן יידישע ענינים. איך צווייפל דעריבער ניט, אַז ער וועט קומען.

אויף מאָרגן, האָט בית־דין געשיקט אַ שליח צו שלמהן און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל צוקומען אין בית־דין־שטיבל, וואו מען וועט פאַרהאַנדלען דאָרט וועגן אַ גט פאַר זיין פרוי.

שלמה איז געקומען צו דער באַשטימטער צייט. ער האָט שוין דאָרט געטראָפן זיין ווייב און זיין זון. ער האָט באַמערקט אַז דוד, זיין זון, האַלט די אויגן געווענדעט צום באָדן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט אים צו קוקן גלייך אין די אויגן.

— זאָל עס מעגלעך זיין, אַז דוד האָט שוין פון פריער געוואוסט וועגן זיין מאַמעס באַשלוס צו פאָדערן אַ גט פון אים. און ער איז געווען אַ שותף צו דער אָפּנאַרעריי? — האָט שלמה ביי זיך געטראַכט.

זיינע געדאַנקען זיינען באַלד אונטערבראָכן געוואָרן ווען דער בית־דין שמש האָט אים געהייסן צוקומען נעענטער צו דעם טיש וואו דער אַב־בית־דין איז געזעסן צוזאַמען מיט די איבעריקע דיינים פון וואָס דער בית־דין איז באַשטאַנען.

ער איז צוגעקומען נעענטער און באַטראַכט דעם אַב־בית־דין, וועלכער האָט זיך צו אים געווענדעט:

— זאָג מיר, ווי רופט מען דיך?

— מיין נאָמען איז שלמה מיימאָן!

— ביסטו פאַרהייראַט? — פרעגט ער אים.

— איך גלויב, אַז די דאָזיקע פראַגע איז איבעריק! איר ווייסט אַלע צוליב וועלכן צוועק איר האָט מיך אַהער גערופן.

— דו ענטפער אונדז אויף אונדזערע פראַגן און מיר וועלן אורטיילן צי די פראַגן זיינען איבעריק צי ניט... ביסטו פאַרהייראַט.

— יאָ!

— האָסטו קינדער?

— איין זון!

— געפינען זיך דיין פרוי און זון דאָ? צייג אָן ווער זיי זיינען.

— יאָ, האָט שלמה אָנגעוויזן אויף שרהן און אויף דודן.

— ווי לאַנג איז עס שוין זינט דו האָסט געהייראַט מיט אָט דער דאָזיקער פרוי?

— שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר!

— און ווי לאַנג איז עס זינט דו האָסט זי פאַרלאָזן?

— אַן ערך צען יאָר!

— האָסטו דורך די צען יאָר געמאַכט אַ פּאַרזוך זיך צו שטעלן אין פאַר־בינדונג מיט דיין פרוי ?

— ניין ! — האָט שלמה געענטפערט.

— פאַרוואָס ? — פרעגט אים דער אַב־בית־דין.

— איך בין מחויב איך צו ענטפערן בלויז וועגן פאַקטן און ניט קיין אורזאַכן ! — איז שלמה שוין געוואָרן עטוואָס אויפגערעגט.

— האָסטו איר דורך דער גאַנצער צייט געשיקט געלט אויף צום לעבן ?

— פרעגט ער אים ווידער.

— ניין !

— האָסטו אין דיין פרוי געפונען עפּעס וואָס זאָל זי מאַכן אומווירדיק אין דיינע אויגן ?

— זי איז געווען אַ פיינע, געטרייע, איבערגעגעבענע פרוי ! — האָט שלמה געענטפערט.

— און אַזוי באַהאַנדלט אַ יידישער מאַן אַ פיינע, געטרייע, איבערגעגעבענע פרוי ?

שלמה האָט אויף דעם ניט געענטפערט, און דער אַב־בית־דין האָט דאַן צוגערופן שרהן און ער האָט זיך צו איר געווענדעט :

— דו ביסט אַהערגעקומען פאָדערן אַ גט פון דיין מאַן, שלמה. קענסטו אונדז אָנגעבן די אורזאַכן פאַרוואָס דו פאַרלאַנגסט, אַז ער זאָל דיר געבן אַ גט ?

— ווייל ער האָט מיך פאַרלאָזן און פון מיר ניט געוואָלט וויסן איבער צען יאָר.

— ווי אַזוי האָסטו און דיין זון זיך מפרנס געווען פאַר די לעצטע צען יאָר ?

— איך בין געווען צוזאַמען מיט מיין מאַמען, וועלכע האָט געהאַלטן אַ קליינע אַכסניה און פון דעם האָבן מיר זיך מפרנס געווען.

— קענסטו אונדז אָנגעבן אַ סיבה פאַרוואָס דיין מאַן זאָל דיך וועלן פאַרלאָזן ?

— ניין !

— דו ווייסט דאָך שרה, אַז עס איז אָנגענומען געוואָרן, אַז ווען אַ מאַן און פרוי קומען זיך גטן, דאַרף מען פריער זעען אויב עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן שלום צווישן זיי, אַז זיי זאָלן ווייטער לעבן צוזאַמען. דעריבער איז מיין פליכט דיך צו פרעגן אויב עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר אייער ווידער־צוזאַמענקומען ?

— ווען ער זאָל נאָר תשובה טאָן און ווערן צוריק דער זעלבער ייד ווי אַמאָל, וואָלט איך זיכער איינגעשטימט צו פאַרבלייבן זיין פרוי — האָט שרה געזאָגט — אָבער איך וועל בשום אופן ניט וואוינען מיט איינעם וועלכער האָט פון זיך אָרונטערגעוואָרפן דעם גאַנצן עול פון יידישקייט, וועלכער האָט אָפּגע־גאָלט זיין באָרד, וועלכער לייגט ניט קיין תפילין און...

— דאָס איז שוין פאַר אונדז גענוג ! — האָט דער אַב־בית־דין זיך אָנגע־רופן — מיר אַליין וואָלטן דיר ניט געוואָלט צורידן צו וואוינען מיט אַ כופר בעיקר... אָבער דו, שלמה — האָט ער זיך געווענדעט צו אים — איז דען פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז דו זאָלסט זיך ענדערן, איך מיין, אַז דו זאָלסט תשובה טאָן און דורך דעם קענען צוריקקריגן דיין פרוי ?

— ניין! — האָט שלמה טרוקן געענטפערט.

— נו, אונטער אַזעלכע אומשטענדן, איז ניטאָ קיין אַנדערע עצה, ווי נאָר אַ גט!

— ר׳ אַב־בית־דין! — האָט זיך שלמה אָנגערופן צו אים — איך גלויב, אַז מיר זיינען ניט געקומען צו אייך פרעגן אַן עצה! מיר זיינען אַהער געקומען איר זאָלט אַרויסגעבן אייער פסק־דין, אייער אורטייל! דעריבער טוט אייער פליכט און גיט אַרויס אייער פסק־דין!

דער אַב־בית־דין האָט זיך אַ שטעל געטאָן פון זיין פּלאַץ. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט צאָרן און אויפרעגונג. ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע וואו עס זיינען געווען די ספרים. ער האָט פון דער שאַפע אַרויסגענומען אַ „שולחן ערוך" און ער האָט אויפגעמישט אויף אַ פּלאַץ און דאָס צוגעטראָגן וויזן שלמהן. דאַן האָט ער עס פאַרגעלייענט און פאַרטייטשט: „אַ שלעפּער וועלכער פאַרלאָזט זיין פרוי און שיקט איר ניט קיין געלט, איז אין פאַל ווען מען געפינט אים, צווינגט מען אים דורך בית־דין איר צו געבן אַ גט".

— ניט איך — האָט שלמה געענטפערט — דאַרף מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דעם פאַל ווי עס ווערט באַשריבן אין שולחן ערוך און מיין אייגענעם פאַל. דאָס דאַרפט איר טאָן! איר זייט דאָך דער אַב־בית־דין, טאָ זעצט זיך אויף אייער אָרט און טראָגט אַרויס אייער פסק־דין!

דער אַב־בית־דין איז געוואָרן מלא רציחה צוליב זיין חוצפּהידקער האַלטונג. דאָ האָט ער זיך צוגעזעצט און דאָ האָט ער זיך ווידער אַ שטעל געטאָן. די דיינים האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שטוינענדע בליקן... דאַן האָט דער אַב־בית־דין אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין פויסט אין טיש און אַ געשריי געטאָן אויף שלמהן:

— דו פאַרשאָלטענער אַפּיקורס! דו מומר להכעיס! פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן אין נאָמען פון גאָט!

— אויב דאָס איז וואָס איך הער פון אייך אַנשטאָט אַ פסק־דין, האָב איך מער ניט וואָס צו ריידן. איך דאַרף דאָ מער ניט פאַרבלייבן. און אויב איר וועט מיך וועלן צווינגען דורך דער מלוכה, וועל איך קענען דערציילן ווי אַזוי איר האָט מיך דאָ באַהאַנדלט, און מען וועט מיר נאָך געבן גערעכט!

שלמה האָט זיך אַ קער געטאָן און איז אַרויס פון בית־דין־שטיבל. שרה און דוד זיינען געבליבן זיצן אויף זייערע פּלעצער.

— האָט איר ווען עס איז געהערט אַזוי פיל חוצפּה פון אַן אַפּיקורס?! — האָט דער אַב־בית־דין נאָך אַלץ צו זיך ניט געקענט קומען.

— וואָס וועט איצט זיין? — האָט שרה גענומען וויינען.

— ער וועט קומען צוריק! אויב ניט וועלן מיר אים צווינגען!

— איר וועט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, רבי! — האָט דוד זיך אויפגעשטעלט — אָבער איר האָט אים ניט באַדאַרפט שעלטן!

— וואָס הייסט! — האָט דער אַב־בית־דין אויסגערופן — איך זאָל אים לאָזן אַזוי ריידן צו בית־דין?

— וואָס האָט ער דען געזאָגט? ער האָט געזאָגט, אַז בית־דין דאַרף מאַכן דעם פאַרגלייך ניט ער! — האָט דוד גענומען פאַרענטפערן זיין פאָטער. —

פאַר דעם האָט דאָך אים זיכער ניט געקומען אַזאַ קללה!

— אויב ניט פאַר דעם, האָט אים די קללה געקומען פאַר זיין אַפּיקורסות!

— האָט דער אַב־בית־דין געזאָגט — זיין גאַנצן וויסן פון דער תורה נוצט ער דאָך אויס כּדי צו זיין אַ גרעסערער אַפּיקורס... איך וואָלט אים צעפּאַטשט דעם פּרצוף זיינעם, דעם אַפּיקורסישן!

— לויף אַרויס און הייס אים צוריקקומען — האָט דער אַב־בית־דין באַפוילן דעם שמש.

דער שמש איז אַרויסגעלאָפן און אים דערגרייכט און זיך צו אים גע־ווענדעט:

— דער אַב־בית־דין פאַרלאַנגט, אַז איר זאָלט זיך גלייך צוריקקערן צום בית־דין־שטיבל!

— איך וועל שוין זיך מער צו אים ניט צוריקקערן! — האָט שלמה געזאָגט — און אויב ער קען נאַר, זאָל ער שיקן פּאָליציי נאָך מיר. איך בין גרייט צו דערציילן אַלץ, ווי אַזוי בית־דין האָט מיך באַהאַנדלט.

דער שמש האָט איבערגעגעבן שלמהס רייד צום בית־דין. דער אַב־בית־דין האָט געשוויגן. ער האָט געפילט, אַז ער האָט טאַקע איבערגעכאַפּט די מאָס, אַז ער האָט קיין רעכט ניט געהאַט אים צו שילטן און טאַקע צוליב דעם וועט ער אים מער ניט קענען צווינגען, ווייל אויב ער זאָל דאָס איבערגעבן דער פּאָליציי, וועט מען דאָך מאַכן אַן אויספאָרשונג און עס קען נאָך קומען צו אַ חילול־השם. ער האָט דעריבער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַלס צייכן, אַז דאָס איז דערווייל געענדיקט און אַז שרה און איר זון קענען דערווייל גיין אַהיים.

שרה איז אַרויס פון בית־דין־שטיבל אַ וויינענדיקע. זי האָט געמיינט, אַז בית־דין וועט עס היינט דערליידיקן און זי וועט פון אים אַרויסבאַקומען אַ גט און זיך קענען וואָס שנעלער צוריקקערן אַהיים, און דאָ איז דערווייל גאָר־ניט געוואָרן.

— דער אַב־בית־דין איז אַ גרויסער כּעסן! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן צו זיין מאַמען — און אַ כּעסן טאָר ניט זיין קיין שופט! ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט אים צו שילטן מיט אַזאַ שרעקלעכע קללה!

— איך גלויב, אַז אַן אַפּיקורס האָט מען אַ רעכט צו שילטן! — האָט שרה געזאָגט.

— ניין, מאַמע! אויב אימיצער זינדיקט קעגן גאָט, וועט אים גאָט באַ־שטראָפן. אַמאָל, ווען די יידן זיינען געזעסן אויף זייער לאַנד און עס פלעגט פּאַסירן, אַז אימיצער פלעגט זיך פאַרזינדיקן פאַר גאָט, האָט דער סנהדרין געהאַט אַ רעכט יענעם צו באַשטראָפן. איצט, אָבער, דאַרף אַזאַ זאַך איבער־געלאָזן ווערן צו גאָט אַליין!

— אָבער וואָס זאָל איך איצט טאָן? — האָט שרה אויסגערופן — ווי לאַנג קען איך נאָך דאָ בלייבן? וויבאַלד אַז וואוינען מיט אים וועל איך דאָך שוין בשום אופן ניט, וואָלטן מיר שוין באַדאַרפט וואָס שנעלער זיך צוריקקערן.

— איך ווייס ניט, מאַמע, וואָס איך קען דיר זאָגן אויף דעם. איך גלויב

אָבער, אַז מער שולדיק אין דעם וואָס עס איז גאָרניט געוואָרן איז דער אַב־בית־דין!

שלמה האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין צימער. ער איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק אויפגערעגט און דערשלאָגן, ער האָט דערוואַרט, אַז זיין זון אָדער זיין פרוי וועלן צו אים קומען, אָבער זיי האָבן זיך דעם גאַנצן טאָג ניט באַוויזן. אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער זיי געזען דורכן פענצטער אָנקומען.

ער האָט גענומען אַ בוך און זיך פאַרטיפט. ער איז זיי שוין ניט מער אַנטקעגנגעקומען. ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז ער איז נייגיריק זיך צו זען מיט זיי. באַלד האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ער האָט די טיר געעפנט און זיך קאַלט באַגריסט מיט שרהן און מיט דודן. ער האָט זיי געבעטן זיך זעצן.

אַ קליינע ווײַלע האָט אין צימער געהערשט אַ שטילקייט. שלמה האָט צוגעמאַכט דאָס בוך וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זון, וועלכער איז געזעסן אַ דערשלאָגענער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. ער האָט געקענט מערקן, אַז זיין זון איז פול מיט צער און זאָרג. פון אים האָט ער אַ ווענד געטאָן זיינע בליקן אויף שרהן. ער האָט געזען איר בייזן בליק און האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט שוין מיט איר גאָרניט קענען מאַכן.

— נו, שלמה, וואָס וועט זיין?! — האָט שרה פלוצלינג אַ זאָג געטאָן — דו האָסט מיר נאָך ניט פאַרשאַפט גענוג צרות און ליידן?... אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר איז, אַז דו זאָלסט מיר געבן אַ גט... איך גלויב, אַז אַמ־וויניקסטנס דאָס האָסטו באַדאַרפט טאָן פאַר מיר!

— איך בין דאָך געקומען, און בין געווען גרייט דיר צו געבן דעם גט, אָבער דו אַליין האָסט דאָך געזען ווי אַזוי דער אַב־בית־דין האָט מיך באַהאַנדלט!

— לויט דיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז דו מאַכסט חוזק פון אים! — האָט שרה זיך אָנגערופן.

— איך האָב גאָר קיין חוזק ניט געמאַכט! אַלץ וואָס איך האָב אים געזאָגט איז געווען, אַז איך בין ניט געקומען צו אים נאָך קיין עצות, נאָר ער זאָל טאָן זיין פליכט און אַרויסגעבן דעם פסק־דין...

— אָבער וואָס וועט איצט זיין? ביז ווי לאַנג וועסטו מיך נאָך אַזוי מאַטערן?

שלמה האָט אויף דעם ניט געענטפערט. ער האָט גענומען אַרומשפּרייזן איבערן צימער הין און צוריק; ער האָט געצויגן מיט זיינע פּלייצעס און גע־דרייט מיטן קאָפּ.

— נו, מיין זון, וואָס זאָגסטו אויף מיינע צרות! — האָט שרה זיך געווענדעט צו דודן.

— מאַמע, איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן! — האָט דוד געענטפערט.

— נו, שטעל זיך שוין פאָר, אַז דו באַקומסט דיין גט, וואָס וועט דאַן זיין? — האָט זיך שלמה אָנגערופן.

וואָס הייסט וואָס וועט דאַן זיין? איך וועל גלייך פאָרן אַהיים. איך וועל וויסן, אַז דו ביסט פרעמד צו מיר און איך וועל מער ניט דאַרפן זאָרגן וועגן דיר!

— אָבער וואָס וועט ווערן פון דודן?

— דוד וועט לערנען. ער וועט קריגן סמיכה און אָנגעמען אַ רבנות־שטעלע און חתונה האָבן...

— אַט וועגן דעם טאַקע בין איך באַזאָרגט! — האָט שלמה זיך אָנגערופן

— ביי דיר איז דאָס אַ גאַנץ לייכטע זאַך. איך אָבער ווייס די שוועריקייטן...

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז די שוועריקייטן זיינען געווען פאַר דיר ווייל דו האָסט בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות־שטעלע. ווען אָבער דו וואָלסט נאָר געוואָלט, וואָלטסטו גאַנץ לייכט דאָס געקענט באַווייזן. אַז דוד וועט נאָר אַ סך לערנען און ער וועט באַקומען סמיכה, וועט אויך אים ניט זיין שווער צו קריגן אַ רבנות־שטעלע.

— איך האָב מורא, שרה, אַז דודן וועט אָנקומען אַ סך שווערער ווי אַי־מיצן אַנדערש — האָט שלמה געזאָגט — אַפילו ווען ער זאָל קענען אַ סך מער לערנען ווי אַלע אַנדערע רבנים...

— אָבער פאַרוואָס? — קוקט אים אָן שרה.

— ניט צוליב זיין שולד! — האָט שלמה געשאָקלט מיטן קאָפּ — שטעל זיך פאָר, אַז דוד קריגט סמיכה אויף רבנות. ער איז גוט צוגעפּאַסט פאַר אַ רב; ער קען גוט לערנען; ער האַלט אָן אויסגעצייכנטע דרשה, און ווען עס קומט צום שרייבן אַ כתב־רבנות, וועט מען פון אים ניט וועלן וויסן.

— און פאַרוואָס ניט? — פרעגט שרה.

— ווייל ער וועט דאָך דאַרפן זאָגן דעם אמת, אַז ער איז דער זון פון שלמה מיימאָן, דעם אַפּיקורס, דעם פאַרבלאָנדזשעטן פילאָזאָף... נו, פרעג איך דיך, וועט ער דען קריגן אַ שטעלע, נאָכדעם ווי מען וועט אויסגעפינען, אַז איך בין זיין טאַטע?

שרה האָט מיט טרויעריקע בליקן אַ קוק געטאָן אויף דודן, וועלכער איז געזעסן מיט זיין קאָפּ אָנגעלענט אויף זיינע ביידע הענט.

— איצט קענסטו שוין איינזען וואָס פאַר אַ תּכלית עס דערוואַרט אים! קיין כתב־רבנות וועט מען אים ניט געבן צוליב זיין יחוס... וועט ער דאָך קיין אַנדער ברירה ניט האָבן ווי צו קנעלן אויפן ישוב, ווי איך האָב עס געטאָן און ווי מיין פריינט משה לפידות האָט עס געטאָן. איצט פרעג איך דיך, שרה, איז דאָס אַ תּכלית פאַר דודן? זעסטו, ווען ער בלייבט דאָ, אין דייטשלאַנד, וועט אים זיין יחוס גאָרניט שאַטן. דאָ וועט ער קענען ווערן אַ רב אין אַ פיינער יידישער קהילה. ער וועט קענען בלייבן אַזוי פרום ווי ער איז געווען. ער וועט אויך דאָ קענען טאָן אַ בעסערן שידוך ווי ער וואָלט עס געקענט טאָן אין דער היים... דעריבער זאָג איך דיר, שרה, אַז דו זאָלסט זיך גוט באַטראַכטן איידער דו באַשליסט אים מיטצונעמען מיט זיך צוריק...

— דו האָסט גאָרניט וואָס צו ריידן, דוד וועט מיט דיר ניט בלייבן! — האָט שרה מיט פאַרביטערונג געזאָגט — ער וועט בשום אופן ניט זיין אונטער דיין השפעה!

— איך וועל דאָס גאָרניט פון אים פאַרלאַנגען. ער קען אַפילו זיין ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט. ער וועט דאָרטן לערנען, און איך וועל אים שטיצן ביז וואַנען ער וועט זיך קענען שטעלן אויף זיינע אייגענע פיס! איך מיין, ביז וואַנען ער וועט טאָן אַ שידוך, אָדער ביז וואַנען ער וועט קריגן אַ רבנות־

שטעלע... איך וויל, אַז דו זאָלסט זען דעם אונטערשייד צווישן מיר און דיר. איך זוך בלויז אַ תּכלית פאַר מיין זון. מיר וועט אַפילו ניט אַרן אויב ער וועט זיין גאַנץ ווייט פון מיר און אויב איך וועל אים אַפילו מער קיינמאָל ניט זען. אַזוי לאַנג ווי ער וועט זיין באַזאָרגט. דו, אָבער, ווילסט, אַז ער זאָל זיין מיט דיר, אַפילו ווען דו ביסט איבערצייגט, אַז ער וועט קיין אַנדערע ברירה ניט האָבן ווי צו ווערן אַ מלמד אויף אַ ישוב...

— איך זע, אַז דו וואָלסט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז איך זאָל דודן אויך פאַרלירן! — האָט שרה מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט — זייער גוט! איך וועל דאָס אינגאַנצן איבערלאָזן צו דודן. זאָל ער באַשליסן צי ער וויל זיך צוריקקערן מיט מיר אָדער בלייבן מיט דיר.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז מיר אַרט ניט אויב ער וועט מיט מיר ניט בלייבן אַזוי לאַנג ווי ער בלייבט דאָ, אין דייטשלאַנד, וואו ער וועט זיך קענען דער־שלאָגן צו אַ תּכלית.

— זאָג מיר, דוד, דו האָסט דאָך געהערט וואָס דיין טאַטע האָט געזאָגט — וואָלסטו זיך געוואָלט דאָ אָפּשטעלן, אָדער דו וואָלסט בעסער געוואָלט צו־ריקפאָרן מיט מיר, נאָכדעם ווי איך וועל אַרויסקריגן דעם גט...

דוד האָט געשוויגן. שלמה און שרה האָבן מיט אַן אָנגעצויגענער שפּאַנונג געוואַרט אויף זיין ענטפער. ער איז אָבער געבליבן פאַרזונקען אין זיינע גע־דאַנקען. שלמה האָט עס אָנגענומען פאַר אַ באַווייז, אַז ביי אים וואָלט ער שוין געפּועלט.

— ווייסטו גאָר וואָס? — האָט שלמה אונטערבראָכן די אָנגעשטרענגטע שטילקייט — איך וועל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט איינעם אַ באַרימטן ראש ישיבה, וועלכער האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין פּויזנאַ, און דוד וועט אינגאַנצן זיין אונטער זיין אויפזיכט. האַ, וואָס זאָגסטו צו דעם שרה?

— איך זאָג שוין מער גאָרניט! — האָט שרה פאַרביסן די ליפּן — איך האָב שוין מיינס אָפּגעזאָגט! איך האָב דאָס אַלץ איבערגעלאָזן צו דודן. ווי ער וועט האַנדלען אַזוי וועט עס זיין!

— נו, דוד, דו האָסט דאָך געהערט וואָס די מאַמע האָט געזאָגט — דו האָסט דיין אויסוואַל: דו קענסט מיט איר צוריקפאָרן אָדער בלייבן דאָ, אין דייטשלאַנד, און פאָרטזעצן דיין לערנען, ביז וואַנען דו וועסט זיך דערשלאָגן צו אַ תּכלית!

— איך פאָר צוריק מיט דער מאַמען! האָט דוד אויסגערופן — איך זע דאָך צו וואָס פאַר אַ תּכלית דו ביסט געקומען... איידער אַזאַ תּכלית וואָס דו האָסט פון זיך געמאַכט, וועל איך שוין בעסער בלייבן אין נעסוויזש און טאָן וואָס נאָר עס וועט זיך לאָזן... אויב מיין יחוס וועט ניט דערלאָזן איך זאָל קענען אָננעמען אַ רבנות־שטעלע, וועל איך שוין געפינען עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, אָבער דאָ וועל איך ניט פאַרבלייבן!

אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף שרהס פאַרכמורעטן פּנים. איצט זעט זי, אַז איר זון איז מיט איר, און זי האָט מער ניט וואָס צו זאָרגן... זי האָט דעריבער זיך געוואָנדעט צו שלמהן מיט אַ פעסטער שטימע:

— ביז ווי לאַנג וועסטו מיך דאָ פאַרהאַלטן? איך פאָדער פון דיר אַ גט און דאָס איז אַלץ וואָס איך וועל פון דיר פאַרלאַנגען!

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז מער וויל איך ניט האָבן צו טאָן מיט דעם אַב־בית־דין! איך וועל צו זיי מער ניט גיין!

— קענסטו דען דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן קומען צו דיר? — האָט שרה זיך גענומען בייזערן.

— דיין שרייען וועט דיר גאָרניט העלפן! — האָט שלמה זיך אָנגערופן — איך וועל בשום אופן ניט גיין מיט דיר אַהין.

— איך בעט דיך, שלמה, צאַפּ מיר מער ניט מיין בלוט! — האָט זיך שרה פונאַנדערגעווײנט — האָב איך זיך דען ניט גענוג אָנגעליטן אין מיין לעבן צוליב דיר? וואָס נאָך ווילסטו פון מיר?

— גוט, איך וועל גיין מיט דיר נאָכאַמאָל צום בית־דין! — האָט זיך שלמה געלאָזט בייגן — אָבער מיט איין באַדינג און דאָס איז, אַז יענער אַב־בית־דין וועלכער האָט מיך אַזוי באַליידיקט און געשאָלטן, זאָל ניט זיין דער מסדר פון דעם גט.

— גוט, איך וועל אַוועקגיין אַהין און זען ביי זיי פועלן, אָבער דו וועסט דאַרפן קומען אַזוי שנעל ווי דער בית־דין שמש וועט קומען דיך רופן.

— אָבער איך זאָג דיר פאָרויס, אַז ווען איך וועל שוין דאָרט זיין און איך וועל זען, אַז דער אַב־בית־דין איז דער מסדר פון גט, וועל איך גלייך פאַר־לאָזן דעם בית־דין־שטיבל און מער אַהין ניט אַריינקומען!

— קום, דוד, לאָמיר גלייך אַריבערגיין אַהין און מיר וועלן זען ביי זיי דאָס צו פועלן — האָט שרה אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגעשטעלט פון איר פּלאַץ. דוד האָט זיך אויך אויפגעהויבן און איז נאָכגעגאַנגען זיין מאַמען.

שלמה איז געבליבן שטיין אין צימער ווי אַ פאַרווירטער. איצט האָט ער איינגעזען, אַז ער האָט שוין ניט אויף וואָס צו האָפן. זיין זון וויל דאָך מיט אים ניט בלייבן, ניט אַפילו ווען ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט אים לאָזן ביי אַ באַוואוסטן ראש ישיבה... יאָ, ער וועט זיך דאַרפן געזעגענען מיט זיין זון אויף אייביק. אויב ער קערט זיך אום מיט זיין מאַמען וועט שוין קיין האָפענונג ניט זיין, אַז ער וועט זיך ווען עס איז צוריקקערן צו אים.

שרה האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן איידער זי האָט געקענט פועלן ביי דעם אַב־בית־דין, אַז ער זאָל זיך צוריקציען פון מסדר זיין דעם גט. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבן. וואָס הייסט, דער אַפּיקורס וועט זאָגן אַ דעה און זען אים פסלען צום גט. שרה האָט אָבער געבעטן מיט תחנונים, און מיט טרערן אין די אויגן ביז וואַנען ער האָט נאָכגעגעבן. מען האָט באַ־שטימט אַ צווייטן דיין וועלכער זאָל זיין מסדר פון גט. דאַן האָט בית־דין געשיקט דעם שמש רופן שלמהן, און נאָך איידער שלמה איז אַריינגעקומען איז דער אַב־בית־דין אַוועק צו זיך אַהיים. ער האָט זיך אַפילו מיט אים ניט געוואָלט באַגעגענען, טאָמער וועט ער זיך ווידער ניט קענען באַהערשן און אין אים אַריינבראָקן עטלעכע קללות.

אין אַ ווײלע אַרום איז שלמה אָנגעקומען אין בית־דין־שטיבל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און ווען ער האָט דאָרט ניט געזען דעם אַב־בית־דין האָט ער זיך

צוגעזעצט און געוואָרט אויף דער צערעמאָניע, ווען דער סופר וועט אָנפאַנגען שרייבן דעם גט. ער האָט די גאַנצע צייט זיך ניט אומגעקוקט אויף שרהן. פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף זיין זון, און ער האָט געפילט ווי עפּעס דריקט אים אין האַרצן.

קיין סך פראַגעס האָט מען אים מער ניט געשטעלט. דער גט איז אָנגעשריבן געוואָרן און איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דעם יידישן דין. שרה האָט פון אים באַקומען דעם גט, און ווען זי איז שוין געווען אינגאַנצן פריי, האָט זי זיך אָנגערופן צו איר זון:

— נו, געלויבט איז גאָט, איך האָב מיין חלק עולם הבא נאָך ניט פאַרלוירן!

שלמה האָט זיך גלייך אַרויסגעשאַרט פון בית־דין־שטיבל און איז מיט וואַק־לענדיקע טריט אַוועק צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַפילו ניט געזעגנט מיט זיין זון, און ער האָט געהאָפט, אַז זיין זון וועט זיך קומען געזעגענען מיט אים. ער איז אָבער ניט געקומען.

אויף מאָרגן האָט שלמה אויסגעפינען, אַז שרה און דוד זיינען אַרויסגע־פאָרן פון ברעסלע און זיי זיינען אויפן וועג קיין נעסוויזש...

עפּילאָג

שלמה מיימאָנס לאַגע איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. די פרומע יידן האָבן אים גערודפט. זיינע גוטע פריינד האָבן זיך גענומען דערווייטערן פון אים. ער האָט געליטן הונגער און נויט. די יעניקע וועלכע זיינען נאָך געווען מיט אים באַפריינדעט האָבן ווינציק געקענט טאָן פאַר אים. דער איינציקער וועלכער האָט אים פאַרשטאַנען און פאַר אים געקענט עפּעס טאָן איז געווען משה מענ־דעלזאָן, אָבער ער איז שוין געווען טויט. מענדעלזאָנס קינדער האָבן זיך נאָך זיין טויט אינגאַנצן דערווייטערט פון יידישן לעבן, און שלמה מיימאָן האָט זיי ווינציק וואָס פאַראינטערעסירט. די איינציקע וועלכע איז געווען פאַראינטע־רעסירט אין שלמה מיימאָן איז געווען הענריעטאַ, די יינגסטע טאָכטער פון משה מענדעלזאָן. זי האָט אָפּגעשאַצט זיין גרויסקייט און האָט זי האָט געוואוסט פון זיינע ליידן. אַזוי ווי איר עלטסטע שוועסטער דאָראָטעאַ האָט פאַרלאָזן איר מאַן און זיך געשמדט כּדי חתונה צו האָבן מיט איר געליבטן פרידריך שלעגעל, האָט זיך הענריעטאַ מענדעלזאָן געפילט איינזאַם און פאַרלאָזן.

ווען מען האָט דעריבער פאַרגעשלאָגן הענריעטאַן אָנצונעמען אַ שטעלע אַלס גובערנאַנטין ביי דעם געלערנטן דייטשן באַראָן פאָן קאַלקרייט, האָט זי עס אָנגענומען מיט צופרידנהייט. מען האָט הענריעטאַן פאָרגעשטעלט פאַר דעם באַראָן קאַלקרייט, ווען זי איז שטאַרק געפעלן געוואָרן.

— שוין דער פאַקט אַליין, וואָס איר זייט די טאָכטער פון דעם באַרימטן דייטשן סאָקראַטעס, דעם הער מאָזעס מענדעלזאָן, איז פאַר מיר גענוג איך אָנצופאַרטרויען די דערציאונג פון מיינע קינדער — האָט ער געזאָגט.

הענריעטאַ מענדעלזאָן האָט זיך געפילט גאַנץ גליקלעך אין דעם באַראָנס הויז. ביידע, דער באַראָן און די באַראָנעסע זיינען געווען קולטורעלע מענטשן,

וועלכע האָבן שטאַרק אָפּגעשאַצט און פאַרערט געבילדעטע טאַלאַנטפולע מענטשן. ביי זיי אין הויז פלעגן זיך צונויפקומען קינסטלער, פּאָעטן, פילאָזאָפן און דראַמאַטורגן, און זי פלעגט זיך דאָרטן פילן היימיש צווישן זיי, פּונקט ווי ביי איר פאָטער, משה מענדעלזאָן אין הויז.

איינמאָל, ווען ביי דעם באַראָן זיינען געזעסן אַ צאָל פון זיינע הויך געבילדעטע פריינד, האָט הענריעטאַ געהערט אַז זיי דערמאָנען דעם נאָמען פון שלמה מיימאָן, און מען לויבט אים דאָרט אַלס גרויסער פילאָזאָף און געלערנטער.

— צום גרויסן באַדויערן ליידט אָט יענער גרויסער פילאָזאָף זייער פיל צרות — האָט הענריעטאַ זיך אָנגערופן — ער איז זייער אָרעם און עלענד.

— איר קענט דעם הער מיימאָן? — האָט דער באַראָן פאָן קאַלקרייט זי אַ פרעג געטאָן.

— איך קען אים פון יענער צייט ווען ער פלעגט באַזוכן מיין פאָטערס הויז — ענטפערט הענריעטאַ.

— איך בעט אייך, פריילין מענדעלזאָן — רופט זיך צו איר אָן דער באַראָן — בעט דעם הער מיימאָן צו קומען צו מיר. איך האָב פאַר אים אַ גוטן פּלאַן, און איך גלויב אַז ער וועט זיין צופרידן אָנצונעמען דעם פּלאַן.

הענריעטאַ האָט זיך געזען מיט שלמה מיימאָן און אים איינגעלאַדן אין נאָמען פון באַראָן פאָן קאַלקרייט. זי האָט אים געזאָגט אַז דער באַראָן איז זייער אַ גרויסער פאַרערער און זי גלויבט אַז אויב ער וועט אָננעמען דעם באַראָנס פּלאַן וועט נעמען אַ סוף צו אַלע זיינע ליידן.

שלמה מיימאָן איז געקומען צום באַראָן אין פּאַלאַץ און מען האָט אים דאָרט אויפגענומען מיט גרויס כּבוד.

— הערט זיך איין הער מיימאָן — האָט דער באַראָן פאָן קאַלקרייט צו אים געזאָגט — איך האָב אַ מאַיאָנטעק אין נידערזיגעסדאָרף, וואָס געפינט זיך אין שלעזיע. דאָרט האָב איך אַ זייער גרויסע ביבליאָטעק. מיר דוכט זיך אַז עס איז כּמעט ניטאָ קיין איין וויכטיקער בוך וואָס עס זאָל זיך ניט געפינען אין מיין דאָרטיקער ביבליאָטעק. דער איינציקער חסרון איז וואָס אַלע מיינע ביכער זיינען ניט סאָרטירט. איך וועל מיין ביבליאָטעק איבערגעבן אינגאַנצן אין אייער רשות. ערשטנס, זאָלט איר דאָרט מאַכן אָרדענונג. צווייטנס, וועט איר שטיין אין פאַרבינדונג מיט פאַרשיידענע וויכטיקע פאַרלעגער, און זיי וועלן אַרויסגעבן אַ בוך, זאָלט איר אורטיילן אויב דאָס בוך איז וויכטיק גענוג אַרייַנגעבראַכט צו ווערן אין מיין ביבליאָטעק. אויב איר וועט זיך דערוויסן אַז אימיצער באַזיצט וויכטיקע מאַנוסקריפּטן, וועט איר האָבן דאָס רעכט זיי אָפּצוקויפן. איך וועל פאַר אָט דעם צוועק איבערלאָזן אין אייער רשות אַ פאָנד איבער וואָס איר וועט האָבן די פולע אויפזיכט. איך קען זיך ניט פאָרשטעלן צו קריגן אַ בעסערן און פעאיקערן מאַן פאַר אָט דער דאָזיקער אויפגאַבע. ווי אייך, הער מיימאָן! נו, זייט איר צופרידן?

— איך שעץ זיך זייער גליקלעך! — ענטפערט אים שלמה מיימאָן — איך גלויב אַז דאָס איז דער גרעסטער גליק וואָס איז געשען אין מיין גאַנצן לעבן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער באַראָן פאָן קאַלקרייט אָפּגעפאָרן מיט

שלמה מיימאָן קיין נידערזיגעסדאָרף. ווען שלמה האָט דערזען די גרויסע ביב־ליאָטעק פון דעם באַראָן, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער צאָל וואונדער־לעכע ביכער און זעלטענע מאַנוסקריפּטן וואָס ער האָט דאָרט געפונען.

דער באַראָן האָט פאַר אים באַשטימט אַ סומע געלט אַלס באַלוינונג פאַר זיין אַרבייט. ער האָט אויך אָנגעזאָגט זיין דינערשאַפט אַז זיי דאַרפן אים באַזאָרגן מיט אַלץ וואָס איז פאַר אים נויטיק כּדי ער זאָל זיך פילן דאָרט באַקוועם.

שלמה מיימאָן האָט ענדלעך דאָרט געפונען רו און צופרידנהייט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין אַרבייט. ער האָט דורכגעלייענט אַ סך פילאָזאָפישע ביכער און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך גענומען צו שרייבן זיין פי־לאָזאָפיש ווערק און אויך זיין אויטאָביאָגראַפיע.

אַן ערך צען יאָר האָט שלמה פאַרבראַכט אין דעם מאַיאָנטעק פון באַראָן פאָן קאַלקרייט. די לעצטע צייט האָט ער זיך גענומען פילן ניט אינגאַנצן געזונט. ווען דער באַראָן האָט זיך דערוואוסט אַז שלמה מיימאָן איז קראַנק, האָט ער גע־שיקט רופן זיין פריינד דאָקטאָר מאַרקוס הערץ און ער האָט אים מיטגענומען צו זיין מאַיאָנטעק ער זאָל באַטראַכטן שלמה מיימאָן און זען אים צו היילן.

ווען מען האָט דעם קראַנקן שלמה מיימאָן אָנגעזאָגט אַז זיין פריינד דאָקטאָר הערץ איז געקומען אים באַזוכן, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט. דאָק־טאָר הערץ איז אַריינגעקומען צו אים אין צימער און אים געדריקט זיין האַנט.

— ווי קומט עס, מיין פריינד אַז דו זאָלסט ליגן אין בעט? — פרעגט אים דאָקטאָר הערץ — איך קען דאָך דיך אַלס געזונטער און שטאַרקער יונ־גערמאַן.

— ווייזט אויס אַז אַט די אַלע וואַנדערונגען, וואָגלענישן און ליידן האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויף מיין קערפּער, האָט מיימאָן זיך געמיט צו שמייכלען, אָבער ער האָט זיך צעהוסט.

— זיי רואיק, מיין פריינד — האָט דאָקטאָר הערץ זיך אָנגערופן — רעג זיך ניט אויף! דו וועסט זיך אויסרוען עטלעכע וואָכן און דאַן וועסטו פאָלקאָם געזונט ווערן.

— איך צווייפל אויב איך וועל שוין אויפשטיין פון בעט — האָט שלמה מיימאָן טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — איך גיי אַהין וואו פילאָזאָפיע איז ניט נויטיק. דאָרט איז אַלץ אַזוי קלאָר און דייטלעך, אַז די סודות פון דער וועלט זיינען פאַרשטענדלעך צו יעדן איינעם.

— אָ, דו ביסט דאָך נאָך אַ יונגערמאַן! דו האָסט קיין רעכט ניט אַזוי צוריידן.

— איך וועל אינגיכן ווערן זעקס און פערציק יאָר אַלט. זיכער בין איך ניט...

— דו מיינסט אַז דו ווייסט ניט דעם יאָר ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן?

— יאָ, דאָס ווייס איך! איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1754, און אין עטלעכע וואָכן אַרום וועל איך ווערן זעקס און פערציק יאָר אַלט, אָבער ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, בין איך ניט זיכער צי איך וועל דערלעבן מיין זעקס און פערציקסטן געבוירן־טאָג.

— שלאָג זיך אַרויס אַט די נאַרישע געדאַנקען פון דיין קאָפּ. דערצייל

מיר בעסער, שלמה, ווי האָסטו פאַרבראַכט די עטלעכע יאָר דאָ אויף דעם מאַיאָנטעק פון דעם באַראָן פאָן קאָלקרייט?

— איך מוז דיר זאָגן, אַז דער באַראָן פאָן קאָלקרייט איז אַ וואונדערלעכער מענטש. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד מיט מיר. ער האָט מיך זייער גוט צוגעזען. און איך בין גליקלעך דיר צו זאָגן אַז די לעצטע יאָרן פון מיין לעבן פעלט מיר קיין זאַך ניט. איך האָב דאָ אַ באַקוועמע דירה. עסן און טרינקען צו זאַט. איך האָב דאָ אַלע פריהייטן. דער באַראָן האָט אינגאַנצן איבערגעגעבן אין מיין רשות זיין רייכע ביבליאָטעק. יאָ, ערשט איצט, אַז עס איז מיר געקומען צום לעבן, וויל דאָס לעבן מיך פאַרלאָזן. איך וועל דעם באַראָן אייביק דאַנקבאַר זיין. אַזעלכע ווי ער זיינען פאַראַן זייער ווינציק... אין דער צייט ווען מיינע אייגענע ברידער האָבן מיך פאַרפאַלגט... אָבער איך וויל זיך איצט אויף קיינעם ניט באַקלאָגן. איך פאַרשטיי איצט אַ סך מער דעם פרומען יידן ביי וועמען איך בין געווען פאַררעכנט פאַר אַן אַפּיקורס. ביי די מער געבילדעטע בין איך געווען פאַררעכנט אַלס בלאָנדזשענדער פילאָזאָף... איך טראַכט איצט אַז דער נאָמען דער בלאָנדזשענדער פילאָזאָף וואָס אייניקע פון מיינע קעגענע האָבן מיר געגעבן מיט יאָרן צוריק, איז גוט צוגעפּאַסט... ווייל לאָמיר זיך ניט נאַרן, יעדער פילאָזאָף בלאָנדזשעט. ער טאַפּט אין דער פינצטער... דער פילאָזאָף זוכט דעם אמת. וועט ער אים ווען עס איז געפינען? דער זינגל פון גאָט איז אמת ווייל נאָר ער אַליין קען וויסן דעם אמת. די גרעסטע פילאָזאָפן פון דער וועלט, ווי דער רמב"ם, שפּינאָזאַ, אַריסטאָטעל, סאָקראַטעס און די אַנדערע, האָבן בלויז פילאָזאָפירט אַרום דעם אמת, אָבער דערגרייכן דעם אמת האָט קיינער ניט געקענט, ווייל דער אמת איז געטלעך און דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, קען ער ניט באַגרייפן דעם ריינעם, אמת, וואו עס ליגן די סודות פון דער וועלטס באַשאַפונג.

דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף שלמה מיימאָן. ער איז דאָרט געשטאָרבן דעם צוויי און צוואַנציקסטן נאָוועמבער אין 1800, אויף זיין זעקס און פערציקסטן יאָר.

דער באַראָן פאָן קאָלקרייט איז געווען ביי זיין טויט. ער האָט גלייך געלאָזט וויסן דער יידישער קהילה פון גלאָגוי, כּדי מען זאָל אים ברענגען צו קבר ישראל, אָבער די פרומע יידן פון גלאָגוי האָבן פון אים ניט געמאַכט קיין גרויס וועזן. ביי זיי איז ער פאַררעכנט געווען פאַר אַן אַפּיקורס. און מען האָט פאַר אים געמאַכט אַ קבר הינטערן צוים. ערשט שפּעטער, נאָך זיין טויט, ווען אַ סך פון זיינע ווערק זיינען אַרויס פון דרוק, האָט מען ערשט איינגעזען די גאונות און די גרויסקייט פון שלמה מיימאָן, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע פילאָזאָפן פון זיין דור.